STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11160

www.libtool.com.cn

# VELT BANDITEN

Leon Zolotkoff

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG
www.libtool.com.cn

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

www.libtool.com.cn

# וועלט בּאַנדיטען

## ראמאן

אויס דעם פּאַריזער לעבען

פון

**ל. זאלאטקאף**

1919

היברו פּאבלישינג קאמפּאני

50 עלדרידזש סטריט, ניו־יארק

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

## 1טער קאפיטעל.

# דיא בלוטיגע נאכט.

עס איז געווען א קאלטער ווינדיגער פריהמארגען אין דעצעמבער 1877, ווען איין אויפזועהער פון דעם בעקאנטען פאריזער בית עולמין „פער לאשעז“ איז געגאנגען מיט עטליכע פון זיינע לייט צו דער ארבייט. דיזע ארבייט איז בעשטאנעז אין גראבען פרי־שע קברים, אוועקשטעלען מצבות, אפראמעז דעם שנעע, און נאך אזעלכע זאכען. פארבייגעהענדיג א פיין־געבויטע קברים־שטיבל פון מארמאר שטיין איז איינער פון דיא ארבייטער פלוצלונג געבליעבען שטעהן מיט איין אויסגעשרייא פון ערשטוינען און שרעק.

— וואס איז דארט? האט א צווייטער ארבייטער געפרעגט.

— זעה! האט דיעזער געענטפערט אנווייזענדיג מיט דער האנד אויף דר׳ערד, צו זיינע פיס.

אויף דעם ווייסען שנעע איז געוועזען א גרויסער דונקעל־רויטער פלעק.

— טייפיל! דאס זעהט אויס וויא בלוט!

— דאס איז בלוט! האט דער ערשטער פערזיכערט.

— אבער פון וואנען קען דאס זיין?

א דריטער ארבייטער וואס איז דערווייל אויך אויפמערקזאם געווארען אויף דיא בלוט־פלעקען איז צוגעגאנגען נעהענטער צום טהיר פון קברים־שטיבעל און האט אויס־געשריען צו דיא איבריגע קאמראדען: „דאס קומט פון דאנען!“ דערבייא האט ער אנגעוויזען אויף א שפור (סליעד) פון בלוט וואס האט זיך געזעהן אויפ׳ן שווארצען שטיי־נערנעם שוועל פון קברים־שטיבעל.

— וואס זאל דאס בעדייטען? וואס קען דאס זיין? האבען דיא ארבייטער געפרעגט איינער דעם צווייטען.

— דער טייפעל זאל מיך צונעהמען אויב איך הייב גאר אן צו פערשטעהן, האט געזאגט דער ערשטער ארבייטער, אבער מיר מוזען דאס דערגעהן.

ער האט געבעטען איינעם פון זיינע קאמראדען זיך איינבויגען און ער האט זיך געשטעלט אויף זיין רוקען, נאכהער אויף זיינע אקסלען, און מיט איין שפרונג איז ער באלד געוועזען אויפ׳ן דאך פון קברים־שטיבעל, וואו עס האט זיך געפונען א קליין פענסטערל. אין דעם נעכסטען אויגענבליק האט ער שוין האסטיג געקלעטערט צוריק, ציטערנדיג און בלאס וויא א טויטער פאר אויפרעגונג.

דיא ארבייטער האבען איהם נייגיעריג ארומגערינגעלט.

— וואס איז דארט געשעהן, גאבריאל? האט דער אויפזועהער ענדליך גע־פרעגט.

— א פרוי!....

— וויא? איהר האט אינווייניג געזעהן א פרוי?

— יא.

www.libtool.com.cn

— לעבעדיג?

— טויט!.... ערמארדעט!

אלע ארומשטעהענדע האבען אויפגעשווידערט.

ווען דיא ערשטע איבערראשונג איז אריבער און דיא לייטע האבען זיך עטוואס בערוהיגט, האט דער אויפזעהער געשיקט איינעם פון דיא ארבייטער אום צו מעלדען דעם אינספעקטאר פון פער־לאשעז פון דעם פארפאל.

אין דעם זעלבען אויגענבליק האט זיך אויף דעם שמאלען שטעגיל וואס פיהרט צום קברים־שטיבעל בעוויעזען א מאן אין א פיינעם לאנגען פעלץ מיט א ברייטען הוט אויפ'ן קאפ, האלטענדיג אין האנד א קראנץ פון פרישע בלומען. ביים אנבליק פון דיא ארבייטער האט ער לייכט אויפגעציטערט און האט אנגעהויבען צו געהן לאנגזאמער, זוכענדיג מיט דיא אויגען דעם קבר פיר וועלכען דער קראנץ איז בעשטימט. ער האט איהם אויך באלד געפונען, דען ער איז צוגעגאנגען צו א קבר, האט אבגעשארט דעם שנעע מיט זיין טאשענטוך, האט אנידערגעלייגט דעם קראנץ און האט זיך אראפגעלאזען אויף דיא קניע.

— זעה נאר אויף יענעם בעזובער וואס קומט אהער א שפראץ אויף טאג, האט איין ארבייטער בעמערקט, עס מוז איהם גאר ניט פריערען.

— ווער עס האט טרויער אין הארצען דער קימערט זיך וועניג וועגען וועטער, האט גאבריאל פילאזאפיש געענטפערט. דער ארימער מאן בעוויינט פיליכט א זוהן אדער א טאכטער.

— און אפשר א שעהנע פרוי.

— אלץ יא, אבער נאר ניט א שוויגער; אויף א שוויגער'ס קבר קומט מען ניט קניען.

— אפשר בעט ער אז זיא זאל צוריק ניט קומען.

דער אבגעשמאקטער וויץ האט געהאט זיין ווירקונג און דיא לייטע האבען געלאכט, אבער דיא טריט פון מענשען וועלכע האבען זיך געלאזט הערן האבען געמאכט א סוף צום געלעכטער. עס האט זיך בעוויזען דער אינספעקטאר פון „פער־לאשעז“ אין דער בעגלייטונג פון עטליכע אויפזעהער און ארבייטער.

— איז דאס מעגליך?! דא זאל זא וואס טרעפען? האט דער אינספעקטאר געהאלטען אין איין זיפצען. פינף און צוואנציג יאהר בין איך דא אינספעקטאר און אזא שרעקליכע זאך האט נאך דא קיינמאל געטראפען. דער בית הקברות ווערט אזוי גוט בעוואכט! איהר זאגט אז איהר האט געזעהן דיא לייכע פון א פרוי ליגענדיג אין דעם געוועלב? דיזע פראגע איז געשטעלט געווארען אן גאבריאל.

— יע, הערר אינספעקטאר.

— וויא אזוי ליעגט זיא דארט?

— זיא ליעגט פאר דער טהיר אין דער ברייט.

— פיכאן, האט זיך דער אינספעקטאר געקעהרט צו איין אנדער ארבייטער, לויף שנעל און מעלדע דאס דעם פאליציי־אינספעקטאר; ער מוז גלייך אהער קומען. מיר וועלען דא דערווייל אלעס צוגרייטען אווענצושאפען דיא לייכע. דוא זאלסט

www.libtool.com.cn

אבער אויפ'ן וועג קיינעם ניט דאכטען פון קיין זאך; איך וויל דא ניט האבען קיין רעדלאך.

דער ארבייטער איז מיט שנעללע טריט אוועגגעגאנגען. דער מאן מיט דעם בלומענקראנץ וואס האט געקניעט בייא דעם קבר ניט וויט האט זיך איצטער אויפגעהויבען, און מיט לאנגזאמע אונזיכערע טריט איז ער געגאנגען נעהענטער צו דיא ארבייטער. ער האט זייא העפליך בעגריסט און געפרעגט גאנץ שטיל: וואס האט דא פאסירט, מיינע העררען?

— אט האבען מיר שוין איינעם פון דיא נייגיעריגע, האט דער אינספעקטאר געזאגט מיט ערגערניס; נאר בעטראכטענדיג דעם פיינעם פעלץ פון דעם פרעגער, האט ער צוגעזעצט העפליך: א שרעקליכער צופאל, מיין הערר!

— דארף איך פרעגען, וואס?

— יא, מיין הערר; אט אין דעם קברים־שטיבעל הינטערן טהיר ליעגט איינע ערמארדעטע פרוי.

— איז דאס מעגליך? און דער מאן אין פעלץ האט אויפגעציטערט.

— יא, יא, עס איז שרעקליך! אבער דא קומט דער הערר קאמיסאר, פיליכט געפינט ער א שפור פון דעם מערדער.

מיט דיזע ווערטער איז ער שנעל געגאנגען דעם פאליציי־קאמיסאר אנטקעגען. יענער איז מיט עטליכע סערושאנטען (זשאנדארמען) געגאנגען שנעל צום פלאטץ פון פערברעכען.

— איהר מוזט מיר ענטשולדיגען הערר בערטיע, האט איהם דער אינספעקטאר געזאגט, וואס איך האב אייך אזוי פריה געשטערט.

— וויא אייער שליח האט מיר געמעלדעט האנדעלט זיך דא פון א מארד אין דעם געוועלב?

— יא, הערר קאמיסאר, דיא ארבייטער האבען דערזעהן דאס בלוט פארן טהיר.

— מיר מוזען זיך פאר אלעם איבערצייגען וואס עס טהוט זיך דא אינוועניג; האט איהר דא א שלאסער?

— יא, מיין הערר. פראנסאא, האט ער זיך געווענדעט צו איין ארבייטער. עפען אויף דיא טהיר.

— צו בעפעהל, הערר אינספעקטאר.

דער ארבייטער האט ארויסגעצויגען א בונט שליסלען פון זיין בלויער בלוזע און האט פרובירט איינעם נאכ'ן אנדערן אין שלאס. דיא טהיר האט זיך ניט גערירט פון ארט.

— מיינע שליסלען דרייען זיך ניט אין שלאס, האט ער ערקלערט. עס וויזט אויס אז מען האט דא אריינגעשטופט אין שלאס א נאגיל אדער א שטיינדעל.

— דאן מוז מען דיא טהיר אויפברעכען, האט דער קאמיסאר בעפאהלען.

— האמערס און ברעכאייזענס זיינען באלד געוועזען בייא דער האנד, און וויא פיעל ארבייטער'ס זיינען דערבייא געוועזען האט יעדערער צוגעלייגט א פינגער. נאך

www.libtool.com.cn

א פערטעל שטונדע פון שווערע ארבייט איז ענדליך די בראָנזענע שווערע טהיר גע־וועזען אויפגעבראָכען.

דער פּאָליציי־קאָמיסאר איז אריין צום ערשטען, און נאך איהם דער אינספּעק־טאָר. פון דיא ארבייטער האבען אויך עטליכע פּרובירט אריינגען, און אלע קעפּ האבען זיך אויסגעצויגען אום אריינצוקוקען אינעוויינינ. דער מאן אין פּעלץ איז ווידער צוגע־קומען נעהענטער און איז איצטער געשטאנען אין דער ערשטער רייהע. ביי דעם אנבליק פון דער לייבע איז ער געווארען בלאס און האט ווידער א ציטער געטהאן.

— דער מאָרד איז דורכגעפיהרט געווארען מיט א דאָלך, האט דער קאמיסאר געזאגט בעטראכטענדיג דיא לייבע. און דער מערדער האט דיא אונגליקליכע צוויי מאָל געשטאָכען, זעהט! און דער קאמיסאר האט אנגעוויזען מיט דער האנד אויף איין טיעפע וואונד אין האלדז און אויף א צווייטע אונטערן ברוסט.

— זאל מען דיא לייבע פון דאנען צונעהמען? האט דער אינספּעקטאר געפרעגט.

— ניין, ביז מען האט דעם פּראטאקאל פערטיג געמאכט מוז זיא בלייב׳ען דא. פּארלויפיג וועל איך אוועקשטעלען צוויי וועכטער פאר׳ן שטיבעל. בריגאדיר לעמיען! האט ער אויסגערופען דורכ׳ן טיהר.

— צו בעפעהל, הערר קאמיסאר! האט א סערזשאנט געענטפערט.

— שטעלט אוועק צוויי פון אייערע לייטע ביי דער טיהר אלס וועכטער, און איהר אליין גרייט זיך צו אוועקצוטראגען א פּאקעט נאך דעם פּאליי־דע־זשיסטיס, (געריכטס־פּאלאטס).

נאך איינינע מינוטען האט דער קאמיסאר בעטראכט דיא לייבע און דאן איז ער ארויס פון געוועלב מיט דעם אינספּעקטאר.

— אייך מיינע הערען, האט ער זיך געווענדעט צו דיא ארבייטער, מוז איך בעטען איהר זאלט מיר געבען אייערע נאמען און אדרעסען, דען איהר וועט געוויס איינגעפאדערט ווערען אלס עדות. דא ליעגט פאר אונז א שרעקליכעס געהיימניספאָ־לעס פערברעכען, און דאס געריכט וועט האבען צו זוכען. אבער איך גלויב, אז דאָ איז פריהער געשטאנען נאך א מאן אין א פּעלץ מיט א ברייטען הוט, האט ער צוגעזעצט זיך ארומקוקענדיג.

— ער איז אוועקגעגאנגען, האט איינער געענטפערט.

— דאס איז ניט אין ארדנונג, דאס האט ניט געדארפט זיין.

— אבער ער האט גאר ניט געזעהען, הערר קאמיסאר. האט דער אינספּעקטאָר ערקלערט. ער איז צוגעקומען שוין נאך דעם וויא מען האט ענטדעקט דיא לייבע.

אין ביורא פון אינספּעקטאר האט דער קאמיסאר אין א האלב׳ע שטונדע פערטיג געמאכט אלעס געשריבענע וואס ער האט נעטהיג געהאט, און באלד איז אויך דער סערזשאנט אוועקגעגאנגען מיט׳ן פּאקעט צום געריכטס־פּאלאטס.

## 2טער קאפּיטעל.

# א צווייטער געהיימניספאלער מארד.

דער אונטערזוכונגס־ריכטער גיבריי, צו וועמען דער בריעף פון פּאליציי־קאמיסאר

www.libtool.com.cn

איז געוועזען אדרעסירט, איז איצטער געוועזען זעהר בעשעפטיגט. מען האט איהם מיטגעטהיילט, דאס אויף ערנעסטין שטראסע ביי דעם הערן בינעט, דעם אייגענטהי־מער פון פיאקערס מיט פערד, איז געפונען געוואָרען אין א פיאקער איין ערמאָרדעטער מאַן, און דער הערר גיברײ איז אהין אוועקגעפאָהרען, אום דיא זאכע צו אונטערזוכען. דער בריגאַדיער וואס האט יעצט געטראגען דעם בריעף צו איהם האט איהם דעריבער ניט געפונען אין פּאָליי־דע־זשיסטיס און איז איהם נעגאנגען זוכען אין דער ערנעסטין שטראסע, קומענדיג אהין האט ער געפונען דעם ריכטער בעשעפטיגט, מיט אויספרעגען דעם קוטשער וואס איז ביי נאכט געפאהרען מיט דעם פיאקער, אין וועלכען דיא לייכע איז געפונען געוואָרען.

— וויא הייסט איהר? האט גיברײ געפרעגט דעם ערשראָקענעם קוטשער.

— קלאָד לעאָנארד קאררע.

— וואו זייט איהר געבאָרען?

— דא אין פאריז, אין קארטיע לא שאפּעל.

— וויא אלט זייט איהר?

— פינף און דרייסיג יאהר.

איין פראטאקאל־פיהרער האט אלעס פערצייכענט.

— האט איהר נעכטען געפיהרט דעם הערר בינעט'ס פיאקער נומער 5583? האט גיברײ געפרעגט.

— יא, מיין הערר.

— זייט איהר שוין לאנג קוטשער?

— פון מיין צוואנציגסטען יאהר אן.

— וויא לאנג זייט איהר אין דיענסט ביים הערן בינעט?

— פינף יאהר, אכט יאהר האב איך פריהער געדיענט אלס קוטשער ביי איינעם הערן סאמועל, פון וועלכען איך האב גוטע צייגניסע און צוויי יאהר ביי דער גרויסער פיאקער־קאָמפּאניע פון פאריז.

— ווארום זייט איהר פון דארט אוועקגעגאנגען?

קאררע האט זיך געקראצט דיא פאטילניצע, וועלכעס איז ביי איהם געוועזען א צייכען פון גרויסער פערלעגענהייט.

— אלץ צוליעב מיין שלעכטער געוואָנהייט, הערר ריכטער, מיר געפעלט בעסער א קליין גלעזעלע וויין וויא א גרויס גלאז וואסער.

דער ריכטער האט ניט ווילענדיג א שמייכעל געטהאן.

— ווען זייט איהר נעכטען ארויסגעפאָהרען?

— אום צוועלף אוהר מיטאג.

— ווען זייט איהר צוריקגעקומען?

קאררע האט זיך ווידער געקראצט דיא פאטילניצע און האט געשוויגען.

— ווארום שווייגט איהר? קענט איהר זיך ניט דערמאהנען?

— איך האב עטוואס געהאט אין קאפּ, הערר ריכטער, דאן קימערט מען זיך געוועהנליך ניט פיעל אום דיא צייט. איך גלויב אבער, אז עס איז געווען אונגעפעהר

www.libtool.com.cn

צוויי אוהר פארטאג, אביסעל פריהער אדער אביסעל שפעטער, איך געדיינק אבער, אז עס האט אנגעהויבען צו שנייען.

— ווייס איינער גענוי ווען עס האט היינט ביי נאכט אנגעהויבען צו שנייען? האט דער אונטערזוכונגס ריכטער געפרעגט.

— אום האלב צוויי, הערר ריכטער, האט געענטפערט איינער פון דיא ארומ־שטעהענדע זשאנדארען. איך בין געגאנגען דיא נאכט אויף דער רונד, און בין פונקט אום האלב צוויי געקומען צוריק נאך דער וואכע.

— האט אייך איינער געעפענט דעם טויער? האט דער ריכטער וויעדער געפאָרשט ביי קאררע.

— ניין, איך האב אליין א שליעסעל. יעדער קוטשער פון הערר בינעט האט א שליעסעל צום טויער.

— וואס האט איהר דערנאך געטהאן?

— איך האב מיין פערד אוועקגעפיהרט צום שטאלל און מיין וואגען האב איך ארונטערגעשטופט אָט־דאָרטען אונטערן דאך.

— לאמיר אלזא אננעהמען אז איהר זייט אום 2 אוהר געקומען, פון וואנען זייט איהר געפאהרען?

— פון ריע מאָנטאָרגוע.

ריכטער גיברייא האט דערביי א וואונק געטהאן צו צוויי געהיימע פאליציי־אגענטען, זיי זאלען בעזאנדערס אויפמערקזאם אויסהערען דיזען טהייל פון פערהער. דיזע האבען ארויסגענומען נאָטיץ־ביכלאך און האבען געצייכענט.

— וועמען האט איהר געפיהרט נאך ריע מאָנטאָרגוע?

— צוויי פערזאן, צוויי העררען.

— זיינען זיי אבגעשטיעגען אין א האטעל אדער אין א פריוואט=הויז?

— איך בין געבליעבען שטעהן פאר א האָטעל.

— האט מען אייך געזאגט דעם נאמען פון האטעל?

— ניין, הערר ריכטער. איך געדענק זעהר גענוי וויא איינער פון דיא הערען האט צו מיר געזאגט: ריע מאָנטאָרגוע! פאהרט לאנגזאם ארונטער דיא שטראסע, וועיל איך האב פערגעסען דעם נומער פון מיין האטעל, אבער איך וועל דערקאנען דאס הויז, אין וועל אנקלינגען, און דאס האט ער אויך געטהאן.

— וואו האט איהר דיא ביידע הערען אויפגענומען אין אייער וואגען?

— דא מוז איך אייך בעסער דערציילען כסדר, הערר ריכטער. איך האב אוועק־געפיהרט א פאאר פאסאזשירען, א הערר מיט א דאמע, נאך סאנט מאָד, און בין מיר געפאהרען לאנגזאם צוריק. ביי דער וויינהאנדלונג „צום גרינעם אנקער“ אויף דער אוועניע דע סאנט מאָד בין איך געבליעבען שטעהן צו דערחאפען אביסעל דאס הארץ מיט א גלעזעלע. דארטען זיינען געשטאנען ביין טיהר נאך 2 פיאקערס און איך האב גערעכענט, אז דיא קוטשערס ווארטען געוויס א־נוועניג ביי א גלעזעלע אויף זייערע הערדשאפטען, און איך קען נאך פיעלייכט אויך קריעגען א פאסאזשיר. איך בין אריין אין שיינק און האב דארט געטראפען א פאאר בעקאנטע קוטשערס ביי א גלעזעלע

www.libtool.com.cn

און א פארטיע זאנזיבאר (אזא קארטענשפיעל). איך האב שוין שעהנע עטליכע טראפען אריינגעקנאקט, ווארום עס איז מיר געגאנגען אין שפיעל, און 20 סוא טרינקגעלד האב איך אויך געהאט געקראגען פריהער. איך בין אלזא געוועזען שטארק פערטיעפט אין „זאנזיבאר". פלוצלונג געהט צו דער ווירטה פון שיינק, און פרעגט אוב איינער פון אונז וויל אננעהמען א פאסאזשיר. מיינע קאמעראדען זיינען וויא געזאגט געוועזען פער-נומען, האב איך מיך אויפגעהויבען און בין ארויס דרויסען. דער פאסאזשיר איז גע-שטאנען ביים טיהר און האט געזאגט: „קומט שנעל, איך האב קיין צייט ניט".

— קענט איהר ריכטיג אפמאלען וויא דער מאן האט אויסגעזעהען? האט דער ריכטער געפרעגט.

— גאנץ ריכטיג ניט, ווייל דער קאפ איז מיר געוועזען אביסעלע אויף רעדלאך, אבער איך געדענק, אז ער איז געוועזען א יונגער מאן, מיט בלאנדע האאר, מיט באַ-קענבארד און שנורבארד, און מיט פאנסנע אויפ'ן נאז.

— וואס איז ווייטער געוועזען?

— מיט איהם בין איך געפאהרען צום גאר די נארד (נארד-באהנהאף).

— ווען זייט איהר אויפ'ן באהנהויף אנגעקומען?

— א פיערטעל פאר איינס. איך געדענק, אז איך האב געזעהן דיא אוהר אויפ'ן באהנהויף.

— וואס האט אייער פאסאזשיר געמאכט אויפ'ן באהנהויף?

— ער איז אריין אין ווארטע-זאאל און האט געווארט. אום איינס אוהר האב איך געהערט וויא דער צוג איז אנגעקומען, און אין א ווייל'ע ארום איז ער צו מיר ארויס מיט נאך א העררן, ביידע זיינען אריין אין מיין וואגען, און מיין פריהעריגער פאסאזשיר האט מיר צוגערופען: „רוע מאנטארגוע!" און האט מיר געזאגט וויא איך האב אייך דערצעהלט.

— וואס איז פארגעפאלען ווען איהר זייט שטעהן געבליעבען ביים האטעל אין רוע מאנטארגוע, זיינען ביידע פאסאזשירען אויסגעשטיעגען? דערמאהנט זיך נור ריכטיג.

— איך געדענק עס גאנץ קלאר, הערר ריכטער. ווען איך בין שטעהן געבליעבען אין דער בלאנדער הערר, וואס איך האב אויפגענומען אין סאנט מאד אווענו, ארויס-געשטיעגען צו ערשט און זאגט צו מיר: „איך בין מיט אייך זעהר צופריעדען, איהר זייט גוט געפאהרען און איהר קריעגט 10 פראנק. דא האט איהר 40 פראנק און גיט מיר ארויס 30". איך האב אבער קיינע 30 פראנק געהאט, און בין דעריבער אראפגעשפרונגען פון באק און בין אריינגעלאפען ניט ווייט אין א שיינק און האב אויסגעוועכסעלט דאס 40-פראנק שטיק. קומענדיג צוריק האב איך געטראפען דעם בלאנדען העררן ווארטענ-דיג אונטען ביים טיהר פון האטעל. „אבער האט איהר זיך געזאמט — זאגט ער — איך בין דא שיער דערפרארען געווארען". איך האב איהם שנעל דערלאנגט זיינע 30 פראנק, בין ארויף אויפ'ן באק פון מיין וואגען און בין געפאהרען אהיים.

— נוא, און דער צווייטער פאסאזשיר?

— דעם האב איך ניט מעהר געזעהן. ער איז וואהרשיינליך ארויף אין האטעל ווען איך בין געגאנגען וועכסלען דאס געלד.

www.libtool.com.cn
— יא, אזוי איז עס ריכטיג! האט זיך דער אונטערזוכונגס־ריכטער געווענדעט צו דיא ארומיגע לייטע. דער מארד איז בעגאנגען געווארען אין דער צייט וואס דער וואגען איז געפאהרען פון באהנהויף, און דיא רוהע פון דעם בלאָנדען פאסאזשיר בע־ וויזט מיט וועלכער פרעכהייט און קאלטבלוטיגקייט, און מיט וועלכער איבערלייגונג ער האט דאס פערברעכען דורכגעפיהרט.

דער פוהרמאן קאררע האט אויפגעפענט דעם מויל, האט אויסגעגלאצט דיא אויגען און אנגעשטעלט דיא אויערן. ער האט נאך דערוויילע גאר ניט געוואוסט אום וואס דא האנדעלט זיך און דיא ווערטער פון דעם אונטערזוכונגס־ריכטער האבען איהם ערשטוינט און איבערגעשראקען. הערר גיברייי האט אבער פארטגעזעצט זיינע פראגען:

— האט איהר בעמערקט דיא שפראכע פון דעם בלאָנדען פאסאזשיר?

— זיין שטימע וואלט איך גלייך דערקאנט, און אין זיין אויסשפראכע האט ער מיר אויסגעוויזען וויא איין עלזאסער, אדער א דייטש, אדער פיעלייכט א רוסע.

— ווייסט איהר פאר וואס מען האט אייך אהער גערופען און פאר וואס איך פרעג אייך דאס אלעס?

— ניין הערר אונטערזוכונגס־ריכטער, און איך בעט אייך מיר דאס צו זאגען.

— פון דיאביידע הערען וואס איהר האט געפיהרט, האט איינער דעם צווייטען ערמאָרדעט.

— בארמהערציגער גאט! האט דער קוטשער אויסגעשריען און האט א ציטער געטהאן מיט דיא הענד.

— און איהר האט געבראכט אהער דעם ערמאָרדעטען אין אייער וואגען אליין ניט וויסענדיג.

דער קוטשער איז געווארען בלאס וויא א לייכע און האט אנגעהויבען צו ציטערן אן אלע גליעדער.

— בערוהיגט אייך, האט דער אונטערזוכונגס־ריכטער איהם געטרייסט, דער חשד איז אויף אייך קיין אויגענבליק ניט געפאלען, איהר זייט בעקאנט אין דער גאנצער נאכבארשאפט אלס איין עהרליכער מאן און ווען איהר וואלט נאך ניט געהאט דיא שלעכטע געוואהנהייט צו טרינקען מעהר אלס איהר קענט פערטראגען, וואלט איהר גאר געווען איין אויסגעצייכענטער מענש.

— מיינע הערען, האט דער אויפגעמונטערטער קוטשער געזאגט, מיט געפיהל צו אלע אנוועזענדע, דאס איז פאר מיר א לעקציאָן, וואס איך וועל אין מיין גאנצען לעבען געדענקען. אויב איך וועל מעהר אין מיין לעבען טרינקען וויא פיעל א מענש דארף ביין עסען, זאל איך איינגעהמען א מיתה משונה אָט דא אויפ'ן ארט.

— דאס איז זעהר א שעהנער נדר, און ווען איהר וועט איהם האלטען וועט זיין בעסער פאר אייך.

— יא, הערר ריכטער, איך שווער ביי אלעם הייליגען מיין נדר צו האלטען.

— קענט איהר שרייבען?

— יא, הערר ריכטער.

www.libtool.com.cn

— גוט, מען וועט איך איצטער פארלייענען אייער פּראָטאקאָל און א״הר וועט עס אונטערצייכנען.

קאררע האט אויפמערקזאם אויסגעהערט דעם פּראטאקאָל, האט זיך אונטערגע־שריעבען מיט א פיינעם צוג און האט געפרעגט דעם ריכטער, אויב ער איז פרייא צו געהן.

— נאָך איין אויגענבליק, האט גיבריי געענטפערט. איהר וועט נור דערקאננען דיא לייכע און דאן מעגט איהר געהן.

דיא בעאמטע, דיא עדות און דיא פּאליציסטען וואס זיינען געוועזען אין צימער זיינען אלע אראפּ אין הויף און זיינען ארונטער אונטערן דאך. וואו דער ערמאָרדעטער איז געלעגען אויף א שטרוי=מאטראץ. דער פּאליציי־שעף וואס איז דערביי געשטאנען האט געגעבען א וואונק און איינער פון דיא פּאליציסטען האט אראָפּגענומען דיא דעקע פון דער לייכע.

— דערקאנט איהר איהם? האט דער אונטערזוכונגס=ריכטער געפרעגט ביי דעם קוטשער.

— איך דערקאן דעם גרויסען ווייסען שאָהל אבער ניט דעם מאַן. מיין פּאסאזשיר האט געהאלטען דיא לינקע האנד אין א שלינגע (פּעטליע).

— זשאָדלע! האט דער פּאליציי־שעף געזאגט צו איינעם פון זיינע געהיימע פּא־ליציסטען. זעהט נאָך אויב דער מאן האט ניט דיא לינקע האנד פערוואונדעט.

— איך געפין קיין זאך ניט, האט דער געהיים פּאליציסט געענטפערט נאכדעם וויא ער האט גענוי אונטערזוכט ביידע ארמס פון טויטען.

— דאס איז נאָך א רעטעניס, האט דער אונטערזוכונגס־ריכטער בעמערקט. איבעריגענס, פיעלייכט וועט דיא מעדיצינישע אונטערזוכונג עטוואס מעהר געפינען; וואס דיא בינדע פעהלט איז קיין בעוויז; זיא האט פיעלייכט דער מערדער מיטגענומען. דיא לייכע קען איצטער געבראכט ווערען אין מאָרג (עפענטליכעס טויטענהויז). איהר, הערר קאררע, האט ער זיך געווענדעט צום קוטשער, וועט פּונקט אום איינס אוהר זיין ביי מיר אין פּאליי־דע־זשיסטיס, זאגט דעם טיהר־וועכטער, אז איהר קומט וועגען דיא זאכע פון רוע ערנעסטין. — דאָ איז אונזער ארבייט געענדיגט, מיינע הערען, און....

דער ריכטער איז געבליעבען שטיל, דען ער האט דערהערט וויא איינער האט דערמאהנט דעם נאמען פון פּאליציי־שעף ביין טויער פון הויף, וועלכעס דער פּאליציסט אויף דער וואכע האט געעפענט.

אין נעכסטען אויגענבליק האט זיך בעוויזען א זשאנדאַרם מיט א פערזיעגעלטען פּאקעט אין דער האנד. דאס איז געוועזען דער שליח פון „פּער־לאַשעז“, דורך וועלכען דער פּאליציי=קאמיסאר פון יענעם קווארטאל האט מיטגעטהיילט פון דיזם מאָרד אויפ'ן „פּער־לאַשעז“.

— איך האב אייך איבערצוגעבען דיעזען בריעף פון הערען בערטיע דעם פּאליציי־קאמיסאר פון „פּער־לאַשעז“. איך האב אייך אין דער פּרעפעקטור ניט געפונען, און אזוי וויא דיא זאכע איז וויכטיג האב איך אייך אויפגעזוכט דאָ.

www.libtool.com.cn

מיט דיעזע ווערטער האט זיך דער בריגאדיער געווענדעט צום פאליציי-דירעקטאר, און האט איהם איבערגעגעבען דעם בריעף.

קיים האט דיעזער אויפגעריסען דעם קאָנווערט און האט איבערגעלעזען די ערשטע עטליכע צייליען, אזוי האט זיך זיין געזיכט פערפינסטערט און זיינע געדיכטע אויגען-ברויען האבען זיך צוזאמענגעצויגען.

— וואס איז מיט אייך? האט ריכטער גיבריי געפרעגט.

— עס שיינט מיר האבען היינט א טאג פון בלוטיגע געהיימניסע. אויף דעם פער-לאשעז איז געפונען געווארען איינע ערמאָרדעטע פרוי אין א קברים-שטיבעל, און מען רופט אונז אהין, מיינע העררען.

— אין א קברים-שטיבעל? האט גיבריי איבערגעפרעגט.

— יא, און דער פאליציי-קאמיסאר האט געמוזט לאזען אויפברעכען די טיהר, אום די לייכע ארויסצונעהמען.

— שוידערהאפט! מיר האבען איצטער ניט מעהר דא צו טהאן, מיינע העררען, לאמיר געהן!

די בעאמטע האבען זיך ארייגגעזעצט אין די וואגען, וועלכע האבען אויף זיי געווארט דרויסען. א פאאר פאליציסטען האבען אוועקגעפיהרט די לייכע אין מאָרג, און די בעאמטע מיט די געהיים פאליציסטען האבען זיך בעגעבען צום פער-לאשעז.

— ענדליך זייט איהר דא, מיינע העררען! האט זיי דער פאליציי-קאמיסאר בעגריסט ביים טויער פון פער-לאשעז. איך האב אייך דא מיט גרויסער אונגעדולד ערווארטעט, דען דא האנדעלט זיך וועגען זעהר א געהיימניספאלען מאָרד.

— איהר וואונדערט אייך וואס מיר האבען אונז אזוי פערזאמט, האט איהם דער פאליציי-שעף געענטפערט. אבער מיר זיינען בעשעפטיגט געוועזען ביז איצטער מיט א מאָרד אין רוע ערנעסטין, וועלכער איז ניט ווייניגער געהיימניספאָל.

דער אונטערזוכונגס-ריכטער האט דערווייל גענומען דאס פראטאקאל וואס דער פאליציי-קאמיסאר האט אויפגעזעצט, און האט עס געלעזען.

— מערקווירדיג! זאנדערבאר! האט ער אויסגערופען. אבער לאמיר בעסער געהן צום פלאטץ פון פערברעכען, מיינע העררען.

— זאל איך לאזען רופען די ארבייטער וואס האבען אונטערגעצייכענט דעם פראטאקאל? האט דער פאליציי-קאמיסאר געפרעגט.

— זייער געגענווארט איז נעטהיג.

## 3טער קאפיטעל.

# דער קבר דערצעהלט.

איין אינפזועהער איז גלייך געשיקט געווארען רופען די ארבייטער, וועלכע האבען געווארט אין א ווייןהאנדלונג, ניט ווייט פון פער-לאשעז. קומענדיג צום קברים-שטיבעל וואו די ערמאָרדעטע איז געלעגען, האבען זיי שוין דארטען געפונען אלע בעאמטע אין דער בעגלייטונג פון אינספעקטאר און א היבשע רעדיל נייגיעריגע, וואס האבען זיך דערווייל אנגעזאמעלט.

www.libtool.com.cn

דער פּאליציי־קאמיסאר האט אין קורצען דערציעהלט וויא אזוי און אַ מעטער וועלכע אומשטענדע ער האט געלאזען אויפברעכבען דיא טיהר, און האט אָנגעוויעזען אויף דיא בלוטפלעקען, וועלכע האבען געפיהרט צו דער ענטדעקונג פון מאָרד.

דער פּאליציי־שעף האט בעפאהלען צו עפענען דיא טיהר און אלע בעאמטע זיינען אריין אין קברים־שטיבעל.

דאס גאנצע געביידע, וועלכע איז בעשטאנען פון מארמאָר־שטיין פון וויס־גרויער פארבע, איז פון אינווייניג וויא פון אויסווייניג געוועזען גאנץ איינפאך, אהן בעפּוצונג אדער אויסקריטצונג אין שטיין. א פּאאר קליינע פענסטערלאך אין דער פאָרם פון א קלעעבלאט וואס זיינען געוועזען אויסגעשניטען א פּאאר מעטער פון דער ערד, און דאס פענסטערל פון דאך, האבען אריינגעלאזען ליכט. ביי דער וואנד אנטקעגען טיהר איז געשטאנען א קליינער שווארצער מארמאָר־שטיינענער אלטאר, מיט א מארמאָרנעם קליינעם טעמפּעל אויף איהם. דערביי איז געשטאנען א קאנדעלאבער מיט 2 געלבע וואכס־ליכט. דארטען זיינען אויך געשטאנען 6 שווארצע הויכע שטוהלען מיט הויכע ריקענס צום אבשפּארען זיך, און מיט אפּגעבלאקירטע געשטיקטע קיסען. דריי זיינען געלעגען אומגעדרעהט און דיא איבעריגע דריי שטארק צורוקט אין אונאָרדנונג. דער מארמאָרנער פּוסבאָדען איז געוועזען בעדעקט מיט אַן אויסגעבלאקירטען טעפּפּיך. עס האט זיך געפיהלט איין גערוך פון פייכטקייט און שימעל און דער האלב־דונקעל וואס האט אינוועניג געהערשט האט געמאכט אויף יעדערן א שווערען איינדרוק.

ביי דעם אלטאר זיינען געלעגען עטליכע פערוועלקטע קרענצע און איינער נאך גאר א פרישער. דיא לייכע פון דער ערמארדעטער פרוי איז געלעגען ביין טיהר אויפ'ן ריקען, מיט אויסגעשטרעקטע הענד און געבאלטע פויסטען, מיט וויט אָפענע אויגען און מיט א רויטליכען שוים אויף דיא ליפּען. דער אויסדרוק פון שרעק און ענטזעטצען איז געוועזען צו זעהען אויף דעם ערשטארטען געזיכט. זיא האט אויסגעזעהען וויא א פרוי פון א יאהר פערציג, אנגעטהאן אין טרויער, מיט א קרעפּהוט און א לאנגען שווארצען שלייער אויפ'ן קאפּ.

אויפ'ן האלדז פון דער ערמאָרדעטער איז געוועזען א טיעפע וואונד, און וועלכע מען האט לייכט געקענט זעהען, דאס זיא איז געמאכט געווארען מיט א שארפען דרייעקיגען דאלך.

— לאמיר פאָרגעהן נאך דער ארדנונג, האט העדר גיבריי געזאגט, און פריהער פאר אלץ אונטערזוכען דיא קליידער פון דער ערמארדעטער.

דער געהיים פּאליציסט זשאָדלע האט זיך אראפּגעלאזען אויף דיא קניע נעבען דער לייכע און האט דורכגעשאָרט איהרע טאשען. ער האט קיין זאך ניט געפונען אויסער א טאשענטיכעל פון לינען.

— זעהט נאך אויב דאס טיכעל איז געצייכענט, האט גיבריי געזאגט.

— דאס טיכעל האט קיין צייכען, האט זשאָדלע געענטפערט ערשטוינט. פונקט וויא אין דער רוע ערנעסטין.

— פיעליכט געפינט זיך א צייכען אין דיא אנדערע וועשע?

זשאָדלע האט געשיקט אויפגעעפענט דאס קלייד ביי דער טאַליע און האט

www.libtool.com.cn

פאנאַדערגעבונדען דיא שניר פון קארסעט, וועלכעס איז געווען איבערשטרעמט מיט בלוט און דורכגעלעכערט אין דער לינקער זייט מיט א שארפען אינסטרומענט.

— דא האבען מיר נאך א צווייטע וואונד, האט ער געזאגט, וועלכע געהט ארונטער טיעף אין הערצען אריין, און איז געמאכט מיט דעם זעלביגען אינסטרומענט וויא דיא וואונד אין האלדז, אבער ביידע וואונדען זיינען גלייך צו יענער וואונד, וואס מיר האבען געזעהען ביי דעם ערמארדעטען אין רוע ערנעסטין וויא צוויי טראפען וואסער.

אלע בעאמטע האבען זיך ערשטוינט איבערגעקוקט און האבען אויפגעציטערט.

דער פאליציי־שעף האט ארויפגעזעצט זיינע ברילען און האט זיך איינגעבויגען צו בעטראכטען דיא וואונדען.

— וואהרהאפטיג, זשאדלע האט רעכט! דיא גלייכקייט איז מערקווירדיג! בע־מערקט עס נור מיינע העררען.

העדר גיברייו און דיא אנדערע האבען אויפמערקזאם בעטראכט דיא וואונדען, דער אונטערזוכונגס־ריכטער האט געזאגט: דיא עהנליכקייט ווארפט זיך מערקווירדיג אין דיא אויגען, און דאך איז עס כמעט גאר ניט צו גלויבען, דאס עס זאל זיין א צוזאַמענהאנג צווישען אזעלכע צוויי פערברעכען, וועלכע זיינען אזוי ווייט איינס פון אנדערן. בעמערקט דעם אויסדרוק אויף איהר געזיכט; זיא האט זיך שטארק געמוזט ראנגלען מיט דעם טויט.

— ניכער מיט דעם מערדער, האט זשאדלע פארבעסערט; אבער זעהט וואס איך האב דא, האט ער צוגעזעצט אויפהויבענדיג א האנד פון דער לייכע. דא איז א וואונק, איין אנצוהערינס. זעהט איהר וויא דיא אונגליקליכע האלט אין איהר ערשטארטער האנד א בינדעלע האר? דאס האט זיא אויסגעריסען פון מערדער, זיך ראנגלענדיג מיט איהם. און זעהט נאך עטוואס: דאס האר איז בלאנד, און דער פאסאזשיר וואס דער קוטשער קאררע האט אויפגענומען אויף סאינט־מאר אוועניו איז אויך געווען א בלאנדער.

— איך מוז צוגעבען, דיא אומשטענדע טרעפען זיך צוזאמען זעהר אויפפאלענד, האט גיברייו מסכים געווען.

דיא אונטערזוכונג אויף דעם פלאטץ פון פערברעכען איז געווען צו ענדע. צוויי לייטע האבען אויף דעם בעפעהל פון גיברייו ארויפגעלייגט דיא לייכע אויף א באהרע (נאסילקעס), אום זיא אוועקצופיהרען אין מארג. ווען דאס איז געטהאן געווארען האט זיך דער אונטערזוכונגס־ריכטער געווענדעט צו דיא ארומשטעהענדע:

— מיינע העררען, מיר האבען דא פאר אונז א צווייטעס פערברעכען, וועלכעס איז ניט וויינינגער געהיימניספאל און ניט וויינינגער שרעקליך וויא דער ערשטער. יענע פרוי איז געווים געקומען אהער בעטען, זיא האט זיך וואהרשיינליך אראפגעלאזען ווייענדיג אויף דיא קניע פאר דעם אלטאר, ווען דער מערדער איז איהר בעפאלען פון הינטען. דער קאמפף האט געמוזט זיין א שרעקליכער; דאס קען מען זעהען פון דעם בינדעל האר און פון דיא אומגעווארפענע שטוהלען. וואס האט געקענט זיין דער גרונד צו דיעזען מארד? נאך מיין מיינונג איז דאס גיבער געטהאן געווארען מיט דער אבזיכט זיך נוקם צו זיין, אלס צו רויבען....

www.libtool.com.cn

— הערר אונטערזוכונגס־ריכטער, גיט נאר א בליק אהער!

דיא ווערטער זיינען געקומען פון א צווייטען געהיימען פאליציי־אגענט הערר מארטעל, וועלכער איז דערביי געשטאנען און האט אלעם בעטראכט. זאגענדיג דיעזע ווערטער האט ער אנגעוויזען מיט'ן האנד אויף דעם מארמארנעם קליינעם טעמפעל וואס איז געשטאנען אויפ'ן אלטאר, מיט א שליעסעל שטעקענדיג אין דעם שווערען טירל.

גיבריי איז צוגעגאנגען צום אלטאר אין האט אויפגעעפענט דאס טירל.

— עס איז לעער, האט ער געזאגט. אבער וויא עס שיינט האט מען דא ניט לאנג עטוואס ארויסגענומען פון דאנען, עס איז נאך צו דערקאנען פרישע פינגער אין דעם שטויב.

— איך גלויב, אז דער איינציגער פלאטץ וואו מיר קענען געפינען וועלכע עס איז אויפקלערונג איבער דיא פערזאן פון דער פרוי איז דיא פאמיליע צו וועמען דער קבר מיט דער געביידע געהערן, האט דער פאליצי־שעף געראטהען.

דער פאליציי־קאמיסאר האט געשאקעלט דעם קאפ:

— איך האב עס אויך געגלויבט, אבער נאכדעם וויא איך האב מיך ערקונדיגט בעסער זעה איך, אז פון דער זייט קענען מיר גאר ניט ערווארטען.

— האט דיזע קברים־שטיבעל גאר קיין איינענטהימער?

— דאס געביידע געהערט צו דער רוסישער פאמיליע פון דיא גראפען קוראוויאוו, וועלכע האבען פריהער א לאנגע צייט געלעבט אין פאריז און וואהנען איצטער וויעדער אין פעטערבורג. דא איז קיין טויטער בעגראבען, און קיינער האט קיין אורזאכע צו קומען אהער קניען, וויינען אדער בעטען.

— ווייסט איהר עס גאנץ געוויס?

— זעהר געוויס.

— אונבעגרייפליך!

— ווען איהר ערלויבט מיר וועל איך אייך איבער דיעזען פונקט אויפקלערען, איך האב יעצט געזעהען ביים הערין אינספעקטאר אלע דאקומענטען וואס האבען א שייכות צו דעם קבר.

— איך בעט אייך זעהר.

— דער פלאטץ און דאס געביידע געהערן דער גרעפליכער פאמיליע קוראוויאוו זייט 24 יאהר. דער גראף קוראוויאוו האט דעם פלאטץ דאן געקויפט אום צו בעערדיגען זיינע פרוי, וועלכע איז דאמאלס געשטארבען. איהר קענט זיך נאך געווים דערמאנען אן דעם, ווייל דער טויט פון דער גרעפין קוראוויאוו האט דאן געמאכט זעהר פיעל אויפזעהען.

— א יא, איך דערמאהן מיך ווירקליך, האט דער פאליציי־שעף געזאגט נאך דעם וויא ער האט זיך א ווייל בעדענקט. איז דאן ניט עפעס גערעדט געווארען וועגען איין אייגענטהימליכען מארד?

— גאנץ ריכטיג.

— דיא גרעפין איז ווירקליך דאן בעערדיגט געווארען אין דעם שטיבל, האט דער אינספעקטאר זיך אריינגעמישט. אבער אין א יאהר ארום האט דער גראף ערהאלטען

www.libtool.com.cn

דיא ערלויבניס ארויסצונעהמען דיא לייכע און זיא איבערצופיהרען נאך רוסלאנד, וואו דיא גאנצע פאמיליע וואהנט פין דאמאלס אן.

— דיא זאכע ווערט אלץ מעהר און מעהר פארדרייט, האט גיבריי ארויסגערופען. וואס האט געקענט פיהרען אהער דיא אונגליקליכע פרוי, וועלכע האט דא געפונען איהר טויט? האט זיא ניט ווער זיס איז פון דיא אויפזועהער געזעהען אריינגעהענדיג?

— הערר אונטערזוכונגס־ריכטער, האט זיך איינער פון דיא ארומשטעהענדע אויפזעהער געמעלדעט: איך האב מיט צוויי טעג צוריק געזעהען אריינגעהענדיג א פרוי, און איך גלויב אז דאס איז דיא זעלביגע וואס איז יעצט א לייכע.

— וואס מאכט אייך אזוי דענקען?

— זיא איז געוועזען פון דעמזעלביגען וואוקס, און אויך אזוי אנגעטהאן.

— האט זיא געטראגען א קראנץ אין האנד? האט דער געהיימפאליציסט וואדלע שנעל געפרעגט.

— ניין, איך וויים בעשטימט דאס ניט, וויל איך האב מיר בשעת מעשה גע־טראכט: דיא פרוי קען ניט בדלות ווערען ווען זיא בריינגט צום קבר מעהר ניט ווי א געבעט אליין.

— אבער אונטער דיא פארוועלקטע קרענצע איז דא איינער נאך גאר א פרישער, האט דער פאליציי־אגענט געזאגט ווייזענדיג אויפ'ן קראנץ.

— זעהר ריכטיג, האט דער אונטערזוכונגס־ריכטער צוגעשטימט. דערפון איז צו שליעסען דאס ענטוועדער דער אויפזעהער האט זיך געאיררט, אדער דער קראנץ איז פון אנאנדער פערזאן געבראכט געווארען. ליעגט ניט דא וועלכער טויטער בעגראבע אין דעם קבר?

— בעשטימט ניט, האט דער אינספעקטאר פערזיכערט.

דער אונטערזוכונגס־ריכטער איז געווארען אימער נאכדענקליכער.

— דיא פרוי האט אלזא געהאט א שליסעל, האט ער געמורמעלט פאר זיך. זיא האט געעפענט דיא טיהר, איז אריינגעגאנגען און איז דא פון דעם מערדער איבער־פאלען געווארען. דער שורקע איז נאך דער בלוטיגער טהאט ארויסגעגאנגען, האט צוגעשלאסען דיא טיהר און צוגענומען דעם שליסעל און האט נאך בעוויזען אריינצולייגען קליינע שטיינדלאך אין שלאס איידער ער איז אוועקגעגאנגען, דאמיט עס זאל שווער זיין צו עפענען ווען דיא טהאט זאל צו פריה ענטדעקט ווערען. אזוי שיינט עס געוועזע צו זיין. דיא פראגע איז נור, אויס וועלכען גרונד דער מארד איז בעגאנגען געווארען? יענער קאסטען אויפ'ן אלטאר וואס זעהט אויס וויא א קליינער טעמפעל, האט עטוואס געמוזט ענטהאלטען, וואס דער מערדער האט דורכאויס געוואלט קריעגען, און וואס דיא ערמארדעטע האט פערטהיידיגט. אבער וואס האט עס געקענט זיין? טרעפען קען מען דאס ניט. מען מוז געפינען וועלכען שפור, ביז איצטער טאפען מיר אלע אין דער פינסטער.

— פיעלייכט איז מעגליך אויסצוגעפינען וואו דער קראנץ איז געקויפט געווארען? האט דער פאליציי־קאמיסאר געפרעגט.

— דאס־וועט זיין זעהר שווער, אין דער אומגעגענד פון פער־לאשעז זיינען דא

www.libtool.com.cn

הונדערטער בלומענגעשעפטען און אלע פערקויפען דיא זעלבע קרענצע, און ביז 200 יעדע טאג, ויא קען א הענדלער געדענקען ווער עס האט פון איהם א קראנץ געקויפט?

אין דער צייט וואס דער פאליציי־דירעקטאר האט אזוי גערעדט, האט זיך איי אויפזעהער פון פער־לאשעז מיט נאך א מאן דורכגעדריינגט דורך דיא מאסע צושויער ואס זיינען געשטאנען ניט ווייט פון קברים־שטיבעל, און איז צוגעקומען צו דעם אינ־ספעקטאר.

— העררר אינספעקטאר, האט ער אנגעהויבען. דער העררר לעטעליע, וועלכער האט פון מיר ערפאהרען וועגען דעם מאורד דא אין דעם שטיבעל, זאגט מיר אז ער קען געבען דיא העררען פון געריכט אייניגע ניצליכע מיטטהיילונגען.

אונטער דעם רעדיל בעאמטע איז געווארען א לעבהאפטע בעוועגונג. אלע אויגען האבען זיך געריכטעט אויף דעם פרעמדען, דער אונטערזוכונגס־ריכטער איז איהם אפילו געקומען א פאר טריט אנטקעגען, זאגענדיג: קומט אהער, מיין העררר, איהר זייט אונז ווילקאמען, און יעדע אויסקונפט וואס איהר וועט אונז געבען וועט מיט דאנק אנגענומען ווערען.

דער מאן, וועלכער דער אויפזעהער האט פארגעשטעלט אלס העררר לעטעליע און וועלכער האט אויסגעזעהען זעהר אנשטענדיג אין קליידונג ווי אין אויסזעהען האט געמאכט א טריט נעהענטער און האט געזאגט:

— געסטערן נאכמיטאג, אום דריי אוהר, האב איך געזעהען א יונגען מאן אריינ־געהענדיג אין קוראוויאוו'ס קברים־שטיבעל.

דיזע מעלדונג האט איבערראשט אלע בעאמטע.

— וויא אזוי ווייסט איהר אז דיזע גרופט (קברים־שטיבעל) געהערט דער פאמי־ליע קוראוויאוו?

— דאס ווייס איך שוין אזוי לאנג וויא זיא עקסיסטירט, דען מיט 24 יאהר צוריק האב איך אליין מיטגעארבייטעט ביים בויען איהר. עס האט זיך דאן זעהר פיעל דערצעהלט פון דער ערמארדונג פון דער גרעפין, און דעריבער איז מיר דיא זאך געבליבען אין קאפ. אזעלכע זאכען געדענקט מען.

— און איהר ווייסט בעשטימט, אז איהר האט געסטערן געזעהען א יונגען מאן אריינגעהענדיג אין דיזער גרופט?

— יא, העררר ריכטער.

— דערצעהלט אונז אונטער וועלכע אומשטענדען איהר האט איהם געזעהען.

— איך בין אמאל געוועזען א מארמאר־ארבייטער, און איצטער האב איך מיין בלומען־געשעפט אין דער רוע דע לא ראקעט, ניט ווייט פון דאנען. געסטערן בין איך צוריקגעקומען, אין מיין געשעפט פון א גאנג, אלס איך האב געטראפען אין מיין לאדען א יונגען מאן, וועלכער האט געקויפט פון מיין פרוי איין קראנץ פון איממארטעלען.

— פיעלייכט איז עס דער זעלבער? האט גיבריי געפרעגט, נעהמענדיג דעם קראנץ פון זשאדלע'ס האנד.

— דאס קען איך אייך אויגענבליקליך זאגען, האט דער בלומענהענדלער גע־ענטפערט.

www.libtool.com.cn

ער האט גענומען דעם קראַנץ, האט פארנאנדערגעשאַרט די בלומען און גע־פּרופט רייסען דעם פּאַדים מיט וועלכען זיי זיינען געבונדען געווען.

— יא, דער קראַנץ איז ביי מיר געקויפט. איך מאַך די קרענצע אליין, און נאַר ביי מיר ווערען זיי אזוי געבונדען.

— דאס איז אלזאָ פעסטגעשטעלט, האט גיברייי געזאגט, ווערענדיג אימער פרייליכער. דער יונגער מאן האט אלזא געקויפט פון אייך דעם קראַנץ.

— יא, און האט בעצאהלט און איז אוועקגעגאַנגען.

— און איהר זייט איהם נאָכגעגאַנגען?

— נור גאַנץ צופעליג. איך האב געהאט אן אויפטראַג פון מיינעם א קונד אריינצוברייינגען צוויי פרישע קרענצע אין זיין פאמיליען־גרופט, זעהט איהר יענע פיינע מצבה, דאס איז אונגעפעהר דרייסיג טריט פון דאנען, און ער האט אנגעוויזען מיט דער האנד וואו דאס איז.

— איך פערשטעה, איך פערשטעה.

— דער יונגער מאן איז געגאַנגען פאַר מיר טראַגענדיג דעם קראַנץ. איך בין גראַדע פארבייגעגאַנגען ווי ער האט אריינגעשטעלט דעם שליעסעל אין טהיר. איך האב איהם אפילו געגריסט. ווען איך בין צוריקגעגאַנגען האט נאָך דער שליסעל געשטעקט אין טהיר, אבער די טהיר איז געווען צוגעמאַכט.

— געדיינקט איהר ווי דער יונגער מאן האט אויסגעזעהן?

— פונקט ווי ער וואָלט איצטער פאַר מיר געשטאַנען. ער איז געוועזען א היבשער מאַן, פון מיטעלמעסיגען וואוקס, בלאַס, מיט שווארצע אויגען, מיט בלאָנדע באַקענבאַרד און א בלאָנדען קליינעם שנורבאָרד. ער איז געוועזען זעהר גוט גע־קליידעט.

די בעשרייבונג האט אלע אנוועזענדע איבערראַשט און ערשטוינט.

— דאס איז דאך דאס זעלבע סיגנאַלעמענט (פּרימיטעס) וואָס דער קוטשער קאַרדע האט אונז געגעבען אין רוע ערנעסטין! האט דער אונטערזוכונגס־ריכטער אויסגערופען.

— איך האב עס יא גלייך געזאָגט, האט דער געהיימפּאָליציסט זשאַדלע גע־מורמעלט, דער מאַן און די פרוי זיינען ערמאָרדעט געוואָרען דורך דערזעלבער וואפע און דורך דערזעלבער האנד.

— האט איהר דעם יונגען מאַן אויך געהערט רייִדענדיג?

— געווים, ער האט מיין פרוי געגעבען א 40־פראַנק גאָלד־שטיק און האט פער־לאַנגט אויסגאַבע.

— ווידער א 40־פראַנק שטיק? האט זיך גיברייי געוואונדערט. אלעס טרעפט צוזאַמען.

— האט ער גערעדט גוט פראַנצויזיש?

— זעהר גוט, אבער אביסעל ווי איין אויסלענדער.

— דאס איז אונזער מאַן! די זאַכע איז יעצט פיעל איינפאַכער, אזוי ווי מיר האבען נור איין מאַן צו זוכען.

www.libtool.com.cn

— אבער דער מאן איז אזוי ארומגערינגעלט פון געהיימניסען, האט זשאַרלע בעמערקט, דאס עס וועט אונז שווער זיין איהם צו געפינען.

— דאס וועלען מיר זעהען, דער יונגער מאן שיינט צו זיין דורכגעטריעבען דורך פייער און וואסער און העללע, אבער מיר זיינען עס אויך. דערווייל דארף מען נור פערזיעגלען דיא טיהר פון דער גרופט, און דיא לייכע מוז געשאפט ווערן אין דער מאָרג.

צוויי לייטע פון פער־לאשעז האבען געבראכט א באהרע (נאסילקעס) און אין דער בעגלייטונג פון א פאליציסטען איז דיא לייכע אוועקגעטראָגען געווארען. דיא לייטע פון געריכט, דיא פאליציסטען און אלע עדות האבען זיך בּגעבען אין ביוראָ פון אינספעקטאָר, וואו דאס פראָטאָקאָל איז פאָרגעלעזען, אנגענומען און אונטערצייכענט געווארען.

4טער קאפיטעל.

# דער מערדער ביי דער ארבייט.

מיט איניגע שטונדען פריהער איידער דיא מארמאָר־ארבייטער אויפ'ן פער־לאשעז האבען ענטדעקט דיא ערמארדעטע פרוי, דאס הייסט אלזא אונגעפעהר 4 אוהר פאר־טאג, איז געזעסען אין א שעהנער אויפגעפוצטער און בעקוועמער וואהנונג א יונגער מאן ביי דעם העל־ברענענדען קאמין, מיט א פעקיל קליידער נ״בען איהם אויף דער ערד. דיא וואהנונג האט זיך געפונען אין רוע דע נאווארין אויפ'ן צווייטען עטאזש און איז געווען איינגעריכטעט וויא פאר א אונפערה״יראטעטען מאן. דער יונגער מאן האט נעקענט אלט זיין א יאהר פיער־פינף און צוואנציג. זיין ניעדריגער שטערן איז געווען ארומגעראהמט פון דונקעל־ברוינע האָר און גדיכטע ברויען (ברעמען), איבער דיא פיין־געשניטענע ליפען איז געוו״זען א גאנץ דינער שנור־בארד, זיין געזיכטס־פארבע איז געווען מערקווירדיג בלאס און זיינע אויגען האבען געלויכטען מיט א מערקווירדיגען גלאנץ, אין דער אויסדרוק פון זיי האט זיך זעהר שנעל געענדערט. א ווילע האבען זיי געקוקט צארט, מילד, און דעם נעכסטען אויגענבליק איז זייער בליק געווען ווילד און גרויזאם.

דאס פעקעל קליידער וואס איז געלעגען נעבען איהם איז בעשטאנען פון א פאָר שווארצע הויזען, א שווארצע וועסטע, איין איבערציהער, א העמד, א קראוואטע, א ווייסע בינדע און א רויטעס זיידענעס טאשענטוך.

דער יונגער מאן האט געהאלטען אין דער רעכטער האנד א צוואנג פון קאמין און אין דער לינקער א גוטע סיגארע, וועלכע ער האט לאנגזאם גערויכערט.

דיא אוהר אין צימער האט געשלאָגען פינף.

— שוין 5 אוהר, האט דער יונגער מאן געזאָגט צו זיך. וויא שנעל דיא צייט פערגעהט, מען מוז זעהן וואס גיכער ענדיגען דעם אויטאָ־דא־פע (דיא פערברענונג).

מיט דיזע ווערטער האט ער אויפגעהויבען צוערשט דאס רויטזיידענע טיכעל און האט עס אריינגעוואָרפען אין דיא העל־פלאקערנדע פלאמע פון קאמין. אין איין אויגענבליק איז זיא פערוואנדעלט געווארע׳ אין אש. דאן האט ער אויפגעהויבען דאס העמד. דער פאָרנט און דיא מאנזשעטען זיינען ג[illegible]ען אין בלוטיגע פלעקען. ער האט עס צוזאמענגעדרייט און אריינגעוואָרפען אין דיא פלאמע. דיא שווארצע ו[illegible]ס־ע

www.libtool.com.cn

וועלכע איז געקומען נאָך דעם האט געברענט לאנגזאמער און האט מיט איהר שווערער אַש געשטיקט דאס פייער. דער יונגער מאן האט מיט א בלעכענעם שויפעל אראָפּ־גענומען דיא אַש און אריינגעווארפען אין א זינקענעם עמער מיט וואסער וואס איז גע־שטאנען דערבייא. דאן האט ער צוגעלייגט האלץ און אריינגעוואָרפען דיא הויזען. דער ראָק איז איבערציהער זיינען געוועזען צו גרויס אום אריינצוואַרפען אין קאמין; ער האט גענומען א שער און זייא צושניטען און האט דאן געווארפען שטיקערווייז אין פייער ביז אלעס איז פערברענט געוועזען.

ווען דאס איז געוועזען צו ענדע האט דער יונגער מאן ווידער אראפּגעראמט דיא אַש אין עמער אריין, האט צוגעלייגט האָלץ, האט ארומגעקוקט אויב עס איז ניט וואס געבליעבען, און צופריעדען מיט דער אונטערזוכונג האט ער געזאָגט האלב־לויט: „דער אויטאָ־דאַ־פע איז צו ענדע, איצטער דארף מען נור נאך זעהן דיא שפּורען אפּצו־ווישען אין דיא זאכע איז פערטיג!“

ער האט דעם עמער ארויסגעטראָגען אין קיך, האט איהם אויסגעגאסען אין דעם ארט וואו מען גיסט אויס אונריינעס וואסער, האט אויסגעוואשען דעם עמער און איז אריין צוריק אין פראנט־צימער. דאן האט ער אנגעברענט דעם שויפעל און ארויפגע־לייגט עטליכע שטיקלאך צוקער, אום צו פערטרייבען דעם שלעכטען גערוך פון דיא פערברענטע קליידער. ער האט געעפענט א פענסטער, פלוצלונג האט ער עטוואס דערזעהען ליעגענדיג אויף'ן געזימס פון קאמין, נעבען דער אוהר און האט זיך געגעבע א פאטש אין שטערן:

— דער טייפעל! וויא אונפארזיכטיג איך בין! וויא אזוי האב איך דאס געקענט פערגעסען ?!

— דאס זאגענדיג האט ער ערגריעפען א בלאנדע פאריקע, א בלאנדען שנור־בארד און צוויי באקענבערד פון דערזעלבער פארבע און האט זיי שנעל אריינגעווארפען אין פייער. ער איז געשטאנען דערביי און האט געהערט וויא דיא האאר האבען גע־קנאקט ביז עס איז מעהר ניט איבערגעבליעבען דערפון וויא אַש. ער האט נאך א ווילע ארומגעטראגען דעם שויפעל מיט דיא צוקער, האט דאן צוגעמאכט דאס פענסטער, פארצויגען דעם פארהאנג און האט זיך אניעדערגעזעצט ביי זיין שרייבטיש. ער האט ארויסגענומען פון א פארטפעל א פאק פאפּיערען און האט זיי אנגעהויבען צו סאר־טירען ביים שיין פון דער לאמפּע, דערנאך האט ער פערדרויכערט איין אנדערע ציגארע און האט זיך א ניעדערגעזעצט איינינע דאָקומענטען איבערשרייבען. אלס ער האט זיך פון דיעזער ארבייט אויפגעהויבען האט דיא אוהר געשלאגען אכט.

— יעצט האב איך אלעס קאָפּירט, האט ער געמורמעלט. אויסער דעם פאס, מיט וועלכען איך וויים ניט וואס אנצופאנגען.

ער האט אויפגעעפענט דאס ביכעל און האט איבערגעלייענט:

„יאָנאטהאן ווילד, געבארען אין לאנדאן, 49 יאהר אלט“. איך קען וועטען מיין קאפּ אז דאס איז א פאלשער נאמען. אבער יעדענפאלס וועל איך דעם פאס בעהאלטען צוזאמען מיט דיא אָריגינאל־דאקומענטען. איצטער לאמיר זעהען ווייטער. דאס זיינען קורצע נאָטיצען. דיא האב איך גענומען פון פערלאשענז און דיעזע פון דעם מאן מיט

www.libtool.com.cn

דער בינדע (פּעטליע). מען דארף זיי ניט מישען, איך זאל זיך ניט טומלען. וואס שטעהט אין דיא אויפשריפטען פון פּער־לאשעז? „איך וואהן אין רוע דע גראממאָנט, האָטעל דע פּערבא, צימער נומער 17. איך ערווארט זיית 12 טעג בעפעהלען פון * * * * *V“.

— וואס איז דאס פאר א סאָרט צייכען? האט זיך דער יונגער מאן אונטערבראָכען. מיינט דאס דעם בוכשטאב „ווע“ אדער מיינט עס א רעמישען 5? מיינט עס א שטאדט אדער א פערזאן? און צו וואס זיינען דיא שטערנלאך?

דער יונגער מאן לייענט וייטער:

„פּאפּיערען אין אָרדנונג, בעשטעטיגט פון געזאנדעטען אויף דעם נאמען זשול טהערמים, בעלגישער אונטערטהאן פון בריססעל. איך ברויך געלד, וויא שוין פאר צוויי טעג געזאגט. איך וואלט וועלען וויסען דעם גרונד פון זיין אין פּאריז“, און אונטערגעשריעבען איז V**, האט דער יונגער מאן צוגעזעצט, נור מיט צוויי שטערנגלאך. דאס צעטעלע האב איך געפונען אין קברים־שטיבעל גאר צום סוף, מען האט עס אלזא נור מיט א טאג פריהער אהין אוועקגעלייגט. איצטער לאמיר זעהען דיא אנטוואָרט אויף דאס:

„איך וייס נור אייער זין אין פּאריז איז נעטהיג פיר וויכטיגע געשעפטען“, האט דער יונגער מאן געלעזען. „איך האב ערהאלטען בעפעהלע; איך לאז אייך איבער אין קוראוויאָווס גרופּט דיא נעטהיגע פּאפּיערן און הונדערט טויזענד פראנק“.

— הא הא! דיא האב איך! האט דער יונגער מאן געלאכט צו זיך. דאס איז א גוטעס האנד־געלד אויף דיא מיליאנען, אויף וועלכע איך האָף. נור לאמיר זעהן וואס שטעהט דארט וייטער:

„דיא קוויטונג זאלט איהר לאזען אין קוראוויאָוו'ס גרופּט. היינט ביי נאכט אום איינס אוהר וועט קומען א ספּעציעלער געזאנדעטער (שליח מיוחד) פון * * * * *V, עמפּפאנגט איהם אויף דעם נאָרד־באהנהאָף. איהר וועט איהם לייכט דערקאָנען, ווייל ער וועט טראגען זיין לינקע האנד אין א בינדע, איהר זאלט איהם אנריידען מיט דיא ווערטער: „קומט איהר פון שאנטיל?“ דער שליח איז אונזער פריינד V**. ער בריינגט אייך א וויכטיגעס דאקומענט און בעפעהלע“.

— אלזאָ, דער מאן וואס איך האב געפּטר'ט איז „ווע מיט 2 שטערנלאך“ לאמיר זעהען וואס איז דארטען פאר א וויכטיגער דאקומענט וואס ער האט מיט זיך געפיהרט.

דאס זאגענדיג האט דער יונגער מאן פאנאנדער געעפענט א פּאפּיער און האט געלייענט האלב־לויט, אקוראט וויא ער האט אליין געוואלט הערען וויא דאס קלינגט.

מיין טעסטאמענט (צוואה).

„איך אונטערצייכענטער, געזונד און אין פאלען בעזיטץ פון מיינע גייסטיגע קרעפטע, וואהנהאפט אין מיין הויז, אין רעגענט סטריט אין לאנדאן, שרייב יעצט מיין לעצטען ווילען. מיין פאטער און מוטער זיינען שוין לאנג טויט. איך בעזיטץ נור איין איינציגע שוועסטער. דיעזע שוועסטער וואלט איך גערן געליעבט, אבער איהר אויפפיהרונג האט מיך געצוואונגען זיך פון איהר צו ענטזאגען און צו פארלאזען פּאריז און גאנץ פראנקרייך, אום ניט צו טראגען דיא שאנדע, וועלכע זיא האט מיר פערארזאכט.

www.libtool.com.cn

איך האב אבער שפּעטער ערפאהרען, דאס אין 1858 האט זיא געהייראטעט מיט זעהר איין אנשטענדיגען מאן וועלכען זיא האט בעטראגען, און פון דיעזער הייראט איז געבאָרען געוואָרען א טאָכטער, וועלכע הייסט מיט דעם פאָרנאמען מאַריע און מיט דעם פאמיליען-נאמען פון איהר פאטער ברעסאָל.

„מיין פערמעגען בעשטעהט איצטער פון צוועלף מיליאן זיעבען הונדערט און פופציג טויזענד פראנק, אויסער מיין לאנדאנער הויז מיט אלע אויסשטאטונג, קונסטזאכען א. ז. וו. מיין געלד ליעגט אין זיכערע באנק-בילעטען און דיא ליסטע פון אלעם אנדערע געפינט זיך אין דיא הענד פון מיין בעסטען פריינד מישל ברעמאָנט, וועלכע איז בעשטימט מיין טעסטאמענט אין ערפיללונג צו בריינגען. מיין פערמעגען זאל אויף פאלגענדע וויזע פערטהיילט ווערען: ערשטענס, צו מאַריע ברעסאָל, דיא טאָכטער פון מיין שוועסטער וואלענטין ברעסאָל, געבאָרענע דהארוויל, זעכס מילליאן. צווייטענס, צו סימאָנע דהארוויל, דיא אונגעזעצליכע טאכטער פון מיין שוועסטער, וועלכע איז געבאָרען געוואָרען פון איהר פערהעלטניס מיט דעם אדוואָקאט פּאָול פאן גיבריי — זעכס מיליאן. דריטענס, דאס איבעריגע פון מיין פערמעגען, דיא זיעבען הונדערט פופציג טויזענד פראנק צוזאמען מיט מיין הויז אין רענענט סטריט און אלעם וואס איז דארין, געהט אין דעם בעזיטץ פון מיין גענאנטען פריינד ברעמאָנט פיר זיינע מיהע וועלכע ער נעהמט זיך אויסצוגעפינען מיין שוועסטער. פיערטענס, דיא איבערגאבע פון מיין פערמעגען ווערט דורכגעפיהרט דורך הערן ריטשארד סאנגסבי, אדוואָקאט, פונקט אין א יאהר ארום נאך מיין טויט. פינפטענס, אויב איינע פון מיין שוועסטערס טעכטער איז טויט, בעקומט דיא איבערלעבענדע איהר טהייל אויך. זעכסטענס, אויב זיי זיינען ביידע טויט געהט מיין גאנצעס פערמעגען איבער צו מיין פריינד ברעמאָנט. זיעבענטעס, אום מיינער שוועסטער דיא שאנדע צו ערשפּארען בעט איך מיין פריינד ברעמאָנט, ער זאל דיא נאכפארשונגען וועגען איהר אונגעזעצליכע טאכטער סימאָנע פיהרען פערזענליך און גאנץ געהיים. געגעבען אין לאנדאן, דען 20-טען אויגוסט, 1876.

ארמאנד דהארוויל.

איין זאנדערבארער שמייכעלע האט געשפּיעלט אויף דיא ליפּען פון דעם יונגען מאן אלס ער האט דאס דאקומענט דורכגעלייענט.

— א וויכטיגעס פּאפּיער, האט ער געמורמעלט גאנץ צופריעדען. דאס וועט מיר איינבריינגען מילליאנען. לאמיר זעהען וואס שטעהט דא אין דיא אנמערקונגען ביי דעם טעסטאמענט:

„ערשטע אנמערקונג, אזוי וויא איך האב מיין שוועסטער געהאלטען פיר פעהיג, דאס זיא קען אומבריינגען איהר אונגעזעצליכעס קינד, האב איך דאס קינד פון איהר נעלאזט צונעהמען דריי טעג נאך זיין געבורט, און האב עס איבערגעגעבען צור ערציהונג אין וויקפּור-בריין, פראנקרייך, צו איינער פרוי קלאָדין שארוועט. דאס מעדכען, וועלכע האט ערהאלטען דעם נאמען סימאָנע דהארוויל, דארף יעצט אלט זיין 22 יאהר. ארמאנד דהארוויל.

„צווייטע אנמערקונג, אזוי וויא איך האב מיין שוועסטער שוין 10 יאהר ניט געזעהן און ניט געהערט פון איהר, ווייס איך ניט וואס פון איהר איז געוואָרען, אבער עס

www.libtoor.com.cn

וועט ניט שווער זיין זיא אויסצוגעפינען נאך איהר מאן לודאוויק ברעסאל, ארכיטעקט, וועלכער האט געוואהנט אין פאריז.

— איצטער קומט דאס וויכטיגסטע, האט דער יונגער מאן געמורמעלט. דאס געהערט שוין צו דיא לייטע פיר וועמען דאס דאקומענט איז בעשטימט: „ארמאנד דהארוויל איז געשטארבען דען 30טען דעצעמבער 1876. עס איז וויכטיג צו האבען אין זינען, דאס אויב דיא ביידע קינדער זאלען ניט אויסגעפונען ווערען ביז צו ענדע פון א יאהר, וועט דאס גאנצע פערמעגען פאלען אין דיא הענד פון *****V, וועלכער וועט עס פערטהיילען אין גלייכע טהיילען אונטער אלע *****. דיא נאכפארשונג איז זעהר נעטהיג".

דער יונגער מאן האט געשמייכעלט און זיין געזיכט האט אנגענומען א זאנדערבארען אויסדרוק.

— יעצט פערשטעהע איך אלעס! דער בוכשטאב V בעדייטעט אלזא 5 און דאס זיינען 5 הערען, פון וועלכע דער ערשטער איז „ווע" מיט 1 שטערן, דער צווייטער — מיט 2 שטערן, דער דריטער — מיט 3, און אזוי ווייטער. דער גרויסער מייסטער צופאל האט מיר געלאזט אויסגעפינען א גוטע שפור. 12 מיליאן מיט 750 טויזענד פראנקען — אויף מיך ווארט א היבשער גראשען! אה, מיינע הערען פון דיא פינף שטערנדלאך, איהר וועט מיר מיין חלק קובען מוזען געבען, איך האב איהם כשר פערדיענט! עס טרעפט א מענשען נור איין מאהל אין לעבען דיא געלעגענהייט צו מאכען זיין גליק, און דער איז א דומקאפ ווער עס בענוצט ניט דיזע געלעגענהייט.

ער האט צוזאמענגעפאקט דיא פאפירען אין א מאפע, וועלכע איז געלעגען אויפ'ן טיש און האט וויעדער גענומען דיא בריעף־טאשע אין האנד.

— יעצט דארף איך נאר זעהן דיא אריגינאלען גוט צו בעהאלטען. מען קען ניט וויסען וואס עס קען זיך מאכען.

ער האט נאכפארשענד ארומגעקוקט זיין צימער און האט זיך ענדליך ענטשלאָסען צו בעהאלטען דיא פאפירען צווישען דיא פעק אלטע זשורנאלען, וועלכע זיינען געלעגען אויף דעם אויבערשטען פאך, פון זיין ביכער־שראנק. דארטען איז געלעגען אזא בארג מיט שטויב דאס עס האלט קיינעם ניט איינפאלען דארט עטוואס צו זוכען. אלס ער האט דעם שראנק פערשלאָסען און האט אריינגעלייגט דעם שליסעל צו זיך אין דער טאשע האט עס געגעבען א קלונג פון הויז־גלעקיל. דער יונגער מאן איז געווארען עטוואס אויפגערעגט: „ווער קען דאס זיין?" האט ער געזאגט צו זיך אליין אביסעל דערשראָקען.

דיא גלאָקע איז וויעדער געצווינגען געווארען דריי מאהל איינס נאכ'ן אנדערען.

— אה, דאס איז אָקטאוויע! האט דער יונגער מאן געזאגט בערוהיגט און איז געגאנגען עפענען דיא טיהר.

## 5טער קאפיטעל.

## דער מערדער און זיין געליעבטע.

דער יונגער מאן האט געעפענט דיא טיהר און א הויך־געוואקסענע שלאנקע דאמע אין א זיידענעם קלייד און א העכסט־עלעגאנטען סאמעטענעם מאנטעל איז האסטיג אריין אין צימער.

www.libtool.com.cn

— אָה, דאס ביסטו! האט דער יונגער מאן געזאגט צומאכענדיג דיא טהיר.

— אזוי נעהמסטו מיך אויף! האט דיא דאמע אויסגעשריען אין העכסטען צארן, זיך שטעלענדיג איהם אנטקעגען, וואו ביסטו געסטערן פערשוואונדען געווארען? דוא זאגסט מיר צו, צו ווארטען אויף מיר אין קאפע דע־לא רענייסאנס ביז א פיערטעל צו 12 און דוא ווערסט מיט איינמאל פערשוואונדען! איך בין געפאהרען ביי נאכט דיך זוכען דא און ביי מיר צו הויז, ניטא קיין מאריס, פערשוואונדען מיין מאריס פון נאט'ס וועלט! איצטער לאזט דוא מיך צווי מאהל קלינגען און ווען דוא עפענסט מיר אויף, זאגסטו „אה דאס ביזטו!" דוא וועסט מיט מיר אזא שפּאס ניט טרייבען, זאג מיר וואו ביסטו געוועזען? ווילסטו ריידען?

— וויא קען איך ריידען, אז דוא לאזט מיך צום ווארט ניט קומען, דוא פיהרסט מיר דא אויף א סצענע פון אייפערזוכט, וועלכע האט קיין זינען און לאזט מיר קיין ווארט אריינריידען. איך פערזיכערע דיך, מיינע טהייערע, דאס איך האב אויף קיין אנדערער געווארט, אבער דיין בעזוך קומט מיר איצטער ניט צו דער ריכטיגער צייט.

— ווארום דען?

— ווייל איך מוז אוועקטראגען געשריבענעם מאטעריאל אין דיא רעדאקציאן, דוא ווייסט יא דאך, אז איך בין רעפּארטער.

— איך שפּיי אויף דיינע גאנצע רעפּארטעריי, קיינע דרייסיג טויזענד פראנקס איינקינפטע וועט עס דיר ניט בריינגען.

— אבער מען מוז דאך לעבען!

דיא דאמע איז דערווייל אריינגעגאנגען אין ארבייטסצימער.

— פייער אין קאמין און ליכט! האט זיא אויסגערופען, דוא האסט אלזא דעם גאנצען פריהמארגען געארבייטעט?

— אפילו א שטיק נאכט אויך.

— דאריבער האסטו אן מיר פערגעסען?

מאריס, אזוי האט דער יונגער מאן געהייסען, האט געוואלט דיא בייזע געליעבטע אומארמען, זיא האט איהם אבער פון זיך אוועקגעשטויסען.

— ניין דוא זאלסט מיך ניט אומארמען ביז דוא וועסט מיר אפּגעבען רעכנונג וואו דוא ביסט געסטערן פערשוואונדען געווארען.

— פאר אלעם זעטץ זיך א ניעדער און מיר וועלען ריידען; אזוי! ער האט זיא מיט צארטער געוואלד אריינגעזעצט אין פאָטעל מיט דיא קליינע פיסלאך צו דעם ווארעמען קאמין.

— דוא טויגעניכטס, דיא מענער שמייכלען וויא קאטצען ווען זיי האבען א בייזעם געוויסען, האט זיא געזאגט מיט א האלב־פערצייהענדען טאן. איצטער דער־צייל, וואו ביזטו געוועזען? דוא ביסט פון מיר אוועקגעגאנגען האלב נאך 7 אוהר אבענדס.

— צו ערשט בין איך געגאנגען עסען ביי ברעבאנט און דערנאך האב איך ארום שפּאציערט איבער דיא בולווארדס.

— דאס איז ליגען! איך האב אויסגעלייגט אין קארטען און דיא קארטען האבען מיר געוויזען, אז דוא האסט געהאט צו טהאן מיט א בלאנדער.

www.libtool.com.cn

— חא חא חא! האט מאריס געלאכט, דיא קארטען זאגען אונזין! איך קען קיינע בלאנדע ניט ליידען.

— היינטיגען מאהל גיעב איך עס צו, ווייל דיא קארטען האבען מיר צופיעל געפלוידערט פון דיר. דיין קארט איז געפאלען צווישען דער דאמע פיק און דעם קעניג קארעו, מיט דער פיק־טויז צו דער רעכטער זייט און דיא פיק־צעהן צו דער לינקער, דער קעניג קארעו בעווייזט א רייזענדער, דיא פיק־טויז און פיק־צעהן בעווייזט פיעל אונאנגענעהמליכקייטין פיר דיך, ווייטער איז געוועזן דיא טרעף־טויז, דאס בעדייטעט געלד, דאס איז געלעגען צווישען קארעו־זיעבען און הערץ־זיעבען, דאס בעווייזט מארד, געפענגניס און נאד אזעלכע זאכען. היינטיגען מאהל גלויב איך דיר, ווייל פון אזעלכע פלוידערייען קען איך ניט קלוג ווערען. אבער נאך אמאהל, זאג איך דיר, וועסטו מיר אזוי לייכט ניט אפקומען.

וויא ניט שרעקענדיג מאריס איז געוועזן וועגען קארטען־ווארפעריי, האט ער דאך געפיהלט וויא א שוידער אלס אקטאוויע האט איהם אזוי צוטרעפענד אלעס געזאגט. ער האט אבער פון דעסטוועגען געלאכט, ווען אויך געצוואונגען.

— לייג אוועק דיא נארישקייט מיט דיא קארטען, האט ער געזאגט און זיי מיר מוחל דיא זינד וואס איך האב ניט בעגאנגען. איך בין פון דיא בולווארדס געגאנגען אהיים, ווייל איך האב פיעל צו ארבייטען געהאט, איצטער ערלויב מיר זיך אנצוקליידען.

— ווילסטו אויסגעהן?

— יא, איך מוז געהן אין רעדאקציאן.

— און איך האב דיך געוואלט איינלאדען צום פריהשטיק.

— איך נעהם אן דיא איינלאדונג פיר מארגען. היינט ברויך איך געלד און דארף אפנעהמען וואס מיר קומט.

— אה, דוא קענסט עס מארגען טהאן. אויב דוא דארפסט געלד נעטהיג קען איך דיר בארגען 25 לואידאר (20 פראנק־שטיקער).

— איך דאנק, פון פרויען נעהם איך קיין געלד ניט אן.

— וואס קען מען מאכען מיט אזא עקשן וויא דוא ביזט!

— ווען דוא ווילסט זיין זעהר ליעבענסווירדיג, געה בריינג פון מיין שלאפצימער א פרישעס העמד און שטעל אריין דיא קנעפלאך.

— וואו איז דען דיין אלטע דיענערין?

— זיא איז אוועקגעפאהרען בעזוכען איהרע פאמיליע אויף 8 טעג.

— זעהר גוט! איך וויל פערטרעטען איהר שטעלע.

אקטאוויע האט זיך לאבענדיג אויפגעהויבען און איז אריין אין שלאף־צימער, וועהרענד מאריס האט דערווייליע ארויפגעצויגען שטיעפעל און הויזען.

אקטאוויע איז געקימען אין פאריז אלס איין 17 יעהריגעס רייצענדעס מעדכען פון דער פראווינץ. ביי דעם הערן וואו זיא האט געדיענט האט זיא זיך געלאזט פערפיהרען און האט געבארען א קינד, וועלכעס איז נאך עטליכע מאנאטען געשטארבען. איינמאהל אויפן קרומען וועג איז זיא געפאלען דערנאך טיעפער, דען דיא לוסט צו לעבען ברייט האט זיך ביי איהר אויפגעוועקט, ביז זיא איז געווארען א בעקאנטעס

www.libtool.com.cn

מיטגליעד פון דער פאריזער האלב־וועלט. זיא האט געוואהנט גרויסארטיג, האט געהאט איין עקיפאזש מיט פערד, און האט געמאכט פיעל שולדען, און האט געהאט דיא אויסזיכטען צו בלייבען אמאל גאנץ ארעם און הילפלאז.

מאריס וואסייר, אזוי האט דער יונגער מאן געהייסען מיט'ן פולען נאמען, איז געוועזען בעגאבט און האט בעזעסען א שטארקע איינבילדונגס־קראפט, ער האט עס אבער בענוצט נור צום בייזען. דער וואונש רייך צו זיין, צו געניעסען, צו לעבען ברייט, האט אין איהם געברענט וויא א פייער. ער האט זיך פארגענומען רייך צו ווערען אום יעדען פרייז, ווען ער זאל אפילו איינשטעלען זיין לעבען, און ער האט זיין ווארט געהאלטען. ער האט זיך גערופען זשורנאליסט, ווייל ער האט מיטגעארבייטעט אלס רעפארטער אין עפעס א ווינקעל בלאט. איהם איז ניט אזוי פיעל געלעגען געוועזען אין פערדיענסט וויא אין דעם נאמען זשורנאליסט, וועלכע ער האט געפיהרט אויף זיין קארטע. ער האט קיין פערמעגען בעזעסען, ער פלעגט אבער יעדען מאנאט ערהאלטען א פענסיאן פון א פערזאן, וועלכע מיר וועלען שפעטער דערמאהנען.

אקטאוויע האט געליעבט מאריס'ן וויא דיא מייסטע פון דיזע פרויען פערשטעהען צו ליעבען, נאר צוליעב דער טהיערישער נייגונג צום גענוס. זיין ליעבע וויעדער איז געוועזען א קאפריז אדער אייטעלקייט. זיא פלעגט איהם נעהמען שפאציערען אין איהר עקיפאזש, זיא פלעגט איהם אומגעבען מיט לוקסוס און דאס פלעגט איהם שמייכלען. זיי פלעגען זיך אפט קריעגען, רייסען און אפילו שלאגען, פלעגען אבער באלד וויעדער גוט ווערען. דער גאנצער אונטערשיעד צווישען זיי ביידען איז געוועזען, דאס אקטאוויע איז ביי איהר גאנצער פערדארבענהייט געוועזען אפענהערציג מיט איהם, דאגעגען ער פלעגט איהר קיינמאהל זאגען מעהר פיעל יעדער מענש מעג פון איהם וויסען, ניט ווייל ער פלעגט איהר ניט געטרויען, נור ווייל דאס איז שוין אזוי געלעגען אין זיין נאטור, צו זיין פארזיכטיג, זיך צו היטען פון פערראטה.

מאריס האט זיך שוין געהאט ארומגעוואשען, צוגעקעמט, און אקטאוויע איז נאך אלץ ניט ארוים פון שלאף־צימער מיט'ן העמד.

— ביסטו פערטיג מיט'ן העמד? האט מאריס געפרעגט.

— ניין מיין ענגעל, האט אקטאוויע געענטפערט ארויסגעהענדיג פון שלאף־צימער.

— ווארום ניט?

— ווייל איך געפין ניט דיינע מאנשעטענקנעפ.

— וואהרשיינליך האסטו ניט גוט געזוכט.

— איך האב געזוכט אומעדום.

— זעה נאך אין דיא שאלען אויפ'ן שרייב־טיש, איך געדענק בעשטימט, אז איך האב זיי דארט אין איינע פון דיא שאלען אריינגעווארפען.

אקטאוויע איז צוגעגאנגען צום שרייב־טיש און האט ארויסגעווארפען פון א פאריאנסענע שאלע אלעס וואס איז אין איהר געלעגען: קנעפלאך, פעדערן, ציגארענשפיטצען און נאך אזעלכע זאכען.

— דא זיינען זיי! האט זיא אויסגערופען, ווען זיא האט אלעס דורכגעזוכט. אבער ניין! איך געפין מעהר ניט וויא איינעם.

www.libtool.com.cn

מארים איז געווען האלב ערשטוינט.

— דאס איז אונמעגליך, האט ער געזאגט.

— אבער עס איז דאך אזוי, קום, זעה אליין, דאס איז איינער פון דיא קנעפּ וואס איך האב דיר געקויפט צו דיין נאמענס־טאג און וואס זיינען דיר אזוי גוט געפאלען געווען.

דער קנאפּ איז ווירקליך געווען שעהן, ער האט געהאט דיא פארם פון הוף־אייזען (פאָדקאָווע) און 6 פיינע רובינען האבען פארגעשטעלט דיא 6 נעגיל.

— וואו האט דער אנדערער קנאפּ געקענט אהינקומען, האט מארים געפרעגט שטיל, ריידענדיג צו זיך אליין, האב איך איהם פערבערגט צוזאמען מיט מיין העמד? האב איך איהם פערלארען אויף'ן פער־לאשעז אדער אין וואגען?

— עס איז ניט שעהן פון דיר צו פערליערען א קנאפּ וואס איך האב דיר גע־שענקט, האט אקטאוויע געזאגט.

— מיר פערדריעסט עס נאך פיעל מעהר וויא דיר און איך וואלט גערן געגעבען דריי מאהל זיין ווערטה ווען איך זאל דעם קנאפּ צוריק קריעגען, לאמיר איהם זוכען.

אקטאוויע און מארים זיינען נעגאנגען אין שלאפצימער, האבען אויסגעזוכט אלע ווינקעלאך, האבען אבער קיין זאך ניט געפונען. מארים איז אזוי געווען ניעדערגעשלא־גען וועגען דעם פערלוסט, דאס אקטאוויע האט זיך געפיהלט זעהר געשמייכעלט דער־פון און האט איהם געטרייסט.

— עס זיך ניט אזוי אפּ דאס הארץ, דאס אונגליק איז ניט אזוי גרויס, האסטו אן אנדער פּאָר אנצוטהאן?

— יא; פערלמוטער קנעפּ.

— פערלמוטער קנעפּ! האט איהם אקטאוויע איבערגעקרימט, מיינסטו איך וועל דיך ארויסלאזען אין אזעלכע קנעפּ? דוא, נעהם מיינע, איך האב צו הויזע אנדערע. געפעלען זיי דיר?

מארים האט בעטראכט דיא קנעפּ, וועלכע זיא האט ארויסגענומען פון איהרע מאנשעטען: „פּראכטפאל!" רייך און איינפאך צוזאמען!

— איך שענק זיי דיר, מיין ליעבער.

— אבער....

— נאר קיין אבער און באסטא! איצטער ענדיג דיין טואלעט און דעם איינציגען קנאפּ וועל איך מיר נעהמען און וועל לאזען צומאכען איין צווייטען, ביי מיין יובעליר.

מארים האט איינגעווענדעט, ער האט אלעס בערעכענט אויף'ן טויזענדסטען פאל. ער האט דעם קנאפּ ניט געוואלט לאזען אין דיא הענד פון זיין געליעבטער, ווייל ווען דער אנדערער קנאפּ זאל געפונען ווערען אויף'ן פּערלאשעז אדער אין וואגען, קען ער זיין נענען איהם א שרעקליכער עדות, אבער זעהר שטארק זיך שטעלען דאגעגען האט ער אויך ניט געוואלט, דען אקטאוויע וואלט געווים איהם פערדעכטיגט איבער אזא מערקווירדיגע עקשנות, ער האט זיך דאריבער געמוזט נאכגעבען, וויא שלכט ער האט אויך דערביי געפיהלט.

www.libtool.com.cn

אקטאוויע האט איינגעוויקעלט דעם קנאפּ אין אַ שטיקעל פּאפּיער און האט איהם ארייגעלייגט צו זיך אין פּארטמאָנע.

— וואו איז דיין הוט און דיינע האנדשוה?

— אין שלאפצימער.

ביז אָקטאוויע האט ארויסגעטראגען פון שלאף־צימער דיא געגאַנטע זאכען האט מארים געעפענט א קליינע שופלאדע פון זיין שרייב־טיש און ארויסגעחאפּט א פּעקיל באנקנאָטען, וועלכע ער האט אריינגעווארפען צו זיך אין טאַשע פון איבערציהער; דאן האט ער אנגעטהאן דיא הוט און האַנדשוה, וועלכע אקטאַוויע האט איהם דערלאנגט, האט גענומען פון שרייב־טיש א פּעקיל פּאפּיערן און איז מיט אָקטאַוויע׳ן ארויס פון צימער. אונטען, אראפּגעהענדיג פון דיא טרעפּ, האט מארים איבערגעגעבען דעם שליעסעל פון זיין צימער צו דער אלטער הויז־מייסטערין, און איז איינגעשטיעגען אין דעם וואַגען, וועלכער האט אונטען געווארטעט אויף אקטאַוויען.

## 6טער קאפּיטעל.

## צוויי פון דיא פינף שטערן.

דיא לעזער געדענקען נאָך געוויס, דאס אין דער צייט וואס דער מאָרד איז ענטדעקט געווארען אויף דעם פּער־לאשעז, איז געוועזען דערביי א מאן אין א פיינעם פּעלץ מיט א ברייטען הוט, וועלכער האט זיך אינטערעסירט פיר דעם פּאָרפאל, און איז פערשוואונדען געווארען אזוי שנעל וויא דיא גרופּט איז געעפענט געווארען און ער האט א בליק געטהאן אויף דיא לייכע פון דער ערמאָרדעטער פרוי. דיזען מאן וועלען מיר מיט׳ן לעזער אביסעל נאכגעהן, וויל ער שפּיעלט א וויכטיגע ראָליע אין דער ערצעהלונג.

אלס ער האט א וואָרף געטהאן א בליק אויף דאס געזיכט פון דער ערמאָרדעטער פרוי איז ער אויפגעציטערט געווארען, און האט זיך דאן צוריקגעצויגען פון פּער־לאשעז לאנגזאם און רוהיג, וויא ער איז געקומען. קוים אבער איז ער ארויס פון טויער פון בית הקברות, האט ער אנגעהויבען צו לויפען מיט אזא האסט, וויא א יונגער מאן. דערזעהענדיג א פיאקער האט ער זיך אין איהם אריינגעזעצט.

— וואוהין? האט דער קוטשער געפרעגט.

— רוע בעראַנזשע. שטעלט זיך אפּ אויף דער עקע פון בולווארד־די־טאמפּל.

דער קוטשער האט א טרייב געטהאן זיין פערד און אין 10 מינוטען איז דער וואגען געוועזען דארט. דער מאן איז אויסגעשטיעגען, האט בעצאהלט דעם קוטשער, איז ארונטערגעגאנגען מיט רוע בעראַנזשע, און איז איינגעטרעטען אין דאס הויז נומער 18. דארטען איז ער דורכגעגאנגען א שמאָלען קארידאָר און איז אריינגעקומען אין א הויף און איז דאן ארויף אויף טרעפּ. אויפ׳ן דריטען עטאַזש האט ער געעפענט א טיהר מיט א שליעסעל און איז אריינגעקומען אין א דונקעלעס צימער, פון דארט איז ער אריין אין א שפּייזע־צימער און דאן אין א שלאָף־צימער, וואו עס איז געשטאנען א בעט, א טואלעט־טיש, און 4 שטוהלען. דיא פענסטער זיינען געוועזען האלב פערהאנ־

www.libtool.com.cn

גען. דער פארקעט איז געווען געמאָהלט אין גרויסע קאסטענס, עהנליך צו א קרומען דאמברעט.

דער מאן אין פעלץ האט פערשלאסען דיא טהיר, האט אָפגערוקט דאס בעט פון אָרט, האט זיך אוועקגעשטעלט ביין וואנד און האט עטוואס א דריק געטהאן מיט'ן האנד. דא האט עטוואס פאסירט וויא א וואונדער. דאס געמאהלטע קעסטיל אויף וועלכען ער איז געשטאנען, האט זיך אין גאנצען אראפגעלאזען, און איידער דער מאן איז פערשוואונדען געווארען האט ער נאך בעוויזען דאס בעט צו צורוקען אויפ'ן פריהעריגען פלאטץ. דער מאן איז געווען אין פאלשטענדיגער פינסטערניס. אבער ווען דער שמאלער פאהרשטול האט זיך אבגעשטעלט האט ער געגעבען א דריק איין מעטאלענעם קנאפ וואס ער האט אנגעטאפט מיט דער רעכטער האנד, א טיהר האט זיך געעפענט און עס איז ליכטיג געווארען. דער מאן איז אריין אין דיא עפענונג, דיא טיהר האט זיך הינטער איהם געשלאסען, און דער פאהרשטול האט זיך אויפגעהויבען אזוי גיך וויא ער האט זיך בעפרייעט פון דיא לאסט, און האט אויטאָמאַטיש צוגעמאכט דאס לאָך אונטערן בעט. דער מאן אין פעלץ האט זיך איצטער געפונען אין דעם עטאזש אונטער זיין וואהנונג, וועלכער האט אויך געהאט איין אויסגאנג אויף דעם בולווארד די טאמפל. דאס מיטעלע צימער פון דעם וואהנונג האט געהאט א מערקווירדיגעס אויסזעהען. עס איז גיכער עהנליך געוועזען צו א מאגאזין פון א מאכקעהענדלער, אלס צו א וואהנונג. דאָ זיינען געהאנגען ארום דיא וועגד קליידונגס-שטיקער פון אלע מעגליכע פארמען, פון דעם ארבייטערס-בלוזע ביז צו דעם סענאטאָרס פראק, פון דער לאנגער זופיצע פון א גייסטליכען ביז צו דעם צופליקטען ראָק פון א בעטלער, דיא קליידער פון דעם נידעריגסטען דיענער און פון דיא רייכסטע העררען. אין א גרויסען שראנק זיינען געלעגען אויף פעבער אלערליי פעריקען, שנורבארד, באקענבארד און נאך אזעלכע זאכען, אין איין אנדערן ווידער זיינען געלעגען אלערליי היטלען, מיטצען או קאַפעלושען פון אלע סאָרטען.

אין א מינוט האט דער מאן אראָפגעווארפען פון זיך זיין פעלץ און דיא קליידער, האט אָנגעטהאן א לאנגע זופיצע פון א גייסטליכען, א נידעריגען הוט מיט א ברייטען ראַנד, און האט אזוי פערקליידעט פערלאזען דאס צימער. ער איז אראפ צוויי עטאזשען און איז ארויס אויף בולווארד די טאמפל. א היבשע שטיקעל איז ער געגאנגען צופוס, דערנאך האט ער גענומען א פיאקר און איז געפאהרען מיט דיא בולווארדס ביז רוע גראמאנט. דארט איז ער ארויסגעשטיעגען פון פיאקר און איז ווידער געגאנגען צופוס ביז צום האָטעל דע פעיבא.

— וואו איז צימער נומער 17 ? האט ער געפרעגט א שווייצאר.

— דארט אויף דער טרעפע לינקס, האט איהם יענער געענטפערט.

דער פאלשער גייסטליכער איז ארויף דיא אנגעציינטע טרעפ, האט זיך אפגעשטעלט ביי דער טיהר וואס האט געטראגען דיא נומער 17 און האט אנגעקלאפט.

עס האבען זיך געלאזט הערען פון אינווייניג טריט און דיא טיהר האט זיך געעפענט. עס האט זיך בעוויזען דיא געשטאלט פון א מאן פון א יאהר 55, מיט גרויע האאר און מיט א גרויען לאנגען בארד. אלס ער האט דערזעהען דעם גייסטליכען, האט

www.libtool.com.cn

ער געמאכט איין העכסט־פערוואונדערטעם געזיבט און האט געזאגט: איהר האט געוויס א טעות מיין הערר.

— איך גלויב אז ניט, האט דער פריעסטער געענטפערט מיט א העפליכער פערבייגונג, דען איך וויל זעהען דעם הערן זשול טהערמים.

וויא דער אלטער האט נור דערהערט דיעזע שטימע האט ער ארויסגעלאזען איין אויסרוף פון פריידע און האט אויסגעשטרעקטביידע הענד צום גאסט.

— ווערדיע! האט ער אויסגעשריען.

דער גאסט האט שנעל צוגעלייגט דעם פינגער צום מויל, איז אריין אין צימער און האט צוגעמאכט דיא טיהר.

— וויא אונפארזיכטיג! האט ער געזאגט. ווייסט דוא דען ניט דאס דער נאמען „ווערדיע" דארף אזוי וויניג דערמאהנט ווערען וויא דיין נאמען „פיערר לאטירג".

— דוא ביזט גערעכט, אבער דיא פריידע דיך וויעדערצוזעהען האט מיך געמאכט פערגעסען אלע פארזיכטיגקייט. איך האב גאר ניט געהאפט אז דוא וועסט מיך בעזוכען.

— דוא ווייסט אלזא פון גאר ניט? האט ווערדיע געפרעגט.

— פון קיין זאך ניט! האט לאטירג געענטפערט. האט עטוואס אויסערגעוועהנליכעס פאסירט?

— קען מען דא ריידען אהן פורכט דאס איינער הערט אונז?

— קום אין מיין שלאפצימער, דארטען וועלען מיר קענען זיכער זיין דאס קיינער וועט אונז ניט הערען.

לאטירג האט אריינגעפיהרט זיין גאסט אין יענעם צימער און האט פערשלאסען דיא טיהר.

— דא קענסטו מיר גאנץ רוהיג אלעס זאגען. צוערשט דערקלער דיא אורזאכע פון דיין אונערווארטעטען בעזוך.

— ביסטו געסטערן געגאנגען צו קוראוויאו'ס גרופט?

— יא.

— ביסטו געוועזען אינוועניג?

— ניין.

— ווארום ניט?

— ווייל מיין שליסעל האט ניט געעפענט דיא טיהר, און איך האב געטראכט דאס וואהרשיינליך האסטו ערהאלטען א בעפעהל צו ענדערן דעם שלאס, און איך האב ערווארטעט אויפקלערונג דאריבער.

— האסטו קיין זאך ניט בעמערקט ארום דעם געביידע?

— גאר ניט. עס איז געוועזען קאלט און דונקעל, און איך האב קיינעם אויפ'ן בית הקברות ניט געזעהען.

— האסטו ניט היינט ביי נאכט, אדער היינט פריה געהאט דעם בעזוך פון א שליח פון לאנדאן?

— צו מיר איז קיינער ניט געקומען. אבער איך מוז דיר זאגען דאס דיינע פראגען מאכען מיך אונרוהיג. זאג ארוים גלייך, וואס געהט פאר?

www.hebrewbooks.org

— איך וויל דיר מאכען דיא זאכע קורץ. עס האט איינער אויסגעפונען דעם פלאַן וואו מיר פלעגען אניעדערלייגען אונזער קארעספאנדענץ, און עס איז אלזא דאַ נאך א מענש וואס ווייס אלע אונזערע געהיימניסע, מינדעסטענס דיא וואס בעציהען זיך אויף דאס לאנדאנער געשעפט.

— דוא דיינקסט אז דאס איז א פאליציסט?

— ניין, דאס ניט, זאנסט וואלט איך דיר גלייך געזאגט מיר זאלען פון דאנען פערשווינדען, דער מענש וואס בעזיצט אונזער געהיימניס שיינט צו זיין א פלינקער יונג. אום צו קריגען דיא הונדערט טויזענד פראנק און דיא פאפיערען, וועלכע איך האב פיר דיר אוועקגעלייגט, האט ער זיך אפילו ניט צוריקגעשראקען פאר א מאָרד.

— איין מאָרד! האט דער אלטער אויסגערופען האסטיג.

— יא, ער האט געטויטעט דיא פרוי, וועלכע האט אוועקגעטראגען אויף פער־לאַשעז דיא פאפיערן וואס איך האב ערהאלטען.

לאַטירג האט אויפגעשווידערט. „ער האט זשעני סטאַל ערמארדעט?“

— איך האב געזעהען דיא לייכע אלס מען האט אויפגעבראָכען דיא טיהר פון דער גרופט פאר דיא פאליציי. איך בין געווארען אונרוהיג וואס זשעניע קומט ניט און בין היינט פריה געגאנגען זעהען אויפ'ן פער־לאשעז און האב גראדע געטראָפען וויא מען האט ענטדעקט דעם מאָרד.

וועררדיע האט ערצעהלט אלעס וויא דארט איז צוגעגאנגען.

— זשעניע האט אלזא געבראכט מיט זיך וויכטיגע פאפיערען?

— יא.

— וועלכע זיינען עס געוועזען?

— מיטטהיילונגען פון לאנדאן און הונדערט טויזענד פראנק.

— און וואס איז געווארען מיט מיין בריעף וואס איך האב פארגעסטערן געלאַזען אויפ'ן אלטאר אין דער גרופט?

— איז געגנב'עט געווארען גלייך מיט דיא אנדערע פאפיערען.

— און וואס האסטו געזאגט וועגען דעם אבגעזאנדטען פון לאנדאן?

— איך האב דיר געמעלדעט דאס ער קומט אן ביי נאכט אום 1 אוהר און ברייננט וויכטיגע פאפיערן וועגען דיא ירושה פון ארמאנד דהארוויל, וועלכע וועט אהן צווייפעל ארייננפאלען אין אונזערע הענד.

— א ירושה?

— יא.

— א גרויסע?

— צוועלף מיליאן און אייניגע הונדערט טויזענד.

— טייפעל!

— א שעהנער גראשען, ניט אמת, ברודער?

— א קעניגליכעס פערמעגען! און דוא האסט פון דעם שליח גאר ניט געהערט?

— ניין.

— וואס קען דאס זיין, וואס איז פון איהם געווארען?

www.libtool.com.cn

— דער מערדער פון דער ארעמער זשעני סטאל האט פון מיינע פאפיערען גע־קענט ערפאהרען דיא אנקונפט פון דעם שליח, אפשר האט ער איהם אויך אריינגעחאפט אין זיין נעטץ.

— ווער קען אבער זיין דער שורקע?

— איך האב מיר שוין דעם קאפ צובראכען קלערענדיג.

— איז דער שליח פון לאנדאן א זיכערער מענש?

— זעהר זיכער, מישעל ברעמאנט געברויכט נור זיכערע לייטע. דער שליח איז קיין אנדערער וויא פינף־פיער (*), גוסטאוו פעריער, וועלכער הייסט אויך יאנאטהאן ווילד....

— איינס איז זיכער, אז זשעני סטאל איז פון איינעם נאכגעשפירט געווארען.

— דאס איז ריכטיג און אונבעגרייפליך.

— מיר שטעהען אלזא אין געפאהר פון דער פאליציי איבערפאלען צו ווערען? האט לאטירג געזאגט מיט אונרוהע.

ווערדיע האט געשאקעלט דעם קאפ:

— ניין, פון דער זייט האבען מיר ניט וואס מורא צו האבען, אונז אויסגעפינען איז אונמעגליך, אבער מען וועט זוכען דעם מערדער....

— און פאנגט מען איהם מיט דיא פאפיערן, דאן ווייס מען פון אונז אויך....

— דאס קען פאסירען, אבער מיר קענען דיא געפאהר פערמיידען. מיך אויס־צוגעפינען איז אונמעגליך, און דוא זאלסט ענדערען דיא וואהנונג און דעם נאמען. דוא האסט דאך פעססער?

— פון א האלב דוצענד לענדער, אך וועל מיך מאכען פאר א האלענדער. איך בין פון פאריז שוין 20 יאהר און האב קיין מורא ניט פאר'ן דערקאנען.

— עס טויג אויך ניט צו וואהנען אין א האטעל. דינג דיר א וואהנונג און וואהן פאר זיך.

— וואס קומט אבער ארויס דערפון, מיר זיינען מיאוס אריינגעפאלען! פינף און צוואנציג יאהר זיינען מיר אין קיין זאך ניט דורכגעפאלען, און פלוצלונג האבען מיר גע־פונען אונזער מייסטער. דאס איז ערגערליך.

— עט, מיר וועלען שוין מיט איהם פערטיג ווערען.

— אָה, ווען איך זאל איהם אריינקריגען אין מיינע פינגער! האט לאטירג אויס־גערופען און זיינע אויגען האבען ווילד אויפגעלויכטען.

— רוהיג, רוהיג, לאטירג! האט ווערדיע איהם צוגערופען.

— וויא קען מען דא רוהיג זיין ווען עס האנדעלט זיך אום 12 מיליאן פראנק? דאס מאכט אונגעפעהר צוויי און א האלב מיליאן אויף א טהייל! דאס וואלט אונזער לעצטעס געשעפט געוועזען און האלט אונז פערזיכערט אונזער לעבען אין רוהע, דאס מיר זאלען ניט דארפען ציטערן פאר דיא פאליציי, און וויא קען מען דא רוהיג בלייבען ווען מען בעדענקט דאס א שורקע צושטערט דאס אלעס!

(*) דער לעזער וועט זיך ערינערן דאס פינף־פיער בעדייטעט דער ציפער V מיט פיער שטערנדלאך, וואס האט בעצייכענט איינעם א געוויסען מיטגליעד פון דער באנדע.

www.libtool.com.cn

— איך בעדענק דאס אלעס, און בלייב דאך רוהיג. צו וואס נוצט אויפרעגונג און צארן, מיין פריינד? לאמיר נור זיין פארזיכטיג, איידער מיר זוכען אויס דעם גנב קענען מיר גאר נישט טהאן.

— ווען מיר איהם אמאל אויסגעפינען?

— איך גלויב בעשטימט.

— וויא איז עס מעגליך?

— גאנץ נאטירליך. אייב ער בענוגענט זיך מיט דיא הונדערט טויזענד פראנק, דאן צושטערט ער אלע פאפיערען און מיר האבען ניט פאר איהם וואס מורא צו האבען. אייב אבער ער וויל ציהען נוטצען פון דיא פאפיערען, וועט ער זיך דאך מוזען מעלדען צו אונז. מיר דארפען נור דערווייליע מיטטהיילען אלעס צו ברעמאנט אין לאנדאן, דאמיט ער זאל מאכען א קליינע ענדערונג אין דער דורכפיהרונג פון פלאן.

אין דעם אויגענבליק האט אין דעם פארדערצימער פון דער וואהנונג א קלונג געטהאן דאס גלעקיל.

— ווער קען דאס קלינגען? האט ווערדיע געפרעגט.

— פיעלייכט דער קעלנער, האט לאטירג געענטפערט. איך וועל געהן זעהען. דאס גלעקיל האט נאך א מאהל געקלונגען.

— אהא! זיי שיינען דארט קיין צייט ניט צו האבען, האט ווערדיע געזאגט און האט א טאפ געטהאן מיט'ן האנד אין דער טיעפער טאשע פון זיין פריעסטערליכע זופיצע אום צו זעהען אויב ער האט זיין רעוואלווער אין ארדנונג.

## 7טער קאפיטעל.

# דער אונערווארטעטער גאסט.

לאטירג האט געעפענט דיא טיהר און האט דערזעהען פאר זיך א יונגען מאן, וועלכער האט אראפגענומען דעם הוט צום גרוס, דאס איז געוועזען מארים וואסייר.

— איהר האט געוויס א טעות, מיין הערר? האט לאטירג געזאגט. דיעזע פראגע פלעגט ער וויעדערהאלען יעדעס מאהל ווען איין אונבעקאנטער פלעגט אנקלינגען.

— ניין, האט מארים רוהיג געענטפערט. דא איז צימער נומער 17, און איך האב דאך, דוכט מיר, דיא עהרע צו ריידען מיט העררן זשול טהערמים פון בריסעל?

— מיין נאמען איז זשול טהערמים, האט לאטירג געענטפערט גאנץ ערשטוינט. וואס מעהר ער האט דעם יונגען מאן בעטראכטעט איז ער אלץ מעהר איבערצייגט געוועזען, אז ער האט איהם נאך קיין מאהל אין לעבען ניט געזעהען.

— איך וויל אייך בעטען מיר צו ערלויבען א קורצע אונטערערדונג, האט מארים ווייטער גערעדט. איך האב מיט אייך צו בעשפרעכען זעהר א וויכטיגע זאך.

דער פאלשער זשול טהערמים האט אנגעהויבען צו קוקען אביסעל מיט חשד.

— דא מוז דורכאויס זיין א מיספערשטענדניס, האט ער געזאגט. איך רייז צו מיין פערגניגען און האב אין פאריז קיינע געשעפטען. איהר האט וואהרשיינליך צו מיר איין עמפפעהלונגס־בריעף פון א פריינד, זאנסט איז עס גאר ניט מעגליך דאס איהר

www.libtool.com.cn

זאלט מיר וואס האבען מיטצוטהיילען. זעהט נאר אויב איהר האט ניט פערוועכסעלט דעם נאמען.

— ניין, איך האב דעם נאמען ניט פערוועכסעלט, האט מארים געשאָקעלט מיט׳ן קאפּ. און אום אייך צו בערוהיגען און דיא זאכע קורץ צו מאכען וועל איך זאגען, דאס איך קום פון פינף־פיער, דעם לאנדאנער שליח, וועלכען איהר האט ער־ווארטעט.

ווען לאטירג האט דערהערט דיא ווערטער האט ער אויסגעשטעלט אויף דעם יונגען מאן א פּאָאר אויגען, פונקט וויא ער וואלט איהם וועלען דורכבויערן מיט׳ן בליק. מארים האט דעם בליק רוהיג אויסגעהאלטען.

— וואס זאל דאס בעדייטען? האט דער פאלשער טהערמים זיך געפרעגט. ער האט זיך אבער דאך ענטשלאָסען אריינצולאזען דעם וואונדערבארען גאסט אין צימער.

— קומט אריין, האט ער געזאגט. איך בין נייגעריג צו הערען וואס איהר האט מיר מיטצוטהיילען.

מאָרים איז איינגעטרעטען, האט זיך העפליך פערנייגט, און האט זיך שנעל ארומגעקוקט אין צימער.

— מיט וועמען האב איך דיא עהרע צו ריידען? האט לאטירג געפרעגט, בע־טראכטענדיג דעם פרעמדען מיט דער גרעסטער אויפמערקזאמקייט.

— דאס וועט איהר גלייך פון מיר ערפאהרען, מיין הערר, אבער פריהער ערלויבט מיר אייך צו שטעלען א קליינע פראגע.

— זעהר גערן, וואס איז אייער פראגע?

— וואס איך האב אייך מיטצוטהיילען איז פון דער גרעסטער וויכטיגקייט פיר אייך, און קיין אנדערער וויא איהר דארף עס ניט הערען, מעג מען אין אייער צימער ריידען אהן מורא פון איינעם אונטערגעהערט צו ווערען?

לאטירג האט געעפענט דיא טיהר פון זיין שלאף־צימער און האט געזאגט:

— ווען דאס איז דער פאל דאן קומט געפעליגסט אריין אהער; דא קענען מיר ריידען אונגעשטערט און אהן מורא.

מארים איז אריין אין צימער, האט זיך אבער באלד א ציה געטהאן צוריק אלס ער האט אינעווייניג דערזעהען א פריעסטער.

— טרעט רוהיג אריין, האט זשול טהערמים איהם בערוהיגט. דאס איז מיין פריינד אבבע מערים, וועלכער איז אויך דער אינטימער פריינד פון יענעם מאן, פון וועלכען איהר בריינגט מיר דיא מיטטהיילונג, פאר איהם האב איך קיינע סודות.

ווערדיע האט דעם יונגען מאן אנגעקוקט מיט אזא דורכדרינגענדען בליק, דאס ער האט זיך געפיהלט זעהר אונאנגענעהם; אבער ער האט זיך פארגענומען דורכצוּפיהרען א פלאן און ער האט זיך ניט געלאזען איינשרעקען פון אזעלכע זאכען. ער האט געמאכט קוראזש, און זיך פערנייגט פאר׳ן פריעסטער, וועלכער האט איהם זעהר קאלט אויף זיין גרוס געענטפערט.

— זעצט זיך, מיין הערר, און רעדט וואס איהר האט. האט איהם לאטירג געלאדען.

www.libtool.com.cn
— אבער איך האב אייך איז אנהויב געזאגט דאס מיינע מיטטהיילונג איז בע־שטימט נור פיר אייך אליין, האט מארים איינגעווענדעט.
— אבער אויך איך האב אייך דאך ערקלערט, אז דער הערר אבבע (גלח) איז מיין פריינד, פאר וועלכען איך האב קיין סודות ניט.
— דארף איך דערפון פערשטעהן דאס דער הערר אבבע איז אויך א מיטגליעד פון דיא פינף? האט מארים געפרעגט שוין גאנץ קאלטבלוטיג.
ווערדיע האט ביי דיא ווערטער אויפגעציטערט און אויף זיין געזיכט האט זיך בעוויזען איין אויסדרוק פון שרעק.
— דיעזער הערר איז געשיקט אהער פון פינף־פיער, האט לאטירג זיך געאיילט צו בערוהיגען זיין פריינד.
— פון פינף־פיער? האט ווערדיע אויסגרופען. פינף־פיער איז אלזא אין פאריז? און ווערדיע האט נאך מיט מעהר מיסטרויען און שרעק בעטראכט דעם יונגען מאן. מארים האט זיך געמאכט ניט־זעהענדיג, און האט געענטפערט גאנץ רוהיג: „ער איז אין פאריז".
— האט איהר איהם געזעהען?
— איך האב איהם געזעהען.
— ווארום איז ער אליין ניט געקומען? און וויא אזוי ניט ער אייך איבער א שליחות, וועלבע ער דארף אליין ברייננגען?
— ווארום? דער „דארום" איז זעהר איינפאך. פינף־פיער, דער לאנדאנער שליח מיט דעם נאמען יאָנאטהאן ווילד, איז טויט.
— טויט! האבען אויסגעשריען ווערדיע און לאטירג צוזאמען.
מארים האט געשאָקעלט דעם קאפּ: יא.
— און וויא איז ער געשטארבען?
— ער איז ערמארדעט!
— ערמארדעט! ער אויך! האט ווערדיע אויסגערופען. אָה, איך האב עס גע־פיהלט! עס איז נאך ווניג געוועזען דיא אונגליקליבע זשעניע! און דער מערדער? האט ער געפרעגט האסטיג, צוטרעטענדיג נעהענטער צו מארים'ן.
דער יונגער מאן האט געקוקט מיט א מאָדנעם שמייכעל, האט זיך פארנייגט פריהער צו ווערדיע, דערנאך צו לאטירג און האט דאן ארויסגערעדט מיט א טאָן אזוי קאלט וויא אייז: „דער מערדער בין איך".
— איהר? האבעןביידע אויסגערופען.
— וויא איך זאג אייך.
— עלענדער שורקע!
דיא לעבער פון צוויי רעוואלווערן זיינען אין איין אויגענבליק געוועזען אנגעשטעלט אויף דיא ברוסט פון דעם יונגען מאן. ער האט זיך אבער אפילו א קרים ניט געטהאן. ער האט געצוקט דיא אכסלען און געלאכט:
— דיינקט איהר מיך איבערצושרעקען? האט ער געפרעגט. דאס וועט אייך גאָרניט העלפען, רעווייס ניט געראָטהען, דען איך ווייס גאנץ גוט, אז איהר וועט אזא נארעשקייט ניט

www.libtool.com.cn
בעגעהן מיך אומצובריינגען דא אין צימער. דאס קען אייך נאך אנמאכען פיעל אונאנ־נעהמליכקייט, און איהר קענט נאך דורך דעם אריינבריינגען אין בעם דעם הערן מי־שעל ברעמאַנט, דעם פערוואלטער פון באנקיר דהארוויל'ס פערמעגען אין לאנדאן, פון וועלכען יעדער וועט קריגען מעהר אלס 2 מיליאן — —

— איהר ווייסט אלזא אלע אונזערע געהיימניסע, האט איהם ווערדיא אונטער־בראָכען.

— נוא, געוויס! ווענינגסטענס דיא וועלכע געהערן צום לאַנדאנער געשעפט.

— און איהר קומט אליין זיך איבערגעבען אין אונזערע הענד? האט לאטירג געפרעגט.

— יא, מיינע הערען, און איך האָף אז מיר וועלען איינער דעם אנדערן זעהר גוט פערשטעהן. איך וויים אז איהר ברענט פאר נייגירדע צו ערפאהרען, וואס פאר א נייעס יאָנאטהאן ווילד האט אייך געפיהרט פון לאָנדאן; דערפון וועלען מיר באלד ריידען.... פריהער אבער וויל איך אייך זאגען עטליכע ווערטער פון זיך אליין, דאמיט איהר זאלט וויסען מיט וועמען איהר האט צו טהאן און וועגען וואס דא האנדעלט זיך.... לייגט אריין אייערע רעוואָלווערן צוריק, צו וואס נוטצען זיי אייך דא.... אלזא איך וועל אייך אנהויבען מיט א קליינע פאָררעדע.

ווערדיא און לאטירג האבען לאנגזאם אריינגעלייגט זייערע רעוואלווערן אין זייערע טאשען און האבען אנגעקוקט זייער יונגען גאסט פונקט וויא חדר=אינגלאך קוקען אויפ'ן רבי'ן.

— ווען איך בין געבאָרען געווארען, — האט מאריס אנגעפאנגען — בין איך זעלבסטפערשטענדליך אייך אוועקגעשטעלט געווארען, וויא אלע מענשען, אויף צוויי וועגען, איך זאל מיר איינעם אויסקלייבען, דעם גוטען אדער דעם שלעכטען וועג. איך האב מיר אויסגעקליבען דעם שלעכטען. וואו און וויא איך בין געבאָרען געווארען וויים איך עד היום ניט, אבער איך גערדיינק אז איך בין אויפגעוואכסען ביי א פרעמדע פרוי אין שטוב, וואו עס זיינען געוועזען אייגענע זעקס קינדער. ווער מיין מוטער איז וויים איך ניט. קלעפ האב איך געקראָגען פיעל מעהר וויא עסען, און וועגען מיינע זיטליכע ערציהונג האט זיך קיינער ניט בעקימערט. איך בין געוואכסען וויא איך האב געוואלט, און צו צוואנציג יאהר, ווען איך האב געענדיגט דיא שולע, האב איך געהאלטען עהר־ליכקייט אדער פאר דומהייט, אדער פאר פערשטעלונג. דיא פרוי וואס האט מיך אויסגעהאָדעוועט האט זיך מעהר וועגען מיר ניט געקימערט, אויסער וואס זיא פלעגט מיר צו געוויסע צייטען געבען א קליינע סומע געלד. נעהמען זיך צו איין ארבייט אדער צו א געשעפט — דערצו בין איך געוועזען צו פויל, און צו געשייט. איך האב געזוכט מיין גליק אויף אנדערע וועגען, האב מיך גענומען צום שפיעל, צום שווינדלען, און ביי מיין געשיקטליכקייט איז מיר געלונגען צו לעבען דערפון ניט שלעכט. אבער אזא לעבען איז מיר נמאס געווארען. וואס איז דאס פאר א לעבען ווען איך דארף ציטערן, דאס דיא קלענסטע אונגעשיקטליכקייט גיט מיר אריין אין דיא הענד פון דער פאליציי, און דאן בין איך פערלארען. איך האב געוואלט געפינען אזא אונטערנעהמונג וואס זאל מיך מיט איין שלאג מאכען צום רייכען מאן, און איך האב געוואַרט אויף א צופאל. דיזער

www.libtool.com.cn

צופאל איז מיר ווירקליך אויך געקומען צו דער האנד און האט מיך אריינגעפיהרט אין א געהיימניס, וועלכעס קען ברייגנען א גרויסען פארטהייל. איך האב געמוזט אפפערן א מאן און א פרוי אום דאס געהיימניס צו קריעגען, און איך האב עס געטהאן אהן ישוב הדעת, אבער דאך אזוי, דאס דיא פאליציי וועט מיך אויף קיין פאל ניט ענטדעקען.... איצטער, מיינע העררען, קאנט איהר מיך אין גאנצען וויא איך בין. איך טרעט אין דיא שטעלע פון דעם לאנדאנער שליח וואס איך האב אוועקגעראמט פון וועג, און ברייגנג איבער אנשטאט איהם דיא פאפיערען, וועלכע ער האט געזאלט איבערגעבען אויפ'ן באהנהאף אן זשול טהערמים. דאס איז דער צוועק פון מיין קומען אהער.

מארים איז ענטשוויעגען געווארען, און האט געווארט אויף אן אנטווארט פון דיא ביידע הערען. אין דער צייט וואס ער האט אזוי גערעדט, דערצייילענדיג פון זיינע שרעקליכע פערברעכען מיט א ציניזמוס (גראבקייט) און מיט א קאלטבלוטיגקייט, וועלכע איבערשטייגען אלעס וואס מען קען זיך פארשטעלען, האט איהם ווערדיע בעטראכטעט מיט ערשטוינען, כמעט מיט ערשטארונג. לאטירג דאגעגען האט איהם אנגעקוקט מיט דער גרעסטער נייגירדע, דיא פיינע מאניערן, דיא עלעגאנטע ערשיינונג, דיא שעהנע ציגע פון געזיכט און דיא זאנפטע אויגען מיט דער וואהלקלינגענדער שטימע פון דעם פאריזער באנדיט האבען פיר איהם געהאט עטוואס אנציהענדעס. ער האט אין איהם געזעהען איין אויסער־געוועהנליכען פערברעכער פון אונטערנעהמונגס־גייסט און אינטעליגענץ, פון וועלכען מען קען ערווארטען וואונדער.

— וויא אזוי האט איהר אויסגעפונען דיא שפור פון אונזער געהיימניס? האט איהם לאטירג געפרעגט.

— דאס וויל איך אייך גלייך ערקלערן, ווען איהר פערלאנגט עס מיינע הערען, אבער פריהער דיינק איך וועט עס אייך אינטערעסאנט זיין צו ערפאהרען וואס איך האב געטהאן מיט אייערע פאפיערען פון קוראוויאוו'ס גרופט וויא אויך מיט דיא וואס איך האב אפגענומען פון הערן יאנאטהאן ווילד; דא האט איהר זיי אלע.

מיט דיא ווערטער האט ער אויפגעעפענט דעם פאק פאפיערען, וואס ער האט מיטגענומען פון צו־הויז און האט עס איבערגעגעבען ווערדיע, און האט דאן צוגעזעצט: „איך מוז אייך אויך אפגעבען דיא הונדערט טויזענד פראנק, וועלכע זיינען בעשטימט פיר זשול טהערמים; דא זיינען זיי“.

און מארים האט אוועקגעלייגט א פעקיל באנקנאטען אויפ'ן טיש.

לאטירג און ווערדיע האבען אויפגעעפענט דיא מיילער פאר ערשטוינונג.

— איצטער שטעהט דיא זאכע אזוי, האט מארים קאלטבלוטיג פארטגעזעצט. איך האב צוויי פערזאנען אומגעבראכט אום אריינצוקריעגען אייער געהיימניס אין מיינע הענד, און דיעזער דאפעלטער מארד וועט אייך זיין א גוטע גאראנטיע דאס איך וועל אייך ניט פערראטהען. איך האב מיך אריינגעגעבען אין אייערע הענד. ווען איך זאל וועלען פערקויפען אייער געהיימניס צו וואלענטין דהארוויל, דאן וואלט איין ווארט פון אייך מיך ברייגנען אויפ'ן עשאפאט, און דאס דארף איך אייך ניט זאגען דאס איך האב גאר קיין חשק ניט איצטער אזא רייזע צו מאכען. דאס איך האב זעהר איין

www.libtool.com.cn

אויסגעברייטעטען געוויסען, א זיכערע האנד און דיא נעטהיגע ענטשלאסענהייט, אייך צו העלפען און אוועקצוראמען פון וועג דיא יורשים פון דהארוויל — דאס דארף איך אייך ניט זאגען. אזוי וויא איך האב דעם געעהרטען הערן יאנאטהאן ווילד אוועקגע־שיקט אין א בעסערע וועלט, פעהלט איצטער איין מיטגליעד אין דער געזעלשאפט פון דיא פינף. דיא מיליאנען פון דעם פערשטארבענעם דהארוויל האבען פיר מיך א גרוי־סען רייץ. איך האב אימער געהאפט אלס מיליאנער צו לעבען און צו שטערבען. איך האב אלע מעלות, וועלכע זיינען נעטהיג אום דיא פלענער פון מישעל ברעמאנט דורכ־צופיהרען, און איך וועל עס אויך טהאן, אבער מיט דער בעדינגונג, דאס איהר זאלט מיך אויפנעהמען אנשטאט דעם טויטען אין דעם בונד פון דיא פינף.

לאטירג האט פאר בעוואונדערונג ניט געקענט ריידען, ער האט געשמייכעלט.

— איהר זייט זעהר פערוועגען! האט ווערדיע געזאגט.

— זעהר ריכטיג, האט מאריס געענטפערט. אבער דיא פערוועגענהייט מאכט מעגליך דאס אונמעגליכע.

— איהר ערקלערט אייך בערייט נאכצופארשען נאך דיא ביידע קינדער פון וואלענטין דהארוויל, דעם פערשטארבענעם דהארוויל'ס שוועסטער?

— יא.

— און איהר ווילט נעהמען אויף זיך דיא ירושה פריי צו מאכען?

— געוויס; דיא ערבינען (יורש'טעס) צו בעזייטיגען.

לאטירג און ווערדיע האבען זיך אנגעקוקט.

דער אבבע מעריס האט ניט־ווילענדיג אויפגעשוידערט, אלס ער האט דיזען יונגען מאן פון קוים 24 יאהר, מיט דעם אפענעם געזיכט, שעהנע מאניערן און אנגע־נעהמע שטימע געהערט ריידענדיג פון ערמארדען צוויי יונגע מיידלאך מיט דער זעלבער רוהע וויא ער וואלט ריידען פון אנצינדען א ציגאר.

— האט איהר געליעבטע? האט ער מאריס'ן געפרעגט.

— אין דעם אויגענבליק האב איך נור איינע.

— זייט איהר זעהר געטריי?

— זיא איז זעהר שעהן און האט מיך ליעב, אבער ווען עס וועט נעטהיג זיין קען איך זיא אויך בריינגען צום אפפער.

— מיר וועלען פון אייך קיינע אוננעטהיגע אפפער ניט פארדערן, האט ווערדיע געזאגט מיט א שמייכעל. אבער איהר זאלט קיינמאהל ניט פערגעסען, דאס דיא פרוי איז מייסטענטהיילס דיא אורזאכע, דורך וועלכע דער מאן פאלט אריין. אלע וועלכע האבען זיך געהאלטען פיר אונבעזיעגבאר זיינען מייסטענטהיילס געפאלען דורך פרויען.

— פון דער זייט איז ניטא וואס מורא צו האבען, האט מאריס געענטפערט. אזוי שנעל וויא זיא קען ווערן געפעהרליך פיר מיך, ברעך איך מיט איהר. איהר זעהט אלזא דאס איהר האט אין מיר א מאן מיט א פעסטער האנד און א פעסטען הערצען, וואס ווילם איהר נאך? ווען איהר וועט מיך האבען אויפגענומען אין אייער בונד, וועל איך עס אייך בעווייזען. יעצט ענטשליעסט אייך!

www.libtool.com.cn

— נאך א פראגע, האט ווערדיע געזאגט. איהר האט פריהער געזאגט בעשטימט אז דיא פאליציי וועט אייך אויף קיין פאל ניט געפינען.

— איך בין זיכער אז ניט.

— וויא אזוי זייט איהר צו דעם פערברעכען געקומען? ווער האט אייך געבראכט אויף דיא שפור פון אונזער געהיימניס?

— איהר אליין, הערר אבבע מעריס!

— איך?! האט ווערדיע אויסגערופען וויא געטראפען פון א בליטץ.

— יא.

— דאס איז אונמעגליך!

— פריהער הערט, דערנאך וועט איהר זאגען אויב דאס איז מעגליך אדער ניט. דאס איז געוועזען מיט נייון טעג צוריק, אין וואלד פון וועססען, געדיינקט איהר?

— ניין.

— דאן וועל איך אייך דערמאהנען, איהר האט געלייענט א בריעף און... ווערדיע איז אויפגעשפרונגען.

— איך האב דעם בריעף צוריסען אין קליינע שטיקלאך, דאס ווייס איך גענוי.

— גאנץ ריכטיג.

— אויך בין איך געוועזען גאנץ אליין.

— דאס ניט, האט מאריס געענטפערט. דען איך בין געזעסען ניט ווייט פון אייך, הינטער א גרופע בוימער, און האב ערווארטעט מיינע אקטאוויע. איך האב ניט געהאט וואס צו טהאן און האב געקוקט אויף אייך וויא איהר האט געלעזען דעם בריעף. דיא ארט און וועיזע וויא איהר האט עס געלעזען איז מיר אויפגעפאלען, איהר האט געזוכט מיט דיא פינגער אין בריעף און פון צייט צו צייט האט זיך אויף אייער געזיכט געוויזען איבערראשונג און פריידע. ווען איהר האט דעם בריעף צוריסען און איהר זייט אוועקגעגאנגען, איז מיר ארויף אויפ'ן געדאנקען וואס איך האב געהערט פון א קלוגען מאן, דאס א בריעף וואס איינער צורייסט נאכ'ן לעזען אין קליינע שטיקלאך און צושטרייט דיא שטיקלאך, האט אין נייון פעלע אונטער צעהן געוויס ענטהאלטען א וויכטיגע געהיימניס. געלאנגווײלט האב איך מיך סיי־וויא־סיי, און איך האב מיר גענומען צוזאמענקלייבען דיא קליינע שטיקלאך. שעהנע עטליכע שטונדען ארבייט האט עס מיר געקאסט צו הויזע ביז איך האב דיא שטיקלאך צוזאמענגעקלעפט אויף א פאפיער וויא עס געהער צו זיין.

— אבער דער בריעף האט דאך ענטהאלטען גאנץ אונבעדייטענדע זאכען, האט ווערדיע געזאגט.

— יא, אויפ'ן ערשטען אויגענבליק. אבער דאן האב איך מיך געפרעגט, צו וואס האט איהר אזא אונבעדייטענדען בריעף גהדארפט אזוי זארגפעלטיג צורייסען אין אזעלכע קליינע שטיקעלאך. איך האב מיך אנגעהויבען צו צוקוקען נעהענטער און האב צופעליג בעמערקט, דאס מאנכע ווערטער אין דעם בריעף האבען איבער זיך א פאר פינטלאך, וויא פון א שפריץ מיט א פעדער. איך האב דיעזע ווערטער געפרופט איבערשרייבען און מיר איז ארויסגעקומען פאלגענדער אינהאלט: גרויסארטיגעס געשעפט. דיא

www.libtool.com.cn

קאָרעספּאָנדענץ זאָל געפיהרט ווערן וויא אימער דורך קוראוויאָווס גרופּט, אויף פּער־לאשעז מיידעט זיך אויס, און עס וועט קיין איבערראשונג מעגליך זיין. דער שליח פון לאנדאן * * * V וועט באלד זיין אין פּאריז.

מאָריס האט דיעזעס געלייענט פון א פּאפּיער, וועלכעס ער האט יעצט אוועקגעלייגט פאר ווערדיע אויפ'ן טיש מיט דיא ווערטער: „דא האט איהר אייער צוריסענעם בריעף“.

— דאס איז וואונדערבאר! האט לאטירג געזאגט בעטראכטענדיג דיא צוזאמענגעקלעפּטע שטיקלאך.

— אונגלויבליך! האט ווערדיע מסכים געוועזען.

— איהר וועט צוגעבען, האט מאריס ווייטער גערעדט, דאס אזא בריעף האט דערוועקט מיינע נייגירדע אין העכסטען גראד. פאָר אלעם האב איך מיר פאָרגענומען אויסצוגעפינען קוראוויאָוו'ס גרופּט. עס איז געוועזען ניט גאנץ לייכט, אבער אימער אויספיהרבאר. איך האב מיר צוגעשניטען מיינע האר און מיין באָרד אויף דעם ענגלישען מאניער, האב מיך אנגעטהאן וויא איין ענגלישער טוריסט און בין געגאנגען צום פּער־לאשעז. דארטען האב איך מיך געווענדעט צו איין אויפזעהער אין א אומגעלומפּערטען פראנצויזיש מיט איין ענגלישען אקצענט און מיט ענגלישע שטיקלאך אונטערגעמישט, און האב איהם געבעטען צו בעטראכטען דיא מערקווירדיגקייטען פון דער טויטער שטאדט. דער מאן איז געוועזען אפילו אביסעל פערוואונדערט איבער אזא פערלאנגען אין מיטען ווינטער, אבער פון איין ענגלענדער איז עס געוועזען צו ערווארטען. ער האט מיר געגעבען איין פיהרער וואס איז מיט מיר געגאנגען פון איין בעריהמטען קבר צום אנדערן. ער האט מיר שרעקליך געלאנגווײלט מיט זיינע ערקלערונגען, און איך האב יעדעס מאל געפיהלפאל צוגעברומט: „אָה, יעס!“ ענדליך האב איך איהם געגעבען צו פערשטעהן, אז איך וואלט וועלען זעהען דיא פאמיליען־גרופּט פון דיא גראפען קוראוויאָוו. ער האט מיך אהין צוגעפיהרט און האט מיר דערביי דערצעהלט א זעלטענע געשיכטע, וויא אזוי דיא גרעפין איז ערמארדעט געווארען פון א בעקאנטען מערדער, און דאס דיא לייכע פון דער גרעפין איז דא געלעגען א יאהר און איז נאכהער איבערגעפיהרט געווארען נאך רוסלאנד.

ביי דיא לעצטע ווערטער פון מאריס האט לאטירג אויפגעציטערט און האט זיך איבערגעקוקט מיט ווערדיע.

— איך האב מיין פיהרער בעצאהלט 10 פראנקען און בין מיר געגאנגען מיין וועג. דעם נעכסטען טאג האב איך אפּגעדריקט דאס שליעסעל־לאך פון קוראוויאָוו'ס גרופּט אין וואכס. אויפ'ן דריטען טאג האב איך שוין געהאט א שליעסעל און בין שוין געוועזען אינעווייניג. אויפ'ן פיערטען טאג האב איך שוין געהאט א שליסעל צום קליינעם טעמפּעל וואס שטעהט אויפ'ן אלטאר אין דער גרופּט, און פון דאן אָן האב איך יעדען טאג געלייענט דיא קאָרעספּאָנדענץ, וועלכע איהר האט געפיהרט דורך דיא גרופּט. איך פלעג עס דורכלעזען און זארגפעלטיג אוועקלייגען צוריק אויפ'ן ארט, דאס קיינער זאל ניט דערקענען.

— אבער ווארום האט איהר ערמארדעט דיא ארעמע פרוי, וועלכע האט אונ,

www.libtool.com.cn

געדיענט אלס איבערברייננגערין פון אונזער קאָרעספּאָנדענץ? האט ווערדיע געפרעגט.

— דאס האב איך גאר ניט בדעה געהאט; דער טויט פון דער ארמער פרוי האט מיר קיין פארטהייל געבראכט, אבער דורך איין אונגליקליכען צופאל בין איך דערצו געצוואונגען געווען, אום 3 אוהר נאכמיטאג בין איך וויא געוועהנליך ארייננעגאנגען אין דער גרופט, אום צו לעזען דעם בריעף וואס הערר זשול טהערמיס האט דארטען דעם אבענד פריהער אניעדערגעלעגט. וויא איך שטעה אזוי ביים עפנען דאס טעמפּעלע הער איך וויא אין טהיר דרעהט זיך א שליעסעל, איך האב מיך א ווארף געטהאן הינטערן אלטאר מיך צו פערשטעקען, אבער עס איז שוין געוועזן צו שפעט. דיא פרוי איז ארייננעגאנגען, האט מיך דערזעהען און האט געטהאן א געשריי פאר שרעק, דא האב איך מורא געהאט אז מיין גאנצער פּלאן זאל ניט צושטערט ווערען, האב איך מיך אויף איהר א ווארף געטהאן און האב איהר פערזעצט א שטויס מיט מיין דאלך. אבער דאנערוועטער, האט זיא זיך מוטהיג פערטהיידיגט! איך בין קוים מיט איהר פערטיג געווארען, דאן האב איך פון איהר גענומען דעם בריעף מיט דיא באנקנאטען און האב פערלאזען דיא גרופט. פארן אוועקגעהן האב איך אין שלאס ארייננעלעגט עטליכע שטיינדליך, דאמיט הערר זשול טהערמיס זאל ניט צו פריה ערפאהרען, דאס זיין געהיימניס איז פערראטהען. דאן בין איך געלאפען נאך הויזע און האב געלעזען דיא לעצטע נייעס פון דיא פינף. דארטען איז געווען אנגעצייגט אז זשול טהערמיס, דאס איין אבגעזאנדטער קומט פון לאנדאן, וועלכער וועט אויפקלערען אלעס. דיא געלעגענהייט איז געווען גינסטיג און איך האב בעשלאסען זיא אויסצונוטצען.

איך בין אוועקגעגאנגען נאך סאנט מאָד אוועניו און האב גענומען א פיאַקער, וועלכער איז געשטאנען ביי א וויינהאנדלונג און בין אוועקגעפאהרען צום נארד־באהנהויף, לאנג ווארטען האב איך ניט געדארפט, דער צוג איז באלד אָנגעקומען און איך האב דערקענט מיין מאן אן דעם ארם אין דער בינדע. איך בין איהם ענטגעגענגעקומען און האב איהם אנגערעדט מיט דעם ערקענונגסווארט. ער איז מיט פאלען פערטרויען געגאנגען מיט מיר אין פיאקער, וואס האט מיך ערווארטעט, אויפ'ן וועג נאך רוע מאנטארגע האב איך איהם געטעדט און האב צוגענומען דיא פאפיערען פון איהם. וואס ווייטער איז געווען ווייסט איהר שוין, יעצט בערעכענט אויב איך בין ווערטה אויפגענומען צו ווערען אין אייער בונד און ענטשליעסט אייך.

— איך מוז אייך מיין צוטרויען שענקען, האט לאטירג געזאגט איהם רייכענד דיא האנד, אייער ענטשלאסענהייט און ענערגיע געפעלט מיר.

— מוטהיג און ענטשלאסען זייט איהר! האט ווערדיע געמאכט דעם קאָמפּלימענט.

— אלזא, בין איך אייערער? האט דער יונגער מאן געפרעגט מיט פריידע.

— האלט, האלט! איהר געהט צו שנעל.

— וויא?

— איהר דארפט געדיינקען, דאס איך און טהערמיס זיינען נור צוויי און עס זיינען דא נאך צוויי אויסער אונז וואס האבען אויך א דעה. איהר קענט זיין דערוויילע אונזער ניטצליכער מיטארבייטער, ביז איך וועל מיך צוזאמענריידען מיט אונזערע

www.libtool.com.cn

אַדערע צווייא. לאַנג וועט עס ניט דויערן. אָהן זייא קענען מיר קיין נייען מיטגליעד אין אונזער בונד ניט אויפנעהמען, דאס איז איינער פון דיא וויכטיגסטע פאראגראפען פון אונזערע סטאטוטען. נעהמט איהר עס אָן דערווייל צו זיין אונזער מיטארבייטער?

— איך נעהם עס אָן.

— גוט. מארגען מאַכען מיר אונזער פּלאַן.

— דא האנדעלט זיך דאך וועגען אויסגעפינען דיא פאמיליע ברעסאָל און סימאָנע? האט מאָרים געפרעגט.

— נאטירליך, דיא נאָכפאָרשונגען מוזען אבער זעהר פאָרזיכטיג געמאכט ווע־רען. יעצט ערלויבט מיר נאָך א פראגע: דיא פּאפּיערען וואס איהר האט אונז דאָ פאָרגעלייגט זיינען נור קאָפּירט?

— יא.

— און וואו זיינען דיא אָריגינאלען?

— איך האב זייא בעהאַלטען.

— איהר טרויט אונז ניט, האט לאטירג געזאָגט לאַכענדיג.

— נוא, עס פערשטעהט זיך, איך האב אייך דאך ניט געקענט און בין מיך גע־גאנגען איבערגעבען אין אייעַרע הענד. פיללייכט קומט אייך אריין דער געדאנקען מיך אין גאנצען צו בעזייטיגען. דיא אָריגינאלען זיינען פיר מיך דאס בעסטע שוטץ־מיטעל. פיללייכט האב איך זייא פערזיעגעלט און איבערגעגעבען צו א דריטער פערזאָן מיט דער ביטע, דאס אויב איך קום ניט צוריק זאָל ער דערפון מאַכען א געברויך. איהר וועט דאך צוגעבען דאס איהר אויף מיין שטעלע וואלט אויך אזוי געהאנדעלט.

— איהר האט פאָלשטענדיג רעכט, האט ווערדיע געזאָגט. אבער דיא פּאפּיע־רען זיינען געפעהרליך אָן איהר מוזט זייא גוט בעהאַלטען. דיא קאָפּיען וויעדער וואָס איהר האט געשריבען ווילען מיר בעהאַלטען.

— איצטער טרויט איהר מיר ניט, האט מאָרים פון זיין זייט געלאַכט.

— איהר זייט פאָרזיכטיג פיר זיך און מיר פיר אונז. איצטער וויל איך אייך נאָך געבען א גוטען ראטה.

— איך זאָג אייך צו אין פאָראויס צו פאָלגען.

— בעהאנדעלט אינז אימער מיט דער גרעסטער אָפענהייט. ווען איהר זאָלט אונז וועלען א מאָהל אָפּנארען קענט איהר האבען א פּסק.

— דיא דראהונג איז איבריג ווייל עס איז אין מיין אינטערעסע דאס איך זאָל מיט אייך זיין אָפען און אויפריכטיג. בייא דיזער געלעגענהייט וויל איך אייך אויך פרעגען: דענקט איהר ניט דאס איינער קען דערקענען דיא לייכען אין מאָרג?

— ניין. זשעניע סטאל איז ערשט צווייא וואָכען אין פאריז און פלעגט אימער ארויסגעהן פאָרשלייערט. יאָנאטהאן ווילד איז שוין צוואנציג יאהר אין פאריז ניט געוועזען.

— וויא איז אייער נאמען, יונגער מאַן? האט ווערדיע געפרעגט.

— מאָרים וואסייר.

— איהר זייט 24 יאהר אַלט.

www.libtool.com.cn

— אונגעפעהר.
— איהר וואָהנט?
— אין רוע דע נאוואַרין, נומער 9.
— מאָרגען וועט איהר פון מיר עדהאַלטען א־פּאָר צייִלען, דורך וועלכע איך וועל אייך בעשטימען איין אונטעררעדונג, האט לאַטירג געזאָגט, נאכדעם וויא ער האט פער־צייכענט מאָריסעס אדרעסע.
— וואו? האט מארים געפרעגט?
— דאס ווייס איך נאָך אליין ניט.
— פאר וואָס ניט דאָ?
— ווייל איך מוז נאָך היינט דיזעס האָטעל פערלאַסען, דאס פאָדערט דיא פאָרזיכטיגקייט, און וואו מיין נייע וואוינונג וועט זיין ווייס איך נאָך ניט.
— האט איהר נויטהיג געלד? האט וועררדיע געפרעגט.
— יא, דען איך בין ארם, און דיא הונדערט טויזענד פראַנק האב איך אייך צוריקגעבראכט.
דער פאַלשער אבבע מערים האט אויפגעעפענט דאס פעקל באַנקנאָטען און האט אפּגעצעהלט מאָריסען פינף און צוואנציג טויזענד.
— האט איהר גענוג?
— אויף דערווייִלע, יא.
— דערווייִלע זאָלט איהר אויפמערקזאם זיין אויף דיא שריטע פון דער פּאָליציי און איהר זאָלט זעהר פאָרזיכטיג זיין.
— זייט גאַנץ רוהיג.
— פיר היינט האבען מיר אייך ניט מעהר צו זאָגען. אַלזאָ, אויף מאָרגען.
דיא ביידע מיטגליעדער פון דער געזעלשאַפט פון דיא פינף האבען געדריקט מאָ־ריסעס האַנד, וויא עס האט אויסגעזעהן, זעהר הערצליך, און מארים האט פערלאָזען דאס צימער 17 מיט א פרייליכען הערצען.
— יעצט בין איך אויפן לייטער, האט ער געמורמעלט אראָפּגעהענדיג דיא טרעפּ אין האָטעל דע פּעי־בא. איך וועל שוין אויבען דערגרייכען.
וועררדיע און לאַטירג זיינען נאָך געבליעבען א גאַנצע שטונדע צוזאַמען און האבען בעשפּראָכען זייערע געשעפטען, און דאַן איז וועררדיע אוועקגעגאַנגען.
אזוי שנעל וויא לאַטירג איז געבליעבען אליין איז ער געגאַנגען צום ביורא פון זיין האָטעל, האט בעצאהלט זיין רעכנונג און האט געשיקט רופען א פיאַקער. ווען דיא זאַכען זיינען געוועזען אויפגעלאַדען האט ער געהייסען דעם קוטשער פאָהרען צום ליאָנער באַהנהויף. דאָרטען האט ער איבערגעגעבען זיינע זאַכען אויף בעוואַהרונג און איז אליין אוועק צו פוס ביז צום פּלאַטץ פון באַסטיל, האט זיך געזעצט אין איין אָמניבוס (פערד־באַהן) וואָס געהט אויף דיא בולוואַרדס. בייא רוע בעראַנזשע איז ער אראָפּגעגאַנגען און איז אריין אין הויז וואו וועררדיע וואוינט.
— וואו וואוינט דאָ הערר מארטין? האט ער געפרעגט דעם קאָנסיערזש (פּאָר־טיער), הויזמייסטער).

www.libtool.com.cn

— אין געביידע אין הויף, דריטע עטאַזש, דיא טהיר לינקס, איז געוועזען דער אַנטוואָרט.

— איך דאַנקע, האט לאַטירג געזאָגט און איז אריין אין הויף.

---

פיר דעם לעזער וועט עס נויטהיג זיין צו וויסען, דאָס הערר מאַרטין איז קיין אַנדערער געוועזען אלס ווערדיע. דיזע וואוינונג אין הויף האט ער געהאַלטען אונטער דעם נאָמען מאַרטין. אבער פון דער אַנדער זייט הויז וואס געהט ארויס צום בולווארד, אויף דער צווייטער עטאַזש, האט געוואוינט אַ קליינער רענטיער מיט דעם נאָמען מאַרשע, וועלכער פלעגט לעבען זעהר צוריקגעצויגען, פלעגט זיך זעלטען ווייזען, פלעגט פּינקטליך צאהלען זיין רענט און האט געלעבט זעהר אַנשטענדיג. דיעזע וואוינונג האט עס ווערדיע פריהער פארלאָזען אלס גייסטליכער. וויא אזוי דאס קומט איז גאַנץ איינפאַך. מאַרטין און מאַרשע, וועלכע האבען בעוואוינט איין געביידע אבער צוויא עטאַשען, מיט צוויא פערשיעדענע איינגאַנגע, איז אייגענטליך געוועזען דיא זעלבינע פערזאָן, אַלץ דערזעלביגער ווערדיע. אבער ער איז קיינמאָל ניט אריין אין איין וואוינונג אין דיא זעלביגע קליידער און אין דיא זעלביגע פּאַרמאַסקירונג, וויא ער פלעגט ארויס דורכ'ן אַנדער זייט. וויא אזוי ער האט דיאביידע וואוינונגען קינסטליך פעראייניגט, דאס האט שוין דער לעזער געזעהן.

צו איהם איז דאס לאַטירג אריינגעגאַנגען, אבער פון דער מאַרטין זייטע. ער האט 2 מאָל שטיל געקלונגען און ווערדיע, וועלכער איז שוין איצטער געוועזען אָנגעטהאָן אין דיא קליידער וויא ער איז געוועזען אויפ'ן פּער לאַשעז, האט געעפענט דיא טהיר. אַ שטונדע האבען זייא ביידע וויעדער פערבראַכט צוזאַמען, און דאן איז לאַטירג וויעדער ארויס פון דער מאַרשע זייטע, אָנגעטהאָן אין אַ לאַנגע פּעלץ, מיט שווארצע גערדיכטע האָאַר עטוואס גרוילאך, און אַ זיידענע הויכע העט אויפ'ן קאָפּ. ווער עס האט איהם פריהער געזעהן וואָלט אין איהם אונמעגליך דערקענט דיא זעלביגע פערזאָן.

## 8טער קאַפּיטעל.

## דיא אונטערזוכונג.

דיא אונטערזוכונג פון דעם דאָפּפּעלמאָרד פון דער זייטע פון געריכט און פון דער פּאָליציי איז דערווילע געגאַנגען איהר וועג. דיא צוויא געהיימפּאָליציסטען זשאַדלן אין מאַרטעל זיינען געבליעבען אין מאָרג בייא דיא לייכען, וועהרענד דער אונטערזוכונגס ריכטער גיברייא, דער פּאָליציי דירעקטאר און דיא אַנדערע בעאַמטע זיינען דערווילע אריין אין אַ רעסטאָראַן ניט וויט פון מאָרג, אום צו פריהשטיקען און צו ווארטען ביז דער אונטערזוכונגס ארצט וועט קומען. אונטערהאַלטענדיג זיך איבער דעם דאָפּעלמאָרד, האט דער פּאָליציי-דירעקטאָר ארויסגעזאָגט זיין מיינונג, אז דער מערדער האט דערמיט אויכען געוועזען זיך נוקם צו זיין; דער געריכטס קאָמיסאַר האט געזאָגט, אז דער דאָפּפּעלמאָרד איז געוויס בעגאַנגען וועגען פּאַמיליען אַנגעלעגענהייטען. דער אונטערזוכונגס ריכטער גיברייא האט מיט ביידען ניט איינגעשטימט, און האט געזאָגט, אז דיא נאָכפאָרשונגען מוזען געהן אין אַ גאַנץ אַנדער זייט.

www.libtool.com.cn

— אבער נאך וועלכער? האט דער פאליצייזדירעקטאר געפרעגט. הערר גיברייי האט געמוזט צוגעבען, או דאס ווייס ער נאך אליין ניט.

פון דארט זיינען זיי געגאנגען נאך דער מאָרג און נאך אימער ערוואַרטענדיג דעם ארצט האבען זיי דערווייל אליין אונטערזוכט די ליכען נאך אמאהל, זשאדלע האט בעריכטעט, דאס אין דער קליינער וועסט-טאשע פון'ם ערמארדעטען, האט ער געפונען אין א קאָוועדט א צוזאמענגעלייגטען בריעף-בויגען לעערעם פאפיער, וועלכעס האט איז עטליכע ערטער געהאט קליינע איינשניטע. דאס איז בעטראכטעט געווארען אלס אונבעדייטענד און זשאַדלע האט עס אוועקגעלייגט צוזאמען מיט דעם בינטעל בלאנדע האאר וואס מען האט געפונען ביי דער טויטער פרוי אין האנד. דער צווייטער געהיימפאליציסט מארטעל האט אויך בעטראכט די ליכע פון'ם מאן און האט ענטדעקט, דאס אויף זיין לינקען ארם איז טעטאָווירט (איינגעשטאכען) א לארבער-קראנץ, צוויי געקרייצטע שווערדען מיט די ציפער 1849 אין מיטען. ער האט דארויף אויפמערקזאם געמאכט אלע בעאמטע.

— צו דערקענען דעם מאן איז דאס יעדענפאלס א גוטער סימן, האט דער פאליציי-דירעקטאָר בעמערקט.

— די צאהל בעווייזט געוויס דאס יאהר, ווען דער מאן האט זיך טעטאָווירט און די צוויי שווערדען בעווייזען, אז ער איז געווען א סאָלדאט, האט זשאדלע ערקלערט.

דערוויל איז געקומען דער געריכטסארצט, וועלכער האט גענומען אונטערזוכען די ליכען. נאכדעם וויא דער דיענער פון מארג האט ארומגעוואשען די וואונדען, האט דער דאקטאר פעסטגעשטעלט, דאס די וואונדען אין ביידע ליכען זיינען גלייך אין דאס זיינען וואהרשיינליך ביידע אָפפער געפאלען פון דערזעלביגער האנד און פון דעמזעלבען דאלך. אלס מען האט דעם דאקטאר מיטגעטהיילט די אויסזאגע פון קארע, דאס דער ערמארדעטער האט געהאלטען די לינקע האנד אין א בינדע, האט דער דאקטאר אינטערזוכט די האנד, האט אבער קיין זאך ניט געפינען, וואס זאל דעם ערמארדעטען גענייטיגט צו טראגען זיין האנד אין א פעטליע, דער אונטערזוכונגס-ריכטער איז געווען גאנץ ערשטוינט דאריבער.

ווען די אונטערזוכונג פון די ליכען איז געווען צו ענדע, האבען זיך די בעאמטע בעגעבען אין פיאקערס צו דער וויינהאנדלונג, אויף דער אוועניו דע סאנט-מאר, וואו דער מערדער זאל האבען געדונגען קארע'ס פיאקער.

אין עטליכע ווערטער איז דער ווירטה פון דער וויינהאנדלונג בעקאנט געמאכט ווארען מיט דער גאנצער זאכע און אויף די ערשטע פראגע, אויב ער געדיינקט נאך דעם פארפאל, האט ער געענטפערט:

— פאלשטענדיג! איך בין גראד ארויסגעגאנגען צומאכען די לאדען פון מיינע פענסטער האב איך דערזעהן א מאן, וועלכער האט בעטראכטעט די דריי פיאקערס וואס שטעהען ביי מיין טהיר, ווען ער האט מיך דערזעהען, איז ער צוגעגאנגען און האט מיך געפרעגט אויב איינער פון די פיאקערס איז צו פערדינגען. איך בין אריין און האב די פראגע בארגעלעגט צו די דריי קוטשערס, וועלכע זיינען געזעסען ביים שפיעל

www.libtool.com.cn
און האבען געטרונקען, איינער פון זיי האט זיך אויפגעהויבען, האט בעצאהלט און אַוועקגעפאהרען מיט דעם העררן.

— האט איהר געזעהן זיין געזיכט?

— ניט אין גאנצען, דען ער האט געהאט זיין געזיכט איינגעוויקעלט אין א שאל. אבער איך גלויב אז ער איז געווען בלאנד.

— האט ער גערעדט פראנצעזיש?

— זעהער גוט, אבער מיט א פרעמדען אקצענט.

— וויא שפּעט איז עס געווען?

— א פיערטעל נאך 12, ווען איך מאך יעדע נאכט צו דיא לאדען.

מעהר האט דער ווירטה ניט געוואוסט צו זאגען און דיא בעאמטע מיט דיא פּאליציי אגענטען זיינען ווידער אריין אין זייערע וואגען און זיינען געפאהרען צום באהנהאף, וואו דער אונטערזוכונגסריכטער גיברייו האט זיך געווענדעט גלייך צום בעטריעבס־דירעקטאר (נאטשאלניק דוויזשעניא).

— איך וואלט זעהר גערן וועלען וויסען, ווער איז געווען דער צוג־פיהרער און דער קאָנט־ראָלער פון דעם צוג, וועלכער איז לעצטע נאכט געקומען פון קאלע נאך פּאריז, האט גיבריי געזאגט נאכדעם וויא ער האט זיך פארגעשטעלט.

— דאס קען איך איך אויגענבליקליך זאגען, האט דער בעטריעבס־דירעקטאר געענטפערט, נעהמענדיג פון פּולט א גרויסעם בוך.

ער האט א בלעטער געטהאן און האט געזאגט:

— ביי מיר אין דיענסטבוך איז אנגעגעבען, דאס דער צוגפיהרער פון נעכטיגען צוג איז בוסען און דער קאנטראלאר פערנעט.

— קען איך פּיעלייכט דיא לייטע זעהען און עטוואס פרעגען?

— געוויס העררר ריכטער.

דער בעטריעבסדירעקטאר האט ארויסגעשיקט א יונגע מיט איין אויפטראג און דיא גענאנטע לייטע זיינען באלד ערשיענען אין ביורא.

— ווער פון אייך מיינע העררען, האט געפיהרט דעם צוג וואס איז לעצטע נאכט אום איינס אוהר געקומען פון קאלע? האט געפרעגט גיבריי.

— איך מיין העררר, האט געענטפערט איינער, מיין נאמען איז דשארדש בוסען.

— זייט איהר אויף דער רייזע מעהרערע מאהל דורכגעגאנגען דיא קופּע׳ס פון דיא פּאסאזשירען? האט דער אונטערזוכונגסריכטער געפרעגט.

— ניין מיין העררר, דאס איז דיא זאכע פון קאנטראלער פערנעט.

דער אונטערזוכונגס־ריכטער האט זיך געווענדעט צום צווייטען מאן און האט ווידערהאלט דיא פראגע, וועלכע יענער האט בעאנטווארטעט מיט יא.

— האט איהר אונטער דיא רייזענדע בעמערקט א העררן, וואס האט געטראגען דיא האנד אין א בינדע?

— יא העררר ריכטער, איך געדיינק זאגאר דאס מיר איז דערביי עטוואס אויפּגעפאלען, ווען איך בין צום ערשטען מאהל אריין אין קופּע׳ וואו יענער רייזענדער איז געזעסען, האט ער דעם ארם געהאלטען אהן א בינדע וויא אלע מענשען, אבער א

www.libtool.com.cn

קורצע צייט פאר'ן אנקומען אין פאריז האב איך איהם פלוצלונג דערזעהן מיט דער האנד אין א בינדע. איך האב איהם זאגאר געפרעגט אויב ער האט זיך ניט אויף'ן וועג פערוואונדעט אדער צוקלאפט א האנד און ער האט מיר געענטפערט, דאס ער ליידעט אפט פון כראנישען רהייסאטיזם אין ארם.

— דאס איז מיר זעהר וויכטיג צו ערפאהרען, האט דער אונטערזוכונגס־ריכטער געזאגט. דאס בעשטעטיגט וואס איך האב שוין פריהער געטראכט, אז דער מאן האט אויפ'ן ארעם גאר ניט געליטען, און דאס איז וואהרשיינליך נאר געוועזען איין ערקענונגס־צייכען. וואו האט יענער רייזענדער בעשטיעגען דעם צוג?

— אין קאלע.

— האט ער געהאט באגאזש?

— ניין, הערר ריכטער. איך געדענק אז אויף זיין בילעט איז פון באגאזש גאר ניט געוועזען אנגעמערקט.

— קענט איהר מיר אפמאהלען וויא דער רייזענדער האט אויסגעזעהען?

— ער איז געוועזען א מאן פון איינינע און פופציג יאהר, פיין געקליידעט, גלאט ראזירט, אין א ברוינעם איבערציהער, א ווייסען האלדזטוך און א קליינעם רונדען הוט.

— דאס איז דער ערמארדעטער, דיא בעשרייבונג שטימט, האט דער פאליציי־דירעקטאר אויסגערופען.

— ווייסט איהר פיעלייכט אויב דער רייזענדער וואהנט אין קאלע? איז ער ניט עפעס געפאהרען דיזע שטרעקע? האט גיברוי ווייטער געפרעגט.

— דאס ווייס איך ניט, הערר ריכטער; איך האב איהם צום ערשטען מאהל געזעהען.

— האט ער גוט גערעדט פראנצויזיש?

— יא, וויא א פראנצויז.

— איך דאנק אייך מיינע העררען, מעהר האב איך אייך פארלויפיג ניט צו פרעגען.

דיא ביידע אייזענבאהן־בעאמטע זיינען אוועקגעגאנגען.

— דאס איז אויך דער מאן וואס נעהמט צו פון דא רייזענדע דיא בילעטען ביים טיהר פון באהנהויף, האט דער בעטריעבס־דירעקטאר אנגעצייגט גיברוי אויף א מאן.

— א, דאס איז גוט, האט גיברוי געענטפערט. איך דאנקע.

— געדיינקט איהר דאס מיט דעם צוג פון קאליי לעצטע נאכט איז אנגעקומען א מאן מיט א האנד אין א בינדע? — האט גיברוי זיך געווענדעט צום בילעטען־אפנעהמער.

— געוויס געדענק איך.

— אלס ער האט אייך געגעבען דעם בילעט און איז אריין אין ווארטע־זאל האט איהר ניט בעמערקט אויב איינער האט אויף איהם געווארט?

— יא, הערר ריכטער; א יונגער מאן האט אויף איהם געווארט זייט דריא פיערטעל שטונדע, און ער האט איהם אנגערעדט גלייך וויא ער האט איהם דערזעהן.

— דריי פיערטעל שטונדע?

www.libtool.com.cn

— יא, הערר ריכטער.

— האט איהר ניט א טעות?

— ניין, הערר ריכטער, איך בין גאנץ זיכער, דען מיט דריי פיערטעל שטונדען פריהער האב איך געשלאסען דיא טיהרען פון ווארטע=זאל נאך דעם צוג פון 12 מיט 15 מינוטען, און דאן איז דער יונגער מאן צו מיר צוגעקומען און האט מיך געפרעגט ווען קומט דער צוג פון קאליי. איך האב איהם געענטפערט: אום 1 אוהר. דארויף האט ער געזאגט: איך ווארט אויף א פריינד און האב מורא געהאט דאס איך קום צו שפעט.

דער אונטערזוכונגס=ריכטער גיברייז האט געקנייטשט דעם שטערן.

— דאס איז דאך זאנדערבאר, האט ער געזאגט. דיא שטונדען שטימען ניט מיט דער צייט וואס דער קוטשער קאררע האט אנגעגעבען.

— דא קען נאך זיין א פערוועכסלונג פון פערזאנען, וועלכע מען וועט מוזען אויס־געפינען, האט דער פאליציי־דירעקטאר בעמערקט.

מען האט געשיקט רופען דעם קוטשער קאררע, מען האט פערגליכען דיא צייט, דיא קענצייכען (פרימעטעס), אלעס האט געשטימט, אויסער וואס קאררע האט בע־הויפטעט דאס ער איז געקומען צום באהנהויף א פיערטעל צו איינס, און יענער האט געזאגט א פיערטעל נאך 12.

איין געפעקטרעגער האט זיך אויך געמעלדעט און האט ערקלערט, אז ער האט געזעהען וויא דער יונגער מאן, אין א שאהל, מיט בלאָנדען באקענבארד און א פאנסנע איז געקומען צום באהנהויף א פיערטעל נאך 12, און האט איהם מיט א אויסלענדישען אקצענט געפרעגט אויב דער צוג פון קאליי איז דא.

— וויא עס שיינט האבען אלע רעכט, האט דער אונטערזוכונגס=ריכטער געזאגט. דער יונגער מאן איז וואהרשיינליך געקומען א פיערטעל נאך 12, איז געוועזען צו פריה; ער איז אוועקגעפאהרען נאך אוועניו סאנט=מאָר, האט דארטען גענומען קאררע'ס פיאקער און איז געפאהרען צוריק. דער בילעטען=אפנעהמער האט איהם אלזא ביידע מאהל געזעהען.

— דאס איז מעגליך, האט דער בילעטען־אפנעהמער געזאגט. אבער מיר האט אויסגעוויזען אז איך האב איהם כמעט דיא גאנצע צייט געזעהען דא ארומגעהענדיג הין און צוריק.

דיא בעאמטע פון געריכט זיינען ביי דער מיינונג געבליבען.

— יעצט מיינע הערען, האט זיך דער אונטערזוכונגס=ריכטער געווענדעט צו דיא איבעריגע בעאמטע. אזוי וויא מיר האבען דא דעם קוטשער קאררע, וועט ער אונז פיהרען צום האָטעל, וואו ער האט זיינע פאסאזשירען, אדער ריכטיגער געזאגט, זיין פאסאזשיר ארונטערגעלאזען.

עס איז שוין אפילו געוועזען שפעט, אבער דיא בעאמטע האבען זיך דאך אריינ־געזעצט אין זייערע וואגען און נאך 20 מינוטען זיינען זיי געשטאנען פאר דער טיהר פון דעם האטעל וואס קאררע האט אנגעוויזען, אין רוע מאנטאָרגע.

דערווירטה פון האטעל האט זיך זעהר דערשראקען אלס ער האט דערזעהען

www.libtool.com.cn

אזוי פיעל בעאמטע בײ זיך. אבער ווען גיברײ האט איהם ערקלערט דאס מען זוכט בײ איהם נור איינעגע אויפקלערונגען וועגען א זאכע, האט ער זיך בערוהיגט.

— זיינען אלע צימער אין אייער האטעל פארנומען? האט גיברײ געפרעגט.

— ניין, איך האב 12 צימער און נור 5 געסט.

— ווער זיינען זײ?

דער ווירטה פון האטעל האט גענומען זיין בוך און האט געלייענט:

— הערר טורטען אשילעס, האנדלונגס־רייזענדער, 50 יאהר אלט, וואהנט דא זייט 14 טעג, הערר בלאנשארד, 22 יאהר אלט, א שרייבער אין שטאדט־ראטה, וואהנט דא זייט א יאהר, הערר דאמיראן, וויינהענדלער, 60 יאהר אלט, הערר פערנעל און זיינע פרוי, מאָדע־הענדלער אין נאנזש, קומען אלע יאהר אין פאריז און שטעהען בײ מיר איין.

— אנדערע געסט האט איהר ניט?

— ליידער ניט.

— איז היינט פארטאג קיינער ניט געקומען צו אייך שלאפען?

— ניין, הערר אונטערזוכונגס־ריכטער.

— ווייסט איהר עס גאנץ גענוי?

— אויב איך ווייס! ווער דען קען עס וויסען? איבעריגענס, דא איז מיין נאכט־קעלנער, ער וועט עס אייך בעשטעטיגען. הענרי, האט איהר היינט בײ נאכט וועמען אויפגענומען? האט דער ווירטה זיך געווענדעט צום קעלנער.

— ניין.

— איז בײ נאכט נאר קיינער ניט געקומען אין האטעל, ניט אנגעקלונגען?

— אנגעקלונגען? יא! איין הערר האט אנגעקלונגען אום האלב צווײ אוהר. איך בין געלעגען אין ערשטען שלאף אלס איך האב דערהערט דיא גלאָק. איך בין אראָפּ־געשפּרונגען פון בעט און האב א ציה געטהאן דעם דראָט וואס עפענט דיא טיהר און האב געוואַרט, ווער וועט דאָ קומען, אבער קיינער איז ניט אריין. איך האב געטראכט אז געוויס האט זיך א גאסעניונג געמאכט אזא שפּאס, וויא דאס טרעפט א מאהל, או בין נעגאנגען אפשליסען דיא טיהר, דאן קומט מיר אנטקעגען איין הערר און פרעגט מיך אויב עס זיינען ניט פארפאהרען צו אונז צווײ דאמען, א מוטער מיט א טאכטער פון איטאליען. ער האט זײ גערופען מיט'ן נאמען אמאט, אדער סאלענט, עטוואס עהנ־ליכעס. נאטירליך האב איך איהם געזאגט אז ניט, און ער האט זיך דאן טויזענד מאל ענטשולדיגט וואס ער האט מיך געשטערט פון שלאף און איז אוועקגעגאנגען. איך האב פערשלאָסען דיא טיהר און האב מיך צוריקגעלייגט.

— וויא האט דער הערר גערעדט?

— ער האט גערעדט גוט פראנצויזיש, אבער וויא איין אויסלענדער.

— האט איהר געזעהען זיין געזיכט?

— נור טהײלווייזע, ווייל ער איז געווען פארוויקעלט אין א שאַל, אבער א טהייל פון זיינע האר און באקענבארד האב איך געזעהן און דיא זיינען געווען בלאנד, ער האט אויך געטראגען א פאנסנע.

www.libtool.com.cn

— דאס איז דערזעלבינגער! האט איהר פּיעלייבּס געזעהן א וואגען פאר'ן מהיר?
— איך גלויב אז קיין וואגען איז פאר'ן טהיר ניט געשטאנען.
— דאן איז ער אריין אין האטעל ווען קאררע איז שוין אוועקגעפאהרען, אבער אנגעקלונגען האט ער געהאט פריהער אום צו עפנען דיא טהיר, דאמיט קאררע זאל מיינען אז דער צווייטער פּאסאזשיר איז שוין אריין אינווענינ, דאס איז א דורכטריע־בענער, ערפאהרענער פערברעכער! מיט איהם וועלען מיר האבען א הארטע נוס צו קנאקען.

דיא לעצטע ווערטער האט גיבריי גיזאגט צו דיא בעאמטע.

דערמיט איז אלזא געווען דיא אונטערזוכונג פיר דעם טאג צו ענדע און דיא בעאמטע האבען זיך צו שיידעט, יעדערער צו זיין פלאטץ.

---

— וואס האלט איהר פון דער גאנצער געשיכטע? האט דער געריכטסקאמיסאר געפרעגט דעם פאליציידירעקטאר א שטונדע שפּעטער, אין פערפעקטור.

— עס איז זעהער א פערוויקעלטע געשיכטע, אין וועלכע א פארנעהמע פאמיליע ועט וואהרשיינליך פערמישט ווערען, נאך מיין אויסרעכנונג איז דיא פאמיליענגרופּע פון קוראוויאוו געווען דער אים וואו לייט'ן פלעגען זיך געהיים פערזאמלען, אדער פלעגען בעהאלטען נייטיגע פאפּיערען, וויא מען זעהט פון דעם אפענעם טעמפּעל מיט דיא סמנים פון פינגער אין שטויב. דער ערמארדעטער מאן און דיא ערמארדעטע פרוי האבען וויא עס שיינטביידע געהאט א געהיימניס, וואס איז זעהער ניטצליך אדער זעהער געפעהרליך געווען פאר א דריטער פערזאן און דיא דריטע פערזאן איז דער מערדער.

— דער יונגער בלאנדער מאן מיט'ן פּאנסנע.

— אהנע צווייפעל.

— פּיעלייבּס איז ער נור א בעצאהלטער מערדער?

— א בעצאהלטער מערדער איז ניט אזוי געשיקט און ניט אזוי געשייט, מיר וויסען פון איהם צו וועניג. אבער איך מוז גליך ארויסשיקען מיינע בעסטע לייטע איבער פּאריז און א מאן מיט א פאטאגראפיע פון דעם ערמארדעטען נאך קאליי. איך בין איבערצייגט, דאס אזוי לאנג וויא מיר וועלען ניט וויסען ווער דיא ערמארדעטע זיינען, וועלען מיר קיין זאך ניט אויסגעפינען.

דער פאליציידירעקטאר האט געקלונגען און האט געלאזען אריינקומען דיא גע־היימפאליציסטען, וועלכע ער האט שוין פריהער בעשטימט. אן דער שפיטצע זיינען געווען זשאדלע און מארטעל, ער האט זיי געגעבען דיא נעטהיגע אינסטרוקציאנען און עמפּפאהלען דיא זאכע ענערגיש צו בעארבייטען.

9טער קאפּיטעל.

## דער ביטערער טראפּען אין זיסען בעכער.

מאריס האט פערלאזען לאטירג און ווערדיע מיט א פרייליכען הערצען איבער זיינע אייגענע גרויסע לייסטונג אין זיינע האפנונגען אויף רייכקייט, אויף מיליאנען איז נאך שטארקער געווארען, עס האט איהם אויך געשמייכעלט זיין עהרגייץ אנצוגעהערן צו

www.libtool.com.cn

אזא מעכטיגע באנדיטען באנדע פון דיא פינף שטערן, וועלכע ער האט צופעליג ענטדעקט. ביסלאכוויז אבער האט זיך דיא פריידע ארונטערגעזעצט און א געוויסע אונרוהע האט איהם אנגעהויבען צו לאנגווייליגען. דיא אורזאכע פון דיעזער אונרוהע איז געווען איין איינציגער געדאנק, איין איינציגע פראגע, וועלכע ער האט זיך אליין וויעדערהאלט יעדען אויגענבליק: „וואו האב איך אהינגעטהאן דעם צווייטען קנאפ פון מיין מאנשעט?“

ער האט איבערגעקעהרט זיין וואהנונג קאפויר, האט דורכגעזוכט וואו נור עס איז געווען צו זוכען און האט זיך טויזענד מאהל געשטעלט דיא פראגע: „האב איך דעם קנאפ פארברענט צוזאמען מיט מיין העמד? דאן אבער האב איך עס דאך געזאלט געפינען אין אש; האב איך עס פערלארען? דאן איז דיא פראגע, וואו? אויף פער-לאשעז אדער אין וואגען?“

דעם איבעריגען האלבען טאג האט איהם דער געדאנקען ניט אוועגגעלאזען און אויך בייא נאכט האט ער אונרוהיג געשלאפען צוליעב דעם. אבער אויף מארגען, אלס ער איז אויפגעשטאנען מיט דעם געדאנקען צו געהן צו אקטאוויע צום פרישטיק, וויא זייא האבען געהאט אפגערעדט, האט ער זיך אנגעהייבען צו בערוהיגען.

— אין גרונד גענאמען איז דאס זעהר נארעש פון מיין זייט צו מאכען זיך גרויע האר וועגען אזא דומהייט, האט ער געזאגט צו זיך אליין, ווען אפילו אין ערגסטען פאל דער קנאפ זאל געפונען ווערען פון דער פאליציי, וואס קען מען מיר מיט איהם בעוויזען? איך דארף נור פערהיטען דאס אקטאוויע זאל צום יובעליר ניט טראגען דעם קנאפ וויא זיא האט גערעכענט. דאס מוז איך פערהיטען. וויא איך זאל ניט רעכנען, האב איך ניט וואס צו פירכטען. דיא פאליציי מעג זיין מיט טויזענד קעפ וועט זיא ניט פאלען אויף דעם ווער דער בלאנדער יונגער מאן איז געוועזען פון וועלכען זיא הערט בייא דער אונטערזוכונג. און וויא אזוי וועט זיא אויסגעפינען דאסביידע מארדטהאטען זיינען בעגאנגען געווארען פון איין פערזאן? זייא וועלען אקערן מיט'ן נאז דיא ערד, וועלען מאכען פיעל ליארם, וועלען אבער שליסליך דאך ניט געפינען. דיא פינף-סטערנים וואס איך האב געמאכט איז ניט דורכצודרינגען.

אזוי בערוהיגט איז ער אוועקגעגאנגען צו אקטאוויע, וועלכע האט געוואוינט אין רוע קאמארטען. אויפ'ן וועג, ניט ווייט פון אקטאוויע'ס וואוינונג, האט ער אנגעטראפען איין עלעגאנט-געקליידעטען יונגען מאן, וועלכער האט איהם פריילאך אויסגעשטרעקט דיא האנד אנטקעגען מיט דעם אויסרוף: האב איך אייך ענדליך דאך אמאהל געפונען! וואו שטעקט איהר דען? איך האב אייך שוין ניט געזעהן א גאנצען יאהרהונדערט!“

— איך ארבייט זעהר פיעל. האט מאריס געענטפערט.

— נאך אימער פיר דיא זעלביגע צייטונג?

— אימער נאך.

— רעפארטער אלזא?

— יא, אבער אויסער מיינע ארבייט אין דער צייטונג טהו איך אויך אנדערע ערנסטע ארבייט. איך שרייב איצטער פיר דאס טהעאטער, און איך האב אנגעהויבען א

www.libtool.com.cn

דראמע—איך זאָג אייך עטוואס געהיימניספאָלעס, שרעקליכעס, איך האב דיא גאנצע פאָריגע נאכט דערבייא געארבייטעט.

— פאָרטרעפליך! מיר ווערלען אייך אלע קומען צפּלאָדירען. איהר ווערט שוין האבען ערפאָלג, איהר זייט דאָך איבעראל בעליעבט. אבער דיא ארבייט קען אייך דאָך ניט פערנעהמען אלע אייערע טעג און אלע אייערע נעכט? ווערט איהר דאָך נאָך געפינען צייט אָנצונעהמען איינע איינלאַדונג?

— ווען?

— פיר היינט.

— צום טייפעל, דאס איז שלעכט צוזאמענגעטראָפען, מיין ליעבער ד׳ארפעל, איך וואָלט אייער איינלאדונג מיט פערגניגען אָנגענומען, אבער איך האב אָבגעמאכט פיר היינט צו מיטטאָג און פיר דען אבענד זיך מיט איינעם צו טרעפען.

— געוויס מיט א דאמע, איך קען וועטען.

— וועטעט ניט, ווארום איהר וועט געווינען.

— א שעהנע?

— מען האלט איהר פאר שעהן.

— א נייע עראָבערונג?

— ניין, איין אלטע בעקאנטע.

— איך בין אזוי מאכט ניט אויס אז איהר זאָלט אייער בעגעגענים פון בייא נאכט אָפּלייגען, און בעסער קומען צו אונז. איך גיב אייך מיין עהרנוואָרט, איהר ווערט זיך גוט אמוזירען. איך וועל אייך בעקאנט מאכען מיט א יונגען רוססען, וועלכען איך האב קענען געלערנט אין דער שוויץ, און וועלכער וויל איצטער בלייבען א פאָר יאהר אין פאַריז אום צו געניעסען דאס לעבען. איהר וועט אויך געפינען בייא מיר דעם קליינעם בעראָן פאסקאל, גריוועל, טאָמערע, און אנדערע ליעבענסווירדיגע יונגע לייט. פון דיא דאמען וועלען זיין בלאנש טאָפען, ריטא, לוציליע מאבין, דיא שעהנע אָקטאוויע....

— אָקטאוויע פון רוע קאָמארטען? האט מארים איהם אונטערבראָכען ערשטוינט.

— געוויס.

— ווייסט איהר בעשטימט דאס זיא קומט?

— מינדעסטענס האט זיא צוגעזאָגט. קענט איהר זיא?

— א קליין ביסל קען איך אלע דיעזע דאמען.

— און אייער בעשיידענהייט לאזט אייך ניט צופיגען, דאס אלע דיעזע דאמען פערגעטערן אייך און בעווייזען עס אייך.... קורץ, ענטשליעסט אייך. איך זאָג אייך עס וועט איין הערליכער אבענד זיין.

מאָרים האט איבערלעגט, דאס וויא באלד אָקטאוויע האט צוגעזאָגט צו זיין בייא ד׳ארפענעל וועט זיא געוויס געפינען איין אויסרייד איהם משלח צו זיין.

— עס איז אבגעמאכט, האט מארים געענטפערט.

— בראוואָ! איהר זייט א מענש מיט וועלכען עס לאָזט זיך לעבען.

— אום וועלכע צייט?

www.libtool.com.cn

— פּונקט 8 אוהר.

— איך וועל פּינקטליך ערשיינען. אויף ווידערזעהן!

— דיא יונגע לייט האבען זיך געדריקט דיא הענד און זיינען זיך צוגאַנגען.

— איך בין נייגיעריג צו הערן וואס פאר א פיינעם אויסרייד אָקטאַוויע וועט מיר פּאָרלייגען, האט זיך מאָרים געטראַכט ארויפגעהענדיג דיא טרעפּ צו אָקטאַוויעס וואוינונג.

אָקטאַוויע האט פארנומען דעם ערשטען עטאזש אין דעם הויז פון עקע רוע קאַמארטען און דיא בולוואַרדס. איהר געראַמיגע וואוינונג איז געווען רייך אויסמעבלירט, איבעראַל האבען זיך געזעהן טהייערע קונסטזאַכען, אים אַלגעמיינען אבער איז אַלעס געווען צוזאַמענגעוואָרפען אָהן געשמאַק, און מיט דער איינציגער בערעכנונג צו מאַכען עפעקט.

אין דיזער שטונדע איז אָקטאַוויע געלעגען אויף א זאָפאַ אין איהר פּראַכטפאַלען בודואַר, מיט א ראָמאַן אין איין האַנד און א ציגאַרעטע אין דער אנדערער. אבער טראָטץ דיא ביידע צערשטרייאונגס מיטלען האט זיך דאך געגענעצט פאר לאַנגווייליע.

אַלס מאָרים איז איינגעטרעטען האט זיא א וואַרף געטהאָן פון זיך דאס בוך און דיא ציגאַרעטע, און מיט איין שפּרונג איז זיא געווען בייא איהם, מיט דיא אַרעמס ארום האַלדז, און האט אויסגערופען:

— דוא געליעבטער טויגעניכטס, פאר וואס קומסטו אזוי שפּעט? איך וואַרט שוין אויף דיר צוויא געשלאָגענע שטונדען.

— שימפּף ניט, קעצעלע, איך וואלט פיעל געגעבען דערפאר ווען איך וואלט געקענט פריהער קומען. אזוי שנעל וויא איך בין פרייא געוואָרען בין איך געקומען צו דיר.

אָקטאַוויע האט ארויסגעשאָסען א פיינעם זיפץ, וויא דאס קענען נאָר דאַמען.

— וואָס פעהלט דיר דען? האט מאָרים געפרעגט. געהט דיר עטוואָס ניט וויא דוא ווילסט?

— אך, איך האב א שווערען קומער, מיין טהייערער.

— דוא, מיין קאַנאַריקעל? וואס איז דען?

— דוא ווייסט וויא איך האב מיך געפרייט וואס איך וועל פערברייגגען מיט דיר היינטיגען אווענד....

— איך אויך; נוא שטעהט אונז עטוואָס אין וועג?

— אך, יא!

— אָ, איך פערשטעה, וואהרשיינליך האט זיך דיין בעקאַנטער גראַף געלאָזט מעלדען, און דיא שעהנע דאַנאַע ערוואַרטעט איהר יופּיטער מיט דעם גאָלדענעם מאַגען....

— ניין, מיין ליעבער מאַנעלע, דא האנדעלט זיך ניט פון גראַף, נאר פון א גאַנץ אנדערער זאַכע.

— יעדענפאַלס פון א געלד-זאַכע, האט מאָרים געזאָגט. ער האט דורכאויס געוואָלט זיין געליעבטע ארויפפיהרען אויף א ליגען.

www.libtool.com.cn

— אביסעל איז עםווירקליך געלד־זאכע, קענסטו דעם קליינעם ארפעל?

— זעהר גוט; מיר זיינען גוט בעפריינדעט; איז ער געקומען פארלייגען הונדערט טויזענד פראנק א יאהר און זיין הערץ? האט מארים געלאכט.

— דאס ניט, ווייל ער האט קיין געלה, אבער צום אבענד־עסען האט ער מיך געלאדען.

— און דאס רופסט דוא א געלד־זאכע?

— איך וועל דיר דערקלערן וויא אזוי. צום אבענד־עסען איז אויך איינגעלאדען א יונגער רוסישער גראף, וועלכער האט פיעל גיטער און א פאר הונדערט טויזענד רובעלם א יאהר איינקונפט. ער איז געוועזען מיט ד׳ ארפעל אין טהעאטער און האט מיך דארט געזעהען, און איך בין איהם געפעלען געווארען. ד׳ ארפעל האט איהם פערשפראכען מיט מיר בעקאנט צו מאכען, און היינט וועט ער איהם מיר פארשטעלען. דוא גערדיינקסט געוויס וויא מיר האבען אפגעמאכט, דאס דוא זאלסט מיר ניט שטעהן אין וועג ווען עם האנדעלט זיך אום מיינע צוקונפט, און דא האנדעלט זיך נור אום מיינע צוקונפט: דיא רוסען הייראטהען.

— אויסגעצייכענט! איך ווינש דיר פון הערצען, דוא זאלסט דיא פארטיע גע־ווינען, וואס מיין ארעמעס הערץ זאל אויך דערביי ליידען.

— זייא קיין קינד ניט! דוא וועסט אימער זיין מיין ליעבסטער, ווען איך זאל אפילו זיין רוסישע גרעפין.

— דיעזע האפנונג טרייסט מיך אביסעל.

— דאס אבענד־עסען פאנגט אן אום 8 אוהר. לאמוריי וועט מיך אהין בעגלייטען.

— לאמוריי? ווער איז ער?

— דוא קענסט ניט לאמוריי? ער איז פריהער געוועזען אונטער־אפיציער ביי דער קאוואלעריע און איצטער איז ער פעכטמייסטער. ער איז אומעדום א ואנצער קאבלע־פיל, דוא געפינסט איהם אין יעדען טהעאטער, אויף יעדען באל, ביי יעדען שפיעל, און ביי יעדען דועל, און דאך זאגט מען אויף איהם אז ער איז ארעם. ער איז א זאנדער־לינג. איך גלויב ער אונטעררייכטעט ארפעל אין פעכטען און באקסען.

— איצטער, מיין שעפסעלע גרייט זיך צו, האט מארים געזאגט. איך האב פאר דיר א גרויסע איבערראשונג.

— זאג שנעל, וואס איז עס?

— טראטץ דעם וועלען מיר דאך היינטיגען אבענד צוזאמען פערברייננגען.

— ביסטו אויך איינגעלאדען?

— ד׳ ארפעל האט מיך דא איצטער געטראפען, האט מיר דערציילט אז דוא וועסט דארט זיין און האט מיך אויך איינגעלאדען. איך האב דעריבער דיא איינלאדונג אנגענומען.

— דוא האסט אלזא מיך דיא גאנצע צייט געמאכט צום נאררען.

— אביסעלע.

— דוא טויגעניכטס! האט אקטאוויע געלאכט. איך בין ענטציקט פון אזא צו־זאמענטרעפען! אבער קיינע דומהייטען, מיין פריינד, זאלסט זיך דארט קיין זאך מיט

www.libtool.com.cn

מיר ניט ערלויבען. דוא ביסט מיינער א בעקאנטער, און ניט מעהר, פערשטאנען?
— זייא גאנץ רוהיג, איך וויים וויא מיך צו בענעהמען. מעגסט דעם רוסען נעהמען פאר'ן דופק וויא דיר געפעלט.... איצטער זאג מיר וויא האסטו דעם נעכטי־גען טאג פארבראכט?
— ווארום פרעגסט דוא דאס?
— נור פאר נייגירדע.
— פון דיר בין איך אוועק נאך הויז.
— ביסטו אין ערגעץ ניט געגאנגען?
— ניין.
— דוא ביסט אלזא נאך ניט געוועזען ביי דיין יובעליער?
— ביי מיין יובעליער? האט אקטאוויע איבערגעפרעגט גאנץ ערשטוינט. אך יא, וועגען דיין קראוואטען־רינג, האט זיא צוגעזעצט זיך דערמאהנענדיג. ניין, איך בין נאך ניט געוועזען, אבער ווען דוא ווילסט עס שנעל קענען מיר איצטער אהין צופאהרען.
— אין געגענטהייל, איך האב מיר איבערלייגט אז איך דארף עס ניט.
— ווארום ניט?
— וויל ער פאסט ניט צו דיא שעהנע קנעפ וואס דוא האסט מיר געשענקט געשענקט.
— דוא האסט רעכט, איך וועל דיר בעשטעלען איין אנדער רינג צו דער קראוואטע.
— און דעם קנאפ ווערסטו מיר געבען צוריק?
— איך בעט אום ענטשולדיגונג, דאס טהו איך ניט. דאס איז דאס איינציגע וואס איך האב פון דיר, און איך בעהאלט עס צום אנדענקען.
דיא הויפטזאכע האט מארים אלזא אויסגעפיהרט. ער האט געוואלט דער קנאפ זאל ניט אריינפאלען צו קיין יובעליער אין האנד און דאס האט ער ערדייכט. עס וואלט איהם נאטירליך פיעל אנגענעהמער געוועזען, ער זאל דעם קנאפ צוריק קריעגען, אב ר צו ווייזען עקשנות איז דא ניט געוועזען קלוג.
— לאמיר ניט מעהר ריידען דערפון, האט ער געזאגט כלומר'שט גלייכגילטיג. ווען עס מאכט דיר פערגעניגען דען האלט איהם.
א היבשע וויילע האט נאך דאס פאר געפלוידערט, דאן האבען זיי זיך צוקושט, האבען גענומען אבשיעד ביז אבענד און מארים איז געגאנגען נאך הויזע איבערצוטהאן דעם הוט און א קראגען, וועהרענד אקטאוויע האט זיך געשטעלט צום שפיעגעל מאכען איהר טואלעטע.

## 10טער קאפיטעל.

# דיא נעסט פון א רויבפויגעל.

לאטירג אדער טהערמים האט, וויא מיר ווייסען, פערלאזען דיא וואהנונג פון זיין קאמראד ווערדיע פאלשטענדיג איבערגעטהאן און פערענדערט. ער האט זיך געזעצט אויף'ן אמניבוס וואס געהט איבער דיא בולווארדס און איז געפאהרען ביז בולוואַרד

www.libtool.com.cn

מאַדליין, וואו ער איז אבגעשטיעגען און האט זיך אנגעהויבען אומצוועהען, זיין אבזיכט איז געוועזען צו דינגען אדער צו קויפען א מעבלירטעס קליינעס הויז, ערגיץ וואו ארום פּאבורג סאנט־האָנארע. ווערדיע, וועלכער האט פאריז געקענט וויא זיינע פינף פינגער, האט איהם געראטהען נאך יענער געגענד אומצוציהען, וויל דאָרט־ן איז איינע אנ־שטענדיגע בעפעלקערונג און דיא פּאליציי שמעקט זעלטען אהין אריין.

צוויי שטונדען האט ער געזוכט, ענדליך האט ער דערזעהן אין רוע דע סורען א צעטעל אויף א טהיר מיט דער אויפשריפט: „א קליינעס הויז צו פערדינגען מיט פיינער מעבלירונג, נאכצופראגען אין רוע טראנשע, נומער 210.“

לאטירג איז געוועזען העכסט ערפרייט איבער דיעזען פונד (מציאה) און איז שנעל געגאנגען נאך דער אנגעצייגטער שטעלע. ער האט ארויסגעפונען אז דאס קליינע הייזיל וואס ער וויל דינגען און דאס הויז אין רוע טראַנשע, וואו ער דארף זיך נאכפרעגען, געהערן צו איין מאן און דער הויזמייסטער (דווארניק) פון דיעזען לעצטען הויז האט גע־האט דעם אויפטראג צו אונטערהאנדלען מיט לייטע וועלכע וועלען דאס הויז דינגען. צו איהם האט זיך לאטירג אויך געווענדעט און דער הויזמייסטער איז איהם געגאנגען וויזען דאס הויז און דיא איינריכטונג.

דאס גאנצע הייזעל האט געהאט דיא קיך און צימערן פיר ווירטהשאפט אין קעלער, 3 פיין מעבלירטע צימער אין ערשטען עטאזש און נאך 3 אין צווייטען. דאס איז געשטאנען צווישען א קליינעם הויף און א קליינעם גארטען. דיעזער לעצטערער איז געוועזען אבגעטהיילט פון א גרעסערען גארטען דורך א געמויערטע וואנד, וועלכע איז אימער געוועזען בעדעקט מיט גרינע געוועקסע און בלעטער, יעצט אבער האבען זיך שטיקער וואנד ארויסגעזעהען און לאטירג האט ארומקוקענדיג בעמערקט א טהיר אין וואנד.

— צו וואס איז דיעזע טהיר? האט ער געפרעגט.

דער הויזמייסטער האט איהם ערקלערט, דאס דער גרויסע־ גארטען וועלכער געהערט צו א הויז וואס קומט ארויס אין רוע וויל־דועוועק, געהערט צו דעם זעלביגען מאן, וועלכער האט פריהער אליין בעוואהנט דאס קליינע הייזעל, דאן האט ער דיא טהיר געלאזט דורכשניידען אום צו קענען אריינגעהן אין גרעסערן גארטען, אבער זייט ער האט ארויסגעצויגען פון דאנען איז דיא טהיר פערשלאסען.

— ווער וואהנט אין יענעם הויז? האט געפרעגט לאטירג.

— דארט איז איין אנשטענדיגער פּאנסיאָן פון יונגע מיידלאך. דיא דירעקטארין פון דער אנשטאלט איז מאדאם דיבעף.

— וואס איז דיא מיעטהע (דירה געלד) פון דעם הייזעל?

— אכט טויזענד פינף הונדערט פראנק יעהרליך.

— איז ניט מעגליך בילינגער?

— איך גלויב ניט, איבריגענס וועט איהר ריידען מיט דעם ווירטה אליין. איך בין נור בעאויפטראגט צו אונטערהאנדלען, אבער א קאנטראקט מאכט דער ווירטה אליין, פיעלייכט וועט ער וואס ארונטערלאזען.

— געפינען מיר איהם איצטער צו הויז?

www.hbtool.com.cn

— דער ווירטה איז אימער או הויז, ער איז האלב פאראליזירט און געהט נור פון בעט צום שטול און צוריק און זיין רייכקייט העלפט איהם ניט.

דער הויזמייסטער האט לאטירג געפיהרט צום ווירטה, דיעזער האט פערלאנגט א קאנטראקט אויף דריי יאהר און וואס פון פרייז ניט ארונטערגעלאזען. לאטירג איז אויף אלעם בעשטאנען און האט איינגעצאהלט פאר א יאהר אין פאראויס און האט ערקלערט, אז ער ציהט נאך היינט אריין.

— איך וועל אייך יעצט געבען א קוויטונג, האט דער ווירטה געזאגט, דעם קאנטראקט קענען מיר אין א פאאר טעג שפעטער אונטערצייכנען. וויא איז אייער ווערטהער נאמען?

— וואלטער וואן ברעקע.

— איהר זייט א האלענדער?

— יא מיין הערר; שיפסקאפיטאן פון דער קעניגליך האלענדישער מארינע.

— וויא לייגט זיך אייער נאמען אויס?

לאטירג האט געעפענט דעם פארטאָפעל וואס ער האט געטראגען מיט זיך, האט ארויסגענומען א פאפיער און האט עס איבערגעגעבען דעם ווירטה:

— דא איז מיין פאס וואו איהר געפינט אלעם וואס איהר ווילט וויסען.

דער הויזבעזיטצער האט פערצייכענט נאמען און שטאנד פון דעם געגאנטען וואן ברעקע און האט איהם דערלאנגט צוריק דעם פאס מיט דער קוויטונג.

צוריקגעהענדיג האט לאטירג אריינגערוקט דעם הויזמייסטער א פאאר גאלדשטיקער אין האנד.

— אָ מיין הערר, דאס איז צופיעל! האט דער מאן געזאגט מיט שטראהלענדען געזיכט; ווינשט איהר איך זאל מאכען פייער אין דיא צימערן?

— טהוט דאס און ברייננט דיא שליעסלען אהער; איך וועל זיי דא אפנעהמען.

— זעהר גוט, הערר וואן־ברעקע.

לאטירג האט זיך געזעצט אויף'ן אמניבוס און איז אוועקגעפאהרען צום ליאָנער באהנהויף, וואו ער האט ארויסגענומען דיא געפעקע וועלכע ער האט דארטען פריהער געהאט געלאזען, א געפעקפיהרער מיט א וואגען האט עס איהם פון דארט אוועקגעפיהרט ביז רוע באנדי נומער 9, וואו לאטירג האט זיך איהם געהייסען אפשטעלען און ארויספליינען דיא זאכען. ער האט דעם געפעקפיהרער בעצאהלט און דער איז אוועקגעפאהרען. קוים איז דער וואגען געווען אפגעפאהרען א ביסעל האט לאטירג צוגערופען א קליינעם איינגעל וואס איז געגאנגען זינגענדיג פאר זיך דיא מארסיילעזע:

— קליינער, ווילסטו מיר רופען א פיאקער? דוא קריעגסט 40 סוא (2 פראנק).

דער איינגעל איז וויא א ווינד אוועקגעפלויגען און באלד איז געווען א פיאקער געבראכט, דאס איינגעל האט געקראגען זיין לאהן און איז אנטלאפען זינגענדיג. דיא הויזמייסטערין וועלכע איז גראדע ארויס און האט דערזעהן דעם פרעמדען מאן מיט דיא באגאזש, האט זיא איהם געפרעגט צו וועמען ער וויל, האט ער איהר דערציילט, דאס ער איז א פרעמדער, איצטער ערשט צוגערייזט און דאס דער קוטשער וואס האט איהם געפיהרט, האט אויף'ן וועג חרטה געהאט, ווייל ער דארף איהם פיהרען צו וויט,

www.libtool.com.cn

נאך רוע טראנשע, ער האט זיך פיינט צו קריעגען און סקאנדאלען צו מאכען און דא־ריעבער איז ער אויסגעשטיענגען און נעהמט איין אנדערן פיאקער. דיא הויזמייסטערין האט געשימפט אויף דיא קוטשערס און האט דעם פרעמדען מאן געהאלפען אריינ־נעהמען זיין באגאזש אין פיאקער.

— רוע טראנשע! האט לאטירג צוגערופען דעם קוטשער.

— וועלכע נומער?

— בלייבט שטעהן ביי דער עקע.

דער קוטשער האט אנגעהאלטען אויף דער אנגעצייגטער שטעלע און לאטירג איז אריין צום הויזמייסטער פון נומער 210. ער האט געפונען נור דיא פרוי פון וועלכער ער האט ערפאהרען, דאס איהר מאן ערוואַרטעט איהם אין זיין וואהנונג, וואו ער בריינגט אלעס אין ארדנונג. לאטירג האט זיך צוריק געזעצט אין פיאקער און איז צו־געפאהרען צו זיין וואהנונג, וואו דער הויזמייסטער האט איהם ערוואַרטעט.

— פערלאנגט הערר וואן ברעקע פיעלייכט איך זאל איבערציהען דאס בעט און אויסהייגנען דיא קליידער? האט דער הויזמייסטער דיענסטפערטיג געפרעגט, נאכדעם וויא דער באגאזש איז שוין געווען אין הויז.

— דאס איז נייטיג.

— אבער דער הערר קען זיך דאך אליין ניט בעדיענען.

— נאטירליך ניט, אבער א פריינד האט מיר פערשפראכען צו שיקען א דיענער און דיעזער וועט וואהרשיינליך באלד קומען.

— אויף יעדען פאל, הערר וואן ברעקע, האב איך אייך אנגעגרייט ליכט און א וואגען האלץ.

— איך בין אייך זעהער דאנקבאר דאפיר. וואס קאסט דאס?

דער הויזמייסטער האט איהם דערלאנגט דיא רעכנונג און לאטירג האט איהם בעצאהלט.

אלס דער הויזמייסטער איז ארויס האט לאטירג פערשלאסען דיא טהירען און איז אויך אוועקגעגאנגען, אום צו געבען ווערדיא זיין אדרעסע. דארט האט ער אויך געשריעבען א פאר צייל צו מארים וואסייר.

— וואס הערט זיך מיט דעם דיענער וואס דוא האסט מיר פערשפראכען? האט ער געפרעגט זיין קאמראד.

— פונקט אום זיעבען אוהר וועט ער ביי דיר זיין.

— קען איך מיך אויף איהם פערלאזען?

— וויא אויף מיר אליין.

— איז ער ניט א פלוידערזאק?

— ער איז שטום.

— דאס איז אויסגעצייכענט. אום זיעבען אוהר וועל איך זיין צו הויזע, איצטער בין איך הונגעריג, געהסטו מיט אין רעסטאראנט?

— ניין. עס איז זעהער וויכטיג דאס מען זאל אונז קיינמאל ניט זעהן צוזאמען.

www.libtool.com.cn

ווען ד״א האסט מיר וואס צו זאגען, קומסט דוא צו מיר און ווען איך האב דיר וואס מיטצוטהיילען קום איך צו דיר.

— איינפערשטאנדען.

— אויף וויעדערזעהען!

— אויף וויעדערזעהען!

ווערדיע האט אוועקגעטראגען אויף דער פאסט א בריעף וועלכען ער האט אויפגעשריעבען יעצט און לאטירג איז אריין אין א רעסטעראן.

אום דריי פיערטעל זיעבען אבענדס איז לאטירג געווען בייא זיך צו הויזע און פונקט אום זיעבען האט עס געקלונגען ביי דער טהיר. לאטירג האט געעפענט און עס איז אדיין א מאן פון אנשטענדיגען אויסזעהען אין דער קליידונג פון א דיענער. ער האט לאטירג איבערגעגעבען א פאפיער אויף וועלכען דיעזער האט איבערגעליינט פאלגענדעס: „איך הייס דאמיניק, איך בין שטום, אבער ניט טויב. הערר אבבע מעריס האט מיך געשיקט צום העררן וואן ברעקע אלס קאמערדיענער און איך וועל מיך בעמיהען איהם צופריעדען צו שטעלען.“

— קום אריין דאמיניק, דיין דיענסט פאנגט זיך אן, האט לאטירג געזאגט.

דאמיניק האט איבערגעצויגען דאס בעט, אויסגעהאנגען דיא קליידער, צוגעווארפען אלץ אויף דיא קוילען און האט אויפ'ן וואונק א פרעג געטהאן זיין העררן:

— דארפט איהר מיך נאך?

— אלס ער האט ערהאלטען דיא אנטווארט „ניין“, האט ער זיך צוריקגעצויגען פון זיין צימער.

קאפיטאן וואן ברעקע האט זיך אום 10 אוהר אניעדערגעלייגט, אום צו געניסען דיא רוהע, וועלכע ער האט זעהר נעטהיג געהאט, נאך אזא טאג פון אופרעגונג און מיהע.

## 11טער קאפיטעל.

## דאס בייזע אנצוהערנים.

דאס אבענד־עסען, צו וועלכען הוגא ד' ארפעל האט איינגעלאדען מאריס'ן, איז געגעבען געווארען אין דעם בעקאנטען פאריזער רעסטאראנט „ברעבאנט“, וואו עס פלעגען פערקעהרען אלערליי פארנעהמע ליידיג־געהער, בערזען־שפעקולאנטען, אריסטאקראטען, און אויך אלערליי קינסטלער, שריפטשטעלער, און בעקאנטע דאמען פון דער פאריזער האלב־וועלט, מיט אייןווארט, דאס וואס מען רופט „כו פארי“ (גאנץ פאריז). דער אבענד־עסען איז בעשטאנען פון לויטער פיקאנטע געריכטען, גוטע וויינען און דאס גלייבען, וועלכע זיינען בעשטעלט געווארען פיר צוואנציג פערזאן. דיא טאפעל איז געווען געגרייט אין גרויסען זאל, וועלבער האט געהאט פון איין זייט איין עמפפאנגס־צימער און פון אנדערן זייט איין טואלעטען־צימער פיר דאמען.

ד' ארפעל איז געוועזען א יונגער מאן פון א יאהר 30, פון א פיינער פאמיליע, אונפערהייראטעט, רייך, און א מענש וואס האט ליעב צו געניעסען, אבער ניט צו פיעל איבערן מאס. ער האט בעזאנדערס ליעב געהאט צו פערברייגגען איין אבענד אין געזעלשאפט

www.libtool.com.cn
פון פרייליכע לייטע, און דיעזער אבענד איז איהם בעזאָנדערס געוועזען צום הערצען צוליב דיא אנוועזענהייט פון זיין רוסישען פריינד.

אלס ווירטה איז ד'ארפעל געקומען גאנץ פריה, אום דיא איינגעלאדענע צו עמ־פפאנגען און צו זעהן דאס אלעס זאל זיין אין אָרדנונג.

אונטער דיא ערשטע געסט איז אויך געוועזען מארים. זיין טיטעל אלס זשורנא־ליסט און זיינע פערבינדונג מיט א סקאנדאל־בלאט האט איהם איינגעבראכט דיא צווייפעלהאפטע עהרע פון דיעזע דאמען, וועלכע האבען איהם ארומגערינגעלט אום צו הערען פון איהם נייעס, און בעזאָנדערס עפעס א סקאנדאל. ער האט זייא ווירקליך דערצעהלט עטוואָס זעהר געפעפערטעס, און דיא דאמען האבען געלאכט.

א ווײלע שפּעטער איז געקומען אָקטאוויע, געפיהרט פון לאמוריי, דעם אמאָה־ליגען אונטעראָפיציער און איצטיגען פעכט־מייסטער. ער איז געוועזען א שעהנער קערל, הויך געוואקסען, שטארק ברונעט, מיט געוויקסטען שנורבארד און קורץ געשאָרענע שווארצע האָר. א בענדיל האט ער געטראָגען אין קנאפּ־לאָך אלס צייכען פון מיליטער־דיענסט, און האט זיך אין אלגעמיינען נאָך זיינע קליידער און מאניערען ניט שטארק געפּאסט צו דיעזער געזעלשאפט.

— מאכט א װארע, מיינע הערען, עס קומט דיא שעהנסטע פון דיא שעהנע, האט ער געזאָגט אריינפיהרענדיג אָקטאוויען.

דיא הערען האבען געפּאטשט בראוואָ, דיא דאמען האבען זיך געקרימט.

מארים און אָקטאוויע האבען זיך געדריקט דיא הענד וויא לייטע וועלכע קענען זיך גאָר פון וויטען. זייא זיינען ביידע געוועזען גוטע שוישפּיעלער און האבען געוואוסט זייערע ראָלען.

נאָך אייניגע מינוטען איז אויך ערשיענען דער העלד פון דעם אבענד, דער גראף איוואן סאמילאָוו, צו וועמעס עהרע דער אבענד איז געגעבען געוואָרען.

הוגא ד'ארפעל איז איהם געגאנגען אנטקעגען.

— זייט מיר הערצליך ווילקאָמען, ליעבער גראף, האט ער געזאָגט. און צופיי־רענדיג איהם צו אָקטאוויע, האט ער צוגעזעצט: ערלויבט מיר, ליעבע אָקטאוויע, אייך פאָרצושטעלען גראף איוואן סאמילאָוו, מיין פריינד און אייער בעוואונדערער.

דער גראף איז געוועזען א הויכער, שלאנקער יונגער מאן פון אונגעפעהר 24 יאהר, האט געהאט בלאנדע האר, בלאנדע באקענבארד, א פּאָר דונקעל בלויע מע־לאנכאָלישע אויגען, וועלכע האבען זעהר זאנפט געקוקט דורך דיא גלעזער פון זיין פּאנסנע.

אָקטאוויע האט זיך מיט א זיסען שמייכעל פערנייגט און האט געגעבען דעם גראף דיא האנד, וועלכע דיעזער האט מיט פייער צוגעטראָגען צו דיא ליפּען.

ד'ארפעל האט איהם אויך פאָרגעשטעלט פיר דיא אנדערע געסט, און ווען דיעזער פאָרמאליטעט איז געוועזען צו ענדע, האט זיך דער גראף ווידער געקעהרט צו אָקטאוויע.

— ווייסט איהר אז דער אויגענבליק איז דער גליקליכסטער פון מיין לעבען? האט ער געזאָגט, אלס ער איז מיט איהר געשטאנען אין א זייט בייא א פענסטער.

www.libtool.com.cn

— דער גליקליכסטער זיין אייער לעבען, האט זיא איבערגערעדט. ווארום?

— ווייל איך בין מיט אייך.

— איך וועל זיך היטען אייך צו גלויבען.

— איהר גלויבט מיר ניט?

— ניין, הערר גראף; איהר האלט דאך מיך ניט פאר אזוי קינדיש. איהר קענט מיך ערשט-זייט פינף מינוטען.

— איך בין זייט אכט טאגע אין פאריז און האב אייך שוין דרייא מאל געזעהן, האט איוואן געזאגט.

— איז דאס וואהר?

— אויף מיין עהרענוואָרט. צום ערשטען מאל האב איך אייך בעוואונדערט, צום צווייטען מאהל האב איך אייך געליעבט....

— אזוי שנעל? האט איהם אָקטאוויע אונטערבראכען מיט א נייעם געלעכטער.

— איהר ווייסט גאנץ גוט, אז מאנכעס מאָל איז גענוג א פונק אום דיא גרעס-טע פלאמע ארויסצוברייגען, און איין בליק רייכט אויס, אנצוצינדען א הארץ. ביי אונזער דריטער בעגעגנונג האב איך אייך פערגעטערט....

— און וואס וועט דאס זיין היינט, ביי דער פערטער בעגעגנונג? האט אָקטא-וויע ווייטער געשפּאסט.

— וואס עס וועט זיין? איהר וועט מיך אין גאנצען פעררוקט מאכען, און איהר וועט מיר מאכען פיר אייער שקלאף.

— פון שקלאפען איז היינט אויס מאָדע.

— אבער איך וויל גערן טראָגען דיא קייטען; זייט מיינע העררין.

— העררין (מעטרעס) הייסט אויף פראנצויזיש אויך געליעבטע; דאס איז ערנסט, דאס מוז איך מיר נאך איבערלייגען.

דאס געשפּרעך איז געגאנגען ווייטער אין דעם זין. מאָרים האט פון דער זייט בעטראכט וויא אָקטאוויע שפּיעלט מיט דעם רוסען און האט געזאָגט צו זיך אליין: „זיא האט שוין דעם הערבט מיט דיא גאָלדענע שופּען אין איהר נעטץ, זיא קען מאכען פון איהם וואָס זיא וויל, אבער ניט קיין מאַן“.

דיא איבעריגע דאמען האבען זיך געסוד'עט און האבען אויסגערעדט אויף אָק-טאוויען וואס אין קארט שטעהט. דאס דער רייכער אויסלענדער זאל איהר שיינקען זיינע גאנצע אויפמערקזאמקייט האט זייא שטארק פּערדראָסען.

דער אויבערקעלנער האט אָנגעמעלדעט אז דיא טישען זיינען גרייט.

— גראף פּאסקאל פעהלט נאָך, האט איינע פון דיא דאמען געענטפערט.

— דאן געהען מיר צום טיש אָהן איהם, האט ד'ארפעל געזאָגט. פּאסקאל איז איין אויסגעצייכענטער יונג, אבער זעהר אונפּינקטליך.

יעדער הערר האט געגעבען א דאמע דעם ארעם און מען האט זיך געזעצט ארום טיש. גראף איוואן סאמילאָוו, וועלכער איז געזעסען אויבען-אָן אלס עהרענגאסט. איז נאטירליך געוועזען אָקטאוויע'ס נאכבאר.

קוים האט מען דערלאנגט דעם ערשטען געריכט און אָנגעגאָסען דיא ערשטע

www.libtool.com.cn

גלעזער, אלס דיא טהיר האט זיך געעפענט און פּאסקאל איז איינגעטרעטען, וועלכער האט אויסגעזעהן גאנץ פערפראָרען. ער האט געטראָגען א ווארעמען הוט אויפ'ן קאָפּ, אַ פּעלץ אין וועלכען ער וואלט זיך צווייא מאל קענען איינוויקלען, און דאָן א ווארעמער שאהל איבערן האלבען געזיכט.

צורופע, וויטצען און גלייכווערטלאך האבען זיך אנגעהייבען צו שיטען אויף זיי רעכנונג אלס ער איז איינגעטרעטען.

— ענדליך ביסט דוא דאָ! האט ד'ארפעל איהם פאָרגעוואָרפען. מיר האבען געמיינט דוא קומסט שוין היינט גאָר ניט.

— איך בעט מיליאָנען מאָהל אום ענטשולדיגונג, האט דער פרישער גאסט געזאָנט הוסטענדיג און כאפּענדיג דעם אטהעם. איך וויים איך קום שפּעט אבער זעהר וויכטיגע אומשטענדע האבען מיר צוריק־געהאלטען. ווען איהר וועט ערפאהרען וואס מיר האט צוריקגעהאלטען וועט איהר שטוינען, איך פערזיכער אייך.

וועהרענד ער האט אזוי גערעדט האט איהם דערווייל א קעלנער אראפּגענומען דעם פּעלץ, דעם הוט און שאהל, און ער איז געבליעבען שטעהן אלס א קליינינקער, אויסגעדאַרטער, כמעט שווינדזיכטיגער מענשיל, אנגעטהאן נאך דער לעצטער מאָדע.

— נו, וואס האט דען אזוינס פּאסירט? האט ד'ארפעל געפרעגט.

— פיליייכט אַ דועל? האט דער פּעכטמייסטער געפרעגט מיט היטץ.

פּאסקאל האט ווידער געהוסטעט און האט דאן ארויסגערעדט:

— עס האנדעלט זיך וועגען א פערברעכען, אדער גיכער וועגען צוויי פערברעכען.

— אום צוויי פערברעכען? האבען עטליכע שטימען איבערגעפרעגט.

— יא מיינע ליעבע, גוטע, עס איז עטוואָס שרעקליכעס, טייפלישעס, איך פער־שטעה מיך אויף אזעלכע זאכען.

מאָרים וואַסייר האט בייא דער נייעס געפיהלט וויא א שוידער איבערן לייב. ער האט פערשטאנען וואס פּאסקאל וועט דא דערציילען.

— אום גאטעס ווילען, פּאסקאל, דערציילט שוין, איהר זעהט דאס אז דיא דאַ־מען זיטצען וויא אויף קאהלען.

— דאס טהוא איך דאך אויך. דאָך! זעהט איהר, מיינע טהייערע, איך זיטץ מיר אזוי אין קאפע־הויז פון וואריעטע און טרינק מיר לאנגזאם א גלעזעל ווארעם פּונש און האב שוין בדעה צו געהן אהער, פּלוצלונג הער איך וויא ביין צווייטען טישעל, ניט ווייט פון מיר, דערציילט איינער דעם אנדערן דאס צווייא פערברעכען זיינען ענטדעקט געוואָרען פארטאג, איין לייכע איז געפונען געווארען אין א פיאקער אין רוע ערנעסטין, און דיא צווייטע אין דער גרופּט פון א רוסישער פאמיליע אויף דעם פּער־לאשעז.

גראף איוואן סאמילאוו וואס איז דיא גאנצע צייט געוועזען פערטיעפט אין א געשפּרעך מיט אָקטאוויע, האט בייא דיא לעצטע ווערטער אויפגעהויבען דעם קאָפּ און איז אויפגעציטערט.

— אויפ'ן פּער־לאשעז? אין א גרופּט? האבען דיא דאמען אויסגערופען מיט שרעק.

— יא מיינע דאמען, איך זאָג אייך עס איז וואס שרעקליכעס!

www.libtool.com.cn

מאריס האט זיך געמאכט כלומרשט זעהר צערשטרייט, ער האט אבער צוגע־הערט מיט איינגעהאלטענעם אטהעם.

— ווייסט איהר פיעלייכט וויא הייסט דיא רוסישע פאמיליע אין וועמעס גרופט דיא לייכע איז געפונען געווארען? האט גראף סאמילאָוו געפרעגט.

— זיא איז ביים נאמען ניט גענאנט געווארען, האט פאסקאל געענטפערט.

— איך גלויב אבער, מיין ליעבער פאסקאל, אז דיא געשיכטע מוז זיין א היבשע ביסעל איבערטריעבען, האט ד׳ ארפעל געזאגט. זיא קלינגט צו דראמאטיש אום וואהר צו זיין.

— דורכאויס ניט, האט פאסקאל זיך פערטהיידיגט. דיא הערען פון וועמען איך האב עס געהערט זיינען גוט אונטעררעכטעט געוועזען.

— דאן דארף דאך וואס שטעהן דערפון אין דיא אבענד־צייטונגען.

— וואהרשיינליך שטעהט עס אויך.

— דאס וועלען מיר גלייך זעהען

א קעלנער האט ערהאלטען דעם אויפטראג צו ברייגגען א צייטונג, און ער איז באלד צוריקגעקומען מיט דעם אבענד־בלאט „פראנס“.

ד׳ארפעל איז אריבערגעפלויגען דאס בלאט מיט דיא אויגען. „דאָ שטעהט עס!“ האט ער געזאגט, און האט אנגעפאנגען צו לעזען דאס וואס אונזערע לעזער איז שוין בעקאנט און האט געענדיגט מיט דעם, דאס דיא אונטערזוכונג האט פעסטגעשטעלט, דאס ביידע מארדטהאטען קומען פון דערזעלביגער האנד. זיכערע צייכען ערלויבען דיא שפור פון דעם מערדער צו פערפאלגען, און ער וועט באלד געוויס אויך זיין אין דיא הענד פון דער יוסטיץ.

וועהרענד ד׳ארפעל האט דיעזע צייליען געלעזען האט מאריס געפיהלט א קאלטען שוויים אויף זיין שטערן. דאס איז געוועזען א בייזע אנצוהערעניס, פון וועלכע דער אטהעם האט איהם פארנומען, און עס האט איהם געקאסט איינע שרעקליכע אנ־שטרענגונג פון זיין ווילענסקראפט, אום צו פארבארגען דיא אויפרעגונג, וועלכע האט איהם ערגריפען. „וואס האב איך מורא צו האבען? — האט ער געזאגט אום זיך אליין צו בערוהיגען — איך האב קיינע צייכען פון מיין שפור געגעבען, דיא צייטונג זאגט ליי־גען, איך האב פאר קיין זאך ניט צו פירכטען“.

— נון זעהט איהר אז איך האב רעכט! האט פאסקאל געזאגט.

— אהנע צווייפעל, אבער עס וואלט גלייכער געוועזען, איהר וואלט עס גאר ניט דערציילען, איהר האט דערשראקען דיא דאמען און דיא גאנצע פרעהליכע שטימונג איז פערשוואונדען, האט ד׳ארפעל געענטפערט. לאמיר אוועקטרייבען דיא פינסטערע גע־דאנקען מיינע פריינדע און טרינקען א בעכער אויף דיא געזונדהייט פון גראף איוואן, און — עס זאל לעבען דיא פריידע!

דיא קליינע רעדע איז אלעמען געפעלען געווארען. און אלס מען האט געטרונקען פאר דיא געזונדהייט פון גראף איוואן האבען זיינע געזיכטסציגע ווידער אנגענומען א פרעהליכען אויסדרוק, דען דיא ערצעהלונג פון דעם מאָרד אויפ׳ן פער־לאשעז האט

www.libtool.com.cn

איהם געהאט ערשטערט, און ער האט געדאנקט דיא פערזאמלונג פיר דיא ערוויזענע עהרע.

אָקטאוויע האט איהם קיין צייט ניט געגעבען צו זיין מרה־שחורה׳דיג. זיא האט איהם ארומגענומען מיט א נעטץ פון קאקעטעריא און האט זיך גענומען דאס פערגעניגען ארומצושאַרען אין פייער, וועלכעס זיא האט, וויא זיא האט געמיינט, ביי איהם אין הארצען אנגעצונדען.

באלד האט ארום טיש געהערשט דיא אויסגעלאסענסטע פרעהליכקייט, און אלס מען איז אויפגעשטאנען האבען פיעלע פון דיא הערען געקוקט מיט גלאנציגע אויגען און זיינען געגאנגען איבערן זאאל פונקט וויא איבערן דעק פון א שיף אין דער צייט פון שטורם.

מען האט זיך געזעצט שפיעלען, וויא דער שטייגער איז. מאריס האט אימער געהאט גליק אין שפיעלען און האט דיעזעס מאהל אויך געוואונען ביז צוויי טויזענד פראנק.

דער רוסע האט געפונען דיא שפיעל צו לאנגווייליג און האט עס פאָרגעצויגען זיך צו אונטערהאלטען מיט אָקטאוויע׳ן.

— ערלויבט איהר מיר איך זאל אייך בעגלייטען נאך הויז? האט ער זיא גע־פרעגט, אלס דיא געזעלשאפט האט זיך פארבערייטעט פאר טאג צום פאנאנדערגעהן.

— ניין, היינט ניט, ליעבער גראף.

— ווארום?

— דאס איז צו פריה.

— ווען דען?

— שפעטער.

— דאס איז צו אונבעשטימט. ועט עס באלד זיין?

— זעהר באלד, איך פערשפרעך עס אייך.

— ווען וועל איך אייך וויעדערזעהען?

— דאס וויים איך ניט.

— איך ווייס עס. דאָ, אין דיעזען זאאל, היינט אבענדס.

אָקטאוויע האט איהם עטוואס געוואלט ענטפערן, ער האט אבער איהר דערצו קיינע צייט געגעבען.

— מיינע דאמען און הערען, האט ער אויסגערופען זיך איפהויבענדיג. מיין פריינד ד׳ארפעל האט מיר ערוויזען דיא עהרע מיך מיט אייך בעקאנט צו מאכען, און איך בין איהם זעהר פערבונדען דערפאר. מיר האבען דורך זיין פריינדליכע איינלאדונג פערלעבט איינינע שטונדען אין פערגניגען, וועלכע זיינען נור צו שנעל פאראיבער, איך וואלט זיי גערן האבען ערנייערט. נאכדעם וויא איך בין געוועזען גאסט, ערלויבט מיר אויך צו זיין ווירטה. מיינע דאמען, מאכט מיר דיא פריידע, און איהר, מיינע הערען, ערווייזט מיר דיא עהרע, זיך היינט אבענדס וויעדער אהער צו פערזאמלען.

דיא איינלאדונג פון גראף איז מיט בייפאל אנגענומען געווארען.

www.libtool.com.cn

וועהרענד דיא געזעלשאפט האט זיך אנגעטהאן אין גארדעראב־צימער, האט זיך אַקטאוויע צוגערוקט צו מאריס'ן און האט איהם איינגעראמט אין אויער: „איך וועל דיך בעזוכען היינט אבענדס, אום 5 אוהר“.

— אבגעמאכט, האט מאריס געענטפערט. ווער בעגלייטעט דיך?

— לאמוריי. מיט איהם וועט מען מיר קיין זאך ניט חושד זיין.

ד' ארפעל און גראף סאמילאוו זיינען געוועזען דיא לעצטע, וועלבע זיינען צוריק־געבליעבען אין דעם מענשען־לעערען זאאל.

— איהר זייט וויא איך זעה ווירקליך בעצויבערט פון דער שעהנער אקטאוויע, האט ד' ארפעל געזאגט.

— גלויבט עס ניט, מיין ליעבער.

— איהר האט דאך אבער דורכאויס געוואלט איהר פארגעשטעלט ווערען.

— נוא, פאר וואס ניט? זיא געפעלט מיר וויא א שעהנע בלומעלע, וואס מען ברעכט ארונטער פארבייגעהענדיג און מען שטעכט זיך אן אויפ'ן ראָק. איך וועל פון איהר מאכען א דאמע, וואס זאל זיין לויטער שיק, אבער פון ליעבע איז דא גאר קיין ריידע ניט, העכסטענס איז דא פאראנען אייגענליעבע.

— ווייסט איהר אז זיא וועט אייך פיעל געלד קאסטען?

— דאס מאכט ניט אוים; מיך צו רואינירען וועט איהר שווער זיין.

אזוי פלוידערנדיג זיינען דיא יונגע לייט געגאנגען אויפ'ן טראָטואר פון בולווארד פּיסאָניער, באלד האבען זיי גענומען אבשיעד איינער פון אנדערן. דער וויקאנט ד'ארפעל איז אוועק צו פוס נאך הויזע, וויל ער האט ניט ווייט געוואהנט, וועהרענד דער גראף האט זיך ארייגגעזעצט אין וואגען וואס האט אויף איהם געווארט דיא גאנצע נאכט און איז געפאהרען צום גראנד האָטעל, וואו ער האט געוואהנט.

אלס ער האט זיך אויסגעקליידעט און זיך געלייגט אין בעט, איז איהם אקטאוויע שוין ניט מעהר אין זינען געלעגען, דערפאר אבער האט ער בשום אופן ניט געקענט פאר־טרייבען פון זיך דיא ערצעהלונג פון פאסקאל און האט זיך פארגענומען צו געהן מארגען אויפ'ן פער־לאשעז אום נאכצופראגען, אין וועלכער גרופּע פון א רוסישער פאמיליע דער מאָרד איז בעגאנגען געווארען, מיט דעם געדאנקען איז ער איינגעשלאפען און איז זעהר אונרוהיג געשלאפען, געקוועלט פון בייזע טרוימען.

מאריס האט גענומען א פיאקער און איז געפאהרען נאך הויזע.

דיא פאליציי פערזיכערט אז זיא האט דיא שפור פון מערדער, האט ער זיך גע־טראכט, עס זיינען דא גענוג דומקעפּ וואס גלויבען דאס נור דערפאר וואס עס שטעהט געדרוקט. מיט אזעלכע פאסטקעס פאנגט מען נארען. זוכט, זוכט, קינדערלאך, איהר וועט אייך גוט דיא אויגען אויסקוקען.

מאריס איז געוועזען גאנץ צובראכען פון מיעדיגקייט. ער האט זיך שנעל אויסגע־קליידעט, האט זיך געווארפען אויף זיין בעט און נאך צוויי מינוטען איז ער שוין געלעגען אין טיעפען שלאף.

www.libtool.com.cn

12טער קאפיטעל.

## דיא געזוכטע אפפער.

אין דער צייט וואס דער דאפעלמארד איז ענטדעקט געווארען, איז אין דער רוע וואוען, ניט ווייט פון לוקסעמבורגער גארטען, געזעסען דער האלב בעריהמטער מאלער גאבריעל סערוועט, אין זיין הערליך אויסגעשטאטעטען אטעליער און האט געארבייטעט ביי א בילד. דאס בילד האט פארגעשטעלט א קליין שטיבעלע אונטערן דאך, וואו א יונגע פרוי ליעגט קראנק צו בעט אין דער עלענדסטען אומגעבונג, וועהרענד א בארמהערציגע שוועסטער פפלעגט זיא אין דער קראנקהייט. דאס בילד איז בעשטימט געווען פאר דער קינסטלער אויסשטעלונג; גאבריעל האט געהאלטען אין דער לינקער האנד דיא פאלעטער (פארבען־ברעטעל) און האט מיט דעם פינזעל איבערגעמאהלען א פאלב פון דער וועטערינס קלייד.

א לייכטער קלונג פון גלעקיל ביים טהיר האט דעם מאהלער אנגעמעלדעט, דאס עס קומט א פריינד. ער האט א ציה געטהאן א הענטיל ביים וואנד וואו ער איז געזעסען און דער דראהט וועלכער האט זיך געצויגען ביז אונטען האט געעפענט דיא טהיר. עס האבען זיך געלאזט הערען לייכטע שנעלע טריט אויף דיא טרעפ, דיא טהיר פון אטעליער האט זיך געעפענט און עס איז אריינגעקומען א יונגער מאן, פון א יאהר ניינצעהן. ער איז געווען פון מיטלען וואוקס, שלאנק, מיט פיינע געלאקטע דונקעל־בלאנדע האָר, מיט א זעהר פיינעם, אינטעליגענטען אפענעם געזיכט.

— גוט מארגען מייסטער, האט ער געזאגט צוטרעטענדיג צום מאהלער.

דיזער האט אונטערבראכען דיא ארבייט און האט איהם געדרייכט דיא האנד:

— גוט מארגען, מיין ליעבער אלבערט, דוא קומסט היינט אביסעל שפעט.

— איך האב געווארט אויף מיין פאטער. מען האט איהם היינט גאנץ פריה אוועקגערופען צום יוסטיץ פאלאסט און ער האט געזאלט באלד צוריקקומען; אבער ער האט זיך אזוי לאנג געזאמט, דאס איך בין אונרוהיג געווארען. איך בין הינגעגאנגען און האב איהם געפונען בעשעפטיגט מיט דער אונטערזוכונג פון א שרעקליכען דאפעל מארד.

— א דאפעלמארד! האט דער מאהלער אויסגערופען נייגיעריג און ערשטוינט, זיך אפרייסענדיג פון דער ארבייט.

— יא מייסטער, און זעהר א געהיימניספאלער.

דער יונגער מאן האט אין קורצען דערציילט דיא ענטדעקונג פון דיא צוויי ער־מארדעטע, אויף׳ן פער־לאשעז און אין רוע ערנעסטין.

דער מאהלער האט אויסגעהערט דיא ערצעהלונג מיט דער גרעסטער שפאנונג, און האט אפילו געשווידערט אלס ער האט געהערט וויא אזוי דיא לייכען זיינען געפונען געווארען.

— דאס איז א־װירקליכע געשיכטע. דיא אונטערזוכונג וועט דיין פאטער פיעל צו שאפען מאכען, אבער איך גלויב אז הערר גיבריי וועט שוין זיינס אויסגעפינען.

— דאס האף איך אויך, האט אלבערט געזאגט אלס ער האט אנגעטהאן א סאמעטרעקיל און האט זיך פארבערייטעט צו שטעלען ארבייטען.

www.libtool.com.cn

— זאל איך אין דעם לאנדשאפט ווייטער ארבייטען? האט ער געפרעגט.

— געוויס.

— האט איהר מיר אויף עטוואס אויפמערקזאם צו מאכען?

דער מאהלער האט זיך געשטעלט הינטערן יונגען מאן און איבער זיינע שולטערן האט ער איהם מיט דעם מאהלער־שטעקען אנגעוויעזען דיא שטעלען אויף וועלכע ער האט וואס געהאט אויסצושטעלען און איז געגאנגען צוריק צו זיין בילד. לעהרער און שילער זיינען באלד ביידע פערטיעפט געווען אין דער ארבייט.

אלבערט גיבריי איז געווען איין העכסט בעגאבטער יונגער מאן, מיט 19 יאהר האט ער געהאט געענדיגט א מיטעלע שולע און איז געווארען סטודענט פון יוריסטישען פאקולטעט, זיינע אמביציאן איז געווען צו ווערען א מאהל א בעריהמטער אדוואקאט. ער האט אבער אויך געהאט טאלענט צו קונסט און בעזאנדערס צום מאהלען, אין זיינע פרייע שטונדען פלעגט ער געוועהנליך דערצו פערווענדען. אום זיך אין גאבריעל סער־וועטס אטעליער אין דיעזער קונסט צו איבען.

זיין פאטער, דער אונטערזוכונגס ריכטער גיבריי פלעגט איהם פערגעטערן און ער ווידער האט אויך זיין פאטער געליעבט מיט דער גאנצער זעעלע. קיין מוטער האט ער ניט געהאט, דען דיא יונגע פרוי גיבריי איז געשטארבען ווען ער איז נאך געוועזן גאנץ קליין און ער מיט'ן פאטער האבען געלעבט איינער פאר'ן אנדערן.

אלס עס איז פאראיבער א היבשע ווילע וויא דער לעהרער מיט'ן שילער האבען רוהיג געארבייטעט, האט דיא טהיר גלאקע ווידער געקלונגען.

— דא קומט בעזוך! האט גאבריעל געזאגט.

ער האט א ציה געטהאן דעם דראטה און געעפענט אונטען דיא טהיר, אבער קיינער איז ניט ארויפגעקומען.

— דאס מוז א פרעמדער זיין, וועלכער איז נאך ניט בעקאנט מיט דיא געוואהנ־הייטען פון הויז, האט גאבריעל געזאגט, ווילסט דוא נאכזעהען ווער דאס איז, ליעבער אלבערט?

— זעהר גערן, הערר סערוועט! האט דער יונגער מאן געענטפערט אוועק־לייגענדיג דאס פינזעל און איז ארונטערגעלאפען דיא טרעפ.

אין עטליכע סעקונדען ארום איז ער ארויפגעקומען צוריק אין דער בעגלייטונג פון א העררן מיט א יונגע מיידעל.

דער הערר איז געווען א מאן פון א יאהר 50, הויך און זעהר דיק, אבער פון פארנעהמען אויסזעהען. דאס פרישע געזיכט פון זיין בעגלייטערין האט געוויעזען אויף אונגעפעהר 18 יאהר, זיא איז געווען שלאנק און גראציעז וויא א נימפע, האט געהאט בלויע אויגען און בלאנדעס האר און איז געווען שעהן אין פאלשטענדיג'ן זינ פון דעם ווארט.

דער מאלער האט זיך אויפגעהויבען אום דיא געסטע צו בעגריעסען.

— האב איך דיא עהרע צו שפרעכען מיט דעם קינסטלער הערר סערוועט? האט דער דיקער הערר געפרעגט.

— מיין נאמען איז גאבריעל סערוועט, האט דער מאהלער געענטפערט,

www.libtool.com.cn
אנווייזענדיג אויף א פאר שטולען האט ער צוגעזעצט: נעהמען זיא געפעליגסט פלאטץ.

דער דיקער הערר האט זיך אראפגעלאזט אויף א שטוהל, דאסזעלבע האט אויך געטהאן דאס יונגע מעדכען, וועלכע איז רויט געווארען און האט אראפגעלאזען דיא אויגען, אלס זיא האט בעמערקט וויא אזוי דער יונגער גיבריי נעהמט פון איהר איין אויג ניט אראפ.

— וואס פערשאפט מיר דיא עהרע פון אייער בעזוך? האט סערוועט געפרעגט.

— איהר וועט עס לייכט טרעפען: איך וויל האבען דאס פארטרעט פון מיין טאכטער און אזוי וויא איך קום צו אייך, וועט איהר שוין פערשטעהן, דאס איך וויל האבען א קונסטווערק.

סערוועט האט זיך פערניגט פאר דיעזען קאמפלימענט און איז געבליעבען שטעהן א ווייל נאכדענקליך.

— הינדערט אייך פיעלייכט עטוואס דיעזע בעשטעלונג אנצונעהמען? האט דער הערר געפרעגט.

— ניין, מיין הערר, איך נעהם גערן אן אייער אנטראג. מיט אזא מאדעל וויא אייער טאכטער דארף מען קענען א מייסטערווערק ליעפערען. אזא גליק טרעפט א מאלער ניט אפט.

— איהר נעהמט אלזא אן דאס פארטרעט? האט דאס מעדכען געפרעגט מיט פרייד.

— יא, מיין פריילין; איך דיינק נור אויב עס וועט פאר אייך ניט צו שווער זיין צו פאזירען (זיטצען פאר'ן מאלער). אריבערצוטראָגען מיינע גרעטשאפטען און וועקצייג צו אייך איז צו אומשטענדליך; אויך קען איך שווער האבען אנדערסוואו דאס נייטיגע ליכט וויא איך בין געוועהנט בייא מיר.

— דאס פערשטעהט זיך יא פון זעלבער, האט דער דיקער הערר געענטפערט. איך בין ארכיטעקט און צעהל מיך אליין אויך א ביסל צו קינסטלער, און וויים אז יעדער קינסטלער ארבייטעט בעסער אין זיינע געוועהנטע אומגעבונג. איך האב גאר ניט אנדערש גערעכענט, דאס מיין טאכטער זאל קומען אין אייער אטעליער, אום צו זיטצען פאר אייך.

דער יונגער גיבריי, וועלכער איז דיא גאנצע צייט פון געשפרעך געזעסען בייא זיין בילד, אהנע צו ארבייטען, וואַרפענדיג פארגנב'עטע בליקען אויף דאס שעהנע מעדכען, האט בייא דיא לעצטע ווערטער פון איהר פאטער געפיהלט איינע אנגענעה-מע אויפרעגונג. דאס האט פאר איהם געהייסען, אז ער וועט האבען א שעהנע געזעל-שאפטערין אין אטעליער.

— וויא פיעל זיטצונגען וועט נייטיג זיין? האט דער פאטער געפרעגט.

— פון צוועלף ביז פופצעהן.

— מוז מיין טאכטער קומען יעדען טאג?

— נור אין אנפאנג; דערנאך איז גענוג איינמאהל אין צוויי אדער דריי טעג.

— וועלכע שטונדע בעשטימט איהר?

— דאס הייננט אפ פון אייך. איך וועל מיך ריכטען נאך אייער פערלאַנגען.

www.libtool.com.cn

— איז צעהן אוהר מאָרגענס גוט?

— זעהר גוט.

בייא דיעזע ווערטער האט אַלבערט נאָך אמאהל געפיהלט וויא זיין הערץ קלאַפּט שטארקער. צעהן אוהר מארגענס איז דיא שטונדע ווען ער קומט געוועהנליך אין אטעליער.

— ווען פאַנגט איהר אָן, הערר סערוועט? האט דאס בלאָנדע מיידעל געפרעגט.

— וויא עס שיינט ווילט איהר וואס שנעלער, האט דער מאלער געלאכט

— איך זאָל עס מיינען. פון מיינטוועגען פאנגט אָן מארגען.

— מארגען איז אונמעגליך, ווייל איך מוז דעם לייוועַנד פארברייטען, אבער איבערמארגען קענען מיר עס אָנפאַנגען. וואס פאר א טואלעט ווילט איהר?

דאס יונגע מיידעל האט אנגעקוקט דעם פאטער.

— מאריע איז ערשט ארויס פון פאנסיאָן, האט דער דיקער הערר געענטפערט. און איך וואלט וועלען האבען אידר פארטרעט אין טואלעט פון א פאנסיאָן־מיידעל פון דיא העכערע קלאסען. איך וויל עס מאכען מיין שוועסטער צום געשענק. און איך האָף אז דאס וועט איהר מאכען דיא גרעסטע פריידע.

— דער קאָסטיום איז זעהר גוט געוועהלט, האט דער מאלער בייגעשטימט.

— יעצט בלייבט מיר נאר איבער אייך צו געבען מיין אדרעסע, האט דער דיקער מאן געזאגט ארויסנעהמענדיג א קארטע פון זיין בריעף־טאשע. ער האט דיא קארטע איבערגעגעבען דעם קינסטלער וועלכער האט דארויף איבערגעלעזען: „לודאָוויק ברעסאָל, רוע דע ווערנעל, 25“.

הערר ברעסאָל האט זיך אויפגעהויבען און זיין טאכטער האט געטהאן דאס זעלבע. אבער ער האט נאָך ניט בדעה געהאט צו געהן. ער האט געוואלט בעטראכטען א ווײלע דיא בילדער אין אטעליער פון קינסטלער. פאר דעם גרויסען בילד וועלכעס סערוועט האט געהאלטען אין פערפערטיגען איז ער געבליעבען שטעהן. מאריע איז אויך צוגעטרעטען אהין און האט אין פארבייגעהן זיך בעגעגענט מיט א בליק פון דעם יונגען גיבריי, וועלכער האט איהר גאנץ פורפור־רויטה געמאכט.

— איהר מאכט געוויס דיזעס בילד פיר דיא אויסשטעלונג? האט הערר ברעסאָל געפרעגט דעם קינסטלער, וועלכער איז געשטאנען א ביסעל פון וויטען.

— יא, הערר ברעסאָל.

— איך זאג אייך פאראויס גרויסען ערפאלג; עס איז איין הערליכעס בילד.

— איז עס אייער אויפריכטיגע מיינונג?

— אויף עהרענווארט, מיין הערר, און איך רייד זיך איין אז איך פערשטעה עטוואס דערפון. איך וועטטע אז מיין טאכטער דיינקט אויך אזוי. ניט וואהר, מאריע?

— אָ געוויס, עס איז שעהן, זעהר שעהן, נאר טרויעריג איז עס אויך! האט פריילין ברעסאָל געזאגט צוזאמענפאלטענדיג דיא הענד וויא צום בעטען. מיר ציהט צוזאמען דאס הערץ ווען איך זעה דעם שמערצליכען אויסדרוק אין דעם געזיכט פון דער ארעמער קראנקער.

— עס איז ווירקליך טיעף ערגרייפענד, האט ברעסאל צוגעשטימט.

www.libtool.com.cn

— עס איז אזוי ערגרייפענד וויא דאס לעבען, האט דער מאלער בעמערקט.

— וויא, דאס בילד איז אלזא קיין פאנטאזיע? האט מאריע געפרעגט.

— ליידער ניט.

— איהר האט עס געמאהלט פון לעבען?

— יא, מיין פריילין.

— דיזעס זיסע קראנקע געזיכט איז געמאהלט פון נאטור?

— יא, מיין פריילין.

— איך האף אז זיא איז ניט געשטארבען, האט מאריע געזאגט מיט ריהרונג.

— ניין, פריילין, זיא איז ארויס פון געפאהר און איהר צושטאנד בעסערט זיך מיט יעדען טאג. מיר האבען איהר וויא דורך וואונדער גערעטעט פון טוידט דורך דיא בעמיהונגען פון א גוטע נאכבארין און א קליינע געלד אונטערשטיטצונג, וועלכע מיר, מיין שילער הערר אלבערט גיברי, וועלכען איך האב דיא עהרע אייך פארצושטע־לען, און איך, האבען איהר פערשאפט. זיא איז געבליעבען לעבען, אבער איהר צוקונפט שיינט זעהר א טרויעריגע צו זיין.

אלבערט גיברי האט זיך בייא דער אונערוואַרטעטער פארשטעלונג טיעף פער־נייגט. הערר ברעסאל האט געענטפערט מיט א פערבייגונג און מאריע האט א בייג געטהאן דאס היבשע קעפּיל.

— דאס יונגע מיידעל איז, וויא איך פערשטעה, אייער מאדעל? האט הערר ברעסאל געפרעגט.

— ניין, זיא איז א פלייסיגע נעטהערין, וועלכע האט פערלארען איהר געזונד בייא דער ארבייט, דורך וועלכע זיא האט זיך ערנעהרט. האט דער קינסטלער גע־ענטפערט.

— וואס פאר איין עלענד! האט מאריע טרויעריג געזאגט. וויא אלט איז דאס ארעמע מעדכען?

— א צווייא־דרייא און צוואנציג יאהר.

— קען איהר פאמיליע גאר ניט טהאן פיר זיא? האט ברעסאל געפרעגט.

— זיא האט קיינע פאמיליע. זיא איז איינע פון יענע אונגליקליכע קינדער וועל־כע ווערען פערשטייסען פון דיא עלטערן ווען זייא זיינען נאך גאנץ קליין. עס געהערט דערצו פיעל מוטה און נאטירליכע רייניהייט פון הערצען, אום צו ערווייכען דיעזע יאהרען און ניט אראפצוגעהן פון גראדען וועג....

— איך וואלט אייך ערזוכט, הערר פערוועט, אנצונעהמען פאן מיר פיר דיעזע אונגליקליכע א קליינע אונטערשטיטצונג, האט ברעסאל געזאגט זיך נעהמענדיג פיר זיינע ברייף־טאשע.

— דאס איז גאנץ איבעריג, דען זיא נעהמט קיינע שענקונג אן, האט דער קינסטלער ערקלערט. איך און מיין שילער האבען פערזוכט איהר צו געבען א קליינע סומע דערפאר וואס זיא האט אונז געדיענט אלס מאדעל, זיא האט עס אבער אויף קיין פאל ניט אנגענומען.

— וואס אלזא קען מען פיר איהר טהאן? האט ברעסאל געפרעגט.

www.libtool.com.cn

— עטוואס דאך, האט זיך אלבערט גיבריי אריינגעמישט. גיט איהר ארבייט. דיא געוויסהייט אז זיא איז בעזארגט מיט ארבייט וועט פערדאפלען איהרע קרעפטען.

— פאטער, מיר קומט א גוטער געדאנקען אין קאפּ! האט אויסגערופען מאריע נעהמענדיג הערר׳ן ברעסאל פאר׳ן האנד.

— וואס איז עס, מיין קינד?

— דיא וועש־אויפזעהערין אין אונזער פענסיאן האט געהייראטעט און האט אויפגעגעבען איהר שטעלע, וועלכע איז נאך ניט בעזעצט, פיעלייכט וואלט דיעזעס מעדכען געוועזען גוט דערפאר?

— זיא פאסט זיך אויסגעצייכענט פיר דיעזע שטעלע, האט גאבריעל אריינגעווארפען צווישען.

— איך גלויב זיא האט אויסזיכט דיזע שטעלע צו ערהאלטען, האט מאריע געזאגט, ווען זיא זאל עמפפאהלען ווערען דורך הערר׳ן סערוועט און דורך אונז. מאדאם דיבעף איז א גוטהערציגע פרוי, אין וועט זיך פיר דאס ארעמע מעדכען געוויס אינטערעסירען. דיא שטעלע איז אויך א גאנץ גוטע, צוועלף הונדערט פראנק א יאהר מיט וואהנונג און קאסט, דאס וואלט דער ארעמער מעדכען געזיכערט איין רוהיגעס לעבען.

— איין קעסטליכער געדאנקען! האט גאבריעל אויסגערופען.

— וואס פיר א שעהנע טהאט, האט אלבערט גיבריי געזאגט מיט ריהרונג.

— דאס איז דאך אבער א גאנץ איינפאכע זאך, האט מאריע געזאגט פערשעמט. ווער וואלט ניט פערזוכט צו טהאן דאסזעלבע? פאטער, מיר בעזוכען נאך היינט מאדאם דיבעף.

— ווען דוא ווילסט, נאך היינט, אבער....

— איין אבער איז דאך נאך פאראנען?

— מיר מוזען דאך פריהער זעהען אויב דאס מעדכען איז אים שטאנדע אזא שטעלע אנצונעהמען, און אויב זיא וויל זיא איבערהויפט אננעהמען.

— עס איז אפילו קיין צווייפעל דאס זיא וועט אזא גליק ניט פארביילאזען, האט סערוועט געזאגט. אבער עס שאדעט אימער ניט, דאס איהר זאלט פריהער מיט איהר אליין ריידען. הערר גיבריי וועט געפעלינגסט ארונטערגעהן און צושיקען צו איהר דיא הויזמייסטערין פון אונזער נאכבאר־הויז זיא אהער צו רופען. זיא איז נאך אפילו שוואך, אבער ארויסגעהן אויף א וויילע וועט איהר ניט שאדען.

אלבערט גיבריי איז ארונטערגעגאנגען און איז געקומען צוריק, און וועהרענד הערר ברעסאל מיט זיין טאכטער האבען נאך פארבראכט אונגעפעהר א פיערטעל שטונדע אין בעטראכטען דיא ווערקע פון סערוועט און פלוידערינדיג מיט איהם, איז דיא גערופענע ערשיענען. זיא איז אריין אין אטעליער, איהר בלאסעס ריהרענדעס געזיכט ארומגעוויקעלט אין א ווארמען גרויען טוך, אנגעטהאן אין א שווארצען לאנגען מאנטעל און האלטענדיג א קליין פעקל אין האנד.

אלס זיא האט דערזעהען דיא פרעמדע אין אטעליער איז זיא געבליעבען שטעהן און האט זיך געוואלט צוריקציהען, אבער הערר סערוועט האט איהר צוגערופען.

— קומט אריין פריילין סימאנע, זייט ניט אזוי שרעקעדיג.

www.libtool.com.cn

— דער הערר גיבריי האט מיך געוויס געשיקט רופען וועגען זיינע טאשענטיכער, האט זיא געזאגט זיך קעהרענד צו אלבערט מיט א טאָן פון ענטשולדיגונג. איך האב זיי געהאט אויסגענעהט נאך היינט פריה, אבער עס איז מיר ניט מעגליך געוועזען ארויסצוגעהן וועגען דער קעלט....

א טרוקענער הוסט, וועלכער האט איהר אונטערבראכען, האט בעוויזען אז זיא דארף איבערהויפט ניט געהן אין קעלט.

— ניין, ליעבעס קינד, וועגען דיא טאשענטיכער האט איהר ניט געדארפט געהן, און וועגען דעם וואלטען מיר אייך ניט גערופען. נעהמט פלאטץ און רוהט זיך אוים פון וועג, דאן וועל איך אייך אלעס ערקלערן. מיר האבען דא פון אייך גערעדט און מיר ווילען זיך מיט אייך בעראטהען.

— פון מיר? מיט מיר? האט סימאָנע אויסגערופען, אויפהויבענדיג איהרע גרויסע אויגען מיט דעם אויסדרוק פון דער גרעסטער פערוואונדערונג אויף דעם מאלער.

— יא, פריילין, האט מאריע געענטפערט צוטרעטענדיג צו איהר מיט א שמייכעל אויפ'ן געזיכט. מיר האבען בעוואונדערט דאס בילד, צו וועלכען איהר האט געדיענט אלס אָריגינאל, און דאס האט אונז ארויפגעפיהרט אויף א געשפרעך וועגען אייך. ער האט אונז דערצעהלט פון דער קראנקהייט, וועלכע איהר זייט איבערגעקומען, פון אייער עלענדקייט, און פון אייער מוטה, מיט וועלכען איהר טראגט אריבער אייער אונגליק. דיעזע מיטטהיילונגען פון העררן סערוועט האבען אונז ערפיעלט מיט דער גרעסטער סימפאטהיע צו אייך, און מיר זאבען געקלערט וועגען א מיטעל וויא אזוי אייער צוקונפט צו זיכערן.

מאריע ברעסאָל האט דיעזע ווערטער גערעדט מיט אזוי פיעל טהיילנאמע און אזוי זאנפט, דאס זיא האט געמוזט געפינען דעם וועג צום הערצען פון איהר צוהערערין.

— איך דאנק אייך פון טיעפסטען הערצען פיר דיא טהיילנאמע, פריילין, און דעם העררן סערוועט פיר דאס אינטערעסע וועלכעס ער נעהמט אין מיין שיקזאל. ער איז אזוי גוט צו מיר!....

זיא האט זיך אליין אונטערבראכען, דען דיא שטימע האט איהר ניט געוואלט דיענען פאר ריהרונג און פון איהרע אויגען האבען זיך אראפגעקייקעלט צוויי גרויסע טרערען איבער איהר געזיכט. אלס זיא האט זיך עטוואס בערוהיגט האט זיא פארט־געזעצט.

— יא איך האב פיעל געליטען, און איך האב געהאט שטונדען ווען איך האב ניט מעהר געגלויבט אין מיין לעבען. אבער דאס איז איצטער פאָרביי, איך קען ווידער ארבייטען און האב קיין רעכט מיך צו בעקלאגען.

— וואלט איהר אנגענומען א שטעלע אין א גוטע הויז, ליעבעס קינד? האט דער מאלער געפרעגט.

— זעהר גערן, הערר סערוועט, אבער איך האב מורא אז מיינע קרעפטען וועלען מיר נאך ניט ערלויבען צו ערפילען מיינע פליכטען וויא עס געהער צו זיין.

— איהר קלערט פיעלייכט פון דער שטעלע פון א קאמערמעדכען, און דעריבער זייט איהר אזוי אונזיבער, וועגען דעם איז קיינע רעדע. דיא יונגע דאמע דא וויל זיך

www.libtool.com.cn

דיא מיהע נעהמען אייך צו בעזארגען א שטעלע אין א פּאַנסיאָן אלס אויפזעהערין איבער דיא וועשע.

סימאָנע'ס געזיכט איז געווארען רויט פון פריידיגער איבערראשונג און איהרע פייכטע אויגען האבען אויפגעלויכטען.

— אָה, דאס וואלט געוועזען אזוי שעהן! אבער איז עס מעגליך?

— זעהר מעגליך, מיין פריילין, האט מאריע געענטפערט. מיין פאטער און איך וועלען נאך היינט זעהען מאדאם דיבעף, מיין געוועזענע פּאַנסיאָנס־דאמע, וועלכע איז זעהר פריינדליך מיט אונז, און וועט אונזער עמפפעהלונג געוויס אננעהמען. פיהלט איהר אייך פעהיג אזא שטעלע צו איבערנעהמען?

— אָה פריילין, איהר זייט אזוי גוט! וויא זאל איך אייך און אייער פאטער דאנקען! איך האלט מיך פיר פעהיג דיעזע שטעלע פּינקטליך צו האלטען און איך וואלט ביי אזא רוהיגען לעבען אין גאנצען געזונד געווארען.

— דאס איז אלזא אפּגעמאכט; מיר פאהרען פון דאנען גלייך צו מאדאם דיבעף און איך האָף אז מיר וועלען אונזער זאכע דורכפיהרען. וועגען אייער געהאלט וועט איהר מיט איהר אליין אפּמאכען. מאדאם דיבעף איז איינע אויסגעצייכענטע פרוי און וועט זיין זעהר פריינדליך צו אייך.

— גיעב גאָט איהר זאלט עס דורכפיהרען! האט סימאָנע זיך געווענדעט צו העררן ברעסאָל. איך וועל אייך דאנקבאר זיין מיין גאנצעס לעבען.

— איך בעט אייך, רעדט ניט פון דאנקבארקייט, האט ברעסאָל געזאגט. מיין טאכטער וואלט אזוי גליקליך געוועזען ווען זיא זאל אייך קענען ניצליך זיין, דאס עס וועט אייך נאך קומען א דאנק. גיט אונז נור אייער אדרעסע, דאמיט מיר זאלען אייך גלייך קענען מיטטהיילען ווען מאדאם דיבעף וועט אייך וועלען זעהען.

— איך וואהן רוע קער, נומער 17.

— אייער נאמען?

— סימאָנע.

— קיין פאמיליען־נאמען? האט ברעסאָל געפרעגט.

— ניין, הערר ברעסאָל, קיין פאמיליען־נאמען, האט דאס ארעמע מעדכען געענטפערט מיט אויפרעגונג, און איהרע אויגען זיינען ווידער פייכט געווארען.

מאריע האט איהר אנגענומען צערטליך פאר ביידע הענד.

— וויינט ניט סימאָנע, איך בעט אייך; איצטער דארפט איהר לאכען, אייער גליק קומט.

— איהר מעגט רעכנען אויף אונז, האט ברעסאל געזאגט. אויך ווען דיא שטעלע ביי מאדאם דיבעף וועט שוין זיין פארנומען, וועלען מיר אייך קריעגען איין אנדערע.

— איך דאנק אייך מיין הערר, איך דאנק אייך פון הערצען.

הערר ברעסאָל האט נעגעבען דעם מאהלער דיא האנד צום אבשיעד.

— אויף ווידערזעהן, מיין ליעבער הערר סערוועט, מיר ערווארטען איינע נאכריכט פון אייך. האפענטליך וועט איהר אונז ניט לאנג לאזען ווארטען.

— איך האף אז ניט. איבערמארגען, גלויב איך, וועלען מיר אנפאנגען דאס בילד.

www.libtool.com.cn

פאטער און טאכטער האבען פארלאזזן דאס אטעליער, דער מאלער און זיין שי־
לער האבען זיי בעגלייטעט ביז צו דער טיהר.

— איין ליעבענסווירדיגעס מעדכען, איין גאלדענעס הערץ, האט דער מאהלער
געזאגט.

— און וואס פאר א שעהנהייט! האט אלבערט צוגעזעצט, א בעצויבערענדע
שעהנהייט, א קלאסישע שעהנהייט!

— אי, אי! וואס פאר א פייער! האט סערוועט געלאכט אנקוקענדיג זיין שי־
לער. איך זעה זיא האט אויף דיר געמאכט א טיעפען איינדרוק.

— נוא וואס איז דער וואונדער? זיא איז א פראכט פון א מיידעל!

— און איך וועל איהר האבען צו פערדאנקען מיין גאנצעס גליק, איהר און אייך,
הערר סערוועט, האט סימאָנע געזאגט. דען אהן אייך וואלט זיא דאך פון מיר ניט
געקענט דיינקען.

— שטיל סימאָנע, קיין ווארט מעהר דערפון. אז איהר זייט שוין יא דאָ וויל
איך בענוטצען דיא געלעגענהייט און נאך איינינע שטריכען אין בילד אויסבעסערן. עס
וועט נעהמען העכסטענס א האלבע שטונדע. אבער פריהער ענדיגט אייער געשעפט
מיט אלבערט.

— דאס געשעפט וועט ניט לאנג נעהמען, האט סימאנע געזאגט ארויסנעהמענ־
דיג א הצענד פיינע טאשענטיכער פון א פעקיל. דא זיינען אייערע טאשענטיכער
הערר גיבריי.

— דיא טיכלאך זיינען וואונדער שעהן אויסגענעהט, האט אלבערט געזאגט,
וואס בין איך אייך שולדיג דערפאר?

— דריי פראנק, דאס איז דער פרייז.

— דאס איז צו וועניג פאר אזעלכע ארבייט, איהר זייט צו בעשיידען. איהר
קריעגט דערפאר צעהן פראנק.

— אבער, מיין הערר....

— קיין אבער, איהר וועט מיר בעליידיגען ווען איהר וועט ניט נעהמען פון מיר
וואס אייך קומט נאך מיין פערשטאנד.

סימאָנע האט צוגענומען דיא צעהן פראנק מיט א בליק פון דאנקבארקייט און
פערלעגענהייט צוגלייך.

— ליעבער מייסטער, איצטער געה איך. איך האב נאך היינט א פארלעזונג
אין דער רעכטס־שולע. אויף ויעדערזעהן.

— אויף וויעדערזעהן, אלבערט, גרים דיין פאטער פון מיר.

אלבערט האט גערייכט דיא האנד דעם מאלער, דערנאך סימאָנע, האט אומ־
געביטען זיין ארבייטס־רעקיל אויף דיא גאס־קליידער און איז ארויסגעגאנגען.

— יעצט, ליעבע סימאָנע, זעצט זיך אויף אייער אָרט; איהר וועט האבען
העכסטענס א האלבע שטונדע צו פאזירען.

www.libtool.com.cn

13טער קאפיטעל.

# דיא פערוועכסלונג.

ווען מאַרים וואסייר איז פארטאָג צוריקגעקומען פון אבענד־פעסט, וויא עס איז שוין פריהער ערצעהלט געווארען, האט ער זיך געלייגט שלאפען. אבער קוים האט ער גערוהט דרייא שטונדען איז ער אויפגעוועקט געוואָרען פון א שטארקע קלינגערייא פון זיין טהיר־גלאָקע. ער האט זיך אויפגעכאפט ניט טוידט ניט לעבעדיג, איז אריינגע־שפרונגען אין הויזען און פאנטאָפעל, און איז געגאנגען אין פאָרדערצימער, וואו דיא טהיר איז דאָפעלט פערשלאָסען געוועזען.

דער יונגער מאן איז געוועזען פארבערייטעט אויף יעדע געפאהר, וועלכע איז יעדענפאלס מעגליך געוועזען, ווען אויך עס האט ניט אויסגעזעהן אז זיא זאל קומען. פיר דען פאל ווען דיא פאָליציי זאל אין איהם ענטדעקען דעם דאָפעלטען מערדער איז ער ענטשלאָסען געוועזען זיך ניט לעבעדיג ארויסצוגעבען, און האט אימער געהאט אין בערייטשאפט א געלאדענעם רעוואָלווער.

— ווער איז דאָרט? האט ער געפרעגט.

— איך, הערר, וואסייר, האט געענטפערט א **פרויענשטימע.**

— ווער איז דער „איך"?

— דיא קאָנסיערזש (הויזמייסטערין).

— וואס ווינשט איהר?

— דער בריעף־טרעגער האט....

דער געוויש פון עפענען דיא טהיר האט ניט געלאזט הערען דעם צווייטען טהייל פון דעם אנגעהויבענעם זאץ; אבער דיא הויזמייסטערין איז ניט געוועזען אזא פרוי וואס זאל לאָזען א זאץ ניט געענדיגט. אלס מאַרים האט געעפענט דיא טהיר און צו־גענומען דעם בריף, האט זיא ווידערהאלט:

— דער בריעף־טרעגער האט געבראכט א בריעף אויף וועלכען עס שטעהט „זעהר איילינג", און איך האב מיר דריבער ערלויבט אייך אויפצו־וועקען פון שלאָף. איהר ענטשולדיגט מיר הערר וואסייר.

— אָ, איך דאנק אייך, מאדאם בענאָט, איהר האט זעהר גוט געטהאן, האט מאַרים געענטפערט.

ווען מאדם בענאָט איז אוועקגעגאנגען האט מאַרים זאָרגפעלטיג צוגעשלאָסען צוריק דיא טהיר און האט אויפגעריסען דעם בריעף, וועלכער האט ענטהאלטען פאָלגענדעס: „היינט אום 12 אוהר מיטאגס, רוע דע סורען נומער 19. פרעגט אויף קאָפיטאן וואן־ברעקע. פארברענט דעם בריעף. ***V".

— דאס קומט אלזא פון טהערמים וועלכער הייסט איצטער קאפיטאן וואן־ברעקע, האט מארים געזאגט. דיא מיטלען וועלכע דיזע לייטע האבען זיינען געוואלטיג, איך מוז זייא אנערקענען אלס מיינע מייסטערס.

ער האט איבערגעלייענט נאך אמאהל דעם בריעף, האט זיך אריינגענומען דיא נומער אין קאָפּ און האט דאן אנגעצונדען א ליכט און פערברענט דעם בריעף. נאך

דעם האט ער זיך שנעל אנגעטהאָן און איז אוועק מיט דיא בולווארדס אויפ'ן אָמניבוס.

אָנקומענדיג אויף בולווארד מאדלען האט ער נאכגעזעהן דיא אוהר. עס איז גע־וועזען עלף און ער איז אריין אין א קאפע־הויז, אום צו טרינקען א טאסע שאָקאָלאד און א בליק צו טהאן אין דיא מארגען־צייטונגען.

אלע צייטונגען האבען געבראכט במעט דאס זעלבע וואס דיא נעכטיגע אבענד־צייטונגען און האבען צוגעגעבען זייערע אייגענע מיינונגען. אלע האבען געענדיגט מיט דער ערקלערונג, אז דיא דאפעלטע אונטערזוכונג וואס ווערט געפיהרט פון ריכטער פאול גיברויי האט שוין פיעל וויכטיגעס ענטדעקט. איין צייטונג האט זאגאר געשלאָ־סען איהר ארטיקעל מיט דיא ווערטער: „אלס גוט אונטעררינטעטעם בלאט, האבען מיר פיעל העכסט אינטערעסאנטע דעטיילס (פרטים) וועלכע מיר פערפענטליכען ניט נור דערפאר, ווייל מיר ווילען ניט הינדערן דער יוסטיץ אין איהר ארבייט".

מארים האט געלאכט.

— מיט חלב פאנגט מען מייז. א דומקאפ קען אריינפאלען אין אזא נעטץ. ווען צייטונגען פערזיכערן אז זייא זאגען ניט וואס זייא ווייסען, איז א סימן אז זייא ווייסען ניט וואס זייא זאגען.

מארים האט אויסגעטרונקען זיין שאָקאָלאד, האט צוגעביסען און איז געגאנגען נאך דער רוע דע סורען, און איז אריין אין דיא בעצייכענטע נומער. דאמיניק דער שטומער דיענער האט געעפענט דיא טהיר.

— הערר קאפיטאן וואן־ברעקע? האט ער געפרעגט.

דער שטומער איז צוריקגעטרעטען אום איהם דעם איינגאנג פרייא צו מאכען, און איז איהם פאראויסגעגאנגען, און האט איהם אריינגעלאזען אין צווייטען צימער, וואו לאטירג איז געזעסען.

מארים וועלכער האט איהם פריהער געזעהן אלס זשול טהערמים האט איהם איצטער ניט דערקענט, און האט געמאכט א טריט צוריק אין דער מיינונג אז ער האט געווים געמאכט א טעות.

— קומט נעהענטער, ליעבער מארים, און נעהמט פלאטץ—האט איהם לאטירג צוגערופען, איהם אויסשטרעקענדיג א האנד צום גרוס.

— וויא? זייט איהר עס ווירקליך?—האט מארים אויסגערופען ערשטוינט.

— איך אליין. איהר האט מיך וויא עס ווייזט אוים ניט דערקענט?

— איהר זייט אויך ניט צום דערקענען. ווען איך זאל ניט הערען אייער שטימע, וואלט איך נאך איצטער אויך ניט דערקענט. אזא פערוואנדלונג איז עמת'ע צויבעריי.

— אייער פערוואונדערונג שמייכעלט מיר זעהר, ווייל איך זעה אז זיא איז אויפ־ריכטיג, אבער געשיקליכקייט איז קיינע צויבעריי. נאך דער בייזער געשיכטע וועלכע איהר האט אונז ארויפגעווארפען אויפ'ן האלדז, האב איך עס געפונען פיר נויטיג צו וועכסלען דיא הויט—ערלויבט מיר מיין אויסדרוק. ווייסט איהר אז מיר ווילען אָהן גנאדע געדעבענט ווערען פאר אייערע מיטשולדיגע ווען איהר זאלט אריינפאלען אין דיא הענד פון דער פאָליציי?

www.libtool.com.cn

— זייט רוהיג און שלאפט זיכער—האט מאָרים געענטפערט—מיך וועט מען ניט חאפען.

— מען מוז אלעס בעדענקען.

— נאטירליך; עס איז אין אלטער כלל: „פּאָרזיכט איז דיא מוטער פון ווייז-הייט און פון זיכערהייט", אבער עס זיינען דא זאכען וועלכע זיינען דורכאוים אונמעג-ליך, און צו דיא זאכען געהערט אויך, דאס מיינע שפור זאל אויסגעפונען ווערען.

דאס גליָקיל פון פּאָרדערצימער האט געקלונגען.

— ווייסט איהר ווער דא קלינגט?—האט מאָרים געפרעגט.

— דאס קען קיין אנדערער ניט זיין וויא דער אבבע מעריס.

נאך אייניגע אויגענבליקע איזווירקליך אויך אריינגעקומען ווערדיע, נאך אימער אנגעטהאן אין דיא קליידער פון א גייסטליכען. לאטירג און מאָרים האבען איהם גע-רייכט דיא האנד.

— איך מאך דיר מיין קאָמפּלימענט—האט ער געזאָגט—דוא האסט אויסגע-זוכט א וואהנונג וויא מען דארף גאר ניט בעסער; דא ביסט דוא זיכער.

— און דאס הויז ליעגט אזוי אפּגעזונדערט, דאס עס איז אונמעגליך אז דיא שכנים זאלען אונז שפּיאָנירען.

— דאס איז וואס מיר דארפען.

— האסטו עטוואס ערהאלטען?—האט לאטירג געפרעגט.

— איך ערווארטע בריעף פון לאָנדאָן. דערווייל מוז מען אבער עטוואס טהאָן. נאר איידער מיר ריידען וועגען אונזער זאכע וויל איך פריהער ריידען אין ערנסט ווארט מיט אונזער מיטארבייטער.

— מיט מיר?—האט מאָרים געפרעגט פערוואונדערט.

— יא, מיט אייך.

— האב איך עטוואס געטהאָן, וואָס איך פערדין פאָרווירפע?

— איהר ווייסט עס ניט?

— בייא מיינער זעעלע, ניין!

— דאס איז נאך ערגער. דאס איז דאך דער גרעסטער וואהנזין, נאך אזא דראמא וויא איהר האט אויפגעשפּיעלט יענע נאכט, זאלט איהר באלד געהן דיא אנ-דערע נאכט און זיך בענעהמען וויא א נארר.

— איהר ווייסט דאָס?—האט דער יונגער מאַן געפרעגט פערלעגען.

— איך ווייס אז איהר האט מיט יונגע הולטייעס און גאלאנטע דאַמען געגעסען, געטרונקען, געשפּיעלט און געוואונען; איך ווייס אַז איהר זייט ערשט זעקס אוהר אין דער פריה געקומען נאך הויזע. איז דאס ריכטיג?

— יא, אבער וויא אזוי ווייסט איהר דאס?

— דורך מיינע פּאָליציי.

— איהר האט א פּאָליציי?

— יא, און אזא פּאָליציי וועלכע קען זיך מעסטען מיט דער פּרעפעקטור (שטאדט פּאָליציי). מיר זיינען, וויא איהר ווייסט, זעהר גוט אָרגאַניזירט. איהר, מיין יונגער

www.libtool.com.cn

פריינד, זייט א נייע בעקאנטשאפט פאר אונז און אונזער אינטערעס פאַרדערט עס פון אונז אז מיר זאלען האלטען איין אויג אויף אייך. איך מאַך אייך אין פאראויס דארויף אויפמערקזאם, אז יעדעסווארט וואס איהר רעדט, יעדער טריט וואס איהר מאכט בלייבען אונז ניט פערבארגען. איך ראטהע אייך דעריבער איהר זאלט ניט געהן פון הינטען ארום און ניט ציהען אויף זיך אונזער חשד. אונזערע אגענטען זעהען אייך אימער, איהר זאלט זיך דאס גוט ארייננעהמען אין זינען. יעצט — עטוואס אנדערש.

— דיא לייטע האבען א שרעקליכע מאכט, זיי ווילען מיך צורייבען — האט מאַריס געקלערט. איין געפיהל פון אנגסט פאר עטוואס שרעקליכעס האט זיך אין איהם אויפגעוועקט, און איהם האט באלד פערדראסען וואס ער איז געווארן דער מיטוויסער פון אזעלכע געפעהרליכע געהיימניסע.

— הערט מיך צו אויפמערקזאם — האט ווערדיע פארטגעזעצט — און נעהמט זיך גוט אריין אין קאפ דיא ראלע וואס איהר האט צו שפיעלען. איהר מוזט זיך ארויסגעבען פאר דעם פריוואט־סעקרעטער פון געוועזענעם שיפסקאפיטאן וואן ברעקע, וועלכער איז בעשעפטיגט מיט דער פערפאַסונג פון א בוך וועגען דיא שיפ־פאהרט פון אלע לענדער און אלע צייטען, און איז געקומען נאך פאריז אום צו געפינען מאטעריאל אין דיא אַרכיווען פון דעם מארינע־מיניסטעריום. פרעגט זיך איינער ווער האט אייך דיא שטעלע פערשאפט, דאן זאגט איהר אז איהר האט דעם קאפיטאן שוין פריהער געקאנט און אזוי וויא ער האט געוואוסט, אז איהר זייט געשיקט מיט דער פעדער, האט ער אייך פאָרגעשלאגען דיעזע שטעלע, וועלכע איהר האט אנגענומען. דער קאפיטאן וואן ברעקע איז זעהר רייך. דיעזע פאבעל (מעשה'לע) איז אזוי איינפאך און נאטירליך, דאס יעדער וועט עס גלויבען, און זיא דיענט אונזערן צוועק אויסגעצייכענט. פאַר אלעם מאכט זיא אייך מעגליך צו קומען אהער יעדען טאג, אזוי וויא אייער אמט רופט אייך אהער. צווייטענס ווערט איהר א מאן מיט א שטעלונג, מיט מעהר אנזעהען אלס א רעפארטער פון א ביליגען בלעטיל, און ענדליך ווערט אייער אבוועזענהייט דורך דעם ניט אויפפאלענד, דען ווען מען זאל אייך מוזען שיקען אויף רייזען, דאן וועט עס הייסען, דאס דער קאפיטאן האט אייך אוועקגעשיקט עפעס א וויכטיגע נאטיץ פיר איהם צו זוכען. האט איהר מיך פערשטאנען?

— פאלקאמען, האט מאַריס געענטפערט. און איך מאך אייך מיין קאמפלימענט, דיא ערפינדונג איז אויסגעצייכענט.

— איך האב אמאל גוטע איינפעלע. האט ווערדיע געשפאסט.

— און וואס האב איך צו טהאן? האט לאַטירג געשפאסט.

— דוא געהסט גלייך אויף דיא האָללענדישע געזאנדשאפט און דוא לאז וויזירען דיין פאס. עס איז זעהר נעטהיג עס זאל זיין אין אָרדנונג. דעם סעקרעטער פון דער געזאנדשאפט זאלסטו לאזען גריסען פון אבבע מעריס.

— דאס איז אלעם?

— דערווייליע אלעס, איך האב נאך עטוואס צו ריידען מיט אונזער יונגען פריינד. איהר זאלט פון היינט אן נאכפארשען דיא שפורען פון דער פאמיליע ברעסאַל. אונזער ברעסאַל איז געוועזען ארכיטעקט. אויב איהר געפינט איהם ניט אין אדרעסען־בוך, דאן

www.libtool.com.cn

ווערט איהר וועגען איהם ערפאהרען ביי זיינע קאָלעגען. אונטער ארכיטעקטען וועלען געוויס אויך זיין אזעלכע וואס קאנען איהם. ווייטער מוזען מיר זיך אויך זעהען צו פערשאפען דעם געבורט־שיין פון סימאנע. דאס וועט ניט שווער זיין; דאך האלט איך עס פיר ראטהזאמער מען זאל נאך דערווייליע לאזען צורוה די נאכפארשונגען וועגען דאס יונגע מיידיל, ביז עס וועט שטילער ווערען דער לארם וועגען די ערמאָרדונג פון זשעני סטאהל און יאנאטהאן ווילד. שפעטער וועט מארים פאהרען נאך וויק־סור־בריין, וואו סימאנע איז אויפגעהאדעוועט געווארען; דערווייליע אבער מוז מען נור זיין פארזיכטיג. האט איהר די מארגענצייטונגען געלעזען?

— יא.

— וואס זאגען זיי?

— דאסזעלבע וואס געסטערן האבען געזאגט די אבענד־בלעטער, נייעס ברייננגט קיינע פון זיי. איך האב פון די צייטונגען פערשטאנען, אז די אונטערזוכונג איז נאך דערווייליע קיין איינציגען טריט ווייטער געגאנגען.

— זייט איהר געוועזען אין דער מארג (טויטענהויז)?

— ניין, איך דענק צו געהן אהין גלייך פון דאנען.

— טהוט עס, דאס איז נעטהיג. איצטער וואלט איך וועלען אביסעל בעטראכטען דאס הויז, עס איז זעהר גוט אומעדום צו וויסען וואו איין און וואו אויס. לאטירג האט געפיהרט זיינע געסט דורך אלע צימערן אונטען און אויבען און דאן אויך אין גארטען, ווערדיע איז אויך געווארען אויפמערקזאם אויף די טיהר אין מויער.

— וואס איז דאס? האט ער געפרעגט.

— דוא זעהסט דאך, א פערשלאסענע טיהר.

— וואוהין פיהרט זיא?

— אין א גארטען פון אנאנדער הויז, וועלכעס קומט ארויס אין רוע וויל ד'ע וועק.

— וואס איז דארטען פאר א הויז?

— א פאנסיאן פיר מעדכען, פון א מאדאם דיבעף.

— צו וואס איז דען פריהער די טיהר דורכגעהאקט געווארען?

— וויל די ביידע הייזער געהערן דעמזעלביגען אייגענטהימער.

— זעהר גוט, איך וועל בעזוכען דעם פאנסיאן און וועל זעהען וואס עס לאזט זיך מאכען פון אזא שכנות. מען דארף קיין זאך ניט בעטראכטען פיר צו קליין, אום עס צו בעטראכטען. האבען מיר אלעס געזעהען?

— אלעס.

— דאן קען יעדער פון אונז געהן זיין וועג. אויף ווידערזעהען!

---

אין דערזעלביגער צייט וואס דיעזע דריי קאמראדען האבען זיך אונטערהאלטען, איז דער גראף סאמילאוו געפאהרען צום פער־לאשעז. די ערצעהלונג פון גראף פאס־קאל האט די פאריגע נאכט געמאכט אויף איהם א טיעפען איינדרוק, און ער איז

www.libtool.com.cn

געוועזן געשפאנט צו ערפאהרען, וויא הייסט דיא רוסישע פאמיליע, אין וועמעס גרופּט דיא מארדטהאט איז בעגאנגען געווארען.

אנקומענדיג צום הויפּט-איינגאנג, איז ער ארויס פון פיאקער און האט גענומען דעם וועג, וועלכער פיהרט צו דער קאראוויאוו'שער גרופּט. דער פּער־לאשעז איז געוועזען זעהר בעלעבט, און וואס נעהענטער צו דער גרופּט זיינען אלץ געווארען געדיכטער מענשען, ביז עס איז געוועזען אונמעגליך זיך דורכצושפּארען. דער אויפלויף פון נייגיעריגע איז פעראורזאכט געווארען דורך דיא צייטונגען, וועלכע האבען געמעלדעט דיא שרעקליכע נייעס.

דער גראף האט זיך פארנומען מיט א זייטיגען וועג און איז געגאנגען ארום אין דער האפנונג, דאס פון דער אנדערער זייט וועט ער גיכער צוקומען. דארט זיינען ווירקליך געשטאנען וועניגער לייטע, אבער דער וועג איז דאך-געוועזען אבגעשפּערט דורך פּאליציסטען. איינער פון דיעזע לעצטערע האט דעם גראף פארשטעלט דעם וועג.

— דא דארף קיינער ניט דורכגעהן, מיין הערר.

— ווארום?

— עס איז אבגעשפּערט.

דער גראף איז א ווילע געבליעבען שטעהן אין נאכדענקען און האט דאן געזאגט:

— איך וויל אייך ערקלערן, מיין הערר, אז איך געה אהער ניט פון נייגירדע; איך וויל בעזוכען א גרופּט, וועלכע ליעגט אביסעל ווייטער אין דער אלעע. איז דאס ניט ערלויבט?

— היינט ניט.

— איהר קענט קיינע אויסנאהמע מאכען?

— איך בעדויערע, מיין הערר, איך האב דעם שטרענגסטען בעפעהל, קיינע אויסנאהמען צו מאכען.

— וואס איז דען געשעהן, פאר וואס איז דער וועג געשפּערט?

דער העפליכער סערזשאנט האט איהם אין קורצען אלעס דערצעהלט.

— אין וועלכער גרופּט איז דאס פערברעכען פארגעקומען?

— פון דער רוסישער פאמיליע קאראוויאוו.

דער יונגער רוסע איז געווארען בלייך וויא א לייבע, און איז געבליעבען שטעהן וויא ערשטארט. ערשט נאך א פּאר מינוטען האט ער זיך צוזאמענגענומען, האט בעדאנקט דעם סערזשאנט פיר זיינע מיטטהיילונג, און האט זיך אומגעקעהרט.

— וואס פאר א נייעס רעטהזעל! האט ער געזיפצט אין דער העכסטער אויפרעגונג — אזוי וואס אונערהערטעס, אונגלויבליכעס, קען גאר דיא מענשליכע פאנטאזיע ניט אויסקלערן! איך מוז עס אבער אויסגעפינען, איך מוז עס וויסען!....

ער האט אנגעהויבען צו געהן גיכער, איז ארויס פון פּער־לאשעז און האט אויפגעזוכט זיין וואגען. דער קוטשער איז געשטאנען אויף דער אנדערער זייט גאס, און גראף סאמיילאוו איז שנעל אהין אריבערגעגאנגען, אום איינצושטייגען. אין דעם אויגענבליק וויא ער האט געעפענט דאס טירל פון פיאקר, איז א מאן מיט א הילצערנעם קרייץ

www.libtool.com.cn

אויפ'ן אָקסעל געבליעבען שטעהן פאר איהם מיט דעם אויסדרוק פון העכסטען איבער־ראשונג, און טרעטענדיג נעהענטער צום גראף האט ער געזאָגט:

— ענטשולדיגט מיר, מיין העדר, איך האב אייך צו זאָגען איין וואָרט.

— וואס פערלאנגט איהר?

— איך וויל אייך נור איין פראגע שטעלען: האט איהר ניט פאַרגעסטערן ביי מיר אין מאגאזין געקויפט א קראנץ פון איממאָרטעלען?

— עס איז זעהר מעגליך, מיין העדר. געקויפט א קראנץ האב איך, אבער צו עס איז געוועזען ביי אייך ווייס איך ניט.

— איהר האט געטראָגען דעם קראנץ צו קוראוויאָוו'ס גרופט?

— מעגליך. צו וואס דארפט איהר עס וויסען?

— ווייל נאכדעם וויא איהר זייט אוועקגעגאנגען האב איך בעמערקט אז איהר האט מיר געגעבען אן ענגלישעס גאלדשטיק פון 25 פראנק אנשטאט א 20-פראנק שטיק. איך האב אייך אלזא ארויסצוגעבען 5 פראנק.

— דאס איז ניט נייטיג. איך גלויב ניט אז איך האב געהאט איין ענגלישעס גאָלדשטיק, נאר אויב עס איז אפילו אזוי, שיינק איך אייך דאס געלד....

— אבער מיין העדר....

— אויב איהר ווילט ניט, גיט עס אוועק איין אָרעמאַן—האט איהם דער גראף אונטערבראָכען און איז אריינגעשפרונגען אין וואגען, צורופענדיג דעם קוטשער: צוריק אהין פון וואנען איהר האט מיך גענומען, פאָרט שנעל!

דער קוטשער האט א שמיטץ געטהאָן זיין פערד און דער וואגען איז אוועק־געפאָרען.

— וויט וועסטו מיך ניט אוועקפאהרען, דוא שורקע, איך וועל דיך שוין אָניאָ־גען—האט געמורמעלט דער מאן וועלכער איז קיין אנדערער געוועזען אלס דער בלומען הענדלער לעטעליע. ער איז צוגעשפרונגען שנעל צו א פיאקער וואס איז געשטאנע ניט וויט און האט א געשריי געטהאָן צום קוטשער:

— צוואנציג פראנק טרינק-געלד, ווען איהר וועט נאכהאלטען יענעם פיאקער וואס איז ערשט אוועקגעפאהרען!

— דאס וועלען מיר מאכען, בירגער, צוואנציג פראנק מאכט זיך ניט אלע ווייל ע—האט דער קוטשער געענטפערט.

דער קוטשער האט געטריבען זיין פערד מיט אלע כחות, וועהרענד לעטעליע האט זיך ארויסגעבויגען דורכ'ן פענסטער פון פיאקער, און האט נאכגעקקט מיט דיא אויגען דעם גראף'ס וואגען. ער איז געוועזען איבערצייגט אז ער האט דא דעם ריכטי־גען מערדער פון דיא ביידע לייבען.

— עס איז ניט מעגליך איך זאל האבען א טעות—האט ער גערעדט צו זיך אליין—איך האב איהם דערקענט אן זיין בלאָנדעס האָר, אן זיין פאנסנע און זיין שפּרא־כע. און ער לייקענט גאר ניט אז ער האט געקויפט דעם קראנץ און האט איהם גע־טראָגען אין קוראוויאָוו'ס גרופט, ער גלויבט גאָר ניט אז איך בין איהם חשוד; דיא זאך קען גאנץ שטיל אפגעמאכט ווערען. וואס פאר א גליק וואס איך האב איהם דא

www.libtool.com.cn

דערטאפט. איך געה איהם נאך ביז זיין וואוינונג, און ווען איך וועל ווייס נאר וואו ער וואוינט, דאן וועט שוין אלעס רעכט ווערען. איך וועל דער יוסטיץ און מיין לאנד ער־ ווייזען א גרויסען דיענסט, אלע צייטונגען וועלען פון מיר ריידען, וואס פאר א טהייערע רעקלאמע וועט עס זיין פיר מיין געשעפט!

אין רוע רוזשמאן האט דער גראף געעפענט דאס פאדערסטע פענסטערל פון פיאקער און האט ארויסגעשריען צום קוטשער: „בלייבט שטעהן בייא ברעבאנט"!

דער קוטשער האט א שאקעל געטהאן מיט'ן קאפ צום צייכען דאס ער האט פערשטאנען.

וויא ניעדערגעשלאגען און אונרוהיג איוואן איז געוועזען, האט ער זיך דאך דער־ מאהנט דאס ער האט אויף אבענד איינגעלאדען א געזעלשאפט און דאס ער מוז בע־ שטעלען איין אבענד־עסען פיר 20 לייטע.

בייא דעם בעצייכענטען הויז איז דער וואגען געבליעבען שטעהן, און דער גראף איז אריין אין רעסטאראנט.

— האלט דא!—האט לעטעליע גערופען זיין קוטשער—דער מאן וואס איך פער־ פאלג איז אריין צו ברעבאנט. מיר וועלען אויף איהם ווארטען.

— זעהר שעהן, בירגער.

— דער שורקע האט זיין וואגען ניט אוועקגעשיקט, וואהרשיינליך וויל ער ווי־ טער פאהרען—האט לעטעליע איבערלעגט—ער מוז געוויס פריהשטיקען, זופען אויס־ טערן, עסען געגזעגע לעבערלאך און טרינקען וויין. זאל דיר וואויל בעקומען דוא מענ־ שענפרעסער, היינט בייא נאכט וועסטו האבען א ביליגערן מאהלצייט.

דער יונגער רוסע האט דערווייל אלעס אין ארדנונג געבראכט, איז ארויסגעקו־ מען, האט צוריק בעשטיעגען זיין וואגען, און איז אוועקגעפאהרען צום גראנד האטעל וואו ער האט געוואוינט. דארט איז ער ארויס פון וואגען, האט בעצאהלט דעם קוט־ שער, און איז פערשוואונדען אין גרויסען הויף.

לעטעליע איז דא אויך געבליעבען שטעהן און איז איהם נאכגעגאנגען. איין דיענער פון האטעל האט דעם רוסען בעגריסט ווען ער איז פארבייגעגאנגען.

— קענט איהר דעם העררן?—האט לעטעליע געפרעגט דעם דיענער.

— איהר זעהט דאך אז איך קען איהם, וויא וואלט איך איהם זאנסט בע־ גריסט?

— וואוינט ער אין גראנד האטעל?

— וואס געהט עס אייך אן?

אנשטאט איין אנטווארט האט איהם לעטעליע אריינגערוקט א פראנק אין האנד.

— עס פערשטעהט זיך, ער וואוינט דא—האט דער דיענער געזאגט.

— איז ער איין אויסלענדער?

— יא איין רוסע.

— וויא הייסט ער?

— גראף איוואן סאמילאוו.

— בעסטען דאנק.

לעטיליע האט איצטער געוואוסט אלעס וואס ער האט געוואלט וויסען:

www.libtool.com.cn

— גראף איוואן סאמילאוו, איין איינגענער געמאכטער גראף, וואהרשיינליך איין אנטלאפענער גאלערענשקלאפע (קאטארזשניק) — האט ער געברומט אריינשטייגענדיג צוריק אין וואגען.

— איהר האט אייערע צוואנציג פראנק פערדיענט, ליעבער קוטשער, איצטער פאהרען מיר נאך דער שטונדע; שנעל נאך דער פרעפעקטור!

— איך האב דאס שוין פריהער געקלערט — האט דער קוטשער געמורמעלט — מיין גוטער בירגער איז אלזא א געהיים-פאליציסט, און יענער יונגער מאן מוז געווים זיין א פערברעכער!....

14מער קאפיטעל.

## דאס אויג פון מלך המות.

אם נאכמיטטאג פון צווייטען טאג נאך דער ענטדעקונג, אלס אונטערזוכונגס-ריכטער גיברי איז געשטאנען אין בעגריף צו פערלאזען דעם פאלע-דע-זשוסטיס אום צו געהן צו הויז, האט איהם דער פראקוראר אריינגערופען צו זיך אין ביורא.

— האט איהר עטוואס נייעס ערפאהרען, מיין ליעבער הערר גיברי? — האט דער פראקוראר געפרעגט — זייט איהר שוין ארויף אויף וועלכע שפור?

— ליידער ניט — האט דער אונטערזוכונגס ריכטער געזיפצט.

— דיא זאכע שטעהט נאך אימער אויף איין ארט?

— עס איז מיר איינפאך א שאנדע דאס מודה צו זיין.

— עס ווערט נאך אימער געטאפט אין דער פינסטער?

— נאך אימער. מיר וויל אפילו ניט געראטהען זיך צו מאכען א מיינונג וועגען דיא גרינדע, וועלכע האבען צו דעם דאפעלמארד בעוואגען. אין אנפאנג האב איך גע-רעכענט אז מיר האבען דעם מערדער צו זוכען אין דיא הויכע קרייזען, אז דער דאפעל-מארד איז בעגאנגען געווארען וועגען פאמיליענאינטערעסען, אום צו בעהאלטען א שרעק-ליכעס געהיימניס.

— האט איהר דיעזע מיינונג געענדערט?

— יא.

— ווארום?

— ווייל דאס ווייזט מיר אוים צווייפעלהאפט. דיא ערמארדעטע געהערן ניט צו דיא העכערע קלאסען. ביי דעם מאן איז דער ארעם טעטאווירט (בעמאהלט פון איינ-גראווירונג) אוןביידע, וויא ער אזוי דיא פרוי, טראגען ניט געצייכענטע וועשע.

— דאס איז דאך אבער נאך קיין בעוויז, אז אייער פריהעריגע מיינונג איז א פאלשע. דיא ערמארדעטע האבען געקענט זיין דיענער פון פארנעהמע הייזער.

— וואס פאר א נוטצען קען איינער האבען דורך דיא ערמארדונג פון איינפאכע דיענער?

— ווייל זיי האבען פיעלייכט געטהאן עטוואס פאר זייערע הערען און האבען געוואוסט א געהיימניס, וועלכעס איז פאר איינעם שעדליך געוועזען און דעריבער האט מען זיי פון דער וועלט אבגעשאפט.

www.libtool.com.cn

— הויז־בעדיענטע פון פּאַרנעהמע לייט זיינען געוועהנליך בעקאַנט צו זעהר פּיעל לייטע, און מען וואלט זיי אין מארג געוויס דערקאַנט.

— ווער זאגט אייך, אז מען האט זיי ניט דערקאַנט?

— וועניגסטענס האט מיר קיינער דערפון ניט געמעלדעט.

— איז דער אַנדער־ראַנג (סטיסק) אין מאָרג געוועזען גרויס?

— אונגעהייר! דיא פּאָליציסטען האבּען דיא נייגיעריגע אריינגעלאַזען מעהר ניט וויא זעכס אויף א מאהל.

— און אונטער דיא נייגיעריגע זיינען אימער פּאָליציסטען פערקלייבט אריינגעמישט?

— עס פערשטעהט זיך.

— ווער איז דארט געוועזען?

— זשאַדלע און מאַרטעל, צוויי זעהר טיכטיגע פּאָליציי־אַגאַנטען, וועלכע ווערען אויף דער פּרעפּעקטור זעהר הויך געשעצט.

— טיכטיגע אַגענטען, דאס גיעב איך אייך צו, האט דער פּראַקוראַר געענטפערט — אבער דאך זיינען זיי ניט מעהר וויא געהיים־פּאָליציסטען פון גאַנץ געוועהנליכען שלאג. זיי זיינען זעהר געשיקט ווען זיי האבען צו טהאן מיט געוועהנליכע פערברעכער, מיט מערדער פון פּראָפעסיאָן, ווייל זיי קאָנען זייערע געוואהנהייטען, זייערע פערגעניגונגען, זייערע בעהעלטעניסען, און האבּען א גוטען אויג פיר דאס וואס איך רוף דעם פאבריקשטעמפעל פון פערברעכען. אבער אין דעם פאל האב איך ניט פיעל פערטרויען אין זייער געשיקטליכקייט. זיי זיינען אליין ניט זיכער, זיי טאַפּען אין דער פינסטער און קומען ניט א טריט ווייטער. מיר האבּען דא געדאַרפט האבען א מאַן, וויא עס טרעפט נור זעלטען אונטער דיא געהיימאַגענטען, וועלכער וויים יעדע ראָלע צו שפּיעלען, קען יעדעס געזיכט אננעהמען, און קען זיך בעוועגען אין דער גרויסער פארנעהמער וועלט וויא אונטער דעם אויסוואורף דער געזעלשאפט. זיי בעזיטצען דיא גאבע ארויסצוגעפינען דעם ריכטיגען פאדעם פון א גאנצען פּלאָנטער. זיי דערשמעקען דיא שפּור פון פערברעכער פונקט וויא דער יאַגדהונד זיין ווילד. אזא פּאָליציסטען האבען מיר דא געדאַרפט נעטהיג האבען.

— דאס איז ריכטיג! — האט דער אונטערזוכונגס־ריכטער צוגעשטימט — אזא וויא לעקאָק, וויא זשאַבען, וואָלטען גאר גיך אויפגעהויבען דעם שלייער פון דער געהיימניס. ליידער בעזיטצען מיר איצטער ניט אזעלכע קרעפטע.

דער פּראַקוראַר האט זיך א וויילע פערטראַכט.

— קאָנט איהר מאדאם ראזיע? — האט ער פּלוצלונג געפרעגט.

— מאדאם ראָזיע? — האט דער אונטערזוכונגס־ריכטער איבערגעפרעגט זוכענדיג אין זיין געדעכעניס — ניין.

— פיעלייכט געדענקט איהר זיא בעסער אונטער'ן נאמען עמא זשובערט? — האט דער פּראַקוראַר ווייטער געפרעגט.

— דער נאמען קלינגט מיר בעקאַנט.

— דאס איז דער נאמען פון א פרוי, וועלכע איז אמאל אנגעקלאגט געוועזען אלס מערדערין, זיא האט אבער בעוויזען אז זיא איז אונשולדיג. זיא איז פערוויקעלט געוואָרע

www.libtool.com.cn

אין דער זאכע פון דעם ריכטיגען מערדער, און דעריבער, אזוי שנעל וויא זיא איז פריי־ געשפראכען געווארען האט זיא געשוואריען ראכע דעם שורקע, און אלע איהרע געדאנ־ קען זיינען נור אויף דעם געווען אָפּגעלייגט, וויא אזוי איהם צו געפינען און איבערצר געבען דער פאליציי. אום איהם בעסער צו זוכען איז זיא געטרעטען מיט דער פאליציי אין פערבינדונג און האט ארויסגעוויזען פיעל טאלענט אלס פאליציסטין. עס איז איהר אויך געלונגען דעם מאן צו פאנגען, אבער ער האט זיך ארויסגעדרעהט פון אונטער דיא הענד פון דיא פאליציסטען וואס האבען איהם ארעטירט און איז פערשוואונדען געווארן. יענער מאן איז דאן פעראורטהיילט געווארען צום טויט אונטער דיא אויגען. ערראינערט איהר אייך דאס?

— פאַלשטענדיג! — האט גיברייי געענטפערט.

— דיא אָרעמע פרוי איז איינע פון דיא ערליכסטע אכטונגסווערטהע פערזאנען וואס איך קען — האט דער פראקוראר פארטגעזעצט — נאך יענער געשיכטע איז זיא דאך נאך געבליעבען ביי דער פאליציי, ערשטענס ווייל דאס אויפרעגענדע פאליציי לעבען איז איהר וויא עס שיינט געפעלען געווארען, און צווייטענס, ווייל זיא האט דאך נאך געהאפט איהר בלוטפיינד נאך א מאהל צו דערטאפּען און איהם ברייגגען אויפ'ן עשאפאָט. אונטער דיא לייטע פון דער פאליציי האט מען איהר א נאמען געגעבען „דאס אויג פון מלאך המות“, ווייל פאר איהר איז כמעט קיין פארבאָרגענים ניט געוועזען, און פלעגט זיא נור ווארפען איין אויג אויף א פערברעכער, האט ער געמעגט זיין ווער ווייסט וויא געשייט, איז ער געוועזען פערלארען. דיא געניאלע געהיימפאלי־ ציסטען זשאָבען און לעקאָק האבען זיא זעהר געאכטעט. ליידער אבער איז זיא זייט 5 יאהרען אויסגעטרעטען פון דער פאליציי.

— איז פיעלייכט מעגליך אז דיא פאליציי זאל זיא ווידער געווינען?

— איך צווייפעל זעהר, איך ווייס מען האט דאמאלס זעהר פיעל געארבייטעט זיא זאל בלייבען, אבער זיא האט פאר קיין פאל ניט געוואלט.

— פיעלייכט וואלט זיא זיך לאזען איבעררעדען צו ארבייטען נור פאר דעם פאל אליין?

— דאס קען שוין גיבער זיין; דאס וועט זיא פיעלייכט טהאן. אויף יעדען פאל קען מען דאס ביי איהר אנפרעגען, און ווען זיא ענטזאגט זיך מיטצו־ווירקען, וועט זיא מינדעסטענס געבען א גוטען ראטה.

— איז זיא אין פאריז?

— איך גלויב אז יא. מיט א יאהר צוריק איז זיא ביי מיר געוועזען אום זיך וועגען עטוואס צו בעראטהען. איך האב פאר איהר דיא גרעסטע אכטונג און זיא ווייס דאס אויך,

— זיי בעזיטצען גרויס איינפלוס אויף דיעזע פרוי?

— עטוואס, פיעלייכט קענען מיינע ווערטער ווירקען אויף איהר.

— אָה איך בעט אייך, ווענדעט איהם אָן, אייער איינפלוס, און זעהט אז עמא זשובערט זאל אונז קומען צו הילף. איך בעטראכט עס אלס א גוטעס צייכען, וואס

www.libtool.com.cn
דאס איז אייך געקומען אויפ'ן געדאנקען. וואו זשאָדלע און מארטעל טאפען אין דער פינסטער, וועט זיא בריינגען ליכט.

— איך וועל טהאן מיין מעגליכעס, און וועל פערזוכען נאך היינט איהר צו ריידען.

הערר גיברייי האט זיך געהאט אויפגעהויבען אום צו זאגען „איף ווידערזעהן" און צו געהן, אלס איין געריכטס־דיענער איז אריינגעקומען און האט געמעלדעט דאס דער פאליציי־דירעקטאר, דער פאליציי־קאמיסאר און נאך א מאן זיינען אין פאָרצימער. דער פראקוראר האט זיי גלייך געבעטען צו זיך.

— וואס בריינגט איהר, מיינע הערדען? האָפענטליך גוטע נייעס? — האט זיי דער פראקוראר אנטקעגען גערופען.

— דא איז הערר לעטעליע, דער בלומען און קרענצע־הענדלער פון דער רוע דע לאַ ראָקעט — האט דער פאליציי־דירעקטאר אנגעפאנגען — דיעזער הערר איז ערשט צו מיר געקומען און האט מיר געמאכט אזעלכע אויסזאגען, דאס ווען זיי זאלען זיך ער־ווייזען אלס וואהר וועלען מיר דעם דאָפעלמערדער פון פער־לאשעז און רוע ערנעסטין האבען אין האנד אין פערלויף פון איין שטונדע.

— איז דאס מעגליך! ? — האט גיברייי אויסגערופען, ניט גלויבענדיג זיינע אויערן.

— זייט איהר איבערצייגט אין אייער זאכע? — האט דער פראקוראָר זיך גע־ווענדעט צו לעטעליע.

— זעהר איבערצייגט, הערר פראקוראר. איך האב דעם מאן דערקאנט אלס ער האט מיט צוויי שטונדען צוריק פארלאזען דעם פער־לאשעז און איז אוועקגעפאהרען אין א פיאקער.

— האט איהר זיך פיעלייכט טועה געווען דורך א צופעליגע עהנליכקייט?

— ניין, הערר פראקוראר, איך בין צו איהם צוגעגאנגען און האב מיט איהם געשפראָכען.

— פאר וואס האט איהר איהם ניט גלייך געלאזט ארעטירען?

— איך האב דערביי קיין פאליציסטען געזעהען, און ווען איך וואלט געמאכט ליאַרם וואלט נאך געוואָרען איין אויפלויף און דער באנדיט וואלט נאך געקענט פער־שווינדען. איך האב דעריבער גענומען א פיאקער און בין איהם נאכגעפאהרען.

— ביז וואנען זייט איהר איהם נאכגעפאהרען?

— ביז צום גראנד האָטעל.

— וואהנט ער דארט?

— יא.

— וויא אזוי ווייסט איהר דאס?

— איך האב מיך נאכגעפרעגט ביי א דיענער פון האטעל.

— איז ער א פראנצויז אדער איין אויסלענדער?

— ער איז רוסע.

— רוסע! — האט גיברייי אויסגערופען — דאס ערקלערט זיין אויסלענדישען אקצענט, פון וועלכען אלע עדות האבען דערמאהנט.

www.libtool.com.cn

— וויא הייסט ער?—האט דער פּראָקוראָר ווייטער געפרעגט.
— ער רופט זיך גראף סאמילאָוו.
— ווילט איהר אזוי פריינדליך זיין געהן מיט דיא אגענטען צום גראנד האָטעל און זיין מיט זייא ביז דער פערברעכער וועט געבראכט זיין אין זיכערהייט?—האט גיברי געפרעגט דעם בלומענה:נדלער—איהר מעגט פערלאַנגען פיר אייער צייט בעצאהלט.
— רעדט ניט דערפון הערר אונטערזוכונגס:ריכטער—האט לעטעליע געענטפערט מיט שטאלץ—איך בין גאַנץ זייא דאנק ניט ארעם און ווען עס וועט מיר געלינגען אי: בערצייגען א מערדער אין דיא הענד פון דער גערעכטיגקייט, וועל איך זיין גוט בע: לאהנט.
— איך דאנק אייך, הערר לעטעליע און גיעב אייך מיינע אנערקענונג פיר אייערע בעמיהונג און אונאייגענניציגקייט. דורך אייער פריינדליכע פערמיטלונג וועלען מיר באלד אים שטאנדע זיין צו געפינען דיא ערקלערונג פון א שרעקליכען בלוטיגען רעטהזעל.
— פערגעסט נור ניט צו מאכען א זאָרגפעלטיגע אונטערזוכונג אין צימער פון דעם רוסען אין גראנד:האטעל—האט דער פּראָקוראָר אויפמערקזאם געמאכט דעם פּאָ: ליציי:דירעקטאָר.
— וויא אזוי קען איך דאס פערגעסען! מיר מוזען זיך אבער בעאיילען, דען דער חברה מאן קען נאָך עפּעס דערשמעקען און פּ:רשווינדען.
גיברייי איז געגאנגען אין זיין אמטס:צימער און האט אויסגעפּערטיגט דעם האפטס: בעפעהל און דער פּאָליציי:דירעקטאר האט געגעבען אינסטרוקציאנען זיינע לייטע. נאָך א פערטעל שטונדע זיינען צוויי וואגען אוועקגעפאהרען פון פּאליי:דע:זשיסטים (יוסטיץ: פּאלאסט) צום גראנד האטעל.

15טער קאפּיטעל.

## דיא מוטער און דער זוהן.

ווען דיא דריי באנדיטען האבען זיך געשיעדען ביי לאטירג אין הויז, איז מאָריס אוועקגעגאנגען ערפילען זיין אויפגאבע, נאכצוזוכען דיא אדרעסע פון לודאוויק ברעסאל און צו שאפען א קאפּיע פון סימאָנע'ס געבורטס:שיין, דיא אונגעזעצליכער טאכטער פון וואלענטינע דהארוויל. ער איז אריין אין ביבליאטהעק פון פּאסאזש דע לאָפּערא, האט פערלאנגט אדרעסען:ביכער פון דיא לעצטע יאהרען, און האט געזוכט כסדר אויף צוריק. אין דעם אדרעסען בוך פון עלף יאהר צוריק האט ער געפונען דאס לודאָוויק ברעסאָל, ארכיטעקט, האט געוואוינט אויפ'ן בולווארד „פּילל:די:קאלווער" נומער 17. דערפון האט ער פערשטאנען, אז וואהרשיינליך האט ער שוין פון דענסמאהל אן ניט מעהר געוואוינט אין פּאריז, ווייל זאנסט האט זיין אדרעסע געדארפט זיין אין דיא ווייטערע ביכער אויך.

ער האט מיט פערדרוס אוועקגעשארט דיא ביכער פון זיך און איז אוועקגעפּאָה: רען צו דער בעצייכענטער אדרעסע. ער האט צו זיין ערגערניס אויסגעפונען, אז דאס היוז איז זייט דאן שוין דריי מאהל פערקויפט געוואהרען, און דער קאָנסיערזש (הויזמיי: סטער) האט קיינמאל ניט געהערט דעם נאמען ברעסאל.

www.libtool.com.cn

אויפגעבראכט און אונגעדולדיג האט ער זיך אריינגעוואָרפען צוריק אין זיין וואַ־גען און האט פערשאָלטען דיא לייטע וואס ציהען אום, און וואס ווערען פערפאלען גראד דאן ווען מען זוכט זיי.

איין האָפנונג איז איהם געבליבען, דאס ער קען נאך אויסגעפינען בייא ארכי־טעקטען. ער האט זיך א האלב־דוצענד נעמען אויף גוט גליק פארצייכענט און איז געפאהרען פון איינעם צום אנדערן. פון דיא אלע זעקס האט נאר איינער געוואוסט עטוואס מיטצוטהיילען וועגען ברעסאָל. ער האט איהם זעהר גוט געקענט און וויס דאס ער האט געערבט א גרויסעס פערמעגען און האט זיך צוריקגעצויגען פון געשעפט. אין דיא לעצטע יאהרען האט ער איהם ניט מעהר געזעהן. „איך גלויב ער מוז ניט זיין אין פאריז—האט דער ארכיטעקט ערקלערט—דען זאנסט וואלט איך דאך פון איהם אמאהל געהערט וויא פון א בעקאַנטען קאלעגען“.

מאָרים האט איינגעזעהן דאס אויף דעם וועג וועט ער גאר ניט מאכען, און ער מוז זוכען אנדערע מיטעל וויא אזוי אויסצוגעפינען דעם מאן פון וואלענטינע דהארוויל, דעם פאטער פון מאריע ברעסאָל.

דערווייל אבער איז ער געפאהרען צוריק צו זיך נאך הויז, דען ער האט זיך דערמאהנט אז אום 5 אוהר האט איהם אָקטאוויע פערשפּראָכען ביי איהם צו זיין. ביי זיין טרעפ האט איהם דיא הויזמייסטערין געזאגט אויף זיין בעפראגען, דאס דיא „מאדאם“ איז נאך ניט געוועזען, און ער איז שנעל ארויף אויבען, אום זיא צו ער־ווארטען. ביז זיא וועט קומען האט ער דערווייל אראפּגענומען דיא בריעף־טאַשע פון זיין ביכער־שראנק וואו זיא איז געלעגען צווישען אלטע בלעטער און זשורנאלען, און האט זיך איבערצייגט אויב אלעס ליעגט נאך אין ארדנונג און אויב דיא אָריגינעלע פאפּיערען זיינען אלע דאָ, פון וועלכע ער האט געגעבען קאָפּיען צו ווערדיע און לאַטירג.

— וואו בעהאלט מען דאס?—האט מארים זיך געפרעגט—עדגאר אללאַן פּאָ בעווייזט, אז דיא זאכען וואס זיינען אם וועניגסטען בעהאלטען זיינען אם שווערסטען צו געפינען, דאך אבער שיינט מיר אז דיא בריעף־טאשע איז שלעכט בעהאלטען; איך וויל זוכען אן אנדער אָרט.

ער איז אריין אין א פינסטערעס צימער וואו קליידער זיינען געהאנגען. דארט אין א ווינקעל איז געשטאנען א רייזע־קאפער. מארים האט גענומען דעם קאסטען, האט מיט א מעסער אויפגעשניטען דעם לייווענד מיט וועלכען דער אויבערשטער דעק איז געוועזען אונטערגעשלאָגען, און האט אהין אריינגערוקט דיא בריעף־טאשע. דאן האט ער פערשלאסען דעם קאָפער און איז געלאפען שנעל צוריק, דען אין דיעזען אויגענבליק האט דאס גלעקיל אין פאָרדערצימער געקלונגען.

אָקטאוויע איז אריין אין צימער מיט דיא ווערטער: „איך בין געקומען וויל איך האב דיר פערשפּראָכען, אבער איך האב קיין אויגענבליק צייט מיך אויפצוהאלטען. איך האב דעם גאנצען טאג זעהר פיעל געהאט צו טהאן און מוז גלייך געהן נאך הויז מיך פארצובערייטען פיר דען אבענד פון גראף איוואן“.

— דוא דיינקסט דאך עפּעס גאר צו פיעל פון גראף—האט מאָרים געזאגט מיט א מעלאנכאלישען שמייכעל.

www.libtool.com.cn

— נאטירליך, ער איז אזוי רייך. ווען איך זאל איהם קענען מאכען ער זאל מיך הייראטהען! טייפעל! דאס וואלט געוועזען א מזל ברכה! קום, גיב מיר א קוס, און איך פערשווינד. אויף וויעדערזעהן ביי ברעבאנט! אין 2 שטונדען ארום!

זיא האט איהם געקוסט און איז אוועקגעגאנגען.

מארים האט געמאכט א פיינע טואלעט, האט אָנגעטהאָן א ווארעמען איבערציהער און איז אוועקגעגאנגען צו פוס. ניט ווייט פון דער קירכע נאָטר־דאם דע־לאָרעט איז ער געבליעבען שטעהן און האט נאכגעזעהן דיא אוהר:

— איך האב נאך א גוטע שטונדע צייט; וויא ווען איך זאל איצטער אבשטאטען א בעזוך מיין גוטע פריינדין, מאדאם ראָזיע? וואהרהאפטיג איך טהוא דאס! זיא פרייט זיך אימער אזוי ווען זיא זעהט מיך.

אזוי איבערלעגענדיג האט ער זיך פארקעהרעוועט אין דער רוע דע־לא־וויקטואר, איז צוגעגאנגען צו נומער 32 און געפרעגט דיא הויזמייסטערין אויב מאדאם ראָזיע איז צו הויז. דיא פרוי וועלכל האט איהם געקענט, האט איהם זעהר פריינדליך אויפגענומען און געענטפערט: „יא, הערר מאָרים, מאדאם איז צו הויזע.

אויפ'ן צווייטען עטאזש האט מאָרים געצויגען דעם גלאק, און דיא טהיר האט זיך גלייך געעפענט.

— דאס איז הערר מאָרים—האט אויסגערופען דיא אלטע דיענסטפרוי, וועלכע האָט אויפגעמאכט דיא טהיר. דיעזער אויסרוף איז געוואָרען פיר איינעם וואס איז געוועזען אין דער וואוינונג. זיא האט דעם יונגען מאן געלאָזען איינטרעטען און האט צוגעמאכט דיא טהיר הינטער איהם.

א פרוי פון א יאהר פינף און פערציג איז מיט א שטראהלענדען געזיכט און מיט געעפענטע אָרעמס געקומען דעם גאסט אנטקעגען, האט ארומגענומען זיין קאָפּ מיטביידע הענד און האט איהם עטליכע מאהל געקוסט מיט מוטערליכער צערטליכקייט.

— מיין געליעבטעס קינד!—האט זיא אויסגערופען—איך האב היינט גאר ניט ערווארטעט דוא זאלס קומען. דוא ביסט שוין ביי מיר גאנצע זעקס טעג ניט געוועזען, דיא צייט איז מיר שרעקליך לאנגווייליג געוועזען.

— אויך מיר איז דיא צייט זעהר, זעהר לאנגוויילינ געוועזען—האט מאָרים געענטפערט מיט א טאָן פון אויפריכטיגקייט.

— איז דאס וואהר?—האט מאדאם ראָזיע געפרעגט מיט לייכטענדע אויגען.

— אויף מיין עהרענוואָרט.

— פאר וואס־זשע ביסט דו ניט פריהער געקומען.

— ווייל עס איז מיר געוועזען אונמעגליך.

— וואס מען וויל, קען מען.

— איך פערזיכער אייך, איך האב ניט געקענט, און איהר מעגט מיר גלויבען און ענטשולדיגען, ליעבע פריינדין. איך האב פיעל פיר דיא צייטונג געארבייט און האב מיך נאך געהאט מיט אנדערע אנגעלעגענהייטען צו בעשעפטיגען.

— איז עס מינדעסטענס געוועזען עטוואס ניצליכעס?

www.libtool.com.cn

— זעהר ניצליכעס, דאס איז איין געגענשטאנד וואס קען מיר פיעל איינברייננגען.
אזוי ריידענדיג האט איהם מאדאם ראזיע אריינגעפיהרט אין איהר בעקוועמעס שפייזע־צימער, וואו דער טיש איז געשטאנען געדעקט.
— דאס איז זעהר גוט, מיין ליעבעס קינד, זעהר גוט! — האט זיא געענטפערט, ארומנעהמענדיג איהם פון דאס ניי — דוא דערצעהלסט מיר אלעס ביין טיש, דען דוא וועסט מיט מיר געהן עסען.
— ניין, מאדאם, צו מיין גרעסטען בעדויערן קען איך דאס ניט טהאן.
— ווארום?
— איך בין איינגעלאדען אויף היינט אבענד צו שפייזען מיט פריינדע בייא ברעבאנט.
— און מיט פריינדינען — האט מאדאם ראזיע צוגעזעצט מיט עטוואס אונרוהע. דאס איז וואהרשיינליך איינע פון יענע מאהלצייטען, וועלכע דויערן ביז נאך האלבע נאכט, און וואו מען שפיעלט ביז אין דער פריה.
— איהר מעגט זיין רוהיג, איך בין פערנינפטיג און געה פריה נאך הויז שלאפען.
— דוא זאגסט מיר דאס צו?
— גאנץ בעשטימט.
— זעה דיין פערשפרעכען צו האלטען, ליעבעס קינד, צוברעך ניט דיין געזונד און דיינע בחות אומזיסט. דוא זעהסט אויס זעהר אנגעגריפען אין בלייך.
ווערענד מאדאם ראזיע האט דאס גערעדט האט זיא אויפמערקזאם בעטראכט דעם יונגען מאן'ס געזיכט, וועלכעס האט ווירקליך געוויזען אלע צייכען פון מידיגקייט. אין איהרע בליקען האט זיך אפגעשפיעגעלט דער אויסדרוק פון צערטליכקייט, זארג און אונרוהע. זיא האט איהם אנגעקוקט מיט אזעלבע אויגען, וויא נור א מוטער איז אים שטאנדע צו קוקען אויף איהר געליעבטעס קינד. זיא האט געהאלטען זיין האנד אין איהרער און האט זיא צארט געדריקט.
מאדאם ראזיע איז געוועזען, וויא געזאגט, א פרוי פון א יאהר פינף און פערציג, זיא האט אבער אויסגעזעהן עטליכע יאהר אינגער און האט זיך זעהר גוט ערהאלטען. זיא איז געוועזען מיטעלגרויס און שלאנק געוואכסען. איהר געזיכט איז ניט געוועזען רעגעלמעסיג, אבער פיין געשניטען, אָוואל, און דייבע האר פון קאשטאניען־פארבע האבען ארומגעראהמט דעם שעהנעם קאפ מיט דעם קלוגען אויסדרוק אין געזיכט. בעזאנדערס מערקווירדיג זיינען געוועזען איהרע אויגען. זיי זיינען ניט געוועזען גרויס אבער א בליק פון זיי איז געוועזען מערקווירדיג דורכדרינגענד.
— דוא האסט פיעבער, ליעבער מאריס — האט זיא געזאגט, אלס זיא האט געפיהלט וויא אזוי זיין האנד ברענט אין איהרער.
— אך, ניין, וואס איהר זאגט!
— צו וואס דארפסט דוא לייקענען? איך פיהל וויא דיא הויט איז טרוקען און דיין פולס איז עטוואס צו שנעל.
— עט, פיעלייכט עטוואס מיעד.
— דוא שטרענגסט זיך צו פיעל אן אין ארבייט וויא אין פערגעניגען.

www.libtool.com.cn

— איך גיעב צו דאס אין דיא לעצטע טעג האב איך מיך עטוואס אנגעשטרענגט, דאס וועט אבער באלד איבערגעהן. איך וועל אייך יעצט מיטטהיילען א פרעהליכע בשורה, וועט איהר פארשטעהן פון וואנען איך בין אנגעשטרענגט. א רייבער אנגעזעהענער האללענדער, א געוועזענער שיפס־קאפּיטאן, וועלכען איך האב שוין פריהער אמאל געזעהען, איז יעצט געקומען נאך פאריז, אום צו זאמלען מאטעריאל אין דיא ארכיוען פון מארינע מיניסטעריום פיר איין ווערק, וועלכעס ער האט צו מאכען אים אויפטראג פון זיין רעגיערונג. מיט צוויי טעג צוריק האב איך איהם צופעליג געטראפען און ער האט מיר געמאכט דעם פארשלאג אריינצוטרעטען צו איהם אלס סעקרעטער. דאס איז א שטעלע וואס קען מיר איינטראגען געלד איצטער און אויך פערזארגען אויף שפּעטער. איך וועל אין קורצען ווערען זיין רעכטע האנד און וועל איהם אומעדום מוזען בעגלייטען.

— דיינקסט דוא גאר פאריז צו פערלאזען? — האט מאדאם ראזיע געפרעגט און איז בלאס געווארען.

— דאס איז נור אום קליינע רייזען צו מאכען, דער קאפּיטאן אליין בלייבט פיר אימער אין פאריז.

— אך, דוא האסט מיך איבערגעשראקען — האט דיא ליעבענסווירדיגע פרוי אויסגערופען און האט פריי אויפגעאטהעמט — זעהסט דוא, מיין ליעבער מאריס, איך בין צו דיר אזוי געוואהנט און איך האב דיך ליעב פונקט וויא דוא וואלסט געוועזען מיין זאהן, און שוין דער געדאנקען אליין אז דוא דיינקסט אוועקצופאהרען, טרייבט מיר דיא טרערען אין דיא אויגען.

מאדאם ראזיע האט זיך ווירקליך געווישט דיא אויגען מיט'ן טאשענטוך.
מאריס האט זיא אומארעמט.

— זייט גאנץ רוהיג וועגען מיר — האט ער איהר געטרייסט — איך שווער אייך אז איך וועל פאריז און פראנקרייך קיינמאהל ניט פערלאזען אויף א לאנגע צייט, עס וועט מיר שווער זיין צו פארלאזען א פריינדין, וועלכע האט ביי מיר פערטרעטען דיא שטעלע פון א מוטער, וועלכע איך האב קיינמאהל ניט געקאנט.

דער יונגער מאן האט גערעדט דיעזע ווערטער מיט אזא טיעפער בעוועגונג, דאס זיין שטימע האט געציטערט. אויב דאס איז געוועזען אויף ריכטיג אדער ניט איז נאטירליך א פראגע, אבער מאדאם ראזיע איז ענטציקט געוועזען. זיא האט געדריקט איהרע ליפּען אויפ'ן שטערן פון איהר גאסט און האט אויסגערופען:

— אך, מיין ליעבעס, ליעבעס קינד! וויא גליקליך וואלט געוועזען דיין מוטער, ווען זיא זאל דיך זעהן אזוי גוט, אזוי ליעבעפאל און פלייסיג.

אבער אום זיך ניט צו לאזען הינרייסען פון איהרע געפיהלען, וועלכע זיא האט וואהרשיינליך ניט געוואלט ארויסווייזען, האט זיא פלוצלונג געביטען דעם טאן:

— אלזא, ווערסט דוא סעקרעטער ביי דעם האללענדישען קאפּיטאן?

— מארגען בעטרעט איך מיין שטעלע.

— וויא הויך איז דיין געהאלט?

— אכט טויזענד פראנק א יאהר.

www.libtool.com.cn

— דאס איז דאָך גאַנץ שעהן! צוזאַמען מיט דיא זעכס טויזענד פראַנק וואס דוא קריעגסט יעהרליך פּענסיע איז דאס א גאַנץ שעהנע סומע.

— איך וועל שפּאַרען געלד.

מאַדאַם ראַזיע האַט געשמייכעלט, וויא איינער וואס גלויבט ניט.

— א יונגער מאַן וואס האַט ליעב פערגעניגען קען ניט פיעל שפּאַרען און דוא ווערסט מיר ניט איבעל נעהמען אויב איך וועל אביסעל צווייפלען אין דעם וואס דוא זאָגסט. איך האָב אויך גאַר ניט דאַגעגען, דוא זאָלסט זיך מאַכען פערגעניגען, אָבער אַלץ מיט א מאָס. דיא אַרבייט איז א פּאַרטרעפליכער מיטעל דאַצו און איך פריי מיך וואס דוא ביסט פלייסיג, אָדער דיינקסט דוא פיעלייכט גאַר צו הייראַטהען? האַט מאַדאַם ראַזיע געענדיגט עטוואס אונרוהיג.

— ניין דערפון דענק איך נאָך גאַר ניט, ווען מען נעהמט א פרוי מוז מען זיך ענטזאַגען פון דעם פרייען פערגעניגטען לעבען און דערצו האָב איך גאַר קיין חשק ניט, איך זאָג אייך דעם אמת. פיעלייכט שפּעטער, אָבער עס איז נאָך דאַ צייט.

— אזא זאָך מוז זעהער גוט בערעכענט ווערען — האַט מאַדאַם ראַזיע געזאָגט אין טיעפען ערנסט.

— ווען איך זאָל צו 35 אָדער 40 יאָהר געפינען א רייכע פרוי, דאַן וועט הייראַטהען זיין א גוטער פּלאַן פאַר מיך.

— אָבער ביז דאַמאָלס איז נאָך לאַנג צו וואַרטען.

— איך האָב צייט — האַט מאַריס געלאַכט.

ער האַט אַרויסגענומען זיין אוהר און איז אויפגעשטאַנען.

— דוא ווילסט שוין געהן? האַט מאַדאַם ראַזיע געפרעגט.

— איך מוז, אום אַכט אוהר געהט מען דאָרט צום טיש און עס איז צעהן מי־נוטען צו אַכט, איך וועל זאָגאַר אביסעל פערשפּעטיגען.

— ווען זעה איך דיך וויעדער?

— אזוי שנעל וויא מיר איז מעגליך.

— דאָס איז אונבעשטימט.

— נון גוט, אין צוויי דריי טעג.

— זאָגסט דוא מיר דאָס צו?

— יא.

מאַריס האַט אומאַרמט מאַדאַם ראַזיע, וועלכע האַט איהם זיינע קיסע צעהנ־פאַך צוריקגעגעבען. זיא האַט איהם בעגלייטעט ביז צו דער טרעפּע און האַט איהם נאַכגעקוקט ביז ער איז פערשוואונדען, דאַן איז זיא צוריקגעקעהרט אין איהר צימער, האַט זיך א וואָרף געטהאַן אויף א שטוהל, האַט בעדעקט איהר געזיכט מיטביידע הענד און האַט אנגעהויבען צו שלוכצען.

ביסלאַכווייז האַט זיא זיך בערוהיגט, דאָס קראַמפּפּהאַפטע שלוכצען האַט אויפ־געהערט, דיא טרעהרען האָבען אויפגעהערט צו רינען און אויף'ן געזיכט איז געוועזען אויס־געדריקט איין צוג פון טיעפען שמערץ, וועלכע דיא אָרמע פרוי האַט לאַנג געמוזט אין זיך טראָגען, ווען ער איז אַמאָהל גקומען צו אזא אויסברוך.

www.libtool.com.cn
יא, יא, שפעטער! האט זיא וועהמוטהיג געמורמעלט צו זיך אליין און האט אויפגעציטערט וויא פון א בייזען געדאנקען — ווען ער זאל זיך פערהייראטהען, וואלט איך איהם מוזען ענטדעקען דאס שרעקליכע געהיימניס, איך וואלט איהם מוזען דער־צעהלען, אז ער איז געבארען אין געפענגניס, דאס זיין פאטער איז א פערוואָרפענער, איין מערדער, איין אנטלאפענער קאטארושניק, וועלכער רופט זיך פיערר לאטינג און דאס זיין מוטער עמא ושיבערט, וועלכע הייסט יעצט ראזיע, האט פופצעהן יאהר גע־דיענט דער פאליציי. איהם דאס דערצייילען!.... מיין גאט! וואלט מיך דיוזעס טהייערע קינד נאך געקענט ליעבען? וואלט ער מיך ניט פעראכטען און פלוכען?

עס האט געקלאפט אין איהר טהיר.

— אריין! — האט זיא גערופען.

דיא דיענערין האט אריינגעשטעקט דעם קאפ דורך'ן טהיר און האט געפרעגט: זאל איך דערלאנגען צום טיש, עס איז שוין שפעט?

— יא מאטהילדא, דוא מעגסט געבען צום טיש.

מאדאם ראזיע האט זיך געזעצט צום טיש און האט גנגעסען איינזאם איהר מאהלצייט.

16טער קאפיטעל.

## פון באל צום געפענגניס.

עס איז געווען האלב נאך פיער אוהר נאכמיטאג, ווען דער פאליציי דירעקטאר, געריכטס־קאמיסאר, אונטערזוכונגס־ריכטער און א פאר אגענטען מיט דעם בלומענ־הענדלער פון רוע־דע־לא־ראקעט זיינען אין צוויי פיאקערס אוועקגעפאהרען פון געריכטס־פאלאסט. ביי דער גראנד אפערא האבען זיי אויסגעשטיעגען און זיינען געגאנגען צום גראנד האטעל צו פוס אום קיין אויפזעהען צו מאכען. איינער פון דיא אגענטען האט ערהאלטען דיא אינסטרוקציאן צו געהן מיט'ן פאליציי־דירעקטאר אין דיא וואהנונג פון גראף; אלע אנדערע זאלעןווארטען דרויסען און זאלען קומען דאן ווען זיי וועלען גע־רופען ווערען.

דער פאליציי־דירעקטאר איז אליין אריין מיט'ן געריכטס־קאמיסאר אין ביורא פון גראנד האטעל.

— שטעהט ביי אייך איין א רייזענדער וועלכער רופט זיך גראף סאמילאוו?

האט ער געפרעגט דעם געשעפטס־פיהרער וואס איז געווען אין ביורא.

— יא, מיין הערר — האט דער געפראגטער געענטפערט.

— איז ער צו הויזע?

— דאס קען איך אייך גלייך זאגען.

ער האט א דריק געטהאן א קנעפעל און האט דאן געפרעגט דורך א שפרעך־רעהר (טרובע): „איז גראף סאמילאוו צו הויזע?" ער האט געהאלטען א וויילע זיין אויער ביים רעהר און האט זיך דאן געווענדעט צום דירעקטאר.

— גראף סאמילאוו איז פאר א האלבע שטונדע צוריק אויסגעגאנגען.

— גוט. ווילט איהר אזוי פריינדליך זיין, מיר ווייזען אייער פרעמדענבוך?

דער געשעפטספיהרער האט דעם פרעמדען אנגעקוקט גאנץ ערשטוינט.

www.libtool.com.cn

— מיט וועלכען רעכט פערלאנגט איהר עס?

— איך בין דירעקטאר פון דער זיכערהייטס־פאליציי.

— דאס איז וואס אנדערעס. היער איז דאס בוך, הערר דירעקטאר.

— זייט אזוי פריינדליך מיר איבערצולעזען וואס עס איז אנגעמערקט אין בוך וועגען דעם גראף.

דער געשעפטספיהרער האט אויפגעשלאגען דאס בוך און האט געלעזען:

— גראף איוואן סאמילאוו, רוסישער אונטערטהאן, קומט פון סט. פעטערסבורג; פאפיערע אין ארדנונג.

— ווען איז ער אנגעקומען?

— אם זעכצעהנטען דעצעמבער, פאר אכט טאגען.

— האט איהר דעם גראף שוין פריהער געקענט?

— ניין, הערר דירעקטאר.

— ער איז אלזא צום ערשטען מאהל אין פאריז?

— מינדעסטענס איז ער צום ערשטען מאל אין גראנד האטעל.

— ווייסט איהר וואו ער געפינט זיך אין דעם אויגענבליק?

— וויא אזוי קען איך דאס וויסען, ווען איך האב אפילו ניט געוואוסט דאס ער איז אויסגעגאנגען.

— ווייסט איהר וואו ער פערקעהרט?

— ניין הערר דירעקטאר, צופעליג איז מיר בעקאנט, דאס געסטערן אבענדס האט ער צוגעבראכט מיט פריינדע ביי ברעבאנט און איז געקומען פארטאג אין האטעל.

— וועלכעס צימער בעוואהנט ער?

— ער האט דא א גאנצע וואהנונג וועלכע איז מיט נומער 54 בעצייכענט.

— איך וועל אייך בעטען איהר זאלט מעגען בעפעהלען מען זאל מיך אהין פיהרען.

דער געשעפטספיהרער איז געבליבען שטעהן מיט איין אפענעם מויל און אויסגעגלאצטע אויגען:

— אבער מיין הערר....

— איהר האט ניט וואס מורא צו האבען — האט איהם דער פאליציי־דירעקטאר אונטערבראכען — דאס וועט אייך קיינע אונאנגענעהמליכקייט ניט פעראורזאכען. איך געה מיט דעם העררן געריכטס־קאמיסאר און מיר האנדלען געזעצליך. דא איז דער פערהאפטס־בעפעהל געגען גראפען איוואן סאמילאוו און איך וועל מיט איין אגענטען דארט פארנעהמען איינע אונטערזוכונג.

— נאטירליך איך מוז געהארכען, אבער איך גלויב אז דא מוז זיין א מיספערשטענדניס, א פערוועקסלונג אין דיא פערזאנען.

— איך גלויב דאס ניט.

— עס איז אונמעגליך, גראף סאמילאוו איז איין דורך און דורך א פארנעהמער מאן, איז זעהר רייך, וויא ער שיינט און עס קען ניט זיין ער זאל עטוואס האבען בעגאנגען....

— דעסטא בעסער פאר איהם, האט דער פאליציי־דירעקטאר איהם ווידער

www.libtool.com.cn

אונטערבראכען – ווען ער האט קיין זאך ניט בעזאנגען און האט א רייגעס געוויסען, דאן האט קיינער פאר איהם קיין מורא צו האבען, דאן וועט איהם גאר ניט געשעהן.

דער געשעפטספיהרער האט דריי מאהל געדריקט א קנעפיל פון א גלעקיל און א קעלנער איז ערשיענען.

— פיהרט דיעזען העררן און דיא לייטע וואס געהען מיט איהם צו דיא צימערן פון גראף סאמילאוו און לאזט פאר זיי עפענען דיא טיהרען.

דאן האט ער זיך געווענדעט צום דירעקטאר און האט איהם שטיל איינגעראמט אין אויער: „איך בעט אייך זעהר, הערר דירעקטאר, צו האנדלען מיט נאכזיכט פיר דאס געשעפט. א פאליציייסקע אונטערזוכונג האט א שלעכטען קלאנג, און פיר אזא האטעל וויא אונזערעס קען עס האבען דיא ערגסטע פאלגען".

— זייט אונבעזארגט, עס וועט דערפון קיין סקאנדאל ניט ארויסקומען; דאגעגען וועל איך אייך בעטען, ווען דער יונגער רוסע זאל צוריקקעהרען, זאלט איהר איהם איין אויגענבליק דא אויפהאלטען און מיר שיקען אנזאגען. איהר זאלט איהם אבער קיין ווארט דערפון ניט זאגען וואס דא געהט פאר.

— איהר קענט אייך אויף מיך פערלאזען, הערר דירעקטאר.

— איך פערלאז מיך אויף אייך. עס איז מעהר אלס וואהרשיינליך, דאס דער גראף סאמילאוו איז איין העכסט געפעהרליכער פערב־עכער....

— ער א פערברעכער!?

— אזוי וויא איך זאג אייך. איהר וועט זיך ביז צו א געוויסען גראד מאכען צום מיטשולדיגען, ווען איהר זאלט איהם געבען געלעגענהייט צו אנטלויפען.

— איך וועל מיך געוויס היטען אזוי וואס צו טהאן! מיין גאט, מיין גאט! וועמען מעג מען שוין היינטיגע צייטען גלויבען?!

דער קעלנער האט ארויפגעפיהרט דיא בעאמטע אויפ'ן ערשטען עטאזש, און א צווייטער האטעל־דיענער האט פאר זיי געעפענט דיא טהיר פון גראף'ס וואהנונג.

דיא בעאמטע האבען זיך אומגעקוקט, האבען אבער קיין זאך ניט געפונען וואס זאל דערוועקען פערדאכט.

דער פאליציי־דירעקטאר האט בעטראכט דיא רעק מיט דיא וועסטען, וועלכע זיינען געהאנגען אויף א רונדען קליידער־סטענדער (וויעשאלקע), האט געזוכט פילייכט איז ערגעץ־וואו דא א פלעק פון בלוט, ער האט אבער קיין זאך ניט ענטדעקט. ניט מעהרער איז ענטדעקט געווארען אין דיא מעבעל. אלע שופלאדען זיינען געוועזען לעער.

צוויי רייזעקאפער, וועלכע האבען אויסגעזעהען וויא נאך גאר ניט אויסגעפאקט פון דער רייזע, זיינען געעפענט געווארען, האבען אבער ענטהאלטען ניט מעהר אלס קליידער און וועשע, וועלכע זיינען געצייכענט געוועזען מיט דיא רוסישע בוכשטאבען И. С. מיט א גראפען־קרוין איבער זיי. קיין וואפען, קיין בריעף, קיין פלעק האט זיך געפונען, קורץ, קיין זאך וואס זאל האבען א בעצוג אויף דאס בעגאנגענע פערברעכען.

דער פאליציי־דירעקטאר האט גערופען א קעלנער, האט איהם געהייסען צוזאמענפאקען אלע קליידער צוריק אין דיא קאסטענס, און אראפשאפען זיי אונטען אין ביורא. דיא בעאמטע אליין זיינען אויך ארונטערגעגאנגען.

www.libtool.com.cn

— אונזער אונטערזוכונג איז צו ענדע—האט דער פּאָליציי־דירעקטאָר געזאָגט צום געשעפטספיהרער פון האטעל—איך גיב אייך איבער די קאָפּער און מאך אייך פאר זיי פעראנטוואָרטליך. איהר דאַרפט זייא קיינעם ניט ארויסגעבען אָהן א שריפט־ליכען בעפעהל פון קרימינאל־ריכטער.

— זעהר גוט, העדר דירעקטאָר, זיי וועלען ניט אנדערש אויסגעליפערט ווערען.

— איך פארלאָז מיך אויף דעם. איהר דאַרפט ניט זיין אונרוהיג וועגען די אגענטען וואס שטעהען פאר דער טהיר, עס וועט אלעם רוהיג אפּלויפען און דער גוטער רוף פון אייער האָטעל וועט דערביי ניט ליידען.

דער געשעפטספיהרער האט זיך פארנייגט און געדאנקט.

די ביידע בעאמטע האבען זיך געווענדעט צו זשאָדלע און לעטעליע, וועלכע זיינען געשטאנען ניט ווייט פון אריינגאנג אין האטעל.

— דארף איך פרעגען אויב דער העדר פּאָליציי־דירעקטאָר האט עטוואס געפונען ביי דער אונטערזוכונג?—האט זשאָדלע געפרעגט.

— ניט א האָר פון א שפור. מיר האבען דא צו טהאָן מיט א פערברעכער וועלכער דענקט אָן אלעם און זעהט אלעס און איז זעלטען פאָרזיכטיג.

— אויך ניט פון די קליידער אין וועלכע דער קוטשער קאררע האט איהם געזעהן?

— גאר ניט.

— קיין וואפען?

— גאר ניט, ניט א ברעקיל.

— לאמיר איהם פריהער נאָר האבען, וועט ער שוין ריידען, נאר איך האָב מורא, אז אויב דער שורקע האט עטוואס דערשמעקט פון דעם וואס לעטעליע האט מיט איהם גערעדט אויפ'ן פער־לאשעז דאן האט ער שוין פינף מאָל צייט געהאט צו פערשווינדען.

— א מיר וועלען איהם קריעגען—האט דער געריכטס־קאָמיסאר געענטפערט—מיר האבען טעלעגראפירט זיין סיגנאלעמענט (פּרימיעטעס) נאך אלע וואקזאלען און אלע גרענעצען. ווייט וועט ער ניט אוועקגעהן.

— איך האב אייך געזאָגט אז ער איז היינט געוועזען ביי ברעבאנט, פיליכט איז ער איצטער אויך דאָרטען?—האט לעטעליע געזאָגט.

— דאס איז מעגליך.

— זשאָדלע, זעצט זיך אריין אין וואגען און פאהרט צו צו ברעבאנט. דארט פרעגט זיך נאָך אין איין גאנג א יב דער רוסע איז אין הויז בעקאנט, און אויב ער עסט דארטען רעגעלמעסיג.

דער פּאָליציי־אגענט איז שנעל אוועקגעפאהרען.

עס איז אריבער א האלבע שטונדע, דריי פערטעל שטונדע, א גאנצע שטונדע, דער גראף סאמילאָוו איז ניט געקומען און זשאדלע אויך ניט.

— גערולד, גערולד!—האט דער פּאָליציי־דירעקטאר געטרויסט די אונגעדול־דיגע בעאמטע און בעזאנדערס לעטעליע. דער ערפאהרענער און געשיקטער בעאמטער

www.libtool.com.cn

האט געוואוסט אז דיא קראפט און דער ערפאלג פון דער פּאָליציי בעשטעהט הויפּט-זעכליך אין זייער געדולד און אויסדויער. פיעל פערברעכער וואלטען זיך געוויס דורכ-געגליטשט ווען ניט דיעזע געדולד.

דיא מינוטען האבען זיך געשלעפּט, איין אייז-קאלטער נאָרדווינד האט אנגעהויבען צו בלאָזען און דיא גאַז לאַנטערנען האבען זיך אָנגעצונדען אויף דער גאנצער ליניע פון דיא בולוואַרדס.

ענדליך איז זשאַדלע געקומען.

— נון? — האט דער פּאָליציי-דירעקטאר געפרעגט אזוי שנעל וויא ער האט דערזעהן דעם פּאָליציי-אגענט.

— מיר האבען איהם, הערר דירעקטאָר.

— איז דאס נאר א האָפנונג אדער א געוויסהייט?

— א געוויסהייט.

— בראַוואָ! וואוהין געהען מיר?

— צו ברעבאַנט.

---

עס איז געוועזען א פערטעל נאָך אַכט אוהר.

אויף דעם בולוואַרד פּאָססאָניער און בעזאָנדערס אין רעסטאָראַן ברעבאַנט האט עס געקאָכט וויא אין א קעסעל.

אין דעם זעלביגען סאלאָן וואו מיט איין אַבענד פריהער איז פערזאמעלט געוועזען דיא געזעלשאפט פון ד'ארפעל, האבען זיך היינט געפונען דיא געסט פון גראף סאמי-לאָוו, דאס הייסט, דיא זעלבינע הערען און דאמען וואס האבען טהיילגענומען אין דעם נעכטיגען פעסט. נור צווייא פערזאנען האבען נאָך געפעהלט: מאָריס, וועלכער איז אימער געוועזען דיא פּינקטליכקייט אליין, און גראַף פּאסקאַל, וועלכער איז פון געוואוינהייט ניט געוועזען פּינקטליך, אָבגלייך ער האט גאר ניט געטהאָן.

דיא אונטערהאלטונג, וועלכע האט זיך געדרעהט ארום דיא נייעס פון פּאריזער לעבען, איז געוועזען זעהר לעבהאפט. דיא קליינע סקאנדאלגעשיכטען, נייע טהעאטער-שטיקער, און דיא ערוואַרטעטע מאסקענבעלע אין זאל פון גראַנד-אָפּערא, האבען דיא לייטע שטארק אינטערעסירט.

דער ווירט און גאסטגעבער מיט פריילין אָקטאַוויע זיינען געוועזען דיא איינציגע וועלכע האבען זיך ניט בעטהייליגט אין דער אונטערהאלטונג. דער גראַף איז געזעסען נעבען דער שעהנהייט אויף א זאָפהא און האט זיך צוגאָסען אין קאָמפּלימענטען איבער איהר טואַלעט ערשיינונג און אנדערע מעלות, וועהרענד זיא האט געקוקט מיט א האלב-שפּעטישען און א האלב-ערמונטערנדען שמייכעל און האט איהם צוגעהערט.

— ווער עס זאל אייך אזוי הערען ריידענדיג וואלט ווירקליך געקענט מיינען אז איהר זייט אין מיר פארליעבט — האט זיא פלוצלונג געזאָגט.

— קיין פאלשע שבועה וואלט יענער ניט בעגאַנגען, וויל דאס איז אויך דיא ריינסטע וואהרהייט. צווייפעלט איהר פּילייכט אין דעם?

— גאר אין גאנצען.

www.libtool.com.cn

— איהר גלויבט ניט אין מיינע ליעבע?

— איך גלויב זעהר שטארק אין אייער גאלאנטעריע, אבער אין אייער ליעבע—נאך ניט א ברעקיל.

— איהר גלויבט ניט מיינע פערזיכערונגען, מיינע שווירע?

— פאלשע מינצען, וועלכע א גאנץ נאאיווע וואלט פיעלייכט אנגענומען פיר עכטע.

— איך פערזיכער אייך דאס איך בין דיא אויפריכטיגקייט אליין, און איך פערגעטער אייך.

— דאס זאגט יעדער מאן צו יעדער פרוי — עס פערשטעהט זיך, צו יעדער שעהנער פרוי.

— איך בין איינע אויסנאהמע פון דיעזער רעגעל.

— ליעבער גראף, עס וועט אייך קאסטען פיעל מיהע מיר דאס איינצוריידען.

— שטעלט מיך אויף דער פראבע, איך וועל זיא זיכער אויסהאלטען. איך געה אויף אלעס איין, אונטערוואַרפט מיך אונטער אלע אייערע בעדינגונגען, נור אום איהר זאלט מיר שאפען איין אנשטענדיגען פלאטץ אין אייער הערצען.

— דער מאן וועלכער וויל דיזען פלאטץ פארנעהמען, מוז איהם ערווערבען.

— וויא אזוי?

— ער זאל זיך אין פאראוים ביינען פאר אלע מיינע פאנטאזיען און קאפריזען.

— איך פערלאנג ניט וויטער אלס מיך צו ביינען.

— נעהמט אייך אין אכט! מיינע קאפריזען און לוינען זיינען געפעהרליך. איך האב זעהר שטארק ליעב קליינע עלעגאנטע הייזער, איינריכטונגען נאך דער מאָדע, גוטע פערד, אנטיקע קונסט־זאכען, מאָדערנע בילדער, טואלעטען פון דיא ערשטע קינסטלער, און וואס מיר איז נעכטען געפעלען געוואָרען, געפעהלט מיר היינט ניט מעהר, און מוז וויעדער עטוואס אנדערעס האבען.

— אין דער הינזיכט שטימען מיר מערקווירדיג. אייערע שעהנע ווייסע צעהנדלאך מעגען זיין ווער וויים וויא שארף, וועלען זיי דאך ניט אויפרייבען מיינע איינקינפטע פון מיינע קופערמיענען אין אוראל.

— אזוי רייך זייט איהר?

— זעהר רייך.

— אום וועלכע צייט שטעהט איהר אויף פון טיש?

— איך דיינק, געגען האלבע נאכט.

— ווערט נאך טיש געשפיעלט?

— וואהרשיינליך, אבער דאס געהט אונז ניט אָן. איך האב קיין לוסט צום שפיעלען.

— גוט, דאן פלוידערן מיר.

— פון וואָס?

— פון ערנסטע זאכען. מיר וועלען בעשטימען דיא פונקטען פון א קליינעם געזעלשאפטליכען אָפּמאך צווישען אונז.

— אבגעמאכט.

www.libtool.com.cn

איוואן האט זיך צוגעבויגען צו אקטאוויע און האט איהר געוואלט געבען א קוש אויף דיא נאקעטע שולטער, אבער זיא האט איהם שנעל אויסגעמיידעט:

— קיין האנד־געלד, מיין ליעבער! אונזער אפמאך איז נאך ניט פערטיג. פריי־הער מוזט איהר דיא בעדינגונגען אננעהמען.

אין דעם אויגענבליק איז מארים און פאסקאל אריין אין סאלאָן. דער קליינער קאפּ פון גראף פאסקאל איז געווען בעהאלטען אונטער א גרויסען קראגען פון פעלץ און שאהל.

— אך, מיינע ליעבע גוטע — האט ער געזיפצט — איך בין געוויס, אז היינטי־גער אבענד האט מינדעסטענס פירציג גראד קעלט, שטארקער אלס אין סיביר, ניט וואהר, הערר גראף? אום זיך ניט צו שיידען מיט זיינע היימישע געוואהנהייטען, האט אונז אונזער ליעבער פריינד סאמילאוו מיטגעבראכט אין זיינע קאסטענס אייז פון דער נעווא און האט דא אנגעמאכט אזא קעלט.

וועהרענד דער גראף פאסקאל האָט אזוי געשפּאסט האט זיך מארים בעגניעגט צו בעגריעסען דעם גראף מיט א פערבייגונג און איהם צו דריקען דיא האנד פארביי־געהענדיג.

דער אָבערקעלנער האט אנאנסירט אז דער טיש איז פערטיג.

יעדער הערר האט געגעבען איינער דאמע דעם ארעם און דיא גאנצע געזעלשאפט איז איינגעטרעטען אין דעם גלענצענד בעלייכטעטען שפייזע־זאל, וואו דיא געסט האבען זיך געזעצט צום פּראכטפאלען אראנזשירטען טיש.

אזוי שנעל וויא דיא זופּע איז סערווירט געווען, האט פאסקאל גלייך אנגעהויבען:

— ווייסט איהר, מיינע ליעבע, דאס איך בין היינט געווען אין איין ארט וואס איז איצטער זעהר שיק? (אין דער מאדע) טרעפט וואו? אבער איך זאג אייך איהר וועט ניט טרעפען. איך בין געווען אין דער מארג! איז דאס ניט א גרויסארטיגע אידעע? איך האב געזעהן דיא פּרוי פון פער־לאשעז און דעם מאן פון רוע ערנעסטין. עס איז מערקווירדיג, זעהר ערשיטערנד, אויף מיין עהרענווארט! עס געהט איבער א קעלט איבערן לייב ווען מען זעהט עס. שטעלט אייך פאר דיעזע אונגליקליכע. —

— גענוג, גענוג, מיין חכם! — האט איהם פריילין אדעלא אונטערבראכען — געשיכטען פון דער מארג זיינען קיינע אונטערהאלטונג ביים טיש, דאס נעהמט צו דעם אפּעטיט.

— דעם אפּעטיט וויל זיך קיינער ניט פערדארבען — האט פאסקאל געלאכט — איהר האט אייגענטליך רעכט. לאמיר איבערלאזען דיא פינסטערע געשיכטען אויף איין אנדערעם מאהל; איך האב שוין ביי נאכט געהאט דורך זיי בייזע חלומות.... אבער וואס איז דאס!?....

דיא לעצטע ווערטער האט פאסקאל אויסגעשריען וויא ניט מיט זיין קול, האל־טענדיג דיא אויסגעגלאצטע אויגען צו דער טהיר, דען וועהרענד ער האט גערעדט, האט זיך געעפענט דיא טהיר און עס איז ערשיענען דער געריכטס־קאמיסאר אנגעטהאן אין דעם שערפּע פון זיין אמט, דעם פאליציי־דירעקטאר, לעטעליע און מעהרערע אגענטען.

www.libtool.com.cn

ביי אנבליק פון דיעזע אונגעבעטענע געסט האט זיך אויף יעדענס געזיכט אויסגעמאהלט דער אויסדרוק פון שטוינען און שרעק.

מארים איז געווארען וויים וויא קרייד, זיינע גליעדער האבען אנגעהויבען נערוועז צו ציטערן און ער האט זיך מיטביידע הענד געמוזט האלטען פעסט אן טיש אום ניט אומצופאלען.

אך, ווען איך קען ארוים פון דאנען! האט ער געטראכט.

אנטלויפען איז אבער געווען אונמעגליך. דיא אגענטען האבען געהאט דיא טהירען בעזעצט; זיי האבען געוויס ערהאלטען דען בעפעהל קיינען איינציגען ארויסצולאזען.

איך בין געפאנגען — האט מארים געטראכט — מיט מיר איז אוים! אבער ווענינגסטענס לעבענדיג זאלען זיי מיך ניט קריעגען. איך האב מיין לעבען איינגעשטעלט און האב פערלארען דעם שפיעל, איך וועל בעצאהלען, ווען עס קען ניט אנדערס זיין, וויל איך שטערבען, אבער ניט אויף'ן שאפאט.

ער האט גענומען א מעסער פון טיש און האט זיך געמאכט בערייט אריינצושטעכען זיך אין דער ברוסט, אזוי שנעל וויא איין אגענט וועט איהם לייגען דיא האנד אויף דעם שולטער.

דאס אלעס איז פארגעגאנגען אין פערלויף פון איינינע מינוטען.

א שווערע, אונערטרעגליכע שטילקייט האט געהערשט אין זאאל, מען האט ניט מעהר געהערט וויא דאס שווערע אטהמען פון דיא פערזאמעלטע, וועלכע האבען מיט שרעקליכער שפאנונג געקוקט דיא איינברעכערס.

דער יונגער רוסע האט זיך געלאסען אויפגעהויבען, איז צוגעגאנגען צו דיא הערען וועלכע זיינען געשטאנען ביי דער טהיר און האט זיך געווענדעט צו דעם מאן מיט הער דרייפארביגען ברייטען שערפע (לענטע), ווייל ער האט געטראגען דעם צייכען פון א בעאמטען

— ווער זייט איהר מיין הערר, און וואס ווילט איהר דא?

— איך בין געריכטס־קאמיסאר — איז געוועזען דיא אנטווארט — און איך ווינש צו וויסען, וועלכער פון דיא הערען רופט זיך דא גראף סאמילאוו.

— גראף סאמילאוו בין איך — האט דער גראף געענטפערט רוהיג.

— ער איז עס — האט לעטעליע אריינגעשושקעט דעם געריכטס־קאמיסאר אין אויער. דיעזער איז צוגעגאנגען נעהענטער צום גראף, און האט פארטגעזעצט:

— אין נאמען פון געזעץ ארעטיר איך אייך, הערר גראף.

ווען א בליטץ וואלט איינגעשלאגען אויפ'ן טיש ארום וועלכען דיא געסט זיינען געזעסען, וואלט עס ניט געהאט קיין שרעקליכערע ווירקונג אויף זיי וויא דיעזע עטליכע ווערטער. איין אנגסט־געשריי האט זיך ארויסגעריסען פון יעדערינס מויל. דער איינציגער וואס האט עמפפונדען א געפיהל פון ערלייכטערונג איז געוועזען מארים. דער שרעק וואס האט איהם צוזאמענגעפרעסט דיא ברוסט ביז צום ערשטיקען, איז בויסלאבוויז פערשוואונדען, ער האט ווידער אויפגעאטהעמט, זיין האנד וועלכע האט געהאלטען קראמפפהאפט צוזאמענגעדריקט דעם שטיל פון מעסער וואס ער האט גענומען פון טיש האט זיך לאנגזאם אויפגעעפענט און דאס מעסער איז ארויסגעפאלען.

www.libtool.com.cn

דער יונגער רוסע איז זעהר בלייך געווארען.

— מיך ארעטירען! ? — האט ער אויסגערופען מיט שטאלץ — איהר מוזט געוויס זיין אויסער זינען, העררר געריכטס־קאמיסאר. מיט וועלכען רעכט, און מיט וועלכער פאלמאכט פערהאפטעט איהר מיך?

— מיט דער פאלמאכט פון א געזעצליכען פערהאפטס־בעפעהל, וועלכען איך טראג מיט זיך.

ד'ארפעל האט עס געהאלטען פיר פאסענד זיך ארייניצומישען.

— העררר געריכטס־קאמיסאר, קיינער האט ניט מעהר רעספעקט פאר'ן געזעטץ אלס איך, אבער אין דעם פאל מוז איך מיר ערלויבען אייך אויפמערקזאם צו מאכען, אז דא מוז געוויס זיין א טעות, א פערוועכסלונג פון נאמען אדער דאס גלייכען. אונזער פריינד שטעהט העכער פון יעדען פערדאכט....

— שווייגט מיין העררר, מיט אייך האב איך איבערהויפט ניט וואס צו ריידען — האט איהם דער קאמיסאר אונטערבראכען.

— אין וואס בעשולדיגט מען מיך? — האט דער רוסע געפרעגט, וועלכער איז פון אויסען געוועזען זעהר רוהיג, אבגלייך זיינע ליפען און הענד האבען געציטערט.

— דאס האב איך אייך ניט מיטצוטהיילען.

— איך וויל עס אבער וויסען.

— האט נאר גערולד, איהר וועט עס באלד ערפאהרען, אויב איהר ווייסט עס נאך ניט.

— איך שווער אייך אז איך וויים עס ניט.

— מעג זיין.

— קענט איהר מיר דאס ניט זאגען?

— דער אונטערזוכונגס־ריכטער וועט עס אייך זאגען, קומט!

— וואס ווילט איהר מיט מיר מאכען?

— פאר אלעם וועלען מיר אייך איבערגעבען אונטער דער אויפזיכט פון דער פאליציי.

— פון דער פאליציי! האט דער רוסע ווידערהאלט מיט עקעל.

— איהר וועט דארט ניט לאנג בלייבען. קומט מיט אונז.

— איך מוז נאטירליך געהארכען. איהר זייט דיא שטארקערע, אבער איך פראטעסטיר מיט מיין גאנצער קראפט געגען אזא אונערהערטע האנדלונג. איהר בעגעהט איינע פיינע, שענדליכע טהאט ווען איהר בעגעהט אזוי מיט א פרעמדען אונשולדיגען מאן; דיא שאנדע דערפון וועט אויף אייך צוריקפאלען.... מיינע ליעבע געסט און פריינדע — האט ער זיך געווענדעט צו דיא פערזאמעלטע — דער שענדליכער אירטהום, דורך וועלכען איך האב איצטער צו ליידען קען ניט לאנג דויערן, איך זאג אייך ניט אדיע, נאר „אויף באלדיגעס וויעדערזעהען!"

ער האט זיך פארנייגט פאר אקטאוויע, וועלכע איז געזעסען וויא ערשטארט זהענדיג וויא איהרע זיסע חלומות פלאטצען וויא גלאנציגע זייפענבלאזען פאר איהרע

www.libtool.com.cn

אויגען, און האט איהר איינגערומט אין אויער: „אויף מארגען, האף איך"... הערר קאמיסאר, איך בין בערייט אייך צו פאלגען.

— קיין צווייפעל, ער איז אונזער מאן — האט זשאַדלע געזאגט צום פאליציי־דירעקטאר — אבער ער קען זיך זעהר גוט בעהער־שען, עס וועט קאסטען א היבשע ביסעל מיהע ביז מען וועט עטוואס פון איהם ארויסקריעגען.

— אַה עס מאכט ניט! דיא פרעכסטע ווערען שטיל און לאזען זיך בויגען, ווען מען נעהמט זיי גוט אין פערהער. דער אונטערזוכונגס־ריכטער וועט שוין געפינען מיטעל איהם צו מאכען ריידען.

ביי ברעבאנט האבען דיא הערען דערווייל אנגעטהאן זייערע איבערציהער, דיא דאמען האבען זיך איינגעוויקעלט אין זייערע פעלצען, און זיינען זיך צוגאנגען. קיי־נער האט קיינע לוסט געשפירט פארטצוזעטצען דען אבענד נאך אזא פּארפאל מיט דעם גאסטגעבער.

אלס מען האט דעם יונגען רוסען אריינגעלאזען אין א קאלטע לעערע צעללע פון געפענגניס, האט ער געפרעגט דעם פיהרער: „דא זאל איך צובריינגען דיא נאכט?"

אויף דיעזע פראגע האט ער קיינע אנטווארט ערהאלטען. דיא טיהר איז הינטער איהם געשלאסען געווארען. ער איז געבליעבען אליין.

דער געריכטס־קאמיסאר און פאליציי־דירעקטאר האבען זיך פון דארט בעגעבען גלייך צום יוסטיץ־פאלאץ, וואו דער אונטערזוכונגס־ריכטער האט נאך אימער אונגע־דולדיג געווארט אין זיין ביורא, אום צו ערפאהרען אויב עס איז געלונגען דעם מערדער צו ארעטירען.

— גוטען אבענד, מיינע הערען, האבען מיר דעם פויגעל? — האט דער אונ־טערזוכונגס־ריכטער זיי אנטקעגענגערופען.

— מיר האבען איהם! — האט דער געריכטס־קאמיסאר געענטפערט.

— ער איז ארעטירט.

— זייט א שטונדע.

— וואו האט איהר איהם געפאקט?

— ביי ברעבאנט, וואו ער האט געשפייזט אין א פארנעהמער לוסטיגער געזעל־שאפט. דער שורקע פערקעהרט מיט לייטע פון דער פיינסטער געזעלשאפט.

— וויא איז עס צוגעגאנגען?

דער פאליציי־דירעקטאר האט אומשטענדליך דערציילט וויא דיא פערהאפטונג איז צוגעגאנגען.

— האט איהר דיא אדרעסען פון דיא געסט פון דעם אמת'ן אדער פאלשען גראף?

— ניין, אבער מיר ווייסען אלע נאמען, און ווען עס וועט נעטהיג זיין קען מען זיי אלעמען אויסגעפינען.

— דער מענש איז אין געפענגניס?

— נאטירליך.

— איז ער אין אייער געגענווארט אונטערזוכט געווארען?

www.libtool.com.cn

— נעווים.

— האט זיך דערביי עטוואס וויכטיגעס געפונען?

— ביז יעצט נאך ניט; מיר האבען אבער זיין בריעף־טאשע נאך ניט געעפענט און מיר ברייגגען זיא צו אייך, צוזאמען מיט זיין פארטמאנע, אוהר און רינגען.

— גיט אהער דיא בריעף־טאשע, מיר וועלען צוזאמען דורכזעהען וואס זיא ענטהאלט.

דער פאליציי־דירעקטאר האט אוועקגעלייגט אלע זאכען אויפ'ן שרייב־טיש פארן אונטערזוכונגס־ריכטער, בעמערקענדיג:

— דיא קאפער און דיא זאכען פון דעם פערהאפטעטען האבען מיר איבערגע־לאזען אין ביורא פון האטעל, אונטער דער אויפזיכט און פעראנטווארטליכקייט פון גע־שעפטס־פיהרער פון האטעל. איז עס נעטהיג זיי אהער צו ברייגגען?

— ניין, דאס האט ביז מארגען צייט. היינט וועלען מיר זעהען וואס דיא בריעף־טאשע ענטהאלטעט.

דיא גרויסע בריעפטאשע איז געוועזען פון רויט־ברוינעם רוסישען לעדער און איז זען ארומגעזוימט מיט פיינע זילבער־ארבייט און האט געהאט אויפ'ן זילבערנעם שלאס א שעהנעם אויסגראווירטען מאָנאָגראם פון דיא דריי רוסישע בוכשטאבען И. С. К. מיט א גראפען־קרוין איבער זיי.

הערר גיבריי האט זיא אויפגעעפענט. אין איין טאשע זיינען געלעגען פינף און צוואנציג פראנצויזישע באנקנאטען, צו טויזענד פראנק יעדערע, צוויי בריעף אין רוסי־שער שפראכע, און אייניגע וויזיטענקארטען מיט דעם נאמען איוואן סאמילאוו. אין דער אנדערן טאשע איז געלעגען א שליסעל.

הערר גיבריי האט גענומען דעם שליסעל אין האנד, האט איהם א וויילע בע־טראכט און האט דאן אויסגערופען: „דאס איז דאך דער שליסעל צו קוראוויאוו'ס גרופט!"

דער פאליציי־דירעקטאר האט אויך דעם שליסעל א ווייל בעטראכט און האט צונעשטימט: „איך גלויב ווירקליך איהר האט רעכט".

— מיר קענען אונז גלייך דערפון איבערצייגען, — האט דער אונטערזוכונגס־ריכטער פארטגעזעצט — דער שלאס פון דער בראָנזענער טיהר איז ארונטערגענומען ליעגט דא אונטער דיא בעוויידשטיקער אין מיין ביורא.

ער האט מיט דיא ווערטער ארויסגענומען דעם שלאָס פון א שופלאָדע פון זיין שרייבטיש און האט געפרופט דעם שליסעל. דער שליסעל האט געשלאסען לייכט וויא מען דארף גאר ניט בעסער.

— איהר זעהט אז איך האב קיין טעות. דאס איז דער שליעסעל צו דער גרופט און איצטער הערש מעהר קיין האר צווייפעל, אז מיר האבען דעם מערדער.

— דיא בעווייזע זיינען מערקווירדיג קלאר — האט דער פאליציי־דירעקטאר גע־זאגט.

הערר גיבריי האט ווייטער געזוכט אין דער בריעפטאשע, אבער ער האט ניט

www.libtool.com.cn

מעהר געפונען, דער געריכטסקאמיסאר האט דערוויל געדרעהט דיא בריעף אויף אלע זייטען.

— פערשטעהט איהר רוסיש? — האט גיברייי געפרעגט לאבענדיג.

— ניין.

— מיר מוזען דיא בריעף לאזען איבערזעטצען, עס איז פיעלייכט וויכטיג צו וויסען וואס אין זיי שטעהט.

— דאס זאל מארגען געשעהן.

— וועט איהר פארהערען דעם געפאנגענעם נאך היינט? האט דער פאליציי-דירעקטאר געפרעגט.

הערר גיברייי האט נאכגעזעהען זיין אוהר.

— עס איז שוין באלד עלף אוהר — האט ער געזאגט — און מארגען איז אויך א טאג. איך גלויב איבערהויפט, אז דיא אונטערזוכונג וועט ניט לאנג דויערן. דיא בעווייזע זיינען אזוי שטארק, דאס ער וועט אונמעגליך קענען לייקנען.

— אויף דעם זאלט איהר ניט פיעל האפען, הערר אונטערזוכונגס-ריכטער — האט דער פאליציידירעקטאר געזאגט.

— ווארום דאס?

— דער מענש וועט אייך פון דעסטוועגען נאך א הארטע נוס צו קנאקען. ער האט א חוצפה, וויא איך האב עס נאך אין מיין לעבען ניט געטראפען, גיט אכטונג, ער וועט זיך פערטהיידיגען וויא א לייב.

— דעסטא בעסער — האט גיברייי געלאכט — וואס שווערער דער קאמפף איז דער זיעג אלץ געשמאקער.

דאס פארטמאָנע וועלכעס האט ענטהאלטען עטליכע גאלדשטיקער און א פּאָר באנקנאטען צו 500 פראנקס, איז אויך געווען פון רוסישען לעדער אין זילבערנער איינ-פאסונג און געהאט דיעזעלביגע בוכשטאבען И. С. К. איינגראווירט אלס א מאָ-נאָגראם (דורכגעפלאכטענע בוכשטאבען). דיעזעלביגע בוכשטאבען מיט דער גראפען-קרוין זיינען אויך געווען אויף זיין גאלדענער אוהר.

— דעם מערדער האבען מיר, דאס איז קיין צווייפעל — האט דער פאליציי-דירעקטאר געזאגט, איך זעה אבער נאך אימער ניט דעם בעוועג־גרונד צום פערברעכען.

— דאס וועלען מיר באלד ערפאהרען — האט דער אונטערזוכונגסריכטער גע-ענטפערט — נאך אלעם וואס איך זעה שיינט עס, אז מיין פאראויסזעטצונג איז ריכטיג. איהר וועט זעהען אויב דיא אורזאכע איז ניט א פאמיליענגעהיימניס און א געהיימניס פון א זעהער פארנעהמער פאמיליע.

— האלט איהר דעם פערברעכער ווירקליך פאר א פארנעהמען רוסען? — האט דער געריכטסקאמיסאר געפרעגט.

— איך וויים ניט, אבער וואהרשיינליך איז עס. דיא בעריהמטעסטע פערברעכער פון אלע צייטען זיינען פון הויכער געבורט.

— נאך איינמאהל האט דער פאליציידירעקטאר בעטראכט דיא זאכען

— מיר פאלט איין א מערקווירדיגע זאך — האט ער געזאגט.

www.libtool.com.cn

— וואס, נעמליך? האט גיבריי געפרעגט.

— איך גלויב אז דיא דריי זאכען וואס מיר האבען דא, זיינען ניט זיין איינענטהום.

— וואס ברייננט אייך אויף דעם געדאנקען?

— א גאנץ איינפאכער אומשטאנד. אונזער געפאנגענער הייסט אדער רופט זיך איוואן סאמילאוו, וועהרענד אויף יעדער פון דיא דריי זאכען געפינט זיך נאך א דריטער אנפאנגס־בוכשטאב K. וואס זאל דיעזעס בעדייטען?

— איהר האט רעכט; איך וועל זעהען מיר צו פערשאפען איינע אויפקלערונג דאריבער.

— האט איהר אונז נאך וועלכע אינסטרוקציאנען צו געבען? — האט דער גע־ריכטסקאמיסאר געפרעגט.

— יא. איך וואלט וועלען אז דער געפאנגענער זאל גלייך ביי דעם ערשטען פער־הער צוזאמענגעבראכט ווערען מיט דיא עדות. איך וועל לאזען אויסמאכען דיא פאר־לאדונגען און איהר וועט זארגען, אז זיי זאלען גלייך אין פריהמארגען צוגעשטעלט ווערען צו דיא לייטע.

— דאס זאל געשעהן.

דער פאליציידירעקטאר און דער געריכטסקאמיסאר האבען גענומען אבשיעד און הערר גיבריי האט גלייך נאך זיי אויך פערלאזט דעם יוסטיץ פאלאסט.

17טער קאפיטעל.

## דער געפאנגענער און זיין געהיימנים.

גראף איוואן סאמילאוו איז געווען איבערצייגט, אז ער איז דאס אפפער פון א מיספערשטענדנים, פון א צופעליגער עהנליכקייט אין נעזיכט אדער אין נאמען און האט מיט זיכערהייט ערווארטעט, דאס גלייך אויף מארגען, נאך דעם ערשטען פערהער וועט ער ארויסגעלאזט ווערען פריי וואו ער וועט דאן פאדערן, רעכענשאפט פון יענע וועלכע האבען איהם אזוי שענדליך בעהאנדעלט.

טראטץ דיעזער ערווארטונג און טראטץ דעם וואס זיין געוויסען האט איהם קיינע פארוואירפע געמאכט, האט ער דאך געפיהלט א געוויסע אונרוהע, ער האט צו זיך גע־זאגט, אז דיא גערעכטיגקייט מאכט אויך איהרע פעהלער און ער האט זיך דערמאהנט איינינע בעקאנטע פעלע, ביי וועלכע אונשולדיגע לייטע האבען געמוזט ליידען פיר דיא זינדע פון אנדערע.

מיט שיידערן האט ער זיך געפרעגט, וואס פאר א פערברעכען קען דאס זיין אין וועלכען מען בעשולדיגט איהם און צו האט איהם ניט דער צופאל אמאהל פערוויקעלט אהן זיין וויסען אין א פינסטערע, בלוטיגע טהאט און וואס פאר א בעווייזע עס קענען זיין געגען איהם און צו וועט ער קענען וויעדערלעגען.

ער האט פערבראכט א שרעקליכע נאכט, פון דעם אויגענבליק ווען דיא טהיר האט זיך הינטער איהם געשלאסען ביז דער טאג האט אנגעהויבען צו גרויען האט ער ניט צוגעמאכט קיין אויג. דיא מינוטען האבען זיך פאר איהם געצויגען וויא שטונדען און ער איז געווארען פערצווייפעלט פאר שרעקליכער איינזאמקייט און לאנגווייל. ער

www.libtool.com.cn

וואלט מיט פערגעניגען אוועקגעבען א גרויסען טהייל פון זיין פערמעגען, ווען ער זאל נור קענען מאכען, אז מען זאל איהם שנעלער פיהרען צום פערהער.

ווען עס איז גוט טאג געווארען האט ער דערהערט וויא דער שליסעל דרעהט זיך אין טהיר־שלאס פון זיין צעלע. דיא טהיר האט זיך געעפענט און דער וועכטער פון געפענגנים איז אריינגעקומען, אום זיך צו איבערצייגען וואס דער געפאנגענער מאכט.

איוואן סאמילאוו האט דעם מאן פערוואונדען מיט פראגען, האט אבער קיינע אנטווארט ערהאלטען, אזוי וויא עס איז וואהרשיינליך געוועזען דער בעפעהל מיט איהם ניט צו ריידען.

דאס הארטנעקיגע שטומזיין האט דעם פארצווייפעלטען יונגען גראף שיער פעררוקט געמאכט און עס האט איהם געקאסט מיהע צו אונטערדריקען אין זיך דעם אויסברוך פון צארן.

א״ם 9 אוהר איז איהם געבראכט געווארען פריהשטיק, וועלכעס ער האט ניט אָנגעריהרט.

צוויי שטונדען שפעטער האט זיך געעפענט דיא טהיר פון דאס ניי און דער אויפזעהער איז אריינגעקומען, דיעזעס מאהל אין דער בעגלייטונג פון צוויי סאלדאטען פון דער פאריזער גארדע, וועלכע דיענען געוועהנליך אלס וואכע צום געפענגנים.

— וואס ווילט איהר פון מיר? האט דער רוסע געפרעגט.

— איהר זאלט פארגעפיהרט ווערען פאר׳ן אונטערזוכונגסריכטער.

— ענדליך! — האט דער יונגער גראף אויסגערופען אויפאטהמענדיג.

ער האט זיך גלייך געטהאן א קעהר צום טהיר מיט דיא ווערטער: „איך בין בערייט.“

— ווארט, ווארט מיין זאהן — האט דער אויפזעהער געזאגט מיט א בייזען געלעכטער, אזוי שנעל געהט עס ניט, פריהער מוזען מיר דיך א ביסעלע אויספוטצען.

לאכענדיג מיט א שפאטישער מינע האט ער איפגעהויבען דיא האנד אין וועלבער ער האט געהאלטען א שטאלענע קייט מיט האנד־שעלעס (נארוטשניקי, הענד־קאפס).

סאמילאוו האט איהם אנגעקוקט און האט פערשטאנען וואס דאס מיינט.

— וואס פעהלט דען נאך? האט ער געפרעגט.

— א קלייניגקייט, דיא ארעמבענדער, אדער האנדשעלען, אום צו זאגען דייטליכער.

דער גראף איז געווארען בלייך וויא דער טויט.

— האנדשעלען וויל מען מיר אנטהאן! האט ער א׳יסגערופען מיט א ציטערנדע שטימע — פאר וואס האלט מען מיך דען? דאס וועל איך אויף קיין פאל ניט צולאזען! אויף קיין פאל!

— נוא, נוא, קיינע פאקסען געמאכט! — האט דער אויפזעהער ערנסט געזאגט, דא ווערט ניט רעזאנירט, נור געהארכט. איך האב מיך צו האלטען שטרענג אן מיינע אינסטרוקציאנען און איך וואלט מיין אייגענעם פאטער אנטהאן האנדשעלען, ווען דיא פארשריפט זאל אזוי הייסען. אלזא, קיינע מינעס געמאכט! ווען איהר לאזט זיך ניט מיט גוטען, וועט מען עס אייך אנטהאן מיט בייזען. אהער דיא הענד און שנעל!

www.libtool.com.cn

דער גראף האט דעם ווילדען ארעסטאַנטען־טרייבער אנגעקוקט און איהם איז ווידער ארויפגעקומען אויף'ן געדאנקען, דאס בעוואוסטזיין פון זיין שוואַכקייט ענטקעגען זיי און דאס ער וועט ענדליך דאך אונטערליעגען מיט שאנדע, ווען ער זאל זיך ענטקעגען שטעלען. דאס בעסטע וואס ער האט געקענט טהאן, איז זיך אונטער־צוגעבען. דען אויף דעם אופן איז עס פיעלייכט מעגליך געווען צו מאכען וואס גיכער איין ענדע צו זיין לאגע.

ניט ריידענדיג א ווארט, אבער מיט דעם אויסדרוק פון טיעפסטער פעראכטונג, האט ער אויסגעשטרעקט דיא הענד, אבער טראָטץ דער גלייכגילטיגקייט וועלכע ער האט געזוכט מיט אלע זיינע כחות ארויסצוווייזען, האט ער דאך געמוזט אויפציטערן אלס דאס קאלטע שטאהל פון דיא האנדשעלען האט בעריהרט זיין האנד.

אין איין אויגענבליק זיינען דיא האנדשעלען געווען אנגעטאַן.

— פארווערטס! — האט איינער פון דיא סאלדאטען קאמאנדירט.

מיט איין סאלדאט פון פארינט און דעם אנדערן פון הינטען, איז דער גראף גע־פיהרט געווארען דורך לאנגע קארידארען, ענגע טרעפּ, ארויף און אראפּ, ביז ער איז ענדליך געקומען אין א גאלעריע אויף וועלכער עס איז געווען דער ארייננגאנג אין קאנ־צעלאריע פון אונטערזוכונגס־ריכטער.

א טהיר האט זיך געעפענט און דער סאלדאט פון פארינט איז געבליעבען שטעהן אין קארידאר, אריינלאזענדיג דעם גראף. ער האט אריבערגעטרעטען דיא שוועלע און איז געשטאנען פאר גיברי וועלכער האט זיך בעשעפטיגט מיט איבערקוקען פאפּיערע און אקטען. און א זייט, ביי א קליינעם טישעל איז געזעסען דער פראטאקאל־פיהרער.

דער גראף האט בעגריסט מיט א שאקעל דעם קאפּ.

דער אונטערזוכונגס־ריכטער האט אבגעקוקט דעם בעשולדיגטען פון אויבען ביז אונטען, דאן האט ער אנגעקוקט דאס געזיכט פון דיעם מענשען, וועלכען ער האט גע־האלטען פאר א גרויסען פערברעכער. ער האט איהם בעטראַכטעט מיט דעמזעלביגען אויסדרוק, מיט וועלכען א דאקטאר קלייבט זיך צו ארייינצורוקען א שארפע זאָנדע אין א טיעפער וואונד, אום צו זעהען וואס אינעווייניג טהוט זיך.

דאס בלייבע געזיכט פון דעם געמיינטען מערדער האט אבער קיין זאך ניט אויסגעדריקט, אויסער גלייכגילטיגקייט און קאלטקייט — קאלט ווי א שטיין.

— שטעה איך פאר מיין ריכטער, מיין הערר? — האט איוואן געפרעגט מיט שטאָלצער העפליכקייט.

— איהר שטעהט פאר דעם ריכטער, וועלכער האט דיא פליכט אייך צו פער־הערען, און איהר, איהם צו ענטפערן — האט גיברי געענטפערט.

— ענטפערן! — האט דער רוסע איבערגערעדט — פאר וואס זאל איך דען ניט ענטפערן? איך האב קיין זאך ניט צו בעהאלטען. אבער פריהער וואלט איך דאך וועל־לען וויסען, מיט וועלכען רעכט האבען אייערע פאליציסטען געוואגט מיך צו ארעטירען, צו ווארפען מיך אין געפענגניס און מיר אנצוטהאן דיא שרעקליכע שאנדע צו שמיעדען מיינע הענד אין קייטען, פונקט ווי א איך וואלט געוועזען א גנב אדער א מערדער.

דער אונטערזוכונגס־ריכטער האט פון גראף קיין אויג ניט אראפּגענומען דיא

www.libtool.com.cn

גאנצע צייט וואס ער האט דיזע ווערטער גערעדט. אין דער פעסטער איבערצייגונג, אז ער האט פאר זיך דעם דאפעלמערדער פון פער־לאשעז און רוע ערנעסטין, איז ער גאנץ ערשטוינט געוועזען איבער דיא קאלטבלוטיגקייט און זעלטענע אונפערשעממטקייט פון דיזען מענשען.

— מיינע פאליציסטען — האט גיברייא געענטפערט זעהר שארף — האבען אויס־געפיהרט נור דיא בעפעהלע, וועלכע זיינען זיי געגעבען געווארען אין נאמען פון דער בירגערליכע געזעלשאפט וועלכע איז טיעף בעליידיגט געווארען דורך א פערברעכער, דיא פאליציסטען ערהאלטען דיא בעפעהלע דורך דיא פערטרעטער דער יוסטיץ.

— און ווער איז דיזער פערטרעטער?

— איך.

— זעהר גוט, דאן וועל איך מיך ביי אייך אליין בעקלאגען איבער דיא שענדליכע ארט וויא אזוי אייערע געזעצע זיינען אויסגעפיהרט געווארען, איבער דיא בעהאנדלונג וועלכע מען האט מיר, א פרעמדען אין דעם לאנד, געוועזען. און אייער לאנד, רעכענט מען עס פיר דאס גאסטפריינדליכסטע אין דער וועלט! מען האט מיך געסטערן אבענדס ארויסגעריסען פון מיטען מיינע פריינדע, וועלכע איך האב איינגעלאדען צו א פרעהלי־כער פערזאמלונג. אום א מאן אין מיין שטעלונג צו פערהאפטען אונטער אזעלכע אומשטענדען, מוז מען נעווים האבען א גוטען גרונד. אום איהם צו בעהאנדלען וויא א רויבער אדער א מערדער, דארף מען איהם קענען בעשולדיגען אלס רויבער אדער מערדער, און וואס בעשולדיגט מען מיך?

הערר גיברייא האט געשוויגען. אזא זאך איז איהם נאך קיינמאהל גאר ניט פאר־געקומען. דאס האט געהייסען פארבייטען זיך מיט דיא ראליען, אנשטאט אראפצולאזען דעם קאפ אין דעם בעוואוסט זיין פון זיין שווערען פערברעכען, בעקלאגט ער זיך גאר, דער שורקע, און ער האט נאך א חוצפה צו שטעלען דעם ריכטער פראגען! דאס איבערשטייגט אלעם.

איין אויסדרוק פון ערגער און פעראכטונג האט זיך בעוויעזען אויף דעם געזיכט פון אונטערזוכונגס־ריכטער, און דער גראף, וועלכער האט עס בעמערקט, איז געווארן אונרוהיג דורך דאס מעהר וויא דורך אלעס אנדערע, וואס איהם האט ביז איצטער פאסירט.

— דאס שיינט זעהר ערנסט צו זיין — האט ער געמורמעלט צו זיך אליין — האלט איהר מיך ווירקליך פאר א פערברעכער, הערר ריכטער?

גיברייא האט געוואלט דערגעהן א גרונד מיט איין קלאפ. ער האט דעריבער אוועקגעלייגט אן א זייט אלע געוועהנליכע פראגען, און אריינקוקענדיג דעם געמיינטען פערברעכער גלייך אין דיא אויגען, האט ער געזאגט: „וואס האט איהר געטהאן דעם נייצעהנטען פון דיזען מאנאט, דאס הייסט מיט דריי טעג צוריק, פון דריי אוהר נאכמיטאג ביז צוויי אוהר אין דער נאכט?

— הערר ריכטער — האט דער גראף געענטפערט גאנץ קאלט — איהר קריעגט פון מיר קיין ווארט ארויס, איידער איהר וועט מיר ניט זאגען, אונטער וועלכע בע־שולדיגונג שטעה איך פאר אייך.

www.libtool.com.cn

— צו פרעגען האב איך, איהר האט צו ענטפערן.

— דאס איז ריכטיג. איהר מעגט מיר ניט װעלען זאגען דאס װאס איך װיל װיסען, אבער איהר קענט מיך ניט צװינגען צו ריידען:

— דער אויסװאורף האט איין אײזערנעם װילען; װען איך גיעב איהם ניט נאך בלייבט ער שטום — האט דער אונטערזוכונגס־ריכטער איבערלעגט — איך דיינק איך מאך א סוף דערצו. נוא גוט — האט ער געזאגט אויף׳ן קול — איהר װערט בעשולדיגט אין מארד.

דיא העכסטע פערװאונדערונג און ערשטוינונג האט זיך בעװיעזען אויף׳ן גראף׳ס געזיכט.

— אין מארד! — האט ער אויסגערופען — איך, איך בין בעשולדיגט אין מארד! מיין װערטהער הערר, איהר קענט עס ניט מיינען אין ערנסט, װען אזא בעשולדיגונג װאלט ניט געװען אזוי שרעקליך, װאלט זיא געװען איינפאך צום לאכען.

— רעספעקט פאר׳ן געזעטץ, מיין הערר, דאס פערלאנג איך פון אייך! — האט ניבריי בעפאהלען.

— א גערעכטיגקייט װעלבע קען אזוי װייט פערקריכען, איז קיינע גערעכטיגקייט, האט דער רוסע געענטפערט — קענט איהר מיר פיעלייכט אויך זאגען װעמען איך האב ערמארדעט?

— צװיי פערזאנען, א מאן און א פרוי.

— צװיי פערזאנען נאך! — האט דער רוסע געענטפערט מיט א ביטערן שמייכעל, דיא זאכע װערט מיר אזוי שפאסיג, דאס איך פרעג זיך אליין פאר װעמען איך שטעה, פאר א ריכטער אדער פאר א משוגע׳נעם.

ניבריי האט זיך מיט מיהע איינגעהאלטען, ניט אויפצוהעבען א האנד.

— איהר זאלט זיך נעהמען אין אכט — האט ער געשריען אין שרעקליכער אויפרעגונג — יעדע געדולד האט א גרענעץ און איהר זאלט זיך ניט צופיעל שפיעלען מיט מיר. אזעלכע רייד זאלט איהר ניט װאגען מיט מיר צו רעדען, ניט אלס ריכטער און ניט אלס פריװאטמאן. נעהמט אן איין אנדערן טאן און איבערצייגט מיך פון אייער אונשולד, אזוי װיא איהר בעהויפטעט, אז איהר זייט אונשולדיג. אויב ניט לאז איך אייך צוריקפיהרען אין געפעננניס און װעל װארטען ביז איהר װעט רוהיגער װערען, איידער איך װעל פארטזעטצען מיין פערהער (דאפראס). עס איז אין אייער אייגענעם אינטערעסע, איהר זאלט אנדערש ריידען.

איװאן סאמילאװ האט איינגעזעהען, אז עס איז נור דא איין מיטעל װיא אזוי זיך צו בעפרייען פון דער לאגע, אין װעלכער איין געהיימניספאלער צופאל האט איהם אריינגעשלעפט אין דאס איז — צולאזען זיך ביינגען נאך דיא פארדערונגען פון דיעזער לאגע. ער האט זיך דאריעבער אנגעטהאן א כוח צו אונטערדריקען זיין שטאלץ און האט געזאגט מיט אייסערליכע רוהע: נוא גוט, פרעגט נור, הערר ריכטער, איך װעל אנטװארטען:

— װיא הייסט איהר?

— איװאן ניקאלאי גראף סאמילאװ.

www.libtool.com.cn


— פון וועלכער נאציאן?
— איך בין רוסישער אונטערטהאן.
— וואו זייט איהר געבארען?
— אין סט. פעטערבורג.
— וויא אלט זייט איהר?
— פינף און צוואנציג יאהר.
— האט איהר נאך פאטער און מוטער?
— ניין, זיי זיינען ביידע טויט. — ביי דיעזער אנטווארט האט דיא שטימע פון גראף'ן עטוואס געציטערט.
— וואו וואהנט איהר געוועהנליך?
— אין פעטערבורג.
— וויא לאנג זייט איהר אין פאריז?
— ניין טאגע.
— וואו זייט איהר פארפאהרען?
— אין גראנד האטעל.
— קומט איהר גלייך פון רוסלאנד?
— ניין, איך קום פון לאנדאן. אהין בין איך געקומען פון אנטווערפען. אין לאנדאן האב איך מיך צוויי וואכען אויפגעהאלטען.
— האט איהר א פאס?
— יא.
— וויא קומט דאס, וואס ער געפינט זיך ניט אין אייער באגאזש און ניט אין אייער בריעפטאש?
— ער ליעגט אין דער רוסישער געזאנדשאפט.
— צו וועלכען צוועק רייזט איהר דען?
— צו מיין פערגעניגען.
— זייט איהר רייך?
— יא.
— זעהער רייך?
— רייך גענוג, אום צו בעפריעדיגען אלע מיינע ווינשע.
— פון וואנען האט איהר דאס פערמעגען?
— איך האב עס געערבט פון מיינע עלטערן.
— בעזיצט איהר איין רעכט אויף אייער גראפענטיטעל?
— יא, מיין פאמיליע געהערט צום אדעל זייט יאהרהונדערטע.
— האט איהר פריינדע אין פאריז?
— דאס היינגט אפ דערפון וואס איהר פערשטעהט אונטער פריינדע. אויב איהר מיינט דערמיט יענע פערזאנען אונטער וועלכע איך האב מיך געפונען צו דער צייט, ווען מען האט מיך ארעטירט, דאן זאג איך: „ניין". דיעזע לייטע מיט אויסנאהמע פון איינעם, זיינען מיינע גאנץ ייע בעקאנטע.

www.libtool.com.cn


— ווער איז דער איינער וואס מאכט דיא אויסנאהמע ?

— וויקאמט (גראף) ד'ארפעל, איין עדעלמאן אין וואהרסטען זינען פון ווארט, פאר וועלכען איך האב דיא גרעססטע אכטונג.

— איז ער א פאריזער ?

— יא, הערר ריכטער.

— וואו האט איהר איהם קענען געלערנט ?

— אויף רייזען.

— זייט איהר פריהער אמאל ניט געוועזען אין פאריז ?

— יא, הערר ריכטער, בין אבער דאן געוועזען נאך גאר א קליין קינד.

— איך קום איצטער צוריק אויף מיין פריהעריגע פראגע : וואס האט איהר געטהאן נאכמיטאג און אבענדס אם נייצעהנטען דעצעמבער ?

גראף איוואן האט א וויילע געקלערט און האט געענטפערט :

— אזוי ווייט וויא איך קען מיך דערמאהנען, האב איך אום עלף אוהר פערלאזען מיין האטעל, און בין געגאנגען צו מיין פריינד ד'ארפעל, וועלכער האט מיך איינגעלאדען צו פריהשטיק, דערנאך בין איך געגאנגען שפאציערען איבער פאריז, האב אין א רעסטאראן אויף דיא בולווארדס געגעסען מיטאג, און האב דאן בעזוכט דאס טהעאטער, דיא וואריעטע.

— זייט איהר דיא גאנצע צייט געוועזען אליין ?

— יא.

— ביז צום אבענד ?

— ביז צום אבענד.

— צו וועלכען צוועק האט איהר אזוי שפאציערט ?

— צו גאר קיין צוועק. איך האב „פלאנירט“ (זיך ארומגעשלעפט) וויא מען זאגט אין פאריז, האב גערויכערט ציגארעטען און נעקוקט אין דיא שויפענסטער.

— און דערמיט האט איהר פארבראכט אייער גאנצע צייט ?

— איך גלויב אזוי.

— איהר זאגט ליגען ! — האט דער אונטערזוכונגס-ריכטער טרוקען אויסגערופען.

— מיין הערר ! — האט דער רוסע געשריען, פערגעסענדיג וואו ער געפינט זיך.

— איהר זאגט ליגען ! — האט גיברייי ווידערהאלט — דער איינציגער פונקט, וועלכער איז דער וויכטיגסטער אין דער אנווענדונג פון אייער צייט, — דעם האט איהר פערשוויעגען.

— ניין, הערר ריכטער — האט דער גראף געענטפערט שוין ווידער גאנץ רוהיג. אויב איך האב עטוואס דורכגעלאזען, איז דאס נאר דערפאר ווייל איך האב עס וואהרשיינליך פערגעסען.

הערר גיברייי האט געצקוקט מיט דיא אכסלען.

— דיינקט איהר אז איהר וועט מיר דאס איינריידען ? איהר זייט געוועזען אויף פער-לאשעז, ווילט איהר דאס לייקענען ?

www.libtool.com.cn

דער גראף האט א ציטער געטהאן און האט געווארפען איין ענגסטליכען בליק אויף דעם אונטערזוכונגס־ריכטער.

— לייקענט איהר? — האט גיבריי ווידערהאלט.

— ניין, איך האב קיין גרונד מיינע האנדלונגען צו בעהאלטען. איך בין געוועזען אויפ'ן פער־לאשעז.

— צו וואס זייט איהר אהין געגאנגען?

— אבער הערר ריכטער, דער פערלאשעז איז איינע פון דיא גרעסטע זעהענס־ווירדיגקייטען אין פאריז. עס איז דאך גאנץ נאטירליך דאס א פרעמדער זאל אהין געהען.

— איהר ווילט מיך נארען; איך וועל אייך זאגען וואס איהר האט דארט גע־מאכט. איהר האט אין בלומענלאדען אין רוע־דע־לא־ראקעט געקויפט א קראנץ און איהר זייט דערמיט געגאנגען גלייך צו דער בעשטימטער גרופט, און וועלכע איהר זייט אריינגעגאנגען, איז דאס וואהר?

— דאס איז וואהר!

— אין דער גרופט האט איהר געהאט אפגערעדט מיט א פרוי זיך צוזאמענ־צוטרעפען.

— דאס איז ניט ריכטיג, ניט וואהר! — האט דער גראף אויסגערופען.

— דיא אונגליקליכע איז געקומען און איהר האט זיא ערמא־דעט — האט דער אונטערזוכונגסריכטער ווייטער גערעדט, ניט אכטענד — אויף דעם גראף'ס ווערטער.

איוואן סאמילאוו האט אנגעקוקט דעם הערן גיבריי מיט דעם אויסדרוק פון שרעק און ערשטוינונג. ער האט געציטערט אין גאנצען קערפער און אויפגעהויבען דיא געשמידעטע הענד אין דער הויך, וועהרענד איין אנגסטגעשריי האט זיך ארויסגעריסען פון זיין ברוסט.

— הערר, מיין גאט! איהר בעשולדיגט מיך אז איך האב בעגאנגען דעם מארד אין קוראוויאוו'ס גרופט!

אין גיבריי'ס אויגען האט עס אויפגעבליצט פאר פריידע, דער אנגעקלאגטער האט זיך אליין פערראטהען:

— אה, איהר האט געוואוסט אז דיא גרופט געהערט דער פאמיליע קוראיאָוו, איהר זייט מיר צו קלוג ווען איהר זעהט איין, אז דאס איז גלייך צו א געשטענדניס. מאכט א סוף דערפון, דער לייקענען וועט אייך ניט העלפען. זייט איהר מודה אז איהר האט דיא פרוי אריינגענארט אין דער גרופט : זייט איהר מודה אז איהר האט בעגאנ־גען דעם מארד?

— מודה זיין? איך זאל מודה זיין, אז איך האב בעגאנגען א מארד אן א שוואכע פרוי וואס קען זיך ניט ווערען? אין געגענטהייל, איך לייקען דאס מיט אלע קרעפטען, מיינע גאנצע זעעלע עמפערט זיך געגען אזא בעשולדיגונג!.... יא, איך בין אויף דעם פערלאשעז געווען! איך בין אין דער גרופט פון דער פאמיליע קוראוויאָוו איינגעטרעטען.

— איהר האט אויך דעם שליסעל צו איהר — האט דער אונטערזוכונגסריכ־טער אונטערבראכען.

www.libtool.com.cn

— איך האב דעם שליעסעל דערצו און איהר האט איהם געווים געפונען אין מיין בריעפטאש, אבער איך פערזיכערע אייך, איך שווער אייך ביי אלעם וואס מיר איז היילִיג, אז איך האב דארטען קיינעם ניט געטראפען. איך האב מיך אלײן גע־פרעגט צו וועלכען צוועק איז זיא אין דער גרופט אריינגעדרונגען, ווער דיא ערמארדערטע פרוי איז געווען? יא, הערר ריכטער, דאס אלעס איז מיר פאלשטענדיג אונבעקאנט און דאך האט איהר מיך געלאזט פערהאפטען און איהר האט מיר דיא ערגסטע שאנדע אנגעטהאן און איהר בעשטעהט דארויף, אז איך זאל פעראנטווארטליך זיין פאר א פערברעכען פון וועלכען איך וויים ניט וואס צו זאגען.... איך זוך מיר מיט אלע מעג־ליכקייט צו ערקלערען דאס רעטהזעל (רעטענים), איך צוברעך מיר דעם קאפ קלערענדיג. עס איז אבער אומזיסט, איך געפין קיינע אויפקלערונג דאריעבער. איך בין שפיעל־באל פון א שרעקליכען אירטהום און ווען דיזער אירטהום דויערט לאנג, דאן ווער איך וואהנזיניג. שוין איצטער שיינט מיר, אז דאס איז מעהר אלס מיינע כחות זיינען אימ־שטאנדע אריבערצוטראגען.

הערר גיבריי האט געקוקט אויף זיין ערשטאנטען און האט צוגעהערט מיט אזא שפאנונג, פונקט וויא מען הערט געוועהנליך אין טהעאטער א גוטען שוישפיעלער. נאכדעם וויא דער גראף האט געענדיגט האט גיבריי עטליכע סעקונדען געשוויעגען און דערנאך האט ער איהם געפרעגט: — וואס האט איהר אין קארוויאוו'ס גרופט געהאט צו טהאן?

— איך האב אהין אוועקגעטראגען דעם קראנץ וואס איך האב געקויפט.

— אבער אין דער גרופט איז דאך קיינער ניט בעערדיגט געווארען?

— דאס האב איך ניט געוואוסט — האט דער גראף געענטפערט פערלעגען.

— געהערט איהר דורך געבורט אדער דורך הייראטה צו דער פאמיליע קוראוויאוו?

— ניין! — האט סאמילאוו האסטיג געענטפערט.

— דאן האט אייער אנטווארט קיין האפט און איהר קענט ניט פערלאנגען, אז מען זאל אייך גלויבען. איהר זאגט איהר זייט אריינגעגאנגען אין גרופט אוועקצולייגען א קראנץ, און איהר זאגט אז איהר האט געוואוסט דאס קיינער איז דארטען בעערדיגט געווארען, אבער ווען איהר געהערט זיך ניט אן מיט דער פאמיליע קוראיאוו וויא אזוי האט איהר א שליעסעל צו דער גרופט און צו וואס טראגט איהר אהין קראנצע? זייט נור לאגיש! איך וויל אייך געבען א מיטעל וויא אזוי אייער שולד צו בעווייזען, זאגט ווער האט אייך געגעבען דעם אויפטראג אהין צו ברייננגען א קראנץ?

— איך קען אייך נור ענטפערן, דאס איך האב דיא פרוי ניט געזעהן און וויים ניט פון וואס צו זאגען, איך האב דאס פערברעכען ערשט ערפאהרען אויף מארגען, פון דיא צייטונגען, פונקט וויא גאנץ פאריז.

גיבריי האט געמאכט איינע אונגעדולדיגע בעוועגונג.

— הערט זיך דאך אויף צו ווידערשפרעכען — האט ער אויסגערופען — איהר ניט צו, אז איהר זייט געווען אין דער גרופט און איהר לייקענט, אז איהר האט דארט געזעהען א לייבע!

www.libtool.com.cn

— יא, דאס לייקען איך. אום דריי אוהר ביי נאַך נעגאנגען אויף דעם פערלאשעז און אום האלב פיער בין איך שוין געגאנגען צוריק.

— וואס האט איהר דארט געוואלט?

— איך האב עס אייך שוין געזאגט.

— איך האב אייך אויך שוין בעוויעזען וויא נארעש אייער ערקלערונג איז. עס ליעגט קלאר אויף דער האנד, אז איהר האט נעהאנדעלט אין איינפטראג פון א פרעמדען ווילען. וואו איז דיעזער ווילען? וויא אזוי קומט איהר צום שליעסעל פון דער גרופט? וואס פאר א גרונד האט איהר געהאט, אהין צו טראגען א קראנץ?

— דאס איז מיין זאך.

דיעזער אנטווארט איז געגעבען געווארען קורץ און טרוקען און דער טאן האט דעם אונטערזוכונגסריכטער פיעל מעהר געזאגט אלס דיא ווערטער.

— מיינע פערמוטהונג (השערה) שיינט דאך ריכטיג צו זיין. אז דא ליעגט פאר א פאמיליענגעהיימניס — האט גיבריי ביי זיך געטראכט און האט דאן געזאגט לויט: „נ ין, עס איז ניט אייער זאכע אליין, דאס איז אויך דיא זאכע פון קרימינאל־געריכט און איהר מעגט זיין זיכער, אז עס וועט ניט לאנג דויערען, ביז מיר וועלען וויסען אלעס וואס איהר ווילט פון אונז בעהאלטען.

— פיעלייכט — האט דער רוסע געמורמעלט.

— שוין איצטער איז דער בעוויז קלאר, אז איהר האט דער פרוי ערמארדעט אין דער גרופט, און נאכהער אויף דעם מאן, וועלכען איהר האט אפגענומען פון באהנהאף אין וועלכער איז דורך איך אומגעקומען אין וואגען פאהרענדיג צו דער רוע מאנטארגע.

— אזוי, דעם האב איך אויך ערמארדעט! — האט איוואן געזאגט מיט א בייזען שמייכעל.

— לייקענט איהר אז איהר האט איינעם ערווארטעט אויפ'ן באהנהויף.

— איך לייקען דאס גאר ניט, ווייל דאס איז וואהר. איך האב ערווארטעט א פריינד, וועלכער איז אנגעקומען פון לאנדאן.

— וואס האט איהר מיט דעם פריינד געטהאן?

— ער האט געמוזט גלייך פארטאג פערלאזען פאריז אום צו געהן נאך דער שווייץ, און איך האב איהם בעגלייט צו א האטעל ניט ווייט פון ליאנער באהנהויף.

— וויא הייסט דאס האטעל?

— דאס וויים איך ניט.

— אום וועלכע שטונדע האט איהר אייער פריינד פערלאסען?

— געגען צוויי אהר פארטאג.

— איז דיעזער פריינד געוועזען אייערער א לאנדסמאן?

— יא.

— וויא הייסט ער?

— גראף סערגעי ניקאלאיעוו.

— איהר זאגט ער איז געפאהרען נאך דער שווייץ?

www.libtool.com.cn

— יא, געוויס.

— וואוהין ?

— נאך גענף (זשענעווא).

— האט ער אייך געזאגט וויא לאנג ער בלייבט דארטען?

— פיערצעהן טאגע.

— אין וועלכען האטעל האט ער דארטען געוואלט אבשטייגען ?

— אין האטעל באָ־ריוואזש.

— איך וועל באלד טעלעגראפירען צום געריכט אין גענף און וועל שנעל ערפאהרען וויא פיעל אמת עס איז דא אין אייערע אויסזאגען. אבער פריהער וואלט איך אייך בעטען מיר צו ערקלערן וויא אזוי דאס איז מעגליך, אז איהר זאלט האבען בעגלייטעט אייער פריינד אים צוויי אוהר פארטאג ניט ווייט פון ליאנדער באהנהויף, און פונקט אין דיא זעלביגע צייט אויך זיין אין איין אנדער האטעל, אין רוע מאָנטאָרגע, וואו איהר האט גערעדט מיט א קעלנער?

— עטוואס אונערקלערליכעס קען איך ניט ערקלערן — האט דער גראף געענטפערט — דיא וואס האבען אייך געזאגט אז זיי האבען מיך געזעהן אין רוע מאָנטאָרגע, האבען אייך בעטראגען.

— צו וואס זאלען זיי דאס טהאן?

— אדער זיי האבען זיך אליין בעטראגען.

— ווילט איהר מיר אפשר איינריידען א באָבע־מעשה פון עהנליכקייט ? — האט גיבריי געפרעגט איראניש.

— איך וויל אייך קיין זאך ניט איינריידען, איך ערקלער נאר דיא ערוועהנטע טהאטזאכע: פיר פאלש, פיר גרונדפאלש, און איך וועל אזא זאך קיינמאהל ניט צוגעבען.... איבעריגענס קענט איהר יא טעלעגראפירען צו גראף סערגעי ניקאלאיעוו נאך גענף, האָטעל באָ־ריוואזש, און איהר וועט דעם בעוויז ערהאלטען אז איך האב אייך קיין ליגען געזאגט.

— דאס וועל איך נאטירליך טהאן, אבער מיט גרויסער פאָרזיכט. ווער פערזיכערט מיך אז יענער רוסע איז ניט אייער מיטשולדיגער, און עס איז פיעלייכט איין אפגערעדטע זאך צווישען אייך?

— הערר ריכטער, ערלויבט מיר אייך א פראגע צו שטעלען.

— איהר קענט פרעגען, אבער אויב איך צו ענטפערן אדער ניט — דאס הייננט נאטירליך אפּ פון מיר.

— איהר שיינט מיך צו בעשולדיגען אין א דאפּעלטען פערברעכען, אבער דיא גרינדע וועלכע איהר האט ביז איצטער פארגעפיהרט זיינען ניט שטארק גענוג, איהר מוזט געוויס אנדערע גרינדע נאך האבען; קענט איהר מיר זיי ניט זאגען?

— דיא אויסזאגען פון עדות וואס האבען אייך געזעהן, וועלכע וועלען אייך דערקאנען.

— ערלויבט מיר אין דעם צו צווייפלען, הערר ריכטער, דאס קענען זיי ניט, אויב זיי זיינען ניט בעטריגער אדער בעטראגענע.

www.libtool.com.cn

דער אונטערזוכונגס־ריכטער האט א דריק געטהאן א קנעפיל און א געריכטס־דיענער איז אריינגעקומען. דער ריכטער האט איהם דערלאנגט א שטיקעל פאפיער מיט א פאאר נאמען דארויף געשריעבען, און ער איז ארויסגעגאנגען. אין נעכסטען אויגענבליק איז אריינגעקומען דער קוטשער קאררע, פון דער רוע ערנעסט׳ן, האלטענדיג זיין פעלצהוט צוזאמענגעדרעהט אין האנד. זיין ברייטעס גוטמוטהיגעס געזיכט איז פון אויפרעגונג געוועזען נאך עטוואס רויטער וויא געוועהנליך. הערר גיבריי האט איהם אפילו קיין צייט ניט געגעבען צו בעגריסען, וויזענדיג מיט דער האנד אויף דעם יונגען רוסען, האט ער געזאגט: זעהט אייך אן דיעזען הערן, קאררע, דערקאנט איהר איהם?

קאררע האט אויסגעשטעלט זיינע אויגען אויף דעם גראף, האט איהם א היבשע צייט בעטראכט מיט דער גרעסטער אויפמערקזאמקייט און האט דאן אויסגערופען: „אויב איך דערקען איהם!? איך זאל עס דיינקען! דאס איז דאך דער הערר מיט׳ן פאנסנע, מיט דיא בלאנדע האר און באקענבארד, וועלכען איך האב געפהרט צום נארדבאהנהויף. וואו ער האט ערווארטעט א פריינד און פון דארטען האב איך איהם מיט׳ן פריינד געפיהרט צו רוע מאָנטאָרגע. ער האט מיר געגעבען דאס 40 פראנק שטיק צום וועקסלען פאר׳ן טהיר פון האטעל. דאס איז ער, ביי מיינער זעלע!

— וואס וועט איהר איצטער זאגען? — האט גיבריי געפרעגט דעם גראף.

— איוואן סאמילאוו איז געווארען נאך בלאסער וויא ער איז געוועזען, זיינע אויגען האבען געקוקט שטאר וויא פערגליווערט.

— איך האב אויף דעם צוזאגען, הערר ריכטער, דאס דער קוטשער שיינט צו גלויבען וואס ער זאגט, אבער ער האט א טעות. איך זעה אלץ מעהר און מעהר איין, אז איך בין פערהאפטעט װעגען דעם פערברעכען פון איין אנדערן און איך בין דאס אפפער פון א שרעקליכען אירטהום (טעות).

אלס דער קוטשער האט דערהערט דיא שפראכע פון געפאנגענעם, האט ער אויסגערופען: „עס איז ניט נור דערזעלביגער וואוקס און געזיכט. עס איז אויך דיא זעלביגע שטימע; עס וואלט מיר גענוג געוועזען צו הערען דיא שטימע אליין, אום איהם צו דערקענען.

— לייקענט איהר נאך? האט הערר גיבריי געפרעגט.

— ביי גאט, איך לייקען דאס און וועל קיינמאהל ניט אויפהערען דאס צו לייקנען — האט דער רוסע געענטפערט.

— איהר מעגט געהן — האט דער ריכטער געזאגט צו קאררע.

הערר גיבריי האט פארגערופען דעם צווייטען עדות. דאס איז געוועזען דער בעאמטער פון אייזענבאהן, וועלכער האט אויך דעם גראף דערקענט אלס יענעם יונגען מאן, וועלכען ער האט געזעהן װארטענדיג אין נארדבאהנהאף אין ד׳ר נאכט פון נייןצעהנטען אויף׳ן צוואנציגסטען דעצעמבער.

אלע אנדערע עדות האבען אויך דערקענט אין דעם גראפען דעם יונגען מאנן, וועלכען זיי האבען געזעהן אדער אויף אוועניו סאנט־מאד, אדער אויף׳ן באהנהאף, אדער אין רוע מאנטארגע. בעזאנדערס שווער איז געפאלען אויף׳ן גראף דיא אויסזאגע פון האטעלקעלנער פון רועמאנטארגע.

www.libtool.com.cn

דער גראף האט זיך עטליכע מאהל געחאפט פאר'ן קאפ. איז דאס געווען א שווערער טרוים, איז דאס פיבערהיטץ, אדער וואהרהייט?

— צו וואס זאלט איהר נאך לייקענען? — האט איהם גיבריי געֿרעדט אין געֿוויסען — אלע וואס זיינען מיט אייך יענע נאכט געקומען אין בעריהרונג דערקענען אייך אויף'ן ערשטען בליק, אלעס קלאגט אייך אן, אלעס פעראורטהיילט אייך....

— אלעס קלאגט מיך אן, דאס מוז איך צוגעבען — האט דער גראף געענטפערט, אבער דער אנשיין קען בעטריעגען, דיא אנקלאגע איז פאלש. איך בין נאך ניט פעראורטהיילט און דיא זאכע וועט זיך נאך אויפקלערען.

— דאס קענט איהר אליין טהאן.

— ויא אזוי?

— איהר זאלט מיר ערקלערען אוים וועלכען גרונד זייט איהר געגאנגען אין קורא־וויאוו'ס גרופט?

— איך זאג עס נאך אמאהל, איך האב קיין זאך צו ערקלערן.

— איהר זאגט, "יהר הייסט גראף איוואן סאמילאוו — האט גיבריי געפרעגט, נעהמענדיג פון טיש איינע אוהר.

— אזוי זאג איך, ווייל דאס איז אזוי.

— ווילט איהר מיר ערקלערען וואס בעדייטעט דער דריטער בוכשטאב K. וועל־כער געפינט זיך איינגראווירט אויף אייער אוהר, בריעפטאש און פארטמאנע?

דער רוסע האט געשוויעגען.

— איהר ווילט ניט ענטפערן?

— ניין.

— ווען איהר האט אזוי פיעל סודות, איז א סימן אז איהר האט וואס צו בע־האלטען. זעהט איהר דען ניט איין, אז אייער שווייגען איז גלייך וויא איהר וואלט זיך מודה געווען א יף אייער דאפעלטעם פערברעכען?

— מיין דאפעלטעם פערברעכען! — האט סאמילאוו אויסגערופען מיט ביטער־קייט — ווען איהר דיינקט יא, אז איך האב עס בעגאנגען, קענט איהר מיר ניט זאגען, הערר ריכטער, וואס עס האט מיך דעצו בעוואגען?

— דאס וועט דיא אונטערזוכונג שוין ארויסברייינגען.

— איך צווייפעל דארין.

— איך בין דארין איבערצייגט. איך וועל אייך איצטער לאזען פארליינען דאס פראטאקאל און איהר וועט עס אונטערצייכנען.

דאס פראטאקאל איז געלעזען געווארען און איוואן סאמילאוו האט עס אונטער־צייכענט, אזוי גוט וויא ער האט עס געקענט טהאן מיט א געפעסעלטער האנד. דער ריכטער האט געגעבען 8 צייכען אפצופיה־ען דעם געפאנגענעם צוריק אין זיין געפענגניס.

17טער קאפיטעל.

## דעם גראף'ס געהיימנים ענטדעקט.

נאך איידער דיא סאלדאטען האבען בעוויזען ארויסצופיהרען דעם געפאנגענעם, האט זיך געעפענט דיא טהיר און עס איז אריינגעקומען דער געריכטס־קאמיסאר מיט

www.libtool.com.cn

א געריכטס־דיענער. ער האט עטוואס אין דער שטיל געזאגט צום אונטערזוכונגס־ריכטער און גיברייי איז איבערראשט געווארען, דאן האט ער זיך געווענדעט צום דיענע מיט דעם בעפעהל:

— לאזט אריין דיא ביידע הערען;

— דער דיענער איז ארויס און באלד איז ער אריין צוריק מיט דער אנמעלדונג פון פירסט פוקין, דעם ערשטען סעקרעטער פון דער רוסישער געזאנדשאפט און ווי־קאמט ד'ארפעל.

ווען גראף איוואן האט דערהערט דיא ביידע נאמען, איז זיין בלאסעס געזיכט געווארען פורפור־רויט, און אין זיינע אויגען האט עס אויפגעלויכטען.

הערר גיברייי איז אויפגעשטאנען און איז געגאנגען דיא ביידע הערען ענטקעגען.

פירסט פוקין איז געווען א מאן פון א יאהר פינף און פופציג, דער עכטער טיפ פון א רוסישען אריסטאקראט. א לאנגער ווייסער בארד האט ארומגענומען זיין געזיכט, וועלכעס האט אויסגעדריקט פריינדליכקייט און גוטסקייט. אויף דער לינקער זייט פון זיין ברוסט האט ער געטראגען א ציילע מעדאילען כמעט פון גאנץ אייראפא.

פירסט פוקין האט געגריסעט דעם אונטערזוכונגסריכטער און האט זיך דאן גע־קעהרט צו גראף סאמילאוו און האט איהם געגעבען דיא האנד. וויקאמט ד'ארפעל האט דעם גראף אומארעמט.

— רוהיג, רוהיג, מיין ליעבער זאהן! — האט ער געזאגט צום יונגען גראף אלס ער האט געזעהן וויא זיינע אויגען האבען זיך אנגעפילט מיט טרעהרען; — דער אונ־בעגרייפליכער אירטהום דורך וועלכען איהר זייט אהער אריינגעפאלען, וועט באלד געוויס אויפגעקלערט ווערען.

— מיין פירסט — האט גיברייי זיך געווענדעט צו פוקין — דארף איך אננעהמען דאס אייער יעצטיגער בעזוך איז פעראורזאכט דורך דיא פערהאפטונג פון דיעזען יונגען מאן?

— יא, מיין הערר ריכטער — האט דער סעקרעטער פון דער געזאנדשאפט גע־ענטפערט — אבער פאר אלזים וויל איך אייך בעטען א געפעליגקייט.

— מיט וואס קען איך אייך דיענען?

— לאזט אראפנעהמען דיא האנדשעלען פון מיין פריינד און לאנדסמאן, גראף איוואן סאמילאוו.

— דאס זאל אויגענבליקליך געשעהן.

גיברייי האט א ווינק געטהאן און דיא האנדשעלען זיינען ארונטערגענומען געווארען. פוקין און ד'ארפעל, וויא אויך דער געריכטס־קאמיסאר האבען זיך א ניעדער־געזעצט, און דער פירסט האט ווייטער גערעדט:

— איך האב איצטער ערשט ערפאהרען דורך וויקאמט ד'ארפעל פון דער פער־האפטונג פון גראף, וועלכער איז דער זאהן פון איינעם פון מיינע פריינדע און איך בין גלייך אהער געקומען. איך הויב ניט אן צו וויסען אום וואס דא האנדעלט זיך, איך וויים ניט אונטער וואס פאר איין אנקלאגע מיין יונגער פריינד איז פערהאפטעט גע־ווארען, איך מוז אייך אבער אין פאראויס זאגען, דאס לויט וויא איך קען דעם גראף,

www.libtool.com.cn

קען איך גאראנטירען מיט מיין פערזאן פיר זיינע, מיט מיין עהרע פיר זיינע און איך בעט אייך אונטער מיין פערזעהנליכער בירגשאפט איהם דערווייליע אין פרייהייט צו זעטצען.

— אויך איך בירג מיט מיינע פערזאן — האט ד'ארפעל געזאגט.

— הערר גיבריי האט געקנייטשט דעם שטערן, און אויף זיין געזיכט האט זיך בעווזען דער אויסדרוק פון דער פיינליכסטער פערלעגענהייט. דאס פערלאנגען פון דעם רוסישען פירסט און דעם פראנצויזישען עדעלמאן איז איהם זעהר אונאנגענעהם געוועזען, ער האט ניט געוואלט זיין אונגעפעליג אנטקעגען זיי, אבער צו ערפילען זייער וואונש האט איהם זיין אמט פערבאטען.

— ערלויבט מיר, מיין פירסט, איך זאל אייך פריהער בעקאנט מאכען מיט דער בעשולדיגונג וועלכע איז געגען אייער לאנדסמאן געמאכט געווארען — האט ער געזאגט.

— דערציילט. הערר ריכטער.

— איוואן סאמילאוו ווערט בעשולדיגט אין א דאפעלמארד.

— אין א דאפעלמארד! האבען ביידע הערערן אויסגערופען.

— יא, און דיא בעווייזע וועלכע זיינען דא לאזען כמעט גאר ניט צווייפלען אין דעם.

— דיא בעווייזע! — האט דער רוסישער געזאנשאפטס־סעקרעטער אויסגערופען, און האט א בליק געטהאן אויף איוואן, אויף וועמעס געזיכט עס האט געשפיעלט איין איראנישער שמייכעל.

— הערר ריכטער, איהר ווייסט בעסער וויא איך, דאס מאנכעס מאהל בעטרינען אפילו דיא שטארקסטע בעווייזע, און איך בין איבערציינט, אז דיא בעווייזע געגען מיין פריינד קענען נור אזעלכע זיין, איוואן סאמילאוו איז וועגען דיא שולד פון איין אנדערן פערהאפטעט געווארען.

— איך האב עס דעם הערערן ריכטער כמעט מיט דיא זעלבינע ווערטער שוין געזאגט — האט דער יונגער רוסע געזאגט זעהר געלאסען.

— איך האב פון אייך פערלאנגט דיא בעווייזע פון אייער אונשולד — האט גיבריי געענטפערט — עס איז נור פון אייך אפגעהאנגען, מיר זיי צו געבען, און איהר האט עס ניט געטהאן. איהר האט נור אלעס געלייקענט און קיין זאך ניט ווידערלייגט.

— איך וואלט אייך זעהר דאנקבאר זיין, הערר ריכטער — האט פוקין געזאגט, ווען איהר זאלט מיך בעקאנט מאכען מיט דער גאנצער אנגעלעגענהייט; און איך זאג אייך דערפאר צו, צו ווירקען אויף מיין פריינד און איהם צו ערקלערען, אז עס איז זיינע פליכט אייך צו געבען אלע אויפקלערונגען, וועלכע איהר פערלאנגט פון איהם.

גיבריי האט נאמירליך געהאט דאס רעכט ניט צו ערפילען דעם וואונש פון פירסט פוקין, ער האט עס אבער יא געטהאן, און האט אין קורצען דערציילט דיא גאנצע געשיכטע פון דיא ביידע מארדטהאטען פון אנפאנג ביז צו ענדע.

דער פירסט האט צוגעהערט מיט אימער שטייגענדען ערשטוינען.

— און איהר בעשילדיגט דעם גראף סאמילאוו אין דער ערמארדונג פון דער פרוי אויף דעם פערלאשעז, און פון דעם מאן אין רוע מאנטארג? — האט ער אויסגערופען גאנץ אויסער זיך.

www.libtool.com.cn

— ניט איך בעשולדיג איהם, נור דיא פאקטען, מיין פירסט. גראף סאמילאוו איז געוועזען אויפ'ן פער־לאשעז, אין קוראוויאוו'ס גרופט, און ער וויל ניט זאגען, וואס איהם האט אהין געפיהרט. עס איז אלזא פאראנגען א פערדאכט....

— ער וויל אייך ניט זאגען דעם גרונד וואס איהם האט אהין געפיהרט — האט דער פירסט אונטערבראכען.

— אויף קיין פאל. איך האב איהם מעהרערע מאהל דערצו אויפגעפאדערט.

— דאס איז אבער נאריש, און איך וועל....

— פירסט, אום גאטעס ווילען! — האט גראף סאמילאוו איהם אונטערבראכען, אויסשטרעקענדיג צו איהם דיא הענד — בעדענקט אז דא האנדעלט זיך פון א פאמיליענגעהיימניס....

— אבער, מיין זאהן, ווען עס האנדעלט זיך פון אזא שרעקליכער בעשולדיגונג, דאן הערט יעדעס בעדענקען אויף. איהר מוזט דיא וואהרהייט זאגען, דיא גאנצע אונבעשרענקטע וואהרהייט. איהר מוזט געוויס עהנליך זיין צו דעם שענדליכען מערדער, דאס קען מען פערשטעהן פון דיא אויסזאגען פון דיא עדות. דער שיין איז געגען אייך, דאס קען מען ניט אפלייקענען. צושטערט דיעזען שיין, זאל ליכט אריינקומען אין דער זאכע. ערלויבט מיר צו זאגען דעם העררן אונטערזוכונגס־ריכטער אייער ריכטיגען נאמען און איהם בעקאנט מאכען מיט דעם צוועק פון אייער זיין אין פאריז, און צוליעב וועלכע אורזאכע איהר זייט געגאנגען אין דער פאמיליענגרופט פון קוראוויאוו אויפ'ן פער־לאשעז. זאל איך ריידען?

א ווײלע איז דער יונגער גראף געשטאנען שטיל, זיך שלאגענדיג מיט דער דעה, און דאן האט ער געענטפערט.

— רעדט, פירסט, ווען עס קען ניט אנדערש זיין. איך בעט אבער דעם העררן ריכטער ניט צו ערלויבען קיינע זייטיגע פערזאן אדער אונטערבעאמטען דערביי צו זיין.

דער ריכטער האט צושטימענד א שאקעל געטהאן דעם קאפ און האט א ווינק געטהאן צום פראטאקאל פיהרער און צום סאלדאט וואס איז געשטאנען וואכע, דאס צימער צו פערלאזען.

— הערר ריכטער — האט פירסט פוקין אנגעהויבען נאכדעם וויא דיא טיהר האט זיך הינטער יענע געשלאסען — אום ריין צו וואשען מיין פריינד און לאנדסמאן פון דער שרעקליכער בעשולדיגונג, ועט עס גענוג זיין, גלויב איך, ווען איך וועל איהם אייך אנרופען ביים ריכטיגען נאמען. איהר וועט אלעס פערשטעהן ווען איהר וועט ערפאהרען, דאס ער הייסט ניט נאר איוואן סאמילאוו, זאנדערן איוואן סאמילאוו גראף קוראוויאוו.

— גראף קוראוויאוו? — האט גיבריי פערוואונדערט געפרעגט.

— יא, הערר ריכטער, ער איז דער לעצטער פון זיין געשלעכט. גראף איוואן איז ווירקליך געגאנגען נאכמיטאג פון נײנצעהנטען דעצעמבער נאך דעם פער־לאשעז, אום צו בעזוכען דיא גרופט פון זיין פאמיליע. זיין פאטער, מיין אלטער פריינד, האט מיר איניגע צייט פאר זיין טויט געגעבען דעם שליסעל צו דער גרופט מיט דער ביטע, דאס איך זאל יעדעס יאהר, צום יאהרצייט פון דער גרעפין, אנעקלייגען דארטען איין

www.libtool.com.cn

בלומען=קראנץ. נאר אזוי וויא דיזעם מאהל איז גראף איוואן אין פאריז, האט ער געוואָלט ערפילען דיא פפליכט פון קינדערליעבע און האט דעריבער גענומען פון מיר דעם שליסעל צו דער גרופט, וואו זיין מוטער איז א לאנגע צייט געלעגען.

גראף איוואן האט בייא דיזער ערצעהלונג אראפּגעלאָזען דעם קאָפּ און האָט געזיפצט.

— דיא גרעפין קוראוויאָוו, מוז איך אייך זאָגען, איז אונטער מערקווירדיגע אומשטענדע געשטאָרבען—האט פירסט פוקין ווייטער ערצעהלט—און דער אלטער גראף האט זיין זוהן בעקאַנט געמאכט מיט דער גאנצער זאכע.

— איך דערמאהן מיך ווירקליך אָן דיא גאנצע געשיכטע, איך בין שוין דאמאָלס געוועזען פאליציי=קאמיסאר—האט דער אלטער געריכטס=קאָמיסאר בעמערקט.

— פאר וואס האט איהר דאס מיר מיט אזא עקשנות פערשוויעגען?—האט דער אונטערזוכונגס=ריכטער געפרעגט—א פרומע פליכט האט אייך געפיהרט צום גראב פון אייער מוטער; דיזער גרונד, און אייער ריכטיגער נאמען, וואלטען געמאכט א שטארקען בעווייז פיר אייער אונשולד, ווערענד אייער שווייגען האט בעוויעזען פונקט פארקעהרט. ווארום האט איהר ניט גערעדט.

— גראף איוואן האט געמיינט אז ער מוז שווייגען—האט פוקין געזאָגט.

— ווארום?

— דאס וועל איך אייך איצטער דערציילען. ווען זיין ריכטיגער נאמען זאל בעקאַנט ווערען, קען דאס איהם פיליייכט ברייינגען אין געפאהר.

— אין געפאהר?—האט הערר גיבריי איבערגעפרעגט פערוואונדערט.

— יא הערר ריכטער.

— וואס פאר א געפאהר?

— זיין לעבען קען זיין אין געפאהר.

— וויא אזוי און דורך ווען?

— דורך דיא זעלביגע מערדער וועלכע האבען אומגעבראכט זיינע עלטערן. מיט דריי=און=צוואנציג יאהר צוריק האט דער גראף מיט דער גרעפין בעוואוינט א גרויסעס הויז אין דער רוע סאנט דאָמיניק. דער אלטער גראף קוראוויאָוו האט געהאט א געוויסען פיער לאטירג, וועלכער איז איהם עמפפאָהלען געווארען פון א הויכען העררן אין רוססלאנד, אלס קאמערדינער. דיזער לאטירג האט ערמארדעט דיא גרעפין און וויא מען האט געזאגט האט ער פון איהר געגנב'עט דיאמאנטען און ציערונג פאר א פּאָר הונדערט טויזענד פראנקען. ביי דער גרעפין האט דאן געדיענט אלס קאמער=מעדכען איין יונגעס מעדכען וועלכע פיער לאטירג האט פערפיהרט. און אויף דיזעס אונגליקליכע מעדכען האט דער מערדער עס פערשטאַנען ארויפצו=ווארפען דעם פערדאכט, און זיא איז ווירקליך פערהאפטעט געווארען און געשטעלט געווארען פאר'ן געריכט. איהרע אונשולד איז אבער שנעל בעוויעזען געווארען און זיא איז ארויס פריי. דעם ריכטיגען מערדער האט מען אבער ניט געחאפט, אין מען האט איהם אונטער דיא אויגען פערטהיילט צום טויט. דיא זאכע האט דאן געמאכט זעהר פיעל אויפזעהן און איז פיעל בעשפראָכען געווארען. דיא פיינדע פון גראף האבען עס אפילו געוואגט איהם צו

www.libtool.com.cn

בעשולדיגען, דאס ער אליין האט דיא גרעפין געלאָזען ערמאָרדען, אום זיך פריי צו מאַכען און ווידער צו הייראטהען. אבער דיא אויסזאגען פון דער אונשולדיג אנגעקלאַגטער יונגער מיידעל, עמא זשובערט, האבען דיעזע שענדליכע פערליימדונגען אָפּגעלייקענט.

— מיר קענען עמא זשובערט—האט גיבריי אריינגעווארפען אין מיטען—זיא איז איינע הַכבסט עהרליכע פרוי וועלכע פערדיענט אכטונג און איז ניט פעהיג אויף א פערברעכען.

— גראף דימיטרי קוראוויאָוו האט שפעטער ווידער געפונען דיא זעלביגע עמא זשובערט אונטער גאנץ אנדערע פערהעלטניסע—האט פירסט פוקין וויטער גערעדט—ער האט אויך ערפאהרען אז פיער לאַטירג איז געוועזען נור דאס ווערקצייג, דער שליח, פון א גרויסען אריסטאָקראטישען פערברעכער, פון דעמזעלביגען וואס האט לאַטירג געגעבען דיא עמפּפעהלונג צום גראף. דיזער גרויסער הערר איז ליידענשאַפטליך פערליעבט געוועזען אין דער גרעפין, און איז פון דיזער טוגענדהאַפטער פרוי צוריקגעוויזען געווארען מיט פעראכטונג. זיינע פערברעכערישע ליעבע האט זיך פערוואַנדעלט אין פערברעכערישען האַס, וועלכער האט זיך פאר קיין זאך ניט אָפּגעשטעלט.

— און דאס געריכט האט פון דעם אַלעם גאר ניט ערפאהרען!—האט גיבריי אויסגערופען.

— זיי זיינען אבער דאך וואהר—האט פירסט פוקין געזאגט—גראף קוראוויאָוו האט דורך א צופאל, ערשט מיט אנדערטהאלבען יאהר צוריק, אריינגעקראגען אין האנד בריעפע, וועלכע האבען קלאָר בעוויעזען אין וואס פאר א בעציהונג יענער הויכער הערר איז געשטאַנען צום מערדער לאַטירג. עס איז אויספערקויפט געווארען אלטע צובראָכענע מעביל פון איינעם פון דיא גיטער וועלכע געהערן צו יענעם אריסטאקראט, און איין אלטע קאמאָדע פון 16טען יאהרהונדערט איז אריינגעפאלען צום גראף. אין דיעזער קאמאָדע זיינען געלעגען דיא בריעף. דער גראף האט געמאַכט איינע אבשריפט פון זיי און איז דערמיט אוועק צום שעף פון דער רוססישער געהיימפּאָליציי. יענער האָט ניט אנדערס געפאָדערט דיא אָריגינאלען און דער גראף האט געוואָרפען א חשד, אז ער מיינט עפּעס דערמיט, און נאך אין דעם זעלביגען אבענד האט ער ערפאהרען, אז דיזער שעף פון פּאָליציי איז אָפּהענגינג מיט זיין שטעלע פון יענעם אריסטאקראטען. ער האט עס דערצעהלט זיין זוהן נאך דעם זעלביגען אבענד און אויף מארגען האט מען איהם געפונען טויט אין זיין בעט.

דיא דאקטארען האבען געזאגט אז ער איז געשטאָרבען ווייל עס האט ביי איהם געפּלאַצט איין פּולס-אדער; דער יונגער גראף אבער האט פערשטאנען אום וואס דאָ האנדעלט זיך, אלס ער האט געזוכט דיא אָריגינאל-בריעפע און האט זיי ניט געפונען. דער גראף איז ערמאָרדעט געווארען, אום צו קריעגען יענע געפעהרליכע בריעף. דאס פערברעכען איז געלעגען קלאָר אויף דער האנד, אבער דיא שפּור איז אונמעגליך געוועזען אויסצוגעפינען. דער זעלביגער הערר וואס האט אין פּאריז געלאזט ערמאָרדען דיא גרעפין, האט אין פּעטערסבורג געדונגען דעם מערדער פארן גראף. און דאך ווען דער יונגער גראף וואלט געוואגט אזא בעשולדיגונג געגען יענעם מאן ארויסצובריינגען

www.libtool.com.cn

אהן א בעוויז, וואלט מען איהם געהאלטען פאר פעררי‏קט. גראף איוואן האט זיך דאן געשוואָרען אויפ'ן טויטען קערפּער פון זיין פאָטער, ניט צו רוהען און ניט צו ראס־טען, ביז ער וועט אויסגעפינען לאטירג און איהם איבערצוגעבען אין די‏א הענד פון דער גערעכטיגקייט, דען דורך איהם וועט שוין זיין אויפטראג־געבער אויך אריינפאלען שוין א יאָהר וויא מיין יונגער פריינד פאָהרט ארום איבער אייראָפּא, דערוויילע אבער נאָך אהן ערפאָלג. אבער ווען דער צוועק פון זיין רייזע זאָל בעקאנט ווערען, דאן איז זיין לעבען ניט זיכער. דעריבער רייזט ער אויך אונטער דעם נאָמען סאמילאָוו וועלכער איז קיינעם ניט בעקאנט. איך וואלט אייך געבעטען, הערר ריכטער, ניט נור זיין געהיימ־ניס צו היטען, אבער אויך, ווען מעגליך, איהם א פראנצויזישען פּאס צו פערשאפען, וועלכער וואָלט איהם שיטצען געגען דעם דאָלך פון מערדער.

פירסט פוקין איז זעהר ווארם געוואָרען דערציילענדיג, און ווען ער האט געענ־דיגט, האט אייניגע סעקונדען געהערשט א פיינליכע שטילקייט, דורך דעם טיעפען איינדרוק וואס די‏א ערצעהלונג האט געמאכט אויף די‏א צוהערער.

— איך וועל אייך פון הערצען בעהילפליך זיין — האט גיבריי געזאָגט — די‏א אונ־שולד פון גראף איוואן סאמילאָוו שיינט מיר בעוויעזען צו זיין, אבער איידער איך האָב דאָס רעכט איהם אין פרייהייט צו זעטצען, האב איך נאָך אייניגע פראגען אן איהם צו שטעלען.

— איהר קענט פרעגען הערר ריכטער — האט דער יונגער רוסע אויסגערופען — איך שווער אייך צו ענטפערן אזוי אויפריכטיג וויא איך וואָלט געענטפערט מיין פאָטער.

— איהר זייט אין דער נאכט פון ניינצעהנטען אויפ'ן צוואנציגסטען געגאנגען צום נאָרד־באהנהאָף אום צו בעגעגנען גראף ניקאָלאיעוו?

— יא, און איך האָב איהם פון דאָרט בעגלייט צו א האָטעל ניט ווייט פון ליאָנער באהנהאָף.

— דאס קען איך בעשטעטיגען — האט פירסט פוקין געזאָגט — איך ווייס אז סערגיי ניקאָלאיעוו איז געגאנגען נאָך דער שווייץ, און האט פאריז נור בעריהרט אויף דער דורכרייזע.

— קענט איהר מיר ערקלערן וויא אזוי דאס קומט, וואס דער שליסעל פון אייער פאמיליענגרופּע געפינט זיך אין פרעמדע הענד?

— ניין, דאס קען איך ניט ערקלערן — האט איוואן געענטפערט — ווען איך זאָל ניט האָבען געפירכטעט דאס מען וועט פערשטעהן ווער איך בין, וואָלט איך מיך שוין לאנג געהאט געווענדעט צו דער פּאָליציי מיט דער ביטע, מיר דיעזעס רעטהזעל צו בעשיידען. דיזער פאקט האט מיך שוין בעאונרוהיגט.

— אבער דאָ ליעגט פאָר נאָך איין אונבעגרייפליכערער צושטאנד — האט גיבריי געזאָגט.

— וועלכער?

— די‏א עהנליכקייט צווישען אייך מיט'ן מערדער. אפילו אייער אקצענט אין ריידען איז די‏א עדות אויפגעפאלען און זיי ערקלערן אלע, דאס אזוי האָט גערעדט דער מערדער.

www.libtool.com.cn

— וואס קען איך דארויף אנטווארטען?—האט דער גראף געזאגט—אויב דיא עהנליכקייט איז ווירקליך פאראנען. דאן איז זיא איין שפיעל פון צופאל, וויא מען האט געזעהן אין אלע צייטען און אלע לענדער. און וואס מיין אקצענט בעטרעפט, זא בע-וויזט עס נאר דאס דער מערדער איז אויך איין אויסלענדער פונקט וויא איך.

— מען מעג אויך דענקען אז דער מערדער האט מיט אבזיכט געענדערט זיין שטימע און האט זיך פארמאסקירט—האט פירסט פוקין געזאגט.

— דאס איז אויך לייכט מעגליך—האט גיבריי צוגעשטימט.

— נור וויא דיא זאכע איז — האט גראף איוואז אויסגערופען און האט אויפ-געהויבען א האנד — איך שווער אייך ביי דעם אנדענקען פון מיין מוטער און מיין פאטער, וועלכע זיינען געפאלען דורך א מערדערס האנד, דאס איך האב אייך געזאגט דיא וואהרהייט און איך בין אונשולדיג. דער צופאל האט צונויפגעבראכט א גאנצען בארג פאלשע בעווייזע געגען מיך און ווען ניט דיעזע צוויי גרויסמוטהיגע פריינדע זאלען מיר ניט קומען צו הילף, וואלט איך פיעלייכט ערליעגען אונטער דער שווערען לאסט.. נאך עטוואס הערר ריכטער, אום איהר זאלט בעסער וויסען וויא אזוי איך האב צו-געבראכט דעם נאכמיטאג פון נייהנצעהנטען אויף'ן צוואנציגסטען דעצעמבער. פונקט אום דיא צייט וואס דאס פערברעכען איז בעגאנגען געווארען אין דער רוע מאָנטאָרגע, האב איך בעגלייט מיין פריינד גראף ניקאלאיעוו צו א האטעל, ניט ווייט פון ליאָנער באהנהויף, א פיערטעל נאך צוויי בין איך שוין געוועזען צוריק אין מיין האטעל און האב מיר געלאזט געבען אבענד-עסען.

— איך גלויב אייך, הערר גראף, — האט גיבריי געענטפערט — איך וועל אייך אבער זאגען, דאס אין אייער אייגענעם אינטערעסע איז עס נייטיג, אז איך זאל דיעזע אויסזאגען נאך אונטערזוכען און פעסטשטעלען זייער וואהרהייט. דיא אונטערזוכונג אבער וועט צוגעהען אזוי שטיל, דאס זיא וועט אייך קיינע אונאנגענעהמליכקייט פער-שאפען.

— איך דאנק אייך הערר ריכטער, איך ווייס וויא אייער נאכזיכט צו שעטצען און אנצוערקענען.

— נאך א פאר ווערטער: איהר זאגט אז איהר רייזט נור מיט דעם צוועק אום אויסצוגעפינען דעם מערדער לאטירג?

— יא, הערר ריכטער.

— וויא אזוי האפט איהר איהם אויסצוגעפינען, ער האט דאך שוין געוויס מעהר וויא איין מאהל געביטען זיין נאמען?

— איך קען איהם פון אויסזעהען.

— וואו האט איהר איהם דען געזעהן און ווער האט אייך איהם געוויזען?

— איך בין געוועזען פאר צוויי יאהרען מיט מיין פאטער אין בערלין און ער האט מיר איהם געוויזען און האט דאן זיך אומגעקוקט נאך א זשאנדארם אום דעם שורקע צו ארעטירען. דער לומפ האט עס בעמערקט און איז פערשוואונדען.

— פון דענסמאהל אן האט איהר איהם ערגעץ וואו געטראפען?

— ניין, הערר ריכטער, איך האב אבער פון איהם געהערט.

www.libtool.com.cn

— ווען פאר צוויי מאנאטע.

— וואו?

— אין גענף (זשענעווא). איך בין אבגעשטיעגען אין האטעל „צור קראנע" און האב דורכגעבלעטערט דאס פרעמדענבוך אייער איך האב מיך איינגעשריעבען, און שטעלט אייך פאר מיין ערשטוינען, אלס איך האב דערזעהן אין בוך דעם נאמען פיערר לאטירג.

— ער האט זיין ריכטיגען נאמען איינגעשריעבען? האט גיבריי אויסגערופען.

— יא, הערר ריכטער.

— דאס איז גאר ניט וואהרשיינליך, דאס אזא געאיבטער פערברעכער זאל בעגעהן אזא אונפארזיכטיגקייט; דאס איז פיעלייכט געווען איין אנדערער מיט דיעזער פאמיליע.

— איך האב עס אנפאנגס אויך אזוי געגלויבט, אבער וויא דיא האטעלדיענער האבען מיר דעם מאן בעשריעבען, איז ער דערזעלביגער וואס מיין פאטער האט מיר געצייגט אין בערלין.

— האט ער אין בע... ן אויך געהייסען לאטירג?

— ניין, לויט וויא מיין פאטער האט דערנאך ערפאהרען פון דער פאליציי האט ער זיך דארטין גערופען פראנץ מילער, איין האנדעלסרייזענדער פון דער דייטשער שווייץ און האט געהאט א פאס מיט פאפיערען אין ארדנונג.

— עס שיינט אז ער גיט זיך אין יעדער שטאדט אנאנדער נאמען — האט דער אונטערזוכונגס ריכטער געזאגט; — וויא פיעל צייט האט עס גדויערט פון לאטירג'ס אוועקפאהרען פון יענעם האטעל אין גענף, ביז אייער אנקומען?

— דריי טעג.

— וואהין איז ער פון דארטען געררייזט?

— נאך בריסעל; אזוי מינדעסטענס האט ער אנגעגעבען.

— זייט איהר איהם נאכגעפאהרען?

— געוויס, דארט האב איך ערפאהרען דאס א רייזענדער וואס איז געקומען פון דער שווייץ און האט זיך גערופען „פאן אמבורגער," איז אבגעשטיעגען אין „גענטער האף" און איז דארט געשטאנען פיער און צוואנציג שטונדען, זיינע קענצייכען (פרי-מעטעם) וויא מען האט מיר געשילדערט זיינען געווען דיעזעלביגע וויא פון פיערר לא-טירג. דארט האב איך זיין שפור ניט מעהר געפונען, יאבער איך גלויב, אז ער איז אין פאריז.

דער אונטערזוכונגסריכטער האט צווייפלענדיג געשאקעלט דעם קאפ:

— הערר גראף, איך האב מורא איהר האט אויף זיך גענומען איינע אויפגאבע, וועלכע איהר וועט ניט קענען דורכפיהרען. וויא ווילט איהר דאס אויספיהרען, וואס דיא פאליציי האט ניט געקענט אויספיהרען גלייך נאך דער ערמארדונג פון דער גרפינין? דיעזער שורקע ווערקסעלט זיין געשטאלט און גליטשט זיך דורך דיא פינגער, דאן ווען מען גלויבט אז מען האט איהם שוין אין האנד. זיין פריהעריגע געליעבטע, עמא זשובערט, אויף וועלכער ער האט ארויפגעווארפען דיא שולד פון דער גרעפין'ס מארד, האט איהם

www.libtool.com.cn

יאהרענלאנג פערפאלגט, פונקט וויא א יאגד הונד דאס ווילד, נור איינמאהל איז זיא געקומען אזוי נאהנט צו איהם, דאס זיא איז געגאנגען צו איהם מיט פאליציי אויף זיין וואהנונג. דאס איז געווען געווען אין עדינבורג, שאטלאנד. אבער ווען דיא פאליציי איז געקומען, איז דיא נעסט געווען לעער און דער פויגעל איז געווען אוועקגעפלויגען.

— וואס דער עמא זשובערט איז ניט געראטהען, מוז מיר יא געראטהען — האט גראף איוואן געענטפערט — איך וואלט אבער דאך וועלען רעדען מיט דיעזער פרוי אום איינינע איינצעלהייטען פון איהר צו ערפאהרען.

— אין דעם וואלט איך אייך פיעלייכט געקענט בעהילפיג זיין, הערר גראף — האט דער אונטערזוכונגסריכטער געזאגט — איך מוז איהר סיי וויא סיי לאזען רופען אהער.

— איהר? האט דער גראף אויסגערופען — צו וואס דען?

— דער אירטהום דורך וועלכען איהר זייט אהער אריינגעפאלען, האט אייך בעקאנט געמאכט מיט דעם פאל מעהר וויא געוועהנליך; איך מעג אייך דעריבער דער־ציילען, דאס דער דאפעלמארד האט שוין מיעד געמאכט אונזערע בעסטע אגענטען און מיר קענען קיין שליעסעל געפינען צו דעם געהיימניס. דיעזע עמא זשובערט איז אין דער פאליציי בעקאנט אלס א זעלטענע בריה אין אזעלכע זאכען, זיא האט געדיענט דער פאליציי אלס אגענטין און איז בעקאנט געווען אונטער דעם נאמען „דאס מלאך־המות'שע אויג,“ דערפאר וואס פאר איהר איז קיין פארבארגענעס ניט געווען. מיר האפען דאס מיט איהר הילפע וועלען מיר פיעלייכט גיכער אויסגעפינען א שפור.

— איך זאג אייך נאך א מאהל, הערר ריכטער, אז מיר וואלט זעהר ליעב געווען מיך מיט דיעזער פרוי צו בעראטהען — האט גראף איוואן געענטפערט. דער מאן וועלכען זיא האט אזוי לאנג פערפאלגט, איז אונזער געמיינשאפטליכער פיינד, ער האט אונזביידען פיעל אונגליק געבראכט, און מיט פעראייניגטע קרעפטען וועלען מיר איהם געפינען, און ניט נור איהם, זאנדערן אויך דעם אנדערן פערברעכער, וועלכער האט בעשמוצט אונזער פאמיליענגרופט מיט אונשולדיג פארגאסענעם בלוט און האט מיר שיער געלאזט בעצאהלען מיט מיין לעבען פיר זיין פערברעכען.

— גוט, הערר גראף. קענט איהר קומען אהער מארגען אום דריי אוהר. עס פערשטעהט זיך פון זעלבער דאס איהר זייט פריי. נעהמט געפעלינגסט אייער אוהר, בריעפטאשע און דיעזען שליסעל.

פירסט פוקין און גראף סאמילאוו האבען הערצליך געדאנקט דעם ריכטער און אין דער בעגלייטונג פון וויקאמט ד'ארפעל האבען זיי פארלאזען דעם פאליי־דע־זשוסטיס.

— דער אירטהום איז זעהר צו בעדויערן, ליעבער הערר גיבריי — האט געזאגט דער געריכטס־קאמיסאר, וועלכער איז אליין געבליעבען ביים אונטערזוכונגס־ריכטער.

— דאס איז וואהר, אבער דאך איז עטוואס גוטעס דערפון ארויסגעקומען; דורך גראף סאמילאוו זיינען מיר געקומען אויף דיא שפור פון א גרויסען פערברעכער.

— ווען דער יונגער רוסע זאל זיך אין דער הינזיכט פערבינדען מיט עמא זשובערט, איז זעהר מעגליך אז דאס וועט זיי געלינגען. איך וויל גלייך שרייבען אן עמא זשובערט אין נאמען פון פראקוראר.

— פערגעסט ניט אז זיא הייסט מאדאם ראזיע. האט איהר דיא אדרעסע?

www.libtool.com.cn

— יא. איך וויל אייך עראינערן, העדר גיבריי ארונטערצוגעהן אין קאנצעלאריע און צו געבען דיא ערלויבניס ארויסצוגעבען דעם גראף זיינע זאכען אין גראנד האטעל.

— דאס טהו איך גלייך. ווייס מען פיעלייכט אויב איינער האט דערקענט דיא לייבען אין דער מאָרג?

— וואהרשיינליך נאך ניט, וויל זאנסט וואלט מען אייך ראפּאָרטירט.

— מען מוז זארגען דיא לייבען צו ערהאלטען אזוי לאנג וויא מעגליך.

— דיא ערצטע האבען געטהאן דארין זעהר מעגליבעם.

— בעט דעם פּאליציי־דירעקטאר ער זאל מיר צושיקען דיא ראפּארטען פון זיינע אגענטען, און לאָזט אין הייטיגע אבענד־צייטונגען צוריקרופען דיא נאטיץ פון הייטיגע מארגען־צייטונגען, דאס דער מערדער איז פערהאפטעט געווארען.

— דאס וועל איך גלייך בעזארגען.

— איז דער נאמען פון גראף סאמילאוו נאך אין קיין צייטונג געשטאנען?

— ניין.

— דאס איז נאך בעסער. מען דארף איבערהויפּט אפּלייקענען דיא גאנצע פערהאפטונג, און נור צו לייטע וואס וויסען דארף מען ערקלערן אז דאס איז געוועזען א טעות, און עס איז גאר צו קיין פערהער געקומען.

— דאס וועל איך מיר אלעס גוט מערקען.

— דא האט איהר דיא שליעסלען צום גראף סאמילאוו'ס קאָפערס.

דער געריכטס־קאמיסאר איז אוועקגעגאנגען אום אויסצופיהרען דיא בעפעהלע, פון דעם אונטערזוכונגס־ריכטער.

---

דיא צייטונגען האבען אין דער פריה ווירקליך געהאט געבראכט דיא נייעס דאס דער דאפּעלמערדער וואס האט גאנץ פאריז אין אויפרעגונג געבראכט, איז פערהאפטעט געווארען, אבער אזוי וויא זיי האבען דאס ניט פון דער פּאליציי אליין ערפאהרען, האבען זיי זיך געהיט צו ברייגגען א נאמען אדער אפילו צו שטעלען אנפאנגס־בוכשטאבען. דיא פערהאפטונג פון גראף איז דעריבער נאר בעקאנט געוועזען צו דיא לייטע וואס זיינען געוועזען לעצטע נאכט ביי ברעבאנט, און צו א פּאָר אין גראנד האטעל.

נאכדעם וויא פירסט פוקין האט אבשיעד גענומען פון גראף און וויקאמט ד'ארפעל זיינען דיעזע ביידע אריין צוזאמען פריהשטיקען און האבען מיט אבזיכט אויסגעקליעבען דעם רעסטאראנט „ביגואט", וואו ד'ארפעל האט געהאפט צו טרעפען איינינע פון דיא פריינדע, וועלכע זיינען לעצטע נאכט געוועזען מיט זיי ביי ברעבאנט. זיי האבען דארטען ווירקליך געפונען דעם גראף פּאסקאל, העררן פאן גרעוועל און העררן פאן טעמעריי. זיי האבען דעם גראף סאמילאוו הערצליך בעגריסט, און ער וויעדער האט זיי דערציילט אין קורצען, אז מען האט איהם פערהאפטעט דורך א פערוועכסלונג און דאס דיא פּאליציי האט אויסגעשטעלט א נאז ווען זיא האט איינגעזעהן איהר טעות. וואס דיא בעשולדיגונג איז געוועזען האט ער נאטירליך ניט דערמאהנט.

גראף פּאסקאל האט זיך פּשוט געלאָבט מיט דעם אבענטייער.

www.libtool.com.cn

— איך האב א בריליאנטע אידעע — האט ער געזאגט — איך לויף גלייך צו אלע אונזערע בעקאנטע און איך לאד זיי איין אלעמען אויף היינט אבענד צו ברעבאנט, וואו מיר זיינען שוין צוויי אבענדע געוועזען צוזאמען. דאס וועט זיין גרויסארטיג. נעמט איהר עס אן, ליעבער גראף?

ד'ארפעל האט איהם געגעבען א ווינק ער זאל עס אננעהמען, און סאמילאוו האט איהם נאטירליך געפאלגט. דער קליינער פאסקאל האט זיך גלייך געווארפען אין וואגען אויף זיינע איינלאדונגען, וועהרענד סאמילאוו האט געענדיגט זיין פריהשטיק מיט ד'ארפעל און האט דאן צוריק בעצויגען זיינע וואהנונ אין גראנד האטעל. די קאפער זיינען שוין דארטען געשטאנען אויף זייער ארט און די לייטע פון האטעל האבען שוין געהאט ערפאהרען פון דעם טעות פון דער פאליציי.

## 18טער קאפיטעל.

# נאך א באנדיטען-פערזאמלונג.

מארים וואסייר איז אין דיעזען פריהמארגען פריה אויפגעשטאנען און האט גע־שיקט נאך עטליכע מארגענצייטונגען. ער האט געהאפט צו געפינען נִיט נאר די נייעס פון דער אונטערזוכונג אין דעם דאפעלמארד, זאנדערן אויך די אורזאכע פון גראף סאמילאוו'ס נעכטיגע פערהאפטונג. וויא גרויס איז געוועזען זיין ערשטוינונג אלס ער האט געלייענט די דונקעלע מיטטהיילונגען במעט אין אלע צייטונגען, דאס דער דאפעלמערדער איז אין די הענד פון דער פאליציי. וויא דער מערדער היסט און וואו מען האט איהם ארעטירט איז ניט דערמאהנט געווארען מיט קיין ווארט. אבער גראד דיעזעס שווייגען האט מארים'ן געבראכט אויפ'ן געדאנקען, דאס דער מערדער, פון וועלכען די צייטונגען ריידען דאס ער איז אין די הענד פון דער פאליציי, מוז זיין קיין אנדערער, אלס דער גראף סאמילאוו.

וואס האט זיי געקענט ברייננען צו אזא טעות? — האט ער זיך געפרעגט.

פלוצלונג אבער איז איהם ארויף אויפ'ן געדאנקען, דאס די בלאנדע האר און דער בלאנדער שנורבארד אין באקענבארד וואס ער האט זיך אנגעטהאן יענעם אבענד, דער פאנסנע וואס ער האט זיך דאן ארויפגעדריקט אויפ'ן נאז און זיינע קליידער, האבען איהם געמוזט זעהער עהנליך מאכען צו גראף סאמילאוו.

איך האב מיך דאן געוויס זעקס מאהל בעקוקט אין שפיעגעל און ווירקליך, מיר שיינט אז איך בין איהם עהנליך געווען. דערביי האב איך גערעדט אויף אזא לשון, וועלכער האט געמוזט עטוואס עהנליכקייט האבען מיט זיינעם. קיין צווייפעל מען האט איהם אנגענומען פיר מיך. די עדות האבען איהם וואהרשיינליך דערקענט אלס מיך בראווא, איך בין גערעטעט!

עס זיינען דאך אבער דא פיעל יונגע לייט, בלאנדע מיט פאנסנע, וויא אזוי איז מען גראד אויפ'ן רוסען געפאלען? — האט ער זיך געפרעגט אפשפארענדיג אויפ'ן האנד פארטראכט; דאס קען איך ניט בעגרייפען!.... אבער וואס געהט עס מיך אן! ער איז אונשולדיג און איהם וועט מען געהים גאר ניט טהאן; ער וועט שוין קענען בעווייזען וואו ער איז געוועזן יענעם אבענד און מען וועט איהם לאזען לויפען, און די פאליציי

www.libtool.com.cn

הייבט אן צו זוכען נאר פון דאס נייע. דיא שפיר־הינד פארבלאנדזשען ווידער אויף פאלשע וועגען, נאך דעם בלאנדרען יונגען מאן און זיי קומען צוריק מיט ליידיגען.

זעהער בערוהיגט און ערפרייט פון דעם שלום וואס ער האט געצויגען, האט זיך מאריס אנגעטהאן און איז געגאנגען נאך דער רוע דע סורען, וואו ער האט אנגעטראפען ווערדיע אדער אבבע מעריס און לאטירג אלס קאפיטאן וואך ברעקע.

— גוטען טאג, מיין יונגער פריינד! — האט איהם דער לעצטערער בעגריעסט.

— גוטען טאג, קאפיטאן.

— גיעבט עס וואס נייעס?

— זעהער פיעל.

— טייפעל!.... גוט אדער שלעכט?

— פארטרעפליך, גלויב איך.

— לאזט אונז הערען.

מאריס האט אין קורצען דערציילט וואס עס איז פארגעקומען לעצטע נאכט ביי ברעבאנט און האט דאן געזאגט וואס ער מיינט וועגען דעם.

— איך דיינק וויא איהר — האט לאטירג געזאגט — אז אלעס געהט גוט, און איך גלויב אז אונזער אבבע מעריס דענקט אויך אזוי. דיא הערען פון געריכט זיינען פערקראכען קיין בויבעריק און איהר זייט זיכער פון יעדער פערפאלגונג. עס קען אויך גאר ניט אנדערס זיין, אזוי וויא איהר האט איבערהויפט זעהר פארזיכטיג געהאנדעלט. איך דיינק מיר קענען רוהיג פארטזעטצען אונזערע פארשונגען נאך דיא ניכטען (פלי־מעניצעם) פון ארמאנד דהארוויל. האט איהר שוין אנגעהויבען אייער נאכפארשונג נאך לודאוויק ברעסאל?

— יא.

— האט איהר געהאט ערפאלג?

— דערווייל נאך ניט.

מאריס האט דערציילט וויא אזוי ער האט נאכגעפארשט נאך ברעסאל.

— דיא אדרעסע פון דעם אמאהליגען ארכיטעקט וועט זיין שווער צו געפינען, אבער אונמעגליך איז עס ניט—האט ווערדיע געזאגט.—לאמיר דיא זאכע א ווייליע בעטראכטען. דאס איז איינע ארבייט וועלכע פארדערט געדולד, און צו וועלכע מיר וועלען זיך נעהמען ערשט דאן, ווען איהר וועט צוריקקומען פון וויק־סור־בריין, וואוהין איהר מוזט רייזען אום נאכצופארשען נאך דער אונגעזעצליכער טאכטער פון וואלענטינע, נאך סימאנע. האט איהר אייך פערשאפט א קאפיע פון איהר געבורטס־שיין?

— נאך ניט, איך האב נאך דערצו קיין צייט געהאט.

— דאן מאכט עס היינט און זייט פארבערייטעט צו פאהרען נאך וויק־סור־בוייי אין העכסטענס צוויי טעג.

— איך בין פארבערייטעט צו יעדער צייט. איצטער וואלט איך אייך וועלען שטעלען א פראגע.

— וועלכע?—האט ווערדיע געפרעגט.

— האט איהר שוין ערהאלטען וועלכע נאכריכטען פון לאנדאן?

www.libtool.com.cn

— מארגען קען איך ערשט ערהאלטען א בריעף פון לאנדאן; איהר מעגט אבער גאנץ זיכער זיין דאס מישעל ברעמאנט וועט אייערע דיענסטע אננעהמען. איך האב אייך איהם אזוי געשילדערט, דאס ער וועט פון אייך ענטציקט זיין אייך צו האבען אין אונזער בונד. איהר קומט מיט איין שלאג אין אזא שטעלונג וועלבע ניט יעדערער קען דערלאנגען; זעהט אייער גליק צו פערדיענען.

— איך גלויב ער וועט עס פערדיענען! האט אויסגערופען לאטירג, וועלכער האט מאריס'ן אלץ מעהר און מעהר ליעב געוואונען—איך בין איבערצייגט דער ליעבער יונגע וועט מיך ניט מאכען צום ליגנער.

— דאס האף איך אויך—האט ווערדיע געזאגט—אבער ער איז יונג. ווען ער זאל זיך נאר נעהמען אין אכט פאר ווייבער! דיא פרוי איז דער שטיין איבער וועלכען מאנכער איז שוין געפאלען און האט זיך פארשפארט אויפצוהויבען.

— זייט גאנץ רוהיג! האט מאריס אויסגערופען—פון דער זייט איז פונקט אזוי ווייניג געפאהר צו ערווארטען וויא פון איין אנדער זייטע. איך ליעב דיא פרויען, דאס לייקען איך ניט, אבער נאר וויא מען ליעבט שעהנע צאצקעס; איך בלייב אימער בעל הבית איבער מיין אייגענעם הערצען, און האב דיא טיעפסטע פעראכטונג געגען אלע געפיהלפאלע נארישקייטען.

— דאס געפעלט מיר—האט אבבע מעריס געזאגט מיט א שמייכעל—איז דאס אבער ריכטיג אזוי?

— איך שווער עס אייך. וואס פאר איין אינטערעסע האב איך דען אייך צו בעטריעגען.

— דאס ניט, אבער איהר קענט זיך אמאהל אליין בעטריעגען.

— דערפאר האט קיין מורא איך שטעה פיר זיך.

— אויף מארגען, מיין ליעבער זוהן.

— וואו?

— היער.

— אום וועלכע צייט?

— אימער אום צעהן אוהר.

מאריס האט גענומען אבשיעד און איז פון דארטען געגאנגען גלייך צו דער סיינע-פרעפעקטור (דיא שטאדט-פערוואלטונגס סטאציאן פון דעם סיינע-קווארטאל) אום דארטען אויסצוגעפינען אין דיא רעגיסטריר-ביכער (סקאקעס) דיא געבורט פון סימאנע. אזוי וויא אין דער צייט פון דער קאמונע זיינען דיא מייסטע ארכיוען פארברענט געווארען, האט עס ציעמליך לאנג געדויערט ביז ער האט געפונען וואס ער האט געזוכט. ער האט עס אבער דאך געפונען און אויף איבערמארגען איז איהם א קאפיע דערפון פערשפראכען געווארען.

ווען דער יונגער מאן איז גלייך נאך דעם געקומען נאך הויז האט איהם דער הויזמייסטער דערלאנגט א קארטע, וועלכע גראף פאסקאל האט איבערגעלאזען מיט דער איינלאדונג צו ברעבאנט נאך דיעזען אבענד.

— דאס פאסט מיר אויסגעצייכענט!—האט ער אויסגערופען—איך האב וויר-

www.libtool.com.cn

ליר ניט געוואוסט וואס איך זאל מיט זיך אליין אנהייבען צו טהאן היינטיגען אבענד. איך וועל איך דארט עטוואס נעהערעס ערפאהרען איבער דיא פערהאפטונג פון גראף סאמילאָוו.

אין דער זעלבינגער צייט האט זיך דער פאלשער אבבע מערים אונטערהאלטען מיט זיין קאמראד לאטירג, נאכדעם וויא מארים איז אוועקגעגאנגען.

— דוא בעגייסטערסט זיך זעהר פיר דעם יונגען—האט ווערדיע געזאגט—דאס זעהט מען קלאר, אבער דוא דארפסט זיך אין אכט נעהמען, ברידערל!

— ווארום דען?

— מארים איז זעהר געשיקט, דאס וועל איך צוגעבען, אבער ער בעזיצט נאך ניט דיא נייטיגע רוהע און פעסטקייט, וועלכע קומט דורך יאהרען לאנג ערפאהרונג, ער קען זיך נאך ניט גוט בעהערשען און איך האב מורא, מיר קענען אמאהל אריינפאלען דורך זיינע איינע אונפארזיכטיגקייט.

לאטירג האט געצוקט דיא אקסלען.

— איך האב דאס דיר שוין איין מאהל געזאגט און זאג עס דיר נאך א מאהל, אז איך האב צו מארים דעם פאלשטענדיגסטען פערטרויען. חאטש ער איז יונג, בע־זיצט ער דאך איינע זעלטענע קאלטבלוטיגקייט, קיין זאך דערשרעקט איהם ניט, קיין זאך מאכט איהם ניט אונרוהיג. ער האט איינענשאפטען וועלכע מען געפינט נור ביי גליק־זוכער פון הויכען סארט. ער דערמאהנט מיר מיך אליין, וויא איך בין געווע־זען מיט יאהרען צוריק. און איך גלויב אז איך בין אימער געוועזען פארזיכטיג.

— ברודערל, דוא האסט א שלעכטען זכרון, דוא פערגעסט קוראוויאוו'ס געשעפט.

— איך פארגעס גאר ניט, אבער איך האב מיר קיין זאך ניט פארצרוואָרפען. איך האב אלעס זעהר גוט פארגעזעהן, און נאר איך־איינציגעס טייפלישעם בריאה וואס דיא פאליציי האט מיר אויף מיין האלדז געיאגט האב איך ניט ריכטיג אב־געשאצט.

— יא, דיא עמא זשובערט, דוא האסט דאמאלס געהאט א געליעבטע און היינט האט מארים. דיין געליעבטע האט דיך דאן שיער געבראכט אויף'ן שאפאט און ווער ווייס וואס מארים קען האבען דורך זיין געליעבטע.

— גלויבסט דוא עס וועט איהם איינפאלען איהר צו פערטרויען אונזער געהיימ־ניסס?

— ניין, דאס גלויב איך ניט, אבער דוא ווייסט וויא שלוי דיא ווייבער זיינען. פון א וואָרט מאכען זיי א קוואָרט. זאלען זיי נאר עטוואס מערקען, אזוי ארבייט שוין גלייך זייער פאנטאזיע אויס א גאנצע קאָמבינאציאָן. דוא זאגסט מארים איז קאלט־בלוטיג; האבען מיר דען בעווייזע, אז ער איז עס אונטער אלע אומשטענדע? איך זאג ניט אז איך געטרויע איהם ניט, איך ווייס אז מען קען זיך אויף איהם פערלאזען, אבער דיא איינפאכע פראקטיק פערלאנגט עס, אז מיר זאלען אויף איהם האבען איין אויג. בעדיינק אז ער בעזיצט אונזער געהיימניס און דיא קלענסטע אונפארזיכטיגקייט פון איהם קען אונז פערניכטען; בעדיינק אז ער קען מיט א קליינינקייט מאכען, די...

3. 9

www.libtool.com.cn
זאלען קיינמאהל ניט קומען צו דארווילס ירושה, וועלבע דארף אונז מאכען פאר רייכע לייט, דאס מיר זאלען אונזערע עלטערע יאהרען רוהיג קענען אבלעבען.

— האסטו מורא אז מארים קען בעגעהן א דומהייט?

— אפען גערעדט, יא.

— ווארום?

— וייל דיא קאלטבליטיגקייט וועלכע דוא לויבסט אין איהם, האט איהם נעכטען געלאזען אין שטיך.

— ביי וועלכער געלעגענהייט?

— ווען דער יונגער רוסע, גראף סאמילאוו, איז אינמיטען זיינע פריינדע פערהאפטעט געווארען, האט מארים שרעקליך געציטערט. ער האט געגלויבט, אז דיא פאליציסטען זיינען געקומען פון זיינעטוועגען, ער איז געווארען בלייך און האט געהאפט א מעסער פון טיש אום זיך צו פערטהיידיגען.

— אום זיך צו רעטען — האט לאטירג פארבעסערט — איך בין איבערציינגט, אז מארים וועט זיך גיכער צעהן מאהל מאכען דעם טויט, איידער איין מאהל געהען אין געפענגניס. אבער זאג מיר וויא אזוי ווייסט דוא, וואס עס האט זיך געטראגען ביי נאכט צוגעטראגען? ביסט דוא פיעלייכט אויך דארט געוועזען?

— ניין, אליין בין איך דארט ניט געווען, אבער דער צאהלקעלנער נאָעל פון ברעבאנט איז מיינער א גוטער רעפּארטער.

לאטירג איז אויפגעשפרונגען.

— דוא רעדסט פון פארזיכט, פון קלוגהייט און דוא אליין געהסט און האסט צו טהאן מיט אזעלכע לייטע! — האט ער אויסגערופען — אזא אונפארזיכטיגקייט וואלט איך פון דיר ניט ערווארטעט.

— זיי רוהיג, מיין פריינדל, דער קעלנער פון וועלכען איך רייד ווייס ניט ווער איך בין, ניט וויא איך הייס, ניט וואו איך וואהן און ניט וואס מיינע פלענער זיינען, ער ווייס נור אז איך ווייס א געהיימניס פון זיין פערגאנגענעם לעבען, וועלכער קען איהם אוועקשיקען הינטער שלאס און ריגעל, דער מענש איז ניט מיין פערטרויטער, נור מיין שקלאפע.

— איך וויל עס דיר גערן גלויבען, אבגלייך עס איז דאך געפעהרליך צו האבען צו טהאן מיט אזעלכע לייטע. אבער לאמיר צוריקקעהרען צו אונזער געשפרעך. דוא מיינסט אלזא, אז מען טאר איהם ניט פיעל טרויען.

— ניט איהם, זאנדערן זיין יוגענד טאר מען ניט פיעל טרויען. זאל ער נאר א מאהל אין רויש פון ווין אדער פון ליעבע ארויסריידען איין אונבעזאנענעם ווארט, און מען דערקענט אין איהם גלייך דעם לאנג געזוכטען מערדער. ער ווערט פערהאפטעט, דער אונטערזוכונגס-ריכטער ווייס שוין גאנץ געשיקט וויא אזוי איהם צו פארוויקלען, ביז ער קריעגט ארויס פון איהם דאס צוויי מיטגליעדער פון דיא פינף שטערן געפינען זיך אין פאריז, און איינער פון זיי איז א מערדער וואס איז פעראורטהיילט געווארען צים טויט בלא ראיה, און דער אנדערער הייסט אבבע מערים, וועלכער איז איין אנטלאפענער גאלערענשקלאפע (קאטארזשניק), דאן וועט זיך אנהויבען א יאָגען, א זוכען,

www.libtool.com.cn

און ענדליך ווערט מען אונז פאנגען וויא דיא נארען און אויפהיינגען, וואס דאס פאסט געווים ניט פיר מיך און ניט פיר דיך.

— וואס איז דיא מעשה מיט דיר? ביסטו אויף דיינע אלטע יאהרען געווארען א האז אדער דוא האסט מורא פאר גייסטער? — האט לאטירג געלאכט — פון אלין וואס דוא זאגסט האבען מיר ניט צו פירכטען, מינדעסטענס דוא ניט. לאמיר אננעהמען דעם פאל, מען שפירט נאך דעם אבבע מעריס און מען קומט צו זיין וואהנונג. מען קלאפט און ער עפענט ניט. מען רופט א שלאסער, דערוויילע לאזט זיך דער אבבע מעריס ארונטער אויף זיין בעהאלטענעם פאהרשטול אונטען, אין ערשטען עטאזש, ער טהוט זיך איבער אין אנדערע קליידער און געהט זיך רוהיג אוועק מיט דער רוע בעראנזשע. ווענען קען עס איינפאלען אז דאס איז ווערדיע, דער אמאהליגער גאלערענשקלאפע?

— ביים טייפעל, דוא האסט רעכט! מיינע פלענער זיינען אימער גוט. דער בעססטער בעוויז דערפאר איז, דאס איך בין שון פופצעהן יאהר אין פאריז, איך האב אונטער דער צייט שעהנע עטליכע געשעפטען דורכגעפיהרט וואס האבען איינגעבראכט אונזער פעראיין א שעהן ביסעל געלד, און אלעס איז אוועק גלאט, וויא מען דארף נאר ניט בעסער. איך בין אויך ניט בעזארגט ווענען מיך, נור ווענען דיך.

— ווענען מיך? האט לאטירג איבערגעפרעגט גאנץ ערשטוינט.

— געווים.

— אבער וויא אזוי, צום טייפעל, זאל דיא פאליציי דאראוף פאלען, מיך צו זוכען אין דער הויט פון קאפיטאן וואן־ברעקע?

— וויל דיא פאליציי וויים זעהר גוט, אז דאס בעסטע בעהעלטעניס איז אין איין אנדער פערקליידונג.

— אבער דאך גלויב איך איז עס אונמעגליך. פערגעס ניט אז פון דענסמאהל אן, צייט איך האב געמאכט דאס געשעפט מיט דער גרעפין קוראוויאוו, זיינען שוין אריבער דריי און צוואנציג יאהר, און פון דענסמאהל אן בין איך אויסגעוועזען גאנץ אייראפא און האב אין יעדען לאנד געהאט איין אנדער נאמען, אין איטאליען האב איך געהייסען יוליא פעפי, אין שפאניען אנטאניא מערקוצצא, אין דייטשלאנד פראנץ מילער, אין בעלגיען וואן־אמבורגער, אין לאנדאן דזשאהן טהאמפסאן, אין שאטלאנד וויליאם דיוק, און אין דער שווייץ האב איך אפילו מיר ערלויבט דריי מאנאטע צו רופען זיך מיט מיין ריכטיגען נאמען. דאס האב איך געטהאן מיט דער אבזיכט אום צו מאכען גלויבען דיא פראנצוזיזשע פאליציי, אויב זיא זוכט מיך נאך, דאס איך וואהן אין דער שווייץ. אין רוסלאנד האב איך געהייסען פאוועל טראגאוו, איבעראל האב איך געהאט ריכטיגע פעסער, און אין דער גאנצער צייט האט מיר נאר איין מאהל פאסירט אז מען האט מיך דערקאנט.

— ווער איז עס געוועזען?

— דער גראף קוראוויאוו אליין, אין בערלין. ער האט מיך געוואלט לאזען פערהאפטען, אבער ווען דיא פאליציי איז געקומען, בין איך שוין ניט געוועזען. זיי רוהיג, מיך פאקט מען ניט אזוי שנעל.

www.libtool.com.cn

— צו זיכער דארף מען ניט זיין, מען דארף אימער קוקען מיט אפענע אויגען.
— דאס איז ריכטיג.
— געדיינקסטו דאס ליעד פון דער קליינער מייזיל, וואס האט נור געהאט איין נארע און האט זיך דעריבער-געלאזען פאנגען?
— וואס ווילסטו זאגען דערמיט?
— איך וויל זאגען אז מיר מוזען אכטונג געבען צו געפינען דא א הינטער טהיר.
— איך האב אויך שוין וועגען דעם געטראכט.
— ביסטו אויך געפאלען אויף דיא טהיר וועלכע פעראייניגט דיין גערטיל מיט דעם גארטען פון יענעם הויז, פון פאנסיאן, וואס קומט ארויס אין רוע דע־לא־וויל־ד'עוועק?
— עס פערשטעהט זיך.
— מיר מוזען זוכען איין אויסגאנג דורך יענע טהיר, פיר דען פאל פון איין איבער־ראשונג. איז דיא טהיר נור פון דיין זייט פערשלאסען, אדער געפינען זיך אויך ריגעל פון דער אנדערן זייט?
— דאס ווייס איך ניט.
— מיר מוזען דאס וויסען.
— וויא אזוי זאלען מיר דאס ערפאהרען?
— דאס איז מיין זאך. פריהער לאמיר נאך אמאהל בעזעהן דיא טהיר פון דיין זייט.
— זעהר גוט, קום.
דיא ביידע באנדיטען זיינען אריין אין גארטען. דער פאלשער גייסטליכער האט גענומען בעטראכטען דיא טהיר און דעם שלאס פון איהר.
— האסטו דעם שליסעל? — האט ער געפרעגט.
— ניין.
— דאן לאז דיר איינעם מאכען.
— דאס איז ניט אזוי פארזיכטיג.
— עס וואלט געווען נארעש צו רופען אהער א שלאסער, דען דאס קען גלייך איינעם אויפפאלען, אבער אראפצונעהמען דעם שלאס און אוועקפיהרען איהם ערגעץ וואו, איין עק שטאדט, צו א שלאסער, דאס קען ניט שאדען.
— איך פארשטעה.
— דאן בלייבען נור נאך דיא פארדרוקערם וועלכע זיינען זעהר פאודאסט, אבער א פאר טראפען בוימעל וועלען זיי באלד וויעדער בריינגען אין ארדנונג, נעהם אראב דעם שלאס היינט ביי נאכט.
— איך וועל עס טהאן.
— וויא מיר שיינט עפענט זיך דיא טהיר אין דיין זייט — האט דער גלח געזאגט.
— יא, אבער עס איז ארום אזוי פערוואקסען, דאס מען וועט ניט קענען עפנען. האט לאטירג געענטפערט.

www.libtool.com.cn

— אזוי שנעל וויא דער פראָסט וועט פאַלען, זאָלסטו אוועקשטעלען עטליכע ציי־לען פעסער פאַר'ן טהיר, און זאָלסט ארומשטעללען דיא פלאַנצען ארום.

— דאס איז שוין אלעס רעכט, דוא האסט אבער דערביי איין זאך פערגעסען— האט לאַטירג געשמייכעלט — דוא האסט פערגעסען אז דא האַנדעלט זיך ניט נאר וויא אזוי אריינצוקומען אין גאָרטען פון פאַנסיאָן, זאָנדערן אויך וויא אזוי ארויסצוקומען פון דאָרטען.

— איך האב עס ניט פארגעסען. דעם פאַנסיאָן מוז איך נאך היינט וועגען דעם בעזוכען.

— מיט וואס פאר איין אויסרייד?

— וועגען דעם זאָלסטו ניט זאָרגען. מיינע קליידער פון א גייסטליכען וועלען מיר ליכט פערשאפען דעם איינגאַנג אהין.

— קומסט דוא צו מיר דערנאָך?

— געוויס. איך וועל דיר גלייך מיטטהיילען וואס איך האב דארט געזעהן.

ווערדיע האט זיך געווענדעט צום אוועקגעהן, אבער איידער ער האט לאַטירג פערלאָזען האט ער זיך נאך אמאהל געקעהרט צו לאַטירג מיט דיא ווערטער: דיינק נאך וועגען דעם וואס איך האב דיר געזאגט, גיב אכטונג אויף מאָרים.

— דער יונגער מאן שיינט דיר אלזאָ געפעהרליך?

— ער קען פאר אונז געפעהרליך ווערען.

— אויב דאָס איז דער פאַל וואלט איך איהם אוועקראַמען פון אונזער וועג. ווען עס האנדעלט זיך אום דיא זיכערהייט פון אונזער פערבינדונג איז פיר מיך קיין אָפּפער צו שווער, אבגלייך, דעם אמת זאָגענדיג, האב איך דעם יונג זעהר גערן. ער האט אנלאַגען צו ווערען גרויס אין אונזער פאַך.

— איהם פעהלט אבער פאָרזיכט. איך דיינק ניט אוועקצוראמען איהם פון וועג, אבער מיר מוזען האבען איין אויג אויף איהם. מאָרגען ערוואַרטע איך א תשובה אויף מיין בריעף פון לאָנדאָן. איך בין נייגעריג צו וויסען וואס וועט מישעל ברעמאָנט זאָ־גען אויף אונזער נייעם קאָמפּאַניאָן.

— איך ווארט אויך מיט אונגעדולד אויף דעם בריעף.

— איך געה אלזא פון דאנען גלייך אין פאַנסיאָן. וויא הייסט דיא דירעקטאָרין פון דער אנשטאַלט?

— מאַדאַם דיבעף.

— זעהר גוט, אויף וויעדערזעהן.

ווערדיע איז אוועקגעגאַנגען און לאַטירג האט הינטער איהם געשלאָסען דיא טהיר.

19טער קאַפּיטעל.

## דער רויבפויגעל אין טויבעננעסט.

דער אמאָהליגער ארכיטעקט לודאָוויק ברעסאָל, איז מיט זיין טאָכטער פון מאַה־לער סערוועט גלייך אוועקגעפאהרען נאך דער רוע דע־לאַ־וויל־ד'עוועק, אום צו ריידען מיט דער מאַדאַם דיבעף וועגען סימאָנע.

www.libtool.com.cn

דיא פאָרשטעהערין פון דער מעדכענשולע איז געוועזען העכסט ערפרייט איבער דעם בעזוך פון איהר ליעבלינגס־שילערין מאַריע אין בעגלייטונג פון איהר פאָטער און האט זעהר אויפריכטיג געפרעגט, מיט וואס זיא קען זיי דיענען. מאַריע האט זיך נאכגעפרעגט וועגען דיא שטעלע פון דער אויפזעהערין פון דיא וועשע און האט ערפאהרען, דאס זיא איז נאָך דערווייל ניט פאַרנומען, און איז נאר פארלייפיג אויסגעפיהרט דורך איינע לעהרערין, ביז א פּאַסענדע פּערזאָן וועט זיך געפינען.

הערר ברעסאָל איז דאן ארויס מיט זיין עמפּפעהלונג, האט גערעדט פון סימאָנע אין דיא וואַרעמסטע אויסדריקע, און מאַריע האט פון איהר זייט געהאָלפען בעטען מיט טרערען אין דיא אויגען דיא שטעלע פיר סימאָנע.

מאדאם דיבעף האט קיין אויגענבליק געטראַכט, און האט זיך ערקלערט בערייט צו רופען סימאָנע צו זיך און מיט איהר פּערזענליך צו ריידען.

— גיט מיר געפעליגסט איהר אַדרעסע—האט זיא געזאָגט—איך וועל נאָך היינט צו איהר שרייבען.

דער פאטער און דיא טאָכטער האבען הערצליך געדאנקט דיא ליעבענסווירדיגע פרוי און זיינען געפאהרען נאך הויזע מיט דעם פריילינען בעוואוסטזיין אז זיי האבען געטהאָן א גוטע זאך. מאַריע האט גלייך געשריעבען א בריעף אן סימאָנע און האט איהר מיטגעטהיילט דעם רעזולטאט פון איהר בעזוך ביי מאדאם דיבעף, און דאס זיא וועט פון יענער ערהאַלטען א בריעף.

סימאָנע האט ווירקליך אויך ערהאַלטען דיא איינלאַדונג פון מאדאם דיבעף פיר דעם נעכסטען טאג און איהרע פריידע איבער דאס אונערוואַרטעטע גליק איז געוועזען ניט צו בעשרייבען. זיא האט זיך געפיהלט וויא נייא בעלעבט. צום ערשטען מאהל צייט זיא געדיינקט זיך האט זיא פאַר זיך געזעהן דיא מעגליכקייט צו געפינען א רוהיגעס זיכערעס לעבען, אָהן נויט און אָהן א שווערען קאַמפּף.

אויף מאָרגען נאכמיטאג האט זיא אנגעטהאָן איהרע בעסטע קליידער און איז אוועק נאך דער רוע דע־לא־וויל־ד'עוועק, אום צו זיין אין פּאַנסיאָן צו דער בעשטימטער שטונדע.

זיא איז נאך געוועזען קערפּערליך שוואַך, און דיא אויפרעגונג וועלכע זיא האָט געפיהלט דורך דיא גרויסע ענדערונג אין איהר לעבען, האבען זיא זעהר מיעד געמאַכט. פיעל מאָל איז זיא געבליעבען שטעהן, אום אטהעם צו ציהען. איהר איז געוועזען אזוי טרויעריג, אזוי באַנג צו מוטה, פּונקט וויא איהר הערץ וואלט פיהלען עטוואס שלעכטעס אין דער צוקונפט. זיא האט זיך אליין פאָרוואַרפע געמאַכט פאַר אזא נארישעס געפיהל, און האט זיך דאָך ניט געקענט העלפען. עס האט גענומען עטליכע מינוטען ביז זיא האט עס געבראַכט איבער זיך צו ציהען דאס גלעקיל ביין טהיר פון פּאַנסיאָן.

אז זיא האט ענדליך אנגעקלונגען האט זיך געעפענט דיא טהיר און א מאַן אין א גרויען ראָק מיט פערזילבערטע קנעפּ האט זיך בעוויעזען. דאס איז געוועזען דער הויזמייסטער פון פּאַנסיאָן, וועלכער האט איצטער געדיענט אלס שווייצער. אבער ווען ער פלעגט אויסטהאָן דעם ראק מיט דיא זילבערנע קנעפּ און אָנטהאָן זיין וואָלענעם

www.libtool.com.cn

זשאקעט, פלעגט ער זיך פערוואנדלען אין א גערטנער, און אין זומער צייט פלעגט ער זעהר נעשיקט געהן ארום דיא בלומען אין גרויסען גארטען פון פאנסיאָן.

— וואס ווינשט איהר פריילין? האט ער געפרעגט זעהר העפליך.

— איך האב ערהאלטען א בריעף פון מאדאם דיבעף, איך זאל קומען אין פאנ־סיאן אום צוויי אוהר נאכמיטאג — האט דאס יונגע מיידיל געענטפערט, ארויסנעה־מענדיג דעם בריעף פון דער טאשע און ווייזענדיג דעם הויזמייסטער.

— עס איז ניט נעטהיג — האט ער געענטפערט אפשטופענדיג פון זיך דעם בריעף גאנץ זאכט — מיין פרוי וועט אייך פיהרען צו מאדאם, קומט אריין געפעלינסט, דארא!

אין קארידאר האט זיך געעפענט א טהיר און א פרוי פון א יאהר פופציג, מיט א דיקען גוטמיטהיגען געזיכט האט זיך בעוויעזען אויף'ן שוועל.

— דארא — האט דער הויזמייסטער געזאגט — דא איז א פריילין וואס האט איין איינלאדונג פון דער מאדאם אויף צוויי אוהר צו קומען. פיהר זיא ארויף צו מאדאם.

— גלייך.

פרוי דארא האט געפיהרט דאס מיידיל דורך א גרויסען פארצימער און האט אנגעקלאפט שטיל אין א טהיר.

— אריין! — האט געענטפערט א פרויענשטימע.

דיא הויזמייסטערין האט געעפענט דיא טהיר און האט אנגעמעלדעט:

— מאדאם, דא איז געקומען א פריילין, אן וועלכע מאדאם האט געשריעבען.

— זאל זיא אריינקומען.

דיא הוידמייסטערין האט צוריקגעטרעטען, האט געלאזען דאס יונגע מיידיל פארבייגעהן און האט צוגעמאכט הינטער איהר דיא טיהר.

סימאנע האט זיך געפונען אין א קליינעם ארבייטס־צימער, וואו מאדאם דיבעף איז געזעסען ביי א קליינעם שרייב־טיש און האט זיך בעשעפטיגט מיט'ן דורכקוקען פאפיערן. זיא איז געוועזען א פרוי פון א יאהר פערציג, בלאנד און בלאס, ניט שעהן און ניט העסליך, מיט א גאנץ געוועהנליכען געזיכט, אבער דער אויסדרוק פון גוטסקייט און פריינדליכקייט האט איהר געזיכט שעהנער געמאכט. אויף סימאנע האט זיא גלייך געמאכט א גוטען איינדרוק.

סימאנע האט בעגריסט דיא דאמע מיט גרויסער פערלעגענהייט און מיט א קלאפענדען הערצען. אין איהרע גרויסע אויגען האט זיך אפגעשפיעלט זאנפטמוטה און ביטע. דיא ערפאהרענע לעהרערין האט זיך פון ערשטען אויגענבליק געבילדעט א גוטע מיינונג פון דער מיידיל.

— זעצט זיך, מיין קינד, — האט זיא געזאגט, ווייזענדיג אויף א שטוהל.

סימאנע איז געוועזען זעהר מיעד און האט גערן געפאָלגט דיא איינלאדונג.

— איהר הייסט סימאָנע? — האט מאדאם דיבעף אנגעהויבען דאס געשפרעך.

— יא, מאדאם.

— דער מאהלער, הערר סערוועט, און הערר ברעסאל מיט זיין טאכטער מאריע.

www.libtool.com.cn

מיינע ליעבע שילערין, נעהמען אין אייך גרויסען אנטהייל, און האבען אויך מיר זעהר ווארעם עמפפאהלען.

— איך וויים עס, מאדאם, און בין דיעזע גוטהערציגע לייטע דאנקבאר פון הער־צען, ווען אויך זייער עמפפעהלונג זאל ניט ווירקען.

— ניין, מיין קינד, זייער עמפפעהלונג ווירקט יא — האט מאדאם דיבעף גע־זאגט נאך פריינדליכער וויא פריהער. דיא קלינגענדע שטימע און דיא איינפאכע ווער־טער פון דער אונשולדיגער מיידעל, זיינען איהר זעהר געפעלען געווארען — מען האט מיר וועגען אייך דיא בעסטע אויסקונפט געגעבען און מיר קיין זאך ניט פערשוויעגען. איך וויים, דאס איהר האט קיין פאמיליע און וויסט ניט ווער אייער פאמיליע איז, איך וויים אויך וועלכע לײדען איהר האט דיא לעצטע צייט געהאט אויסצושטעהן, און מיט וועלכען מוטה און עהרליכקייט איהר האט געקעמפפט געגען אייער שיקזאל. דאס איז זעהר שעהן און מען דארף צופריעדען זיין ווען מען קען פאר אייך וואס טהאן.

— אָה מאדאם, איהר זייט זעהר, זעהר גוט — האט דיא מיידיל געשטאמעלט מיט א פערשטיקטער שטימע פון טרערען — עס מאכט מיך גליקליך אייך צו הערען אזוי ריידען פון מיר.

— קענט איהר נעהען?

— יא, מאדאם, איך קען אויך צושניידען, אויסבעסערן, שטיקען און פלעטען. איך פערשטעה אויך א קלייד פערטיג צו מאכען, ווען דער שניט איז ניט צו שווער.

— איהר וויסט דאך געוויס אום וואס פאר א שטעלע עס האנדעלט זיך, דיינקט איהר, אז איהר וועט זיא קענען בערטרעטען?

— איך גלויב יא, מאדאם. איך וואלט זאנסט ניט געוואגט זיך צו מעלדען פיר דיעזע שטעלע.

— גוט, מיין קינד, איהר זאלט דיא שטעלע האבען.

— אָה מאדאם, וואס דאס איז פאר א גליק!

— איצטער בלייבט מיר נאר איבער אייך צו זאגען וואס אייער געהאלט איז. איהר קריעגט הונדערט פראנקען א מאנאט, מיט וואהנונג און קאָסט.

— איך האב פיעל וועניגער ערוואַרטעט, מאדאם, מיר האט קיינמאהל ניט גע־טרוימט, דאס איך וועל קריעגען אזא שטעלע.

— עס פרייט מיך וואס אייך געפעלט. פון היינט אן קענט איהר אייך בעטראכ־טען אלס איינע פון דעם הויז.

— וויא זאל איך אייך דאנקען מאדאם! — האט סימאָנע געמורמעלט, ועהרענד טרערען זיינען איהר גזרונען איבערן געזיכט. דאס זיינען געוועזען טרערען פון פריידע.

— דאנקט מיר ניט, מיין קינד, ווען איצטער זייט איהר מיר פערפפליכטעט, וועל איך אייך שפעטער זיין. איך האב א שטעלע צו פערגעבען, און איהר דארפט ארבייט, דיא זאכע איז גאנץ איינפאך. ווען דיינקט איהר קענט איהר דיא שטעלע אנטרעטען?

— איך גלויב מאָרגען פריה. איך וואלט עס גלייך געקענט, אבער דעם היינטיגען

www.libtool.com.cn
טאג וויל איך בענוצען, אום צו דאנקען מיינע וואהלטהעטער, וועלכע האבען זיך פון מיינטוועגען אזוי פיעל בעמיהט.

— דאס איז זעלבסטפערשטענדליך. מארגען אלזא קומט איהר, און אבענדס קענט איהר שון שלאפען דא.

— זעהר גוט מאדאם, איך וועל זיין צו דער רעכטער צייט.

— יעדען זאנטאג קענט איהר זיך נעהמען אייניגע פרייע שטונדען צו בעזוכען אייערע פריינדע, און יעדען מאָנאט האט איהר איין טאג א פרייען, דאן קענט איהר בעזוכען פריינדע און זיך בעוועגען אין פרייער לופט.

ביי דיעזע ווערטער האט עס געקלאפּט אין טהיר.

— ווער איז דארט? — האט מאדאם דיבעף נעפרעגט.

דיא הויזמייסטערין האט אריינגעשטעקט דעם קאפּ דורך'ן טהיר און האט געמעלדעט: „מאדאם, א נייטליכער איז געקומען, וועלכער ווינשט צו ריידען מיט אייך.“

— לאזט איהם אריין.

אין עטליכע סעקונדען האט דיא הויזמייסטערין אריינגעלאזען דעם אבבע מעררים וועלכער האט זיך פערנייגט מיט א פרומע מיענע אויף'ן געזיכט — מאדאם דיבעף האט איהם צוגערוקט א שטוהל און איינגעלאדען צו זיטצען און ווערדיע האט זיך נאך אמאהל פארנייגט און האט זיך א נידערגעזעצט אין דערזעלביגער צייט אויך בעטראכטענדיג סימאנע, וועלכע האט זיך אויפגעהויבען ווען ער איז איינגעטרעטען.

— איך בין גליק פריי, הערר אבבע, — האט מאדאם דיבעף געזאגט און האט זיך געווענדעט צו סימאָנע, וועלכע איז געשטאנען שון ביין טהיר — אויף וויעדערזעהן, מיין קינד, קומט מארגען פריה מיט אייערע זאכען.

— יא מאדאם, איך דאנק אייך נאך אמאהל פון הערצען.

מיט א פרייליכען הערצען האט סימאנע פערלאסען דעם פּאנסיאן, אום איהר וואהלטהעטער, דעם מאהלער סערוועט מיטצוטהיילען דיא פריילאכע נייעס, דאס מאַדאם דיבעף האט זיא אנגענומען.

— וואס פערשאפט מיר דיא עהרע פון אייער בעזוך, הערר אבבע? — האט זיך מאדאם דיבעף געווענדעט צו אבבע מעררים, אזוי שנעל וויא סימאָנע איז ארויס געגאנגען.

— א גאנץ איינפאכע זאך, מאדאם, איך האב צו אייך א קליינעם אויפטראג.

— צו מיר? — האט מאדאם דיבעף געפרעגט גאנץ פערוואונדערט — פון וועמען?

— אמ־דאס וועל איך באלד האבען דיא עהרע אייך צו דערציילען — האט אבבע מעררים געענטפערט און האט געמאכט זעהר עכטע הכנות צו דערציילען אלעם באריכות, איך מוז אייך פאר אלעם זאגען, מאדאם, דאס איך וואהן ניט אין פאריז. איך בין נור א דורכרייזענדער און מיינע פּפליכטען רופען מיך באלד צוריק צו מיין געמיינדע, אין דעפּארטמענט ארדעש. דער פּאסטוך געהערט צו זיין סטאדע און איך דארף ניט מיסבּרויכען דיא געפעלינקייט פון א קאלעגען, וועלכער פערטרעט מיך אין מיין אבוועזענהייט.

www.libtool.com.cn

**דער פאלשער גלח האט געמאכט א קורצע פויזע און האט זיך ארומגעקוקט.**

— דאס פערשטעהט זיך — האט מאדאם דיבעף צוגעשטימט, נור אום עטוואס צו זאגען, אזוי וויא זיא האט נאך אלץ נים פערשטאנען וואהין דאס פיהרט אייגענטליך.

— דיא מיטגליעדער פון מיין קירכע זיינען ארמע לייטע, — האט ווערדיע ווייטער דערצעהלט — נור איינער פון זיי מאכט א גוטע אויסנאהמע. ער איז געוועזען ארעם, האט אבער ערהאלטען א ירושה וועלכע ברייננט איהם איין 15—20 טויזענד פראנק א יאהר. דיעזער מאן האט איין איינציגע טאכטער, א מיידעל פון צעהן יאהר, וועלכע ער פערגעטערט. אבגליך אליין איז ער אונגעבילדעט, וויל ער דאך זיין טאכטער לאזען אויסבילדען און דוקא אין פאריז, וויל אין פאריז זיינען דא בעסערע פאנסיאנען וויא אין דער פראווינץ און ער וויל קענען זאגען: „מיין טאכטער איז ערצויגען אין פאריז."

דער אבבע האט וויעדער געמאכט א פויזע און מאדאם דיבעף האט צוגעשאקעלט דעם קאפ. איצטער האט זיא שוין אנגעהויבען צו פערשטעהן, אום וואס דא האנדעלט זיך.

— אלזא האט דיעזער זאהן פון מיין געמיינדע נאכגעפרעגט ביי דיא פאריזער, וואס קומען צו אונז אים זומער, וועלכע פאנסיאן איז דער בעסטער אין פאריז, און מען האט איהם אנגערופען אייער פאנסיא. אזוי וויא ער האט געהערט אז איך געה נאך פאריז, איז ער צו מיר געקומען און האט מיך געבעטען, דאס איך זאל אייער פאנסיאן בעזוכען און זאל איהם מיטטהיילען פון אלעס, וויא עס ווערט געלערנט און אויך צו דאס הויז איז געזונד פיר קינדער און נאך אזעלכע זאכען. דאס איז, מאדאם, מיין אויפטראג און דער צוועק פון מיין קומען צו אייך.

— דיא אויסבילדונג אין מיין פאנסיאן איז זעהער אומפאסענד — האט מאדאם דיבעף געזאגט מיט שטאלץ, — מיין פאנסיאן ווערט בעטראכטעט מיט רעכט אלס איינער פון דיא בעסטע און פיעלע פון מיינע שילערינען זיינען יעצט לעהרערינס, אדער פארשטעהערינס פון פאנסיאנען. האט דאס קינד, פון וועלכען איהר רעדט, גוטע פעהיגקייטען.

— זעהר גוטע, מאדאם.

— דאן וועט זיא געוויס פיעל ער[illegible] דא.

— וויא איז ביי אייך מיט דער רעליגיעזער ערציהונג, מאדאם?

— רעליגיאן ווערט דא פלייסיג אונטעררינכטעט, אבער נים צופיעל. מיר ווילען נים פארבערייטען דיא יונגע מיידלאך פאר נאָנען (מינישקעס), נור פאר גוטע מוטערס און הויז פרויען.

— דאס איז אלעס גראדע וויא געוואונשען, מאדאם, איצטער בלייבט מיר נור נאך צו פרעגען וועגען דיא געזונדהייטליכע זיים פון פאנסיאן.

— אין דער הינזיכט האט נים מיין פאנסיאן זיין גלייכען אין פאריז — הערר אבבע. דאס געביידע איז איין אלטע וואהנונג פון איין אדעליגע פאמיעליע מיט גרויסע זאאלען און לופטיגע שלאף־רוימען. דאס הויז האט א פראכטפאלען גרויסען גארטען און דיא שילערינען האבען וואו זיך צו בעוועגען אים זומער. ווען איהר ווינשט, הערר אבבע, קען איך אייך דורכפיהרען דורך דיא צימער און דורך'ן גארטען.

www.libtool.com.cn

דארויף האט דער באנדיט נור געוואָרט.

— איך נעהם אן אייער ליעבענסווירדיגען פארשלאג, אבגלייך איך האב מורא אז איך רויב פון אייך צו פיעל צייט. עס איז מיר זעהר אנגענעהם, ווען איך קען מיך פערזענליך פון אלץ איבערצייגען.

— מיר פאנגען אן מיט דיא לעהר־זאלען, הערר אבבע, ניט וואהר?

— מיט פערגניגען, מאדאם.

מאדאם דיבעף האט געפיהרט דעם פאלשען גייסטליכען דורך דיא גוט־בעהייצ־טע רוימען, וואו קינדער זיינען געזעסען ארטיג פאר זייערע לעהרערינען. דאן זיינען זיי דורכגעגאנגען דיא שלאף־זאלען פון דיא קינדער. איבעראל האט געהערשט מוסטער־האפטע אָרדנונג און דער אבבע האט ניט אויפגעהערט צו ריהמען אלעס וואס ער האט געזעהן.

נאכדעם וויא אלעס אין הויז איז שוין געוועזען בעזעהן, האט איהם מאדאם דיבעף ארייגעפיהרט אין גארטען. ארומגעהענדיג איבער א ברייטער אלעע האט ווערדיע ניט אראָפּגענומען קיין אויג פון יענער שטעלע, וואו ער האט גערעכענט אז דארט מוז זיין דיא טהיר, וועלכע פעראייניגט דעם גאָרטען מיט'ן גאָרטען פון לאטירג. דיא וואנד איז אין גאנצען געוועזען פארוואקסען מיט עפיי (געוועקסע וואס פלעכטען זיך) און ער האט פון וויטען ניט גוט געקענט זעהן ווערדיע איז אבער ניט געוועזען א מענש וואס פאלט שווער אויף איין המצאה.

— דער גאָרטען איז זעהר גרויס—האט ער געזאגט—איך גלויב אז ער האלט וויינינסטענס 60 אויף 50 מעטער.

— דאס וועט א ביסל איבערטריבען זיין — האט מאדאם דיבעף געזאָגט.

— איך גלויב ניט, מאדאם. איך בין אימער שטאָלץ אויף מיין אויגענמאָס, און איך זאָג עס אייך באלד גאַנץ גענוי.

ער איז אוועקגעגאנגען צום וואנד פון הויז, האט זיך דאָרט אוועקגעשטעלט און האט גענומען נעהן מיט גלייכע אָבגעמאָסטענע טריט, צעהלענדיג אין דער הויך, צו דער ענטגעגענגעזעצטער וואנד, גלייך צו דער פערשלאָסענער טהיר.

— דאס איז א זאָנדערלינג (טשודאק) — האט מאדאם דיבעף געלאַכט צו זיך אליין — ער שיינט אבער צו זיין א בראווער מאַן.

ווערדיע איז געבליעבען שטעהן ביי דער טהיר איין אייגענבליק, האט זיא בע־טראַכט און זאָגאר א טאפּ געטהאָן מיט דער האנד. „זיא איז פון דער זייט ניט פער־שלאָסען און קען לייכט געעפענט ווערען, דאס איז אלץ וואס איך האב געוואָלט וויסען", האט ער געטראַכט ביי זיך.

צוריקקעהרענדיג צו מאדאם דיבעף האט ער געזאגט: „איך האב דאך ניט אין גאנצען געטראָפען, דיא לייגג איז עטוואס מעהר וויא 60 מעטער, אבער נאר מיט א קליינינקייט.

— איהר האט ווירקליך א זעלטענעס אויגענמאָס — האט מאדאם דיבעף געזאגט.

— יא, דאס איז איינע פון מיינע שטארקסטע זייטען. מאדאם, איך מאך אייך

www.libtool.com.cn

מיין קאָמפּלימענס, איך בין ענטציקט פון אלץ וואס איך האב געזעהן, און וועל אָב־שטאטען זעהר א גינסטיגען בעריכט פון אייער פּאנסיאָן.

— איך דאנק אייך אין פאָראוים.

— וויא איז דער פּאנסיאָנס־פּרייז, מאדאם?

— פון טויזענד ביז אכצעהן הונדערט פראנק א יאהר. דאס הייננט אָפּ פון דעם אלטער פון דער שילערין.

— זעהר גוט, מאדאם.

— ווינשט איהר פּיליכט א פּראָספּעקט (קאטאלאָג).

— דאס איז ניט נייטיג, מאדאם. וואס איך האב געזעהן גענוג איך אויסגע־צייכענט און איך בין איבערצייגט דאס שוין אין עטליכע טעג ארום וועט איהר ער־האלטען א בריעף פון מיין בייכטקינד (קירכענמיטגליעד), מיט דער מיטטהיילונג, דאס זיין טאָכטער קומט צו אייך.

— זיא וועט מיר זעהר ווילקאָמען זיין, הערר אבבע.

אזוי ריידענדיג האט דיא דאמע בעגלייט ווערדיע ביז צום טהיר, וואו ער האָט געזאָלט ארויסגעהן. דא האט ווערדיע אריינגעשטעקט דיא האנד גאנץ אונבעמערקט אין הינטערטאש פון זיין גייסטליכען ראָק און האט דיא האנד ארויפגעלייגט אויפ' שלאָס פון טהיר פונקט וויא צו עפענען זיא. אליין האט ער זיך צוריק אומגעקעהרט מיט'ן געזיך צו מאדאם דיבעף.

— איך האב אייך נאך ניט געזאגט מיין נאמען, מאדאם. איך בין דער אבבע פּערראָלאס פון ביוו־עני. מיין בייכטקינד הייסט דענים שאפור, און זיין טאכטער הייסט אנאסטאסיא.

— זעהר אנגענעהם, אבבע פּעראָלאס.

דיעזע פארשטעלונג האט ווערדיע געמאכט אום צו געווינען עטוואס צייט, וועה־רענד וועלכער ער האט ארויפגעדריקט א שטיקעל וואקס אויפ'ן שליסעל־לאָך, און האָט עם אונבעמערקט אריינגעשפּיעלט צו זיך אין דער הינטערסטער טאשע.

פינף מינוטען שפּעטער איז ער וויעדער געוועזען ביי לאטירג.

— נו, וואָס האָסט דוא אויסגעריכטעט? — האט איהם דיעזער געפרעגט.

— פיר דעם שלימסטען פאל איז דא געזיכערטער ריקצוג — האט ווערדיע מיט־געטהיילט — דיא גארטענטהיר איז פון דער אנדערן זייט ניט פערשלאָסען, און דיא טהיר וואס קומט ארויס נאך דער רוע דע־לא־וויל־ד'וועק לאָזט זיך לייכט עפנען.

— דערצו דארף מען דאָך אבער האבען א שליעסעל; איך קען דאך ניט בעטען דעם הויזמייסטער ער זאל מיר עפענען, דאן ווען איך וועל מוזען דורך דארטען געהן.

— דעם שליסעל קענסט דו זיך בעשטעלען, דא האסט דו דעם אבדרוק פון שלאָס. ווערדיע האט דערלאנגט זיין קאמראד דאס שטיקל וואקס.

— דוא ביסט ווירקליך איין פּרעכטיגער יונג, וועלכער דיינקט אן יעדעס פּיצעלע —האט איהם לאטירג געמאכט דעם קאָמפּלימענט—גלייך הײנט אבענדס געה איך צו דער ארבייט.

זיי האָבען אָבגערעדט זיך מאָרגען צו טרעפען, און ווערדיע האט גענומען אָבשיעד.

www.libtool.com.cn

### 20טער קאפּיטעל.

## דיא ראבּענמוטער.

סימאנע האט געפונען סערוועט אליין אין זיין אטעליער און האט איהם געדאנקט אין ריהרענדע ווערטער פיר דיא פריינדליכע פערווענדונג ביי מאדאם דיבעף, דורך וועלכע זיא האט ערהאלטען אזא איינטרעגליכע שטעלע. סערוועט איז געוועזען העכסט ערפרייט דאס זיא איז ענדליך בעזארגט מיט א רוהיגען לעבען.

— איך וואלט זעהר גערן אויך געגאנגען אבשטאטען מיין דאנק אן הערין ברע־סאל, אבער איך פירכטע, ער קען דאס מיר פיעליכט איבעל נעהמען, ער קען עס פיע־ליכט בעטראכטען אלס צודרינגליכקייט — האט סימאָנע געזאגט.

— ניין, איך זעה ניט איין ווארום, איך גלויב זיי וועלען זיך דארט פרייען.

— דאן וועל איך גלייך געהן אהין, דען מארגען פריה מוז איך שוין זיין אויף מיין שטעלע.

— אויב איהר געהט, וויל איך אייך בעטען א געפעליגקייט.

— אָה, הערר סערוועט, מיט פערגעניגען; וואס איז עס?

— איך האב איצטער־ערשט אויפגעשריעבען איינינע ציילען אן הערין ברעסאל, אום איהם צו מעלדען אז דער ליינוואנד איז פערטיג און איך בעט פריילין מאריע מארגען צו קומען פיר דיא ערשטע זיטצונג. אייגענטליך האט דער בריעף געקענט געהן דורך פאסט, אבער דורך אייך איז עס בעסער. פיעליכט איז עס נעטהיג מיר זייער אנטוואָרט צוריקצובריינגען.

— אייער אויפטראג זאל ריכטיג דורכגעפיהרט ווערען.

— דא איז דער בריעף, ליעבעס קינד. ווען איהר זייט אויף דער שטעלע און איהר האט אמאהל צייט, בעזוכט מיר אזוי אפט וויא איהר קענט. עס וועט מיך פרייען אייך צו זעהען.

— איך דאנקע, הערר סערוועט, איך דאנקע. זייט אזוי פריינדליך און לאזט אויך דעם הערין גיברייי פון מיר גריסען.

— דאס וועל איך מארגען געווים טהאן.

סימאנע האט גענומען אבשיעד און איז אוועק נאך דער ריכטונג פון הערר ברע־סאל'ס וואהנונג.

דער געוועזענער ארכיטעקט האט געוואהנט אין זיין אייגענעם הויז אין רוע דע ווער־נייל, וועלכעס איז פון דרויסען געווען זעהר איינפאך, אבער איינגעריכטעט מיט אלע מעג־ליכע בעקוועמליכקייטען. ברעסאל איז געווען א מענש וואס האט ליעב געהאט א רוהיגעס לעבען. אבגלייך ער איז געווען גאנץ רייך, האט ער דאך געהאט נור ווענינ דיענער, האט ניט געמאכט קיין בעלער און קיינע אבענדען און האט נור געזעהן ביי זיך צו הויז נערן איינינע נאהענטע פריינדע, וועלכע ער פלעגט הערצליך אויפנעהמען.

אבער אזא רוהיגעס לעבען איז ניט געווען נאך'ן געשמאק פון מאדאם ברעסאל, געבארען ,וואלענטינא דהארוויל, וועלכע פלעגט צוליעב דעם אויך קיינמאהל ניט לעבען אין פריעדען מיט איהר מאן און פלעגט איהם אימער רופען „איין בער.“ אזוי וויא צו

 W. B.

www.libtool.com.cn

הויז פלעגט דער מאן ניט צולאזען קיינע רוישענדע אבענדע, לוסטיגע געזעלשאפטען א. ד. ג., פלעגט זיא אימער אויסגעהן אליין זוכען פערגנעגיגען און לודוויק ברעסאל האט עס אזוי געלאזען געהן, ווייל איהם איז נמאס געווארען מיט איהר צו שטרייטען ווענען איהר זוכט נאך פערגנעניגען.

מעהר אלס איינמאהל זיינען אנגעקומען צו איהם סקאנדאלעזע געשיכטען אין וועלכע זיין פרוי איז געווען פערמישט און וועלכע פלעגען איהם פערשאפען פיעל קרענק־ונג, ער פלעגט עס אבער אימער טראגען אין זיך ווייל ער האט געוואוסט ער וועט זיין ווייב ניט איבערמאכען און ער האט שוין לאנג געהאט פערלארען יעדעס געפיהל פון ליעבע אדער אכטונג צו איהר.

— יאהרענלאנג האט ער עס אזוי געלאזען געהן, ענדליך אבער איז געקומען דער טאג ווען דיא לאגע האט זיך געמוזט ענדערן, דאס איז געווען דער טאג ווען מאריע איז צוריקגעקומען פון פאנסיאן. איצטער האט ער זיך געזאגט, דאס דיא דומהייטען פון זיין פרוי פאלען ניט אויף איהם אליין, אבער אויך אויף זיין געליעבטער טאכטער, און דעריבער האט ער זיך ענטשלאסען צו ריידען מיט מאדאם ברעסאל איין ערנסט ווארט.

וואלענטינא ברעסאל איז געווען אלט שוין גוטע פירציג יאהר, האט אבער אויס־געזעהן ניט מעהר וויא דרייסיג. זיא איז געווען בעצויבערנד שעהן פיר א פרוי אין איהרע יאהרען, אבער וויא שעהן זיא איז געווען פון אויסען, אזוי פערדארבען איז זיא געווען אים אינערן. זיא האט בעזעסען א נארישען שטאלץ, איז געווען ניידיש (בעל מקנא) און אייטעל וויא א קינד און וואלט אלעס אויפגעאפפערט פיר גענוס און פער גניגען.

זיא האט געהייראטהעט לודוויק ברעסאל נור דערפאר וואס זיא האט איינגעזעהן אז ער האט דיא בעסטע אויסזיכטען רייך צו ווערען אונצו געווינען אנזעהן, און זיא אליין וועט קענען פיהרען א לעבען וויא זיא וויל. אלס זיא האט געבארען א טאכטער, איז זיא געווען פול פערדרוס דאריבער, אנשטאט זיך צו פרייען מיט דעם גליק פון א מוטער. זיא האט גערן ארויפגעווארפען דיא פליכטען פון א מוטער אויף פרעמדע פלייצעס און איז אליין געגאנגען ווייטער זוכען איהר פערגנעניגען. פריהער האט זיא פאר איהר גענומען איין אמע און א ווערטערין און דערנאך האט זיא געזעהן איהר אוועק צוגעבען אין א פאנסיאן.

אבער דיא יאהרען זיינען שנעל אריבער און מאריע איז געווארען אכטצעהן יאהר אלט און איז צוריקגעקומען אין הויז פון דיא עלטערן. וואלענטינא האט מיט שרעק געקוקט אויף דיעזער שעהנער בלומע, וועלכע פערדונקעלט איהר מיט איהר שעהנהייט און דערמאהנט איהר, אז זיא איז אלט. זיא האט בענעגענט איהר טאכטער מיט א קאלטקייט, וועלכע איז געווען זעהר נאהענט צו פיינדשאפט.

איך מוז זעהן פטור ווערען פון איהר אזוי שנעל וויא נור מעגליך — האט זיא צו זיך אליין געזאגט, — און דאס איינציגע מיטעל דערצו איז, זיא צו פערהייראטהען שעהן איז זיא — רייך איז זיא אויך, — לײדער — חתנים וועלען ניט פעהלען, מען דארף נור האבען דיא געלעגנהייט זיא מיט זיי צוזאמענצוברייננגען. אין דער געזעלשאפט וואו

www.libtool.com.cn

איך בין קען איך זיא ניט פיהרען, — נאך דאס פעהלט מיר! — דער פאטער וועט עס אויך ניט צולאָזען, אבער געזעלשאפט אהער צו ברייננען, דאס וועט ער מוזען ערלויבען, וואס ער האט ניט געוואלט טהאן צוליעב מיר וועט ער מוזען טהאן צוליעב זיין טאכטער.

פעסט ענטשלאסען מיט'ן מאן דאריבער צו ריידען, איז זיא איהם נעגאנגען זוכען אין זיין צימער וועלכעס זיא פלעגט זאנסט זעהר זעלטען בעטרעטען. אלס זיא האט נעעפענט דיא טהיר פון זיין צימער איז איהר מאריע געקומען אנטקעגען.

— אָה, מאמא, דאס איז זעהר פיין פון דיר, דאס דוא בעזוכסט אונז א מאהל דא — האט מאריע אויסגערופען אומארמענדיג זיא — ביסטו שוין לאנג צו הויז?

— צייט א האלבע שטונדע — האט מאדאם ברעסאל געענטפערט צוריקגעבענדיג איהר א קאלטען קוש — איך האב עטוואס צו ריידען מיט'ן פאטער.

— פון וויכטיגע זאכען, וויא עס שיינט — האט מאריע געזאגט און האט צוזאמענגעקנייטשט שעלמיש דאס שעהנע נעזיל.

— יא.

— דאס הייסט אזוי פיעל, אז איך דארף דערביי ניט זיין; זעהר גוט, ווען עס קען ניט אנדערש זיין געה איך אין ביבליאטהעק, און ווען איהר וועט האבען געענדיגט אייער אונטעררעדונג, וועל איך קומען צוריק; אבער לאזט מיך ניט צו לאנג ווארטען.

האט מאריע געליעבט איהר מוטער? נאטירליך יא. זיא האט געהאט איין צו נוטעס אונשולדיגעס הערץ אום ניט צו האבען פיר איהר מוטער קינדליכע צונייגונג, אבער אין טיעפסטען הערצען האט זיא זיך געמוזט מודה זיין, אז צווישען איהר ליעבע צום פאטער און איהר ליעבע צו איהר מוטער איז א גרויסער, גרויסער אונטערשיעד. זיא האט געוואוסט אז איהר פאטער פערגעטערט זיא, וועהרענד דיא מוטער איז אימער גלייכגילטיג צו איהר, און דיעזע גלייכגילטיגקייט האט זיא אימער געקריינקט; אבער זיא האט געזוכט צו בעהאלטען דיעזען קומער אפילו פון זיך אליין.

אלס מאריע איז ארויסגעגאנגען האט ברעסאל אויפגעהויבען א בליק אויף זיין פרוי און האט מיט שפאנונג געווארט, וואס קען זיא איהם האבען צו זאגען. אין הערצען האט ער זיך געפרייט, דאס זיא אליין ניט איהם דיא געלעגענהייט מיט איהר זיך דורכצוריידען וועגען דעם וואס ער האט שוין לאנג געוואלט.

— דוא ביזט געוויס ערשטוינט, מיין פריינד — האט וואלענטינא אנגעפאנגען, דאס איך קום צו דיר ריידען וועגען ערנסטע זאכען.

— ערשטוינט? ניין, איך בין דערפרייט וואס אונזערע ווינשע בעגעגנען זיך. איך האב אויך בדעה צו ריידען מיט דיר וועגען ערנסטע זאכען. וועגען וואס האנדעלט זיך ביי דיר?

— וועגען אונזער טאכטער.

— מערקווירדיגער צוזאמענטרעפען! איך האב אויך געוואלט ריידען מיט דיר וועגען אונזער טאכטער.

— ווילסטו מיר ערלויבען איך זאל דיר פריהער ארויסזאגען מיינע געדאנקען?

www.libtool.com.cn
— מיט פערגעניגען. וואס האסטו מיר צו זאגען?
— מאריע איז אכטצעהן יאהר אלט.
— צייט צוויי מאנאטע.
— זיא איז איין גוטעס קינד.
— איין זעלטענעס קינד, איהר זעעלע און איהר גייסט זיינען פונקט אזוי שעהן וויא איהר קערפער.
וואלענטינא האט געטהאן א קורצען געצוואונגענעם לאך. דיא שבחים אויף מאריע, וועלכע ברעסאל האט ארויסגערעדט מיט אזא בעגייסטערונג, זיינען איהר ניט געוועזען אנגענעהם צו הערען.
— זיא איז א וואונדער, איך וויל עס דיר גערן צו געבען ווען דאס מאכט דיר פערגניגען — האט זיא געזאגט איראָניש — אבער מאריע איז שוין ארויס פון פאנ־סיאן, און עס איז צייט ווענען איהר צו דענקען; וואס רייגקסט דוא מיט איהר צו טהאָן?
— מיינע ליעבע פריינדין, דוא האסט פערלאנגט דאס ווארט און איך האב עס דיר געגעבען. לאמיר פריהער הערען וואס דוא דיינקסט וועגען דעם, נאכהער וועסטו הערען מיינע געדאנקען.
— זאל זיין אזוי. איבעריגענס זיינען מיינע געדאנקען דיא נאטירליכסטע אין דער וועלט, און איך וועל מיך זעהר וואונדערן אויב דוא וועסט ניט דיינקען אזוי וויא איך. מאריע איז אכטצעהן יאהר אלט, איז שעהן, יונג און בעגאבט; נון, דיזעס ליעבענסווירדיגע מעדכען מוז ווערען א גליקליכע פרוי; איך דיינק מיר מוזען זיא פער־הייראטהען.
— אזוי יונג?
— אכטצעהן יאהר איז דאס געוועהנליכע אלטער. מיידלאך מיט נאך הייראטען זעלטען שפעטער.
— איך נעהם מיך ניט אונטער אנצוהעגגען מיין טאכטער א מאן; איך וויל זיא זאל אליין וועהלען; איך וועל מיך נאר צופריעדענשטעלען דערמיט וואס איך וועל איהר בעהילפליך זיין ביין וועהלען.
— אין דעם פונקט שטימען מירביידע איטער איין — האט מאדאם ברעסאל געענטפערט.
— נון?
— ווען מען וויל אויסקלייבען מוז דאך זיין פון וואס.
— געוויס.
— דוא וועסט דאך ניט פערלאנגען דאס אונזער טאכטער זאל זיך אויסקלייבען א מאן פון דיא עטליכע פריינדע פון מיטעלע יאהרען וואס קומען צו דיר?
— וואס ווילסט דוא דערמיט זאגען?
— איך גלויב דוא דארפסט פערשטעהן.
— דיינקסט דוא פיליכט צו פיהרען מאריע אין יענע געזעלשאפט אין וועלכע דוא געהסט אליין? — האט ברעסאל געפרעגט שטרענג.

www.libtool.com.cn

— דאס פאלט מיר גאר ניט איין. איך וויל אז דוא זאלסט איינפיהרען דיי טאכטער אין געזעלשאפט, ניט איך. דאס טהוט א פאטער.

— דוא ווייסט דאך אבער אז איך געה אין ערגעץ ניט.

— דאס ווייס איך; איך ווייס אבער אויך דאס, אז מיר האבען וועלכע פליכ טען צו אונזער טאכטער. מאריע מעג זיין ווער ווייס וויא בעגאבט און גוט ערצויגען, פעהלט איהר דאך דיא געשיקטליכקייט זיך צו בעוועגען אין יענער געזעלשאפט צו וועלכער זיא געהערט דורך איהר שטאנד און פערמעגען. מאריע מוז ווערען א פרוי, פון דער גרויסער וועלט, און מיר דארפען איהר דערצו העלפען. האב איך רעכט אדער ניט?

— יא און ניין — האט ברעסאל געענטפערט אביסל פערלעגען, ווייל אין דיא אויסאיינאנדערזעטצונגען פון זיין פרוי איז דאך געוועזען עטוואס ריכטיגעס. — ווען איך וואלט געזוכט פיר מיין טאכטער א גרויסען אריסטאקראט אדער איין בעריהמטען מאן וואלסט דוא פיעלייכט רעכט געהאט. איך בין אבער אימער געוועזען איין איינפאכער בירגער, וואס האט געארבייטעט און האט ערענטליך פערוואלטעט זיין פערמעגען, און איך פערלאנג פיר מיין טאכטער ניט בעסער. דיא עהרענפאלע מענער וועלכע דוא רופסט מיינע עטליכע פריינדע האבען זיהן, אונטער וועלכע עס וועט זיך געפינען מעהר וויא איינער וואס פאסט פיר אונזער טאכטער.

— דאס וויל איך גאר ניט בעשטרייטען, אבער אונזער קינד מוז דאך מאכען דיא בעקאנטשאפט פון דיעזע יונגע לייטע. מיר קענען דאך ניט נעהמען אונזער טאכ טער ביי דער האנד און זיא פיהרען פון הויז צו הויז, און זאגען: דאס איז אונזער טאכטער וועלכע מיר ווילען פערהייראטהען; געפעלט זיא אייך, מעגט איהר זיך שדכ'נען צו איהר.

דאס בילד איז נאטירליך געוועזען זעהר איבערטריעבען, אבער עטוואס ריכטי געס איז דאך דארין געוועזען. לודוויק ברעסאל האט עס איינגעזעהן און האט זיך געביסען דיא ליפען. ער האט ניט ערוואַרטעט דאס דיא געשיקטע וואלענטינא וועט אנהייבען דאס געשפרעך אויף דעם אופן און וועט איהם צושפארען צום וואנד. „וואס טהוט מען?״ האט ער געפרעגט, און דיא פראגע איז געריכטעט געוועזען מעהר צו זיך אליין אלס צו זיין פרוי.

— וואס מען טהוט? אוים ליעבע צו דיין טאכטער מוזט דוא אויפגעבען דיין האָקען אין שטוב, דאס איז אלעס.

— איך זאל געהן אין געזעלשאפט? — האט ברעסאל געשריען.

— אויך ניט דאס, רוף געזעלשאפט צו זיך; עפען דיין הויז.

— פיר דיינע פריינדע, פיר לייטע וואס געפעלען דיר?

— איך רייד ניט פון מיינע פריינד, נאר פון דיינע מיט זייערע זיהן. דאָס וועט יסל ארויסשלעפען פון דיין שלאָפמיטץ, אבער דאס שאדעט גאר ניט.

־אס גאנצע הויז וועט זיך אלזא אומכעהרען קאפויר און אונזער לעבען וועט גאנצען מוזען ענדערן! מיר איז דאס צו שווער.

על דיר דארין העלפען. דער ווינטער האט זיך ערשט אנגעפאנגען,

www.libtool.com.cn

איך נעהם מיך אונטער צו מאכען אלע נייטיגע פערענדערונגען אין אכט אדער צעהן טעג, און דאן בלייבען נאך גאנצע צוויי מאנאטע פיר געזעלשאפטס־לעבען.

— דאס וועט אונז אבער אפעסען דיא הויט מיט דיא ביינער — האט לודאוויק ברעסאל געזיפצט.

— דוא דארפסט זיך שעמען צו ריידען וועגען געלד. דוא ביסט גענוג רייך און דוא פארלעבסט ניט וויא פיעל דיין פערמעגען בריינגט דיר.

— דוא ווייסט גאנץ גוט, אז איך שפאר נור פיר מיין טאכטער.

— צו וואס וועט איהר דאס ניטצען, ווען דוא ווילסט זיא ניט פערהייראטהען.

דא האט עס געקלאפט אין טהיר. מאריע האט זיא געעפענט און האט אריינ־געשטעקט איהר שעהנעס קעפיל דורכ'ן שפאלט.

— האט איהר שוין אייערע וויכטיגע געשעפטען געענדיגט? — האט זיא גע־פרעגט.

— ניין, מיין קינד — האט ברעסאל געענטפערט.

— מוז איך אלזא צוריקגעהן אין ביבליאטהעק?

— ניין, אין געגענטהייל, קום נעהענטער אהער. דיין מוטער און איך האבען פערשיעדענע מיינונגען אין איין פונקט, און דוא זאלסט צווישען אונז ענטשיידען.

— אָ, דאס איז דאך הערליך! — האט מאריע אויסגערופען אריינגעהענדיג אין צימער — קיין שעהנערן אויפטראג וויא אייך אין הארמאניע צו בריינגען קען שוין גאר ניט זיין.

— אין דעם פאל קענסטו דאס טהאן. זאג מיר ליעב קינד, וואלסט דוא וועלען געהן אין געזעלשאפט, און וואלט דיר דאס געפעלען, ווען איך זאל אין אונזער הויז געבען בעלער און אבענדע?

— ווען דוא האסט לוסט דערצו, דארפסט דוא מיך ניט פרעגען דעריבער — האט מאריע געזאגט — וואס דוא טהוסט איז מיר רעכט, ליעבער פאטער.

— דאס הייסט ניט אפען אנטווארטען, נאר אויסמיידען דיא אנטווארט. לאז מיך אין גאנצען ארויס פון זינען, און זאג מיר, אויב דוא וואלסט וועלען אז דאָ זאל יעדע וואך זיין א קאנצערט, א טענציל און דאס גלייכען, און אויב דוא וואלסט גערן אנגענומען איינלאדונגען צו אזעלכע פערגעניגונגען?

— דוא ווילסט איך זאל דיר גאנץ אפען אנטווארטען? — האט מאריע געזאגט מיט א שמייכעל.

— גאנץ אפענהערציג.

— ווען דוא ווילסט ניט אנדערש, וועל איך דיר זאגען, דאס אזא זאך וואלט מיר זעהר גוט געפעלען; איך בין ניט קיין ווילדע און האב ליעב צו זיין אין געזעל־שאפט.

— דאס הייסט, א קאכיגעס לעבען וואלט דיר געפעלען?

— יא, פאפא.

— וועמען זאלען מיר איינלאדען?

— דאס ווייס איך ניט. דאס מוזט דוא מיט מאמא בעשטימען.

www.libtool.com.cn

— האסט דוא גאר קיינעם ניט פארצושלאגנען, וועמען מיר זאלען איינלאדען? — האט הערר ברעסאל געפרעגט.

— איינעם ווייס איך! — האט מאריע אויסגערופען האסטיג — דעם מאהלער וואס מאכט מיין בילד. וואלסט דוא איהם אויפנעהמען?

— געוויס — האט ברעסאל געענטפערט — ער איז א בעריהמטער מאלער און א ליעבענסווירדיגער מענש. פאר אזא מאן עפענט מען גערן דאס הויז.

מאריע'ס געזיכט האט דערביי אויסגעדריקט עטוואס פערלעגענהייט, דען אלס זיא האט פארגעשלאגען איינצולאדען דעם מאלער סערוועט, האט זיא ניט אזוי פיעל געמיינט איהם אליין, וויא דעם יונגען גיבריי וועלכען זיא האט בייא איהם געטראפען, אבער ארויסצוזאגען דאס איז אוהר זעלבסטפערשטענדליך געוועזען צו שווער.

— איך וועל אויסמאכען א ליסטע פון נעמען, און וועל עס פארלייגען דיין פאטער — האט וואלענטינא געזאגט — ווען דיין פאטער איז שוין יא געקומען צום שכל, וועלען מיר שוין אין דעם פונקט אויך צו רעכט קומען.

— א, געוויס! — האט מאריע פריילאך געפאטשט מיט דיא הענד — דאס איז א פרעכטיגע אידעע; לאז דיך אומארמען, פאפא.

— גוט, גוט, טאכטער — האט ער געזאגט אלס זיא האט איהם געקוסט — אז דוא געפינסט דיא אידעע פאר פרעכטיג, האב איך ניט דאגעגען, און מען דארף נור זעהן דיא ענדערונגען אין אונזער הויז דורכצופיהרען וואס שנעלער.

— מען מוז איינריכטען איבעראל וואנד-לייכטער — האט וואלענטינא געזאגט שטראהלענדיג פאר פריידע וואס זיא האט אויסגעפיהרט..

— איך וועל עס בעזארגען — האט ברעסאל געזאגט אומעטיג. אין הארצען האט איהם פערדראסען וואס מאריע האט ענטשיעדען וויא זיין פרוי וויל, אבער דיא זאכע איז געוועזען פארפאלען.

דאס געשפרעך איז אונטערבראכען געווארען דורך דיא ערשיינונג פון א דיענער.

— דא איז א בריעף פון הערר סערוועט — האט ער געזאגט — א יונגעס מעדכען האט עס געבראכט, און בעט, דאס זיא וויל ריידען מיט הערן און פריילין ברעסאל.

— דאס איז סימאנע! — האט מאריע פריילאך אויסגערופען — מוטער, דאס איז יענע ארעמע, גוטע, פלייסיגע מיידיל, וועלכע איז נעביך אזוי קראנק געוועזען, און מיר האבען זיא עמפפאהלען צו מאדאם דיבעף.

— דוא האסט זיך פיר זיא אינטערעסירט, קומט זיא איצטער בעטען ביי דיר אונטערשטיצונג — האט וואלענטינא געזאגט מיט פעראכטונג — דוא וועסט זיא נאטירליך ניט עמפפאנגען.

— מיר וועלען זיא נאטירליך יא עמפפאנגען — האט הערר לודאוויק ברעסאל דערקלערט מיט פערדרוס — זיא איז איין ארעם קינד, וועלכע מוז זעהר שווער ארבייטען פיר איהר לעבען, אבער מען דארף זיך דאך ניט שעמען מיט איהר אויפצונעהמען זיא אין א הויז. פיהרט אריין דאס מעדכען — האט ער געזאגט צום דיענער.

www.libtool.com.cn
הערר ברעסאל האט דערוויילע נעעפענט דעם בריעף פון הערר סערוועט און איז איהם דורכגעפלויגען מיט דיא אויגען.

— דאס איז פיר דיך, מאריע, דער מאלער ערווכט דיך מארגען צו קומען.

— אויסגעצייכענט! האט זיא אויסגערופען מיט גרויסער פריידע.

דער דיענער האט אריינגעטראגען א ברענענדע לאמפע (דען עס איז שוין גע־ווען גוט פינסטער) און הינטער איהם איז אריינגעקומען סימאנע, מיט דעם אויסדרוק פון פערלעגענהייט אויפ'ן שעהנעם בלאסען געזיכט. מאריע האט איהר געאיילט אנטקעגען:

— פריילין סימאנע, עס איז זעהר ליעבענסווירדיג פון אייך וואס איהר האט מיר דיעזען בריעף געבראכט.

— איך האב איהם זעהר גערן געבראכט, פריילין; דער בריעף האט מיר פער־שאפט דיא געלעגענהייט צו זיין ביי אייך אין הויז; איך וואלט עס זאנסט ניט געוואגט.

— דאס איז ניט רעכט, מיין קינד — האט הערר ברעסאל פריינדליך געזאגט. מיר פרייען זיך אייך דא צו זעהן; קומט איהר פון מאדאם דיבעף?

— יא, הערר ברעסאל.

— האט זיא אייך אנגענומען? — האט מאריע געפרעגט.

— יא, פריילין.

— דאס מאכט מיר פיעל פריידע. ווען בעטרעט איהר דיא שטעלע?

— מארגען פריה. איך האב דעריבער נאך היינט געאיילט צו קומען אהער אום אייך אויסצודריקען מיין דאנק.

— דאס פרייט מיך — האט הערר ברעסאל געזאגט — און איך בעט אייך צו קומען אהער אזוי אָפט וויא איהר קענט.

— איך האָף אז איהר וועט עס טהאן — האט מאריע צוגעזעצט.

— איהר זייט א יתומה, ניט וואהר, מיין קליינע — האט געזאגט וואלענטינע, וועלבע האט ביז איצטער געקוקט אויף איהר קאלט, כמעט מיט פעראכטונג.

סימאָנע האט זיך א האַפּ געטהאן וויא דערשראָקען ביי דיעזער פראגע. דער טאָן, וועלכער האט געקלונגען קאלט און אונפריינדליך, האבען זיא ניט אנגענעהם בעריהרט.

— יא, מאדאם, — האט זיא געענטפערט שטיל — איך גלויב, איך בין א יתומה. איך ווייס ניט ווער מיינע עלטערן זיינען און אויב זיי לעבען נאך.

— אזוי, אזוי, איהר זייט אלזא אונגעזעצליך געבארען?

— יא, מאדאם, — האט סימאנע געענטפערט און איהר בלאסעס געזיכט איז געווארען פורפור־רויט.

— וואס נעהמט עס דיך אן? — האט הערר ברעסאל זיך אריינגעמישט, אום צו מאכען א סוף צו אזא פיינליכער אונטערהאלטונג.

— לאז מיר אביסעל פלוידערן מיט דער מיידיל — האט וואלענטינא געענטפערט און האט זיך ווידער געקעהרט צו סימאָנע:

— וויא אלט זייט איהר?

www.libtool.com.cn

W. B.

— איך גלויב צוויי און צוואנציג יאהר.

— זייט איהר געבארען אין פאריז?

— איך ווייס ניט.

— וואו זייט איהר ערצויגען געווארען?

— אין דער פראווינץ.

— ביי וועמען?

— ביי א פרוי צו וועלכער מען האט מיך איבערגעגעבען.

— פון אייערע עלטערן, וואהרשיינליך?

— איך ווייס ניט. מיין פפלעגע־מוטער (אמע) איז א בויערין. זיא האט מיר דערציילט דאס א מאן האט מיך צו איהר געבראכט ביי נאכט, אבער וואס ער איז מיינער געוועזען ווייס זיא ניט.

אלס סימאָנע האט ארויסגערעדט גאנץ אונשולדיגער ווייזע דיעזע ווערטער האט וואלענטינע אויסגעשטעלט א פאָר אויגען און האט צוזאמענגעצויגען דיא ברויען, פונקט וויא א מענש וואס ווערט פלוצלונג מיט עטוואס שרעקליכעס איבערראשט.

באלד אבער האט זיא איהרע איננערליכע אויפרעגונג אונטערדריקט, און האט וויטער פארטגעזעצט איהרע פראגען: „האט איהר דיעזען מאן נאך א מאָל געזעהן?"

— ניין, מאדאם, קיינמאהל ניט.

— האט ער דער בויערין מינדעסטענס געזאגט וויא זיא זאל אייך רופען, און האט ער איהר וואס בעצאהלט פאר אייער פפלעגע?

— ער האט איהר יא געגעבען געלד, איך ווייס אבער ניט וויא פיעל. ער פלעגט אין דיא ערשטע יאהרען צושיקען געלד, דערנאך האט ער אויפגעהערט. אין איין בריעף האט ער געשריבען, אז זיא מעג מיך רופען סימאנע.

וואלענטינע וואלט נאך גערן וויטער געפרעגט, אבער זיא האט עס ניט געוואגט צו טהאן אין דער געגענווארט פון איהר מאן. דיא קורצע ערצעהלונג פון דער יונגער מיידיל האבען אין איהר דערוועקט ערינערונגען, וועלכע האבען שוין פון צוויי און צוואנציג יאהר געשלאפען. איהר האט זיך אויף קיין פאל ניט געוואלט גלויבען, דאס דיעזע סימאנע זאל זיין דיא פרוכט פון איהר ערשטען פעהל־טריט, איהר קינד, וועלכעס איהר ברודער דהארוויל האט פון איהר ענטפיהרט; אבער דיא עהנליכקייט פון דער מיידיל מיט איהר אנדער טאכטער מאריע האט ניט־ווילענדיג דערוועקט אין איהר דיעזע נייגירדע.

— דאס איז אלעס זעהר אינטערעסאנט און הערט זיך וויא א ראמאן — האט וואלענטינע בעמערקט — פיעלייכט געפינט איהר נאך א מאהל אייער פאמיליע. אויף יעדען פאל ראטהע איך אייך, מיין פריילין, איהר זאלט זיך אזוי אויפפיהרען, דאס מיין מאן און מיין טאכטער זאלען קיין חרטה ניט האבען וואס זיי האבען זיך פאר אייך אינטערעסירט.

סימאנע איז געווארען רויט און איהרע אויגען האבען זיך געפילט מיט טרערען. דיא רייד פון מאדאם ברעסאל, און בעזאנדערס איהר טאָן, האבען איהר שטארק געקריינקט.

www.libtool.com.cn

לודאָוויק ברעסאָל, וועלכער האט געוואלט פארריכטען דעם בייזען איינדרוק וואס זיין פרוי האט געמאכט אויף דאס ארמע מעדכען, האט זיך אריינגעמישט.

— פריילין סימאָנע איז איין עהרליכעס מעדכען, וועלכע האט בעוויזען אז וועגען איהר איז קיין מורא צו האבען. איהרע אויפפיהרונג וועט געוויס אין דער צוקונפט זיין אזוי ריין וויא אין דער פערגאנגענהייט. לעבט וואהל, מיין קינד, און פערגעסט ניט, דאס מיר וועלען זיך אימער פרייען אייך ביי אונז ווידער צו זעהן.

נאך גאנץ פערווירט האט סימאָנע געשטאמעלט עטליכע ווערטער צום דאנק און איז ארויסגעגאנגען פון צימער מיט מאריע, וועלכע האט זיא בעגלייטעט ביז צום טהיר.

— ווארום ביסטו געוועזען אזוי הארטהערציג געגען דאס יונגע מעדכען? — האט הערר ברעסאל געפרעגט זיין פרוי.

— איך האב נור געזאגט דיא וואהרהייט, ווייל דיין שיצלינג שיינט צו זיין א געשיקטע אינטריגאנטין, וועלכע בעטריעגט דיך מיט איהר פרומען אויסזעהן.

— ווארום זאלסטו אימער חושד זיין אויף שלעכטס?

— ווייל איך בין ניט אזוי נאאיוו (פשוט) וויא דוא ביסט.

— פיליכט ווייל דוא גלויבסט ניט אין עהרליכקייט — האט ברעסאל געמורמעלט — נאר לאמיר ריידען פון עטוואס אנדערס, איך בין נאך מיט דיר ניט פערטיג, איך האב דיין וואונש נאכגעגעבען....

— ניט מיינעם, נור מאריא'ס וואונש.

— זאל זיין אזוי, איך האב נאכגעגעבען. איך ענטזאג מיך פון מיין רוהיגעס לעבען און געה אין א גזעלשאפט פאר וועלכע איך האב קיין רעספעקט און קיינע נייגונג. איך מוז עס טהאן, ווייל איך זעה קיין אנדערן וועג, מיין טאכטער צו פערהייראטהען. מיר ביידע לעבען זייט יאהרען איינער נעבען אנדערן, אבער ניט איינער מיט דעם אנדערן, איך גיעב דיר דיא פאלע פרייהייט צו טהאן וואס דוא ווילסט. וויא אזוי דוא האסט דיעזע פרייהייט בענוצט, דערפון וויל איך ניט ריידען. ווען סקאנדאל־געשיכטען זיינען געקומען צו מיר, האב איך פערשטאפט דיא אויערן. איצטער אבער מוז דאס אנדערס ווערען. פערגעס ניט דאס דא בין איך ביי מיר אין הויז און ווען מיר קומען ביידע אין א פרעמדעס הויז, זאלסטו זיך אויפפיהרען וויא עס געהער צו זיין. דוא זאלסט זיך היטען צו מאכען, אז מענשען זאלען לאכען פון מיר צוליעב דיר. איך זאג עס דיר איין מאהל פאר אלע מאהל, אויב דוא ווילסט ניט אז דער בער, וויא דוא רופסט מיך, זאל ניט ווייזען זיינע לאפעס.

וואלענטינא איז געשטאנען מיט בליצענדע אויגען און האט געהאט בדעה אָנצו־הויבען א תשובה. אבער הערר ברעסאל האט איהר ניט געלאזען ריידען: — „צו וואס זאלסטו מיר ענטפערן און מאכען סצענעס? לאמיר לעבען אין פריעדען אזוי לאנג וויא מיר האבען איין צוועק פאר אונז, דיא פערהייראטהונג פון אונזער טאכטער. ווען דאס קינד וועט זיין פערהייראטהעט וועלען מיר נאך דאן האבען צייט גענוג, צו בעהאנדלען איינער דעם אנדערן וויא א פיינד, אויב מיר וועלען איינזעהן, דאס לעבען בשלום איז אונמעגליך, ביסטו צופריעדען

www.libtool.com.cn

— יא.

— זעהר גום.

— דוא ווערסט אלזא לאזען מאכען אלע נייטיגע פארבערייטונגען?

— פון מארגען אן זאל עס געשעהן און אין עטליכע טעג וועט אלעס פערטיג זיין. מאדאם ברעסאל האט זיך געפיהלט אלס זיעגערין. זיא האט עררייכט איהר צוועק דאפעלט: ערשטענס פערשאפט זיא פיר איהרע אנבעטער (פּאָקלאָניקי) צוטריט צו איהר מאנס הויז און צווייטענס, האט זיא דיא בעסטע אויסזיכט פטור צו ווערען פון דער טאכטער וועלכע שטעהט איהר אין וועג.

## 21טער קאפיטעל.

## דאס ווידערזעהן.

דער קליינער פאסקאל האט אויך ביי אקטאוויע איבערגעלאזען א קורצען בילעט מיט דער איינלאדונג צו ברעבאנט פיר דענזעלבען אבענד. אבער אָקטאוויע איז געוועזען אין אזא אויפגערעגטען צושטאנד, דאס זיא האט זיך באלד ענטזאגט צו געהן. נאך דעם וויא אלע איהרע נאלדענע פלענער פון דיא מיליאנען זיינען צעררונען געווארען דורך דיא פערהאפטונג פון גראף איוואן, האט זיא א גאנצע נאכט מיט קיין אויג ניט צוגעטהאן און ווען זיא איז אויפגעשטאנען אין דער פריה, האט זיא זיך צוקריעגט מיט דער קאמערפרוי, האט געשריען אויף דיא קעכין אז דער פריהשטיק טויג ניט פאר'ן הונד און האט אויסגעזידעלט דעם קוטשער, וועלכער איז געקומען נעהמען איהרע בע־פעהלע. דאן האט זיא זיך פארשלאסען אין איהר בודואר און האט פארזאגט, אז מען זאל קיינעם ניט אויפנעהמען און מען זאל איהר ניט שטערן. דעריבער האט עס דער קליינער גראף פאסקאל אויך ניט געקענט צוקומען צו איהר. אבער אלס דיא קאמער־פרוי האט איהר געבראכט דאס בילעט וואס פאסקאל האט איבערגעלאזען, האט זיא עס דורכגעלייענט און אריינגעווארפען אין פייער, מיט דער ערקלערונג: „איך געה ניט."

דיא קאמערפרוי איז געבליעבען שטעהן פאר איהר ווירטהין.

— אויף וואס ווארטסט דוא נאך? — האט אקטאוויע געפרעגט.

— וועט מאדאם שפייזען צו הויזע?

— וואס האסטו מיך צו פרעגען? געה!

— דיא קעכין וויל דאס וויסען, מאדאם.

— געה ארויס און לאז מיך צו רוה, זאג איך דיר.

— זעהר גוט, מאדאם.

דיא קאמערפרוי איז ארויסגעגאנגען און האט זיך געביסען דיא ליפען אום ניט צו לאכען אויף'ן קול.

אום האלב זיעבען אוהר אבענדס האט אקטאוויע שטארק געקלונגען. דיא קאמער־פרוי איז ערשיענען און האט" געפרעגט מיט דער גרעסטער רוהע און העפליכקייט: „וואס בעפעהלט מאדאם?"

— האט מען געמאכט פאר מיך אבענד־עסען?

— ניין, מאדאם, איהר האט קיין זאך ניט בעפאהלען.

www.libtool.com.cn

— גוט, איך וועל שפייזען אנדערסוואו, קליידע מיך אן.

— וועלכעס קלייד וויל מאדאם?

— דאסזעלבע קלייד וואס איך האב געטראגען נעכטין.

— זאל איך לאזען זאגען דעם קוטשער ער זאל איינשפאנען?

— ניט נייטיג, איך וועל מיר נעהמען א פיאקער. און הערצו, מיין מיידעל — האט זיא פלוצלונג געזאגט מיט א גאנץ אנדער קול — איך בין היינט פריה געווען א ביסל גראב, ניט וואהר?

— ניט א ביסל, מאדאם, נאר זעהר פיעל. מאדאם איז געווען שרעקליך בייז און האט מיך זעהר בעליידיגט, אבגלייך איך האב קיין בייזעס געטהאן.

דאס קאמערמעדכען האט ארויסגענומען א טאשענטוך און האט צוגעלייגט צו דיא אויגען, אויף וועלכע עס איז ניט געווען קיין סימן פון פייכטיגקייט.

— וויין ניט, מיין מיידעלע, וויין ניט; דוא ווייסט דאך וויא איך בין; ווער איך אויפגעבראכט, שריי איך און אין א ווײלע ארום געדיינק איך ניט מעהר דערפון. איך וויל דיך פערגיטיגען מיט מיין וויאָלעטען קאָסטיום, ער איז נאך כמעט גאר ניי.

— אויף דעם חוט וואס געהערט דערצו?

— אויף דעם הוט.

— אָ, איך דאנקע, מאדאם.

— איך האף, איצטער ביסטו צופריעדען?

— צופריעדען!? איך בין גליקליך!

— קליידע מיך יעצט שנעל אן.

— אין פינף מינוטען זייט איהר פערטיג.

— אָקטאוויע האט געטרילערט א מעלאָדיע פון איין אָפּערעטע, דיא מרה שחורה איז פערשוואונדען געווארען.

א פירטעל פאר אכט אוהר איז דיא יונגע דאמע איינגעשטיגען אין א וואגען און האט בעפאהלען דעם קוטשער צו פאהרען צו ברעבאַנט.

אונגעפעהר א דוצענד פערזאנען זיינען שוין געווען פערזאמעלט אין האל ביין שפייזע־זאל און האבען געפלוידערט.

אלס אָקטאוויע איז איבערגעטרעטען דיא שוועל, האט זיא ארויסגעלאזען א פריי־דענגעשריי. גראף איוואן סאמילאוו, וועמען זיא האט זיך איצטער פארגעשטעלט שמאכ־טענדיג אין קערקער, איז געשטאנען מיט'ן ריקען צום קאמין און האט לאכענדיג דער־ציילט דאס מיספערשטענדניס, צוליב וועלכעס ער איז פערהאפטעט געווארן און האט צוגעבראכט א נאכט אין געפענגניס.

אונטער דיא צוהערער האט זיך אויך געפונען מאָריס. ער האט צוגעהערט דיא ערצעהלונג פון רוסען מיט דער גרעסטער אויפמערקזאמקייט און האט זיך אליין גע־מאכט דעם קאמפּלימענט, דאס זיין פערמוטהונג (השערה, פאראויסזעצונג) איז געווען ריכטיג. דיא פאליציי האט זיך פערשלאגען אויף א גאנץ פאלשען וועג און זוכט א מערדער ניט אנדערש וויא מיט בלאנדע האר און בלאנדע באקענבארד. מיט פריידע האט ער זיך נאך אמאהל פערזיכערט, דאס אויף איהם קען קיין פערדאכט פאלען.

 

www.libtool.com.cn

דאס אבענד־עסען איז פאַראיבער זעהר לוסטיג. ביז האלבע נאכט איז מען יע־ בליעבען ביין טיש, דאן איז מען זיך צוגאנגען.

דער גראף איז געגאַנגען בעגלייטען אָקטאַוויע, אום ביי איהר אין הויז צו אונ־ טערצייכנען דעם פערטראג, פון וועלכען זיא האט מיט איהם דעם פאריגען אבענד געשפּראכען.

מאַרים האט זייא ביידען געזעהן אוועקפאָהרענדיג, און איז געוועזען העכסט צו־ פריעדען דאריבער. ער האט איינגעזעהן, אז דיא לעהרען פון אבבע מערים זיינען ריכטיג. און דאס אין דיא מייסטע פעללע זיינען מענשען נור דורך ווייבער אריינגעפאלען. ער איז געוועזען צופריעדען צו ברעכען זיין פערהעלטניס מיט אָקטאַוויע, און איהר בע־ קאנטשאפט מיט'ן גראף איז איהם געקומען וויא געוואונשען.

אויף מארגען אום צעהן אוהר איז מאָררים ווידער געגאנגען נאך דער רוע דע סורען וואו ווערדי איז אויך געוועזען. דיעזער האט ערהאלטען א בריעף פון לאנדאן וועגען מארים, און איז געקומען מיטטהיילען לאַטירנ דעם אינהאלט. מישעל ווערמאָנט האט בעוואונדערט דיא שלויהייט און געשיקטהייט פון דעם יונגען באנדיט, האט אבער אין דער זעלבער צייט אויך בעדויערט, וואס ער האט זיך געקענט אריינברעכען אין דאס געהיימניס פון דיא „פינף שטערן", און מען איז געצוואונגען איהם אויפצונעהמען, נאר אזוי וויא דאס איז שוין פארפאלען, האט ער געראטהען. מען זאל איהם שיקען גראדע דארט וואו עס איז אם מייסטען געפעהרליך, און מען זאל אימער האלטען איין אָפּענעם אויג אויף איהם, און הויבט ער אן צו ווערען געפעהרליך, זאל מען איהם איינפאך זעהן צו פטר'ן.

— ווייטער האט מישעל ווערמאָנט עמפּפאהלען מען זאל ארבייטען וואס שנע־ לער אין דער אנגעלעגענהייט פון דהארוויל'ס ירושה; דיא ביידע ערבינען (יורש'טעס) זאלין וואס שנעלער פערשווינדען און דיא „פינף שטערן" וועלען זיך קענען טהיילען דיא מיליאָנען.

— וויא שטעהט עס? — האט מארים געפרעגט גלייך וויא ער איז אריינגעקומען.

— איז דער ערוואַרטעטער בריעף געקומען פון לאנדאָן?

— יא

— איז ער גינסטיג פיר מיך?

— וויא קען ער דען זיין אנדערש נאך אזא גינסטיגען בעריכט וויא איך האב פון איך געגעבען? איהר זייט אויפגענומען. פון היינט אָן האט איהר א גלייכען אנטהייל אין דיא איינקינפטע און ארבייטען פון אונזער פערבינדונג. יעצט מוזען מיר וואס שנעלער דורכפיהרען דיא אנגעלעגענהייט פון דהארוויל'ס ירושה. מישעל ווערמאנט ראַטהעט אונז צו ארבייטען שנעל. האט איהר דיא אבשריפט פון סימאָנע'ס געבורטס־ שיין פון דיא רעגיסטער־ביכער אין שטאדט־ראטה?

— מארגען פריה וועט עס מיר א שרייבער פון דארט געבען.

— אזוי שנעל וויא איהר האט עס זאלט איהר פאהרען נאך וויקי־סור־בריין.

— זעהר גוט, מיר שיינט אבער א ביסל געפעהרליך דאָרטען נאכצופרעגען אַזוי

www.libtool.com.cn
אָפּען ווען דיא געשיכטע פון דער ירושה זאל דערנאָך בעקאנט ווערין, קען דיא זאכע ווערען געפעהרליך. ווען קען איך דיא שריפט פארליינען?
— נאטירליך וועט איהר דאס טהאן נאר ווען עס וועט זיין א נויט.
— וויא מיינט איהר דאס?
— ווען צום ביישפיעל דיא פרויא זאל לייקנען אז זיא האט אמאהל צוגענומען צו זיך א קינד, דאן ווערט איהר אויפטרעטען געגען איהר מיט דיזען שיין. ווייסט איהר דעם נאמען פון יענער פרוי, וועלכע האט סעמיאָנע צוגענומען?
— קלאָדין שארוועט. עס איז נור נאך איין פאל פאראויסצוזעהן: וואס טהוט מען ווען דיא פרויא איז געשטארבען?
— מעגליך איז עס, דאנן ווערט איהר מוזען נאכפראגען בייא פערוואנדע פון דיזער פרוי. עס איז אויך מעגליך אז דאס מעדכען אליין לעבט נאך אין וויק־סור־בריין.
— וואו זיא זאל ניט זיין, איך מוז זעהן זיא צו געפינען; ווערין מיר קאָררעס־פאָנדירען?
— ניין, ניין! קיינע בריעפע! איין בריעף קען אריינפאלען אין ניט ריכטיגע הענד, און אריינשלעפען איינעם אין א צרה. איהר ווערט דארט יעדענפאלס ניט לאַנג פערבלייבען און מיר ווערין צייט האבען זיך דורכצוריידען דאן ווען איהר ווערט צוריק־קומען. האט איהר געלד?
— איך האב נאך דערוויל גענוג.
— דאן קענט איהר אויסלייגען און ווען איהר קומט צוריק לייגט איהר פאר אייער רעכנונג, און איהר קריעגט וואס אייך קומט.
— האט איהר מיר נאך וואס צו זאגען?
— ניין.
— דאן נעהם איך אבשיעד פון אייך און מארגען פעררייז איך.
— גליקליכע רייזע אונד גוטען ערפאלג.
מאריס איז פון דארטען אוועקגעגאנגען צו מאדאם ראזיע גלייך פון דער רוע דע סורען. ער האט זיא אפילו ערשט מיט א פאר טעג צוריק בעזוכט, אבער ער האט ניט געוואלט פערלאסען פאריז איידער ער ווערט איהר זאגין „זיי געזונד", ווען ער איז אריינגעקומען איז זיא גראד געזעסען ביים פריהשטיק און האט איהם איינגלאדען מיט־צו שפייזען
— איך דאנקע — האט ער געענטפערט — איך קום נאר אום אייך צו זאגען „אדיע"
— דוא פעררייזט פון פאריז? — האט מאדאם ראזיע אויסגערופען און איז בלאס געווארען — געהסט דוא מיט דיין האלענדער אויף רייזען.
— ניין איך געה אליין, אבער נור אויף דרייא טעג.
— וואוהין געהסט דוא דען?
— נאך האווער — האט ער שנעל געענטפערט. — איך מוז דארטען אין מארינע ארכיוו נעהמען איינינע נאטיצען, וועלכע מיין קאפיטאן האט זייער נייטיג.
מאָריס האט עס געהאלטען פאר קלוג און פארזיכטיג, איהר ניט צו זאגען דעם

www.libtool.com.cn

נאמען פון זיין „קאפּיטאן", און ניט דעם ציעל פון זיין רייזע. מאדאם ראָזיע האט איהם אלעס געגלויבט, ווייל זיא האט קיינע אורזאכע געזעהען, ווארום ער זאל איהר זאגען ליגען, און דאך איז זיא געוועזען עטוואס אונרוהיג צו ליב זיין אוועקפאהרען, וויא א מוטער־הערץ פיהלט געוועהנליך.

— איז דאס וואהר אז דוא וועסט זיך מעהר ניט זאמען וויא דריי טעג?—האט זיא געפרעגט.

— גאנץ געוויס.

— א רייזע פיר דרייא טעג איז קיינמאהל ניט געפעהרליך, אבער דאך וועל איך דיך בעטען מיר צו שרייבען פון דיין אנקונפט; דוא וועסט מיך דערמיט זעהר בערוהיגען.

מאריס האט זיך געביסען דיא ליפען, ער האט געוואלט זיין פארזיכטיג און איז א ביסעל אריינגעפאלען. ווען ער זאל שרייבען פון האווער דעם בריעף, וועהרענד דער שטעמפּעל פון פּאָסט וועט בעווייזען וויקּ־סור־ברייןן וועט זעהר שלעכט פיר איהם אויספאלען. ער האט געמוזט זעהן זיך ארויסצודרעהען דערפון.

— ווען איהר ווילט דוראויס קען איך פאר אייך עטליכע ציילען אויף פּאָסט אויפגעבען, אבער עס איז לעבערליך צו קארעספּאנדירען בייא א רייזע פון צווייא טעג; איך ווייס אפילו ניט אויב עס וועט נעהמען דריי, ווייל איך קען מיינע ארבייט דארט טהאן אין א פאר שטונדען, און גלייך פאהרען צוריק.

— איברינגענס האסטו רעכט — האט איהם ראָזיע געענטפערט — ווען דוא בלייבסט אבער מעהר וויא צווייא טעג זאלסטו מיר שרייבען.

— דאס פערשפּרעך איך אייך האט מאָריס געזאגט.

— ווילסטו היינט ביי מיר צו אבענד עסען? — האט דיא גוטע פרוי געפרעגט.

— זאָג עס מיר ניט אָפּ, עס איז שוין אזוי לאנג וויא מיר האבען קיין אבענד צוזאמען פערבראכט.

— איך נעהם אָן דיא איילאדונג מיט דעם גרעסטען פערגעניגען, היינט אבענד בין איך גאנץ פריי.

—ווירקליך! אָ, וויא מיך פרייט עס! קום ניט צו שפּעט.

— איך וועל זיין פונקט אום זעקס אוהר.

— דוא ביסט איין גוטעס קינד און זאלסט דערפאר בעלאָהנט ווערען. איך וועל מאכען א מאָהלצייט וויא דוא האָסט ליעב, דוא ליעבער נאשער, אלץ קליינע געשמאַקע געריכטען.

מאָריס האט געלאכט.

— דיא קליינע פיינע געריכטען וועלען מיר זעהר גוט שמעקען, אבער איך קום ניט צוליב זיי נאר צוליעב אייך, מיין גוטע פריינדין.

נאך איידער מאדאם ראָזיע, האט צייט געהאט צו ענטפערן אויף דיעזע זיסע חניפה'לע, האט עס געקלונגען ביין טהיר, און דיא דיענסטפרוי איז באלד אריינגעקומען מיט א בריף אין האנד.

— איין קאָמיסיאָנער האט געבראכט אַ בריף פיר אייך, מאדאם.

www.libtool.com.cn

מאדאם ראזיע האט גענומען דעם בריעף פון איהר האנד, האט א בליק גע־טהאן אויף דיא אדרעסע און האט אויפגעציטערט. זיא האט אויף דער עקע פון קאנ־ווערט בעמערקט א צייכען, וועלכען נור דיא פערטרויטע אין געהיים־פאליציי פער־שטעהען.

— דאס איז ניט וויכטיג—האט זיא געזאגט האלב לויט, וויא צו זיך אליין, און האט קלומרש׳ט גלייכגילטיג א ווארף געטהאן דעם בריעף אויפ׳ן טיש א צוגעמאכטען

— דאס האט נאך צייט.

מאריס האט קיין זאך ניט בעמערקט אין דער בעוועגונג פון זיין פריינדין, וועל־בע איז איהם געוועזען וויא א מוטער. ער איז אויפגעשטאנען און האט גענומען זיין הוט.

— דוא געהסט שוין? — האט ראזיע אויסגערופען.

— איך האב נאך פיעל צו טהאן; איך מוז זיין אין רעדאקציאן.

— אלזא, אויף היינט אבענד?

— יא, פונקט אום זעקס בין איך דא.

זיי האבען זיך צוקושט און דער יונגער מאן האט פערלאסען דאס הויז.

22טער קאפיטעל.

## דער וויטער בליק פון „מלאך־המות־אויג״.

ווי נאר דיא טהיר האט זיך צוגעמאכט הינטער מאריס, האט מאדאם ראזיע גענומען פון טיש דעם בריף מיט ציטערנדער האנד, האט אויפגעריסען דעם קאנווערט און האט ענטפאלטעט דאס בלאט פאפיער פון אינוויינג.

— פון קרימינאל־גריכט — האט זיא געזאגט — וואס זאל דאס בעדייטען? וואס ווילען זיי ווידער פון מיר?

זיא האט איבערגעלייענט דיא פאלגענדע צייליען:

„אויף בעפעהל פון הערן פראקוראר פון דער רעפובליק פיר דאס סיינע דע־„פארטאמענט, ערזוכט דער אונטערזוכונגס־ריכטער פאול גיברייו מאדאם ראזיע, צו „ערשיינען אין זיין אמטס־צימער אין יוסטיין־פאלאסט היינט אום איינס אוהר. „זעהר וויכטיג.

פאול גיברייו״.

צום אונטערזוכונגס־ריכטער? — האט זיך מאדאם ראזיע געפרעגט — צו וואס רען? וואס וויל מען פון מיר? קיינע ערקלערונג! עס איז נור א ביטע, וועלכע זעהט אוים וויא א בעפעהל. דיזער בריעף מאכט מיר אונרוהיג. קען איך מיך קיינ־מאהל ניט בעפרייען פון דער לאסט וועלכע איך האב פיעל יאהרען געטראגען? איך בין אבער פריי און פון קיינעם ניט אפהענגיג. וואס וועט זיין ווען איך זאל ניט געה?

זיא האט זיך איינינע אויגענבליקע דיא זאכע איבערלעגט און האט דאן געזאגט:

— ניט געהן טויג אויך ניט. אנשטאט איבערצוקלעהרען טויזענדער זאכען, וועל איך בעסער צוגעהן און ערפאהרען, וואס מען וויל פון מיר.

מיט דעם ענטשלוס האט זיא געענדיגט איהר מיטאג, האט זיך אנגעטהאן אין

www.libtool.com.cn
האט געגעבען איהר דיענסטפּערזאָן דעם אויפטראג וואס צו מאכען צום אבענדעסען און איז דאן ארויס פון שטוב. ביי נעכסטער פוהר־סטאציאָן האט זיא גענומען א פיאקער און איז געפאהרען צום פאליידע־ז׳ושיסטים.

זיא האט פון לאנג אן געוואוסט דיעזעס געביידע מיט אלע איהרע קארידארען, און גענגע און איז דעריעבער געגאנגען גלייך צו יענער גאלעריע, וואו עס האט זיך גע־פונען דאס צימער פון אונטערזוכונגס־ריכטער און האט זיך געלאזען מעלדען צו איהם.

הערר גיבריי, וועלכער האט געהאפט אויף עמא זשובערט׳ס פּינקטליכקייט, האט זיא שוין ערווארטעט. עס ווארען אויך דערביי דער געריכטסקאמיסאר און דער פאליציי־דירעקטאר. דיא הערדען האבען געוואלט קומען צו א פערשטענדניס מיט איהר, איידער דער גראף סאמילאוו וועט קומען און דעריבער האבען זיי איהר בעשטעלט אויף צוויי שטונדען פריהער וויא איהם.

אלס מאדאם ראזיע האט דערזעהן דיא אלע הערדען צוזאמען האט זיא גלייך פערשטאנען, אז דא מוז זיך ווענען עטוואס זעהר וויכטיגעס האנדלען און איז געווארען זעהר אונרוהיג.

— ליעבע מאדאם — האט זיך דער פאליציי־דירעקטאר צו איהר געווענדעט — מיר האבען זיך שוין צוויי יאהר ניט געזעהן און עס פרייט מיך זעהר זיך מיט אייך ווידער צו טרעפען. איך האב איין צו גוטעם אנדענקען אן אונזערע פריינדשאפטליכע בעציהונגען, און איך וואלט פון הערצען ווינשען דיעזע בעציהונגען ווידער צו ערנייערן.

— ווידער צו ערנייערן? — האט מאדאם ראזיע געפרעגט מיט שטוינען און שרעק — איז דער בריעף פון הערדן אונטערזוכונגסריכטער געשריעבען געווארן צו מיר אין דיעזער אבזיכט?

דיא רייהע צו ענטפערן איז געווען אן הערדן גיבריי, ער איז אבער געווען פאר־זיכטיג גענוג ניט ארויסצוזאגען אלעס מיט אמאל, ווייל ער האט געוואוסט, אז דאס וועט מאדאם ראזיע אויפברייגגען. ער האט איהר העפליך צוגערוקט א שטוהל מיט דיא ווערטער: „פאר אלעם זעצט זיך, מאדאם, מיר האבען א לאנגען געשפּרעך צווישען זיך."

מאדאם ראזיע האט שוין פערשטאנען אום וואס דא האנדעלט זיך און דאס הערץ איז איהר געזונקען פון אנגסט. צוליעב איהר זאהן מאריס האט זיא מורא געהאט פאר אלעס, וואס עראינערט דאס זיא איז געווען געהיימפאליציסטין. זיא האט זיך דעננאך צוזאמענגענומען און האט זיך כלומר׳שט גאנץ רוהיג געזעצט אויף דעם אנגע־באטענעם שטוהל.

— האט איהר דיא לעצטע טעג געלעזען דיא צייטונגען, מאדאם?

— געוויס, דאס טהוא איך יעדען פריהמארגען.

— דאן ווייסט איהר דאך געוויס פון דעם דאפעלמארד וואס האט גאנץ פאריז פערזעצט אין אויפרעגונג?

— יא איך האב געלעזען, אבער איז ניט דער מערדער פערהאפטעט געווארען?

— איינער איז פערהאפטעט געווארען, אבער נור דורך איין אירטהום. פאלשע בעווייזע האבען איין אונשולדיגען עהרענהאפטען מאן געבראכט אין פערדאכט און ער

www.libtool.com.cn
איז ארעסטירט געוואָרן. אבער ביי דער ערשטער אונטערזוכונג האָט זיך ארויסגעשטעלט, אַז זיינע פאַלשטענדיגע אונשולד און ער איז גלייך בעפרייט געוואָרן.

— דאָס איז איין זעהר אונאַנגענעהמער אירטהום — האָט מאַדאַם ראַזיע געזאָגט.

— אונאַנגענעהם און בעדויערנסווערטה, אבער ווער איז שולדיג? דיא עדות האָבען אַלע בעהויפּטעט אַז דאָס איז ער און האָבען ארויפגעפיהרט דיא פּאָליציי־אַגענ־טען אויף אַ פאַלשע שפּור (סליעד).

— דער שאָדען איז דאָך אָבער געוויס ווידער גוט געמאַכט און דיא אַגענטען וועלין שוין איצטער וואָהרשיינליך לייכט געפינען דעם ריכטיגען וועג? — האָט מאַדאַם ראַזיע געפרעגט.

הערר גיבריי האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ:

— אויף דעם האָבען מיר קיין האָפנונג — האָט ער געזאָגט.

— ווארום ניט?

— ווייל מיר געפינען פיעל שוועריגקייט און שטעהן פאָר איין רעטהזעל, צו וועלכען מיר געפינען קיין בעשייד. מיר טאַפּען אין דער פינסטער און האָבען קיין צייכען וואָס זאָל אונז פיהרען. מיר האָבען געשיקטע אַגענטען, דאָס איז וואָהר, אבער קיינער פון זיי קען זיך גלייבען צו יענע קרעפטען וועלכע מיר האָבען פריהער געהאַט און צו וועלכע איהר האָט אויך געהערט.

עמאַ זשובערט האָט אויפגעציטערט. איהר מיינונג איז אַלזאָ ריכטיג, מען וויל זיא צוריק מאַכען פאָר אַ פּאָליציסטין.

— איהר שאַצט מיינע פערדיענסטע צו הויך — האָט זיא געזאָגט — אויך בין איך דאַמאַלס געוועזען איינער, טהאַטקרעפטיגער און אונטער גאַנץ אַנדערע פערהעלט־ניסע, וויא איהר ווערט זיך געוויס ערינערן.

— איך זאָג אייך — האָט דער פּאָליציי־דירעקטאָר אויסגערופען — דאָס ווען דיעזער פאַל וואָלט פאָרקומען אין אייער צייט, וואָלטען מיר ניט אומזיסט געאַרבייטעט. איהר פעהלט אונז.

— איהר האָט זשאַדלע און מאַרטעל.

— אַ האַלב דוצענד זשאַדלעס און נאָך אַזוי פיעל מאַרטעלס וועגען ניט אריבער איין עמאַ זשובערט, וועלכע האָט ערהאַלטען דאָס צונעמענעס „דאָס אויג פון מלאך המות“ פיר איהר פעהיגקייט צו זעהן דאָרט וואו אַנדערע זעהען ניט. זאָגט אונז וואָס דענקט איהר פון דער זאַכע?

— איך דענק גאָר ניט דערפון.

— גאָר ניט? דאָס איז אונמעגליך.

— דאָס איז גאַנץ נאַטירליך. אַ מיינונג וואָלט איך מיר נור דאַן געקענט בילדען ווען איך וואָלט געוועזען ביי דער אונטערזוכונג, וואָלט אויסגעהערט דיא עדות און וואָלט דורכשטודירט אַלע איינצעלהייטען פון דעם פאַל. איצטער אבער, ווען איך וויים נאָר וואָס דיא צייטונגען בעריכטען, קען איך מיר קיינע מיינונג בילדען דאַריבער, אבגלייך איך האָב נור פון געוואָהנהייט פיעל נאָכגעדאַכט איבער דיעזען פאַל.

www.libtool.com.cn

— אבער דאך, עטוואס האט אייך דאך געמוזט אויפפאלען אדער איינפאלען בײן לעזען; זאגט עס אונז; דאס קען אונז פיעלייכט דיענען.

— מיר איז נור איין זאך אויפגעפאלען.

— וואס?

— אז דער מערדער מוז זיין א גרויסער דומקאפּ.

דיא דריי הערען זיינען געזעסען אין דער גרעסטער שפּאנונג און האבען צוגע־קוקט, וויא אזוי דיעזע פרוי ווערט אלץ ווארמער און פעראינטערעסירטער אין דער זאכע אליין ניט מערקענדיג, פּונקט וויא איין אלטעס קריעגס־פערד ווען ער דערהערט פּוי־קענדיג א מארש, און האבען ערווארטעט דעם אויגענבליק ווען דיא פּאליציסטין וועט זיך אין גאנצען ארויסווייזען.

ביי דיא ווארטען וואס עמא זשובערט האט ארויסגערעדט, האבען זיך דיא הערען פערוואונדערט אנגעקוקט. זיי האבען פּשוט ניט געגלויבט זייערע אייגענע אויערן.

— דער מערדער א דומקאפּ? — האט דער אונטערזוכונגסריכטער אויסגערופען.

— געוויס, נאך גאר איין אנפענגער, אהן פּראקטיק. ווען ער וואלט געווען עט־וואס געשיקטער, א פּראפעסיאָנעלער פערברעכער, וואלט ער דאך ניט בעגעהן צוויא מארדטהאַטען אין א פערלויף פון ניין שטונדען מיט דעמזעלביגען אינסטרומענט. דיא גלייכקייט פון דיא וואונדען, וועלכע בעווייזט אז זיי זיינען געמאכט געווארען דורך איין האנד, נעהמט צו פון מערדער דיא שאנצען צו ענטרינען.

— זיא האט רעכט, מיר האבען גאר ניט געטראכט דערפון — האט דער אונטערזוכונגס־ריכטער געמורמעלט.

— ווייסט איהר דעם בעוועג גרונד פון דעם פערברעכען? האט עמא זשובערט געפרעגט.

— אהא, ווען מיר וואלטען איהם געוואוסט — האט דער אונטערזוכונגס־ריכטער געענטפערט — דאס איז פאר אונז א געהיימניס, וועלכען מיר געפינען ניט אויס אויב איהר וועט אונז ניט ביישטעהן מיט אייער ראטה און מיט אייערע ערפאהרונגען.

— מיט מיין ראטה און ערפארונגען? — האט עמא זשובערט ווידערהאָלט.

— אדער, וואס עס וואלט נאך בעסער געוועזען, ווען איהר זאלט דיא גאנצע זאכע נעהמען אין דער האנד.

עמא זשובערט האט אנגעקוקט דיא דרייא הערען און האט געשמייכעלט.

— איך האב פון ערשטען ווארט פון אונזער אונטעררעדונג געוואוסט אום וואס עס האנדעלט זיך, און דעריבער בין איך ניט ערשטוינט.

און וואס ענטפערט איהר דארויף? האט דער אונטערזוכונגס ריכטער געפרעגט.

— איהר ווייסט צוליעב וועלכע גרינדע איך בין אמאהל איינגעטרעטען אין דיענסט פון דער פאליצייא. מיך האט געטריעבען דערצו דער דורסט נאך ראכע. איך האב געהאָפט נאך אמאהל מיך נוקם צו זיין און דעם מאנן וואס האט מיך צוויא מאהל בערויבט אום מיינע עהרע, האט מיך געמאכט צו זיין מיטשולדיגע אהן מיין וויסען, און ער, דער פאטער פון מיין זאהן וועלכער איז געבארען געווארען אין געפענגניס, איז א

www.libtool.com.cn

אור היילטער מערדער. מיינע בעשעפטיגונג האט פיר מיך נעהאט א גרויסען רייץ, און איך האב מיך איהר איבערגעגעבען מיט אלע קרעפטען פון מיין זעעלע. איהר ווייסט אויך ווארום איך האב דיזע בעשעפטיגונג איינגעגעבען. איך האב א זאהן און דיעזער זאהן איז אויסגעוואכסען. איך האב מורא געהאט ער קען א מאהל ערפאהרען דאס זיינע מוטער געהערט דער געהיימפאליציי, און אזוי וויא דאס איז פאר א פרויא, קיינע געוועהנליכע בעשעפטיגונג, וועט ער נאך אנהויבען צו פארשען נאך דער אורזאכע דערפון און וועט ערפאהרען, אז ער איז דער זאהן פון א שרעקליכען מערדער. דאס האב איך געוואלט פערהינדערען, און עס איז מיר ביז איצטער געלונגען. מיין זאהן האט קיינע אהנונג פון זיין פערגאנגענהייט. אין מיר זעהט ער נור מאדאם ראזע, דיא פריינדין פון זיין מוטער וועלכע איז פריה געשטארבען, און וועלכע האט געבעטען מיך פאר טויט פיר איהם צו זארגען. ווען איך זאל איצטער אננעהמען אייער פארשלאג, דאן איז ווידער אויס מיט מיינער רוהע, און איך וועל ווידער ציטטערין, מיין זאהן זאל ניט ערפאהרען, און דאס נעהט איצטער איבער מיינע קרעפטען.

— איהר נעהמט אן דיא זאכע געפעהרליכער וויא זיא איז — האט גיברייל געזאגט.

— ניין, העדר אונטערזוכונגס־ריכטער, איך זעה דיא זאכע אין איהר ריכטיגען ליכט.

— וואוינט אייער זון בייא אייך?

— א ניין, וואס פאלט אייך איין! מיין זאהן בעטראכטעט מיך נור אלס יוגענד פריינדין פון זיין מוטער, וויא קען דא זיין א גרונד ער זאל וואוינען ביי מיר? ער האט זיינע אייגענע וואוינונג.

— ווען אזוי קען ער דאך ניט וויסען וואס איהר טהוט. איהר זייט פריי אזוי וויא ער.

— אבער ער בעזוכט מיך אפט און ער וועט זיך וואונדערן איבער דיא פלעצליכע ענדערונג אין מיין רוהיגעס לעבען. פון דער פערוואונדערונג ביז צום פערדאכט איז נאר איין טריט; אויך ווייס איך אז איך וועל מיך שנעל פערראטהען דורך דיא שטענדיגע אנגסט און אויפרעגונג.

— וויא אלט איז אייער זאהן?

— דריי־און־צוואנציג יאהר.

— ער איז רעפארטער בייא א צייטונג און בילדעט זיך אלס ליטעראט, אויסער דעם איז ער סעקרעטער בייא א רייכען הענדלער, א געוועזענעם שיפס־קאפיטאן, וועלכער שרייבט א ווערק איבער שיפפאהרט. מיין זאהן זאמעלט פיר איהם מאטעריאל און בעסערט אויס זיין סטיל.

— נאך אלעם דעם וואס איהר זאגט, איז אייער זאהן קיין קינד מעהר, נאר א מענש וואס קען דיא וועלט.

יא, איך בעוואונדערע זאגאר אמאהל זיינע פריהצייטיגע ענטוויקלונג. ער איז געשיידט ניט נאך זיינע יאהרען.

— אזא בעגאבטער יונגער מאנן וועט זיך ניט פיהלען געקריינקט דורך דעם

www.libtool.com.cn

דאס זיין מ.טער דיענט דער מענשליבער געזעלשאפט מיט דער געפאהר פון איהר אייגענעם לעבין; אין געגענטהייל, ער וועט שטאלץ זיין דאריבער.

— אך, הערר אונטערזוכונגסריבטער — האט מאדאם ראזיע געזיפצט — איהר קענט דאך דעם פּאראורטהייל וועלבער הערשט געגען דיא פּאליציי; וויא דום ער איז, אזוי שטארק איז ער ביי דער וועלט אנגענומען. ווען מאריס זאל אמאהל ערפאהרען, דאס איך האב דעם נאמען „דאס אויג פון מלאך המות" דאן איך וועל מעהר ניט וואגען איהם אין דיא אויגען צו קוקען.

— ער וועט עס ניט ערפאהרען, און דאן דארפט איהר נאך איינס בעדענקען: צו דען זאלען אייך אזעלכע געדאנקען צוריקהאלטען פון דער דורכפיהרונג פון א גרויסער אויפגאבע? מיר וועלען אייך געבען פאלשטענדיגע פרייהייט אין האנדלען, מיר פערלאנגען ניט איהר זאלט וויעדער אננעהמען אייער שטעלע. איהר זאלט ניט איינטרעטען אלס רעגולערער סאָלדאט, נור אלס פרייוויליגער זאלט איהר קעמפּפען. מיר בעטען אייך איהר זאלט זיך בעשעפטיגען מיט דער זאכע וועלכע האט פערזעצט גאנץ פאריז אין שרעקען און מיר ערוואַרטען דאס פון אייך. עס זאלען אויך אלע פארזיכטס־מאס־רעגלן גענומען ווערען, אז אייער זאהן זאל אייער טהעטיגקייט ניט ערפאהרען. מיר וועלען אייך געבען איין אנדערע וואהנונג וואו איהר זאלט ערהאלטען דיא ראפּאָרטען און וואו איהר וועט זיך קענען צוזאמענטרעפען מיט דיא אגענטען וועלבע זיינען אייך אונטערגעאָרדנעט. מען וועט אייך עפענען איין אונבעשרענקטען קרעדיט אויף דער פּרעפעקטור און אין פאל ווען איהר וועט דעם מערדער געפינען, וועל איך אויסווירקען פיר אייך איינע בעלאהנונג פון פינף־און־צוואנציג טויזענד פראנק.

— אייער פארשלאג איז זעהר שמייבעלהאפט און האט זעהר פיעל פערלאקענדעם — האט מאדאם ראזיע געזאגט.

— זא נעהמט איהר עס אן! — האט הערר גיברייל פריילאך אויסגערופען.

— ניין, מיין הערר, איך מוז עס צוריקווייזען.

— איהר טהוט אונרעכט, זאגאר געגען אייער זאהן.

— וויא אזוי?

— אוים דאנקבארקייט צו אייך וואלט מען אייער זאהן מיט פערגעניגען פראַטעזשירט. דער פּראָקוראר, דער פּאליציי־דירעקטאר און זאגאר דער יוסטיץ־מיניסטער אליין וואלטען איהם ערוויזען פּראָטעקציאָן.

— איך בעט אייך, הערר גיברייל, איך בעשווער אייך, דרינגט ניט אין מיך, איך קען ניט אננעהמען אייער פארשלאג.

— ניין, איך וועל אייך ניט אפלאזען, מיר זאגט דאס הערץ, דאס איהר וועט געפינען דיא לעזונג פון דעם שרעקליבען געהיימנים. דאס פערברעכען שיינט איין שרעקליכעס פאמיליענגעהיימנים צו זיין, וויא אמאהל דיא ערמאָרדונג פון דער גרעפין קוראוויאָוו.

עמא ושובערט איז געוואָרן בלאס.

— דיעזער נאמען דערמאהנט מיך אן אלעס וואס איך האב געליטען — האט זיא געזאגט.

www.libtool.com.cn

— איך וויל אייך ניט דערמיט עראינערן אן דיא ליידען וועלכע איהר זייט אונ־שולדיגערוויזע אויסגעשטאנען — האט גיבריי געענטפערט — דער נאמען קוראוויאָוו, איז מיר געקומען אויף דיא ליפען, וויל דיא ערמאָרדעטע פרוי איז געפונען געווארען אין דער גרופט פון דער פאמיליע קוראוויאָוו.

— קוראוויאָוו'ס גרופט! — האט עמא זשוּבערט אויסגערופען אהן איין אָטהעם. דאס איז מערקווירדיג! דיא צייטונגען האבען דערפון גאר ניט געשריעבען.

עמא זשובערט האט אראפּגעלאזען דעם קאפּ אויף דער ברוסט און האט גע־מורמעלט: „מערקווירדיג!.... מערקווירדיג!....“

הערר גיבריי האט מיט דער גרעסטער שפּאַנונג בעאָבאכטעט יעדע בעוועגונג פון דער אמאהליגער פּאָליציסטין און האט געלעזען אין איהרע אויגען, וואס פאר א שטורם פון געפיהלען דיזע שמערצליכע עראינערונגען דער פערגאנגענהייט האבען אין איהר ערוועקט. איהם איז ארויפגעקומען דער געדאנקען פון דעם אומשטאנד נוטצען צו ציהען און צו שמידען דאס אייזען אזוי לאנג וויא עס איז נאך הייס.

— ווען מען זאל אייך געבען דיא מיטעל, אדער ווען איהר זאלט האבען דיא אויסזיכט צו געפינען פּיער לאַטירג, וואלט איך דאס בעוועגען איינצוגעהן אויף אונזער פארשלאג?

ביי דעם נאמען לאַטירג האט עמא זשובערט אויפגעציטערט. איין ווילדעם פייערל האט אויפגעפלאקערט אין איהרע אויגען, איהרע ברויען האבען זיך פינסטער צוזאמענגעצויגען, איהרע ליפּען זיינען וויים געווארן און איהרע הענד האבען געציטערט. „לאַטירג! — האט זיא אויסגעשריען מיט א הייזעריגער שטימע — „איהר האט גע־זאגט לאַטירג?“

— יא, און מיר ערקלערן זיך בערייט אייך צו דיענען, ווען איהר וועט אונז דיענען.

— און איהר האט געפונען דיא שפּור פון פּיער לאַטירג?

— דער יונגער גראף קוראוויאָוו פערפאָלגט איהם שוין א היבשע צייט.

— דער יונגער גראף קוראוויאָוו? — האט מאדאם ראָזיע געפרעגט, פאלענדיג פון איין ערשטוינען אין דאס אנדערע.

— יא, דער זוהן פון דער ערמאָרדעטער גרעפין. ער זוכט דעם שורקע צו קריע־גען און פון איהם דיא שריפטליכע בעקענטניס צו ערהאלטען דאס ער האט בעגאנגען דעם מאָרד אין אויפטראג פון אנ'אנדערן.

— דער זוהן פון דער ערמאָרדעטען זוכט פּיער לאַטירג און האט זיינע שפּור?— האט עמא ראָזיע איבערגערעדט.

— דער יונגער גראף דארף באלד אהער קומען; איהר קענט איהם זעהן און ריידען מיט איהם. איהר קענט זיך מיט איהם בעראטהען.

— איז דאס מעגליך! איך וועל פון איהם ערהאלטען מיטטהיילונגען פיר וועל־כע איך וואלט געגעבען מיט דעם בלוט פון מיין הערצען.

— מיר וועלען אייך מיט איהם בעקאנט מאכען, אזוי שנעל וויא איהר ער־

libtool.com.cn

קלערט זיך בערייט אַנצונעהמען אונזער פארשלאג — האט דער אונטערזוכונגס־ריכטער ערקלערט.

— איך נעהם עס אן, איך נעהם עס אן! — האט עמא זשוברט אויסגערופען אין אויפרעגונג — ווען דער גראף קען מיר געבען דיא מעגליכקייט מיך נוקם צו זיין אַן מיין מערדער, דאן טהוא איך וואס איהר פערלאַנגט פון מיר.

— ער קען דאס.

— דאן בין איך פון דעם אוינענבליק אַן אייערע.

— ענדליך! — האט דער פּאָליציי־דירעקטאָר מיט פריידע אויסגערופען.

— אבער מיט דער בעדינגונג, דאס איך בעהאלט מיינע פאָללע פרייהייט, און קען האנדלען אונטער איין אַנגענומענעם נאמען וויא מיר געפעלט, און קען אויסקלייבען אונטער דיא אַגענטען, וועד מיר געפעלט — האט מאדאם ראזיע צוגעזעצט.

— דאס איז זעלבסט פערשטענדליך.

— איך בין פון קיינעם ניט אַבהענגינג.

— ניין, איהר האט דיא בעפעהלע צו געבען.

— איהר גיט מיר א וואוינונג צו מיין געברויך?

— קענט איהר יענע וואוינונג אין דער רוע מעזלע? — האט דער פאליציי די־רעקטאר געפרעגט.

— יא.

— איז זיא געאייגנעט פיר אייך?

— פארטרעפליך.

דיא דריי העררען האבען זיך טריאומפירענד אַנגעקוקט. נאך פיעל מיהע האבען זיי דאך זייער צוועק עררייכט.

— יעצט מיינע העררען, לאזט מיר אלעס וויסען וואס אייך איז שוין בעקאנט — האט עמא זשוברט געזאגט.

— איך וועל אייך שטעלען צו פערפיגונג אלע אקטען וועלכע זיינען ביז איצטער אין דעם פאל צוזאמענגעשטעלט געווארן.

— יא, דיא וועל איך גערן דורכלייענען, און דאן וועל איך אייך פיליכט אויס־פרעגען וועגען מאנכע איינצעלהייטען, אויב זיי וועלען מיר אויפפאלען.

הער גיברייי האט ארויסגענומען א דיקען פּאק אקטען און האט עס געלייגט אויפ'ן טיש, ביי וועלכען זיין סעקרעטאר זיצט געוועהנליך. מאדאם ראזיע האט זיך ביי דעם טיש אניעדערגעזעצט.

— איך האב קיין בליישטיפט און קיין פּאפּיער ביי מיר — האט זיא געזאגט — קענט איהר מיר געפעליגסט וועלכעס געבען?

גיברייי האט איהר דערלאַנגט א נאטיץ־ביכל מיט א בליישטיפט.

וועהרענד עמא זשוברט האט געלייענט דיא אקטען און זיך געמאַכט נאטיצען, האבען זיך דיא דרייא העררען צוריקגעצויגען אין א ווינקעל פון ציממער און האבען זיך אונטערהאלטען וועגען זייער גרויסען נצחון.

— ווען ניט דער נאמען פּיער לאַטירג, וואלטען מיר ביי איהר ניט אויסגעווירקט

www.libtool.com.cn

— האט דער פאליציי-דירעקטאָר געזאָגט — האס און האפנונג אויף נקמה האבען אונז געהאָלפען.

— וועלכען געפיהל מיר האבען עס צו פערדאנקען איז גאנץ גלייך, אבער גענוג, מיר האבען זיא, און דאס איז דיא הויפּטזאכע. האט איהר געגעבען דעם בעפעהל צו ברייגנען דעם וואגען אין וועלכען דיא לייכע איז געפונען געווארען, נאך דער פּרעפעקטור?

— יא, הערר גיבריי, דער וואגען איז באלד געבראכט.

עמאַ זשובערט האט פון דיעזער אונטערהאלטונג קיין ווארט געהערט. דיא ארבייט וועלכע וואלט פיר אנ'אנדערן געוועזען לאנגווייליג און טרוקען איז פיר זיא געווארען אנציהענדער און שעהנער מיט יעדער מינוט. אין איהרע אויגען האט געגליהט איין ווילדעס פייער, איהרע וואנגען האבען געברענט, איהר אָטהעם איז געווארען האסטיג. זיא האט זיך וויעדער געפיהלט פּונקט וויא אין יענער צייט, ווען זיא איז געוועזען אין שטענדיגער בעוועגונג, ווען זיא האט ארויסגעפונען דיא וויכטיגסטע שליסע פון קליינע ערשיינונגען, און האט אהן ראַסט און אהן רוהע פערפאלגט דיא פערברעכער, וועלכע האבען געזוכט זיך צו ענטציהען פון דעם אָרם דער גערעכטיגקייט.

א גאנצע שטונדע האט זיא געלעזען מיט פיבערהאפטער האסט, ענדליך האט זיא אומגעדרעהט דיא לעצטע זייטע און האט אויפגעהייבען דעם קאָפּ.

— איך האב מיך אויבערפלעכליך בעקאנט געמאכט מיט דיא אקטען — האט זיא געזאגט — דאס איז אבער נאך ניט גענוג; איך וויל דעריבער ערזוכען דעם העררן אונטערזוכונגס ריכטער, ער זאל מיר ענטוועדער דיעזע אקטען מיטגעבען נאך הויז אדער ער זאל מיר ערלויבען צו קומען אהער זיי דורכשטודירען, ווען אויך נאך דיעזע נאכט.

— דיא אקטען מוזען דא זיין — האט הערר גיבריי געענטפערט — אבער מיין צימער שטעהט אייך אימער אפען.

— איך וועל קומען היינט אבענדס.

— האט איהר ביי דער ערשטער אויבערפלעכליכער בעקאנטשאפט מיט דיא אקטען עטוואס ענדעקט, וואס זאל אייך קענען געבען ליכט?

— ניין, דערווייל איז נאך אלעס דונקעל; נאר אין דעם בין איך געוויס, אז דיא ביידע מארד טהאטען קומען פון איין האַנד; איין מארד איז דיא פאלגע פון דעם אנדערן געוועזען. דיא פרוי אין דער קוראוויאָו-גרופּט איז מיט ניין שטונדען פריהער ערמאָרדעט געווארן אלס דער מאן אין רוע ערענסטין. דערפון שליעס איך, דאס דער צווייטער מאָרד איז פעראנלאַסט געווארן דורך דעם ערשטען. דיא פרוי האט עטוואס געזאלט ברייגנען נאך דער גרופּט, וואהרשיינליך א בריעף, וועלכער האט געמעלדעט דיא אנקונפט פון דעם מאן. דער אָרם אין דער בינדע איז וואהרשיינליך געוועזען איין ערקענונגס-צייכען. דער מערדער האט איהם עמפּפאנגען און האט איהם ערמאָרדעט. בערויבט האט ער וואהרשיינליך פון איהם נור פּאפּיערען וועלכע זיינען געוועזען וויכטיג פאר'ן מערדער, אזוי וויא דער פּאָרטמאָנע איז געבליעבען ביי דעם ערמארדעטען אונ-

www.libtool.com.cn

בעריהרט. דאס אלעס איז אזוי קלאָר, דאס א קינד קען דאס פערשטעהן פון דיא אקטען.

דיא דריי הערדען האבען עמא זשובערט צוגעהערט מיט דעם גרעסטען ערשטוינען. אבגלייך זיא האט בעהויפטעט אז איהרע בעהויפטונגען קען אפילו א קינד ארויסציהען פון דיא אקטען, האבען זיי עס דאך בעטראכטעט אלס דעם ערשטען שטראהל אין דער פינסטערניס.

— פאלט אייך עטוואס איין, וואס האט געקענט זיין דער בעוועג־גרונד צו דעם פערברעכען? — האט דער געריכטס־קאמיסאר געפרעגט.

— ניין, דאס נאך ניט; ווען איך זאל האבען דעם בעוועג־גרונד צום פערברעכען, דאן האב איך שוין אויך דעם פערברעכער. פאָר אלעם מוזען מיר וויסען ווער דיא ערמאָרדעטע זיינען, דערפון לאזט זיך פיעל ערקלערן. איך מוז דיאביידע לייכען זעהן.

— שוין יעצט?

— יעדענפאלס נאך היינט. פון דיא אקטען זעה איך, דאס ביי דעם ערמארדעטען זיינען געפונען געווארען אוהר און קייט, און א פּאָרטמאָנע. עס איז זעהר וואהרשיינליך אז דער ערמאדעטער האט אויך געהאט ביי זיך א בריעפטאשע, דען א רייזענדער וועט ניט פאהרען פון קאלע נאך פאריז אהן א וויזיט־קארטע, אהן א קאנווערט ביי זיך, סיידען ער האט אבזיכטליך געזוכט צו בעהאלטען ווער ער איז.

— דיא וועשע איז ביי דעם ערמארדעטען אויך ניט געצייכענט — האט דער אונטערזוכונגס־ריכטער געזאגט.

— ביי אונפערהייראטהעטע מענער טרעפט עס אפילו זעהר אָפט דאס זיי טראָגען ניט־געצייכענטע וועש, אבער דאך וועלען מיר נאך דיזע פראגע בעטראכטען. קען איך זעהן דיא אוהר און דיא פּאָרטמאָנע?

— געוויס.

הערר גיבריי האט ארויסגענומען דיא פערלאנגטע זאכען און האט עס געלייגט פאר איהר אויפ'ן טיש. זיא האט אויפמערקזאם בעטראכטעט דאס פּאָרטמאָנע פון אינוועניג און פון דרויסען:

— דאס פּאָרטמאנע איז א גאנץ ביליגע סחורה און האט העכסטענס געקאָסטעט דריי פראנקען. עס האט אויך שוין לאנג געדיענט, דען דאס לעדער איז שוין אפּגעשיילט, א מאן פון דער גוטער געזעלשאפט וואלט אזא פּארטמאָנע ביי זיך ניט געטראגען. אין גאנצען ליעגט דא געלד 327 פראנק. ווען דער מאן האט געהאט דיא אבזיכט צו בלייבען לייננער אין פּאריז, האט ער ענטוועדער געהאַט ביי זיך נאך געלד, אדער ער האט געהאט אנווייזונגען וואו געלד צו קריעגען. דאס אלעס מוז מען אויסגעפינען.

עמא זשובער̈ט האט אוועקגעלייגט דאס פּארטמאָנע און האט גענומען דיא אוהר. זיא האט געעפענט דאס טירל פון דיא ווערק און האט גענוי בעטראכטעט:

— עס איז א שעהנע שווייצער־אוהר אויף 8 שטיינער, אבער אזעלכע אוהרען געפינט מען איבעראל, זיי ווערען פערקויפט אין דיא הונדערט־טויזענדער שטיק, צו

www.libtool.com.cn

300 פראנק א שטיק. קיינע גראווירונג איז צו זעהן אויף דער איינפאסונג, דערפון קען מען גאר ניט ארויסגעפינען. האט מען מעהר גאר ניט געפונען ביי דער לייכע?

— ביי דעם מאן גאר ניט, אבער ביי דער פרוי צווישען דיא פינגער האט מען געפונען א בינדעלע האאר — האט דער אונטערזוכונגס־ריכטער ערקלערט.

— דאס איז וויכטיג. ווילט איהר עס מיר געפעלינסט וויזען?

— דא איז עס — האט הערר גיבריי געזאגט, ארויסנעהמענדיג פון זיין שרייב־טיש דאס בינדעלע האאר, איינגעוויקעלט אין א פאפיער.

עמא זשובערט האט פאנאנדערגעפאלטעט דאס פאפיער און האט דאס בינדע־לע האאר שיער פערשלונגען מיט דיא אויגען.

— האט איהר ביי דער האנד א פערגרעסער־גלאז? — האט זיא געפרעגט.

— יא. — און הערר גיבריי האט ארויסגענומען פון זיין שרייב־טיש א שטארקע פערגרעסער־גלאז, מיט וועלכע קונסט־קענער בעדיענען זיך געוועהנליך ביים בעטראכטען אלטע בילדער.

עמא איז צוגעגאנגען צום פענסטער אום מעהר ליכט צו האבען און האט פינף מינוטען לאנג בעטראכטעט דאס האר דורך א פערגרעסער־גלאז.

— האט דער ארצט געזעהען דיעזע האר? — האט זיא געפרעגט.

— יא.

— וואס האט ער געזאגט וועגען דעם?

— ער האט געזאגט וואס מיר זאגען, דאס דיא ארעמע פרוי האט זיך געוועהרט געגען מערדער און האט איהם דאס האאר אויסגעריסען.

עמא זשובערט האט געשמייכעלט מיט שפאט:

— צו פיעל שכל האט דער ארצט ניט, דאס זעהט מען גלייך, — האט זיא געזאגט.

— וויא מיינט איהר דאס? — האט הערר גיבריי געפרעגט זעהר ערשטוינט.

— ער האט אייך געזאלט זאגען, דאס אזוי גוט וויא דיא ערמארדעטע האט געהאלטען דיעזע האאר, האט זיא אויך געקענט האלטען א גאנצע פערריקע.

— א פערריק! — האט דער אונטערזוכונגס־ריכטער ערשטוינט אויסגערופען.

— יא, א פערריק. דער מערדער האט זיך פערקליידעט און אזוי וויא ער איז וואהרשיינליך ברינעט האט ער אָנגעטהאן א בלאנדע פערריקע און האט אייך אין גאנצען אראפגעשלאגען פון טראָפּ.

וויא ערנסט דיא זאכע איז געוועזען האט זיך עמא זשובערט דאך קוים איינגע־האלטען פון לאכען, אלס זיא האט געזעהן וואס פאר א דומע ערשטוינטע געזיכטער דיעזע דריי הערען האבען געמאכט.

— זעהט נור געניי דיא האאר — האט זיא ווייטער גערעדט — זיי האבען קיין ווארצלען ניט, מען האט זיי קיינמאהל ניט געריסען, נור געשאָרען, אום פון זיי צומאכען א פערריק.

דיא דריי הערען האבען איינער נאך'ן אנדערן גענומען דאס פערגרעסער־גלאז

www.libtool.com.cn

און האבען בעטראכטעט דאס בינטעלע האאר און האבען בעשטעטינט מאדאם ראזיע'ס בעהויפטונג.

— מיר מוזען אנפאנגען דיא אונטערזוכונג נאר פון פארינט — האט דיא פאליציסטין געזאגט — דיא עדות האבען זיך אפגענארט פונקט וויא איהר אליין און פון זייערע אויסזאגען קען מען זיך קיין צימעס ניט מאכען. אבער דאס שאדעט ניט; איז איינמאהל דער פאלשער וועג דערקענט געווארען, וועלען מיר שוין דעם ריכטיגען געפינען. נאך איינס: פון דיא אקטען איז צו זעהן, דאס ביי דער פרוי איז אויך דיא וועש ניט געצייכענט?

— אזוי איז עס.

— דיעזער פונקט איז זעהר וויכטיג. ביי פרויען איז עס א זעלטענהייט, אז זיי זאלען לאזען זייער וועש אונגעצייכענט, סיידען זיי האבען עפעס א גרונד דערפאר. אין דיא יאהרען וואס איך האב געדיענט דער פאליציי האב איך געמאכט דיא ערפאהרונג, דאס לייטע וועלכע געהערן צו א באנדע, מענער וויא פרויען, זיינען אימער בעמיהט קיינע צייכענס ביי זיך צו טראגען וועגען זייער פערזעהנליכקייט און ווען זיי האבען יא געהאט א צייכען, איז עס אימער געוועזען א פאלשער, אום דיא פאליציי אבצונארען.

— וואס שליעסט איהר דערפון? — האט גיברייי געפרעגט.

— דערווייליע נאך גאר ניט, אבער איך וועל מיך ניט וואונדערן אויב מיר וועלען אויסגעפינען, דאס דיאביידע ערמארדעטע זיינען מיטגליעדער פון א באנדע. איך מוז יעצט דיא לייכען בעטראכטען.

23טער קאפיטעל.

## פעראייניגט דורך ראכע.

אלס עמא זשובערט האט געענדיגט דיא לעצטע ווערטער האט דיא אוהר אין צימער געשלאגען דריי און אין דעמזעלבען אויגענבליק איז דער טהירוועכטער איינגעטרעטען און האט געמעלדעט דעם גראף איוואן סאמילאוו, וועלכערווארט אין קארידאר. הערר גיברייי האט בעפאהלען איהם גלייך ארייננצופיהרען און האט זיך געווענדעט צו עמא זשובערט:

— דער יונגער מאן וועלכער וועט גלייך אריינקומען, איז דער גראף קוראוויאוו. איהר זאלט איהם אבער דערווייליע רופען נור גראף סאמילאוו.

מאדאם ראזיע האט צוגעשאקעלט מיט'ן קאפ, דען ריידען האט זיא ניט געקענט פאר גרויס אויפרעגונג. דיא פערגאנגענהייט איז וויעדער אין איהר לעבעדיג געווארען. דיא מעגליכקייט צו זעהן דעם זאהן פון דער שעהנער ערמארדעטער גרעפין, האט זיא איבעררראשט.

זיא האט געקענט גראף איוואן נור אלס קינד, ווען ער פלעגט נאך שפיעלען אויף'ן שויס ביי זיינער מוטער. דאס בילד פון דעם יונגען גליקליבען פאר וועלכע האבען זיך אזוי צערטליך געליעבט, איז איהר וויעדער ארויף אויף'ן געדאנקען. זיא האט זיך ערינערט דעם שמערץ פון דעם יונגען גראף קוראוויאוו, אלס ער האט בעוויינט זיינע רייצענדע פרוי, דיא מוטער פון זיין קינד, וועלכע א מערדערהאנד האט פון איהם ענטריסען. און דיעזער מערדער איז געוועזן איהר, עמא זשובערט'ס געליעבטער, דער פאטער

www.libtool.com.cn

פון איהר קינד, וועלכעס זיא האט נאך דאן געטראגען אונטערן הערצען, זאגאר פיר זיין מיטשולדיגע האט מען זיא געוואלט מאכען!

איהר הערץ האט געקלאפט פונקט וויא עס וואלט וועלען צושפּרינגען און מיט מיהע האט זיא זיך געהאלטען אום ניט ארונטער צו פאלען פון איהר שטוהל. דיא אנוועזענדע האבען בעמערקט דיא שרעקליכע בלאסקייט פון איהר געזיכט.

— נעהמט זיך צוזאמען — האט גיבריי איהר אויפגעמונטערט — איהר האט קיינע אורזאכע זיך אזוי אויפצורעגען יעצט.

מאדאם ראזיע האט איבער זיך געהאט א גרויסע געוואלט. זיא האט זיך גע־פאסט און ווען גראף סאמילאוו איז אריין אין צימער האט זיא שוין אויסגעוויעזען גאנץ רוהיג.

דער יונגער מאן האט זיך פערנייגט פאר דיא אנוועזענדע און איז צוגעגאנגען צום הערן גיבריי, וועלכער האט איהם געררייכט דיא האנד.

— איך האף, איך האב אויף מיך ניט געלאזען ווארטען — האט דער יונגער רוסע געזאגט.

— ניין הערר גראף — האט דער אונטערזוכונגס־ריכטער געענטפערט און האט צוגעזעצט: דא איז דיא פרוי פון וועלכער מיר האבען געסטערן געשפּראכען.

עמא זשובערט'ס אויגען זיינען פייכט געווארען, אלס זיא האט דערזעהן דעם יונגען גראף, וועלכער האט מיט זיינע געזיכטסציגע עראינערט אן דיא יונגע גרעפין. זיא האט זיך דערמאהנט אן איהר געליעבטען מאריס, וועמעס פאטער עס איז געווען דער אבשייליכער מערדער פון דער גרעפין.

— מאדאם — האט דער יונגער רוסע אנגעהויבען זיך קעהרענדיג צו דער פּאַ־ליציסטין — אייער אנבליק דערוועקט אין מיר זעהר טרויעריגע עראינערונגען. ער דער־מאהנט מיך אן דיא צייטען פון מיין קינדהייט, ווען איהר זייט געווען מיינע ליעבע פריינדין, דען איך עראינערע מיך אן זייך פונקט וויא אן מיין מוטער. איך וויים וואס איהר האט אונשולדיגערווייזע אויסגעליטען און וויא איהר האט געקעמפפט נעגען פער־לייםדונג און איך בין העכסט ערפרייט איבער אונזער צוזאמענטרעפען. איך האף, אז איהר וועט זיך מיט מיר פעראייניגען אין דעם קאמפף, וועלכען איך וויל אונטערנעהמען נעגען אונזער געמיינשאפטליכען פיינד. פיעלע יאהרען האט מען איהם געזוכט אהן ער־פאלג, אבער איך גלויב אז איך האב יעצט געפונען זיין שפּור.

— הערר גראף — האט עמא זשובערט געענטפערט מיט א בעוועגטער שטימע, דיא פריידע וועלכע איך געניעס היינט איז גלייך צו יענער וועלכע איך האב דורכגעלעבט מיט דריי־און־צוואנציג יאהר צוריק, אלס דיא געשווארענע האבען מיך ערקלערט אונ־שולדיג פון דעם אבשייליכען פערברעכען. איהר, דער זאהן פון יענער פרוי, וועלכע איך האב אזוי הייס בעוויינט, איהר ערקלערט מיך נאך אמאהל פריי. איך דאנק אייך פון דער טיעפסטען זעעלע. איך שווער אייך, צו זיין אייער געהילפין. איך וועל אריינגעבען פיערר לאטירג אין אייערע הענד, ווען איך זאל אפילו וויסען דאדורך צו גרונדע צו געהען.

www.libtool.com.cn

— איך דאנק אייך — האט גראף איוואן געזאגט איינפאך און האט איהר גע־רייכט דיא האנד.

— איהר זאגט איהר האט דיא שפור פון פיערר לאטירג — האט זיא פלוצלונג נעפרעגט מיט א גאנץ ערנסטע, געשעפטסמעסיגע שטימע — קענט איהר איהם?

— גראף איוואן האט איהר אין קורצען דערציילט וואס ער האט שוין פריהער געהאט דערציילט דעם אונטערזוכונגסריכטער וועגען לאטירג און מאדאם ראזיע האט איהם צוגעהערט מיט דער גרעסטער שפאנונג.

— איהר גלויבט ער איז יעצט אין פאריז? — האט זיא געפרעגט.

— איך בין כמעט איבערצייגט.

— וואס גיט אייך דיא איבערצייגונג?

— נור איינע אהנונג. מיין הערץ זאגט מיר אזוי.

— אויב ניט מעהר וויא דאס, איז דאס נאך ניט געוויס, אבער מעגליך איז עס, איז לאטירג אין פאריז, דאן ברייננ איך דאס ארויס, איהר מעגט זיך דארויף פערלאסען. ניט מיר נור איבער דיא אנגעלעגענהייט אין האנד און ערלויבט מיר איך זאל אייך רופען דאן ווען איך וועל דארפען אייערע טהעטיגקייט.

— דאס איז זעלבסטפערשטענדליך; איך שטעה צו אייער פערפיגונג.

— איך האב נאך מיט אייך פיעל צו ריידען, דען איך דארף נאך האבען אויס־קונפט איבער אייניגע זאכען, וועלכע איהר קענט מיר געבען.

— ווען און וואו?

— דאס ווייס איך ניט, אבער איך וועל צו אייך שרייבען.

— איך וואהן אין גראנד האטעל; פערגעסט אייך ניט, דאס איך הייס יעצט גראף איוואן סאמילאוו.

— יעצט — האט זיך עמא זשובערט געווענדט צום אונטערזוכונגס־ריכטער — וועל איך אייך וויעדערהאלען מיין פערלאנגען, הערר גיברײ: איך וויל זעהן דיא לייכען.

— מיר פאהרען גלייך צו דער מארג — האט הערר גיברײ געענטפערט און האט א דריק געטהאן א קנעפעל. דעם איינטרעטענדען דיענער האט ער בעפאהלען צו ברייננען צוויי פיאקערס.

— איהר בעשעפטיגט זיך מיט דעם דונקלען פערברעכען אין וועלכען מען האט מיך בעשולדיגט? — האט גראף איוואן געפרעגט.

— יא — האט דיא פאליציסטין געענטפערט. איך האב עס אויף מיר גענומען און בין צופריעדען וואס איך האב עס געטהאן. ווער ווייס אויב דיעזער געהיימניספאלער דאפעלמארד וועט ניט פיהרען צו דער ענטדעקונג פון לאטירג.

— וויא? — האט דער אונטערזוכונגס־ריכטער אויסגערופען — גלויבט איהר, אז לאטירג האט עפעס א שייכות מיט דעם פערברעכען?

— איך ווייס עס ניט; מיר איז דער געדאנקען ערשט אריין אין קאפ אלס איך האב ערפאהרען, אז דיא לייבע פון דער פרוי איז געפונען געווארן אין דער גרופט פון דער פאמיליע קוראוויאוו.

— וואס האט דאס פאר א צוזאמענהאנג?

www.libtool.com.cn

— פרענט מיך ניט — האט זיא געענטפערט — איך וועל אייך שפעטער אלעס ערקלערן.

— איך האב אין אייך פאָלשטענדיגעם פערטרויען און וועל געדולדיג ווארטען.

דער דיענער האט געמעלדעט אז דיא וואגען ווארטען דרויסען און מאדאם ראזיע האט פערלאסען דעם יוסטיץ-פאלאסט אין דער בעגלייטונג פון אונטערזוכונגסריכטער, פאָליציידירעקטאר און פאָליצייקאמיסאר.

ענדע פון דעם ערשטען טהייל.

www.libtool.com.cn

# דיא וועלט באנדיטען.
## צווייטער טהייל.

### 1טער קאפיטעל.
### דאס מלאך המות אויג אן דער ארבייט.

— עס איז שוין געווען נאכט אלס מאדאם ראזיע איז איינגעטרעטען אין מארג, פאר דער גאזבעלייכטונג האט זיא אנגעפאנגען גענוי צו אונטערזוכען דיא לייכע. פריהער האט זיא בעטראכט דעם מאן, זיא האט גענומען זיין האנד און האט זיא בעטראכטעט.

— קיינע מאזאליעס (שוויעלען) דער מאן איז אלזא קיין ארבייטער — האט זיא געזאגט — אבער דיא פארם פון זיינע פינגער און דער שניט אויף דער רעכטער זייט, בעווייזען אז ער איז פריהער אמאהל געווען איין ארבייטער.

דיא פאליציסטין האט וויטער געזוכט און האט פלוצלונג ארויסגעלאזען פון זיך א געשריי פון איבערראשונג.

— וואס איז געשעהן? — האט הערר גיברוי געפרעגט.

— א צייכען צום דערקענען! דער ארם איז טעטאווירט, אין דעם צייכען מוז מען דעם מאן דערקענען. ער איז געווען וואהרשיינליך סאלדאט אדער געפאנגענער. נור אין קאזארמע און אין געפענגניס ווערען אזעלכע זאכען פראקטיצירט. זיינען דיא לייכען פאטאגראפירט געווארען?

— יא — האט דער פאליציי־דירעקטאר געענטפערט.

— דאן בעט איך מיר צו געבען דיא בעסטע בילדער. יעצט — צום צווייטען אפפער.

נאך א קורצער אונטערזוכונג האט מאדאם ראזיע אנגעהויבען איהרע אויסאיינאנדערזעצונג:

— דיא פרוי איז איינע אויסלענדערין, דאס זעהט מען נאך'ן שניט פון איהר געזיכט; זיא מוז זיין איינע ענגלענדערין, אויב מען זאל אורטהיילען נאך איהר רויטליכען האאר, לאנגע צעהנער, ברייטע פיס און נאך דער פארם פון איהר קינלאדע (מא־דע). איהרע הענד זיינען וויא ביי איין ארבייטערין.

דיא אגענטין האט גערעדט שנעל, נאך אנאנד, אין איבערציינגענדען טאן און איהרע דריי בעגלייטער האבען זיא אויפמערקזאם צוגעהערט.

— איך וואלט זאגען, אז דיעזע פרוי האט אין פאריז געדיענט — האט זיא פארטגעזעצט איהרע ערקלערונגען — דער מאן וויעדער, וועלכער קומט פון קאליי, איז וואהרשיינליך אהין געקומען פון ענגלאנד און האט וואהרשיינליך געפיהרט מיט זיך וועלכע וויכטיגע פאפיערען און דיעזע פאפיערען — (דיא אגענטין האט א היבשע ווילע

www.libtool.com.cn


נעקלעהרט ביי דעם זאטץ און האט דאן זיך איבערגעשלאגען): דא שטעקט נאך איין אנדערער צווישען און דיעזער אנדערער איז דער מערדער. דיעזער האט גענומען דיא פּאפּיערען פון דער קוראוויאָוו'שער גרופּט און פון דארט איז ער געגאנגען בעגעגנען דעם רייזענדען, און האט פון איהם גענומען נאך פּאפּיערען. אזוי האט עס געמוזט זיין, דערווײלע טאפּ איך נאך אין דונקלען, אבער עס וועט שוין ווערען העל.

— איהר גלויבט אלזא, אז יענער דריטער איז דער מערדער? — האט דער פּאָליציי=דירעקטאָר געפרעגט.

— יא.

— איז ער וואהרשיינליך געוועזן איין אויסלענדער.

— פון וואס נעהמט איהר דאס? — האט דיא אגענטין לעבהאפט געפרעגט.

— דערפון וואס אלע עדות האבען אויסגעזאגט, אז ער האט גערעדט וויא איי אויסלענדער.

— לאמיר לאזען דיא עדות צו רוה — האט זיא געזאגט — זיי האבען אויך געזאגט, אז דער יונגער מאן איז בלאנד. דער אקצענט קען פונקט אזוי פאלש זיין וויא דיא האאר. דער מערדער האט אלעס בערעכענט און דיא איינציגע אונגעשיקליכקייט, וועלכע איך האב ביז איצטער ארויסגערופען, איז, וואס ער האטביידע אפּפּער ער־מארדעט מיט דערזעלביגער וואפע. איך ווייס ניט אויב ער איז יונג, אבער יעדענפאלס שטעל איך מיר איהם פאר, וויא א מענשען אין פאלער קראפט א מאן פון פינף און צוואנציג יאהר, וויא דיא עדות זאגען איז אביסעל צו יונג פיר אזא פערברעכען, סיידען ער געהערט צו יענע אונגעהייערען פון מענשליכע פערברעכער=נאטורן, וועלכע זיינען גאט זיי דאנק א זעלטענהייט.

ווידער האט זיך עמא זשובערט איינגעבויגען איבער דער לייכע און האט בע־טראכטעט דיא וואונדען.

— עס איז קיין צווייפעל — האט זיא געזאגט — ביידע לייכען זיינען אומגעקומען פון איין האנד און דער גרונד צו זייער ערמאָרדונג איז איינער. ווען מען זאל געפינען ביי איינער פון דיא לייכען וועלכע פּאפּיערען, נור איינע צייעל, נור איין ווארט. אבער עס איז קיין סימן געפונען געווארען, ניט וואהר?

— קיין סימן — האט דער אונטערזוכונגס־ריכטער געענטפערט.

— הערר אונטערזוכונגס=ריכטער — האט זיך דער אויפזעהער פון מארג ארייך געמישט — איך האב אייך איבערגעגעבען א צוזאמענגעלייגטעס, צושניטענעס שטיקעל פּאפּיער, וועלכעס האט זיך געפונען אין דער טאשענאוהר פון דעם ערמארדעטען, האט איהר עס געציינט מאדאם ראזיע?

— וואס ניצט עס? — האט הערר ניברייי געזאגט, — דארט שטעהט קיין ווארט דארויף.

— דאס קען מען ניט וויסען — האט דיא אגענטין געזאגט — דיא זאכען דארפען ניט געאורטהיילט ווערען נאך זייער אויסערליכען אויסזעהען פונקט וויא דיא מענשען. איינער זעהט אויס גאנץ אונבעדייטענד און איז דאך זעהר וויכטיג, האט איהר דאס פּאפּיער ביי זיך?

www.libtool.com.cn


— ניין אין מיין ביורא.

— דא האבען מיר ניט מעהר צו טהאן; איך וועל אייך יעצט בעגלייטען צום יוסטיץ־פאלאסט און וועל בעזעהן דאס פאפיער.

— זאלען דיא לייכען מארגען בעשטאטעט ווערען? — האט דער אויפזעהער געפרעגט.

— ניין. איך דארף זיי נאך האבען.

— אבער איך מיין אז דיא לייכע פון דער פרוי קען מען ניט לייננער האלטען.

— דאן קענט איהר זיא בעשטאטען און דער מאן זאל נאך ליעגען אייניגע טעג, ביז דענסמאהל האף איך אויסצוגעפונען ווער ער איז.

דיא פיער פערזאנען האבען פארלאזען דיא מארג. דעם גאנצען וועג איז מאדאם ראזיע געווען פערזונקען אין געדאנקען און האט ניט געהערט וואס עס געהט פאר ארום איהר. דער גאנצער פייער פון טהעטיגקייט, וועלכער איז געלעגען אין איהר פערשטיקט זייט זיא איז ארויסגעטרעטען פון דער פאליציי, האט איצטער ארויסגעשאסען אין א לאדערנדער פלאמע. זיא האט איבערליינט, גערעכענט, פערמוטהעט און האט אנגע־שטרענגט איהרע געהירן אויף דאס אייסערסטע. דער אונטערזוכונגס־ריכטער האט דערקענט וואס אין איהר געהט פאר.

— איך זעה איך בעשעפטיגט וואס אין גערדאנקען — האט ער געזאגט — וואס זוכט איהר ארויסצוגעפינען?

— איך וואלט וועלען פארשטעהן אין וויא וויט האט גראף קוראוויאוו צו טהאן מיט דער זאכע.

— גלויבט איהר איבערהויפט, אז ער האט וואס צו טהאן דערמיט?

— ביי מיר איז קיין צווייפעל, דען וויא אזוי קומט עס דאך אין קוראוויאוו'ס גרופט? און צו וואס האט מען דיעזע גרופט אויסגעקליבען צום פלאטץ וואו צו האלטען פאפיערען?

— איהר גלויבט אלזא אז דער גראף האט דאך עטוואס צו טהאן דערמיט? — האט ניברייי געפרעגט גאנץ ערשטוינט.

— ער האט דערמיט צו טהאן, ער וויים עס אבער אליין ניט. וויא קומט מען צו וועהלען דיעזע גרופט און וויא קומט מען צום שליעסעל?

— פיעלייכט האט דאס נור צופעליג אזוי געטראפען — האט דער דירעקטאר בעמערקט.

— פיעלייכט האט מען דיעזע גרופט אויסגעקליעבען דערפאר וואס מען האט געוואוסט, אז דארט איז קיינער ניט בעשטאטעט און דעריבער קומט אהין קיינער ניט.

— האלט מיין העררו! — האט עמא זשובערט אויסגעשריען גאנץ ענטצוקט — אייערע אייגענע ווערטער בעשטעטיגען מיינע אנזיכט. דיא גרופט איז לעער, אבער ווער וויים דאס? אלס מען האט דיא גרעפין פון דארט ארויסגענומען אום איבערצו־פיהרען נאך רוסלאנד מיט דריי־און־צוואנציג יאהר צוריק, איז עס געטהאן געווארען אהן אויפזעהן און דיא צייטונגען האבען קיין ווארט דערמאהנט דערפון. דער וואס האט יעצט בענוצט דיא גרופט, האט עס געמוזט וויסען און דעריבער האט ער קיין מורא

www.libtool.com.cn

געהאט, אז איינער וועט איהם שטערן. אבער ווער האט עס אלעם אזוי גענוי געקענט וויסען?

— דער גראף איוואן האט עס נאטירליך אלעם געוואוסט — האט דער געריכטס קאמיסאר געמורמעלט.

— אך ניין! — האט איהם מאדאם ראזיע איבערגעשלאגען אונגעדולדיג — דער יונגער רוסע האט עס געוואוסט, אבער זיין פערזאן האט דערמיט ניט צו טהאן, ער איז אונשולדיג און ווייס פון אלעם וואס דא איז געשעהען ניט איין האר. אבער עס איז דא נאך איינער, א שרעקליכער שורקע, וועלכער האט געוואוסט, דאס דיא גרופט איז לעער, ווייל וואו ער איז געוועזען האט ער זיך געזוכט צו פערשאפען אלע נייעס וועלכע האבען זיך בעצויגען אויף דיא גרעפין קוראוויאוו. דאס איז דער עלענדער שורקע. איך פעראַכטהע איהם!

— לאטירג! — האבען דיא בעאמטע אלע צוגלייך אויסגערופען.

— קיין בעווייז דערפאר האב איך ניט, אבער דאך וואלט איך קענען שווערען. אז דאס איז אזוי. ווען מיר קומט א געדאנקען אזוי קלאר אין קאפ, דאן איז ער אימער ריכטיג. אין מיינע פריהערינע אונטערזוכונגען האב איך ערפאהרען, דאס פיערר לאטירג געהערט צו א מארד און רייבער־באנדע, ווער זאגט אונז, אז מיר שטעהען ניט איצטער אנטקעגען דיעזער באנדע, צו וועלכער לאטירג געהערט געוויס אויך? עס איז קלאר דאס ער האט אויסגעקליעבען קראוויאָווס גרופט אלס דעם פלאטץ צו קאָרעס־פאָנדירען מיט זיינע קאמעראדען און קיין בעסערן פלאטץ האט ער ווירקליך ניט געקענט געפינען. ווער קען דאס איינפאלען חושד צו זיין א מאן אדער א פרוי, וועלכע קומען מיט א טרויעריגער מינע און מיט א קראנץ אין דער האנד, צו בעזוכען א קבר?

אלעס וואס עמא זשובערט האט גערעדט איז געווען אזוי קלאר, אזוי לאגיש, דאס קיינער פון דיא בעאמטע האט געפונען עטוואס איינצווענדען. „דאס אויג פון מלאך המות" האט זיך ארויסגעוויזען אין פאלער מאכט. מיט צוויי שטונדען צוריק איז דיא זעלטענע פרוי געשטאנען פאר א פינסטערן רעטענים און שוין האט אנגעהויבען צו ווערען ליכט אין דער זאכע.

— לאטירג רייזט אין אויסלאנד — האט דיא אגענטין ווייטער איבערלעגט — לויט ער איז אין פערשיעדענע לענדער געוועזען, וואהרשיינליך אום צו זעהן זיינע סאמע־ראדען; ער קומט נאך בריסעל און געהט נאך פאריז, אום צו בעגעהן וואהרשיינליך א נייעס פערברעכען, אדער צו בעשטעלען אז איין אנדערער זאל עס בעגעהן. א, ער איז עס! — האט זיא אויסגערופען ווילד — איך וויל גלויבען, אז גאט אליין נעהמט מיינע זאכע אין דער האנד און פארהעלפט מיר צו דער ראכע!

אלס דיא וואגען זיינען געבליעבען שטעהן ביין פאלייד־דע־זשוסטיס האט עס גע־שלאגען האלב זעקס. דא האט זיך מאדאם ראזיע דערמאהנט, אז זיא האט איינגעלאדען מארים'ן אויף זעקס אוהר.

— איך מוז מיך בעאיילען — האט זיא געזאגט — דען איך ערווארטע איינעם ביי מיר אין הויז אום זעקס אוהר.

— נור נאך איינינע מינוטען.

www.libtool.com.cn

אלע זיינען שנעל אריין אין הערר גיברייז'ס צימער. דיעזער האט ארויסגענומען פון זיין שרייבטיש א קליינעם קאנווערט מיט דעם שטיקעל פאפיער וואס איז געפונען געווארען ביין ערמאָרדעטען און האט עס איהר דערלאנגט. אלס זיא האט דאס שטיקל פאפיער פונאנאנדערגענומען, האט זיא אזש אויסגעשריען פאר פרייד — דיעזעס פאפיר האלט איהר פאר אונבעדייטענד?! — האט זיא געזאגט.

— האט עס א בעדייטונג?

— נאך וועלכע!.... פיליי̈כ̈ט איז עס דאס ליכט אין דער פינסטערניס.

— וואס זעהט איהר אויף דיעזען פאפיער?

— איך בין ערשטוינט דאס איהר זעהט ניט. דערקענט איהר ניט אין דיעזע איינשניטע א מיטעל צום געהיימען קאָרעספאָנדירען? איך קען דיעזע שריפט; אמאהל פלעגען זיך דיפלאָמאטען דערמיט בענוטצען, איך האב דעם שליעסעל דערצו. דאס האב איך געלערנט פון א פערברעכער, פון דיא הויכע קלאסען, וואס האט א מאהל געדיענט אין דער ענגלישער געזאנדטשאפט אין פאריז. זעהט איהר דען ניט, אז איהר האלט אין האנד דעם שליעסעל צום געהיימניס?

— איז דאס מעגליך?

— געוויס; מאָרגען וועל איך אייך זאָגען דיא בעדייטונג פון איהם. דאס בעשטעטיגט מיינע אננאהמע, אז מיר שטעהען פאר א געהיימער באַנדע. מיט פינף־און־צוואנציג יאהר צוריק האב איך אמאהל געזעהן ביי לאַטירג אזא מין סאָרט פאפיער, און האב עס אויך געהאלטען פיר אונבעדייטענד. פון דאמאָלס אָן האב איך פיעל געלערנט. לאטירג מוז זיין אין פאריז, און אויב ער איז איצטער דא ניטא, וועט ער וואהרשיינליך קירצליך צוריקקעהרען אהער, ווייל ער גלויבט זיך פאָלשטענדיג זיכער. ער דיינקט אז קיינער קען איהם ניט און קיינער בעדארף איהם ניט. דער שורקע מאכט חשבן אהן מיך. איך ביטע אום דיא ערלויבניס מיטצונעהמען דיזעס שטיקעל פאפיער, דען איך מוז רוהע האבען אום עס צו שטודירען.

— איהר קענט עס נעהמען, מאדאם.

— דיא קוראוויאָוו'שע גרופע וועל איך מאָרגען בעזוכען.

— איך וועל אייך בעגלייטען.

— ווייטער מוז איך דעם וואגען בעזוכען, אין וועלכען דיא לייכע איז געפונען געוואָרן.

— דער וואגען שטעהט אויף דער הויף פון דער פרעפעקטור.

— זעהר גוט. וועלכע אגענטען האבען זיך ביז איצטער בעשעפטיגט אין דער זאכע?

— ושאָדלע און מארטעל — האט דער פאליציי־דירעקטאר געענטפערט.

— איהר וועט אזוי פריינדליך זיין געבען דעם אויפטראג צו דיא ביידע און צו א האלב דוצענד אנדערע פאָליציסטען, זיי זאָלען מיר אויסמאכען פון אלע האָטעלביכער א ליסטע פון אלע געסט וועלכע האבען אבגערייזט אם איין־און־צוואנציגסטען. דאס איז מיר זעהר וויכטיג.

— דאס זאל געשעהן.

www.libtool.com.cn

— מאָרגען אום צעהן אוהר ערוואַרט איך זשאַדלע און מאַרטעל אין דער וואָ-נונג אין רוע מעזלע. גיט מיר גנפעלינסט דעם שליסעל צו דיעזער וואוינונג.

— איהר קריעגט איהם גלייך.

— איך ·וועל זיי דאָרט געבען מיינע אנווייזונגען און וועל דאַן קומען אהער אום צו נעהן מיט אייך צום פּער-לאשעז.

— איך וועל אייך ערוואַרטען — האט הערר גיבריי געענטפערט.

— קענט איהר מיר געבען די פאָטאָגראַפען פון די לייבען.

— דאָ זיינען זיי; קלייבט אייך אויס די בעסטע.

— די אַגענטין האט אויסגעקליעבען אַ פּאָר בילדער, האט פון פּאָליציי-דירעקטאָר גענומען דעם שליסעל צו דער וואוינונג אין רוע מעזלע און האט פארלאזין דעם פּאָליי-דע-זשיסטיס. דעם ערשטען פּיאַקער וואס זיא האט דערזעהן האט זיא אנגעהאלטען און האט געזאָגט דעם קוטשער: רוע דע-לאַ-וויקטאָאר — אַ פראַנק טרינק-געלד, שנעלל!

זיצענדיג אליין אין פּיאַקער האט זיא איבערלייגט איהר לאגע ערנסט, און האט מעהר געטראַכט פון איהר מאַרים אלס פון דעם פערברעכען וועלכעס האט בעשעפטיגט גאַנץ פּאַריז.

— איך האָב קיין מוטה געהאט צו זאָגען ניין — האט זיא געטראַכט, דען נאָך לעבט דער האס אין מיין ברוסט און איך וויל מיך נוקם זיין אין דעם עלענדען שורקע פיר מיין צובראָכענעם לעבען.... אָבער פיליכט וואָלט איך דאָך בעסער געטהאָן ווען איך וואָלט געזאָגט „ניין"? ווען מיין מאַרים זאָל אמאָהל ערפאַהרען דאס איך געהער דער געהיימפּאָליציי, וואָלט ער מיך דען געקענט ליעבען? וואָלט ער מיך נאָך געקענט אַכטען? יעדענפאַלס מוז איך מיך זעהן צו היטען, ער זאָל עס ניט ערפאַהרען. אונ-טער דער מאַסקע פון דער רוהיגער בכבוד'ער מאַדאַם ראָזיע וועל איך בעהאַלטען „דאס אויג פון מלאך-המות", וויא די פּאָליציי רופט מיך, און ווע'ל זעהן מיין זאַך דורכצופיהרען.

פון דעם געגענשטאַנד זיינען איהרע געדאַנקען אַרויפגעשפּרונגען אויף איין אַנדערן.

— איך גלויב איך האָב קיין טעות ניט—האט זיא געטראַכט—לאַטירג שפּיעלט דאָ די הויפּטראָלע, און עס איז ניט מעהר וויא רעכט, דאס איך זאָל איהם פּאַקען. בין איך דאָך שולדיג עווינע דאַנקבאַרקייט דעם גראַף איוואַן, וועלכער האט מיך גע-מענט פערפלוכען אלס די געליעבטע פון זיין מוטערס מערדער. איך וועל איהם העלפען אראָפּרייסען די מאַסקע פון יענעם אריסטאָקראַטישען מערדער, ביי וועמען לאַטירג האט געדיענט אלס ווערקציינג.

דער וואַגען איז געבליעבען שטעהן. וויא שנעל ער איז אויך געפאַהרען, האט ער דאָך אַ פערטעל שטונדע פערשפּעטיגט. מאַרים האט זיא שוין ערוואַרטעט אין זאַאַל, און אלס ער האט זיא דערזעהן איז ער איהר געקומען אנטקעגען, האט איהר געקוסט אויףביידע וואַנגען און האט געזאָגט פריליך: היינט קענט איהר מיר קיינע פאָרווירפע מאַכען, ליעבע פריינדין, היינט האט איהר מיך געלאַזען וואַרטען.

www.libtool.com.cn

— איין מאהל איז קיין מאהל — האט מאדאם ראזיע געענטפערט אין דעמ= זעלבינגען טאָן. דאן האט זיא גענומען דעם שעהנעם קאָפּ פון דעם יונגען מאן אין איהרעביידע הענד, און האט געפּרעסט איהרע ליפּען צו זיין שטירן.

ארעמע פּרוי, אונגליקליכע מוטער! דער מאן וועלכען זיא האט אזוי צערטליך אומארמט איז געוועזען דער מערדער וועלכען זיא געהט זוכען אום איהם צו ברייננען אויפ׳ן עשאפאט. און דיעזער מערדער איז איהר זוהן! איהר שארפער בליק האט איהר דא ניט געהאָלפען, קיין אינערליכע שטימע האט איהר דאס ניט אונטערגעזאגט.

— איך בין לייננער אויפגעהאלטען געוואָרן אלס איך האב געמיינט — האט זיא געזאָגט אראָפּוואָרפענדיג פון זיך דעם הוט און מאנטעל—נעהם מיר דאס ניט איבעל.

— איהר דאַרפט זיך ניט ענטשולדיגען ליעבע פריינדין, איך זינדיג פיעל עפטער אנטקעגען אייך.

— דער טיש איז געגרייט — האט דיא דיענסט געמעלדעט.

עמא זשובערט האט גענומען איהר זאהן אונטערן ארעם און האט איהם גע= פיהרט אין שפּייזע־זאל, וואו דער טיש איז געוועזען פיין סערווירט. דאס אבענד=עסען האט פיין געשמעקט, אבער האט ניט צו לאנג געדויערט, און אום ניין אוהר האט מאָרים גענומען אבשיעד פון זיין ליעבער פריינדין.

— געדיינקסט דוא נאך דיין פערשפּרעכען — האט דיעזע איהם געפרעגט אלס זיא האט איהם בעגלייטעט צו דער טהיר.

— וועלכעס פערשפּרעכען ?

— מיר צו שרייבען, ווען דייז רייזע זאל זיך פארציהען מעהר אלס צוויי—דרייא טעג.

— איך וועל עס ניט פערגעסען.

— איך רעכין אויף דעם, און דוא ווערסט מיר אנמאכען פיעל הארץ=קלעמענעס אויב דוא ווערסט עס ניט טהאָן.

מאָרים איז פון דאנען גלייך אוועק אויף זיינע וואהנונג אין רוע דע גאָווארין, וואו ער האט געהאפט צו ערהאלטען וועלכע נאכריכטען פון אָקטאוויע. אבער דיא קליינע פארשוין האט איהם פון זיך ניט געלאזט הערן אדער זעהן. איבער דיא ערגעבערונג פון דעם יונגען רוסישען מיליאָנער האט זיא איהר געליעבטען איז גאנצען פערגעסען, און דיעזער האט זיך אין הערצען געפרייט וואס זיא האט איהם פריי געמאכט.

ער האט איינגעפּאקט דיא זאכען וועלכע ער האט מארגען נויטיג געהאט מיט= צונעהמען נאך וויק־סור־בריין, און האט זיך געלייגט שלאפען.

24טער קאפּיטעל.

## א דייטליכער ווינק.

אזוי שנעל ווי מאָרים איז אוועקגעגאנגען האט מאדאם ראזיע אָנגעטהאן דעם מאנטעל און הוט און האט געקלונגען.

— מאדליין — האט זיא געזאגט צו דער איינטרעטענדער דיענסט — איך מוז אויסגעהן און וועל פיליינט קומען שפּעט; ווארט ניט אויף מיך און געה צו בעט, איך נעהם מיט א שליעסעל.

www.libtool.com.cn

— זעהר גוט, מאדאם.

מאדליין האט שוין פופצעהן יאהר געדיענט ביי מאדאם ראזיע, האט קיינמאהל ניט געוואוסט וואס איהר ווירטהין טהוט, און האט זיך אויך ניט בעקימערט וועגען דעם. זיא האט אלעם געפונען גאנץ נאטירליך און האט איהר ווירטהין זעהר געאכטעט.

צוואנציג טריט פון איהר הויז האט מאדאם ראזיע געטראפען א פיאקער פון וועלכען זיא האט זיך געלאזען פיהרען נאך דער רוע מעזלע. זיא איז ארויסגעשטיגען, איז געגאנגען א פאר הונדערט טריט צו פוס און האט דאן איינגעקעהרט אין א געהעפט. דארטען ווידער איז זיא ארויף מיט א טרעפען דריי שטאק הויך, און אין באלד געשטאנען אין א קארידאר מיט עטליכע טהירען. דארט איז געווען שטאקפינסטער, אבער א קליינע טאשענלאנטערנע וועלכע מאדאם ראזיע האם מיט געהאט, האט איהר בעלויכטען דיא טהיר וועלכע זיא האט געזוכט. זיא האט דיא טהיר אויפגעשלאסען, איז אריינגעטרעטען און האט דיא טהיר ווידער פערשלאסען הינטער זיך. וויא עס שיינט איז איהר דיעזע וואוינונג געוועזען בעקאנט, דען זיא איז גלייך געגאנגען אין קיך, וואו אלעם איז געוועזען אין דער בעסטער ארדנונג, און האט אנגעצונדען א לאמפע וועלכע איז געשטאנען איבערן קאמין. אונטען אין קאמין איז געלעגען א בינטעל האלץ אין גוטער ארדנונג, וויא איינצוהייצען, און אלס דיא בעזוכערין האט צוגעליינט א ברענענדעם צינדהעלציל האט עס גלייך אויפגעפלאקערט. דאן איז זיא אריין אין איין אויסגעפוצטען שלאף=צימער, וואו דאס בעט איז געשטאנען פיין אויסגעבעט. פון דארט איז מאדאם ראזיע אריין אין א צימער וואו גרויסע שרענקע (אלמערם) מיט שיעב=טהירען זיינען געשטאנען איינער נעבען אנדערן.

דיא פאליציסטין האט ארויסגערוקט דיא טהירען פון א פאר שרענקע און עס האבען זיך בעוויזען וויבליכע קליידער פון אלערליי פארמען און געשטאלטען, פון דער קאסטבארע טואלעטע פון א וועלט=דאמע, ביז צו דער לומפיגער קליידיל פון א בעטלערקע. „עס איז נאך אלעם אין גוטער ארדנונג“ — האט זיא געמורמעלט — „קיין זאך איז ניט פערדארבען.“

זיא האט צוגעמאכט דיא שרענקע און איז געגאנגען צוריק אין זאל און האט זיך געזעצט פאר א שרייב טיש, אויף וועלכען עס זיינען געלעגען אנגעווארפען פאפיערע, פעדערן און אלע שרייב־מאטעריאלען פון אלע פארבען און מאסען. דא האט זיא ארויסגענומען פון קאנווערט דאס שטיקעל פאפיער וואס הערר גיברייי האט איהר געגעבע און האט עס גענומען שטודירען.

דאס שטיקעל פאפיער וועלכעם איז געלעגען פאר מאדאם ראזיע'ס אויגען שפיעלט א גרויסע ראלע אין דיעזער ערצעהלונג, עס איז דעריבער נייטיג דער לעזער זאל זיך מאכען א בעגריף, וויא אזוי עס האט אויסגעזעהן. דיא איינשניטע פון דעם פאפיער קען מען פארשטעלען דורך פאלגענדע צייכענם:



www.libtool.com.cn

מאדאם ראזיע האט א ווײלע נעהאלטען דאס פאפיער איבערן לאמפ און אײנער נאך דעם אנדערן האבען זיך בעװיעזען בוכשטאבען און צײלען, ביז דאס גאנצע פאפיר איז געװארען װיא בעדעקט מיט א שריפט פון געלבליכער פארבע, אזוי דאס, זיא האט לײכט איבערגעלעזען פאלגענדעס:

**בראדא, 20 דעצעמבער, 1876**

„ליעבער פרײנד! הײנט פריהמארגען האב איך געהאט א בעזוך פון אונזער (רײזענדען), ער טראגט אײן (ארם אין בינדען) צוליעב א שװערען אונפאל װאס האט איהם געטראפען געסטערן אום (מיטערנאכט) אויף דעם (נארד־באהנהויף). ער האט געהאט בײ זיך א װעקסעל אויף דרײ (הונדערט טויזענד פראנקען) אויף דיא באנק פראנק פון פאריז. איך גלויב עס איז (ניט נײטיג) דאס געלד גלײך צו פערװענדען איך בין דער מײנונג (דאס ער זאל זײ ברײנגען) גלײך (אויף אײער) ריכטיגען (בעשטים מונגס־פלאטץ), אויף דער באנק־דע־פראנס. (ערװארטעט איהם יעצט) און מיך שפעטער דאנערסטאג פון נעכסטער װאכע."

אײער J. T.

מען האט דעם בריף געקענט לעזען ניט אנװארמענדיג איהם אויף דער לאמפען נור אזוי פאר'ן שײן; אבער מאדאם ראזיע האט געלאזען דיא שריפט הערפארטרעטען, אום דײטליכער צו אונטערזוכען. דיא װערטער װעלכע זײנען דא אײנגעקלאמערט און אויסגעשפרײט, זײנען אין בריעף אויסגעקומען צװישען דיא אײנשניטע. מאדאם ראזיע האט דיעזעם פאפיער ארויפגעלײגט אויף אײן אנדערעס, א רײנעם פאפיער און האט מיט א שפילקע (שטעקנאדעל) דורך געצײכענט, דיא אײנשניטע דאן האט זיא דיא אײנגעשניטענע שטיקלאך פון איהר װײסען פאפיער אין גאנצען אויסגעשניטען און האט עס ארויפגעלעגט אויף דעם בריעף. דורך דיא לעכער האבען דאן ארויסגעקוקט דײטליך פאלגענדע װערטער, װעלכע האבען זיך געלײענט װיא א טעלעגראמא:

„רײזענדען, ארם אין בינדע, מיטערנאכט, נארדבאהנהויף, הונדערט טויזענד פראנקען, ניט נײטיג ער זאל זײ ברײנגען אויף אײער בעשטימונגספלאטץ, ערװארטעט איהם יעצט."

מאדאם ראזיע האט איהר ארבײט פערטיג געהאט. זיא האט איצטער געגלויבט הערען גיבריי צו איבערצײגען, דאס זיא האט זיך ניט אפגענארט אין איהרע בערעכ־נונגען. זיא האט נאך א װײלע שטודירט דיא נאטיצען װאס זיא האט ארויסגענומען פון דיא אקטען, דאן איז זיא אויפגעשטאנען, האט אנגעצונדען איהר טאשען לאנטערנע, האט אויסגעבלאזען דיא לאמפע און האט פערלאזען דאס הויז, צושליעסענדיג דיא טהיר בײן ארויסגעהן.

ערשט נאך האלבע נאכט איז זיא געקומען צו זיך נאך הויזע און איז געגאנגען צו בעט. זיא האט אונרוהיג געשלאפען און איז פריה ארויסגעשפרונגען פון בעט. דיא גוטע מאדלײן, איהר דיענסט־פרוי, איז געװען ניט װעניג ערשטוינט אלס מאדאם ראזיע האט פון איהר אזוי פריה פערלאנגט פריהשטיק.

— מאדאם װילען אויסגעהן? — האט זיא געװאגט צו פרעגען.

— יא — האט מאדאם ראזיע געענטפערט.

www.libtool.com.cn 

— זאל איך מאכען מיטאג?

— ניין, איך האב געשעפטזאכען צו בעזארגען און וועל וואהרשיינליך עסען ערגיץ וואו מיטאג.

— ווענט מאדאם דא עסען אבענדס?

— איך דיינק יא.

— וואס בעפעהלט מאדאם?

— קאָך וואס דוא ווילסט.

— זעהר גוט, מאדאם.

מאדליין האט געבראכט שאָקאָלאַט, בוטער און ברויט, מאדאם ראזיע האט האסטיג געגעסען און אום ניין אוהר האט זיא פארלאזען איהר וואהנונג. אזוי שנעל וויא א פיאקער האט זיא געקענט פיהרען איז זיא געווען אין רוע מעזלע, וואו מיר האבען זיא געזעהן לעצטע נאכט, דאס הויז האט געהערט צו דער פאליציי און דער הויז־מייסטער איז געווען א געוועזענער פּאָליציסט, וועלכער האט געקענט עמא זשובערט און האט זיך ניט געוואונדערט אלס ער האט זיא געזעהן ארויפגעהן דיא טרעפּ.

אינוועניג אנגעלאנגט האט זיא ארויסגענומען פון איינעם פון דיא שרענקע נאָנען קליידער (קליידער פון א מיגישקע) און האט עס גלייך אנגעטהאן. דאן האט זיא זיך געזעצט פאר א שפּיעגעל און געפארבט איהר געזיכט מיט אלערליי געזיכט־פארבען, ביז זיא איז ניט מעהר געווען צו דערקענען, זיא האט דיא ארבייט פון פארבען פער־שטאנען בעסער וויא מאנכע שוישפּילערין.

גלייך נאך צעהן האט עמא זשובערט דערהערט דיא גלאָקע ביים טהיר און האט געעפענט דיא טהיר. פאר איהר זיינען געשטאנען זשאדלע און מארטעל. אלס זיי האבען דערזעהן פאר זיך א נאָנע, האבען זיי צוריקגעטרעטען גאנץ ערשטוינט:

— ענטשולדיגט אונז, שוועסטער, האט זשאדלע געזאגט, מיר האבען געמאכט א פערזעהן אין דער טהיר.

עמא זשובערט האט געלאכט:

— ניין מיינע פריינדע, עס איז קיין פערזעהן, טרעט איין געפעליגסט.

זשאדלע האט ניט דערקענט דאס געזיכט, האט אבער דערקענט דיא שטימע, און מיט א פריידענגעשריי איז ער איינגעטרעטען און הינטער איהם מארטעל: „דאנער־וועטער, מאדאם ראזיע, איהר קענט וואס בעווייזען!“ — האט ער געזאגט — אלס שוישפּיעלערין וואלט איהר אייער גליק געמאכט.

— דאס איז צום שטוינען! — האט מארטעל צוגעשטימט — פיער־און־צוואנציג שטונדען וואלט איך מיט אייך זיין צוזאמען און וואלט אייך ניט דערקענט.

— עס טהוט מיר הנאה וואס איך האב ניט פארגעסען מיין האנדווערק — האט עמא זשובערט געזאגט, רייבענדיג ביידע אנענטען דיא האנד.

— מיר וועלען אלזא נאך א מאל צוזאמען ארבייטען? — האט זשאדלע געפרעגט מיט צופריעדענהייט.

— יא, מיין פריינד, עס האנדעלט זיך וועגען זעהר א שווערען פאל. דיא הערען האבען מיך געבעטען זיי צו העלפען.

www.libtool.com.cn

— דאס איז א גוטער געדאנקען — האט מארטעל אויסגערופען — וואו איין אנדערער זעהט ניט דיא האנד פאר דיא אויגען, דארט זעהט איהר פּאָרטרעפליך. ניט אומזיסט האט מען אייך א נאמען געגעבען „דאס אויג פון מלאך המות". איהר זייט א מלאך המות פאר דיא פערברעכער.

— זייט איהר שוין פערטרויט מיט דער זאכע? — האט זשאַדלע געפרעגט.

— יא, און אויב עס פעהלען מיר נאך איינצעלהייטען, וועל איך זיי פון אייך ערפאהרען.

— מיר שטעהען אייך צו דיענסטען.

— בריינגט מיר דיא ליסטע פון דיא רייזענדער, וועלכע זיינען אפּגעפאהרען פון דיא האטעלס אין דעם טאג נאך דעם פערברעכען.

— זייט נעכטען האבען מיר נאך ניט בעוויעזען אלע האטעלס דורכצוזוכען, אבער דא האט איהר דיא ליסטע פון דיא האָטעלס וועלכע מיר האבען בעוויעזען צו בעזוכען געסטערן ביז מיטערנאכט.

— פון וויעפיעל קווארטאלען?

— נור פון אכט. ביז אבענדס וועלען אריינקומען פון דיא איבעריגע צוואנציג.

— האט איהר פיעל נאמען?

— נור צוואנציג, דיא האָטעל-בעזיטצער בעקלאגען זיך, דאס וועניג לייטע קומען יעצט אריין.

— גיט מיר דיא ליסטע און זעהט איך זאל היינט ערהאלטען דיא איבריגע. איך קען מיינע נאכפארשונגען ניט אנפאנגען, ביז איך וועל אלעס האבען, פארלייפיג וויל איך פון אייך וועלכע אויסקונפט האבען.

— צו דיענען, מאדאם ראזיע.

— זיינען איצטער דא אין דיא געפענגניסען פיעל ריקפעליגע? אזעלכע וואס (זיינען שוין פריהער אמאהל געזעסען).

— ביז הונדערט אונגעפעהר.

— איך מוז האבען זייערע נעמען. קענט איהר מיר אויך אָנגעבען איינינע נעמען פון אזעלכע פארשוינען מיט וועלכע איך האב מיך אמאהל בעשעפטיגט און וועלכע זיינען איצטער פריי, אבער איהר האלט נאך איין אויג אויף זיי?

— איך וויים אזעלכע אויך — האט זשאַדעל געענטפערט — וויא צום ביישפיעל סילוויאן קאַרני און גאלובעט.

— זעהר גוט. לאזט דיא ביידע לייטע גוט בעאבאכטען און לאזט מיר וויסען וואס זיי טהוען און וואו זיי פארקעהרען.

— דאס וועט ניט שווער זיין — האט זשאַדלע געענטפערט — גאלובעט איז איין אלטער פערד-בייטער און מען טרעפט איהם אויף יעדען פערד-מארקט.

— פיר היינט איז עס גענוג — האט עמא זשובערט געזאגט — איך געה נאך דער פערפעקטור, אויף וויעדערזעהן היינט אבענד!

— אויף וויעדערזעהן!

דיא פּאָליציסטען זיינען אוועקגעגאנגען אויספיהרען דיא ערהאלטענע בעפעהלע

www.libtool.com.cn

און מאדאם ראזיע איז געשטאנען א האלבע שטונדע שפעטער פארן פאָליצי־דירעקטאָר. דא האט זיך נאך אמאהל ווידערהאלט דיעזעלבע סצענע פון ניט ערקענען, וויא צווישן זשאָרלע און דער נאָנע.

— צו וואס איז דיעזע פערקליידונג? האט דער דירעקטאָר געפרעגט.

— וויל אין דער נאָנע וועט קיינער ניט דערקענען „דאס איז פון מלאך המות.“ איינע נאנע ערוועקט נירגענדס קיין חשד, איהר געגענווארט פאלט קיינמאהל ניט אויף, סיי אין פאלאץ און סיי אין דעם ארעמאָן'ס קעמעריל.

— דאס איז וואהר.

— ווילט איהר אזוי גוט זיין לאזען אנזאגען דעם העררן אונטערזוכונגס־ריכטער, אז איך בין דא? מיר מוזען צוזאמען אונטערזוכען דעם וואגען פון דער רוע טרנעסטין און דאן פאהרען נאך דעם פער־לאשעז.

— דאס טהוא איך גלייך.

ער האט אוועקגעשיקט א שליח און האט ווידער זיך געקעהרט צו דער נאָנע.

— האט איהר גערעדט מיט זשאדלע און מארטעל?

— יא. איך האב זיי איצטער ערשט געגעבען איינינע ווייזונגען.

נאך צעהן מינוטען איז געקומען ניבריי אין דער בעגלייטונג פון געריכטס־קאמיסאר, וועלכע זיינען אויך ערשטוינט געוועזען פון עמא זשובערט'ס פערקליידונג.

אלע פיער זיינען ארונטער אין הויף פון דער פרעפעקטור, וואו דער וואגען איז געשטאנען פערזיעגעלט. הערר ניבריי האט ארונטערגענומען דעם זיעגעל און דיא אונטערזוכונג האט זיך אנגעפאנגען.

— איז אלעס אזוי געבליעבען וויא אין דער צייט ווען מען האט דיא לייבע גע־פונען? — האט דיא נאָנע געפרעגט.

— יא.

— האט מען געזוכט אונטערן קיסען?

— איבעראל.

טראטץ דיעזע פערזיכערונגען איז דיא אגענטין אריין אין וואגען און האט מיט דיא שפיטץ פינגער אונטערזוכט יעדעס שפעלטעלע, יעדעס קנייטשעלע אין דעם פאָלסטערונג, פון וואגען, האט אויפגעהויבען דעם קיסען און האט געזוכט אונטען מיט פיינליכער גענויאיגקייט. דעם אונטערזוכונגס־ריכטער האט עס עטוואס נערוועז געמאכט.

— אָ, מאדאם ראָזיע — האט ער געזאגט — מיר האבען דאס שוין אויך אלעס געטהאָן און האבען דאך קיין זאך ניט געפונען.

— דאס איז דערפאר וואס איהר האט ניט גרינדליך געזוכט — האט זיא גע־ענטפערט וועהרענד זיא האט זיך איינגעבויגען און האט אויפגעהויבען עפעס א געגענשטאנד.

— וואס איז דאס? — האבען אלע דריי אויסגערופען.

— עטוואס זעהר וויכטיגעס וואס איהר האט ניט דערזעהן. קוקט עס אָן מיינע העררען, וואס זאָגט איהר דערצו?

www.libtool.com.cn

דאס איז געוועזען א גאלדענער מאנזשעטען-קנאפּ אין דער פארם פון א הופ-אייזען (פּאָדקעווע), מיט 6 רובינען אנשטאט דיא נעגעל. אין וואגען איז עס געלעגען אין א לעביל, וואו א מאהל האט געשטעקט א דינער נאגיל און איז געוועזען בעדעקט מיט שמוטץ, דעריבער איז עס ניט לייכט געוועזען צו דערזעהן.

— דאס איז העכסט וויכטיג — האט דער אונטערזוכונגס-ריכטער געזאגט — און איך בעגרייף ניט וויא אזוי מיר האבען עס געקענט פארזעהן.

— דאס איז פון עכטען גאלד — האט עמא זשובערט נערעדט בעטראכטענדיג דעם קנאפּ — ער איז עלעגאנט געמאכט, און שטאמט געוויס פון א געשיקטען פּאריזער יובעליר.

— האט איהר בעמערקט אז איינער פון דיא רובינען פעהלט?

— יא, ער איז נעוויס דורכגעפאלען דורך א שפּאלטע אין וואגען; איך מוז אבער אויך מודה זיין אז דיעזער פינד (מציאה) מאכט מיר אין גאנצען פערווירט.

— ווארום?

— ווייל דיעזער קנאפּ פּאסט ניכער פיר איין עלעגאנטען רייכען יונגען מאן, און איך האב מיר דעם מערדער אנדערס פאָרגעשטעלט. דער קנאפּ מוז פהאָטאָגראַפהירט ווערען און א קאָפּיע מוז צונעשטעלט ווערען צו יעדען יובעליער אין פאריז. מען דארף אבער נור זאגען, אז דא האנדעלט זיך וועגען איין איינפאכע גניבה. מיר וועלען אויס-געפינען דעם פערקויפער און פון איהם וועלען מיר געוויס פיעל וויכטינעס ערפאהרען. זאל איך בעזארגען דיא פאטאגראפיען און דיא פערטהיילונג?

— מיר וועלען אייך זעהר דאנקבאר זיין — האט ניבריי געענטפערט.

עמא זשובערט האט דעם קנאפּ אריינגעלייגט צו זיך אין פּאָרטמאָנע און האט געשלאסען דיא טהיר פון וואגען.

— יעצט מיינע הערען, צום פערלאָשעז — האט זיא געזאגט.

אין דיעזען אויגענבליק איז ערשיענען דער גראף סאמילאוו אין הויף פון דער פּרעפעקטור, און האט בעגריעסט דיא הערען. דיא פערקליידעטע נאָנע האט ער נאטירליך ניט דערקענט, ביז מען האט זיא איהם פארגעשטעלט.

— איהר געהט צו מיר, הערר גראף? — האט ניבריי געפרעגט.

— איך קום פון אייך עטוואס פערלאנגען.

— ווען עס שטעהט אין מיינער מאכט וועט עס מיך פרייען אייך צו טהאן א געפעלינקייט. אום וואס האנדעלט זיך עס?

— אום דיא גרופּט פון מיין פאמיעליע. ערלויבען זיא מיר אייניגע אויסבעסערונגען פארצונעהמען אין דעם געביידע.

— מיר האבען יעצט בדעה אהין צו געהן. אויב איהר ווילט, קענט איהר אונז בעגלייטען; נאכהער וועל איך אייך קענען זאגען אויב איך קען אייער ביטע ערפילען, אדער עס מוז נאך אזוי בלייבען ביז דיא אונטערזוכונג וועט זיין צו ענדע.

— איך דאנקע, איך געה מיט אייך.

דער גראף האט איינגעשטיגען און האט בעפאָהלען דעם קוטשער נאכצופאהרען יענעם פיאקער, אין וועלכען דיא אנדערע זיינען געזעסען.

www.libtool.com.cn
בײַן ארײַנגעהן אין טויער פון פערלאשעז תאבען דיא בעאמטע מיטגענומען פון ביורא (קאנצעלאריע) פון דער פערוואלטונג איין אויפזעהער און א שלאָסער און זײַנען געגאנגען צו דער גרופּע. הערר ניבריי האט אראפּגענומען דיא זיגעל, דער שלאָסער האט געעפענט דיא טהיר און אלע זײַנען אײַנגעטרעטען.

עמא זשובערט איז אריבערגעפלויגען דאס גאנצע אינגערע פון דער גרופּע מיט דיא אויגען און האט דאן אפּגעשטעלט איהר בליק אויף דעם מארמאָר-שטיינענעם אלטאר מיט דעם קליינעם טעמפּעלע וואס איז געשטאנען אויף איהם.

— דאס טירל פון דעם טעמפּעלע איז געווען אָפען, ווען איהר זייט צום ערשטען מאהל אריין אהער? — האט זיא געפרעגט דעם אונטערזוכונגס-ריכטער.

— געוויס — האט ער געענטפערט.

— דארט איז עטוואס אוועקגעלייגט געווארען, עס איז ענטשטאנדען א קאמפּף צווישען דער אונגליקליכער פרוי מיט דעם מערדער, וועלכער איז פלוצלונג ערשיענען. דער קאמפּף איז געווען א שווערער, דאס זעהט מען פון דיא אומגעוואָרפענע שטוהלען און צערבראכענע ליכט אויף דעם באָדען; אבער איין זאך קען איך אויף קיין פאל ניט בעגרייפען. ווען דיא זאכען וואס דער מערדער האט פון דאנען ארויסגענומען וואלטען געווען בעשטימט פאר איהם און ער וואלט דיא פרוי ערמאָרדעט וועגען איין אנדערע אורזאכע, צו וואס־זשע וואלט ער נאך בעדארפט ארײַנלייגען דאס שטיינדעל אין שלאָס? סיידען ער האט מורא געהאט דאס נאך איינער, וואהרשיינליך יענער פאר וועמען דיא בריעף זײַנען בעשטימט, וועט באלד קומען, אלזא מוז מען זאגען, דאס דער מערדער געהערט ניט צו יענע וואס האבען קאָרעספּאָנדירט דא אין דער גרופּע, זאנדערן איז אליין איין „דריטער,“ איין אונגעבעטענער און דיעזער דריטער האט עס פערלארען דעם קנאפּ אין וואגען פון רוע ערנעסטין.

— איהר ענדערט אלזא אייער מיינונג וועגען דיא באנדע פון וועלכע איהר האט געגלויבט, אז זיי האבען בעגאנגען דעם דאָפּעלמאָרד? — האט ניבריי געפרעגט.

— ניין, ניט אין גאנצען — האט עמא זשובערט געזאגט — איך גלויב אבער, אז דער דריטער איז געווען ניט פון דער באנדע, פיעלייכט גאר א געגנער פון דיא באנדע, וועלכע האט זיך געזוכט אנצואייגנען שריפטען אדער זאכען, וועלכע דיא באנדע האט געהאט אין האנד און האט עס דא אויפבעוואהרט.

— צו פערמוטהונגען און פאראויסזעטצונגען איז קיין שיעור ניטא — האט ניבריי געזיפצט — זעהט איהר וואלט אייך ניט פעראירען.

— איך זוך דיא וואהרהייט — האט מאדאם ראָזיע געענטפערט — און איך קען אייך פערזיכערן, דאס איך וועל מיך ניט פעראירען און אויב יא, וועל איך דאך צוריק קומען אויף דעם ריכטיגען וועג.

דיא בעאמטע און גראף איוואן האבען זיך צוריקגעצויגען און האבען איבערגעלאזען דיא אגענטען אליין צו זוכען איבעראל. א לאנגע צייט האט זיא מיט דיא אויגען דורכ־געטאפּט יעדען צאָל פון פוסבאָדען, אלס פלוצלונג האט זיא אויפגעשריען פאר פריידע, האט זיך א וואָרף געטהאן אויף דיא קניע און האט עטוואס אויפגעהויבען.

— וואס האט איהר געפונען? — האט דער אונטערזוכונגס ריכטער געפרעגט.

www.libtool.com.cn

— דעם רובין, וועלכער פעהלט אין קנאָפּ.

— ווירקליך?

— דא קענט איהר זעהן — און זיא האט איהם איבערגעגעבען א בלויען שטיינדיל אזוי גרויס וויא א האנץ־קארן (קאנאפּליע), דאן האט זיא ארויסגענו־מען פון פּאָרטמאָנע דעם קנאָפּ און האט דאס שטיינדיל אריינגעפּאסט — דא זעהט איהר, אז דער איינגענטהימער פון קנאָפּ איז דער מערדער; איך האב עס פריהער נערעכנט. עס וואלט געוועזען ניט נאטירליך, דאס א מענש זאל ניט עטוואס פון זיך פערליערען פון דיא קליידער אדער ציערונג, ביי אזא שווערן קאמפּף וויא ער האט דא געהאט.

גראף איוואן האט גענומען דעם קנאָפּ אין האנד און האט איהם אויפמערקזאם בעטראכטעט דורך זיין פּאנסנע:

— א פיינע שטיקעל ארבייט — האט ער געזאגט.

— און זעהר ליכט צו דערקענען — האט עמא זשובערט צוגעזעצט, אלס זיא האט דעם קנאָפּ צוריק אריינגעלייגט אין איהר פּארטמאנע.

— זייט איהר היינט אבענד אום עלף אוהר פריי? — האט זיא געפרעגט דעם גראף?

— פּאלשטענדיג.

— קענט איהר מיר געבען אייער צייט היינטיגען אבענד?

— מיט פריידען.

— אלזא היינט אבענד, אום עלף אוהר, זאלט איהר מיר ערווארטען אין א וואגען אויף דער עקע פון רוע מעזלע און רוע סא־מארטען.

— איך וועל זיין צו דער בעשטימטער שטונדע אויף דעם בעצייכענטען פּלאטץ— האט דער רוסע געענטפערט.

— גוט, אויף וויעדערזעהן, הערר גראף; מיינע העררען, דא האבען מיר ניט מעהר צו זוכען.

— אבער איהר האט דאך מיר פערשפּראכען היינט וועלכע מיטטהיילונג צו מאכען איבער יענע איינגעשניטענע פּאפּיער; האט איהר עטוואס ארויסגעבראכט דערפון?

— געוויס! איך האב שיער פערגעסען אן דעם; ווען איהר ווילט מיך בעגלייטען צום ביוראָ פון איפּזעהער, וועל איך עס אייך פּארלייגען.

— קאָממט, איך געה.

— קענט איהר מיר יעצט ערלויבען מיין פערלאנג? — האט דער גראף געפרעגט ניבריי אלס זיי האבען פּארלאָזען דיא גרופּפּע.

— איך זעה קיין גרונד מעהר ווארום איך זאל עס אייך ניט מהאן. הערר איפּזעהער, איהר וועט ערלויבען דיא ארבייטער פון גראף דיא קוראוויאָרגרופּפּע אויס־צובעסערן.

— איך דאנקע, מיין הערר — האט דער רוסע געענטפערט—אויף וויעדערזעהן, מיינע העררן; אויף הייטע אבענד, מאדאם.

www.libtool.com.cn

אלס עמא זשובערט איז איינגעטרעטען אין ביורא פון אויפזעהער פון פער לאשעז אין דער בעגלייטונג פון דיא דרייא בעאמטע, האט זיא ארויסגענומען פון דער טאשע דאס איינגעשניטענע פאפיער, וועלכעס זיא האט לעצטע נאכט געווארמט אויף דער לאמפע, און האט עס געגעבען דעם אונטערזוכונגס־ריכטער.

— וואס איז עס פאר א שריפט? — האט ער געפרעגט ערשטוינט, דרייענדיג דאס פאפיער אויף אלע זייטען.

— דאס איז געשריבען מיט מילך אדער זאלץ־וואסער — האט עמא זשובערט געענטפערט.

— מערקווירדיג; איך האב געוואוסט אז מען קען אזוי שרייבען, אבער מיר איז עס ניט איינגעפאלען ביי דעם פאפיער. איהר האט עס אלזא אפגעווארמט?

— יא. לעזט עס נאר איבער, הערר גיבריי.

דער אונטערזוכונגס־ריכטער האט איבערגעלייענט לויט דעם אונז בעקאנטען בריעף און האט געזאגט גאנץ ענטטוישט:

— א שלעכט געשריעבענער בריעף פון א קויפמאן — האט ער געזאגט.

— פאלט איך קיין זאך ניט אויף?

— ניין.

— לעזט עס נאך א מאהל, זוכט נאך.

— און ווען איך זאל עס נאך צעהן מאל לעזען, איך געפין דא גאר ניט.

שמייכלענדיג האט עמא זשובערט גענומען דעם בריעף פון אונטערזוכונגס־ריכטער האט איהם געלייגט אויפ'ן טיש, און אויף איהם האט זיא ארויפגעלייגט איהר איינענעם פאפיער, וואס זיא האט אויסגעשניטען. דער גאנצער בריעף איז געבליעבען פערשטעלט און עס האבען זיך נור ארויסגעוויזען דיא ווערטער וועלכע זיינען אין בריעף געווען ארום געשניטען.

— וואס לעזט איהר יעצט? — האט עמא זשובערט געפרעגט.

דער אונטערזוכונגס־ריכטער האט זיך איינגעבויגען איבער'ן טיש און האט געלעזען:

„רייזענדען, ארם אין בינד, מיטערנאכט, נאררבאנהויף, הונדערט

„טויזענד פראנקען, ניט נייטיג ער זאל איך ברייננען אויף אייער בע־

„שטימונגס פלאטץ ערווארטעט איהם יעצט".

— יעצט בעגרייף איך! — האט הערר גיבריי אויסגערופען — איהר האט פאל־קאמען רעכט געהאט; אזוי וואהרשיינליך האבען דיא באנדיטען אונטער זיך קאר־רעספאנדירט.

— זיי האבען זעהר קלוג געטהאן, דיא חברה־לייט האט דיא פאליציי־אגענטין געזאגט — אבער עס קען זיין אז גראד דורך זייער קלוגהייט האבען זיי זיך פערראטהען.

— וויא אזוי? דאס פערשטעה איך ניט.

— דיא צוקונפט וועט עס אייך בעווייזען.

מיט דיא ווערטער האט עמא זשובערט גענומען אבשיעד, און דיא בעאמטע האבען צוריגעקעהרט נאך דעם יוסטיין־פאלאסט.

www.libtool.com.cn

25טער קאפיטעל.

## איין נעפאנגענעם הערץ.

ווערהרענד דער צייט וואס דאס אלעס איז פאָרגעקומען, איז סימאָנע געוועזען שוין פאָלשטענדיג איינגעלעבט אין איהר שטעלונג, אין פאנסיאן פון מאדאם דיבוף אין האט זיך געפיהלט גאנץ גליקליך. זיא האט פערשטאנען איהר שטעלע אויסגע־צייכענט אין דיא ארבייטערינען אונטער איהר, פון וועלכע מאנכע זיינען צוייא מאהל אזוי אלט געוועזען וויא זיא, האבען איהר געפאלגט און געליעבט.

אין הויז פון לודוויק ברעסאָל: אין דער רוע ווערנעל, זיינען איצטער פאָרגע־גאנגען דיא אומענדערונגען, וועלכע זיינען נייטיג געוועזען, אום דאס הויז פאסענד צו מאכען פיר דען עמפפאנג פון געזעלשאפט. אלס געוועזענער ארכיטעקט האט הער ברעסאָל געקענט דיא בעסטע ארבייטער, און ער האט יעצט מעהרערע פון זיי געהאט בייא דער ארבייט, אונטער זיין איינענער אויפזיכט. דיזע אומענדערונג, אדער איבער קערענים אין זיין הייזליכען לעבען, וויא ער אליין פלעגט עס רופען, האבען איהם אויעקגענומען זיין גאנצע צייט, אזוי דאס ער פלעגט יעצט פיעל ווייניגער צייט פאר־ברייגגען מיט זיין טאָכטער צוזאמען אלס פריהער. יעדען טאג פלעגט ער מאריע פיהרען צום מאהלער סערוועט, און פלעגט זיא נאכהער קומען אפנעהמען. צוויי שטונדען פלעגט זיא אלזא יעדען טאג צוברייגגען אין דער געזעלשאפט פון מאהלער און פון זיין שילער דעם יונגען אלבערט גיברייא, וועלכער האט קיינמאהל ניט פערפעהלט צו זיין דערבייא ווען זיא פלעגט פאָזירען (זיצען) פאר זיין לעהרער. זעהר אפט פלעגען זיך דיא יונגע לייטע, מאריע און גיבריי, אויסטוישען געדאנקען, אנזיכטען, מיינונגען, און פון דעם ערשטען אויגענבליק האבען זיא זיך געפיהלט זעהר נאהענט איינער צום אנדערן. זייא פלעגען ריידען מאנכעס מאהל וועגען גאנץ גלייכגילטיגע זאכען, וועגען דאס געמאהלטע בילד, וועגען מוזיק און אנדערע קונסטע, און דאס גלייכען, אבער זייערע אויגען און הערצער פלעגען זיך דאן זאגען פיעל אנגענעהמערע, פיעל אינטערעסאנטערע זאכען, און זיי האבען עס ביידע גלייך געפיהלט, אבגלייך זיי האבען עס זיך קיינמאהל מיט ווערטער ניט ארויסגערעדט, אפילו ניט קיין אנשפיעלונג געמאכט.

איין פריהמארגען נאכדעם וויא מאריע איז שוין א פאר טאג „געזעסען“ צו איהר בילד, איז צווישען לעהרער און שילער פאָרגעקומען פאָלגענדער געשפרעך:

— עס איז שוין צעהן אוהר, קומט היינט פריילין ברעסאָל ניט מעהר? — האט אלבערט גיבריי געפרעגט. ארבייטענדיג צערשטרייט ביי זיין בילד.

— מיר שיינט עס, דאס ווען דוא האָפסט צו זעהען מיין ליעבענסווירדיגען מאָדעל ווערט דיר דיא צייט לייגגער וויא געוועהנליך — האט דער מאהלער געלאכט.

— דאס איז אויך ריכטיג — האט אלבערט גע:טפערט פערלעגען — איך האב זעהר ליעב דיעזען אפענעם, גוטען כאראקטער; איך ליעב דאס איינפאכע, גוטע, רייצענדע מיידיל.

— דוא ליעבסט זיא? דאס קלינגט זעהר אונבעשטימט, וויא פערשטעהסט דוא דאס [illegible] ליעבען?

www.libtool.com.cn

— איך פערשטעה עס אזוי וויא איהר — האט אלבערט נעשטאמעלט.
— דאס איז נאך א פראגע.
— זיינען דען פאראַגען צוויי ארטען ליעבע?
— מעהר וויא צוויי און דוא דארפסט עס וויסען פונקט אזוי וויא איך; דוא ווילסט נאר איצטער ניט דיינקען וועגען דעם. האסט דוא ליעב פרייליין ברעסאַל וויא מען ליעבט איבערהויפט א יונגעס אנגענעהמעס מעדכען, וועלכע קאָקעטידט ניט, און מיט וועלכע עס איז אנגענעהם צו פלוידערין, און דיא אונטערהאַלטונג מיט איהר מאכט דיר פריידע, אדער דוא האסט ליעב מאריע, ווייל זיא האט אין דיין הערצען ארויסגערופען יענעס געפיהל, וועלכעס איז זאָנדערבאר און דאך זעהר בעשטימט, און פון וועלכען דוא קענסט דיינקען אז ער וועט בלייבען פיר אימער, אדער מינדעסטענס פיר א לאנגע צייט? ליעבסט דוא זיא וויא א ליעבענסווירדיגען קאמראדען, אדער דערפאר וואס זיא איז דיא שיינע מאריע?

מייסטער, איהר ברייגנט מיך אין פערלעגענהייט, ווען איהר פרעגט מיך וועגען דאס וואס געהט פאָר אין מיין טיעפסטער זעעלע, איך וויל אייך אבער דעננאך ענטפערן אזוי גוט וויא איך קען און וועל דערביי גאנץ אופריכטיג זיין. וואס איך האב געפיהלט אלס איך בין צום ערשטען מאהל געשטאנען אנטקעגען מאריא ברעסאַל, דאס קען איך אייך ניט זאגען, איך בין ניט פעהיג צו צערגליעדערן און צו ווייזען וואס אין מיר איז דאן פאָרגעגאנגען... אבער זייט איך האב זיא געזעהן אין געבורט, וואלט איך וועלען זיא אימער זעהען און הערן; ווען זיא איז דא בין איך גליקליך, גאנץ גליקליך.... מיין הערץ שפרינגט פאר פריידע און מיינע אויגען זעהען נור זאָנענשיין! און ווען זיא געהט אוועק נעהמט זיא מיין הארץ מיט זיך, אלעס ארום מיר ווערט לעער, און מיר איז אזוי וויא דער אטהעם וואלט מיר אויסגעגאנגען!

— צום טייפעל, דאס איז א בייזע געשיכטע! — האט דער מאלער אויסגע־רופען מיט א געלעכטער, אבער זיין געלעכטער האט געקלונגען עטוואס וויא געמאכט, ווייל אין גרונד איז ער געוועזען עטוואס געריהרט פון אלבערטס בעקענטניס — דוא ביסט דאך ווירקליך פערליעבט אין מיינע קונדין, דאס איז געפעהרליך!
— פיר וועמען?
— פיר דיך. דיין לאנגע קען זעהר בעדענקליך ווערן. אויב דיעזע ליעבע איז ווירקליך מעהר אלס איינע איינבילדונג, דאן זאלסט זעהן זיך גלייך דערוויייטערין פון איהר.... נור דיא אבוועזענהייט קען אזא זאך העלפען, און דוא פערגעסט עס דאן וויא א טרוים.
— ווארום זאל איך עס טהאן? זיינען דען דא וועלכע הינדערניסע צווישען מיר און מאריא ברעסאַל!
— דאס ניט. ווען אייערע עלטערן זאלין ניט זיין אין וועג קען עס זעהר לייכט זיין א גלייבע זאך, אז איהר זאלט הייראטהען, אבער דאך איז דא איין הינדערניס.
— וועלכער?
— אייער אלטער. איהר זייט ביידע דאך צו יונג, אום צו דיינקען פון הייראטהען.
— גוט, אבער מיר קענען דאך ווארטען, ווען מיר ליעבען זיך געגענזייטיג?

— איך גלויב ניט אין דאס פערשפרעכען צו ווארטען, צווישען א גאנץ יונגען מאנן און א גאנץ יונגער מיידיל; איינער ברעכט אימער דאס פערשפרעכען, און פון דיא אפגעלייגטע חתונות ווערט געוועהנליך גאר ניט. איבריגענס געהערן צו א חתונה צוויא פערזאָנען, און דערווייליגע ווייסט דוא נור פון איין צד, דען דוא האסט נאך קיין בעוויז אז זיא ליעבט דיך אויך.

www.libtool.com.cn

אלבערט האט געזיפצט, און גאבריעל סערוועט האט פארטגעזעצט:

— און ווען זיא זאל זיך היינט-מאָרגען ווירקליך איינריידען אז זיא האט דיך ליעב, דיינקסט דוא אז דוא קענסט עס נעהמען ערנסט? זיא איז ערשט ארויס פון פאנסיאָן — און דוא אליין, דער צוקינפטיגער אַדוואָקאַט און מאַלער — ביסט דער-ווייל דאך ניט מעהר וויא א גרויסער אינגעל.

— א אינגעל! — האט אלבערט אויסגערופען גאנץ בעליידיגט.

— איך מיין ניט צו בעליידיגען דיינע אייגענליעבע, איך בעציה מיך נור אויף דיינע יאהרען. אין אזא אלט ענדערן זיך יונגע לייטע, און עס קען זיין אז מארגען וועסטו מאריע ניט מעהר ליעבען.

— ניין, מייסטער, איך וועל זיא אייביג ליעבען, איך קען שווערן דארויף!

דער אַלטער האט וואס געוואלט ענטפערן, אבער אין דעם אויגענבליק האט עס געקלונגען בייא דער טהיר.

אלבערט איז געווארען רויט און בלאס, און האט געשטאמעלט: „דאס איז זיא!“

— א שלעכטער סימן! — האט דער קינסטלער געזאגט, צופינטלענדיג איהם מיט דיא אויגען.

איינע מינוטע שפעטער איז הערר לודאָוויק ברעסאָל איינגעטרעטען מיט זיינער טאכטער אין אטעליער. גאבריעל סערוועט איז זיי געגאנגען אנטקעגען.

— הערר סערוועט — האט מאַריע געזאגט, רייכענדיג איהם דיא האנד — צוקריעגט זיך מיט מיין פאטער דערפאר וואס איך קום היינט צעהן מינוטען שפעטער, איך בין ניט שולדיג.

אלבערט האט זיך אויך אויפגעהויבען, און נאך גאנץ אויפגערעגט פון דעם געשפרעך מיט דעם מאַלער, האט ער דיא איינטרעטענדע בעגריסט, טיעף רויט-ווערענדיג.

מאַריע האט רוהיג געענטפערט דעם גרוס.

— דאס קינד האט רעכט! — האט הערר ברעסאָל געלאכט. — איך האב עס פערדיענט.

— קריעגען וועל איך מיך מיט אייך ניט, אבער בעשטראפען וועל איך אייך — האט דער מאלער געענטפערט, דריקענדיג דיא האנד פון זיין גאסט.

— מיט וואס דען?

— דערמיט וואס איך וועל אייער טאכטער צעהן מינוטען לייננער פערהאלטען און וועל אליין שפעטער עסען מיטאג וויא געוועהנליך.

— הערר סערוועט, דערמיט טהוט איהר מיר א גרויסען געפאלען, דען איך מוז

www.libtool.com.cn

נעהן צו מיין טאפעציערער, און איך האב מורא או איך וועל דארטען צו לאנג מוזען בלייבען, און מאריע וועט סיי־וויא־סיי מוזען עטוואס ווארטען.

— דאס איז נאך בעסער — האט דאס מעדכען לוסטיג געזאגט — איך בין אין גוטער געזעלשאפט און וועל הערען פון עטוואס אנדערעס אלס פון טאפעטען, פאר־האנגען, קרוין־לייכטער, וועגד ארויסנעהמען, טהירען ארויסנעהמען און נאך אזעלכע זאכען. איהר דארפט וויסען מיינע הערען — האט זיא זיך געווענדעט צו דעם מאלער מיט'ן שילער — דאס פון געסטערן אן ווערט ביי אונז צו הויז פון קיין אנדער זאך גערעדט....

— זיא איז נאך גערעכט — האט הערר ברעסאל זיך בעקלאגט אין שפאס — שטעלט אייך פאר מיינע הערען, איך האב אזוי פיעל יאהרען געלעבט וויא א מאן וואס האט ליעב רוהע, און יעדעס רושענדע פערגעניגען האט אויף מיך ארויפגעיאגט א שרעק, איך פלעג לויפען פון בעלער און אבענדען וויא פון פייער, און פלוצלונג האט מאדאם ברעסאל זיך אריינגענומען אין קאפ, אריינצופיהרען איהר ערוואקסענע טאכטער אין געזעלשאפט. און דיא טאכטער האט געמאכט איין האנד מיט איהר מוטער, און מען לייגט מיר ארויף דיא לאסט צו ענדערן מיינע געוואהנהייטען, צו עמפפאנגען גע־זעלשאפט וועלכע איז מיר גאנץ גלייכגילטיג, און איבערקעהרען מיין הויז קאפויר מיט דיא פיס. זאגט, בין איך ניט א בעקלאגענס ווערטהער מענש?

— דורכאויס ניט, מיין בעסטער הערר ברעסאל! איך דיינק גאר ניט אייך צו בעקלאגען — האט דער מאלער געענטפערט — איהר מוזט אייך אין געגענטהייל שעטצען גליקליך, ווען איהר ערפיעלט וואס דיא דאמען האבען א רעכט צו פערלאנגען.

— אזוי! איהר האלט אויך זייער צד?

— אהנע צווייפעל!

— יעצט וועל איך אייך בעשטראפען דערפאר, מיין ליעבער מייסטער. אין פיער־צעהן טעג וועלען זיך ביי אונז אנפאנגען דיא געזעלשאפטליכע אבענדע, פאר וועלכע איך האב אזוי שטארק מורא; איך האף איהר וועט מיר ערווייזען דאס פערגעניגען און דיא עהרע אנצונעהמען מיינע איינלאדונג?

— איך טהו עס מיט דעם גרעסטען פערגעניגען, הערר ברעסאל.

מאריע האט ארויסגענומען א טאשענביכעל מיט א דעקעל פון עלעפאנביין, און נעהמענדיג דעם בליישטיפט אין האנד, האט זיא געזאגט: „איך פערשרייב אייך אלס דען ערשטען אויף דער איינלאדונגס־ליסטע“.

— טויזענד דאנק, מיין פריילין.

אלבערט האט צוגעהערט דאס געשפרעך און זיין הערץ האט געקלאפט אין דער ברוסט, פונקט וויא עס וואלט וועלען צושפרינגען; ער איז געווארען אויפפאלענד בלאס. מען האט איהם פאר איין דיא אויגען איינגעלאדען גאבריעל, און אהן איהם, וואס ער וואלט גערן אוועקגעגעבען א האלבעס לעבען אום איינגעפיהרט צו ווערען אין דאס הויז פון מאריע'ס עלטערן — און איהם דיינקט מען גאר ניט! אויב דאס איז אבזיכטליך געטהאן, דאן מוז עס איהם זעהר בעליידיגען. אבער וועלכען גרונד האט מען איהם

www.libtool.com.cn

אויסצושליעסען? פאַר צאָרן און פערדרוס זיינען איהם כמעט טהרען ארויס פון דיא אויגען.

מאַריע האט שוין געהאלטען ביין צומאכען איהר טאשענביכעל, אלס איהר פאטער האט אויסגערופען: „וויא צערשטרייט דוא ביסט מיין קינד!"

— וואס איז דען? — האט דאס יונגע מיידיל געפרעגט.

— דוא לייגסט צוריק דיין נאָטיץ־בוך אין דער טאַשע און האסט פערגעסען צו פערשרייבען הערן אלבערט גיברוי, דעם נאמען פון אונזער ווערטהען מייסטער.

מאריע איז רויט געווארען ביז אונטער דיא וואורצלען פון דיא האר, וועהרענד איהר הערץ האט געשפיערט איינע אונענדליכע פריידע. זיא האט דיא גאנצע צייט געטראכט פון אלבערט, האט אבער ניט געוואגט דיא איינלאַדונג אויסצושפרעכען, גראדע דערפאר וואס איהר הערץ האט עס אזוי שטארק געוואונשען.

— דער פעהלער איז ווידער גוט געמאכט, האט מאַריע געזאגט אריינשרייבענדיג אלבערט'ס נאמען.

— וויא זאל איך אייך דאנקען, מיין הערר? — האט דער יונגער מאן אנגעהויבען.

— וויא? דערמיט וואס איהר וועט ניט דורכלאזען קיין איינציגען פון מיינע אבענדע — האט הערר ברעסאָל געענטפערט.

— איך וועל מיך היטען איינען צו פארפעהלען.

— גלויבט איהר דאס אייער הערר פאטער וואלט אונז ערוויזען דיא עהרע אנצונעהמען איינע איינלאדונג, ווען איך זאל איהם איינע שיקען?

— אויף דאס קען איך לײדער קיינע אנטווארט געבען, הערר ברעסאָל. מיין פאטער איז בעאַמטער און איז בעשעפטיגט דעם גאנצען טאג און מאנכעס מאהל נאך אויך א שטיק אין דער נאכט, און ער געהט גאנץ וועניג אין געזעלשאפט. אבער אויב ער קומט אדער ניט, וועט ער זיך יעדענפאלס פרייען מיט דער אויסצייכנונג, מיט וועלכער איהר וועט איהם בעעהרען.

— איך וועל איהם אלזא יעדענפאלס איינלאדען, און ווען ער מאכט פיר אונז איינע אויסנאהמע, וועט עס מיך פרייען.... אבער איך שטעה דא און פלוידער און דיא צייט פערגעהט. איך וועל אייך יעצט לאזען מאהלען, הערר סערוועט; איך גער צו מיין טאפעצירער.

מיט דיא ווערטער האט ברעסאָל גענומען אבשיער, האט געקושט זיין טאָכטער אויף דער שטערן, און איז אוועקגעגאנגען.

## 26טער קאפיטעל.

# אויף דער שפור.

לאטירג און ווערדיע האבען זיך נאך אימער גוט געהיט, מיט דער פאר־זיכטיגקייט פון קלוגע פעלדמארשאלען, וועלכע זוכען אויסצומיידען יעדע איבערראשונג. וועהרענד מארים איז אוועקגעפאהרען נאך וויק־סור־בריין, האבען זייא דערוויילע בעשלאסען אליין אויך נאכצופאָרשען נאך לודאוויק ברעסאָל, און האבען געמאכט פלע־נער וויא אזוי דיעזע ארבייט דורכצופיהרען. זייא זיינען געגאנגען זעהר פאָרזיכטיג צו

www.libtool.com.cn

דער ארבייט, דאס האט אבער ניט געהינדערט מאדאם ראָזיע פארטצוזעטצען איהרע נאכפאָרשונגען און צו קומען אויף דיא שפּור פון איהר שרעקליכסטען פיינד.

פון פער-לאשען, וואו מיר האבען זיא פריהער געזעהן, איז זיא געגאנגען צוריק נאך רוע מעזלע, אום אנצוטהאן איהרע איינענע קליידער און איהר איינענעם געזיכט. דאן האט זיא געפריהשטיקט אין א קליינעם רעסטאראן אויף דיא בולווארדס, און איז פון דארטען אוועקגעגאנגען צו א פאָטאָגראף, וועלכער פלעגט אפט ארבייטען פיר דיא פאליציי. זיא האט איהם איבערגעגעבען דעם מאנזשעטען קנאָפּ מיט דער בעשטעלונג איהם גלייך צו פאטאגראפירען, און איהר צו געבען צוויי הונדערט עקזעמפלארען פון דעם בילד.

פון דאנען האט זיא געמאכט נאך א בעזוך אין מאָרג און האט נאך אמאהל אונטערזוכט דיא קליידער פון ביידע ערמאָרדעטע גאנץ גענוי, אבער האט גאר נישט ענטדעקט. דערנאך איז זיא אוועקגעפאהרען צו זיך נאך הויזע, האט זיך איינגעשלאסען אין איהר צימער און האט גענומען נאכדענקען וועגען דיא זאכע. אום זעקס אוהר אבענדס האט זיא געגעסען און איז פון דארט אוועקגעגאנגען נאך דער רוע מעזלע, וואו זיא האט בעשטעלט אויך זשאָדלע און מארטעל.

— דיעזע ביידע האבען אויף זיך ניט געלאזען ווארטען און צו דער בעשטימטער שטונדע זיינען זיי געקומען מיט דער ליסטע פון אלע וואָס האבען אבגערייזט פון דיא האטעלס אם 21טען דעצעמבער. מארטעל האט נאך אויסערדעם געבראכט דיא מיט־טהיילונג, וואו דיא געוועזענע שטרעפלינגע (ארעסטאנטען) גאלובעט און קאָרני פער־קעהרען און וואו מען קען זיי טרעפען.

עמא זשובערט האט דיא אלע פאפּיערען אוועקגעליינט פאר זיך אויף'ן פולט און האט דאן געזאגט: „איך וועל זיי דורכשטודירען אויפמערקזאם.“

— איז דאס אלעס פיר היינט? — האט זשאָדלע געפרעגט.

— אלעס.

— וואס האבען מיר מארגען צו טהאן?

— איהר ליעבער זשאָדלע, וועט קומען אהער מיך אפּנעהמען מארגען פריה אום צעהן אוהר.

— און איך? — האט מארטעל געפרעגט.

— איהר געהט נאך דער רוע מאָנטאָרגע און אונטערזוכט דיא גאנצע אומגע־גענד פון האטעל, וואו דער קוטשער איז געבליעבען שטעהן מיט דעם ערמאָרדעטען. זעהט נאך אויב דארט איז ניטאָ דערביי א רינשטאָק-קאנאל, ווייל אהין, קען זיין, האט דער מערדער אריינגעווארפען זיין דאלך.

— זעהר גוט, מאדאם.

— יעצט קענט איהר געהן, ביז אויף מארגען 6 אוהר אבענדס; זשאָדלע קען דא נאך בלייבען.

מארטעל האט גענומען אבשיעד, און מאדאם ראָזיע האט געשלאָסען דיא טהיר הינטער איהם. דאן האט זיא זיך געזעצט צום פולט אויף וועלכען דיא פאפּיערען זיינען

www.libtool.com.cn
געלענען און האט געזאגט צו זשאַדלע: „לאמיר צוזאמען אונטערזוכען די נעמען פון די רייזענדע, וועלכע האבען פארלאזען פאריז אַן 21-טען".

— וואס ווילט איהר דערמיט אויסגעפינען? — האט זשאַדלע געפרעגט, אלס מאדאם ראָזיע האט אנגעהויבּן די בלעטער דורכצוזעהען.

— דאס איז דאך גאנץ איינפאך: אויב דער מערדער האט געוואוינט אין אַ האָטעל, האט ער געוויס פון דאָרט ארויסגעצויגען נאך דעם פערברעכען, אין דער האָפנונג אפצו־ווישען זיינע שפּור. אַ נאמען ניט וויא עס געהער צו זיין, איינע אויפפאלענדע בעצייכנונג פון דער פערזאן דארף דערוועקען אונזערע אויפמערקזאמקייט. אין האָטעל וועלען מיר דאן ערהאלטען אַ ריכ־טיגערע בעשרייבונג פון דער פערזאן און מיר וועלען פערפאָלגען די שפּור.

— ווען אבער דער מערדער איז ניט מעהר אין פראנקרייך, וואס וועלען מיר דאן טהאן?

— דאן וועלען אונז אונזערע אגענטען אין לאנדאן, בעלגיען און דייטשלאנד מוזען העלפען; אים ערגסטען פאל וועלען מיר אליין מוזען פאהרען.

— גלויבּט איהר, אז דער מערדער איז איין אויסלענדער?

— איך גלויב דאס אלטע קאטאָרזשניקעס זיינען אין דער זאכע בעטהייליגט. אזעלכע לייטע זיינען זעהר געשיקט, האבען מייסטענטהיילס גוטע נאכגעמאכטע פאפירען און וואהנען געוועהנליך אין אויסלאנד.

— איהר האט, וויא איך זעה, אַ גאנץ בעשטימטען פערדאכט?

— יא.

— דאן לאמיר זוכען.

די בלעטער זיינען אויסגעליינט געווארען נאך די שטאדט־קווארטאלען. יעדעס בלאט פאפיער איז געווען איינגעטהיילט דורך ליניען אין שפאלטען מיט פאָלגענדע איבערשריפטען: נאמען פון האטעל, נאמען פון רייזענדע, זיין שטאנד, יאהרען, געבורטס־אָרט, ווען ער איז אָנגעקומען, וועלכע פאפיערען ער האט געהאט, א. ז. וו.

זשאַדלע האט פארגעלעזען. אין ערשטען קווארטאל זיינען געווען צוויי נאמען פון אבגערייזטע אם איין־און־צוואנציגסטען, אַ ליאָנער האנדעלס־רייזענדער און אַ יונגע פרוי פון דער פראָווינץ, אבער דערביי איז קיין זאך אויפגעפאלען. אין צווייטען קווארטאל זיינען געווען פיער נאמען; די ערשטע דריי זיינען אריבער גלאט, אבער אלס זשאַדלע האט איבערגעלעזען דעם פיערטען נאמען: האָטעל פעי־באַ, רוע גראמאָנט, זשול טהער־מיס, הויזבעזיטצער אין איקסעל, בעלגיען, פופציג יאהר אלט, אָנגעקומען 8טען דעצעמ־בער, אוועקגעפאהרען דעם איין־און־צוואנציגסטען, פארגעלייגטע פאפירען: א בעלגישער פאס ארויסגעגעבען אין בריסעל אם 5 דעצעמבער — אלס עמא זשובערט האט דאס אויסגעהערט, האט זיא אויסגערופען: „האלט, ווער איז דער פוינעל?"

— וואס איז דא דען פערדעכטיגעס? — האט זשאַדלע געפרעגט.

— דאס וואס דער זשול טהערמיס איז פון בעלגיען.

— ניט מעהר וויא דאס?

— דער פערברעכער אויף וועלכען איך האב אַ חשד איז מיט פיער וואכען צוריק

www.libtool.com.cn
געווען אין בעלגיען. אהין איז ער געקומען פון דער שווייץ. מארגען וועלען מיר וויסען, אויב דא איז עטוואס אדער ניט. צייכענט אייך אויף דעם נאמען מיט אלע אנגאבען, וועלכע געהערען צו איהם; געהט דאן צום פאליציי־שעף און בעט איהם ער זאל גלייך טעלעגראפירען צו אונזערע אגענטען אין ברים על, ער זאל ערפאהרען, אויב א פאס אויף זשול טהערמים איז אויסגעשטעלט געווארען אם פינפטען דעצעמבער און זאל גלייך ענטפערן.

זשאדלע האט זיך דאס אלעס פערצייכענט און האט דאן געפרעגט: זאלען מיר נאך ווייטער זוכען?

— ניין, איך וועל עס אליין טהאן; איהר זאלט נור זארגען דאפיר, אז דיא דעפעשע זאל מארגען אפגעהן וואס פריהער, אויב היינט איז שוין צו שפעט.

זשאדלע האט גענומען זיין הוט און דיא אגענטין האט נאך דאן צוגעזעצט: „איהר קענט מיר טהאן נאך א געפעלינקייט: און דער עקע פון רוע מעזלע און רוע סאן־מארטען וועט איהר געפינען א וואגען; געהט צו איהם צו און זאגט דעם מאן וואס זיצט אינוועניג: הערר גראף, מעןווארט אויף אייך.“

— ניט מעהר?

— ניין, דער הערר וועט אויסשטייגען און איהר וועט אזוי פריינדליך זיין איהם צו ברייגנען אהער; איהר קענט איהם דאס איז דער גראף סאמילאוו.

זשאדלע האט זיך פערנייגט און איז אוועקגעגאנגען, וועהרענד עמא זשוברט האט זיך פערטיעפט אין דיא פאפיערען. זיא האט אבער קיין זאך ענטדעקט און איז דורכגעלאפען אלע בלעטער אויבערפלעכליך. אלס זיא איז שוין באלד געווען צו ענדע דערמיט, האט זיא דערהערט קלינגען ביים טהיר און באלד זיינען אויך איינגעטרעטען גראף סאמילאוו מיט דעם פאליציי אגענטען. דער גראף איז אריין אין צימער וועהרענד זשאדלע האט זיך גלייך אומגעקעהרט און איז געגאנגען נאך דער פרעפעקטור.

— איהר מוזט מיך ענטשולדיגען, הערר גראף — האט עמא זשוברט געזאגט נאכדעם וויא זיא האט איהם געשטעלט א שטוהל ביים קאמין — וואס איך האב אייך באאונרוהיגט אזוי שפעט ביי נאכט. איהר בעגרייפט געוויס וויא נעטהיג עס איז צו פארדעקען אונזערע בעציהונגען מיט דעם טיעפסטען געהיימניס, דאמיט אייערע פיינדע זאלען אויף אייך ניט אויפמערקזאם ווערען, און דאמיט קיינע מענשען־זעעלע זאל ערפאהרען, דאס איך בין צוריק איינגעטרעטען אין דיענסט פון דער פאליציי.

— איך וויים דיא גרינדע, ווארום איהר ווילט עס, און איך רעספעקטיר זיי — האט דער גראף געענטפערט — און איך שטעה אין גאנצען אייך צו דיענען.

— איך וועל אייער פריינדליכקייט געברויכען, הערר גראף; אבער איך ערווארטע פון אייך ניט נור אויסקונפט און מיטטהיילונגען פון דאס וואס איהר ווייסט, נור איך וויל אייך איבערגעבען א גאנצע ראלע צו שפיעלען אין אונזער דראמא. וואס איך קען ניט טהאן, דאס וועט איהר קענען.

— ערקלערט עס מיר מאדאם, אום וואס האנדעלט זיך דא?

— איך האב אייך שוין איין מאהל געזאגט און זאג עס אייך נאך א מאל, דאס איך האלט פיערר לאטירג אין פערדאכט, אז ער האט א טהייל אין דעם דאפעלמארד

www.libtool.com.cn

וועלכער בעשעפטיגט אונז יעצט. פון געסטערן אָן האָב איך דיא זאכע בעטראכט פון אלע זייטען, און מיינע איבערצייגונג אין דער הינזיכט איז נאך שטארקער געווארען, אבגלייך קיין ריכטיגע בעווייזע האב איך נאך ניט. איך גלויב אז ווען אונז זאל נור געראטהען איהם ארייגצוקריגען אין אונזערע הענד, וואלטען מיר באלד אויך געהאט זיינע מיטשולדיגע.

— מיט וואס קען איך אייך העלפען? האט גראף סאמילאוו געפרעגט.

— ערשטענס קענט איהר מיר איינינע זאכען אויפקלערן. איהר האט דיא בעשרייבונג פון דעם מאן, וועלכער האט זיך אין בערלין גערופען פראנץ מילער, און האט געהאט דיא חוצפה זיך צו רופען מיט זיין ריכטיגען נאמען אין האָטעל מאָנט-בלאנק אין גענף.

— דיא בעשרייבונג איז אין ביידע ערטער כמעט דיא זעלביגע. יעדער איינער פון דיא ביידע מענער, וועלכע איך האלט אויך פאר איינעם אזוי וויא איהר, ווערט בעשריעבען אלס מאן פון פופציג יאהר, מיטעל גרויס, רעגעלמעסיגע ציגע פון געזיכט, עטוואס געבויגענע נאז, און אלס א מאן וואס ליעבט גוט אריינצועסען און צו שפיעלען א קערטיל.

— דאס איז ער! דאס איז ער! — האט עמא זשובערט אויסגערופען — דאס בילד איז זעהר עהנליך. ווייסט איהר עטוואס פון זיינע האָר?

— ווייס און לאָקיג; אזוי איז אויך דער באָרד וועלכען ער האט געטראגען אין גענף; אין בערלין איז ער געוועזען אהן א באָרד.

— לאָקיגעס האר האט ער אימער געהאט, אבער אמאָל זיינען זיי געוועזען ברוין. איהר זאגט אלזא דאס אין בריסעל האט איהר פערלארען זיינע שפור.

— יא, אין האטעל דע גאנד, וואו ער האט זיך פערשריעבען אלס וויליאם טהאמפסאן, ענגלישער אונטערטהאן.

— דיא קענצייכען זיינען געוועזען דיא זעלביגע?

— צוג פאר צוג,

— ניט שוין־זשע זאגט מיר דאס הארץ, דאס וויליאם טהאָמפסאָן און זשול טהערמים פון האטעל פעי-באַ איז איינע און דיא זעלבע פערזאן?

— אבער ווען אזוי קענט איהר איהם דאך לייכט פאקען! — האט דער רוסע אויסגערופען פערוואונדערט.

— אזוי ווייט זיינען מיר נאך לײדער ניט געקומען, העדר גראף; אבער ווען איך זאל מאָרגען ערפאהרען אז מיר זיינען אויף דער ריכטיגער שפור, וועלען מיר יעדענפאלס זיין מיט א טריט נעהענטער צום ציעל.

— ווייסט איהר מאדאם דאס איך בין זעהר רייך? — האט דער רוסע אָנגע-הויבען נאך א קורצען שטילשווייגען.

— יא, אבער צו וואס זאגט איהר דאס יעצט? האט עמא זשובערט געענטפערט גאנץ ערשטוינט איבער אזא פלעצליכע ווענדונג.

— דאס וויל איך אייך ערקלערען. מיין הייליגסטער וואונש איז מיר יעצט, מיך נוקם צו זיין פיר מיינע טהייערע מוטער, פיר מיין געליעבטען פאטער און ניט אן דעם

שורקע לאַטירג אליין, נור דורך איהם אן יענעם גרויסען און מעכטיגען פערברעכער, וועלכער האט איהם געשיקט. דיא פערהאפטונג פון פיערר לאטירג איז ביי מיר אזוי וויכטיג דאס איך בין בערייט איך אויסצוצאהלען א האלב מיליאן פראנקען אן דעם טאג ווען דיעזער שורקע ועט זיין אין דיא הענד פון דער פאָליציי און איך בעט אייך דאס אנצונעהמען ניט אלס בעלאהנונג, נור אלס צייכען פון דאנקבארקייט.

— הערר גראף, אזא אנערביעטען איז....

— פיעל וועניגער וויא אייער פערדיענסט, האט איהר דער רוסע איבערגעשלאגען דיא רייד — אבער איך בעט אייך עס אנצונעהמען.

— דיא איינען פון דער געהיימפּאָליציסטין האבען אויפגעלויכטען, זיא איז ניט געוועזען געלד־גייציג, אבער אין דעם אויגענבליק האט זיא געטראכט פון איהר געליעבטען מאריס, וועלכען זיא וועט רייך און גליקליך מאכען.

— איך נעהם עס אן — האט זיא געזאגט גאנץ בעוועגט — אבער איך פערזיכערע אייך, ניט פיר מיך, נור פיר מיין זאהן. איהר האט דערמיט געזיכערט זיינע צוקונפט און איך וועל אייך מיין לעבעלאנג דאנקבאר זיין.

— אייער זאהן? — האט דער רוסע איבערגעפרעגט — איהר זאהן?

— א גוטען, היבשען יונגען מאן, וועלכען איך פערגעטער און וועלכער האט מיך ליעב, אבער ער ווייס ניט דאס איך בין זיין מוטער.

— איהר וועט מיך מיט איהם בעקאנטמאכען.

— ווען איהר ערלויבט עס, הערר גראף, וועל איך מיר נעהמען דיא פרייהייט, אייך מיין מאריס פאָרצושטעלען אזוי שנעל וויא ער קומט צוריק, דען אויגענבליקליך איז ער פעררייזט.

— איך בעט אייך זעהער דארום, אבער לאמיר צוריקקעהרען צו דעם, וואס אונז בעשעפטיגט. איהר האט פריהער געזאגט דאס איהר ווילט מיר אנפערטרויען א ראָלע; אין וואס בעשטעהט עס?

— שפּיעלט איהר קארטען?

— יא און ניין; ביי געלעגענהייט שפּיעל איך וויא יעדער איינער, אבער ניט זעהר גערן, מיינע ליידענשאַפט איז דאס ניט.

— דאך וועט איהר מוזען בעזוכען דיא שפּיעל־הייזער פון פאריז און דארטען שפּיעלען.

— צו וואס דען?

— אום אנצוטרעפען מיט פיערר לאטירג.

— קומט ער דארט?

— געוויס; ער איז א ליידענשאַפטליכער קארטען־שפּיעלער און דער שפּיעלער איז וויא א פערליעבטער: ער וועט זיך אויסזעטצען דער גרעסטער געפאהר, אום צו בעפריעדיגען זיינע ליידענשאַפט, און אזוי וויא לאטירג ווערט אין דיא העכערע קרייזען ניט צוגעלאזען, דאן געהט ער געוויס אין דיא שפּיעל־הייזער.

— אבער מיר זיינען דיעזע הייזער גאנץ אונבעקאנט, איך מוז דאך איינעם האבען וואס יאל מיך אהין פיהרען — האט דער גראף געזאגט.

www.libtool.com.cn

— האט איהר ניט אונטער אייערע בעקאנטע איינעם א לעבעדיגען יונג, וועלכער קען פאריז פון דיעזער זייטע?

— איך האב דא נור איין גוטען בעקאנטען, א געבאָרענעם פאריזער, דעם וויקאָמט ד'ארפעל.

— איך האב דעם נאמען געהערט. איך גלויב ער איז דער ריכטיגער מאן פיר אייך. איבריגענס קען איך אייך געבען א ליסטע פון אלע פלעטצער, וועלכע איהר האט צו בעזוכען; עס קען זיין, אז איהר וועט מיך אויך טרעפען אין איינעם פון אזעלכע ערטער.

— אייך, מאדאם? — האט דער גראף אויסגערופען.

— יא. און ווע איהר זאלט מיך אין אזא אָרט דערקענען, וואס עס איז אייגענטליך ניט צו גלויבען — טארט איהר מיט קיין איינציגע מיענע ארויסווייזען, אז איהר קענט מיך.

— איך וועל דאס האבען אין זינען.

— יעצט, הערר גראף, זייט איהר פון מיר פריי. היינט האב איך אייך ניט מעהר צו זאגען און וועל אייך בעגלייטען צו אייער וואגען.

עמא זשובערט האט זיך איינגעוויקעלט אין א ווייסען פעלץ האט פארדעקט איהר געזיכט מיט א געדיכטען שלייער און האט פארלאזען דאס הויז מיט'ן גראף. דיעזער האט זיך אנגעבאָטען איהר צו בעגלייטען נאך הויזע, אבער זיא האט זיך דערפון ענטזאגט, האט גענומען א וואגען און איז געפאהרען נאך הויזע. זיא איז געווען אין א פיעבערהאפטער אויפרעגונג: פון איין זייט דיא האפנונג ענדליך צו עררייכען דיא לאנגע געוואונשטע נקמה און פון דער אנדערן זייט דיא אויסזיכט איהר געליעבטען זאהן רייך צו מאכען, האבען אהן אויפהערונג געבראכט איהר בלוט אין וואלונג.

— קיינע רוהע, קיין שטילשטאנד פון וואפען! — האט זיא געמורמעלט — היינ־טיגעם מאהל מוז איך זיעגען.

אויף מארגען אום צעהן אוהר פריה איז זיא שוין ווידער געווען אין דער רוע מעזלע, וואו זשאַדלע איז אויך באלד אונטערגעקומען. דער אנצוג און דאס אויסזעהן פון דעם פאָליציסטען האבען זיך זייט געסטערן אין גאנצען פערענדערט. ער האט איצטער אויסגעזעהן וויא א דיקער בעלגיער, וויא מען טרעפט עס אפט צו זעהן אין דיא ביער־ברויערייען פון בריסעל.

— זעהר גוט — האט איהם עמא זשובערט געמאכט דעם קאָמפלימענט — דיא פערקליידונג איז געלונגען.

— איך פערשטעה וואוהין איהר ווילט מיך פיהרען און איך גלויב, אז דארטען איז דיא מאסקע פון א בעלגיער וויא געוואונשען.

— דאס בעווייזט, אז איהר האט גריכט. מיר קענען נאטירליך אזוי אויך מאכען אונזערע נאכפאָרשונגען אין האָטעל פעי־בא, אלס פאָליציסטען, אבער וואס וועניגער אויפזעהן צו מאכען איז דיא דעפעשע געשיקט געווארען?

— נאך ביי נאכט; ביז אבענד וועלען מיר האבען אנטוואָרט.

— האט איהר א צייטונג ביי זיך? — האט עמא זשובערט געפרעגט.

www.libtool.com.cn

— יא, ווארום?

— זעצט זיך און לייענט ביז איך קום צוריק.

— איהר ווילט מיך פארלאזען?

— ניט אויף לאנג.

עמא זשובערט איז אריין אין קאסטיום־צימער, וואו מיר האבען זיא שוין פריהער אמאהל געזעהן און נאך צעהן מינוטען איז זיא ווידער געשטאנען ביי זשאדלע, מיט א רייזע־טאש אין האנד, א בעלגיערין פון קאפ ביז פוס.

— כאפערלאט! (דאנער־וועטער) מיר קומען פון בריסעל — האט זשאדלע גע־לאכט נאכמאכענדיג דיא פראנצויזישע שפראכע פון דיא בעלגיער.

— היינט פריה געקומען, מיין מאן — האט עמא זשובערט געענטפערט, מיט דעמזעלביגען לשון — יעצט קענען מיר געהן.

א האלבע שטונדע שפעטער האט א פיאקער געבראכט דיאביידע פאליצסטען צום טהיר פון האטעל פעי־בא אין דער רוע גראמאנט.

איין קעלנער איז געקומען דיא פרעמדע אנטקעגען.

— ווייסט דוא, מאן, איז דא האטעל פעי־בא? — האט זשאדלע געפרעגט.

— יא, מיין העררע, דאס איז היער; פערלאנגען דיא הערשאפטען צימער?

— יא, פיר עטליכע טעג — האט עמא זשובערט ערקלערט.

— מיר האבען זעהר שעהנע צימער, מאדאם — האט דער קעלנער אנגעהויבען.

אבער עמא זשובערט האט איהם איבערגשלאגען דיא רייד:

— פריהער ווילען מיר וויסען אויב דא איז עס וואו אונזער פריינד איז פאר־פאהרען, וועלכע האט אונז דיעזעס האטעל רעקאמאנדירט, ווייסט דוא, ער וואהנט נאך דא געוויס.

— א בעלגיער?

— יא, פון בריסעל.

— פיעלייכט העררע היימאן?

— ניין, העררע טהערמיס.

— א געוויס, העררע טהערמיס, מיט ווייסע לאקיגע האר, א גוטער העררע.

— דאס איז אונזער פריינד; שטעהט ער נאך דא?

— ניין, מאדאם, העררע טהערמיס האט פעררייזט מיט א פאר טעג צוריק.

— נאך בריסעל?

— ניין, מיין העררע, איך האב איהם געבראכט א פיאקער און ער האט אוועק־געשיקט זיינע זאכען צום ליאנער באהנהויף.

זשאדלע און מאדאם ראזיע האבען זיך איבערגעקוקט.

— דאס איז דום, זעהר דום, ווייסט דוא מאן — האט עמא זשובערט זיך בע־קלאגט — מיר האבען אזוי געהאפט איהם צו זעהן; ער האט געזאגט דאס ער וועט וועניגסטענס פיער וואכען בלייבען אין פאריז.

— מיר ווייזט אויס אז ער האט דא געוואלט בלייבען לענגער — האט איהם דער קעלנער פערענטפערט — דען ער האט זיך דא איינגעריכטעט א גאנציג וואהנונג,

www.libtool.com.cn

אבער איינמאהל האט ער ערהאלטען א בעזוך פון צוויי העררען, וועלכע האבען זיך ביי מיר נאכגעפרעגט וואו זיין צימער איז און דעמזועלבינען טאג איז ער אבגערייזט.

— צוויי הערדען וועלכע מיר קענען געוויס, אויב דאס זיינען זיינע פריינדע — האט זשאָדלע בעמערקט.

— דאס וויים איך ניט — האט דער קעלנער געענטפערט — איינער איז געוועזען אבבע (גלח) און דער אנדערער א יונגער מאן.

— איין אבבע!? — האט זשאָדלע אויסגערופען.

— נוא יא, זיין פעטער אבבע גולדען, וויסט דוא. האט עמא זשובערט אונטער־ נעחאפט, אם ניט צופיעל ערשטוינען ארויסצו־ווייזען — דער יונגער מאן איז געוועזען בלאנד, ניט וואהר?

— דאס קען איך אייך ניט זאגען מאדאם, אויף דער טרעפ איז געוועזען דונקעל און ער איז שנעל ארויפגעלאפען און האט געקלונגען ביי נומער 17, וואו הערר טהערמים האט געוואהנט.

— זיינען דיא צימער יעצט לעער?

— יא, מאדאם.

— גוט, מיר וועלען זיי נעהמען. וואס אונזער פריינד געפעלט, געפעלט אונז אויך. פיהרט אונז ארויף, מיר וועלען זיי אנזעהן און שיקען נאך אונזערע זאכען פון׳ם באהנהויף.

זשאָדלע האט נאטירליך צוגעשטימט און דער קעלנער האט גענומען דעם שליסעל און האט ארויפגעפיהרט דיא געסט צו דיא צימער, אין וועלכע לאטירג האט געוואהנט צוועלף טעג. אלעס איז דארט געוועזען אין ארדנונג און דער קעלנער האט דיא געסט געלאזען אליין אין צימער מיט דער בעמערקונג, דאס אויב דיא הערשאפטען ווינשען עטוואס זאלען זיי נור קלינגען, וועט ער שוין דערהערען.

קוים איז דער קעלנער ארוים און האט צוגעמאכט הינטער זיך דיא טהיר, האט זיך עמא זשובערט גלייך א ווארף געטהאן אויף׳ן קאמאָד און האט גענומען אונטער־ זוכען דיא שופלאדען מיט פיעבערהאפטער האסט, איינע נאך דיא אנדערע.

— טהוט אויך דאסזעלבע הערר זשאדלע, — האט זיא געזאגט — זוכט וויא וויים איהר קענט, פיעלייכט האט ער עטוואס פערגעסען וואס פיר אונז קען זעהר וויכטיג זיין.

— וואס וואלט איהר איינענטליך געפינען? — האט זשאָדלע געפרעגט נאכדעם וויא ביידע האבען א היבשע ווילע געזוכט.

— וויים איך? א „גאר ניט,“ וואס קען הערן אין אונזער האנד צו א שרעקליכען „עטוואס,“ א שטיקעל בריעף, א קאנווערט פון א בריעף, אדער זא עטוואס.

— זייט איהר דען זיכער, אז זשול טהערמים איז דער מאן אויף וועלכען איהר האט א פערדאכט?

— יא דיא בעשרייבונג פון קעלנער פאסט זעהר ריכטיג.

— האט איהר א שטיקעל אהנונג ווער דער פריעסטער איז, אדער ווער דער יונגער מאן איז?

www.libtool.com.cn

— קיין האר; דאס איז א פונקט וועלכער וועט זיך שפעטער אויפקלערן; יעדענ־פאלס איז דאס געוועזן א פאלשער פריעסטער.

— זשול טהערמיס האט זיך פון אונז ארויסגעדרעהט!

— ווער זאגט עס?

— ער האט דאך פארלאזען פאריז.

— פון וואנען ווייסט איהר דאס?

— ער איז דאך געפאהרען צום ליאָנער באהנהויף.

— חא חא חא! — האט עמא זשובערט געלאכט — דאס איז שוין איין אלטע המצאה, מיין ליעבער זשאָדלע, אוועקצופאהרען צום באהנהויף מיט דער אבזיכט כלומר'שט צו פערדרייזען און טאקי באלד זיך אומצוקעהרען צוריק.

— צום טייפעל דאס איז זעהר מעגליך!

— מיר וועלען דאס שוין ערפאהרען; דא זיינען מיר פערטיג און קענען געהן. אוננויטציג איז אונזער בעזוך ניט, דען דערווייל האבען מיר דעם בעוויז, דאס אונזער מאן האט געהאט מיטשולדיגע.

אין ביורא פון האטעל האט מאדאם ראזיע געגעבען דעם קעלנער צעהן פראנק און האט געזאגט: „מיר פאהרען צום באהנהויף און קומען נאך א שטונדע צוריק.“

דער קעלנער האט נאטירליך שטארק בעדויערט וואס אזעלכע פריינגעבינע געסט זיינען ניט צוריקגעקומען און האט זיך בעקלאגט אויף די קאפריזען פון די ווייבער.

הונדערט טריט וויט פון האטעל האבען זיך די פאליציסטען געשיעדען. זשאָדלע האט ערהאלטען דעם אויפטראג צו געהן אויף די בעלנישע געזאנדשאפט, אום פרעגען, אויב א פאס אויף דעם נאמען זשול טהערמיס איז דארט וויזירט געווארן, וועהרענד מאדאם ראזיע איז אוועקגעפאהרען צום ליאָנער באהנהויף און האט זיך דארט גלייך געווענדעט צום פאקמייסטער, וועלכער האט די אויפזיכט איבער די געפעקע וועלכע ווערען אויפבעוואהרט אויף'ן באהנהויף.

זיא האט איהם ערקלערט ווער זיא איז און דאס זיא פערפאלגט די שפור פון א פערברעכער. דער פאקמייסטער האט געקנייטשט דעם שטערן, האט געזוכט זיך צו דערמאהנען אייב ער האט ניט געזעהן אזא מאן וויא די געהיימפאליציסטין האט איהם געשילדערט, ער האט אבער קיין זאך ניט דערמאהנט זיך. „וויא קען איך עטוואס געדיינקען?“ — האט ער געזאגט, איך זעה צופיעל מענשען און איך בעקימערע מיך נור אום די נומערן פון די געפעקע און ניט אום די מענשען.

דאס איז געוועזן א גרויסער פעהלשלאג פיר מאדאם ראזיע. זיא האט שוין גע־האלטען דעם פאדעם אין האנד און פלוצלונג האט ער זיך איבערגעריסען און פער־שוואונדען. וואו זאל זיא איהם ווידער זוכען? זעהר בעטריעבט איז זיא געקומען אויף דער פרעפעקטור, וואו זיא האט מיטגעטהיילט אלעס וואס זיא האט געטהאן.

דיא ענטטוישונג וועלכע זיא האט געהאט אין איהר האפנונג וואס איז צוקראכען געווארען, האבען זיא ניט ענטמוטהיגט, אין גענענטהייל, דאס האט זיא נאך מעהר אויפגעמונטערט, און זיא האט זיך ענטשלאסען צו זיעגען איבער אלע הינדערניסע, מעג איהר קאָסטען אפילו איהר לעבען.

www.libtool.com.cn

דער פאָליציי־שעף האט זיא אויפמערקזאם אויסגעהערט און האט דאן געזאָגט: איך וואָלט אייך ראטהען, מאדאם, איהר זאלט איצטער פרובירען אנהויבען פון אנאנדער זייט, דען ווער בעווייזט אייך דאס דיעזער זשול טהערמים איז ווירקליך פיטער לאַטירג?

— ער איז עס! — האט מאדאם ראזיע פערזיכערט — דיא אנטוואָרט פון בריסעל וועט עס בעווייזען; איך האב פערלאָרען זיינע שפור, אבער איך וועל זיא צוריק געפינען, אדער איך בין ניט מעהר דאס אויג פון מלאך המות.

— און ווען דאס איז אפילו ער — האט דער פאליציי־שעף געזאגט, אליין ניט גלויבענדיג — ווער איז אבער דער פריעסטער און דער יונגער מאן?

— דאס ווייס איך ניט; דערווייל איז מיר נאך אלעם דונקעל, אבער גלויבט מיר, עס וועט זיך אלעם ארויסגעפינען.

— אייער איבערצייגונג איז אלזא, דאס לאטירג, (ווען דאס איז ער), איז אם איין און צוואנציגסטען דעצעמבער ניט אוועקגעפאהרען נאך ליאָן?

— דאס איז מיינע פעסטע איבערצייגונג.

אין דעם אויגענבליק איז איינגעטרעטען א דיענער און האט דעם פאליציי־שעף איבערגעגעבען א דעפעשע.

— דאס איז דיא אנטוואָרט אויס בריסעל — האט ער געזאגט אלס ער האט דיא דעפעשע געעפענט, און דאן האט ער געלעזען: „אין בריסעל איז קיין פאס אויסגעשטעלט געוואָרען אויף דעם נאמען זשול טהערמים, און איקסעל איז ער אונבעקאנט; פאלשער פאס". — איהר האט רעכט — האט דער פאָליציי־שעף צוגעזעצט.

— יא, איך בין געווען אויף דער ריכטיגער שפור! — האט עמא זשובערט אויסגערופען מיט ערגער—דער שורקע האט זיך מיר ארויסגעדרייט פון אונטער דיא הענד; אבער צום גליק איז נאך ניט אלעס פערלארען, איך ליעפערע אייך אויס פיערר לאַטירג, ווען דאס זאל מיר אפילו קאָסטען דאס לעבען.

— וויא ווילט איהר עס איצטער אנפאנגען?

— דאס ווייס איך נאך ניט, אבער איך וועל עס געפינען, איך וועל וויסען, איך פערזיכער אייך.

עמאַ זשובערט האט גענומען אבשיעד און איז פון דארטען אוועקגעגאנגען צום פאָטאָגראַף, וואו זיא האט געפונען דיא אבבילדונג פון קנאָפּ פערטיג. זיא האט געהייסען אפשיקען דיא בילדער צו דער פאָליציי, כדי זיי זאלען פון דארטען פאנאנדערגעשיקט ווערען צו דיא יובעליערין. איינער פון זיי וועט דאך וואהרשיינליך דערקענען זיינע ארבייט און וויסען צו וועמען ער האט דעם קנאָפּ פערקויפט.

פון פאָטאָגראַף איז זיא אריין אין א רעסטאָראַן און האט עטוואס געגעסען, דען זיא איז נאך גאנץ ניכטער געווען. פון דארט האט זיא צוריקגעקעהרט אין דער פאָליציי־וואוינונג פון רוע מעזלע, וואו זיא האט א היבשע צייט איבערלעגט וואס זיא האט צו טהאן, אין דערזעלביגער צייט האט זיא אויך דורכגעקוקט דיא ריסטען פון געוועזענע ארעסטאַנטען וועלכע זשאָדלע האט איהר געבראכט אויף איהר פערלאנגען.

אויף איינער פון דיא ליסטען האט זיא געפונען דיא נעמען גאלובעט און קאָרנו.

www.libtool.com.cn

וועלכע זיינען שוין פריהער דערמאהנט געוואָרען, מיט דער אויספיהרליכער בעשרייבונג ווען און וואו זיי פערקעהרען, און ווען מען קען זיי געפינען. וואס זייא טהוען אד"ג. אויף דיזער ליסטע האט זיא זיך פארטראַכט ביז זיא איז אונטערבראָכען געוואָרען דורך דיא ערשיינונג פון זשאָרלע און מארטעל.

זשאָרלע איז געקומען פון דער בעלגישער געזאנדשאפט מיט דער מיטטהיילונג, דאס א פאס אויף דעם נאמען זשול טהערמים איז דארט ווירקליך וויזירט געווארען אם אכטען דעצעמבער; מארטעל איז געקומען מיט ליידיגע הענד. ער האט געפונען א רינשטאָק־קאנאל ניט ווייט פון האָטעל אין רוהע מאָנטאָרגע, האט דעם קאנאל גוט אונטערזוכט, האט אבער קיין זאך ניט געפונען. ביידע אגענטען האבען געשפירט אז דיא זאכע שטעהט שלעכט און האבען ניט געוואגט אנצוקוקען מאדאם ראָזיע. פלוצלונג האט דיעזע זיך אויפגעהויבען:

— אויף מאָרגען, מיינע העררען — האט זיא געזאגט — אויף דער פרעפעקטור.

דיא ביידע מענער האבען זיך פערנייגט און זיינען אוועקגעגאנגען, וועהרענד עמא זשוּבערט האט זיך ווידער פארטיעפט אין איהרע פלענער.

27טער קאפיטעל.

## מארים זוכט און געפינט.

מיר האבען געלאזען מאָרים'ן שלאָפענדיג, נאכדעם וויא ער האט שוין אלעס געהאט פערטיג צו דער רייזע נאך וויק־סור־בריין. ער האט ניט לאנג געשלאָפען, דען אויך אין שלאף האבען איהם בעשעפטיגט דיא פינסטערע פלענער, וועלכע ער האט אונטערנומען דורכצופיהרען. ער האט זיך אויפגעהאפט גאנץ פריה, און איז אוועקגעפאהרען צו א רעסטאָראן וועלכער איז געווען אנטקעגען דעם פאָליציי־געביידע, וואו ער האט געזאלט ערהאלטען א קאָפּיע פון סימאָנע'ס געבורטס־שיין. ער האט עס אויך ערהאלטען, און נאכדעם וויא ער האט זיך געלאזען געבען א פיינעם פריהשטיק, איז ער אוועק געפאהרען צו ליאָנער באהנהויף, און נאך עטליכע שטונדען רייזע מיט דער באהן איז ער געווען אין וויק־סור־בריין. א קליינער דיליזשאַנס האט איהם געבראכט פארן טהיר פון א האָטעל, וואו ער איז אבגעשטיגען און האט גענומען א צימער.

מארים האט זיך ארומגעוואשען, האט אוועקגעשטעלט זיין קאָפער אין א ווינקעל, און איז אראפגעגאנגען אונטען אין דער גרויסען קיך, וואו דיא ווירטהין האט זיך בעשעפטיגט ארום פייער.

— איך מאך צורעכט אבענד עסען פאר אייך, מיין הערר — האט זיא געזאגט — איהר וועט האבען זופּע, פיש, ביפשטיק מיט קארטאָפעל, פאנקוכען און קרעבסע; צום דעסערט וועט איהר האבען פרוכט־טאָרט, קעז און ראָזינען. זייט איהר צופריעדען?

— א פראגע דאס איז! מיר לויפט דאס שפייעכץ פון מויל.

— ווילט איהר עסען אין קליינעם זאל, אדער דא אין דער קיכע?

מאָרים האט ניט לאנג געקלעהרט. אין קיך האט ער געהאט דיא געלעגענהייט זיך דורכצושמועסען מיט דער ווירטהין, און דאס איז פיר איהם זעהר וויכטיג געווען.

— איך וועל עסען דא — האט ער געזאגט — ביין פייער פון קיך איז פרייליכער.

www.libtool.com.cn

— וואס וועט איהר טרינקען, מיין העררְ?

— אייער בעסטען וויין וואס איהר האט.

— מיר האבען קאלטע סאינט־זשאק, זעכס יאהר אלט, אלע פרעמדע הערר־שאפטען טרינקען איהם גערן.

— דאן וועט איהר מיר געבען א פלאשע קאלטע סאינט־זשאק.

אין דיעזען האטעל, וועלכער האט געהייסען האָטעל דע־שוואל־רוזש (צום רויטען פערד) פלעגען געוועהנליך פארפאהרען געשעפטס־רייזענדע, אבער ענדע דעצעמבער איז ניט געווען דיא צייט דערפאר און דיא מייסטע צימער זיינען געשטאנען לעער. דיא ווירטהין וועלכע האט נעקענט אלע איהרע געסט, האט זיכער געוואוסט, דאס מאריס איז ביי איהר צום ערשטען מאהל. זיא האט זיך געפרעגט, ווער קען זיין דיעזער הערר, וועלכער האט אויסגעזעהן מעהר וויא רייכער עלעגאנטער פאריזער פון דער גרויסער וועלט, אלס א געוועהנליכער האנדעלס־רייזענדער.

וועהרענד זיא האט אבטהונג געגעבען אויף דאס פייער פון קיך און אויף דיא ארבייט פון דער קעכין, האט זיא כלומר׳שט גאנץ גלייכגילטיג א פרעג געטהאן: „איהר קומט וואהרשיינליך צום ערשטען מאהל אין אונזער געגענד, מיין הערר, דען איך האב קיינמאהל דיא עהרע ניט געהאט אייך דא צו זעהן.“

מאריס איז געווען זעהר צופריעדען וואס דער געשפרעך האט זיך אזוי אנגעפאנגען און האט זיך בעאיילט צו ענטפערן:

— יא מאדאם, צום ערשטען מאהל און איך בעדויערע עס, דען דיא געגענד שיינט מיר וואונדערשעהן צו זיין, אבגלייך אין ווינטערצייט געהט דריי פירטעל פון דיא שיינקייט פון יעדער לאנדשאפט פערלארן.

— אבער ווען איהר זאלט קומען, מיין הערר, אום זומער אהער און זעהן אונזערע פעלדער; עס איז ווערטה דיא מיהע. פון פאריז זיינען מאהלער געקומען אהער און זאגאר פאטאָגראפען!

— עס איז גאר קיין וואונדער, דיא געגענד איז זעלטען.

— איהר רייזט געוויס פיר איין גרויס געשעפט, ניט וואהר מיין הערר?

— ניין, מאדאם.

— אלזא צום פערגעניגען?

— ניט גאנץ.

— אין געשעפטען אלזא?

— יא, מאדאם, און איך וואלט וועלען.... פיעלייכט קענט איהר מיר זאגאר וועלכע אויסקונפט געבען?

— מיט דעם גרעסטען פערגעניגען, אויב עס איז נור מעגליך.... דא קומט אייער זופע, מיין הערר.... אום וואס האנדעלט זיך עס?

— קענט איהר אין וויק־סור־בריין אדער אין דער אומגעגענד איינע פרוי מיט דעם נאמען שארוועט?

— שארוועט? עס זיינען דא עטליכע שארוועטס, איך האב אפילו עטליכע פערוואנדטע מיט דעם נאמען; וועלכע שארוועט מיינט איהר?

www.libtool.com.cn 

— דער פון האב איך קיינע אהנונג.... אייער זופע איז פאָרטרעפליך.

— עס פרייט מיך, ווען מיינע שפייזען שמעקען אייך.... ווייסט איהר פיליכט דעם פאָרנאמען פון דער פרוי שארוועט, אויף וועלכע איהר פרעגט זיך נאך פיליכט וואלט איך אייך קענען געבען בעשייד.

— קלאָדין.

— איז דאס פיליכט א פרוי וואס נעהמט קליינע קינדער אויסצוהאָדעווען?

— זעהר ריכטיג, מאדאם.

— אָ, איהר קען איך! א גאנץ עהרליכע פרוי. אבער צייט איהר מאנן איז גע־שטארבען וואוינט זיא ניט מעהר אין וויק־סור־בריין, נאר אין א קליינעם דאָרף פיזי, ניט ווייט פון דאנען.

— ויא ווייט איז עס?

— העכסטענס פיער מייל, דריי פירטעל שטונדע צו פוס; איהר קענט מאָרגען מאבען א שפאציער־גאנג אהין, דער וועג איז זעהר גוט.

— דאס וועל איך טהאן.

— וויא געפינט איהר דיא פיש, מיין הערר?

— פאָרטרעפליך!

— דאס איז קיין וואונדער; דיא קרעבסע און שלייען פון אונזער טייך זיינען בע־ריהמט. ווילט איהר דער קלאָדין שערוועט איבערגעבען א קינד אויף האָדעוואניע?

— נעהמט זיא נאך אן וועלכע קינדער?

— געוויס, אבער נור גאנץ קליינע.

— זיא איז דאך אבער ניט מעהר גאנץ יונג?

— א יאהר פופציג וועט זיא אלט זיין, ניט מעהר.

— איז זיא זעהר ארם?

— וואס רעדט איהר, מיין הערר? זיא איז ניט רייך, אבער זעהר וואהלהא־בענד. זיא האט גרונד־אייגענטהום, א הייזיל, א גארטען, און האט אלעס עהרליך פערדיענט.... דא איז אייער ביף־סטעק מיין הערר.

— ער זעהט אויס זעהר אפעטיטליך, אבער אייער וויין שמעקט נאר איין אנטיק, ניט מיר נאך א פלאשע, געפעליגסט.

דאס געשפרעך איז אונטערבראכען געווארען דורך דיא ערשיינונג פון עטליכע געסט, דען דיא גרויסע קיכע פון האטעל פלעגט אויך דיענען ווינטער אלס פערזאמ־לונגס־פלאטץ פיר דיא שטענדיגע בעזוכער פון האטעל, וועלכע פלעגען קומען אהער טרינקען א גלעזעל וויין און שפיעלען קארטען. מאריס איז געווען העכסט צופריעדען מיט דער אונטערברעכונג, דען ער האט אייגענטליך שוין געוואוסט אללעס וואס ער האט געוואלט וויסען. ער האט געענדיגט עסען, האט אויסגעטרונקען זיין קאפע, האט פער־רויכערט א ציגאר און איז געגאנגען צום בעט, וואו ער איז פאר מידיגקייט באלד איינגעשלאפען.

דעם נעכסטען מאָרגען איז ער אויפגעשטאנען אום 9 איהר, האט גוט געפריה־שטיקט און איז ארויסגעגאנגען „ווענגען געשעפט“. א בויער האט איהם אנגעוויעזען

דעם וועג נאך פיזי, און אין דריי פירטעל שטונדע איז ער געווען אין דארף, וואו פרוי קלאדין שארוועט האט געוואוינט.

עס איז איהם נאטירליך ניט שווער געווען צו דער פרעגען זיך וואו שארוועט האט געוואוינט אין דארף, דען זיא האט יעדער איינער אין פיזי געקענט, און נאך צעהן מינוטען איז ער שוין געשטאנען אויפ'ן הויף פון פרוי שארוועט'ס וואוינונג. ער איז דורכגעגאנגען דעם הויף און האט אנגעקלאפט אין טהיר פון א גאנץ פיינעם הויז, וועלכעס האט אבגעטהיילט דעם הויף פון פרוכט־גארטען. צו זיין רעכטער האנד האט זיך געזעהן א שייער, א שטאל און א געביידע פיר אלע מעגליכע לאנדווירטהשאפט, וועלכע זיינען יעצט געשטאנען איינזאם און פארלאזען.

— העריין! — האט געענטפערט א שטימע פון אינווייניג.

ער האט געעפענט און איז איינגעטרעטען אין א גרויסע שטוב, וואו עס איז געשטאנען א קאמין פון גרויען שטיין. אויסגעטריקענטע ווייזשטאק־צווייגלאך האבען גע־קנאקט אין פייער, און צוויי רויטע קינדער מיט דיקע בעקלאך האבען זיך געקוליעט דערביי. ביים איינטריט פון א פרעמדען, האט זיך דיא ווירטהין אויפגעהויבען, דיא קינדער האבען זיך דערשראקען צוריקגעצויגען אין א ווינקעל און האבען געקוקט אויף דעם גאסט מיט פארגנב'עטע בליקען, און א יונגע מיידיל וועלכע האט אויסגעזעהן צו זיין א דיענסט מיידיל ביי פרוי שארוועט, האט זיך געזעצט ביין פענסטער און האט געצי־רעוועט זאקען מיט דיקע וואלל.

— וואס ווינשט איהר מיין העדר? — האט דיא בוירערין געפרעגט.

— האב איך דאס פערגעניגען צו ריידען מיט מאדאם שארוועט?

— איך בין קלאדין שארווט.

— איהר האט ביז פאר פינף יאהרען געוואהנט אין וויק־סיר־בריין?

— יא, מיין העדר; מיט וואס קען איך דיענען?

— מאריס האט א בליק געטהאן אויף דאס דיענסט־מיידיל און האט געענטפערט: איך האב מיט אייך צו ריידען אין א וויכטיגע אנגעלעגענהייט און וואלט בעסער וועלען אונטער פיער אויגען.

מאדאם שארוועט איז געווען עטוואס פערלעגען, נור אזוי וויא דער פרעמדער האט אויסגעזעהן גוטמיטהיג און איז געווען פיין געקליידעט, האט זיא זיך ניט לאנג מישב געווען און האט זיך געווענדעט צו דער דיענסט: „נעהם דיא קינדער און געה צו מאטהע זשיראר; זאג איהם אויב ער וויל מארגען באקען זאל ער שיקען דעם טייג.“

דאס מיידיל האט עטוואס געמורמעלט צו דיא קינדער און איז אין א ווייל‏ע ארום מיט זיי ארויסגעגאנגען.

מאדאם שארוועט האט צוגעטראגען א ניעדריגען שטוהל צום קאמין און האט איינגעלאדען מאריס זיך צו זעטצען. דאן האט זיא געשטעלט דיא פראגע, וועלכע איז געוועהנליך ביי דיא בויערן פון יעניזר געגענד: „איהר טרינקט דאך געווים א גלאז וויין?

— איך דאנק אייך מאדאם, ניין — האט מאריס געענטפערט זיך זעצענדיג — איך האב געפריהשטיקט.

www.libtool.com.cn

— איהר ווילט ריידען מיט מיר ווענען א וויכטינע אנגעלעגענהייט, מיין הערר, וואס האנדעלט עס זיך?

— ווענען א קינד וועלכעס איז אייך אנפערטרויט געווארען; מען וויל וויסען וואס פון דעם קינד איז געווארען?

— פון וועלכען קינד? איך האב אזוי פיעל קינדער געהאט אויף האדעוואניע דאס אהן א נאמען קען איך ניט וויסען פון וועלכען קינד איהר רעדט.

— א קליינע מיידיל מיט דעם נאמען סימאָנע.

— סימאָנע! — האט פרוי שארוועט אויסגערופען — פון יענער קליינער מיידיל וואס איז מיר געבראכט געווארען איינמאהל ביי נאכט אין 1854?

— איך זעה איהר האט א גוטען זכרון — האט מאַרים געשפּאסט און זיין געזיכט האט אויסגעדריקט צופריעדענהייט — דאס איז געוועזען אם 17 נאוועמבער פון יענעם יאהר ווען אייך איז געבראכט געווארען דאס קינד פון דריי טעג און איז אייך איבער געגעבען געווארען צוזאמען מיט 30 טויזענד פראנק.

מאדאם שארוועט איז אויפגעציטערט געווארען פאר שרעק אלס זיא האט דער הערט דיא סומע און האט אראפגעלאזען דעם קאפּ. זיא האט זיך אבער דאך אויף אזוי פיעל צורעכט געפונען, אום קיין ווארט בעשטימט צו זאגען ווענען ד א דרייסיג טויזענד פראנק.

— יא, עס איז געוועזען אם 17טען מיין הערר — האט זיא געזאגט מיט א גע-צוואונגענער שטימע—איך דערמאהן מיך פונקט וויא דאס וואלט ערשט נעכטען געוועזן. אום ניין אוהר אבענדס, ווען עס איז געווען שטאָקפינסטער און עס האט גערעגענט, האט זיך פלוצלונג געעפענט דיא טהיר און א מאן איז אריינגעקומען, ניט אנקלאפענדיג, איך בין געזעסען מיט מיין מאן און מיט מיין טאכטער און מיט צוויי קינדער וואס איך האב דאן געהאט אויף האדעוואניע (פּפלעגע). מיר זיינען אלע צוציטערט געווארען און מיין מאן האט געחאפּט א גראבליע (היי-גאבעל) אום אונז צו פערטהיידינגען, אבער דער מאן האט פאנאנדער געעפענט דיא פּאָלעס פון זיין נאסען מאנטעל און האט ארויסגענומען איין גוט איינגעוויקעלטעס קינד.

— סימאָנען! — האט מאַרים אונטערבראָכע.

— יא, מיין הערר. דא ברינג איך אייך א מיידעל, האט ער געזאגט, וואס האט ניט קיין פאטער און ניט קיין מוטער, זיא הייסט סימאָנע און איז איינגעטראגען אין רייסטער פון דיא נייגעבארענע אין פּאריז; איך טרוי עס אייך אן און איהר זאלט עס אויפהאָדעווען, ביז איך וועל זיא פון אייך פּאדרען.

דאן האט ער גערעדט מיט מיין מאן און איז אוועקגעגאנגען אין שלאגס-רעגען, אבגלייך מיר האבען איהם געבעטען ער זאל ביי אונז נעכטיגען.

דיא דרייסיג טויזענד פראנק וועלכע זיינען איהר געגעבען געווארן מיט דעם קינד האט זיא ניט דערמאָהנט; עס האט אויסגעזעהען, אז איהר איז עס זעהר ניט אנגענעם געוועזען צו דערמאהנען.

מארים האט זיך געמאכט וויא אין כעס און האט געקנייטשט דעם שטערן.

— ניין, מאדאם, וואס איז פון דער סימאָנע געווארען?

www.libtool.com.cn

— אח, מיין הערר, זייט פינף יאהר האב איך פון איהר ניט געהערט.
— וויא איז עס מעגליך? האט דער יונגער מאן אויסגערופען מיט אמת'ער אנגסט. איהם האט אויסגעוויעזען דאס זיינע גאנצע ארבייט וועט דא באלד געהן פער־לאָרען — האט איהר דען דאס מעדכען ניט ביי זיך בעהאלטען?
— ניין, מיין הערר.
— איהר האט דאך אבער ערהאלטען דרייסיג טויזענד פראנק דאס מיידעל צו ערציהען?
— סימאָנע איז ערצויגען, מיין הערר, זעהר גוט ערצויגען! זיא קען לעזען, שריי־בען און רעכענען ניט ערגער פון הערען נאָטאַריוס פון וויק־סור־בריין, און איז אויך א גוטע נעטהערין. אבער מיט דער יוגענד קען מען ניט פיעל מאכען ווען זיא עקשנ'ט זיך איין. ווען זיא האט געהערט פון מיידלאך וויא שעהן פאריז איז, און דאס זיא קען דארט אויך קריעגען א שטעלע, האט זיא זיך איין טאג צוזאמענגעשמעקט מיט מיין אייגענער טאָכטער און איז מיט איהר אַוועק.
— קורץ, סימאָנע האט אייך פערלאזען?
— ליידער יא. דאס האט אונז געקאסט גענוג קימער.
— און איהר האט זיא געלאזען געהן?
— וויא אזוי האב איך איהר דען געקענט הינדערן? איך בין ניט איהר מוטער און האב קיין רעכט דערצו.
— האט איהר איהר וועניגסטענס נעגעבען איהר געלד?
— איהר געלד, וועלכעס געלד? האט זיא ניט געגעסען, ניט געטראגען קיין קליי־דער און ניט געלערנט אין דיא זיעבצעהן יאהר? פון דיא דרייסיג טויזענד פראנק איז קיין העלער געבליעבען, אין גענענטהייל...
— דערפון וועלען מיר שפעטערריידען, ענטפערט מיר אויף מיינע פראגע: סימאָנע איז אלזא אין פאריז?
— יא, מיין הערר, זייט פינף און א האלב יאהר. זיא איז אוועק מיט זעקס חדשים פריהער איידער מיין מאן איז געשטארבען.
— ווייסט איהר וואס זיא טהוט אין פאריז?
— דיא ערשטע עטליכע מאָנאטע האב איך עס געוואוסט, מיין טאכטער פלעגט מיר שרייבען, אבער פון דענסטמאהל אן האב איך פון איהר ניט מעהר געהערט; מיין טאכטער האט זיך מיט איהר צוקריעגט און זיי טרעפען זיך ניט מעהר.
— וואו האט סימאָנע דאמאלס געוואהנט?
— זיא האט געארבייט אין א דאמען-קליידער מאגאזין, אבער וואו, ווייס איך ניט, מיין טאכטער האט עס מיר ניט געשריעבען.
— האט אייך סימאָנע א מאהל געשריעבען?
— ניין, קיין איינציגעס מאהל.
— דאס איז מערקווירדיג. איין קינד צו וועלכען איהר זייט זיעבצעהן יאהר געוועזען מוטער, האט דאך אייך גע אלט ליעבען וויא איין אייגענעם מוטער. האט איהר זיא פיילייכט שלעכט בעהאנדעלט?

www.libtool.com.cn

— שלעכט בעהאַנדעלט, באַרמהערציגער גאָט! — האָט מאַדאַם שארוועט אויסגערופען בעליידיגט — אקוראט וויא איינער וואלט אמאהל געקענט האבען דעם מוטה איהר עטוואס צו טהאן, דיא גיטע זיסע קינד!

— איהר ווייסט אלזא ניט וואו זיא איז?

מאדאם שארוועט האט געשאקעלט מיט'ן קאפ: ניין.

— אויך ניט וואס זיא טהוט?

— איך הויב ניט אן צו וויסען.

— אבער איהר קענט דאך עס ערפאהרען!

— וויא אזוי?

— דורך אייער טאכטער. ווען אייער טאכטער איז אין פאריז דאן שרייבט איהר, אז עס איז זעהר וויכטיג סימאנע אויסצוגעפינען. ווען זיא איז אפילו מיט איהר צוקריעגט, וועט זיא איך דאך ניט ענטזאגען זיך אומצוזעהן וועגען איהר, און אייך שיקען איהר אדרעסע.

מאדאם שארוועט האט זיך צו־ווײנט און צו חליפעט.

— מיין גאָט, וואס פעהלט אייך? — האט מאַרים געפרעגט בלומערשט מיט טהיילנאהמע.

— מיינע טאָכטער! —האט דיא פרוי געשטאמעלט מיט אופריכטיגען שמערץ— מיינע טאָכטער, אך, מיין העררע, איך וויים ניט וואו זיא איז און וואס פון איהר איז געווארען. שוין דריי יאהר וויא זיא האט מיר קיין וואַרט געשריעבען. ווער האט זיך דאס געקענט פארשטעלען, וויא האב איך דאס פון איהר געקענט ערווארטען!? א מיידעל אזוי שעהן, אזוי קלוג, אזא ליעב קינד, און האט געלערנט גלייך מיט סימאָנע, פילייכט נאך מעהר, און פלוצלונג.... אזא סוף, אזא סוף! מיינע א טאָכטער זאל אראפּ פון וועג!....

— ווייסט איהר עס דען געוויס? — האט מאַרים געפרעגט.

— ליידער צו געוויס. זיא האט געביטען איהר שטעלע פינף מאל אין צוויי יאהר האט זיך דערנאך געלאזען פארפיהרען פון איינעם פון איהרע העררען, און האט נאך נעהאט דיא העזה מיר צו צושיקען איהר קינד נאך וויק־סור־בריין. צום גליק איז דאס קינד געשטארבען אין א מאָנאט ארום, און פון דענסמאהל אן איז זיא וויא אין וואסער אריין.

— האט איהר פון קיינעם ניט געהערט וועגען איהר?

— ליידער יא. איינמאהל האט דער זאהן פון אונזער נאטאריוס דערציילט, דאס ער האט מיין זשאנעטע געטראפען אין פאריז אין א גרויסארטיגען קאפע־הויז אויף דיא בולווארדס מיט א גאנצע געזעלשאפט פון פראנטען, און זיא הייסט ניט מעהר זשאנעטע, נאר אקטאווע, דיא שעהנע אָקטאוויע! דיא חצופה!

מארים איז אויפגעשפרונגען פון שטוהל, פונקט וויא א שלאנג וואלט איהם א ביס געטהאן פון הינטען.

— אָקטאוויע! איז דאס דער נאמען וואס דער זאהן פון אייער נאָטאריוס האט געהערט?

www.libtool.com.cn

— יא מיין הערר!
— ער האט זיך געוויס ניט טועה געווען, אז דאס איז אייער טאכטער?
— אָ ניין, ניין מיין הערר! עס איז ניט מעגליך ער זאל זיך טועה זיין. ער קען זשאַנעטע פון קינדוויין אויף און ער האט דערנאך פיעל מאהל געזעהן ביי מיר איהר פּאָטאָגראַפּיע וואס זיא האט מיר געשיקט. עס איז מיר אַ שאנדע דאס בילד צו הייננען אויף'ן וואנד און איך האלט עס בעהאלטען. נור איך אליין גיעב אַ מאהל אַ בליק אויף איהר און וויין זיך גוט אוים.
— קענט איהר מיר פּיעלייכט ווייזען דאס בילד?
— ווארום ניט? איהר ווייסט דאך שוין סיי־וויא־סיי וויא מיט איהר שטעהט.

פרוי שארוועט האט זיך מיט דיעזע ווערטער אויפגעהויבען און איז צוגעגאנגען צו אַ שווערען הילצערנעם שראנק, וועלכען זיא האט אויפגעעפענט און האט ארויס־גענומען צוויי בילדער, פון וועלכע זיא האט איינע דערלאנגט מאָריס'ן מיט דיא ווערטער „דאס איז זיא, מיין הערר, זעהט נור וויא שעהן זיא איז!"

מאריס איז געווען מעהר אויפגערעגט אלס ער האט געוואלט לאזען מערקען. דער נאמען אַקטאוויע האט אויף איהם מערקווירדיג געווירקט. ניט־שוין־זשע איז זשאנעט שארוועט זיין געליעבטע? איהם איז קיינמאהל ניט איינגעפאלען זיא צו פרעגען פון וואנען זיא שטאמט. נור אויב עס איז ווירקליך אזוי, דאן האט ער דיא בעסטע אוים־זיכטען צו געפינען סימאָנע. אקטאוויע וועט איהם שוין וועלכע אויסקונפט געבען, „זיא איז עס!" האט ער געטראכט ביי זיך, אלס ער האט בעט־אכטעט דיא פּאָטאָגראַפּיע און דאן האט ער געזאגט לויט: „ווירקליך אַ שעהנע מיידיל, און עס איז גאר קיין וואונדער ניט, וואס זיא האט אין פאריז געפונען אויף זיך אזוי פיעל בעלנים. יונג און שעהן איז זיא, און לעבען ווילט זיך, דאן קען מען ניט ווידערשטעהן דיא אלע פער־לאָקונגען פון לוקסוס און גלאנץ. אַ ביסעל איז עס אייער שולד אויך. איהר האט אייער זשאנעט ניט געזאלט לאזען נאך פאריז, וואו דיא טוגענד פון יעדער פרוי איז אין גע־פאהר. פון סימאָנע איז וואהרשיינליך אויך געווארען אזא תכלית."

לאטירג און ווערדיע וואלטען זיך געוויס געהאלטען פאר דיא זייטען פון געלעכטער ווען זיי וואלטען זיך צו געהערט וויא אזוי מאריס זאגט מוסר און רעדט פון טוגענד. ער איז געווען אויסגעצייכענט אין דיעזער ראָלע, אבגלייך זיא האט צו איהם גאר ניט געפּאסט.

פרוי שארוועט האט זיך געווישט דיא אויגען.
— אך, ווען מיין פערשטארבענער ארעמער מאן וואלט מיר געפאלגט, וואלט אזא סוף ניט אויסגעגאנגען און קיין איינציגע פון זיי וואלט נאך פאריז ניט געגאנגען.
— איז דאס צווייטע בילד סימאָנעס? — האט מאריס זיא אונטערבראכען, אלס ער האט דערזעהן דיא צווייטע פּאָטאָגראַפּיע.
— יא מיין הערר.

פרוי שארוועט האט דערלאנגט מאָריס'ן דאס צווייטע בילד, מיט דער בעמער־קונג: זיא איז ניט מיאוס, אבער צו מיין טאכטער קומט זיא ניט.
— וואס פאר אַ רייצענדע קעפּעלע! — האט ער געטראכט ביי זיך אלס ער האט

www.libtool.com.cn

בעטראכטעט דאס בילד און האט צוגעזעצט לרים: „קענט איהר מיר אפּלאזען דאס בילד?"

— צו וואס דען?

— ביי דיא נאכפאָרשונגען נאך סימאָנע וועט דאס בילד מיר העלפען זיא אויס־צוגעפינען. עס איז ניט מעהר וויא רעכט איהר זאלט מיר בעהילפיג זיין אין זוכען זיא, דען ווען איהר וואלט זיא בעסער געהיט וואלט איך זיא יעצט ניט דארפען זוכען.

— איהר גלויבט אז דיעזע פאָטאָגראפיע וועט אייך העלפען אויסצוגעפינען סימאָנען?

— איך האף אזוי.

— דאן וואלט איך פיעלייכט געקענט מיט דעם אנדערן בילד אויסגעפינען זשאַנעטע?

— ווארום ניט?

— דאן נעהמט אייך סימאָנעס בילד, מיין הערר און פיעלייכט וועט איהר מיר אמאהל שרייבען, אויב זיא האט מיר מוחל געווען, וואס איך האב מיין מאן ניט גע־שטערט זיי אוועקצולאזען.

— איהר גיט אלזא צו דאס איהר האט ניט ריכטיג געהאנדעלט אנטקעגען איהר?

— איך ניט, מיין הערר, נור מיין ארעמער מאן.

— איהר ווייסט דאך, אז איהר זייט פעראנטווארטליך פיר דאס קינד, פיר וועלכעם מען האט אזוי געצאהלט.

— דאס שמיציגע געלד איז אלץ שולדיג. מיין מאן האט אלע מאל מורא געהאט אז מען וועט פון איהם פאָרדערן רעכנונג.

— דאס קען איך נאך פון אייך היינט אויך פאָרדערן. איך האב דאס רעכט אייך צו פראגען וואס איהר האט געטהאן מיט דיא דרייסיג טויזענד פראנק און וואו איז סימאָנע אהינגעקומען? אבער איך וויל זעהן פיליכט קען איך אליין אויסגעפינע׳ סימאָנע און דאן וועל איך מיט אייך פון קיין געלד ניט ריידען אונטער איין בעדינגונג.

קלאדין שארוועט, וועלכע איז דיא גאנצע צייט וואס מארים האט גערעדט געזעסען אין איינע אנגסטען, האט זיך אנגעכאפּט אן דיא לעצטע ווערטער וויא אן איין אבן־טוב:

— אונטער וועלכער בעדינגונג? האט זיא געפרעגט.

— דאס איהר זאלט קיינעם אין דער וועלט ניט זאגען וואס איך בין ביי אייך געוועזן,

— איך שווער אייך, מיין הערר, דאס איך וועל קיינעם ניט זאגען.

— ווען מען וועט אייך אבער פרעגען וואס איך האב פון אייך געוואלט, וואס וועט איהר זאגען?

— דאן וועל איך זאגען, אז איהר האט מיר געוואלט געבען א קינד אויף האָדע־וואניע, איך האב אייך אבער ענטזאגט, אזוי וויא איך האב שוין צוויי.

— דאס איז גאר ביין וועג.

www.libtool.com.cn

— יעצט וויל איך אייך עטוואס בעטען — האט מאדאם שארוועט געזאגט פארשעהמט און שרעקענדיג זיך.

— וואס איז עס? אבער מאכט עס שנעל, דען עס איז שוין שפעט און איך מוז געהען.

— נור איין אויגענבליק; געהט איהר צוריק נאך פאריז?

— יא.

— איך וואלט אייך קענען געבען דיא אדרעסע פון דעם הויז וואו מיין טאכטער איז צולעצט געווען. דארטען וואלטען זיא פיעלייכט געקענט ערפאהרען וואו זיא איז און אויף דעם אופן אויך סימאָנע געפינען, און....

— און אייך שרייבען וואס פון אייער טאכטער איז געווארען — האט מאָריס געענדיגט.

— יא, מיין העהר, — האט מאדאם שארוועט געשטאמעלט אין טרעהרען — איך וואלט עס געקאָסט וועניג מיהע און מיך וואלט עס גליקליך געמאכט. וויא פערדארבען זיא איז, איז זיא דאך מיין קינד. פיעלייכט וואנט זיא ניט מיר צו שרייבען און ווען זיא וועט וויסען אז איך פערצייהע איהר, וועט זיא מיר גלייך ענטפערן.

— איך וועל אייער ביטע ערפילען.

— אַ איך דאנק אייך, מיין העהר. איהר זייט זעהר גוט, דאס דערקענט מען גלייך אן אייער געזיכט. איך וועל אייך נור ווייזען דעם בריעף וואס זשאנעט האט מיר צום לעצטען מאהל געשריעבען, דארט שטעהט איהר אדרעססע פון דאמאלס.

זיא איז ווידער געגאנגען צום שראנק און האט ארויסגענומען א פעקעל מיט בריעפע און האט עס איבערגעגעבען מאריס'ן, מיט דיא ווערטער: „דא וועט איהר עס געפינען.“

דער יונגער מאן האט דורכגעבלעטערט דאס פעקעל בריעפע ביז ער האט ענדליך איבערגעלעזען אויף איינעם דאס דאטום: „15 מערץ 1873“ איז דאס דער בריעף? — האט ער געפרעגט.

— יא, דאס איז דער לעצטער, דא מוז זיין דיא אדרעסע.

זעהר צערשטרייט איז מארים אריבערגעלאפען מיט דיא אויגען דיא איהם בעקאנטע האנדשריפט, אלס פלוצלונג האט ער א ציה געטהאן דעם אטהעם האסטיג, וויא איינער וואס ווערט שטארק איבעררראשט. מאדאם שארוועט איז אויפמערקזאם געווארן דארויף און האט געפרעגט: „וואס געפינט איהר דארט מיין העהר? פיעלייכט איז דאס ניט דער בריעף, ווילט איהר אזוי פריינדליך זיין און מיר דאס פארלעזען?

— „מיינע ליעבע מאמא — האט מאָריס געלעזען — דוא קאנסט מיר שרייבען אויף מיין אדרעסע, ביי הערען לודאוויק ברעסאל, רוע דע ווערנעל, נומער 25“.

— דאס איז עס! — האט מאדאם שארוועט בעשטעטיגט.

מען קען זיך לייכט פארשטעלען דאס ערשטוינען פון מאריס. ער איז געקומען נאך וויקטאר־בריין אום צו זוכען סימאָנע, און א זאנדערבארער צופאל האט איהם אריינגעשפיעלט אין דיא הענד איינע אדרעסע, וועלכע ער האט אומזיסט געזוכט אין פאריז. זיין רייזע איז ווירקליך געווען זעהר ערפאלגרייך, דען ער האט איצטער געהאט דיא

www.libtool.com.cn

שפור פון אַרמאַנד דהאַרוויל'ס ערבינען, וועמ׳ס פערמעגען פון איבער צוועלף מיליאָ=נען וועט מוזען אריינפאַלען אין דיא הענד פון זיין באַנדע, אויב זיי, דיא יורש׳טעס, וועלען שטאַרבען פריהער, איידער דיא ירושה דאַרף צוטהיילט ווערען. זיינע אויפרעגונג איז געוועזן אונגעהייר, ער האט זיך אבער דאָך בעהעררשט און האט געזאָגט כלומרשט גאַנץ רוהיג:

— איך וועל מיר דיא אַדרעסע פערצייכענען, זיא קען מיר ווירקליך צו נוטץ קומען.

דיא דיענסטמיידיל מיט דיא צוויי פפלעג=קינדער פון מאַדאַם שאַרוועט האבען יעצט צוריקגעקעהרט, און מאַריס האט פערלאָזען דאָס הויז מיט דעם פערשפּרעכען, דאָס ער וועט איהר מיטטהיילען איבער זיין נאַכפאָרשונג. פון דאָרט איז ער צוריק געגאַנגען נאָך וויק־סור־בריין, און צוריק נאָך פּאַריז. ביי זיך צו הויז האט ער גע־ ביי לאַטירנ איז שוין געוועזן צו שפּעט. וועכסעלט דיא קליידער און איז אוועקגעגאַנגען צו אָקטאַוויע, דען פיר רוע דע סורען,

אָקטאַוויע איז געוועזן צו הויזע; ער האט אריינגעשיקט זיין קאַרטע, אבער דער דיענער, וועלכער איז איהם גאַנץ אונבעקאַנט געוועזן, אַזוי וויא אָקטאַוויע האט גע= וועכסעלט איהר גאַנצען דיענסטפּערסאָנאַל, האט איהם ארויסגעבראַכט דיא קלאַרע תשובה: „מאַדאַם איז היינט ניט צו שפּרעכען“.

## 28טער קאַפּיטעל.

## עמאַ זשובערט וואַרפט איהר נעטץ.

דיא רוע פּאָס־סאָן־וויקטאָר איז איינע פון דיא אַלטע פּאַריזער גאַסען, וועלכע זיינען נאָך ניט אומגעבויעט געוואָרען, און מען קריעגט נאָך דאָרט צו זעהן אַ היבשע צאָהל הייזער פון דעם אַלטען פּאַריז. אין איינעם פון דיעזע הייזער האט זיך געפונען אַ שיינק. מיט אַ ניעדריגען באַלקען (דעקע), מיט פאַררויכערטע שמוציגע ווענד, און מיט אַ דיקער לופט, וועלכע ריעכט מיט שאַרפען טאַבאַק=זאַפּט. אַ קעבין וועלכע האט אויסגעזעהן אַזוי שמוציג וויא איהרע טעפּ. האט צובערייטעט שפּייזען פיר דיא געסט, דער ווירטה פלעגט אויסשיינקען זיין וויין, וועלכער פלעגט מעהר ברענען וויא געבען אַ געשמאַק אין מויל, און דיא פּאָליציי פלעגט אימימער האַלטען אָפען איין אויג אויף דיעזע ווירטהשאַפט מיט איהרע פערדעכטיגע קונדען.

דיא שיינק איז בעשטאַנען פון דריי צימער: אין ערשטען איז געזעסען אויף זיין טהראָן דער איינגענטהימער ווינצענט בילאַרין, מיט דעם ביינאַמען „סקעלעט,“ און עס זיינען געשטאַנען טישען פון זעהר צווייפעלהאַפטער ריינקייט, וואו געוועהנליכע געסט פלעגען טרינקען. אין צווייטען צימער איז געוועזן דיא קיך מיט אַ דוצענד שמוציגע טישען צום עסען און אין דריטען צימער איז שוין כלומר׳שט געלעגען אַ טעפּיך און עס זיינען נור געשטאַנען צוויי טישען. דאָס איז געוועזן פיר „פיינע“ געסט, פיר אַזעלכע וואָס ווילען זיך ניט מישען מיט׳ן „פּעבעל.“

דער שיינקווירטה איז געוועזן אַ הויכער מאַן און זעהר מאַגער און דערפאַר האט ער אויך ערהאַלטען דעם ביי־נאָמען „סקעלעט.“ ער איז געוועזן רייך אבער שרעקליך

www.libtool.com.cn

גייציג. ער האט גוט פערשטאנען זיין געשעפט און געקענט זיינע קונדען, דעריבער פלעגט ער זיך ווענינ קימערן אום די לעבענסווייזע פון זיינע געסט. ווען די פאליציי פלעגט ביי איהם פארשען, פלעגט ער זעהר ניט גערן ענטפערן. „וואס עס געהט פאר אויסער־האלב מיין שענק, קימערט מיך ניט" — פלעגט ער ענטפערן קורץ.

מיר פיהרען אונזער לעזער אום אכט אוהר אבענדס אין דיעזע שענקען, וועלכע טראגט דעם פערלאקענדען נאמען „צום גרויסען וויינבעכער." אלע טישען אין אלע דריי צימער זיינען געווען בעזעצט: לומפענזאמלער, הויזירער, ארומשלעפער־מוזיקאנטען מענער וויא פרויען און נאך אזעלבע לייטע. אלע האבען געהאט גרויסען הונגער און ווענינ געלד און האבען זיך געלאבט מיט די ביליגע שפייזען פון „סקעלעט." אין דעם פיינסטען צימער, וועלכען די געסט פלעגען רופען אין שפאס „מיניסטער־צימער," זיינען ביי איין טיש געזעסען צוויי לייטע, וועלכע זיינען שוין דא אין דער ערצעהלונג אמאהל דערמאהנט געווארען; דאס זיינען געווען די אמאהליגע ארעסטאנטען גאלובעט און קארני. ביין אנדערן טיש זיינען געזעסען דריי לייטע, וואהרשיינליך אויך פון דער־זעלביגער סארטע.

אונזערע צוויי בעקאנטע האבען זיך געלאזען וואהל געהן. זופע, געהאקטע רינד־פלייש, אייער־קוכען און נאך אזעלבע מאכלים פון „סקעלעט" קיך זיינען געפלויגען אויף'ן טיש און די גלעזער האבען זיך לעבען זיי אלע ווילע אנגעפילט און אויסגעליידיגט. ביי דעם אנדערן טיש האבען די לייטע גענאסען א ביליגערע מאהלצייט.

די לייטע האבען זיך זעהר לעבהאפט אונטערהאלטען צווישען זיך און דאס טהעמא פון זייער געשפרעך איז נאטירליך געווען דער דאפעלמארד פון פערלאשעז און רוע ערנעסטין, אזוי וויא גאנץ פאריז האט ניט אויפגעהערט דאריבער צו ריידען. יעדערער פון די אנוועזענדע אין „מיניסטער־צימער" פון דער ווירטהשאפט האט ארויסגעזאגט זיינע אנזיכטען איבער דיעזעס פערברעכען און א זייטיגער מענש וואלט גלייך געקענט פערשטעהן, אז זיי ריידען וויא „פאך־מענשען" וועלכע פערשטעהען „איין עסק."

— איך האב מורא מען וועט די גאנצע מעשה פארשטיקען — האט איינער פון די דריי געזאגט — די אקטען ווערן געשלאסען און דערמיט באסטא! דאס האט געמוזט טהאן איינער פון די גרויסע; געוועהנליכע גאלנען־קאנדידאטען ארבייטען ניט מיט אזעלכע גרויסע שטעך־נאדלען (דאלכען) און ניט אין קברים־שטיבלאך פון גרויסע לייט, אדער אין פיאקערס. וואס דענקסט דוא גאלובעט?

— דאס קען זיין — האט דער אנגערעדעטער געענטפערט — אבער עס קען אויך זיין, אז דאס האט געטהאן א געאיבטער, וועלכער האט זיך די זאכע פריהער גוט איבערלייגט.

— דאס גליב איך אויך — האט קארנו מסכים געווען צושאקלענדיג מיט'ן קאפ, ווען מען האט דיביידע לייט געעפענט איין אדער, איז דאס ניט געווען פאר א קלייניג־קייט.

אין דעם אויגענבליק איז אריינגעקומען אין צימער א פרוי פון א יאהר פופציג מיט א שרעקליך רויטער נאז, איינגעוו קעלט אין איין אלטע טוך און טראגענדיג א

www.libtool.com.cn

היבשען פעקיל אין האנד. נאך איהר גאנצען אויסזעהן האט מען גלייך אין איהר גע־קענט דערקענען א פערקויפערקע פון אלטע קליידער.

— איז דא נאך פאראנען א פלאטץ פיר א דאמע, מיינע שעפסאלאך? — האט זיא נעפרעגט מיט דער גוטמוטהיגער מינטערקייט, וויא מען טרעפט עס ביי דיא פאר־ריזער פערקויפערקעס.

— אהער, אהער באבעלע — האט איינער פון דיא דריי מענער ביין גרעסערן טיש געענטפערט — קומט נור אריין, דיא שעהנע ווייבעלאך זיינען קיינמאהל ניט איבעריג און איהר זייט דאך איינע פון דיא אנטיקען, וויא איך זעה, פיעלייכט האט איהר נאך איין איבערציהער צו פערהאנדלען, ווען מיר נאך מאכען געשעפטע אויך.

— דאס איז אויסגעצייכענט, מיין הענדעלע — האט דיא קליידער־הענדלערקע געלאכט — דוא זעהסט מיר אויס א גאנצער פראנט! רוק זיך א ביסעלע און לאז מיר נעהמען פלאטץ ביי דיין הערצען, פון דער לינקער זייט.

ביי דיא ווערטער האט זיא אויפגעעפענט דיא טהיר פון „מיניסטער־צימער" און האט ארויסגעשריען אין קיך אריין: „ברייננט מיר א פאנקוכען, א ראגו, מיט קארטאָפפעל און א פלעשעלע!"

— נוא, מיין שעפסעלע, וואס פערלאנגסט דוא? — האט זיך דיא הענדלערקע געווענדעט צום יונגען מאן וואס האט זיא איינגעלאדען, אלס זיא האט זיך א ניעדער־געזעצט און אוועקגעלייגט נעבען זיך דאס פעקיל — דוא ווילסט א מאנטעל? עטוואס ווארמעס? דאס וואלט ביי דיא קעלט געווען בעסער פיר דיך אלס דיין בלוזע, ליידער האב איך נור הויזען און וועסטען!

— שאדע, מיר וואלטען געקענט מאכען א געשעפט — האט דער „פראנט" געענטפערט, וועהרענד זיא האט אזוי גערעדט און געשפאסט, האט דיא הענדלערקע, וועלכע איז קיין אנדערע געווען וויא אונזער בעקאנטע עמא זשובערט, ניט אראפגענומען קיין אויג פון נאלובעט און קארנו, ביין אנדערן טיש, וועלכע האבען יעצט געענדיגט אויפליידיגען דאס פיערטע פלעשעל. „דאס זיינען זיי" — האט זיא ביי זיך געטראכט, „איך וועל זיי דערקענען אפגעשונדענע."

זיא האט זיך אנגעגאסען א גלאז וויין פון א פלאש וואס מען האט איהר צו־געטראגען, האט אנגעשלאגען מיט איהרע טיש־קאמעראדען און אריינגעקעהרט דיא אבשיילינע משקה מיט איין אָטהעם און האט זיך מיט טהיג גענומען צו דיא מאכלים, וואס מען האט איהר א ניעדערגעשטעלט.

— איהר האט א נוטען אפעטיט — האט איינער פון דיא געסט בעמערקט.

— וואס איז דאס פאר א חידוש, קינדערלאך מיינע, האט דיא הענדלערקע געענטפערט מיט א רחמנות פנים — ווען מען עסט ניט א גאנצען טאג און מען האט קיין איינציגע מינוט פיר זיך.

— אזוי גוט געהט דאס געשעפט?

— גוט? אין געגענטהייל, אזוי שלעכט! מען מאכט איצטער א נייעם אנצוג פאר 35 פראנק, הײנט וואס קען שוין אונזער איינער פערדיענען אן איין אלטען אנצוג? נאלובעט וועלכער האט ניט געהאט ליעב לאנג צו שווייגען, האט געפונען פיר

www.libtool.com.cn

פאסענד צו בעמערקען: איין אנצוג פיר 35 פראנק איז גאנץ גוט, מיט איהם קען מען שוין פארבלענדען די דאמען.

— אבער אויף אונזערע קאסטיומען—האט עמא ושובערט נעענטפערט — אויף אונזערע סחורה וויל מען ניט מעהר קוקען.

— קויפט איהר אויך נייע זאכען? — האט סילוויאן קארנו געפרעגט.

— איך קויף אלעס וואס געהערט צו מיין פאך — האט די הענדלערקע גע־ענטפערט מיט א פולן־פאקטן מויל און איך זאג אייך, קינדער, איך בין א גוטע פרוי, איך וועל פון אייך ניט פערלאנגען איהר זאלט מיר ווייזען די רעכנונג פון שניידער וואס האט זיי גענעהט.

— פיעלייכט קען איך אייך אויך וואס געבען צו פערדיענען — האט גאלובעט בעמערקט.

— בעסטען דאנק. אויף אייער געזונדהייט קאמעראדען!

— אויך אויף אייערע.

מאדאם ראזיע האט זיך נאך אמאהל אנגעגאסען א גלאז פון דער פליסיגקייט, וועלכע דער „סקעלעט" פלעגט רופען וויין, די זעקסס גלעזער האבען זיך אנגעקלאפט און זיינען אויסגעליידיגט געווארן. דאן האט זיא ארויסגעצויגען פון דער טאשע א צייטונג און האט אנגעהויבען פאר זיך צו לעזען.

— אהא, איהר ווארפט אוועק די אונטערהאלטונג מיט אונז און איהר נעהמט זיך נאר צו א צייטונג! — האט איהר דער יונגערמאן אין בלוזע פארגעווארפען — וויא עס שיינט אינטערעסירט איהר זיך שטארק פיר די פאליטיק.

— די פאליטיק קען מיר געהן צו אלע שווארצע יאהרען! — האט די הענד־לערקע געענטפערט — מיך קימערט פערעכטליך — מיך קימערט גאנץ ווייניג ווער עס איז אויבען־אן, ווייסע, בלויע, רויטע אדער שווארצע, די שטייער מוזען מיר סיי־וויא־סיי בעצאהלען. איך לייען נור די פיינע מעשות וואס עס פאסירט אין שטאדט, איך זאג עס זיינען דא געשיכטע וואס מאכען, אז די האר שטעלט זיך קאפויר.

— ווייסט איהר אויך די מעשה פון פער־לאשעז?

די פאליציי־אגענטין האט זיך געמוזט אנשטרענגען, אום ניט ארויסצו־ווייזען איהרע אינערליכע בעוועגונג פאר פריידע, דאס מיט עטליכע ווערטער איז זיא גלייך געווען אם ציעל.

— א קינדערלאך מיינע! — האט זיא אויסגערופען, צוזאמענלייגענדיג די הענד, דאס איז א געשיכטע! עס נעהמט מיר איבער א קעלט איבערן לייב ווען איך דיינק נור פון איהר! הערט נור וואס עס קען זיך פארלויפען א מעשה! א מאן מיט א פרוי,ביידע כמעט אין איין צייט ערמארדעט, זיא אין א קברים־שטיבעל און איהם אין א וואגען! דער מאכער מוז האבען איין אייזערנעם קאפ אויף זיינע פליצעס אזא זאך אזוי צו בארעכנען!

— העלפען וועט עס איהם דאך ניט, ער וועט דאך ווערען מיט א קאפ קירצער, האט ערקלערט דער יונגער מאן אין בלוזע.

www.libtool.com.cn

— דערצו מוז מען איהם אבער דאך פריהער האבען! — האט דיא הענדלערקע איינגעווענדעט.

— דאס וועט שוין געשעהן! — האט גאלובעט געזאגט.

— וויא קען מען איהם פאנגען, אז דיא פאליציי אליין ווייס ניט, ווארום אז ניט וואלט זיא איהם דאך שוין געהאט? — האט מאדאם ראָזיע געפרעגט.

— ווען מען זאל נור דערזעהן ווער איינער איז פון דיא ערמארדעטע, וועט מען שוין דעם העכט פאנגען — האט געזאגט דער יונגערמאן אין בלוזע.

— טויזענד טייפעל! — האט גאלובעט אויסגערופען — איך בין ניט אזוי געשייט וויא דיא פיינע שפיר־הונדע פון דער פאליציי, אבער מיט דער געשיכטע וואלט איך גיכער פערטיג געווארען וויא זיי.

— איך האב געהערט אז מען ווייס שוין ווער דער מאן איז אין מארג — האט עמא זשובערט ראפארטירט — מען זאגט ער איז געוועזען סאָלדאט און דערנאך קאמער־דיענער ביי א פארנעהמען העררן.

גאלובעט האט אויסגעבראכען אין א לויטעם געלעכטער.

— חא חא חא! דער סאָלדאט! דער א קאמערדיענער! ער איז אזוי געוועזען סאָלדאט וויא איך פעלדמארשאל און קאמערדיענער וויא איך מארקיז.

מאדאם ראָזיע'ס אויגען האבען וויעדער אויפגעפונקעלט.

— ווען איהר ווייסט עס אזוי גענוי, האט איהר איהם דאך געוויס געמוזט קענען, האט זיא געזאגט בלומר'שט גאנץ בתמימות.

סילוויאן קאָרנו האט גענעבען זיין קאמראדען אונטערן טיש א דריק מיט'ן פוס, וועלכעס האט בעדייטעט אין איבערזעטצונג אויף ווערטער: „דוא מיאוסער פלוידער־זאק, וועסט שוויינען אדער ניט!"

גאלובעט האט אויך פערשטאנען, אז זיין קאמראד מוז האבען רעכט און דאס ער קען זיך ארויסריידען א נארישקייט. ער האט זיך דעריבער געאיילט צו פארריכטען, וואס ער האט פערדארבען און האט געענטפערט: „א ניין, קענען קען איך איהם ניט, ווען איך וואלט איהם געקענט וואלט איך דאס שוין לאנג מיטגעטהיילט, אבער יעדער איינער מעג דאך האבען זיין מיינונג און איך מיין, אז ער איז ניט געווען קיין סאָלדאט און ניט קיין קאמערדיענער."

— דוא פארדרייד נור דיא ציין — האט עמא זשובערט ביי זיך געטראכט — דוא וועסט שוין ריידען ווען איך וועל דארפען. — דאן האט זיא צוגעזעצט לויט: — זאל ער זיין ווער ער איז, אבער קיין גליק האט ער געוויס ניט געהאט, ווען מען האט איהם אזוי שנעל אוועקגעפטר'ט, וויא ער איז נור געקומען אין פאריז.

— געוויס ניט — האבען דיא קאמראדען צוגעשטימט.

עס איז געוואָרען א ווייל שטיל און דיא אונטערהאלטונג איז געווען געבראכען. דאס האט אבער עמא זשובערט ניט געוואלט, זיא האט דעריבער צוזאמען געלייגט איהר צייטונג מיט דיא ווערטער: „דאס וועל איך מיר רוהיג דורכליינען אין בעט און וועל האבען גוטע חלומות. דערווייל אבער לאמיר ריידען פון וויכטיגערע זאכען. זאגט מיר קינדער, וואס איז וועגען אייערע קליידער וואס איהר ווילט פערקויפען?"

www.libtool.com.cn

— דערצו איז אבער היינט שוין צו שפעט.
— נייע קליידער קויף איך ביי ליכט אויך.
— מיר פאסט אבער מארגען בעסער.
— וויא איהר ווילט; זאל איך צו אייך קומען?
— בעסער ניט; דיא וועגט זיינען ביי מיר דין און איך האב פיינד, אז מיינע נאכבארען זאלען וויסען וואס ביי מיר געהט פאר. דעריבער קען איך אייך היינט אויך צו מיר ניט פיהרען.
— איך פערשטעהע! אבער וואו זאלען מיר זיך טרעפען?
— טאקי דא, אום אכט אוהר פריה.
— איך וועל שוין זיין פינקטליך און כדי אייך צו ווייזען וויא גערן איך מאך מיט אייך געשעפטען, וועל איך אייך היינט מכבד זיין מיט א פלאש שנאפס.
זיא האט געקלאפפט אין טיש און בעשטעלט דיא שנאפס.
סילוויאן קארנו האט זיך אריבערגעבויגען צו גאלובעט:
— דוא בעגעהסט היינט נור דומהייטען — האט ער איהם איינגערוימט אין אויער — דיא אלטע איז אביסעל פאר כוסה'ט און עס וואלט פאר אונז גלייכער געווען אפצומאכען דאס געשעפטיל נאך היינט.
— איך האב קיין לוסט צו שלעפען זיך ביי נאכט מיט א פעקיל.
מאדאם ראַזיע האט דערווייל אנגעגאסען, האט אנגעשלאגען דאס גלעזעל מיט דיא קאמראדען און האט אויסגערופען: „איהר זייט אלע גוטע יונגען און מיך פרייט אייער בעקאנטשאפט; אויף אייער געזונד!“
— אויף אייער געזונד! — האבען אלע געענטפערט.
עמא זשובערט האט בעצאהלט דיא רעכנונג, קארנו און גאלובעט האבען גע־טהאן דאסזעלבע, וועהרענד דיא איבריגע דריי זיינען נאך געבליעבען מאכען א קערטיל.
— מארגען פריה אום אכט אוהר, מיין ענגעל — האט זיא געזאגט צו גאלובעט ביים ארויסגעהן פון דער ווירטהשאפט.
— מארגען פריה! געהט איהר איצטער נאך הויזע?
— געוויס און עס איז אסור צו פריה — האט דיא פאלשע הענדלערקע געענט־פערט און האט זיך געמאכט שכור'לאך—איך בין היינט א גאנצען טאג ארומגעלאפען, האב ניט וועניג געטרונקען און מיר דוכט זיך, אז אלע הייזער ווילען טאנצען פאלקא.
— וואו וואהנט איהר דען?
— אין דער רוע סאינט־לואיז־אן־איל — האט עמא זשובערט געענטפערט אויף גוט גליק.
— דאס איז נאר ניט שלעכט! — האט גאלובעט אויסגערופען — מיר וואהנען אין דער רוע פאמ־סאדטעט און קענען אייך ברייגגען אויף'ן וועג. ניט מיר אייער ארם.
דיא פאליציסטין האט זיך דאס צווייטע מאהל ניט געלאזט זאגען. באלד האט זיא אריינגעשטעקט איהר האנד אין גאלובעט'ס ארם און האט געזאגט „קומט!“
נאך פינף מינוטען נאנג איז גאלובעט געבליעבען שטעהן

www.libtool.com.cn

— דא זייט איהר באלד צו הויזע — האט ער געזאגט צו דער הענדלערקע — פיהלט איהר זיך איצטער אביסעל זיכערער אויף דיא פיס?

— יא, דיא קעלט האט מיך אביסעל אויסגעניכטערט. איך דאנק, קאמראדען, גוטע נאכט, אויף וויעדערזעהן!

— אויף וויעדערזעהן! — האבען דיאביידע מענער געענטפערט.

עמא זשוברט האט פערסעהרט אין דער נעכסטער קווער־שטראסע, וועהרענד דיאביידע מענער זיינען אוועק גלייך מיט דער שטראסע.

— א גוטע נאכט, אלטע מכשפה — האט גאלובעט געלאכט אלס ער האט זיא געזעהען פערשווינדען — מארגען טרינקען מיר א גלעזיל וויין אויף דיין געזונדהייט.

ביי דיא ווערטער האט ער ארויסגעצויגען א פארטמאָנע פון דער טאשע, האט געשנאלצט מיט דער צונג פאר פערגעניגען, און האט גענומען בעטראכטען ביין שיין פון א לאנטערנע, וואס דער פארטמאָנע ענטהאלט.

— דוא האסט זיא אונטערזוכט? — האט קאָרנו געלאכט.

— עס פערשטעהט זיך, מיין חכם! דאס איז ביי מיר עהרענזאכע, ביי אזעלכע פעפערפושקעס ניט איבערצולאָזען קיין געלד, זיי גיבען דאס אוים דער טייפעל וויים זיי אויף וואס!

— וויא פיעל איז עס?

— פינף געלבע און קליינגעלד.

— שטעק איין אין טאשע און ווארף דאס פארטמאָנע אין וואסער.

גאלובעט האט איהם געפאלגט, דען זיי זיינען געגאנגען ביי דער סיינע (פאריזער טייך), און דאן האט ער צוגעזעצט: מיר מוזען זיך היטען זיך ניט צו טרעפען מיט איהר מארגען; מיר האבען פיעלייכט געטהאן א נארעשקייט וואס מיר האבען איהר געזאגט וואו מיר וואהנען.

— אָה, דומהייטען! — האט קאָרנו געזאגט — דיא אלטע וויים ניט וואו זיא איז אין דער וועלט און וועט האבען גענוג מיהע ביז זיא וועט געפינען איהר אייגענע טהיר. מארגען וועט זיא קיין זאך ניט גערענקען.

אזוי לאבענדיג זיינען ביידע שורקען געקומען נעהענטער צו זייער וואהנונג.

עמא זשוברט איז דערווייל אנגעקומען מיט איין אנדער קווער־גאסע צו דער רוע פאס־סאן־טעט, וואו גאלובעט האט איהר געזאגט אז ער וואהנט, און האט נאך בעוויעזען צו זעהן ביין שיין פון דער לבנה וויא דיא ביידע חברה־לייט פארקעהרען זיך אין א הויף. אין נעכסטען אויגענבליק איז זיא געוועזען דארט און האט געזעהן וויא דיא ביידע מענער הויבען זיך אויף צו זייער וואהנונג אויף א שמאָלען טרעפ.

— שורקע, דוא האסט מיך בערויבט! — האט עמא זשוברט געזאגט צו זיך. אבער איך וועל זיך מיט דיר אָפרעכענען היינט ביי נאכט.

סילוויאן קאָרנו און זיין קאמראד האבען בעוואהנט א צימער אין דריטען שטאק פון איין אלטען פינסטערן הויז. עמא זשוברט האט זיך געמערקט דאס הויז און איז שנעל אוועקגעגאנגען.

אום איינס אוהר ביי נאכט האט גאליבעט דערהערט קלאפענדיג אין טהיר און

www.libtool.com.cn

האט זיך אויפגעהאפט ניט טויט ניט לעבעדיג און האט זיך געריבען דיא אויגען, און האט גענומען וועקען סיליוויאן קארנו.

— וואס איז? האט יענער געפרעגט פארשלאפען.

— מען קלאפט ביי אונז אין טהיר און איך זעה ליכט דורך דיא שפאלטען פון טהיר.

— טייפיל! וואס זאל עס בעדייטען!

— וועט איהר עפענען אדער ניט?! — האט א שטימע גערופען פון דרויסען.

— דאס מיינט מען אונז — האט גאלובעט געזאגט ציטטערנדיג.

— פיעלייכט איז עס א טעות פון איין איינוואוינער, פרעג ווער דארט איז — האט קארנו געטרייסט.

— וועט איהר ענטפערן, אדער ניט? — האט דיא שטימע ווידער גערופען פון יענער זייט טהיר.

— ווער איז דארט? — האט גאלובעט ענדליך געפרעגט.

— אים נאמען פון געזעטץ, עפענט!

— אלע טייפעל! דיא פאליציי! — האט קארנו אויסגערופען ארויסשפרינגענדיג פון בעט, און ארויפחאפענדיג דיא הויזען.

— איצטער פאקען זיי אונז, מיין חכם! — האט גאלובעט געזיפצט.

— אויב איהר עפענט ניט, ברעכען מיר דיא טהיר! — האט עס פון דרויסען גערופען.

— ווארט איין אויגענבליק, מיר האבען דא קיין פייער ניט.

— דאס האבען מיר! מאכט נור אויף!

ציטטערנדיג מיט אלע גליעדער האט סיליוויאן אויפגעמאכט דיא טהיר. עס איז אריינגעקומען דער איינעמהימער פון הויז מיט א ליכט אין דער האנד, און הינטער איהם א פאליציי־קאמיסאר מיט עטליכע פאליציסטען. קארנו און גאלובעט זיינען געזעסען דערשראקענע אויף זייערע בעטען, וועהרענד דער פאליציי־קאמיסאר האט זיך געווענדעט צום עלטערן פון דיא באנדיטען: „הייסט איהר סיליוויאן קארנו?“

— יא, הערר קאמיסאר.

— און איהר הייסט נארציס גאלובעט?

— יא, הערר קאמיסאר.

— דאן פערהאפט איך אייך ביידען אים נאמען פון געזעטץ.

— פערהאפטען! — האט סיליוויאן אנגעהויבען מיט א וויינענדיגען קול. — אבער הערר קאמיסאר, איהר בעגעהט איין אירטהום, מיר זיינען בעקאנט אין גאנצען קווארטאל אלס פריעדליכע ארבייטער, מיר קומען יעדען אבענד פריה נאך הויזע און ריהרען ניט אן א פליעג אן וואנד, פרעגט נור אונזער ווירטה וועט ער אייך זאגען...

— דאס איז אלץ אומזיסטע פלוידעריי — האט דער בעאמטער איהם אונטערבראכען — ציהט זיך אן און קומט.

דיא ביידע קאמראדען האבען געמוזט פאלגען. ביין אנציהען זיך האט גאלובעט

www.libtool.com.cn

נעטראכט: איך קען וועטען, דאס האט אונז דיא קליידער־הענדלערקע צוגעשיקט, דיא אלטע מכשפה!

אין דערזעלבער צייט האט דער קאמיסאר נעלאזט אונטערזוכען דאס צימער. עס זיינען געפונען געווארען עטליכע נייע אנציגע, וועלכע האבען, וויא עס שיינט, גע־הערט צו דער אויסלאגע פון א קליידער־האנדלונג. דיא פאליציסטען האבען עס פער־פאקט און מיטגענומען. דיא ביידע חברה־לייט האט מען אנגעטאהן האנד־שעלען, און צוואנציג מינוטען שפעטער האבען זיי זיך שוין געפונען אין אלגעמיינעם זאל פון גע־פענגנים.

— אט זיינען מיר אין פאסטקע! — האט נאלובעט געזאגט צו זיין קאמראד — און אלץ צוליב דיא פערפלוכטע אלטע העקסע.

— עס איז שלעכט ברודער! מיר זיינען געוועזענע שטרעפלינגע, און דאס קלענסטע וואס מיר קריעגען איז פון 13 מאנאטע ביז פינף יאהר.

— וועניגסטענס האט דיא פאליציי אונזערע ממתקים ניט געפונען, און מיר וועלען קענען קריעגען דערפאר א טראפען, צו שמאקען דאס הארץ.

ענדליך האבען זיך דיא ביידע חברים צוגעטולעט אויף א נארע וואו זיי האבען א גאנצע נאכט שטיל געפלוידערט. אויב מען האט זיי פערהאפטעט וועגען דיא גע־גנב'עטע קליידער, אדער וועגען דיא אלטע הענדלערקע, דאס האבען זיי ניט געוואוסט. אויף דיעזע האבען זיי ניט געקענט גלויבען, ווייל זיא איז געוועזען בעטרונקען. זיי האבען זיך צוזאמענגערעדט וועלכע אנטווארט זיי זאלען געבען דעם ריכטער, דאמיט זיי זאלען זיך ניט וויעדערשפרעכען.

אויף מארגען אום צעהן אוהר פריה איז געקומען א געפענגניס־וועכטער און האט זיי געפיהרט צום ריכטער אין בעגלייטונג פון א פאר סאלדאטען.

הערר גיברייי האט געלעזען אייניגע פאליצייליכע ראפארטען אלס דיא ארעס־טאנטען זיינען איינגעטרעטען. דיעזע זיינען געוועזען בלאס, און האבען געדרעהט זייערע היטלען אין זייערע הענד.

ענדליך האט גיברייי אויפגעהויבען דעם קאפ און האט זיי אנגעקוקט.

— וויא ער בעקוקט אונז פון קאפ ביז דיא פיס! ווען ער טרעפט אונז נאך אמאל וועט ער אונז דערקענען — האט נאלובעט ביי זיך געטראכט.

— וועלכער פון אייך הייסט נאלובעט? — האט דער ריכטער געפרעגט.

— איך, הערר ריכטער — האט נאלובעט געענטפערט זעהר אונטערטהעניג.

— איהר זייט שוין אמאל געזעסען, אייערע אקטען ווייזען, איהר זייט שוין פיעל מאל פעראורטהיילט געוועזען.

— אך, הערר ריכטער, איך האב ווייניג גליק געהאט.

— דריי יאהר אין פאסי, זעקס מאנאטע אין ראקעט, צוויי יאהר אין סאך פעלאזשיע, איין יאהר אין מאזאס — איך זעה איהר שטעהט אויף א הויכע שטופע פון פערברעכען.

נאלובעט האט אראפגעלאזען דעם קאפ און דער ריכטער האט זיך געווענדעט צום צווייטען:

www.libtool.com.cn

— איהר הייסט סילוויאן קאָרנו?
— יא, הערר ריכטער.
— וויא אלט זייט איהר?
— צוויי און פופציג יאהר.
— איהר האט נאך מעהרער פערבראכט אין געפענגניס וויא אייער קאמראד; איהר האט זיעבצעהן יאהר צוגעבראכט הינטער שלאס און ריגעל?
— זיעבצעהן און א האלב — האט קאָרנו אויסגעבעסערט.
— איהר זייט דארונטער געוועזען פינף יאהר אין פאָאסי?
— יא, הערר ריכטער.
— דארט זייט איהר בעקאנט געווארען מיט גאלובעט?
— יא.

הערר גיבריי האט א ווילע געשוויעגען און האט זיך דאן ווידער געווענדעט צו קאָרנו: „געדיינקט איהר נאך אייערע קאמראדען פון פאָאסי?"
— ניט אלע, אבער איינינע.
— קענט איהר מיר אָנרופען וועלכע נאמען?

דער אויסדרוק פון אונטערטהעניגקייט איז פער[illegible]ן פון סיליוואן'ס געזיכט. ער האט אנגעקוקט דעם אונטערזוכונגס=ריכטער גלייך אין דיא אויגען, און האט זאגא־ געשמייכעלט. „הא הא הא! — האט ער געזאגט צו זיך אליין — איך זאל ווערן מוזי= קאנט! ווען דער ריכטער דארף מיך מוז ער מיר אויך צו ניטץ קומען!"

אויף גנבים=לשון הייסט „מוזיקאנט" איינער וואס זאגט אויס פ ן חדר.
— נו, ווארום ענטפערט איהר ניט? — האט גיבריי געפרעגט.
— עס איז שווער צו ענטפערן.
— ווארום?
— ווייל אין פאָאסי רופט מען אלעמען נור מיט נומערן און צונעמענים; קיין ריכטיגען נאמען הערט מען ניט. געזיכטער איז עטוואס אנדערש, דיא געזיכטער ליעגען אלע דא — און סיליוואן האט אנגעוויזען מיט'ן פינגער אויפ'ן שטערן.
— איין געזיכט, אלזא, וועט איהר דערקענען? — האט דער ריכטער געפרעגט ארויסנעהמענדיג א פאָטאָגראפיע פון זיין שרייב־טיש — קענט איהר אויך דיעזען מאַן?

סיליוואן האט אויפמערקזאם בעטראכטעט דאס בילד:
— איך קען ניט ריכטיג דערקענען, דיא געזיכטס=ציגע זעהען אויס פונקט וויא פארווישט, פונקט וויא זיי וואלט געוועזען טויט.
— דאס איז ער אויך! דאס איז דאס בילד פון א מאן וואס איז ערמאָרדעט געווארען, און וואס איהר מוזט איהם קענען.

דיא לעצטע ווארטען האבען סיליוואן קאָרנו אזוי איבערגעשראקען, דאס ער האט אגעהויבען צו ציטערן אם גאנצען קערפער.
— מיין גאט! בין איך בעשולדיגט אין מארד? — האט ער אויסגערופען.
— דערווײלע נאך נים — האט דער ריכטער געענטפערט — איך פרעג נור

www.libtool.com.cn
ווער איז דער מאן, וועלכען איהר קענט געוויס. אזוי וויא איהר ווייסט, וועט איהר עס מיר זאגען.

— אבער איך קען איהם ניט; וואס לייגנער איך קוק איהם אן, אלץ ווענינער קען איך מיך דערמאָהנען, דאס איך האב איהם אמאל געזעהען.

הערר גיברײ האט געשמייכעלט:

— געסטערן האט איהר גאנץ אנדערש גערעדט — האט ער געזאגט.

— געסטערן! — האט סילוויאן איבערגעפרעגט גאנץ פערוואונדערט.

— יא, געסטערן, אין דער וויינשענקע פון „סקעלעט", צום גרויסען וויינבעבער.

— פון אלע זייטען ארומגענוסען — האט קאָרנו געמורמעלט און האט א ווארף געטהאן א בליק אויף גאלובעט, וועהרענד דער אונטערזוכונגס־ריכטער האט ווייטער געפארשט: „אויב איהר דערקענט ניט דיא פאָטאָגראפיע, וועט איהר פיעלייכט דער־קענען דיא לייבע?"

— פון וועלכער לייבע רעדט איהר, מיין הערר? אין עס פון יענער וואס איז גע־פונען געווארן אין וואגען, וויא דיא צייטונגען שרייבען?

— פון דערזועלבינער; האט איהר דיא לייבע געזעהען און דעם מאן דערקענט?

סילוויאן קאָרנו האט עטוואס געוואלט ענטפערן, אבער הערר גיברײ האט איהם ניט געלאָזען קומען צום ווארט.

— איהר האט איהם דערקענט, איך ווייס עס! — האט ער געזאגט.

— אבער....

— אונטערברעכט מיך ניט און הערט אויס וואס איך וועל אייך זאגען! איהר זייט היינטיגע נאכט פערהאפטעט געווארען וועגען א גניבה פון קליידער.

— איך בין אונשולדיג וויא א נייגעבאָרענעס קינד.

— פאָרלויפיג האבען מיר נאך קיינע בעווייזע גענגן אייך!

— איהר זעהט אלזא!

— אבער אונז וועט ניט שווער זיין דיא בעווייזע צו קריעגען; דעריבער איז אזוי: וועט איהר טהאן וואס איך וועל פון אייך פערלאנגען און איהר וועט מיר ב ידע דיענען עהרליך, אהן ה נטערגעדאנקען און איהר וועט מיר זאגען ווער דער מאן אין דער מאָרג איז, דאן לאז איך פיעלייכט דיא זאכע פאלען און אונטערצייכנע אייער פריילאסונג!

קאָרנו האט זיך געשלאגען מיט דער דעה, אבער גאלובעט האט זיך ניט געקענט איינהאלטען און האט ארויסגעפלאצט:

— אָ, הערר מאגיסטראט, ווען עס האנדעלט זיך נור פון דעם, אייך ניצליך צו זיין, וועט ער זיך ניט לאנג עקשנ'ען. ער רעספעקטירט צו הויך דיא גערעכטיגקייט, אום אייך ניט בעהילפיג צו זיין ביי אייערע נאכפארשונגען. יא, הערר ריכטער, ער קען דעם מאן אין דער מאָרג, ער האט עס מיר אליין געזאגט און פון איהם ווייס איך אויך.

מ ן זעהט אז דעם ריכטערס ווערטער: „איך וועל פיעלייכט דיא זאכע לאזען פאלען" האבען ניט פארפעהלט זייער ווירקונג.

— ווילט איהר יעצט ריידען? — האט ער זיך געווענדעט אויף דאס נייע צו סילוויאן קאָרנו.

www.libtool.com.cn

— יא, הערר ריכטער, גאלובעט האט רעכט, „אלעם טהאן פאר דיא גערעכטיג־קייט" איז מיין העכסטער פרינציפ! איהר קענט אויף מיך רעכנען, אבער איך קען ניט גלייך ענטפערן, איך גלויב אז איך האב דעם מאן דערקענט, איך מוז איהם אבער נאך אמאהל גאנץ גענוי בעטראכטען, אום מיך צו איבערצייגען, אז איך האב קיין טעות ניט.

— דאס קען זעהר לייכט געשעהן — האט הערר ניברייי געענטפערט און האט געקלינגעלט,

ער האט געגעבען א בעפעהל און דיא וואכע איז ערשיענען, וועלכע האט פריהער דיא ביידע גנבים בעגלייטעט:

— נעהמט דיעזען בריעף — האט זיך דער ריכטער געווענדעט צום סאלדאטען, און גיט עס איבער דעם שרייבער פון מארג, וואוהין איהר האט אויך צו פיהרען דיא ארעסטאנטען. אזוי שנעל וויא איהר האט אייער זאכע געענדיגט, זאלט איהר דיעזע לייטע ברייגנען אהער צוריק.

— מיר האבען זיך גאר נישט קשה'דיג ארויסגעדרעהט — האט גאלובעט איינ־געשושקעט זיין חבר אויפ'ן וועג — מיר ווערען פריי;

— אויב דער ריכטער וועט האלטען ווארט; פארגעס ניט, אז ער האט נאר געזאגט „פיעלייכט."

— ער וועט האלטען ווארט, דיא לייטע מאכען ניט אזא שפאס! ווען ער האט איין מאהל זיין ווארט געגעבען איז עס אזוי גוט פונקט וויא אלע נאטארען פון פאריז וואלטען עס בעשטעטיגט. ביסט דוא אויך זיכער, אז דער מאן איז ווירקליך פון פאאס. וויא דוא האסט מיר געזאגט דאן, ווען מיר האבען זיין לייבע געזעהן אין מארג?

גאנץ זיכער, און איך וועל דאס באלד נאך זיכערער וויסען.

ווען זיי זיינען געקומען אין מארג, האט מען זיי גלייך געפיהרט אין טויטענזאל. סילוויאן האט בעטראכטעט דיא לייבע, האט אונטערזוכט דיא טעטאווירונג (איינשטע־כונגען) אין לינקען ארעם פון ערמארדעטען און האט עס ערקלערט פיר זיינע ארבייט, דאן האט ער בעטראכטעט בעזאנדערס אויפמערקזאם זיין געזיכט פון ביידע זייטען, און האט געזאגט: „איך האב מיך ניט געאירט! ביי א געשלעגע מיט געפאנגענע אין פאאסי האט איהם א געפאנגענער איינגעביסען אין אויער און מען האט איהם דערנאך א צייט קורירט; דא זעהט מען נאך דיא צייכענס פון דיא וואונדען — און סילוויאן האט אפגעבויגען דאס אויער פון דער לייבע און האט בעוויזען דיא סמנים פון ביידע זייטען.

— דאן זיינען מיר פערטיג! — האט גאלובעט פריילוך אויסגערופען — מארש!

בעגלייטעט פון דער וואכע זיינען זיי צוריק געגאנגען צום געריכטס־פאלאסט. אויפ'ן וועג האט גאלובעט שטיל געזאגט צו קארנו: „וויא מיינסט דוא ווען מיר זאלען איינטרעטען אין דער פאליציי און זאלען איהר וועלען דיענען, וואלט מען אונז בע־צאהלט?

— גאנץ געוויס! ווען מען ענטזאגט זיך פון דער איינענער מלאכה קען מען דאך

www.libtool.com.cn
פון לופט ניט לעבען! מען קריעגט א געהאלט און דערצו נאך געשענקט, חאפט גנבים און אנטלאפענע.

— דאן נעהם איך אן דיא שטעלע! און איך קען איינעם א פיינעם הערץ, וועלכען איך וואלט דעם ערשטען אריינגעפאקט אין חודער־מודער, אזוי שנעל וויא איך וואלט איהם נור בעגעגענט.

— ווען מיינסט דוא?

— איך מיין יענעם פארשטעלטען אבבא, וועלכען מיר האבען ניט לאנג געטראפען אין זשאנוויל־לע־פאנט און איך האב ביי איהם געבעטען פינף פראנק און ער האט מיר ניט געוואלט געבען און האט מיר געוואלט פארריידען דיא ציין, אז איך האב איהם ניט דערקענט, אז איך האב א טעות און ער איז גאר איין אנדערער! א, איך האב איהם שוין גוט דערקענט, דעם חברה־מאן! איך האב דאן ניט געוואלט מאכען קיין לערם, ווייל איך האב קיין גליק און איך וואלט געווים אויך אריינגעפאלען, אבער איך וואלט איהם שוין געפאקט! מיר וואלט עס זעהר ליעב געווען איינצוטרעטען אין דיא פאליציי; מיר זיינען שוין ניט קיין יונגע לייטע און מען מוז זיך וואס בעזארגען אויף דיא עלטערע יאהרען.

מיט שטראהלענדע געזיכטער זיינעןביידע ארעסטאנטען ערשיענען פאר'ן אונטערזוכונגס־ריכטער.

— נו, וואס הערט זיך? — האט דער בעאמטער געפרעגט.

— עס איז ריכטיג! — האט גאלובעט געענטפערט; ער איז געווען א בעסערער ריידער וויא זיין קאמראד — דער מאן איז דערקענט געווארען.

— האט איהר ניט א טעות?

— אונמעגליך! האט קארנו געענטפערט — איך האב איהם גוט געקאנט. ער איז מיט מיר צוזאמען געווען אין פאסי אין 1849. דיא צוויי געקרייצטע שווערדע מיט דעם לארבערקראנץ מיט דער צאהל פון יאהר האב איך איהם אליין איינגעשטאכען אין ארם. ער און נאך איינער האבען געקראגען אכט יאהר פיר איין מארד־פערזוך.

— וויא איז זיין נאמען?

— נוסטאוו פערריע. ער איז געווען א גוטער חברה־מאן און איך וואלט אסור געגלויבט אז ער וועט זיך אזוי לאזען קאלט מאכען.

— וויא האט געהייסען דער אנדערער פון וועלכען איהר זאגט אז ער איז מיט איהם צוזאמען פעראורטהיילט געווארען?

— מישעל ברעמאנט!

— איז דער מישעל ברעמאנט געווען א געוועהנליכער פערברעכער?

א, ניין, ער איז געווען א גאנצער באראן, האט געערדט עטליכע שפראכען און איז געווען גוט ערצויגען. ער האט נור פינף יאהר בעקומען און האט געהערט צו דער זעלביגער באנדע וויא גוסטאוו פעררי.

הערר גיברייי איז געווארען אויפמערקזאם.

— א באנדע, זאגט איהר? איז ביי זיי געווען א באנדע?

— יא, הערר ריכטער!

www.libtool.com.cn

— פון וואנען ווייסט איהר עס?

— צווישען קאמראדען מיט וועלכע מען לעבט אזוי לאנג ערפאהרט מען מאנ־כעס. איך האב אמאל ניט-ווילענדיג זיי געהערט ריידען מיט איינאנדער וועגען זייערע געשעפטען און איך ווייס, אז זיי פלעגען צווישען זיך אם מייסטען פערקעהרען אין גע־פעננגים און פלעגען זיך היטען פון אנדערע.

— זיינען זיי געווען פיעל מיטגליעדער?

— נור פינף.

— ווייסט איהר נאך וויא זיי האבען געהייסען?

— געוויס: גוסטאוו פעררינ, מישעל ברעמאָנט, ווערדיע מיט דעם צונעמענים „דער גלח" ווייל ער פלעגט זיך דאס רוב פערשטעלען פאר א גייסטליכען ווען ער איז געווען פריי, שאווען און לאטירג, מיט דעם צונאמען „דער לאָקענקאָפּ" ווייל זיין האָר גרייזעלט זיך.

— וועלכע פון דיא פינף פערזאנען קענט איהר אם בעסטען? — האט דער ריכטער געפרעגט.

— נור מישעל ברעמאָנט און גוסטאוו פעררינ. דיא איבעריגע זיינען אויך געווען אין פּאָאַסי אבער נאר א קורצע צייט מיט מיר צוזאמען און איך געדיינק זיי ניט גענוג. לאטירג איז קיינמאהל ניט געזעסען אין פּאָאַסי, ער פלעגט אבער קומען בעזוכען ברע־מאָנט און פעררינ אין דיא בעזוך־טאגע, ווען אויך זעלטען, און דאן פלעג איך איהם אמאהל זעהן, אבער צו וואלט איך איהם יעצט דערקענען ווייס איך ניט.

— איך קען „דעם גלח" — האט געלובעט זיך אריינגעמישט — מיט דריי יאהר צוריק האב איך איהם געטראפען אין זשאָאַנוויל־לע־פּאָנט און איך האב איהם דער־קענט.

— לאטירג קענט איהר ניט?

— ניין.

— פון וואנען ווייסט איהר אזוי גענוי, אז דער טאָן אין מארג איז גוסטאוו פעררינ? — האט גיברייי געפרעגט.

— ווייל ערסטענס האט ער זיין געזיכט און צווייטענס דערקען איך דיא טעטאָ־ווירונג, ווייל דאס איז מיינע ארבייט און דריטענס, האט ער דיא צייכענס פון דיא וואונדען אויף'ן לינקען אויער. איהר קענט אייך איבערציינגען, אין דיא ריכטיגקייט פון מיינע אויסזאגען, ווען איהר זאלט ארויספאדערן דיא קענצייכען (פרימיעטעס) פון גוסטאוו פעררי פון פּאָאַסי.

— דאס איז רעכט.

— איז דער העדר אונטערזוכונגס־ריכטער צופריעדען מיט אונז? — האט געלו־בעט געפרעגט זיך צושמייכלענדיג.

— געוויס.

— דאס וויל איך מיר איבערלייגען.

— סילוויא: און געלובעט האבען געמאכט זייערע געזיכטער מיט א בליק פון שרעקליכער ענטטוישונג.

www.libtool.com.cn

דער אונטערזוכונגס־ריכטער האט געקלינגעלט, דיא וואכע איז ערשיענען און דיאביידע ארעסטאנטען זיינען צוריק אפגעפיהרט געווארן אין געפענגניס.

קוים האט זיך דיא טהיר הינטער זיי געשלאסען האט זיך געעפענט איין טהיר פון איין אנדער זייט און עס זיינען אריינגעקומען דער פאליציי שעף און עמא זשובערט.

— איהר זעהט, מיינע הערען, איך האב מיך ניט געאירט — האט דיא פאליציסטין געזאגט — גלויבט איהר איצטער, אז עס עקזיסטירט א גאנצע באנדע פערברעכער, צו וועלכער דער מאן פון מארג געהערט? וואהרשיינליך איז ער פון איינעם פון זיינע קאמראדען ערמארדעט געווארן, פיעלייכט פון לאטירג אליין, אדער פון יענעם שורקע וואס פארשטעקט זיך אונטער דער מאסקע פון א גייסטליכען; דיא פינסטערע געזעלשאפט לעבט און ארבייטעט אין מיטען פאריז; יעדענפאלס האט זיא געוויס נייע פערברעכען אין אויסזיכט; מיר דארפען דעריבער קיין צייט פערליערען, מיר מוזען זיי ערגרייפען און אונשעדליך מאכען.

— איך בין אויך פון דערזעלבער אנזיכט און מיר שיינט עס, דאס נייע פערברעכען ווערען פארבערייטעט. מיר מוזען פערדאפלען אונזערע אויפמערקזאמקייט. לײדער וועט אונז ניט העלפען דאס, וואס מיר האבען ערפאהרען, צו קומען אויף דיא ריכטיגע שפור.

— הערר גיבריי, זאל איך אייך מאכען א פארשלאג? — האט עמא זשובערט געזאגט.

— איך בעט אייך זעהר.

— איהר מוזט ניט נור האלטען אייער פערשפרעכען וואס איהר האט געגעבען דיא ביידע וואגאבונדען, נור זיי מוזען אויפגענומען ווערען אין דער פאליציי.

— קענען זיי אייך דארט אויף וועלכע וויזע ניטצען?

— זעהר פיעל! מען קען במעט ניט אויסקומען אהן זיי.

— אבער מיט וואס?

— איינער קען ווערדיע, דעם פאלשען פריעסטער, דער אנדערער קען מישעל ברעמאנט. איהר זעהט, אז איך געדיינק דיא נאמען אויסגעצייכענט. ווערדיע איז פאר דריי יאהרען געזעהן געווארן, עס איז זעהר אנצ נעהמען, דאס ער איז יעצט מיט מישעל ברעמאנט אין פאריז. דיעזע צוויי וואגאבונדען וועלכע מיר האבען, וועלען זיי דערקענען. נאך איינעם און איך קענען פיערר לאטירג. עס וואלט געוועזען זעהר אונוואהרשיינליך, אז מיר זאלען מינדעסטענס איינעם פון זיי ניט איינפאנגען, ווען זיי זיינען נור אין פאריז. איהר זעהט אלזא, מיינע הערען, דאס גאלובעט און קארנו זיינען פיר מיך נייטיגע העלפער. איך פארשטעה זעהר גוט וויא אונאנגענעהם אייך איז צו שטעלען אזעלכע לייטע אין דיענסט פון דער גערעכטיגקייט, אבער אזעלכע זאכען האבען שוין פאסירט און זיי זיינען אמאהל נויטהווענדיג.

הערר גיבריי האט זיך געווענדעט צום פאליציי־שעף:

— איהר האט דא נאטירליך אויך איינע שטימע, וואס דיינקט איהר?

— איך מיין, אז דיא זיכערהייט פון דער געזעלשאפט פארדערט פון אונז אנצו־ווענדען יעדעס מיטעל, דורך וועלכעס מיר קענען קומען צום ציעל. אונטערצייכענע דיר

www.libtool.com.cn

פריילאסונג פון דיאביידע מענער, וועלכע איך וועל לאזען איבערוואכען. זיי וועלען אונז גערן און פלייסיג דיענען, וייל עס איז זייער פארטהייל.

פאול גיברייי האט אויפגעשריעבען איינינע ווערטער אויף א פאפיער און האט עס איבערגעגעבען דעם פאליציי־שעף מיט דיא ווערטער: היער, דאס איבעריגע איז אייער זאכע; לאזט דיא קערלס קומען און אונטערהאנדעלט מיט זיי. איך ערווארטע מיט אונגעדולד ווען וועט שוין אירגענד וועלכע שפור אויסגעפונען ווערן, וייל איינינע צייטונגען האבען שוין אנגעהויבען צו ריידען פון אונזער נאכלעסיגקייט און אהנגמאכט.

— איך וועל טהאן מיין בעסטעס—האט דער שעף געענטפערט און איז געגאנגען מיט מאדאם ראזיע נאך דער פרעפעקטור.

אהין זיינען אויך געבראכט געווארן גאלובעט און קארנו. ביידע זיינען זעהר אונרוהיג געוועזען און האבען אומזאנסט זיך צובראכען דיא קעפ טראכטענדיג, וואס קען זיין דיא אורזאכע וואס מען פיהרט זיי נאך דער פרעפעקטור. באלד זיינען זיי געשטאנען פאר דעם פאליציי־שעף מיט מאדאם ראזיע, און וועלכער זיי האבען נאטירליך דערקענט דיא קליידער־הענדלערקע.

דיא ערשטע ווערטער וואס דער שעף האט זיי געזאגט, איז געוועזען: „גאלובעט, קארנו, איהר זייט פריי!“

דיא ביידע קאמראדען האבען פריי אויפגעאטהעמט.

— אבער אונטער איין בעדינגונג! — האט דער שעף געענדיגט זיין ערקלערונג.

— איך פערשטעה שוין! — האט גאלובעט זיך אנגעחאפט — מיר זאלען ווערען מוזיקאנטען, אנשטאט האזען זאלען מיר ווערען יעגער! דאס איז דאך אימער גנוג, אונזער טרוים! איך און קארנו האבען זיך שוין לאנג פארגענומען צו ווערען עהרליכע לייט! איהר מעגט זיין זיכער, העהר פאליציי שעף, אז איהר וועט מיט אונז צופריעדען זיין! מיר וועלען שוין קוקען מיט אפענע אויגען און אונזערע אמאהליגע קאלעגע וועלען האבען ביי אונז קאלט און ווארם! עס וועט שוין זיין, אז אך־און־וועה צו אלע גנבים און זייערע העלפער.

עמא זשובערט האט ניט ווילענדיג געמוזט לאכען ווען זיא האט זיך דערמאהנט אן איהר פארטמאנע און האט געהערט וויא גאלובעט האט זיך אזוי גיך איבערגעקעהרט.

— ווען איהר וועט אונז ארענטליך בעדיענען וועט איהר צופריעדען זיין; זעצט זיך! — האט דער שעף געזאגט.

פאר גרויס ערשטוינען און איבערראשונג איבער אזא זעלטענע בעהאנדלונג, איז גאלובעט וויא קארנו שיער ארויס פון דיא כלים און האבען ניט געוואוסט אויף וואס פאר א וועלט זיי זיינען. פון האסט האבען זיי זיך ביידע א זעטץ געטהאן אויף דעמזעלבינען שטוהל און דער פאליציי־שעף האט געמוזט לאכען.

דיא אונטערערדונג מיט דעם פאליציי־שעף האט געדויערט א גאנצע שטונדע. אלס דיא ביידע ווייסע־חברה'ניקעס האבען פארלאזען דיא פרעפעקטור, האבען זייערע נעזיכטער געשטראהלט פאר פערגעניגען. דאס לעבען האט זיי אויסגעזעהן זעהר שעהן, דיא צוקונפט האט זיך זיי געמאהלט מיט דיא שענסטע פארבען און זיי האבען פריי־

www.libtool.com.cn
לאָך געקלונגען מיט דיא הונדערט פראַנקען, וועלכע יעדערער פון זיי האט ערהאַלטען אלס האנדגעלד.

דיא פּאָליציי האט ערהאַלטען נייע בעפעהלע און אנווייזונגען. פּאריז האט געזאַלט גאר פון דאס ניי דורכגעזופּט ווערען מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט און היבשע בעלאהנונגען זיינען אויסגעזעצט געוואָרן פיר יעדען וואס וועט ברייננען אויסקינפטע, וואס זאל פיהרען צו דער פערהאַפטונג פון מערדער פון פער־לאַשעז, אדער פון איינעם פון זיינע מיטשולדיגע.

29טער קאַפּיטעל.

# אויף דעם באַלל אין אפּערנהויז.

מיער און בייז איז מאַרים צוריק געקומען נאָך הויז, אין דער האַפנונג דאס ער וועט מינדעסטענס ערהאַלטען א בריעף פון אָקטאַוויע. ער האט זיך אבער אויך אין דעם געטוישט. אין איין אנדער צייט וואלט ער זיך געפרייט דאס צווישען איהם און אָקטאַוויע איז אַלעס אפּגעבראָכען, אבער איצט, ווען ער האט פון איהר נייטיג געהאַט וועלכע אויסקינפטע, וואס נור זיא קען איהם געבען, האט ער שטאַרק פּאראַיבעל גע־האט אויף קלאָדין שאַרוועט'ס טאַכטער. ער האט זיך אבער בערוהיגט מיט דער האפ־נונג, דאס מאָרגען וועט ער וואהרשיינליך ערהאַלטען פון אָקטאַוויע א בריעף מיט דער בעשטימונג פון פּלאַטץ, וואו זיי זאלען זיך צוזאַמענטרעפען. מיט דיעזער האָפנונג האט ער זיך געלעגט אין בעט און איז אונגעשטערט געשלאָפען ביז מאָרגען.

ווען ער האט זיך אין דער פריה אויפגעהאַפּט, האט ער אונגעדולדיג געוואַרט אויף'ן בריעפטרעגער. אום ניין אוהר איז ער ארויס פון טהיר און האט אראָפּגעשריען צום הויז־מייסטער'ס פרוי: „מאַדאַם בענאַא, האט איהר א בריעף פיר מיך?"

— ניין הערר וואַסייר — האט געענטפערט א הייזעריגע שטימע פון אונטען — זאנסט וואלט איך איהם אהער געהאַט ארויפגעבראַכט.

מאַרים האט געוואַרט ביז עלף אוהר, אבער קיין זאַך איז ניט געקומען.

— דאַרט האט געמוזט עטוואס אונגעוועהנליכעס טרעפען מיט איהר — האט ער זיך געזאגט — אבער וואס קען דאס זיין? דאס בעסטע וואס איך קען טהאן, און דאס איינציגע מיטעל דאס צו ערפאהרען איז, דאס איך זאל געהן אהין און מיך ער־קונדיגען.

ער האט זיך שנעל אנגעקליידעט און איז אוועקגעגאנגען פריהער נאָך דער רוע סוריי, וואו דער קאַפּיטאַן וואַן ברעקע, און דער אבבע מערים האבען ערוואַרטעט זיין צוריקקומען מיט אונגעדולד. אלס ער איז אריינגעקומען האבען איהם דיא ביידע מיט פריידע בעגריסט, און ווערדיע, וועלכער האט יעצט ניט געטראָגען דיא קליידער פון א גייסטליכען, נאָר פון א געוועהנליכען בירגער, האט געזאגט:

— נו, ליעבער פריינד, וויא איז געגאַנגען דיא רייזע?

מאַרים האט ביידע קאַמעראַדען געדריקט דיא הענד און האט געענטפערט:

— איך קען מיך ניט בעקלאַגען, דען איך האב דערטאַפּט צוויי האזען מיט איין מאהל.

www.libtool.com.cn

— אוןביידע אניעדערגעלייגט אויף דער שטעלע? — האט ווערדיע לאַכענדיג געפרעגט.

— איינעם אניעדערגעלייגט און דעם אנדערן אנגעשאָסען — האט מאַריס לאַכענדיג געענטפערט.

— וואס הייסט עס? — האט לאַטירג געפרעגט פערוואונדערט.

— דאס הייסט, איך האב געזוכט סימאָנע און האב געפונען דיא פאַמיליע ברעסאַל, וואס איך האב אם ווענינגסטען ערווארטעט דארטען אויסצוגעפינען.

— ווירקליך?

— אזוי וויא איך זאג אייך!

און מאַריס האט דערציילט מיט אלע איינצעלהייטען, וויא אזוי דאס איז צוגע־גאנגען אין וויק־סור־בריין און ביי דער וויטווע שארוועט.

— דאס נעהט דאך גאר פאַרטרעפליך — האט ווערדיע געזאגט זיך רייבענדיג דיא הענד פאר פערגניגען — ווען דיא שעהנע אַקטאַוויע זאל נור פארזיכטיג אויסגע־פרעגט ווערען, אזוי דאס זיא זאל קיין חשד האבען, קען מען ווען צעהן געגען איינס דאס איהר ווערט ערפאהרען סימאָנעס אדרעסע.

— איך האף עס אויך, אבער איין הינדערניס שטעהט מיר נאך אין וועג — א הינדערניס וועלכע איך האב אם ווענינגסטען ערווארטעט. פאר מיין אוועקפאהרען האט מיך אַקטאַוויע שיער מיעד געמאכט מיט איהר צערטליכקייט, האט זיא זיך איצטער אריינ־געלאזען אין א נייע ליעבע, אדער גיבער פיליייבט אין א נייעם קאפריז, און עס איז מיר ניט מעגליך צו איהר צו צוקומען, סיידען איך זאל פיליייכט בעלאגערן איהר טהיר.

— דאן טהוט עס, ליעבער פריינד, יעצט איז דיא הויפטזאכע צו זעהן אַקטאַוויע, דערנאך קענט איהר מיט איהר ברעכען. אויך מוזען מיר זיך גלייך נעהמען צו דער פאַ־מיליע ברעסאַל.

— דערצו מוזען מיר דאך אבער אויך וויסען דיא שטארקע און דיא שוואכע זיי־טען פון דיא ברעסאַל'ס, דאס הייסט, מיר מוזען וויסען ווער דיא ברעסאַל'ס זיינען, וועלכע געוואהנהייטען זיי האבען, וועלכע טוגענדען און וועלכע לאַסטער, און וויא זיי לעבען, און נאך אזעלכע זאכען. דאס אלעם האב איך געוואלט ערפאהרען דורך אַק־טאַוויע, וועלכע האט דארטען פריהער געדיענט אלס קאמער־מעדכען, איידער זיא איז געווארען „דיא שעהנע אַקטאַוויע".

— דאס קען מען אויך אויף אנדערע וועגען אויסגעפינען — האט לאַטירג בע־מערקט.

— יא — האט מאַריס געענטפערט — מען קען זיך נאכפרעגען ביי דעם און ביי יענעם, אבער פון איין זייט איז דאס אביסעל געפעהרליך, און פון אנדערן זייט איז דאס אונוויטציג, ווייל דער און יענער געבען אפטמאהל בעשייד פונקט קאפויר, און ענטפערן וויא זיי געפעלט.

— אונזער יונגער פריינד האט רעכט — האט ווערדיע געזאגט — ער מוז זעהן אַקטאַוויע און זיא אויספרעגען, און זיך ריכטען נאך דעם וואס מיר וועלען פון איהר ערפאהרען. זעהט צוזאמענצוטרעפען מיט דער מיידיל אזוי שנעל וויא איהר קענט.

www.libtool.com.cn

— עס פערשטעהט זיך דאס איך וועל זיא זעהן, עס איז אבער זעהר ניט אנגע-נעהם אפצוהייגגען פון דיא קאפּרזען פון א פרוי דאן ווען מען איז שוין באלד ביין ציעל.

מיט דיא ווערטער האט מארים גענומען אבשיעד פון זיינע קאמראדען און איז אוועקגעגאנגען נאך דער רוע קאַמארטען, צו אקטאַוויעס וואוינונג.

— איז מאדאם צו הויז? — האט ער געפרעגט דעם בעקאנטען הויזמייסטער אונטען.

-- יא — האט דיעזער געענטפערט.

מארים איז שנעל ארויף דיא טרעפּ און האט געקלונגען. איין זעהר פארנעהמער קאמערדיענער, וועלכען ער האט פריהער קיינמאהל ניט געזעהן, האט געעפענט און האט זיך ענטזאגט אפילו זיינע קארטע אפצוגעבען, אבגלייך מארים האט איהם פרר בירט געבען פינף וואידאָר (20-פראַנק-שטיקער).

— דאס זעהט אוים אז זיא האט מיט מיר אין גאנצען געבראכען — האט מארים צו זיך געזאגט — אדער עס זיצט ביי איהר פיעלייכט דער גראף צו פריהשטיק?

ער האט דערלאַנגט זיין קארטע דעם קאמערדיענער נאך א מאהל און האט געזאגט: „איך לאז מיין קארטע ביי אייך, איהר וועט איהר ביי א געלעגענהייט אפּגעבען“.

— זעהר גוט מיין הערר.

מאָרים איז אראפּגעגאנגען פון דיא טרעפּ פלוכענדיג דיא קאפּריזען פון אלע חוה'ס טעכטער, וועלכע פערגעטערן אונז היינט, און מאכען צו דיא טהירען פאר אונזער נאז גלייך דעם אנדערן טאג. אזוי וויא עס איז שוין געוועזען ארום צוועלף אוהר האט ער זיך בעשלאסען צו געהן עסען מיטאג ביי זיין גוטער פריינדין, מאדאם ראָזיע. זיא וועט זיך געווים פרייען איהם וויעדער צו זעהען און איהם צו אומארמען. ער איז אריין אין איהר וואהנונג אין דער רוע דע לא וויקטאָאר, אבער צו זיין גרויסען ערשטוינען איז מאדאם ראָזיע ניט געוועזען צו הויז.

אויף זיין נאכפראגען האט איהם דיא אונשולדיגע מאדליין דערצעהלט, דאס מאדאם ראָזיע געהט אוים אלע טאג און קומט שפּעט נאך הויזע און זעהט אוים צו זיין זעהר בעשעפטיגט. מאָרים האט ביי זיך געטראכט, דאס וואהרשיינליך האט מאדאם ראזיע וועלכע געשעפט-זאכען, און האט איהר געלאזען זאגען דאס ער וועט וויעדער קומען. פון דאָרט איז ער ארוים אויף דיא בולווארדס און איז אריין אין א רעסטאָראַן אום צו פריהשטיקען.

ביי א פענסטער איז געזעסע׳ דער קליינער גראף פּאסקאל, וועלכער האט יעצט אויסגעזעהע׳ נאך בלייכער און מאגעריער וויא אימער, דען ער איז געוועזען אין דיא ווייטע גראדען פון שווינדזוכט, און האט זיך אונטערהאלטען מיט א פריינד.

— אויך איהר זייט דאָ, מיין ליעבסטער? האט ער אויסגערופען אין זיין שלע-פעדיגער שטימע, רייכענדיג מאָרים'ן דיא האנד; — וויא געהט עס אייך?

— און אייך?

— מיר זעהר גוט, איך דאנקע! איך בין געזונד וויא איין אייזען! דאס איז שען

www.libtool.com.cn

וואס מיר האבען זיך געטראפען! וואס איז איינענטליך מיט אייך געווארן? מען זעהט אייך נירגענדס. מויערט איהר אייך אויך אזוי איין ווי אקטאוויע?

— אקטאוויע מויערט זיך איין? — האט מאָרים געפרעגט.

— פאָלשטענדיג! אדער ריכטיגער, זיא ווערט איינגעמויערט.

— פון וועמען דען?

— אבער, מיין בעסטער, ווייסט איהר דען גאָר ניט? פון גראף איוואן, נאטירליך! דער גוטער יונגע שיינט צו זיין אייפערזיכטיג וויא א טיגער. דיא אייפערזוכט איז זעהר ניט אין דער מאָדע, זעהר ניט פאָרנעהם, דאס איז א קראנקהייט פון וועלבע איך וועל שוין ניט שטארבען.

דער קליינער מאגערער גראף, וועלכער איז איינגעגאנגען מיט יעדען טאג פון דער שווינדזוכט, און וועלכער פלעגט ביי יעדער געלעגענהייט פערזיכערן דאס ער איז שטארק וויא אייזען איז אונטערבראָכען געווארען אין זיין ריידען דורך א שטארקען הוסט־אנפאל, וועלכער האט בעוויעזען קלאָר, אז דער יונגער גראף וועט קיין צייט האבען צו שטארבען פון אייפערזוכט, און דיא שווינדזוכט וועט גיכער איהם בייקומען.

דאס מיטאג־עסען איז פאָראיבער זעהר מונטער, און ערשט געגען פינף אוהר איז מאָרים צוריקגעקעהרט צו זיך נאך הויז, וואו איהם האט ערווארטעט איינע איבערראשונג.

דיא הויז־מייסטערין האט איהם איבערגעגעבען א בריעף פון אָקטאוויע. מיט דער גרעסטער האסט האט ער איהם געעפענט און איבערגעלייענט פאָלגענדעס:

„מיין ליעבער גוטער יונגע!

„איך בין ניט מעהר פריי, דען מיט דעם הייראטהען ווערט עס גאנץ
„ערנסט ביי אונז. אבער איך וויל דיך זעהען. קום איבערמאָרגען אויף דעם באל
„אין אָפערא־הויז, איך וועל טראגען א ראָזא דאָמינאָ (א מאסקענבאל־קלייד)
„מיט א ווייסער שלייפע אויף דער לינקען שולטער און א צווייטע שלייפע אויף
„דער ברוסט. אויף וויעדערזעהען!

„דיינע אָקטאוויע, פיר אימער!“

— איך האב אלזא א טעות געהאט ווען איך האב געמיינט אז זיא האט מיט מיר אין גאנצען געבראָכען — האט מאָרים געלאכט צו זיך אליין — אָקטאוויע איז נאך אימער פערליעבט אין מיר און איך וועל פון איהר ערפאהרען אלעס וואס איך וויל.

ער האט גלייך מיטגעטהיילט דעם קאפיטאן וואנדברעקע דעם בריעף פון אקטאוויע און האט איהם געבעטען ער זאל עס אויך מיטטהיילען ווערדיע, און דאן האט ער מיט אונגעדולד ערווארטעט דיא צייט פון זיין צוזאמענקונפט מיט זיין געליעבטע.

מיט דעם באל אין אפערא־הויז אויף וועלכען אקטאוויע האט מאָרים'ן בעשטימט, איז ערעפענט געווארען דער סעזאן פון מאסקענבעללער אין פאריז. גאנץ פאריז האט געוואלט דערביי זיין, און דיא לאזשען זיינען זעהר טייער פערקויפט געווארען, וויא דאס איז געוועהנליך יעדעס יאהר. מארים האט בעצאהלט דרייסיג לואידאָר (600 פראנק) פיר א לאזשע אום צו האבען דיא מעגליכקייט צו ריידען מיט אקטאוויע אונטער פיער אויגען.

שבת אבענדס האט מארים אנגעטהאן א שווארצע דאמינא מיט גרינע שלייפע:

www.libtool.com.cn

איבער זיין באלל־אנצוג און איז אוועקגעפאהרען צו דער גראנד אָפּערא. לאַטירג און ווערדיע זיינען שוין דארטען געווען און האבען איהם ערוואַרטעט. זיי האבען אויך געטראגען אזעלכע דאָמינאָס און אזעלכע מאסקען וויא ער, און אן דיא ג־ויסע בונטע שלייפען וועלכע זיי האבען געטראגען אן דער רעכטען שולטער האט מען זיי לייכט געקענט דערקענען.

— איז זיא שוין דא ? — האט מאָריס זיי געפרעגט אזוי שנעל וויא ער האט זיי געפונען.

— ניין, מיר האבען וויינינגסטענס נאך ניט געזעהן קיין ראָזא דאָמינא מיט ווייסע שלייפען.

— לאמיר אונז שיידען און אויפפאסען. אלע האלבע שטונדע זאלען מיר זיך דא צוזאמענטרעפען, און אזוי שנעל וויא איהר דערזעהט אזא דאָמינא זאלט איהר מיר גלייך מיטטהיילען,

— אבגעמאכט !

א געדיכטע מאסע מענשען האט זיך געדרענגט אויף דיא פּראכטפאלע טרעפּ און קארידארען פון דעם הערליכען אָפּערא־הויז, און האבען בעלאגערט דיא לאָזשען. דאס אָרקעסטער האט געשפּיעלט וויא א שטורם און גאנצע וואָלקען פון שטויב האבען זיך ערהויבען צווישען דיא צאהל רייכע גלאז־פלאמען.

אין איין ראהם פון א טהיר איז געשטאנען א דאמע אין א שווארצען דאָמינא מיט רויטע שלייפען, מיט א רויטע מאסקע אויפ׳ן געזיכט, און צוויי מאסקירטע לייטע אין קאָסטיומען פון פארצייטיגע ערצטען, זיינען געשטאנען נעבען איהר פוןביידע זייטען. זיא איז געשטאנען אונבעוועגליך, בעאָבאכטענדיג מיט פונקלענדע אויגען פון אינטער דער מאסקע אלעס וואס עס געהט פאָר ארום איהר. אלס זיא האט דערזעהן דעם שווארצען דאָמינא ריידענדיג מיט דיא אנדערע צוויי, האט זיא עטוואס איינגעציטערט און האט געמורמעלט פאר זיך אליין: „דער יונגער מאן האט דעם וואוקס און דעם טריט פון מאָריס, ניט שוין־ושע איז ער דא אויך פאראן ? “

אונזער לעזער האט געוויס שוין דערקענט מאדאם ראָזיע. דיא ביידע פארצייטיגע דאָקטוירים וואס האבען זיא בעגלייטעט, זיינען געווען דיא ביידע נייע פּאליציסטען סילוויאָן קארנו און גאלובעט, וועלכע זיינען געווען זעהר אויפמערקזאם אויף אלעם ארום, טראטצדעם וואס דער אונגעוועהנטער אנבליק האט זייא אין אנפאנג אזוי וויא געבלענדעט.

עמא זשובערט, וועלכע האט קיין זאך ניט פערנאכלעסיגט, וואס האט זיא נאר געקענט פיהרען אויף דיא שפּור פון דער פערברעכער־באנדע, האט עס געהאלטען פיר נייטיג בייצו־וואהנען דעם ערשטען מאסקען־באל אין אָפּערא־הויז, וואו עס קומען זיך צוזאמען אונטער דיא מאסקען, לייטע פון אלע קלאסען פון דער געזעלשאפט.

דיא דריי מענער האבען זיך צוטהיילט, און אין דעם אויגענבליק האט עס מאדאם ראָזיע דערזעהן דעם יונגען מאן, וועלכער האט איהר אויסגעוויזען וויא מאריס. דער יונגער מאן אליין האט נאטירליך קיין ברעקעל געדאנקען ניט געהאט דער פון אז מאדאם ראזיע איז אזוי נאהענט צו איהם. זיינע פריינדע אויף א מאסקענבאלל ! ווען

www.libtool.com.cn

אזא גערׇאנקען וואלט איהם צופעליג יא אריינגעקומען אין קאפ, וואלט ער זיך אליין געווים אויסגעלאכט.

מאריס האט א ווײלע געבלאנדזעט דורך דיא מאסע מאסקירטע מענשען, וועלכע האט ער איין וועלכען אויך ניט אהן שוועריגקייטען, ענדליך אבער איז ער מיעד געווארען און איז אריין צו זיך אין לאזשע. פיעלייכט זיצט אקטאוויע אויך ערגעץ — וואו אין א לאזשע אין דעמזעלבינגען עטאזש — האט ער ביי זיך געטראכט. ער האט געקוקט דורך זיין אפעראגלאז אין אלע לאזשען אזוי ווייט וויא ער האט נאר געקענט, האט בעטראכטעט יעדעס דאמינא וואס האט נאר געהאט עטוואס עהנליכקייט צו אקטאוויע'ס בעשרייבונג, אבער אומזיסט, ער האט אקטאוויע ניט ענטדעקט. ער האט פערלארען דיא געדולד און האט געוואלט פערלאזען דיא לאזשע אבער דיא ענגשאפט אין דיא קארידארען איז געווען אזוי ענג, דאס ער האט געמוזט א היבשע ווײלע ווארטען אין טהיר פון זיין לאזשע, און ווארטען אויף א געלעגענהייט זיך אריינצומישען אין דיא מענגע.

פלוצלונג האט זיך א מאן אין א שווארצען דאמינא דורכגעשטופט דורך דיא מאסע, ארבייטענדיג מיט דיא עלענבויגענס אין דער ריכטונג פון מאריסעס לאזשע. דאס איז געוועזען פיערר לאטירג.

— זיא איז איצטער־ערשט געקומען אין דער בעגלייטונג פון צוויי פרויען — האט ער געזאגט צו מאריס אזוי שנעל וויא ער איז נור צוגעגאנגען צו איהם.

— וואו געפינט זיא זיך?

— איך האב געזעהען מען האט איהר אויפגעשלאסען א לאזשע אויף דער רעכטער זייטע.

— גוט, איך געה צו איהר.

— איך וועל אייך נאכגעהן פון הינטען ניט ווייט פון אייך. אזוי שנעל וויא איהר דארפט מיך זאלט איהר מיר געבען א צייכען.

— וואס איז געווארען פון אבבע מעריס?

— ער שטעהט וואכע ביי איהר לאזשע.

עס פערשטעהט זיך אז דער שמועס איז געפיהרט געווארן גאנץ שטיל.

איצטער האט זיך אויך מאריס געשטופט מיט דיא עלענבויגענס דורך דיא מאסע מענשען, נאך דער ריכטונג פון דעם בעצייכענטען ארט; וויא נאר ער איז אהין צוגעקומען, איז אקטאוויע ארויסגעגאנגען פון איהר לאזשע. דער יונגער האט איהר פארשטעלט דעם וועג.

— איך בין עס — האט ער געזאגט גאנץ שטיל.

זיא האט אויפגעציטערט ביים קלאנג פון זיין שטימע, האט גענומען זיין ארם און האט האסטיג געפרעגט: „האסט דוא א געשלאסענע לאזשע?“

— יא, דוא ביזט דארט זיכער פון יעדען פרעמדען בליק.

— זא קום שנעל אהין.

— שנעל! — האט מאריס איבערגעזאגט לאכענדיג — דאס איז לייכטער צו זאגען וויא צו טהאן.

www.libtool.com.cn

ער האט זיך אבער דאך גענומען דורכברעכען א וועג, שלעפענדיג אָקטאַוויע מיט זיך, ביז ער איז ענדליך געקומען צום ציעל.

ווען ער איז פאַרבייגעגאַנגען דיא פרוי אין שווארצען דאָמינאָ מיט דיא ביידע ערצטע פון דיא זייטען, האט דיעזע געזאגט מיט לויטער אבער פערשטעלטער שטימע: „מאָרים מיט גליק!"

דער יונגער מאַן איז געגאַנגען ווייטער, זיך ניט אומקוקענדיג און ניט ענטפערנדיג.

— מען האט דיך דערקענט — האט אָקטאַוויע געזאגט צו איהם.

— יא, און דאס וואונדערט מיך זעהר, דען איך האב געמיינט אז איך בין זעהר גוט מאַסקירט, אבער דאס שאַדעט ניט.

— דאס שאַדעט זעהר פיעל, מיין בעסטער. דער גראַף איז איפערזיכטיג וויא א טיגער, און ווען ער זאל זיך דערוויסען אז איך האב עפּעס מיט דיר געשעפטען ווערט מיין גאַנצער פּלאַן פון הייראַטהען מיט איהם צו וואסער. לאמיר דעריבער טהאָן קלוג און זיך שיידען אזוי שנעל וויא מיר וועלען האבען געפּלוידערט א צעהן־פופצעהן מינוטען.

אזוי וויא מאָרים האט זיך ניט געיאָגט נאך א לאַנגע אונטעררעדונג און האט נור געוואלט ערפאהרען דאס וואס איהם האט יעצט אינטערעסירט, האט ער ניט געהאַט דאַגעגען. אין נעבסטען אויגענבליק זיינען ביידע אריין אין דער לאָזשע, און וועלכער מען האט פון זאל אויס ניט געקענט אריינקוקען, אזוי וויא דיא פאָרהאַנגען זיינען צום טהייל געוועזען פאַרצויגען.

— אה, וויא גוט עס איז צו האבען א פינף מינוטען פרייהייט, נאכדעם וויא מען איז שוין אין גאַנצען אָפּגעוואָהנט דערפון! — האט אָקטאַוויע אויסגערופען, אלס זיא האט אראָפּגעוואָרפען פון זיך דיא מאַסקע און דעם קאַפּשאָן פון דעם דאָמינאָ, און אומאַרעמט מאָרים׳ן.

— ביסטו א שקלאַפין?

— פאָלשטענדיג! אבער דוא דאַרפסט מיך ניט בעדויערען, איך האב עס אליין געוואלט. דוא פערשטעהסט מיך ניט?

— ניט איין האָר.

— דיא זאכע איז דאך גאַנץ איינפאַך, איך וויל דיר עס ערקלערן: איך האב מיר אויסגעאַרבייטעט א פאָלשטענדיגען פּלאַן און ווען איך זאל האנדלען נאך איהם וועל איך גאר אין א קורצע צייט מוזען קומען צו מיין ציעל, און דעם גראַף איבערציינען, דאס איך האב איהם ווירקליך ליעב און צוליעב איהם האב איך אָפּגעבראָכען אין גאַנצען מיט דער פערגאַנגענהייט. דערצו איז עס נעטהיג איך זאל אין ערגעץ ניט געהן און זאל מיינע אלטע פריינדע ניט עמפּפאַנגען. דעריבער וויז איך מיך אין ערגיץ ניט און האלט מיין טהיר געשלאָסען פיר יעדען.

— דאס איז זעהר א לוסטיגעס לעבען, מוז איך דיר זאגען — האט מאָרים אויסגערופען.

— איך לאַנגווייליע מיך צו טויט, אבער דיא האפנונג אויף דיא גלענצענדע צו־

www.libtool.com.cn
קונפט האלט מיך אויף. ווען דער גראף וועט זיך איבערציינגען דאס איך פערגעטער איהם, וועט ער מיך הייראטהען און ווען ער איז איינמאהל מיין מאן....

אָקטאוויע האט זיך אליין אונטערבראָכען, איבערלאזענדיג פיר מאָריס'ן אליין צו פארשטעהן וואס דערנאך וועט זיין, און האט דאן פאָרטגעזעצט:

— יעדענפאלס דארפען מיר זיך איצטער זעלטען זעהן און איך גלויב, אז דוא זעהסט אליין איין וויא גוט מיינע גרינדע זיינען דערצו.

— פאָרטרעפליך! דוא האסט פאלשטענדיג רעכט! וויא קומט עס אבער, וואס דער גראף האט דיך אליין געלאזען געהן צום אָפּערא־באל?

— אין דער רוסישער געזאנדשאפט איז היינט איין אבענד און ער מוז זיך דארטען וועניגסטענס לאזען זעהן, ער קען אבער יעדען אויגענבליק אהער קומען און מיך זוכען... איבריגענס פון מיר האבען מיר שוין גענוג גערעדט, לאמיר ריידען פון דיר א ווײלע. וואס האסטו געמאכט זייט איך האב מיין טהיר געמוזט שליעסען פאר דיר?

— איך האב געמאכט א קליינע רייזע נאך האוור.

— צו דיין פערגעניגען?

— ניין, אין געשעפטען און שטעל זיך פאר, איך האב דארט געטראפען איינעם וואס האט דיך אין פאריז געזעהן מיט א קורצע צייט צוריק און וואס קען דיך זעהר גוט. ער האט מיר פיעל געשפראכען פון דיר.

דאס געזיכט פון דער יונגער דאמע האט אויסגעדריקט עטוואס אונרוהע, אלס מאריס האט געשפראכען דיעזע ווערטער.

— איינער וואס קען מיך? — האט זיא געפרעגט.

— יא.

— ווער איז ער דען?

— איין נאָטאר.

— איך בין אבער מיט קיין נאָטאר אין פאריז ניט בעקאנט.

— איך האב דיר גאר ניט געזאגט, אז ער איז א פאריזער.

— ווער דען איז עס געוועזען?

— דער עהרענווערטהער פערטרעטער פון גערעכטיגקייט פון וויק־סור־בריין.

מאריס האט ביי דיא ווערטער אנגעקוקט אָקטאוויע און האט בעמערקט וויא עס בייטען זיך דיא קאָלאָרען אין איהר געזיכט.

— אה, דער האט פון מיר גערעדט?! — האט זיא אויסגערופען בלומר'שט גאנץ גלייכגילטיג.

— געוויס; ער זאגט אז דוא ביזט זעהר שעהן! ביי דער געלעגענהייט — ביסטו געבארען אין וויק־סור־בריין?

— יעדער מענש מוז דאך ערגיץ־וואו געבארען ווערען!

— דאס איז איין אמת וואס מען קען ניט אפּלייקענען.

— וואס האט דיר דער נאָטאר פון מיר געזאגט?

מאָריס האט זיך געמאכט וויא ער האט קיין חשק ניט צו דערציילען.

— אבער, מיין גאָט, איך ווייס ניט אויב.... האט ער אנגעהויבען.

www.libtool.com.cn

— אלוא שלעכטעס?

— אבער....

— איך קען עס מיר דענקען. וואהרשיינליך האט ער דיר דערצעהלט, אז איך האב פארלאזען מיין פאמיליע, אום צו לעבען דא אין פרעהליכקייט און לוסטיגקייט און איך האב נאך אוועקגעשלעפט מיט זיך מ׳ין מילך־שוועסטער סימאָנע. ניט וואהר ער האט עס דיר ערצעהלט?

— איך קען עס ניט לייקנען, האט מאריס גענאגט מיט א שמייכעל און העכסט צופריעדען וואס דיא אונטערהאלטונג האט זיך אויסגעדרעהט פונקט אזוי וויא ער האט עס געוואלט.

— איך הער איהם וויא דעם קאָטער, דעם אלטען בעל־עבירה׳ניק — האט אָקטאוויע גענאגט — שעהנע געשיכטען האט ער געמחט ארויסברייננגען!

— ער האט עס אזוי וויט געבראכט, ביז איך האב איהם געהייסען שווייגען. איך האב איהם גענאגט, אז איך קען פריילין אָקטאוויע און זיא איז איינע אנגעזעהנע דאמע אין יעדער הינזיכט און אין מיין געגענווארט זאל ער זיינע געשיכטען ניט דער־צעהלען. צו זיין גליק האט ער מיר געפאלגט, דען איך האב שוין געהאט בדעה איהם צו שיקען מארגען מיינע סעקונדאנטען און איהם פאָרדערן צו א דועל,

— דוא ביזט א פרעכטיגער יונגע! וואס ווייס אזא דומער קליינשטעטילדיגער שטוב־זיטצער פון לעבען! איבריגענס האט ער אויך אורזאכע אויף מיך בייז צו זיין.

— וויא אזוי?

— דער אלטער יצר־הרע׳ניק האט זיך שטארק געשדכנ׳ט צו סימאָנע און איז געווען בייז וויא א טיגער ווען איך האב זיא מיט זיך אוועקגעפיהרט פון וויק־סור־ברייך.

— מיר האט עס אויך אזוי אויסגעוויזען; נאטירליך האט ער מיר ניט גענאגט דעם ריכטיגען גרונד פון זיין כעס, ער איז נור כלומר׳שט געווען בעזארגט וועגען דיא טוגענד פון דיין מילך־שוועסטער. וואס איז פון איהר געווארען? האט זיא אויך געענ־דערט איהר נאמען? האט זיא געמאכט איהר גליק?

אָקטאוויע האט געצוקט דיא אקסלען:

— סימאָנע און גליק! — האט זיא גענאגט — יענע אין צו קינדיש דערצו. ווען איך בין אראָפ פון דרך הישר, וויא אונזער נאָטאר פלעגט זאגען, האט זיא זיך ער־לויבט מיר צו זאגען מוסר און מיר צו ריידען פון מיינע עלטערן, פון עהרע און נאך אזעלכע נארישקייטען. דאס האט מיך געמאכט בייז, דען מיר איז מיאוס געווארען צו לעבען אימער ביי אנדערע און איך האב געוואלט זיין פריי און לעבען וויא עס געהער צו זיין. איך האב מיך דעריבער מיט איהר צוקריעגט און מיר זיינען זיך צוגאנגען.

— שוין לאנג?

— אונגעפעהר פיער יאהר.

— דוא האסט זיא מעהר ניט געזעהן?

— גאָט צו דאנקען, ניין; איך האב געהאט גענוג פון איהרע פרעדיגטען.

— האסטו פון איהר ניט מעהר געהערט?

— קיין ווארט, קיינע זילבע.

www.libtool.com.cn

— פון וואס לעבט זיא דען?

— פון איהר ארבייט.

— פון וועלכע ארבייט?

— זיא איז געווען א נעטהערין און א שטיקערין, און זעהר נעשיקט, דאס מוז איך צוגעבען.

— וואו האט זיא דען געארבייטעט?

— ווען מיר זיינען זיך צוגאנגען האט זיא געארבייטעט אין א מאגאזין אין דער רוע וויוויען; אבער זיא איז אימער געוועזען א שוואכע, פיעלייכט איז זיא שוין גע־שטארבען.

וויא עס האט אויסגעוויעזען האט אקטאוויע פון איהר ניט מעהר געוואוסט און מארים האט אויך איבער סימאנע ניט מעהר געקענט ערפאהרען פון אקטאוויע.

— וואס האט ער דיר נאך דערציילט, דער נארעשער נאטאר? האט זיא גע־פרעגט — האט ער גערעדט פון מאמא?

— יא, ער האט מיר דערציילט, דאס מאדאם שארוועט וואוינט נים מעהר אין וויק־סור־בריין, נאר אין א דארף, ניט ווייט פון דארט.

— זיא וואוינט אין פיזי; זיא האט דארטען א שטיקעל גוט, זיא איז ניט ארעם, מיין מאמא, איך מוז איהר אמאהל ווידער שרייבען; זיא וועט זעהר שטאלץ זיין ווען זיא וועט הערן פון מיין הייראט, ווען זיא וועט זיין, דיעזע לייטע אין דער פראווינץ מייר נען אז מען האט ניט חתונה און מען געניעסט אזוי דיא וועלט איז מען נאר קיין מענש נים.

— שרייבט זיא דיר?

— ניין, זיא וויים ניט מיין אדרעסע. זייט איך האב פארלאזען דיא ברעסאלס וויים זיא ניט וואו איך וואוין.

דיא אויגען פון יונגען מאן האבען אויפגעלויכטען; אקטאוויע האט איהם ווידער ארויפגעפיהרט פונקט אויף דאס וואס ער האט געוואלט.

— דיא ברעסאלס? — האט ער איבערגעפרעגט — וואס הייסט דאס?

— דאס זיינען דיא לייטע ביי וועלכע איך האב געוואוינט אלס געזעלשאפטערין — האט אקטאוויע געענטפערט רויט ווערענדיג — דאס זיינען געווען א זאנדערבארע פאמיליע, מיין ליעבער.

— וויא אזוי?

— דער מאן איז איין אלטער און זייער רייכער ארכיטעקט, וועלכער האט גע־הייראטהעט אוים ליעבע א דאמע פון דער האלב־וועלט, זיא בעטריגט איהם און ער וויים נים, אדער מאכט זיך ניט־וויסענדיג. איבריגענס איז מאדאם ברעסאל זעהר שעהן, אבגלייך זיא איז ניט מעהר יונג, און איז שרעקליך קאקעט. דער מאן ליעגט אימער צו הויז, ביי זיין ארבייט, אדער אמאל שפיעלט ער א פיקעט מיט א פאר אלטע פריינד, ווערענד זיא געהט איבעראל, אויף אלע בעללער, אין אלע טהעאטערס, מען טרעפט זיא אומעדום, און עס וואונדערט מיך וואס דוא קענסט זיא ניט.

www.libtool.com.cn

— דערצו האב איך געוואלט מעהר לעבען אין דער גרויסער וועלט וויא איך טהו עס! האבען זיי קיינע קינדער?

— א טאכטער! א רייצענדעס מיידיל, אבער דיא מוטער בעטראכטעט זיא אלס אונגליק פאר זיך. נאך דאמאלס ווען איך בין ביי זיי געוועזן און דיא מיידיל איז נאך געוועזן אין פענסיאָן האט זיא איהר שוין געהאסט. איצטער מוז זיא איהר גאר ניט קענען אנזעהן, זיא מוז שוין אלט זיין א יאהר אכטצעהן.

— זעהט מען זיא גאר אין ערגעץ־ניט מיט דער טאָכטער?

— גאָט בעוואהרע! דער אלטער פאטער וואלט דער טאָכטער קיינמאהל ניט ערלויבט ארויסצוגעהן מיט דער מוטער. זיא שלעפט זיך ארום אומעדום אליין. און איך וועל מיך ניט וואונדערן אויב איך וועל זיא דא היינט דערזעהן.

— דא אויף דעם אָפּערא־באלל?

— געוויס; צו מיין צייט פלעגט זיא קיינמאהל ניט פארפעהלען, און איך בין איבערצייגט אז זיא טהוט איצטער אויך ניט אנדערס. ווען איך זאל ניט מורא האבען דאס מיין רוססע וועט קומען און וועט בייז ווערען ווען ער זאל מיך ניט געפינען אין זיין לאָזשע, וואלט איך מיך דורכשפאציערט מיט דיר דורכ'ן זאל און וואלט זיא דיר אנגעצייגט.

— דואָ̈מוזט דאך אבער פריהער וויסען וויא אזוי זיא צו דערקענען?

— דאס וועט מיר ניט שווער פאלען — האט אָקטאוויע געזאגט.

— זיא וועט דאך אבער ניט קומען אהער אהן א מאסקע? — האט מאָרים ווייטער געפרעגט.

— דאס ניט, אבער איך קען איהר מאסקע. זיא טהוט אן א דאָמינא און א מאסקע ווייל דאס איז שוין אזוי דיא מאָדע, זיא מאכט עס אבער אזוי, דאס אלע איהרע פערעהרער זאלען זיא דערקענען אויפ'ן ערשטען בליק. אויך איז איהר קאָסטיום אימער דערזעלביגער: איין העלל־בלויער דאָמינא מיט דריי געלבע בענדער אויף דער שולטער, און א וויסע מאסקע איינגעפאסט אין בלוי. מיר וועט עס שפאס מאכען איך זאל זיא דיר ווייזען, און דוא קענסט זיא ערגערן מיט א האלב־דוצענד נעמען פון איהרע פערעהרער, וועלכע איך קען דיר אויסרעכענען.

מאָרים האט קיין הייסערן וואונש געהאט וויא צו מאכען דיא בעקאנטשאפט פון מאדאם ברעסאָל, דען וועהרענד ער האט אויסגעהערט וואס אָקטאוויע האט איהם דערציילט, האט ער געברענט פאר אונגעדולד אלעס נייטיגע צו ערפאהרען, און זיין פּלאן וואס גיכער אויסצופיהרען.

— אבער ליעבע פריינדין, דיין בעשרייבונג איז מיר פאָלשטענדיג גענוג אום דיא דאמע צו דערקענען — האט ער געזאגט.

— געוויס, געוויס, אן דעם האב איך אין גאנצען פערגעסען! בלויער דאָמינא, געלבע בענדער, וויסע מאסקע מיט הימעלבלויען זוים — קיין בעסערן סימן דארפסט דוא גאר ניט. זוך אויף דיא שיינע וואלענטינע ברעסאָל און דערצייל איהר פון הערר דוואָרסיוואל, פון גראף לוסאן, פון דיקען ראטנן, פון דעם קליינעם ביסאק, פון פאול

www.libtool.com.cn

אוריל, און זשאָרזש דורען – דוא ווײסט זיא ארויסברײנגען פון דיא כלים פאר ער שטוינען. געדײנקסט דוא דיא נאָמען ?

— איך וועל זיי אויפשרייבען.

— גוט, און דאן פיהר מיך אין מײן לאָזשע צוריק.

— איך וועל דיך בעסער איבערגעבען צו מײנעם א פריינד, וועלכער ערוואַר־טעט מיך אין קארידאר, און איך וועל געהן אין גארדעראָב אומבייטען מײן קאָסטיום.

— וויא דוא ווילסט.

— מאָרים האט געעפענט דיא טהיר און אײנער פון דיא שווארצע דאָמינאס איז אויף א צייכען פון מאָרים צוגעקומען, האט זיך פערנייגט פאר אָקטאוויע און איהר געגעבען זײן ארעם, און איז דאן פערשוואונדען מיט איהר אין געדרענג. מאָרים האט אין גארדעראָב איבערגעביטען זײן שווארצע דאָמינא אויף א פערלגרויע. צוריקגעהענדיג האט ער זיך ווידער געמוזט פארביישארען יענע פיגור מיט דער רויטער מאסקע, און איהם האט ווידער אויסגעוויזען דאס זיא קוקט איהם נאך פון אונטער דער מאסקע. „דיא פרוי מוז מיך קענען, האט ער געטראכט ביי זיך, זיא האט מיך אנגערופען ביים נאמען; ווער קען דאס זײן? — איך הויב ניט אהן צו פערשטעהן".

דערמיט איז ער אוועקגעגאנגען אין דעם אויגענבליק אלס זשאָרלע, אין דער מאסקע און דאָמינאָ פון א הארלעקין (האָף־נאר) איז צוגעקומען צו עמא זשובערט.

— ניעבט עס וואס נײעס? — האט זיא געפרעגט.

— ניין — האט זשאָרלע געענטפערט — האט איהר וואס צו בעפעהלען?

— פיר היינט ניט מעהר; זוכט אויף מארטעל און זאגט איהם אז ער איז אויך פריי. אויף ווידערזעהען מארגען אום צעהן אוהר אין ביוראָ פון פאליציי־שעף.

דער האָף־נאר האט געגריסט און איז אוועקגעגאנגען, וועהרענד עמא זשובערט האט זיך אויך געקעהרט צו דער גרויסער טרעפ, אום צו געהן נאך הויזע, אזוי וויא זיא איז געוועזען איבערצייגט, דאס וואהרשיינליך וועט זיא שוין דא דיעזען אבענד קיין זאך ניט ענטדעקען. אבער פלוצלונג איז זיא געבליעבען שטעהן, דען זיא האט דערזעהן קומענדיג דעם גראף איוואן מיט ד'ארפעל. ביידע זיינען געוועזען אהן מאסקעס און אין באל־קאָסטיומען.

עמא זשובערט האט דעם גראף פארשטעלט דעם וועג. „העדר גראף, איך בעט אייך אויף איין וואָרט".

דער גראף, וועלכער האט זיא ניט דערקענט, האט געמאכט איינע אבוועהרענדע בעוועגונג מיט דער האנד, און האט געזאגט: „איך האב קיין צייט, שעהנע מאסקע".

מאדאם ראָזיע אבער האט אנגענומען דעם רוסען פאר'ן ארעם און האט איהם איינגעראַמט אין אויער עטליכע ווערטער. דיעזער האט זיך גלייך געווענדעט צו ד'ארפעל און האט געזאגט: „ליעבער פריינד, איהר האט דיא נומער פון מײן לאָזשע; אין איין אויגענבליק בין איך ביי אייך".

דאן האט ער עמא זשובערט געררייכט זײן ארם און האט זיא געפיהרט צו א קאבינעט־ראום, וואו זיי האבען א ווײלע רוהיג געקענט פלוידערן.

www.libtool.com.cn

— זייט דריי טעג האב איך איך ניט געזעהען — האט עמא זשובערט געזאגט מיט א פאָרוואורף.

— איך האב איך נאר ניט געהאט מיטצוטהיילען, מאדאם.

— האט איהר געטהאן וואס איך האב פון אייך פערלאנגט?

— יא, מאדאם. יעדען אבענד טרייב איך מיך ארום מיט ד׳ארפעל אין אלע לעבער און שפיעל־הייזער פון פאריז, איך האב אבער אין ערגעץ ניט געטראָפען דעם, וועמען איך זוך.

— זאל אייך דאס ניט מיאוס ווערן, האט געדולד אין הארט אויס. איהר מוזט איהם א מאל טרעפען אין א שפיעל־הויז.

— האָפט איהר דאָ וועלכע שפור צו געפינען? — האט גראף איוואן געפרעגט.

— איך בין געקומען אהער בעזאנדערע פלענער, אהן אהער נור מיט דער אננאהמע, דאס גראדע אין נערדענג געפינט מען א מאהל אם בעסטען יענע, וועלכע דענקען דאס זיי זיינען דארטען אם זיכערסטען פארבאָרגען.

— אלזא, מוטה און געדולד.

— אָה, האט קיין מורא ניט, מ י ר וועלען זיי ביידע ניט פעהלען.

גראף איוואן האט גערדיקט דער דאמע דיא האנד און האט דאן אויפגעזוכט ד׳ארפעל, וועלכען ער האט געטראָפען אויף דער ברייטער טרעפע, פלודערענדיג מיט עטליכע פריינדע.

— איך מוז געהן אפנעהמען אָקטאוויע — האט ער איהם געזאגט שטיל — ווילט איהר מיט אונז שפייזען?

— היינט ניט; ווען איך בין שוין איינמאהל דא, בלייב איך שוין.

— אלזא, אויף וויעדערזעהן מארגען!

— אויף מארגען.

דיא מענער האבען זיך צוטהיילט, און דער רוסע איז אוועקגעגאנגען צו אָקטאוויע.

— ענדליך! — האט דיזע איהם צוגערופען אלס ער איז איינגעטרעטען אין דער לאָזשע — איהר קומט שפעט, מיין ליעבער איוואן, דיא צייט איז מיר זעהר לאנג געוואָרן.

— איהר לאנגווייל זיך? — האט דער גראף געפרעגט.

— וויא זאל איך מיך אמוזירען, ווען איהר זייט ניטא? אויסער דעם געפעלען מיר ניט דיעזע גערוישפאלע פערגעניגונגען.

— איך וויל אלעס וואס איהר ווילט — האט דער גראף געענטפערט נאלאנט.

אקטאוויע האט זיך אויפגעהויבען, האט גענומען אבשיעד פון דיא פריינדינען, וועלכע האבען זיא בעגלייטעט, האט גענומען דעם אָרעם פון גראף און ביידע האבען פארלאזען דיא לאָזשע.

הארט ביי דער טרעפע איז זיי מאדאם ראָזיע פארביינגעגאנגען. אלס זיא האט דערקענט דיא ראָזא דאָמינאָ, וועלכע זיא האט מיט א שטונדע צוריק געזעהן שפאַציערענדיג מיט מאָריס׳ן, איז זיא העכסט ערשטוינט געוואָרען. „וויא קומט דאס וואס

www.libtool.com.cn

ער און דער גראף קענען ביידע זיא זעלבינע פרוי? דער ווסע איז רייך און מאריס איז שעהן! וואהרשיינליך בעטריגט זיא דעם גראף צוליב איהם.

זיא איז צוריק געגאנגען אין הויפט־זאל, האט בעטראכט דיא קאסטיומען און שטודירט דיא מאסקירטע געזיכטער, טהיילווייזע נור פון געוואוינהייט, דען עמא זשו־בערט איז וויעדער אריין אין איהר ראלע פון א פאליציסטען מיט דער גאנצער זעלע. דיא שווארצע דאמינא מיט דיא פארבינע בענדער זיינען איהר פארביי־געגאנגען. זיא האט זיי אויפמערקזאם בעטראכטעט, אבגלייך דיא מאסקען וויא דיא דאמינאס זיינען גאר ניט אויפפאלענד געוועזען. אויך ווערדיע און לאטירג זיינען א ווייל געבליעבען שטעהן, אום צו בעטראכטען דיא דונקעלע געשטאלט, וועלכע האט ארויסגעקוקט אויף זיי פון אונטער דער רויטער מאסקע מיט א פאר פונקלענדע אויגען.

— ווארום זעהט אונז דיעזע פרוי אזוי נייגיעריג אן? — האט דער פאלשער פריעסטער געפרעגט זיין קאמראד.

— פילייכט וויל זיא אונז עראבערן? — האט לאטירג אויסגעלאסען געשפאסט.

— זיא קוקט אונז אזוי אויפמערקזאם אן, פונקט וויא זיא וואלט וועלען טרעפען וויא מיר זעהען אוים אונטער דיא מאסקעס — האט ווערדיע געזאגט.

— מיר בעגעגענען איהר שוין צום צווייטען מאהל און יעדעם מאהל פערפאלגט זיא אונז מיט איהרע בליקען.

דיאביידע מענער זיינען זיך געגאנגען ווייטער, אבער ווען זיי האבען זיך אומגע־קוקט, האבען זיי נאך בעמערקט וויא דיא אויגען פון דער רויטער מאסקע זיינען אויף זיי געריכטעט.

— איך האב דיא ביידע דאמינאס געזעהן ריידענדיג מיט מאריס'ן — האט מאדאם ראזיע צו זיך געזאגט — דאס מוזען זיין זיינע פריינדע; מיינע אויפמערקזאמ־קייט אויף זיי מאכט זיי גאנץ ערשטוינט, ווייל זיי ווייסען ניט דעם גרונד דערפון.

דיא ביידע מענער זיינען ארויף העכער אין אמפיטעאטער, פון וואנען זיי האבען געקענט בעזעהן דעם זאל, וועלכער איז יעצט געוועזען וויא איין אמייזען־נעסט (מוראווייניק).

פינף מינוטען שפעטער האט זיי געטראפען מאריס. ער האט זיך זיי געגעבען צו דערקענען אין זיין פרישען דאמינא, און האט זיי אפגערופען אן א זייט, צו א פענסטער.

— וואס הערט זיך? — האט ווערדיע געפרעגט.

— איך האב זיך דורכגעשמועסט מיט אקטאוויע.

— האט זיא אייך געגעבען דיא נייטיגע אויסקונפט?

— ניט אין גאנצען. זיא האט סימאנע שוין לאנג פון דיא אויגען פערלארען. זיא ווייס ניט וואס זיא טהוט איצטער, ניט וואו זיא וואהנט, און ווייס איבערהויפט ניט אויב זיא לעבט נאך. אין דער הינזיכט האט מיך מיין ערווארטונג אביסעל אפגענארט, דערפאר אבער האב איך געוואונען אין איין אנדער זייט.

— אין וועלכען?

— איך האב ערהאלטען גענויע אויסקונפט איבער דיא פאמיליע ברעסאל, און

www.libtool.com.cn

איך װעל האָפּענטליך האבען דיא מעגליכקייט צו װערען איין איינגעהער בייא דיר אין הויז.

— וויא אזוי?

— ערלויבט מיר פריהער דעם זאָל צו אונטערזוכען איידער איך װעל אייך ענט־פערן. עס איז זעהר מעגליך דאס איך װעל דאָ דערקענען מאדאם ברעסאָל, נאך דיא קענצייכען וואס אָקטאוויע האט מיר מיטגעטהיילט, און דאן מאך איך גלייך מיט איהר בעקאנטשאפט.

— ווער וועט אייך פארשטעלען פאר איהר?

— קיינער ניט; עס שיינט אז צו דיעזער דאמע איז לייכט צו־צוקומען; אויך מעג מען זיך אין א מאסקע פיעל ערלויבען.

— ווארום האט איהר געענדערט אייער קאסטיום?

— אום זיך צו בעפרייען פון דיא בליקען פון א פרוי אין א שוואַרצען דאָמינאָ מיט א רויטער מאסקע, וועלכע האט מיך דערקענט, אבגלייך איך ווייס ניט ווער זיא איז.

— א שוואַרצע דאמינא מיט א רויטער מאסקע — האט לאַטירנ וויעדערהאלט — דאס מוז זיין דיא זעלביגע וואס האט געקוקט אזוי אויפמערקזאם אויף אונז מיט פונק־לענדע אויגען.

— זייט איהר גאנץ זיכער דאס זיא האט אייך דערקענט?

— גאנץ זיכער, זיא האט גערופען מיין נאמען, און דאס געפעהלט מיר גאר ניט דאָ נאכגעשפּירט צו ווערען.

— דיעזע אונבעקאַנטע הויבט מיר אויך אָן צו ווערען אביסעל פערדעכטיג. זיא פערפאָלגט אונז צו פיעל מיט דיא אויגען.

— זיא האט מיך מיט אייך געזעהען און דאס האט איהרע נייגיערדע דער־וועקט — האט מאָרים געזאָגט — אזוי גלויב איך מוז דאס זיין; איך וואלט זעה־נערן מיט איהר גערעדט און זיא אויסגעפאָרשט....

— ווער לאזט אייך ניט?

— איך האב מורא זיא וועט מיך דערקענען אָן דער שטימע. אויסערדעם מוז איך מיך בעשעפטיגען מיט מאדאם ברעסאָל; אבער איך גלויב אז איינער פון אייך וואלט עס געקענט טהאָן.

— ווילסט דוא עס בעזאָרגען? — האט ווערדיע לאבענדיג געפרעגט לאַטירנ.

— יא, ווארום דען ניט?

— אבער זייט פאָרזיכטיג — האט מאָרים געזאָגט — שטעכט ארויף איין אנ־דער שלייף אויפ'ן שולטער און פערזוכט אויסצוגעפינען ווער דיא דאָמינאָ איז וואס מאכט מיך אזוי אונרוהיג. איך פארלאָז אייך איצטער און געה צו מיין אויפגאבע.

— ווען טרעפען מיר זיך וויעדער?

— מארגען, אין דער רוע דע סורען.

מאָרים האט צוריקגעקעהרט נאך דער לאָזשע און פון דארטען אויס האט ער

www.libtool.com.cn

געווארפען זיינע בליקען נאך אלע ריכטונגען אונטען אין זאל, זוכענדיג א דאמינא פון הימעלבלויער פארבע מיט געלבע בענדע און א ווייסע מאסקע.

פלוצלינג האט ער ענציקט אויסגערופען: „זיא איז דא!“ אויף דער אנדערן זייטע פון זאל האט ער דערזעהן א קאסטיום, וויא אקטאוויע האט איהם בעשריבען, ער האט שנעל פארלאזען זיין לאזשע, האט זיך דורכגעשפארט דורך דיא מענגע, און האט שנעלל עררייכט זיין ציעל. דיא דאמע אין בלויע דאמינא, וועלכע איז אין דער טהאט קיינע אנדערע געווען אלס מאדאם ברעסאל, איז געשטאנען אין מיטען פון א גאנצע רעדעל מענער, וועלכע האבען זיך איהר געדרייט ניט בעזאנדערס גאלאנט.

— איהר אירדט אייך, מיינע העררען, איך בעט אייך לאזט מיך צו רוהע — האט וואלענטינא געזאגט צו דיא ארומשטעהענדע עטוואס אויפגעבראכט, אלס מאריס איז צוגעקומען אהין.

— ניין, ניין, ניין! — האבען דיא יונגע לייטע אויסגעלאסען געברומט — מיר אירען זיך ניט!

און איינער פון זיי, וועלכער איז געווען עטוואס מבושם'דיג, האט צוגעזעצט: דוא ביסט פאקיטא, דיא קעניגין פון איידטאנץ אין רוע בלאנש, און איך גיב דיר מיין ווארט דארויף, דוא וועסט מיט אונז שפייזען. דיא שפייזע-קארטע איז העררליך, אלעס מיט טריפעלאך.

— איך זאג אייך נאך אמאל, מיין הערר, איך בין ניט פרייליין פאקיטא.

— דאס שאדעט ניט, פאקיטא אדער ניט פאקיטא, דוא וועסט מיט אונז שפייזען, מאך אונז דיא פריידע.

— איך שפייזע ביי זיך.

— גוט, דאן לאדע אונז צו זיך.

— איך וועל מיך היטען דאס צו טהאן.

— דוא קענסט דאך אבער אליין ניט שפייזען?

— איך האב א גאסט.

איין אלגעמיינעס שאלענדעס געלעכטער האט דיעזע אנטווארט ארויסגערופען ביי אלע ארומשטעהענדע. דער נאמען גאסט ווערט אין דער פאריזער „האלב-וועלט“ זעהר צוויי דייטיג פערשטאנען.

מאריס האט איינגעזעהן, דאס ווען ער זאל דיא דאמע אין דעם אויגענבליק בעפרייען פון דיא אונפערשעמטע גראבע יונגען, וואלט זיא איהם זעהר דאנקבאר געווען. שנעל ענטשלאסען האט ער זיך דורכגעשפארט צו דער דאמע.

— דער גאסט, דער גאסט! — האבען אלע ארומשטעהענדע געברומט און טאקע מיט א בעקאנטען ניגון — „דאס איז דער גאסט פון דער דאמע“!

— דער גאסט פון דער דאמע שטעהט דא פאר אייך! — האט ער אויסגערופען און האט האסטיג אפגעשטופט דעם שפאס-מאכער וועלכער איז געשטאנען אם נעהנטסטען צו דער דאמע — איהר זייט עטוואס צו פייליך, מיין הערר, וויא איך זעה, און וואלט אייך בעסער ראטהען צו געהן צו בעט! קומט, מאדאם!

איין אויגענבליק האט מאדאם ברעסאל אנגעקוקט גאנץ ערשטוינט דיא אונבע-

www.libtool.com.cn

קאנטע מאסקע וועלכער האט זיך אליין געמאכט פאר איהר רעטטער. ער האט נעהאט דיא שטימע און דיא האלטונג פון א וועלטמאן און איז איהר נעקומען צו הילפע, פון איהם וועט זיא זיך אין פינף מינוטען שפּעטער ווידער בעפרייען, האט זיא נעטראכט, דערווייל אבער קומט איהר זיינע הילפע צו דער רעכטער צייט. מיט דיעזען געדאנק האט זיא שנעל אנגענומען דעם אָרעם וועלכען מאָריס האט איהר אנגעבאָטען.

אבער דאס רעדעל פון דיא פרייליכע יונגע לייט איז ווידער געשטאנען צוזאַמענגעשלאָסען ארום זיי. און דער יונגער פרייליכער דאמעניעגער, וועלכען מאָריס האט פריהער אפּגעשטופּט, האט א דרעה געטהאן זיין היטעל אן א זייט, וויא איינער וואס גרייט זיך צו צו א געשלעג, און האט פערטרעטען מאָריס'ן דעם וועג: „וואס זאָל דאס בעדייטען! — האט ער אויסגערופען — איך בין געוועזן דער ערשטער, און האב פריהערע רעכטע וויא איהר, אזוי געהאט דיא זאך ניט אב!“

מאָריס האט דעם שפּרעכענדען ארייננעקוקט דורך דיא מאסקע שארף אין דיא אויגען און האט געזאגט רוהיג, אבער אין א שארפען, שניידינגען טאָן: „מיין קליינער העררר, איבערלייגט פריהער וואס איהר געהאט טהאן; זייט איהר איין ארומשלעפּער אדער א מאַן פון ערציהונג? אין ערשטען פאל וועל איך אייך בעווייזען, דאס איך האב שטודירט דיא באָקס־קונסט ביי דיא בעסטע ענגלישע און פראנצויזישע לעהרער, און אין צווייטען פאל וועל איך אייך מאָרגען פאָרלייגען א כיבוד פון א פיינעם שטאָך מיט א שארפען דעגען, און איך פערזיכערע אייך, דאס איך האב איינע אונגליקליכע האנד פיר מיינע געגנער. אויף יעדען פאל אבער זאלט איהר יעצט דעם וועג פריי מאכען פיר מיך און מאדאם, און איך פערזיכער אייך אז דאס איז דאס געשייטעסטע וואס איהר קענט טהאן.

דיעזע קליינע רעדע האט געמאכט א טיעפען איינדרוק אויף דיא צוהערער. דיא אויסזיכט אויף א פויסט־געשלעג איז פאר זיי געוועזן ניט מעהרער אנציהענד וויא דיא אויסזיכט אויף א דועל. דער יונגער מאן מיט דער קריעגערישער האלטונג האט געברומט אונטערן נאז עטליכע גראבהייטען און האט אבגעטרעטען.

דער וועג איז געוועזן פריי.

מאדאם ברעסאָל, וועלכע האט געפיהלט איהר הערץ קלאפּען שטארקער וויא געוועהנליך, האט מאָריס'ן מיטגעצויגען מיט זיך, קלאַמערנדיג זיך פעסט אָן זיין אָרעם און האט געשטאַמעלט: „איך האב אזוי מורא געהאט!“

— פאר וואס, מאדאם?

— דאס דיא אונפערשעמטע זאלען מיט אייך ניט אנהויבען קיין געשלעג.

— איהר האט געזעהן דאס איך בין בערייט געוועזן צו ענטפערן.

— און דאס אלעס צוליעב א פרוי, וועלכע איהר קענט אפילו ניט!

— מוז מען דען א פרוי קענען, ווען מען זעהט דאס זיא איז אין נויט און מען מוז זיא פערטהיידיגען? דיא פפליכט פון יעדען מאן איז איהר בייצושטעהן.

מאָריס האט שטארקער געפּרעסט וואלענטינא'ס האנד צו זיך און האט דאן צוגעזעצט: ווער זאגט אייך, איבעריגענס, דאס איך קען אייך ניט מאדאם?

זיין שטימע איז געוועזן קלאנגפאל, זאנפט און צערטליך ווען ער האט געוואלט,

פיר וואלענטינא, וועלכע האט געהאט א שטארקע פאנטאזיע און איז ליכט אויפגע־
רעגט געווארען, האט דיעזע שטימע געקלונגען וויא מוזיק.
www.libtool.com.cn

— איהר קענט מיך? — האט זיא געפרעגט, אנקוקענדיג דורכ'ן מאסקע איהר
קאוואליער מיט גרויסע פלאמענדע אויגען.

— גאנץ געוויס! — האט דער יונגער מאן געענטפערט.

— ליגנער!

— איך שווער אייך אז איך זאג דיא וואהרהייט.

— דען זאגט מיר מיין נאמען!

אזוי רייידענדיג זיינען ביידע אנגעקומען צו דער לאזשע וועלכע מארים האט
געהאט פיר זיך. ער האט זיא געפענט און האט געזאגט: „טרעטען זיא איין, מאדאם,
דאן זאג איך עס אייך!“

— דאס געהט ניט! — האט וואלענטינא אויסגערופען טרעטענדיג צוריק.

— דאס איז פיעל בעסער וויא צו פלוידערן אין זאל, וואו יעדער איינציגער דער־
קענט אייך.

מאדאם ברעסאל האט נור פון פארמע־וועגען זיך געלאזט בעטען, דען אין דער
ווירקליכקייט האט זיא שוין לאנג אויפגעהערט צו אונטערשיידען צווישען דאס וואס
פאסט און וואס פאסט ניט, און האט עס יעצט אויך בעוויעזען דאדורך וואס זיא איז
איינגעטרעטען מיט מארים אין זיין לאזשע. דער צופאל אויף דעם מאסקענבאל איז
געוועזען גראב נאך איהר געשמאק. דיא פראגע וועלכע האט זיא אם מייסטען בעשעפ־
טיגט איז געוועזען, מיט וועמען האט זיא דא צו טהאן, מיט איין אלטען אדער א נייעם
אנבעטער? אין העפטיגער אויפרעגונג האט זיא זיך א ווארף געטהאן אויפ'ן דיוואן פו
דער לאזשע.

מארים האט זיך אניעדערגעזעצט נעבען איהר, האט אנגענומען איהר האנד,
האט עטוואס ארויפגעשארט דעם ברייטען ארביל פון איהר דאמינא און האט צוגע־
דריקט זיינע ליפען צו דעם ווייכען ארעם, דארט וויא דיא לאנגע האנדשוה אין דיא
ארעמבענדער האט איהם געלאזען אונבעדעקט.

— מיין הערר, וואס אונטערשטעהט איהר זיך צו טהאן? — האט זיא אויסגע־
רופען מיט גוט־געשפיעלטער עמפפערונג.

— איהר זעהט עס דאך, איך קיססע אייער ארעם.

— האב איך עס אייך ערלויבט?

— ניין, איהר האט עס מיר אבער אויך ניט פערבאטען.

— דאן פערביעט איך עס אייך יעצט; לאמיר בעסער ריידען!

— איך פערלאנג ניט מעהר וויא דאס, אבער מיט דער איינציגער בעדינגונג,
דאס אונזער געשפרעך זאל אנהויבען מיט דיא ווערטער: „איך האב אייך ליעב!“

— איהר האט מיך ליעב?

— ליידענשאפטליך!

מאדאם ברעסאל האט אנגעהויבען צו לאכען.

— זייט פינף מינוטען און נאך איידער איהר האט מיך געזעהן!

www.libtool.com.cn

— אזוי לאנג וויא איך קען אייך, דאס איז שוין א יאהר.
— איך גלויב אייך קיין ווארט.
— ווארום צווייפעלט איהר אין מיר?
— איהר ווייסט אפילו ניט מיין נאמען.
— זייט איהר אין דעם אזוי זיכער, וואלענטינא?

מאדאם ברעסאל האט אנגעהויבען צו ציטערן וויא אונטער דעם איינפלוס פון אן עלעקטערישען שטראם. איהר נאמען, וויא ער איז אויסגעשפראכען געווארען פון דיעזער צערטליכער שטימע, האט אויף איהר געמאכט א זאנדערבארען איינדרוק. ווארום דאס איז אזוי, האט זיא אליין ניט געוואוסט, דען זיא האט שוין מעהר וויא איין מאהל געהערט דיעזען נאמען און פון מעהר אלס איין מונד און זיא האט קיינמאל געפיהלט אזוי וויא יעצט.

— איז דאסווירקליך וואהר? — האט זיא געשטאמעלט, — איהר קענט מיך?!
— זייט א יאהר, וויא איך האב אייך געזאגט. שוין א יאהר וויא איך פאלג אייך מיט דיא אויגען פון וויטען, וויא איך זעה אייך פארבייגעהען שעהן און אנציהענד פיר יעדען און איך האב אלץ געווארט אויף דיא טהייערע געלעגענהייט וואו איך זאל מיך קענען טרעפען מיט אייך, אום אייך מיינע געפיהלען צו ענטדעקען. ענדליך האב איך זיא געפונען! איך האב דערקענט אייער שטימע, אבגלייך איך האב זיא זעלטען געהערט און האב געדאנקט דעם צופאל וואס האט מיך געפיהרט צו אייך.
— אבער ווען איהר קענט מיך, ווייסט איהר דאך אויך דאס....
— דאס איהר זייט פערהייראטהעט — האט זיא מאריס אונטערבראכען — איך ווייס עס, אבער וואס געהט מיך אן דיעזער מאן, וועלכער האט אייך קיינמאהל ניט פערשטאנען און וועלכער האט אייך קיינמאהל ניט געליעבט און האט אייך ניט געקענט ליעבען? וואס קימערט מיך לודוויק ברעסאל? זייט איהר דען געשאפען פיר דען מאן, וועלכער ליעבט נור זיך און זיין צימער און קימערט זיך ניט וועגען אייך קיין האר? וויא קען דער גלענצענדער שמעטערלינג אויסהאלטען גלייך מיט דעם בער אין דער נארע? לאמיר ניט דענקען פון איהם, נור פון אונז. איך האב אייך ליעב, וואלענטינא און וועל אייך אימער ליעבען! ווילט איהר מיך אויך ליעבען?!
— אייך ליעבען?! — האט וואלענטינא אויסגערופען גאנץ פערוויירט — אבער איך קען אייך דאך גאר ניט! פיעלייכט מיינט איהר דאס ערנסט, עס איז דאך אבער אויך מעגליך דאס איהר זייט א לץ, וועלכער וויל זיך לוסטיג מאכען איבער מיינע לייכטזיניגקייט און וויל אונזער צוזאמענטרעפען בענוצען פיר עפעס א סקאנדאל געשיכטע.

— אה, דאס גלויבט איהר אליין אויך ניט! — האט מאריס אויסגערופען — האט דען מיין שטימע ניט דעם טאן פון אויפריכטיגקייט פון ליעבע?
מאריס האט גוט געוואוסט דיא מאכט פון זיין שטימע.
— אייער שטימע בעוועגט מיך און פערווירט מיך, אבער דארויף וויל איך ניט קוקען; עס זיינען דא מענערשטימען וועלכע בעטריעגען. איך זאג אייך נאך אמאהל, איך קען אייך ניט! ווער זייט איהר? אויב איהר ליעבט מיך, וויא איהר זאגט, זייט

www.libtool.com.cn

א יאהר, און איהר פאלגט מיר איבעראל, האב איך דאך מיך ערגיץ־וואו געמוזט טרעפען, אין א טהעאטער, אין דוא־דע־באלאן ביי דיא רענען (סקאטשקי) אדער אנדערס וואו. לאזט מיר זעהן אייער אנגעזיכט, וועלכעס איז מיר געוויס בעקאנט; אייער געזיכט וועט מיר זאגען, אויב איך מעג אייך טרויען, אייערע אויגען וועלען מיר פערראטהען אויב איך מעג גלויבען אין דיא ליעבע פון וועלבער איהר רעדט.

— וועט איהר אויך ארונטערנעהמען אייער מאסקע? — האט מאריס לײדענ־שאפטליך געפרעגט — וועט איהר מיר אויך לאזען בעטראכטען דיא שעהנע ציגע וועלבע איך זעה אזוי גערן?

— יא, האט ואלענטינא געשטאממעלט אויפגערעגט.

מאריס האט ארונטערגענומען דיא מאסקע. איין ליכטשטראהל איז פון זאל גע־פאלען אויף זיין געזיכט. מיר ווייסען דאס זיינע ציגע זיינען געוועזען רעגעלמעסיג שעה אין פארנעהם, און דאס ער האט נאך דערצו געהאט איין אויסדרוק, וועלכען נור ווע־ניג פרויען קענען רוהיג אויסהאלטען און זיך ניט אונטערגעבען. ואלענטינע האט גע־פיהלט וויא איהר הערץ שפרינגט פאר פריידע, ביי דעם אנבליק פון דעם הערליכען מענער־קאפ, וועלכער האט אויסערדעם נאך איצטער געקוקט וויא א פערליבטער. איהר בליק האט זיך איינגעזויגען אין דיא דונקעלע אויגען פון דעם יונגען מאנן, און אין איהר זעעלע איז ענטשטאנדען א פלאמע.

א שמייכעל האט געשפיעלט אויף מאריסעס ליפען אלס ער האט ביי זיך גע־טראכט: „איך גלויב, איך שפיעל מיין ראלע ניט שלעכט, אבער איך וואלט שוין ווע־לען זעהן אויב זיא איז ווערטה אזא ראלע". ער האט אויסגעשטרעקט דיא האנד נאך וואלענטינע'ס מאסקע, אבער זיא האט איהם דיעזע בעוועגונג ניט געלאזען אויספיהרען, דען זיא האט בליטץ־שנעל אליין ארונטערגעריסען דיא מאסקע פון זיך.

מאריס איז אויפגעשפרונגען. אזא פאקקאמענע, אזא פערפיהרערישע שענהייט האט ער ניט ערווארטעט. ער האט איינגעגראבען זיין בליק אין וואלענטינע'ס אויגען, זייערע קעפ האבען זיך צוגערוקט, זייער אטהעם האט זיך צוזאממענגעשמאלצען, און זייערע ליפען האבען זיך בעריהרט.

צום ערשטען מאל אין איהר לעבען איז וואלענטינע ערגריפען געווארען פון אווירקליכער ליידענשאפט, און שליעסענדיג איהרע אויגען האט זיא געמורמעלט; „יא, דוא ליעבסט מיך, איך גלויב עס, איך פיעל עס! דען איך וועל אויך דיך ליעבען!

מאריס האט זיא גענומען אין זיינע ארעמס און האט זיא צוגעדריקט צו זיין ברוסט. דאס איז שוין ניט מעהר געווען קיין געמאכטע ליידענשאפט, נור א ווירקליכע, ער האט זיא געפיהלט. אין דעם אויגענבליק האט עס צוויי מאל געקלאפט נאך אנאנד אין דער טהיר פון דער לאזשע. דער יונגער שורקע און דיא אויסגעלאסענע פרוי האבען אויפגעציטערט און האבען זיך צוגעהערט, און מאריס האט זיך אויפגעהויבען אום צו זעהן ווער עס קלאפט. ער האט עס איינגענטליך שוין געוואוסט איידער ער האט גע־עפענט, דען ער האט דערקענט דעם קלאפ, אבער ער האט עס געמאכט אזוי וויא ער וואלט ניט וויסען.

www.libtool.com.cn

— וואס גיבט עס? — האט ער געפרעגט האסטיג, אלס ער האט געעפענט דיא טהיר און האט פאר זיך דערזעהן ווערדיע.

ווערדיע האט איהם איינגעראמט עטוואס אין אויער און מאָריס איז געווארען וויים וויא קאלך. דאן האט ער זיך געווענדעט צו וואלענטינע און האט געזאגט: „איך מוז אייך איין אויגענבליק פערלאזען, איך בין אבער גלייך ביי אייך צוריק!“

ער האט ארויפגעחאפט צוריק דיא מאסקע, האט צוגעשלאסען דיא טהיר פון דער לאָזשע און האט האסטיג אוועקגעשלעפט ווערדיע מיט זיך.

אין דער צייט וואס דיעזע סצענע האט זיך אפגעשפיעלט אין מאָריסעס לאָזשע, צווישען איהם און וואלענטינא. האט אין איין אנדער זייט פון גרויסען אָפּערא־זאל פּאסירט איין אנדער זעלטענער צוזאמענטרעפען.

לאַטירג, וועלכער האט שטארק געוואָלט דערגעהן ווער יענע געהיימניספאָלע רויטע מאסקע איז, וואס האט דערקענט מאָריס, און וואס האט אזוי שארף נאך געקוקט איהם און ווערדיע, האט זיך געלאזען זיא אויפזוכען איבערן זאל, וועהרענד ווערדיע איז איהם נאכגעגאנגען פון וויטען, ניט וועניגער נייגיעריג וויא לאַטירג עטוואס צו ערפאהרען וועגען דיא פרוי אין שווארצען דאָמינא מיט דער רויטער מאסקע.

א היבשע צייט האט דער פאלשער קאפיטאן וואן־ברעקע געזוכט אומזיסט, און ווערדיע האט ביי זיך געטראכט, אז דיא געהיימניספאָלע מאסקע האט וואהרשיינליך שוין פארלאזען דעם זאאל און איז געפאהרען אהיים, וואס ער אליין וואלט אויך גערן געטהאן, אזוי וויא ער איז געווען שרעקליך מיעד. אבער לאַטירג האט פּלוצלונג בעמערקט דיא געזיכטע, וועלכע איז געשטאנען אן א זייט, בעטראכטענדיג דיא בעוועגונג. ווערדיע האט זיך אפגעשטעלט ניט וויים פון דארטען, ביי א גרופּע פון מאסקען, און האט פארגנב'עט געקוקט אויף לאַטירגס בעוועגונגען און אויף דיא רויטע מאסקע אין שווארצען דאָמינא.

לאַטירג איז צוגעגאנגען צו דער רויטער מאסקע און האט זיא איינפאך ארומגעחאפּט ארום טאַליע. שנעל האט זיך דיעזע א דרעה געטהאן, און זיך פריי מאכענדיג מיט א שטארקער בעוועגונג, האט זיא אויסגערופען אין צאָרן: „וואס איז דאס פיר איינע אונפערשעמטהייט?! לאזט מיך צו רוה, מיין הערר, איהר האלט מיך געוויס פיר איינע אנדערע!“

און ניט ווארטענדיג אויף דיא אנטווארט אדער ענטשולדיגונג פון דעם אונפערשעמטען יונג, האט זיא זיך א דרעה געטהאן פון איהם מיט דער אבזיכט אוועקצוגעהן אביסעל וויטער; פּלוצלונג אבער איז זיא געבליעבען שטעהן וויא צוגעשמיעדט, איהר איז איבערגעלאפען א קעלט איבערן לייב און קאלטע שוויים־טראָפּען האבען ארויסגעשלאָגען אויף איהר שטערן, און זיא האט אראפּגעלאזען דעם קאָפּ אום ניט צו לאזען מערקען איהרע אויגען דורך דיא מאסקע, וועלכע האבען אויפגעפלאמט דורך דיא שרעקליכע אויפרעגונג.

דיעזע ווירקונג האט געמאכט אויף דיא געהיימפּאָליציסטין דיא שטימע פון לאַטירג, וועלכער האט זיך פון איהר בעס ניט געלאזען אפּשרעקען, און האט געענטפערט אויף איהר פאָרוואורף: „אי, אי, מיין פארשוין, אויף א מאסקענבאל דארף מען ניט

www.libtool.com.cn

זיין אזוי שטרענג און אזוי „ניט ריהר מיך אָן". איהר זייט אליין, און איך בין אליין, לאָמיר פיהרען אונזער איינזאמקייט זאלבענאַנד; לאָמיר פּלוידערן אביסעל! ווילט איהר?

לאַטירג האט ניט בעמערקט דיא ווירקונג וואס זיין שטימע האט געמאַכט אויף דיא דאַמע אין שווארצען דאָמינאָ, אבער ווערדיע וועלכער האט זיא גוט בעאָבאַכטעט פון דער זייט, האט יא עטוואס בעמערקט, און האט ביי זיך געטראַכט: „וואס האט ער איהר דארטען אזוינס געזאגט וואס זיא האט אויפגעציטערט?"

— איך בין זיכער דאס איהר זייט א שעהנע רייצענדע און ליעבענסווירדיגע דאַמע, און איך בין א וועלטמאן — האט לאַטירג ווייטער גערעדט, אין דער אַבזיכט, אנצוהויבען א לאַנגע אונטערהאַלטונג — און דעריבער וועט איהר מיר ניט ענטזאגען מיך אויסצוהערן און מיר צו אנטוואָרטען. איך האב דאָ מיט איינעם געמאַכט א וועטטע, און נאר איהר אליין קענט מיר זאגען אויב איך האב געוואונען אדער פערלאָרן.

עמא זשובערט איז געבליעבען שטום. ווען דיא רויטע מאסקע וואלט איצטער ארונטער געפאלען, וואלט מען דערזעהן איין שרעקליכעס געזיכט. זיא האט אויך קיין וואָרט געהערט פון דעם וואס לאַטירג האט איהר געזאגט, זיא האט נור געהערט איינס, דעם טאָן פון זיין שטימע, וועלכע האט איהר געקלונגען וויא א טויטענגלאָקע. איהרע ציין האבען געקלאפּערט וויא פון קעלט און זיא האט געזאגט צו זיך אליין: „טרוים איך? בין איך וואהנזיניג? ער רעדט מיט מיר? ער? לאַטירג? אדער האט ניט נאָך איינעם געגעבען פּונקט דיא זעלביגע שטימע?"

לאַטירג האט דערווייל גערעדט ווייטער:

— ווארום שווייגט איהר, שיינע מאסקע? איך בעט אייך, זייט אזוי גיטיג מיר צו ענטפערן, דא האנדעלט זיך אום א וועטע פון הונדערט לואידאָר. איך האב געוועט דאס איהר זייט איינע אנשטענדיגע, עהרליכע דאמע, איינע איפּערזיכטיגע פרוי, וועלכע איז געקומען אהער ניט צו איהר פערגניגען, נור אום צו דערטאפּען א לייכטזיניגען מאַן. האב איך געוואונען אדער ניט?

עמא זשובערט האט זיך געפיהלט אין א פערצווייפעלטער לאגע. זיא איז איצטער געוועזען פאָלשטענדיג איבערצייגט, דאס דער מאַן וועלכער רעדט מיט איהר איז לאַטירג, איהר טויטפיינד, וועלכען זיא האט אזוי לאנג געזוכט אומזיסט. זיא האט איהם איצטער כמעט אין האנד, און דאך איז זיא מאַכטלאָז, דען זיא האט אליין אוועקגעשיקט פון זיך זשאַדלע און מארטעל, און איז צו ווייט אוועקגעגאַנגען פון קאַרנו און גאַלובעט. טויזענד צומישטע געדאנקען האבען זיך געדרייט ביי איהר אין קאָפּ, אבער אויף קיין איינציגען פון זיי איז זיא געבליעבען שטעהן. וואס בעשליעסט מען? וואס טהוט מען? רופען? ווער וועט איהר דען הערן אין אזא געדרענג? און ווען איינער זאל יא דערהערן וועט מען דאס אננעהמען פאר א מאסקענשפּאַס. ניט שוין־זשע זאל זיא צוליב דעם ארויסלאזען פון האנד לאַטירג, נאכדעם וויא א געטליכער צופאַל האט איהם ארייגעשיקט צו איהר אין דיא הענד אריין? זיא האט איהם געמוזט אפּשניידען דעם ריק צוג, זיא האט געמוזט זיך האַלטען אָן איהם, ביז דער אויגענבליק וועט קומען ווען זיא וועט קענען האנדלען.

זיא האט שנעל געוואָרפען א בליק ארום זיך, און זיא וואלט זעהר פיעל געגעבען

www.libtool.com.cn

דאן ווען זיא וואלט דערזעהן דיא צווי פארצייטיגע ערצטע וועלכע האבען זיא בעגלייטעט, אבער זיא האט נור געזעהן פאר זיך גלייכגילטיגע שפאציער־געהער און לוסטיגע מאסקען. איין אויגענבליק האט זיא געפיהלט דאס זיא איז גאנץ נאהענט צו פאלען אין אָהנמאכט. אבער זיא האט זיך צוזאמענגענומען מיט אלע איהרע קרעפטען און אין דער נעכסטער מינוטע האט זיא זיך שוין געקענט פאָלשטענדיג בעהערשען. אָבגלייך זיא האט געציטערט פאר אויפרעגונג האט זיא דאך אָריינגעלייגט איהר אָרעם אין דעם ארעם פון מאַן, וועלכען זיא האט געהאלטען פיר לאטירג, און האט ביי זיך געטראכט: „איך וועל באלד וויסען אויף קלאר אויב איך האב א טעות אדער ניט; מיין טויטפיינד האט געהט א צייכען פון א שניט אויפ'ן דיקען פינגער פון זיין לינקער האנד.

— איהר האט אלזא געוועטעט דאס איך בין א פערהייראטהעטע פרוי, וועלכע איז געקומען אהער פון אייפערזוכט זוכען איהר מאַן? — האט זיא זיך געווענדעט צו איהם מיט א פערשטעלטער שטימע.

— יא; האב איך געוואונען דיא וועטטע?

— פיעלייכט.

— דאס איז קיין אנטוואָרט.

— וואס האט דען אייער געגנער געוועטעט?

— דאס איהר זייט געקומען אהער זוכען עפעס א גוטען צופאל.... האט ער פערלאָרען?

אנשטאט צו ענטפערן האט עמא זשובערט ווייטער געפרעגט:

— איהר האט געוועטעט אין הונדערט לואידאָר, ניט וואהר?

— יא.

— שפיעלט ביי אייך דיעזע סומע א גרויסע ראָלע?

— ניין, ביי מיר איז דיא וועטע נור א נצחון־זאך; איך בין רייך, און ווען איך זאל דיא וועטע געווינען וויל איך עס מיט פערגעניגען טהיילען מיט אייך.

— ער איז עס דאך! — האט עמא זשובערט צו זיך אליין געזאגט — עס איז אונמעגליך דאס איין אנדערער זאל האבען פונקט דיא זעלביגע שטימע, און זיינע האט זיך אין דריי־און־צוואנציג יאהר קיין האר געענדערט.

— זייט איהר איינפערשטאנדען? — האט לאטירג נאך אמאל געפרעגט — האב איך געוואונען אדער פערלאָרען?

עמא זשובערט האט געוואלט אנווענדען אלע איהרע גייסטיגע קרעפטען, אום אויסצוציהען דיא אונטערהאלטונג אזוי לאנג וויא נור מעגליך. ווער קען וויסען אויב איין אונערווארטעטער צופאל וועט איהר ניט קומען צו הילף, אויב זיא וועט נור געווינען צייט.

— וויא אזוי זאל איך אייער וועטע ענטשיידען? — האט זיא געפרעגט.

— דורך איין וואָרט: האב איך געוואונען אדער פערלאָרען?

— מיין וואָרט וועט ניט העלפען — האט זיא געענטפערט, שאָקלענדיג דעם קאָפ — אייער פריינד וועט האבען רעכט צו פאָדערן א בעסערן בעוויז וויא מיין וואָרט.

www.libtool.com.cn

— דאן זיינען דאך דא פאראנען גוטע לייטע וועלכע קענען אייך?

— אָ, יא, איך האב שוין דא מעהרערע געטראָפען.

— זעהר גוט, דאן נעהמט ארונטער אייער מאסקע, און מיר נעהמען דיא ערשטע מאסקע וועלכע וועט אייך בעגריסען! פארבייגייענדיג, און מיר מאכען זיי פיר אונזער ריכטער.

— דאס איז אונזינן! — האט זיא געענטפערט.

— ווארום?

— איך וועל דאך ניט טהאן אזא נארעשקייט און ווייזען יעדען מיין געזיכט, אויב איך בין געקומען אהער מיט דער אבזיכט צו איבערראשען מיין מאן. אייער וועטע איז וויא עס ווייזט אויס, נור אום מיך צו פאנגען, אבער איך בין ניט אזוי דום ארייג-צוגעהן אין זאק. איהר ווילט מיך נור בעוועגען ארונטערצונעהמען דיא מאסקע, אום זיך צו איבערצייגען, אויב איך בין יונג און שעהן.

— דאס איהר זייט שעהן איז ביי מיר קיין צווייפעל, דערפון בין איך איבערציינט.

— דאס גלייב איך ניט.

— דאס איז פון אייך א נארישקייט; איך בין איבערציינט, דאס ווען איך וויז אייך מיין געזיכט וועט איהר זיך דערשרעקען.

עמא זשובערט האט קיין ליגען געזאגט, דען איהר געזיכט איז אונטער דער מאסקע ווירקליך געווארן בלאס וויא דער טויט. האס, און דער דורשט נאך ראכע אין דיא פורכט צו פערליערען לאטירג פון דיא הענד, האבען איהרע געזיכטסציגע אין גאנצען ענטשטעלט.

— איך גלויב אייך דאך ניט — האט דער באנדיט געזאגט — איך בין איבער-ציינט, אז איהר זייט שעהן און ליעבענסווירדיג, דען איך האב א בעוויז דערפאר.

— א בעוויז? — האט מאדאם ראָזיע איבערגעפרעגט מיט שטוינען.

— מיין הערץ שלאגט שטארקער נעבען אייך און דאס איז מיר דער בעסטער בעוויז, דען נעבען א העסליכער פרוי האט עס מיר נאך קיינמאהל פאסירט.

עמא זשובערט האט אנגעהויבען צו לאכען:

— ווירקליך? — האט זיא געזאגט — איך וואונדער מיך נור וואס איהר אין אייערע יאהרען קענט נאך זיין אזוי גאלאנט וויא א יונגער מאנן.

— ווער זאגט אייך דען דאס איך בין ניט קיין יונגער מאן? מיינע שטימע? מיינע האלטונג?

— ניין, קיינע פון ביידען, אבער איך בין א וואהרזאגערין.

— קענט איהר אויך וואהרזאגען אהן קארטען?

— א געוויס; איך קען אונטערשיידען אייער געזיכט און אייער געשטאלט פון אונטער דאָמנא און דער מאסקע; ווען איך זאל מיר א ביסל מיהע געבען וואלט מיר ניט שווער זיין אייך צו זאגען ווער איהר זייט און אייך אויפדעקען אייער פערגאנגענהייט און אייער צוקונפט.

— דאס איז אונמעגליך.

— וויא, איהר גלויבט ניט אין מיינע וויסענשאפט אלס וואהרזאגערין?

www.libtool.com.cn

— אויב אזוי וועל איך אייך באלד בעווייזען אייער טעות; ניט מיר אייער האנד!
— וועלכע?
— דיא לינקע.
— דיא איז נעהנטער צום הערצען; היער איז זיא.
— נעהמט אראפ דיא האנדשוה.

לאטירג האט אזוי געטהאן און האט דער דאמע געררייכט א ווייסע פעטע האנד מיט קורצע דיקע פינגער.

עמא זשובערט האט גענומען דיא האנד און האט זיא אונטערזוכט. ביי דיזער ארביים האט זיא עמוואס אויפגעציטערט אויף דאס נייע, אבגלייך זיא האט זיך גוט בעהערשט: „ער איז עס! איצטער האב איך איהם און ער זאל שוין פון מיינע הענד ניט ארויסקומען!"

— נון, וואס זעהט איהר אויף מיין האנד? — האט לאטירג געפרעגט.
— זעהר פיעל.
— מיר וואלט זעהר ליעב געווען עטוואס דערפון צו ערפאהרען.
— איהר זיים אלט איבער פופציג יאהר, איהר האט ווייסע געקרייזעלטע האר, איהר האט פיעל געררייזט, האט שטארקע ליידענשאפטען און....

מאדאם ראַזיע איז געבליעבען שטיל.

— נוא, און וואס ווייטער? האט געפרעגט לאטירג ניט ווענינ איבערראשט.
— ווייטער קען איך אייך ניט זאגען, מינדעסטענס דא קען איך אייך דאס ניט זאגען.
— וואוהין ווילט איהר פאהרען?
— ערגיץ־וואו, וואו מיר זאלען זיין אליין און קיינער זאל אונז ניט שטערן.
— א בעזאנדערעס צימער וועט זיך שוין געפינען; איהר וועט מיר דיא עהרע ערווייזען מיט מיר צו שפייזען.

מאדאם ראַזיע האט אויסנעזעהן אונענטשלאסען.

— טהוט עס מיר, מאדאם — האט לאטירג געבעטען — איהר האט פאר מיר ניט וואס צו פירכטען, אלס וואהרזאגערין דארפט איהר דאך דאס וויסען!
— גוט איך נעהם עס אן.
— מיר געהען אלזא?
— וואס איז דיא איילעניס? ניט מיר אייער ארם און לאמיר זיך נאך אמאהל דורכשפאציערען דורכ'ן זאל און דאן געהען מיר.
— איך שטעה צו דיענסטען.

וויעדער האט עמא זשובערט גענומען ציטערנדיג דעם ארעם פון פערברעכער, און ביידע האבען זיך פערלארן אין דער מעננע.

דער לעזער פערשטעהט געוויס וואס עמא זשובערט איז אויסען געוועזען מיט דעם שפאציערגאנג איבערן זאל. זיא האט געהאפט צו טרעפען פיעלייכט איינעם פון דיא פאליציסטען, וועלכע זיא וואלט קענען געבען א צייכען, וועלכען נור א געהיימ-

www.libtool.com.cn

פאָליציסט קען פארשטעהן, און וועלכער וואלט געקונט געוועזען צוזאמענצובריינגען ארום איהר א האלב דוצענד אגענטען פון דער געהיימפאָליציי.

ווערדיע האט פון וויטען אלעם צוגעזעהן און איז געווען זעהר מיסטרויאיש געגען דיא פרוי אין שווארצען דאמינאָ מיט דער רויטער מאסקע. איהר בענעהמען זיך מיט לאטירג איז איהם פארגעקומען זעהר פערדעכטיג. צו וואס האט לאטירג ארונטערגענומען דעם האנדשוה און איהר געוויזען דיא האנד? ווארום האט דיעזע אונבעקאנטע אויפגעציטערט אלס זיא האט דיעזע האנד ערגריפען? גאנץ גלאט איז דא דיא זאכע געווים ניט. ווערדיע איז זיי נאכגעגאנגען פון וויטען און האט ניט אראפגעלאָזען פון זיי דיא אויגען, אלס פלוצלונג האבען א פאָר ווערטער וואס זיינען געשפּראָכען געוואָרן פון צוויי מענער אין קאָסטיומען פון פארצייטיגע דאקטוירים, צוגעצויגען זיינע גאנצע אויפמערקזאמקייט. ער איז געבליעבען שטעהן וויא א צוגעשמיעדטער, און שטעלענדיג זיך צו דיאביידע מענער מיט'ן ריקען, האט ער כל מר'שט אויפמערקזאם געקוקט אויף דיא פארבייגעהענדע מאסקען, ווערענד אין אמת'ן איז ער געוועזען מיט אלע חושים אָנגעשטרענגט אום קיין וואָרט צו פערליערען פון דעם וואס דיא ביידע מענער האבען געשפּראָכען.

— אָהאָ! — האט געזאגט איינער, וועלכער איז געוועזען אונזער בעקאנטער גאָלובעט — דא האט זיך אונזער באלעבאָסטע ארויסגעפונען א קאוואליער; דעריבער האט זיא דאס אונז אזוי שנעל געהייסען געהן! זיא וויזט אוים צו זיין א פרעהליכע שטיקעל סחורה, אונזער באלעבאסטע!

— זיי קענען יענע פרוי — האט ווערדיע געזאגט צו זיך אלס ער איז געבליעבען שטעהן.

— און צו וואס האט זיא אונז געשלעפּט אהער? — האט געזאגט דער צווייטער פארשטעלטער ארצט, וועלכער איז געוועזען קאָרנו — דא וועט זיא דעם העלדען פון פער־לאשעז ניט געפינען.

— דאס טהוט ניט, דא איז גאנץ שיין, און מיר מאכט עס שפּאס איבעראל אריינגעלאָזען צו ווערען. ביי אזא באלעבאָסטע וואלט איך גערן געדיענט אייביג, דורך איהר קומען מיר אומעדום און זעהען אלעס!....

ווערדיע איז מעהר דאָ ניט געשטאנען, דען ער האט אלעם געוואוסט וואס ער האט געוואלט וויסען. ער האט בעגריפען אז דיא ביידע מענער זיינען פאליציסטען, וועלכע שטעהען אונטער דעם בעפעהל פון יענער פרוי, וועלכע שפּאציערט יעצט ארום מיט לאטירג.

דער פאלשער קאפּיטאן וואן־ברעקין געפינט זיך אין א גרויסער געפאהר, דאס האט ווערדיע איינגעזעהען. ער איז געלאפען אהן אטהעם הינטער דער פּאָר, אום לא־טירג ארויסצורייסען פון דיא הענד פון זיין בעגלייטערין, ער האט זיי אבער ניט געזעהן, זיי זיינען געוועזען פערשוואונדען אין געדרענג.

שנעל איז ווערדיע ארויפגעלאפען דיא טרעפּ און איז אריין אין קארידאָר פון'ם ערשטען עטאזש. פארבייגעהענדיג מאָרים'עס לאָזשע, האט ער צוויי מאהל א קלאפּ געטהאן אין טהיר. דאס זיינען געוועזען דיא צווייא אונערוואַרטעטע קלעפּ אין טהיר,

www.libtool.com.cn

וועלכע האבען מאָריס'ן אין וואלענטינע'ן אזוי איבערגעשראָקען אין זייער אומאַרמונג אין דורך וועלכע מאָרים איז ארויסגעלאָפען פון לאָושע, איבערלאָזענדיג וואלענטינאַ'ן אליין.

— מיר מוזען זיי זוכען און געפינען — האט מאָרים געזאגט ציהענדיג ווערדיע מיט זיך; לאטירג טאר ניט אריינפאלען, עס איז געוועזען א בייזער געדאנקען צו מאַכען דיא בעקאנטשאַפט פון יענער פרוי.

דיא ביידע מענער זיינען געגאנגען פאָרווערטס, שטויסענדיג און שטאפענדיג יעדערען וואס איז זיי געקומען אין וועג, אזוי דאס מען האט זיי געהאלטען פיר בעטרונקען.

— געהט איהר אויף איין זייט און איך אויף דער אנדערן — האט ווערדיע געזאגט, און דערמיט האבען זיי זיך צוטהיילט.

אין א פיערטעל שטונדע שפעטער האבען זיי זיך צוזאמענגעטראפען.

— גאר ניט! — האט מאָרים פערצווייפעלט געמעלדעט.

— גאר ניט! — האט ווערדיע פון זיין זייט געענטפערט.

— ענטטוישט און שוויינגנדיג זיינען דיא ביידע קאמראדען געגאנגען נעהענטער צום אויסגאנג, אלס ווערדיע האט פלוצלונג אויפגעשריען פאר פרייד.

— וואס איז? האט מאָרים געפרעגט.

— זעהט דארטען! — און דער פאלשער פריעסטער האט אנגעוויזען מאָריס'ן אויף דיא פרוי אין שווארצען דאמינאָ, וועלכע האט געוואַרט ביים אויסגאנג, ביים טהיר פון גארדעראָבע, וועהרענד לאטירג האט זיך אנגעטהאן זיין איבערציהער.

עמא זשובערט האט נאך אימער געקוקט ארום זיך אין דער האָפנונג צו דערזעהן א פאָליציסטען, און אזוי וויא זיא איז זיכער געוועזען דאס לאטירג וועט זיך שוין פון איהרע הענד ניט ארויסדרייען, האט זיא איהם איין אויגענבליק ארויסגעלאזען פון דיא אויגען, אום צו געפינען הילפע. און גראד אין דעם אויגענבליק האט זיך ווערדיע דורכגעשטופט דורך דיא מענגע, איז האסטיג צוגעלאָפען צו לאטירג און האט איהם אראפגעריסען דיא בונטע בענדער פון זיין שלייער פון זיין דאמינאָ, דאמיט מען זאל איהם ניט לייכט דערקענען, און האט איהם איינגעראמט אין אויער: „א טלויף פון דער פרוי, אדער אלעס איז פערלאָרען!"

— ווארום? — האט דער באנדיט געפרעגט פערוואונדערט.

— זיא געהערט דער פאָליציי, קום!

שנעל וויא א בליטץ זיינען ביידע פערשוואונדען אין געדריינג, און דיא געהיים-פאָליציסטין, וועלכע איז ערשטוינט געווארען איהם ניט מעהר צו געפינען ביים אויס-גאנג פון גארדעראָבע, האט זיך א ווארף געטהון זיי זוכען. זיא איז געלאָפען נאך אלע ריכטונגען, פערצווייפעלט, דערשראָקען, פערניכטעט.

— ער האט מיך פארשטאנען — האט זיא געמורמעלט אין איהר פערצווייפלונג — ער איז פון מיר אוועק, האט זיך אויסגעדרייט! איך האב איהם געהאט און פערליערע איהם ווידער! איך גלויב דער טייפעל שיצט דעם שורקע.

זיא האט זיך געווארפען אין פאָליציי-ביוראָ וועלכעס האט זיך געפונען אין

www.libtool.com.cn

געביידע פון דער גראנד־אפערא, האט דעם קאמיסאר אין קורצען פערציילט דעם פאר־פאל, אגענטען זיינען גלייך אויסגעשיקט געווארען נאך אלע ריכטונגען, אבער צו שפעט! פיר היינטיגעס מאהל איז פיערר לאטירג געווען גערעטעט.

מארים, וועלכער האט פון וויטען צוגעזעהן וויא אזוי, ווערדיע און לאטירג זיינען פערשוואונדען פון זאל, האט זיך בערוהיגט אומגעקעהרט צו וואלענטינע, וועלכע האט איהם אונגעדולדיג ערווארטעט.

לאטירג איז אוועק נאך דער רוע דע סורען, וועלכע ער האט אהן הינדערניס עררייכט, וועהרענד ווערדיע האט זיך אומגעקעהרט צום באל, אום פון זיינער זייט צו שפיאנירען, און צו ערפאהרען ווער דיא פרוי איז אייגענטליך. דאס איז איהם אבער ניט געלונגען, דען צו פיעל זיך שפיעלען מיט'ן פייער האט ער אויך מורא געהאט.

30טער קאפיטעל.

## צווישען ליעבע און האסס.

א וואך איז פערפלאסען נאך דיעזען אבענד אין דער גראנד־אפערא. לאטירג און ווערדיע האבען זיך עטליכע טעג נאך דעם זעהר געהיט און האבען זיך כמעט ניט גע־וויזען אויף דער ווייסער וועלט. אויך מארים האט זיך אויסגעהיט צו געהן צו אפט נאך דער רוע דע סורען, אין דער שטענדיגער פורכט, דאס דיא פאליציי שפירט איהם פיעלייכט נאך. נור אזוי וויא אללעס איז געבליבען שטיל און עס האט זיך קיינע גע־פאהר געוויעזען פיר קיינעם פון דיא באנדע, האט מען בעשלאסען, דאס מארים זאל אנהויבען זיינע ארבייט געגען מאריע ברעסאל. דיא פראגע, ווער דיא פרוי מיט דער רויטער מאסקע איז געווען, האט דיא דריי מענער שטארק בעאונרוהיגט. ניט־שוין־וישע האט זיא דערקענט לאטירג? צו וואס האט זיא דען געזעהן זיין האנד? האט זיא איהם געוואלט דערקענען אן א צייכען? אבער טראטצדעם האבען זיי זיך דאך ענדליך בערוהיגט, דען לאטירג איז ניט געווען אין פאריז זייט דריי־און־צוואנציג יאהר, צייט דעם פערברעכען אן דער גרעפין קוראוויאו, און ער האט ניט פאר וואס מורא צו האבען, ווייל עס איז שוין איין פעראלטערטעס פערברעכער, וועלכעס קען ניט בעשטראפט ווערען געריכטליך. אויף דעם אופן בערוהיגט, האבען זיי זיך צוריק גענומען פיר דיא אויספיהרונג פון דעם פלאן, וועלכען מישעל ברעמאנט האט זיי פארגעצייכענט.

מאריס האט זייט יענעם אבענד געזעהן צווי מאהל וואלענטינע, וועלכע, האט זיך אין דער ווירקליכקייט אין איהם לײדענשאפטליך פערליעבט און האט עס איהם אויך געלאזט מערקען.

אין הויז פון דער פאמיליע ברעסאל זיינען דערוויל דיא פארבערייטונגען און איינריכטונגען פיר דיא געזעלשאפטליכע אבענדען פערטיג געווארען, העדר ברעסאל און זיינע טאכטער האבען נור אייניגע איינלאדונגס־קארטען פערשיקט, וואלענטינא, ראד־נעגען, האט דיא איינלאדונגען געהאלפען רעכטס און לינקס.

אויף מארגען האט געזאלט שטאטפינדען דיא ערשטע טאנץ־געזעלשאפט און מאריס'ס הערץ האט געטאנצט פאר פרייד, ווען זיא האט פון דעם געדאכט. זיא האט געהאפט צו זעהן ביי זיך אין הויז איהר ליעבענסווירדיגען מאהלער און בעזאנדערס

www.libtool.com.cn
דעם שילער, אלבערט גיבריי, וועלבער איז איהר ליעב געוואָרען, אליין ניט וויסענדיג וויא אזוי.

דעם טאג פון דיעזען אבענד, איז דער אונטערזוכונגס־ריכטער הערר גיבריי גע־קומען שרעקליך מיעד צו זיך נאך הויזע; דיא ארבייט פון דעם דאפּעלטען פערברעכען האט איהם שרעקליך מיעד געמאכט. ער האט זיך צוריקגעצויגען צו זיך אין ציטער, האט אָנגעשפּארט דעם שווערען קאָפּ אןביידע הענד און האט גענומען גריבלען אויף דאס נייע אין דעם שווערען רעטענים. באלד איז אריינגעקומען זיין זאהן און האט איהם צושלאגען זיינע פינסטערע געדאנקען.

— פאטער — האט דער יונגער מאן געזאגט דריקענדיג דעם פאטער דיא האנד, איך קען וועטען, אז דוא שטעקסט וויעדער ביז איבער דיא אויערן אין דעם אבשייליכען פראָצעס, וועלבער גיט דיר אזוי פיעל זארגע און לאזט דיר ביי נאכט ניט שלאפען.

— דוא האסט רעכט מיין קינד—האט דער אונטערזוכונגס־ריכטער געענטפערט.

— קענסט דוא ניט לאזען דיינע זארגען אין פּאַליי־דע־זשוסטיס.

— ניין, זיי שלעפען זיך נאך וואו איך געה! אזוי לאנג וויא דאס געהיימניס איז ניט ענטדעקט קען איך מיך פון דיא זארגען ניט פריי מאכען.

— האסט דוא דען נאך גאר ניט געפונדען, קיינע שפור?

— מיר האבען א שפור און קומען דאך ניט וייטער.

— האסט דוא פערלאָרען דעם מוטה?

— ניין, איך בין נור אבגעמאטערט. מיר האבען צו טהאן מיט געשיקטע פער־ברעכער. וועלבע וועלען פריהער אדער שפּעטער דאך אריינפאלען אין אונזערע הענד. אויף דעם אָפּערנבאַל איז דאס שוין נאך א האָר געשעהען, אבער זיי האבען זיך אויס־געדרעהט.

— עס וואלט געוועזען דאס קליגסטע פיר זיי ווען זיי זאלען זיך אליין אויסליפערן — האט אלבערט געשפּאסט — אבער אזוי פיעל גרויע האָר דארפסט דו' זיך דערפון ניט מאכען. זיי בעאמטער אין דיין ביורא, אבער צו הויז דארפסט דוא האבען רוהע וויא אלע מענשען; לאמיר פּלוידערן.

— זעהר גוט, פּלוידער; ווען עס האלט שוין יא ביים פּלוידערן וויל איך דיך פרע־גען עטוואס — דער אונטערזוכונגס־ריכטער האט בייא דיעזע ווערטער גענומען צווייא איינלאדונגס־קארטען פון טיש — קענסט דוא א פאמיליע ברעסאַל?

— יא, פאטער, — האט דער יונגער מאן געענטפערט רויט ווערענדיג.

— הערר לודוויק ברעסאל גיט מארגען איין אבענד אין זיין הויז, רוע דע ווער־נייל, און האט מיר צווייא איינלאדונגען, איינע פיר דיך, און דיא אנדערע פיר מיך.

— איך האב געוואוסט דאס ער וועט דיך איינלאדען.

— וויא אזוי? קענסט דוא דען דעם הערן ברעסאל אזוי גענוי?

— אין דיא לעצטע צייט זעה איך איהם כמעט טעגליך. ער איז א געוועזענער ארכיטעקט, א רייכער און פּארטרעפליכער מאַן, און האט א הימלישע טאכטער.

אלבערט איז פּלוצלונג געבליעבען שטאָקען; דען ער האט בעמערקט וויא פער־וואונדערט זיין פאטער האט איהם ביי דיא לעצטע ווערטער אָנגעקוקט.

www.libtool.com.cn

ווארום ביסטו ענטשוויענען געווארן? — האט דער פאטער געפרעגט איך בין פערטיג.

— וואו האסט דוא דעם העררן מיט דער הימלישער טאָכטער סענען געלערנט? — האט גיבריי ווייטער געפאָרשט.

— ביי גאַבריעל סערוועט, מיין פריינד און לעהרער — האט אַלבערט געענט־פערט — פריילין מאריע ברעסאָל פּאָזירט יעדען טאג אין אונזער אַטעליער (קונסט־ווערקשטאט).

— דאס יונגע מיידיל הייסט אלזא מאריע? — האט דער פאטער איבערגעפרעגט.

— יא, ניט וואהר, א שיינער נאמען?

— און זיא איז נאטירליך אזוי שעהן וויא איהר נאמען?

— פיעל שעהנער! א קעפּיל פון איין ענגעל און א פּראָפיל וויא ראפאעל פלעגט עס מאהלען, דערביי איז זיא גוטמיטהיג, זאנפט און איינפאך.

— קורץ, זיא האט אלע גוטע אייגענשאפטען און אלע טוגענדען — האט דער אונטערזוכונגס־ריכטער בעמערקט מיט שפּאָט — מיין העדר זאהן מיט זיינע נייצעהן יאהר איז אלזא פערליעבט!

— פאטער! — האט אַלבערט אויסגערופען פערלעגען און צושמייכלענדיג זיך.

— פערליעבען זיך אין דיינע יאהרען איז דיא גרעסטע דומהייט.

— ווארום?

— וייל דוא ביסט נאך א קינד.

— פאטער, איך בין איין מאַנן, טראָטצדעם וואס איך בין נור נייצעהן יאהר אלט. אין עטליכע מאָנאטע, מאך איך מיין עקזאמען און איך קען דיך פערזיכערן דאס איך וועל גלענצענד דורכקומען! נאך אין א יאהר בין איך דאקטאָר דער יורי, אדוואָקאט, און וועל האָפענטליך אויך האבען קונדען, דען דער נאמען וועלכען איך טראג איז בעקאנט און געאַכטעט אין פּאריז. דורך מיינע אויפפיהרונג און פיליכט אייך דוך מיין טאַלענט וועל איך אימשטאנדע זיין מיר פערטרויען צו פערשאפען. צווייפעלסט דוא אין דעם?

— ניין, איך צווייפעל ניט אין דיינע צוקונפט; איך בין איבערצייגט אז דורך דיין טאַלענט און דיינע אַרבייט וועסט דוא האבען ערפאָלג.

— נון, זעהסטו, פאטער — האט איהם אַלבערט אונטערבראָכען — האב איך ניט דאס רעכט צו דענקען פון איין גוט ערצויגענע שעהנע מידיל, פון איין אנשטענדיגער פאמיליע, וועלכע זאל ווערען מיינע פרוי, דאן ווען איך טרעט אויף אלס זעלבסטשטענדיגער מענש און וועלכע זאל דיך ליעבען אזוי וויא איך? מאריע וועט נאך פיעלייכט נאך גיכער אים שטאנדע זיין וויא איך, צו פערטרייבען דיא וואלקען פון דיין שטירן.

— דוא דענקסט אלזא פון הייראַטהען?

— איז דאס ניט דער ציעל פון יעדען מאן?

www.libtool.com.cn

— פֿון יעדען מאן, נאַטירליך, אבער מיט ניינצעהן יאהר איז מען נאָך קיין מאן! וויא אלט איז דען פריילין ברעסאַל?

— אכטצעהן יאהר, אבער זיא איז פֿאָלשטענדיג ענטוויקעלט. זיא האט איין הערץ וויא גאלד און איינע זעעלע פֿון הימלישער ריינקייט און גוטסקייט. יעדעס מאל וואס איך זעה מאריע דערמאהן איך מיך אן מיין מוטער, וועלכע מיר בעוויינען נאָך ביז היינט.

דיא לעצטע ווערטער האבען אין הערצען פֿון פאטער דערוועקט שווערע ערינ־נערונגען און האבען איהם זעהער טיעף בעוועגט.

— דוא ליעבסט אלזא ווירקליך דאס יונגע מיידעל, מיין זאהן?

— מיט אלע קרעפֿטען פֿון מיין זעעלע.

— דוא דארפֿסט זיך גוט אין אכט נעהמען.

— פֿאר וועמען?

— זעהר אפֿט בעטריעגט מען זיך אליין, ווען מען פֿאָלגט דיא ערשטע נייגונג פֿון הערצען. דער טרוים פֿון דער ערשטען ליעבע נארט מייסטענטהיילס דעם טרוימער.

— איז דאס מעגליך?

— ניט נור מעגליך, נור דאס איז א רעגעל און ווען מען זעהט איין דעם טעות צו שפעט און מען געפינט, אז דער געגענשטאנד פֿון דער ליעבע איז ניט ווערטה גע־ליעבט צו ווערען, דאן ליידעט מען שרעקליך פיעל.

אלבערט איז געווארען ניט ווילענדיג אויפמערקזאם אויף דעם ביטערן טאָן, מיט וועלכען זיין פאטער האט דיעזע ווערטער געזאגט און האט דעריבער מיט א געוויסער פערלעגענהייט געזאגט: „אויב איך האב קיין טעות ניט, פאטער, שיינט מיר נאָך דיינע ווערטער, דאס דוא האסט שוין א מאהל געהאט אזא ביטערע ערפאהרונג.

— דוא האסט ריכטיג ערראטהען, מיין קינד און דעריבער ציטער איך אזוי וועגען דיך.

האסט דוא שוין אלזא איינע געליעבטע איידער דוא האסט געהייראטהעט מיט מיין מוטער?

— ווען איך בין געוועזן אין דיינע יאהרען, אזוי אונערפאהרען וויא דוא, פאנטאס־טיש־פערליעבט מיט דעם ערשטען פייער פֿון דער יוגענד, האב איך פערגעטערט א יונגע מיידיל, אין וועלכע איך האב ענטדעקט אלע גוטע איינגעשאַפטען און אלע טוגענ־דען, וויא דוא אין דיין מאריע. איך האב זיא געהאלטען פיר ריין און בעשיידען, מילד און גוט קורץ, פיר איין ענגעל.

— און זיא האט דיך ניט געליעבט?

— אָ יא, וועניגסטענס האט זיא מיר געשווארען דאס זיא ליעבט מיך און וויא האב איך געקענט אין דעם צווייפלען, ווען זיא האט זיך מיר אין גאנצען איבערגעגעבען! וואס נאָך פאר א בעוויז פֿון ליעבע און צערטליכקייט האב איך געקענט פערלאנגען? דאָך איז דיעזער בעוויז געוועזן א ליעגען! זיא האט זיך געוויעזען אלס איינע אויסגע־לאסענע פערדארבענע פרוי. ניט דורך ליעבע, זאנדערן דורך א קאפריז איז מיר דאס

www.libtool.com.cn

מיידיל געפיהרט געוואר̈ן אין מיינע ארעמס. דאס האב איך דערנאך ארויסגעפונען אוף דער שטעלע פון ליעבע איז געקומען פעראכטונג.

— פעראכטונג? — האט דער יונגער מאן איבערגעפרעגט מיטליידיג.

— יא, דען יענע װעלבע איך האב געליעבט און װעלבער איך װאלט גערן אנגע־באטען מיין האנד, איז מיר פלוצלונג פערשװאונדען, ניט קימערנדיג זיך, אין װעלבער פערצװייפלונג זיא לאזט מיך איבער. איך האב געװאוסט, דאס זיא דארף װערן מוטער און האב זיא איבעראל געזובט, אום פון איהר אױסקצונעהמען דאס קינד, װעלבעס האט מיר געהערט און װעלבען איך האב געװאלט געבען מיין נאמען, האב זיא אבער אין ערגיץ־ניט געקענט געפינען. איינמאהל האב איך יא עטװאס פון איהר ערפאהרען, אבער אלעס װאס מען האט מיר פון איהר מיטגעטהיילט איז געװען, דאס זיא פיהרט זיך שלעכט אויף; דאס זיא איז א מוטער און האט א קינד, אדער האט געהאט א קינד — דאס האט קיינער געװאוסט.

— װאס איז אבער פון דעם קינד געװארען?

— איך זאג דיר יא, דאס האט קיינער ניט געװאוסט; איך מוז אננעהמען דאס װאלענטינא — אזוי האט געהייסען דיא שענדליבע — האט דעם לעבענדיגען בעװייז פון איהר פעהלטריט געלאזען פערשװינדען, אום אמאהל אפצונארען איין עהרליבען מאן, אדער אום צו קענען געהן אויף דעם שמוציגען װעג, װעלבען זיא האט זיך אויסגעקליבען, דיא יעניגע װעלבע איך האב אמאהל געליעבט איז היינט פיעלייבט איין אויסגעלאסענעס פרויענצימער.

— אבער דאס איז שרעקליך! — האט אלבערט אויסגערופען ענטזעצט.

— און דאך איז עס ליידער װאהר.

— האט דיא אונגליקליבע גאר קיין פאמיליע ניט געהאט?

— זיא האט געהאט א ברודער, איין זעהר אנשטענדיגער מאן, װעלבער האט פיעל געמוזט ליידען דורך דיא שאנדע װאס זיין שװעסטער האט איהם אנגעמאכט.

— האסט דוא זיך ביי איהם ערקונדיגט?

— דאס האב איך ניט געקענט טהאן. מיט װעלבען רעבט האב איך געקענט קומען צו איהם פרעגען װעגען זיין שװעסטער? דער שיין איז געװעזען געגען מיך, מען װאלט מיך געקענט אנקלאגען, דאס איך האב פערפיהרט איין יונגעס אונשולדיגעס מיידיל. אויסערדעם איז אויך דיעזער ברודער פערשװאונדען, װיא מען האט דאן געזאגט האט ער פערלאזען פראנקרייך, און פון דענסמאהל אן האב איך פון איהם ניט מעהר געהערט. דיעזע ביטערע ערפאהרונג אין מיין ערשטער יוגענד האט אויף מיר זעהר א ביטערן איינדרוק געמאכט, און האט מיך אין גאנצען צובראבען. איך האב אויפגעהערט צו גלויבען אין ליעבע און טוגענד, און ערשט װען דער גוטער שיקזאל האט מיר צוגע־שיקט דיין מוטער, האב איך מיך איבערציינגט, דאס אויף דער װעלט זיינען דא ענגעל פונקט אזוי װיא טייפעל. איך װינש פון הערצען, דאס דיא ערפאהרונג װעלבע האט מיר אזוי טהייער געקאסט, זאל דיר ניטצען, מיין ליעבער אלבערט. איבערלעג עס דיר! אויף ניט האט מען קיינמאהל קיין חרטה ניט, און מען פערשאפט זיך זעהר פיעל ענט־טוישונג װען מען פאלגט בלינד דעם הערצען.

www.libtool.com.cn

— דאס מיידיל פון וועלכע איך רייד איז דיין און אונשולדיג וויא איין ענגעל—
האט דער יונגער מאן געזאגט.

— אזוי האב איך אויך געזאגט.

— זיא איז אונפעהיג צו מאכען א פעהלטריט.

— דאס האב איך אויך געגלייבט.

— פאטער, דוא זאלסט איבער איהר ניט אורטהיילען ביז דוא וועסט זיא זעהן;
איך וואלט זעהר וועלען דוא זאלסט זיא זעהן.

— זיא זעהן! וואו זאל איך זיא דען זעהן? ווייסט דוא דען ניט, דאס צייט דיין
מוטער איז געשטארבען געה איך ניט מעהר אין געזעלשאפט?

— איך ווייס עס, אבער דא האנדעלט זיך אום מיינע צוקונפט, אום מיין גליק,
און איך בין זיכער, אז דוא וועסט צוליעב מיך איין מאהל ברעכען דיין געוואהנהייט.
דוא וועסט מיט מיר געהן צו הערין ברעסאָל, וואו דוא וועסט אויך טרעפען אונזער
פריינד גאבריעל סערוועט. איך וואלט זעהר וועלען אז דוא זאלסט מאכען די בעקאנט-
שאפט פון מאריע און איהר פאטער.

— האט זיא אויך א מוטער?

— יא, אבער זיא קען איך נאך ניט.

— בעגלייטעט זיא ניט איהר טאכטער אין גאבריעלס אטעליער?

— ניין, איך האב זיא קיינמאהל ניט געזעהן. אָ, פאטער, דוא זאלסט מיט איי-
גענע אויגען זעהען און אורטהיילען, אויב דיא יעניגע וועלכע איך ליעב איז עס ווערטה
צו זיין דיינע טאכטער. זאג מיר צו, מיך צו בעגלייטען אהין; מיר וועלען דאַרטען ניט
לאנג בלייבען.

— דוא ווייסט וויא מיר איז שווער דיר עטוואס צו ענטזאגען.

— דוא געהסט אלזא מיט?

— איך זאג עס דיר צו.

— איך דאנק דיר, פאטער, דוא ביזט וויקליך זעהר גוט. גלייך נאכ'ן עסען געה
איך צו סערוועט און טהייל איהם מיט דיא גוטע נאכריכט.

אלבערט האט אומארמט דעם פאטער און ביידע זיינען אריין אין שפייזע-צימער.

אויף מארגען אבענדס האט דאס שטילע הויז פון לודאוויק ברעסאָל געריושט
פון בעזוכער און האט געשטראהלט פון הונדערטער פלאמען. דיא גרויסע זאלען וועלכע
זיי'ען יעצט געווען געפילט מיט געסט, האבען געמאכט עהרע דעם גוטען געשמאק פון
דעם געוועזענעם ארכיטעקט. דיא איינריכטונג איז געווען פון זעלטענעם לוקסוס און
רייכקייט. וועלכע האבען מעהר וואהרשיינליך געשטאמט פון מאדאם ברעסאָלס פער-
לאנגען צו גלענצען, אלס פון הערין ברעסאָלס בעשיידענהייט.

דער גרויסער טאנץ-זאל איז געווען פערציערט פון בלומען און פיעלע אנדערע
פלאנצונגען, וועלכע האבען דעם זאל פערוואנדעלט אין א ריכטיגען גארטען.

אין דער איינלאדונג איז נור דערמאהנט געווארען „א טענציל" ביי קלאוויער-
מוזיק; וואלענטינא אבער האט געפונען אז טאנץ-מוזיק אויפ'ן קלאוויער האט ניט קיין

www.libtool.com.cn

טעם, און האט בעסער אנגאזשירט פיר דעם אבענד א קליינעם אבער א גוטען אר־קעסטער.

דיא שפיעלטישען זיינען געווען אויסגעשטעלט אין צוויי קלענערע זאלען, און אין וואלענטינע'ס בודואר. דיא רייכע בופעטס זיינען געווען אראנזשירט אין שפייזע־זאל.

נעגען צעהן אוהר אבענדס איז דיא פעסטליכקייט געווען אין פאלען גאנג, און מאדאם ברעסאל, האט עס אויסגעוויעזען, מאכט פון זיך עטליכע. זיא איז געווען אי־בעראל, האט אלעם גזעהן, האט אלעם געארדנעט, האט יעדען געענטפערט, און האט מיט א ליעבענסווירדיגען שמייכעל אנגענומען אלע זיסע קאמפלימענטען וועלכע האבען זיך געשאטען אויף איהר פון אלע זייטען. אויך לודאוויק ברעסאל האט זיך אפגעגעבען מיט זיינע געסט, אדער בעסער געזאגט, מיט דיא געסט פון זיין פרוי. אבער ער האט זיין ראלע געשפיעלט קאלט, אהן פריידע, אהן ווילען, נור אום יוצא צו זיין.

וואס גאריע אנבעטרעפט, איז זיא ווירקליך געווען דיא רייצענדע יונגע קעניגין פון אבענד. איהר גזיכט האט געשטראהלט פון פריידע, אבער פון צייט צו צייט פלעגט זיא א בליק טהאן צו דער טהיר ביי יעדען גאסט וואס פלעגט ערשיינען, און פלעגט שווער אויפאטהמען, וויא מיט א שטילען זיפץ. זיא האט אונגעדולדיג ערווארטעט אלבערט גיבריי, וועלכער איז געווארן איהר ליעבסטער פריינד זייט זיא האט בעזוכט דאס אטעליער פון גאבריעל סערוועט.

מיט ניט ווייניגער אויפמערקזאמקייט האט אויך וואלענטינע געקוקט נאך דער ריכטונג פון דער טהיר. אויך זיא האט, וויא עס האט אויסגעוויעזען, איינעם ערווארטעט, און איז זאגאר צו־ווייטען געווארן עטוואס אונרוהיג פאר אונגעדולד. אום דיא צייט צו פערקירצען איז זיא צוגעגאנגען צו א רעדעל פון דאמען און הערען, אום טהייל צונעהמען אין זייער געשפרעך. דאס הויפט־טהעמא איז גאנץ נאטירליך געווען דער דאפעלמארד פון פערלאשעז און רוע ערנעסטין, פון וועלכען גאנץ פאריז האט נאך גע־האלטען אין ריידען. עס זיינען געפאלען זעהר פערשיעדענע מיינונגען, דארונטער מאנכע זעהר קאמישע. איין דאמע האט גאר אפגעלייקענט דיא גאנצע מעשה און האט געזאגט אז דיא פאליציי אליין האט אויסגעטראכט דיא געשיכטע, דאס וואהרשיינליך האט דיא רעגיערונג עטוואס בדעה צו טהאן, וואס דער עולם דארף נאך ניט וויסען, און מען וויל דאס אפפיהרען דיא אויפמערקזאמקייט פון פאלק אין אנאנדער זייט. וואלענ־טינע האט פון יוצא־וועגען אויך געוואלט זאגען איהר מיינונג אין דער זאכע, אלס פלוצלונג האט זיא דערהערט דיא אנמעלדונג פון שווייצער ביין טהיר.

— הערר מאררים וואסייר!

מאדאם ברעסאל האט א ציטער געטהאן; איהרע אויגען האבען אויפגעליכטען איהרע ליפען האבען געשמייכעלט, און איהר געזיכט איז איבערפלויגען געווארן מיט א לייכטער רויטקייט. זיא האט פארלאזען שנעל דאס רעדעל לעבען וועלכען זיא איז גע־שטאנען, און איז געגאנגען דעם יונגען מאן אנטקעגען. זיא איז צוגעקומען צום טהיר אין דעם אויגענבליק אלס לודאוויק ברעסאל האט זיך פערניינט פאר'ן גאסט, וועלכען ער האט יעצט געזעהן צום ערשטען מאל אין זיין לעבען.

— מיין פריינד — האט זיך וואלענטינא געווענדעט צו איהר מאן — הערר מא־

www.libtool.com.cn
רים וואסייר איז א גוטער בעקאנטער פון וויקאמט דוארפעל, וועלבען דוא קענסט אויך.
מאַרים האט זיך פערנייגט און האט מיט א שנעלען בליק גוט בעטראכטעט דאס געזיכט פון הוידההערין.

— זעהר ערפרייט, מיין העהר, זעהר געעהרט אייער בעקאנטשאפט צו מאכען — האט לודאָוויק ברעסאָל געמורמעלט צו יעדען פּרישען אונבעקאנטען גאסט, און מיט דיא זעלבינע ווערטער האט ער אויך עמפפאנגען מאַרים׳ן.

— עהרע און פריידע זיינען א יף מיינער זייטע — האט מאַרים געענטפערט מיט א פראגע וועלכע איז ניט ווענינער אלט און אפגעדראָשען וויא דיא ערשטע.

— ניט מיר אייער ארעם, הערר וואסייר — האט וואלענטינע יעצט געזאגט — איך וויל אייך פאָרשטעלען צו מיין טאָכטער.

— איך האב אייך דאס געוואלט בעטען, מאדאם — האט מאַרים געענטפערט. אלס זיי זיינען עטליכע טריט אפגעגאנג; פון טהיר, האט וואלענטינא אנגעהוי־בען: פאר וואס קומט איהר אזוי שפעט, איך בין שוין געווען גאנץ אונגעדולדיג.

— גלויבט מיר אז איך האב נאך ערגער געלאנגווייל. גראדע ווען איך האב געוואלט געהן אהער, בין איך אפגעהאלטען געווארן דורך איין בעזוך.

— וואהרשיינליך פון א שיינער פרוי ?

— איהר האט א טעות; פון א רעדאקטאָר וועלכער האט פערלאנגט עטוואס געשריעבענעס.

— ווירקליך ?

— איהר דארפט אין מיר ניט צווייפלען, איהר ווייסט וויא איך ליעב אייך! עטליכע געסט, וועלכע האבען געוואוסט ווער וואלענטינע איז, האבען זיך גענענ־זייטיג צוגעוואונקען אלס זיי האבען דערזעהן וויא זיא געהט מיט מאַרים: „דאס איז דער נייעסטער ליעבלינג“.
ענדליך האבען זיך דיאביידע צוזאמענגעטראָפען מיט מאריע, וועלכע איז זיי געקומען אנטקעגען.

— דוא זוכסט מיך, מאמא? — האט דאס מיידיל געפרעגט.

— יא, מיין קינד; איך וויל דיר פאָרשטעלען הערין וואסייר, וועלכער האט מיר פערשפּראָכען צו זיין אויף יעדען פון אונזערע אבענדע.

— מאריע האט זיך גראציעז פערנייגט און האט דאן געפרעגט: טאנצט איהר, מיין הערר?

— יא, מיין פריילין!

— דאן פארצייכען איך אייער נאמען אויף מיין קארטע פיר א וואלצער, פיר דען עלפטען. איך וועל אייך שוין אנזאגען ווען עס וועט קומען דערצו.

— איך וועל אייך זעהר דאנקבאר זיין, מיין פריילין, בין העכסט ערפרייט.
וואלענטינא האט בעם פאר געקנייטשט מיט׳ן שטערן.

— נעה יעצט מיין קינד, — האט זיא געזאגט מיט א געצוואונגענעם שמייכעל — איך מוז הערין וואסייר נאך פאָרשטעלען צו מעהרערע אנדערע לייטע.
מאריע האט זיך נאך אמאל פערנייגט, און איהר מוטער האט מאַרים מיטגע־

www.libtool.com.cn

צוינגען אן א זייט, אין איינעם פון דיא קלענערע זאלען, וואו וויסט-שפיעלער זיינען גע-זעסען ביי דיא טישען, פארטיעפט אין זייערע קארטען:

— איך האָף אז איהר וועט ניט האלטען אייער פערשפּרעכען וועלכעס איהר האט געגעבען מיין טאָכטער — האט זיא געזאגט.

— וועלכעס פערשפּרעכען? דעם וואלצער? — האט ער לאַכענדיג געפרעגט.

— געוויס; איהר זייט געקומען צו מיר און איך וויל אייך מיט קיינעם ניט טהיילען.

— זייט איהר אויפעררזיכטיג אויף פריילין מאַריע?

— אייפערזיכטיג אויף דיא קליינע באַקפיש (נעראָראָסטאָק)? — האט וואַלענ-טינא מיט פעראַכטונג געענטפערט — ניין, זיא איז צו אונבעדייטענד אום צו ציהען אויף זיך אויפמערקזאמקייט, און איך בין גאנץ ווייט דערפון, איך זאל האבען פיר זיא יענע אבגעשמאקטע בעוואונדערונג, וועלכע איהר פאטער האט פיר איהר.

וואלענטינאס טאָן האט געמאכט, דאס מאַרים האט אנגעשפיצט זיינע אויערן:

— וויא מיר שיינט האט איהר קיינע בעזאָנדערע צערטליכקייט פיר פריילין מאַריע?

— ניט א ברעקיל! אלעס איז דאָ אונטערוואָרפען אונטער איהר ווילען, זיא רעגירט איהר פאטער, און איך בין גאר ניט, אבגלייך איך האב געזאָלט זיין דיא ווירטהין פון דעם הויז. מיין מאַן אָפּפערט מיך צו מיין טאכטער, און ווען ער האט זיך ענטשלאָסען זיין הויז צו עפענען פיר געזעלשאַפט, האט ער עס ניט געטהאן צוליעב מיר, נור וויל מאַריע האט אזוי געוואלט. ווא קען איך ליעבען א קינד, וועלכעס נעמט פון מיר צו מיין רעכט, שטעלט מיך אין שאטען און מאכט מיך אַלט!

— נאַטירליך ווערט איהר דורך איהר ניט איינגער — האט זיא מאַרים אונטער-בראָכען גאנץ טרוקען — ביי אייער שעהנהייט וואלט מען אייך העכסטענס געקענט האַלטען פיר דרייסיג יאהר אלט, ווען אייער טאכטער וואלט ניט דערביי געוועזען.

דאס איז געוועזען א שרעקליכער קלאַפּ, און וואלענטינע איז בלאס געוואָרען.

— נעבען מאַריע זעה איך אלזא אוים אלט? — האט זיא געפרעגט מיט א צי-טערנדער שטימע.

— דאס ניט, אבער וועניגער יונג.

— איך האב אייך אהער ניט געזאָלט איינלאדען — האט וואלענטינא געזיפצט איך האב געטהאן אין אונרעכט אייך צו ווייזען מיין טאכטער. דיעזעס אבשייליכע קינד איז דער תּלוּת פון מיין לעבען; איך וועל גליקליך זיין נור דאן ווען איך וועל פון איהר פריי ווערן! יעצט ליעבט איהר מיך ניט מעהר נאכדעם וויא איהר האט זיא גע-זעהען, ניט וואהר?

— איהר ווייסט אז דאס איז אונמעגליך!

— איז דאס וואהר?

— איך ליעב דיך מיט אלע קרעפטען פון מיין הערצען — האט מאַרים גע-ענטפערט ליידענשאַפטליך.

— און איך פערגעטער דיך! — האט וואלענטינע געשטאַמעלט.

www.libtool.com.cn

— דיא מוטער וועט איהרע טאכטער ניט פערטהיידיגען ווען זיא קומט אין געפאהר — האט מאַרים ביי זיך געטראכט.

דאס שפּייזעצימער, וואו דיעזע אונטעררעדונג צווישען מאַרים און וואלענטינא איז פארגעקומען, האט געהאט צוויי טירען, איינע צום הויפּט־זאל און דיא אנדערע צו א קליינעם צימער. אהער האט וואלענטינע געפיהרט יענע דאמען, וועלכע האבען געהאט עטוואס אין אָרדנונג צו ברייגנען אויף זייערע קאסטיומען, א בלומע צו בעפעסטיגען, א קנעפּעל צו צושפּילען, אדער זיך אָפּצופּרישען מיט עטוואס פּודער נאך א הייסען טאַנץ. דיעזעס צימער וויעדער האט געהאט א טיר וועלכע האט געפיהרט צום קאָרידאר, וואו עס האט זיך געפונען דיא טעפּ פיר דיא דיענערשאפט. מאָרים האט עס שנעל אלעם איבערגעקוקט און האט זיך דאס גוט געמערקט.

— ווען געהערט דיעזעס פּראכטפאָלע צימער? — האט מאָרים געפרעגט, צוריקשלאָגענדיג דעם פיינעם פּאָרהאַנג און טרעטענדיג אין צימער.

דא זיינען געהאנגען שפּיעגלען וועלכע האבען צוריקגעשטראהלט דיא גאנצע געשטאלט און אויף א ווייסען מארמאָר־טיש זיינען געלעגען אלע קלאָפּערגעצייג פון דער קאָקעטען־וועלט.

וואלענטינע האט מאָרים'ן ערקלערט דאסזעלבע וואס מיר האבען יעצט דערקלערט דעם לעזער. מאָרים האט אויך בעמערקט, דאס דיא טהיר וועלכע פיהרט צום שפּיעלצימער האט אינוועניג א ריגעל.

— וויא שעהן דא איז! — האט ער ענדליך געזאגט — מען זעהט גלייך דאס א פרוי פון געשמאק האט דאס אלעם איינגעריכטעט.

— מיר מוזען אבער פון דאנען אוועקגעהן, מיין פריינד — האט וואלענטינא געזאגט — עס טויג ניט מען זאל אין זאל בעמערקען, אז מיר זיינען דארט ניטאָ און מען זאל וועגען אונז רעדען. דיא וועלט איז אזוי שלעכט! זיי קענען נאך זאגען, דאס איך בין אין דיר פערנאררט — האט זיא לאַכענדיג צוגעזעצט.

אין סאַלאָן האט מאָרים געטראָפען דעם וויקאָנט ד'ארפּעל ווען ער האט געדריקט דיא האנד; אן דעם ארעם פון וויקאָנט האט זיך נאכגעהאנגען דער קליינער פּאסקאַל, זיך שטיקענדיג און הוסטענדיג און פערזיכערנדיג יעדערן, דאס ער איז שטארק וויא אייזען.

נייע געסט זיינען ערשיענען און וואלענטינא איז זיי געגאַנגען אנטקעגען.

— איהר זייט אלזאָ בעקאנט געוועזן מיט דער שעהנער ברעסאָל? — האט געפרעגט ד'ארפּעל.

— געוויס, שוין זייט א יאהר! — האט מאָרים געלאַכט.

— אלע טייפעל! אבער קענט איהר האלטען א סוד! ערשט דא מוז מען ערפאהרען וויא נאהענט איהר זייט מיט דער שעהנער פרוי, וועלכע שפּארט זיך אָפּ אזוי שמאכטענדיג אן אייער אָרעם.

— מאָרים האט געשמייכעלט.

— האט זיא ניט א טאָכטער צו פערהייראַטהען? — האט ער געזאגט.

www.libtool.com.cn

— א פראכטפאָלעם מיידיל'מיט א ריעזיגען נדן — האט פּאסקאל אריינגערעדט. ד'ארפעל האט גענעבען מאָריס'ן א פריינדליכען קלאפּ אויף'ן שולטער.

— איהר זייט מיר א חכם פון חכם=לאנד! — האט ער געלאכט — איהר שדכן'ט זיך צו דער מוטער אום צו בעקומען דיא טאָכטער! דאס איז ניט ני', אבער גוט איז עס. מיינען בעסטען גליקוואונש.

— איך פערדיען זיי אפילו ניט, אבער איך נעהם זיי אן — האט מאריס געענטפערט פריילּיך.

דיא שטונדען זיינען לוסטיג אריבער איינע נאך דיא אנדערע, עס איז שוין געווזען ציעמליך שפעט און מאָריע איז מיט יעדער שטונדע געוואָרן אימער אונרוהיגער. זיא איז געקומען און געגאנגען, האט אלע וויילע געריכטעט איהר בליק צום טיר פון הויפּט־איינגאנג, אבער אלבערט גיבריי איז ניט געקומען.

וואַלענטינע און מאָריע, מאָריס וואסייר און לודאָוויק ברעסאָל האבען זיך אלע איינגעפונען אין גרויסען זאל, אבער ניט איינער נעבען אנדערן, אלס א שווייצער האט אנגעמעלדעט: הערר גאבריעל סערוועט, הערר פּאול גיברייי, הערר אלבערט גיבריי.

דריי פערזאָנען האבען אויפגעציטערט ביין קלאנג פון דעם נאמען: מאָריע פון פריידע, וואַלענטינא פון שרעק, און מאָריס פאר ערשטוינען. מאָריס'עס פריידע דארף קיינע ערקלערונג. מאָריס האט געציטערט ביים אנבליק פון דעם אונטערזוכונגס-ריכטער, וועלכער האלט פיעלייכט אין האנד דעם שיקזאל פון מערדער פון פערלאשעז, און דער מערדער איז ער. דיא אורזאכע פון וואַלענטינעס שרעק וועט זיך דער לעזער אויך געווים ערראינערן. דער נאמען גיבריי האט אין וואַלענטינע'ס הערץ געמוזט דערוועקען דיא עראינערונג אן יענעם מאן, וועלכען זיא האט אמאל געליעבט און פערלאסען נור אוים קאפּריז, וועלכען זיא האט שוין זייט 20 יאהר געהאט פערלאָרן פון דיא אויגען, און פיר וועמעס קינד זיא איז געוועזען מוטער. זיא איז געוואָרן בלאס וויא א לייכע און איז קוים איינגעשטאנען אויף דיא פיס. איינער פון דיא געסט האט עס בעמערקט, און האט געאיילט זיא צו שטיצען: „וואס פעהלט אייך, מאדאם?“

דיעזע ווערטער האבען וואַלענטינא געבראכט צו זיך; מיט דער אנשטרענגונג פון איהר גאנצער ווילענסקראפט האט זיא זיך צוזאמענגענומען און האט זאָגאר געשמייכעלט, אלס זיא האט געענטפערט: „אָ, איך דאנקע, דאס איז נור פון דער היטץ אין זאל, עס איז שוין פאָראיבער“.

לייכט און גראציעז איז זיא געגאנגען ווייטער, קלערענדיג ביי זיך: „ניט־שוין־זשע אין דאס דערזעלביגער פּאָול גיבריי? וויא קומט ער אין מיין הויז? ווער האט איהם איינגעלאדען? ברעסאָל מוז איהם קענען! וויא אונאנגענעהם דאס איז, זיך מיט דיעזען מאן צוזאמענצוטרעפען נאך אזא לאנגע צייט!“

מיט שרעק האט זיא געטראכט פון דעם אויגענבליק, ווען איהר מאן וועט איהר פאָרשטעלען דעם העררן גיבריי. זיא וויים דאס זיא האט זיך אונטער דער צייט ניט זעהר פיעל פערענדערט, דער שפּיעגעל זאגט עס איהר, און גיבריי מוז זיא דערקענען גלייך אויפ'ן ערשטען בליק. וויא וועט זיא דיעזען בליק אריבערטראגען? וועט זיא קענען פארבארגען איהרע אונרוהע, איהרע אויפרעגונג? און וויא וועט זיא דאס קענען דער־

www.libtool.com.cn

קלערען איהר מיסטרוויאישען מאן, ווען ער וועט איהר פערלעגענהייט בעמערקען? אבער דאס איז נאך ניט אלעס! וועט איהר אמאהליגער געליעבטער ניט ריידען פון דער פערגאנגענהייט? וועט ער זיך ניט נאכפרעגען נאך דעם קינד, וועלכעס איהר ברודער דהארוויל האט פון איהר געריבט, אום עס פון דער גרויזאמער מוטער צו רעטען? וויא זיא האט דיא זאכע ניט בעטראכט, האט זיא אלץ געפונען איהר לאגע אלס א זעהר שוויערינע, און פול פון געפאהר. פון דעסטוועגען אבער האט זיא ביי זיך בעשלאסען ניט צו פערליערען דעם מוטה און צו געהן דרייסט אנטקעגען דעם שטורם וועלכער האט געזאלט אויסברעכען.

דאס אלעס איז פארגענאנגען אין וואלענטינעס קאפף אין א פערלויף פון א פאר מינוטען. זיא האט זיך דערהוילע ערהאלט פון איהר שרעק און פערווירונג און האט געווארפען א בליק אויף דיא נייע געסט. זיא האט געזעהן פון וויטען איהר מאן פלוידערנדיג מיט זיי, און יעצט איז אויך מאריע צו זיי צוגעקומען. פריינדליך האט זיא געגעבען דעם מאהלער סערוועט און אלבערט דיא האנד, און האט געמאכט דעם פיינסטען קניקס וואס זיא האט געלערנט אין פאנסיאן פאר העררן פאול גיבריי, וועלכער האט זיא בעטראכטעט מיט נייגירדע און סימפאטהיע.

דער אונטערזוכונגס־ריכטער האט נור געדארפט איינינע מינוטען אום זיך צו מאכען א בעגריף איבער לודאוויק ברעסאל, און דער אורטהייל איז געווען פיר ברעסאל זעהר גינסטיג. „ער שיינט צו זיין איין זעהר רעכטשאפפענער בירגער“, האט גיבריי ביי זיך געטראכט, „איין פארמרעפליכער פאמיליענפאטער; וואס מאריע אנבעטרעפט, האט אלבערט קיין האר איבערטריעבען, ווען ער האט זיא געפונען רייצענד“.

אין פיעבערהאפטער אויפרעגונג איז וואלענטינא געבליעבען שטעהן הינטער א וואזע מיט בלומען, און האט אלעס גענוי בעאבאכטעט. זיא האט געזעהן וויא אלבערט האט געדריקט איהר טאכטער זיין ארעם, און מיט וואס פאר א גליקליכען שטראהלענדען געזיכט זיא האט דעם ארעם אנגענומען. אויך אלבערט'ס געזיכט האט געשטראהלט פאר פריידע.

מאדאם ברעסאל האט געפיהלט וויא א קעלט געהט איהר איבערן לייב. איינער האט צו איהר גערעדט, זיא האט אבער קיין ווארט דער פון געהערט. א הר מאן האט געווארפען זיין בליק דורכ'ן זאל, זוכענדיג זיינע פרוי, אום איהר פארצושטעלען דיא נייאנגעקומענע געסט; ענדליך האט ער זיא דערזעהן און איז צו איהר געגאנגען. זיא האט אראפגעלאזען דיא אויגען צו דער ערד און איז נעבליעבען וויא צוגעשמידט אויף איהר פלאטץ. זיא האט געזעהן איהר מאן, גיבריי, מאריע און אלבערט קומענדיג צו איהר, און עס איז ניט געוועזען קיין ענטרינען, זיא האט געמוזט אריבערקומען דיא פארשטעלונג.

געהענדיג האט מאריע איינגעראמט אלבערט'ן אין אויער: איהר וועט דא יעצט מאכען דיא בעקאנטשאפט פון מיין מוטער; זייט מיט איהר ליעבענסווירדיג; איך וואלט אזוי וועלען איהר זאלט ווערען מיט איהר גוטע פריינד.

אין דעם טאן, וויא מאריע האט דיא ביטע אויסגעשפראכען, האט זיך געהערט עטוואס אונרוהע; אבער דער יונגער מאן, וועלכער האט געפיהלט מאריע'ס ארעם אין

www.libtool.com.cn

זייגעס, און האט דיא גאנצע וועלט ארום זיך געזעהען אין א ראָזיגען גלאנץ, איז אויף מאריע'ס טאָן ניט אויפמערקזאם געווארען.

מאריס, וועלכער איז פון דער נאטור געוועזען א גוטער בעאָבאכטער, האט אלעס געזעהן פון זיין פלאטץ. ער האט בעמערקט ויא גאבריעל סערוועט האט בעקאנט געמאכט גיברייי מיט ברעסאָל, ער האט געזעהן דיא פלאמען פון לעבע אויפלייכטענדיג אין מאריע'ס אויגען, אלס זיי האבען געקוקט אויף דעם יונגען גיברייי, ער האט אויך בעטראכט וויא אזוי דער הויז-ווירטה זכט וואלענטינען מיט דיא אויגען, און ער האט זיך ניט געקענט אפּוואונדערן אויף דיא זאָנדערבארע האלטונג פון וואלענטינע. ווארום איז זיא אזוי בלאס און צערשטרייט? ווארום בעוועגט זיא זיך אזוי אונזיכער? — האט ער זיך געפרעגט, און האט אנגעהויבען נאך אויפמערקזאמער אלעס צו בעטראכטען.

אלס ברעסאָל מיט דיא געסט זיינען געוועזען נור איינינע טריט וויט פון וואלענ־טינע, האט זיא זיך דאך צוזאמענגענומען, און האט מוטהיג אויפגעהויבען דעם קאפּ. „פיעלייכט האט ער מיך דאך פערגעסען“ — האט זיא זיך געטראכט. — „פיעלייכט דערקענט ער מיך דאך ניט!“

דער אונטערזוכונגס-ריכטער איז איהר פארגעשטעלט געווארען. דיעזער האט זיך פערנייגט, ניט בעטראכטענדיג גענוי איהר געזיכט, און איז געבליעבען גאנץ רוהיג.

לודאָוויק ברעסאָל האט איהר דאן אויך פאָרגעשטעלט גאבריעל סערוועט, זאָ־גענדיג: „הערר סערוועט, וועמעס נאמען און טאלענט דוא האסט שוין געהערט, מאהלט יעצט דאס בילד פון אונזער מאריע, וועלכעס וועט זיין איין הערצליכעס קונסט-ווערק“.

— דיא הערען זיינען מיר ווילקאָמען! — האט וואלענטינע געענטפערט שוין גאנץ בערוהיגט. זיא האט פרייער אויפגעאטהעמט, אלס זיא האט איינגעזעהן דאס גיברייי איז געבליעבען גאנץ רוהיג און איז ניט אויפגעשפרונגען ביין קלאנג פון איהר שטימע. זיא האט זיך גערעכענט, דאס וואהרשיינליך האט ער פערגעסען וויא זיא האט אויסגעזעהן, אדער ער דיינקט פיעלייכט דאס זיא איז עטוואס עהנליך צו יענער וואס ער האט אמאָל געקאנט.

— און איך, מאמא, שטעל דיר פאָר א שילער פון הערען סערוועט — האט מאריע זיך ארייינגעמישט — הערר אלבערט גיברייי, וועלכער ווינשט הערצליך דיינע בעקאנטשאפט צו מאכען.

— עס פרייט מיך! — האט מאדאם ברעסאָל מיט א שמייכעל געענטפערט.

אלבערט האט זיך פערנייגט, ער האט געפונען אז מאדאם ברעסאָל איז מערק־ווירדיג שעהן, אבער ניט בעזאנדערס אנגענעהם.

ביי דיא לעצטע ווערטער פון וואלענטינא האט דער אונטערזוכונגס-ריכטער דאך אויפגעציטערט, און האט גערוכטעט א שטארען, דורכדרינגענדען בליק אויף דיא דאמע, וועלכער ער איז פארגעשטעלט געווארען. דיא שטימע האט אין איהם וואס דערוועקט, האט עטוואס בעריהרט אין זיין אינערן. ניט-שיינזשע איז דאס וואלענטינע דהארוויל? איז דאס מעגליך אז זיא שטעהט איהם איצטער אנטקעגען?

אויך וואלענטינע האט אויפגעהויבען איהרע אויגען, און זיערע בליקען האבען

www.libtool.com.cn


זיך בענענענט. הערר גיברייא איז נעווארען טויטענבלאס און האט זיך א חאפ געטהאן מיט דער האנד פארן שטערן, אויף וועלבען א קאלטער שוויים האט ארויסגעשלאגען אין גרויסע טראפענס. איהם האט זיך אויסגעדוכט, דאס ער זעהט א בייזען טרוים.

— איך האב צו פריה געהאפט — האט וואלענטינא געטראכט און האט אויך לייכט אויפגעציטערט — ער דערקענט מיך דאך!

— איך עזעל וואס איך בין! — האט מאריס זיך אליין געשימפפט — פאר וואס האב איך דאס פריהער ניט איינגעזעהן, איך וויים דאך די גאנצע מעשה! דער שטרענגער אונטערזוכונגס־ריכטער דערקענט אין מאדאם ברעסאל די געליעבטע פון זיין יוגענד! דאס קען נאך מאכען אונזער זאכע פיעל פערוויקעלטער. צום גליק וויים ער ניט וואו סימאנע איז און אויב זיא איז דא.

די ערשטע ערשיטערונג איז שוין וואלענטינע פריהער איבערגעקומען, און דערי־בער האט זיא זיך פריהער צורעכט געפונען אלס גיברייא. פאר אלעם האט זיא געמוזט זעהען דאס ברעסאל זאל קיין זאך ניט מערקען פון דעם שטומען שפיעל און האט זיך דעריבער געווענדעט צו גיברייא, וועלבער איז געשטאנען וויא א פערשטיינערטער:

— איהר שיינט ליידענד צו זיין, מיין הערר, — האט זיא געזאגט מיט דעם אויסדרוק פון דער אויפריכטיגסטען טהיילנאהמע — די היטץ איז אזוי שטארק, דאס איך בין אליין שיער אין אהנמאכט ניט געפאלען. דארפט איהר פיעלייכט עטוואס פרישע לופט?

— איך דאנקע, מאדאם — האט גיברייא געענטפערט מיט אונזיכערער שטימע. דאס איז גאר ניט, נור עטוואס מיעדיגקייט, פיעלייכט אויך די היטץ; אבער עס איז שוין פאראיבער!

— ווירקליך, פאטער? — האט אלבערט נעפרעגט מיט בעזארגניס.

— יא, געוויס, איך בין ווידער גאנץ ביי זיך.

— דוא ביזט פלוצלונג אזוי בלייך געווארן, דאס איך האב מיך דערשראקען.

— זיי רוהיג, מיין זאהן, איך פיהל ווידער גאנץ גוט.

ביי זיך אבער האט הערר גיברייא געטראכט: „עס איז ניט מעגליך! דאס מוז געוויס זיין איינע עהנליכקייט וועלבע האט מיך געמאכט גלויבען אז דאס איז זיא. וויא קען וואלענטינא דהארוויל זיין די פרוי פון איין בראוון מאן און האבען א רייצענדע טאכטער און פיהרען א גליקליכעס פאמיליענלעבען? וויא קומט דיזעס יענע פערדאר־בענע, לאסטערהאפטע פרוי, וועלבע קען זיך אפילו ניט ענטשולדיגען מיט דער ליעבע? ניין, דאס מוז ניט זיין זיא“.

— דא קומען צוויי אלטע פריינדע, ליעבע וואלענטינא — האט הערר ברעסאל זיך געווענדעט צו זיין פרוי, איך מוז זיי עמפפאנגען, און איך לאז דיר איבער העררן גיברייא.

מיט די ווערטער איז ער געגאנגען צוריק צום טהיר, ווערענד גיברייא האט ווידער לייכט אויפגעציטערט. ער רופט זיא „וואלענטינא“, איך האב מיך אלזא ניט געאיררט, דאס איז זיא!

www.libtool.com.cn


דאס אָרקעסטער אין קליינעם זאל דערביי האט אנגעהויבען דעם פאָרשפּיעל צו א קאדריל.

— הערר גיבריי! — האט מאריע אויסגערופען צו אלבערט מיט קינדליכער פריידע — דאס איז דער טאנץ וואס איך האב אייך פערשפּראָכען, מיר מוזען שנעל געפינען א וויז־א־ווי (אנטקעגען־פּאר). קומט שנעל!

און דיא ביידע יונגע לייט זיינען פערשוואונדען, אויסזעהענדיג איינער גליקליכער פון אנדערן.

— דאס מיידיל וועלכעס אלבערט ליעבט און וויל הייראטהען, איז דיא טאָכטער פון דער פרוי — האט דער אונטערזוכונגס־ריכטער געזאגט צו זיך מיט ביטערקייט — וואס פאר א בייזער שפּאס פון צופאל!

וואלענטינא האט געפּרופט מאכען א גוטע מיענע צום בייזען שפּיעל, און האט געזאגט צו איהר אמאהליגען געליעבטען:

— ווילט איהר מיר רייכען אייער אָרעם, הערר גיבריי?

דער אונטערזוכונגס־ריכטער, וועלכער איז אלס בעאמטער שוין צוזאמענגעטראָפען מיט גענוג פרעכהייט און פערוועגענהייט, האט זיך גיט געקענט גענוג אפּוואונדערן איבער דיא פרעכהייט פון דיעזער פרוי, און זיא האט איהם אויסגעוויעזען צו איבערשטייגען אלעם וואס איהם איז ביז איצטער פאָרגעקומען. אליין ניט פיהלענדיג האט ער איהר אויסגעשטרעקט זיין אָרעם; קוים אבער האט ער דערפיהלט איהר ארעם אין זיינעם, האט ער לייכט אויפגעשוידערט, און עס איז איהם דונקעל געווארען אין דיא אויגען. מאדאם ברעסאָל איז נעגאנגען עטוואס פאָרווערטס און ער האט זיך געלאזען פון איהר פיהרען, און נאך אמאל האט ער זיך געפרעגט, אויב ער איז וואך אדער ער טרוימט.

מיט איין מאל איז וואלענטינע געבליעבען שטעהן און מיט דער אנמוטהיגסטער בעוועגונג האט זיא זיך צוגעבויגען צו איהר קאוואליער און האט איהם שטיל געזאגט: „הערר גיבריי, מיר האבען זיך פיעל צו זאגען איינער דעם אנדערן!"

— איהר דיינקט אזוי, מאדאם? — האט ער געענטפערט און האט זיא אנגעקוקט ערשטוינט.

— איך וויים עס גאנץ בעשטימט, אבער קיינער דארף אונז ניט הערן; קומט, הערר גיבריי!

און דער אונטערזוכונגס־ריכטער האט זיך ווידער געלאזען פיהרען פון מאדאם ברעסאָל, צו דעם פלאטץ וואו קיינער זאל זיי ניט הערן.

מאָריס האט דיא גאנצע צייט קיין אויג ניט אראפּגעלאזען פון זיי ביידען. אלס וואלענטינע האט זיך צוגעבויגען צו גיבריי אום איהם עטוואס צו זאגען, האט מאָריס גלייך פערשטאנען אום וואס דא האנדעלט זיך, ער האט געוואוסט ווער ביידע זיינען איינער צום אנדערן און האט לייכט פערשטאנען, דאס נאך אזא איבעררּאשונג וויא יעדערער פון זיי האט יעצט געהאט, מוז צווישען זיי קומען צו איין ערקלערונג. ער האט זיך דעריבער שנעל אריינגעחאפּט אין קלענערן שפּיעל־זאל, וואו יעצט איז קיינער ניט געוועזען, אזוי וויא אלע האבען טהייל גענומען אין דיא טענץ, אדער בעאָבאכטעט דיא

www.libtool.com.cn

טענצער, און פון דארטען איז ער אריין אין קליינעם טואלעטען־צימער, וואו ער האט זיך שנעל פערבארגען אונטער א דיוואן. קוים איז ער געלעגען אונטען זיינען אריינגע־קומען וואלענטינע מיט ניברייט אין שפיעל־זאל, און דיא טהיר האט זיך הינטער זיי צוגעשלאסען.

— דא קענען מיר זיך דורכריידען אז קיינער זאל אונז ניט הערן — האט וואַ־לענטינע בעמערקט.

מאָרים האט געהערט יעדעס וואָרט. „דא זיטץ איך מיר אין דער ערשטער רייהע, און דיא שוישפיעלער וועלען מיר אויפפיהרען א פיין שטיקעל — האט ער גע־לאכט צו זיך אליין — קיין בעסערן פלאטץ האב איך מיר גאר ניט געקענט ווינשען".

א ווייכע זיינען ביידע געשטאנען שטיל, דאן האט הער גיבריי אנגעפאנגען זעהר ערנסט און לאנגזאם: „איך האב מיך אלזא ניט געאיררט, מאדאם! וואס מיר האט אויסגעוויעזען אונמעגליך איז ווירקליך וואהר!"

— איהר האט אייך ניט געאיררט — האט מאדאם ברעסאל געענטפערט — מיר האבען זיך איינער דעם אנדערן דערקענט אויפ'ן ערשטען בליק, אבגלייך צוויי־און־צוואנציג יאהר זיינען פערפלאסען צייט מיר האבען זיך צום לעצטען מאל געטראָפען. איך בין וואלענטינע דהארוויל, פערהייראטהעט, איינע אנגעזעהענע, עהרענהאפטע פרוי און מוטער. איהר זייט פאול גיבריי, דער יונגער אדוואָקאט פון אמאל, וועלכער האט געהאט דיא בעסטע אויסזיכטען צו ווערען בעריהמטער יוריסט, און איז עס אויך געוואָרען.

— מאדאם! — האט איהר גיבריי אונטערבראָכען.

— איך בעט אייך, לאזט זיך מיך פריהער אויסריידען. א צופאל, וועלכער האט זיך אונז ביידען ניט געחלומט און וועלכען מיר האבען ביידע געוויס ניט געוואונשען, האט אונז דא היינט צוזאמענגעפיהרט. איהר האט געהאט גענוג זעלבסט־בעהערשונג זיך ניט צו פערראטהען און אויך איך האב געהאט דיא נעטהיגע רוהע. דאס איז געווען א גליק פיר אונז, דען נעבען מיר זיינען געשטאנען מיין מאן און מיינע טאכטער, ער איין פאָרטרעפליכער, ווירדיגער מאן, וואס איך וואלט אויף קיין פאל ניט וועלען פערליערן זיין צוטרויען און מיין טאָכטער, איין אונשולדיגעס קינד, וועלכעס האט איין הערץ אזוי גוט וויא איהר געזיכט איז שעהן און פערדיענט געליעבט און אנגעבעטעט צו ווערן. איך האב עס צו פערדאנקען מיין מאן, מיין טאכטער און מיין אינערליכען אומוואנדלונג, דאס איך עראינערע מיך יעצט נור רויט־ווערענדיג מיינע פערברעכערישע דומהייטען פון א מאהל און איך וואלט גערן אוועקגעבען א טהייל פון מיין לעבען, ווען איך זאל קענען יענע עראינערונג פון מיין פערגאנגענהייט אין גאנצען אויסמעקען. פאר אייך שטעהט יעצט ניט וואלענטינע ד'הארוויל יענע שוואכע, לייכטזיניגע חוה'ס טאכטער וועלכע האט אייך געליעבט, אדער האט מינדעסטענס געגלויבט, אז זיא ליעבט אייך, זאנדערן א פרוי, וועלכע איז דורך נאכדענקען געזעצט געווארן, דורך חרטה אויף דיא פערגאנגענהייט פעסט געווארן און וועלכע איז פרוי און מוטער. איך וויס דאס איהר זייט איין עהרענמאן, הערר גיבריי און האף דאס איהר וועט עס וויסען צו שעטצען. דעריבער האב איך אויך געזוכט צו האבען מיט אייך דיעזע אונטעררעדונג. איך פער־

www.libtool.com.cn

לאנג פון אייך אין נאמען פון אייער עהרע, איהר זאלט עס פערגעסען פונקט וויא איך האב עס פערגעסען, דאס מיר האבען זיך אמאהל געקענט. ווילט איהר מיר דאס צו זאגען, הערר גיבריי?

— ניין, מאדאם! — האט גיבריי געענטפערט קאלט.

דערשראקען האט איהם וואלענטינע אנגעקוקט.

— איהר ענטזאגט מיר דאס? — האט זיא געשטאמעלט.

— פיעלייכט שפעטער וועל איך אייך דאס צוזאגען, פריהער אבער וויל איך אייך עטוואס פראגען.

— מיך פראגען? — האט וואלענטינע איבערגעפרעגט קנייטשענדיג דיא שטירן, איהר ווילט מיך פראגען אלס אונטערזוכונגס-ריכטער? איך בין קיינע אנגעקלאגט.

— זאל אייך דאס דאכטען, אז איהר זייט עס יא.

— דאס קען איך ניט; אבער וואס ווילט איהר מיך פראגען?

— איין זאנדערבארער צופאל האט מיך געבראכט אהער אין הויז און האט מיך צוזאמענגעפיהרט מיט א פרוי, וועלכע איך האב אמאהל לײדענשאפטליך געליעבט; אבער פון דענסמאהל אן בין איך פיעל ערפאהרענער געווארען, האב מעהרער דערקענט דיא וועלט און דיא מענשען און איך וואלט אן דיעזע פרוי געוויס שוין לאנג אין גאנצען פערגעסען, ווען ניט א געוויסער אומשטאנד זאל שטענדיג דערוועקען אין מיר דיא פיינליכע ערינערונג. איהר קענט מיך אבער פון דיעזער שמערצליכער ערינערונג בעפרייען. איהר פערשטעהט שוין געוויס, וואס איך מיין! דיא שוואכע לייכטזיניגע חוה'ס טאכטער, וויא איהר אליין דריקט זיך אויס — געפין איך ווידער פערהייראטהעט צו א רעכטשאפענעם מאן, אליין געאכטעט און מוטער פון א רייצענדער טאכטער. מיין גרעסטען רעספעקט פאר אלעם וואס פערדיענט רעספעקטירט צו ווערען: אין אייביגעם שטילשווייגען, אין אייביגעם פערגעסען וועל איך גערן צו שווערען, אבער מיט איין בעדינגונג: דיא נעגענוואַרט, דער „איצטער" זאל מיר הייליג זיין, דיא פערגאנגענהייט געהערט מיר. מאדאם ברעסאל האט ניט פאר מיר וואס מורא צו האבען, אזוי שנעל וויא וואלענטינע דהארוויל, מיין אמאהליגע געליעבטע, וועט מיר ענטדעקען, וואס האט זיא געמאכט מיט אונזער קינד?

וואלענטינע האט האסטיג אויסגעשטרעקט דיא רעכטע האנד און האט געוואלט ענטפערן, אבער גיבריי האט איהר ניט געגעבען קיין צייט דערצו. „עס זאל אייך ניט איינפאלען מיך צו נארען — האט ער געזאגט — עס וועט זיין אומזיסט אייער מיה. איהר זאלט מיר ניט וועלען איינרעדען, דאס איך האב א טעות, דאס איהר זייט דאן אנטלאפען פון מיר, אום זיך נור צו רעטען פון מיין אייפערזוכט און נאך אזעלכע זאכען. איך וועל אייך אייך זאגען, אז דאס איז ליעגען, דען איך האב בעוויזע, אז א קינד האט עקזיסטירט.

— בעוויזע? — האט וואלענטינע איבערגעפרעגט, אנקוקענדיג דעם אונטערזוכונגס-ריכטער מיט צווייפעל און מיסטרויע.

— יא, בעוויזע? איך האב פערפאלגט אייער שפור און האב אייך ערשט פיעל שפעטער פערלארען פון מיינע אויגען. איך האב אויסגעפארשט דיא פרוי, ביי וועמען

www.libtool.com.cn
אין הויז איהר האט דאס קינד געבארען און וועלבע איהר האט געבעטען זיא זאל דאס קינד לאזען פערשווינדען, וויל עס קען אייך אמאהל זיין אין וועג.

מאדאם ברעסאָל האט איינגעזעהן אז מיט לייקענען וועט זיא דא ניט מאכען.

— איהר ווייסט אלזא אלעס! — האט זיא געזאגט — ווען אזוי ווייסט איהר דאך אויך געוויס דאס מיין טאָכטער איז מיר דאן נערויבט געווארען דריי טעג נאך איהר געבורט?

— איך האבווירקליך אויך געהערט דאס אייער ברודער האט פון אייך צוגע־נומען דאס קינד און האט פארלאזען פראנקרייך.

— בין איך אלזא שולדיג אין א פערברעכען?

— יא, דען איך האב דיא באבע־מעשה קיינמאל ניט געגלויבט.

— און זיא איז דאך וואהר. איך האב באלד נאך דעם ערהאלטען א בריעף פון מיין ברודער אין וועלכען ער האט מיר געשריעבען, דאס ער האט צוגענומען פון מיר מיין טאָכטער, אום איהר צו ערשפּארען א צוקונפט פון שאנדע און פיר זיא צו זארגען.

— האט איהר יענעם בריעף? — האט ניברוי געפרעגט לעבהאפט.

— וואס פאלט אייך איין? איך וועל דאך ניט האלטען אזא בריעף וואס קען מיך אמאל פערראטהען!

— אייער בעהויפּטונג איז אלזא מיט איין לינען מעהר.

— איך שווער אייך אז דאס איז דיא וואהרהייט!

— זאל זיין אזוי, אבער וואס איז דאן פּאָרגעקומען אין אייער הערצען? האט איהר גאר ניט געשפּירט קיין מוטער־געפיהל אין זיך? פאר וואס האט איהר קיינמאל ניט צוריקגעפאָדערט אייער קינד פון אייער ברודער?

— איך זאג אייך נאך אמאל וואס איהר האט מיר איצטער געזאגט: ארמאנד דהארוויל האט פארלאזען פראנקרייך.

— וואס איז דען? איהר האט איהם דאך געקענט שרייבען?

— איך האב ניט געוואוסט וואו ער געפינט זיך.

— דאן האט איהר געקענט קומען צו מיר! איך וואלט איהם אויפגעזוכט און וואלט פון איהם צוגענומען מיין קינד.

— איך האב ניט געוואוסט....

— לינען, ניט מעהר וויא לינען! אייער ברודער נעהמט פון אייך צו אייער טאָכטער, און איך קימערט גאר ניט וואס פון איהר איז געווארען! צוויי און צוואנציג יאהר פערגעהען, און איהר האט ניט דיא קלענסטע אהנונג, און איהר דיינקט גאר ניט וואס פון דעם קינד איז געווארען. האט אייך אייער געוויסען גאר ניט דערמאָהנט דערפון? א פרוי אהן א זעעלע איז ניט ווערטה געוועזען צו ווערן נאך א מאל מוטער! בעווייזט מיר דאס אייער ברודער האט ווירקליך גערויבט מיין טאכטער פון אייך, אדער איך וועל אייך אנקלאגען....

— און וואס קענט איהר מיך בעשולדיגען? — האט וואלענטינא געפרעגט ציטערענדיג.

www.libtool.com.cn

— דאס איהר האט ערמארדעט אייער קינד. זייערע בליקען האבען זיך צוזאמענגעטראָפען.

— איהר ווילט מיך אנקלאגען פיר איין קינדערמאָרד? — האט זיא אויפגעשריען.

— יא.

וואלענטינא האט געציקט דיא אכסלען.

— וואס וועט אייך דאס נוטצען: ערשטענס איז דיא אנקלאגע פאלש, און צווייטענס איז דאס שוין פארעלטערט און פארגעסען.

— דאס איז וואהר, לויט געזעטץ נאך איז דיא זאכע פארעלטערט, אבער פרייען זאלט איהר זיך ניט צו פריה! עס זיינען דא אנדערע וואפפען אייך צו טרעפען; איך דארף נור וועלען, וועל איך אייך פערניכטען! איהר גענִיסט איצטער אלגעמיינע אכ־טונג, ניט וואהר? מען האלט אייך פיר איינע ערליכע פרוי! וואס וועט בלייבען פון אייער עהרליכקייט און פון דער אכטונג ווען איך זאל ריידען? פון אייער הויכער שטע־לונג וועלכע איהר האט זיך ערצוואונגען וועט איהר זיך שנעל אראפקוילען צו אלגעמיי־נער פעראכטונג! איהר האט א מאנן — אבער וואס געהט ער מיך אן! איהר האט א טאָכטער! וואס קימערט עס מיך, איך האב געהאט איין אנדערע, וועלכע האט מיר געהערט! וואס איז פון איהר געווארן? איך וויל זיא האבען! איז זיא ניט פון אייך אומגעבראכט געווארן, דאן זאל זיא מיר צוריק געגעבע ווערען! איך וועל אייער ברודער אויפזוכען און איהם צווינגען מיר דיא וואהרהייט צו זאגען! אין דער שטעלונג אין וועל־בער איך געפין מיך יעצט, פעהלען מיר קיינע מיטעל און קיינע העלפער, און עס וועט מיר ניט לאנג נעהמען אויסצוגעפינען ארמאנד דהארוויל, און ווען איך הער פון איהם דאס מיין טאָכטער איז טויט, דאן וויל איך זאגען אייער מאן ווער איהר זייט.

— דאס וועט איהר ניט טהאן! — האט וואלענטינא געשריען.

— איך שווער אייך ביי מיין עהרע דאס איך וועל עס טהאן! ביז איך וועל מיין טאָכטער געפינען, טויט אדער לעבעדיג, וועל איך פערגעסען דאס איך האב אייך ווידער געזעהן, און וועל שווייגען. איך פארלאז איצטער אייער הויז און וועל אייער שוועלע ניט מעהר איבערטרעטען, ביז איך וועל קומען אייך צו שטראָפען. איידער איך געה אבער וויל איך אייך זאגען וואס מיך האט אהער געפיהרט — דיא ליעבע!

— דיא ליעבע!? — האט מאדאם ברעסאל איבערגעפרענט אין העכסטען ער־שטוינען.

— יא, דיא ליעבע פון מיין זאָהן צו אייער טאָכטער!

— אייער זאָהן ליעבט מאריע?

— ער ליעבט זיא מיט אלע קרעפטען זיינער זעעלע! ער האט געוואלט איך זאָל זיא זעהן, און איהם צוליעב בין איך אהער געקומען. איך האב זיא געזעהן, און מיך איבערצייגט, דאס זיא האט דאס הערץ פון איהר פאטער. אבער זיא איז אייער טאָכ־טער! זיא איז זאנפט, צערטליך און גוט! אבער זיא אין אייער מאָכטער! זיא איז ריין און בעשיידען, אבער זיא איז אייער טאָכטער! און אלבערט גיברייוועט קיינמאהל ניט הייראטהען דיא טאָכטער פון וואלענטינע דהארוויל ווען אפילו ער זאל שטארבען דער פון.

www.libtool.com.cn

— איהר וועט דאך אבער אייער זאָהן ניט זאגען, ווארום ער זאל עס ניט טהאן, ווארום ער זאל מאריע ניט הייראטהען — האט וואלענטינע געשטאמעלט — איהר וועט דאך ניט ארויסרופען אזא שרעקליכען סקאנדאל, אום מיך צו בעגראבען אונטער דער לאסט פון א שטראפבארע פערגאנגענהייט!

— איך האב איך שוין געזאגט, דאס ביז צום טאג פון דער שטראפע וועל איך שווייגען. מיר האבען זיך מעהר ניט וואס צו זאגען, מאדאם. מיר קעהרען צוריק אין זאל וויא לייטע וואס זעהען זיך צום ערשטען מאל. און איך נעהם פון אייך אבשיעד.

מיט א בלייכען רוהיגען געזיכט האט גיברײ געררייכט וואלענטינען זיין ארעם און זיא האט ארויף געלייגט אויף איהם איהר קאלטע האנד. לאנגזאם האט זיא געעפענט דיא טהיר און האט זיך פערלאָרן מיט איהר בעגלייטער אין דער געזעלשאפט, וועהרענד זיא האט ביי זיך געטראכט: „דיעזער מאן וועט זיך ניט לאָזען בייגען און וועט מיך צו גרונדע ריכטען, אבער איך וועל מיך שטארק פערטהיידיגען!“

אזוי שנעל וויא גיברײ און וואלענטינע האבען פארלאזען זייער אונטערערדונגס-פלאטץ, איז אויך מאָרים ארויסגעשפרונגען פון אונטערן דיוואן וואו ער איז געלעגען פערשטעקט. „זוכט נור, זוכט, הערר אונטערזוכונגס ריכטער — האט ער געטראכט — איהר מעגט אייך זוכען, אבער איך האָף אז איך וועל געפינען סימאָנע דהארוויל ניכער וויא איהר! דאן ווען איהר וועט האלטען ביין געפינען, וועט זיא שוין זיין אויף יענער וועלט, און איהר וועט האבען דעם בעוויז, דאס ניט איהר מוטער האט זיא ערמאָרדעט“.

אזוי טראכטענדיג האט זיך מאָרים אויף אריינגעמישט צווישען דיא שפאציע-רענדע אין גרויסען זאל.

מאריע האט געטאנצט מיט אלבערט א קאדריל, נאכהער א פאָלקא און האט יעצט נעהאלטען אין טאנצען מיט איהם א מאזורקא. זיא האט גאר ניט געטראכט פון אומבייטען איהר קאוואליער אויף איין אנדערן, און בעזאָנדערס נאך ווען דיעזער איז געווען זעהר געשיקט. מען איז זאגאר געווארען אויפמערקזאם אויף זיי און מען האט איינגעראמט אין אויער, דאס מאריע ברעסאָל לאָזט ניט אפ פון זיך דעם יונגען זאָהן פון דעם בעריהמטען אונטערזוכונגס-ריכטער, וועלכער איז בעאויפטראגט מיט דער אונטערזוכונג פון דעם בעריהמטען „פערלאשעז-דאפעלמאָרד“.

אינמיטען גרויסען זאל האט הער גיברײ נאך אמאל זיך פערנייגט פאר וואלענטינע און איז געגאנגען נאך דער ריכטונג צו דער גארדעראבע, וועהרענד זיא האט זיך בע-מיהט צו אונטערדריקען איהר אונרוהע און צו ווייזען א מונטערעס געזיכט. דאן האט זיא מיט דיא אויגען דורכגעזוכט דעם גאנצען זאל ביז זיא האט דערזעהן מאָריס'ן און איז צו איהם צוגעגאנגען.

נאך דער מאזורקא האט זיך מאריא געווענדעט צו אלבערט: „איך בין אזוי מיעד, און דא איז היים, מיר נעהען פיעלייכט זיך עטוואס אויסרוהען, ניט וואהר?“

— איך וויל אלעס וואס איהר ווילט!

— דאן קומט, איך פיהר אייך אין א פלאטץ וואו מיר קענען אונגעשטערט פלוידערן. האט איהר בעמערקט וויא לייטע האבען אונז בעאבאכטעט? וויא עס שיינט

www.libtool.com.cn

איז עס געוועזען אויפפאלענד וואס מיר האבען דרייא מאל נאכאנאנד געטאנצט, און דאך איז עס געוועזען גאנץ נאטירליך!

מאריע האט רעכט געהאט, דען עס זיינען ווירקליך שוין געמאכט געווארן עטליכע בעמערקונגען איבער דעם פארצוג וועלכע דיא טאכטער פון הויז ניט דעם זאהן פון אונטערזוכונגס־ריכטער, און מען האט זיך געשטויסען אז דא וועט אין קורצען זיין א פערלאבונג.

— עס איז דאך גאנץ נאטירליך! — האט מאריע ווייטער גערעדט — מיט אייך קען איך מיך שוין אזוי לאנג, מיר זעהען זיך טאג־טעגליך ביי הערן סערוועט, ווערענד דיא אנדערע יונגע לייטע זיינען מיר גאנץ אונבעקאנט.

— וואהרשיינליך ערגערן זיך דיא יונגע לייטע וועגען דעם פארצוג וועלכען איך געניעסע יעצט — האט אלבערט געזאגט.

— רעכט אויף זיי — האט מאריע געלאכט — איך זוך ניט זיי געפעלען צו ווערן, וויל זיי געפעלען מיר ניט.

— ווארום דען, מיין פריילין? איך האב בעמערקט פיעלע יונגע לייטע איף דיעזען אבענד וועלכע האבען זיך אויפריכטיג מיהע געגעבען אייך צו געפעלען.

— גראדע דערפאר געפעלען זיי מיר ניט. זייערע שמייכלערייען איבערשטייגען יעדע גרענצע פון אנשטאנד. ווען איך זאל זיי גלויבען מוז איך מיך האלטען פאר א וועלט־וואונדער.

— ווען איך זאל ניט מורא האבען דאס איהר וועט ווערען בייז, וואלט איך געזאגט דאס זיי האבען רעכט.

— אזוי, איהר ווילט זיין זייער ריטער און זיך אננעהמען זייער קריוודע?! — האט מאריע געלאכט.

— ניין, איך בין נור אויפריכטיג.

— איך האלט אייך אויך דערפאר, און דעריבער בין איך ניט בייז.

אזוי פלודערינדיג האבען דיא יונגע לייטע געלאנגט צו דער טיהר פון קלענערן זאל, וועלכען פאול ניבריי און וואלענטינא ברעסאל האבען איצטער ערשט פארלאזען.

— קומט, הערר ניבריי, — האט מאריע איהם איינגעלאדען עפענענדיג דיא טהיר — דא איז ניט אזוי הייס וויא אין זאל.

ביידע זיינען איינגעטרעטען און האבען גענומען פלאטץ אויף א דיוואן, וועלכער איז געוועזען ארומגעשטעלט מיט בליהענדע אראנזשען־בוימער. איף דעמזעלבינען פלאטץ זיינען מיט א ווײלע פריהער געזעסען מאדאם ברעסאל און הערר ניבריי.

וואס פאר איין זעלטענער נענענזאטץ! זאהן און טאכטער אנשטאט פאטער און מוטער! דיא ריינע קינדליכע ליעבע וואס איז פול מיט האפנונג און פערטרויען, אנשטאט דיא פיינליכסטע עראינערונגען און אייביגען האס! דיא שטראהלענדע צוקונפט אנשטאט דיא פינסטערע פערגאנגענהייט!

איינע אנגענעהמע קיהלקייט האט געהערשט אין דעם צימער, און דיא לופט איז געוועזען געפילט מיט דעם ריח פון בלומען.

www.libtool.com.cn

— הערר גיבריי — האט מאריע אנגעהויבען מיט א שטילער שטימע — איך וויל אייך עטוואס פרעגען, וועט איהר מיר ענטפערן אויפריכטיג?

— איך זאג אייך דאס צו.

— ווען אפילו אייער אויפריכטיגקייט זאל מיר פעראורזאכען שמערץ?

אלבערט האט זיך געשלאגען מיט דער דעה.

— זאגט עס מיר צו — האט מאריע געבעטען.

— גוט, איך וועל אין יעדען פאל אויפריכטיג זיין.

— איך דאנק אייך! אלזא, וויא איז אייך געפעלען געווארען מיין מוטער?

— עס איז ניט אזוי שווער צו ענטפערן אויפריכטיג אויף דיעזע פראגע: איך געפין אז מאדאם ברעסאל איז זעהר שעהן, אבער זיא איז פיעל וועניגער אנציהענד וויא איהר.

מאריא האט געמאכט איינע אונגעדולדיגע בעוועגונג און האט געענטפערט:

— ניט דאס האב איך אייך אייגענטליך געפרעגט. יעדערער זאגט, אז מיין מוטער איז שעהן, פיעל שענער וויא איך. דען איך האב ניט אזעלכע ריינע און אזעלכע רעגעלמעסיגע געזיכטסציגע וויא זיא. דיא פראגע פון שעהנהייט לאמיר אין גאנצען דורכלאזען, איהר זאגט מיר בעסער וואס פאר איין איינדרוק האט אויף אייך מיין מוטער געמאכט.

— וואס זאל איך אייך זאגען? איך בין געווען פערוואונדערט איבער דעם גענענזאטץ צווישען איהרע קאלטע אויגען און איהר ליעבענסווירדיגען שמייכעל; איך האב געהאט דעם איינדרוק וויא איך זעה עטוואס בעהאלטען אין איהר בליק אין דעם לייכטזין שפאט וועלכער האט געשפיעלט ארום איהרע ליפען. ווען איהר האט מיך פארגעשטעלט פאר איהר, זיינען איהרע ווערטער געווען העפליך, אבער דער קאלטער אויך=מיין=דאנגה=טאן פון איהר שטימע האט געקלונגען ניט פריינדליך. איין אויגענבליק האט עס מיר אויסגעוויעזען דאס מאדאם ברעסאל איז ניט צופריעדען וואס איך שטעה נעבען איהר.

— וואס רעדט איהר דא?! — האט דאס יונגע מיידיל אויסגערופען אין שרעק.

— איך שילדער אייך נור דעם איינדרוק וואס איך האב ערהאלטען, ווייל איהר האט עס פון מיר פערלאנגט....

— מיין מוטער געפעלט אייך אלזא ניט?

— איך האב פיעל מעהר מורא, אז איך געפעל איהר ניט.

— אבער ווארום? מיין מוטער קען דאך אייך נאך גאר ניט, האט גאר ניט געוואוסט פון אייער עקזיסטענץ, וויא אזוי קען זיא עטוואס האבען גענען אייך?

— ערקלערן קען איך מיר דאס נאטירליך ניט — האט אלבערט געענטפערט לעבהאפט — אבנייגונג קען אזוי וועניג בערעכענט ווערען וויא דיא ליעבע! ווארום האב איך געפיהלט מיין הערץ ציהען, און מיין גאנצע זעעלע געקעהרט צו אייך, אלס איך האב אייך צום ערשטען מאל געזעהן אין סערוועטס אטעליער? ווארום האב איך געציטערט, אלס איך האב געהערט דעם קלאנג פון אייער שטימע? ווען איהר זאלט פערלאנגען דער פאר איינע ערקלערונג קען איך אייך זיא ניט געבען!

www.libtool.com.cn

— און איך קען עס! — האט מאריע געענטפערט, וועהרענד דיא לייכטע רויט־קייט און דיא אראפגעלאָזענע אויגען האבען גראדע בעוויעזען אז זיא קען דאס ניט.

— לאזט מיך הערן! — האט אלבערט געבעטען אין זיסער אויפרעגונג.

— דאס איז געווען צונייגונג, פריינדשאפט.

— זאגט בעסער אז דאס איז געווען דיא ערוואכענדע ליעבע וועלכע האט מיך ערגריפען — האט אלבערט לײדענשאפטליך אויסגערופען — דען איהר ווייסט דאך דאס איך ליעב אייך!

מאריע האט געוועכסעלט דיא פארבע פון איהר געזיכט, איז געוואָרן אבוועכס־לענד בלאס און רויט, און אויפהויבענדיג איהרע שטראהלענדע אויגען אויף אלבערט, האט זיא געזאגט זעהר שטיל: „מיר זיינען נאך ביידע זעהר יונג, און קענען נאך ניט דאס לעבען, פיעלייכט טהוען מיר אונרעכט אזוי צו ריידען!“

— ניין, מאריע! — האט אלבערט געענטפערט, ציהענדיג דאס רייצענדע קינד צו זיך — עס איז אמת, מיר זיינען יונג, אבער דאס איז נאך בעסער פיר אונזערע ליעבע! מיר האבען נאך לאנגע יאהרען פון גליק פאר אונז, ווען דוא וועסט ערשט ווערען מיין פרוי.

— דיינע פרוי! אַ וואס פאר א זיסער טרוים! — האט זיך געהערט שטיל, ווי אין הויך, איבער מאריעס ליפען.

איהר שיינער קאָפּ האט גערוהט אויף אלבערט'ס ברוסט, און ער האט זיא ליי־דענשאפטליך געקושט אויף איהרע אויגען און שטערן, וועהרענד זיא האט וויעדערהאָלט ציטערנדיג און גאנץ שטיל: „דיינע פרוי!“

— מיין פאטער איז היינט געקומען אהער מיט דער איינציגער אבזיכט דיך צו זעהן, און צו מאכען דיא בעקאנטשאפט פון דיינע עלטערן — האט דער יונגער מאן דערציילט — דען איך האב איהם דערציילט פון מיין ליעבע צו דיר און פון מיינע בלע־נער אויף דיא צוקונפט, דאמיט ער זאל נאר אין קורצען בעטען דיינע האנד פיר מיך ביי דיינע עלטערן.

— און דוא גלויבסט אז מיין מוטער איז פון דיר ניט צופריעדען — האט זיא געזאגט מיט אונרוהע — וואס וועט זיין ווען זיא וועט ניט וועלען צושטימען?

— דאס וועט אונזער פערבינדונג ניט צושטערן, דען איך גלויב אז דיין פאטער איז פיר אונז, און ער וועט זיין ווילען דורכפיהרען.

— דוא האסט רעכט, אלבערט, מיין פאטער איז גוט, ער לעבט נור פיר מיך און מיין מוטער....

— דיין מוטער וועט מוזען נאכגעבען — האט איהר אלבערט אונטערבראכען — דוא ליעבסט מיך דאך, מאריע?

— אויב איך ליעב דיך! פון גאנצען הערצען, מיט דער גאנצער זעעלע!

— קענסט נאכדעם געהערן א מאהל צו איין אנדערן?

מאריא איז בלאס געווארען ביי דעם געדאנקען.

— בעסער שטערבען! — האט זיא געזאגט.

— דוא ליעבסט מיך אלזא גענוג היים, אום דיינער מוטער צו וויעדערשטעהן?

www.libtool.com.cn

— מיר שיינט דאס איך וואלט פעהיג געווען אויפצוטרעטען געגען דיא גאנצע וועלט פיר דיך, זעלבסט געגען מיין פאטער.

— דאן האבען מיר ניט וואס צו פירכטען! דיא צוקונפט געהערט אונז; דוא ועסט זיין מיינע געליעבטע פרוי! — און ווידער האט דער יונגער מאן זיא געצויגען צו זיין ברוסט און צום צווייטען מאהל האבען זיינע ליפען בעריהרט איהרע צארטע הויט.

— מיר מוזען געהן צוריק אין זאל! — האט מאריע געזאגט זיך אויפהאפענדיג.

— קום, געליעבטע!

פריילין מאריע האט גענומען אלבערטס ארעם און בערוישט פון ליעבע, גליק און האפנונג, האבען זיי זיך ווידער געמישט אונטער דיא געסט.

פאול גיבריי האט פארן אוועקגעהן נאך געהאט דיא געלעגענהייט זיך צו אונטערהאלטען א היבשע צייט מיט לודאוויק ברעסאל. דער געוועזענער ארכיטעקט האט זיך געפיהלט צוגעצויגען צום בעאמטען, וועלכער איז נאך געווען אין דיא בעסטע יאהרען, ט אטין דעם וואס ארבייט און זארגען האבען איהם געמאכט אויסזעהן פיעל עלטער.

נאך דעם שרעקליכען אויפטריט וועלכען ער האט קיין טעות געהאט אין זיין אורטהייל אין בעצוג אויף דעם הויזווירטה. זיין אונטערהאלטונג מיט איהם, האט איהם איבערציינגט, דאס ער האט פאר זיך איין אויפריכטיגען, עהרליכען מאן און דאס דיא אבענדע אין פעסטליכקייטען וועלכע ווערען געגעבען אין זיין הויז, האבען נור דעם איינציגען צוועק, צו געפינען א פאסענדען מאן פיר דיא טאכטער, פון וועלכער דיא מוטער וויל זיך אום יעדען פרייז בעפרייען. אלס טאלענטפאלער אונטערזוכונגס־ריכטער, האט גיבריי בעזעסען דיא קונסט אויסצופרעגען איינעם אזוי געשיקט, דאס יענער זאל ניט מערקען וויא ער בעשטעהט איין עקזאמען. מיט דעם אפענהערציגען ברעסאל איז עס נאר ניט שווער געווען און אין פערלויף פון א האלבע שטונדע האט ער ערפאהרען אויף אומוועגען, דאס וואלענטינע איז א בעזע פרוי, וועלכע האט איהם אפט בעטראגען, וועלכע בעזיצט קיין הערץ און האסט איהר איינענע טאכטער, נור אוים אייפערזוכט פיר איהרע שעהנהייט.

גיבריי האט פון הערצען בעדויערט דעם בראווען מאן און מאריע, וועלכע האבען ביידע פערדיענט צו האבען א בעסערע פרוי און מוטער וויא וואלענטינע. נאכדעם געשפרעך מיט ברעסאל האט ער אויפגעזוכט אלבערט'ן, וועלכער איז געשטאנען בייא מאריע'ס זייטע. ליעבע און גליק האבען איהם געשטראהלט פון געזיכט. דער ריכטער האט ניט ווילענדיג צוזאמענגעצויגען זיינע ברויען און א פינסטערער אויסדרוק איז געלעגען א יעדען זיין געזיכט צוזאמען מיט לודאוויק ברעסאל איז ער צוגעגאנגען צו דעם יונגען פאר:

— מיין ליעבער יונגע, מיר מוזען געהן א היים — האט ער זיך געווענדעט צו אלבערט'ן.

— שוין, הערר גיבריי? — האט מאריע געפרעגט מיט דעם אויסדרוק פון בעדויער, אויף איהר שעהנעם געזיכט — עס איז דאך נאך ניט האלבע נאכט?

— איהר האט רעכט, מיין פריילין, — האט דער בעאמטער געענטפערט — [illegible] מיינע צייט געהערט ניט מיר, איך בין פערזארגען מיט ארבייט און דעריבער

www.libtool.com.cn

זעהר מיעד; ווען איך זאל ניט עטליכע שטונדען רוהען, וועלען מיר פעהלען דיא קרעפטען מיינע פפליכט צו ערפילען.

אלבערט האט זיך פערטיג געמאכט צו נעהמען אבשיעד פון מאריע, וועהרענד הערר ברעסאל האט געזאגט; איך וואג עס ניט אייך צוריקצוהאלטען, איך ווייס דאס ווען דיא פפליכט רופט, מוז מען געהארכען, אבער זאגט מיר וועניגסטענס צו, דאס איהר וועט מיין נעכסטען אבענד ווידער בעזוכען און וועט מיך מיט אייער אנוועזענהייט בעעהרען.

— איך קען אייך קיין בעשטימטען צוזאג ניט געבען — האט דער אונטערזוכונגס־ריכטער געענטפערט עטוואס פערלעגען — שוין היינט האב איך געזינדיגט געגען אלע מיינע געוואהנהייטען און איך ווייס ניט אויב איך וועל זיין פריי.

— אבער אייער זאהן איז דאך פריי? — האט מאריע שטיל ארויסגערעדט מיט אראפגעלאזענע אויגען און א פערלעגענע מיענע.

דער אונטערזוכונגס־ריכטער איז געוועזען אין דער גרעסטער פערווירונג. וואס זאל ער ענטפערן אויף דיעזע פראגע? איינע הייראטה צווישען אלבערט און מאריע האט ער געהאלטען פיר אונמעגליך, אויס גרינדען וועלכע זיינען דעם לעזער בעקאנט. זאל ער דען זיין זאהן ערלויבען צו בעזוכע דיעזעס הויז, נאכדעם וויא ער קען זיין פערהעלטניס צו דיעזער רייצענדער מיידיל? פון דער אנדערן זייט וויעדער, ער זאל איהם פערביעטען אהער צו געהן איז אויך ניט מעגליך. ער איז איהם דאך מינדעסטענס געבען א גרונד דערפאר, און דאך האט ער נאך פארלויפיג ניט געוואלט. ער האט זיך דעריבער בעגניגט מיט דער קורצער אנטווארט: „מיין זאהן מוז פריי, מיין פרייליין!“

דיעזע קורצע, שארפע אנטווארט, וועלכע איז אויסגעשפראכען געווארען אין א קאלטען טאן, האט מאריע געטהאן א שטאך אין הערצען, וועהרענד אלבערט, וועלכער איז אין גאנצען געוועזען פערזונקען אין זיין ליעבעסטרוים, האט אין דער אנטווארט קיין זאך ניט בעמערקט וואס זאל איהם מאכע אונרוהיג. ער האט צערטליך געדריקט מאריע'ס האנד, וועלכע ער וואלט זעהר גערן געצויגען צו זיינע ליפען, האט עס אבער ניט געוואגט.

— איהר וועט האבען דיא גוטע אונז צו ענטשולדיגען ביי מאדאם ברעסאל — האט גיברייי וייטער געזאגט — איך וואלט איהר ניט וועלען שטערן אין איהרע פליכטען אלס ווירטהין.

— דא קומט מיין מוטער! — האט מאריע אויסגערופען, אלס זיא האט דערזעהן וואלענטינע צוקומענדיג נעהנטער — מאמא, הערר גיברייי פערלאזט אונז!

— עס פרייט מיך אייך נאך אמאל צו זעהן פאר אוועקגעהן, הערר גיברייי — האט וואלענטינע געזאגט רוהיג און העפליך — איך האף איהר וועט אונז נאך אמאל בעעהרען.

גיברייי האט זיך שווייגענדיג פערנייגט און האט צוזאמען מיט אלבערט פארלאזען דעם זאל. מאריע האט זיא א ווייל נאכגעקוקט, וועהרענד אויפ'ן הערצען איז איהר געווארען שווער, און דיא פייכט־געווארענע אויגען האבען געלאזט מערקען דיא אנגסטע פון איהר זעעלע. „...ם פארלאזט מיך מיין גליק, און איך ווייס ניט ווען איך

www.libtool.com.cn

זעה איהם ווידער" האט זיא געזיפצט פאר זיך גאנץ שטיל. אין דרעזעלבינער צייט האט אויך דער אונטערזוכונגס־ריכטער געזיפצט: „ווארום האט מיין זאָהן געמוזט בע־געגענען גראד דיא טאָכטער פון דיעזער פרוי? ווארום ליעבט ער גראד זיא? דאס איז א בייזער צופאל".

— פאטער — האט זיך מאריע געווענדעט צו הערן ברעסאָל, איהם נעהמענדיג פאר'ן האנד, נאכדעם וויא וואלענטינע האט זיך ענטפערנט — געפינסט דוא ניט דאס הערר גיברייס מיענע איז געוועזען א פריינדליכערע ביין אריינקומען אהער, אלס ביין אוועקגעהן פון דאנען? מיר שיינט, דאס ווען ער איז געקומען האט ער אויסגעזעהן פריינדליך און מונטער, דאגעגען ווען ער איז אוועק געגאנגען האט ער געקוקט ערנסט און שטרענג. קענסט דוא דיר דאס ערקלערן?

— ניין, מיין קליינע נארעלע, — האט ברעסאָל געענטפערט לאכענדיג — דען איך האב קיין זאך ניט בעמערקט.

— דוא דיינקסט אלזא דאס איך האב מיך געאירט?

— יא, טאָכטער.

— איך ווינש פון הערצען עס זאל אזוי זיין! האט דאס יונגע מיידיל געטראכט. זיא האט זיך געזוכט צו בערוהיגען, אבער דער אבענד האט איהר פון דעם אויגענבליק אן אנגעהויבען אויסצוזעהן לאנגווייליג און פוסט.

ארום צוויי אוהר פארטאָג האבען זיך דיא מייסטע געסט גענומען קלייבען אוועק־צוגעהן, און מאריס איז צוגעגאנגען צו מאדאם ברעסאָל, אום פון איהר צו נעהמען אבשיעד.

ווען זעה איך אייך ווידער? האט ער געפרעגט גאנץ שטיל, אלס ער האט גע־מאכט א טיעפע העפליכע פערביינונג.

— ווארט א ווילע! — האט זיא געענטפערט און האט איהם געגעבען א צייכען איהר נאכצוגעהן. זיא איז צוגעגאנגען צו לודאָוויק ברעסאָל און האט געזאגט מיט א זעהר פריינדליכער מיענע: „האסט דוא מאָרגען עטוואס נייטיגעס צו בעזאָרגען, צו וואס דוא קענסט מיך אדער מאריע ברויכען?"

— קיין האָר! — האט ברעסאָל געענטפערט.

— דאַ, גלויב איך, וועט אונז קיין זאך ניט הינדערן אנצונעהמען דיא פריינד־ליבע איינלאדונג פון העררן וואסייר, וועלכער וויל אונז מארגען בעגלייטען צום שלימ־שוה־לויפען (גליטשען) אויפ'ן אייז אין באָא־דע־ווענסען?

— ווען דאס מאכט דיר און מאריע שפאס, דאן שטעהט אייך קיין זאך ניט אין וועג.

— געהסט דוא פיעלייכט אויך מיט?

— אך, ניין! נאך אזא אבענד פון פערגעניגען און מיהע וואלט איך מיך בעסער וועלען אויסרוהען; איך בין ניט מעהר יונג.

— אלזא, הערר וואסייר, מיר ערווארטען אייך דא מארגען אום צוויא אוהר נאכמיטאג — האט זיך וואלענטינע געווענדעט צו מאריס'ן — ווען איהר קומט, געפינט איהר אונז שוין פערטיג, און מיר געהן צוזאמען.

www.libtool.com.cn

— און פיעלייכט וועט איהר אויך דיא פריינדליכקייט האבען מיט אונז צום אבענד־עסען צו שפייזען, ווען איהר וועט דיא דאמען צוריק בעגלייטען נאך הויז.

וואלענטינע האט געגעבען מאָריס'ן א לייבטען וואונק דיא איינלאַדונג אנצונעמען, און ער האט איהר נאַטירליך זעהר גערן געפאָלגט. ער האט זיך פערנייגט פאר הערן ברעסאָל און געדאנקט.

אין דעם אויגענבליק איז אונטערגעקומען דער מאהלער סערוועט, אום פון דיא פעסטגעבער אבשיעד צו נעהמען. וועהרענד לודאָוויק ברעסאָל האט גערעדט זיין האנד, האט וואלענטינע איינגעראַמט מאָריס'ן: דאָ האט איהר דיא אַנטוואָרט אויף אייער פריהעריגע פראגע; מיר וועלען זיך מארגען אום צוויי אוהר וויעדערזעהען.

— יא, אבער אימער אין דער געזעלשאפט פון אייער טאָכטער! — האט מאָריס געזאגט מיט א פערדריעסליכער מינע.

— איך מוז דאך זעהן עטוואס נוטצען פון איהר צו האבען — האט וואלענטינע געזאגט — דערווייל האט איהר ארייגעשטעלט א פוס דא אין הויז, און שפעטער וועט אייך ניט שווער זיין צו ווערען ביי אונז א בן־בית. דוא ווייסט דאך וויא איך ליעב דיך! האט זיא צוגעזעצט מיט א שמייכעל.

מאָריס האט געדריקט הערן ברעסאָל פריינדליך דיא האנד, האט זיך העפליך פערנייגט פאר וואלענטינע און נאכהער פאר מאריע, און איז געגאנגען.

דיא זאלען זיינען שוין געוועזען גאנץ לעער, און דיא דיענער זיינען געקומען דיא ליכט אויסצולעשען און אָרדנונג צו מאכען. לודאָוויק ברעסאָל האט אפגעצויגען דעם אטהעם וויא איינער וואס האט זיך בעפרייעט פון א שווערער לאַסט, האט אומארעמט מאריע'ן, האט געוואונשען „גוטע נאכט" ביידע דאמען, און איז געגאנגען צו זיין צימער.

אויך וואלענטינע האט זיך צוריקגעצויגען אין איהר צימער, און אזוי שנעל וויא זיא האט זיך אויסגעקליידעט, און האט פון זיך אוועקגעשיקט דאס קאַמער־מעדכען, האט איהר געזיכט אנגענומען א פינסטערן שטרענגען אויסדרוק.

— אַה, דיעזער אבשייליכער, דיעזער פערהאַסטער גיבריי! — האט זיא געקריצט מיט דיא ציין — נאך א מאהל קומט ער מיר אין וועג וויא איין געשפענסט, וויא א בייזער גייסט, און אלץ צוליעב מאריע'ן! אונגליקליכעס קינד! זיא לאזט זיך אריין אין א ליעבשאפט מיט דעם זאהן פון מיין טויטפיינד! צו וואס האב איך דיך גאר אויף דער וועלט געבראכט, און ווארום קען איך מיך פון דיר ניט בעפרייען?

וועהרענד דיא אוננאַטירליכע מוטער האט לייבטער געמאכט איהר ברוסט דורך דיעזען אויסברוך פון צאָרן, איז מאָריס געגאנגען, איינגעוויקעלט אין א פיינעם פעלץ, און רויכענדיג א גוטע ציגאַר, ביז צום פלאַטץ קאַרוסעל. ער האט דעם גאנצען וועג געזוכט א וואגען און ניט געפונען, און איז זיך אזוי געגאנגען ווייטער צו פוס. „איך בין אלזא וואלענטינע'ס פריינד — האט ער געטראכט — און וועל באלד אויך זיין דער פריינד פון איהר מאַן, און פון דער גאנצער פאמיליע. — דאס איז אויסגעצייכענט, אויף מיין וואָרט! עס וועט מיר ניט שווער זיין מאריען צו פטר'ן, האָף איך, איך בין וואהר־אפטיג ניט אזוי אונגעשיקט, דאס עס זאל מיר איצטער ניט געלינגען! אלעס געהט

www.libtool.com.cn

וויא געשמירט, און דיא מיליאנען פון דהארוויל זיינען ביי מיר אזוי גוט וויא אין דער טאשע!"

פלוצלינג אבער האט ער געמאכט מיט דער האנד איינע אונגעדולדיגע בעוועגונג אין דער לופט, פונקט וויא ווען איינע אונאנגענעהמע ערינערונג איז איהם געגאנגען דורכ'ן קאפ.

— דיא בייזע בענעננים צווישען ניבריי און וואלענטינע, דאס איז א ביין אין האלדז! — האט ער אויסגערופען — דאס קען ארויסברייגען פיעל שווערע פערוויקלונגען, ווען ער זאל זיך ווירקליך נעהמען זוכען נאך ארמאנד דהארוויל, וויא ער האט איהר געסטראשעט!.... איבעריגענס, וואס איז דא פאראנען מורא צו האבען? דהארוויל איז אין ענגלאנד געשטארבען, און איידער ער וועט אויסגעפינען זיינע שפור, וועט אריבער א היבשע צייט, און ביז דאן וועל איך שוין געוויס האבען געפטרט מיט סימאנע. דערווייל איז ווירקליך ניטא וואס מורא צו האבען!

דיא געדאנקען פון דעם יונגען מאן האבען יעצט גענומען איינע אנדערע ריכטונג.

— א זאנדערבארע פרוי איז דיעזע וואלענטינע! פון וואנען איז איהר איינגעפאלען צו געהן זיך גליטשען אין באא־דע־ווענסען אונטער מיין שוטץ, און דערצו נאך מיט איהר טאכטער! דיא אונשולדיגע קליינע זאל איהר דיענען אלס איין אויסרייד — וואס פאר א גראבער שפאט איבער דאס געפיהל פון מוטערליעבע! זאל זיין אזוי! מיר וועלען זיך גליטשען, און זיך היטען ניט צו פאלען.

פלוצלונג איז מארים געבליעבען שטעהן און האט זיך ארומגעקוקט. א פינסטערער פלאן איז מיט א מאהל ארויפגעקומען אויף זיינע געדאנקען, און ער האט איהם אליין אזוי איבערראשט, דאס ער האט זיך אומגעקוקט אין אלע זייטען, פונקט וויא ער וואלט מורא געהאט, דאס איינער א פארבייגעהער קען נאך איבערלייענען דעם פלאן ביי איהם אויפ'ן געזיכט.

— ווארום ניט? — האט ער געמורמעלט צו זיך אליין — דאס איז א פראכטפאָלער מיטעל!

ער האט שנעלער אנגעהויבען צו געהן ווייטער, דען עס האט גוט גענומען פרירען, און ער האט אנגעהויבען צו פיהלען דיא קעלט דורכ'ן פעלץ. אין רוע דע ריוואָלי האט ער געפונען א פיאקער, וועלכער האט איהם אין צוואנציג מינוטען געבראכט נאך דער רוע דע סורען. דא האט ער אנגעקלונגען אין דעם קליינעם הויז, אין וועלכען עס האט געוואהנט דער זאגענאנטער קאפיטאן וואן־ברעקע.

ערשט אין עטליכע מינוטען, ארום האט לאטירג געפרעגט פון אינעווייניג: „ווער קלינגט דארטען?"

— איין פריינד!

— וואו וואהנט דיעזער פריינד?

— רוע דע נאו ארין.

— גוט!

איין שליסעל האט זיך אומגעדרעהט, איין ריעגעל האט זיך אומגערוקט, דיא טהיר האט זיך געעפענט, און מארים איז געשטאנען פאר דעם פאלשען וואן־ברעקע

www.libtool.com.cn

וועלכער האט גענציטערט פון קעלט און האט געקלאפט א צאהן אן א צאהן, טראָטץ דעם וואס ער האט געטראָגען א הארעמען שלאָף־ראק.

ער האט שנעל צוגעשלאָסען דיא טהיר אזוי שנעל וויא מאָרים איז געוועזען אי־נגעוועניג און האט אונרוהיג נעפרעגט: „איז איין אונגליק געשעהן?"

— אין געגענטהייל!

דיאביידע מענער זיינען איינגעטרעטען אין צווייטען צימער, וואו דער שטומער דיענער, דאָמיניק, וועלכער איז אויפגעשטאנען גלייך מיט לאטירג ביין ערשטען קלונג פון גלעקעל, איז שוין געשטאנען פאָלשטענדיג אנגעקליידעט און האט ערווארטעט דיא בעפעהלע פון זיין הערין.

— ציהט גלייך אן א קאָסטיום פון א מויערער, אדער א ברוקירער, און גיט מיר אויך אזא אנצוג; מיר מוזען געהן; אויפ'ן וועג וועל איך אייך אלעם דערציילען.

— וויא? איצטער געהן? — האט לאטירג געפרעגט ערשטוינט.

— יא!

— עס איז דאך אבער נאכט?

— דעריבער איז עס!

— אבער וואוהין געהען מיר?

— אונטערוועגס וועט איהר אלעם ערפאהרען.

— פאר וואס ניט גלייך?

— ווייל דיא צייט איז קורץ. איהר זעהט, איך געה נאך אין א באלל־אנצוג; דיינקט איהר, איך וואלט פון פערגעניגען־וועגען קומען אהער אין אזא שטונדע און אין אזא קעלט? מיר דארפען קיינע צייט פערליערען מיט אוננויטציגע רייד. לאָמיר דאס מאכען שנעלער!

— דאן, קומט! — האט לאטירג געזאגט אהנע ווייטער צו פרעגען — קום מיט אונז דאָמיניק — האט ער צוגעזעצט.

דער שטומער דיענער האט בעגלייטעט דיא ביידע מענער צום שלאפצימער פון פאלשען קאפיטאן.

— שנעל, קליידער אהער! — האט לאטירג געגעבען דעם בעפעהל — צוויא ארבייטער־קאָסטיומען.

דער שטומער האט צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, האט געעפענט א שראנק, און באלד זיינען דיא געווינשטע קליידער געקומען צום פאָרשיין. אין עטליכע מינוטען איז דיא פערקליידונג געוועזען פערטיג.

— אונז פעהלט אבער נאך עטוואס — האט מאָרים בעמערקט.

— וואס דען?

— איך האב געזעהן ביי אייך א קעסטיל מיט אלערליי געצייג, וואו איז עס?

לאטירג האט געוואָרפען א פראגענדען בליק אויפ'ן שטומען דיענער. דיעזער האט פארלאָזען דאס צימער, און איז באלד צוריקגעקומען מיט א קעסטיל געצייג פון פער־שידענע ארבייטער. מאָרים האט גענומען זובען אונטער דיא אינסטרומענטען און האט

www.libtool.com.cn

ארויסגעשלעפט א קליינע האנד-זעגיל. „דאס איז דיא הויפטזאכע" — האט ער גע־זאגט — „אבער איך מוז האבען נאך א באהרער און איין אייזען".

דאמיניק האט איהם געהאלפען זוכען, און דיא צוויי אינסטרומענטען זיינען אויך באלד געפונען געווארען.

— האט איהר א שטיקעל חלב, אדער אנדערע פעטס? — האט מאריס גע־פרעגט. דער שטומער איז ווידער ארויסגעגאנגען און האט באלד אריינגעבראכט א קליינע פלעשיל מיט בוימיל.

— דאס וועט געהן — האט מאריס געזאגט — בינדט מיר ארום דאס פלעשיל מיט א טיכעל, און גיט מיר א קניילכיל מיט פאדעם אין דער טאשע. — דאס פלעשיל האט ער איבערגעגעבען לאטירג, וועהרענד ער אליין האט גענומען דאס האנד-זעגיל מיט'ן באהרער אונטערן בלוזע.

לאטירג האט מיט אויפרעגונג און שטוינען בעטראכט מאריסעס האנדלונגען, און האט זיך צוברעכען דעם קאפ קלערענדיג וואס דאס קען בעדייטען.

— געהען מיר? — האט ער ענדליך געפרעגט — און דארף איך איצטער פרעגע, וואוהין?

— צום באא-דע-ווענסען!

לאטירג האט שיער א שפרונג געטהאן אין דער לופטען פון ערשטוינונג.

— צום באא־דע־ווענסען? — האט ער איבערגעפרעגט, פונקט וויא ער וואלט זיינע אויערן ניט גלויבען.

— יא, מיין ליעבער קאפיטאן.

— אבער וואס וועלען מיר דארטען טהאן?

— דאס וועט איהר גלייך זעהן! איצטער וואס ווייניגער גערעדט! קומט!

— נאך איין אויגענבליק!

לאטירג האט ארויסגענומען צוויי פערשיעדענע שליסלען פון א קאמאד־שוב־לאדע, האט זיי אריינגעשטעקט אין דער טאשע און איז געגאנגען מיט דעם יונגען מאן, איבערלאזענדיג איהם דיא פיהרערשאפט אין דעם אונטערנעהמען, וועלכעס איז איהם לאטירג, אין גאנצען אונבעקאנט געווען.

ביידע האבען פארלאזען דאס קליינע הויז אין רוע דע סורען, און זיינען געגאנגען צרפוס ביז בולווארד מאדליין.

## 31טער קאפיטעל.

# דער נאסער, קאלטער קבר.

אויף דעם בולווארד מאדליין האבען דיא ביידע באנדיטען בעמערקט צוויי פיאקערס. דיא קוטשערם זיינען געזעסען אויף דיא „בעקע", איינגעוויקעלט אין אלע מעגליכע ווארעמע זאכען, און האבען געדרימעלט, און דיא פערד האבען געשווידערט פון קעלט אונטער זייערע דעקען.

מאריס איז צוגעגאנגען צו איינעם פון דיא קוטשערס, האט איהם געצויגען פאר'ן מאנטעל אום איהם אויפצרוועקען, און האט דאן געפרעגט מיט דעם אקצענט פון א פראווינציאל: „העי, ברידערל, קען אייער קעלביל נאך שפרייזען?"

www.hbtool.com.cn

— וואו ווילט איהר דען פאהרען? — האט דער קוטשער געפרעגט, זיך רייבע־דיג דיא אויגען.

— גאר ניט ווייט, נאך גראנד־פּענט — האט מאָרים גלאכט.

— און דאס רופט איהר ניט ווייט? — האט דער קוטשער געפרעגט ערשטוינט.

— פאהרט נור, עס וועט זיין א פיינעם טרינק־געלד!

— שטייגט איין!

מארים האט גענומען דאס טירל פון פיאקער און האט אריינגעשטופּט אינ־ווענינ לאַטירג, מיט דיא ווערטער: „קלעטער אריין, מיין אלטער חברה־מאן.“

ווען ביידע זיינען שוין געזעסען אינווענינ האט לאַטירג אנגעהויבען פון דאס נייע:

„וועט איהר מיר ענדליך ערקלערן?“

— איך וועל אייך קיין זאך ערקלערן! זעהט וואס איך טוה און איהר וועט אלעס פערשטעהן! איצטער מוז איך אבער נאך עטוואס איבערלעגען און בעדענקען; לאמיר דעריבער בלייבען שטיל יעדערער אין זיין ווינקעל; אויסער דעם רייד איך ניט גערן פון געשעפטען אין א געדונגענעם וואגען, דאס איז געפעהרליך!

לאַטירג איז נאַטירליך געוועזן זעהר צופריעדען און איז שיער משוגע געווארען קלערענדיג, אבער מאָרים האט קיין וואָרט גערעדט דיא גאנצע צייט פון דער רייזע. ערשט נאך א שטונדע איז דער וואגען געבליעבען שטעהן ביי דער גראנד פּענט.

מאָרים האט א פורקע געטהאן זיין בעגלייטער: „דא קריכען מיר ארויס און מיר געהן צו פוס!“ — האט ער געזאגט.

דער קוטשער האט ערהאלטען זיין געצאהלט און זיין טרינקגעלד, וועהרענד דיא ביידע מענער זיינען שנעל אוועק צו פוס און ערסט נאך צוואנציג, מינוטען האבען זיי עררייכט דעם פּארק פון ווענסען. עס איז געוועזן אונגעפעהר פיער אוהר פארטאָג און דאס וועטער איז געוועזן שרעקליך קאלט און אונפריינדליך.

לאַטירג מיט זיין קאמראדען זיינען געגאנגען מיט'ן ברעג פון דער אָזערא, ביז זיי זיינען צוגעקומען צו א הילצערנער בריק, וועלכע האט פערבונדען דעם ברעג מיט א קליינער אינזעל, אויף וועלכער עס איז געשטאנען א פּאווילאָן. א ווײלע איז מארים געגאנגען שנעלער, איבערלעגענדיג עטוואס און איז ענדליך געבליעבען שטעהן.

— דא זיינען מיר אויף'ן פלאטץ — האט ער געזאגט — מיר מוזען געהן אויפ'ן אייז.

— אויף'ן אייז? — האט זיך לאַטירג געוואונדערט — דאס איז דאך געפערליך!

— איצטער געפעהרליך? — האט מארים געלאכט — דאס אייז איז געווים פון צוועלף ביז פופצעהן סאַנטימעטער דיק ביי אזעלכע פרעסט און וועט קענען אויסהאלטען א וואגען. קומט!

דער יונגער מאן איז ארויף אויף'ן אייז, האט זיך אבער געהיט ניט אויסצוגליטשען זיך. לאַטירג איז געגאנגען הינטער איהם גאר אהן חשק. מארים איז געגאנגען פעסט און זיכער, וועהרענד דער קאפּיטאן וואן־ברעקע האט זיך מיט מיהע געהאלטען אין גלייכגעוויכט און יעדען אויגענבליק איז ער געוועזן אין געפאהר צו פאלען פאָרינט אדער פון הינטען.

www.libtool.com.cn

ענדליך זיינען זיי צושקומען צו דער קליינער אינזעל מיט דעם פּאוויליאָן. בייא טאג זעהט מען דארטען דיא וועכטער און דיא דיענער פון דיא לייטע וואס קומען זיך גליטשען; איצטער אבער איז דארטען קיין סימן פון לעבען ניט געווען צו ענטדעקען.

— דא לאמיר זיך צו-זעטצען און זיך נעהמען צו דער ארבייט — האט מאָרים געזאגט — אבער נור קיין גערויש ניט מאכען.

— קען אונז ניט ווער עס איז זעהן? — האט לאטירג געפרעגט.

— ביי דער דונקעלהייט איז ניט צו פירכטען.

— אבער וואס ווילט איהר דען ארבייטען?

— דאס וועט איהר באלד זעהן.

רייךענדיג מיט לאטירג האט זיך מארים אומגעקוקט אין אלע זייטען, רעכטס און לינקס האט ער בעמערקט גרופען פון פעלזען, וועלכע זיינען קינסטליך אויסגעלעגט געווארען, אום צו מאכען דיא לאנדשאפט שענער און צווישען דיא נעהנסטע צוויי גרר פען פון גראניט שטיינער האט ער בעמערקט א דורכגאנג פון אונגעפעהר צוועלף מע־טער ברייט.

דארט! — האט ער געזאגט צו זיך אליין — שנעל צו דער ארבייט!

ער איז אויפגעשטאנען, איז געגאנגען צו יענעם פּלאטץ און האט נאך אמאהל געווארפען א בליק ארום זיך. אזוי ווייט וויא מען האט געקענט זעהן איז אלעס געווען איינזאם און שטיל אונטער דעם גרויסען שווערען הימעל. ער האט ארויסגענומען דיא זעג און דעם באָהרער פון אונטער דער בלוזע און האט זיך אראפּגעלאזען אויף דיא קניע.

לאטירג איז איהם נאכגעגאנגען און האט ביי זיך אין הארצען געקלעהרט, דאס דער נייער מיטגליעד פון דיא פינף שטערן איז געווים אראפּ פון זינען.

— גיט מיר דאס פלעשיל בוימעל — האט מארים בעפאהלען.

לאטירג האט עס איהם געגעבען. מארים האט איינגעריעבען דעם באָהרער אין בוימעל, האט דיא שפּיטצע אנגעשטעלט אויפ'ן אייז און האט אנגעהויבען צו בויערן. דאס אייז האט געקנאַקט און געטראסקעט.

— דאס געהט ניט, דאס מאכט צו פיעל גערויש — האט מארים געמורמעלט, איהר גיעסט בעסער פון פלעשיל טראָפּע-ווייז אין לאך, וועהרענד איך דרעה מיט'ן באָהע-אייזען.

לאטירג האט געפאלגט און עס האט אויפגעהערט צו קנאקען. מארים האט גע־דרעהט שנעלער, דאס אייזען איזווארם געווארען, דאס אייז האט געשמאָלצען און אין צוויי מינוטען איז דאס לאך געווען פארטיג און דאס וואסער האט פון אונטען ארויף געקוואלען.

— דיא זעג! — האט מאָרים פערלאנגט.

לאטירג האט איהם דערלאנגט דיא זעג און האט געשפּאסט:

— וויא איך פערשטעה האט איהר געמוזט מאכען א קאָנטראַקט מיט דיא רעסטאָראנס פון פּאריז, זיי צו צושטעלען אייז און איהר ווילט קאָנקורירען מיט דיא אייזפּאַבריקאנטען?

www.libtool.com.cn

— איהר האט געטראפען! — האט מאריס געלאכט און האט אנגעהויבען זינגען.

לאטירג האט ווידער געטריפט בוימעל און דיא זעג האט שטיל געארבייטעט. אין ווענינגער וויא א שטונדע האט ער ארויסגעזעגט א פיער-קאנטיגע שטיק אייז אזוי גרויס וויא א מעטער און דיא בוימעל וואס לאטירג האט געטריעפט האט עס ניט געלאזען צוריק צופריערען.

— דאס איז געטהאן! — האט מאריס געזאגט.

— אלעס פערטיג? — האט לאטירג געפרעגט.

— נאך ניט! איצטער מוזען מיר זעהן, אז דאס שטיק אייז זאל ארונטער אונטערן וואסער. לאמיר פאדקאטשען דיא ארבעל!

לאטירג האט געפאלגט. ביידע מענער האבען אנגעשטרענגט זייערע קרעפטע אום דאס אייז פון איין זייט אויפצוהויבען. פון מאריסעס שטערן האט גערונען דער שוויים, טראָפּען דער שטארקער קעלט. נור נאך פיעל מיהע איז זיי געלונגען דאס שטיק אייז ארונטער-צו-שטופען אונטערן וואסער, און דאס וואסער האט זיך אויסגעגליכן מיט'ן אייז.

— יעצט שנעל, אוועק פון דאנען! — האט דער יונגער מאן געזאגט — דיא קאמעדיע איז אויס!

— וועל איך אבער א מאָהל ערפאהרען וואס דאס האט צו בעדייטען? — האט לאטירג געפרעגט צום צעהנטען מאָל.

— איצטער יא.

— לאמיר שוין א מאהל הערן!

— שטעלט זיך פאר אז איהר קומט אהער אום זיך צו גליטשען אויף שליטשוה און איהר קומט אהער צו דעם פלאטץ; וואס וועט געשעהן?

— גאר ניט, איך וועל אריבערשפרינגען.

— אזוי דיינקט איהר?

— גאנץ געוויס!

— אבער אויבען וועט פערפרארען זיין העכסטענס איין סאנטימעטער דיק, און דאס אייז ברעכט אונטער אייך?

לאטירג האט אויפגעשרעקט.

— איהר האט רעכט, אבער ווער וועט דא קומען זיך גליטשען?

— קענט איהר ניט טרעפען?

— ניין!

— דאן וועל איך דאס אייך זאגען! מאריע ברעסאל, איינע פון דהאוויל'ס יורש'טעס. ניט איהר צו, אז דער געדאנקען איז גוט?

לאטירג האט דעם יונגען מאן אנגעקוקט מיט בעוואונדערונג.

— איהר זייט א זשעניע!

— נעהמט זיך אין אכט! — האט מאריס געשפאסט — איהר וועט מיך מאַ-בען שטאָלץ!

www.libtool.com.cn

— איהר האט א רעכט דאס צו זין! ווייסט איהר אבער גאנץ גענוי דאס מאַריע ברעסאָל קומט אהער?

— גאנץ גענוי, דען איך אליין וועל זיא אהער פיהרען.

— איך גלויב אבער אז דיא שליטשוה־גליטשערס קומען אויף דעם פּלאטץ ווע־ניגער, ווייל אלע גליטשען זיך געוועהנליך אויף דער אפענער אָזערא.

— דעריבער האב איך דעם פּלאטץ אויסגעקליעבען — האט מאַרים געענט־פערט — ווייל אויפ'ן מיטען אייז קען נאך אמאל איינער אריינפאלען איידער מיר קומען צו, וועהרענד דא קומט זעלטען איינער, און מיר וועט עס ניט שווער זיין דאס יונגע מיידיל אהער צו פארנארען.

— איז דאס וואסער גענוג טיעף? — זאט לאטירג נעפרענט.

— גוט וואס איהר האט מיר דערמאָה־ט, דאס קען איך באלד וויסען!

ער האט ארויסגענומען דאס קניילכיל פּאָדעם, האט אנגעבונדען דאס באָהר־אייזען און אראָפּגעלאזען דורך דיא עפענונג אין װאסער, און האט גלייך ארויסגעצויגען צוריק.

— זעכס פוס טיעף! — האט מאַרים געמעלדעט — איבער גענוג! און ווען זיא זאל אפילו דורכקומען מיט'ן לעבען, וועט זיא דאך ניט אריבערטראגען אזא קאלטע וואנע. אויך וועט דיא מוטער שוין אזוי פּלעגען דיא טאָכטער, דאס זיא וועט פאר־שפּאָרען אויפצושטעהן!

— מען וועט דאך אבער דערנאך זוכען ווער עס האט אויסגעשניטען דאס אייז?

— וואס שאדעט דאס אונז? ווער קען אונז דען אנקלאגען?

— קיינער, דאס איז וואהר!

— מען וועט מיינען דאס גנבים־פישער האבען דאס געמאכט, אדער דאס לייטע האבען עס געטהאן, וואס ליעבען צו מאכען אזעלבע בייזע שפּעסע פון פערגניגען־וועגען, וועהרענד מיר טהוען אזעלבע זאכען נור פון נוטצען־וועגען, און דאס איז, וויא איך דיינק א גרויסער אונטערשיעד.

— איהר האט רעכט, און איך בעוואונדער איך איצטער מעהר וויא איממער!

— בעוואונדערט מיך וויפיעל איהר ווילט, אבער לאָמיר געהן נאך הויז; איך בין טויט־מיעד.

— מיר שיינט דאס עס הייבט אן צו פאלען א האָגעל — האט לאטירג בע־מערקט אויסשטעלענדיג דיא האנד, אום זיך צו איבערצייגען.

— דאס איז גראד וויא געוואונשען; דער האָגעל וועט בעדעקען דאס לאָך אין אייז, אז עס וועט אונמעגליך זיין עטוואס צו מערקען.

אזוי שנעל וויא זיי זיינען אראָפּ פון אייז און זיינען געקומען אויפ'ן ב־רעג, האט לאטירג געפרעגט: „וועלכען וועג געהן מיר?"

— לאָמיר געהן מיט דער אווענו פאנט־מאָר; נעכטען איז געווען שבת, א טאג פון חתונות און דארט האבען מיר מעהר אויסזיכטען צו טרעפען א פיאקער ביי דיא האָכצייטס־זאלען.

דיעזע האפנונג איז אויך ערפילט געווארען; דיא ביידע מענער האבען זיך

www.libtool.com.cn

פארשטעלט פאר שכור'לאך און זיינען אריין אין א וואגען, וועלכער האט זיי געפיהרט ביז רוע דע־לא־וויל־ד'עוועק. ווען זיי זיינען אויסגעשטיעגען האט דיא אוהר געשלאגען פינף. דיא שטראסע איז געוועזן לעער פון מענשען.

— שנעל, נאך דער רוע דע סורען! — האט מאָריס געזאגט.

— ניין, איך בין אבזיכטליך אהער אפגעשטיעגען; איהר געהט מיט מיר, איך וועל אייך פיהרען.

לאטירג איז געבליעבען שטעהן פאר'ן טהיר פון א גרויסען געביידע; דאס איז געוועזן דער פאנסיאָן פון מאדאם דיבעף. דער אלטער באנדיט האט ארויסגענומען פון טאשע א שליעסעל, וועלכער איז געוועזן גוט איינגעהלט, און האט מיט איהם געעפענט דיא פאָרטקע אין טויער. לאטירג איז איינגעטרעטען און מאָריס איז איהם נאכגעגאנגען.

— געהט אויף דיא שפיטץ־פינגער — האט לאטירג איינגעשושקעט מאָריס'ן.

מיט איינגעהאלטענעם אטהעם זיינען זיי פארביי געגאנגען דיא קליינע וואוינונג פון הויזמייסטער און זיינען אריין אין גארטען. לאטירג איז גלייך געגאנגען צו דער טהיר אין דער ענטגעגענגעזעצטער וואנד, וועלכע איז געוועזן בעדעקט טהיילווייזע מיט פארפראָרענע שטעקלאך פון געוועכסע, און האט זיא געעפענט מיט א צווייטען שליעסעל, איין אויגענבליק שפעטער זיינען ביידע שרעקליכע קאמראדען געשטאנען אין גארטען פון הויז, פון דער רוע סורען.

— איז דאס ניט פאָרטרעפליך? — האט לאטירג געפרעגט זיך רייבענדיג דיא הענד — ווען אונז זאל דראָהען א געפאהר אין דער רוע דע סורען, דאן געהן מיר זיך רוהיג ארויס נאך דער רוע דע לא־וויל־ד'עוועק, וואו עס קען דער פאָליציי קיינמאל ניט איינפאלען צו זוכען.

— זעהר גוט! — האט מאָריס בעשטעטיגט — דאס איז איין פאָרציגליכער געדאנקען.

זיי זיינען איינגעטרעטען אין הויז; מאָריס האט זיך שנעל איבערגעקליידעט, האט אנגעטהאן דעם פעלץ, האט ארויבערט א ציגאר, נאכדעם וויא ער האט אויסגעטרונקען א גוטע גלאז קאָניאק. און איז געגאנגען צום בולווארד מאדליין, וואו ער האט גענומען א פיאקער און איז געפאהרען נאך הויזע.

וויא מאָריס, אזוי אויך לאטירג, האבען דיעזען טאג נאטירליך זעהר שפעט געשלאפען, אזוי וויא ביידע זיינען געוועזן שרעקליך דורכגעפראָרען און מיעד. זייא זיינען ביידע אויפגעשטאנען ערשט ארום מיטאג־שטונדע. דער ערשטער גאנג וואס לאטירג האט געמאכט, אזוי שנעל וויא ער האט זיך אנגעטהאן, איז געוועזן צו ווערדיע, וועמען ער האט מיטגעטהיילט דעם פאָרפאל פון לעצטע נאכט, און האט געלויבט מאָריס'ן אלס זשעניע. ווערדיע דאגעגען, וועלכער האט ניט גיזהאט קיין נאטור זיך אזוי לייכט צו בעגייסטערן, האט געענטפערט גאנץ רוהיג:

— דער יונגער מאן שיינט ווירקליך צו האבען טאלענט; אלס דיכטער פון מעלאָדראמען פיר א טהעאטער פון דיא בולווארדס, וואלט ער געהאט פיעל ערפאָלג. דער פערזוך צו דערטרינקען דיא ערבין איז זעהר גוט געזעצט אין סצענע, און וועט

www.libtool.com.cn

הייגט געבען איין אויפרעגענדען ספעקטאקל. שפייז מיט מיר צו מיטאג, מיין ברודערל, און דאן וועלען מיר געהן אנזעהן דיא גליטשערס פון ווענסען.

— טהייערער געדאנקען! — האט לאטירג אויסגערופען — עס וועט זיין א היבשע ביסל אויפרעגונג דערביי, און דאס האב איך זעהר ליעב!

מאָריס וויעדער האט קיינע בעשטימטע זאך געהאט צו טהאן אלס ער איז אויפ־געשטאנען, דען צו ברעסאל האט ער ערשט געזאלט געהן אום איין אוהר, און אום זיך א גאנצע שטונדע און מעהר ניט צו לאנגווייליגן, האט ער בעשלאָסען אבצושטאטען א בעזוך זיין בעסטער און אויפריכטיגסטער פריינדין, מאדאם ראָזיע.

צייט דעם ערוויינגים אויף דעם אָפערנבאל האט עמא זשובערט געארבייטעט מיט פיבערהאפטער טהעטיגקייט. זיא איז נור געווען שרעקליך אויפגערעגט איבער איהר מיסערפאָלג, אבער דעם מוטה האט זיא ניט פארלאָרן. איין זאך האט זיא געוואוסט בעשטימט, אז לאטירג איז אין פאריז, און דא דארף זיא איהם זוכען. זיא האט נאטיר־ליך גלייך געגעבען דעם דירעקטאָר א בעריכט פון אלץ וואס איז פאָרגעפאלען, און דיעזער האט גלייך געגעבען א בעפעהל איסצושטעלען דיא געשייטעסטע אגענטען אין אלע וואקזאלען, מיט דיא קענצייכען פון לאטירג. סילוויאן קאָרנו און גאלובעט זיינען געוועזען ניט ווייניגער פלייסיג. מיט דעם אויפריכטיגען וואונש צו געפעלען זייערע פאָר־געזעצטע, האבען זיי זיך פערטיעפט אין זייער בעשעפטיגונג מיט אלע זייערע כחות. איסערדעם איז זיי דער בערוף פון א געהיימפאָליציסטין געפעלען געוואָרען, און האט זיי אויך נוטצען געבראכט.

עמא זשובערט האט מען אומעדום געזעהן, זיא איז איבעראל געוועזען, אין אלע מעגליכע פערקליידונגען און טראכטען — אבער אלץ ארבייט איז געוועזען אומזיסט. אויף דער פרעפעקטור האט מען שוין אנגעהויבען דיא געדולד צו פערליערען, אבער עמא זשובערט האט נאך אלץ ניט פערלאָרען דעם מוטה.

אן דעם טאג ווען מאָריס האט געזאלט בעגלייטען מאדאם ברעסאל און מאָריע צום שליט־שוה־לויפען אין ווענסען, איז מאדאם ראזיע געגאנגען נאך דער פאָליציי־וואוינונג אין רועמעזלע, אום צו הערן דעם רעפאָרט פון איהרע אגענטען און צו געבען נייע בעפעהלע. דאן איז זיא שנעל געגאנגען נאך הויזע און נאך אמאל צו שטודירען אלע נאָטיצען וועלכע בעציהען זיך אויף דעם פאל. אום עלף אוהר האט זיא זיך גע־וואלט אנידערזעצען צום פריהשטיק, אלס עס האט פלוצלונג געקלונגען ביין טהיר.

— ווער קען אזוי פריה קומען? — האט זיא זיך געפרעגט. זיא האט ניט לאנג געדארפט ווארטען אויף דיא אנטווארט, דען מאדליין האט אנגעמעלדעט אז מאָריס איז געקומען. צייט ער איז צוריקגעקומען פון וויק־סור־בריין האט ער מאדאם ראָזיע געזעהן ניט מעהר וויא איין מאל, דעם אבענד פאר'ן געהן צום אפערנ־באל, נאכהער איז ער ביי איהר צוויי מאל געווען און האט זיא ניט געטראפען צו הויז. מאדאם ראָזיע איז דעריבער העכסט דערפרייט געווען איבער דעם אונערווארטעטען בעזוך, און האט אויסגערופען: זיי מיר ווילקאָמען, ליעבעס קינד! וויא לאנג איך האב דיך שוין ניט געזעהן! איינענטליך האב איך א־ף דיך געמענט זיין בייז.

מאָריס האט זיא ארומגענומען און האט זיך געקושט מיט איהר, און האט דאן

www.libtool.com.cn

געזאגט שמייכלענדיג: ווען מיר האבען זיך בין איצטער ניט געזעהען איז דאס אייער שולד, ליעבע פריינדין!

— וויא אזוי?

— איך בין דא צוויי מאהל געוועזען, אבער איהר זייט געוועזען אויסגעגאנגען ווענן געשעפט־זאכען; מיר שיינט אז איהר זייט אין דיא לעצטע צייט פיעל פארנומען אויסען הויז.

מאדאם ראזיע האט לייכט אויפגעציטערט; איהר האט אויסגעוויזען, אז מאַרים האט לעצטע ווערטער געזאגט וויא מיט א שטעכווערטיל. ניט־שוין־זשע האט ער עט־וואס אנגעהויבען חושד צו זיין ווענען איהר ענדערונג אין איהר אויפפיהרונג? האט ער אָנגעהויבען וואס צו פערשטעהן? האכטיג האט זיא געענטפערט: ווירקליך, דיא לעצטע צייט האב איך געמוזט ארומלויפען, חלאַפּאָטשען און זיין אימער אויסען הויז. איך האב א פראָצעס וועלכער מאכט מיר פיעל פערדרוס. עס האנדעלט זיך ווענן א קליינער ירושה, וועלכע איז מיר צוגעפאלען אין דער פּראָווינץ און מען וויל עס מיר שטרייטיג מאכען און איך מוז דעריבער האבען צו טהאן מיט געריכט און מיט אלערליי אדוואָ־קאטען און דיא גאנצע זאכע איז מיר איבערדריסיג. גליקליכערווייזע וועט דיא זאכע אין קורצען זיין געענדיגט, וויא איך האף און איך וועל ווידער רוהיג קענען זיטצען אין מיינע פיער ווענד, וויא איך האב עס ליעב; דאן וועסט דוא מיך אימער געפינען צו הויז. ווילסט דוא מיט מיר פריהשטיקען?

— זעהר גערן, אבער איך מוז באלד אוועקגעהן!

— איך וועל דיך לאנג ניט אויפהאלטען! דאס פריהשטיק איז פערטיג און מיר קענען גלייך געהן צום טיש.

מוטער און זאהן זיינען באלד געזעסען איינער אנטקעגען אנדערן. דיא מוטער האט דעם געליעבטען זאהן פארשלונגען מיט דיא אויגען און האט געהאט דאס גרעסטע פערגעניגען זעהענדיג מיט וואס פאר איין אפעטיט ער עסט.

— וואס טהוסט דוא יעצט, מיין קינד? — האט זיא געפרעגט.

— אימער דאסזעלבע, ליעבע פריינדין. איך ארבייט פלייסיג פיר מיין האַלענדי־שען קאפּיטאַן, וועלכער איז איין זעהר בראַווער מאַן.

— דוא זאלסט ניט צו פיעל ארבייטען.

— זייט אהן זארג, איך בין שטארק און געזונד.

— נאטירליך, ארבייט אליין איז קיינמאל ניט געפעהרליך, אבער דאס פערגע־ניגענען! וויא פיעל נעכט דורכן וואך שלאפסט דוא ניט?

— נור זעהר ווייניג.

— דאס טהוסט דוא זעהר גוט, מיין קינד. נעכט אהן שלאף שאדען זעהר צום געזונד! ביסט דוא געווען אויף דעם ערסטען אָפּערן־באַל?

עמא זשובערט האט געשטעלט דיא פראגע, אום זיך צו איבערצייגען, דאס זיא האט קיין טעות געהאט, אלס זיא האט איהם דערקענט אויפ'ן באַל.

— יא, פריינדין, איך בין דארטען געוועזע; איהר זעהט אלזא דאס איך בין מיט איך אָפענהערציג, דען איך האב עס דאָך לייכט געקענט לייקענען אויך.

www.libtool.com.cn

— האסט דוא זיך דארט מינדעסטענס נוט אמוזירט? — האט זיא וויטער געפארשט.

— אָ יא, מאנכע קאָמישע זאכען זיינען פאָרגעקומען, איבער וועלכע מען מוז לאכען.

— אויף דעם בין איך אויך א בעלן! דערציייל מיר אויך.

— צום ביישפיעל, איין דאמע אין א שווארצען דאָמינאָ מיט רויטע בענדער און אין א רויטער מאסקע האט מיך דערקענט, איך וויס ניט וויא אזוי און האט מיך גע־רופען ביים נאמען, אלס איך בין איהר פערביינגעגאנגען. דערנאך האט זיא מיר נאכגע־קוקט דעם גאנצען אבענד.

— ווייסט דוא ווער זיא איז?

— ניין; אין זאל האט זיך דערנאך פערברייטעט דיא נייעס, דאס א וייבליכער שפיאָן פון דער פּאָליציי איז געוועזן אין זאל, אבער איך גלויב ניט, אז דאס איז זיא. איך האב ניט צו טהאן מיט דיעזער ניעדריגער סארט מענשען און עס קען ניט זיין, אז א פּאָליציי־אגענטין זאל מיר נאכקוקען.

מאדאם ראזיע איז בלאס געווארן. דיא ווערטער האבען איהר דורכגעבויערט, פּונקט וויא א מעסער דורכ'ן הערצען. איהר אייגענער זאהן האט איהר געווארפען דיא שווערסטע בעליידיגונג אין געזיכט.

מאָרים האט צופעליג א בליק געטהאן אויף זיין פריינדין און האט בעמערקט דעם אויסדרוק פון איהר געזיכט.

— וואס איז אייך ליעבע פריינדין!? — האט ער אויסגערופען דערשראָקען — איהר זייט בלייך וויא קאלך.

עמא זשובערט האט צוזאמענגענומען אלע איהרע קרעפטען, אום ניט צו פאלען אין אהנמאכט און האט געענטפערט מיט א שוואכער שטימע: „עס איז גאר ניט, מיר פעהלט נור א ביסל פרישע לופט.“

מארים איז אויפגעשפּרונגען און האט האסטיג אויפגעעפענט א פענסטער; דער קאלטער לופטשטראָם, וועלכער איז געדרונגען אין צימער, האט דיא פּאליציסטין וויעדער געבראכט צו זיך און אלס דער יונגער מאן האט זיך צוריקגעזעצט צום טיש איז זיא שוין געוועזן פאלשטענדיג בערוהיגט.

— איז אייך איצטער בעסער? — האט ער צערטליך געפרעגט און האט זיא געקיסט. דיא ארעמע פרוי האט שיער ניט אויפגעשלוכצט פון דיעזער צערטליכקייט. אבער זיא האט זיך בעצוואונגען און האט געענטפערט: „מיר איז פיעל בעסער, אבער דער קאפּ איז מיר א ביסל שווער.“

— שלאפט א שטונדע, דאס איז דיא בעסטע רפואה דערצו.

— מוזט דוא שוין געהן?

— יא, עס איז האלב איינס! אבער מאָרגען קום איך אהער זעהן וואס איהר מאכט.

— דוא ביזט איין גוטעס קינד.

— זאל איך ארייןשיקען מאדליין?

www.libtool.com.cn

— ניין עס איז ניט נעטהיג, גיב מיר נאך א קוש צום אבשיעד און לעב וואהל.
קוים האט זיך דיא טהיר צוגעמאכט הינטער מאַריס'ן, האט דיא ארעמע פרוי אויסגעבראכען אין א קראמפפהאפטען שלוכצען: „א וויבליכער פּאָליציי־שפּיאָן" — האט זיא וויעדערהאלט מאַריסעס ווערטער — „ער האט ניט צו טהאן מיט דער ניע־דריגער סאָרט מענשען, האט ער געזאגט. מיין ארעמער זאָהן! ווען ער זאל דאס ווי־סען, אז דער וויבליכער פּאָליציי־שפּיאָן בין איך! ניין, ער זאל עס קיינמאהל ניט וויסען, דען איך וועל אומקומען פון שאנדע!"
דיא ארמע מוטער האט בעהאלטען איהר געזיכט אין דיא הענד און האט זיך גוט אויסגעוויינט.
מאַריס איז דערווייליע אנגעקומען אין הויז פון דער פאמיליע ברעסאָל, וועלכע ער האט געפונען ביין טיש, ברייננענדיג צו ענדע זייער מיטאג־עסען.
מאַריע האט שוין געהאט פערגעסען דעם פיינליכען איינדרוק וואס אויף איהר האט געמאכט דער אלטער גיברייר מיט זיין האלטונג, און האט זיך געפרייט איבער דעם יעצטיגען גאנג, דען זיא האט זיך זעהר גערן געגליטשט אויף שליט־שוה.
מאַריע האט מיט אפּעטיט געגעסען, האט דאן אנגעטהאן, א ווארעמע קלייד, געגוג קורץ, אום עס זאל איהר ניט שטערן ביין גליטשען זיך, האט אנגעטהאן א פעלץ־מאנטעל, א פעדער־הוט, האט ארויסגעזוכט דיא שליט־שוה און איז געגאנגען אין זאל צו איהרע עלטערן.
אין הייף האט שוין ערווארטעט איין געשפּאנטער פיאַקער.
מאדאם ברעסאָל איז געווען זעהר אויפגערעגט, און האט זיך בעמיהט צו זיין זעהר ליעבענסווירדיג געגען איהר מאנן. דיעזער איז געוועזען כמעט ערשטוינט איבער איהר בענעהמען און האט זאָגאר געקוקט אויף דעם מיט מיסטרויען. און ער האט אויך רעכט געהאט, דען דיא פרייליכקייט איז פעראורזאכט געווען דורך דיא פאָרשטעהענדע שפּאציער־רייזע מיט דעם זאָהן פון דער געהיים־פּאָליציסטין.
— איהר זייט דאך פּינקטליך גאר אוים וועלט! — האט מאדאם ברעסאָל גע־מאכט מאַריס'ן דעם קאָמפּלימענט, אלס ער איז ערשיענען — איהר זעהט, מיר זיינען אויך פערטיג.
מאַריס האט נאטירליך געענטפערט, דאס ביי אזא געלעגענהייט איז דיא פּינקט־ליכקייט נים א פליכט, נור א פריידע, האט דאן אלעמען געדרייכט דיא האנד, האט געטוישט עטליכע גלייכגילטיגע פראזען מיט דעם העררן פון הויז, און האט דאן מאדאם ברעסאָל געדרייכט זיין ארעם, אום זיא צו בעגלייטען צום וואגען וועלכער האט זיי ער־ווארטעט.
עס איז געווען זעהר קאלט און דער הימעל איז געווען בעדעקט, אבער דער טאג איז פון דעסטוועגען געווען גוט צום שליט־שוה־לויפען, דען עס האט ניט געשניינט, און דער פראָסט האט געמאכט דיא רייזע אהין זעהר אנגענעהם.
אין דער צייט פון דער רייזע האט זיך מאַריס ארויסגעוויעזען פון דער ליעבענס־ווירדיגסטער זייטע. זיינע פרייליכקייט איז געווען וויא איינע אונערשעפּפליכע קוועלע, דען עס האט איהם קיינמאל ניט אויסגעפעהלט גייסט און וויטץ, אום צו מאכען זיינע

www.libtool.com.cn

פלוידעריי אַנגענעהם. מאַריע האט מיט פערגעניגען נעהערט זיינע אַנעקדאָטען און גלייכווערטלאך פון פאַריזער לעבען, און מאָרים איז איהר געפעלען געוואָרען אלס אַנגענעהמער געזעלשאַפטער.

דיא דרייא פּאַסאַזשירען זיינען אלע געווען אין דער בעסטער שטימונג אין דער גאַנצער צייט פון דער פאַהרט. מאָרים האט אַנגעוויעזען דעם קוטשער וואו ער האט צו וואַרטען, דאמיט זיי זאלען איהם ניט דאַרפען זוכען, ווען זיי וועלען געהן צוריק. אלס זיי זיינען אויסגעשטיגען האט מאָרים ווידער געריבט מאדאם ברעסאָל זיין אָרעם, און אלע דרייא זיינען געגאַנגען צו דעם פלאַטץ אויפ'ן אייז, וואו זיי האבען געזעהן פון ווייטען א פּאַר צעהנדליג גליטשערס, און נאך אזוי פיעל צושויער, וועלכע זיינען געשטאַנען דערביי אויפ'ן ברעג.

דיא אורזאַכע דערפון וואס דיא צאהל פון שליט־שוה־לויפער איז דעם טאג געווען ווייניג, איז, ערשטענס, ווייל דאס וועטער איז געוועזען צו קאַלט, און, צווייטענס, ווייל דיא מייסטע שליט־שוה־לויפער, וועלכע זיינען זעהר געשיקט אין דער קונסט, ציהען עס פאָר צו גליטשען זיך אין בוא־דע־בולאָן, וואו דיא צאהל פון צושויער און בעוואונדערער איז אימער פיעל גרעסער, און נור דיא בעשיידענע גליטשערס געהן נאך וועַנסען, וואו עס איז פיעל איינזאַמער.

מאָרים איז געוועזען מעהר צופריעדען וואס דיא צאהל פון דיא גליטשערס איז היינט אזוי קנאַפּ. ער האט געהאלפען דיא דאַמען אנטהאָן זייערע שליט־שוה, און אלע דריי זיינען ארויף אויפ'ן אייז.

אלס דער וואגען האט אַנגעהאַלטען און מאָרים איז בעשעפטיגט געווען מיט דיא דאַמען, האט ער פאַרזעהן וויא צוויי לייטע אין לאַנגע פּעלצען זיינען איהם פאַרבייגעגאַנגען, גוט איינגעוויקעלט און פאַרשטעלט האלבע געזיכטער. דערזעהענדיג מאָרים'ן האט איינער דעם אנדערן געגעבען א שטורך מיט'ן עלענבויגען, און דער אנדערער האט אויפגעבליקט און האט צופריעדען א שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ. אונזערע לעזער דערקענען אין זיי געוויס לאַטירג און ווערדיע, וועלכע זיינען געקומען צוזעהן, וויא אזוי זייער יונגער קאַמראַד וועט דורכפיהרען זיין פּלאַן.

מאַריע איז אין אנפאַנג געווען עטוואס אונזיכער אויפ'ן אייז, באלד אבער האט זיא זיך צורעכט געפונען און איז געשיקט און גראַציעז געפלויגען ביי דער זייטע פון איהר מוטער, וועלכע איז פון איהר זייט געפלויגען מיט מאָרים'ן אום דיא וועטטע, אום צו זעהן ווער עס געהט שנעלער.

מאָרים האט זיך א לאָז געטהאָן נאך דער ריכטונג פון דיא גרופּען שטיינער מיט דיא קינסטליכע וואַסער־פעלע, וועלכע האבען איצטער געשטומט פאַרפראָרענערהייט, צו יענעם אָרט, וואו עס האט זיך געפונען דער נאַסער קבר, וועלכען ער האט אָנגעגרייט פיר דאס שעהנע אונשולדיגע מיידיל. א בייזער שמייכעל האט געשפּיעלט אויף זיינע ליפּען, אונטער דעם פיינעם שנור־באַרד, ווערהענד ער מיטביידע דאַמען זיינען צוגעקומען ניזהענטער צו יענעם פּלאַטץ.

פון דער אנדערן זייט זיינען זיי געקומען אנטקעגען צוויי יונגע לייטע, זיך גליטשנדיג זעהר עלעגאַנט און געשיקט. מאַריע האט א בליק געטהאָן אויף זיי גאַנץ

www.libtool.com.cn

גלייכגילטיג, אלס פלוצלונג האט איהר הערץ אנגעהויבען שטארקער צו קלאפען, דען איהר האט זיך אויסגעדוכט אז איינער פון זיי איז אלבערט גיברייי. זיא האט אנגעהויבען צו געהן לאנגזאמער, פאר אויפרעגונג, זוכענדיג מיט דיא אויגען זיך צו איבערציינגען אויב זיא האט ניט א טעות. דאס האט פעראורזאכט וואס זיא איז געבליבען הינטער שטעליג הינטער מאָרים און וואלענטינע.

— ווארום בלייבסט דוא פון הינטען? — האט מאדאם ברעסאָל געפרעגט זיך אומקוקענדיג, — קום מיט אונז.

מאָריע האט געפאָלגט ניט זעהר גערן, דען יענער שליטשוהלויפער האט צוגעצויגען איהרע גאנצע אויפמערקזאמקייט. יענעביידע יונגע לייטע זיינען יעצט פארבייא געפלויגען וואלענטינע און מאָרים, און זיינען געקומען נעהענטער צו מאָריע, וועלכע האט אויפגעשריען פאר פריידע. „אלבערט!" — האט זיא גערופען. זיא האט יעצט דערקענט דעם יונגען זאהן פון אונטערזוכונגס־ריכטער.

— וואס פאר א גליקליכעס צוזאמענטרעפען, מיין פריילין! — האט ער געזאגט מיט דעם אויסדרוק פון אנגענעהמער איבערראשונג.

— אזוי גליקליך און אזוי אונפערהאָפט! — האט זיא געזאגט.

— וועלכער צופאל, בריינגט אייך אהער?

— איך בין דאָ מיט מיין מוטער און מיט העררן וואסייר; דארט קומען זיי; אבער וויא קומט איהר נאך ווענסען?

— איך האב דא בעזוכט מיין פריינד, איין אפיציער פון דער ארטילעריע, און אונז איז איינגעפאלען זיך א ווילע צו גליטשען.

אין דער ווירקליכקייט איז דאס צוזאמענטרעפען ניט געווען גאנץ צופעליג. דער מאהלער סערוועט האט גראדע געהערט, אלס ער האט אבשייד גענומען פון ברעסאָל, וויא אזוי וואלענטינע האט גערעדט צו איהר מאן פון דעם גליטשען זיך מארגען אין ווענסען. פון איהם האט עס אלבערט ערפאהרען אין אטעליער, און האט דעריבער גע־מאכט דעם בעזוך צו זיין פריינד, נור אלס אויסרייד. נאטירליך האט עס מאריע'ן ניט געזאגט.

— איז אויך אייער פאטער מיט אייך? — האט מאריע געפרעגט נאאיוו.

— ניין — האט אלבערט געענטפערט מיט א שמייכעל — און איך מוז מודה זיין, אז איך קען מיר מיין פאטער ניט פאָרשטעלען אין דער ראָלע פון א גליטשער.

— האט ער אייך געסטערן גאר נישט געזאגט, אלס איהר זייט פון אונז אוועק־געפאָהרען?

— ניין, ווארום פרעגט איהר דאס?

— איצטער לאמיר ניט ריידען דערפון! דא קומט מיין מוטער! מאָרגען אין אטעליער וועל איך אייך אלעס זאגען.

וואלענטינע און מאָרים זיינען צוגעקומען. אלס זיי האבען דערזעהן אלבערט האבען ביידע געמאכט א פערדריעסליכעס געזיכט.

— הערר גיבריי! — האט וואלענטינע אויסגערופען און האט געמאכט כלומרשט א פריינדליכעס געזיכט, וועהרענד אלבערט האט זיא העפליך בעגריסט. — איך פריי

www.libtool.com.cn
מיך איבער דעם צופאַל אייך דאָ צו טרעפֿען! אבער איך וויל אייך ניט שטרען אין פֿערגעניגען, גריסט פֿון מיר אייער העררן פֿאַטער.

דאַס האַט זיא אַרויסגערעדט ווערענד זיא האַט זיך לאַנגזאַם פֿאַרבייגעגליטשט, האַט דאַן אַ שאָקעל געטהאַן מיט'ן קאָפּ און איז אַוועק ווייטער, נאָכדעם וויא זיא האַט בעוויזען צו צורופֿען איהר טאָכטער: „קום, מאַריע!"

— מיר וועלען איצטער לויפֿען צום וואַסערפֿאַל און זעהען ווער פֿון אונז קומט אַהין דער ערשטער! — האַט מאַרים פֿאָרגעשלאָגען.

— גוט! — האַט מאַריע געענטפֿערט, האַט פֿריינדליך אַ שמייכעל געטהאַן צו אַלבערט, און האַט זיך אַוועקגעגליטשט.

אַלבערט אבער האַט געהערט וויא מאַרים האַט געזאָגט דיא ווערטער „צום וואַסערפֿאַל," און האַט געקלערט ביי זיך: „ווען אַזוי איז גוט, דאַן זעה איך מאַריע'ן נאָך אַ מאָהל!"

שנעל האַט ער געגעבען זיין פֿריינד אַ צייכען איהם נאָכצוגעהן, און האַט זיך אויך אַ לאָז געטהאַן צו דיא קינסטליכע שטיינגרופֿען, אבער פֿון דער אַנדערער זייט, אַזוי דאַס ער זאָל דערנאָך אויסקומען פּונקט אַנטקעגען מאַריען. ער איז געפֿלויגען אַזוי ראַש, דאַס זיין פֿריינד, דער אַפּיציער אין ציוויל־קליידער, האַט איהם מיט מיהע געקענט נאָכהאַלטען.

מאַריע האַט געשוועבט מיט זעלטענער גראַציע פֿאָרוועֶרטס. מאַרים איז געווען שוין אַביסעל פֿאָראויס, אבער זיא האַט איהם איבערגעיאָגט, ווערענד וואַלענטינע איז געבליעבען אַ היבשע שטיק הינטערשטעליג. דיא צושוועֶר אויפֿ'ן ברעג האָבען זעהר געשפּאַנט נאָכגעקוקט דיא דריי גליטשערס, וועלכע זיינען געפֿלויגען אום דיא וועטטע; איינער האַט געוועטעט אַז דער יונגער מאַן וועט קומען דער ערשטער, איין אַנדערער ווידער האַט געוועט אויף דיא שעהנע יונגע גליטשערקע, און עטליכע שטימען האָבען גערופֿען: „דאָ קומט זיא, זיא קומט!"

דיעזע צורופֿע האָבען געשמייכעלט מאַריע'ס אייטעלקייט און האָבען זיא אַנגע־שפּאָרנט צו פֿליהען נאָך שנעלער און זיא האַט פֿערדאָפּעלט איהר אַנשטרענגונגען. מאָרים איז שוין יעצט געווען הינטער איהר און וויא עס האַט אויסגעזעהן האַט ער אַנגעהויבען מיעד צו ווערען, האַט זיך אבער אַלץ ניט אונטערגעגעבען און איז געפֿלויגען האַרט הינטער מאַריע.

דיא טאַקטיק פֿון באַנדיטען איז געווען זעהר אַ ריכטיגע. עס איז דורכאויס נייטיג געווען, אַז מאַריע זאָל קומען דיא ערשטע צום נאַסען קבר.

לאַטירג און ווערדיע זיינען געשטאַנען מיט אָפּערא־גלעזער און האָבען דיא דריי גליטשערס ניט פֿערלאָרען פֿון דיא אויגען.

— אַט געהט זיא אַהין! — האַט לאַטירג שטיל געזאָגט צו ווערדיע, אויף מיין וואָרט, מיין הערץ שלאָגט האַסטיגער!

— איז זיא שוין נאָר דערביי? — האַט ווערדיע איבערגעפֿרעגט.

— שטיל זיא קומט צום אָרט!

העכסטענס פֿופֿציג טריט זיינען געווען צווישען מאַריע און דער געפֿ־הרליכער

www.libtool.com.cn
שטעלע און מאָרים איז געקומען הינטער איהר אימער לאַנגזאַמער, וועהרענד זיא אין מיט יעדען פינטעל פון אויג געקומען נעהענטער צום אָרט, וואו דער טויט האט איהר ערוואַרטעט.

ווערדיע, לאַטירג און מאַרים האבען איינגעהאלטען דעם אטהעם פון שפּאַנונג דער ערוואַרטונג.

פּלוצלונג אבער האט זיך פון אנדערן זייט בעוויזען אלבערט, וועלכער איז מונטער געפלויגען אנטקעגנגען מאַריע, מיט דעם איינציגען צוועק, נאך אמאָהל זיך מיט איהר צו בעגעגנען. ער איז געפלויגען וויא א בליטץ און איז אויך געקומען נעהנטער צו דער עפנונג אין אייז פון דער אנדערער זייטע.

מאַרים האט אויפגעציטערט: „וועט דיעזער מאַן אָנקומען אהין פריהער וויא מאַריע און וועט איינברעכען אין לאך, וועלכעס איז בעשטימט פיר זיא און וועט אויף דיעזע ווייזע איהר אנוויזען דיא געפאהר און זיא רעטען? אדער וועלען זיי ביידע דער־טרונקען ווערען? אה, דאס איז ניברייי! ווען זיי זאלען ביידע גלייך אומקומען, וואלט געווען דיא גלייכסטע זאך!“

דאס יונגע פּאַר איז זיך געקומען נעהנטער מיט יעדער צעהנטיל סעקונדע און האבען זיך שמייכלענדיג צוגעשאָקעלט מיט'ן קאפּ. פּלוצלונג האט דורכגעדרונגען דיא לופט, א צווייפאַבער ווילדער, הערצרייסענדער, מארך־ערשיטערנדער געשריי, וועלכער האט אָפּגעקלונגען ווייט איבערן אייז און אויף דיא ברעגעס.

אלבערט האט איינגעבראָכען אין דאס אָפּענע לאך און מאַריע, וועלכע האט פערלאָרען דאס גלייכגעוויכט, איז אומגעפאלען אויפ'ן ראנד פון דער עפנונג און איז געבליעבען ליעגען אויפ'ן אייז.

— טויט און טייפעל! — האט מאַרים געפלוכט שטיל קריצענדיג מיט דיא ציין, ער האט זיא גערעטעט; איצטער מוז איך אנהויבען אלץ פון דאס נייע.

האסטיג איז ער צוגעשפּרונגען צו מאַריע, וועלכע איז געלעגען אין אָהנמאַכט; אין דעמזעלביגען אויגענבליק האט ער בעמערקט וויא אלבערט האלט זיך מיט ביידע הענד אן ראנד איידלאך מיט אלע כחות, ארויסשטעקענדיג פון וואסער ביז אן דיא שולטערן. אויך מאדאם ברעסאל איז שנעל צוגעפלויגען צום פּלאַטץ פון אונגליק, און הינטער איהר איז געקומען דיא גאנצע מענגע שליט־שוה־לויפער און צושויער, וועלכע זיינען געווען נים ווייט.

— וואס איז געשעהן? וואס געהט דא פאָר?

— דאס אייז האט געבראָכען אונטער הערן ניברייי — האט מאָרים געענט־פערט — און אייער פריילין טאָכטער איז שיער אויך ארייננעפאלען, און איז געפאלען אין אהנמאַכט פון שרעק!

וואלענטינע, וועלכע איז קיינמאהל נים געווען בעזאָנדערס צערטליך, האט עס מינדעסטענס בעטראַכטעט אלס פּאסענד זיך צו צייגען אלס צערטליכע מוטער:

— אהנמעכטיג, מיין אַרעם ליעב קינד! — האט זיא געזאגט מיט א געשטיק־טער שטימע — א, מיין גאָט, מיין גאָט!

www.libtool.com.cn

דאן האט זיא זיך איינגעבויגען איבער מאריע, אום זיא אונטערצוהאלטען, און האט פלוצלונג אויסגעשריען: „בלוט! פון וואנען קומט דאס בלוט?!“

וואהרשיינליך איז זיא געפאלען מיט'ן קאָפּ אן א שטיין פון דיא ארומיגע שטיינגרופען — האט מאָרים געזאגט — דיא וואונדע איז אבער זעהר א לייכטע. מיר מוזען דעם וואגען אהער שאפען.

— איך וויל איהם רופען בירגער! — האט איינער פון דיא צושויער געזאגט — וואו שטעהט ער?

— הארט ביים רעסטאָראַן.

וועהרענד דיעזער איז אוועקגעלאפען רופען דעם וואגען האט מאָרים איינגעטונקט א ברעג טאשענטוך אין דיא קאלטע וואסער און האט דערמיט אפגעוואשען מאריע'ס וואונד, וועלכע האט זיך ווירקליך ערוויעזען אלס זעהר אונבעדייטענד.

דאס אלעס איז פאָרגעגאנגען אין פערלויף פון א פאר מינוטען, וועהרענד וועלכע אלבערט'ס קאמראד, דער ציוויל-געקליידעטער קאוואלעריע-אָפיציער, האט ארויסגעצויגען דעם איינגעבראָכענעם פריינד פון דער געפעהרליכער פאָזיציאָן, פון מויל פון נאסען קבר, וועלכער האט איהם שוין געהאלטען ביין פערשלינגען.

— איז פריילין ברעסאָל פערוואונדעט? — איז געווען זיין ערשטע פראגע.

— גאנץ אונבעדייטענד, זעהר וועניג — האט מאָרים געענטפערט.

— אבער דוא? — האט דער אָפיציער געפרעגט.

— דיא שולטער טהוט מיר שרעקליך וועה.

— דוא ציטערסט פון פראָסט — האט דער יונגער אָפיציער געזאגט — לאָמיר איצטער ניט פלוידערן און דיך בריינגען אין בעט, דאס איז קיין שפאס!

אלבערט האט בעגריסט וואלענטינע, האט געווארפען א צערטליכען בליק אויף מאריע, וועלכע איז לאנגזאם צו זיך געקומען, און איז אוועק מיט זיין פריינד.

דער וואגען איז צוגעפאהרען אזוי נאהענט וויא מעגליך צום אייז, מאָרים האט צוגעטראגען אהין מאריע, וועלכע איז נאך גאנץ שוואך געווען, און האט געלאזען וואלענטינע איינשטייגען פריהער. אין דעם אייגענבליק וויא ער האט אויך געוואלט אריינגעהן אין וואגען, האט איהם איינער פון דיא ארומשטעהענדע צושויער ארויפגעלייגט דיא האנד אויפ'ן אָרעם און האט געזאגט: א טרויעריגער אונפאל, מיין הערר, א פערגעניגונגס-פארטיע וועלכע איז פאר דער צייט אויפגעבראכען.

דער יונגער מאן האט זיך דערשראָקען אומגעקעהרט, ער האט דערקענט לאטירג טראטץ דער פערקליידונג אין דעם פערקליידעטען געזיכט.

— ווירקליך זעהר ניט אנגענעהם, מיין הערר, — האט ער געענטפערט לויט, און דאן האט ער צוגעזעצט גאנץ שטיל: „דיא פארטיע איז אפגעלייגט.“

דאן איז ער אריין אין וואגען, האט גענומען פלאטץ אנטקעגען מוטער און טאכטער און דער וואגען איז געפאהרען.

דיא נייעס פון דעם אונפאל האט זיך שנעל פערברייטעט; אין דעם אויגענבליק וואס דער וואגען איז אפגעפאהרען זיינען געקומען צולויפען עטליכע וועכטער פון א[illegible] מיט בעזארגטע געזיכטער.

www.libtool.com.cn

— איינגעבראכען? אונזין! — האט איינער פון זיי געזאגט — דאס איז ניט מעגליך, דאס אייז איז איצטער וועניגסטענס פופצעהן סאנטימעטער דיק און קען אויס־האלטען א פאר פערד.

— דאן זעהט אליין נאך — האט געזאגט א צושויער, וויזענדיג אויף דאס אָפענע לאָך.

דער ווינכטער האט בעטראכט דיא עפענונג און האט אזש אויפגעשפרונגען פאר צאָרן.

— דא זיינען היינט ביי נאכט געוועזן פיש־גנבים! — האט ער ערקלערט.

— איז דאס מעגליך? — האט א צווייטער וועכטער געפרעגט — אין אזא נאכט?

— איך קען וועטען. זיי האבען היינט ביי נאכט ארויסגעשלעפט דיא פיינסטע פיש און האבען עס היינט פריה פערקויפט אין פיש־מארקט. דא האבען געמוזט זיין עטליכע פון זיי. מען מאכט געוועהנליך א לאָך אין אייז און מען לאזט אריין דאס נעטץ, וועהרענד דיא אנדערע לויפען ארום און קלאפען מיט דיא פיס אין אייז. דורך דעם גערויש ווערען דיא פיש נישטערט, זיי דערפיהלען דיא פרייע לופט, און שווימען מאַסענווייז צו דער עפענונג. דאן האט מען נור ארויסצוציהען דאס נעטץ און מען האט פיש וויא פיעל מען וויל.

דיא ערקלערונג האט געקלונגען זעהר וואהרשיינליך, דען ווער עס האט געוואוסט פון פאנגען פיש, האט פארשטאנען אז דאס איז זעהר מעגליך. דיא זעלביגע מעטאָדע ביין פיש־פאנגען געברויכען אויך דיא איינגענטהימער פון דיא פישערייען. לאַטירג און ווערדיע האבען אויך געהערט דיעזע ערקלערונג, און זיינען געבליעבען העכסט צופריע־דען. אבער געהענדיג צוריק נאך הויזע האבען זיי געמורט זעהר פערדריעסליך איבער אלבערט גיבריי, וועלכער האט זיך אונטערגעדרייט און צושטערט אזא אויסגעצייכענ־טען פלאן.

— לאָמיר זיך טרייסטען מיט דער האָפנונג, דאס אונזער יונגער פריינד וועט דערביי ניט בלייבען שטעהן — האט ווערדיע געזאגט — פיר מיך איז שוין מאריע ברעסאָל אזוי גוט וויא ניטא, איך בעטראכט זיא שוין וויא א נעפטר'טע. ווען מיר זאלען שוין אזוי ווייט האלטען מיט סימאָנע וויא מיט איהר, וואלטען מיר שוין אונזער חלק ירושה באלד געקענט האבען אין האנד.

— איך דיינק, אז מיט דער הילפע פון דער פאָטאָגראפיע וועלכע מאָרים האט גענומען פון קלאָדין שארוועט אין וויק־סור־בריין, וועט עס ניט שווער זיין סימאָנע צו געפינען.

— געפינען וועלען מיר זיא, אבער לייכט איז עס ניט, פאריז איז אזוי גרויס!

— דוא גיבסט אלזא דיא זאכע ניט אויף?

— אויפגעבען? קיינמאהל ניט! אין געגענטהייל, איך בין פול האָפנונג, דאס דיא זאכען וועט אין קורצען דורכגעפיהרט ווערען.

דער שרעק און דער יאמער געשריי פון דעם גוטען אלטען ברעסאָל, אלס זיין געליעבטע טאכטער איז איהם געבראכט געווארען פערוואונדעט נאך הויזע, איז גאר ניט צו בעשרייבען. צום גליק האט דער דאקטאר, וועלכער איז באלד גערופען געווארן,

www.libtool.com.cn

בערוהיגט דעם ערשראקענעם פאטער מיט דער פערזיכערונג, אז דיא וואונדע איז אזוי אונבעדייטענד, דאס מאריע ברויכט אפילו ניט זיך צו לייגען אין בעט, און עס איז גע־נוג זיא זאל א פאר טעג ניט ארויס פון שטוב. מאריע אליין איז מיט דיעזער פעראָרד־נונג גאר ניט צופריעדען געוועזן, דען זיא האט זיך באלד געפיהלט וויעדער גאנץ פריש און געזונד, און דורך דיעזע פעראָרדנונג האט זיא ניט געקענט בעזוכען סערוועטס אַטעליע, און האט אויך ניט געקענט זעהן אַלבערט גיבריי.

אַלבערט וויעדער איז געלאפען מיט זיין פריינד צו איהם נאך הויזע, אין ווענסען, ניט וויט פון אַזורא. דער שנעלער גאנג אין דיא נאסע קליידער האט איהם דער־וואָרמט, און דאס איז געוועזן צו זיין גליק, דען דיא ערווערמונג האט איהם גערעטעט פון א לונגענענטצינדונג, וועלכע מוז קומען פון אזעלכע אונפעלע. דיא שולטער אבער האט איהם פערורזאכט שרעקליכע שמערצען.

אלס ער איז אנגעקומען אין דער וואוינונג פון זיין פריינד האט איהם דיעזער נעהאלפען זיך אויסקליידען און זיך לייגען אין בעט; דאן האט ער שנעל געשיקט נאך דעם מיליטער־ארצט, און דיעזער איז אויך באלד געקומען. ער האט אונטערזוכט אל־בערט'ס שולטער און האט ערקלערט, דאס דער ארם איז איזסגעלונקען, אבער דאס איז פיעל שמערצליכער אלס געפעהרליך. ער האט מיט וועניג מיהע דעם ארעם צוריק־געבראכט אין אָרדנונג, און האט בעפאהלען אַלבערט צו רוהען.

— קען איך ניט צוריקקעהרען נאך הויז? — האט דער קראנקער געפרעגט.

— היינט אויף קיין פאל ניט.

— און מאָרגען?

— דאס וועט זיך מארגען פריה ענטשיידען, ווען איך וועל אייך וויעדער בעזוכען.

— וועט דיין פאטער ניט אונרוהיג זיין? — האט דער פריינד געפרעגט.

— ניין; ער ווייס איך בין געגאנגען צו דיר און ער וועט דיינקען, דאס איך בין ביי דיר געבליעבען נאכטען, וויא דאס האט שוין פאסירט.

— זאל איך איהם ניט מיטטהיילען פון דעם אונפאַל?

— צו וואס זאל מען איהם אומזיסט דערשרעקען? אויב ער וועט מוזען וויסען, זאל שוין בעסער זיין מאָרגען, נאך דעם בעזוך פון דאקטאר.

אַלבערט האט איינגענומען מעדיצין און האט דיא גאנצע נאכט גוט געשלאָפען. אויף מארגען פריה האט איהם דער דאקטאר ערלויבט צו געהן אהיים, אונטער דער בעדינגונג דאס ער זאל נאך א פאָר טעג רוהען.

דער אפיציער האט איהם געהאָלפען זיך אנקליידען, אזוי וויא דער שמערץ אין שולטער האט איהם געמאכט שווער זיך צו בעוועגען, דאן איז ער איינגעשטיעגען מיט זיין פריינד אין א פיאקער און ביידע זיינען אוועקגעפאהרען נאך פאריז.

אלס זיי זיינען אנגעקומען נאך דער רוע רענן, וואו גיבריי האט געוואהנט, איז דער אונטערזוכונגס־ריכטער שוין ניט געוועזען צו הויז. אַלבערט האט געהייסען מאכען פייער אין זיין צימער און האט זיך געלעגט אין בעט.

— איז דא געוועזען ווער? — האט ער געפרעגט זיין דיענער.

www.libtool.com.cn

— איין הערר האט זיך אויף איך נאכגעפרעגט, הערר גיבריי, ער האט איבער־געלאזען זיין קארטע.

אלבערט האט גענומען דיא קארטע און האט איבערגעלייענט דעם נאמען פון לודאוויק ברעסאָל.

— ווען איז ער דאָ געווען? — האט ער געפרעגט.

— היינט פריה.

— האט איהם מיין פאטער עמפפאנגען?

— ניין, הערר גיבריי איז שוין געווען זייט א שטונדע אויסגענאנגען.

— האט ניט הערר ברעסאָל געזאגט דאס איינער איז ביי איהם קראנק?

— ניין, דער הערר האט קיין זאך ניט געזאגט.

— וואס קען איך דערפון פערשטעהן? — האט אלבערט געפרעגט זיין פריינד, נאכדעם וויא דער דיענער איז אוועקגעגאנגען.

— קיין זאך וואס זאל דיך בעאונרוהיגען — האט דער אפיציער געענטפערט — ווען פריילין ברעסאָל וואלט געוועזען ליידענד, וואלט דעם פאטער ניט געלעגען אין קאפּ אהער צו קומען. דיא וואונדע פון דער יונגער דאמע איז ווירקליך געווען זעהר אונבעדייטענד.

אלבערט האט זיך דערמיט בערוהיגט און ער האט רעכט געהאט, דען מאריע איז געווען פאלשטענדיג הערגעשטעלט גלייך דעם אנדערן טאג.

מאָרים איז געקומען אויף מאָרגען זיך ערקונדיגען וואס דיא יונגע דאמע מאכט, און האט ארויסגעוויעזען זעהר פיעל טהיילנאהמע. לודאָוויק ברעסאָל האט איהם פון הערצען געדאנקט פיר זיינע פריינדשאפטליכע דיענסטע, וועלכע ער האט מאריען ער־וויזען ביין אונפאל, און דער באנדיט האט ניט רויט־ווערענדיג אויסגעהערט דעם דאנק און האט איהם מיט א פערבייגונג אנגענומען.

פון דאנען איז מארים אוועקגעגאנגען נאך דער רוע דע סורען, וואו ער האט געפונען לאטירג און ווערדיע. זיי האבען ביידע געוואונשען דעם יונגען מאן גליק צו זיין געוואגטען אונטערנעהמען, אבגלייך ער איז איהם ניט געלונגען.

— איהר האט געהאט ניין־און־נייינציג שאנסען פיר אייך, און איינע געגען אייך, האט דער פאלשער פריעסטער געזאגט. דאס שיקזאל איז געווען געגען אייך.

— ווען ניט דער פערפלוכטער גיבריי, וואלט דיא קליינע שוין איצטער געוועזען אונטערן אייז — האט מאָרים געזאגט מיט כעס.

— לאמיר אלזא שנעל אויסטראכטען איין אנדער מיטעל — האט ווערדיע אויפגעפאָרדערט — מישעל ברעסאנט אין לאנדאן הויבט אָן צו פערליערען דיא געדולד.

— מיין קאפּ ארבייטעט, אבער עס נעהמט צייט. עס איז ניט קיין קונסט איינעם אפצוראמען פון וועג, ווען מען קומערט זיך ניט וואס דיא פאליציי וועט דיינקען דערפון. דא אבער מוז עס נור זיין א צופאל, און ניט מעהר. ווען דיא פאליציי זאל ווערען אויפ־מערקזאם אז דא איז א פערברעכען, טויג נישט. זיא קען נאך נעהמען נאכזוכען, ווער דיא אומגעבראכטע איז, פון וואנען זיא שטאמט ביז'ן צעהנטען דור, און דאן קען דיא מעשה מיט דער ירושה לייכט ארויפשווימען פון אויבען. אזוי שנעל וויא מיר קומט א

www.libtool.com.cn
צווייטער געדאנקען אין קאָפּ, וועל איך מאכען נאָך א פערזוך. לאָזט מיר זיך איבער־ליינען, טראכט איהר אבער אויך נאָך; דריי קעפּ זיינען אימער בעסער ווי איינער.

— פארשטעהט איהר וואס פון דער כירורגיע? — האט ווערדיע געפרעגט.

— ניט פיעל, ווי יעדער מעהר אדער וועניגער געבילדעטער מענש.

— געדיינקט איהר א געשיכטע מיט א פרוי, וועלכע האט אומגעבראכט איהרע קינדער דורך א שטאָך מיט א נאָדעל אין קאָפּ?

— איך ערינער מיך זעהר גוט, דען איך האב עס אויפמערקזאם געלעזען אין די צייטונגען. דער שפּיטץ נאָדעל פלעגט בעריהרען דעם מארך, און עס פלעגט קיין טראָפּען בלוט זיך ווייזען, און מען פלעגט מיינען אז דער טויט איז געקומען דורך א מארך־ערשיטערונג.

— נון, איז דאס פיליי‍כט א פּלאַן פיר אונז?

מאַריס האט געצוקט די אַכסלען:

— ווי קען איך דאס דורכפיהרען? בין איך דען איהר מאַן, איך זאל קענען צו־קומען צו איהר ווען זי שלאָפט? ניין דאס געהט ניט.

— ווי וואלט געוועזען מיט גיפט? — האט ווערדיע געפרעגט.

— דאס איז דאסזעלבע וואס אנצוקלעבען א צעטיל אויף דער לייכע מיט'ן נאמען פון מערדער.

— דאן מוזען קלערען ווייטער — האט לאטירג געזאגט.

א היבשע ווײלע זיינען אלע געוועזען שטיל, אלס פלוצלונג האט זיך מאַריס גע־טהאן א קלאַפּ מיט דער האנד אין שטירן און האט אויסגערופען: „זוכט ניט ווייטער, איך האב געפונען!“

— איהר האט געפינען דאס אונמעגליכע? — האט ווערדיע געלאכט.

— ניין, דאס מעגליכע!

— לאמיר הערען.

— פריהער מוז איך מיין פּלאַן אין גאנצען פערטיג האבען, אז ניט וועט ער אייך ניט זיין קלאר גענוג.

— נור איין ווארט: — האט לאטירג בעמערקט — איז עס לייכט אויסצופיהרען אדער שווער?

— זעהר שווער, אבער דאס האב איך ליעב. איך וויל טרעפען הינדערנ‍יסע און זיי בעזיעגען.

— ווען געהט איהר איבער פון דער טהעאָריע צו דער פּראַקטיק?

— ביי דעם נעכסטען אבענדפעסט אין ברעסאַל'ס הויז, דאס איז אלזא צו ענדע דער וואָך.

— אויב אזוי איז עס ניט לאנג צו ווארטען.

— וואס מאריע אנבעטריפט, איז ניט לאנג, אבער סימאָנע, וואס מאכט מען מיט סימאָנע?

— איך האב איהר שפּור ביז אין דעם וועש געשעפט אין דער רוע סאן מארטי'ן,

www.libtool.com.cn
וואו זיא האט געארבייטעט — האט ווערדיע ערקלערט — אבער דארטען האב איך זיא פערלארען.

— אנאנסירען אין א צייטונג קענען מיר נאך איהר נאטירליך ניט — האט מארים געזאגט נאכדענקליך — דאס וואלט געווען זעהר ניט קלוג.

— פיעלייכט וואלט מען געקענט פארשפארען דיא גאנצע געשיכטע און מאכען א פאלשען טויטענשיין — האט ווערדיע פארגעשלאגען.

מארים האט געשאקעלט דעם קאפ: „אונמעגליך! — האט ער געזאגט — דער טויטענשיין געהט אין אויסלאנד און ווערט מוזען ערהאלטען פיעלע אונטערשריפטען און דערצו נאך דיא בעשטעטיגונג פון ענגלישען קאנסול. אויך איז עס א בעשט־מטע זאך, אז פעלשונגען ציהען אימער דעם פעלשער אין פערדערבען.

— דאן געפינט סימאנע, אויב איהר ווילט דיא ירושה! — האט ווערדיע געזאגט ערנערליך.

— געוויס וועלען מיר האבען דיא ירושה! — האט מארים געענטפערט — איהר דארפט ניט צווייפלען, איך גלויב אין מיין גליק. לאזט מיך נור ערשט פערטיג ווערען מיט מאריע ברעסאל, דאן וועל איך מיך בעשעפטיגען מיט סימאנע. וואס דיינקט איהר אבער קען ארויסקומען פון דער דראהונג, וועלכע דער אונטערזוכונגס־ריכטער האט געמאכט וואלענטינע ברעסאל?

— איך האב זעהר פיעל נאכגעדאכט וועגען דעם — האט ווערדיע געענטפערט, אבער איך בין געקומען צו דער איבערצייגונג, דאס זיינע נאכפארשונגען נאך ארמאנד דהארוויל וועלען איהם צו קיין זאך ניט ברייגגען.

— ווארום ניט? ער קען ביי אלע קאנסולאטען נאכפרעגען און עס איז זעהר מעגליך, דאס אונזער קאנסול אין לאנדאן האט געקענט ארמאנד דהארוויל.

— מישעל ברעמאנט האט מיר וועגען דעם געשריעבען און ער האט דאס שוין פון זיין זייט פארווארענט. פון דער זייט איז ניטא וואס מורא צו האבען.

— אויף יעדען פאל מוזען מיר גיבריי צופארקומען — האט מארים ענטשיעדען, ווען מיר האבען דיא ירושה אין האנד, מעג ער דערנאך טהאן וואס ער וויל.

איבערגעהענדיג מיט אמאהל אויף איין אנדער געגענשטאנד, וועלכער איז איהם ארויף אויפ׳ן געדאנקען, האט ער געפרעגט: „האט איהר אונטער דיעזער צייט עטוואס מעהר ערפאהרען פון דעם שווארצען דאמינא מיט איהרע בעגלייטער אין דיא קאסטיומען פון פערצייטיגע דאקטורים?“

— דאס איז זעהר אונאנגענעהם — האט מארים געזאגט — מיר מוזען יעדענפאלס קוקען מיט אפענע אויגען און ארבייטען פלייסיג.

דערמיט האבען דיא דריי באנדיטען גענומען אבשיעד איינער פון׳ם אנדערן.

32טער קאפיטעל.

## דיא ליידען דורך ליעבע.

דיא בעגעגנים צווישען פאול גיבריי און וואלענטינע דהארוויל, האט דערוועקט אין זיין הערצען אלע פיינליכע ערינערונגען פון אלע ליידען וואס ער האט דורך זיא

www.libtool.com.cn

אריבערגעטראגען, און צו גלייכער צייט איז אין איהם אויך ענטשטאנדען דער וואונש צו געפינען זיין קינד. דיא קלענסטע האפנונג, דאס פיליכט לעבט זיא נאך, האט זיין הערץ געמאכט קלאפען שטארקער. אלבערט איז געוועזן זיין איינציגעס קינד, און צייטענווייז האט ער זיך געפיהלט איינזאם. א טאכטער וואלט איהם געווים פיעל פריידע געמאכט אין לעבען, און דערצו נאך דאס קינד פון זיין ערשטער יוגענדליכער ווען אויך ענטמוטישטער ליעבע!

מיט דעם געדאנקען האט ער פארלאזען דאס הויז פון ברעסאל, און א גאנצע נאכט האט ער ניט צוגעטהאן מיט איין אויג קלערענדיג אלץ, וויא אזוי צו געפינען דיא שפור פון דהארוויל, וועלכער האט מיט דריי־און־צוואנציג יאהר צוריק פארלאזען פראנקרייך. וואוהין האט ער זיך געווענדעט? לעבט ער נאך? עס איז קוים מעגליך עטוואס אויסצוגעפינען — האט ער געטראכט — אבער איך וועל עס פרובירען.

צוגלייכער צייט האט איהם אויך בעאונרוהיגט איין אנדערער געדאנק – דיא ליעבע פון אלבערט צו וואלענטינעס טאכטער. דיעזער געדאנקען האט איהם פערזעצט אין שרעק. אבער וויא אזוי קען ער צערשטערן אין א יונגען הערצען דיא ריינע און הייסע ליעבע, וועלכע האט זיך שוין אזוי טיעף איינגעווארצעלט? הערר גיבריי האט גוט געקאנט זיין זאהן און האט געוואוסט, דאס ביי זיין גאנצער עהרליכקייט און ערגעבענהייט צום פאטער, איז ער דאך מאנכעס מאהל זעהר זעלבסטשטענדיג און א גרויסער עקשן. ער האט אויך געוואוסט דאס אלבערט האט זיך איבערגעגעבען דער יוגענדליעבע מיט אלע קרעפטען פון זיין זעעלע און עס איז אימער פאראנען געפאהר, דאס מיט דעם פערזוך ארויסצורייסען פון זיין הערץ דיא ליעבע, קען מען נאך ברעכען זיין הערץ. און דאך ער ניט צולאזען, דאס זיין זאהן זאל הייראטהען דיא טאכטער פון יענער וואלענטינע דהארוויל, דיא פאלשע געליעבטע און פערברעכערישע מוטער.

נאך א לאנגער שלאפלאזער נאכט איז גיבריי געקומען צו דעם דאפעלטען ענטשלוס, איבעראל, צו זוכען נאך ארמאנד דהארוויל, און צו קעמפפען מיט אלע מיטעל געגען אלבערט'ס ליעבע צו מאריע.

אין יוסטיץ־פאלאסט האט ער זיך איינגעשלאסען אין זיין קאבינעט, האט זיך אנגעשפארט מיט'ן קאפ אןביידע הענד, און האט ווייטער געטראכט איבער זיינע פלענער. ער האט געוואוסט אז וואלענטינע שטאמט פון שאלאן־סור־מארן אין פראנקרייך; ער האט דעריבער געשריעבען צו דעם דארטיגען בירגערמייסטער (מעיר) און האט איהם געפרעגט, אויב ער וויים וואו ער האלט זיך יעצט אויף ארמאנד דהארוויל. דאס געטהאן, האט ער זיך ווידער גענומען צו זיינע אמטליכע ארבייט. ער האט געהאט א לאנגע אונטעררעדונג מיט דעם פאליציי־דירעקטאר, און געגען פינף אוהר איז ער געגאנגען נאך הויז.

— איז מיין זאהן שוין צו הויז? — האט ער געפרעגט דעם דיענער.

— יא, מיין הערר, ער ליעגט אין בעט.

— אין בעט? איז ער קראנק? — האט דער בעאמטער דערשראקען געפרעגט.

— קראנק ניט, אבער ער האט געהאט א קליינעם אונפאל; דער יונגער הערר האט מיך געבעטען אייך זאגען, איהר זאלט אזוי פריינדליך זיין צו איהם צוקומען.

www.libtool.com.cn

דער ריכטער האט שוין ווייטער ניט געהערט, דען דאס וואָרט „אונפאַל" איז ער שוין געלאָפען צום ציממער פון זיין זוהן. אלס ער איז אונטערגעגאנגען האט זיך אַל־בערט'ס פריינד, דער יונגער ארטילעריע־אפיציער, אויפגעהויבען פון זיין זיטץ, און האט איהם געגריסט.

אַלבערט האט אויסגעשטרעקט דיא האנד צו זיין פאטער. דער שטראהלענדער בליק און דער מונטערער שמייכעל האבען בערוהיגט דעם ערשראקענעם פאטער, ער האט אבער דאך געפרעגט מיט א ציטערנדער שטימע: „וואס איז פארגעפאלען ליעבער זוהן?

— אָה, גאר ניט פאטער, איך בין געפאלען אויפ'ן אייז, אדער ריכטיגער איין אייז איינברוך; עס איז נור געוועזען א צו קאלטע באד פיר דיעזע צייט, און איך האב מיר א ביסעל א לונק געטהאן דיא שולטער.

— דער אונפאַל שיינט מיר ערנסט צו זיין — האט הערר ניברייי אויסגערופען.

— ער האט געקענט ערנסט ווערן, מיין הערר — האט אַלבערט'ס פריינד אריינ־גערעדט — צום גליק אבער וועט ער קיינע שלעכטע פאלגען האבען, און וועט נאך האבען אויף זיך א גוטע טהאט, דיא רעטונג פון א מענשענלעבען.

— וועמעס לעבען? — האט דער ריכטער געפרעגט, דריקענדיג דעם אָפיציער'ס האנד.

— דאס לעבען פון א וואונדער שעהנער יונגער דאמא, וועלכע דוא קענסט אויך — האט אַלבערט געזאגט, און האט דעם פאטער אלעס דערצעהלט וויא אזוי דאס איז צוגעגאנגען.

אלס ניברייי האט דערהערט דיא נאמען פון וואַלענטינע און מאַריע ברעסאַל, האט זיין געזיכט אויסגעדריקט גרויסע אונצופריעדענהייט.

— האסט דוא געהאט מיט דיא דאמען אפגערעדט זיך דארטען צו טרעפען? — האט ער געפרעגט זיין זאָהן.

— דורכאויס ניט — האט אַלבערט געענטפערט, אלס ער האט בעמערקט וויא זיין פאטער קנייטשט דיא שטירן — איך האב נור געהערט פון מייסטער סערוועט, דאס דיא דאמען וועלען געהן שליט־שוה־לויפען נאך ווענסען, אין דער בעגלייטונג פון העררן וואַסייר. איך האב סיי־וויא־סיי געהאט בדעה צו בעזוכען פריינד אקטאַוו, און בין מיט איהם ארויס אויפ'ן אייז, וואו מיר האבען ווירקליך אויך געטראפען דיא דאמען מיט דעם העררן.

— ווער איז ער, דער הערר וואַסייר? איא האב ערגעץ־וואו געהערט דעם נאמען, קען מיך ניט ערינערן וואו.

— איך גלויב ער איז זשורנאַליסט; ער איז געוועזען אויף דעם אבענד ביים ברעסאַל.

— וועלכער ארצט האט דיך בעהאנדעלט?

— א מיליטער־ארצט וועלכען פריינד אָקטאוו האט גערופען; ער האט געזאגט, אז דער פאַל איז גאר ניט ערנסט און אין א פאַר טעג בין איך ווידער פריש און

www.libtool.com.cn

געווגד. איך האָף אפילו צו בעזוכען דעם נעכסטען אבענד אין רוע דע ווערניייל.

צום צווייטען מאהל האט הערר ניבריי געמאכט א פערדריעסליכע מיענע, און אלבערט האט עס אויך דיעזעס מאהל בעמערקט.

— וואס איז מיט דיר, פאטער? — האט ער געפרעגט — יעדעס מאהל וואס איך דערמאָהן דעם נאמען ברעסאָל, שיינסט דוא זעהר אונצופריעדען צו זיין.

ווען דער יונגער אפיציער וואלט ניט געוועזען דערביי, וואלט דער ריכטער געוויס אויך באלד נעהאט איינע ערקלערונג מיט זיין זאהן איבער דעם געגענשטאנד, אבער דיא נעגענווארט פון א דריטע פערזאָן האט איהם געשטערט, דעריבער האט ער גע־ענטפערט נור קורץ: „איך גלויב ניט אז דיינע בעציהונגען צו יענער פאמיליע זאלען זיין פיר דיך בעזאנדערס גליקליך".

אלבערט האט לייכט אויפגעציטערט, וועהרענד דער פאטער האט ווייטער גע־זאגט: „דער אונפאל אין פארק פון ווענסען איז דער בעסטער בעוויז דאפיר".

— דאס קענסט דוא ניט מיינען אין ערנסט, פאטער! — האט אלבערט גע־ענטפערט — פון ווען אָן ביזט דוא דען געווארען אבערגלויביש און שרעקעדיג.

— איך בין ניט אבערגלויביש און ניט שרעקעדיג, אבער איך גלויב, אז עס זיינען דא לייטע, וועלכע ברייננען אונגליק.

— דער גרויסער שריפטשטעלער באלזאק האט אויך אזוי געגלויבט — האט דער יונגער אפיציער אריינגערעדט.

אלבערט האט געוואלט געבען דעם געשפרעך איין אנדער ווענדונג און האט געזאגט: „איך וויל אויפשטעהן!"

— וועט עס דיר ניט שאדען? — האט דער ריכטער געפרעגט מיט צערטליכער אונרוהע.

— גאנץ געוויס ניט, דען איך פיהל מיך גאנץ גוט. אָקטאוו בלייבט צום עסען דא, איך האב הונגער וויא א וואלף און צום גליק האט מיר דער דאָקטאר ניט פער־אָרדנעט ווענינ צו עסען.

אלבערט האט זיך אנגעקליידעט כמעט אליין און האט ביין טיש ווירקליך בע־וויעזען דאס ער האט הונגער, דיא מאהלצייט איז פאראיבער זעהר פריילאך. אום ניין אוהר אבענדס האט דער יונגער אפיציער גענומען אבשיעד פון זיין פריינד און פון'ם ריכטער און איז געגאנגען צוריק נאך ווענסען.

הערר ניבריי און זיין זאהן זיינען איצטער געווען אליין. אלבערט האט דיעזען אויגענבליק אונגעדולדיג ערווארטעט.

— פאטער, יעצט זיינען מיר אליין — האט ער אנגעהויבען ענטשלאָסען — און איך ווייס, אז דוא ווילסט מיט מיר רעדען וועגען דיא פאמיליע ברעסאָל.

— דוא האסט רעכט, מיין זאהן, איך האב דיר עטוואס ערנסט מיטצוטהיילען, אדער איך גלויב עס וועט בעסער זיין איך זאל נאך דערוויילע דיא מיטטהיילונג אב־לעגען אויף אנאנדער צייט. דוא ביזט ליידענד און שוואך און דוא דארפסט רוהע האבען. ווען דוא וועסט זיך האבען אויסגערוהט וועלען מיר קענען ריידען.

— פאטער, דוא דערש־עקסט מיך! — האט אלבערט אויסגערופען — דיא

www.libtool.com.cn

נעווסהייט איז אימער בעסער וויא איבערצוטראכטען, ווען זיא זאל אפילו זיין ווער ווייס וויא ביטער. איך בין ניט מעהר קיין קינד און ווייס מיך צו בעהערשען. זאג מיר קורץ און אָפען, וואס מאכט דיך אונרוהיג.

— איך האב מורא איך וועל דיר זעהר פיעל שמערצען פערשאפען.

— איך האב מוטה זיי אריבערצוטראגען; איך הייב שוין אן צו פערשטעהן, מאריע ברעסאָל איז דיר ניט געפעלען געווארען.

— ניין, אין גענענטהייל, נעגען דאס ארעמע שעהנע קינד האב איך גאר ניט.

— דאן ווילסט דוא אלזא ניט וועגען איהרריידען מיט מיר?

— דאך פון איהר.

— פאטער, איך בעט דיך, רייד ארויס קלאר; איך קען עס ניט איבערזאגען. איך ליעב מאריע ברעסאָל, דוא ווייסט עס, איך האב עס דיר נעזאגט, וואס האסט דוא איהר פאָרצוּוואָרפען? איך מוז און וויל עס וויסען!

הערר ניבריי האט נעפיהלט וויא זיין הערץ ווערט צוזאמענגעפרעסט ביי דעם אנבליק פון דער פערצווייפלונג פון זיין זאָהן. אנשפארענדיג דעם קאָפּ אן זיין האנד, איז ער א ווײלע אזוי געבליעבען זיטצען, קוקענדיג פאר זיך, און האט דאן נעזאגט: „עס מוז זיין, איך טאָר עס דיר ניט פארשווייגען!“

— פאטער! — האט אלבערט ווייטער געבעטען — ענטפער מיר, רייד מיט מיר, ווארום שווייגסט דוא? האסט דוא מיר דען זאָ עטוואס שרעקליכעס מיטצוטהיילען?

דער ריכטער האט אויפגעהויבען זיין קאָפּ און האט אריינגעקוקט זיין זאָהן אין דיא אויגען: — „דוא ליעבסט דאס יונגע מיידיל ליידענשאפטליך? — האט ער נעפרעגט.

— איך ליעב מאריע פון גאנצען הערצען, פון דער גאנצער זעעלע, מיט אלע מײנע קרעפטען, און איך ווייס אז אהן איהר וועל איך קיין גליק אויף דער וועלט ניט נעניעסען.

הערר ניבריי האט נעציקט דיא אכסלען: „דוא זאגסט אז דוא ביסט מעהר קיין קינד, און רעדסט דאך וויא א קינד.

— פאטער, איך פערזיכער דיך, דאס איך פיעל אזוי; אהן מאריע איז מיר דאס לעבען ניט זיס.

— פון ליעבע שטארבט מען ניט! מען ליידעט, אבער מען לעבט ווייטער, דיא שמערצליכסטע וואונדען היילען מיט דער צייט.

— מיינע וועלען ניט היילען, און איך וועל דורך זיי פערבלוטען.

— דאס איז נארישקייטען, ליעבער יונגע, דיא היטץ געהט פאָריבער. איך וויל דיר בעווייזען, דאס פון דיעזער שטונדע אן מוזט דוא אויפהערן צו דיינקען אן מאריע ברעסאָל.

אלבערט איז נעווארען בלייך וויא דער טויט: „אויפהערן צו דענקען אן מאריע“ ?! — האט ער אויסגעשריען.

— און זיא פערגעסען! — האט הערר גיבריי צונעזעצט, און האט דערביי נעצי־טערט, אלס ער האט נעזעהן זיין זאָהן ציטערן.

www.libtool.com.cn

— דוא קענסט אליין אין דעם ניט גלויבען, מיין פאטער — האט אלבערט שטיל ארויסגערעדט — דוא ווייסט אז דאס איז אונמעגליך.

— עס מוז זיין!

— אבער ווארום ווילסט דוא מיר ברעכען דאס הערץ? וואס האסט דוא דער־ פון וואס דוא קוועלסט מיך אזוי? לאז מיך וועניגסטענס וויסען ווארום איך לייד? פערדיענט ניט מאריע געליעבט צו ווערען פון איינעם אנשטענדיגען מאן?

— איך האב דיר געזאגט פריהער, דאס נעגען מאריע האב איך קיין האר, איך האלט זיא פיר אונשולדיג און ריין וויא איין ענגעל.

— ווארום אלזא ווילסט דוא מיר פערביטען מאריע צו ליעבען? איז איהר פא־ טער א שלעכטער מענש? האט ער זיין נאמען בעפלעקט, זיין פערמעגען גענגב'עט?

— ניין, אויך הערר ברעסאל איז איין רעכטשאפענער מאן, און איינע פערבינ־ דונג מיט איהם וואלט מיר געוועזען זעהר ליעב, ווען זיא זאל נור מעגליך זיין, זיא איז אבער ניט מעגליך.

— פאטער, איך זאג דיר, איך ווער וואהנזיניג! — האט אלבערט אויסגעשריען, קוים צוריקהאלטענדיג זיין צארן, — דוא שטעלסט מיך פאר א רעטענים און זאגסט מיר ניט וואס דאס בעדייטעט! מיין פערשטאנד קען ניט בעגרייפען דיינע קאלטע גרוי־ זאמע ווערטער, פיר וועלבע איך זעה קיין גרונד, קיינע אורזאבע.

— הער מיך אוים מיין זאהן! — האט פאול ניברויי אנגעהויבען נאך א קורצען שטילשווייגען — פריהער זאלסט דוא אלעם וויסען און דאן אורטהיילען.

— רייד, פאטער, איך ווארט אויף דיינע ווערטער וויא אויף מיין טאדעס אורטהייל.

— דוא געדיינקסט וויא איך האב דיך געווארנט פאר א צו שנעלער ליעבע און האב דיר דערציילט א טרויעריגעס ביישפיעל פון מיין אייגענער יוגענד?

— איך ערעינער מיך זעהר גוט; וואס האט עס אבער צו טהאן מיט מאריע?

— נעדיינקסט דוא אויך דאס איך האב ניט געוואלט געהן צום אבענד צו ברע־ סאל און האב עס נור דיר צוליעב געטהאן?

— איך געדענק דאס זעהר גוט און בין דיר נאך זעהר דאנקבאר דערפאר.

— נו, מיין זאהן, שטעל זיך איצטער פאר מיין שרעק, מיין ענטזעטצען, אלס איך בין געקומען אין דער הויז פון דער פאמיליע מיט וועלבער דוא ווילסט זיך פערביני־ דען און האב דארטען ענטדעקט איין אונגעהייר.

— איין אונגעהייר? — האט אלבערט געפרעגט ערשטוינט.

— דאס ווארט איז ניט צו שטארק! איך האב געפונען יענעם אבשייליכע בע־ שעפעניס, וועלבעם איך האב אמאל אזוי הייס געליעבט. דאמאלס האט זיא געהייסען וואלענטינע דהארוויל, היינט רופט זיא זיך מאדאם ברעסאל, און איז דיא מוטער פון דיינער מאריע!

אלבערט איז אויפגעשפרונגען, איז אבער צוריקגעפאלען אויף זיין שטוהל און האט זיך געחאפט מיט דער האנד פארן ברוסט:

www.libtool.com.cn

— מאריע דיא טאכטער פון יענער פרוי? — האט ער געמורמעלט מיט דומפּפער שטימע.

— פערשטעהסט דוא יעצט, מיין ארעמעס קינד, ווארום איך האב דיר געזאגט אז דיינע הייראַט איז אונמעגליך, און דוא קענסט מאריע ניט ווידערזעהן און דארפסט זיך צווינגען זיא צו פערגעסען?

א היבשע ווײלע האבען פאטער און זאהן געשוויעגען. פּלוצלונג אבער האט אלבערט אויפגעהויבען דעם קאפּ: „אזוי בין איך אלזא פעראורטהיילט — האט ער גערופען — און מאריע איז פעראורטהיילט מיט מיר! זיא איז ריין, אבער איהר מוטער איז א פערוואָרפענע! און דריבער מוזען מיר אונז שיידען פיר אימער! איז דאס גערעכט? איז דאס פערנינפטיג אז קינדער זאלען האבען צו ליידען פיר זינדע וועלכע זייערע עלטערן האבען בעגאנגען? טויזענד מאהל ניין! אנטקעגען דעם וועל איך מיך שטעלען!

— אלבערט! — האט הערר גיברייַ פארוואורפספאָל גערופען.

— איך שטעל מיך אנטקעגען דעם מיט מיין גאנצער קראפט! — האט דער יונגער מאן ליידענשאפטליך געשריען; דיא שאנדע פון דער מוטער זאל ניט פאלען אויף דיא ריינע שטערן פון דער אונשולדיגער מיידיל. און ווער זאגט דיר דען, דאס דיעזע מוטער האט ניט לאנג שוין חרטה געהאט אויף איהרע פערגאנגענהייט, און האט שוין לאנג ניט אפגעווישט יענע פערגאנגענהייט דורך איין עהרליכעס לעבען?

— זאל זיין אזוי, איך וויל עס צוגעבען — האט גיברייַ געענטפערט — אבער דאן זאל זיא מיר זאגען וואס האט זיא געמאכט מיט מיין קינד? אזוי שנעל וויא זיא ניט מיר מיין קינד צוריק וועל איך עס איהר פערצייהען.

— האסט דוא פון איהר דיין קינד געפאָדערט?

— יא.

— און וואס האט זיא דיר געענטפערט?

— דאס איהר ברודער, ארמאנד דהארוויל, האט דאס קינד פון איהר צוגענומען.

— ווארום גלויבסט דוא איהר דאס ניט?

— דוא פערטהיידיגסט יענע פרוי? — האט הערר גיברייַ אויסגערופען ערשטוינט און אונרוהיג.

— איך פערטהיידיג זיא ניט, איך וויל נור זאגען, פּיעלייכט זאגט זיא דיר דיא וואהרהייט. נאר ווען אפילו ניט, און זיא אליין איז א פערברעכערין, וואס איז איהר טאכטער שולדיג?

— דוא וואנסט נאך צו דענקען פון הייראטהען מאריע נאך אלעם דעם וואס איך האב דיר דערצעהלט?

— ווארום ניט? דאס מיידיל פערדיענט געליעבט צו ווערן פון מיר און פון דיר.

— זיי פארזיכטיג, אלבערט, איך פאָדער פון דיר וואס דוא ביזט מיר שולדיג, רעספּעקט און געהארזאם.

— איך פערלאנג פון דיר דוא זאלסט זיין גערעכט! ווען איך זאל מאריע ניט ווידערזעהן, טראטץ דעם וואס איך האב איהר געשווארען איביגע ליעבע און ווען איך

www.libtool.com.cn

זאל מיט איין מאהל אויפהערען צו בעזוכען דאס הויז פון איהרע עלטערן, זא וועט דיעזעס גלייך אויפוועקען פערדאכט אין הערצען פון איהר בראווען פאטער און ער וועט פערלאנגען איינע אויפקלערונג, וועלכע וועט ברייננען צו שרעקליכע ענטדעקונגען. דוא וועסט שטערן דעם פריעדען פון דיעזען אונשולדיגען מאן, נאך איידער דוא האסט אין דיינע הענד דיא בעווייזע פיר דאס פערברעכען, אין וועלכען דוא בעשולדיגסט וואלענטינע. דאס איז ניט רעכט און דוא, וואס דוא ביזט אימער דיא גערעכטינקייט אליין, דארפסט ניט וועלען, אז דיין זאהן זאל זיין אונגערעכט.

— איך פערלאנג פון דיר פאלשטענדיג אבצוברעכען דיין פערהעלטנים צו מאריע ברעסאל און עס מעג דערפון ארויסקומען וואס עס וויל.

— דוא פעראורטהיילסט מיך אלזא צו פערצווייפלונג?

— פערצווייפלונג איז שוואכקייט און דוא זאלסט זיין שטארק וויא א מאנן, וועלכער וויים טהייער צו האלטען זיינע עהרע און זיינע ווירדע.

— פאטער דוא טעדטעסט דיין קינד! — האט דער יונגער מאן ארויסגערעדט מיט א פערשטיקטער שטימע. זיין קאפ איז געזונקען ריקווערטס און דיא בלאסקייט פון זיין געזיכט איז געווארן זעהר אויפפאלענד.

— אלבערט, אלבערט! — האט הערר ניבריי גערופען און האט געאיילט צו זיין זאהן. אבער אלבערט האט ניט געענטפערט. דיא גרויזאמקייט פון זיין פאטער, דיא אויפרעגונג, דער שמערץ און דערצו נאך דיא שוואכקייט וועלכע איז געקומען נאכדעם אונפאל אויפ'ן אייז, האבען איהם איבערוועלטיגט און ער איז געבליעבען אין אהנמאכט.

ניבריי האט געקלינגעלט נאך זיין דיענער און בײדע האבען דעם אהנמעכטיגען געטראגען צום בעט. נאך עטליכע מינוטען איז ער געקומען צו זיך, אבער עס האט זיך ביי איהם בעוויעזען שטארקע היטץ.

א דאָקטאָר איז גערופען געווארן און דיעזער האט ערקלערט, דאס אלבערט'ס צושטאנד איז ניט געפעהרליך, אבער ער קען געפעהרליך ווערן. „זייער זאהן איז נערוועז — האט ער געזאגט צו העררן ניבריי — אלעס מאכט אויף איהם איין איינדרוק, ער מוז פאלשטענדיג רוהע האבען. א צו העפטיגע אויפרעגונג קען איהם קאסטען דאס לעבען.

אין גרויסער אונרוהע איז ניבריי געזעסען דיא גאנצע נאכט ביין בעט פון זיין זאהן; געגען מארגען איז דער קראנקער געווארען בעסער, אבער דער דאקטאר האט ווידער פארגעשריעבען פאָלשטענדיגע רוהע און פאָרזיכט אין עסען.

הערר ניבריי האט ניט מעהר גערעדט וועגען דעם געגענשטאנד, וועלכער האט ארויסגערופען דיא קראנקהייט ביי זיין זאהן; ער האט אלבערט'ן אומארעמט און איז דאן געגאנגען נאך דעם יוסטיץ־פאלאסט, וואו זיינע פפליכט האט איהם גערופען.

ביי דעם געדאנקען, דאס ער וועט מאריע ניט מעהר זעהן, האט דעם יונגען מאן ערגריפען איין שרעקליכעס וועה. ער איז געוועזען שרעקליך בייז אויף זיין פאטער פיר זיינע הארטהערציגקייט און אונגערעכטיגקייט. לאנגזאם און טרויעריג איז פאר איהם דער טאג אריבער. געסטערן איז הערר ברעסאָל געקומען זיך ערקונדיגען וואס ער מאכט, וועט ער היינט ווידער קומען? פיליכט איז מאריע אזוי ליידענד אן איהר

www.libtool.com.cn

וואונדע, דאס דער ארעמער פאטער קען פון איהר ניט אוועק געהן און ער דענקט ניט פון אנדערע זאכען.

אזוי איז געקומען דער אבענד. הערר ברעסאָל איז ניט געקומען און האט אויך קיינעם פון זיך ניט געשיקט.

אום פיער אוהר איז פאול גיבריי געקומען נאך הויז, גראדע אין דער צייט אלס דער דאָקטאָר האט געמאכט זיין צווייטען בעזוך.

אלבערט'ס אונרוהע וועגען מאריע איז געווארען שטארקער מיט יעדען אויגענבליק, דיא היטץ איז שטארקער געווארן, און דער דאָקטאָר האט אונצופריעדען געשאָקעלט דעם קאָפּ. הערר גיבריי האט בעמערקט דעם אויסדרוק פון דאָקטאָר'ס געזיכט און איז בלאס געווארען.

דער דאָקטאָר האט פערשריעבען איין אנדער מעדיצין און האט זיך געווענדעט צום פאטער: „איך וואלט מיט אייך וועלען עטוואס ריידען, הערר גיבריי".

מיט א בעדריקטען הערצען האט גיבריי אריינגעפיהרט דעם דאָקטאָר צו זיך אין צימער, און האט געפרעגט: „דער צושטאנד פון מיין זאָהן שיינט אייך זעהר ערנסט צו זיין, ניט וואהר?"

— איך מוז עס צוגעבען.

— אבער איהר וועט דאך דיא קראנקהייט בעקעמפפען?

— איך האב מורא אז דיא וויסענשאפט קען דא ניט פיעל אויסריכטען. דער יונגער מאן שיינט צו ליידען גייסטיג, און מיר איז דיא אורזאכע דערפון ניט בעקאנט. איבער זיין קערפער זאל געהיילט ווערען, מוז דיא היילונג אנפאנגען פון גייסט. פיעלייכט ווייסט איהר דיא אורזאכע? אהן אייער הילפע וועל איך דא גאר ניט מאכען.

הערר גיבריי האט געשוויעגען, וועהרענד דער ארצט האט פאָרטגעזעצט שוין מיט מעהר בעשטימטהייט: „איך פערשטעה אז איך האב דיא דיאגנאָזע ריכטיג פעסטגעשטעלט (דערקענט דיא קראנקהייט), דער חולה איז אין א קריטישער לאגע, און איהר מוזט עס האבען אין זינען, הערר גיבריי".

דער מיט איז דער דאָקטאָר אוועקגעגאנגען.

דער אונטערזוכונגס-ריכטער איז ערגריפען געוואָרען פון שרעקליכער אונרוהע און אנגסט. ער האט זיין זאָהן געליעבט צערטליך, און וואלט גערן פיר איהם געאָפּפערט זיין לעבען, ווען עס וואלט נייטיג געוועזען, ער איז אבער ניט געוועזען אים שטאנדע נאכצוגעבען ביי א פראגע, וויא איהם האט אויסגעוויעזען, דאס זיין עהרע שטעהן אויפ'ן שפיעל. דאס הערץ פון אונגליקליכען פאטער האט געקעמפפט א שווערען קאמפף.

ער האט צוריקגעקעהרט צום קראנקען, וועלכער איז נאך אימער געלעגען אין פיבער, און איז געזעסען ביי זיין בעט, פערטיעפט אין ביטערע געדאנקען, ביז דער דיענער האט איהם געמעלדעט, דאס דער טיש איז געגרייט צום אבענדעסען.

ער האט עטוואס געגעסען מיט גרויסער מיהע, און נאכדעם וויא ער האט דעם איבריגען טהייל פון אבענד צוגעבראכט ביין זאָהן'ס בעט, איז ער נאכהער אליין געגאנגען רוהען, האט אבער א גאנצע נאכט ניט צוגעטהאן מיט איין אויג, און נור געגען מאָרגען איז ער איינגעשלאפען.

www.libtool.com.cn

אלס דער דאָקטאָר איז געקומען אויף מאָרגען, האט ער געפונען דאס די היטץ ביי אלבערט איז פיעל שוואכער, אבער דאס הערץ קלאפפט זעהר אונרעגעלמעסיג. ער האט פערשריעבען א רעצעפט, און האט דעם פאטער נאך אמאל ערקלערט, דאס עס וויזט זיך ביין פאציענט איין אנפאנג פון א הערץ־לײדען, און ווען מען זאל עס ניט דערהאפפען גלייך, קען עס ווערען זעהר פאטאל.

וועהרענד גיבריי איז געוועזען פערנומען מיט'ן דאָקטאָר האט איהם א דיענער דערלאַנגט א קארטע וועלכע ער האט בעטראַכט, און האט געמאכט איינע בעוועגונג מיט דער האנד, וועלכע האט אויסגעדריקט פערדרוס. „איך קום גלייך", האט ער געזאגט דעם דיענער.

אלבערט האט פון וויטען בעמערקט דיא פערענדערונג אין זיין פאטערס געזיכט, אלס ער האט אנגעקוקט דיא קארטע, און האט געזאגט מיט א ביטענדער שטימע: „פאטער, אויב דער בעזוכער איז ברעסאָל, לאז איהם אריינקומען, איך מוז איהם זעהן, איך מוז נאכריכט האבען פון....."

ער איז ענטשוויעגען געוואָרן. דער געדאנקען פון דער שיידונג איז ווידער אויפגעקומען אין זיין קאָפּ מיט זיין גאנצער שרעקליכקייט ביי דעם נאמען פון דער געליעבטער, וועלכע ער האט געוואלט ארויסריידען. זיין הערץ האט געקלאפפט, פונקט וויא עס וואלט וועלען צושפּרינגען.

דער דאקטאר איז צוגעלאפפען צום קראנקען און האט זיך געווענדעט צום אונטערזוכונגס־ריכטער במעט שטרענג: „לאזט דעם העררן איינטרעטען; איך מוז זעהן וועלכען איינדרוק זיינע געגענוואַרט וועט מאכען אויפ'ן קראנקען".

— אבער איך קען דאך ניט.... — האט גיבריי אנגעפאנגען.

ער האט געוואלט זאגען, דאס ער קען ניט אויפנעהמען דעם פאטער, און דיא טאָכטער לאזען, און האט זיך אליין אונטערבראָכען. אלבערט האט אבער פערשטאנען, און צוזאמענליינענדיג דיא הענד האט ער געבעטען: „פאטער, זיא איז געקומען, זיא איז דא!...."

— קומט, דאקטאר! — האט דער ריכטער געזאגט און האט דעם ארצט אריינגעפיהרט צו זיך אין צימער.

— אום וואס האנדעלט זיך דאָ? — האט דער דאקטאר געפרעגט.

— אלבערט האט געטראפען, פריילין ברעסאָל איז דא מיט איהר פאטער.

— נון?

— ער ליעבט דאס מיידיל, און איך קען דיא ליעבע ניט צולאזען וועגען פאמיליען־אנגעלעגענהייטען; איך האב אנדערע פלענער.

— נעהמט אייך אין אכט, אייערע פלענער וועלען ניט דורכגעפיהרט ווערען, ליעבער הערר גיבריי, דען איהר וועט טויטען אייער זאהן.

— איז דאס מעגליך? — האט גיבריי אויסגערופען מיט שרעק.

— זעהר מעגליך!

— איך האב אימער געמיינט אז מעהר ניט וויא אין ראמאנען שטארבט מען פון ליעבע.

www.libtool.com.cn

— פון ליעבע שטארבט מען ניט, זאנדערן פון הערצליידען, אבער דורך אונגליקליכע ליעבע ווערט א הערצליידען פעראורזאכט. ווען איהר זאלט וויעדערשטעהן דעם וואונש פון זיין הערץ, וועט דיעזעס הערץ איהם טויטען. ער האט איין זעהר עמפפינדליכעם הערץ.

— דאן מוז איך אלזא נאכגעבען, אום ניט צו זיין זיין מערדער! — האט דער ערשראָקענער פאטער געזאגט — איך מוז אלזא האנדלען געגען מיינע איבערצייגונג און געוויסען, און צוגעבען אזא אבשייליכע פערבינדונג?!

— איך קען אייך נור אזוי פיעל זאגען, אז איהר האט דאס לעבען פון אייער קינד אין אייערע הענד.

— דאן געהט געפעליגסט צוריק צו איהם.

— וואס ווילט איהר טאהן?

— איך וויל דיא בעזוכער עמפפאנגען און זיי פיהרען צום קראנקען.

דער דאקטאר איז געגאנגען אין אלבערט'ס צימער, וועהרענד העררר גיבריי האט זיך בעגעבען אין זאל, וואוהין דער דיענער האט דיא בעזוכער אריינגעפיהרט. פארן טהיר איז ער געבליעבען א ווילע שטעהן אונענטשלאסען. אין איהם איז פאָרגעגאנגען א שרעקליכער קאמפף, צווישען זיין ליעבע צו זיין קינד, און זיין פפליכט צו זיין אייגענער עהרע, „אָ דוא עלענדע!“ — האט ער גערופען, און האט דארונטער געמיינט וואלענטינע — „ווארום האב איך דיך געטראָפען!“ ער האט דאן מעכאניש אויפגעעפענט דיא טהיר און איז אריבערגעטרעטען דיא שוועלע.

ביין זיין ערשיינען, האבען זיך ברעסאל און מאריע אויפגעהויבען פון זייערע פלעצער. דער אלטער מאן איז איהם געגאנגען אנטקעגען און האט איהם גערייכט דיא האנד, און דאן האט גיבריי בעגריסט די בלייכע, ציטערנדע מאריע, וועלכע האט קוים געוואגט זיך צו ריהרען פון אָרט.

— ענטשולדיגט אונז, העררר גיבריי, וואס מיר זיינען בעשטאנען דארויף אייך צו זעהן — האט ברעסאָל אנגעפאנגען — מיינע טאָכטער און איך זיינען געווען אין גרויסער אונרוהע! מיר זיינען געסטערן געווען ביי העררן סערוועט און האבען געהאפט צו טרעפען העררן אלבערט, אדער ווענינגסטענס פון איהם עטוואס צו הערען. העררר סערוועט האט אבער פון איהם ניט געהערט, און דאס האט אונז זעהר אונרוהיג געמאכט. איז ערווירקליך קראנק?

— איך דאנק אייך טויזענד מאהל פיר דיא טהיילנאהמע — האט העררר גיבריי געענטפערט — מיין זאהן'ס לאגע איז עטוואס בעאונרוהיגענד.

— בעאונרוהיגענד! — האט מאריע איבערגערעדט מיט שרעק — העררר אלבערט איז אלזא ווירקליך קראנק? דער פאל אין דאס אייזיגע וואסער, וועלכער האט מיך געראטעט, ברייננט איהם אין געפאהר! אָה, זאגט מיר אלעס, מיין העררר, איך בעט אייך!

לודאָוויק ברעסאָל האט אנגעקוקט זיין טאכטער מיט גרויסע אויגען. ער האט געוואוסט וויא בעשיידען זיא איז אימער, און וויא שטיל, און אזא אויפטרעטען פון איהר זייט איז איהם געווען אונערווארטעט.

www.libtool.com.cn

— אלבערט איז ערנסט קראנק, פריילין — האט דער בעאמטער געענטפערט.

— אך, מיין גאט! — האט מאריע אויסגערופען, און האט זיך ניט געקענט צוריקהאלטען פון שלוכצען.

— מאריע, ליעבעס קינד, בערוהיג זיך! — האט זיא ברעסאל געטרייסט — דוא ביזט דיא אורזאכע פון הערן גיבריי'ס קראנקהייט, דוא האסט עס דאך אבער ניט געוואלט, דוא האסט דיר קיין זאך ניט פארצו־ווארפען.

און זיך קעהרענדיג דאן צום אונטערזוכונגס־ריכטער, האט ער צוגעזעצט:

— קענען מיר פיעלייכט הערן אלבערט איין אויגענבליק זעהען?

הערר גיבריי האט אין ערשטען אויגענבליק געוואלט דיא ביטע ענטזאגען, אבער זיין בליק איז געפאלען אויף מאריע, וועמעס זיסעס געזיכט עס האט אויסגעדריקט דעם טיעפסטען שמערץ. דאס האט איהם אויך דערמאהנט אן אלבערט'ס לײדען און אן דיא לעצטע ווערטער פון דאקטאר, און דעריבער האט ער געענטפערט: „איך גלויב מיין זאהן וועט זיך פרייען אייך צו זעהן". זיין שטימע האט געקלונגען קאלט און אונפריינדליך, אבער מאריע האט זיך דארום ניט געקימערט, זיא האט נור געהערט דאס דיא ביטע פון איהר פאטער איז ערפילט געווארן.

— ווילט איהר אזוי פריינדליך זיין? — האט גיבריי וויטער געזאגט — איך וויל אייך פיהרען אין אלבערט'ס צימער, דער דאקטאר איז יעצט ביי איהם.

ווערענד דער ארצט אליין האט זיך צוריקגעקעהרט צו אלבערט, האט איהם דיעזער פארווארפען מיט פראגען וועגען דיא בעזוכער, אבער דער דאקטאר, וועלכער האט ניט געוואוסט וויא דער ריכטער וועט ביי זיך בעשליעסען, האט געזוכט אויסצו־מיידען אלבערט'ס פראגען, האט געענטפערט, דאס ער האט קיינע בעזוכער געזעהן, און דאס דער פאטער וועט באלד אריינקומען, פון וועמען ער וועט אלעס ערפאהרען. קוים אבער האט אלבערט דערהערט דיא טריט פון עטליכע פערזאנען, און האט אומ־געקעהרט דיא אויגען צום טהיר, האט דער ארצט שנעל ארויפגעליינט דיא האנד צו איהם אויפ'ן הערצען. דאס הערץ האט נעשפרונגען פונקט וויא א געפאנגענער פויגעל, וועלכער וויל צוברעכען זיין שטייג. דער חולה איז אויך געווארן שרעקליך בלאס.

— רוהע, אום גאטעס ווילען, רוהע! — האט דער דאקטאר דערמאהנט.

— א, דאס איז מאריע! — האט אלבערט געזאגט גאנץ שטיל — זיא קומט!

דיא טהיר האט זיך געעפענט; הערר גיבריי איז איינגעטרעטען, בעגלייטעט פון ברעסאל און זיין טאכטער.

דאס מיידיל איז צוגעשפרונגען צום קראנקען, איז אבער דאך געבליעבען שטעהן מיט פארב אין געזיכט און אראפגעלאזענע אויגען. בלייך און שוואך וויא ער איז געווען, האט אלבערט אויסגעשטרעקט זיין האנד צו איהר, און פון ביידענס אויגען האבען גע־רונען טרעהרען. דאן האט דער יונגער מאן ערגריפען דיא האנד פון זיין פאטער, און האט געשמאמעלט: „א, איך דאנק דיר, דוא ביסט אזוי גוט! איך בין אזוי גליקליך!"

— עס געהט אויסגעצייכענט! — האט דער דאקטאר איינגעשושקעט דעם ריכטער אין אויער — וואס דיא וויסענשאפט קען ניט בעווייזען, וועט דאס מיידיל בעווייזען!

www.libtool.com.cn

דיא טיעפע בעוועגונג פון ביידע יונגע לייטע האט אפילו דעם גלייכגילטיגען
דאקטאר געחאפט ביין הארצען. ער האט גענומען מאריעס האנד און האט זיא צוגע־
פיהרט צום קראנקען.

ביידע פאטערס האבען אנגעקוקט מיט ריהרונג זייערע שיינע קינדער, וועלכע
האבען וויא עס האט אויסגעוויעזען נור איינער פאר׳ן אנדערן געוואָלט לעבען, און ניט־
ווילענדיג האבען זיך אויף זייערע בליקען געטראפען,

אין ניבריי׳ס הערצען האט דיעזער עהרליכער און ליעבעפאָלער בליק פון אלטען
ברעסאָל דערוועקט ווייכערע געפיהלען.

דער בעזוך האט ניט מעהר געדויערט וויא פינף מינוטען, וויל לייגנער האט דער
דאָקטאָר ניט ערלויבט, אבער מאריע האט פארלאזען דאס צימער שטראהלענדיג פאר
גליק, און אלבערט איז געווען וויא ניי בעלעבט.

אין וואגען האט זיך מאריע א וואָרף געטהאן אויף איהר פאטער און האט
איהם אומארעמט מיט ליידענשאפטליכע צערטליכקייט.

— וואס איז מיט דיר, קינד? — האט דער גוטער לודאָוויק געפרעגט — דוא
ביסט היינט א גאנץ אנדערע וויא אימער.

— פאטער! — האט מאריע געשטאמעלט, בעהאלטענדיג איהר געזיכט אויף
איהר פאטערס ברוסט — מערקסט דוא עס ניט? איך האב איהם זעהר, זעהר ליעב!

33טער קאפיטעל.

## דיא שלאנג אין ברעסאל׳ס הויז.

מאָריס איז געווארן א שטענדיגער בעזוכער פון ברעסאָל׳ס הויז. ער האט גענאָ־
סען דיא אכטונג פון פאטער, און אזוי וויא ער האט ארויסגעוויעזען זעה־ פיעל בעדויערן
פיר אלבערט ניבריי, האט ער אויך געוואונען דיא פריינדשאפט פון מאריע. דיא קאפ־
ריזנע וואלענטינע, איז אין איהם גאר אין גאנצען געוועןפארנארט. זיא האט זיך איהם
איבערגעבען מיט לייב און זעלע, און פלעגט זיך מיט איהם בעראטהען אין אלע איהרע
אנגעלעגענהייטען.

אם נעכסטען שבת האט געזאלט זיין דער צווייטער אבענד־פעסט אין ברעסאָל׳ס
הויז, און מאָריס האט פאָרגעשלאגען צו פערוואנדלען דיא זאלען אין ווינטער גארטענס.
מען דארף נור קריעגען אלערליי פלאנצונגען אויף נייך־געלד און דערמיט אויסצופוטצען
דיא זאלען. לודאוויק ברעסאָל האט ניט־ווילענדיג נאכגעגעבען, דען דיא סומע וועלכע
דאס האט געדארפט קאסטען האט איהם אויסגעוויעזען צו גרויס.

מאריע האט צוגעזעהן דיא אלע פאָרבערייטונגען צום פעסט אהן פריידע, אהן
פערגעניגען, אזוי וויא זיא האט געוואוסט, דאס אלבערט וועט ביי איהם ניט קענען
זיין, אבגלייך ער איז געווען אויף דעם וועג צור בעסערונג. איהר וואלט פיעל ליעבער
געווען ווען מען וואלט דעם אבענד אין גאנצען אפלייגען, אבער מאדאם ברעסאָל האט
דערפון ניט געוואלט הערן.

מאדאם ברעסאָל האט ניט געוואוסט פון דעם בעזוך, וועלכען איהר מאן און
טאָכטער האבען אבגעשטאטעט דעם אונטערזוכונגס־ריכטער און דיעזע האבען עס אויך

www.libtool.com.cn
איהר ניט געזאגט, ווייל לודאוויק ברעסאָל פלעגט איבערהויפט זיין אונעהרליכע ווייב ניט בעריכטען פון זיינע גענגע און מאריע האט דערפון אויך ניט גערעדט, אום קיין קריעג צו מאכען צווישען פאטער און מוטער. אויך האט זיא געפיהלט, אז איהר מוטער איז ניט פריינדליך צו אלבערט גיברייי. אן דיא אונטערערדונג מיט דעם אונטערזוכונגס־ריכטער און זיינע דראָהונגען (סטראשונקעס), האט מאדאם ברעסאָל מיט איהר גע־וועהנליכען לייכטזינן שוין לאנג פערגעסען.

מאריס האט מיטגעהאלפען ביי דיא פארבערייטונגען צום אבענדפעסט און האט געטהאן דערביי מעהר וויא אללע, פונקט וויא דאס וואלט געווען ביי איהם אין הויז. מאדאם ברעסאָל האט אלעס אובערגעלאזען צו איהם. דעם טאג פריהער, איידער דער אבענדפעסט האט געזאלט זיין, זיינען אלע זאלען געווען פערוואנדעלט אין א ריעזיגען ווינטערגארטען, אין וועלכען עס האבען זיך געפיהלט אלע זיעסע ריחות פון דיא פיינסטע זידליכע פלאנצונגען.

אן דעמזעלבען טאג איז מאריס נעגאנגען נאך דער רוע סורען, וואו ער האט געטראפען, וויא געוועהנליך, לאטירג מיט ווערדיע צוזאמען. דיעזעביידע האבען ביי־זאמען געארבייטעט דיא לעצטע צייט, אום אויסצוגעפינען דיא שפור פון סימאָנע.

— גיבט עס וואס נייעס? — האט ווערדיע געפרעגט דעם יונגען מאן.

— ניין; אבער האט איהר נאכגעדאכט וועגען מיין פלאן, וועלכען איך האב נעכטען דערצעהלט? געפינט איהר איהם אויספיהרבאר?

— געוויס, אבער שווערליך איז ער א ביסל, בעזאנדערס גלויב איך וועט ניט לייכט זיין צו קריעגען דעם הויפטגעגענשטאנד, וועלכער מוז דערביי דיא וויכטיגסטע ראלע שפיעלען.

— דאס איז ניט שווער; איך קריעג איהם אין פאָנטיינבלאָ.

— נעהמט אייך אין אכט!

— איך וועל פאָרזיכטיג זיין! און איבריגענס, ווער עס וואגט ניט, געווינט ניט.

— דאן געהט און זייט אין דער רוע ווערנייל גליקליכער, אלס אין וועגסען אויפ׳ן אייז.

— דאס האף איך! אלבערט גיברייי איז קראנק און ער קען מיר ניט שטערן ביי דער דורכפיהרונג פון מיין פלאן.

— נעהמט איהר היינט אדער מארגען נאך פאָנטיינבלאָ? — האט לאטירג גע־פרעגט.

— מאָרגען.

— זעהן מיר זיך נאך ווען איהר קומט צוריק?

— איך וויים ניט אויב איך וועל דערצו האבען צייט. אבער גלייך נאך דעם פעסט קום איך און לאז אייך מעלדען אלעס וואס עס האט דארטען פאסירט. אויף וויעדערזעהן!

— אויף וויעדערזעהן און מיט גליק! האט ווערדיע געוואונשען.

מאריס האט זיינע קאמראדען געדריקט דיא האנד און איז אוועקגעגאנגען. ווען ער איז געקומען נאך הויזע האט ער צו זיין גרעסטען ערשטוינונג געפונען ביין הויזמייסטער

www.libtool.com.cn

א בריעף פון אקטאוויע. זייט דעם באל אין אפעראיהויז האט ער פון איהר ניט געהערט און ער פון זיין זייט האט אפילו ניט פערזוכט מיט איהר ווידער צוזאמענצוקומען, אזוי וויא זיא וואלט איהם אין זיינע פלענער געשטערט. „וואס קען זיא פון מיר פערלאנגען?“ האט ער געטראכט, וועהרענד ער איז ארויפגעגאנגען דיא טרעפ צו זיין וואהנונג.

אויבען אין זיין צימער האט ער געעפענט דעם בריעף. ער איז געווען קורץ און האט ענטהאלטען פאלגענדעס:

„איך האב דיר מיטצוטהיילען איינינע ערנסטע זאכען, אבער איך קען ניט קומען „צו דיר, ווייל דערמיט קען איך ריזקירען מיינע צוקונפט. ביי מיר אין הויז ווערט אום „האלבע נאכט אויסגעלאשען דיא גאזבעלייכטונג; קום אלזא א האלבע שטונדע שפעטער. איך וועל דיר צושיקען צוויי שליסעל, איינעם צו דער הויזטהיר און איינעם צו „מיין וואינונג. קענסט אריינגעהן אין הויז ניט־וועקענדיג דעם פארטיער (טהיר־וועכטער) „עס איז קיינע געפאהר“.

מארים האט געמאכט א זויערע מינע: „קומען היימליך, אינמיטען נאכט, וואס איז דאס פאר א פאנטאזיע! און ווען דער טהיר־וועכטער חאפט זיך אויף און שרייט: „חאפט א גנב!“ דאן מאך איך מיך לעכערליך! איך געה נישט!“

דערמיט האט ער אריינגעווארפען דעם בריעף אין פייער. באלד דארויף האט איהם דיא הויזמייסטערין געבראכט א קליינעס קעסטעלע, וואס א דיענסטמאן האט פיר איהם אפגעגעבען. דאס קעסטעלע האט ענטהאלטען דיאביידע שליסעל, פון וועלכע אקטאוויע האט געשריעבען. מארים האט ארויסגענומען דיא שליסלען און האט פארברענט דאס קעסטעלע.

דאס איז אפילו זעהר לאנגווייליג, אבער איך גלויב אז איך וועל דאך געהן — האט ער איבערלייגט — וואהרשיינליך האט זיא שוין געזארגט דערפאר אז מיר זאל קיין זאך ניט פאסירען.

מארים האט אריינגעשטעקט דיא שליסעל אין דער טאשע און איז אויסגעגאנגען. צוערשט האט ער געגעסען אין א רעסטאראן, דאן איז ער געגאנגען אין וואריעטעטהעאטער, נאך דעם טהעאטער האט ער פארױכערט א ציגאר, און איז זיך לאנגזאם אוועקשפאציערט נאך דער רוע קאמארטען, צו אקטאוויע׳ס וואינונג.

אלע פארהאנגען זיינען געווען אראפגעלאזען, אלע טיהרען פערשלאסען, און עס האט זיך קיין שיין פון א ליכט געזעהן דורך דיא פענסטער. פארזיכטיג האט מארים געעפענט דיא טהיר, האט זיא שטיל ווידער פערשלאסען און האט אנגעהויבען צו געהן שטיל אויף דיא טרעפ. קוים איז ער עטליכע טרעפ ארויפגעגאנגען האט זיך אויבען געעפענט א טהיר, און אקטאוויע האט זיך בעוויזען מיט א ליכט אין דער האנד.

— שנעל! — האט זיא שטיל געזאגט — עס איז זעהר שעהן פון דיר וואס דוא קומסט. איך מוז דיך וועגען עטוואס בעטען.

— איך פרעה מיך ווען איך קען פיר דיך עטוואס טהאן, אבער עס וואלט גלייכער געווען איך זאל ניט קומען, עס איז ניט קלוג אזוי צו קומען!

www.libtool.com.cn

— אין געגענטהייל, זעהר קלוג! גראף איוואן איז אויף א פאר טעג פעררייזט, דיא דיענסטלייטע שלאפען אויפ'ן אויבערשטען שטאק, און דא זיינען אלע ריגעל פעררוקט פון אינעווענינ און קיינער קען אונז ניט איבעררא[illegible]ען. מיר קענען זיך דא ערמארדען און קיינער וועט ניט קומען.

— איך בין נור פון דיינטוועגען געווען אונרוהיג, אבער זאג וואס קען איך פיר דיך טהאן?

— דוא קענסט מאכען אז גראף איוואן זאל מיך שנעלער הייראטהען.

— זעהר גערן, אבער וויא?

— דוא שרייבסט אריין אין איינע פון דיא בעקאנטעסטע צייטונגען איין ארטיקעל, אין וועלכען דוא זאגסט, דאס עס איז איצטער א מאדע ביי פארנעהמע הערען פון אויסלאנד, צו הייראטהען שעהנע פאריזערינען פון דיא טהעאטערס אדער פון דער „האלב־וועלט“. דוא וועסט אויך צוזעטצען דאס אזעלכע הייראטהען זיינען מייסטענטהיילס גליקליך, און דוא וועסט אויך אנפיהרען אייניגע ביישפיעלע.

מאריס האט געלאכט. „אנפיהרען ביישפיעלע, דאס איז לייכט צו זאגען! וואו זאל איך זיי נעהמען, איך ווייס קיין איינציגען ביישפיעל!“

— דאן טראכט אויס אייניגע.

— גלויבסט דוא אז דער גראף וועט זיך ריכטען נאך דעם ארטיקעל?

— איך האף אזוי; ער מוז אימער אנגעטריעבען ווערען, דער גוטער רוסע, ווען מען שטופט איהם, געהט ער פארווערטס.

— דוא מענסט בעטראכטען דיא זאכע אזוי גוט וויא געטהאן.

— דוא ביזט דער אלער־ליעבסטער יונגע.

— איז דאס אלעס וואס דוא האסט מיר צו זאגען?

— יא, אבער איך מוז דיר נאך ווינשען גליק צו דיין ערפאלג ביי [illegible]טינע ברעסאל. וויא עס שיינט שטעהסט דוא זיך מיט איהר גאנץ גוט?

— פון וואנען ווייסט דוא דאס? — האט מאריס געפרעגט.

— פון דעם קליינעם באראן פאסקאל — האט אקטאוויע לאכענדיג געזאגט — זאג אליין, בין איך ניט א גוטע, דאס איך בין אפילו ניט אייפערזיכטיג? מען זאגט אויך אז דוא שרבנ'סט זיך צו דער מוטער אום צו קריגען דיא טאכטער; קיין שלעבטער איינפאל איז דאס ניט, דען דיא קליינע ברעסאל איז רייך און מוז אויך זעהר שעהן זיין, אויב זיא איז אויסגעוואקסען אזוי וויא זיא איז געווען מיט פיער יאהר צוריק, ווען איך בין נאך געווען געזעלשאפטערין ביי זיי אין הויז. אה, יא, איך האב מיך דערמאהנט: טרעף מיט וועמען איך [illegible] מיך ב[illegible]געגיינט דא ניט לאנג, מיט א פערזאן פון וועלכער איך האב מיט דיר גערעדט?

— איך קען אונמעגליך טרעפען.

— מיט מיין מילך־שוועסטער!

— סימאנע!? — איז מאריס אויפגעשפרונגען.

— יא.

— ווען דען?

www.libtool.com.cn

— לעצטען זאנטאג.

— זיא איז אלזא אין פאריז.

— נאטירליך, וויא דען וואלט איך זיא געקענט זעהן! אבער וואס איז מיט דיר, דיא נייעס וועגען סימאָנע מאכען דיך אזוי אויפגערעגט?!

מארים האט אליין ניט בעמערקט וויא אין דער ערשטער מינוט פון איבערראשונג האט ער זיך נעלאזען הינרייסען. ער האט זיך דעריבער געביסען דיא ליפּען און האט געענטפערט כלומר'שט גאנץ גלייכגילטיג: ווארום זאל מיך דיא נייעס איפּרעגען? איך וואלט פון סימאָנע ניט געוואוסט, ווען ניט דער נאָטאר פון וויק-סור-בריין זאל מיר האבען דערמאהנט פון איהר. דוא האסט זיא דאן געהאלטען פיר טויט.

— דאס איז זיא ניט; זיא האט זאגאר אויסגעזעהן בעסער וויא אימער.

— האט זיא איהר גליק געמאכט?

— איך גלויב ניט; זיא איז געווען געקליידעט זעהר איינפאך, ווען אויך זעהר זויבער.

— וואס האט זיא פון זיך געזאגט?

— זיא האט זיך געמאכט פונקט וויא זיא דערקענט מיך ניט; איך אבער האב אנגעהויבען צו איהר צו רעדען.

— וואו האסט דוא זיא דען געטראפען?

— אויף דעם בולווארד מאדליין.

— זיא האט דיר נאטירליך געזאגט פון וואס זיא לעבט, וואו זיא וואהנט?

— אָ, דוא קענסט זיא ניט, דאס זאגט זיא קיינמאהל ניט; זיא האט מיר דערציילט, אז זיא איז געווען קראנק און איז שיער געשטארבען פון הונגער, אבער איין מאלער האט איהר געהאלפען און ער האט זיא געברויכט אלס מאָדעל צו א בילד, וועלכעס ער האט געמאכט פיר דיא אויסשטעלונג.

— ארמעס קינד! — האט מארים געזאגט מיט א רחמנות קול.

— אָ, עס איז אויף איהר גאר ניט אזא רחמנות, וויא דוא מיינסט! פון דענמאהל אן איז איהר גאנץ גוט געגאנגען, דער מאלער האט איהר פערשאפט א שטעלע, איך ווייס אבער ניט וואו און עס איז מיר אויך גלייכגילטיג.

— וויא הייסט דען דער מאלער, וועלכער האט איהר אזוי פיעל געהאלפען?

— איך ווייס ניט; איך האב זיא געפרעגט, אבער זיא האט מיר ניט געוואלט זאגען, און ווען איך האב דערנאך געזאגט אין שפּאס, אז דער קינסטלער מוז זיין איהר ליעבהאבער, איז זיא אנטלאפען געווארען אין כעס. דוא פערשטעהסט נאטירליך, דאס איך וועל איהר ניט נאכלויפען.

— ווענינגסטענס ווייס איך איצטער געוויס דאס סימאָנע איז אין פאריז — האט מארים געטראכט, — און אזוי שנעל וויא איך בין פערטיג מיט מאריע ברעסאל נעהם איך מיך צו איהר.

דיא אונטערהאלטונג איז געווען געענדיגט. דער יונגער מאן האט פערלאזען זיין אמאליגע געליעבטע און האט צוריקגעקעהרט אין זיין וואינונג.

אום 8 אוהר איז ער ווידער אויפגעשטאנען, האט אנגעצויגען א גאנץ איינפאַך

www.libtool.com.cn

בען אנצוג מיט א רונדען ברוינעם פילץ=הוט, האט גענומען א רייזע=טע
האט אין איהר ארייננעליינט א קליינע אייזערנע קעסטעלע וועלכע האט געהאט נען אין עטליכע ערטער, און איז אוועקגעפאהרען צום ליאָנער באהנהאָף. דארטען ו׳ ער גוט געפרישטיקט, האט געטרונקען א פלאשע וויין און האט דאן גענומען א בילעט נאך פאָנטיינבלאָ.

פינף מינוטען שפעטער איז דער צוג אפגעגאנגען.

אום האלב צוועלף איז מארים אנגעקומען נאך פאָנטיינבלאָ. אזוי וויא ער איז שוין דארטען פריהער אָפט געוועזען, האט ער ניט געבלאָנדזעט, און איז פאר אללעם אריין אין א קאפע, וואו ער האט זיך נעלאזט געבען א גלאז גראָג.

פאָנטיינבלאָ איז אין ווינטער זעהר שטיל, און ווען ניט דיא סאלדאטען וועלכע שטעהן דארט וואלטען ארייננעבראכט אביסל לעבען, וואלט מען געקענט מיינען דאס מען איז אויף א בית חיים. אויך דאס קאפע־הויז, וואו מארים איז איינגעטרעטען, איז געוועזען פוסט; נור א פאר לייטע האבען געשפיעלט ביי א טיש א פארטיע פיקעט, וועהרענד זיי האבען געטרונקען זייער קאפע.

מארים האט ארויסגענומען פון דעם קליינעם רייזע־טעשיל דאס אייזערנע קעס=טעלע און האט עס ארייננעליינט אין דער טאשע. דאס רייזע=טעשיל האט ער צוריק־געלאזען אין קאפע־הויז אויף א פאר שטונדען, און איז אליין אוועקגעגאנגען נאך ד׳ער ריכטונג פון דיא הייזער וואו עס וואוינען דיא געמיזע־גערטנער און דיא פישער, וועלכע וואוינען דארטען פיעל. מארים האט אנגעקלאפט אין טהיר פון איינעם פון די׳עזע הייזלאך.

איינע אלטע בויערס־פרוי האט געעפענט און געפרעגט וואס ער פערלאנגט.

— ענטשולדיגען זיא מיר, ליעבע פרוי, — האט דער יונגער מאן געפרעגט פוו זיין זייט — געהערט דיעזעס הויז דעם פאטער דענים?

— דענים? — האט דיא אלטע איבערגעפרעגט פערוואונדערט — וואס איז ער דען?

— ער איז א שלאָנגעניעגער.

— ניין, איך קען דא קיינעם ניט אונטער דעם נאמען. דא זיינען פאראנען עט־ליכע שלאנגעניעגער, אבער קיין איינציגער פון זיי הייסט דענים.

— וויא דען הייסען זיי?

— איינער הייסט בערטין, ער וואוינט אין דער שטאדט, אין דער רוע דע פ ריז; וויאָלעט וואוינט דא ניט ווייט, ביים וואלד.

— דאן האט מען מיר געוויס געמוזט אנגעבען איין פאלשען נאמען, דען דער וואס איך זוך וואוינט הארט ביים וואלד.

דאס איז וויאָלעט. מיין הערר. איין גוטער יעגער, קיינער געפינט ניט אזוי פיעל שלאנגען וויא ער. ער וואוינט ניט ווייט, געהט ארונטער רעכטס.

— איך דאנקע, גוטע פרוי.

— צו דיענען, מיין הערר.

www.libtool.com.cn

מארים איז געגאנגען מיט'ן ועג וואס דיא אלטע האט איהם בעצייכענט, דע מעהר וויא דאס איז ער ניט אויסען געוועזן אויסצוגעפינען איין אדרעסע.

דיא שלאנגען יענעריי אין פאַנטיינבלא איז געוועזן א געשעפט, וואס האט זיך זעהר גוט בעצאהלט. נאטירליך איז עס אפטמאהל זעהר געפעהרליך, אבער עס בעצאהלט זעהר גוט, דען דיא קאָנקורענץ איז אין דיעזען געשעפט גאנץ קליין, און דיא אפטייקערס צאהלען גוטע פרייזען פאר וויפערן, וועלכע זיי פערברויכען צו מעדיצין. דיא הויפטזאכע אויף דיא שלאנגען קומט נאטירליך פאר ווינטער, ווען דיא שלאנגען ליעגען ערשטארט אין זייערע נאָרעס; אבער דאך טרעפט אפט דאס א שלאנג בייסט דעם יעגער ווען ער איז ניט פארזיכטיג גענוג און פיעלע זיינען שוין דורך אונפעלע געשטארבען.

אין וואלד פון פאַנטיינבלאַ זיינען דא פיעל שלאנגען, וועלכע האבען זייערע נעסטען אין דיא קוסטעס און אין דיא שטיינער. בעזאנדערס פיעל געפינען זיך דארטען וויפערן, און גראדע פון דער גיפטיגסטען זארטע.

פאר א קליינעם הייזעל פון איין שטאק, וועלכעס האט זעהר זויבער אויסגעזעהן, איז מארים געבליעבען שטעהן. ער האט אנגעקלאפט, דיא טהיר האט זיך געעפענט און ער איז אריינגעטרעטען אין פארהויז און פון דארטען אין א גרויסען פיינעם צימער, וואו איין אלטער מאן און איינע פרוי האבען געגעסען זייער מיטאג ביין קאמין.

— זייט איהר ווייאָלעט, דער שלאנגעניעגער? האט מארים געפרעגט.

— יא, מיין הערר.

— דאן האב איך מיך אלזא צו אייך צו ווענדען.

— ווילט איהר וואס קויפען פון מיר?

— יא.

— אין פינף מינוטען בין איך פערטיג מיט מיין עסען; זיא ערלויבען דאך, מיין הערר?

— ביטע.

— זיטצען זיא, מיין הערר.

ביין עסען האט דער שלאנגעניעגער געפרעגט:

— ברויכט איהר נאטערן אדער וויפערן?

— וויפערן, אדער פיעלמעהר, נור איין וויפער, איינע איז מיר גענוג.

— איהר דארפט עס געוויס האבען אלס מאָדעל צו א בילד?

— גאנץ ריכטיג.

— איך האב עס גלייך פערשטאנען, אז דער הערר מוז זיין א קינסטלער. דארפט איהר איין „ער" אדער א „זיא"?

— דאס קען איך ניט זאגען; איז עס ניט גאנץ גלייך?

— ניין, מיין הערר; ביי דעם „ער" זיינען דיא רינגען שארפער געצייכענט און קומען בעסער ארויס ביים נאכמאהלען; ער איז אבער פיעל געפעהרליכער און ווע לייכט וויטהענד.

— שאדעט ניט, איך וועל מיך גוט אין אַכט נעהמען.

www.libtool.com.cn

— האט איהר א זיבערע קעסטעלע, וואו דאס טהיר ביי זיך צו בעהאלטען?

מאַרים האט ארויסגענומען דאס מעטאלענע קעסטעלע פון דער טאשע: „איך גלויב דאס וועט גוט זיין" — האט ער געזאגט.

— דאס איז זעהר גוט — האט דער יענער געזאגט — דאס טהיער וועט האבען לופט און אויף דעם קאלטען מעטאל וועט זיך עס ניט אויפחאפּען פון ווינטערשלאָף. עס וועט ניט שאדען איהר זאלט נאך אריינלייגען עטוואס מאָך, אבער איך וואלט אייך ניט ראטהען דאס צו האלטען אין דער טאשע, ווען דיא שלאנג איז אינעווענינ.

— ווארום ניט?

— וויל דיא ווארעמקייט פארטרייבט גלייך דעם לעטארגישען שלאף פון דער וויפּער, און איהר מוזט אויך זעהן צו האלטען דאס טהיער אין א קאלטען צימער, ביז צו דעם אויגענבליק ווען איהר וועט עס געברויכען.

— איז עס געפעהרליך אין דער ווארמקייט?

— זעהר געפעהרליך, מיין הערר! ווען דיא וויפּער חאפּט זיך אויף און געפינט זיך איינגעשלאסען ווערט זיא ווילטהענד, און אזוי שנעל וויא איהר וועט עפענען דאס קעסטעלע, וועט זיא זיך א ווארף טהאן צו אייער געזיכט אדער צו דיא הענד, און איהר ווייסט דאך ווארשיינליך אז דער ביס פון א וויפּער איז טעדטליך.

— אויב מען ברענט ניט גלייך אוים דיא וואונדע — האט מאַרים פערבעסערט.

— אדער ווען איינער זויגט עס ניט גלייך אויף דער שטעלע אוים. אבער אויס־ברענען איז זעהר שמערצליך, און צום אויסזויגען מוז מען האבען א מענשען וואס זאל עס וועלען טהאן, אבער ניט יעדערער טהוט עס. מיך האט אמאל א וויפּער געביסען, און מיינע פרוי האט דיא וואונד אויסגעזויגען און האט מיך גערעטעט.

— האט איהר דערפון גאר ניט געהאט צו ליידען? — האט מאַרים געפרעגט.

— אָ, געוויס; דריי וואָכען בין איך געוועזען זעהר קראנק, געלב וויא א מעהר און אהן אפּעטיט, דאס איז אבער איבערגעגאנגען.

— האָפּענטליך וועל איך דערפון ניט ליידען.

— איהר מוזט אבער פאָרזיכטיג זיין, איך דערמאהן אייך נאך אמאל. איך האב מיט איינינע צייט צוריק פערקויפט א וויפּער צו א פריילין פרעמיע, וועלבע איז געוועזען א בילדשיינע דאמע און א קיססטלעריו, און איך האב איהר טויזענד מאל פארזאגט דאס זעלבע וואס אייך, און זיא האט מיר דאך ניט געפאלגט און האט געהאלטען דיא שלאנג אין ווארעמען צימער, און אזוי שנעל וויא זיא האט געעפענט האט איהר דיא שלאנג געביסען אין האנד געלענק.

— און דיא יונגע דאמע איז געשטארבען דער פון?

— יא, מיין הערר, אונטער דיא שרעקליכסטע קוואלען.

— יעצט שלאפען אבער אייער וויפּערן?

— געוויס; יעצט איז קיינע געפאהר פאראנען, אבער געפעהרליך איז עס אימער ווען מען איז ניט פאָרזיכטיג.

אזוי ריידענדיג האט דער שלאנגעניעגער אנגעטהאן א פאר הויבע שטיפעל, א יאק מיט אונטערשלאג פון לעדער, און א פאר דיקע לעדערנע האנדשוה.

www.libtool.com.cn

— איצטער בין איך זיכער — האט ער געזאגט — ווען א ווייפער זאל מיך איצטער בייסען, וועלען מיך איהרע ציינער ניט דערגרייכען.
— אבער אייער געזיכט איז ניט בעדעקט.
— ביי דער קעלט קען קיין ווייפער ניט שפּרינגען אזוי הויך.
— וואו האלט איהר זיי דען?
— אין קעלער, וואו איך האב פאר זיי איינגעריכטעט בעקוועם.
— קענען זיי זיך ניט אמאל ארויסגנב'ענען?
— אונמעגליך; זיי זיינען פארדעקט מיט א געדיכטען גיטער פון דראָט; אויב איהר ווילט מיך בעגלייטען, קענט איהר זעהן וויא איך וועל אריינלייגען דיא ווייפער אין אייער קעסטעלע.
— זעהר גערן — האט מאָרים געענטפערט, איבערגעבענדיג דעם שלאַנגעניענער דאס מעטאַלענע קעסטעלע.
דער שלאנגעניענער האט נאך אריינגעלייגט עטוואס מאָך אין קעסטעלע און איז מיט מאָרים ארוים אין גארטען, און וועהרענד מאָרים איז געבליעבען דרויסען, איז ער אליין ארונטער אין קעלער און נאך עטליכע אויגענבליקע איז ער ווידער ערשיענען מיט א טויטער ווייפער אין האנד.
— דאס איז איין „ער“ — האט ער געזאגט — א פּרעכטיגעס עקזעמפלאר, זעהט נור וויא זאנפט דער בחור שלאפט, אבער ווען איהר לאזט איהם נור איין שטונדע אין א ווארעמען צימער, קענט איהר וואס דערלעבען, אבער ניט קיין גוטס.... נו, מיין אלטער, אריין אין שטייגיל!
מאָרים האט עטוואס אויפגעשוידערט, אלס דער שלאנגעניענער האט צוזאמענגעדרייט דיא שלאנג און אריינגעלייגט אין קעסטעלע, מיט דיא ווערטער: „גליקליכע רייזע, פיהר זיך גוט אויף!“
דער יענער האט צוגעשלאסען דאס קעסטעלע און האט עס איבערגעגעבען מאָרים'ן.
— היער, מיין הערר, איהר מעגט זיך ריהמען אז איהר האט א פיינעס עקזעמפלאר. איהר געפינט קיין בעסערעס אין גאנצען זשאַרדען-דע-פּלאַנט (פּאריזער זאָאָלאגישער גארטען).
— וויא פיעל בין איך אייך שולדיג? — האט מאָרים געפרעגט.
— צוואנציג פראנקען, מיין הערר; דאס איז שוין דער פּרייז אזוי אימער.
דער יונגער מאַן האט ארויסגענומען א גאָלדשטיק פון זיין פּאָרטמאָנע און האט עס איבערגעגעבען דעם יענער.
— בעסטען דאנק, מיין הערר — האט דיזער געענטפערט — וויקעלט איין דאס קעסטעלע אין טאשענטוך און טראגט עס אזוי אין האנד.
מאָרים האט איהם נעפאלגט. אין קאפע־הויז האט ער דאס קעסטעלע אריינגעלייגט אין רייזעטעשיל און איז געגאנגען צום באהנהויף. אום פינף אוהר נאכמיטאג איז ער שוין געווען צוריק ביי זיך צו הויז, אין רוע נאַווארין.
— צוואנציג פראנקען איז ניט פיעל אום פטור צו ווערען פון א יורש'טע פון זעכס

www.libtool.com.cn

מיליאָנען — האט מאָריס געמורמעלט, ארויסנעהמענדיג דאס קעסטעלע פון רייזע־טעשיל. ער האט דאן ארויסגעשטעלט דאס קעסטעלע דורכ'ן פענסטער, איז דאן גע־גאַנגען אין א רעסטאָראַן עסען, און איז גלייך נאך דעם עסען אוועקגעגאנגען נאך דער רוע דע סורען, אום מיטצוטהיילען זיינע קאמראדען, וואס ער האט ערפאהרען פון אָקטאַוויע וועגען דיא געזוכטע סימאָנע.

אונגעפעהר אום דיא זעלבינע צייט איז לודאָוויק ברעסאָל צוריקגעקעהרט מיט מאריע פון א בעזוך ביי גיברייי. דער יונגער אלבערט איז געווען אויסער געפאהר און זיינע ערשיטערטע געזונדהייט האט זיך ביסלעכוויז אנגעהויבען צו בעסערן. אבער אין דעם צווייטען אבענד־פעסט אין הויז פון ברעסאָל האט ער דאך נאך ניט געקענט טהיילנעהמען; דער ארצט האט עס איהם בעשטימט פערבאָטען.

פאול גיבריי האט שרעקליך געליטען. ער האט פון איין זייט איינגעזעהן, דאס ער קען זיין ווילען ניט דורכזעטצען, אויב ער וויל ניט שטעלען דאס לעבען פון זיין איינ־ציגען זאָהן אין קאַן; פון דער אנדערן זייט ווידער האט איהם שרעקליך געפאָלטערט דער געדאנקען, דאס ער וועט ווערן א מחותן מיט וואלענטינע דהארוויל, זיין אמאליגע געליעבטע, וועלכע ער בעשולדיגט אין א קינדערמאָרד. וואלענטינע האט זיך ערקונ־דיגט ביי איהר מאן, אין דער געגענווארט פון מאריע, אויב ער האט וועלכע נאכריכטען פון אלבערט גיבריי. מאריע איז געווארען רויט וויא פרפור, וועהרענד לודאוויק האט דיפלאָמאטיש געענטפערט: „איך האב געלאזען נאכפראגען און איך האב געהערט אז עס געהט איהם בעסער, אבער ער איז נאך זעהר שוואך. מיר קענען איהם אויף אונזער נעכסטען אבענד ניט ערווארטען".

וואלענטינע האט פרייער אויפגעאטהעמט. דער געדאנקען, דאס זיא וועט זיך ווידער טרעפען מיט פאול גיבריי האט זיא געווארפען אין שרעק, טראָטץ דעם וואס זיא איז געווען זעהר לייכטזיניג. פון דיא בעזוכע פון איהר מאן מיט איהר טאכטער ביי גיבריי האט זיא ניט געוואוסט און זיי ווידער האבען איהר אויך קיין זאך ניט דער־ציילט, וועגען דיא אורזאכען וועלכע זיינען שוין דעם לעזער בעקאנט.

— ווען קומען דער קינסטלער, גאבריעל סערוועט? — האט וואלענטינע גע־פרעגט.

— ער האט מינדעסטענס צוגעזאגט — האט לודאוויק געענטפערט.

— דאס איז מיר זעהר ליעב. לייטע פון וועלכע דיא וועלט רעדט, געבען צו א גלאנץ דעם הויז, אין וועלכען זיי קימען און ביז איצטער האבען אונז געפעהלט בעריהמטע לייטע. איך וועל סערוועט בעטען ער זאל איינפיהרען ביי אונז נאך עטליכע פריינדע, אזעלכע וואס ווערען אפט דערמאהנט אין דיא צייטונגען. אונזער אבענד וועט זיין פראכטפאָל! איך האב נאך וועלכע נייע איינלאדונגען אויסגעשיקט. מיר ווילען האבען ביי אונז איינינע זעהר עלעגאנטע און פארנעהמע יונגע לייט, דיא סמעטענע פון דער פאריזער יוגענד; מאריע וועט צופריעדען זיין!

— אך, פון מיינעט וועגען מעגען דיעזע פראנטען ניט קומען און איך וועל וואהר־שיינליך ביי אונזער נעכסטען אבענד זעהר ווייניג טאנצען.

— ווארום דען? — האט וואלענטינע געפרעגט ערשטוינט.

www.libtool.com.cn

— ווייל זיי זיינען אלע זעהר אבגעשמאקט און נאריש.

— דוא איבערטרייבסט, מאריע.

—ווירקליך ניט, מאמא,

— דיינע טענצער זיינען דאך ניט אלע גלייך און איך גלויב, אז דוא האסט דאך וועלכע געפונען, וואס זיינען דיר א ביסעל געפעלען געוואהן.

ביי דיזע ווערטער האט לודאָוויק ברעסאָל אויפגעהויבען דעם קאפּ פון זיין צייטונג און האט א בליק געטהאן אויף זיין טאכטער, וועלכע איז עטוואס רויט געוואָרן. ער האט איהר א פינטעל געטהאן מיט דיא אויגען וויא איינער זאגט: „גיב זיך ניט ארויס,“ ווערענד וואלענטינע האט ווייטער געפרעגט: נוא, דוא שווייגסט?

מאריע איז געבליעבען שטום.

— דיין שווייגען בעווייזט מיר, אז איך האב קיין טעות ניט — האט מאדאם ברעסאָל געזאגט נאך א קורצען שטילשווייגען — און איך בין איבערציינגט, אז דוא האסט שוין געוועהלט.

וואלענטינע האט פון פאול גיברייי אליין שוין געהערט, דאס זיין זאָהן ליעבט מאריע, און זיא האט אויך געוואוסט, דאס דעם גאנצען אבענד דאן האט מאריע געטאנצט נור מיט אַלבּערט; זיא האט נור געוואלט זיך איבערציינגען וויא וויט דאס האלט צווישען זיי. זיא האט פערשטאנען, אז דיזע ליעבע קען פיר זיא ברייגגען פיעל אונגליק, דען דער אונטערזוכונגס־ריכטער וועט געוויס זיין זאהן אלעם דערציילען, אום איהם אפּצוהאלטען פון אזא הייראטה. זיא האט דעריבער געוואלט דיזע ליעבע דערשטיקען גלייך אין אנהויב און וואלענטינע האט שוין געהאט א פּארטיגען פלאן אויסגעארבייטעט, וועלכער זאָל איהר איהרע רוהע אין גאנצען צוריקגעבען.

מאריע האט זיך עטוואס בערוהיגט פון דער אויפרעגונג, וועלכע דיא פראגען איהר מוטער האבען אין איהר דערוועקט און האט געענטפערט: דוא האסט א טעות, מאמא, עס זיינען געוויס דא ליעבענסווירדיגע מענער אונטער דיא יונגע לייטע, אבער איך האב זיי אזוי ווענִיג בעטראכט, דאס איך געדענק קיין איינציגען נאמען און קיין איינציגעס געזיכט.

— איינס פון דיא ביידע, מאריע, ענטוועדער דוא איבערטרייבסט, אדער דוא שטעלסט צו הויכע אנשפריכע, דער וויקאָמט ד'ארפעל, צום בייזשפּיעל, איז זעהר ליעבענסווירדיג.

מאריע, וועלכע האט פערשטאנען וואוהין איהר מוטער ציעלט, האט געענטפערט: „געוויס, ער האט אבער צו פיעל הנאה פון זיך אליין“.

— דער יונגער באראן פאסקאָל?

— דער דארף קיין פרוי, נור א קראנקענוועכטערין, האטש ער פערזיכערט אימער אז ער איז שטארק וויא א מויער.

— הערר גיבריי, דער זאהן?

ביי דעם נאמען האט וואלענטינע אריינגעקוקט מאריען טיעף אין געזיכט, אבער מאריע האט זיך קיין ריהר ניט געטהאן און האט געענטפערט גאנץ קאלט: „ער איז א פיינער יונגער מאן, אבער א ביסעל צו ערנסט“.

www.libtool.com.cn

— פאר א מאן איז דאס ניט קיין חסרון; איבערייגענס קען ער איבערהויפט ניט זיין אנדערש אלס זאהן פון א בעאמטען און אליין א קינפטיגער בעאמטער.

— דוא האסט רעכט, אבער איך וויל נאך איבערהויפט ניט הייראטהען.

ברעסאל האט זיך פארשטעלט מיט דער צייטונג און האט שטיל געלאכט איבער די שלויהייט פון זיין טאכטער. וואלענטינע אבער האט ארויסגעפּלאצט:

— דוא ווילסט ניט הייראטהען!? דאס איז אונזין! אין דיין עלטער מוז מען דערפון דיינקען; וואס וואלסט דוא זאגען ווען איך זאל פיר דיך אויסקלייבען?

— דוא, מאמא? — האט מאריע געפרעגט ערשטוינט און דערשראקען.

— יא, איך.

ברעסאל האט עטוואס בייז ארויפגעקוקט אויף זיין ווייב, וועהרענד מאריע האט געפרעגט: „פון וועמען רעדסט דוא דען?“

— דוא קענסט לייכט טרעפען! איך רייד פון א יונגען מאן וועלכער איז גייסט־פאל און גוט ערצויגען און וועלכער וועט זיך שאפען איינע גרויסע שטעלונג אין דער ליטעראַטור. דאס איז א יונגער מאן, וועלכער געפעלט אונז, און וועלכען מיר געפעלען זעהר, און דעריבער בעזוכט ער אונז אזוי אָפט.

— דאס איז דאך הערר וואסייר! — האט מאריע געזאגט.

— געטראָפען! וואס דענקסט דוא וועגען איהם?

— איך הער איהם גערן פּלוידערן; ער אמוזירט מיך.

— ער געפעלט דיר אלזא?

— איך קען ניט זאגען אז ניט.

— דוא וואלסט אלזא גערן געווארען זיין פרוי?

מאריע האט געוואלט האסטיג ענטפערן „ניין“, אלס איהר פאטער האט זיך אריינגעמישט: „האט דיר הערר וואסייר עטוואס גערעדט וועגען דעם?“ — האט ער געפרעגט וואלענטינען, קנייטשענדיג דעם שטערן — „האט ער ביי דיר פערלאנגט די האנד פון אונזער טאכטער, אדער רעדסט דוא גלאט אזוי אין דער וועלט אריין?“

— פערלאנגט מאריע'ס האנד האט ער פון מיר ניט, און אויב ער וואלט עס יא געטהאן, וואלט ער זיך פריהער געווענדעט צו דיר; אבער איך האב פערשטאנען פון זיין בענעהמען זיך, איך האב געלעזען אין זיינע אויגען, דאס ער בעזוכט אונזער הויז צוליעב אונזער טאכטער.

די ארעמע מאריע האט געציטערט אם גאנצען קערפער, אבער דעם פאטער'ס ווערטער האבען זיא עטוואס בערוהיגט: „זעהר שעהן — האט ער געזאגט — זאל זיך הערר וואסייר אליין ערקלערן, ווען ער געפינט עס פיר גוט; יעדענפאלס איז מאריע איהר אייגענער בעל־דעה, און זיא מעג אויסקלייבען וויא זיא וויל“.

— דערמיט בין איך אויך איינפערשטאנדען — האט וואלענטינע געזאגט — אבער מען מעג דאך עטוואס בעשפרעכען; וואלט דיר וואסייר געווען אנגענעהם אלס שוויגערזאהן?

— דאס ווייס איך נאך ניט, דערצו מוז איך איהם גענויער קענען.

www.libtool.com.cn

— אזוי — האט וואלענטינע געטראכט — ער שפארט זיך ניט איין פארקערט, איז א גוטער סימן; מארים מעג אלזא האפען!

דערווײלע איז געוואָרען נאכט, און אלע דריי זיינען געגאנגען אין זייערע שלאָפ־צימער. וואלענטינע איז געווען איבערצייגט, אז זיא האט דיא זאכע גוט אנגעהויבען, און האט זיך געפרייט איבער איהר אייגענעם איינפאל. מאריע האט זיך ניט שטארק געגומען צום הארצען דיא פלענער פון איהר מוטער, ווייל זיא האט געוואוסט אז איהר פאטער האלט מיט איהר. לודאָוויק ווידער האט ביי זיך געטראכט: „וואס קען וואַלענטינע מיינען דערמיט, וואס זיא וויל מיר ארויפוואַרפען דעם וואסייר פאר מיין שוויגערזאהן? א זשורנאליסט, כלומר'שט, וועלכען קיינער קען ניט, מען ווייס ניט ווער ער איז, און ניט פון וואנען ער איז געקומען, און וועלכער געפעלט מיר ניט גלייך פון אנהויב אָן! איך וועל דאס מוזען דערגעהן!“

אויף מארגען פריה זיינען נאך געקומען דיא טאפעציערער און דיא גערטנער אום נאך צו פערענדיגען וואס עס איז נייטיג געווען אין אויפפוצען און אויסשטעלען דיא פלאנצען, און מארים מיט דעם אלטען ברעסאָל האבען אכטונג געגעבען אויף דיא ארבייט. לודאָוויק האט אין הארצען צוגעגעבען, דאס מארים האט א פיינעם געשמאק, און ער דיינקט אן אלעס און וויס אין יעדער זאך וואו איין און וואו אויס. אויך האט ער איהם געפונען זעהר אונטערהאלטענד און האט איהם געמאכט דעם קאמפלימענט, אז מיט איהם קען מען זיך ניט לאנגווײלען. קורץ, ער האט אויף איהם אנגעהויבען צו קוקען מיט א בעסערע אויג.

ברעסאָל האט דעם יונגען מאן געוואלט צוריקהאלטען צו מיטאג, דער האט זיך אבער ענטשיידען ענטזאגט מיט דעם אויסרייד, אז ער האט וויכטיגע געשעפטען צו בעזאָרגען, און איז אוועקגעגאנגען.

אום ניין אוהר האט ברעסאָל'ס הויז אין גאנצען געשטראהלט, און דיא געסטע האבען זיך אנגעהויבען צו קלייבען אין דיא זאלען, וועלכע זיינען פערוואנדעלט געוועזען אין גערטנער. מאדאם ברעסאָל איז געווען שטראהלענד־שעהן אין איהר טואלעט, וועלכע האט געלאזט ערראטהען אלע איהרע קערפערליכע שעהנהייטען.

מאריע איז געווען געקליידעט עלעגאנט, אבער איינפאך; זיא האט אויסגעזעהן זעהר אומעטיג און פארשטערט. דער געדאנקען, דאס אונטער דיא אלע לייטע געפינט זיא ניט איהר אלבערט, האט איהר קיין איינציגען אויגענבליק ניט אפגעלאזען. איהר מוטער האט זיא אין גאנצען פערדונקעלט; זיא האט עס געוואוסט, האט זיך אבער וועניג דערפון אפגעגעסען דאס הארץ.

וואס מעהר געסט עס זיינען זיך צוזאמענגעקומען, האט זיך אלץ לויטער געהערט דער בייפאל איבער דיא פראכט פון דער איינריכטונג און איבער דעם גוטען געשמאק פון דערווירטהין. איינער נאך דעם אנדערן זיינען זיך אויך צוזאמענגעקומען דיא בעקאנטע געסט: ד'ארפעל, פאסקאל, סערוועט. דער לעצטערער האט בעגריסט דעם ווירטה און דיא ווירטהין און האט זיך דאן געלאזען איבערן זאל, זוכענדיג מאריע. דיעזע איז איהם באלד געלאפען אנטקעגען: „אה, הערר סערוועט! — האט זיא אויסגערופען — האט איהר וועלכע נאכריכטען פון הערן ניבריי?

www.libtool.com.cn

— יא, אויסגעצייכענטע! איך האב איהם היינט פריה געזעהן. עס געהט איהם אימער בעסער, און ער האט מיך געבעטען אייך איבערצוגעבען זיינע הערצליכסטע גריסע. אויב דער וואָלקען וועלכער ליעגט אויף אייער שטירן איז פון זיינטוועגען, מעגט איהר דיא חמאָרע פארטרייבען, דען איהר האט וועגען גאר ניט צו זאָרגען; עס איז קיין גרונד דערצו פאראנען.

— איהר זייט זעהר גוט, און איך דאנק אייך! — האט מאריע געענטפערט.

— אלס בעלאָהנונג פיר דיא גוטע נאכריכט וועט איהר מיט מיר טאנצען דעם וואַלצער — האט סערוועט געזאגט.

— מיט פערגעניגען!

דער קינסטלער האט געלייגט זיין אָרעם אויף דער טאַליע פון דער יונגער דאַמע, אוןביידע זיינען פערשוואונדען צווישען דיא טאנצענדע פּאארען.

אבער טראָטץ דעם פרייליכען טאנץ, האט זיך מאריע געפיהלט זעהר איינזאם און געדריקט. אליין ניט וויסענדיג ווארום, און האט זיך קיין אָרט ניט געפונען אין דעם לוסטיגען, ליכטיגען, פּראכטפּאָלען זאל.

אין דעם העל־בעלייכטען הויף פון הויז זיינען געשטאנען דיא וואגען פון דיא געסט. דיא קוטשערס זיינען ארומגעגאנגען און האבען זיך געקלאפּט מיט דיא אָרעמס ארום ברוסט, אום זיך צו דערוואַרעמען, וועהרענד דיא דיענער האבען געפּלוידערט פון פּאָליטיק און פון זייערע הערשאפטען. יעדען אויגענבליק האבען אריינגעראָלט פרישע וואגען, דיא פּאסאזשירען זיינען אויסגעשטיעגען און דיא וואגען זיינען געבליעבען אויפ'ן גאַס, אזוי וויא אין הויף איז שוין מעהר קיין פּלאץ געוועז. אין דער צייט וואס מאריע האט געטאנצט מיט דעם מאַלער איז צוגעפאהרען א פיינער געדונגענער פיאקער; אויפ'ן באָק זיינען געזעסען א קוטשער מיט א דיענער, מיט זייערע געזיכטער איינגע־וויקעלט גוט אין זייערע פּעלץ־קראגענס. פון פיאקער איז אויסגעשטיעגען מאָרים. דער דיענער האט געעפענט און צוגעשלאָסען דאס טהירל פון פיאקער.

— איהר ווייסט וואו איהר האט מיך צו ערוואַרטען — האט וואסייר געזאגט צום קוטשער, און זיך קעהרענדיג צום דיענער האט ער געזאגט; „און איהר געהט מיט מיר!"

דער וואגען איז אוועקגעפאהרען און דער דיענער איז געגאנגען מיט'ן יונגען מאן. אנשטאט ארויפצוגעהן אויף דיא גרויסע פּאראַדנע טרעפּ, וועלכע פיהרען צו דער גאר־דעראָבע, האבען זיך ביידע דורכגעשטופּט דורך דיא פיעלע פיאקערס אין הויף און האבען זיך ארויפגעחאפּט אויף דיא ענגע טרעפּ, וועלכע איז בעשטימט פיר דיא דיענר־שאפט און וועלכע פיהרט צום טואַלעט־קאבינעט. דער גאנג איז געוועזן גאנץ דונקעל און איינזאם, אזוי וויא דיא דיענערשאפט האט היינט ניט געהאט וואס צו טהאן. דער יונגער מאן מיט זיין דיענער האבען עררייכט דאס קאבינעט אהנע איינעם צו בע־געגנען.

— גיט מיר דאס קעסטעלע — האט מאָרים געזאגט.

דער דיענער האט ארויסגענומען פון זיין לאנגען אויבעררואָק דאס קעסטעלע, וועלכעס איז דעם לעזער שוין בעקאנט און האט עס איהם געגעבען.

www.libtool.com.cn

— איצטער געהט און שטעלט זיך אין א פּלאַץ וואו איך זאל אייך לייכט קענען געפינען — האט מאַרים געזאגט.

דער דיענער האט א שאָקעל געטהאן מיט'ן קאפּ און איז פערשוואונדען.

אזוי שנעל וויא ער איז געווען אלײן האט ער צוגעלייגט דאס אויער צום טהיר פון קאבינעט און האט זיך צוגעהערט. אלעס איז געווען שטיל און נור פון וויטען האט מען געהערט דעם שאל פון מוזיק. ער האט לייכט געעפענט דיא טהיר, האט זיך אריינ־געגליטשט און האט שנעל א בליק געטהאן דורך א שפּאלט פון טיפען פאָרהאנג, אויב איינער קומט ניט פון קליינעם זאל. ער האט קיינעם ניט געזעהן און איז שנעל צוגעגאנגען צו א קובעל מיט פּלאנצינן, וועלכע איז געווען דיק בעדעקט מיט מאָך און האט א דריק געטהאן אויפ'ן שלאָס פון זיין קעסטעלע. דאס דעקעל איז אויפגעשפּרונגען, פאר'ן שיין פון דיא פלאמען האבען דיא רינגען פון דער שלאנג געלויכטען מיט א אונ־היימליכען גלאנץ. דיא וויפּער האט דערפיהלט דיא ווארמקייט און האט געמאכט א שוואכע בעוועגונג. שנעל האט מאַרים אומגעדרעהט דאס קעסטעלע, האט ארויסגע־ווארפען דיא שלאנג אויפ'ן מאָך און האט א שפּרונג געטהאן צום טהיר צוריק.

— וואָך אויף און טעדטע זיא! — האט ער געמורמעלט.

ער איז ארונטער דיא טרעפּ און האט אונטען געטראָפען דעם דיענער, מיט וועלכען ער האט געוועקסעלט עטליכע ווערטער.

— וויא שטעהט עס? — האט יענער געפרעגט גאנץ שטיל.

— עס איז געמאכט! דא איז דאס קעסטעלע, נעהט צום וואגען צוריק.

— זאל איך ווארטען?

— יא, ביז איך קום ארויס.

דער דיענער, וועלכער איז קיין אנדערער געווען אלס דער אונז בעקאנטער ווערדיע איז ארויס פון הויף, וועהרענד מאַרים איז יעצט ווידער ארויף דורך דיא פּאראדנע טרעפּ און באלד דארויף איז הערר וואסייר אנגעמעלדעט געווארען אין זאל צו דיא אנוועזענדע.

דער יונגער מאן האט בעגריסט ברעסאָל און מאדאם, וועלכע האבען זיך געפונען אין ערשטען זאל, אום צו עמפּפאנגען זייערע געסט.

לודאָוויק האט איהם געדריקט דיא האנד, וועהרענד מאדאם ברעסאל האט געזאגט מיט א פיעלבעדייטענדען שמייכעל אויף דיא ליפּען: „וויא שפּעט איהר קומט, הערר וואסייר!“

— צו מיין גרעסטען בעדויערן, מאדאם; איך האב נאך געמוזט קאָררעגירען איין ארטיקעל אין דער רעדאקציאָן.

— גיט מיר אייער ארעם און בעגלייטעט מיך דורך דיא זאלען — האט זיא געזאגט — איהר וועט הערען וויא מען לויבט אייער געשמאק, דען איהר האט אלעס צויבערהאפט איינגעריכטעט.... איך האב עטוואס מיט אייך צו רעדען — האט וואַ־לענטינע אנגעהויבען אלס זיי זיינען שוין געווען א ביסעל וויטער.

— ווילט איהר מיר מאכען פּראָווירפע? — האט מאַרים געפרעגט לאכענדיג.

— ניין, דאס וואלט איך איצטער ניט געקענט ווען איך זאל אפילו וועלען

www.libtool.com.cn

שטעלט אייך פֿאָר, איך האב געפֿונען א מיטעל, וואס פֿארשפּארט אונז צו שיידען זיך און מיר וועלען אימער קענען זיין איינער נעבען אנדערן. אבער אומשטענדליך וועלען מיר דערפֿון ריידען שפּעטער; דערווייל וויל איך אייך עטוואס זאגען, איך האב אבער מורא דא פֿון איינעם געהערט צו ווערען. קומט מיט מיר אין טואַלעטען־קאבינעט, וועלכעס איהר האט אומגעוואנדעלט אין א ווינטערגארטען, דאָרטען וועלען מיר זיכער זיין.

מארים האט אויפגעציטערט. געהן אין יענעם צימער און זיך אויסזעטצען דעם טויט! ניין, דאס האט איהם ניט געפאסט.

— לאמיר ניט אזוי שנעל פֿערשווינדען — האט ער געזאגט — דאס ברייננט אונז אין לייטישע מיילער; לאמיר בעסער צוגעהן דא אין ווינקעל צום פֿענסטער.

מארים האט צוגעפיהרט וואַלענטינע צום אנגעצייגטען פֿענסטער, וואו זיי האבען זיך ארייננעשטעלט אזוי, דאס קיינער האט ניט געקאָנט הערן וואס זיי ריידען, ווייל צוויי טריט פֿון זיי האט געוואלצט דיא מענגע טענצער.

— איצטער זאגט, אום וואס האנדעלט זיך עס? האט ער געפֿרעגט.

— פֿון היינט אן מוזט איהר זעהר אויפמערקזאם זיין געגען מאריע און מוזט זיך ארום איהר דרייען וויא אנדערע יונגע לייט.

— איך ארום אייער טאכטער? — האט מארים געפֿרעגט ערשטוינט, דענקענ־דיג דאס פֿיעלייכט וויל זיא איהם אויספּרובירען — און איהר קענט מיר געבען אזא ראטה? דאס איז דאך דער גרעסטער וואהנזין!

— דאס איז גאר קיין וואהנזין! איך וויים גאנץ גוט אז איהר האט מאריע ניט ליעב, און דאס איהר ליעבט מיך, אבער גראדע דערפֿאר, צוליב אונזער ליעבע, פֿער־לאנג איך אז איהר זאלט איהר שפּיעלען דיא קליינע קאָמעדיע.

— איך וויל אייך פֿאָלגען, אבער איך וואלט דאך וועלען וויסען....

— פֿאר וואס איך פֿערלאנג דאס פֿון אייך? איהר וועט עס ערפֿאהרען אזוי שנעל וויא מיר וועלען זיין אליין.

— האט פֿיעלייכט הערר ברעסאָל א שטיקעל חשד געווארפֿען אויף אונז?

— דערווייליע נאך ניט, אבער דאס קען געשעהן, און איך וויים אייך אן דאס בעסטע מיטעל וויא אזוי דיעזען חשד אויסצומיידען. איהר מעגט זיך דארויף ריכטען, דאס ער וועט אייך אין קורצען אויספֿרעגען וועגען אייער פֿאמיליע, אייערע איינקינפֿטע, און אייערע אויסזיכטען פֿיר דיא צוקונפֿט, און איהר דארפֿט אנגרייטען א תשובה.

מאָרים איז נאך מעהר ערשטוינט געווארען דאריבער: „וואס זאל דאס אלעס בעדייטען? — האט ער געפֿרעגט.

— נאך אמאל, דא איז ניט דער פּלאטץ פֿיר א לייננערע ערקלערונג. פֿאָרלויפֿיג דארפֿט איהר נור וועגען דעם ניט דיינקען, וויא אזוי צו מאכען אז מיר זאלען קענען זיין צוזאמען. איך וועל אייך ערווארטען אין טואלעטען־צימער און אייך זאגען וואס איהר מוזט וויסען.

מאָרים האט געציטערט. „וויא זאל איך איהר פֿערהינדערן ארייננצוגעהן אהין וואו דער טויט ערווארטעט זיא". — האט ער געטראכט; — „גיט אכטונג — האט

www.libtool.com.cn


ער געוואגט אין דער הויך — בענעהט קיינע אונפּאָרזיכטיגקייט"; וואו איז הערר ברעסאָל?

— ער איז אין שפּיעל־זאל.

— פריהער איבערצייגט זיך אויב ער איז דארטען, און מאכט אזוי אז ער זאל אייך זעהן, און דאן ערשט זאלט איהר ווארטען ביז איך וועל קומען אייך אפּנעהמען.

— האט איהר פאר עטוואס מורא?

— יא, איך האב מורא אז מען זעהט אונז צו אָפט בייזאמען. איהר ווייסט אזוי גוט וויא איך וויא די וועלט איז שלעכט. עפּעס א בייזער ווימין, א שטעכווערטיל קען דערגרייכען דאס אויער פון הערן ברעסאָל, און אונזער זיכערהייט וועט זיין אין געפאהר. לאָמיר ניט געבען דער פערליימדונג קיין וואפען געגען אונז!

— איהר האט פיעלייכט רעכט! ווען נעהמט איהר מיך אפּ פון שפּיעל־זאל?

— אזוי שנעל וויא איך וועל זעהן אז די פּאָרזיכט ערלויבט.

וואלענטינע האט געדריקט מאָריסעס האנד, האט איהם צוגעוואָרפען א גליהענדען בליק, און איז געגאנגען אין שפּיעל־זאל, אום צו זעהן אויב איהר מאן זיצט נאך ביים שפּיעל־טיש.

— וואס קען זיא דערמיט מיינען? — האט מאָריס געטראכט — פאר וואס וויל זיא איך זאל מיך דרייען ארום איהר טאָכטער? דיינקט זיא וו'רקליך איך זאל הייראטה'ען מאָריע? דאס מוז זיין איינער פון איהרע פלעצליכע פלענער, וועלכע זיא בעשאפט געוועהנליך היינט און צושטערט זיי גלייך מאָרגען. אבער דאך פאלט מיר עטוואס איין, וואס איך האב נאך ביז איצטער קיינמאל ניט געטראכט: ווער בין איך אייגענטליך און פון וואנען שטאם איך ארויס? איך מוז ענדליך האבען איינע ערקלערונג איבער דאס געהיימניס פון מיין געבורט, און מוז מיין פריינדין, מאדאם ראָזין, וועגען דעם פראגען. זיא מוז מיר געבען אויסקונפט וועגען דעם, זיא דארף עס וויסען!

מאָריס האט א בליק געטהאן אויף זיין אוהר. זיא האט געצייגט צוועלף.

— עס איז צייט! — האט ער געמורמעלט — לאָמיר זיך איצטער נעהמען צו מיין ליעבע יורש'טע פון ארמאנד דהארוויל'ס פערמעגען.

34טער קאפּיטעל.

## די אונערווארטעטע רעטונג.

אלבערט ניברוי האט זיך זעהר אונגליקליך געפיהלט דעם גאנצען טאג וואס ביי ברעסאָל האט שטאטגעפונדען דער אבענד. מיט איין פאלען צוטרויען וואס ער האט געהאט צו מאָריע'ן האט ער דאך ניט געקענט רוהיג בלייבען ביי דעם געדאנקען, דאס זיא איז אומגעבען פון א גאנצע קאָמפּאניע יונגע לייט, בעוואונדערער, שמייכלער, אנבעטער, און האט געפיהלט עטוואס אייפערזוכט. ער איז נאך זעהר יונג געווען, אבער אזוי פיעל האט ער שוין געוואוסט, דאס וויא ווייניג קאָקעט א מיידיל איז, הערט זיא דאך גערן, ווען מען זאגט איהר אז זיא איז שעהן. דאס אלעס האט איהם געמאכט פיהלען זעהר שלעכט.

אלבערט האט געבעטען זיין דאקטאר ער זאל איהם ערלויבען אויסצוגעהן

www.libtool.com.cn


מינדעסטענס אויף איין שטונדע, אבער דער דאקטאר האט איהם ענטשיעדען ענטזאגט. און ער האט נאטירליך געמוזט פאָלגען, וויא אונגערן ער האט עס אויך געטהאן.

געגען נײן אוהר האט זיך דער אלטער גיבריי צוריקגעצויגען אין זיין צימער. ער האט געליטען זעהענדיג וויא זיין געליעבטער זאהן ליידעט, האט אבער געהאפט דאס אלבערט וועט באלד זיין הערגעשטעלט, אזוי וויא דער דאקטאר האט איהם פערזיכערט דאס עס איז קיינע געפאהר מעהר פאראנען.

געגען אבענד ווערען געוועהנליך אלע קראנקע עטוואס פיבערישער, און דערזועלביגער פאל איז אויך געווען מיט אלבערט'ן. אלס ער איז איינגעשלאפען מיט דיא טרויעריגע געדאנקען וועגען מאריע'ן, האט ער זעהר שווער און אונרוהיג געשלאפען, און איז געקוועלט געווארען פון בייזע טרוימען וועגען זיין געליעבטער. באלד האט זיך איהם אויסגעדוכט אז ער זעהט איהר אין דיא ארעמס פון אנאנדערן, און באלד ווידער האט זיך איהם פאָרגעשטעלט, דאס מאריע איז קראַנק, און נאך אזעלכע זאכען. ער האט זיך אויפגעהאפט מיט א געשריי און האט זיך ווילד ארומגעקוקט אין צימער. דיא היטץ איז ביי איהם געווען צימליך שטאַרק און דער קאפ שווער, אבער ער האט אויף דעם ניט געקוקט און איז ארויסגעשפרונגען פון בעט. אין דעם ערשטען אויגענבליק איז ער קוים איינגעשטאנען אויף דיא פיס, אבער דיא קראפט פון זיין ווילען האט געזיעגט איבער דיא שוואכקייט פון זיין קערפער. „איך מוז געהן צו איהר, איך וויל איהר זעהן!“ האט ער געמורמעלט, ציטערנדיג פון פיבער. ער האט זיך אנגעטהאן אזוי שנעל וויא דיא שוואכקייט פון זיין קערפער האט איהם ערלויבט, דאן האט ער זיך איינגעוויקעלט אין א פעלץ און האט ארומגעוויקעלט א ווארעמע שאַהל ארום האלדז.

ער האט זיך מיהע געגעבען צו עפענען זיין טהיר אזוי שטיל וויא נור מעגליך, און מיט איינגעהאלטענעם אטהעם איז ער אויף דיא שפיטץ-פינגער דורכגעלאפען עטליכע ציטער, ביז ער איז ארויס פון שטוב. אין פארהויז איז געווען פינסטער און אונטען ביי דיא טרעפּ האט דער פארטיער (טהיר-וועכטער) געשלאפען. אלבערט האט געעפענט דיא טהיר און איז ארויסגעגאנגען.

— איך בין פריי, איך בין פריי! — האט ער מיט פריידע אויסגערופען.

ער האט געוואלט לויפען, אבער וויא ווארם ער איז געווען אנגעצויגען האט ער דאך דערפיהלט דיא שטארקע קעלט, און נאך עטליכע טריט האט ער זיך געמוזט אפּשטעלען. צום גליק איז פארביינגעפאהרען א ליידיגער פיאקער, וועלכען ער האט בעשטיגע און איז אוועקגעפאהרען נאך דער רוע דע ווערנייל.

דארטען איז מארים וואסייר צוגעגאנגען צו מאריע'ן אין דעם אויגענבליק אלס דער מאהלער סערוועט האט זיא צוגעפיהרט צו א שטוהל נאך א טאנץ. דערזעהענדיג מאריס'ן איז זיא איהם פריינדליך געגאנגען אנטקעגען און האט איהם געגעבען דיא האנד. דער שורקע האט גענומען דיעזע האנד און האט זיא הערצליך געדריקט.

— זייט איהר שוין לאנג היער, הערר וואסייר? — האט מאריע געפרעגט.

— שוין א היבשע ווײלע.

— איהר זייט ביי אונז היינט פריה געווען און האט ניט געוואלט אננעהמען דיא איינלאדונג פון מיין פאטער צו בלייבען צו מיטאג, דאס איז אונרעכט.

www.libtool.com.cn

— צו מיין גרעסטען בעדויערן האב איך עס ניט געקענט אננעהמען, איהר דארפט עס מיר ענטשולדיגען.

— איך פערצייהע עס אייך.

— בעווייזט מיר עס.

— וויא קען איך עס אייך בעווייזען?

— דערמיט וואס איהר וועט מיט מיר טאנצען דיא נעכסטע מאַזורקא; ווילט איהר?

— זעהר גערן; לאָמיר פריהער א ווײלע ארומשפאציערען.

מאָרים האט איהר געררייכט זיין ארעם אוןביידע זיינען געגאנגען דורך דיא זאַלען. מאריע האט א ווײלע געפּלוידערט מיט איהם, האט אויך געוועכסעלט עטליכע ווערטער מיט לייטע וועלכע זיינען זיי געקומען אנטקעגען. אבער איהרע געדאנקען זיינען געווען ביי אלבערט.

— נאך דער מאַזורקע מוז זיא געהן אהין, אין יענעם צימער — האט מאָרים איבערלעגט — איך וועל איהר עטוואס פון איהר קאָפּף־פּוטץ ברייגגען אין אונאָרדנונג אזוי דאס זיא זאל מוזען האבען א פּאר שפּילקעס אדער א פּאר האר־נאדלען.

פון אָרקעסטער האט זיך געלאזט הערן דער פאָרשפּיעל צו דער מאזורקא, און דיא פּארען האבען זיך אויסגעשטעלט. מאָרים איז געווען איין אויסגעצייכענטער טענצער, און אויך מאריע האט געטאנצט מיט גראציע. דיא געזעלשאפט האט בעוואונדערט דאס שיינע פּאר און זייערע שיינע בעוועגונגען.

צום ענדע פון טאנץ האט מאָרים שוין אזוי געוואוסט איינצוריכטען, דאס זיי האבען זיך אפּגעשלאגען אן א צווייטע פּאר, און זיין מאַנשעטענקנאָפּ האט זיך פּאַרטשעפּעט אן א לענטע וואס איז אראפּגעהאנגען פון מאריעס קאָפּף־פּוטץ. מאריע האט לייכט אויפגעשריען און האט זיך מיט דיא הענד א חאפּ געטהאן צום קאָפּ.

מאָרים האט זיך געמאכט פערצווייפעלט, און האט געבעטען טויזענד מאל אום ענטשולדיגונג.

— אָ, איהר האט זיך ניט וואס פאָרצרוּוארפען — האט איהם מאריע געטרייסט — דער אנדער טענצער וואס האט אייך אנגעשטויסען איז אין דעם שולדיג. ער האט עס אבער אויך ניט געטהאן מיט אבזיכט.

— און איהר זייט ניט בייז אויף מיך דערפאר?

— גאנץ געוויס ניט — האט מאריע געענטפערט, און איז אוועקגעגאנגען.

מאָרים האט איהר נאכגעקוקט מיט דיא אויגען; ער האט לייכט אויפגעציטערט אלס ער האט געזעהן דאס שיינע מיידיל פערשווינדען הינטער דעם שווערן פאָרהאַנג פון דעם טואלעטענצימער. „נו, וואס איז דען? — האט ער געמורמעלט — ווער עס וויל דערגרייכען דעם עפּעל דארף ניט מורא האבען צו ברעכען א צווייגיל“.

ער האט זיך געקעהרט צום שפּיעל־זאל, וואו ער האט געטראפען לודאָוויק ברעסאָל מיט וואלענטיניען ביין ארויסגעהן פון דארטען. ער האט זיי געוואלט עטוואס זאגען, אבער אין דעם אויגענבליק האט ער דערהערט וויא דער דיענער ביין טהיר האט געמעלדעט: „הער אלבערט ניברייז“

www.libtool.com.cn


— שוין ווידער ער! — האט מאָרים געטראכט — היינטיגעס מאל אבער קומט ער צו שפעט!

אלבערט איז געוועזען בלאס וויא א לייכע און איז קוים איינגעשטאנען אויף דיא פיס. לודאָוויק ברעסאָל איז איהם געלאפען אנטקעגען, ווערענד וואלענטינע האט דעם נייעם גאסט אנגעקוקט פון ווייטען גאנץ דערשראָקען.

— אבער, מיין ליעבער אלבערט, ווארום זייט איהר אויסגעגאנגען? — האט הערר ברעסאָל אויסגערופען — דאס איז דאך דער גרעסטער וואהנזין! איהר קענט דאך קוים שטעהן אויף דיא פיס!

— אך, וועלכע שרעקליכע געדאנקען! איך האב ניט געקענט איינליגען.... דיא היטץ, דער שווערער טרוים!.... איך האב געמוזט געהן.... וואס מאכט פרייליין מאריע?

— זיא איז מונטער וויא א פיש, זיא האט דא איצטער געטאנצט.

— און איך בין געוועזען אזוי אונרוהיג! מיר האט זיך געדוכט, דאס זיא איז אין געפאהר.

— וואס זאל דאס בעדייטען? — האט מאָרים זיך געפרעגט, ווערענד איין אנגסט־שוויים איז איהם אויסגעשלאגען איבערן גאנצען קערפער — האט מיר ווער נאכגעשפירט?

— איהר זייט אין פיבער, ליעבער אלבערט — האט לודאָוויק געזאגט ערגריי־פענדיג דעם שוואכען יונגען מאן פאר'ן ארם, אום איהם צו שטיצען.

עטליכע געסט האבען זיך דערווייל ארומגעשטעלט און האבען בעטראכטעט אלבערט מיט שטוינען און מיט שרעק. מיט דיא איינגעפאלענע באקען, טיעפע אויגען און ווייסליכע ליפען האט ער אויסגעזעהן וויא א טויטער וואס האט זיך ארויסגעחאפט פון קבר.

פלוצלונג האט זיך דערהערט פון אנדערן זייט זאל א שניידענדער אנגסט־געשריי, א געשריי וויא פון א מענשען וואס ראנגעלט זיך מיט'ן טויט, און אלע אנוועזענדע אין זאל האבען זיך מיט שרעק אומגעקוקט נאך יענער ריכטונג.

דארט איז פאָרגעגאנגען פאָלגענדעס: אלס מאריע איז אריין אין טואלעטען־צימער איז זיא צוגעגאנגען צום טיש, וועלכער איז געשטאנען צווישען בלומען־טעפ אין פערשיעדענע פלאנצונגען. אנטקעגען איז געשטאנען א גרויסער שפיעגעל, ארומגעראהמט מיט שפיצען, און פון דיא זייטען האבען געברענט קרוין־לייכטער, צו דריי גרויסע פלאַ־מען אין יעדערן. דיא לופט איז געוועזען דורכדרינגען פון אנגענעהמע ריחות. געהענדיג פון טהיר צום טיש האט מאריע ארויפגעטרעטען מיט'ן פוס אויף עטוואס ווייכעס און גלאטעס, עס האט זיך געלאזט הערן א צישען און א פייפען וויא זיא האט עס נאך קיינמאל אין איהר לעבען ניט געהערט, און זיא האט זיך איינגעבויגען זעהן וואס דאס איז אזוינס, אבער מיט אויסגעגלאָנצטע אויגען, מיט איין אָפענעם מונד און שטום פון שרעק האט זיא א שפרונג געטהאן צוריק, אלס געגען איהר האט זיך אויפגעהויבען א שלאנג, מיט אָפענעם ראַכען, צישענדיג און פייפענדיג.

www.libtool.com.cn

— דאס איז געווען דיא וויפער פון פאַנטיינבלאַ, וועלכע האט זיך אויפגעהאַפט פון איהר ווינטערשלאף דורך דיא היטץ.

דאס אגשייליכע צישען און פייפען האט נאך אימער אנגעהאלטען און דיא שלאנג האט זיך א ווארף געטהאן אויף דאס יונגע מיידיל, אבער זיא האט נור דערגרייכט דאס קלייד און האט זיך אראפגעגליטשט צוריק.

מאַריע האט געוואלט פליהען, אבער מיט צוויי שפרונג איז דאס שרעקליכע רעפטיל (זוזל עפר) געווען פאר איהר, פאראמענדיג איהר דעם וועג, אויפגעריכטעט וויא א שטעקען, מיט אפענעם ראכען און גליהענדע אויגען וויא צוויי דיאמאנטען. צום צווייטען מאהל האט דיא שלאנג א שפרונג געטהאן אויף איהר אָפּפער, האט דערגרייכט איהר ארעם, האט זיך שנעל ארומגעדרעהט און איז ארייגעפאהרען מיט דיא גיפטיגע ציינער אין דאס פלייש ביין האנדגעלענק. דורך דעם שרעקליכען שמערץ פון ביס און דורך דיא עקליגע בעריהרונג מיט דעם קאלטען טויטברינגענדע ארמבאנד, האט דיא אונגליקליכע מאריע ווידער געפונען איהר שטימע. זיא האט ארויסגעשטויסען א שרעקליכען געשריי וואס האט אפגעהילכט אין אלע זאלען און איז געפאלען אין אהנמאכט.

לודאָוויק ברעסאָל, וואלענטינע, אלבערט מיט זיינע לעצטע קרעפטען, מאַרים און פיעלע געסטע האבען זיך א ווארף געטאהן נאך דער ריכטונג פון וואנען דער געשריי איז געקומען. אלבערט איז געלאפען פריהער פון אלעמען, וויא נור א מענש אין פיבער איז אימשטאנדע, וועהרענד ברעסאָל איז געווען הינטער איהם, מורמלענדיג אין טויטשרעק: „מיין גאָט, מיין גאט, וואס געהט דאָ פאָר?!“

אלבערט האט א ריס געטהאן דעם פארהאנג, איז ארייגעשפרונגען אין טואַלעטען־צימער און האט דערזעהן דיא אונגליקליכע מאַריע ליעגענדיג אהן לעבען אויפ'ן באָדען, מיט דער שלאנג נאך אימער ארומגעדרעהט ארום איהר נאקעטען ארעם.

— מיין גאט! שנעל! בריינגט מיר א שער! — האט ער געשריען מיט דיא לעצטע קרעפטען.

— ניט פערשטעהענדיג אום וואס דוא האנדעלט זיך האט וואלאנטינע געעפענט א שופלאד פון א טיש און האט ארויסגענומען א שער און האט. זיא דערלאנגט צו אלבערט. לודאָוויק האט געקרעכצט וויא א שטערבענדער און האט אויסגעזעהן וויא איינער וואס איז גערירט פון שלאג.

מיט איינגעהאלטענם אטהעם האבען זיך אלע געסט געדרענגט נעהנטער צו אלבערט'ן.

ביי וואלענטינען איז געשטאנען מאַרים און האט געווארפען בליקען פון האס אויף אלבערט'ן, וועלכער איז איצטער געווען דער מיטעלפונקט פון אלעמעס אויפמערקזאמקייט. שנעל האט ער ארונטערגערוקט א האלבע שער אונטערן קאפּ פון דער שלאנג און האט איהם אראפגעשניטען דעם קאפּ. דער קערפער פון שלאנג האט זיך אראפגעדרייט פון ארעם אין קאָנוואולסיווע בעוועגונג, וועלכע מען זעהט ביי שלאנגען ווען מען טעדטעט זיי. דאן האט דער יונגער מאן ארויסגעריסען פון דער וואונד דעם איינגעביסענעם קאפּ מיט דיא בלישצענדיגע אויגלאך, האט איהם פון זיך א ווארף געטהאן

www.libtool.com.cn


און האט זיך דאן צוגעלייגט מיט דיא ליפען צו דער וואונדע. דריי פיער מאהל האט ער געזויגען אן דער וואונדע, ביז דאס בלוט האט אנגעהויבען שטארק צו פליעסען.

יעדער האט פערשטאנען אין וואס פאר א געפאהר מאריע געפינט זיך און וואַ־ענטינע, וועלכע האט זיך דורכאויס געוואלט ווייזען אין אזא גרויסער געזעלשאפט אלס צערטליכע מוטער, האט זיך אראפגעלאזען אויף דיא קניע נעבען מאריע, זיפצענ־דיג און בעמיהענדיג זיך ארויסצופרעסען חאטש א פאר טרעהרין פון איהרע טרוקענע אויגען. לודאָוויק ברעסאָל איז געלעגען אויף א סאָפאַ אניעדערגעוואָרפען מיט אויס־געגלאצטע אויגען און האט אויסגעזעהן וויא איינער וואס ווייסט ניט וואס ארום איהם געהט פאר.

— דער ארעמער קערל איז געריהרט פון שלאג — האט מאריס געטראכט — וואלענטינע קען נאך בליבען אן אלמנה.

— מען מוז רופען א דאקטאר — האט ד'ארפעל געזאגט.

— איך האב געזעהן דאקטאר דופרען אין שפיעל־צימער — האט איינער גע־מעלדעט. א פאָר געסט זיינען אהין געלאפען און אין נעכסטען אויגענבליק איז דער דאקטאר שוין געווען נעבען מאריען, דערזעהנדיג איהם, איז ברעסאָל געקומען צו זיך; ער איז אויפגעשפרונגען, און אנצייגענדיג אויף מאריע האט ער געזאגט: רעטעט מיין קינד, ליעבער פריינד!

— וואס איז דען געשעהן?

— א שלאנג האט זיא געביסען.

— איך קען ניט מעהר טהאן אלס דאס וואס הערר גיברייא האט שוין געטהאן — האט דער דאקטאר געזאגט, בעטראכטענדיג שנעל דיא לאנגע — זיינע אויפאפפערונג האט פריילין מאריע גערעטעט. אויסצוזויגען אזא וואונד איז פיעל בעסער וויא אויסצו־ברענען. איך דארף יעצט האבען א מאניאק און ליינוואנד.

אויף לודאוויק'ס בעפעהל איז א דיענער געלאפען און האט געבראכט דאס פערלאנגטע.

— איז דאס ווירקליך געווען א וויפער, ניט א נאטער אדער איין אנדער שלאנג? האט דער דאקטאר געפרעגט.

— א וויפער, איך וויים עס גאנץ גענוי — האט אלבערט געענטפערט — איך פערשטעהע מיך אויף שלאנגען, און איך האב שוין א מאהל געצייכענט א וויפער נאך דער נאטור.

— וויא אזוי קומט זיא אבער אהער?

— וואהרשיינליך האט מען דאס אריינגעשלעפט מיט דיא מאָך און פלאנצען — האט ברעסאָל ערקלערט שלוכצענדיג — און פון ווארעמקייט האט זיך דיא שלאנג אויפגעכאפט.

— פאר אלעם מוזען מיר האבען מעהר לופט — האט דער ארצט געזאגט — איך בעט אלזא דיא הערשאפטען זיך צוריקצוציהען.

אלע האבען געפאלגט און ביי מאריע זיינען נור געבליעבען דיא עלטערן, דער דאקטאר און אלבערט.

www.libtool.com.cn

— זיא קומט ניט צו זיך! — האט ברעסאל געשריען אין פערצווייפלונג.

— איין אוינענבליק געדולד, מיין פריינד! איך וויל דיא וואונדע אויסוואשען אין איהר הערר גיברייו, זאלט אויך אויסוואשען דעם מונד.

דער דאקטאר האט גענומען א גלאז וואסער, האט אריינגעטהאן א שטארקע דאָזיס אמאָניאק און האט עס דערלאנגט דעם יונגען מאן, וועלכער האט איהם גלייך געפאלגט. מיט דערזעלבינער פלייסיגקייט האט ער אויך גוט אויסגעוואשען דיא וואונדע און האט זיא ארומגעבונדען.

מאריע האט געמאכט א בעוועגונג.

— זיא קומט צו זיך — האט דער דאקטאר געזאגט — מאכט שנעל דאס בעט פיר זיא און בריינגט זיא אריין אין איהר צימער.

זיינע בעפעהלע זיינען גלייך אויסגעפיהרט געוואָרן.

לאנגזאם איז מאריע געקומען צו זיך. א קאלטער שוויים האט בעדעקט איהר שטירן. זיא האט זיך אויפגעריכטעט, אונטערשטיצט פון דאָקטאָר און האט זיך פער-וואונדערט ארומגעקוקט. ענדליך האט זיא דערזעהן איהרע עלטערן, דעם דאקטאר און אלבערט. זיא האט א שמייכעל געטהאן, האט אויסגעשטרעקט איהרע ארעמס און איז ווידער געפאלען אין אהנמאכט.

אלבערט, וועלכער האט דיא גאנצע צייט מיט מערקווירדיגער ווילענסקראפט אויסגעהאלטען, האט שוין ניט מעהר געקענט איינשטעהן און האט צוזאמענגעבראכען. ברעסאָל האט איהם אונטערגעחאפט און אוועקגעזעצט אופ'ן סאפא.

צוויי דיענסט־מיידלאך און וואלענטינע האבען מאריע אריינגעבראכט אין איהר צימער און האבען זיא געלייגט אין בעט, וועהרענד דער דאָקטאר איז צוגעגאנגען צו אלבערט'ן. ער האט איהם געפיהלט דעם פולס, האט איהם אונטערזוכט און האט אויסגערופען: „הערר גיברייו איז דאך זעהר קראנק!“

— געוויס! — האט ברעסאל געענטפערט טרויעריג.

— אבער וויא אזוי קומט ער אין דעם צושטאנד אהער?

— דאס פערשטעה איך אליין ניט! ער האט עטוואס גערעדט פון אונרוהע, פון שלעכטע חלומות, אבער וויא עס שיינט איז ער פון פיבער ארויסגעשפרונגען פון קראנקען־בעט און איז געקומען אהער.

— עס איז זעהר נעטהיג, אז דער יונגער מאן זאל גלייך פאהרען נאך הויזע.

— איך וועל איהם אליין בעגלייטען, אויב איהר פערזיכערט מיך, אז מאריע איז ארויס פון געפאהר — האט ברעסאל געזאגט.

— איך קען אייך דאס פערזיכערן. פאהרט שנעל, דען איך וואלט וועלען, אז דער יונגער מאן זאל זיין אין בעט אזוי שנעל וויא נור מעגליך.

פינף מינוטען שפעטער איז אלבערט געלעגען ווארם איינגעוויקעלט אין וואגען. נעבען איהם איז געזעסען לודאָוויק ברעסאָל.

אימער דיעזער אלבערט גיברייו! — האט מאָרים געקריצט מיט דיא ציין. אלס ער האט געזעהן דעם וואגען אפפאהרענדיג — דיעזער שטיין פון וועג מוז אפגעראמט ווערן! רעכט אויף איהם, זאל ער ניט שטעלען זיך אין וועג.

www.libtool.com.cn

דיא זאלען האבען זיך שנעל אויסגעליידיגט ביז איינס אוהר און נור דאקטאר דופרע איז געבליעבען, וועלכער האט נאך א האלבע שטונדע פערוויילט נעבען מאריע און איז דאן אויך אוועקגעגאנגען, נאכדעם וויא דיא קראנקע איז זאנפט איינגעשלאפען.

קאלט און בייז איז איצטער געשטאנען וואלענטינע ביין בעט פון איהר קראנקער טאכטער און בעזע געדאנקען זיינען איהר געגאנגען דורכ'ן קאפ. א, ווען זיא זאל זיך קענען בעפרייען פון דיעזער אונערטרעגליכער טאכטער, וואס פארביטערט איהר דאס לעבען און ליעבט זיך מיט איהר טויטפיינד!

מארים האט געאיילט צו ווערדיע, וועלכער האט געווארט מיט'ן וואגען אויף דער עקע פון דער שטראסע און האט געקלאפט א צאהן אן א צאהן פאר קעלט.

— נוא? — האט ער געפרעגט.

— לאמיר פאהרען נאך דער רוע סורען; דארטען דערצייל איך אייך אלעס!

דער וואגען איז אוועקגעפאהרען.

לודאוויק ברעסאל איז שנעל אנגעקומען צו דער וואהנונג פון העררן גיברייי. עס איז ניט צו בעשרייבען דעם שרעק פון'ם אונטערזוכונגסריכטער, אלס מען האט איהם אויפגעוועקט פון שלאף מיט דער מעלדונג, דאס הערר ברעסאל ברייננט איהם זיין זאהן, וועלכען ער האט איבערגעלאזען שלאפענדיג אין זיין צימער. דער בעאמטער האט געציטערט ביי דעם געדאנקען אן דיא אונגעהייערע ליידענשאפט, וועלכע רופען ארויס ביי אלבערט אזעלכע איבערנאטירליכע קערפערליכע אנשטרענגונגען.

שנעל איז גיבריי'ס הויזדאקטאר גערופען געווארן און לודאוויק ברעסאל האט פארלאזען גיבריי'ס הויז מיט דער געוויסהייט, דאס דער יונגער מאן, וועלכער האט זיין טאכטער געראטעוועט דאס לעבען, איז אויסער געפאהר.

מארים און ווערדיע זיינען אנגעקומען נאך דער רוע דע סורען, וואו לאטירג האט זיי אונגעדולדיג ערווארטעט. מארים האט זיי ביידען דערציילט וויא דיא זאכע איז צוגעגאנגען און וויא אזוי דער נייער פלאן איז וויעדער צושטערט געווארען דורך א צופאל, וועלכען ער האט ניט געקענט ערווארטען.

— דיעזער אלבערט איז פאר אונז א שטיין אין וועג! — האט ווערדיע געזאגט.

— דאן ראמט איהם אראפ פון וועג! — האט לאטירג געראטהען.

— עס איז גלייכער אז ניט — האט ווערדיע געמיינט — צו וואס זאלען מיר אונזער וועג בעדעקען מיט לייבען, וועלכע בריינגען אונז קיינע נוטצען ניט? עס זיינען דא בעסערע מיטעל, וועלכע זיינען אויך זיכערער און מען זאל דאך ניט דארפען אנגרייפען דעם יונגען מאן.

— וועלכע מיטעל?

— מארים מוז הייראטהען מאריע ברעסאל און דאן וועט לייכט זיין דיא זאכע דורכצופיהרען.

— איהר זאגט זיך דאס אזוי רוהיג, פונקט וויא דאס וואלט געוועזן אזוי לייכט וויא אויסצורויכען א ציגאר — האט מארים געענטפערט.

— איהר זייט גענוג קלוג, אום איבערצוקומען דיא שוויריגקייטען! אויך מוז איך אייך זאגען, דאס איך זעה ניט פאר וואס דאס זאל זי אזוי שווער. איהר האט מיר

www.libtool.com.cn

אליין דערצעהלט, דאס דיא מוטער האט אייך אויפגעפאָדערט, איהר זאלט זיך דרייען ארום איהר טאכטער און זיא וויל איהר זאלט ווערען איהר איידעם.

— אבער דאס יונגע מיידיל איז פערליעבט אין אלבערט׳ן.

— וואס שאדעט דאס? אלבערט קען סיי־ווי־א־סיי ניט הייראטהען מאריע ברעסאָל, ווייל זיין פאטער וועט עס ניט צולאזען; זיא איז וואלענטינע דהארוויל׳ס טאכטער

— דאס איז מעגליך; אבער צו וועט מיך הערר ברעסאָל וועלען אננעהמען פאר א שוויעגערזאהן — דאס איז א פראגע.

— דאס מוזט איהר זעהן צו ערדרייכען.

— אבער אלבערט?

— ער איז קראנק און וועט נאך געוויס לאנג בלייבען אין בעט און ווען ער זאל שטארק הינדערן, קען מען איהם שפעטער אפראמען פון וועג.

— אבער פיליכט שטארבט נאך מאריע פון דעם גיפטיגען ביס.

— געוויס ניט — האט הערדיע געזאגט — אויסזויגען גלייך נאכ׳ן ביס איז א נוטעם מיטעל. בענוצט דערוויילע דיא צייט וואס אלבערט איז קראנק און זעהט מאריע צו ערֿאָבערן. איהר דארפט אויך ערפאהרען ווער אייער פאמיליע איז און האלטען אייערע דאָקומענטען בערייט.

— זאל זיין אזוי — האט מאָרים ענטשיעדען — איך וועל פּרובירען, אבער איך זאג אייך ניט צו, אז עס וועט געראטהען.

— איהר זייט זעהר בעשיידען.

— איהר האט צו א הויכע מיינונג פון מיר. איצטער געה איך נאך הויז, דען איך בין טויט מיעד.

מאָרים האט פארלאזען זיינע קאמעראדען אין דער רוע סורען און אום האלב דריי אוהר איז ער אנגעקומען אין זיין וואהנונג און איז גלייך געגאנגען צו בעט.

35טעם קאפּיטעל.

## דאס געשטענדנים פון א מוטער.

דיא אונטערזוכונג פון דעם דאָפּעלפערברעכען. איז זיך דערוויילע געגאנגען איהר גאנג. אין דער שווייץ, אין בעלגיען, אין ענגלאנד און אין דייטשלאנד האבען פּאָליציי אגענטען נאכגעשפּירט דיא מערדער. דיא גרענצען זיינען זעהר שטארק איבערוואכט געווארען און יעדער פּאסאזשיר איז אויפמערקזאם בעטראכט געווארן.

דיא פּאָליציי האט שוין אנגעהויבען צו צווייפלען אן דעם ערפאלג. יעדען טאג פלעגט זיך עמא זשובערט צוזאמענטרעפען אין רוע מעזליי מיט זשאָדלע און מארטעל, קארנו און גאלובעט, פלעגט ערטהיילען איהרע אינסטרוקציאנען, אבער עס איז געוועזן אומזיסט. דיא לייטע האבען אנגעהויבען צו פערליערען דעם מוטה און דיא געדולד. נור עמא זשובערט אליין האט נאך דיא האָפנונג ניט פערלארען. „זוכט ווייטער!“ פלעגט זיא אלץ זאגען „דער צופאל קען אונז נאך אריינפיהרען אין דיא הענד איינעם פון דיא שורקען און דאן וועלען דיא אנדערע אויך זיין געפאנגען!“

אזא אונטערעדונג האט עמא זשובערט געהאט מיט איהרע אגענטען, אויך

www.libtool.com.cn

אויף מארגען נאך דיא בעשריעבענע עראייגניסע אין דעם הויז ברעסאָל. נאך דער אונטעררעדונג האט זיא גענומען א וואגען און איז געפאהרען צו זיך נאך הויזע. אלס זיא איז אויסגעשטיעגען און האט בעצאהלט דעם קוטשער איז איהר אנגעקומען מאָרים אנטקעגען.

— איהר פאהרט יעצט אוועק, ליעבע פריינדין? — האט ער געפרעגט.

— ניין איך קום שוין צוריק. דער אונגליקליכער פראָצעס וואס איך האב, מאכט מיר פיעל אונרוהע און וויל גאר קיין סוף ניט נעהמען. מעז מוז האבען געדולד אויף דער וועלט. פריהשטיקסט דוא מיט מיר?

— ניין, איך וויל מיט אייך האבען איינע ערנסטע אונטעררעדונג.

— מיט מיר? — האט מאדאם ראָזיע געפרעגט אונרוהיג — וועגען וואס?

— דאס וועל איך אייך היינט אבענדס זאגען.

— דאן ערווארטע איך דיך צום אבענדעסען.

— איך ווייס אפילו ניט אויב איך וועל זיין פריי, אבער יעדענפאלס קום איך, דען איך מוז ביי אייך עטוואס פרעגען?

— דא אויפ'ן גאס קען איך דאס מיט אייך ניט ריידען, אויך האב איך איצטער קיין צייט ניט. אויף וויעדערזעהן, בעסטע פריינדין!

מארים האט דער אגענטין געדריקט דיא האנד, האט גענומען דעם לעערען וואגען פון וועלכען זיא איז אויסגעשטיעגען און איז געפאהרען צו ברעסאָל, וואו ער האט געטראפען דעם מאן מיט דער פרוי ביין פריהשטיס.

— וויא געהט עס היינט פריילין מאריע? — האט ער געפרעגט.

— דער דאָקטאָר געפינט איהר צושטאנד זעהר צופריעדענשטעלענד; דאס מיטעל פון יונגען העררן גיבריי האט מערקווירדיג געהאלפען — האט לודאָוויק געענטפערט.

— גאט זיי דאנק! — האט מאָרים געענטפערט — דארף עס נאך לאנג נעהמען ביז זיא וועט קענען פארלאזען דאס בעט?

— נור אייניגע טעג רוהע, דאס איז אלעס וואס דער דאקטאר עמפפעהלט.

— דאס איז ניט שווער אויסצופיהרען; האט איהר עטוואס ערפאהרען פון דעם ארעמען העררן גיבריי?

— געסטערן איז זיין צושטאנד געוועז זעהר בעדענקליך; איך וויל איצטער געהן אהין און מיך ערקונדיגען וויא ער האט צוגעבראכט דיא נאכט.

דערמיט האט זיך לודאָוויק אויפגעהויבען אוועקצוגעהן.

— ברייננ אונז גוטע נייעס! — האט איהם וואלענטינע נאכגערופען און האט זיך דאן געווענדעט צו מאָרים, מיט וועלכען זיא איז געבליעבען אליין; „האט איהר נאכגעדאכט וועגען דעם, וואס איך האב אייך געסטערן געזאגט אויפ'ן באל?“

— איהר האט מיר געזאגט עטליכע זאכען.

— איהר ווייסט גאנץ גוט אום וואס עס האנדעלט זיך און וואס פיר איין אפפער איך פערלאנג פון אייך. איך רייד פון דער מעגליכקייט, אז איהר זאלט הייראטהען מאָריע. איך האב אמאהל געזעהן אזא טהעאטער-שטיק אין דער „קאָמעדיע פראַנסעז“

www.libtool.com.cn
טהעאטר און איך בין איצטער נעפאלען אויף דעם. איך גלויב, אז דאס וואלט אונז געמאכט גאנץ זיכער.

— געוויס — האט מאָרים געענטפערט מיט א בייזען שמייכעל — און איהר וואלט דאן בעפרייט געווארן פון א גרויסער זארג.

— איך פערשטעה אייך ניט! — האט וואלענטינע געזאגט.

— ווארום זאלט איהר מיך וועלען נארען, ליעבע פריינדין, איך בין נענען מיין ווילען געווארן דער מיטוויסער פון אייער געהיימניס.

מאָדאם ברעסאָל האט איהם אנגעקוקט גאנץ ערשטוינט: „מיין געהיימניס?" האט זיא איבערגעפרעגט.

— יא, ליעבע פריינדין; דער צופאל האט מיך געמאכט צום אונזיכטבארען עדות פון אייער אונטעררעדונג מיט פאול גיבריי, וועלכער האט אייך ווידער געפונען נאך דריי־און־צוואנציג יאהר און האט פון אייך געפאדערט זיין טאכטער. איך ווייס אויך, אז אלבערט ליעבט מאריע, אבער דער אונטערזוכונגס־ריכטער וועט קיין מאהל ניט מסכים זיין צו א פערבינדונג מיט אייער פאמיליע. איהר האט מורא, אז הערר ברעסאָל קען נאך ערפאהרען ווארום דער אונטערזוכונגס־ריכטער איז נעגען אזא פאר־טיע, וועלכע זעהט אויס זעהר פאסענד צו זיין און דאס וועט אויך געוויס געשעהן, אויב מען זאל גיבריי צו וויט טרייבען ווען אייער טאכטער זאל אבער ווערן מיין פרוי, דאן איז דיעזע געפאהר פערשוואונדען. האב איך גוט פערשטאנען?

— יא, יא! — האט וואלענטינע האסטיג געענטפערט, גאנץ אויפגערעגט — דיעזע הייראט וואלט מיך גערעטעט.

— דאן מוז זיא געשעהן, און זיא זאל געשעהן פון אייערטוועגען, מיין שיינען פריינדין, דאס איז אבער אלעס נור גערעדט, ווען מאריע זאל וועלען.

— זיא מוז וועלען, איך וועל זיא צווינגען דערצו, איך ווייס נאך ניט וויא אזוי, אבער איך וועל שוין מיטעל געפינען דערצו.

א שטונדע האבען זיך דיאביידע אזוי אונטערהאלטען, ביז ברעסאָל איז צוריק־געקומען. וואלענטינע איז איהם געגאנגען אנטקעגען און האט געפרעגט: „וויא געהט עס דעם יונגען גיבריי?"

— עטוואס בעסער; דער דאקטאר האפט אז ער וועט געזונד ווערען; אבער דאס קען דויערן לאנג, וואָכען און פיעלייכט מאָנאטע.

וואלענטינע און מאָרים האבען זיך שנעל איבערגעקוקט. אזוי לאנג וויא אלבערט גיבריי איז געלעגען קראנק האבען זיי געהאט צייט צו ארבייטען.

מאָרים האט גענומען אבשיעד און איז אוועקגעגאנגען מיט דעם פערשפרעכען צו קומען מארגען ווידער, אום זיך צו ערקונדיגען וואס מאריע מאכט. ער איז געגאנגען צו מאדאם ראָזיע, וועלכע ער האט געפונען זעהר אונרוהיג און אונגעדולדיג. דיא עטליכע ווערטער וואס ער האט איהר אין דער פריה געהאט געזאגט האבען איהר גע־לאזען טרעפען וואס מאָרים האט אין זינען, און דעריבער איז זיא אזוי דערשראָקען גע־ווען. זיא האט געוואוסט דאס ער וועט זיא אויספרעגען וועגען זיין פאמיליע און געבורט,

www.libtool.com.cn

וועלכע זיא האט געוואלט אויף אייביג פון איהם בעהאלטען. זיא האט איהם ערוואר-
טעט מיט אונגעדולד, און האט דאך געציטערט ביין גדאנקען וועגען איהם.

עמא זשובערט, דיעזע שטארקע פרוי מיט דעם שטארקען גייסט, איז געוואָרען
שוואך און קליינמיטהיג אזוי שנעל וויא זיא האט געטראכט וועגען איהר קינד.

מאָרים איז געקומען. זיא האט איהם עמפפאנגען מיט דער געוועהנליכער צערט-
ליכקייט, אבער זיא האט זיך דערביי געפיהלט ניט אנגענעהם. איהר הערץ האט גע
קלאפט האסטיג און ניט רעגעלמעסיג, פונקט וויא עס וואלט איהר אנזאגען, דאס
איהר ערווארטעטע איין קומער.

— ליעבע פריינדין — האט דער יונגער מאן אנגעהויבען — איהר זעהט איך
האלט וואָרט, און האָף מיט אייך צו פערברייננגען א געמיטהליכען אבענד.

— גוט, מיין קינד; דוא ווייסט אז דאס פערשאפט מיר דיא גרעסטע פריידע
מיט דיר צו ריידען און מיט דיר צו פלוידערן.

— ריעזע פריידע וועט איהר היינט געניעסען, דען איך האב מיט אייך פיעל צו
פלוידערן.

— האסט דוא ווירקליך עטוואס ערנסטעס מיט מיר צו ריידען? — האט זיא
געפרעגט מיט אנגסט, וועלכע זיא האט פארבאָרגען הינטער א געצוואונגענעם
שמייכיל.

— עטוואס זעהר ערנסטעס, איהר וועט עס גלייך הערען.

— דא, רייד, מיין קינד, לאז מיך הערען.

דיא ארעמע פרוי האט זיך בערייט געמאכט צו א קאמפף, זיא האט אבער נאך
ניט געזעהן, אויף וועלכען באָדען דער קאמפף וועט שטאטטפינדען.

מאָרים האט זיך געזעצט ביין פייער פון קאמין און האט פאררויבערט א ציגאר,
וועהרענד מאדאם ראָזיע האט זיך געזעצט ניט וויט פון איהם.

— געדיינקט איהר נאך, טהייערע פריינדין, וואס מיר האבען ניט לאנג געשפראָ-
כען וועגען מיין לאגע?

— איך געדיינק אלעס, מיין קינד; אלעס וואס געהערט זיך מיט דיר איז מיר
אזוי וויכטיג, דאס איך פערגעס קיין זאך ניט. איך געדיינק, אז איך האב געפונען דיין
לאגע זעהר גינסטיג, דען דוא פערדיענסט גאָט זיי דאנק ניט שלעכט אלס סעקרעטער
ביין קאפיטאן פון האָלאנד, און פון דעם קליינעם פערמעגען וואס דיין מוטער האט ביי
מיר איבערגעלאָזען, האסט דוא אויך זעכס טויזענד פראנק יעהרליך, און דאס איז זעהר
אנשטענדיג.

— ניין, ניט דאס מיין איך.

— איך געדיינק אויך אז דוא האסט געזאגט, דאס דוא האסט נאך בדעה לאנג
צו בלייבען פריי און צו געניעסען דיא פריידען פון דער פרייער יוגענד, און דיינקסט ניט
פון הייראטהען.

— אט וועגען דעם מיין איך, ליעבע פריינדין — האט מאָרים געזאגט, ארויס-
לאָזענדיג א וואלקען רויך פון מונד — איך וויל זאגען, אז איך האב דאמאלס זעהר
נארעש גערעדט.

www.libtool.com.cn

דיא געהיים־פּאָליציסטין האט אנגעהויבען צו ציטערן. איהר איז ארויף אויפ'ן גערא־קען אלעס וואס עס קען ארויסקומען דורך איינע ענדערונג אין לעבען פון איהר זאַכן, און זיא האט נעפרעגט דערשראָקען: „האסט דוא זייט דאן געענדערט דיין מיינונג ?“

— יא.

— דוא דיינקסט אלזא צו נעהמען א פרוי?

— יא, ליעבע פריינדין.

— דאס בעגרייף איך ניט; ערשט מיט עטליכע וואָכען פריהער האסטו גערעדט מיט ענטציקונג פון דיינע פרייהייט, און פלוצלונג ווילסט דוא ארויפלייגען אויף זיך דיא קייטען. איז דאס ניט צו פריה פיר דיך ?

— מיט עטליכע וואָכען פריהער האב איך נאך ניט געקענט יענע וועלכע איך ליעב.

— דוא ביסט פערליעבט?

— ביז איבער דיא אויערן.

— אין וועמען ?

— אין דיא שענסטע מיידיל וואס איז דא אויף גאָטס ערד; זיא איז אויך דיא בעסטע און דיא קלוגסטע. ווען איהר וואלט זיא געקענט, וואלט איהר זיא אויך ליעב געהאט.

דיא ארעמע פרוי האט איהם צוגעהערט מיט א צוזאמענגעפּרעסטען הערצען און האט געמוזט אנשטרענגען איהר גאנצע ווילענסקראפט אום זיך ניט צו פערראטהען.

— ליעבער מאָרים — האט זיא געזאגט מיט בלאסע ציטערנדע ליפּען — דוא האסט ניט איבערלעגט, עס פעהלט דיר דיא נייטיגע ערפאהרונג; דוא נעהמסט פיעלייכט אן איין פאַראיבערגעהענדען קאפּריז פיר אמת'ע ליעבע, און דוא קענסט דער־נאך זיין שרעקליך ענטטוישט ווען דאס וואס דוא האלטסט פיר ליעבע וועט דערנאך צופליעסען וויא א טרוים.

— איהר האט א טעות, געעהרטע פריינדין — האט מאָרים געענטפערט שאָק־לענדיג דעם קאָפּ — איך בין דריי־און־צוואנציג יאהר אלט, איך בין א מאן און קען דיא וועלט. מיין כאראקטער איז ערנסט און פעסט און איך קען אזא טעות ניט מאכען אנצונעהמען א קאפּריז פיר ליעבע. דורך מיין הייראטה מיט דער געליעבטען וועל איך ניט נור געפינען דאס גליק פון מיין הערצען, זאנדערן אויך א גלענצענדע שטעלונג אין דער וועלט, איינע פאמיליע.

דיא לעצטע ווערטער „איינע פאמיליע“ האבען דערוועקט דיא גאנצע ענערגיע פון דער פאליציסטין. „דא איז דיא געפאהרן“ האט זיא געטראכט און האט דאן צוגע־זעצט אויפ'ן קול: „וואס פאר א פאמיליע?“

— זיא געהערט צו א געוועזענעם ארכיטעקט, וועלכער איז רייך און אנגעזעהן. ער הייסט ברעסאָל. בעזיצט מעהר וויא הונדערט־טויזענד פראנק איינקונפט א יאהר, און וועט זיין טאכטער געבען א פיינעם נדן.

— איך האב מורא דוא וויעגסט זיך אין א זיסען טרוים, מיין ליעבעס קינד! דוא

www.libtool.com.cn

ביזט אהן א שטעלונג, אהן א נאמען אין דער וועלט און דיין גאנצע איינקונפט בעשטעהט פון זעכס טויזענד פראנק יעהרליך, וויא קענסט דוא האפען דאס א יורש'טע פון הונדערט טויזענד פראנק איינקונפט זאל דיר רייכען איהר האנד?

— און דאך איז עס מעגליך און וועט נאר אין קורצען געשעהן.

— האסטו שוין פראבירט ריידען מיט איהרע עלטערן?

— ניין, און איהר וועט געוויס בעגרייפען ווארום. איך ווייס צו גוט וויא פיעל איך האב אייך צו פערדאנקען, מיינע טהייערע פריינדין, און איך האב קיין זאך ניט געוואלט טאהן איידער איך וועל הערען אייער ראטה. איהר האט ביי מיר פערטרעטען די שטעלע פון א מוטער, איהר האט מיך ערצויגען, איהר זייט געווען מיין בעשיצערין, מיין בעסטע פריינדין, און איך וויל אייך דעריבער בעטען איהר זאלט מיר העלפען אין דער זאכע.

— מיך? — האט דיא פאליציסטין אויסגערופען אין טויט שרעק.

— נאטירליך — האט מאריס געענטפערט, אנקוקענדיג זיא גאנץ ערשטוינט — וויא קען אייך אזא איינפאכע זאך אזוי אויפרעגען און דערשרעקען?

— זיא רעגט מיך ניט אויף און דערשרעקט מיך ניט — האט דיא ארעמע פרוי געענטפערט פערלעגען — זיא מאכט מיך נור פערוואונדערט, און איך פרעג זיך אליין אויב דוא ביזט ביין פולען פערשטאנד.

— איהר דארפט ניט צווייפלען אין דעם — האט מאריס געזאגט לאכענדיג און האט זיא אנגענומען פאר ביידע הענד — דיא הייראטה פון וועלכער איך רייד וועט געוויס זיין, טראטץ אלע הינדערניסע פון וועלכע איהר רעדט, און זיא וועט מיר זיכערן מיינע צוקונפט. איהר ווייסט זעהר גוט דאס ביז היינט בין איך נור א סארט גליקזוכער, וועמעס געבורט עס איז ארומגערינגעלט מיט געהיימניסען. איך האב קיינע שטעלונג אין דער געזעלשאפט, און קיין פערמעגען. איצטער מאכט זיך מיר א גליקליכע געלעגענהייט צו ערשבערן איין אנשטענדיגען פלאטץ אין דער וועלט, און איך דארף אזא געלעגענהייט ניט פארבייילאזען. ווען איך בעט אייך מיר אין דער זאכע צו העלפען, בין איך זיכער אז אייער מיהע וועט ניט זיין אומזיסט, דען איהר וועט געוויס האבען ערפאלג און דיא פריינדליכסטע אויפנאהמע.

מאדאם ראזיע האט געלאזען זינקען איהר קאפ אויף דער ברוסט און איז געזעסען וויא פערניכטעט. זיא האט ערווארטעט שטום דיא פראגען, יענע שרעקליכע פראגען, וועלכע מאריס וועט איהר שטעלען.

— ביז היינטיגען טאג — האט מאריס פארטגעזעצט — האב איך געלעבט אזוי גלאט אין דער וועלט אריין, ניט קימערנדיג זיך ווער איך בין און פון וואנען איך בין, און וואוהין איך געה. היינט איז עס אנדערש געווארען; איך האב פאר מיר א ציעל, א צוועק, א גלענצענדען צוועק, וועלכער איבערשטייגט נאך אלע מיינע האפנונגען, און איך ברען פאר אונגעדולד איהם צו דערגרייכען. איך ווייס אז איך הייס מאריס וואסייר, איך האב אבער קיינמאהל ניט געזעהן מיין געבורטס־שיין, און ניט דעם טויטען־שיין פון מיינע עלטערן. איך בין פיעלייכט אויך קיין פראנצויז, דען מען האט מיך קיינמאהל ניט אויפגעפאָדערט צום דיענסט אין דער ארמעע. יעצט אבער מוז איך דאס אלעס וויסען,

www.libtool.com.cn

און איך בעט אייך דעריבער, בעסטע פריינדין, מיר אויסצוליעפערן מיינע פאמיליענ־פאפיערען, אויב איהר האט וועלכע, אדער מיר אנצו־ווייזען, וויא אזוי איך קען מיר דאס פע־שאפען. איך וויל אייך אויך בעטען מיר צו ענטדעקען ווער איך בין און ווער זיינען מיינע עלטערן.

מאדאם ראָזיע האט אויפמערקזאם צוגעהערט; איהר געזיכט איז געווען בלייך, איהרע הענד איידקאלט, און איהר גאנצעס בלוט האט געשטרעמט צום הערצען. ווען דער יונגער מאן איז אנטשוויעגען געוואָרן, האט זיא אויפגעהויבען דעם קאָפּ און האט געזאגט מיט א פארשטיקטער שטימע: „דיעזע הייראט איז אונמעגליך!“

— אונמעגליך! ? — האט מאָריס איבערגעפרעגט און האט אויפגעציטערט — ווארום דען?

מאדאם ראָזיע האט זיך אויפגעהויבען, איז אריבערגעגאנגען א פאר מאל איבערן צימער מיט שנעלע טריט, און האט אויסגערופען; פרעג מיך ניט, איך קען דיר נור איין אנטוואָרט געבען: „דיא הייראט איז אונמעגליך!“

— אבער, ליעבע פריינדין, דאס איז נאך קיין ענטפער — האט מאָריס געזאגט גאנץ קאלטבלוטיג — דאס איז נור א רעטענים אויף וועלכע איך מוז פערלאנגען דעם בעשייד. ווארום איז דיעזע הייראט אונמעגליך?

— מיין גאָט, מיין גאָט, וואס פאר איין עלענד, וואס פאר א פאלשע פיין! — האט דיא אונגליקליכע פרוי געזיפצט, ברעכענדיג דיא הענד.

— בערוהיגט אייך, ליעבע פריינדין — האט מאָריס געבעטען מיט זאנפטער שטימע — אייער אויפרעגונג, אייער אונרוהע מאכט מיך נאך געשפאנטער. אייער אונערקלערליכער ענטפער „דיא הייראט איז אונמעגליך“ ברייננט מיך אויף דעם גע־דאנקען, דאס פיעלייכט איז מיין געבורט ארומגערינגעלט מיט שאנדע, פיעלייכט מיט פערברעכען! אזעלכע ווערטער גיבען מיר דאס רעכט צו גלויבען, דאס מיין פאטער איז פיעלייכט איין שורקע, מיין מוטער א שענדליכע בריאה!....

מעהר האט מאדאם ראָזיע ניט געקענט אויסהאלטען. און דאס שלוכצען וועלכעס זיא האט אין זיך אזוי לאנג אונטערדריקט, האט איצטער אויסגעבראָכען מיט שרעק־ליכער הערצברעכענדער געוואלד. איהר ברוסט האט זיך שטארק געהויבען, און טרע־רין האבען געשטרעמט איבער איהרע וואנגען.

ביי דיעזען אנבליק האט מאָריס בעגריפען, דאס זיין אננאהמע מוז זיין גייט פון אמת, און זיין וואונש דיא גאנצע וואהרהייט צו ערפאהרען איז אין איהם געוואָרן שטארקער.

— צו וואס נוטצען דיא טרעהרין? — האט ער אויסגערופען — איך דארף ניט דיא טרעהרין, איך דארף איין ענטפער. איהר ווילט מיר אפילו ניט זאגען דעם נאמען פון מיין מוטער — איז זיא דען געווען אזוי שענדליך, דאס איהר שאנדע דויערט אפילו נאך איהר טויט אויך?

הערענדיג דיעזע ווערטער האט מאדאם ראָזיע האסטיג געענדערט איהר האל־טונג, האט זיך אויפגעריכטעט מיט א געוויסען שטאָלץ, און מיט שרעקליכע גליקענדע

www.libtool.com.cn

אויגען איז זיא צוגעגאנגען צו מאָרים און האט אויסגערופען: „שווייג, אונגליקליכער, שימפּף ניט אויף דיין מוטער!“

— אויב איך טהו עס, זייט איהר אליין אין דעם שולדיג! אייער שווייגען ווארפט מיך אין אבגרונד פון שרעקליכע געדאנקען! זאגט מיר ווער איז געווען מיין מוטער און וואס זיא האט געליטען, כדי איך זאל זיא קענען בעדויערן, אנשטאט צו בעשימפּפען. זאגט מיר אלעס, פּעלייכט וועל איך דאן פארשטעהן, ווארום מיינע הייראטה מיט מאריע ברעסאָל איז אונמעגליך.

— דוא ווילסט ווירקליך אלעס וויסען? — האט עמא זשובערט געפרעגט.

— יא, איך וויל עס!

— זאל זיין אזוי! הער מיך אויס, און דוא ועסט אלעם בעגרייפען.

מאדאם ראָזיע האט א ווײלע געשוויעגען, וויא אום צו זאמלען איהרע ערפאינערונגען, און האט דאן אנגעפאנגען אזוי: „דיין מוטער איז געבאָרען געוואָרען ביי ניט רייכע עלטערן, אבער זיא האט דאָך גענאָסען א גוטע ערציעהונג, און האט געזאלט ווערען לעהרערין אין א שולע. אבער איהר פאטער איז געשטארבען איידער זיא האט צו ענדע געבראכט איהר אויסבילדונג, און זיא האט געמוזט העלפען איהר מוטער. זיא איז געווען א קורצע צייט אונטער־לעהרערין אין א פּאנסיאָן אין דיזשאָן, האט עס אבער דערנאָך אויפגעגעבען אום צוריק צו קעהרען צו איהר מוטער, וועלכע איז קראנק געוואָרען. נאָך א מאָנאט איז דיא קראנקע געשטאָרבען, און דיין מוטער, ליעבער מאָרים, איז דאן געבליעבען מיט נײנצעהן יאהר א יתומה, אהן אלע מיטעל. זיא האט געהאט איין איינציגען קרוב, איהר פאטערס א ברודער, א גאנץ רייכער אלטער מאן, אונפערהייראטעט. ער איז אבער געווען צו גייציג, אום זיין ברודערס טאָכטער צו העלפען, און זיא איז מיט פערצווייפלונג אין הערצען אוועק נאָך פּאריז, וואו זיא האט געהאָפט צו געפינען איהר מוטערס א פריינדין, וועלכע איז דארטען געווען פערהייראטהעט. זיא האט זיא ווירקליך אויך געפונען, און דיעזע פריינדין האט דיא פארלאָזענע יתומה פריינדליך עמפפאנגען, האט איהר געטרייסט און געמאכט מוטה, און האט איהר פערשאפט דיא שטעלע פון א גובערנאנטין אין א רייכען הויז, וויא זיא האט צוויי יאהר רוהיג און גליקליך פערלעבט. דיא פאמיליע האט נאכהער פעררייזט, און דיין מוטער האט ערהאלטען א ווארעמע עמפפעהלונג, וועלכע האט איהר פערשאפט איינע אנדערע שטעלע. זיא איז געווארן גוזעלשאפטערין און פאָרלעזערין ביי א רוסישער פירסטין, איינע זעהר עדלע, גוטהערציגע פרוי, און דאָרט אין הויז האבען אנגעפאנגען איהרע ליידען.

מאָרים האט צוגעהערט מיט פיבערהאפטער שפּאנונג. מאדאם ראָזיע האט אפּגעצויגען דעם אטהעם, איהר אויסדרוק איז געווען פינסטער, און צוויי גרויסע טרעהרען האבען זיך געקייקעלט איבער איהרע וואנגען.

— ווייטער, ווייטער! — האט מאָרים געבעטען — איהר האט קיין בעגריף וויא מיך שפּאנט אייער ערצעהלונג.

מאדאָם ראזיע האט מיט דער האנד אויסגעווישט איהרע פייכטע אויגען און האָט מיט א מאָטער שטימע פּאָרטגעזעצט: „ביז צו דעם אויגענבליק איז דיין מוטער

www.libtool.com.cn

געוועזן ריין און אונשולדיג וויא איינע אונשולדיגע מיידיל קען נור זיין. האט נור געוואוסט פון טוגענד און פון גוטהערציגקייט און ניט מעהר. צו איהר אונגליק איז גלייך מיט איהר איינגעטרעטען אין דעמזעלביגען הויז איין טייפעל אין דער געשטאלט פון א מענשען, אלס פערטרויטער דיענער אין דערזעלביגער רוסישער פאמיליע פון גראף קוראוויאוו"..

מאַרים האט אויפגעציטערט ביי דעם נאמען, וועלכען ער האט דא אמוועניגסטען ערוואַרטעט צו הערן און האט פערדאַפּעלט זיינע אויפמערקזאמקייט.

— דיעזער מאן — האט מאַדאם ראַזיע ווייטער דערציילט — האט געקענט איינעם פערפיהרען מיט זיין אויסזעהן און איז אנגעקומען צום גראף דורך איינע עמפּפעהלונג פון זיינעם א פריינד. ער האט זיך אבער דערנאך ארויסגעשטעלט אלס דער גרעסטער שופט, וועלכער האט וועניג פון זיין גלייכען. ער האט זיך אזוי גוט געקענט פערשטעלען און האט אזוי זיס געקענט ריידען פון טרייער ליעבע, פון הייראטהען און פון גליק, דאס דיינע אונגליקליכע מוטער, אונשולדיג און אונערפאהרען וויא זיא איז געוועזן, האט זיך איהם איבערגעגעבען מיט לייב און זעעלע און איז געווארן זיין געליבטע אין דער האפנונג באלד צו ווערען זיין פרוי.

— זיין געליעבטע! — האט מאַרים איבערגערעדט.

— יא, זיין געליעבטע! האט מאדאם ראַזיע געזאגט, מיט פייעריג-גליהענדע אויגען קוקענדיג פאר זיך — דער שורקע האט בעשמוצט דיא ריינע זעעלע, וועלכע האט זיך איהם אנפערטרויעט. דיא אונגליקליכע האט ערוואַרטעט איהרע ניעדערקונפט מיט א קינד, וועלכעס איז אונשולדיגערווייזע בעשטימט געוועזן צו טראגען דיא שאנדע פון זיינע עלטערן און קיינמאהל ניט צו קענען זיין פאטער.

— דאס קינד בין איך! — האט מאַרים זיא אונטערבראכען.

— דאס קינד ביזט דוא! — האט מאדאם ראַזיע געענטפערט — אבער דוא ווייסט נאך ניט אלעס; הער מיך אויס ווייטער! צוויי טעג נאך דעם וויא דער שורקע האט ענטעהרט דיין מוטער, איז דיא גרעפין געפונען געווארן טויט אין איהר בעט, מיט צוויי מעסערשטיכע אין איהר קערפער. דער פערטרויטער דיענער פון גראף האט דיא גרעפין ערמארדעט און איז אנטלאפען. ער האט איבערגעלאזען בעוויזע, נאך וועלכע מען האט געקענט מיינען, דאס דיין מוטער איז אויך שולדיג אין פערברעכען. מען האט זיא פערהאפטעט און געבראכט אין געפענגניס.

מאַרים האט אויפגעציטערט; עמאַ זשובערט איז געווארן נאך בלייכער און איהר געזיכט האט אנגענומען כמעט א ווילדען אויסדרוק. פיעבערהאפט, מיט בייזקייט אין איהר שטימע, האט זיא ווייטער דערצעהלט:

— דיא אינטערזוכונג האט אנגעפאנגען, וועלכע האט זיך געצויגען א לאַנגע צייט. אכט טעג פאר'ן פראַצעס האט דיין מוטער געבארן איין זאהן.

— דער בין איך! — האט מאַרים אויסגערופען און מיט ביטערקייט האט ער צוגעזעצט: „איך בין אלזא געבארן געווארן אין א גוטען אָרט; וויא האט געהייסען מיין פאטער?"

— פיערר לאַטירג.

www.libtool.com.cn

מאָרים איז געבליעבען גלייכגילטיג, אזוי וויא ער האט דיעזען נאמען צום ערשטען מאהל געהערט.

— וואס איז געוואָרען מיט מיין מוטער?

— עס איז איהר געראטהען צו בעווייזען איהרע אונשולד און זיא איז פרייגע־שפּראָכען געוואָרען.

— וואס האט זיא דערנאך געטהאן, וואוהין האט זיא זיך געקעהרט?

— זיא האט געשוואוירען זיך נוקם צו זיין אן דעם רויבער פון איהר עהרע, וועלכער האט זיא דערצו נאך געוואלט ברענגען אויפ'ן עשאפאָט, זיא האט זיך פאָרגענומען איהם צו געפינען, איהם איבערצוגעבען אין דיא הענד פון דער יוסטיץ און צו דעם צוועק איז זיא איינגעטרעטען אין דער געהיים פּאָליציי. פופצען יאהר האט זיא געדיענט דער פּאָליציי.

— מיינע מוטער! — האט מאָרים געמורמעלט און האט בעדעקט זיין געזיכט מיט ביידע הענד. א ווײלע שפּעטער האט ער אויפגעהויבען דעם קאפּ און האט געזאגט גאנץ רוהיג: „וואס שאדעט דאס מיר, מיין מוטער איז טויט, קיינער וועט ניט געהן נאכזוכען אין איהר לעבען; מיין געבורטס־שיין זאגט ניט, אז איך בין געבאָרען אין געפענג־ניס און איהר טויטענשיין ווייסט ניט, אז זיא איז געווען פּאָליציסטין.

— דיין מוטער איז אבער ניט טויט! — האט מאדאם ראָזיע בייז געזאגט.

מאָרים איז אויפגעשפּרונגען פונקט וויא א שלאנג וואלט איהם געביסען:

— מיין מוטער איז ניט טויט! — האט ער אויסגערופען מיט ערשטיקטער שטימע.

— ניין זיא לעבט נאך און אפגליך זיא האט שפּעטער געירש'ט צוויי־הונדערט־טויזענד פראנק פון איהר קארגען אָנקעל, איז זיא דאך נאך איינגעטרעטען נאך אמאל אין דיענסט פון דער פּאָליציי. נאך אימער פערפאָלגט זיא פיערר לאטירג, דיין שור־קישען פאטער, דעם מיטשולדיגען פון דעם מערדער פון פער־לאשעז און רוע מאָנטאָרגע, דען זיא האט געשווארען זיי ביידען, איהם און דעם מערדער צו ברײנגען אויף דער גילאָטינע!

מאָרים האט געציטערט אם גאנצען קערפּער, און א קאלטער שווייס האט איהם ארויסגעשלאגען אויפ'ן שטערן.

— איצטער געה — האט מאדאם ראָזיע ווייטער געזאגט מיט ביטערקייט — געה און פערלאנג דיא האנד פון פריילין בּרעסאָל פון איהר פאטער, און אויב ער וויל וויסען ווער דוא ביזט, קענסט דוא איהם ענטפערן: איך בין דער ממזר פון א געוויסע לאטירג, א פערזאורטהיילטען מערדער, און א געוויסער עמא זשובער, וועלכע איז פריי־געשפּראָכען געוואָרען און האט געדיענט אלס געהיימפּאָליציסטין. דאס בין איך, מיין הערר, און איצטער גיט מיר אייער טאכטער פאר א פרוי!

— מיינע מוטער, מיינע מוטער! וואו איז מיינע מוטער? — האט מאָרים גע־שריען -- זיא וועט מיר קומען צו הילפע, זיא וועט אלע הינדערניסע אראָפּראמען פון מיין וועג! וואו איז מיין מוטער? פיהרט מיך צו מיין מוטער!

מאדאם ראָזיע האט זיך אווארף געטהאן אויף דיא קניע, און אויפהויבענדיג דיא

www.libtool.com.cn

חענד צו איהר זאהן, האט זיא אויסגערופען: „איך בין דיינע מוטער! האסט דוא עס פריהער ניט פערשטאנען, האסט דוא ניט געזעהן וויא איך ליעב דיך?!“

אנשטאט אויסצושטרעקען זיינע ארעמס און צרציהען די אונגליקליכע צו זיך, איז מאָרים ענטזעצט אפגעשפרונגען צוריק.

— איהר? איהר? — האט ער געשטאמעלט — איהר זייט מיין מוטער? איהר געהערט צו דער פאליציי? איהר ווילט איבערגעבען מיין פאטער און דעם מערדער פון פער־לאשעז צו דער גילאָטינע? (עשאפאָט).

— יא, איך! — האט די אונגליקליכע געשלוכצט — פלוך מיך ניט מיין קינד, פארשטויס מיך ניט פון זיך; איך ליעב דיך אזוי אונענדליך! דיין האס און דיינע פער־אכטונג קענען מיך טויטען!

דער ווירדיגער קאמראד פון וואן ברעקע און אבבע מעריס איז געוועזן וויא פער־שטיינערט. קיין ברעקיל געפיהל האט איהם איצטער געצויגען צו דער פרוי, וועלכע איז אימער געוועזן צו איהם אזוי צערטליך און ליעבפאָל, און וועלכע ער האט אימער מיט צונויגונג גערופען זיין פריינדין. זיא האט איהם גיכער איינגעפליעסט שרעק, אלס ליעבע. דער איינציגער געגענשטאנד וואס האט איהם איצטער בעשעפטיגט איז געוועזן די נייע לאגע, אין וועלכע ער איז פלוצלונג פערזעצט געווארען דורך די ענטדעקונג פון זיין געבורט. וואס ער איז דער זאהן פון א מערדער האט איהם גאנץ ווענינ געקימערט; איז ער דען ניט אליין אויך א מערדער, און ווירדיגער זאהן פון זיין פאטער? איהם האט אויך וועניג געקימערט וואס זיין מוטער איז ענטעהרט און בעטראגען געווארען, און איז דורך זיין פערברעכערישען פאטער געבראכט געווארען אלס מיטשולדיגע אויף דער אנקלאגע־באנק. אויך די אונמעגליכקייט צו הייראטהען מאריע ברעסאָל האט איהם ניט מעהר אנגעריהרט; ער וועט אלזא מוזען געפינען איין אנדער מיטעל וויא אזוי די מיידיל צו פטרן. אבער דער געדאנקען דאס זיין מוטער איז געהיימפאליציסטין, און זוכט נאך איהם, דעם מערדער פון פער־לאשעז, און איהם צו ברייגען אויף דער גילאָטינע — דאס האט איהם געווארפען אין טויט־שרעק. „איין ווארט, איינע בעווע־גונג, איינע אונפארזיכטיגקייט קענען מיך ארויסגעבען — האט ער ביי זיך געטראכט — און זיא קען מיך אויסליעפערן!“

באלד אבער איז ער געווארען רוהיגער, און זיינע אלטע זיכערהייט האט צוריק־געקעהרט צו איהם. „זיא ליעבט מיך מעהר וויא אלעס אין דער וועלט — האט דער באנדיט געזאגט צו זיך אליין — ווען איך זאל מיך אפילו פערראטהען וועט זיא מיך דאך ניט אויסליעפערן, איך האב ניט פאר וואס מורא צו האבען“.

דער געדאנקען האט איהם אין גאנצען בערוהיגט, און ער איז ווידער געווארען דער געשיקטער שוישפיעלער וויא פריהער. ער האט אנגענומען די הענד פון זיין מוטער זיא אויפצוהויבען, דאן האט ער זיא צוגעצויגען צו זיך, האט זיא געקושט און גערופען: „דיך זאל איך האסען און פעראכטען!? דיך, מיינע מוטער, דוא ארעמע דולדערין! וויא אונדאנקבאר וואלט איך געמוזט זיין! איך האב דיך געליעבט נאך איידער איך האב געוואוסט ווער דוא ביסט; היינט ווייס איך עס, און ווייס אויך וואס

www.libtool.com.cn

דוא האסט אויסגעליטען, אויסגעדולדעט! מיין ליעבע וואכסט מיט דיינע ליידען, און נאך מעהר וויא מיינע ליעבע איז מיינע פערעהרונג פאר דיר!"

וויינענדיג האט עמא זשובערט גענומען דעם קאפ פון איהר זאהן אין איהרע ביידע הענד און האט בעדעקט זיין שטערן מיט קושען: „איז דאס וואהר — האט זיא געשטאמעלט — דוא פערצייהסט מיר אלעס?"

— איך האב דיר קיין זאך ניט צו פערצייהען, איך בעוואונדער דיך נור; דוא ביסט געגאנגען אויפ'ן ריכטיגען וועג און האסט זיך געזוכט נוקם צו זיין אן דעם פערווארפענעם. וועלכען איך וויל ניט אנערקענען אלס פאטער. ווען ער זאל מיר קומען אין וועג, מעג ער טויזענד מאהל זיין מיין פאטער, וואלט איך איהם דער ערשטער דיר איבערגעגעבען אין האנד, איהם אויסצוליעפערן אין דיא הענד פון דער גערעכטיגקייט.

דיא אונערווארטעטע פריידע האט מאדאם ראזיע שיער ניעדערגעדריקט: „מיין ליעבער מאריס, מיין קינד! — האט זיא עטליכע מאל וויעדערהאלט — וויא גליקליך דוא מאכסט מיך, וויא מיך בעלעבען דיינע ווערטער!

דער זאהן האט נאך אמאל געקושט זיין מוטער, האט זיך מיט איהר אוועקגעזעצט און האט אנגעהויבען דאס געשפרעך אויף דאס נייע.

— דוא זוכסט אלזא נאך אימער יענעם מאן? — האט ער געפרעגט.

— נאך אימער, און איך וועל איהם אויך ווייטער זוכען, און וועל ניט מיעד ווערען.

— האסט דוא דען א שפור פון איהם?

— יא, איך ווייס אז ער איז אין פאריז; איך האב איהם געזעהן און האב מיט איהם געשפראכען; איך האב איהם שוין כמעט געהאט אין האנד, אבער דער טייפעל איז איהם געקומען צו הילפע און ער איז מיר פערשוואונדען געווארען.

— און דוא גלויבסט אז ער איז דאס בעגאנגען דעם דאפעלמארד, אויפ'ן „פערלאשעז" אין רוע מאנטארגע, מיט וועלכען גאנץ פאריז איז אויף?

— וועניגסטענס האט ער א האנד דארין.

— פון וואנען ווייסט דוא דאס?

— דורך ערקונדיגונגען וועלכע איך האב געלאזען איינציהען, דורך בעאבאכטונגען, און נאך אלע וואהרשיינליכקייטען.

— ווען ער איז נור דער מיטשולדיגער, ווער איז אלזא דער אייגענטליכער מערדער?

— דאס ווייס איך נאך ניט, אבער דאס הארץ זאגט מיר אז איך וועל עס באלד וויסען.

— וויא האסטו געזאגט הייסט דער מאן, לאטירג?

— יא.

מאריס האט זיך א ווילע פארטראכט. „צו איז ער ניט איינער פון דיא פינף?" האט ער צו זיך אליין געזאגט — איך מוז דאס דערגעהן!"

מאדאם ראזיע האט נאך אימער געהאלטען איהר זאהן ארומגענומען.

— ארמעס קינד — האט זיא געזאגט — דוא זעהסט אין וואס פאר א לאנגע

www.libtool.com.cn
דיך ברייננט דיינע געבורט? האב איך ניט רעכט ווען איך שלאג דיך אפ פון חייראטהען?
— ניין, מוטער, איך האב אנאנדער מיינונג וועגען דעם.
— וויא אזוי? — האט עמא זשובערט נעפרעגט ערשטוינט.
— דיא זאכע שטעהט בעסער וויא דוא גלויבסט. איך בין איבערציינט, אז דיך ליעבט מען און מען אכטעט איבעראל, און מיט דיין איינפלוס אויף דער פרעפעקטור וועל איך פיעל שוויעריגקייטען איבערקומען.
— דוא ענטזאגסט זיך אלזא ניט פון דיינע פלענער?
— אַ דורכאוים ניט!
— דוא ביזט אלזא ערנסט פערליעבט אין דאס יונגע מיידיל?
— גאנץ ערנסט; אבער דערפון וועלען מיר שפּעטער ריידען; וואס איך וויל דיך איצט פרעגען איז, אויב דוא ביזט צופריעדען אויפצוגעבען דיין אמט ביי דער פאליציי?
— אין דעם אויגענבליק קען איך דאס נאך ניט טהאן.
— ווארום?
— ווייל איך האב איבערגענומען איין אויפטראג, וועלכען איך וויל פון דיינעט וועגען אויספיהרען.
— פון מיינטוועגען? — האט מארים איבערגעפרעגט ערשטוינט.
— יא, וועניגסטענס פון דיין צוקונפט־וועגען! א האלב מיליאן פראנק איז מיר פערשפּראכען געווארען פון דעם יונגען גראף קוראוויאוו אלס בעלאהנונג, אן דעם טאג ווען איך וועל אויסליעפערן דער גערעכטיגקייט דעם מערדער פון זיין מוטער. און אויסער דעם קען איך ווירקליך ערוואַרטען פיעל געפעלינקייטען פיר דיך, ווען איך זאל ניט אוועקוואַרפען מיינע איבערגענומענע ארבייט אין מיטען.
— דאַן טהו וויא דוא דיינקסט אם בעסטען — האט מארים געזאגט — און גאט זאל געבען דיא זאלסט באלד זיין צו ענדע מיט דיינער ארבייט און קומען צום ציעל.
— דיינע ווערטער פערדאפּלען מיין מוטה! יא, גאט וועט מיך פיהרען דאס איך וועל ארייינקריעגען דיא שורקען אין מיין האנד און זיי ברייננען אויפ'ן עשאפאט. דאַן וועסט דוא אויך גליקליך זיין!
מארים האט דערביי געפיהלט וויא ווען א פעטליע וואלט זיך פערצויגען ארום זיין האלדז. פלוצלונג האט עס געקלאפּט אין טהיר, און באלד דארויף האט זיך מאד־ליין בעוויעזען מיט א וויזיטע־קארטע.
מאדאם ראָזיע האט זיא בעטראכטעט און האט זיך דאן עטוואס פערלעגען נע־ווענדעט צו מארים: ענטשולדיג מיר, ליעבעס קינד ווען איך וועל דיך דא לאזען אלייז. איך מוז מיט דעם הערין ריידען.
— אַ געוויס, ליעבע מוטער, איך געה סיי־וויא־סיי.
— ווילסט דוא ניט בלייבען און מיט מיר עסען? מיר האבען אונז נאך אזוי פיעל איינער דעם אנדערן צו זאגען!
— וועגען געפינען דעם מערדער וועלכען דוא זוכסט?
— ניין, איך בעט דיך מיט מיר קיינמאהל ניט צו ריידען וועגען דעם.

www.libtool.com.cn

— איך זאג עס דיר צו.

דער יונגער מאן האט גענומען זיין הוט.

— דוא געהסט ווירקליך שוין אוועק?

— יא, איך בין היינט בעשעפטיגט.

— דאן לעב וואהל! אויף באלדיגעס וויעדערזעהן!

מאַריס האט געמאכט א פאר טריט צום טהיר און האט זיך גליך אומגעקעהרט.

— איידער איך געה — האט ער געזאגט — וויל איך דיך בעטען דוא זאלסט מיר ערלויבען דא אויפצושרייבען א פאר ציילען, וועלכע איך וועל מיט א דיענסטמאן פון דאנען אוועקשיקען. אונזער לאנגער געשפרעך האט מיך צוריקגעהאלטען פון א גער שעפטליכען צוזאמענטרעפען מיט איינעם און איך מוז מיך ענטשולדיגען.

— דוא בוסט ביי זיך צו הויזע; דארט אויפ'ן טיש געפינסט דוא אלעס, וואס דוא דארפסט; איך געה אין סאלאָן.

נאכדעם וויא זיא האט נאך אמאהל אומארעמט איהר זאהן, איז דיא געהיים פאָליציסטין אריין אין סאלאָן, וואו דער גראף סאמילאוו האט זיא ערווארטעט.

איך מוז וויסען ווער עס בעזוכט זיא — האט מאַריס צו זיך אליין געזאגט — דא אין הויז איז מיר אלעס פערדעכטיג.

אויף דיא שפּיטץ פינגער איז ער צוגעגאנגען צום טהיר פון סאלאָן און האט צוגעליינט זיין אויער צום שליסעל־לאָך.

— אה, הערר גראף! — האט מאדאם ראָזיע אויסגערופען אינטערעסענדיג — איהר מוזט מיר ברייננען עטוואס זעהר וויכטיגעס, ווען איהר זייט אהער געקומען.

— יא, מאדאם, עטוואס זעהר וויכטיגעס! — האט דער יונגער רוסע געענט־פערט מיט עטוואס אויפרעגונג אין דער שטימע.

— ביטע נעהמט פלאַטץ און דערצעהלט מיר וואס דאס איז הערר גראף.

ביידע האבען גערעדט גאנץ שטיל, אבער מאַריס האט אנגעשטרענגט זיין געהער און האט קיין ווארט פערלארען פון זייער געשפרעך.

— וואס קען דארטען זיין פאר א גראף? — האט מאַריס געטראכט — זאל דאס זיין דער יונגער גראף קוראוויאוו פון וועלכען זיא האט מיר איצטער דערציילט, אז ער גיט איהר א האלב מיליאן פראנק פאר דיא אויסליעפערונג פון מיין פאטער?

— האט איהר נאך יענעם מאנשעטען־קנאָפ וואס איהר האט געפונען אין פיאַקער אין דער רוע ערנעסטין? — האט איוואן סאמילאָוו געפרעגט.

מאַריס האט געפיהלט וויא זיינע האר שטעלען זיך איהם קאפויר.

— יא, איך האב איהם דא — האט דיא געהיים־פאָליציסטין געענטפערט.

— קענט איהר מיר איהם ווייזען?

— געוויס!

מאדאם ראָזיע איז צוגעגאנגען צו א קליינעם שראנק, האט איהם געעפענט, און האט אויסגעשטרעקט צום גראף דעם קנאָפּ.

דער גראף האט ארויסגענומען פון זיין וועסט־טאשע א צווייטען קנאָפּ און האט

www.libtool.com.cn

עס דערלאנגט דער געהיים-פאליציסטין מיט דיא ווערטער: „ווילט איהר אזוי גוט זיין און דיאביידע קנעפ פערגלייכען!“

מיט פיבערהאפטער האס האט עמא זשובערט א חאפ געטהאן דעם קנאפ פון גראפ'ס האנד און האט זיך איינגעגראבען אין איהם מיט דיא אויגען.

מארים האט צוגענומען זיין אויער פון שליעסעל-לאך און האט אריינגעקוקט מיט איין אויג. ער האט בעטראכטעט יעדע בעוועגונג פון דיא פערזאנען אין סאלאן, אבער דאס געזיכט פון גראף האט ער ניט געקענט בעמערקען. ער אליין איז געוועזען בלאס וויא א לייכע, זיינע הענד האבען געציטערט, און גרויסע שוויס-טראפען זיינען איהם געהאנגען איבערן געזיכט.

— דיא ביידע קנעפ זיינען גלייך וויא צוויי טראפען וואסער — האט עמא זשוּבערט געזאגט נאך א קורצע ווײלע.

— איך האב אויך אזוי געמיינט, און ביי מיר איז קיין צווייפעל, דאס איין קנאפ געהערט צום אנדערן, און מיר האבען אלזא א גוטע שפור פון מערדער.

— וואו האב איך דיא שטימע שוין פריהער געהערט? — האט מארים זיך געפרעגט זוכענדיג אין זיין געדעכטניס.

— יעדענפאלס קומען מיר פיעל נעהענטער צו דער שפור; וואו האט איהר דעם קנאפ געפונען?

— ביי א דאמע מיט וועלכער איך שטעה אויפ'ן פריינדליכען פוס און וועלכע איז בעקאנט אונטער דעם נאמען דיא שיינע אקטאוויע.

מארים האט געמוזט אנווענדען זיינע גאנצע קראפט אום ניט אויפצושרייען.

„איך האב געוואוסט אז דיא שטימע איז מיר בעקאנט — האט ער געזאגט צו זיך — דאס איז דער גראף איוואן!“

— אבער וויא אזוי? וואו האט זיא דעם קנאפ געהאלטען? — האט דיא גע-היים-פאליציסטין געפרעגט.

— דאס איך האב איהם ענטדעקט, איז נור א ריינער צופאל — האט דער גראף אנגעהויבען צו דערציילען; — איך בין אונגעפעהר מיט א שטונדע צוריק געקומען צו אקטאוויע און האב זיא געטראפען אונטערהאנדלענדיג מיט א יובעליער וועגען פער-קויפען איהם א גאנצען בארג מיט אלטע ציערונג און שפיעלזאכען, וועלכע זיינען גע-לעגען אויפ'ן טיש פאר איהר. נור אום לאנגווײלע האב איך געווארפען א בליק אויף דיא אלע באנטעלען און האב צו מיין גרעסטען ערשטוינען בעמערקט אויך דיזען קנאפ, וועלכער איז געלעגען אן א זייט. אלס איך האב איהם גענומען אין האנד און האב איהם אויפמערקזאם בעטראכטעט, איז זיא געווארן גאנץ פערלעגען און רויט.

— האט איהר זיא אויסגעפארשט וועגען דעם קנאפ?

— נאטירליך! איך האב מיך געמאכט אייפערזיכטיג, און האב זיא אנגעהויבען אויסצופרעגען, וואו זיא האט גענומען דעם מאנשעטען-קנאפ, וועלכער געהערט צו א מאן; ווערהענד זיא האט מיך געוואלט דורכאויס מאכען גלויבען, דאס עס איז אמאל געוועזען אין דער מאדע פיר דאמען צו טראגען אזעלכע קנעפ, דאס זיא האט איינעם ...ארן, און דיינקט צו צומאכען נאך איינעם אזעלכען. איך בין איבערציינט, אז זיא

www.libtool.com.cn

האט מיר געזאגט א ליגען, און ווען מען זאל זיא ארעטירען וועט זיא שוין פארן ריכטער זאגען פון וואנען דער קנאָפ שטאמט. איך האב פון איהר גענומען דעם קנאָפ מיט דעם אויסרייד, דאס איך וועל איהר ערשפארען דיא מיהע און וועל פיר זיא בעשטעלען א צווייטען, און האב איהם גלייך געבראכט צו איהם.

מאָריס'ן איז געוואָרען פינסטער פאר דיא אויגען און ער איז שיער אומגעפאלען.

— דאס איז אויסגעצייכענט! — האט מאדאם ראָזיע געענטפערט — נור היינט איז עטוואס צו שפעט דאס אויסצופיהרען, אבער מארגען פארמיטאג זאל עס גלייך געשעהן.

— דאס איז אויך בעסער — האט דער גראף בעמערקט — דאן קען דיא זאכע צוגעהן אהן אויפזעהן צו מאכען. קיין געפאהר איז דערביי סיי־ווי־סיי ניטא, דען אָקטאָוויע ווייס פון קיין זאך ניט צו זאגען און וועט ניט אנטלויפען. איך האלט זיא אויך ניט פיר מיטשולדיג אין דעם פערברעכען; זיא מוז נור שטעהן אין וועלכער בעציהונג צו דעם מערדער און קען איהם אנגעבען.

— איך בין פערלארען! — האט מאריס געזאגט צו זיך — ניט מיליאנען, נור דיא גילאָטינע ווארט אויף מיך!

— וועט איהר נאך היינט זעהן אָקטאָוויע? — האט מאדאם ראָזיע געפרעגט.

— ניין, איך האב איהר געזאגט אז איך קום היינט ניט מעהר; אבער ווען איהר דיינקט אז עס איז בעסער....

— אין געגענטהייל, עס איז ניט גוט פיר אייך איהר זאלט דארטען זיין אין דעם אויגענבליק ווען זיא וועט פערהאפטעט ווערען.

— דאן איז נאך ניט אלעס פערלארען — האט מאריס געזאגט אויפאטהעמענדיג — איך מוז איילען!

ער האט פארלאזען זיין פלאַטץ ביים טהיר און האט זיך אזוי שטיל ארויסגעחאפט פון הויז, דאס אפילו מאדליין האט איהם ניט בעמערקט וויא ער איז אוועקגעגאנגען.

אין זאל איז דאס געשפרעך ווייטער געגאנגען.

— איך הויב אן צו האָפען, דאס מארגען וועלען מיר וויסען דעם נאמען פון מערדער — האט מאדאם ראָזיע געזאגט — און דאס וועלען מיר האבען אייך צו פערדאנקען, הערר גראף.

איוואן סאמילאָף האט גענומען אבשיעד און איז אוועקגעגאנגען, און דיא געהיים־פאָליציסטין האט געקלינגעלט נאך איהר דיענסט־פרוי.

— איז הער וואסייר אוועקגעגאנגען? — האט זיא געפרעגט מאדליין.

— איך האב איהם גאר ניט בעמערקט, ער האט שוין לאנג געמוזט אוועקגעהן.

דאס אבענד עסען איז פערטיג, זאל איך גרייטען צום טיש?

— ניין, איך וועל שפעטער עסען; שטעל אלעס אוועק אין דער ווארם, איך האָף אין א שטונדע צו זיין צוריק.

דיא אַגענטין האט זיך שנעל אנגעטהאן, האט גענומען דעם ערשטען פיאַסער וואס זיא האט אנגעטראָפען ביים ארויסגעהן פון הויז, און איז געפאהרען גלייך צו דער

www.libtool.com.cn

פערפעקטור, וועהרענד מאריס איז געקומען איין פערניכטעטער נאך דער רוע דע סורען, וואו דער שטומער דאָמיניק האט איהם געעפענט דיא טהיר. דער יונגער מאן איז איהם פארביינעלאפען וויא א ווינד און האט אריינגעפלאצט וויא א באָמבע אין עסס־צימער פון קאפּיטאן וואן־ברעקע, וועלכער איז געזעססען מיט ווערדיע ביין עססען.

— וואס איז געשעהן! — האבען ביידע באנדיטען אויסגעשריען מיט שרעק.

— מיר זיינען פערלאָרען! — האט מאָריס געענטפערט און איז געפאלען אויף א שטוהל.

— פערלאָרען? — האבען ביידע מענער איבערגעפרעגט, בלאס ווערענדיג.

— מינדעסטענס איז עס מיט מיר אויסגעשפּיעלט!

— דערצי לט! דערקלערט!

— איך וועל אייך קיין וואָרט דערקלערען ביז איהר וועט מיר ענטפערן פריהער איין פראגע! איך קען אייך ביידען, אבער נור אונטער פאלשע נעמען, וויא זשול טהערמים, קאפּיטאן וואן־ברעקע, אבבע מערים און דאסגלייכען. אייערע ריכטיגע נאמען האב איך ביז איצטער ניט געוואוסט, און מיר זיינען אויך ניט בעקאנט דיא נאמען פון דיא אנדערע צוויי מיטגליעדער פון דיא „פינף שטערן“. ביז איצטער איז דאס מיר געווען גאנץ גלייכגילטיג. איצטער אבער איז דיא זאכע גאנץ אנדערש; איך מוז וויסען וועלכער פון דיא פינף איז מיט דריי־און־צוואנציג יאהר צוריק פעראורטהיילט געווארן אונטער דיא אויגען צום טויט פיר דיא ערמאָרדונג פון דער גרעפין קוראוויאָוו, און הייסט פיערר לאַטירג.

וועהרענד דער יונגער מאן האט דיעזע ווערטער גערעדט מיט דער אויפרעגונג אין מיט דיא בעוועגונגען פון א וואהנזיניגען, האט ווערדיע געגעבען א וואונק דעם קאַפּיטאן וואן־ברעקע ער זאל שווייגען. ער האט געפונען אז מאָריס איז ווירדיג אויפגענומען צו ווערען אלס מיטגליעד אין דער באנדע פון דיא פינף, אויף וועלכע ער האט זיך אנגעוואָרפען אונגעבעטענערהייד, אבער האט אימער מורא געהאט דאס מאָריס קען בעגעהן וועלכע נארעשקייט, וועלכע וועט זיי ארויסגעבען, און ער האט דעריבער געהאלטען פיר קליגער צו האלטען דיא מאסקע אויף זיך, ווען ער האט געהאנדעלט מיט מאָריס'ן.

— פיער לאַטירג לעבט ניט מעהר — האט ווערדיע געזאגט — און איהר ווייסט עס אם בעסטען.

— איך? — האט מאָריס געפרעגט.

— געוויס, דען ער פלעגט זיך בעהאלטען אונטער דעם נאמען גוסטאוו פעררייער, און איהר האט איהם געטעדטעט אין דער רוע מאָנטאָרגע אלס ער איז אנגעקומען נאך פאריז!

— דער שליח פון מישעל ברעמאָנט, דער מאן וואס איך האב ערמאָרדעט האט געהייסען פיערר לאַטירג!? — האט מאָריס געפרעגט מיט א דערשטיקטער שטימע.

— יא, אבער וואס בעדייטעט דיעזע אויפרעגונג?

מאָריס האט ארויסגעשטויסען פון זיך א דומפּפען אויסגעשריי און האט זיך

www.libtool.com.cn

געחאפט מיטביידע הענד פאר'ן קאפ, פונקט וויא ער וואלט מורא האבען, אז ער זאל ניט צושפרינגען: „איך אונגליקליכער! איך האב ערמאָרדעט מיין פאטער!“

וויא א דאָנערשלאג איז געפאלען דיעזער שרעקליכער אויסרוף פון מארים פיר זיינע ביידע קאמעראדען.

— אייער פאטער! ? — האט לאטירג אויסגערופען אויסער זיך פון אויפרעגונג — וואס זאל דאס הייסען ?

ווייטער האט ער ניט גערעדט, דען ווערדיע האט איהם געחאפט פאר'ן ארעם און האט איהם א דריק געטהאן, ער זאל שווייגען, וועהרענד ער אליין האט זיך געווענדעט צו מאָרים:

— ערקלערט אייך דייטליכער! — האט ער איהם אויפגעפאָדערט.

לאטירג האט זיך געפיהלט שטארק בעוועגט און האט געשריען: רעדט דאך א מאהל ארויס, וואס שווייגט איהר! ?

מארים האט מיט ציטערנדער האנד געחאפט א פלאש פון טיש און האט זיך אנגעגאסען א גלאז וואסער, וועלכעס ער האט אויסגעלעערט מיט איין צוג און האט זיך דאן ענדליך אויף אזוי פיעל בערוהיגט, דאס ער איז אים שטאנדע געווען צו דער־ציילען זיינע ערשטוינטע און דערשראָקענע צוהערער, אלעס וואס מאדאם ראָזיע האט איהם מיטגעטהיילט, ביז צו דעם אויגענבליק ווען גראף איוואן האט ארייגעשיקט זיין וויזיטענקארטע.

ביידע, לאטירג וויא ווערדיע, האבען איהם צוגעהערט מיט ערשטוינונג און שרעק. דער ערשטער האט ניט געוואגט צוריידען א ווארט און האט נור אנגעקוקט דעם יונגען מאן מיט בעוואונדערונג און מיט ריהרונג.

— דער זאהן פון דער גרעפין קוראָוויצאָוו איז אלזא אין פאריז — האט ווערדיע געזאגט נאכדעם וויא מארים איז ענטשוויעגען געוואָרען — און ער האט זיך פערבונדען מיט עמא זשובערט, אום צו געפינען פיערר לאטירג! דאס ווערט ערנסט, מיר זיינען ווירקליך אין געפאהר!

— עמא זשובערט מוז אונשעדליך געמאכט ווערן — האט לאטירג געזאגט.

— וויא אזוי? — האט מארים געפרעגט.

— נון, זיא מוז שטערבען.

— ניין, איהר וועט זיא ניט אומברייינגען! — איז מארים אויפגעשפרונגען — זיא איז מיין מוטער און איך וועל זיא פערטהיידיגען! איך וויל ניט איהר זאלט זיא טויטען.

— האלט איהר עס פאר בעסער, זיא זאל אונז ברייינגען אויפ'ן עשאפאָט?

— זיא איז מיין מוטער — האט מאָרים ווידערהאָלט — עס איז מעהר וויא גענוג דאס איך האב מיין פאטער אומגעבראכט, און וועל וויסען וויא אזוי מיין מוטער צו פערטהיידיגען.

— זאל זיין גענוג צו פלוידערן אומזיסט — האט איהם ווערדיע אונטערבראָכען. ווען מיר זיינען ביז היינט געווען אים שטאנדע אויסצומיידען דיא נאכפארשונגען פון'ם גראף מיט דער אגענטין, וועט עס אונז ווייטער אויך געלינגען. לאמיר נור זיין

פאַרזיכטיג, לאָמיר פערדאַפּלען אונזער בעהוטזאַמקייט, און לאָמיר אַרבייטען אין דער דורכפיהרונג פון אונזער גרויסען פּלאַן; אַזוי שנעל וויא מיר האבען דיא מיליאָנען געהען מיר נאך אמעריקא, וואו מיר וועלען ניט מעהר האבען וואס מורא צו האבען.

— איהר ווייסט נאך ניט אלעם — האט איהם מאָריס אונטערבראָכען — דיא געפאהר איז פיעל נעהענטער וויא איהר דיינקט, און מארגען וועט עס פיעלייכט שוין זיין צו שפּעט דיא געפאהר אויסצומיידען.

— מאָרגען!? — האבען דיאביידע קאמראדען אויסגעשריען אין טויט־שרעק.

— יא, דען מארגען וועט מיין אמאהליגע געליעבטע, דיא שעהנע אָקטאַוויע, דיא יעצטיגע געליעבטע פון גראף סאמילאָוו, ארעטירט ווערען. זיא וועט געוויס ריידען, — און איך בין פערלאָרען, און אלע אונזערע פּלענער פּלאַטצען וויא זייף־בלאַזען.

— אָקטאַוויע?! גראף סאמילאָוו?! — האט ווערדיע איבערגערעדט — וואס הייסט דאס?

מאָריס האט אומשטענדליך דערצעהלט דיא געשיכטע מיט דעם מאַנשעטען־קנאָפּ און אלץ וואס ער האט געהערט אונטערן טהיר ביי זיין מוטער אין הויז.

— טייפעל און העללע! — האָט לאַטירג אויסגערופען — ווען דאס מיידיל זאל ריידען דאַן איז מאָריס פערלאָרען! איך וואלט זאגען, ער זאל נאך היינט פערלאָזען פּאַריז!

— אנטלויפען איז דאס זעלבע וויא זיך ערקלערן פאר שולדיג — האט ווערדיע אריינגערעדט — אָקטאַוויע זאל ניט פערראטהען ווען דער מאַנשעטען־קנאָפּ געהערט, זיא זאל ניט ריידען!

— וויא קענען מיר דאס דען פערהינדערן? — האט מאָריס געפרעגט — ווען זיא ווערט פערהאַפטעט וועט זיא פאר ש־עק אויסזאגען אלעם וואס זיא וויים.

— קענט איהר זעהן אָקטאַוויע נאך היינט ביי נאכט?

— אָ, יא.

— אבער דער גראף?

— איך ווייס אז זיא וועט היינט ביי נאכט זיין אליין, און איך האב דעם שליסעל צו איהר טיהר. איך קען צו איהר קומען אז קיינער זאל ניט מערקען.

— דאַן איז אלעס גוט — האט ווערדיע געענטפערט. וועהרענד ער האט ארויסגענומען זיין בריעף־טאשע, און האט ארויסגעזוכט א קליינע לעדערנע טאשע, וועלכע האט ערהאלטען א גאָלדענע נאָדעל פון אונגעפעהר אנדערהאלבען צאָל לאַנג. דיעזע נאָדעל האט ער איבערגעגעבען מאָריס'ן מיט דיא ווערטער: געהט צו אָקטאַוויע, און דערמיט וועט איהר אפקויפען איהר שווייגען! ווען מען קומט איהר מארגען פריה פערהאפטען וועט מען זיא געפינען טויט.

דער יונגער מאן איז ענטזעצט צוריקגעטרעטען.

— איך זאל דיא אונגליקליכע ערמאָרדען? — האט ער געשטאַמעלט — איך וועל קיינמאהל ניט האבען דעם מוטה, אזא מאָרדטהאט אָהן גרונד צו בעגעהן.

ווערדיע האט געצוקט מיט דיא אקסלען:

— איך בעדויער אייך זעהר! האט איהר דען אין דער נאכט פון 19־טען דעצעמבער

www.libtool.com.cn

איך געהאט אזא ישוב הדעת, איידער איהר האט אומגעבראכט דעם מאַן מיט דער פרוי? און דאך איז דאמאלס אייער קאָפּ ניט געווען אין געפאהר. עס האנדעלט זיך היינט ניט וועגען א פערברעכן, נור וועגען רעטען זיך. ווען איהר לאזט אקטאוויע'ן לע־בען, דאן זי'ט איהר געוויס טויט. איהר האט אלזא אויסצוקלייבן צווישען אייער לעבען און איהר לעבען.

מארים איז געווען אונענטשלאסען, אבער דיא בעווייזע פון ווערדיע זיינען געווען שטארק און האבען ענדליך געזיעגט.

— זאל זיין אזוי! — האט ער געמורמעלט — דער שיקזאל וויל אזוי! אָקטאוויע וועט ניט רעדען.

ער האט דיא גאלדענע נאדעל מיט דעם לעדערנעם שיידיל ארייגעליינט צו זיך אין וועסט־באשע, האט גענומען אבשיעד פון דיא קאמעראדען און איז געפאהרען צו זיך נאך הויזע.

אלס ער איז ארויף צו זיך אויף דיא טרעפּ האט איהם זיינע אלטע הויזמייסטערין נאכגעשריען: „דא איז א בריעף פיר אייך, הערר וואסייר!“

ער האט גענומען דעם בריעף און האט גלייך דערקענט אָקטאוויעס האנדשריפט. קוים איז ער געווען אין צימער, האט ער אנגעצונדען א ליכט, האט אויפגעריסען דעם קאנווערט און האט געלעזען פאלגענדעס:

ליעבער מאָרים!

איך ערוואַרטע דיך היינט ביי נאכט, אום האלב איינס אוהר. זעהר וויכטיגע נייס.

אָקטאוויע.

דאס וויל זיא מיר געוויס מיטטהיילען דעם אויפטריט וואס זיא האט געהאט מיט'ן גראף וועגען דעם מאַנשעטענקנאָפּ — האט ער געזאגט; — ניט נייטיג, מיינע ארעמע אָקטאוויע, איך ווייס שוין אלעס אהן דיר! אבער זיא רופט מיך צו זיך, זיא פערזאורטהיילט זיך אליין!

ער האט זיך אנגעטהאן אין א רייזע־אנצוג, וועלכער האט איהם אין גאנצען פערענדערט, האט ארייגעשטעלט צו זיך אָקטאוויעס שליעסעל און האט פערלאזען זיין וואהנונג רוהיג, קאלט, ענטשלאסען, גאנץ אזוי וויא אונזערע לעזער האבען איהם געקאנט אין אָנפאנג פון אונזער ערצעהלונג.

זיינע צוויי קאמעראדען אין דער רוע דע סורען האבען זייער געשפרעך פארט־געזעצט אין זיין אבוועזענהייט. קוים איז מאָרים פון דארט ארויסגעגאנגען האט לאַטירג אויסגערופען אין דער גרעסטער ענטציקונג: „ער איז מיין זאהן! מיין זאהן! און דוא האסט מיר ניט געלאזען איהם אומארמען, האסט איהם געמאכט גלויבען, אז ער האט ערמארדעט זיין פאטער!

— געוויס, און דאס איז מיר זעהר ליעב! — האט ווערדיע געענטפערט — איך האב געהאנדעלט וויא א קלוגער מאַן. מאָרים איז שוין אזוי אויך געוועזען אויסער זיך און האט זיך קוים געקענט בעהערשען — צו וואס וואלט עס געקענט פיהרען, ווען מען זאל איהם אין אזא אויגענבליק ענטדעקען אזא וויכטיגע געהיימנים!? ווען ער וועט אונז האבען בעפרייט פון מאריע ברעסאָל און סימאָנע דאן זאל ער ערפאהרען אז דוא

www.libtool.com.cn

ביסט זיין פאטער. ווען מיר זאלען האבען דהארוויל'ס ירושה וועט איהר דאן האבען צייט זיך צו פרייען איינער מיט'ן אנדערן.

— איך וואלט איהם אבער אזוי וועלען אומארמען, איהם דריקען צו מיין ברוסט!

— נעהם זיך אין אכט! — האט ווערדיע געשפאסט — דוא ווערסט סענטי־מענטאל (נעפיהלפאל), דאס איז א שרעקליכער סימן; דוא ווערסט אלט, מיין ליעבער!

— וואס ווילסטו, ער איז מיין זאהן, און וואהרהאפטיג איין בעגאבטער זאהן! — האט לאטירג געזאגט, וועהרענד זיינע אויגען האט געגלענצט פון פייכטקייט.

— איך בעט דיך, זיי ניט קיין אלטע ווייב — האט ווערדיע זיך געבייזערט — זייא א מאן! שפעטער מענסט דוא זיין א פאטער פיעל דיין הערץ געלוסט! מיר זיינען ארומגערינגעלט מיט געפאהר, און מוזען זעהן זיך אויסצודרייבען.

— איז דיא ערמארדונג פון אקטאוויע קלוג און נויטווענדיג? — האט לאטירג געפרעגט.

— מעהר אלס פון עמא זשובערט! פון דער פאליציסטין האבען מיר ניט וואס מורא צו האבען, איהר זאהן וועט אונז שיטצען.

— מארים?

— געוויס! לאמיר אננעהמען, זיא ענטדעקט אז ער איז דער מערדער פון פער־לאשעז, דיינקסט דוא אז זיא וועט איהם אויסליעפערן?

— ניין.

— איך דיינק דאס אויך ניט; אין געגענטהייל, זיא וועט אונז געבען דיא מעג־ליכקייט צו אנטלויפען; איך זאג דיר נאך אמאל, מארים איז אונזער בעסטער שוטץ.

## 36טער קאפיטעל.

# דער אונערווארטעטער טויט.

עמא זשובערט האט אפגעליינט איהר אבענד־עססען אויף א שטונדע און איז שנעל אוועקגעפאהרען נאך דער פערפעקטור. דער פאליציי־שעף האט זיא גלייך עמפ־פאנגען, און זיא האט איהם בעריכטעט פון אלץ וואס זיא האט ערפאהרען פון גראף איוואן. דער פאליציי־שעף האט זיא בעשטעלט זיך איינצוגעפינען מארגען אום 8 אוהר אין א וואגען אויף דער עקע פון דער רוע קאמארטען, אויף דעם פאל ווען מען זאל זיא דארפען האבען ביי דער פערהאפטונג פון אקטאוויע.

דיא ענטדעקונג פון דעם מאנשעטען־קנאפ ביי א שיינער דאמע פון דער האלב־וועלט האט מאדאם ראזיע וויא דעם פאליציי־שעף זעהר איבערראשט.ביידע האבען פערשטאנען אז אקטאוויע האט וואהרשיינליך נים צו טהאן מיט דעם פערברעכען, אבער דערנאך האבען זיי געהאלטען פיר וויכטיג דאס הויז גוט צו בעאבאכטען וועה־רענד דער נאכט. דער פאליציי־שעף וויא דיא אגענטין זיינען ביידע געפאלען אויף דעם געדאנקען, אבגלייך זיי האבען עס איינער דעם אנדערן ניט געזאגט. עמא זשובערט האט אוועקגעשיקט זשאדלע צו אקטאוויע'ס וואהנונג אויף דער רוע קאמארטען, מיט דעם בעפעהל צו בעוואכען דאס הויז, און צו זעהן ווער עס געהט אריין און ווער ארויס, און קוים איז זיא פערטיג געווען מיט איהר עסען איז זיא אליין אויך צוגעפאהרען אהין.

www.libtool.com.cn

דער פּאָליציי־שעף ווידער האט אום עלף אוהר מיטגענומען מארטעל און איז אויך אהין צוגעפאהרען, און איז ניט ווייניג פערוואונדערט געווען, אלס אין דער דיקער חמאָרע וואס האט דיעזע נאכט אלעס בעדעקט, האט ער פּלוצלונג דערזעהן זשאַדלע, צוואנציג טריט פון אַקטאווי'ס טהיר.

— גיעבט עס וואס נייעס? — האט דער פּאָליציי־שעף געפרעגט.

— נייעס גראדע ניט, אבער איך גלויב דאך אז איך האב מיין צייט ניט אומזיסט פערלארען. דארטען איז דאס הויז וואו דיא דאמע וואוינט. איך האב געזעהן עטליכע לייטע זיינען אריינגעקומען ניט קלינגענדיג, דען זיי האבען שליסלען. אויב דאס זיינען בעוואהנער פון הויז מוזען זיי בלייבען אינעוויינינג, און אויב דאס זיינען פרעמדע וועלכע קומען מיט א פערדעכטיגען גרונד, מוזען זיי דאך ווידער ארויסקומען, און איך וועל פערפאָלגען יעדען איינציגען וואס וועט ארויסגעהן וועהרענד דער נאכט.

— איהר האט רעכט — האט דער שעף געענטפערט — און מיר וועלען אייך מאכען קאָמפּאניע, דען עס קענען נאך ארויסקומען צוויי פערזאן מיט אמאל, דאן וועט איהר נאכגעהן דעם ערשטען, מארטעל דעם צווייטען, און איך בלייב אויף דעם פּלאַטץ צו היטען ווייטער.

— דיא חמאָרע שטערט אונז זעהר פיעל! — האט זשאדלע בעמערקט.

— אבער זיא האט אויך א מעלה וואס דיא בולוואַרדס זיינען צוליעב איהר זעהר שטיל און קיינער וועט אונז ניט שטערן. לאמיר זיך צושטעלען אויף אונזערע ערטער. איך שטעה אויף דער אנדער זייט, זשאָדלע צעהן טריט פון טהיר רעכטס און מארטעל לינקס. אויף דעם אופן וועלען מיר קיינעם ניט פערליערען, ווער עס קומט נור פון דעם הויז. אלזא, אויף אונזערע פּלעטצער!

דיא דריי מענער זיינען זיך צוגאנגען און האבען זיך אויסגעשטעלט אויף זייערע פּלעטצער. קלאפּענדיג א צאהן און א צאהן פאר קעלט, און ניט זעהענדיג איינער דעם אנדערן אין דער דיקער חמאָרע.

ארום צוועלף אוהר איז מאָרים פארבייגעגאנגען דעם פּאָליציי־שעף, וועלכען ער האט אין דער פינסטערניס ניט בעמערקט, און מיט א פינסטערן בליק און געקניייטש־טען שטערן איז ער צוגעגאנגען צום טהיר פון הויז און האט זיא געעפענט מיט א שליסעל, און האט זיא דאן ווידער גאנץ שטיל פארמאכט. אלס ער איז גאנץ שטיל ארויפגעגאנגען דיא טרעפּ וואס זיינען געווען בעדעקט מיט א דיקען טעפּיך, האט זיך אויבען געעפענט א טהיר און אַקטאוויע איז איהם ארויס אנטקעגען. זיא האט איהם ערוואַרטעט מיט דער גרעסטער אונגעדולד. זיא האט איהם שנעל אריינגעפיהרט צו זיך אין צימער און האט הינטער זיך פערריגעלט דיא טהיר.

— ביסט דוא ענדליך דא? — האט זיא געזאגט — איך בין מעהר טויט וויא לעבעדיג פאר אנגסט און זארג.

— וואס איז דען געשעהן? דיין קורצער בריעף האט מיך זעהר נייגיעריג גע־מאכט, און איך ערוואַרטע צו הערן פון דיר איין ערקלערונג.

— צוערשט וויל איך דיך פרעגען אויב דוא האסט געפונען דעם מאנשעטען.

www.libtool.com.cn
קנאָפּ וואס דוא האסט אין דעצעמבער פערלארען. דוא נעדיינקסט דאָך, דיא פּאָד־קעווע? האסט דוא מיט וועמען געשפּראָכען וועגען דעם?

— ניין, איך האב איהם ניט געפונען און האב מיט קיינעם ניט גערעדט וועגען דעם.

— גאט צו דאנקען! — האט אָקטאוויע געענטפערט מיט א זיפץ — דאס איז מיט א לאסט וועניגער.

— וואס מיינסט דוא דערמיט?

— דער פערפלוכטער קנאָפּ האט מיר שיער פערדאָרבען מיין גאנצען פּלאן פון הייראטהען.

— וויא אזוי?

— מאהל דיר, דער גראף איז אייפערזיכטיג וויא א טיגער, און מיט א מאהל געפינט ער ביי מיר דעם איינציגען קנאָפּ, און איז געווארען זעהר בייז אלס ער האט פערשטאנען, אז דאס געהערט א הערן.

דיינע אונרוהע איז פיעל איבערטריעבען, מיינע ליעבע אָקטאוויע; עס קען זיין אז דער גראף איז געוועזען עטוואס אייפערזיכטיג, אבער דאס קען דיר ניט שאדען.

— איך בין אויך איצטער עטוואס רוהיגער, אבער פריהער בין איך זעהר דער־שראָקען געוועזען. דוא פערשטעהסט אויך געוויס ווארום. איך האב עס מיר אריינגענומען אין קאָפּ, דאס איך מוז ווערן גרעפין סאמילאָיו, ווען אפילו דיא וועלט זאל אונטערגעהן! איך וויל ווערען אן אמת'ע גרעפין מיט א גרויסען פערמעגען! וויא וועט זיך פרייען מיין מוטער מיט מיר! דוא ביזט דאך א קלוגער ערפאהרענער מאן, גיעב מיר א ראטה וויא איך קען דאס אם שנעלסטען ערדייכען.

— דיא איינפאכסטע חוה'ס טאכטער ווייס דערפון מעהר וויא דיא גאנצע גע־זעלשאפט פון דיא קליגסטע מענער — האט מאריס געלאכט.

ביז צוויי אוהר זיינען זיי אזוי געזעסען און געפּלידערט, דאן אבער האט אָקטאַ־וויע אנגעהויבען צו ווערן מיעד. דיא אויגען האבען זיך האלב צוגעמאכט, דער קאָפּ האט זיך געניינגט פון איין זייט אויף דיא אנדערע, ביז זיא איז זיצענדיג אזוי איינגעדרעמילט.

— דער אויגענבליק איז געקומען! — האט מאָריס געזאגט, און האט ארויסגע־צויגען פון דער טאשע א נאָדיל־טעסעלע פון לעדער.

ער האט זיך איינגעבויגען איבער אָקטאוויע, האט זיך א ווייל צוגעהערט צו איהר אטהעם, און האט דאן צוגעטראָגען דיא שפּיטץ נאָדעל צו איהר געניק. ער האט מיט דיא שפּיטץ־פינגער אנגעטאפּט דעם פלאָטץ צווישען צוויי אָדערן און האט מיט קראפט אריינגעשטויסען שנעל דיא גאנצע נאָדעל, וועלכע איז אין גאנצען פערשוואונ־דען געווארען, אזוי דאס קיין איינציגער טראָפּען בלוט האט זיך בעוויעזען.

אָקטאוויע האט אפילו דיא אויגען ניט געעפענט. איהר קערפּער האט נור לייכט אויפגעציטערט, און דאס איז געוועזען אלעס. דיא גאלדענע נאָדעל האט בעריהרט דאס געהירן און דער טויט איז געקומען אזוי שנעל וויא דער בליטץ. קיין ליידען, קיין טויטעס־קאמפּף, אפילו קיין זיפץ האט זיך ניט געהערט.

מאריס האט אונבעוועגליך בעטראכטעט א ווייל זיין אָפּפער. ער איז פיעלייכט

www.libtool.com.cn 

געווען עטוואס בלאַסער וויא געוועהנליך, אבער זיין געזיכט האט ניט אויסגעדריקט ניט קיין שרעק און ניט קיין שטוינען. „עס האט אזוי געמוזט זיין" האט ער געמורמעלט „דאָ אונטען מוז יעדער קוקען פאר זיך!"

מיט שרעקליכער רוהע האט ער אראפּגעצויגען דיא קליידער פון דער טויטער פרוי און האט זיא אוועקגעלייגט אין בעט, האט זיא צוגעדעקט, און האט צרוואָרפען דיא דעקען און דיא קיסענס, אום צו מאכען גלויבען אז זיא האט זיך געראַנגעלט מיט'ן טויט. דאַן האט ער פערלאַזען דאס צימער, האט פערשלאָסען דיא טהיר הינטער זיך, און איז אראפּגעגאַנגען דיא טרעפּ.

אלס ער האט ארויסגענומען דעם שליסעל אום דיא אונטערסטע טהיר צו עפענען, האט ער פּלוצלונג דערהערט טריט פון דרויסען און איז געבליעבען שטיל. ער האט א קורצע ווײלע געוואַרט ביז דיא טריט האבען זיך דערווייטערט און האט דאַן געעפינט דיא טהיר.

וואס פאר א חמאַרע! — האט ער געטראַכט ביי זיך — דאס איז גוט!

ער האט אראפּגעשלעפּט זיין הוט עטוואס איבער'ן געזיכט, האט אױפגעהויבען זיין שאַהל און האט צוריק פארשלאָסען דיא הויזטהיר. אבער וויא שטיל ער האט עס געמאַכט, האבען דיא דריי בעאַמטע דאך דערהערט דעם גערויש פון צומאַכען דיא טהיר און האבען אלע דריי אָנגעשפּיצט דיא אויערן און איינגעהאַלטען דעם אַטהעם.

מאָריס האט זיך געוועגדעט נאך לינקס, וואו מאַרטעל איז געשטאַנען. דיעזער האט זיך פארשטעלט פאר א שכור'ן וואס פאַלט פון דיא פיס און האט כלומר'שט ניט־ווילענדיג אנגעשטויסען מאָריסן מיט׳ן עלענבויגען.

דער מערדער פון דער שעהנער אָקטאַוויע האט קיין וואָרט געענטפערט. א שיכור'ר אין דער געגענד און אין אזא נאכט איז איהם פארגעקומען עטוואס פערדעכ־טיג און ער האט אנגעהויבען שנעלער צו געהן. אבער דער געשיידטער מאַרטעל האט שנעל ארויפגערוקט אויף זיינע שטיפעל א פאר ווייכע פילץ־שוה, וועלכע ער האט אימער געטראגען ביי זיך און מיט א שטילען, קוים הערבאַרען טריט איז ער געלאָפען הינטער איהם, האלטענדיג זיך א 15 טריט ווייט פון איהם.

דער פּאָליציי־שעף איז אריבערגעגאַנגען צו זשאָדלע אויף דער זייט פון איינגאַנג.

— מאַרטעל איז געגאַנגען הינטער דעם מאַן וואס איז ארויסגעקומען פון הויז? האט ער געפרעגט.

— יא, — האט דער פּאָליציי־אַגענט געענטפערט — מיר איז דער קערל פאָר־געקומען פערדעכטיג. ווער ווייס אויב ער איז אליין געווען צו הויז.

— יעדענפאלס וועלען מיר ערפאַהרען וואו ער וואוינט — האט געענטפערט א שטימע פון דער חמאַרע, אבגלייך מען האט ניט געקענט זעהן ווער עס רעדט — און דאַן וועלען מיר איהם בעטען אונז צו ערקלערן, וואס ער האט דא אין הויז געזוכט.

— מאדאַם ראזיע! — האט זשאָדלע אויסגערופען, דערקענענדיג דיא שטימע.

— שטיל רופט מיך ניט ביים נאָמען, אדער מינדעסטענס ניט אזוי לויט! איך בין שוין דא זייט א שטונדע.

— האט איהר געזעהן דעם מאַן וועלכען מאַרטעל איז נאכגעגאַנגען?

www.libtool.com.cn

— ער איז מיר פארביינענאנגען, אבער אין אזא פינסטערניש איז אונמעגליך איינעם גוט צו זעהן. זיין שאל האט איהם פארדעקט ביז צו דיא אויגען און זיין שריט האט אויסגעזעהן וויא פון א קרעפטיגען מאן.

— מארטעל איז א גוטער פוס־געהער און ער וועט איהם ניט פערליערען פון דיא אויגען.

— אויף אונזערע פלעטצער! — האט דער פאליציי־שעף בעפאהלען — מאדאם ראזיע וועט זיך שטעלען אויף מארטעלס פלאטץ.

מארים איז געגאנגען זעהר שנעל וויטער, מיט אנגעשפיצטע אויערן. טראטץ דעם וואס מארטעל האט געטראגען ווייכע שוהע, האט מארים דאך געהערט דעם גערויש פון זיינע טריט הינטער זיך. „טייפעל און העללע!" — האט ער געפלוכט קריטצענדיג מיט דיא ציין — „איינער פערפאלגט מיך; דאס איז א קונסטשטיק פון מיין מוטער! גוטע ליעבהארציגע מוטער מיינע! וויא גערן וואלט זיא וועלען האבען מיין קאפ פיר דיא גילאטינע! אבער מיר וועלען זעהן!"

מארים האט פערדאפפעלט דיא שנעלקייט פון זיין גאנג, אבער אנשטאט צו פערקעהרען אין דער רוע נאווארין, וואו ער האט געוואהנט, איז ער אוועקגענאנגען מיט דער רוע ד'אמסטערדאם.

מארטעל האט זיך אימער געהאלטען פופצעהן טריט הינטער איהם. „לויף נור לויף, מיין בחור'ל!" — האט ער געזאגט — „איך בין דיין שאטען און דוא וועסט פון מיר וויט ניט אוועקגעהן."

דיא שטונדען זיינען זיך דערווייללע געגאנגען איינע נאך דיא אנדערע, דיא פא־ליציסט'ן אין דער רוע קאמארטען האבען אנגעהויבען צו ווערען אונגעדולדיג איבער דאס אונגיטציגע ווארטען ביי דיא פערשלאסענע טהירען פון אקטאוויעס הויז. דיא אוהר האט געשלאגען דריי, פיער און פינף; אין גאס האבען זיך אנגעהויבען צו וויזען וואגען; ארבייטער האבען אנגעהויבען צו געהן צו דער ארבייט; דיא גאסען־קעהרער האבען זיך גענומען צו זייער געצייג און דיא שענקען האבען זיך געעפענט.

דער פאליציי־שעף האט געגעבען א צייכען מאדאם ראזיע און זשאדלע, וועלכע זיינען צו איהם צוגעקומען. „מיר קענען אוועקגעהן פון דאנען" — האט ער געזאגט צו מאדאם ראזיע — „און איהר זשאדלע וועט דא בלייבען ביז מיר וועלען צוריקקומען. מיר וועלען אין צוויי שטונדען זיין צוריק."

זשאדלע האט זיך געהארזאם פערנייגט.

אום זיבען אוהר זיינען דיע ביידע וויעדער געוועזען ביי זשאדלע. זיי האבען דיא צוויי שטונדען בענוצט, אום צו חאפען א דרעמיל און זיך ארומצו־וואשען. זיי האבען אויך געבראכט מיט זיך דעם געריכטס־קאמיסאר.

— גיעבט עס וואס נייעס? — האט דער שעף געפרעגט זשאדלע.

— ניין.

— איז מארטעל צוריק געקומען?

— נאך ניט; איך האב געמיינט דאס ער איז פיעלייכט געגאנגען נאך דער פרעפעקטור.

— מיר האבען איהם ניט געזעהען, דאס איז זאָנדערבאַר!

— זעהר זאָנדערבאַר; דער מאן וועלכען ער האט פערפאלגט האט זיך געוויס געמוזט ארויפהאפען אויפ'ן אייזענבאהן, און מארטעל איז איהם נאכגעפאהרען.

— זאלען מיר איצטער פאָרגעהן מיט דער ארבייט? — האט דער געריכטס־קאמיסאר געפרעגט.

— טהוט אייער פליכט.

דיא בעאמטע מיט דיא אגענטען זיינען אריין אין הויז וועלכעס האט זיך איצטער ערשט געעפענט.

— וואס פערלאַנגט איהר, מיינע הערען? — האט געפרעגט דיא טהיר־וועכטערין, וועלכע איז גאנץ ערשטוינט געווען איבער אזא פריהען בעזוך.

— פריהער מאכט צו דיא טהיר און לאזט קיינעם פון הויז ניט ארויס, ביז מיר וועלען אייך ווייטער בעפעהלען; מיר קומען אים נאמען פון געזעץ. ארייינלאזען מעגט איהר יעדען, אבער קיינעם ניט ארויסלאזען.

ציטערנדיג האט דיא פרוי צוגעמאכט דיא טהיר.

— וואהנט ביי אייך א דאמע מיט'ן נאמען אקטאוויע? האט דער קאמיסאר געפרעגט.

— יא, מיין הערר.

— וואס טהוט זיא?

— זיא איז שעהן, און הייסט דיא שעהנע אָקטאוויע.

— אין וועלכען שטאָק וואהנט זיא?

— אין ערשטען.

— איז זיא צו הויז?

— יא, מיין הערר, זיא איז געסטערן נעקומען פריה נאך הויז.

— ווילט איהר אזוי פריינדליך זיין אונז צו איהר ארויפצופיהרען?

דיא פרוי איז ארויפגעגאנגען דיא טרעפ און האט געקלינגעלט. א קאַמערמעדכען האט געעפענט, אבער ביין אנבליק פון דיא הערען פון געריכט איז זיא דערשראקען אָפּגעשפרונגען צוריק.

— וואס ווינשען דיא הערען? — האט זיא געפרעגט גאנץ פערווירט.

— שרעקט זיך ניט, מיין קינד — האט דער פאָליציי־שעף זיא בערוהיגט — מיר קומען וועגען א גאנץ איינפאכען געשעפט אין נאמען פון געזעץ. דיעזער הערר דאָ איז געריכטס־קאמיסאר! זאגט אייער ווירטהין, דאס מיר ווינשען מיט איהר צו ריידען.

— אונמעגליך, מיינע הערען! עס איז נאך ניטא אכט אוהר, און דיא מאַדאַם שטעהט קיינמאהל ניט אויף פריהער וויא צעהן, און מיר האבען שטרענגען בעפעהל ניט צו בעטרעטען איהר צימער ביז זיא האט געקלונגען.

— טהוט פונקט וויא זיא וואלט געקלונגען.

— אבער....

— קיין אבער! געהט און וועקט דיא דאַמע! איך בעפעהל עס אייך אים נאמען פון געזעץ.

www.libtool.com.cn


דיא דיענערין איז מיט איין אראפּגעלאָזענעם קאפּ געגאנגען אויספיהרען דעם באַפעהל און איז פערשוואונדען אין דיא אינערע צימערן פון דער וואהנונג.

פלוצלונג האבען דיא בעאמטע דערהערט א שרעקליכען געשריי, און דאס יונגע קאמער־מיידיל איז געלאפען צוריק, פאלענדיג פון דיא פיס, ציטערנדיג, און בליקענדיג פאר זיך מיט שטארע אויגען. זיא האט זיך א וואָרף געטהאן אויף איינעם פון דיא שטוהלען אין פאָרדער־צימער און מיט א פערשטיקטער שטימע פון שרעק און אויפרעגונג האט זיא געקרעכצט: „אָ, מאדאם, ארעמע מאדאם!“

— וואס איז דען, וואס האט פּאסירט? — האבען דיא בעאמטע געפרעגט.

דאס קאמער־מיידיל האט צוזאמענגעליינט דיא הענד ברעכענדיג דיא פינגער און האט ארויסגערעדט: „זיא איז טויט!“

— טויט? — האבען דיא מענער איבערגעפרעגט מיט ענטזעטצען.

— יא, טויט — האט דאס מיידיל געשטאמעלט — איהר געזיכט איז בלוי, זיא איז קאלט און שטייף, און איהרע אויגען שטעהן אָפען!

דער פּאָליציי־שעף און דער געריכטס־קאָמיסאר האבען אין דעם אויגענבליק אין גאנצען פערגעסען זייער ווירדע און זיינען געלאפען וויא אינגלאך נאך דעם צימער פון דער דאמע. דיע פּאָליציי־אגענטען האבען זיי נאכגעפאלגט.

דער פּאָליציי־דירעקטאר איז צוגעגאנגען צום בעט וועלכעס איז געווען ניט בעזאנדערס אין אונאָרדנונג, און האט בעטראכט דאס געזיכט פון דער טויטען. דאן האט ער אנגענומען דיא האנד פון דער לייכע: „דיא פרוי איז ווירקליך טויט — האט ער געזאגט — און אויב איך האב ניט קיין טעות איז דער טויט איינגעטרעטען נאך פריה אין דער נאכט“.

באלד איז אויך אנגעקומען גראף איוואן, וועלכער איז געקומען מיט דער אבזיכט צו בערוהיגען אקטאוויע ביי דער פערהאפטונג, פון וועלכע ער האט געוואוסט. אלס ער האט ערפאהרען פון אקטאוויע'ס טויט איז ער געווען גאנץ ענטזעצט פון איבערראַשונג און ערשטוינונג.

— דאס איז וואונדערבאר! — האט ער אויסגערופען נאכדעם וויא ער האט זיך עטוואס בערוהיגט — געסטערן איז זיא געווען פריש און געזונד, פון וואס האט זיא געקענט שטערבען?

אויף דיא פראגע האט קיינער ניט געקענט ענטפערן. עס איז גלייך גערופען געווארן איין דאקטאר וועלכער האט אונטערזוכט דיא לייכע און האט ערקלערט דאס דיא יונגע דאמע איז געשטארבען פון א געהירן־שלאג.

— גלויבט איהר ניט אז דא איז בעגאנגען געווארן א פערברעכען? — האט דער פּאָליציי-שעף געפרעגט.

— ניין.

— דאן האבען מיר נור צו מאכען א פּראָטאקאָל פון דעם פאל. דער שיקזאל איז געגען אונז און ער האט געשלאָסען דעם מונד, וועלכער האלט אונז געקענט ענטדעקען א וויכטיגע וואהרהייט.

— איך גלויב ניט אין שיקזאל — האט מאדאם ראָזיע ערקלערט — און איך

www.libtool.com.cn

ווײל אום יעדען פרייז װיסען װער דער מאן איז, וואס האט ביי נאכט פארלאזען דאס הויז.

— צו מיין גרעסטען בעדויערן קען איך דאס ניט זאגען — האט געענטפערט א האלב־פערשטיקטע אומעטיגע שטימע.

אלע האבען זיך אומגעקעהרט. דאס איז געוועז מאַרטעל. זיין געזיכט איז געוועזן אפגעמאטערט, זיינע קליידער פערשמוצט און צוריסען, זיינע אויגען פארלאפען מיט בלוט.

— איהר האט פערלארן זיינע שפור? — האבען דיא בעאמטע געפרעגט.

— יא.

— וויא אזוי האט עס געטראפען? איהר זייט דאך אימער אזוי געשיקט!

— איך קען אייך שווערען דאס איך בין ניט שולדיג! פיער שטונדען בין איך איהם נאכגעגאנגען וויא זיין שאַטען, און ער איז געלאפען פאר מיר וויא א האז פאר'ן יאגד־הונד. ער האט בעמערקט דאס איך געה הינטער איהם און האט זיך געלאזען אויף אונמעגליכע וועגען. ער איז אוועק מיט דיא בולוואַרדס ביז נאך בעלוויל, דאן האט ער פערקעהרט אין דיא ענגסטע געסלאך, אין שמוטץ און קויט. וואס מעהר ער איז געלאפען בין איך אלץ שטארקער געלאפען הינטער איהם, טראכטענדיג ביי זיך: „דער יונג וויל מיך פארמאטערן! ווארט נור, מיין בחור, דאס וועט דיר ניט געראטהען". ווען מיר זיינען געקומען צו דיא פאָרטס האט ער זיך פארקעהרעוועט נאך וועגסען. איך האב געהאפט ער וועט וועלען אין פארק, און דא וואלט איך איהם געפאקט ביי דער באַריער (צאם) אבער פלוצלונג האט ער זיך א דרעה געטהאן אויף דיא וועגלאך הינטערן פעסטונגס־לאשען. איך האב מיט מיינע פילץ־שוה ניט מעהר געקענט טרעטען אויף דעם שמוציגען באָדען, דיא ווייטקייט צווישען מיר מיט איהם איז געווארען גרעסער, און דא האב איך מיך צום אונגליק אויסגעגליטשט און בין אריינגעפאלען אין א גראבען. אלס איך האב מיך וויעדער אויפגעהויבען איז דער מאן געוועזן פערשוואונדען.

— ער האט זיך פון אונז ארויסגעדרעהט! — האט עמא זשובערט געזאגט מיט טיעפען בעדויערן אין איהר שטימע — דאס הערץ זאגט מיר אז ער איז דער מערדער פון דער אונגליקליכער דאמע.

— איהר האט א טעות, מאדאם, — האט דער ארצט געענטפערט — דא איז קיין פערברעכען פאראנען! איך זאג אייך נאך אמאל, דאס איז א געהירנשלאג.

— דאס וועט זיך געפינען, מיין העהר — האט דער פאָליציי־שעף געזאגט — דען איך וועל לאזען פאלמעסין דיא לייכע.

— דאס איז גאנץ אומזיסט.

— פיעלייכט אבער וועט זיך דאך וואס ארויס.

---

א מאנאט איז אריבער צייט דעם טויט פון דער שיינער אָקטאַוויע. דיא אונ־טערזוכונג האט אויסגעפינען דיא גאָלדענע נאדעל אין געניק פון דער ערמאַרדעטער און האט פעסטגעשטעלט דאס פערברעכען, דיא הויז־מייסטערין און דיא דיענערשאפט פון אָקטאַוויע איז אויסגעפאָרשט געווארען וועגען אלע אָקטאַוויעס בעזוכער, אבער עס איז

www.libtool.com.cn

קיין זאך ניט דערגאנגען געווארען. אויף מאָרים וואסייר איז בעזאנדערס אונמעגליך געוועזען צו קומען, אזוי וויא דיא דיענערשאפט האט איהם דארט שוין זעהר לאנג אדער כמעט גאר ניט געזעהן קומענדיג אהין. ביי אָקטאָוויען אין הויז איז קיין זאך ניט געפונען געווארען וואס זאל קענען געבען וועלכע אויפקלערונג, קיינע וויכטיגע בריעף, קיינע פאפיערען און אפילו קיין געבורטס־שיין, נאך וועלבען עס זאל מעגליך זיין צו ערפאָרען ווער זיא איז. אבער טראָטצדעם אלעם האט עמא זשובערט נאך אימער ניט פערלארען דעם מוטה.

איצט, אז זיא האט שוין פאר מאָריס'ן ניט געהאט וואס צו בעהאלטען, פלעגט זיא אָפט בלייבען דעם גאנצען טאג אויסען הויז, צום גרעסטען בעדויערן און ערגער פון דער עהרליכער מאדליין, וועלכע פלעגט זעהר אונרוהיג זיין דאריבער.

מאָרים האט געשפיעלט דיא ראָלע פון א צערטליכען זאָהן, און דיא ארעמע פרוי וואלט זיך געפיהלט גאנץ גליקליך, ווען דיא זאָרגען פון איהר שוועדער אויפגאבע און פון איהרע אנשטרענגונגען וואלטען זיא ניט שטענדיג בעשעפטיגט אזוי שטארק. מאָרים האט מעהרערע מאהל פערזוכט זיא אויסצופאָרשען, צו דערגעהן ביי איהר וואו זיא האלט מיט איהר זוכען, אבער זיא האט איהם יעדעס מאהל נור געענטפערט אויסווייכענדיג: „גערדיינק, מיין זאָהן וואס דוא האסט מיר צוגעזאגט, מיט מיר וועגען דיא זאכען ניט צו ריידען; איך וואלט אליין וועלען זיי פערגעסען אזוי שנעל וויא איך וועל נור ערררייכען מיין ציעל“.

— איז דער ציעל נאך וויט? — האט דער יונגער מאן געפארשט.

— אי, וואס ווייטער איך געה, שיינט מיר אלץ, אז מיין ציעל דערווייטערט זיך פון מיר.

דיעזע אנטווארט איז געווען גענוג אום מאריסן צו בערוהיגען. דיא אַנענטין האט נאך ניט אין אויסזיכט קיין ערפאלג און ער האט אלזא ניט וואס מורא צו האבען.

אבער דיא זאכע פון דיא באנדיטען איז דערווייל נאך אויך ניט נעגאנגען פאָרווערטס. מאריע ברעסאָל האט נאך געלעבט, אבגלייך זיא איז געלעגען שווער קראנק און סימאָנע איז נאך אלץ ניט געפונען געווארן. מאָרים פלעגט אפט קומען אין ברעסאל'ס הויז, אום זיך צו ערקונדיגען וועגען מאריע'ס צושטאנד און פלעגט זיך ווייזען זעהר פערליעבט און צערטליך צו וואלענטינען און מעהר וויא דאס האט זיא ניט געווינשט. מאריע'ס לאגע האט איהר קיין זארג ניט געמאכט, אין געגענטהייל, זיא האט זיך געפרייט, דאס מינדעסטענס שטעקט זיא ניט פאר דיא אויגען און מען זעהט זיא ניט. דיא פערגיפטונג דורך דעם ביס פון דער שלאנגע איז שוין לאנג ארויסגעטריעבען געווארן פון איהר קערפער, אבער דיא ארעמע מאריע האט געליטען גייסטיג דורך דאס בעוואוסטזיין, דאס אלבערט ליעגט געפעהרליך קראנק און נור דורך דאס וואס ער האט זיא געררעטעט. וואלענטינע איז געווען גענוג גרויזאם, דער קראנקער מיידיל צו דערצעהלען, דאס אלבערט ליעגט אין שטערבען און דיא ערצטע האבען איהם שוין לאנג אויפגעגעבען.

דער ארעמער לודאָוויק, וועלכער האט זיין טאכטער געליעבט מעהר וויא אלעס אין דער וועלט, האט פערבראכט זעהר טרויעריגע טעג און נעכט.

www.libtool.com.cn

אין דעם הויז פון אונטערזוכונגס-ריכטער גיבריי האט עס אויך ניט פרייליכער סגעזעהן. דורך זיין ערשיינען אויפ'ן באל, האט זיך אלבערט צונעצויגען א געפעהרליכע לונגען-ענטצינדונג. ער איז דערפון געהיילט געווארען, אבער דאס האט פערשטארקט זיין הערץ-ליידען. דיא ערצטע האבען געגעבען האפנונגען, אז ער וועט געזונד ווערען, האבען אבער דיא זאכע זעהר ערנסט גענומען.

פאול גיבריי, וועלכער איז דיא לעצטע עטליכע וואכען עלטער געווארן אויפ'ן אויסזעהן מיט יאהרען, האט זיך געגעבען דיא גרעסטע מיהע צו ווייזען א פרעהליכע מינע ביים קראנקענבעט פון זיין זאהן, קוים אבער איז ער געוועזען בייא זיך אין צימער אליין, האט ער געוויינט.

אלבערט האט ביי זיך אין הארצען געוואוסט דאס זיין פאטער וועט קיינמאהל ניט צושטימען, דאס ער זאל הייראטהען דיא טאכטער פון וואלענטינע דהארוויל און דיזע איבערצייגונג האט געווירקט אויף זיין קראנקהייט וויא גיפט און האט איהם ניט געלאזען געזונד ווערען.

אזוי איז דיא זאכע געשטאנען און דיא דריי באנדיטען האבען יעדען טאג אפגעהאלטען א ראטה אין דער רוע דע סורען, וועגען וואס עס איז ווייטער צו טהאן און זיינען דאך ווייטער ניט געקומען.

ענדליך האט ווערדיע אנגעהויבען צו ווערען אונגעדולדיג און אלס עס איז שוין אריבער א מאנאט נאך אקטאוויע'ס טויט, האט ער אנגעהויבען אנצוטרייבען זיינע קאמעראדען, דאס מען זאל זיך נעהמען פלייסיגער צו דער ארבייט.

— עס איז צייט מיר זאלען זיך צואיילען — האט ער געזאגט ביי איינער פון אזעלכע בעראטהונגען — דעם לעצטען מאנאט ארבייטעט דיא פאליציי מיט איהרע כחות. דיא פאליציי ווייס, דאס דער מארד פון אקטאוויע האט צו טהאן מיט דיאביידע מארדטהאטען פון רוע מאנטארגע און פערלאשעז, און זיא הערט ניט אויף צו גריבלען. מען דארף זיך ניט שפיעלען צו פיעל מיט'ן פייער; לאמער זעהן וואס שנעלער צו קומען צום ציעל און פערשווינדען.

— פאלג מיר א גאנג! — האט לאטירג געשפאסט — דאס איז לייכטער צו זאגען וויא צו טהאן; האבען מיר שוין געפונען סימאנע?

— ניין.

— זיא מוז דאך אבער זיין אין פאריז — האט מארים געזאגט — דען ערשט מיט פינף וואכען צוריק האט איהר אקטאוויע בעגעגענט.

— איך האב פון דענסמאהל אן בעזוכט פיעלע קונסט-ווערקשטאטען פון מאהלער אין דער האפנונג צו געפינען א שפור פון סימאנע, אבער מיינע ארבייט איז אומזיסט.

— איך האב געטהאן דאסזעלבע און האב ניט מעהר ערפאלג געהאט — האט לאטירג געזאגט.

— יעצט וועל איך פרובירען א זאך טהאן — האט מארים ארייננערעדט — און סיידען דער טייפעל אליין וועט זיך מיר שטעלען אין וועג ווען איך זאל זיא ניט געפינען. סימאנע האט פאזירט פאר א בילד, דאס האט אקטאוויע געזאגט, איך וועל אלזא

www.libtool.com.cn

בעזוכען דיא בילדער־העגדלער און בילדער־גאלעריען און זעהען, אויב איך געפין ניט עוגעץ א בילד מיט סימאנעס געזיכט, וואס זאל האבען עהגליכקייט צו דער פאָטאָ־גראַף־קארטע. אויב דער מאהלער איז נור ניט א צו גרויסער קאליקע קען דאך דאס גאר אנדערס ניט זיין. האב איך געפונען דאס בילד, דאן ווייס איך אויך דיא אדרעסע פון מאלער און אלעס איז געפונען.

דיאביידע קאמראדען האבען געפונען, אז דער פלאַן איז גוט און מארים האט ווייטער געזאגט: „טהוט איהר דאסזעלבע, אבער זעהר פארזיכטיג. ביי טאג זאלט איהר זיך ניט ווייזען זעהר פערקליידעט אין דיא גאסען. דיא פאָליציי שלאפט ניט און זיא ווייס, אז עס עקסיסטירט א בונד.“

— האט אייך עמא זשובערט עטוואס מיטגעטהיילט דערפון? — האט לאטירג געפרעגט.

— ניין, דען זיא וויכט אויס צו ריידען וועגען איהר טהעטיגקייט ביי דער פאָ־ליציי, אבער איין ווארט איז גענוג אום איך זאל דאס פערשטעהן.

— זיא זוכט לאטירג — האט ווערדיע געזאגט — און לאטירג איז טויט.

— זיא זאגט פונקט פארקעהרט — האט מאָרים געענטפערט, אנקוקענדיג שארף ביידע מענער. אבער ביידע באנדיטען זיינען געבליעבען רוהיג.

— איהר ווייסט אליין אז זיין קערפער איז אויסגעשטעלט געווארן אין דער מאָרג.

— זיא האט אין איהם ניט דערקענט לאטירג.

— גאנץ נאטירליך! דריי־און־צוואנציג יאהר פערענדער, א מענשען. עמא זשובערט האט איהם געזעהן אלס יונגען מאן און האט איהם געפונען טויט, אלס איין אלטען מאן. וויא זאל זיא איהם דען דערקענען?

מארים האט נאכדענקליך געשוויגען.

— פיעלייכט איז גלייך, אז מיר זאלען עמא זשובערט בעוואכען און האבען אין אויג איהרע בעוועגונגען? — האט לאטירג געפרעגט.

— אום טייפעלס ווילען — ניין! — האט מארים אויסגערופען — דאס הייסט, ארויפציהען דיא געפאהר אויף זיך אליין! ווען דער צופאל זאל ארויפפיהרען עמא זש־בערט אויף דיא שפור פון איינעם פון אונז, דאן וועט זיא עס ניט קענען בעהאלטען; דיא האפנונג אויף ראכע' וועט איהר ארויסשטראהלען פון געזיכט. זייט אהן זארגען, פון איהר זייט האבען מיר פאר קיינע איבערראשונג מורא צו האבען, פערלאזט אייך אויף מיך.

— זאל זיין אזוי, האט ווערדיע געזאגט — אבער איצטער פון עטוואס אנדערס: איהר האט אונז צוגעזאגט צו בעפרייען פון מאריע ברעסאל און זיא לעבט נאך.

— זיא האלט ביים שטערבען.

— יא, אבער איהר קראנקהייט קען זיך אזוי פארציהען וואכען און מאנאטע לאנג, און איהר ווייסט גאנץ גוט אז דאס געהט ניט. אזא פארשלעפען־זיך קען צושטערן אונזער גאנצען פלאַן.

— וואס זאל איך אבער טהאן?

— מאכען איינע

www.libtool.com.cn

— אויף וועלכען אופֿן?

— דאס וועלען מיר צוזאמען איבערלייגען: איך וואלט פֿארגעשלאגען גיפּט — האט ווערדיע געזאגט.

— רעדט ניט מיר פֿון גיפּט — האט איהם מאַריס איבערבראָכען — יערעס גיפּט לאזט צוריק שפּורען.

— אבער איך וויים א גיפּט וואס לאזט קיינע שפּורען צוריק.

— צו וואס ניצט עס מיר? איך קען מאַריע ברעסאַל קיין גיפּט ניט איינגעבען, און איך וויל מיך בעסער ענטזאגען פֿון מיין טהייל אין דהארווילס ירושה, איידער אויסקצוגעבען מיין קאָפּ אויף דער גילאָטינע. איך זאג אייך גאנץ אָפֿען, דאס איך האב יענע נאכט פֿון אָקטאָווירס טויט געפֿיהלט א קעלט אין האלדז, אלס די פּאָליציי איז געווען הינטער מיר, פֿונקט ווי דאס מעסער פֿון דער גילאָטינע וואלט מיך בעריהרט. איהר ווייסט אז איך האב גענוג קאלט־בלוטיגקייט, אבער אזעלכע אויפֿרעגונגען קענען איינעם מאכען גרויע האר.

— וואס זאגט דער דאקטאר וועגען מאַריע׳ס קראנקהייט?

— ער זאגט דאס א טהייל פֿון דעם שלאנגען־גיפּט איז דאך נאך געבליבען אין קערפּער פֿון דער יונגער מיידיל, און דערפֿון ווערט זיא אויסגעצעהרט. איך גלויב אבער אז ער האט א טעות. די אורזאכע פֿון מאַריע׳ס ליידען איז איהרע ליעבע צו אלבערט גיברייי, וועלכע שיינט צו זיין איינע אונגליקליכע.

— דאס קלינגט זעהר ראָמאַנטיש — האט לאַטירג בעמערקט.

— ראָמאַנטיש אדער ניט, אבער עס שיינט וואהר צו זיין — האט ווערדיע געזאגט.

— דער דאקטאר דיינקט, דאס ווען מאַריע זאל הייראטהען און ווערען מוטער, וואלט עס איהר וואהרשיינליך גערעטעט, דען דאס קינד נעהמט אין זיך אריין דאס גיפּט פֿון דער מוטערס קערפּער.

— דאס איז דאך אויסגעצייכענט! — האט ווערדיע אויסגערופֿען — איהר דארפֿט זעהן אז דער פֿאטער זאל דארויף אויפֿמערקזאם געמאכט ווערען, און אויס ליעבע צו זיין טאכטער וועט ער זיא זעהן וואס שנעלער צו פֿערהייראטהען. אלבערט ליעגט קראנק, און איהר האט איצטער די בעסטע אויסזיכטען. קוים איז זיא אייער פֿרוי, דאן גיעב איך אייך א פֿלעשעלע בלוי־זויערע פֿון וועלכע זיא דארף נור א שמעק טהאן, און זיא איז פֿערטיג! דאס לאזט ניט איבער קיין סימן און ברענגט קיין חשד.

מאַריס האט א ווייליע איבערלעגט און האט דאן געזאגט: „גוט, איך וועל פֿרוּבירען אַרבייטען אויף דעם פּלאן״.

— און האנדעלט אויף שנעל, די צייט ווערט קורצער, און מישעל ברעמאָנט איז לאנדאָן ווערט אימער אונגעדולדיגער.

— זאגט מישעל ברעמאָנט, ווען איהר שרייבט איהם, ער זאל איינהאלטען אביסל זיינע אינגעדולד; עס טהוט זיך ניט אזוי לייכט ווי ער דיינקט. — איצטער געה איך, אויף וו־ערע׳ נעהט.

www.libtool.com.cn

— נאך א וואָרט איידער איהר געהט — האט לאַטירג איהם צוריקגעהאלטען: — ווייסט איהר וואס גראַף איוואַן טהוט? האט איהר איהם געזעהן?

— צייט אָקטאָוויע איז טויט האב איך איהם צווייא מאהל געטראָפען אין געזעלשאַפט.

— דערציילט ער וואס פון זיינע פּלענער?

— קיין וואָרט; ווען ניט דיא געשיכטע מיט דעם מאַנשעטענקנאָפּ, און ווען ניט זיין געשפּרעך מיט מיין מוטער, וועלכען איך האב צו מיין גליק אונטערגעהערט, וואלט איך נאך ביז היינט ניט געוואוסט זיין ריכטיגען נאמען און וואס ער טהוט אין פּאַריז.

— האט ער גערעדט מיט מאדאם ראָזיע וועגען לאַטירג, אלס ער האט איהר געבראַכט דעם קנאָפּ?

— ניין, אבער איך וויים אז ער האט פריהער מיט איהר געשפּראָכען וועגען איהם, און דאס ער האט אויך ניט בעמערקט לאַטירג אין דעם טויטען מאַן פון דער מאָרג.

— ניט דערקענט? — האט דער פאַלשער וואַן ברעקע אויסגערופען — האט ער איהם איבערהויפּט דען געקאַנט?

— גאַנץ געוויס!

— פון וואַנען ווייסט איהר דאס אלעס?

— פון מיין מוטער אליין. אלס זיא האט זיך מיר געגעבען צו דערקענען האט זיא מיר פערשיעדענעס דערציילט. איך קען מיך דעריבער איף קיין פאַל ניט איבערצייגען, דאס דער גוסטאַוו פעררייער, וועלכען איך האב אומגעבראַכט אין וואַגען איז ווירקליך געווען פּיער לאַטירג.

— מאַכט זיך ניט לעכערליך! — האט לאַטירג געענטפערט — וואס פאַר איין אינטערעסע האבען מיר דען אייך אפּצונאַרען?

מאַריס האט א ווײלע אנגעקוקט דעם פאַלשען קאַפּיטאַן וואַן־ברעקע גלייך אין דיא אויגען און האט נאך א קורצען שטילשווייגען געזאגט: „הערט מיך אויס ביידע! אויב איהר האט מיר געזאגט א ליגען, און דער מאַן וואס איך האב אומגעבראַכט איז ניט לאַטירג, און אויב איהר בענענט אמאָהל דעם אמת'ן לאַטירג וועלכער לעבט נאך, זאלט איהר איהם זאגען אין נאמען פון זיין זאהן, דאס איך האב ניט פערלאַנגט געבאָרען צו ווערען! מיין מוטער האט געגלויבט דיא פערזיכערונגען פון א שורקען, וועלכער האט איהר געשוואָרען טרייהייט, איך בין געבאָרען געוואָרען אין שמאך און שאַנדע, מיט אלע לאַסטער פון מיין פאַטער און מיין הערצען. איך בין געבאָרן געוואָרן צו זיין א מערדער וויא ער, אבער איך בין בעסער פון איהם. דיא ערגסטע פערברעכער האבען דאך נאך א מאהל עטוואס עהרע, ער האט עס ניט! ווען איהר האט מיר צום ערשטען מאהל ענטדעקט דאס איך האב אומגעבראַכט מיין פאַטער, האט איהר מיך געזעהען ציטערנדיג און בלאַס; פּיעלייכט האט איהר געמיינט אז דאס איז פאַר שרעק, ענטזעטצען און געוויסענביסע. אין ערשטען אויגענבליק איז דאס אפשר אויך אזוי געווען. דאן אבער האב איך דיא זאכע איבערלייגט, און איצטער בעדויער איך נאר איין זאך, נעמליך, וואס דער שטערבענדער לאַטירג האט ניט געוואוסט אז איך בין זיין זאהן,

www.libtool.com.cn

דער זאהן פון דעם פערוואָרפענעם שורקע, וואס האט מיך געלאזען געבאָרען ווערן אין נעפענגניס און האט געפרופט ברייננען מיין אונשולדיגע מוטער אויפ'ן עשאפאָט, אויף וועלכען איך אליין וועל פריהער אדער שפעטער אויך מוזען געהן. סיי ער לעבט און סיי ער איז טויט — איך פערפלוך זיין נאמען!“

דיא ביידע באנדיטען זיינען געווען איבערראשט פון דיעזע ווערטער און בעזאנ־דערס פון דעם טאן פון זיין שטימע און פון דער פינסטערער ליידענשאפט מיט וועלכע דיא ווערטער זיינען געשפראכען געווארען. לאטירג האט אויפגעשוידערט, וועהרענד מאריס האט נאך אמאהל וויעדערהאהלט: „האט עס אין זינען, מיינע העררען און ווען מיין פאטער לעבט נאך און איהר טרעפט איהם, זאלט איהר איהם זאגען אלעס וואס איהר האט פון מיר געהערט.“

— מיר וועלען אייער רעדע געדיינקען — האט ווערדיע געזאגט מיט א געצוואונ־גענעם געלעכטער — אין א דראמא אויפ'ן סצענע פון טהעאטער וואלט זיא געמאכט א גרויסען איינדרוק, אבער אייער פאטער, זאג איך אייך נאך א מאהל, איז טויט.

— יא, יא, אזוי איז עס! — האט לאטירג געפונען פיר נייטיג בייצושטימען.

אין דעם אויגענבליק איז ערשיענען דער שטוממער דאָמיניק, און האט דורך א צייכען אנגעזאגט, אז מיטאג־עסען איז פערטיג. דיא באנדיטען זיינען געגאנגען צו טיש, איבערלייגענדיג ביים עסען זייערע פלענער פון מאָרד און רויב, פונקט וויא קויפלייטע בעשפרעכען זייערע טעגליכע געשעפטען.

## 37טער קאפיטעל.

# דיא ליידען דער ליעבע.

צייט אָקטאוויע'ס טויט האט זיך דער יונגער גראף קוראוויאו זעהר וועניג גע־וויעזען אין געזעלשאפט. אנשטאט דיא פרעהליכע מאהלצייטען און בעלער ביי ברעבאנט און אנדערסוואו האט ער עס פאָרגעצויגען צו מאכען נור שטילע פריינדליכע בעזוכע ביי אזעלכע לייטע וועלכע האבען איהם געקענט ניטצען אין זיין אויפגאבע. ער האט א פאר מאהל בעזוכט דעם אונטערזוכונגס־ריכטער גיבריי צוזאמען מיט זיין פריינד ד'אר־פעל, און דארט איז ער בעקאנט געווארען מיט דעם יונגען קראנקען אלבערט, וועלכען ער האט זעהר ליעב געקראָגען. גיבריי איז זעהר צופריעדען געווען מיט דיא בעזוכע פון ז'עם יונגען גראף, וועלכער איז איהם געפעלען געוועזען, און האט מיט דער גרעסטער צופריעדענהייט צוגעזעהן דיא וואכסענדע פריינדשאפט צווישען איהם און אלבערט.

ביי דעם קראנקענבעט פון דעם יונגען גיבריי פלעגען זיך אפט צוזאמענטרעפען דער גראף, ד'ארפעל און דער יונגער ארטילעריע־אָפיציער, דער פריינד פון אלבערט. וואס האט איהם ארויסגעשלעפט פון וואסער אין ווענסען, ווען ער איז איינגעבראָכען.

אויך היינט, אן דעם טאג פון וועלכען מיר דערציילען, האט דער גראף קוראוו־יאָו געפריהשטיקט ביי פאול גיבריי און האט זיך געהאלטען בערייט צו צובריינגען א פאר שטונדען ביי דעם קראנקען אלבערט.

ביים עססען האט דער רוססע בעמערקט: „האט איהר שוין וועלכע שפור פון אָקטאוויע'ס מערדער, הערר גיבריי? וויא עס שיינט וועט זיך דיעזער מערדער ארויס־

www.libtool.com.cn

דרייען פון דיא הענד פון דער גערעכטיגקייט, פונקט וויא דער מערדער פון פערלאשעז."

— ליידער שיינט עס אזוי, מיין ליעבער גראף; איך בין פערצווייפעלט און איך שעם מיך, אבער איך מוז צוגעבען דאס מיר זיינען אָהנמעכטיג.

— און דאך זאגט מען אין אויסלאנד אז דיא פאריזער פּאָליציי איז דיא בעסטע אין אייראָפּא.

— דאס איז אויך אמת; איך האב זיך אנגעזעהן גענוג קונסט־שטיקער פון אונ־זערע אַגענטען, אין דעם פאל אבער שיינט עס אז זיי געהן מיט פערבונדענע אויגען.

— דאן מוזען דיא שורקען געווים אונגעהייר געשיקט זיין, ווען מען קען זיי ניט געפינען נאך אזוי פיעל זוכען.

— פיעלייכט יא, און פיעלייכט איז עס נור צופאל; יעדען אויגענבליק גלויבען מיר אז מיר האבען עטוואס געפונען, אז מיר זיינען אויף דער שפור, אבער דיעזעס עטוואס צורינט אין אונזערע הענד, און דער פאָדעם רייסט ווידער צווישען אונזערע פינגער אין מיר ווייסען ניט וואו מיר האלטען.

— גלויבט איהר אז אָקטאוויע'ס טויט שטעהט אין פערבינדונג מיט דיא ביידע אנדערע פערברעכען? — האט דער גראף געפרעגט.

— מיר שיינט דאס גאנץ געווים.

— האט איהר וועניגסטענס ערפאהרען ווער אָקטאוויע איז, פון וואנען זיא שטאמט?

— ניין, קיין האר!

— און לאַטירג?

— איז ניט צו געפינען! איך גלויב מיר וועלען מוזען צום שיין אויפהערן נאכצר זוכען, דאמיט דיא פערברעכער זאלען זיך אנהויבען זיכערער צו פיהלען און אויפהערן זיך אזוי צו היטען. מיר טרייבען עס פיעלייכט אזוי וויט דורך דיא צייטונגען בעקאנט צו מאכען, אז אין דעם קאמפף מיט דיא אונבעקאנטע פערברעכער פיהלט זיך דיא פּאָליציי אונטערלעגען.

— דאס שיינט זעהר פיין אויסגעדאכט און א גוטער מיטעל צום פאנגען א פער־ברעכער.

— דאס איז ניט ניי, אבער עס האט אימער זיינע גוטע ווירקונג. דיא געשייט־עסטע פערברעכער פאלען אריין אין דעם נעטץ.

אזוי פלוידערנדיג איז דער אונטערזוכונגס־ריכטער אויפגעשטאנען פון טיש; דער גראף האט געטהאן דאסזעלבע און ביידע זיינען געגאנגען אין אלבערט'ס צימער.

דער ארעמער אלבערט האט אויסגעזעהן זעהר פערענדערט. זיינע באקען זיינען געווען איינגעפאלען, דיא געזיכטס־פארבע טויט־בלאס און דיא אויגען טיעף געזונקען.

ניברויי האט ניט לאנג געקענט בלייבען אין צימער, דען דער אנבליק פון דעם נעליעבטען זאהן, וועלכער איז אמאהל געווען אזוי בליהענד־שעהן און געזונד, האט איהם צוזאמענגעפרעסט דאס הערץ און ער האט געמוזט שנעל פערלאזען דאס צימער, אום צו פארבארגען זיין אויפרעגונג פון דעם קראנקען.

אלס אלבערט האט זיך געפונען אליין מיט דעם גראף קוראוויאָוו, האט ער זיך

www.libtool.com.cn

צו איהם געווענדעט: „מיין ליעבער גראף, איך האב פאר מיין פאטער ניט געוואלט דערמאהנען א נאמען, וועלכער איז איהם ניט אנגענעהם צו הערן, אבער מיט אייך וויל איך וועגען דעם ריידען."

— איהר מעגט ריידען, ליעבער פריינד, וואס ווילט איהר וויסען?

— איך וואלט וועלען ערפאהרען, אויב הערר ברעסאל איז דא היינט געווען, אום נאכצופרעגען וואס איך מאך.

— ליידער קען איך אייך דארויף קיינע אנטווארט געבען, דען אייער פאטער האט מיר דערפון גאר ניט געזאגט, אבער איך בין שוין דא אזוי לאנג און וואלט געוויס געהערט, ווען איינער וואלט אהער געקומען פון דיא ברעסאלס.

אלבערט האט זיך טיעף אפגעזיפצט: „איך היינט קיינער ניט — האט ער געקלאגט — שוין אכט טאג וויא קיינער איז דא פון זיי ניט געווען; זיי פערגעסען מיך אין גאנצען, האלטען מיך שוין פיעלייכט טויט!"

— מען האט אייך ניט פערגעסען, איך וויים עם גאנץ בעשטימט — האט דער רוסע געענטפערט.

— ווארום אבער קומט קיינער ניט פון זיי אהער, אדער ווארום שיקען זיי ניט מינדעסטענס ווענען עס איז, אום זיך צו ערקונדיגען וועגען מיר?

— אזוי וויט וויא איך האב ערפאהרען פון מיין פריינד ד'ארפעל, איז מאריע קראנק און ברעסאל, אלס צערטליכער פאטער, דיינקט ניט מעהר פון קיין זאך אי דער וועלט.

— מאריע איז אזוי קראנק וויא איך — האט אלבערט געמורמעלט — פון איהר האב איך דאס געוואלט ריידען מיט אייך; ווייסט איהר וויא איהר געהט?

— איך האב געהערט זיא איז ארוים פון געפאהר, אבער נאך אימער שוואך.

— עס איז אונרעכט פון איהר, ניט צו שרייבען א פאר ווערטער צו מיר.

— דאס וואלט ניט געפאסט, מיין ליעבער אלבערט, א יונגע מיידיל זאל שרייבען צו א יונגען מאן.

— ווארום ניט? ווען דער יונגער מאן ליעגט אין שטערבען, האט ער דאס רעכט פון איין אלטען. איך בין נעהענטער צום קבר וויא מאנכער אלטער.

— א, אלבערט, רעדט ניט אזא אונזינן — האט דער גראף זיך אנגעבייזערט— עס איז אונרעכט און ניט אמת! איהר ווייסט אליין אז איך געהט איצטער בעסער, צו וואס זאלט איהר אייך שווער מאכען דאס הערץ מיט אזעלכע פאלשע געדאנקען?

— איך בעט אום ענטשולדיגונג — האט אלבערט געזאגט, רייכענדיג דעם גראף זיין האנד — אבער איך ליעב מאריע מיט דער גאנצער זעעלע, און מיר ווערט שרעק־ליך ביי דעם געדאנקען, דאס פיעלייכט זעה איך זיא ניט מעהר.

דער גראף האט זיך געפיהלט זעהר בעוועגט, האט אבער זיין בעוועגונג אונטער־דריקט און האט געזאגט: „איהר האט אייך געגענזייטיג ליעב, און נור דער שיקזאל האט איהם געשיעדען; דער בייזער שיקזאל וועט אריבערגעהן, און איהר וועט ווידער זיין פעראייניגט.

www.libtool.com.cn

— אָך, ווען איך זאָל דאָס קענען האָפען! דער געדאַנקען וואָלט מיר ניי בעד־לעבט. איך וויל אייך בעטען אַ געפעליגקייט, ליעבער גראַף.

— איך זאָג אייך אין פאָראוים צו אַלעס פיר אייך צו טהאָן, אָבער איך בעט אייך, רעדט וואָס ווייניגער, און בעזאָנדערס, רעדט ניט פון אַזעלכע זאַכען וואָס מאַכען אייך בעטריעבט. איהר האָט נייטיג רוהע אום געזונד צו ווערען.

— קענט איהר גאַבריעל סערוועט?

— דעם יונגען מאַלער? — געוויס, איך קען איהם און בעוואונ־דער איהם.

— איהר ווייסט, ער איז מיין פריינד; איידער איך בין קראַנק געוואָרען האָב איך געאַרבייטעט אין זיין קונסטווערקשטאַט; דאָרט האָט ער אָנגעפאַנגען אַ בילד פון מאַריע, וועלכעס ער האָט נאָך ניט גענענדיגט. ווילט איהר אַזוי פריינדליך זיין און אַריבערגעהן אַהין?

— אום צו זעהען דאָס בילד? — האָט דער גראַף געפרעגט שמייכלענדיג.

— ניין, דעם מאַלער. איך וויל איהם בעטען, ער זאָל מיר מאַכען אַ קליינעס מעדאַליאָן־פּאָרטרעט נאָך דעם בילד. איך האָף, ער וועט עס מיר ניט ענטזאָגען, וויל ער ווייס וואָס פאַר אַ פריידע ער וועט מיר דערמיט פערשאַפען, ווען איך וועל אימער קענען זעהן פאַר מיר דאָס זיסע געזיכט פון מאַריע.

אַלבערט האָט דיא לעצטע ווערטער ווידער געזאָגט אין אויפרעגונג, און דער גראַף האָט איהם געזוכט צו בערוהיגען, דערמאָהנענדיג איהם, וויא שעדליך דיא אויפ־רעגונג איז פאַר זיין געזונד, און האָט איהם צו גלייכער צייט פערשפּראָכען אויסצופיה־רען גלייך זיין אויפטראַג.

גראַף איוואַן איז פון גיבריי גלייך אוועקגעפאָהרען צום מאַלער סערוועט, האָט איהם אָבער ניט געטראָפען צו הויז, און האָט איבערגעלאָזען ביים דיענער זיין וויזיט־קאַרטע מיט דער בעמערקונג, דאָס ער וועט מאָרגען ווידער קומען.

ניט ווייניגער פון אַלבערט האָט אויך געליטען דיא קראַנקע מאַריע, וועלכע האָט אין דעמזעלבינגען טאָג אויסגעדריקט איהר טרויעריגען צושטאַנד, אין דעם בריעף, וועלכען זיא האָט געשיקט צו סימאָנע, נאָך דעם פאַנסיאָן פון מאַדאַם דיבעף, וואו זיא איז נאָך אימער געווען אויפזועהערין פון וועשע, געליעבט און געאַכטעט פון דער הויז־ווירטהין וויא פון אַלע שילערינען און אַנגעשטעלטע. דער בריעף האָט געלויטעט וויא פאָלגט:

מיינע ליעבע סימאָנע,

„איך האָב געהערט אַז איהר זייט דאַ עטליכע מאָל געוועזען אום זיך צו ערקונ־דיגען וועגען מיר, אָבער איהר האָט ניט געקענט ריידען ניט מיט מיר און ניט מיט מיין פאַטער. איך בין געוועזען קראַנק, זעהר קראַנק; הייגט פיהל איך מיך עטוואָס בע־סער. אָבגלייך איך בין נאָך ווייט פון געזונד, און איך וואָלט מיך זעהר פרייען, ווען איך זאָל אייך קענען זעהן. מאָרגען איז זאָנטאַג, דער טאָג ווען איהר קענט אויסגעהן. איהר וועט מיר פיעל פערגעניגען מאַכען, ווען איהר וועט צו אונז אַריבערקומען. איהר ווייסט וויא איך האָב אייך ליעב, און אייער בעזוך וועט מיך זעהר פרייען. איצטער זייט

www.libtool.com.cn

איהר דיא גליקליכע, ווייל איהר זייט געזונד, וועהרענד איך וועל פיעליכט מוזען שטארבען אלזאָ, אויף מארגען. מיינע ליעבע סימאָנע,

אייער פריינדין, מאריע ברעסאָל."

וועהרענד מאריע האט געשריעבען דיעזען בריעף ביי זיך אין צימער, איז מאָריס געקומען אין הויז פון דיא ברעסאָלס. ער האט געפאסט דעם ענטשלוס דורכצופיהרען דעם פאָרשלאג פון זיינע קאמעראדען אזוי שנעל וויא נור מעגליך, און צו מאכען אז זיין הייראט מיט מאריע זאל צו שטאנדע געבראכט ווערען וואס פריהער. זיינע יעצטיגע עקזיסטענץ וואס איז פול פערברעכען, געפאהרען, שרעקען און אנגסטען האט איהם אנגעהויבען מיעד צו מאכען. ער האט געוואלט וואס שנעלער קומען צום ציעל, ערוייבען זיין זיסען טרוים, ערהאלטען זיין טהייל אין דער ירושה, און דאן לעבען אלס גוטער בירגער און מיליאָנער.

— אין נור דיא ירושה צוטהיילט — האט דער יונגער מאן געזאגט צו זיך אליין — דאן מעג דער אבבע מעריס מיט דעם קאפיטאן וואן-ברעקע געהן צו אלע טייפעל נאך אמעריקא אדער אסט-אינדיען; מיט זיי וועט אויך פערשווינדען יעדע מעגליכקייט פיר דיא פאליציי אויסצונעפינען א מאהל וועלכע שפור. דאן איז פיר מיך מעהר קיין געפאהר ניטא; דאן וועל איך האבען רוהע און פריעדען פיר גייסט און הערץ, קיינע געוויסענביסע און פיעל געלד. דאס איז א גלענצענדע אויסזיכט!

מיט דיעזע געדאנקען איז ער אנגעקומען אין ברעסאָל'ס הויז גראדע צו דער צייט ווען דער הויז-דאקטאר מאכט זיין טעגליכען וויזיט. דיעזער איז געקומען נור עטליכע מינוטען נאך איהם און ביידע האבען זיך צוזאממענגעטראפען אין פאָרדער-צימער.

— גוט מארגען, הערר וואסייר! — האט איהם דער דאקטאר בעגריסט — וואס הערט זיך דאָ נייעס?

— איך ווייס עס נאך ניט, דאקטאר, איך בין איצטער-ערשט אהער געקומען.

— וואו איז הערר ברעסאָל? האט זיך דער דאקטאר געווענדעט צו א דיענער.

— אין זאל, הערר דאקטאר, אין געשעפטען מיט מאדאם און איין אדוואָקאטען.

— איז פריילין מאריע אויסגעגאנגען?

— אָה, ניין, זיא איז אין איהר צימער.

— אין צימער ביי אזא שיינעם וועטער! — האט זיך דער דאקטאר געערגערט — זיך איינצומויערן, אנשטאט צו אטהמען פרישע לופט און צו געניעסען זאָנענשיין! צו ליעגען אין פינסטערע געדאנקען, וועהרענד מען האט נייטיג צערשטרייאונג! ווען דאס וועט ניט באלד אויפהערען ענטזאג איך מיך איבערהויפט אין דעם הויז צו פראקטיצירען און הערר ברעסאָל מעג שיקען נאך אנאנדער ארצט.

— געהט איהר גלייך צו פריילין מאריע ארויף, הערר דאקטאר?

— ניין, איך וויל פריהער נאך ריידען מיט הערן ברעסאָל און וועל איהם דא ערווארטען.

— דען ווארטען מיר צוזאמען — האט מאריס געזאגט — לאָמיר געהן אין רויכ-צימער, מיר וואלט זעהר ליעב געווען מיט אייך עטליכע ווערטער צו ריידען.

www.libtool.com.cn

ביידע מענער זיינען אריין אין רויכ־צימער, און נאכדעם וויא דער דאקטאר האט אנגעצונדען א ציגאר, האט ער געפרעגט: „אום וואס האנדעלט זיך דא?“

— אום פריילין מאריע — האט מאָרים געענטפערט.

— אין וועלכער הינזיכט?

— אין בעצוג אויף איהר קראנקהייט. און האב געהערט, הערר דאקטאר, וויא איהר האט ארויסגעזאגט דיא מיינונג, דאס א טהייל פון דעם שלאנגען-גיפט איז נאך געבליבען אין פריילין ברעסאָל'ס קערפער, און פאָלשטענדיג געהיילט דערפון וואלט זיא נור דאן ווערען, ווען זיא זאל הייראטהען און ווערען מוטער. איז עס אזוי?

— גאנץ ריכטיג, דאס איז דיא אנזיכט פון דיא גרעסטע קעפּ אין מעדיצין.

— האט איהר וועגען דעם געפרופט ריידען מיט העררן ברעסאָל?

— ניין.

— אבער ווארום ניט?

— צו וואס זאל איך ריידען פון א זאך וואס קען ניט דורכגעפיהרט ווערן?

— פאר וואס קען זיא ניט דורכגעפיהרט ווערען?

— פריילין ברעסאָל ליעבט דעם יונגען גיבריי, וועלכער האט זיך אזוי מוטהיג פיר זיא געאָפּפערט; אבער הערר גיבריי איז זעהר קראנק און, וויא וויית איך האב געהערט, צווייפלען דיא דאָקטוירים אויב ער וועט געזונד ווערן. עס איז אלזא אונמעגליך פון איהם צו דיינקען. נור לאָמיר שוין אננעהמען, דאס פריילין ברעסאָל וועט נאכגעבען דעם וואונש פון איהר פאטער, און אום זיך צו רעטען פון דער שלעפּענדער קראנקהייט, וועט זיא איינווילליגען צו ווערען דיא פרוי פון איין אנדערן — אבער וואו וועט זיך געפינען דער מאן וואס וועט וועלען הייראטהען א שוואכע, קראנקע, אויסגעדארטע פרוי?

— דיעזער מאן איז דא, הערר דאָקטאר!

— מיט וואס פאר א געוויסהייט איהר זאגט עס! זייט איהר פיליכט......

— יא, יא — האט זאהן פון דער פאליציי-אגענטין געענטפערט — איך ליעב פריילין ברעסאָל שוין פון לאנג; איך ליעב זיא מיט מיין גאנצער זעעלע און ווען איך האב איהר עס ביז היינט ניט ארויסגעוויעזען, איז עס נור דערפאר וואס איך האב געוואוסט, דאס איהר הערץ געהערט צו אנאנדערן. אבער יענער אנדערער איז איצט גאר טויט־קראנק, וויא איהר אליין האט איצטער געזאגט און עס איז ניט פיעל האפנונג דא ער זאל געזונד ווערען. גאט איז מיין עדות, דאס ווען איך זאל וויסען, אז אלבערט גיבריי איז אים שטאנדע מאריע צו רעטען, דורך דעם וואס ער זאל זיא הייראטהען, וואלט איך ווייטער געשוויעגען. איך וואלט דאס געהיימניס פון מיינע ליעבע בגראבען אויף דעם גרונד פון מיין הערצען, וויא איך האב געטהאן ביז היינטיגען טאג; אבער אלבערט גיבריי ליעגט אין שטערבען און דעריבער רייד איך. עס איז מיין היליגסטער וואונש, פריילין ברעסאָל צו הייראטהען און זיא צו רעטען.

— עס פרייט מיך צו וויסען — האט דער דאקטאר געענטפערט — איהר זייט איין עדלער מענש, גיט מיר אייער האנד! איצטער הינדערט מיר קיין זאך ניט צו

www.libtool.com.cn
רעדען מיט העררן ברעסאל וועגען אזא דעליקאטע זאך, פון וועלבע איך האב פריהער ניט געוואגט צו דערמאהנען. דא קומט הערר ברעסאל מיט מאדאם.

לודאוויק און וואלענטינע זיינען ארויסגעקומען פון זאל און זיינען געגאנגען גלייך צו דיא געסט.

— ענטשולדיגט מיר וואס איך האב אייך געלאזען ווארטען, ליעבע פריינדע — האט ברעסאל אנגעפאנגען, — איך האב געהאט געשעפטע.

— איך האב געפלוידערט מיט העררן וואסייר און דיא צייט איז מיר ניט לאנג־וויליג געוועזן — האט דער דאקטאר געענטפערט — ווען איהר ערלויבט, געהען מיר איצטער צו אונזער חולה.

— מעג איך אייך אויך בעגלייטען, אום צו ערפאהרען שנעלער וואס מאריע מאכט? — האט מארים געפרעגט.

— געווים — האט וואלענטינע געענטפערט — מאריע איז שוין פון צוויי שטונ־דען אויפגעשטאנען.

אלע זיינען א ויף אויף׳ן ערשטען שטאק, וואו עס האט זיך געפונען דאס צימער פון מאריע. אין א מארגען־קלייד פון ווייסען קאשמיר איז מאריע געזעסען האלב־ליעגענ־דיג אויף א דיוואן, ווייס וויא אלבאסטער און אזוי מאגער, דאס זיא איז כמעט געוועזן דורכזיכטיג, מיט איין אראפגעלאזענעם קאפ. איהר פינסטערער בליק האט בעוויעזען, וועלכע טרויעריגע געדאנקען עס געהן איהר דורכ׳ן קאפ. ביים איינטריט פון דאקטאר האט זיא קוים א שמייכעל געטהאן און האט איהם געררייכט דיא האנד.

— וויא געהט עס אייך, ליעבעס קינד? — האט דער דאקטאר געפרעגט.

— וויא געסטערן און פארגעסטערן — האט זיא טרויעריג געענטפערט — איך גלויב עס וועט מיר ווידער געהן גוט.

— לאמיר נור זעהן וואו איהר האלט.

דער דאקטאר האט זיך געזעצט נעבען מאריע, האט גענומען איהרע הענד אין זיינע און האט געפיהלט איהר פולס. ער האט געשלאגען אונרעגעלמעסיג און דיא הענד זיינען געוועזן הייס און פייכט.

— קוקט מיר אריין אין געזיכט — האט ער דאן געזאגט.

מאריע האט אויפגעשלאגען איהרע גרויסע אויגען, וועלכע ער האט אויפמערק־זאם בעטראכטעט.

וועהרענד דער אונטערזוכונג האט דער דאקטאר געקנייטשט דעם שטערן וועל־כעס איז געוועזן א בייזער סימן, און וויא ברעסאל אזוי מארים האבען עס בעמערקט.

— האט איהר היינט גענומען מעדיצין? — האט דער דאקטאר געפרעגט.

— יא, צו דער בעשטימטען שטונדע.

— און וואס האט איהר דערנאך געטהאן?

— איך האב געוואלט לעזען, אבער דאס האט מיך מיעד געמאכט; איך האב אוועקגעווארפען דאס בוך, און האב אנגעהויבען צו דיינקען.

— דאס פערביעט איך אייך איינמאל פאר אלע מאל!

— איהר ווילט מיר פערביעטען צו דיינקען?

www.libtool.com.cn

— יא, דאס דיינקען, דאס פאַנטאַזירען און ריידין מיט זיך אַלין מאַכט אייך טרויעריג; איהר מוזט האבען ווירקליכע צערשטרייאונג, איהר מוזט זיך בעוועגען, איהר מוזט אויסגעהן!

— איך בין נאָך אבער צו שוואַך.

— דיא שוואַכקייט מוז דורך בעוועגונג פאַרטריעבען ווערען.

— אבער מיר איז אזוי אנגענעהם צו זיין אליין אין שטוב!

— אָט־דאָס איז דאס אונגליק! — האט דער דאָקטאָר אויסגערופען — אייך ווילט זיך פאַנטאַזירען, קלערן איבערן קאָפּ — דאס געהט ניט! איהר דאַרפט האבען פרישע לופט, בעוועגונג און קערפּערליכע מיעדיגקייט. פון היינט אָן זאָלט איהר יעדען טאג געהן איין שטונדע אין א פּאַרק און א פּאָר שטונדען ביי א קאָנצערט אדער אין א מוזעאום אום מיעד צו ווערען, דאן וועט שוין דער שלאָף קומען. איך וועטע, איהר האט היינט ביי נאַכט ניט געשלאָפען.

— מינדעסטענס זעהר שלעכט געשלאָפען.

— נו, זעהט איהר, דאס מאַכט אלץ וואס מען זיצט פערשפּאַרט אין צימער. ווען איהר וועט מיר פאָלגען וועט איהר באלד געזונד ווערען און איהר וועט בערוהיגען אייערע גוטע פריינדע און אייערע עלטערן. וועלכע ווילען אייך גליקליך מאַכען.

א בייזער שמייכעל האט זיך בעוויעזען אויף וואַלענטינעס געזיכט, וועהרענד לודאָוויק ברעסאָל האט מיט דער טיעפסטער ריהרונג גענומען מאַריע אין זיינע ארעמס און האט איהר איינגעראָמט אין אויער: „פאָלג דעם דאָקטאָר, ליעבע טאָכטער, ווער געזונד מיר צוליעב; פאַרטרייב דיא פינסטערע געדאַנקען און דיא שווערע זאָרגען, וועלכע דוא נעהמסט זיך גאַנץ אומזיסט. ווער וויעדער מונטער און געזונד אויב דוא ווילסט ניט אז איך זאָל אומקומען פון קומער“.

מאַריע האט אפּגעשפּאַרט איהר קאָפּ אויפ׳ן שולטער פון איהר פאַטער און האט געענטפערט: „דוא ווייסט וויא ליעב איך האב דיך, פאַטער, איך וויל אלעס ריכטיג טהאָן, זיי אונבעזאָרגט וועגען מיך, איך וועל מיך שנעל ערהאָלען“.

דאס יונגע מיידיל האט זיך צו־וויינט אין דער אומאַרמונג פון פאַטער, און לודאָוויק האט געשלוכצט פאר אויפרעגונג. וואַלענטינע האט זיך געמאַכט ווישענדיג דיא אויגען, און ביי מאָריס׳ן זיינען דיא אויגען געוואָרען פייכט. ער האט עס פערשטאַנען זיך צו מאַכען א רחמנות־פּנים ווען ער האט געוואָלט.

— נו, נו, גענוג זיך אויפצורעגען, מיין ליעבער חולה — האט דער דאָקטאָר געזאגט — איהר זאָלט נור טהאָן וואס איך הייס און אלעס וועט גוט זיין. גלייך היינט מוזט איהר אנהויבען אויסצוגעהן, און אייער העררר פאַטער מיט העררן וואַסייר וועלען אייך בעגלייטען. הערר וואַסייר האט מיך פערזיכערט דאס ער וועט זיך פיהלען גליקליך און שטאָלץ צו זיין אייער פיהרער דורך פּאַריז, וועלכעס ער קען אזוי גוט.

מאַריע האט אויפגעהויבען דיא אויגען אויף מאָריס, וועלכער האט צו איהר געשמייכעלט, און האט געזאגט: „איך נעהם אן אייערע דיענסטע“.

קוים האט מאַריע ברעסאָל ארויסגערעדט דיעזע ווערטער, אלס מאָריסעס געזיכט האט אויפגעשטראַהלט פאר פריידע. „אָ, פריילין! — האט ער אויסגערופען —

www.libtool.com.cn

וויא גליקליך מאכט איהר מיך דערמיט וואס איהר נעהמט מיך פאר אייער פיהרער! איהר וועט עס קיינמאהל ניט בעדויערן! איך נעהם זיך אונטער אייך יעדען טאג צ ווייזען עטוואס נייעס און אינטערעסאנטעס. מארגען ווערט געעפענט דיא בילדער־אויסשטעלונג אין אינדוסטריע־פאלאסט; ווילט איהר מיט מיר געהן אהין?

— זעהר גערן! — האט מאריע לעבהאפט אויסגערופען — דאס איז א גוטער געדאנקען; מיר וועלען אלזא קענען זעהן דאס בילד וואס הערר גאבריעל סערוועט וועט אויסשטעלען. ווען דאס פובליקום זאל אורטהיילען ריכטיג, מוז יענעס בילד האבען א גרויסען ערפאלג, ניט וואהר פאטער?

— דוא דיינקסט וויא איך, מיין טאכטער — האט לודאוויק געענטפערט.

— איהר זאלט נור ניט מורא האבען פאר ערמיעדונג — האט דער דאקטאר נאך אמאל געזאגט — איך זעה שוין אין פאראויס דאס א ביסל צערשטרייאונג און בעוועגונג וועט האבען אויף אייך דיא בעסטע ווירקונג.

— איך וועל מיך בעמיהען אייך צו פאלגען.

— אויסגעצייכענט! אלזא, אויף מארגען, מיין פריילין!

אלע פיר האבען פארלאזען דאס צימער און זיינען אריין אין זאל.

— נור פירצעהן טאגע צערשטרייאונג און דיא גייסטיגע ליידען פון אונזער קראנקער וועט זיין וויא פערשוואונדען. איצטער מוז מען זיך אבער אויך בעשעפטיגען מיט דער היילונג פון איהר קערפער, וועלכעס איז ניט ווייניגער וויכטיג. ליעבער הערר וואסייר, איך מוז אייך בעטען מיך איבערצולאזען א ווייל אליין מיט הערען און מאדאם ברעסאל.

— איך וויל אבשיעד נעהמען — האט מאריס בעמערקט.

— א, ניין — האט איהם דער דאקטאר אונטערבראכען — מען דארף אייך דא האבען. איך האב אויף אייך גערעכענט איהר זאלט פריילין מאריע אביסל אויפ־מונטערן, קיינער פערשטעהט עס אזוי גוט וויא איהר. געהט יעצט, אבער קומט גלייך צוריק, אונזער געשפרעך וועט נעהמען ניט מעהר וויא פינף מינוטען.

— דאן וועל איך ווארטען אין רויך־צימער — האט מאריס געזאגט און איז ארויסגעגאנגען.

— מיין ליעבער פריינד, אום וואס האנדעלט זיך דא? — האט לודאוויק זיך געווענדעט צום דאקטאר — רעדט שנעל, דען איך שטעה וויא אויף קאהלען

— איהר וועט ניט לאנג ווארטען: דא האנדעלט זיך נור דארום, איהר זאלט אייער טאכטער פערהייראטהען.

— פערהייראטהען!? — האבען אויסגערופען לודאוויק און וואלענטינע צוגלייך.

— יא, און דאס וואס שנעלער!

— ערקלערט אייך דייטליכער, ליעבער דאקטאר.

— דאס וויל איך. איך האב אייך שוין פריהער אמאהל געזאגט דאס אין דעם קערפער פון אייער טאכטער איז נאך געבליעבען עטוואס שלאנגען־גיפט, וועלכעס לאזט זיא צו זיך ניט קומען און דאס בעסטע מיטעל דערצו איז צו הייראטהען און מוטער צו ווערען. איהר מוזט עס אבער טהאן שנעל.

www.libtool.com.cn

וואלענטינע האט געציטערט אין גאנצען קערפּער, דען זיא האט אנגעהובען צו פערשטעהן, אז דא האנדעלט זיך וועגען מאריס. לודאוויק האט טרויעריג געשוויעגען.

— וויא, איהר ענטפערט גאר ניט? — האט דער דאקטאר געפרעגט.

— וואס קען איך אייך ענטפערן? — האט דער אונגליקליכער פאטער געזיפצט, איך זעה פאר מיר אזעלכע הינדערניסע, פון וועלכע איהר דענקט גאר ניט. איהר ווייסט דאך עטוואס פון דעם וואס עס געהט פאר אין מאריע'ס הערצען; זיא ליעבט אלבערט גיברייא און דיעזער איז געפעהרליך קראנק. ווען ער זאל אפילו געזונד ווערען — ווער ווייס וויא לאנג דאס קען נאך נעהמען. און ריידען מיט מאריע פון הייראטהען אין אנדערן ווען עס זיא טערטע.

— דאס איז ניט אזוי געפעהרליך — האט דער דאקטאר געענטפערט — איך בין ניט אזוי ראָמאנטיש און איך דיינק, אז ווען איהר זאלט עס פון איהר פאָרדערן ווענט זיא אייך פאלגען.

— זיא וועט זיך אויפאפפערן צוליעב מיר.

— וואס שאדעט עס, ווען דאס אָפּפער איז צו איהר אייגענער רעטונג.

— אין מאריעס יאהרען ווייס נאך דאס הערץ ניט וואס עס פערלאנגט — האט וואלענטינע אריינגערעדט — זיא וועט זיך שנעל טרייסטען און פערגעסען; איבריגענס ווענט מאריע'ס ליעבע צו אלבערט גיברייא באלד ניט מעהר זיין וויא איינע ערינערונג, וויל דיא דאקטורים האבען איהם שוין לאנג אויפגעגעבען.

— מאדאם האט רעכט — האט דער דאקטאר בעשטעטיגט.

— אבער ווען אפילו אזוי — האט לודאוויק געענטפערט — ווער וועט דאס וועלען הייראטהען א שוואכע קראנקע מיידיל וואס האלט זיך קוים אויף דיא פיס, מיט דער געפאהר צו בלייבען איין אלמן אין א האלב יאהר?

— איהר דיינקט עס וועט זיך ניט געפינען א מאן וואס האט ליעב געגוג אייער מאריע, אז ער זאל וועלען טהאן אזא טריט אום זיא צו רעטען?

— איך ווייס ניט פון אזא מאן.

— און איך ווייס.

— קענט איהר איהם פיעלייכט?

— יא, און איהר קענט איהם אויך. ער איז א ליעבענסווירדיגער עדלער מאן, וועלכער פערגעטערט אייער טאכטער און פערעהרט אייך אלס איהר פאטער.

— וויא הייסט ער דען, דיעזער מאן?

— מאָריס וואסייר!

— איך האב עס שוין פריהער פערשטאנען — האט וואלענטינע אויסגערופען מיט טריאומף און צארן געמישט — איך האב געוואוסט אז ער קומט אהער נור צוליעב מאריע. איך האב עס דיר שוין געזאגט, און דוא מוזט דיר דיא זאך איבערלייגען.

— אייער טאכטער איז אין הערצען וואסייר ניט פערליעבט, אבער זיא שיינט צו פיהלען א פריינדשאפט צו איהם — האט דער דאקטאר געזאגט — און דערפון ווערט שוין זעהר אָפט בעשאפען א ווארעמערעס געפיהל. מאָריס וועט דערמיט אנפאנגען מאריע צו בעגלייטען איבעראל, זיא צו צערשטרייען, און זיא וועט באלד ניט קענען

www.libtool.com.cn

אויסקומען אהן איהם. איך האב איהם דעריבער אויך בעשטימט צום בעגלייטער און פיהרער פון אונזער קראנקער. האב איך אונרעכט געטהאן?

— ניין, געוויס ניט — האט ברעסאל געענטפערט, דריקענדיג דעם דאקטאר'ס האנד — אייערע אבזיכטען זיינען געוויס גוט און איהר האנדעלט וויא א פריינד.

— ווען איהר אלזא פאלגען מיין ראטה?

— וויא קען איך דען אנדערש טהאן? ווען איהר זאגט אז דיעזע הייראטה איז נייטיג אום מאריע צו רעטען, קען איך דען אנדערש האנדלען? אזא פעראנטוואָרט־ליכקייט אויף זיך צו נעהמען וואלט געווען א פערברעכען.

— איהר וויללינט אלזאָ איין אין דיא הייראטה, און מארים וואסייר איז אייך רעכט אלס שוויגערזאהן?

לודאָוויק ברעסאל האט זיך טיעף אָפגעזיפצט און האט נאך א קורצען שטיל־שוויינגען געענטפערט: „געוועהלט וואלט איך איהם ניט, אבער ביי דיעזער לאגע מוז איך זיין אָפּפער אננעהמען. נאך היינט וועל איך מיט מאריע רידען.

— ניין, ניין, דאס איז צו שנעל האט דער דאקטאר אונטערבראכען — צו פיעל האסט קען אלעס פערדערבען. דאס דארף געטהאן ווערען שנעל, אבער ניט צו איבער־איילט. אזוי שנעל וויא אייער טאכטער וועט געווינען עטוואס מונטערקייט און וועט ווערן שטארקער וועל איך אייך געבען א צייכען צו האנדלען.

— ווארטען וועל איך גערן, דען דער געדאנקען אן דאס וואס איך האב מאריע צו זאגען ערפילט מיך מיט שרעק.

— אויך צו מארים זאלט איהר קיין וואָרט ניט זאגען, איידער איהר ווייסט וואס מאריע דיינקט טאָר מאָרים ניט האָפען.

— אבגעמאכט!

— אלזאָ, אויף מארגען!

דער דאקטאר האט וואלענטינע און לודאָוויק געדריקט דיא הענד, און איז גע־גאנגען אין רויכצימער, וואו מארים האט איהם ערוואַרטעט, וויא עס האט אויסגעוויזען, זעהר פערטיעפט אין א צייטונג. אלס ער האט דערזעהן דעם דאקטאר האט ער אויפ־געהויבען דעם קאפּ און געפרעגט: „נון?"

— אלעס געהט גוט, ליעבער פריינד! נאך אלע וואהרשיינליכקייטען וועט אין פיער וואכען מאריע זיין אייער פרוי! איהר וועט איהר רעטען דאס לעבען, און זיא וועט אייך גליקליך מאכען, דען זיא איז א זעלטענע מיידיל.

— רעבענט אויף מיינע דאנקבארקייט, ליעבער דאקטאר.

דער דאקטאר האט גענומען אבשיעד און איז אוועקגעגאנגען און מארים האט צו זיך אליין געמורמעלט: „דער דאקטאר האט רעכט, אלעס געהט דא גוט, איך מוז נאר יעצט זעהן צו געפינען סימאָנען". און שמייכלענדיג האט ער דא צוגעזעצט: „איך בין א בעלן צו וויסען וואס דיינקט איצטער וואלענטינע? „דאס וועט עס זיין א רייסערייי צווישען איהר מיט מיר!"

באלד זיינען אין רויכצימער אריינגעקומען ברעסאל און זיין פרוי. לודאָוויק האט אויסגעזעהן מונטער, וועהרענד זיינע פרוי האט געקוקט פאר זיך זעהר פינסטער. אין

www.libtool.com.cn

איין אונבעוואכטען אויגענבליק האט זיא זיך צוגערוקט צו מאריס און האט איהם איינגעראמט אין אויער: „איך האב מיט אייך צו ריידען, קומט מארגען פריה!“ דער זאץ פון דער פאָליציי־אגענטין האט צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאפּ.

39טער קאפּיטעל.

## דיא באנדיטען ביי דער ארבייט.

אלס מאריס האט פערלאזען זיינע צוויי קאמראדען, לאטירג און ווערדיע, אום צו געהן צו דיא ברעסאלס, זיינען דיא ביידע אוועקגעגאנגען דעמזעלביגען נאכמיטאג צום באהנהויף פון ווענסען. איידער זיי האבען בעטרעטען דעם באהנהויף האט ווערדיע אנגענומען זיין קאמראד פארן ארביל און האט אויסגערופען: „ווארט, ברידערל, איך גלויב מיר וועלען בעסער ענדערן אונזער רייזע־פּלאן, ווען מיר זאלען אפילו מוזען אנקומען אין פּאָרט־קרעטעל שפּעטער. נישקשה, דער שליח פון גראף ווארוואו וועט אונז דערווארטען נאך אביסעל. איך האב זעהר מורא פאר דיא באהנהויפען, וואו עס שווימעלט און גריבעלט אימער פון אלערליי פּאָליציי־אגענטען. דיינע קענציכען זיינען דער פּאָליציי בעקאנט, און אבגלייך דוא ביזט פּארקליידעט וויא א האָלענדער, מוז מען דאך אימער גוט פּארזיכטיג זיין.

— דוא האסט רעכט — האט לאטירג צוגעגעבען — וואס פאר א רייזע פּלאן שלאגסט דוא פאָר?

— מיר וועלען נעהמען א שיפעל און פאהרען מיט דער סיינע ביז שארענטאָן, און פון דארטען מיט דער מארנע ביז פּאָרט־קרעטעל.

דיא ביידע באנדיטען זיינען געגאנגען נאך דער אויסטערליטץ־בריק און זיינען דאָרט אריין אין א שיפעל, וועלכעס איז געלעגען אנטקעגען דעם פלאנצען־גארטען פון פּאריז (זשארדען דע פּלאנט).

ווערדיע איז געווען זעהר פאָרזיכטיג און איז געווען גערעכט ווען ער האט אויפגעפאָדערט לאטירג זיך צו נעהמען אין אכט, דען טראָטצדעם וואס דיא פּאָליציי האט זיך כלומר׳שט געוויעזען גאנץ אונטהעטיג, האט זיא דאך אין דער שטיל פּארטגעזעצט איהרע אונטערזוכונגען און נאכפאָרשונגען. אלע פּאָליציסטען האבען געהאט דיא קענצייכען פון לאטירג און ווערדיע. נאטירליך זיינען זיי געווען גוט פּארשטעלט, אבער עמאַזשובערט האט ניט אומזיסט געטראגען דעם נאמען „דאס אויג פון מלאך המות“. און דעריבער האט ווערדיע געטהאן זעהר געשיידט וואס ער האט געענדערט זיין רייזע פּלאן, דען ווען זיי וואלטען געקומען אויפ׳ן באהנהויף פון ווענסען וואלטען זיי דארט ווירקליך געפונען דריי פּערזאָן ווארטענדיג אויף א צוג, און וועלכע וואלטען זיי פּיליכט דערקענט. דאס זיינען געווען מאדאם ראָזיע, קאָרנו און גאלובעט.

מאדאם ראָזיע איז געווען פּערקליידעט וויא א געמיזע־פּערקויפערין פון דער אומגעגענד פון פּאריז, א רויטעס קאָפּ־טיכל, א גרויע קלייד און א גרויסען בלויען פארטוך. אויפ׳ן ריקען האט זיא געטראגען א קאָרב מיט קליינע קערבלאך, און אין איינינע פון זיי איז געלעגען גרינס. קאָרנו און גאלובעט זיינען געוועזען אנגעטהאן וויא ערד אָרבייטער.

www.libtool.com.cn

די דרייא פאָליציסטען זיינען געגאנגען אויך נאך פאָרט־קרעטעל, אבער ניט וייל זיי האבען געוואוסט דאס אהין געהען היינט לאָטירג און ווערדיע, זאָנדערן גאנץ צופעליג. עמא זשובערט, וועלכע האט נאך אימער דעם מוטה ניט פערלארן, האט ניט אויפגעהערט צו אַקערן און צו זוכען נאך אלע זייטען און ריכטונגען. יעדען טאג פלעגט זיא זיך איינטהיילען מיט מארטעל, זשאָדלע, קאָרנו און גאָלובעט איבער פערשיעדענע געגענדען פון פאריז און אומגעג נד.

מאדאם ראָזיע האט געוואוסט, דאס ווען פערברעכער פיהלען זיך אין פאריז צו אונזיכער און שפירען דיא פאָליציי הינטער זיך, זוכען זיי געוועהנליך בעהעלטניסען אין דיא פיעלע אומגעגענדען פון פאריז. מאדאם ראָזיע זיינען בעקאנט געווען דיא מייסטע בעהעלטניסען און זיא האט זיי איינציגווייז דורכגעזוכט. זיא האט נאטירליך ניט געהאפט צו געפינען דארט לאָטירג, וועלכער האט געהערט צו דיא אריסטאָקראטיע פון דיא פערברעכער, אבער זיא האט ערווארטעט מאנכעס מאהל צו ערפאהרען עטוואס ניצליכעס פון קלענערע פערברעכער.

דיא דריי פאָליציסטען זיינען געפאהרען צוזאמען אין א וואגאָן דריטער קלאסע וועלכען זיי האבען פארלאזען מיט איין סטאציאָן פאר פאָרט־קרעטעל. פון דארט זיינען זיי געגאנגען צו פוס אין דאָרף, וועלכעס איז פיעל בעוואינט געווען פון צוריקגעצויגענע קויפלייטע און צופעליגע איינוואינער, וועלכע מיעטהען מעבלירטע צימער.

ביי דעם ערשטען הויז פון דאָרף איז מאדאם ראָזיע געבליעבען שטעהן. — גיט אכטונג — האט זיא ג׳זאגט צו איהרע צוויא בעגלייטער — אונזער פלאַן איז אזוי! איך געה אין פערשיעדענע הייזער זיך נאכפרעגען אויף גרינס צו קויפען און אין אנדערע ווידער צו פערקויפען גרינס, און איהר ווערט מיך ערווארטען ביי דעם לעצטען וויינהענדלער, וועלכער געפינט זיך אויפ׳ן אנדערן זייט דאָרף. ער הייסט קאביסאָן, און איז א פלוידערזאק. לאזט איהם טרינקען און זייט אליין פאָרזיכטיג. ווען ער איז אנגעטרונקען פלוידערט ער, און ער קען אייך וועלכע אויסקונפט געבען איבער דיא לייטע וואס פארקעהרען דא, דען ער קען יעדערן.

— זעהר גוט מאדאם, — האט גאָלובעט גענטפערט — ביי קאביסאָן טרעפען מיר זיך.

דיא ביידע מענער זיינען אוועקגעגאנגען גלייך, וועהרענד מאדאם ראָזיע איז געגאנגען פון הויז צו הויז. זיא האט שוין געהאט דורכגעמאכט א גרויסען טהייל פון דאָרף, אבער זיא האט קיין זאך ניט ענטדעקט.

לאָטירג און ווערדיע זינען נאטירליך פיעל שפעטער אנגעקומען אין דאָרף אלס מאדאם ראָזיע, אזוי וויא זיי זיינען געפאהרען מיט׳ן וואסער אנשטאט דיא אייזענבאהן, און וועהרענד מאדאם ראָזיע איז געווען ווייט אין דאָרף אייגעפאהרען האבען זיך דיא ביידע באנדיטען בעוויעזען ביי דיא ערשטע הייזער פון דאָרף, אויף דער אנדערן זייט.

— מיר געהן צו קאביסאָן — האט ווערדיע געזאגט — דער גאנג האט מיך געמאכט און איך בין דורסטיג.

דיא ביידע באנדיטען האבען זיך געווענדעט צו דערזעלביגער שענקע, וואו גאָלובעט זיינען שוין געזעסען דרויסען פאר׳ן טהיר, אין דער גנז־לשאפט

www.libtool.com.cn

פון ווירטה, וועלכער האט ביי א גלאז ווייִן געפּלוידערט. דיא פּאָליציסטען האבען גע־לאכט איבער דיא געשיכטען פון שיינקער, וועלכער האט גערעדט מיט א זיד־פראנצע־זישען אקצענט און איז ניט מיעד געוואָרן דערציילענדיג.

דיא אנקונפט פון דיא נייע געסט האט דעם שיינקער ניט געשטערט אין זיין פּלוידערן. ער האט זיך נור צופריעדענגעשטעלט דערמיט וואס ער האט א קלאפּ גע־טהאן מיט זיין גלאז אויפ'ן טיש און האט גערונערט מיט זיין באסען־שטימע: הע, מאַ־דאם קאביסאָן! געסט זיינען דאָ! פּאס אויף, אלטע!

סילוויאן קאָרנו און גאָלובעט האבען אויסגעדרעהט דיא קעפּ צו דיא נייע אנגע־קומענע, זיינען אבער געבליבען גאנץ גלייכגילטיג, און מאדאם קאביסאָן איז באלד ערשיענען אום דיא געסט צו בעדיענען.

— ביער! — האט פּיער לאַטירג בעשטעלט.

— אין זאל אדער אין גארטען? — האט מאדאם קאביסאָן געפראגט.

— זאל זיין אין גארטען.

— זעהר גוט, מיינע העררן.

עס איז געוועזען זעהר א לינדער ווינטער טאג וואס האט שוין שטארק געשמעקט מיט פריהלינג, און אין פרייען איז געוועזען גאנץ אנגענעהם צו זיטצען.

מאדאם קאביסאָן האט געבראכט א קרוג ביער און צוויא גלעזער, וועלכע זיא האט אויסגעשטעלט פאר דיא געסט אויפ'ן טיש. דיא פּאָליציסטען זיינען געזעסען צו זיי מיט'ן ריקען און האבען אויף זיי ניט געאכטעט.

פּלוצלונג האט זיך גאָלובעט שנעל אומגעדרעהט און האט גענוי בעטראכטעט דיא ביידע געסט. ער האט געהערט וויא איינער פון זיי האט געזאגט: „דיא קליינע פוס רייזע האט מיך אויפגעמונטערט" און דיא שטימע איז איהם פאָרגעקומען זעהר בעקאנט. דאס האט איהם געמאכט אנצושפּיטצען זיינע אויערן און זיך אומצודרייען. אבער ווערדיע אין אנצוג פון א געוועהנליכען בירגער מיט א קינסטליך־פערענדערטען פּנים, איז איהם פאָרגעקומען גאנץ פרעמד.

— אהא, דיא שטימע הער איך ניט צום ערשטען מאהל — האט דער נייגיעריגער פּאָליציסט געזאגט צו זיך אליין — איך מוז דעם פארשוין בעסער בעטראכטען.

גאָלובעט האט שנעל ארוקגעטהאן זיין שטוהל פון אנדערן זייט טיש, נעהענטער צו קאביסאָן, אזוי דאס ער איז אויסגעקומען מיט'ן געזיכט פונקט אנטקעגען דיא ביידע באנדיטען. ער האט שארף בעטראכטעט ווערדיע, וועהרענד דיעזער האט דערווייל ווייטער געפּלוידערט גאנץ שטיל מיט לאטירג. א היבשע ווייל האט גאָלובעט בע־טראכטעט יעדע בעוועגונג פון דעם קליינעם מאן, וועמעס שטימע איהם האט אזוי בעקאנט געקלונגען, האט אבער דאך ניט געקענט בעשטימען ביי זיך, אויב דאס איז ווירקליך ווערדיע אדער ניט. ער האט אויסגעזעהן זעהר פערענדערט.

צופעליג האט ווערדיע אויפגעהויבען דיא אויגען און האט בעגעגענט דעם בליק פון גאָלובעט, וועלכער האט איהם אזוי שארף בעקוקט. גאָלובעט האט פערשטאנען דיא געפאהר, ווען ווערדיע, אויב דאס איז ווירקליך ער, זאל איהם דערקענען, און זאל זיך אַרויסדרייען איידער ער וועט האבען צייט זיך צו איבערצייגען אז דאס איז ער, און

www.libtool.com.cn
האט פרוזוכט שנעל צו פארשטעלען זיין נעזיכט מיט דער האנד, אנשפארענדיג זיך מיט'ן עלענבויגען אן טיש.

דאס איז געווען צו שפעט!

ווערדיע האט צייט געהאט איהם צו דערקענען; „דער מאן פון אפערדבאלל!— האט ער געזאגט צו זיך אליין — דער צווייטער מוז זיין דער צווייטער פארשרעלטער דאקטאר; ניט שוין זשע איז מען אונז אויף דער שפור? אונמעגליך! קיינער האט ניט געקענט וויסען אז מיר געהן נאך פארט קרעטעל! פיעלייכט שטעקט דא ווידער מאַדאם ראזיע, דאן איז בעסער צו פערשווינדען!

ער האט זיך צוגעבויגען צו לאטירג און האט איהם איינגעראטט אין אויער: „בעצאהל און לאמיר געהן!“

— שוין?

— מאך עס שנעל, דיא פאליציי איז דא! קוק זיך ניט אום, בעצאהל און קום! לאטירג האט מיט זיין גלאז אנגעקלאפט אין טיש, ניט אומקוקענדיג זיך.

קאביסאן האט נאך אימער געפלוידערט און האט זיך ניט געאיילט צו נעהמען דאס געלד אליין: „מאדאם קאביסאן! — האט ער גערופען צו זיין ווייב — דוא הערסט?“

דיא פרוי איז צוגעקומען, האט ערהאלטען דאס געלד, און לאטירג מיט ווערדיע האבען פערלאזען דעם פלאטץ מיט דיא רוהיגסטע געזיכטער וואס זיי האבען נאר געקענט מאכען.

— זיי געהען, א פיינע געשיכטע! — האט גאלובעט געמורמעלט.

— ווער איז עס? — האט קארנו געפרעגט.

— דיא ביידע הערען דא.

— וואס געהט עס אונז אן?

— זעהר פיעל, דען זיי זיינען יענע פאר ווען איך האלט זיי.

— קאביסאן האט דערהערט עטליכע ווערטער פון דעם אפגעריסענעם געשפרעך פון דיא ביידע פאליציסטען, און איז געווארען נייגעריג.

— פון וועמען רעדט איהר, מיינע הערען? — האט ער געפרעגט.

— פון קיינעם ניט, מיין פריינד — האט גאלובעט געענטפערט; ער האט א ווארף געטהאן דרייא פראנקען אויפ'ן טיש און האט האסטיג פארלאזען דעם פלאטץ מיט זיין קאמראדען.

דיא ביידע פערדעכטיגע הערען זיינען שוין געווען א הונדערט טריט ווייט און האבען איצטער אנגעהויבען שנעלער צו געהן.

— זאג מיר נור — האט קארנו אנגעהויבען צו פרעגען.

— איינער פון דיא ביידע מוז זיין דער פאלשער פריעסטער; איך האב דער-קענט זיין שטימע, און ער האט דערקענט מיין געזיכט. דוא זעהסט וויא שנעל זיי דערווייטערן זיך.

— אויב דוא ווייסט זיכער, דאן מוזען מיר לויפען, און זיי פאקען, און רופען אום הילפע, ביז מאדאם וועט אונטערקומען.

www.libtool.com.cn

גאלובעט האט זיך געקראַצט פערלעגען הינטער די אויערן: „זעהר רויבער בין איך ניט, אבער זעה נור וויא זיי לויפען!“

— עס קען יעדענפאלס ניט שאדען ווען מיר זאלען זיי פערפאָלגען — האט סאָרנו געזאגט.

ביידע מענער האבען גענומען געהן שנעל נאך דער ריכטונג פון דיא ביידע פערדעכטיגע פערזאָנען, אלס מאדאם ראָזיע איז זיי אנגעקומען אנטקעגען, מיט איהרע קערבלאך גרינס אויפ'ן ריקען. זיי האבען דערזעהן נאך פון ווייטען, אלס זיא האט זיך צוזאמענגעטראָפען מיט דיא ביידע געסט, וועלכע זייא האבען פערפאָלגט.

— זיא וועט זיי דערקענען און וועט אונז רופען — האט גאלובעט געזאגט.

— איך בין פערטיג — האט קאָרנו געענטפערט — אבער איך גלויב אז מיר זיינען איהר ניט נייטיג; מאדאם ראָזיע איז זיי פארביי־געגאנגען און האט אין זיי גאר ניט געזעהן; ווען פיער לאַטירג וואלט געווען איינער פון דיא ביידע מענער, וואלט זיא זיי ניט אזוי לייכט געלאזען פארבייגעהן.

— איך וויל איהר אבער דאך זאגען וואס איך דיינק.

ביידע מענער זיינען איהר שנעל געגאנגען אנטקעגען.

לאַטירג און ווערדיע האבען זיך פערקעהרעוועט אום איינע עקע.

— וואס האט פאסירט? — האט מאדאם ראָזיע געפרעגט, גאנץ ערשטוינט איבער דיא האסטיגקייט פון דיא פאָליציסטען.

— עס זיינען אייך איצטער פארביינעגאנגען צוויא מענער, האט איהר זיי געזעהן? — האט גאלובעט געפרעגט אהן אטהעם.

— גאנץ גענוי.

— האט איהר זיי ניט דערקענט?

— ניין! קאן איך זיי דען?

— האט איהר בעמערקט דעם קלענערן פון זיי?

— דעם מאן מיט דיא ברילען? יא! וואס איז דען מיט איהם?

— איך גלויב דאס איז דער פאלשער אבבע (גלח), און זיין בעגלייטער איז פיעלייכט לאַטירג.

עמא זשובערט איז בלאס געווארען.

— לאַטירג! האט זיא א געשריי געטהאן — וועה איז מיר אויב דאס איז ער און איך האב איהם בעגעגענט און ניט דערקענט! דאס איז ניט מעגליך! איהר זייט בלינד! איהר זייט משוגע! איהר ווילט מיט איינמאהל זיך אויסצייכענען און אייך חלומ'ט זיך אומעדום לאַטירג!

— איך זאג דאך ניט בעשטימט — האט זיך גאלובעט פערענטפערט — איך זאג נור אז מיר שיינט אזוי, און עס איז יעדענפאלס גוט זיי צו פאָלגען.

— אין דעם האט איהר רעכט! איינער פון אייך זאל זיי נאכשפירען.

— איך געה, און וועל זעהן זיי ניט צו פערליערען פון מיינע אויגען — האט גאַלובעט געזאגט.

אבער קוים האט ער געמאכט צעהן טריט איז ער געבליעבען שטעהן. „צו

www.libtool.com.cn

שפעט! — האט ער געזאגט גאנץ ניעדערגעשלאגען — זיי זיינען שוין פון יענער זייט— און ער האט אנגעוויזען אויף א שיפעל וועלכע איז שוין געוועזען באלד ביין אנדערן ברעג פון דער מארנע.

— זיי ווילען געווים צו דער אייזענבאהן — האט מאדאם ראָזיע געזאגט — און מיר מוזען זיי נאכגעהן.

— אבער מען מוז זיין פאָרזיכטיג — האט גאלובעט בעמערקט — אויב דער מאן אין דיא ברילען איז ווירקליך ווערדיע, דאן האט ער מיך דערקענט און זיי זיינען געווים געוואָהר געווארען דאס מען פאָלגט זיי נאך.

— אויף יעדען פאל מוזען מיר שנעל אריבערגעהן דעם פלוס צו דער אנדערן זייט — האט עמא זשובערט בעפאָהלען — זוכט שנעל א שיפעל! אויב גאלובעט האט קיין טעות ניט, דאן מוזען מיר זעהן אנצוקומען צום באהן־הויף איידער זיי וועלען חאַ־פען א צוג.

א פאר הונדערט טריט ווייטער האט קאָרנו דערזעהן א קליינעם שיפעל, וועלכעס האט געהערט צום שיינק־ווירטה. ער איז שנעל געלאָפען אהין און האט עס אפגעבונ־דען. גאלובעט און מאדאם ראָזיע זיינען אויך אונטערגעלאָפען, און אלע דריי האבען זיך אריינגעזעצט אין שיפעל. מאדאם ראָזיע האט ניט אראפגענומען דיא אויגען פון דעם שיפעל וואס האט זיך נאך געזעהן פון וויטען, וועהרענד קאָרנו און גאלובעט האבען מיט אלע כחות גערודערט.

— שנעל, שנעל! — האט דיא פאָליציסטין גערופען — יענע שיפעל קומט שוין צום ברעג!

דיא שיפעל פון דיא פאָליציסטען האט זיך ערוויזען צו קליין פיר דריי פערזאָן. אלס זיי זיינען אפגעפאהרען א שטיקעל פון ברעג איז אונמעגליך געוועזען שטארק צו רודערן, דען דיא שיפעל איז געזעסען צו טיעף אין וואסער און ביי א צו שטארקען בייג האט זיא אויך אנגעשעפט א ביסעל וואסער. עס איז געווארען געפעהרליך צו בליי־בען אזוי.

— מיר זינקען! האט עמא זשובערט געשריען אין פערצווייפלונג.

גאלובעט און קאָרנו האבען שנעל גערודערט צוריק צום ברעג, וועלכען זיי האבען עררייכט מיט לעבענס־געפאהר, דען דיא שיפעל איז שוין געווען אנגעפיהלט מיט וואסער, און דיאביידע מענער האבען צוגעבראָדזעט צום ברעג, נאכדעם וויא דיא שיפעל איז צוגעקומען נעהענטער צום ברעג, וואו עס איז שוין ניט זעהר טיעף געווען.

עמא זשובערט איז ארויסגעקראָכען פון שיפעל אויפ'ן ברעג נאס, ציטערנדיג, פערצווייפעלט און פערניכטעט.

דיא ביידע מענער האבען שנעל אויסגעשעפט דאס וואסער פון שיפעל און זיינען צוריק אריינגעשפרונגען אין איהר, איבערלאזענדיג מאדאם ראָזיע אויפ'ן ברעג.

דאס שיפעל איז איצטער געגאנגען לייכטער, און אבגלייך דער שטארקער שטראָם פון דער מארנע האט זיא אראָפּגעטראָגען ווייט, האבען זיי דאך גליקליך עררייכט דעם אנדערן ברעג.

www.libtool.com.cn

— אי, אי, דאס הייסט זיך געשפיעלט מיט'ן מלאך המות! — האט מארנו געזאגט.

— דערטרונקען זיינען מיר ניט — האט גאליבעט געזאגט — אבער איך האב מורא פאר א לונגענענטצינדונג.

— ווייל דוא האסט נאסע פיס?

— עס פערשטעהט זיך!

— עט! אונז וועט דער שווארץ יאהר ניט נעהמען, אבער מאדאם ראזיע, אויף איהר זעהסטו, איז א רחמנות! נאר לאמיר ניט פלוידערן, לאמיר פליהען צום באהנהויף. עס איז אויך זעהר גוט פאר אונז איצטער זיך אביסעל דורכצושאקלען.

אוןביידע מענער האבען אנגעהויבען צו לויפען.

עמא זשובערט איז געבליעבען שטעהן אויפ'ן ברעג פון דער זייט, מיט איהרע נאסע קליידער קלעפענדיג צו איהר קערפער, קלאפענדיג א צאהן אן א צאהן, ציטערענדיג און שוואך, ניט אים שטאנדע צו געהן פון ארט פון שוואכקייט און גייסטיגער יעדערגעשלאגענהייט. דער געדאנקען, דאס פיעלייכט זיינען דאס ווירקליך געווען דיא צוויי באנדיטען, און זיא פערליערט זיי ווידער — דיעזער געדאנקען האט זיא אונגליקליך געמאכט. זיא איז אניעדערגעפאלען האלב־אהנמעכטיג אויפ'ן ברעג און איהר האט אין ערשטען אויגענבליק אויסגעוויזען דאס זיא מוז פערגעהן פון יסורים און פערצווייפלונג נאך אזוי פיעל ניעדערשלאגען, און נאך אזא אונפאל אין ווינטער, ווען אויך דאס וועטער איז געווען לינדער.

— אבער ניין, איך מוז לעבען — האט זיא אויסגערופען פלוצלונג — איך מוז דאס אויך איבערקומען און עררייכען מיין ציעל! איך מוז עס פיר מיין געליעבטען זאהן, פיר מיין טהייערעס קינד!

זיא האט אנגעשטרענגט אלע איהרע קרעפטען, האט זיך אויפגעהויבען און האט גענומען געהן, אבער איהרע קניע האבען זיך געבויגען, איהר קערפער האט אנגעהויבען נאך שטארקער צו ציטערן פון קעלט, עס איז איהר דונקעל געווארען אין דיא אויגען און איהר האט זיך געדאכט אז דער באדען ביוועגט זיך אונטער איהרע פיס. אין נעכסטען אויגענבליק איז זיא ווידער אומגעפאלען גאנץ אהנמעכטיג זעהר נאהענט צום ברעג, צווישען עטליכע געדיכטע קוסטעס, וועלכע זיינען איצטער געשטאנען נאקעט פון בלעטלאך.

ווערדיע און לאטירג זיינען אנגעקומען צום צווייטען ברעג א היבשע צייט פריהער, און א גרויסע שטיק העכער ארויף־שטראם אלס דיא צוויי פאליציסטען. זיי האבען פון וויטען געזעהען דיא צוויי מענער מיט דער פרוי וויא זיי געהען אריין אין שיפעל, און האבען פערשטאנען אז זיי האבען דא צו טהאן מיט עמא זשובערט. זיי האבען גערדערט מיט אלע כחות, און ווען זיי האבען דערזעהען דאס דיא אנדער שיפעל וואס פערפאלנט זיי קעהרט זיך אום צוריק, האבען זיי לייכטער אויפגעאטהעמט. דיעזע צייט האבען זיי בענוצט, ארויסצוגעהן אויפ'ן ברעג, און צו בעהאלטען דיא שיפעל צווישען קוסטעס. אליין האבען זיי זיך אויך בעהאלטען הינטער דיא קוסטעס און האבען בעטראכט וואס עס געהט פאר אויפ'ן אנדערן ברעג. זיי האבען געזעהן וויא עמא זשובערט

www.libtool.com.cn

איז ארויס אויפ'ן ברעג און וויא דיא צוויי פאליציסטען האבען זיך צוריק אריינגעזעצט אין שיפעל.

— דאס שיפעל איז צו לייכט פאר דרייען — אח ווען זיי וואלטען בעסער דער־טרונקען געווארן.

— וואס טהוען מיר איצטער? — האט לאטירג געפרעגט.

— גאר ניט. מיר לאזין זיי געהן צום באהנהויף אונז זוכען. עמא זשובערט וועט קומען אהין מיט דער יבשה איבערן בריק, און איהרע צוויי בעגלייטער וועלן קומען גיכער מיט דער שיפעל. מיר אבער געהען אין אנדערן זייט מיט'ן ברעג, ארויף־שטראם.

— אבער וואס טהוט מען? איך מוז נייטיג זעהן דעם שליח פון גראף ווארשאו, האט לאטירג געזאגט — איך מוז מיט איהם ריידען.

— דאס וועלען מיר אויך מאהן. דיא פאליציסטען וועלען אונז פערפאלגען נאך פאריז, און וויא עס ווערט נאר דונקעל נעהמען מיר דאס שיפעל און געהען צוריק אריבער צום אנדערן זייט, וואו דער מאן ערווארטעט דיך. קוק זיך איין, דא שטייגען דיאביידע מענער אויס אויף אונזער זייט; איך קען וועטען מיין קאפ אנטקעגען א הארטע איי אז זיי לויפען גלייך צום באהנהויף מיט'ן גרעסטען אימפעט.

ווערדיע האט רעכט געהאט. דיא צוויי פאליציסטען זיינען געלאפען מיט'ן ברעג שטראם אראפ, וועהרענד דיא ביידע באנדיטען האבען זיך א קעהר געטהאן נאך דער געגענזעצטער זייטע.

אלס עס האט אנגעהויבען דונקעל צו ווערען האבען זיך דיא צווייא קאמראדען אומגעקעהרט צו זייער בעהאלטענער שיפעל, און האבען זיך שטיל און לאנגזאם געררדערט צו דער צווייטער זייטע, וועניג בעקימערנדיג זיך וועגען דעם וואס דער שטראם האט זיי געטראגען ניעדריגער און נעהענטער צו יענעם פלאטץ, וואו פריהער האבען דיא פאליציסטען אראפגעלאזען עמא זשובערט.

זיי האבען ארויפגעשלעפט דאס שיפעל האלב אויפ'ן ברעג און זיינען געגאנגען צוריק צו קאביסאן'ס שענקע. דארט איז ביי זז פענסטער געזעסען א מאן געבען א טיש, און האט ארויסגעקוקט אין דרויסען מיט דער גרעסטער שפאנונג. אלס דיא צווייא קאמראדען האבען איהם דערזעהן האט לאטירג געזאגט צו ווערדיע: „דאס איז ער! איך דערקען איהם פון וויטען".

צוקומענדיג נעהענטער האט לאטירג געגעבען א צייכען, און דער מאן האט בע־צאהלט און איז צו זיי ארויסגעקומען. ער האט לאטירג געגעבען דיא האנד און האט אנגעהויבען א געשפרעך אין רוסיש, וועלכעס נור לאטירג אליין האט עטוואס פאר־שטאנען.

— ווער איז דיין בעגלייטער? — האט ער געפרעגט, אנווייזענדיג אויף ווערדיע.

— א זיכערער פריינד, וועלכער וויים אלע מיינע געהיימניסע.

— קען איך איהם טרויען?

— פאלשטענדיג!

— רעדט ער אויך רוסיש?

— ניין.

www.libtool.com.cn

— דאן קענען מיר ריידען פראנצעזיש.

לאטירג האט איהם פארגעשטעלט צו ווערדיע אונטער דעם נאמען פון ניקאלאי גאלאוואיסקי.

— דיא גאס איז אפילו שטיל — האט ווערדיע אנגעפאנגען — אבער מיר זיינען צו נאהענט צו א הויז, און געהן צו אייזענבאהן איז זעהר ניט געשיידט; לאמיר זיך ארייננזעצען צוריק אין אונזער שיפעל און קומען מיט'ן וואסער אין פאריז; דאס איז דער זיכערסטער וועג און איך קען איהם זעהר גוט.

אונטערהאלטענדיג זיך זעהר שטיל זיינען דיא דריי מענער אנגעקומען צו יענעם פלאטץ, וואו דיא שיפעל איז געשטאנען בעהאלטען. דא ביי דעם איינזאמען ברעג האבען זיי זיך געפיהלט זיכערער און דאס געשפרעך איז געווארען לעבהאפטער. אזוי וויא פון וויטען האט זיך בעוויזען א שיפעל מיט א לאנטערנע, האבען זיי ווידער אנ־געהויבען צו רעדען שטילער.

— דאס מיינט מען ניט אונז — האט ווערדיע געזאגט — דאס איז א טייך־וועכטער וואס היט דעם טייך פון פיש־גנבים.

— ווערט איהר דען נאכגעשפירט? — האט גאלאוואיסקי געפרעגט.

— יא; איין אונגליקליכער צופאל האט אונז דא צוזאמענגעפיהרט מיט אונזער ביטערסטער פיינדין, מיט א פרוי וועלכע איז אייך אויך שוין פון לאנג אן בעקאנט....

— ווער איז זיא?

— עמא זשובערט.

— דאס איז ווירקליך א געפעהרליכע פיינדין — האט דער רוסע בעמערקט — האט זיא אייערע שפור?

— ניין, אין דיעזען אויגענבליק ניט — האט לאטירג געענטפערט — זיא זוכט אונז געווים אין פאריז.

— האט איהר ניט מורא דאס מען וועט ענטדעקען דאס דיא שיפעל פעהלט?

— ניין, ביז מארגען פריה וועט זיך קיינער ניט חאפען, און מארגען וועט מען דיינקען אז דאס שיפעל האט זיך אפגעריסען און איז אוועק מיט'ן וואסער — האט לאטירג בערוהיגט.

אין דער צייט וואס לאטירג האט דיא לעצט ווערטער געשפראכען, האט זיך א קערפער געצויגען איבער דער ערד פונקט וויא א שלאנגע; צוויי הענד האבען פאנאנ־דערגעטהיילט גאנץ שטיל דיא דארע צווייגעלאך פון א קוסט און צוויי גליהענדע אויגען האבען געפונקעלט אין דער דונקעלהייט.

ווען לאטירג וואלט צופעליג אויפגעהויבען דעם קאפ ארויף צום ברעג וואלט ער אויפגעציטערט געווארען פאר דיעזע פונקעלדיגע אויגען, דען זיי האבען געהערט צו עמא זשובערט, וועלכע איז דארט געלעגען קראפטלאז און אין פיבער. דיא שטימע פון לאטירג וועלכע זיא האט דערהערט האט אויף איהר געווירקט מיט א שרעקליכער קראפט און זיא האט געמוזט אנווענדען איהרע אלע גייסטיגע קרעפטען אום ניט אויפצושרייען פאר שרעק און איבערראשונג.

א שוואכער שטראל פון דער לבנה איז געפאלען אויף דיא דריי מענער, וועלכע

www.libtool.com.cn

זיינען זיך אזוי געזעסען פארן שיפעל, הארט ביין וואסער. די פּאָליציסטין האט זיך אנגעשפּארט אויף איהרע עלענבויגענס, האט זיך ארויסגעבויגען אזוי פיעל וויא עס מעגליך געווען דורכן קוסט און האט מיט פירבטערליכער שפּאנונג זיך צוגעהערט.

— לאמיר דאס מאבען שנעל — האט דער רוסע געגומען דאס ווארט — דען איך וואלט וועלען מארגען אוועקפאהרען גלייך מיט דעם ערשטען צוג. פאר אלעם לאזט גראף וואראוו אייך פרעגען, אויב איהר זייט בערייט איהם נאך אמאהל צו דיענען, וויא איהר האט איהם שוין צוויי מאל געדיענט?

— איך בין בערייט און איך האף, אז ער קען זיך אויף מיר פערלאזען, בעזאנדערס ווייל ער וויים, דאס איך האב מיט איהם גלייכע אינטערעסען.

— איהר וועט שווערען, דאס איהר וועט דעם גראף קוראוויאָוו קיינמאהל ניט פערראטהען דעם נאמען פון גראף וואראוו.

— איך קען עס שווערען, ווייל איך קען קיינע נוטצען ניט האבען ווען איך זאל זיין נאמען פערראטהען, ווען איך בין ענטדעקט בין איך סיי־ווי־אזוי פערלארען.

— ווייטער מוזט איהר אין דריי טעג פערלאזען פּאריז.

— דאס קען איך ניט, ווייל איך האב דא וויכטיגע געשעפטען, וועלכע וועלען מיך דא צוריקהאלטען ווענינסטענס נאך א מאנאט.

— וואס וועט אייך ארויסקומען פון די געשעפטען ווען איהר וועט אריינפאלען אין די הענד פון דער פּאָליציי?

— אויב איך וועל אריינפאלען איז מיין מזל! איך שטעל אין קאָן אלעס פיר אלעס! דער פערדיענסט איז צו גרויס אום ניט צו וועלען רעזיקירען.

— גוט, אבער ווען דאס געשעפט וועט זיין צו ענדע?

— דאן שטעה איך אייער הערין צו דיענסט.

— איהר וועט קומען נאך רוסלאנד, וואו דער גראף וועט בעזארגען פיר אייך און אייערע קאמעראדען א זיכערן אויפענטהאלט־פּלאטץ און רוהע און פריעדען אונטער זיין מעכטיגען שוטץ.

— אזוי שנעל וויא מיין אויפטראג אין פּאריז איז פערטיג רייזע איך נאך סט. פּעטערבורג; איך קען מיר אבער ניט דענקען, אז דער גראף האט אייך געשיקט אהער שפּעציעל אום מיך איינצולאדען נאך רוסלאנד; קומט אלזא צום ציעל.

— מיין הערר האט אייך געוואלט געבען דריי טעג צייט אויסצופיהרען א געוויסע זאך, רעכענענדיג דאס דריי טעג איז גענוג; איהר ווילט א מאנאט דא בלייבן — זאל זיין אזוי, אבער אין פערלויף פון דעם מאנאט מוז עס געשעהן.

— וואס דען?

— פערשטעהט איהר נאך ניט?

— פיעלייכט יא, אבער איך וויל עס פון אייך הערן.

— נון, גוט, גראף איוואן קוראוויאָוו מוז אויפהערן געפעהרליך צו זיין!

— מען איז געפעהרליך אזוי לאנג וויא מען לעבט, דאס הייסט אלזא, גראף קוראוויאָוו זאל שטארבען — האט לאַטירג דערקלערט קאַלטבּלוטיג.

— יא.

www.libtool.com.cn

— וויא פיעל וויל מיר דער גראף וואראוו בעצאהלען פאר זיין טויט?

— צוויי הונדערט טויזענד פראנק.

מאדאם ראזיע האט געפיהלט וויא דאס הערץ בלייבט שטעהן אין איהר בוזים און וויא דאס בלוט ווערט פערקיהלט אין איהרע אדערן. „דאס געהט דא פאר — האט זיא געטראכט — און איך בין דא אליין, קראנק, אהנמעכטיג און קען זיך ניט ריהרען! א בייזער טייפעל פערפאלגט מיך! אבער דיא שורקען ריידען וויטער, פיעלייכט הער איך דעם נאמען פון א גאס, פון א פלאטץ."

לאטירג איז געזעסען מיט איין אראפגעלאזענעם קאפ, איבערלייגענדיג, וועהרענד ווערדיע, וועלכער האט דיא גאנצע צייט געשוויעגען, האט זיך איצטער אריינגעמישט אין געשפרעך: „איהר ווייסט דאס מיר ווערען פערפאלגט פון א שרעקליכע פיינדין, פון עמא זשיבערט, וועלכע איז אמאהל געווען דיענערין פון דער גרעפין קוראוויאוו און דיענט יעצט דער פאליציי."

— ווארום ראמט איהר דיעזע פרוי ניט אראפ פון וועג?

— אונז הינדערט אין דעם א גאנץ בעזאנדערער אומשטאנד.

מאדאם ראזיע האט אנגעשטרענגט איהר געהער, קיין איינציגעס ווארט איז איהר פערלארען געגאנגען, און זיא האט וויעדערהאלט צו זיך אליין: „א גאנץ בעזאנדערער אומשטאנד — וואס קען דאס זיין אזוינס?"

— אונז שטעהט א געוויסע פערזאן אין וועג — האט ווערדיע וויטער געזאגט — און אזוי לאנג וויא דיעזע פערזאן קען ערפאהרען, דאס מיר זיינען איהרע מערדער, איז עס פיר אונז געפעהרליך זיא אומצובריינגען.

— און איז עס דען אזוי שווער צו מאכען אז יענע פערזאן זאל ניט וויסען ווער איהרע מערדער זיינען?

— כמעט אונמעגליך! וויא פארזיכטיג מיר זאלען זיין, וועט יענע פערזאן דאך איבערצייגט זיין דאס לאטירג האט ערמארדעט עמא זשובערט, און דאן קען ער אונז פערניכטען, ווען אפילו ער אליין זאל אויך פערניכטעט ווערען. דאס וועט אלזא הייסען, אויסבייטען איין געפאהר אויף דיא אנדערע. איך דערצייל אייך דאס נור ווייל איך האב מורא, דאס מיר בריינגען עמא זשובערט אויף אונזער שפור, ווען מיר זאלען בעגעהן נאך א פרישעס פערברעכען, איידער מיר פארלאזען פאריז. אויך שיינט מיר אז דיעזעס פערברעכען האט קיין צוועק און איז נוטצלאז.

— נוטצלאז? — האט דער רוסע איבערגעפרעגט פערוואונדערט.

— יא, דען דער גראף קוראוויאוו קען געקען אייער הערון קיין זאך ניט בעווייזען.

— ווען ער זאל אפילו האבען בעוויזע קען ער אויך דעם גראף ווראוו קיין זאך ניט טהאן געריכטליך, אזוי וויא דאס פערברעכען איז שוין צו אלט. אבער ווען עס זאל איהם דענאך געלונגען צו בעווייזען דאס זיינע עלטערן זיינען ערמארדעט געווארען דורך דעם בעפעהל פון מיין הערן, קען דאס מיין הערן פערניכטען, ווייל דיא קוראוויאווס האבען פריינדע ביים טראהן אין רוסלאנד, און דעריבער מוז דיא גאנצע פאמיליע קוראוויאוו אויפהערן צו עקזיסטירען.

— אבער וויא קען איך דעם יונגען מאן פטר'ן, ווען דיא פאליציי שיצט איהם? —

www.libtool.com.cn
האט לאַטירג געפרעגט — דאס איז א געפעהרליכער אנגריף, װעלכער קען אונז אויס־ליעפערן צו דער פּאָליציי.

— דאס פערשטעהע איך גאנץ גוט, אבער עס זיינען דאך פאראנען אנדערע מיטעל וויא אזוי אוועקצושאפען א פיינד אויף יענער וועלט אויסער א מעסער אדער גיפט; עס איז דא היבשע ביסעל אונפעלע, א פאל פון א פערד, א דועל מיט א שטאַרקערן געגנער....

— א דועל איז פיעללייכט דאס ריכטיגסטע — האט ווערדיע געזאגט.

— אויב איהר האט מורא ענטדעקט צו ווערען וויל דיא פּאָליציי שפּירט אייך נאך — האט גאלאוואיסקי וויטער גערעדט — דאן דינגט איין אנדערן וואס זאל דאס טהאן פאר אייך, איך גלויב, עס זיינען דא אין פאריז גענוג לייטע וועלכע וואלטען זיך דאס גערן אונטערנומען צו טהאן.

— לייטע זיינען דא גענוג, מיר וועלען זיך אבער היטען מיט זיי אריינצולאזען. קיין זאך איז ניט אזוי געפעהרליך וויא א בעצאהלטער מיטוויסער. ניין, קיינע פרעמדע! אבער איך וויים איין מאן, וועלכער וועט אויף זיך קיין חשד ניט ציהען, און וועלכען עמא זשובערט וועט ניט איבערגעבען אין דיא הענד פון דער גערעכטיגקייט, ווען זיא זאל איהם אפילו דערשפּירען.

— וואס מיינט ער? ווער איז דיעזער מאן? — האט עמא זשובערט זיך אליין געפרעגט מיט שטוינען.

— און יענער מאן וועט אלזא איינוויליגען דיא טהאט אויסצופיהרען — האט דער רוסע געפרעגט.

— ער מוז.

— וועט ער ערהאלטען דאס געלד דערפאר?

— מיר וועלען זיך טהיילען.

דער רוסע האט אויפגעעפענט א בריעף־טאַשע פון וועלכער ער האט ארויסגע־נומען א פּאַפּיער און האט עס איבערגעגעבען לאַטירג:

— דא איז איין אנווייזונג אויף הונדערט טויזענד פראנק אויף דאס באנק־הויז פון ראָטשילד. עס ווערט געצאהלט דעם איבערברייננגער. דיא אנדערע הונדערט־טויזענד פראנק וועט איהר ערהאלטען ווען איהר וועט אנקומען אין פּעטערבורג.

עמא זשובערט האט געציטערט פאר פריידע. „איצט האב איך אייך! — האט זיא געזאגט צו זיך אליין — געהט נור צו ראָטשילד, איך קום אויך אהין!“

וויא שוואך דיא בעוועגונג איז געווען וואס זיא האט געמאכט, איז עס דאך גענוג געוועזען אום צו פעראורזאכען דאס א קליינער שטיינדעלע זאל זיך אראפּקייקלען און אריינפאלען אין וואסער. זיא האט עס בעמערקט מיט טויט־שרעק, דען ווערדיע איז געווארען אויפמערקזאם. זיא האט איינגעזעהען דאס מען וועט זיא ענטדעקען, און האט זיך אויפגעהויבען אום צו פליהען.

— איינער האט אונז אונטערגעהערט — האט ווערדיע געזאגט אין פליסטער־טאָן.

— ווירקליך? — האט דער רוסע געפרעגט דערשראקען.

— שטיל! — האט לאַטירג בעפעהלען.

www.libtool.com.cn

עמא זשובערט איז געוועזן האלב טויט פאר שרעק. נור צוויי טריט פון איהר געפינען זיך דיא פערברעכער וועלכע זיא פערפאלגט; ווען זיא זאל פון זיי ניט געטויטעט ווערן דאָ אויפ'ן אָרט, קען זיא זיי מארגען פאקען אין באנק. זיא האט זיך אויפגעהויבען, אבער זיא האט זיך ניט געקענט ריהרען פון פיבער און פון שרעק. צום צווייטען מאהל האט עס איהר געפלימערט פאר דיא אויגען, אפגעריסענע געדאנקען זיינען איהר געפליגען דורכ'ן קאפּ, און זיא האט געפיהלט דאס איהר ענדע קומט. זיא האט געפּרופט געהן, אבער דער באָדען האט זיך געוויעגט אונטער איהרע פיס. מיט א הערץ־ערשי־טערענדען קרעכץ איז זיא צוזאמענגעזונקען און האט וויעדער פערלאָרען דאס בע־וואוסט זיין.

— האט איהר געהערט? — האט ווערדיע געפרעגט.

— יא, — האט גאלאוואיסקי געענטפערט — איך האב געהערט וויא א קרעכץ און א פאל.

— דארטען מוז אויבען עטוואס זאנדערבארעס פאָרגעהן — האט לאטירג געזאגט.

— מיר מוזען ארויפגעהן און ערפאהרען, קומט!

דיא דריי מענער זיינען באלד געוועזן אויבען, און וויא דונקעל עס איז געוועזען האבען זיי דאך געקענט בעמערקען, דאס ארום זיי איז קיינער ניטא.

— איך האב אבער געהערט זעהר שארף א טריט און א קרעכץ — האט ווערדיע געזאגט.

— איך אויך — האט דער רוסע געזאגט.

פּלוצלונג האט לאטירג אויפגעשריען און האט אנגעוויזען אויף א דונקעלע מאסע וועלכע איז געלעגען איניגע טריט פון זיי אויף דער ערד. זיי זיינען צוגעקומען נעהנטער און האבען בעטראכט וואס דאס איז.

— א פרוי! — האט לאטירג אויסגערופען — א פרוי אין אהנמאכט!

ווערדיע האט ערגריפען איינע פון איהרע הענד און האט געטאפּט נאך איהר הערצען. „דיא הענד זיינען קאלט — האט ער געזאגט — דאס הערץ איז שטיל, איהרע קליידער זיינען נאס — דיא פרוי איז טויט!“ — האט ער אויסגעפיהרט.

לאטירג האט אנגעצונדען א שוועבעלע און האט זיך איינגעבויגען אום צו בעמער־קען דיא ציגע פון איהר געזיכט. קוים האט ער עס א פאר אויגענבליקע בעטראכטעט איז ער אויפגעשפרונגען מיט אלע צייכען פון שרעק.

— וואס איז מיט דיר? — האט ווערדיע געפרעגט ערשטוינט — קענסט דוא זיא?

— א פראגע אויב איך קען זיא! דאס איז זיא, עמא זשובערט!

— דיא שפּיאנין?

— יא, דיא זעלביגע! אונזער איינציגע פיינדין, וועלכע איז אונז געפעהרליך.

— דער טייפעל העלפט אונז אין אונזער שפּיעל—האט ווערדיע אויסגערופען, זיך רייבענדיג דיא הענד פון פערגניגען — זיא איז טויט און מיר קען אונז ניט בעשול־דיגען אז מיר האבען זיא אומגעבראכט. זאלען מיר זיא דא לאזען ליגען?

— ניין, מיר ווארפען זיא אריין אין דער מארנע!

www.libtool.com.cn


אין דעם אויגענבליק האבען זיך געלאזען הערען פון ווייטען שטימען. דיא דריי באנדיטען האבען אויפגעהאָרכט מיט אנגסט.

— שנעל — האט לאטירג בעפֿעהלען — נעהם דוא דיא פיס און איך דעם קאָפּ; מיר לאזען זיא גאנץ זאכט ארונטער אין וואסער.

ביידע מענער האבען צוגעטראגען דיא אונגליקליכע צום ראנד, וואו דער ברעג איז געווען שטארק משופע, לאטירג האט זיא א שטופּ געטהאן מ׳ט׳ן פוס און מיט א דומפּפען גערויש האט זיך דער קערפּער א״אָפּגעקייקעלט אין וואסער.

— איצטער פארווערטס! דער טייפעל האט פיר אונז געארבייטעט!

שנעל זיינען דיא דריי מענער אוועקגעגאנגען, און געגען האלבע נאכט זיינען זיי געווען אין זייערע וואהנונגען.

לאטירג האט דעם שליח פון גראף וואראוו פערשפּראכען, דאס אין פיער וואָכען וועט איוואן קוראוויאָוו ניט מעהר זיין צווישען דיא לעבענדיגע.

40טער קאפּיטעל.

## דער שליח פון ליעבע.

אויף מאָרגען נאך דיעזען פינסטערען אבענד איז דיא זאָננע אויפגעגאנגען שטראהלענד העלל, און האט פערשפּראכען א שעהנעם טאג פיר שפּאציער־געהער, דען עס איז געווען זאנטאג.

דאָפּעלט גליקליך איז געווען סימאָנע, דיא וועש־אויפזעהערין אין פּאנסיאָן פון מאדאם דיבעף, וועלכע האט מיט אונגעדולד שוין געהאט ערוואַרטעט דעם זאנטאג, ווען זיא איז פריי אויסצוגעהן. זיא האט געהאט ערהאלטען דעם בריעף פון מאריע און איז גליקליך געווען מיט דעם געדאנקען זיא ענדליך צו זעהן. אום האלב־צעהן אוהר אין דער פריה האט זיא גענומען אבשיעד פון מאדאם דיבעף, וועלכע האט איהר א״ך מיטגעגעבען עטליכע ווערטער צו פריילין ברעסאָל, איהר אמאליגער שילערין.

אום עלף אוהר איז זיא געוועזען אין דער רוע דע ווערנייל, און האט געפרענט דעם טהיר־היטער אויב זיא קען זעהן פריילין ברעסאָל.

— אויב איהר זייט פון פּאנסיאָן פון מאדאם דיבעף, דאן ערוואַרטעט אייך פריילין ברעסאָל ביי זיך אין צימער.

העכסט ערפרייט דאס צו הערן איז סימאָנע אריינגעקומען אין פּאָרדער־זאַל וואו איין אנדער דיענער האט זיא אנגעמעלדעט און א קאַמער־מעדכען איז ארויסגעקומען און האט זיא אריינגעפיהרט צו מאריע.

מאריע ברעסאָל איז געוועזען אליין. דיא געצוואונגענע פריילינקייט פון פאריגען טאג איז אין גאנצען פערשוואונדען געווען, און זיא איז וויעדער געוועזען טרויעריג און שווערמיטהיג. אבער אלס זיא האט דערזעהן סימאָנע האט איהר געזיכט אויפגע־שטראהלט פאר פריידע. „סימאָנע! — האט זיא אויסגערופען — וויא פרייע איך מיך אייך צו זעהן, אומארעמט מיך שנעל!"

סימאָנע האט ניט געענטפערט. איצטער איז געקומען איהר רייהע צו ווערען

www.libtool.com.cn

טרויעריג, און דער פרייליכער אויסדרוק פון איהר געזיכט איז אויגענבליקליך פערשוואונ־דען געווארען.

מאריע איז אנפאנגס ערשטוינט געוועזען איבער דיעזע פלעצליכע פערענדערונג, דאן אבער האט זיא באלד בעגריפען דיא אורזאכע דערפון און האט געזאגט: „יא, יא, מיינע ליעבע סימאָנע, אזא פערענדערונג האט איהר ניט ערווארטעט; איהר זייט ערשטוינט איבער דיא פערוויסטונג וועלכע דיא קראנקהייט האט ביי מיר אנגעמאכט. איך האב פיעל געליטען, סימאָנע, און לייד נאך איצטער איך; פיעלייכט ווער איך שוין גאר ניט געזונד".

און מאריע איז צוריקגעפאלען אויפ'ן דיוואן פון וועלכען זיא האט זיך אויפגע־הויבען.

סימאָנע האט דיא קראנקע מיידיל איינגעשלאסען אין איהרע ארמע און האט בעדעקט איהר געזיכט מיט קיסע: „אָ פרייליין, — האט זיא אויסגערופען — רעדט ניט אזעלכע זאכען, איך בין ניט דערשראָקען, דאס זיינען נור פריידע־טרעהרען, ווייל איך זעה אייך ענדליך וויעדער און קען אייך זאגען וויא ליעב איך האב אייך. ווען איהר זאלט וויסען וויא פיעל איך האב פון אייך געטראכט, און וויא גערן איך וואלט געוועזען ארום אייך!

— ליעבע סימאָנע, איהר האט א גאָלדענעם הערץ.

— אבער איהר זעהט גאר ניט אזוי שלעכט אויס, ליעבעם פרייליין, איהר זייט מאגער און בלאס, אבער מען זעהט דאס איהר קומט וויעדער צו זיך.

— רעדט אויפריכטיג, ליעבע סימאָנע.

— גאנץ אויפריכטיג! געדיינקט איהר נאך וויא ליידענד און אבגעצעהרט איך בין געוועזען דורך קראנקהייט, אלס איהר האט מיך צום ערשטען מאל געזעהן אין העררן סערוועט'ס אטעליער (קונסט־ווערקשטאט)! איך בין שוין געוועזען געשטאנען מיט איין פוס אין קבר! און זעהט מיך אז איצטער, געפינט איהר אין מיר א סימן דערפון?! איהר, פרייליין, אייער פאטער, הערר סערוועט און הערר גאבריעל גיברייע האבען מיך גערעטעט און איך בין אומגעשאפען וויא דורך א וואונדער! איהר זעהט אלזא אז מען דארף ניט פערצווייפלען.

אלס מאריע האט געהערט אלבערט'ס נאמען האט זיא הערצליך געדריקט מא־ריע'ס האנד און האט געפרעגט: „האט איהר זיך אמאל וועגען מיך נאכגעפרעגט?"

— צוויי מאל, פרייליין, אבער דער דאקטאר האט שטרענג פערבאָטען מען זאל צו אייך קיינעם ניט צולאָזען, און איך האב אייך ניט געקענט זעהן.

— דאמאלס בין איך ווירקליך געוועזען אין געפאהר. האט איהר עטוואס געהערט פון העררן סערוועט?

— שוין זעהר לאנג ניט.

— דאן ווייסט איהר גאר ניט אז הערר אלבערט איז קראנק?

— אָ, יא, מיין פרייליין, איך האב עס געהערט, און ווייס אויך דורך וועלכע אורזאכען; הערר סערוועט האט מיר דערצעהלט.

www.libtool.com.cn

— ער איז טויט־קראַנק — האט מאַריע געזיפצט — און דיא דאָקטוירים האבע איהם אויפגעגעבען.

— און דעריבער קענט איהר אויך ניט געזונד ווערען, מיין אַרעמעם פריילין — האט סימאָנע געזאגט רויט־ווערנדיג, מיט אויפריכטיגער טהיילנאהמע.

— וויא קען איך דען לעבען ווען ער שטארבט! — האט מאַריע אויסגערופען שלוכצענדיג.

— יא, פריילין, איהר קענט און מוזט לעבען, וואס עס זאל אויך געשעהן! — האט סימאָנע געענטפערט מיט פעסטער שטימע — איהר האט א פאטער וואס פער־געטערט אייך, און א מוטער וועלכע וועט פיליכט דעם פערלוסט ניט אריבערטראגען; עס איז א זינדע צו פערצווייפלען!

— איהר האט רעכט סימאָנע — האט מאַריע ברעסאל געזאגט אין א ווילע ארום — אבער איך קען אלבערט קיין איינציגען אויגענבליק פערגעססען. אויב ער שטארבט, בין איך דיא אורזאכע דערפון און איך פיהל דאס מיין לעבען שווינדעט גלייך מיט איהם. איך זעה דיא טרעהרען פון מיין פאטער, איך זוך מיין שמערץ צו בעהאלטען, מיינע ליידען צו בעזיעגען, אבער איך קען ניט. איין אויגענבליק בין איך עטוואס מונטערער, אבער אין נעכסטען אויגענבליק בין איך גלייך ווידער ביי מיינע פערצווייפלונג. ווען איך בערעכען זיך, זאג איך אליין, אז דאס איז וואהנזין, אבער איך קען ניט פערטרייבען דעם געדאנקע, דאס ווען אלבערט שטארבט, שטארב איך אויך.

— ווייסט איהר דען אזוי גענוי, דאס הערר גיברייי מוז שטערבען?

— דיא ערצטע זאגען אזוי.

— דיא ערצטע האבען אויך אמאהל א טעות; זיי האבען מיר אויך אפגעזאגט דאס לעבען און איך בין דאך געזונד געוואָרן. וואס האט איהר פון איהם דיא לעצטע צייט געהערט.

— זייט אכט טאג האב איך פון איהם גאר ניט געהערט.

— אכט טאג! וויא פיעל קען זיך אין אזא צייט ענדערן!

— ווילט איהר מיר טהאן א געפעליגקייט, ווען איך וועל אייך בעטען, ליעבע סימאָנע?

— פון גאנצען הערצען! איך וועל זיין גליקליך ווען איך זאל פיר אייך עטוואס קענען טהאן.

— איך האב אייך היינט ערוואַרטעט און האב דעריבער אויפגעשריעבען עטליכע צייל́ען......

— אן הערן גיברייי — האט סימאָנע ערלייכטערט.

— יא, אן אלבערט; פיעלייכט איז עס איין אונרעכט, אבער דער ליידענדער צושטאנד אין וועלכען איך געפין זיך איצטער וועט מיך ענטשולדיגען. מיר שיינט דאס עס וועלען מיר צוקומען נייע כוחות, ווען איך וועל וויסען, דאס אלבערט האט ערהאלטען מיין בריעף. ווילט איהר דאס בעזאָרגען, סימאָנע?

— זאל איך עס טראגען צו הערר גיברייי?

www.libtool.com.cn

— אָ, נייִן, צו הערן סערוועט און איהם בעטען ער זאָל עס איבערגעבען צו זיין שילער.

— יאָ, מיין פריילין, איך וועל עס בעזאָרגען און איך בין איבערצייגט, דאַס איך בעגעהע קיין אונרעכט ווען איך בעזאָרג דעם בריעף.

מאַריע האָט ארויסגענומען פון טאַשע אַ נאָטיץ־ביכעל פון וועלכען זיא האָט ארויסגעצויגען אַ צוזאַמענגעלייגטען בריעף.

— איידער איך וועל אייך דעם בריעף געבען — האָט זיא געזאָגט — וויל איך אייך איהם איבערלעזען.

— אבער פריילין! — האָט סימאָנע געזאָגט פערלעגען.

— איך פערלאַנג איהר זאָלט עס הערן. נאָך דעם איינדרוק וואָס דער בריעף וועט אויף אייך מאַכען, וועל איך וויסען וויא אַלבערט וועט עס אויפנעהמען.

מאַריע האָט געעפענט דעם בויגען פאַפּיער און האָט געלעזען פאָלגענדעס:

מיין פריינד!

„איך בין קראַנק און ליידענד וויא איהר, אבער פיעל מעהר אַן דער זעעלע וויא אַם קערפּער. דיא קראַנקהייט האָט אונז געשיעדען, דער טויט וועט אונז פעראייניגען; ווען איך זאָל אייך דאַ אונטען ניט מעהר ווידערזעהן, דאַן וויל איך בעסער שטערבען; אבער איך האָב אַ פאַטער, וועלכען איך האָב ליעב און וועלכער ליעבט מיך און ער ווייס, אַז דיא ליידען פון מיין זעעלע זיינען געפעהרליכער וויא דיא שמערצען פון מיין קערפּער. מיין טויט וואָלט איהם אויך טעדטען. ווען איהר זאָלט בלייבען לעבען, קען איך אויך לעבען, ווען איהר וועלט פערלאָזען, מוז דיא דאַן מוז איך אייך פאָלגען. איך ערוואַרטע אייער אַנטוואָרט, וועלכער וועט ענטשיידען מיין שיקזאַל.“

מאַריע.

סימאָנע האָט געוויינט הערצענדיג אָזעלכע ווערטער, אבער אין הארצען האָט זיא געטראַכט: „אָרמעס קינד! דיא ליעבע האָט איהר פערדונקעלט דעם פערשטאַנד!“

מאַריע האָט צוזאַמענגעלעגט דעם בריעף און האָט איהם איבערגעגעבען סימאָנען בעמערקענדיג: „איך האָב דעם קאָנווערט געלאָזען אָפען, דאַמיט הערר סערוועט זאָל איהם לעזען און זאָל וויסען אין וואָס זיין אויפטראַג בעשטעהט.“

מאַריע האָט געוואָלט ענטפערן, אבער אין דעם אויגענבליק האָט עס געקלאַפּט אין טהיר און מאַריע האָט געגעבען אַ וואונק סימאָנען צו בעהאַלטען דעם בריעף, דאַן האָט זיא גערופען: „הערייִן!“

הערר ברעסאַל איז אריינגעקומען מיט דעם דאָקטאָר.

— זייט איהר עס, מיין קינד! — האָט ברעסאַל געזאָגט צו דער גריסענדער סימאָנע — איך פרייע מיך אייך צו זעהן געזונד און מונטער; האָפענטליך געהט עס אייך גוט, און איהר פיהלט אייך גליקליך ביי מאַדאַם דיבעף.

— זעהר גוט, הערר ברעסאַל, און איך פיהל מיך גליקליכער וויא איך קען ארויסזאָגען; איך בין עטליכע מאָהל געקומען אהער אום אייך און אייער טאָכטער צו דאַנקען פיר דיעזעס גליק, אבער דער דאָקטאָר האָט יעדען בעזוך צו פריילין מאַריע געהאַט פערבאָטען.

www.libtool.com.cn

— דערפאר מעגט איהר איצטער קומען וויא אָפט איהר ווילט, מיין פריילייו — האט דער דאקטאר געזאגט — פריילין ברעסאָל דארף האבען צערשטרייאונג.

— ווען איך זאל פריי זיין, וואלט איך דא געווען יעדען טאג, אבער מיין צייט געהערט ניט מיר, איך וועל אבער קומען אזוי אָפט וויא איך קען. אדיע, מיין פריילייו.

— ניין, ניט אדיע, סימאָנע, נור אויף ווידערזעהן!

דיאביידע יונגע מיידלאך האבען זיך אומארעמט און סימאָנע האט זיך דאן פערנייגט פאר ביידע הערן און איז ארויסגעגאנגען פון צימער.

אראָפּגעהענדיג אונטען אין זאַל האט זיא נאך געוואלט פון יוצא־זוענען גריסען מאדאם ברעסאָל, אבגלייך זיא איז איהר ניט בעזאנדערס געפעלען געוואָרען ביי זייער ערשטען צוזאמענטרעפען, אבער א דיענער האט איהר געזאגט, דאס מאדאם איז מיט הערן וואסייר אין ווינטער־גארטען, און זיא איז אוועקגעגאנגען, אהנע מאדאם ברעסאָל געזעהן צו האבען.

ארעמעס קינד! ווען זיא זאל וויסען דאס זיא געפינט זיך אין הויז פון איהר מוטער, דיא אויסגעלאסענע געליעבטע פון יענעם מאַן, וועלכער זוכט אזוי שטארק נאך איהר לעבען! ווען זיא וואלט פינף מינוטען פריהער אריין אין זאל וואלט זיא זיך גע־טראפען מיט וואסייר, וועלכער האט דא מיט וואלענטינין געפלוידערט. דאן אבער האט זיא איהם גערופען נאך דעם ווינטער־גארטען, בעמערקענדיג דאס אין זאל פיהלט זיא זיך ניט זיכער גענוג איהם צו זאגען וואס זיא האט אויף׳ן הערצען.

קוים זיינען זיי אריין אין ווינטער־גארטען, האט וואלענטינע אויסגערופען: „איהר זאלט מיר גלייך געבען איינע ערקלערונג וועגען דעם וואס דאקטאר דופרען האט אונז נעכטען פארגעלעגט!“

וואלענטינע׳ס געזיכט איז געווען פערצערט פון ליידענשאפט און צאָרן אלס זיא האט דיעזע ווערטער געשפּראָכען.

— וועגען וואס רעדט איהר? — האט מאריס געפרעגט.

— איך רייד וועגען אייער איינוויליגונג....

— אבער, ליעבע וואלענטינע, דא איז דאך ניטא וואס אויפצוקלערען! — האט מאריס גאנץ רוהיג געענטפערט — איך גליוב איהר ווייסט אלעס, און איך ווילג איין מאריע צו הייראטען ערפיעל איך נור אייער וואונש....

— מאריס, איהר מאכט זיך לוסטיג איבער מיך! — האט מאדאם ברעסאָל אויסגעשריען גאנץ וויטהענד.

— איך שווער אייך אז ניט! איך וויל אייך נור דערמאָהנען אייערע אייגענע ווערטער וואס איהר האט מיר געזאגט אן יענעם אבענד, ווען עס האט פּאסירט דאס אונגליק מיט דער שלאנג.

— איך האב קיין זאך ניט פערגעסען, איך געדיינק מיין פּלאַן גאנץ גוט! דא־מאלס האב איך געוואלט אפּפער מיינע אייפערזוכט, ווייל איך האב מורא געהאט דאס אלבערט גיברייי וועט וועלען הייראטהען מאריע און זיין פאטער וועט איהם מוזען אלעס ענטדעקען אום איהם דאריין צו הינדערן, און עס וועט ארויסקומען א סקאַנדאַל

www.libtool.com.cn

— ווארום אלזא זייט איהר היינט אזוי ערישטוינט? ווארום ווערט איהר אויפגע-רעגט ביי דעם געדאנקען פון א הייראט, וועלבע איהר האט אליין אויסגעטראכט?

— ווייל דיא הייראט איז איצטער ניט מעהר נייטיג, ווייל איך האב ניט מעהר וואס מורא צו האבען אזוי וויא אלבערט גיבריי האלט ביין שטערבען. איך האב מורא געהאט דיך צו פערליערין. און דעריבער האב איך איינגעווילינגט אין דיא הייראט, איצטער וויל איך זיא ניט מעהר!

— אלבערט גיבריי קען געזונד ווערען און דאן וועלען אייערע אונרוהען ווידער אנפאנגען, און ווען מאריע זאל דאן ווידער געזונד ווערען, דאן וועט שוין זיין צו שפעט. מען טאר זיך מיט דער געפאהר ניט שפיעלען.

אבער מאדאם ברעסאָל האט געשאָקעלט דעם קאָפּ: „מאריע קען ניט לעבען— האט זיא געזאגט — טראַכטן אלע אנשטרענגונגען פון דאקטאר געהט זיא איין פון טאג וויא א ליכט, און וועט נאכגעהן איהר געליעבטען.“

— גוט, און וואס וועט זיין ווען מאריע וועט שטארבען. און איך וועל זיא ניט האבען געהייראַטהעט? דאס איז נאך ערגער פיר אונזערע ליעבע.

— איך פארשטעה אייך ניט.

— דאס איז דאך גאנץ איינפאך. ווען איך בין איצטער אימער ביי אייך אין הויז האב איך איין אויסרייד; וואו וועל איך נעהמען איין אויסרייד ווען מאריע וועט ניט זיין? מיר וועלען דאן מוזען אויפהערן זיך צו טרעפען, מינדעסטענס דא אין הויז. ווען מאריע שטארבט אבער אלס מיינע פרוי דאן געהער איך צו דער פאמיליע און בלייב ביי אייך און קיינער קען זיך ניט וואונדערן. יעצט בעגרייפט איהר דאס איך האב רעכט?

דיעזע אבשייליכע ערקלערונג איז געווען זעהר לאניש און וואלענטינע האט עס געמוזט איינזעהן. זיא האט ניט געענטפערט, אבער אויף איהר געזיכט איז געווען צו זעהן, דאס מאָרים האט איהר מיינונג אומגעמאכט און דאס זיא וועט זיך דער הייראַט ניט אנטקעגענשטעלען.

— עס איז מיטאג־צייט — האט זיא געזאגט — און מיר געהן אין זאל צוריס.

אין זאל האבען זיי שוין געטראפען הערן ברעסאָל און דעם דאקטאר.

— קומט ניט מאריע ארונטער? — האט וואלענטינע געפרעגט.

— אין פינף מינוטען — האט לודאוויק געענטפערט — אויך קען איך דיר מעלדען, דאס אונזער פריינד, דאקטאר דופרען וועט אונז מאבען דיא פריידע מיט אונז צו עסען.

— איהר זייט זעהר ליעבענסווירדיג, הערר דאקטאר! האט איהר געשפּראכען מיט מאריע פון אונזער פּלאַן?

— דערווייל נאך ניט; מיר מוזען אבווארטען א גינסטיגען אויגענבליק.

— איך האב שוין יעצט געשפּראכען מיט הערן וואסייר וועגען דעם.

דער דאקטאר און ברעסאָל האבען אנגעקוקט דעם יונגען מאן, וועלכער געמאַכט זעהר א פערלגענע מינע.

— דוא האסט געטהאן אונרעכט — האט ברעסאל געזאגט — מיר קענען אונזער טאכטער ניט צווינגען, און ווען זיא וויל ניט....

www.libtool.com.cn

— איך וועל מיך ניט בעקלאגען — האט מאריס אריינגערעדט, שטעלענדיג זיך בלומר'שט זעהר בעוועגט — און איך וועל מיך קענען ענטזאגען פון דעם גליק, אבער איך האף צו געפינען גענענליעבע אלס בעלאהנונג פיר איין אויפריכטיגעס געפיהל.

גראדע ביי דיא ווערטער איז מאריע אריינגעקומען אין זאל, און האט געפרעגט אין שפאס: „ועמעס ליעבע ווילט איהר דען געווינען?"

— אייערע, מיין פריילין — האט ער געענטפערט און האט זיך פערניינט. דאס יונגע מיידיל האט איהם געגעבען דיא האנד:

— דיא האט איהר שוין — האט זיא געענטפערט — איהר זייט מיין פריינד און איך האב אייך ליעב.

דער דאקטאר און ברעסאל האבען געוועכסעלט א בליק, וועלכער האט געהייסען אזוי פיעל וויא „אלעס געהט גוט!"

וועהרענד דיעזער צייט איז סימאָנע געגאנגען נאך דעם אטעליער פון סערוועט, אום איהם איבערצוגעבען מאריע'ס בריעף פיר אלבערט. דארטען איז דער מאהלער יעצט געווען פארנומען אין א געשפרעך מיט דעם גראף איוואן, וועלכער איז אויך גע־קומען צו סערוועט מיט א ביטע פון אלבערט. דער מאהלער האט שוין פריהער געהאט ערפאהרען פון זיין דיענער דאס דער גראף איז געסטערן געווען און האט פערשפראכען ווידער צו קומען. ער האט פערשטאנען דאס ער קומט וואהרשיינליך פון אלבערט, און האט איהם זעהר פריינדליך און הערצליך עמפפאנגען.

— וועלכען אומשטאנד האב איך צו פערדאנקען דיא פריידע פון אייער ווערטהען בעזוך? — האט ער געזאגט.

— איך קום פון אונזער ביידענס פריינד, אלבערט ניבריי, מיט א ביטע צו אייך.

— אייער ביטע איז שוין צוגעזאגט אין פאראויס; אבער איידער איהר זאגט מיר וואס זיא איז, זאגט מיר פריהער וויא געהט עס דעם ליעבען יונג.

— זיין צושטאנד איז אימער דערזעלבינער: דיא קראנקהייט שיינט צו שטעהן אויף איין ארט און דיא דאקטוירים פ־עגען זיך, אויב דיא ענדערונג וועלכע מוז דאך ענדליך איינטרעטען וועט זיין צו גוטען אדער צו בייזען. הלוואי זאל זיא זיין צום גוטען. יעצט צו זיין ביטע! איהר ווייסט דאס אלבערט טראגט איינע ליעבע אין הערצען.

— יא, צו דער רייצענדער מיידיל, וועלכע ער האט קענען געלערנט דאָ ביי מיר אין אטעליער.

— זעהר ריכטיג; איהם וואלט עס געווען א גרויסער טרייסט צו האבען א בילד פון איהר.

— איך פערשטעהע; ער וויל א קאפּיע פון דעם בילד וואס איך האב מיט איי־ניגע וואכען צוריק אנגעפאנגען און האב נאך ביז היינט ניט געענדיגט צוליעב דער מיידיל'ס קראנקהייט.

— ניין, הערר סערוועט, אלבערט פערלאנגט נור א קליינעס מעדאליאָן־בילד.

— איך וויל עס איהם גערן מאכען, אבער דאס מוז אימער נעהמען איינינע צייט. דערווייל קען איך איהם געבען איינע זעהר עכטע פאטאגראפיע פון פרייליין ברעסאָל, מיט וועלכע איך האב מיך צייטענווייס בעהאָלפען ביים מאהלען, ווען זיא איז ניט

www.libtool.com.cn

נעזעסען פאר מיר. ברייננ איהם דיעזעס בילד, דאס איז בעסער וויא יענעס אנדערע בילד.

מיט דיעזע ווערטער האט דער מאהלער איבערגעגעבען דעם נראף איינע פאָטאָגראפישע קארטע, וועלכע דיעזער האט אויפמערקזאם בעטראכט און האט דאן נעזאגט:
„דאס יונגע מיידיל איז ווירקליך שעהן וויא איין ענגעל“.

— דאס איז זיא אויך! — האט דער מאהלער בעשטעטיגט — אין איהר נעזיכט שפיעגעלט זיך אפ איהר צארטע זעעלע און איהר ווייכעס הערץ. אָ, זיא וואלט אלבערט גליקליך מאכען!

— ווארום איז זיין פאטער אזוי שטארק נעגען דיעזע הייראט, וועלכע שיינט צו זיין אזוי פאסענד?

— דארויף קען איך ניט אנטוואָרטען; דא שיינט צו זיין עפעס א פאמיליען־געהיימניס, אבער ווען איך וואלט געוועזען אויף זיין פלאטץ וואלט איך שוין לאנג אלבערט געלאָזען הייראטהען מאריע, דאן וואלט פיעלעס פארשפּאָרט געווען, און אנשטאט א שטערבענדען זאהן וואלט ער געהאט צוויי גליקליכע קינדער.

יעצט האט עס שטיל געקלאפּט אין טהיר, און דער מאהלער האט געעפענט. אויפ'ן שוועל איז געשטאנען סימאָנע, פריש און ראָזיג, וויא איצטער אויסגעריסען פון בעט אין גארטען.

— סימאָנע! — האט דער מאלער אויסגערופען איבערראשט, ערגרייפענדיג איהר האנד — וויא פריי'ע איך מיך אייך ווידער צו זעהן!

— איך בין אויך זעהר גליקליך, הערר סערוועט, און איך בין שוין דא פריהער געוועזען....

— איך וויים, איך וויים, מיין קינד, מען האט עס מיר נעזאגט; אזעלכע ליעבע קינדער פערגעס'ען ניט א גוטען פריינד! אבער לאזט מיך אייך אנזעהן, איהר זייט דאך גאנץ אנאנדערע געווארען! איך קען מיך גאר ניט זאט אנקוקען! זעהט איהר דיעזע דאמע? — האט זיך דער מאלער געווענדעט צום גראף.

— געווים! און איך קען אייך פערזיכערן, מיט דעם גרעסטען פערגעניגע — האט דער רוסע געענטפערט שמייכלענדיג.

— ווען איהר וואלט זיא געזעהן מיט דרייא מאָנאטע צוריק, וואלט איהר זיא יעצט ניט דערקענט. זיא איז געווען טויט־קראנק, און מען וואלט איהר שווערליך געגעבען נאך אכט טאג צו לעבען. איבריגענס קענט איהר אייך איבערצייגען פון דער זעלטענער פערענדערונג, ווען איהר וועט בעטראַכטען מיין בילד אויף דער אויסשטעלונג, וועלכעס שטעלט פאר א קראנקע מיידיל אין איין אויבערשטיבעל מיט א שוועסטער דער בארמהערציגקייט אלס פּפלעגערין. סימאָנע איז געווען דיא קראנקע.

— איך וואלט עס אויך וועלען זעהן — האט סימאָנע געזאגט פערלעגען.

— איהר וועט זיך אליין ניט דערקענען; מיין ליעבעס קינד, און קיינער וואלט עס מיר איצטער ניט גלויבען, ווען איך זאל דערציילען אז איהר האט מיר געדיענט אלס מאָדעל צו יענעם בילד. וויא געהט עס אייך ביי מאדאם דיבוּף?

— זעהר גוט, הערר סערוועט, איך פיהל מיך זעהר גליקליך.

 

www.libtool.com.cn

— איהר פערדיענט גליקליך צו זיין, מיין קינד, און הערר ברעסאָל אונד זיינע טאָכטער מעגען זיך פרייע, דאס זיי האבען אייך צו דיעזען גליק פערהאָלפען.

— איהר האט רעכט, הערר סערוועט, איך געה יעצט פון דארטען, און ביידע פרייען זיך מיט מיין גליק.

— איהר געהט פון דאָרט ? — האט דער גראף וויעדערהאָלט — קענט איהר אינז פיעלייכט זאגען וואס פריילין ברעסאָל מאכט ?

סימאָנע איז עטוואס פערלעגען געווארען און האט געצענגערט מיט איהר אנטוואָרט.

— איהר מעגט זאגען אלעס, ליעבע סימאָנע, דער גראף איז א פריינד פון גיבריי, און ער וועט זיך פרייען צו הערן א גוטע נייעס.

ביי דעם נאמען גיבריי האט סימאָנע אויפגעציטערט פון איבערראשונג. איהר איז איינגעפאלען, דאס אויב דער גראף איז יא אלבערט'ס פריינד קאן זיא פיעלייכט דורך איהם בעזארגען דעם בריעף.

— געהט עס הערן גיבריי בעסער, הערר גראף ? — האט זיא געפרעגט.

— ליידער ניט ; ער איז זעהר קראנק און ליידעט אָן קערפּער וויא אָן גייסט.

— אָ, מיין הערר, פריילין מאריע געפינט זיך אין פונקט אזא לאגע.

— האט זיא מיט אייך גערעדט פון אלבערט ?

— יא, הערר גראף, זיא זאגט דאס אויב הערר אלבערט זאל בעהיטע גאָט שטארבען, וועט זיא איהם ניט לאנג איבערלעבען.

— און אזוי טענה'ט אויך אלבערט.

— זעהט איהר הערן גיבריי אָפט, הערר גראף ?

— אלע טאג, מיין פריילין.

— ווילט איהר פיעלייכט אזוי גוט זיין און איהם איבערצוגעבען א בריעף פון פריילין ברעסאָל?

סערוועט און דער גראף האבען זיך פערוואונדערט אנגעקוקט, וועהרענד סימאָנע האט וויימער גערעדט ; „ציית אכט טאג האט מאריע פון איהם ניט געהערט ; זיא ליידעט זעהר דערפון און איהר צושטאנד ווערט דורך דעם פערשלימערט. פריילין מאריע האט מיך געבעטען איך זאל דעם בריעף איבערגעבען הערן סערוועט, נור אזוי וויא איהר זעהט איהם אלע טאג, הערר גראף, דיינק איך אז דאס איז נאך בעסער. דא איז דער בריעף, הערר גראף, לעזט איהם דורך.

— איך זאל דעם בריעף לעזען ? האט דער גראף געפרעגט פערוואונדערט.

— פריילין ברעסאל האט איהם דעריבער ניט צוגעמאכט.

— לעזט איהם, ליעבער גראף — האט דער מאלער געזאגט — איהר וועט דאן קענען אורטהיילען, אויב איהר קענט דעם בריעף איבערגעבען, איהם ניט צו שאדען.

איוואן סאמילאוו האט דעם בריעף געלעזען לויט, וועהרענד זיין שטימע האט געציטערט פון בעוועגונג. דער מאהלער איז ניט ווייניגער געריהרט געווען און סימאָנע אט געוויינט.

דער גראף האט גענומען דעם בריעף צו זיך מיט דעם פערשפרעכען איבער

www.libtool.com.cn

צוגעבען אלבערט'ן, אויב ער וועט נור זעהן, אז ער איז אים שטאנדע איבערצוטראגען די אויפרעגונג, וועלכע דער בריעף קען איהם פעראורזאכען. ער האט גענומען אבשיעד פון סערוועט און סימאָנע, וועהרענד דיא לעצטערע איז נאך א ווילע געבליעבען ביים מאהלער און האט איהם דערציילט אלעס וואס זיא וויים פון מאריע ברעסאל.

## 41טעם קאפיטעל.

## ענטריסען דעם טויט.

נאליבעט און קאָרנו זיינען נאסערהייט נעקומען אהן אטהעם צום אייזענבאהן. ביי א שענקדווירטה דערביי האבען זיי אומגעביטען קליידער, פיר וועלכע זיי האבען געלאזען א משכון געלד, האבען אויסגעטרונקען צו פאר גלעזער ווארעמען וויין און האבען דאן געווארט ביז עטליכע אייזענבאהנציעגע זיינען אוועק נאך פאריז. אלס זיי האבען איינגעזעהן, דאס דיא צוויי לייטע וועלכע זיי האבען פערפאלגט קומען ניט, זיינען זיא געגאנגען צוריק צום ברעג פון מארנע, זוכענדיג מאדאם ראזיע. דאס זיינען געווען דיא טריט און דיא שטימען וועלכע דיא צוויי באנדיטען און דער רוסין האבען דערהערט, אלס זיי זיינען געשטאנען ביים קערפער פון דער פרוי, וועלכע זיי האבען געהאלטען פאר טויט. אלס דיא צוויי פאָליציסטען זיינען צוגעקומען נעהענטער צו דעם פלאטץ, האבען זיי דערהערט דעם פלושק וואס דער פאלענדער קערפער האט געטהאן אין וואסער און זיינען אויפמערקזאם געווארן. נאלובעט האט זאגאר בעהויפטעט, אז ער האט געהערט וויא א קרעכץ. זיי זיינען שנעל צוגעלאפען אהין, דיא דריי מענער זיינען נאטירליך געווען פערשוואונדען, אבער זיי האט אויסגעוויזען ביים בלאסען שיין פון דער לבנה, דאס זיי זעהען א דונקעלע מאסע ביים ברעג, אין וואסער. נאלובעט איז שנעל אריין ביז איבער דיא ברוסט אין וואסער, האט אנגעחאפט א ברעג פון עמא זשיבערט'ס קלייד און האט אויסגעשריען מיט שרעק און איבערראשונג מיט אלע קרעפטען: „סילוואן, דאס איז זיא, אונזער מאדאם!“

אויף דעם געשריי איז אויפמערקזאם געווארען א וואסער־וועכטער, און אין א פאר מינוטען האט זיך בעוויעזען א שיפעל מיט א זשאנדארם, וועלכער האט געפרעגט ווער דא איז און וואס מען טהוט דאָ ביי נאכט. עטליכע ווערטער זיינען גענוג געוועזען, אום אלעס אויפצוקלערן. דער קערפער פון דער פרוי איז שנעל געבראכט געווארען אין הויז פון זשאנדארם, וועלכער האט געוואהנט ניט וויט. א דאקטאר איז גערופען געווארן און סילוויאן קארנו, וועלכער איז געוועזען טרוקען, איז שנעל געלאפען צום באהנהויף, אום צו געהן נאך פאריז און צו מעלדען אויף דער פערפעקטור וואס עס האט פאסירט.

אזוי וויא ער איז געקומען אין פאריז שפעט נאך האלבע נאכט, האט ער געטראפען דעם פאליציי־שעף ערשט אויף מארגען, אלס ער האט אין זיין ביורא אפגענומען ראפאָרט פון זשאָדלע און מארטעל.

— וואס גיעבט עס נייעס? — האט איהם דער פאליציי־שעף געפרעגט.

— איין גרויסעס אונגליק הערר שעף, מאדאם ראָזיע איז דערטרונקען!

דער פאָליציי־שעף, זשאָדלע און מארטעל האבען אויפגעשריען פאר ענטזעטצען.

www.libtool.com.cn

— דערקלערט אייך! — האט דער פּאָליציי־שעף בעפאהלען אין אויפרעגונג. קאָרנו האט אומשטענדליך דערציילט אלעס וואס עס איז פאָרגעפאלען און וואס דער לעזער ווייס שוין.

— דאס איז ווירקליך איין גרויסעס אונגליק! — האט דער שעף אויסגערופען— זשאָדלע און מאָרטעל, איהר האט דיא בעפעהלע פיר היינט! נאך אלעם שיינט עס, אז דיא פערברעכער זיינען דאך נאך אין פּאריז; זוכט היינט אין קווארטאל אנטען, מארגען נעהמען מיר איין אנדער קווארטאל, ביז מיר וועלען דאך וואס געפינען. איהר קאָרנו געהט מיט מיר נאך פּאָרט־קרעטעל, צו מאדאם ראָזיע.

דער פּאָליציי־שעף האט נאך מיטגענומען דעם געריכטס־קאָמיסאר, און אין דער בעגלייטונג פון קאָרנו זיינען זיי אוועקגעפאהרען צום באהן.

אנקומענדיג אין פּאָרט־קרעטעל האבען זיי געטראָפען אויפ'ן באהנהויף דעם דארטיגען פּאָליציי־קאָמיסאר, וועלכער האט מיטגעטהיילט דעם שעף, דאס ער האט יעצט געוואלט צו איהם שיקען, אום צו ערהאלטען אויסקונפט איבער א קארטע וועלכע ער האט געפונען ביי דער פרוי.

— איהר האט גאנץ רעכט — האט דער פּאָליציי־שעף געענטפערט — דא האנדעלט זיך וועגען איינע פון אונזערע בעסטע אגענטינען, וועמעס טויט מיר בעדויערן פון טיעפסטען הערצען...

— טויט? — האט דער פּאָליציי־קאָמיסאר זיך געוואונדערט — דיא פרוי איז דאך גאר ניט טויט!

דיא געזיכטער פון דיא דריי אנקומענע האבען אויפגעשטראהלט פון פריידע.

— גאָט זיי דאנק! — האט דער שעף אויסגערופען — דאס איז פיר מיך דיא גרעסטע פריידע. זיא לעבט אלזא?

— יא, הערר שעף — האט דער פּאָליציי־קאָמיסאר געענטפערט — און מיר האבען עס צו דאנקען דעם דאקטאר וועלכער איז איהר שנעל געקומען צו הילפע. זיא ליעגט אבער אין פיעבער און קען ניט ענטפערן.

— וואו איז זיא?

— פאָלגען זיא מיר געפעלינגסט!

אין איניגע מינוטען זיינען זיי געווען פאר דעם קראנקען־לאגער פון דער אונגליקליכער פרוי. מאדאם ראָזיע איז געלעגען אין שטארקסטען פיבער. דונקעלע פלעקען האבען געברענט אויף איהרע וואנגען און דער קאָפּ האט זיך אונגעדולדיג געוואָרפען אויפ'ן קיסען.

ביין קלאנג פון בעקאנטע שטימען האט דיא קראנקע אנגעהויבען צו ריידען פון פיעבער, וועהרענד אלע אין צימער האבען מיטליידיג געקוקט אויף איהר, איינהאלטענדיג דעם אטהעם.

— לאזט מיך! — האט דיא אונגליקליכע געשטאמעלט, זיך וועהרענדיג מיט דער האנד — טעדטעט מיך ניט!.... לאטירג.... ווערדיע.... זיי זיינען דאס! דער רופע בעפעהלט.... גראף א.ו.א. זאל שטערבען!.... זיי טאָרען מיך ניט טעדטען!.... אין דועל זאל ער פאלען!.... הונדערט־טויזענד ביי ראָטשילד!

www.libtool.com.cn

איהרע שטימע איז ערלאָשען געוואָרען און איהרע אָרעמס זיינען מאַכטלאָז אַראָפּגעפאַלען.

— דיא פרוי האָט געמוזט ערפאַהרען א שרעקליכעס געהיימניס! — האָט געזאָגט דער דאָקטאָר, וועלכער האָט אויפמערקזאַם צוגעהערט איהר פאַנטאַזירען!....
איהר זייט אונבעזאָרגט, זיא וועט דאָס איבערקומען; מאָרגען וועט זיך דער פיעבער לייגען און זיא וועט אים שטאַנדע זיין צו ריידען.

— דאַן קומען מיר מאָרגען וויעדער — האָט דער פּאָליציי־שעף געזאָגט — מיר לאָזען אייך דא איבער צוויא מאַן פיר יעדען פאַל, ווען איהר זאָלט אונז דאַרפען, און היער זיינען הונדערט פראַנק פיר אייערע און איהרע בעדירפניסע.

פינף מינוטען שפּעטער זיינען דיא ביידע בעאַמטע צוריקגעקעהרט נאָך פּאַריז, ערגעהענדיג זיך אין אלערליי פּאָראויסזעצונגען און פערמוטהונגען, אויב דא איז וויעדער ניט פאָרגעקומען עפּעס א פערברעכען פון דיא שרעקליכע פינף.

דעם נעכסטען טאָג, אום ניין אוהר, אלס דער דאָקטאָר האָט פערזוכט ארונ־טערצונעהמען דעם קאַלטען אומשלאַג פון מאַדאַם ראָזיע'ס קאָפּ, האָט זיא לאַנגזאַם און מיט גרויס מיהע געעפענט דיא אויגען.

— פיהלט איהר זיך בעסער? — האָט דער דאָקטאָר געפרעגט.

— זיא האָט ניט געענטפערט, האָט איהם אבער אנגעקוקט; פון איהם האָט זיא איהר בליק געלאָזען פאַלען אויף קאָרנו און גאַלובעט און אויף דעם זשאַנדאַרם, דעם ווירטה פון הויז.

— וואו בין איך? — האָט זיא געפרעגט מיט א שוואַכער שטימע.

אבער נאָך איידער איינער האָט צייט געהאַט איהר צו ענטפערן, האָבען זיך דערהערט טריט אין פאָרצימער, און ביידע פּאָריזער בעאַמטע, דער שעף מיט דעם געריכטס־קאָמיסאַר, זיינען איינגעטרעטען.

דער בליק פון דער קראַנקער איז אויף זיי געבליעבען רוהען. אין איהר געדעכט־ניס האָבען זיך אנגעהויבען אויפצוקלערן קלאָרערע בילדער און ערינערונגען פון דעם וואָס מיט איהר איז פאָרגעקומען, און זיא האָט צוגעוואונקען דיא ביידע בעאַמטע:
„קומט, שנעלער, קומט!“

דיא ביידע הערען זיינען צוגעגאַנגען און האָבען איהר געדריקט דיא האַנד, וועהרענד דער דאָקטאָר האָט געזאָגט: „רוהיג, רוהיג! יעדע אויפרעגונג מוז פערמיע־דען ווערען!“

— אבער וואו בין איך דען? — האָט זיא נאָך א מאָהל געפרעגט.

— אין פּאָרט קרעטעל.

— מאַדאַם ראָזיע האָט זיך געחאַפּט מיט א האַנד פאַר'ן שטערן, און עס האָט אויסגעוויעזען דאָס ביסלאַבוויים קלערט זיך אויף איהר געזיכט און זיא הויבט אָן צו בעגרייפען וויא אזוי זיא קומט אהער.

— וואָס איז מיט מיין זאָהן? — איז געוועזען איהר ערשטע פראַגע.

— מיר האָבען איהם ניט געזעהען — האָט דער שעף געענטפערט — ווילט איהר איהם לאָזען רופען?

www.libtool.com.cn

— ניין, ניין, אויב ער ווייס ניט איז בעסער!

— מיר זיינען שוין דא געסטערן געווען ביי אייך, אבער איהר האט אונז ניט דערקענט.

— אָה, דיא עלענדע, דיא שורקען! — האט זיא געמורמעלט.

— רוהיג, מאדאם! — האט דער דאקטאר דערמאהנט — אויב איהר מוזט ריידען טהוט עס מינדעסטענס אזוי רוהיג וויא מעגליך.

— איך וועל עס פרובירען; וויא לאנג בין איך שוין דאָ?

— מען האט אייך געבראכט אהער אין דער נאכט פון שבת אויף זאנטאג.

— און וואס איז היינט?

— מאנטאג.

— מאנטאג! — האט דיא פאליציסטין אויסגערופען — דאן איז דער רוסע שוין פערשוואונדען!

דער פאליציי־שעף האט אנגעקוקט דעם דאקטאר, פונקט וויא ער וואלט איהם פרעגען, צו רעדט ניט דיא קראנקע פון פיעבער. עמא זשובערט האט דיעזען בליק פערשטאנען און האט געזאגט: אָ ניין, איך בין ביי מיין פולען פערשטאנד, איך פאנ־טאזיר ניט, איך דערמאָהן מיך נור וויא דיא זאכען זיינען פאָרגעפאלען. דער רוסע פון וועלכען איך רייד איז מיט־שולדיגער פון לאטירג און ווערדיע, ער הייסט ניקאלאי גאָל — גאָל — לאמיך זיך דערמאהנען — גאָל — אָ — וואי — סקי; דאס איז א שווערער נאמען, אבער איך האב מיר עס איינבוכשטאבירט מיט סימנים — ער איז דער שליח פון גראף וואראוו, וועלכער האט פעראורזאכט דיא ערמאָרדונג פון דער גרעפין קורא־וויאָוו, און וואהרשיינליך אויך איוואן'ס פאטער.

— האט איהר איהם געזעהען? — האבען ביידע בעאמטע אויסגערופען.

— געזעהען און געהערט!

— וואו?

— ביין ברעג פון דער מארנע.

— וויא אזוי?

גאנץ לאנגזאם, אנשטרענגענדיג איהר געדעכטניס אויף דאס אייסערסטע אום קיין האר צו פערגעסען, האט מאדאם ראָזיע דערציילט פון אנפאנג ביז צו ענדע אלעס וואס זיא האט געפיהלט, געזעהען און געהערט. „קיין וואָרט האב איך פערלאָרען — האט זיא געענדיגט איהר דערציילונג — אבער א שטיינדיל האט זיך דורך מיינע בעוועגונג אראָפגעקייקעלט, און זיי זיינען געווארען אויפמערקזאם. איך האב געוואלט פליהען, אבער מיינע כחות האבען מיך פערלאזען, און איך בין אומגעפאלען אין אהנמאכט.

— דיא שורקען האבען אייך געווארפען אין וואסער — האט דער שעף געזאגט. און ווען קארנו און גאלובעט וואלטען אייך ניט ארויסגעשלעפט צו דער רעכטער צייט, וואלטען מיר אייך געהאט פערלארען!

— איינער פון אייך, מיינע העררען, מוז שנעל צוריקגעהן נאך פאריז. געסטערן איז געווען זאנטאג און דיא באנדיטען האבען דיא אנווייזונג ניט געקענט אויסוועכסלען

www.libtool.com.cn

אין באנק; אבער זיי קענען דאס היינט טהאן. איהר מוזט דעם מאַן ארעטירען וואס וועט מיט דעם וועבסעל קומען; אויב דאס איז ניט לאַטירג אדער ווערדיע, דאַן איז עס א מיטשולדיגער פון זיי.

— איך געה — האט דער קאָמיסאר געזאגט — און וועל בעאויפטראגען דער־מיט זשאַרלע און מארטעל; איהר הערר שעף בלייבט דא, דען מאדאם האט אייך נאך געווים פיעלעם מיטצוטהיילען.

דער קאָמיסאר איז שנעל געלאָפען צום באהנהויף, וועהרענד דער פּאָליציי־שעף האט געפרעגט ביי דער קראנקער:

— האט איהר ניט געהערט עפּעס איין אדרעסע, א פּלאַטץ אנרופען און דאס גלייבען?

— ליידער ניט! איך האב געהאפט צו הערן דעם נאמען פון א גאס, אדער א ווארט וואס זאל אנדייטען דעם פּלאַטץ, אבער אומזיסט.

— זיי האבען אלזא געוואלט טויטען דעם גראף דורך א דועל?

— בייא דעם געדאנקען זיינען זיי געבליעבען, אבער פיעלייכט ענדערן זיי איהם נאך. אויף יעדען פאל מוז מען דעם גראף מיטטהיילען ער זאל זיך היטען. פיעלע זאכען האב איך גאר ניט געקענט פערשטעהן. זיי האבען צום ביישפּיעל געזאגט דאס א בע־זאנדערער אומשטאנד לאזט זיי ניט מיך אומצובריינגען; זיי ווילען ניט דאס א געוויסע פּערזאָן זאל וויסען אז זיי האבען מיך אומגעבראכט.

— און איהר הויבט גאר ניט אָן צו פערשטעהן וואס דאס בעדייט?

— וויא קען איך דאס?

— פיעלייכט איז דאס נור געווען איין אויסרייד פאר'ן רוסען?

— דאס איז מעגליך.

דער דאקטאר, וועלכער איז וועהרענד דער אונטעררעדונג צווישען דער קראנקער און דעם שעף פון דער זיכערהייטס־פּאָליציי געווען אין פאָרדערצימער, איז יעצט ווידער איינגעטרעטען און האט אויפגעפאָרדערט דיא קראנקע זיך ניט צופיעל אנצושטרענגען. ער האט איהר פעראָרדנעט זופּ, וויין און רוהע און האט איהר צוגעזאגט, דאס אין צוויי טעג וועט זיא ווידער זיין אויף דיא פיס. דער פּאָליציי־דירעקטאר האט דאַן גענומען אבשיעד פון דער קראנקער, איבערלאזענדיג ביי איהר קאָרנו און גאלובעט אלס טרייע וועכטער.

---

אין דער צייט וואס דער פּאָליציי־שעף האט גערעדט מיט דער קראנקער עמא זשובערט, איז איהר זאהן געזעסען ביי לאטירג און האט זיך אונטערהאלטען מיט איהם און ווערדיע, ניט וויסענדיג קיין האר וואס מיט זיין מוטער איז געשעהן. ער איז יעצט געקומען אהער, ווייל ער האט געסטערן, קומענדיג א היים, געפונען א צעטעלע פון לאטירג: „קומט מארגען פריה, 10 אוהר. וואַן ברעקע.“

— וואס גיבט עס דען? איז סימאָנע געפונען? — האט מאריס געפרעגט איינ־טרעטענדיג.

www.libtool.com.cn

— ליידער ניט, אבער היינט האנדעלט עס זיך וועגען א גאנץ אנדערע זאך; נאר פריהער זאגט אונז וויא געהט עס ביי אייך מיט ברעסאָל?

— אלעס זעהר גוט; אין פיער וואכען האָף איך צו זיין אם ציעל. איך גלויב איהר קענט זיך אויף מיינע געשקליכקייט ניט בעקלאגען.

— מיר ווייסען, אז איהר זייט קלוג און געשיקט און דריבער זאלט איהר אונז געבען א ראטה.

— א ראטה? — האט מארים איבערגעפרעגט — אום וואס האנדעלט עס זיך?

— א געפעהרליכען פיינד אוועקצוראמען פון וועג.

— ווער איז ער?

— גראף איוואן סאמילאָוו קוראוויאָוו.

מארים האט זיינע ביידע קאמעראדען אנגעקוקט מיט א פאַרשענדען בליק.

— וואס זאל דאס בעדייטען? — האט ער געפרעגט — ערשט ניט לאנג האט איהר ערקלערט, אז דער טויט פון גראף איז ניט נייטיג און איצטער האלט איהר איהם פיר געפעהרליך! וואס געהט פאָר?

— פריהער איז אונז זיין טויט געווען גלייכגילטיג און איצטער ברייגנט ער אונז איין צוויי־הונדערט־טויזענד־פראנק. אויף א העלפט האבען מיר שוין איין אנווייזונג, וועלבע דאָמיניק איז יעצט נעגאנגען וועקסלען אין ראָדשילד'ס באנק.

— איהר האט געזעהן א פיינד פון גראף?

— ניין, נור א שליח פון איהם.

— ווען?

— פאָרגעסטערן.

— וואס פאר א ראטה אלזא פערלאנגט איהר פון מיר אין א זאכע, וועלבע געהט נור אייך אליין אן?

— אייך אזוי גוט וויא אונז, מיר זיינען פערבונדען און אלעס ווערט געטהאן געמיינשאפטליך.

— אבער דער גראף איוואן הינדערט מיך ניט; אויב ער שטערט אייך מעגט איהר איהם טעדטען.

— איהר ענטזאגט אונז אלזא אייער ביישטאנד? — האט ווערדיע געפרעגט מיט ערגער.

— ליעבער פריינד — האט מארים געזאגט מיט א בייזען שמייכעל — איך געדיינק א פאבעל פון איין אפען מיט א קאטץ; דיא קאטץ שארט דיא קאשטאניען פון פיער און פארברענט זיך דיא לאפעס, וועהרענד דער אפע לאזט זיי זיך אפקיהלען, שיילט זיי און פרעסט זיי און לאכט פון דער קאטץ. יעדער פיר זיך מיינע הערען! דיא גאנצע מענשהייט אויסראָטען, נור אייך א געפעלינקייט צו ערווייזען — איך בעדאנקע מיך שעהן!

— אבער צוויי הונדערט טויזענד פראנק! — האט ווערדיע געזאגט.

— דאס איז דער גרעסטער אונזין צו נעהמען צוויי הונדערט טויזענד פראנק פיר דען קאפ פון גראף! אויף פינף חלקים קומט אויס פירציג טויזענד פראנק אויף

www.libtool.com.cn

א טהייל, פיר דעם וואס טהוט דיא ארבייט וויא פיר דעם וואס זיצט צו הויזע! דאס איז א געשעפט פיר נארען און צו זיי געהער איך ניט!

— דער גראף וואראוו זיכערט אונז א רוהיגעס היים אין רוסלאנד — האט ווערדיע געזאגט.

— אבער ליעבע פריינדע, איך דיינק גאר ניט אויסצו־וואנדערן! איך בין פאר־ריזער פון ריינסטען וואסער און האב ליעב דיא בולווארדס. ווען איך וועל האבען מיין טהייל אין דיא מיליאָנען וואס אונזער זאך וועט אונז איינברינגען, דאן וועל איך דא רוהיג און גליקליך לעבען. און איך זאל אויף זיך אויפמערקזאם מאכען דיא פּאָליציי? דאס וואלט געווען צו דום. אזוי שנעל וויא דיא יורש'טעס זיינען טויט, געה איך מיט אייך נאך לאנדאן און ערהאלטע מיין געלד, וועלכעס איך וויל געניעסען אין פּאריז. איהר ווילט האבען מיין ראטה, דא איז ער: נעהמט ניט אויף זיך נאך א מארד, עס איז גענוג דיא צוויי אונפערמיידליכע וואס מיר האבען אין אויסזיכט!

— נראף אַוואן קען אהן א מאָרד אפגעשאפט ווערען, וויא צום ביישפּיעל דורך א דועל.

מאריס האט זיך פאנאנדערגעלאכט.

— קיין זאך איז ניט אזוי דום וויא א דועל. אויב דער געגנער איז געשיקטער וויא איך און האט מעהר גליק, דאן טעדטעט ער מיך.

— מען קען דערביי מאכען איין אונפאל — האט לאטירג פאָרגעשלאגען.

— איהר האט שוין געזעהן וויא וועניג אונפאל העלפען ביי ברעסאַק.

— קורץ, איהר ווילט אונז ניט העלפען? — האט הערדיע נאך אמאהל געפרעגט.

— בעווייזט מיר, אז דער טויט פון גראף איז נייטיג. איבריגענס לאמיר דאס לאזען אויף אנאנדער מאהל, דערווייליע דארף איך האבען געלד. קענט איהר מיר וועלכעס געבען?

— געווים! — האט לאטירג געענטפערט און האט ארויסגענומען א פּעקיל באנקנאָטען פון זיין פּולט, וועלכעס ער האט איבערגעגעבען מאָריס'ן און האט געפרעגט: „ווען זעהען מיר אייך ווידער?“

— אזוי שנעל וויא איך האב אייך וואס מיטצוטהיילען.

אין דעם אויגענבליק איז דער שטומער דאָמיניק איינגעטרעטן אין צימער.

— האסט דוא דאס געלד? — האט לאטירג געפרעגט.

דער שטומער האט צושטימענד געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און האט ארויסגענומען פון זיין בריעף־טאַשע א פּעקיל באנקנאָטען.

— א העלפט בעצאהלט! האט מאָריס געלאכט — פאלגט מיר און שיקט דאס געלד אָפּ צוריק; דאס וועט זיין גלייכער וויא צו טעדטען דעם גראף!

דערמיט איז ער אוועקגעגאנגען.

— דאס איז איינענזין! — האט ווערדיע געזאגט.

— אבער איך עראינער מיך, אז דוא האסט לעצטען זאנטאג געזאגט דעם שליח פון גראף ווארָאוו דאסזעלבע וואס מאָריס זאָגט אונז איצטער.

— עס איז ריכטיג, אבער מיר האבען דאך דאס געשעפט אָפּגעמאכט. איבריגענס

www.libtool.com.cn
האט ער רעכט, עס איז לעבערליך צו נעהמען צוויי הונדערט טויזענד פראנק פאר אזא שטיקעל ארבייט; מיר האבען געזאלט פערלאנגען א מיליאן!

— איך קען דאס נאך איצטער אויך פערלאנגען! — האט לאטירג געענטפערט.

דיא אונטערהאלטונג איז אונטערבראכען געווארען דורך דאָמיניק, וועלכער האט אנגעזאגט אז דער טיש איז געגרייט צום מיטאג־עסען.

מאָרים איז צו מיטאג אנגעקומען צו ברעסאָל, דען עס איז געווען אפגערעדט, דאס ער זאל בעגלייטען וואלענטינע און מאריע צו דער אויסשטעלונג.

גלייך נאך מיטאג האבען זיך אלע דריי געזעצט. און וואגען וואס האט זיי ער־ווארטעט, און זיינען אוועקגעפאהרען צו אינדוסטריע־פאלאסט.

שפאציערענדיג איבער דיא זאלען און בעטראכטענדיג דיא בילדער, האט וואַ־לענטינע געטראָפען פיעל בעקאנטע. אלע האבען זיך געוואונדערט איבער דיא פערענ־דערונג פון איהר טאָכטער, און אויף יעדען געזיכט האט זיך בעוויזען איין אויסדרוק פון מיטלייד און בעדויערן. וואס וואלענטינע און מאָרים האבען אויך בעמערקט. וואַ־לענטינע דאנגעגען האט געשטראהלט פון שיינהייט.

נאך א קורצען וואנדערן דורך דיא גאלעריען איז מאריע מיעד געווארען.

— וועלען מיר באלד געפינען דאס בילד פון הערך סערוועט? — האט זיא געפרעגט.

— וואס שטעלט דאס בילד פאָר? — האט מאָרים געפרעגט.

— עס שטעלט פאָר א שוועסטער דער בארמהערציגקייט, וועלכע פלעגט איינע ארעמע קראנקע אין א קליינעם דאך־צימער. עטוואס ריהרענדערעס און עכטערעס האב איך נאך ניט געזעהן.

— וואס פאר א בעגייסטערונג! — האט מאָרים געלאכט

— לאכט ניט, איהר וועט באלד אויך זיין בעגייסטערט.

נאך עטליכע מינוטען האבען זיי געוואנדערט איבער דיא זאלען פון דער אויס־שטעלונג, בעטראכטענדיג דיא בילדער, אלס פלוצלונג איז מאריע געבליעבען שטעהן, און א שמייכעל האט געשפיעלט אויף איהרע בלאסע ליפען. „דא איז הערך סערוועט'ס בילד!" האט זיא געזאגט, אנווייזענדיג אויף א בילד, ארום וועלכען עס איז געשטאנען א היבשע רעדיל מענשען, וועלכע האבען בעטראכטעט דאס בילד מיט בעוואונדערונג. עס האט געדויערט מינדעסטענס פינף מינוטען ביז זיי האבען זיך געקענט צושלאגען נעהענטער צום בילד.

מאָרים האט זיך אונגעהייער פעראינטערעסירט מיט דעם געזיכט פון דער קראַנ־קער מיידיל אויפ'ן בילד. „דאס געזיכט איז מיר אזוי בעקאנט! — האט ער געזאגט צו זיך אליין — וואו האב איך עס געקענט זעהן?"

א היבשע וויילע האט ער נאכגעדאכט און פלוצלונג האט ער א ציטער געטהאן אם גאנצען קערפער און האט איינגעגראבען זיין בליק אין דעם געזיכט פון דער שטער־בענדער מיידיל אויפ'ן בילד.

— נו, וואס זאגט איהר איצטער, הערר וואסייר? — האט מאריע געפרעגט — האב איך איבערטריעבען?

www.libtool.com.cn

מאַרים האט זיינע רוהע וויעדער געפונען און האט געענטפערט:

— ווירקליך, דאס בילד איז הערליך! מען מוז זיין א גוואַלטיגער קינסטלער אום צו ערפינדען אזא ליידענדען ריהרענדען קאָפּ פון א פרוי.

— אין דעם האט איהר א טעות — האט מאַריע געזאגט — דאס איז ניט ערפינדען, זאָנדערן געמאהלט נאך דער נאטור.

— דיעזע קראנקע לעבט אלזא?

— זיא איז זאגאר געסטערן ביי מיר אין צימער געוועזען!

— ביי אייך? דיעזעס מעדכען? — האט מאַרים געפרעגט ערשטוינט.

— יא, זיא האט מיך געסטערן בעזוכט. זיא איז איין ארעמע יתומה, וועלכע האט שוין פיעל אונגליק געליטען, אבגליידך זיא פערדיענט גליקליך צו זיין. איצטער געהט עס איהר אבער בעסער; מיין פאטער און איך האבען איהר געפונען א שטעלע אלס וועש־אויפזעהערין אין מיין אלטען פאנסיאָן ביי מאדאם דיבעף, אין דער רוע דע־לא־וויל־ד'עוועק, און זיא פיהלט זיך דארט זעהר גליקליך.

— און וויא הייסט דאס אינטערעסאנטע וועזען? — האט מאַרים געפרעגט מיט א קלאפּענדען הערצען.

— סימאָנע!

מיט איהר האט מאַרים צוריקגעהאלטען דעם פריידענגעשריי, וועלכער האט זיך געדריינגט אויף זיינע ליפּען. „ענדליך האב איך זיא!" — האט ער זיך געזאגט — זיא איז עס, איך דערקען זיא! און לויט האט ער דאן געפרעגט: „דיעזע ארמע יונגע מיידיל לעבט אלזא אין אייער פריהערע פאנסיאָן?"

— יא, און ווען איהר וואלט זיא איצטער דערזעהן וואלט איהר אין איהר ניט דערקענט דאס קראנקע מעדכען פון הערר סערוועט'ס בילד.

אזוי וויא מאַריע איז שוין געווען זעהר מיעד, זיינען אלע דרייא געפאהרען נאך רוע דע ווערנייל, פון וואנען מאַרים איז גלייך געפאהרען צו זיינע קאמראדען, אום זיי מיטצוטהיילען זיין וויכטיגע ענטדעקונג.

מאַרים האט געטראפען לאטירג אליין וועלכער האט איהם געפרעגט: „גיבט עס וואס נייעס?"

— עטוואס גוטעס! איך האב געפונען סימאָנע!

— בראוואָ! דאס איז א נייעס ערשטער קלאסע! דערציילט וויא אזוי!

מאַרים האט איהם אין קורצען אלעס דערציילט, און האט דאן צוגעזעצט: „דאס זאָנדערבארסטע דערביי איז וואס איך האב אלעס ערפאהרען פון איהר אייגענער שוועסטער!"

— פון וועלכער שוועסטער? — האט לאטירג געפרעגט ערשטוינט.

— פון פריילין ברעסאל. ווען זיי האבען דיא זעלבע מוטער זיינען זיי דאך שוועסטער.

— פריילין ברעסאל קענט סימאָנע?

— זיא און איהר פאטער זיינען איהרע בעשיטצער.

— זיי ווייסען דאך אבער ניט ווער זיא איז!

www.libtool.com.cn

— נאטירליך ניט! איהר מוטער אליין האט זיא געזעהן און ניט דערקענט.

— געזעהן? וואו?

— ביי ברעסאָל אין הויז!

— דאס איז צום ערשטוינען, וואס דער צופאל קען צוזאמענברייננגען! וואו וואינט סימאָנע?

— גאר ניט וויט פון דאנען, ערגעץ וואו אין א פּאנסיאָן אין דער רוע דע־לאַר־וויל־ד'עוועק, ביי א מאדאם דיבעף.

לאטירג האט א קלאפּ געטהאן מיט'ן פויסט אין טיש, דאס דער טיש האט געציטערט, און האט זיך דאן געריבען דיא הענד, זאגענדיג: „מאדאם דיבעף? זייט איהר זיכער אז עס איז אזוי?"

— גאנץ זיכער.

— דאן מעגען מיר זיך ריהמען אז מיר האבען זעלטענעם גליק.

— וואס זאל בעדייטען דיא בעגייסטערונג? — האט מאָרים געפרעגט.

— דאס בעדייטעט אז אונזער גארטען איז פעראייניגט מיט דעם פּאנסיאָן פון מאדאם דיבעף!

— דאָנער־וועטער! — האט מארים אויסגערופען — דאָן איז דאך שוין דיא זאכע האלב אפּגעטהאן!

— זאגט בעסער דריי פיערטעל. וואס טהוט זיא אין פּאנסיאָן?

— זיא איז אויפזעהערין איבער דיא וועשע.

— פּאָרטרעפליך!

— זעהט איהר נאך היינט אבבע מעריס?

— ניין, ערשט מארגען.

— זייט אזוי גוט איהם נאך היינט מיטצוטהיילען. איך גלויב מיר וועלען דתאר־וויל'ס מיליאָנען באלד האבען אין האנד.

— יא, און דאן שיידען מיר זיך, וויא איהר אליין זאגט האט לאטירג געזאגט עטוואס אומעטיג.

— א מאן אין מיינע יאהרען מיט מיליאנען דערצו דארף לעבען נור אין פּאריז.

— רעכענט איהר דיא געפאהר פאר גאר ניט?

— אויב איהר מיינט פון דער זייט פון דער פּאליציי, האב איך קיין מורא ניט. איך בין געוועזן געשיקט ביז איצטער, און ווען איך וועל האבען מיליאנען בין איך געשיצט. דיא פּאליציי קימערט זיך ניט אום דיא מיליאנערן.

— וועט איהר דען אימער לעבען אליין?

— ווארום ניט? איך וועל מיך אין דער איינזאמקייט ניט לאנגווייליגן.

— האט איהר ליעב אייער מוטער?

— איך האב קיין גרונד, זיא איז ניט שולדיג וואס איך בין איהר זאהן, און איך וואלט זיא פערטהיידיגען ווען איך זאל וויסען אז זיא איז אין געפאהר, אבער מיין ליעבע איז גאנץ קיהל. איך גלויב אז איך האב פון מיין פאטער קיין בעזאָנדערס ווארעמעס הערץ ניט געירש'עט.

www.libtool.com.cn

— האט איך אייער מוטער ליעב?

— אָ יא, אבער אויך איהר ארט, דען ווען זיא זאל מיך ליעבען פון מיינטוועגען האט זיא מיר געזאלט אראפּדרייען דעם קאָפּ גלייך וויא איך בין געבאָרען געוואָרען. דאס וואלט פיעל בעסער געווען וויא מיך צו לאזען לעבען מיט לאטירג אלס מיין פאטער און מיט דעם עשאפאט אין אויסזיכט.

— דאס עשאפאָט? איהר האט דאך איצטער געזאגט, דאס וויא באלד איהר זייט רייך האט איהר ניט מעהר וואס מורא צו האבען?

— ווער וויים? אזוי לאנג וויא מען לעבט איז מען ניט זיכער דאס מען וועט שטארבען ביי זיך אין בעט.

לאטירג איז געוואָרען אומעטיג פון דעם געשפּרעך, און מאריס האט גענומען אבשיעד און איז געגאנגען וויעדער נאך דער רוע דע ווערנייל.

42טער קאפּיטעל.

## דיא פיינליכע פּראבע.

אם אבענד פון דעמזעלביגען טאג, אלס גראף איוואן איז געקומען מיט מאריעס בריעף אין דער טאשע אין הויז פון אלבערט גיברייי, האט ער געטראָפען דעם אונטער־זוכונגס־ריכטער, וועלכער איז יעצט צוריקגעקומען פון געריכטס־פּאלאַץ.

— איך פרייע מיך אייך וויעדער צו זעהען — האט הערר גיבריי געזאגט — איך האב מיט אייך צו ריידען, ליעבער גראף.

— דאס האט זיך גוט צוזאמענגעטראָפען, הערר גיברייי, אויך איך האב מיט אייך וואס צו ריידען.

— זעהר גוט; אבער פריהער וויל איך אייך מאכען איינע זעהר וויכטיגע מיט־טהיילונג: מיר האבען נאך איין האָר געקענט פערליערען אונזער ארעמע מאדאם ראָזיע.

— פערליערן? — האט דער רוסע אויסגערופען — וויא איז דאס מעגליך?

— זיא האט געקענט בעצאהלען מיט דעם לעבען פיר איהרע ערגעבענהייט צו דער זאכע, וועלכע ליעגט אייך אויך נאָהענט אם הערצען.

— ערקלערט עס מיר, ליעבער הערר גיבריי.

אין קורצע ווערטער האט איהם גיברייי דערצעהלט אלעס וואס ער האט ער־פאהרען פון פּאליציי־שעף.

— מיינע פיינדע וויסען אלזא דאס איך בין אין פּאריז — האט דער רוסע גע־זאגט טרויעריג — און ניט צופריעדען דערמיט וואס זיי האבען ערמאָרדעט מיינע עלטערן, מוז איך נאך אויך קומען אן דער רייהע. ווען וועט קומען דער טאג פון בע־צאהלונג?

— דיא מערדער זיינען בעזארגט וועגען זייער איינענע הויט און דעריבער וועלען זיי זיין פערצווייפעלט און אהן ערבארמען! מיר וועלען אייך שיטצען, אבער איהר אליין דארפט אויך זיין פאָרזיכטיג. איך וואלט אייך פאָרגעשלאגען אנצונעהמען א צימער ביי מיר אין הויז, דא וועט אייך קיינער ניט זוכען. זייט איהר דערמיט איינפערשטאנדען?

— איך דאנק אייך טויזענד מאהל פיר אייער זאָרגע וועגען מיך, און איך וואלט

www.libtool.com.cn

אייער פאָרשלאג גלייך אנגענומען, איך וויל אבער פריהער ריידען מיט אייך וועגען דעם געגענשטאנד צוליעב וועלכען איך בין יעצט אהער געקומען. אבער נאך איין וואָרט וועגע לאטירג און וועררדיע: האבען דיא באנדיטען אויסגעוועכסעלט דיא אנווייזונג ביי ראָטשילד?

— יא, גלייך וויא דיא קאסע איז געעפענט געווארען, נאך איידער מאדאם ראָזיע איז אים שטאנדע געוועזען צו ריידען. דער מאן וואס איז געקומען מיט דער אנווייזונג איז געוועזען א שטומער, אדער מינדעסטענס האט ער זיך געמאכט שטום, דען ער האט געהאלטען ביי זיך א קליינע טאפעל און האט געענטפערט אויף אלע פראגען פון קאסירער נור שרייבענדיג מיט א גריפעל אויפ'ן טאפעל.

— א, דאס איז א פאָלשטענדיג אָרגאניזירטע באנדע.

— און אָרגאניזירט מיט טייפלישער שלויהייט.

— וועלען זיך דיעזע שורקען אימער ארויסדרייען?

— איך האָף אז ניט; אבער נאך אמאל, נעהמט זיך אין אכט!

— איך וועל עס טהאן, הערר גיברייי, אבער יעצט ערלויבט מיר צו קומען צו מיין געגענשטאנד. איך בין נאך יונג, הערר גיברייי, און ווייס אז איך האב קיין רעכט ניט אייך צו פרעגען אדער אייך צו ראטהען, און דאך מוז איך ביידע זאכען טהאן. איך טהוע עס נור דורך מיינע אויפריכטיגע פריינדשאפט וועלכע איך פיהל פיר אייער זאָהן.

דער אינטערזוכונגס־ריכטער איז דערשראקען געווארען.

— ווילט איהר מיט מיר ריידען פון אלבערט און פון איהר, וועלכע ער ליעבט?

— בעזאָנדערס פון איהר. איך ווייס אז איהר האט אלבערט ליעב און איהר וואָלט אוועקגעגעבען אייער לעבען אום איהם צו רעטען, אום איהם גליקליך צו מאכען.

— דאס וואלט איך גערן געטהאן. אבער ווארום זאגט איהר מיר דאס?

— ווייל איך ווייס דאס איהר האלט אין אייער האנד דאס לעבען פון צווייא אויסגעצייכענטע, ליעבענסווירדיגע מענשען, וועלכע וועלען אונטערגעהן, אויב זיי וועלען ניט פעראייניגט ווערען. הערר גיברייי, לייענט דיעזען בריעף!

מיט דיעזע ווערטער האט דער רוסע ארויסגענומען פון טאש'ן דעם בריעף, וועלכען מאריע האט געשריעבען אן אלבערט, און האט איהם איבערגעגעבען דעם אונ־טערזוכונגס־ריכטער. דיעזער האט איהם גלעזען מיט איינער בעוועגונג, וועלכע האט איהם געטריעבען דיא טרעהרין אין דיא אויגען, און האט געזאגט וויא פאר זיך: „ארמעס קינד, ארמעס קינד! וויא זיא ליעבט איהם!“

— איהר בעדויערט זיא, ניט וואהר?

— קען איך דען אנדערס?

— ווען דאס איז דער פאל, הערר גיברייי, דאן טהוט איין גוטעס ווערק, רעטען זיא מאריע ברעסאָל און ווילגט איין צו איהר הייראטה מיט אייער זאהן און דאן וועט אויך אייער זאָהן ניט שטערבען אבזיכטליך.

— אלבערט שטארבט אבזיכטליך? — האט גיברייי אויסגערופען אין אנגסט.

— יא, הערר גיברייי. נור פון אייך הענגט עס אפ איהם צו רעטען.

www.libtool.com.cn
האט איהר איהם געצייגט דיעזען בריעף?

— איך האב מיך געהיט דאס צו טהאן; ביי זיין יעצטיגער שוואכקייט וואלט עס איהם געקענט שאדען!

— וויא שרעקליך דאס אלעס איז! — האט גיברייי געזאגט וויא צו זיך אליין, אפשפארענדיג אין פערצווייפלונג דעם קאפ און זיינע ביידע הענד — דאס עלענדע פארדארבענע פרויענצימער איז ניט צופריעדען צו טעדטען איהר קינד, זיא וויל אויך מיין זאהן טעדטען! אך, ווען ניט זיא, וויא גערן וואלט איך יעצט געגאנגען צו העררן ברעסאל, צו בעטען דיא האנד פון זיין טאכטער פיר אלבערט!

גראף איוואן האט געהערט דיעזע ווערטער, און אבגליך ער האט ניט געוואוסט דעם צוזאמענהאנג צווישען גיברייי און מאדאם ברעסאל, האט ער דאך געגוג פערשטא־נען אום צו זאגען:

— געהט דאך הין, הערר גיברייי, פערגעסט איצטר אלעס, אויסער אלבערט און מאריע ברעסאל.

— יא, איך וויל אלעם פערגעסען! — האט גיברייי אויסגערופען — האס, צארן און פעראכטונג, אבער ווען מאריע ווערט מיין טאכטער דאן זאל זיא איהרע מוטער ניט מעהר זעהן. העלפט מיר רעטען מיין זאהן, ליעבער גראף, און איך שווער אייך דאס איך וועל פיר איהם זוכען דיא האנד פון מאריע ברעסאל.

דער גראף איז אויפגעשפרונגען פאר פריידע.

— א, איך דיינק אייך, איך דאנק טויזענד מאהל, אלבערט איז גערעטעט! איצטער נעהם איך אויך אן אייער פארשלאג און וועל אריינציהען צו אייך. איך וועל אויך קענען בעאבאכטען בעסער אייער אלבערט. יעצט געה איך צו איהם.

— ווילט איהר מיט מיר שפייזען?

— ניין, איך דאנקע; איך מוז זארגען דאס מיינע זאכען זאלען געבראכט ווערען אהער פון גראנד האטעל, דען שוין הייטיגע נאכט וועל איך זיין אייער גאסט.

אלס דער גראף איז מיט א פריילעכען געזיכט אזוי אריינגעקומען צום קראנקען, האט איהם דיעזער אויסגעשטרעקט ביידע הענד אנטקעגען, און האט אויסגערופען: „ענדליך!“

— וויא געהט עס אייך, ליעבער פריינד? — האט דער גראף געפרעגט.

— וויא איינעם מאן ווען לאנגווייליג זיך צום טויט; איך האב אייך ניט געזעהן א גאנצען טאג.

— און איך האב מיך דאך וועגען אייך בעשעפטיגט.

— זייט איהר געוועזען ביי הערר סערוועט?

— יא, דא האב איך פאר אייך איין פאטאגראפישעס בילד פון פריילין ברע־סאל, ביז הערר סערוועט וועט מאכען פאר אייך דאס פערלאנגטע בילד, און איך האב פיר אייך נאך עטוואס בעסערעס אלס דאס.

— פיליכט א גרוס פון איהר?

— געטראפען! איך האב געזעהן ביי הערר סערוועט א פריילין סימאנע, וועלכע

www.libtool.com.cn

איז פון מאריע געקומען; זיא האט דערצעהלט דאס פריילין ברעסאָל איז זעהר שוואך, אבער זיא ווערט געזונד.

— דיינקט זיא נאך פון מיר?

— זיא הערט ניט אויף פון אייך צו דיינקען, און זיא האט עס סימאָנען געזאגט.

אלבערט'ן האט זיך אויסגעדוכט דאס דער הימעל עפענט זיך פאר איהם פון פערגעניגען; א שמייכעל האט זיך בעוויזען אויף זיינע ליפען אלס ער האט אויסגע־רופען: „עס געהט איהר אלזא בעסער און זיא דיינקט ווענען מיר!" באלד אבער איז ער ווידער אריינגעפאלען אין זיין געוועהנליכע מרה־שחורה און האט געזאגט: „אבער איך געה אונטער!"

— צו וואס זאלט איהר זיך אריננעהמען אין קאָפּ אזעלכע נארעשקייטען? איהר ווערט נור געזונד וועט שוין אלעס רעכט ווערן.

אלבערט האט טרויעריג געשאָקעלט דעם קאָפּ:

— מאריע וועט קיינמאהל ניט זיין מיינע — האט ער געזאגט מיט א טיעפען זיפץ.

— פיעלייכט אבער יא?!

דער יונגער מאן האט א ווילע אנגעקוקט פערוואונדערט דעם גראף:

— רעדט איהר דאס אין ערנסט? — האט ער געפרעגט — גלויבט איהר וויר־קליך דאס א הייראטה צווישען מיר און מאריע איז מעגליך?

— ניט נור איך גלויב, נור איך בין איבערצייגט. יא, איהר וועט זיא הייראטהען, אבער פריהער מוזט איהר געזונד ווערען.

— איך קען עס ניט גלויבען דאס איך וועט געלינגען צו בעזיעגען דעם האס פון מיין פאטער געגען מאדאם ברעסאָל.

— ווען דאס איז מיר אבער שוין געלונגען?

— וואס זאגט איהר?

— דיא וואהרהייט! הערר גיבריי האט מיר געגעבען זיין ווארט, דאס אן דעם טאג ווען איהר ווערט געזונד געהט ער פערלאנגען פיר אייך דיא האנד פון מאריע.

— שווערט איהר מיר דאס?

— איך שווער אייך דאס!

דיעזע איופרעגונג איז פיר אלבערט געווען מעהר אלס ער האט געקענט דער־טראגען און ער איז אהנמעכטיג ניעדערגעזונקען אויף זיין קיסען. גראף איוואן האט עס ערווארטעט און האט איהם שנעל געוואשען זיינע שלייפען מיט קאלטע וואסער.

— זעהט איהר וויא אונפערשטענדיג איהר זייט — האט ער דאן געזאגט — עס איז דאך גאר ניט מעגליך פיר אייך עטוואס צו טהאן, ווען איהר לאזט זיך אזוי היג־רייסען פון אייערע געפיהלען.

— מען שטארבט ניט פון פריידע — האט דער יונגער מאן געענטפערט — ווען דער שמערץ האט מיך ניט געטעדטעט, וועט עס פריידע געוויס ניט טהאן. דא זאלט איהר זעהן וויא שנעל איך וועל קומען צו זיך.

www.libtool.com.cn

— איצטער אבער מוזט איהר רוהען; איך קום נאך היינט אבענד ווידער. און דער גראף האט פארלאזען אלבערט'ס צימער.

אום דיזעלביגע צייט איז אין ברעסאל'ס הויז פארגעקומען א סצענע פון א גאנץ אנדערער נאטור.

דאקטאר דופרען איז זעהר פריה אהין געקומען און וואלענטינע האט איהם עמ־פפאנגען, אזוי וויא זיא איז אויך געקומען צו דער איבערצייגונג, דאס דיא הייראטה צווישען מארים און מאריע איז נייטיג צו זיכערן מאריסעס אנוועזענהייט אין דער פאמיליע, האט זיא געזוכט מיטלען וויא אזוי דיזע הייראטה וויא אם שנעלסטען דורכ־צופיהרען. צו דעם צוועק האט זיא געוואלט האבען אונטעררעדונג מיט'ן דאקטאר. דעריבער האט זיא אפגעווארטעט גלייך אין דער פריה, ביי זיין ערשטען וויזיט און האט איהם אונטער דער מאסקע פון א ליעבענדער מוטער אויסאייגאנדערגעזעצט דיא נויט־ווענדיגקייט פון א הייראטה פיר מאריע.

— האלט איהר דעם יעצטיגען אויגענבליק פיר גינסטיג, מאדאם? — האט דער דאקטאר געפרעגט.

— איך גלויב, איהר האט אליין געזעהן, דאס מיין טאכטער איז ווידער היי־טערער; הערר וואסייר געפעלט איהר ווענינגסטענס אלס א פריינד און פון פריינדשאפט ביז ליעבע איז ניט וויט. לאמיר זיך בעאיילען מיט דער פערבינדונג, וועלכע וועט אונז רעטען איין געליעבטעס קינד.

וואלענטינע האט פערשטאנען צו שפיעלען איהר ראלע וויא א געשיקטע שוי־שפיעלערין.

— זעהר גוט — האט דער דאקטאר געענטפערט — איך וועל נאך היינט מיט מאריע ריידען; וואו איז אייער מאן?

— ביי זיך אין צימער; זאל איך איהם רופען?

— ניין איך געה צו איהם — האט דופרען געענטפערט און איז געגאנגען צו לודאוויק ברעסאל'ס ארבייטס־צימער.

מיט א געפרעסטען הערצען האט לודאוויק אויסגעהערט דעם דאקטאר. דיא הייראט פון מאריע מיט וואסייר איז איהם געוועזען צרווידער, אבער ער האט דורכ־אויס געוואלט רעטען זיין קינד. ער האט טרויעריג אראפגעלאזען דעם קאפ און האט געשוויגען.

אלס ביידע מענער זיינען נאכהער אריינגעקומען צו מאריע אין צימער, האבען זיי איהר געפונען זיצענדיג אויף א סאפא, טראכטענדיג וועגען אלבערט, וועלכען זיא האט שוין כמעט געהאפט ווידערצוזעהן.

— וויא נעהט עס אייך היינט, ליעבעס קינד? — האט דער דאקטאר געפרעגט.

— עטוואס בעסער.

— און דאס פיעבער?

— איך ווייס ניט אויב דאס איז פיעבער, אבער וויילענווייז דוכט זיך מיר אז דאס בלוט ברענט מיר אין דיא אדערן, און גלייך דארויף פיהל איך וויא א פראסט אין גאנצען קערפער, און א זעלטענע מיעדיגקייט.

www.libtool.com.cn

— קומט דאס אָפּט, מיין קינד? — האט דער דאקטאר נעפרעגט דערשראָקען.

— דיא לעצטע דריי טעג זעהר אָפט.

לודאוויק ברעסאָל איז געווארען טויטענבלאס ביי דיעזע אנטווארטען.

— ליעבעס קינד — האט דער דאקטאר אנגעהויבען — דאס וואס איהר זאגט מיר דא, גיט מיר דיא געוויסהייט דאס אין אייער בלוט איז נאך געבליעבען עטוואס שלאנגענגיפט, אבער איהר דארפט זיך דערפאר ניט שרעקען, דען עס איז דא איין זיבערעס מיטעל דאגעגען.

— דאן קען איך אלזא געזונד ווערען?

— געוויס, אבער דאס הייננט פון אייך אפ; ניט וואהר איהר וואלט גערן ווע־לען לעבען?

מאריע איז געווארן אבוועכסעלנד בלייך און רויט, און אין קאָפּ ביי איהר האבען זיך אנגעהויבען צו דרייען וויעדערשפּרעכענדע געדאנקען. יעדע מוסקעל, יעדעס גליעד אין איהר קערפּער האט געשריען „איך וויל לעבען, איך בין נאך זא יונג!“ אבער וואס טויג דאס לעבען אהן איהם, אהן דעם געליעבטען אלבערט? אבער זיא האט א בליק געטהאן אויף איהר פערצווייפעלטען פאטער און האט געענטפערט מיט א שוואכער שטימע: „יא, איך וויל גערן לעבען!“, און מאריע האט געשלאָסען דיא אויגען אום ניט צו לאזען מערקען איהרע טרעהרין.

— דאן טהוט איהר זעהר רעכט, ליעבע מאריע — האט דופרען געענטפערט— איהר מוזט לעבען און ניט פיר זיך אליין, זאנדערן אויך פיר אייער פאטער, וועלכער וואלט אייך ניט איבערלעבען.

גערירהרט פון דיעזע ווערטער איז מאריע אויפגעשפּרונגען און האט ארומגעשלינגען ביידע אָרעמס ארום איהר פאטערס האלדז:

— אָ, פאטער, ליעבער פאטער! — האט זיא געשטאמעלט.

— פאלג דעם דאקטאר, מיין געליעבטעס קינד, — האט ברעסאָל געזאגט מיט א געבראָכענער שטימע, וועהרענד טרעהרין זיינען איהם גערונען איבער דיא וואנגען— לאז דיין הערץ רוהיג ווערען. פעראורטהייל אונז ניט ביידען צום טויט, עס איז נור דא איין מיטעל דיך צו רעטען, און איך קען ניט לעבען אהן דיך.

שנעל האט זיך מאריע געווענדעט צום דאקטאר: „וואס מוז איך טהאן?“ — האט זיא געפרעגט מיט פיעבערהאַפטער האסט.

— איהר מוזט הייראטהען, מיין קינד! — האט דער דאקטאר געענטפערט.

דאס יונגע מיידיל האט אויפגעציטערט אם גאנצען קערפּער.

— הייראטהען! — האט זיא געשטאמעלט — איז דאס איינציגע מיטעל נעגען מיין לײדען?

— דאס איז דאס איינציגע מיטעל! הייראטהעט, און איהר ווערט געזונד!

— אבער ער איז דאך קראנק, ער קען מיך ניט הייראטהען!

— עס האנדעלט זיך אויך ניט וועגען איהם.

— איהר מאכט מיך וואהנזיניג! איך קען דאך קיין אנדערן ניט הייראטהען וויא אלבערט!

www.libtool.com.cn

— מיין קינד, מיין געליעבטעס קינד, טעדטע מיך ניט! — האט ברעסאָל זיך געבעטען — רייס ארויס דיין טרויס פון דיין הערצען, איין טרויס וועלכען דער טויט וועט שנעל פארטרייבען.

מאריעס אויגען זיינען געווארן וויא ערשטארט אין א בליס פון שרעק און פירכ־טערליכער פערצווייפלונג:

— אלבערט איז טויט! — האט זיא אויסגערופען.

— ער האלט ביין שטארבען — האט דער דאקטאר געזאגט.

— און איהר קוועלט מיך מיט הייראטהען! — דאס קען ניט זיין, מיין פאטער, ווען אלבערט שטארבט, פאָלג איך איהם נאך.

יעצט האט ברעסאָל אויפגעהויבען דעם קאָפּ, און האט געזאגט מיט פינסטערער ענטשלאָסענהייט; „ווען דוא ווילסט ניט אנדערש זאל זיין אזוי! דוא פאָלגסט איהם נאָך, און איך דיר!“

אלס מאריע האט דערהערט דיעזע ווערטער און דעם פינסטערן טאָן אין וועלכען איהר פאטער האט זיי געזאגט, האט זיך דער אויסדרוק פון איהר געזיכט פערענדערט, און זיא האט אויסגעוויעזען עטוואס רוהיגער צו ווערען. דאן האט זיא געזאגט גאנץ שטיל, וויא צו זיך אליין: „אלעס איז אויס! קיינע האָפנונג מעהר! ווען איך בין ניט געשטארבען פון דיא אלע ליידען וואס איך בין איבערגעקומען ביז איצטער איז א סימן דאס גאָט וויל ניט איך זאל שטארבען, איך דארף לעבען פיר מיין פאטער!“ איהר בליק איז געפאלען אויף דעם אונגליקליכען מאן, וועלכער איז געשטאנען וויא א פער־ אורטהיילטער; זיא האט איהם גענומען פארביידע הענד און האט געזאגט מיט א וויכער צערטליכער שטימע: „וויין ניט, מיין פאטער, דאס אָפּפער איז געבראכט! לאָמיר ניט מעהר ריידען פון דער פערגאַנגענהייט, איך זאג דיר צו, איך וועל זעהן געזונד צו ווערען; דוא קענסט ריידען אלעס אהן פורכט, איך וועל דיך אויסהערן רוהיג פונקט וויא עס האנדעלט זיך גאר ניט וועגען מיך. ווען בעשטימסט איהר פאר מיין מאן?

— מאָרים וואַסייר!

— איך האב עס מיר געדאכט! איך האלט איהם פאר א בראווען מאן און איך וועל איהם זיין א גוטע פרוי. איך וועל טהאן מיין פפליכט, אבער מעהר דארפט איהר פון מיר ניט פערלאנגען.

— דוא וויליגסט איין? — האט ברעסאָל אויסגערופען דערפרייט און טרויעריג צו גלייך.

— יא, פאטער, איך וויליגע איין! ווען זאל זיין דיא האָכצייט?

— אונגעפעהר אין פיער וואכען.

— ווארום אזוי לאנג ווארטען? — האט דער דאקטאר אריינגערעדט — ווארום ניט באלד אלס מעגליך?

— דאס איז נאטירליך בעסער — האט ברעסאָל געענטפערט — אבער מאריע...

— זאָרגט ניט וועגען מיך — האט איהם מאריע אונטערבראָכען — אלעס וואס איהר טהוט איז מיר רעכט.

www.libtool.com.cn

— אָ, מיין קינד, מיין שאַטץ! — האט דער אַרמער פאטער געשטאַמעלט — איך דאנק דיר פיר דאס גליק וואס דוא גיבסט מיר אויף מיינע אַלטע יאהרען; ווישׁ אפּ דיינע טרעהרין און אומאַרמע דיין פאטער.

מאַריע האט געפאָלגט.

אַלע דרייא זיינען אַרונטער געגאַנגען אין זאַל. אַלס וואַלענטינע האט דערזעהן איינטרעטענדיג אַזוי גאַנץ רוהיג אויפ'ן אויסזעהן, האט זיא געמיינט דאס דער פאַטער און דער אַרצט האבען נאָך מיט איהר ניט גערעדט פון דער בעאַבזיכטיגער הייראַט. איהר ערשטוינונג איז אַבער געווען אונגעהייער גרויס, אַלס לודאָוויק ברעסאָל האט איהר געזאָגט: „זיא ווייס אַלעס און ווילינט איין!"

באַלד איז אויך מאַרים געקומען, און מאַדאַם ברעסאָל האט געפיהלט א שטיך אין הערצען אַלס זיא האט בעמערקט מיט וואס פאַר א רוהיגע מינע מאַריע רייכט איהם דיא האנד.

— וויא זיא ווינט גאר ניט? — האט זיא ביי זיך געטראַכט — ניט שוין־זשע ליעבט זיא מאַרים'ן און דער געדאַנקען וועגען אַלבערט איז איהר שוין ארויס פון קאָפּ?

זיא האט געוואָרפען א פינסטערען בליק אויף מאַרים אַלס מאַריע האט איהם געזאָגט: „איך האב אייך עטוואס מיטצוטהיילען, העער וואַסייר".

— עטוואס גוטעס, מיין פריילין?

— דאס מוזט איהר אַליין בעאורטהיילען. מיין פאטער האט מיר איצטער געזאָגט דאס נאָך אין עטליכע וואָכען וועל איך טראַגען אייער נאָמען.

— און וואס האט איהר איהם געענטפערט? — האט דער יונגער מאַן געפרעגט איבעררואשט.

— דאס בין איך דערמיט איינפערשטאַנדען, און איך דאנק אייך פון גאַנצען הערצען פיר אייער אָפּפער.

— פיר מיין אָפּפער? האט מאַרים געזאָגט רויט ווערענדיג געגען זיין ווילען.

— אָ, איך בין ניט גענאַרט אין דעם — האט דאס יונגע מיידיל געענטפערט — איהר טהוט עס נור ווייל איהר האט איין גוטעס הערץ, איהר הייראַטעט מיך אויס מיטלייד, אום מיך צו רעטען.

— דערפאַר וועל איך אויך בעלאהנט ווערען — האט מאַרים געענטפערט גע־ווינענדיג צוריק דיא גאַנצע גראַבקייט פון א קאַלטען מערדער — איהר וועט ניט מעהר לאַנג ליידען.

קיינער אויסער איהם האט ניט פערשטאַנען דעם שרעקליכען דאָפּעלזינן פון דיא ווערטער.

וואַלענטינע האט פאַר ערגער געביסען איהרע ליפען ביז בלוט, וועהרענד לודאָ־וויק ברעסאָל האט זיך געווענדעט צו מאַרים און האט געזאָגט: „נאָך מיטאָג וועל[...] מיר ריידען וועגען געשעפטע".

מאַרים האט זיך דאַנקענדיג פערנייגט.

נאָך א קורצען מיטאָג, ביי וועלכען עס איז געטרונקען געוואָרען פיר דיא געזונד־הייט פון דעם יונגען פּאָר, האט לודאָוויק אַריינגערופען מאַרים'ן צו זיך אין צימער, או

www.libtool.com.cn

האט מיט איהם אנגעהויבען אזוי: „ווען אייך איז רעכט, ליעבער זאהן — איהר ערלויבט מיר דאך אייך אזוי צו רופען — לאמיר גלייך רעגולירען אלעס נעטהיגע פיר מאריע'ס און אייער צוקונפט. איך קען אייך ערשט זייט א קורצער צייט, אבער איך גלויב אז איך מעג אייך אנפערטרויען דאס גליק פון מיין טאכטער, דען איך קען ניט צווייפלען אין אייער ליעבע, וועלכע ברייננט אזא אָפּפער. איהר ליעבט מאריע, און דאס איז פיר מיך גענוג אויך אייך צו ליעבען. דערצעהלט מיר אלזא פון זיך, פון אייער פאמיליע".

— פאר אלעם מוז איך אייך עטוואס מודה זיין, הערר ברעסאל — האט מאָרים אונגעפאנגען.

— עטוואס אונרעכט? — האט לודאָוויק געפרעגט.

— ניין, איין אונגליק; איך בין ניט געזעצליך געבארן.

— דאס איז איין אונגליק, אבער קיינע זינדע. אייך קען איך קיין פאָרוואורף ניט מאכען, דער איינציגער שולדיגער איז אייער פאטער. לעבט ער נאך?

— ניין, ער איז טויט.

— אבער אייער מוטער לעבט?

— יא, און זיא איז דיא בעסטע מוטער אויף דער וועלט, דיא עהרליכסטע פרוי, וועלכע האט אין איהר לעבען נור איין שוואכען אויגענבליק געהאט, מיט וועלכען איין אונעהרליכער מענש האט זיך בענוצט.

— איך וועל מיך פרייען אייער מוטער קענען צו לערנען! אבער נאך א פראגע: בעזיצט איהר קיינע אנדערע מיטעל וויא דיא, וואס איהר פערדיענט פון אייער פעדער?

— ניין, איך האב נאך אויסערדעם זעקס טויזענד פראנק יעהרליך פון מיין מוטער.

— פיר א יונגען מאן איז עס גאנץ גענוג, אבער ניט גענוג פיר מיין שוויגער־זאהן. איהר מענט זיך בעשעפטיגען מיט ליטעראטור, ווען דאס מאכט אייך שפאס, אבער דאס מיין טאכטער זאל דערפון דארפען לעבען, פאסט מיר ניט. זיא קריעגט א האלבען מיליאָן פראנק, דאס מאכט אלזא פינף־און־צוואנציג טויזענד פראנק יעהרליך איינקאָמען.

— הערר ברעסאָל, איהר פארדעקט מיך מיט אייער גרויסמיטהיגקייט און מיינע דאנקבארקייט....

— קיין דאנק זייט איהר מיר ניט שולדיג, איך טהו מיין פליכט צו מיין טאכטער. איך וועל לאזען דערווייל אויפזעטצען דעם קאָנטראקט און איהר גרייט אן אייערע פאפיערע אין אָרדנונג; איהר וועט גאר אין קורצען קענען געהן נאך דער פרעפעקטור אום דעם קאָנטראקט צו אונטערצייכנען.

— מארגען אדער איבערמארגען וועל איך האבען מיינע פאפיערען אין אָרדנונג און וועל קומען מיט מיין מוטער, אום זיי אייך איבערצוגעבען.

— גוט, דער קאנטראקט זאל אין פיערצעהן טאגע אונטערצייכענט ווערען, זייט איהר דערמיט איינפערשטאנדען?

— פאָלשטענדיג,

— דאן אומאָרעמט מיך זאָהן.

www.libtool.com.cn
מאַרים האט זיך געוואָרפען אויף דער ברוסט פון דעם אונגליקליכען מאַן, וועלכען ער האט אזוי שרעקליך בעטראָגען און האט איהם געגעבען א קוס.

— יעצט געה איך צו מיין נאָטאריוס — האט ברעסאַל געזאגט — און איהר געהט צו דיא דאמען.

מארים האט אזוי געטהאן, האט אבער אין זאל געפונען נור וואלענטינע אליין, דען מאריע איז געגאנגען אין איהר צימער, אום זיך אויסצורוהיגען.

— מאַרים! — האט וואלענטינע אויסגערופען אין ווילדען צארן — איך הויב אייך אויף צו טרויען.

— ווארום?

— מאריע האט צו שנעל איינגעווילינגט.

— וואס בעוויזט דאס? דער דאקטאר האט זיא איבערצייגט, דאס איהר פאטער זאָגט זיא ניט איבערלעבען און זיא אָפפערט זיך פיר איהר פאטער. אבער זיא איז טויט קראנק און קען ניט געטרייטעט ווערן! עטליכע טעג נאך דער האכצייט וועל איך זיין אַיין אלמן, אבער פריי און א מיטגליעד פון דעם הויז, וועלכעס איך וויל ניט פערלאסען.

— און דוא וועסט מיך אימער ליעבען? — האט וואלענטינע געפרעגט עטוואס בערוהיגט.

— אייביג!

מאַרים האט גענומען זיין הוט.

— דוא געהסט שוין? — האט וואלענטינע געפרעגט.

— יא, איך האב פיעל זאכען אין אָרדנונג צו בריינגען. צום אבענד־עסען קום איך צוריק.

— אלזא, אויף וויעדערזעהן!

— אויף וויעדערזעהן!

— מאַרים איז גלייך געגאנגען נאך דער רוע דע סורען, וואו ער האט געפונען לאַטירג און ווערדיע און האט זיי אנגעזאגט, דאס אין פיערצעהן טעג וועט זיין דיא האכצייט ביי איהם מיט מאריע ברעסאַל. דיא באנדיטען זיינען געווען אויסער זיך פאר פריידע. זיי האבען בעשלאסען פון זייער זייט זיך צו נעהמען פאר סימאָנען און צו ענדיגען מיט איהר וואס שנעלער.

פון דאנען איז מאַרים געגאנגען שנעל צו זיין מוטער, אום פון איהר צו פערלאנגען דיא נייטיגע פאפיערען. ער איז געווען גאנץ איבערראשט צו ערפאהרען פון דער דיענסט־פרוי, דאס מאַדאם ראָזיע איז שוין זייט דריי טעג אוועק פון דער היים און האט פון זיך ניט געלאזט הערן.

וואהרשיינליך איז דאס אין פאליציי־אנגעלעגענהייטען — האט זיך מאַרים גע־טראכט — און וועט ניט לאנגע אויסבלייבען; אבער דאך שטערט עס מיר פונקט אין א צייט ווען איך האב דיא פאפיערען נעטהיג.

ער האט אנגעזאגט דער דיענסט פרוי, אז ער קומט מארגען וויעדער און איז אוועקגעגאנגען.

אלס ער איז געקומען דעם נעכסטען טאג האט ער געפונען זיין מוטער צו הויז,

www.libtool.com.cn

אבער אין בעט, קראנק. ערשט דיענסטאג פריה איז זיא אימשטאנדע געווען צו פאה־רען פון סאינט מור נאך הויזע, וואו מאדליין איז איהר געקומען אנטקעגען מיט דעם אויסדרוק פון שרעק און פריידע צוזאמען.

אויף זיינע פערוואונדערטע פראגען האט איהם עמא זשובערט דערציילט נור עטוואס פון דעם פארפאל ביין וואסער, האט אבער קיינע נאמען דערמאהנט, טראָטץ דעם וואס מאַרים האט זעהר שטארק געפרעגט ווער און וואס. אלס ער האט איינגע־זעהן דאס זיין פרעגען ניטצט ניט, האט ער אומגעענדערט דאס געשפרעך און האט געזאגט: „איך האב דיר מיטצוטהיילען א גוטע נאכריכט, מוטער".

— וועגען וואס, מיין זאָהן?

— וועגען מיין הייראַט.

— דו דיינקסט אלזא נאך אימער דערפון? — האט מאדאם ראַזיע געפרעגט טרויעריג.

— מעהר וויא אימער. דיא זאכע איז ענטשיעדען, דיא עלטערן ווילינגען איין, און איך דיינק אז דו געהסט מאַרגען מיט מיר אהין אריבער.

— צו וואס דען? דו זאגסט דאך אז דו ביסט מיט דער פאמיליע איינינ?

— יא, מוטער, אבער עס פאסט ניט אנדערש. דו וועסט זעהר פריינדליך אויפגענומען ווערען, און דו וועסט ניט האבען פיעל צו ריידען, דען אלעס האב איך שוין אפגעמאכט.

— וויא אזוי?

— גאנץ צו מיין פארטהייל. איך ברייננ מיט זעכס טויזענד פראנק יעהרליך, וועלבע דו ביסט אזוי גוט מיר צו געבען, און מיין כלה קריעגט א האלב מיליאן פראנק. דו זעהסט אלזא, אז איך קום אין א גוטע לאגע.

עמא זשובערט האט אמארעמט איהר זאָהן, און האט איהם גראטולירט צו זיין גליק.

— נאך עטוואס וויל איך דיך בעטען — האט מאַרים געזאגט — איך מוז נאך היינט געהן מיט העררן ברעסאל צו זיין נאטאר, און איך דארף דערצו האבען מיינע פאפיערען.

עמא זשובערט האט אויפגעציטערט.

— זיי וועלען זעהען פון דיין געבורט־שיין, דאס דו ביסט געבאָרען אונגעזעצליך.

— דאס מאכט ניט, העררר ברעסאל ווייס שוין אלעס.

— אלעס! — האט מאדאם ראַזיע אויסגערופען אין שרעק.

— בערוהיג דיך מוטער, ער ווייס נור אזוי פיעל אום דיך צו בעדויערן און צו אכטען.

ליידענשאפטליך האט עמא זשובערט געפרעסט דעם יונגען מאן צו איהר ברוסט און האט געזאגט: „ליעבעס קינד, דו ביסט דיא פריידע און שטאָלץ פון דיין אונ גליקליבער מוטער".

אלס זיא האט זיך עטוואס בערוהיגט, האט זיא געפרעגט: וואס פאר א פאַ־פיערן האסט דו דען נייטיג?

www.libtool.com.cn

— מיין געבורט־שיין, און מיין טויף־שיין.

מאַדאם ראָזיע איז געוואָרען בלאַס וויא א לייכע.

— איך אונגליקליכע! — האט זיא אויסגערופען — אבער דוא ביסט אין גע־פענגנענים פון סאנט־לאזאר געבאָרען, און דער גייסטליכער פון געפענגנענים האט דיך געטויפט, און פון דארט מוזען מיר ערהאלטען דיין טויף־שיין, וועלכער וועט זאגען ווער דוא ביסט און וואס איך בין געוועזען.

— זאל עס דער טייפעל נעהמען! — האט מאַריס אויסגערופען און איז אויך בלאס געוואָרן — איך קען פון דער שאנדע ניט אנטלויפען! פערפלוכטע געבורט!

— מאריס, מאַריס! האט עמאַ זשובערט נעיאָמערט.

— דער נארישער טויף־שיין צושטערט מיינע גאנצע צוקונפט! — האט מאַריס געזאגט בייז.

— דעם טויף־שיין דארפסט דוא דאך אבער מעהר ניט ווייזען וויא דעם גייסט־ליכען, וועלכער פיהרט דורך דיא טרויאונג, און איהם מעגסט דוא זעהען פריהער און זיך איהם פערטרויען; ער וועט דיך ניט פערראטהען.

— דוא האסט רעכט מוטער — האט מאַריס געענטפערט עטוואס בערוהיגט — ענטשולדיג מיר מיין צאָרן.

— אך, ליעבעס קינד, איך מוז אליין בעטען אום ענטשולדיגונג.

און דערמיט האט מאַריס גענומען אבשיעד און איז אוועקגעגאנגען.

## 42טער קאפיטעל.

# דער ריכטיגער שליעסעל.

עטליכע טעג נאך דיא בעשריעבענע פאַרפאַלע איז גראַף איוואַן געזעסען ביי זיך אין צימער, אין הויז פון אונטערזוכונגס־ריכטער גיבריי, און האט געלעזען א צייטונג. פלוצלונג האט ער א שפרונג געטהאן פון זיין שטוהל, פונקט וויא א ספרושינע וואלט אונטער איהם לאָז געוואָרען. ער האט מיט אויסגעגלאָצטע אויגען נאך א מאל געקוקט אויף דיא צייטונג וואס ער האט געהאלטען אין האנד, און האט אויסגערופען: „איז דאס מעגליך? מאַרים וואסייר און מאַריע ברעסאל זיינען פערלאָבט? איך קען דאס ניט גלויבען, אבער דא שטעהט עס שווארץ אויף ווייס! אונגליקליכער אלבערט, דיא ניעס וועט איהם טויטען! זיא מוז דענקען אז אלבערט איז טויט, ווייל זיא הערט ניט פון איהם; איך מוז איהר געבען צו וויסען, אז אלבערט לעבט און ווערט געזונד! אבער וויא זאל איך עס טהאן?

א ווייל איז דער רוסע ארומגעגאנגען אויפגערעגט הין און צוריק אין זיין צימער און האט דאן ווייטער גערעדט צו זיך אליין:

— ווער איז דען איבערהויפט דיעזער מאַרים וואסייר? טייפעל! דאס איז דאך דער זשורנאליסט, דער זאָהן פון דער פאָליציסטין! איך גלויב אזוי האט זיא איהם אנגערופען! ער איז אלזא דער זאָהן פון דעם מערדער לאַטירג — א קנאפער יחוס מיט איהם, אויף מיין וואָרט! דאס זוכט איהם וואהרשיינליך דיא מוטער צו פערשאפען

www.libtool.com.cn

אום יעדען פרייז א לאנגע איז דער וועלט; אויב אזוי רייס איך די ביידען ארונטער דיא מאסקע! איך מוז דיעזע הייראט מאכען אונמעגליך, זיא קען קאסטען אלבערט'ן דאס לעבען. מאריע ברעסאל מיז אלעס ערפאהרען! איך מוז איהר שרייבען.

דער רוסע האט זיך אנגעקליידעט און האט נעקלינגעלט נאך גיבריי'ס דיענער.

— איך געה אויס — האט ער איהם געזאגט — און וועל באלד צוריק קומען; הערר אלבערט שלאפט, וועקט איהם ניט אויף.

— גוט, הערר גראף.

גראף איוואן איז אוועקגעפאהרען צום מאלער סערוועט, און האט איהם אין קורצען דערציילט וואס ער האט געלעזען אין דער צייטונג, און וואס ער דיינקט פון דעם. ער איז געוועזן אויסער זיך פאר אויפרעגונג.

— פריילין ברעסאל מוז בענאכריכטיגט ווערען — האט סערוועט אויסגערופען.

— דאס האב איך שוין אויך געטראכט; איך מוז איהר שרייבען אז אלבערט וועט באלד געזונד ווערען און וועט קומען מיט זיין פאטער צו איהר נאך הויז, אום פון איהר פאטער צו פערלאנגען איהר האנד. אבער דער בריעף קען לייכט ארייננפאלען אין שלעכטע הענד, און דעריבער קום איך צו אייך, איהר זאלט מיך ברייננגען אין בעריהרונג מיט סימאנע.

— איין אויסגעצייכענטער געדאנקען! איבערמארגען איז זאנטאג און זיא האט צייט; זיא וועט געוויס אהער קומען.

דער גראף האט געדאנקט און איז אוועק געגאנגען צוריק נאך הויזע, וואו ער האט געפונען אלבערט איצטער זיך אויפכאפענדיג פון שלאף. דיעזער האט אויסגעזעהן בלאס און מאגער, אבער דאך מונטער, און עס איז געוועזן לייכט צו מערקען דאס ער האלט אין געזונד ווערען. זייא האבען ביידע אנגעפאנגען איינע פון זייערע פריינדליכע אונטערהאלטונגען, וועלכער דער אונטערזוכונגס־ריכטער האט זיך אויך באלד נאך דעם אנגעשלאסען, אלס ער איז געקומען זעהן וואס זיין זאהן מאכט.

אין דעמזעלביגען טאג איז עטוואס פארגעפאלען ביי מאדאם ראזיע, וועלכעס האט איהר געגעבען אין האנד דעם ריכטיגען שליסעל צו איהר שווערער אויפגאבע. זיא איז יעצט ווידער געוועזן אין גאנצען הערגעשטעלט און האט פערפאלגט איהר פלאן מיט דעמזעלביגען מוטה און מיט דערזעלביגער ענערגיע וויא פאר דעם אנפאל. אין דעם טאג האט זיא דורכגעזוכט דעם קווארטאל דע־טערן, אזוי וויא זיא פלעגט יעדען טאג אויפנעהמען אנאנדער קווארטאל, מיט דער פעסטער איבערציינגונג, דאס אזוי זוכענדיג מוז זיא ענדליך דאך עטוואס געפינען.

עמא זשובערט איז געוועזן געקליידעט וויא א וואהלהאבענדע בירגערליכע פרוי, וועהרענד סילוויאן קארנו האט געטראגען דעם אנצוג פון א שיפסקאפיטאן. גאלובעט דאגעגען האט פארגעשטעלט א מאטראז. דער שארפזיננינסטער בעאבאכטער וואלט אין דיעזע דריי פערזאנען ניט געקענט ענטדעקען דריי „נומערן" פון דער זיכערהייטספאליציי.

פון פריהמארגען ביז ניין אוהר אבענדס איז געגאנגען דיא אונטערזוכונג דורך האטעלס, רעסטאראנס, שפיעלהייזער און דאס גלייכען, אונטער אלע מעגליכע אויס-

www.libtool.com.cn

ריידען. ערשט אום ניין אוהר האבען דיא דריא זיך געזעצט עסען אין א רעסטאָראַן, האבען זיך עטוואס אויסגערוהט, און האבען זיך דאן פארנומען מיט דעם רייכען בול־ווארד סאנט־האָנאָרע, אום לאנגזאם צו געהן נאך הויזע, ביז זיי וועלען אנטרעפען א וואגען.

צופעלינג האט זיך גאלובעט פארוואָלט פארדרייכערן א לולקע, און ער האט זיך ארומגעזעהן אז ער האט קיין טאבאק ניט ביי זיך. אזוי ווייט וויא זיין אויג האט גע־קענט זעהן ביי דעם שיין פון דיא גלאז־לאנטערנעס האט ער געקוקט פאר זיך, ביז ער האט ענדליך דערזעהן א רויטע לאנטערנע אויף׳ן טראָטואר, דער אונצווייפעלהאפטער צייכען פון א טאבאק־לאדען.

— איך געה נור אריין נעהמען א פעקעל טאבאק — האט ער געזאגט צו מאדאם ראָזיע און קאָרנו — איהר געהט פאראויס, איך וועל אייך שוין אָניאָגען.

ער האט זיך אריינגעחאפט אין לאדען ווערהענד מאדאם ראָזיע און קאָרנו זיי־נען געגאנגען ווייטער.

הינטערן לאנגען טיש פון לאדען איז געזעסען איינע פרוי, מיט א בוך אין האנד, שלומערנדיג, וואהרשיינליך ווארטענדיג אויף איהר מאן וועלכער דארף קומען צושליעסען דעם לאדען.

— א פעקיל פפייף־טאבאק פיר פופציג סאנטים, מאדאם — האט גאלובעט געבעטען.

דיא פרוי האט זיך לאנגזאם אויפגעהויבען, אום צו נעהמען פון פאָליצע דאס פעקעל, ווערהענד גאלובעט האט דערוויילע צורעכט געמאכט זיין טאבאק־בייטעל אויפן טיש. אין דעם אויגענבליק האט זיך דיא לאדענטיר געעפענט און עס איז אריינגעקומען איין אלטער גייסטליכער, מיט ווייסע האר, לייכט־בלויע ברילען, איינגעבויגען און געלעהנט אויף א דיקען שטאָק.

— וואס ווינשט מיין הערר? — האט דיא קרעמערין געפרעגט, איבערגעבענדיג גאלובעט דאס פערלאנגטע פעקיל.

— ווילט איהר אזוי גוט זיין מיר געבען א פאָסטמארקע פיר פינף־און־צוואנציג סאנטים? — האט דער גייסטליכער געבעטען ריידענדיג אונטערן נאָז. דיא שטימע האט ניט נאטירליך געקלונגען און גאלובעט איז עטוואס אויפמערקזאם געווארן אויף דעם אלטען.

ווערהענד ער האט בעצאהלט פיר זיין טאבאק און אריינגעשאטען דאס פעקיל אין טאבאק־בייטעל און האט דערנאך פעררויכט א לולקע, האט ער בעטראכט וויא דער גייסטליכער האט ארויסגעשלעפט פון זיין בריעפטאשע א געלבליכען קאָנווערט און האט ארויפגעקלעפט אויף איהם דיא געקויפטע מארקע. מיט דיא ווערטער „דאנקע, מאדאם" איז דער גייסטליכער ארויס פון לאדען און איז צוגעגאנגען צו א בריעפקאסטען וואס איז געווען אנגעבראכט ביין לאדען פון דרויסען און האט אראפגעלאזען דעם בריעף. גאלובעט האט עס בעטראכט דורכן שוי־פענסטער פון לאדען, האט בעצאהלט פיר זיין טאבאק און האט לאנגזאם אויך פארלאזען דעם לאדען.

צוואנציג טריט פאראויס איז געגאנגען דער אלטער גייסטליכער איינגעבויגען

www.libtool.com.cn

און אנגעשפּארט אויף זיין שטעקען. אין דעם אויגענבליק איז א לעדיגער פיאַקער פאר־ביינעפאהרען און דער גייסטליכער האט צוגערופען דעם קוטשער ער זאל בלייבען שטעהן. ער האט אבער ניט מעהר גערעדט אונטערן נאז וויא אין טאבאק־לאדען, נור מיט א טיעפער קלאנגפאלער שטימע.

גאלובעט איז געבליעבען א ווײלע שטעהן, קלערענדיג ביי זיך. וואו האט ער גע־קענט הערען דיעזע שטימע, וועלכע קומט איהם אזוי בעקאנט פאר פּלוצלונג איז איהם וויא איין עלעקטריישער פונק דורכגעפלויגען א געדאנק דורכ'ן קאפּ: „העללע און טייפעל! — האט ער אויסגערופען — דאס איז דאך אבבע מעריס, איך האב זיין שטימע געהערט ביי קאביסאן אין פּאַרט קרעטעל!“

דער גייסטליכער האט זיך דערווײלע אבער אריינגעזעצט אין פיאקער, און דאס פערד האט זיך גערירט פון אָרט. גאלובעט האט זיך א לאז געטהאן הינטער איהם, אבער דער פיאקער האט אנגעהויבען צו געהן אלץ שנעלער און ער האט איהם ניט געקענט דעריאָגען. פּלוצלונג איז גאלובעט געבליעבען שטעהן: „דומקאָפּ וואס איך בין! האט ער זיך אליין געשימפּפט — צו וואס יאג איך מיך הינטער איהם, מיר וועלען איהם סיי־וויא־סיי פאקען!“

ער האט זיך פארקעהרעוועט צום בולווארד הינטער מאדאם ראָזיע און קאַרנו, וועלכע ער האט אויך באלד דעריאָגט.

— עס איז צו פלאטצען פאר פערדרוס! — האט ער אויסגערופען צו זיי.

— וואס איז געשעהן? — האט מאדאם ראָזיע געפרעגט, אלס זיא האט בע־מערקט דיא אויפרעגונג אויף גאלובעט'ס געזיכט פאר'ן שיין פון א לאנטערנע.

— איך בין איין עזעל וועלכער פערדיענט מען זאל איהם אלע האר אויסרייסען! איך האב געזעהן דעם פאלשען גלח און ער האט זיך וויעדער ארויסגעדרעהט.

— ווערדיע? וואו? וויא אזוי?

גאלובעט האט אין קורצען אלעס דערציילט, וויא עס איז פארגעפאלען.

— איהר זאגט איהר האט געזעהן וויא ער האט אריינגעווארפען א בריעף אין קאסטען? — האט מאדאם ראָזיע געפרעגט נאך א קורצען טראכטען.

— יא, אין א געלבליכען קאָנווערט, מיט א 25־סאנטים מארקע.

— זעהר גוט. קאַרנו קלאפּט מיר אויף איין אפּטייק און קויפט מיר פאר א האלבען פראנק א גלעזיל גוטען פויגעל־ליים (קליי) און איהר גאלובעט פיהרט אונז צום בריעף־קאסטען.

אין פינף מינוטען איז אלעס געווען בעזארגט און אלע דריי פּאָליציסטען זיינען געשטאנען ניט ווייט פון בריעף־קאסטען.

— מיר מוזען איצטער בעגעהן איין אונגעזעצליכע טהאט, פיר וועלכע איך האב קיין ערלויבניס — האט מאדאם ראָזיע געזאגט צו איהרע בעגלייטער — אבער מיר מוזען דאס טהאן, ווייל מארגען קענען מיר פערליערען דיא טהייערע געלעגענהייט. איהר זאגט מיר צו קיינעם דערפון קיין ווארט צו רעדען.

— איהר מעגט זיך אויף אונז פארלאָזען, מאדאם — האבען ביידע געענטפערט.

— איך פארלאָז מיך אויף אייך. פערשאפט מיר נור א לאנגע רוט, און שט...

www.libtool.com.cn

זיךביידע צעהן טריט ווייט פון בריעפקאסטען פון ביידע זייטען, און זעהט אז קיינער זאל אונז ניט שטערן.

פון איין אָפענעם רעסטאָראנט אויף דיא בילווארדס האט נאַלובעט נעבראכט עטליכע ריטער פון א בעזים, וועלכען ער האט געבאָרגט פון דער קעכין, און האט עס איבערגעגעבען מאדאם ראָזיע. זיא איז געבליעבען ביין בריעפקאסטען, וועהרענד קאָרנו און נאַלובעט האבען זיך אויסגעשטעלט אויף זייערע פּאָסטען.

שנעל האט מאדאם ראָזיע איינגעטונקט דאס ריטעל אין גלעזעל מיט דער קלעביגער מאסע, און האט עס פאָרזיכטיג אריינגעשטעקט אין בריעפקאסטען.

אלס עמאַ זשובערט האט דאס ריטעל ארויסגעצויגען גאנץ לאַנגזאם, איז אויפ'ן שפּיטץ געהאנגען א בריעף, אבער א ווייסער.

— דאס איז ניט דער! — האט דיא פּאָליציסטין געזאגט מיט ערגער, און האט ווידער אראפּגעלאזען דאס ריטעל אין בריעפקאסטען. א צווייטער בריעף איז ארויפגעשלעפּט געווארען דורך דיא שמאלע עפענונג, און אלס דיא געהיים־פּאָליציסטין האט בעמערקט דיא פאַרבע האט זיא אויסגערופען מיט פריידע: „מיר האבען איהם!“

— גאָט צו דאַנקען! — האט סילוויאַן אויסגערופען.

מאדאם ראָזיע האט שנעל אוועקגעוואָרפען דיא רוט, האט אריינגעוואָרפען דעם ערשטען בריעף צוריק אין קאסטען און האט געהייסען גאַלובעט ברייגגען א וואגען, וועהרענד זיא מיט קאָרנו זיינען נעגאנגען הינטער איהם. א פיאַקער איז באלד אנגעקומען, און אלע דרייא זיינען באלד געווען אין דער רוע מעזליי. מיט א שליעסעל וואס זיא האט ארויסגענומען פון איהר טאשע האט זיא געעפענט דיא טהיר פון דער וואוינונג וועלכע דיא פּרעפעקטור האט געשטעלט צו איהר פערפיגונג, האט שנעל אנגעצונדען פייער, און האט דאן אויך אנגעצינדען א קליינע שפּיריטוס־לאַמפּ, אויף וועלכע זיא האט אוועקגעשטעלט קאָכען א קליינעם געשיר מיט וואסער. ווען דאס איז געווען געטהאן, האט זיא ארויסגענומען דעם בריעף פון איהר טאַשע און האט גענומען שטודירען זיין אַדרעסע. זיא האט איבערגעלעזען: „העררן ZXX 21, לאָנדאָן, ענגלאנד, רעגענט־סטריט, פּאָסט־רעסטאַנט“.

— זעהר פּאָרזיכטיג! — האט מאדאם ראָזיע געמורמעלט — ווען נאַלובעט האט קיין טעות ניט געהאט, דאן זיינען דיא שורקען אין זאַך.

מאדאם ראָזיע האט געהאלטען דעם בריעף א היבשע ווילע איבער'ן דאמפּף פון דעם קאָכעדיגען וואסער אויף דער שפּיריטוס־לאמפּע, און האט דאן זעהר געשיקט געעפענט דעם בריעף מיט א דיענעם פּאַפּיער־מעסער.

מאדאם ראָזיע האט פארשלונגען דעם בריעף מיט דיא אויגען און איהר בליק האט אויפגעשטראהלט. דאן אבער האט זיא בעמערקט וויא איהרע צווייא אונטערגעאָרדנעטע שטעהן און ציטערן פאר נייגיערדע, און האט זיי פּאָרגעלעזען דעם אינהאלט אויפ'ן קול:

„ליעבער פריינד!

„אלעס געהט דא גוט, וויא איך האב דיר געשריעבען. אין אנפאנג יוני וועט אלעס זיין צו ענדע. מיר וועלען דיא טויטענשיינע האבען אין אונזערע הענד. שרייב

www.libtool.com.cn

מיר אויב מיר זאלען פאהרען אום זיך מיט דיר צוזאמענצוטרעפען, נאכדעם וויא דאס געשעפט וועט זיין געמאכט, און געבען אונזער יונגען מאן דעם אויפטראג, דיא טויטענ־שיינע צו ברייננען. ער קען אונז דאן אין לאנדאן טרעפען".

„דיא שפיאנין מאטערט אונז שרעקליך. מיר ווערען פערפאלגט און עס וואלט זעהר קלוג געווען, ווען מיר זאלען זיך קענען אפטראגען פון דאנען אזוי שנעל וויא נור מעגליך. איך ערווארטע דיין אנטווארט אויף מיטוואך. איך וועל דיין בריעף אפנעהמען אין פאסט־ביורא אין דער רוע ד'ענגען. דיא אדרעסע אימער דיא זעלבינע K. J. I. 50".

מיט פונקלענדע אויגען האט זיך עמא זשובערט אויפגעהויבען פון איהר שטוהל.

„ענדליך האבען מיר זיי! — האט זיא אויסגערופען — פערשטעקט אייך וויא איהר ווילט, איהר שורקען, מיטוואך זייט איהר אין מיינע הענד!"

א ווייל האט זיא געשוויגען און האט דאן אין אויפרעגונג פארטגעזעצט: „איך האב געוואוסט דאס זיי האבען נאך איינעם וועלכער האנדעלט פאר זיי, און וועלכע זיי שטעלען אימער ארויס! דאס איז דער יונגער מאן פון וועלכען זייריידען; אבער וואס ווילען זיי מיט דיא טויטענשיינען? וואס פאר א פערברעכען ליעגט הינטער דיעזע ווערטער בעהאלטען? דאס פערברעכען זאל ניט געשעהען! איך מוז עס פערהינדערן! דאן שטעל איך לאטירג'ן פאר זיינע ריכטער, און מיין רעכנונג מיט איהם וועט זיין אויסגעגליכען!"

נאלובעט און קארנו האבען געציטערט, אלס זיי האבען געזעהן דיא פלאמענדע אויגען פון זייער „מאדאם", דעם אויסדרוק פון האס אויף איהר געזיכט, און האבען געהערט איהר שטימע, וועלכע האט געקלונגען מיט ליידענשאפט און אויפרעגונג.

— אייער שארפער בליק האט אונז ערוויעזען א גרויסען דיענסט, ליעבער נאלוּ־בעט — האט זיא ענדליך געזאגט עטוואס בערוהיגט — איצטער האבען מיר אלע קאזירען אין האנד. איך בעטראכט דיא פארטיע וויא געוואונען און אונז דרייען געהערט דיא עהרע! אבער קיין ווארט זאל פון דעם געשפראכען ווערן אויף דער פרעפעקטור! דיא פערהאפטונג פון דיא שורקען זאל זיין איין איבערראשונג פיר דיא גאנצע שטאדט.

— מיר וועלען שטום זיין וויא דיא פיש — האט נאלובעט געענטפערט — דאס וועט זיין א שפאס, וויא מען האט עס נאך נאר קיין מאל ניט געזעהען. איך גלויב אז אין דער פרעפעקטור וועלען זיך אלע איבערקולענען פון פערוואונדערונג, ווען מיר וועלען זיי פלוצלונג ברייננען איינעם פון דער באנדע.

מאדאם ראזיע האט זיך דערווייל פערצייכענט דיא לאנדאנער אדרעסע פון בריעף, און אויך דיא אדרעסע אויף וועלכע דיא אנטווארט דארף צוריק קומען אין פאריז, און האט דעם בריעף צוריק אריינגעלעגט אין געלבען קאנווערט און האט איהם צוגעקלעפט.

— יעצט קענען מיר געהן — האט מאדאם ראזיע געזאגט — מיר ווארפען אריין דעם בריעף אין א פאסט־קאסטען און דיא זאכע איז פערטיג.

אלע דריי האבען פערלאזען דאס הויז אין רוע מעזליי, פון וואנען מאדאם ראזיע איז געפאהרען נאך הויזע, נאכדעם וויא זיא האט בעזארגט דעם בריעף.

www.libtool.com.cn

43טער קאפיטעל.

## שלויהייט געגען שלויהייט.

אויף מארגען נאך דיא בעגעבענהייטען פון פאריגען ארטיקעל איז געוועזען זונטאג. אין דעם טאג האט מאַריס וואסייר בעגלייטעט זיין מוטער צו דיא ברעסאַלס, וואו זיי זיינען ביידע געוועזען געלאַדען צו מיטאג, און סימאָנע האט צייט געהאט צו בעשיטצען איהרע גוטע פריינדע און בעשיטצער.

דעם ערשטען בעזוך האט סימאָנע אָבגעשטאטעט, וויא אימער, דעם מאלער סערוועט, וואו זיא האט אויך געפונען דעם גראף איוואַן. דיעזער האט זיא שוין געהאט מיט אונגעדולד ערווארטעט, אום אויסצופיהרען דורך זיא זיין אויפטראג אן מאריע ברעסאַל.

— איהר קומט וויא גערופען, ליעבע סימאָנע — האט הערר סערוועט געזאגט נאך א פריינדליכער בעגריסונג — אייך שטעהט פאר א גוטע זאכע אויסצופיהרען, או מיין פריינד דער גראף וועט עס אייך ערקלערן.

— איך דאנק אייך הערצליך פיר אייער צוטרויען צו מיר; אום וואס האנדעלט זיך דאָ?

— דא האנדעלט זיך אום א גרויסע געפעלינקייט, וועלכע איהר וועט ערוויזען הערר׳ן ניבריי און פריילין ברעסאַל — האט גראף איוואן ערקלערט.

— איך בין גליקליך, פיר זיי עטוואס צו טהאן.

— זיי זיינען ביידע ארוים פון דער געפאהר פון זייער קראנקהייט, אבער זיי שטעהט פאָר אנאנדער געפאהר. עס זיינען דא פיינדע וועלכע ווילען צושטערן דאס גליק פון דיא ביידע יונגע קינדער.

— איהר מיינט דערמיט געוויס דיא הייראט פון פריילין ברעסאַל?

— פון וואנען ווייסט א י ה ר, דאס פריילין מאריע געהט הייראטהען?

— איך האב עס ערשט געסטערן ערפאהרען פון איין איינלאדונג וועלכע מאדאם דיבעף האט ערהאלטען.

— נו, גוט זאלט איהר אלזאָ וויסען, דאס מען צווינגט מאריע צו הייראטהען, אדער זיא אפפערט זיך פיליכט צוליעב איהר פאטער.

— דאס האב איך אויך פערשטאנען — האט סימאנע געענטפערט — דאס האט מען געקענט זעהען פון דעם בריעף וואס זיא האט געשיקט דורך אייך צו הערר׳ן ניבריי.

— אויף דעם בריעף ווילען מיר איהר יעצט אנטווארטען, און דורך אייך וועלען מיר דיא אנטווארט בעזארגען. מיר מוזען וויסען וואס מיט איהר געהט פאָר, און דורך אייך קענען מיר דאס ערפאהרען.

— איך וויל טהאן אלעס וואס פיהרט צו מאריעס גליק. וואס זאל איך איהר זאָגען?

— איהר זאלט איהר איבערגעבען א בריעף.

— מיט דער גרעסטער פריידע.

www.libtool.com.cn

גראף איוואן האט זיך געזעצט צום שרייב-טיש און האט אויפגעשריעבען פאל-גענדע ציילען:

„מיין פריילין,

„אלבערט איז גערעטעט און װעט לעבען. ער בעט אייך אויך װייטער צ
„לעבען, איהם צו ליעבען און זיין פרוי צו װערן. מיר, זיינע און אייערע פריינדע,
„מוזען אבער װיסען דעם גרונד, צוליב װעלכען מען װיל אייך אפפערן. האט קיין
„מורא, עס װעט אייך קיין זאך געשעהן. לאזט אלעס זיין װיא עס געהט, דען אין
„לעצטען אויגענבליק װעט דער אונגליעליכער פלאן צושטערט װערן. דאס האב
„איך געשװארען אין אלבערט'ס נאמען. האט גלױבען, מוטה און האפנונג, און
„צװייפעלט ניט אין מיר, אלבערט'ס בעסטען פריינד, און אייער ערגעבענער,
גראף איוואן סאמילאוו"

— דיעזען בריעף װעט איהר איבערגעבען מאריע, ליעבעס קינד — האט דער יונגער רוסע געזאגט — און אבענדס װעט איהר אונז אהער בריינגען איהר אנטװארט.

— זעהר גוט, הערר גראף — האט סימאנע געענטפערט.

סימאָנע און דער גראף האבען ביידע גלייך פערלאָזען דאס הויז פון מאלער סער-װעט. אלס זיי זיינען ארונטערגעקומען אויף דער שטראסע איז זיי אנטקעגען געקומען א מאן מיט א גרויסען בלאָנדען באָרד, ארעם געקליידעט, טהיילענדיג צעטעל אלס אנאָנסע. דערזעהענדיג דעם גראף האט ער אויפגעציטערט, און איז שנעל אריבערגעגאנגען אויפ'ן אנדערן טראטואר.

ביין לוקסעמבורגער גארטען האט דער גראף גענומען אבשיעד פון סימאָנע, און איז אװעקגעגאנגען צו גיבריי'ס הויז, װעהרענד סימאָנע האט זיך פארנומען נאך דער רוע דע נערװייל. דער מאן מיטן גרויסען בארד װאס האט געטהיילט דיא צעטעל, איז נאכגעגאנגען דעם גראף פון װייטען.

עס איז געװעזען פונקט אום צװייא אוהר, אלס סימאָנע איז אָנגעקומען אין הויז פון לודאָװיק ברעסאָל. דארט איז דיא גאנצע פאמיליע, און מאריס מיט זיין מוטער, נאך געזעסען ארום טיש, טרינקענדיג קאפע נאך מיטאג. דער דיענער האט אנגעמעל-דעט, דאס א יונגע דאמע װינשט צו רעדען מיט פריילין ברעסאל.

— דאס איז געװיס סימאָנע! — האט מאריע אויסגערופען מיט פריידע.

— יא, פריילין, אזוי האט זיא געהייסען זיך אנמעלדען.

מאריס האט געהאט פיעל מיהע צו פערבארגען זיין ערשטוינונג, אדער פיעל מעהר זיין שרעק.

— בעטע פריילין סימאָנע אהער אריינצוקומען — האט מאריע געזאגט — מיין פאטער װעט מיר מאכען דיא פריידע און װעט איהר ערלויבען מיט אונז קאפע צו טרינקען.

— סימאָנע איז אונז אימער װילקאָמען — האט לודאװיק געענטפערט — און איך װאלט אייך ראטהען, מיינע קינדער, דאס נאך אייער האכצייט זאלט א'הר נעה-מען סימאָנע צו זיך.

— דאס איז א קעסטליכער געדאנקען, ליעבער פאטער, און איך דאנק דיר

www.libtool.com.cn

דערפאר — האט מאריע געזאגט, ווערענד מאריס האט פאר בעם געקנייטשט זיין שטערן.

אלס סימאָנע איז ערשיענען אין טיהר פון שפייז זאל, איז איהר מאריע געקומען אנטקעגען מיט אויסגעשפרייטע ארעמס: „ליעבע סימאָנע — האט זיא אויסגערופען — וויא פרייע איך מיך אויף אייער בעזוך! קומט, זעצט זיך צווישען מיר און מיין פאטער, מיר האבען זיך פיעל צו דערציילען".

דיעזע פריינדליכע ווערטער האבען סימאָנען ערמוטהיגט צו בעגריסען גאנץ פיין דיא געזעלשאפט און צו נעהמען דעם אנגעוויעזענעם פלאטץ.

וואלענטינע האט געטראכט וויא אזוי מאריס נעהמט ניט אראפ קיין אויג פון סימאָנע. אויך מאדאם ראָזיע האט בעטראכטעט דאס יונגע מיידיל און איז גאנץ ענטציקט געוועזען פון איהר ליעבליכקייט און פון דעם זאנפטען אויסדרוק פון איהר געזיכט.

טראָטץ דער אויסערליכער רוהע, איז מאריס אין הערצען דאך זעהר אינרוהיג געוועזען. איהם האט אויסגעזעהן, דאס פון סימאָנעס אנוועזענהייט אין ברעסאל'ס הויז קען ארויסקומען א געפאהר פיר וואלענטינע, און פיר איהם אליין אויך. עטוואס עהנליכקייט איז דאך געווען צווישען סימאָנע מיט איהר מוטער, און זעהענדיג זיי איינע ביי דער אנדערען קען דאס נאך פיעלייכט איינעם אויפפאלען, און פיעלייכט ערפאהרט דערפון ניברוי, און סימאָנע וועט אויף אייביג זיין געראטעוועט פון זיי; פיר וואלענטינע וועט עס זיין אן אונגליק. פון דער אנדערן זייט ווידער, ווען מאריע זאל ווירקליך אריינגעהמען צו זיך סימאָנען נאך דער האָכצייט, דאן וועט עס פיעל געפעהרליכער און שווערער זיין פאר איהם, זיי ביידען צו בעזייטיגען. אום דאס צוזאמענזיין פון ביידע מיידלאך צו אונטערברעכען וואס שנעלער, האט מאריס ארויסגענומען זיין אוהר, און האט דערמאָהנט, דאס ער און מאריע האבען נאך א שפאציער־פאהרט צו מאכען, און עס איז שוין צייט.

סימאָנע האט איינגעזעהן אז אונטער פיער אויגען וועט זיא שוין דיעזעס מאהל מיט מאריע ניט קענעןריידען, און האט דעריבער געפונען אנאנדער פלאן וויא אזוי איהר איבערצוגעבען דעם נראף'ס בריעף. זיא האט ארייגעשטעקט איהר האנד צו זיך אין טאשע און האט צוזאמענגעליינט דעם בריעף גאנץ קליין, האלטענדיג איהם אזוי צווישען דיא פינגער. דאן האט זיא זיך אויפגעהויבען אוועקצוגעהן. מאריע האט נאך מיט איהר געוועכסעלט עטליכע פריינדליכע ווערטע, און האט זיא דאן בעגלייט צום טהיר.

— ווען איהר וואלט וויסען, ליעבע סימאָנע, וויא אנגענעהם מיר איז אייער געזעלשאפט, וואלט איהר מיך גאר ניט אוועקגעוואָרפען — האט מאריע געזאגט אומעטיג.

— איך האף פרייליין, אזא צייט וועט אויך קומען, און איך וועל טהיילנעהמען אין אייער גליק.

— יא, און מיין גליק — האט מאריע געזאגט מיט ביטערקייט, ווערענד זיא האט ערגריפען סימאָנעס האנד, וועלכע דיעזע האט איהר געררייכט צום אבשיעד. דא האט זיא דערפיהלט דעם צוזאמענגעליינטען בריעף אין סימאָנעס פינגער ציטערנדיג

www.libtool.com.cn

האט זיא איהם גענומען און האט איהם ארייגגעשפיעלט צו זיך אין טאשע, אזוי דאס קיינער האט עס ניט בעמערקט.

— ברייננט איהר מיר א גוטע נאכריכט? — האט זיא נעפרעגט גאנץ שטיל.

— יא, פון הערהן אלבערט — האט דיא אנדרעע געענטפערט.

דאן איז זיא אוועקגעגאנגען.

מארים האט דיא גאנצע צייט קיין אויג ניט אראפגענומען פוןביידע מיידלאך. ער האט בעמערקט וויא מאריע איז בלאס געווארען, און איז דאן וויעדער דונקעל־רויט געווארען אין געזיכט, און האט פארשטאנען אז דא איז איהר עטוואס מיטגעטהיילט געווארען. ער איז געווארען וויטהענד און האט געקריצט מיט דיא ציינער פון צארן.

מאריע האט זיך וויעדער צורעכטגעפונען פון איהר איפרעגונג און איז צוגעקומען צום טיש צוריק. „ליעבע מוטער, — האט זיא געזאגט — איך וועל מיך שנעל פערטיג מאכען צום געהן, אין פינף מינוטען בין איך צוריק".

דערמיט האט זיא געאיילט צו איהר צימער, וואו זיא האט זיך איינגעשלאסען און האט געעפענט דעם בריעף פון גראף. טרעהרען פון פריידע האבען געפלאסען איבער איהרע וואנגען אלס זיא האט געלעזען דיא טרעסטענדע ווערטער. איניגע מאהל האט זיא איהם געלעזען, און אלס זיא האט אלעס בעגריפען האט זיא צוריסען דעם בריף, האט זיך דאן אנגעקליידעט און מיט שט־אהלענדעם געזיכט איז זיא וויעדער ארויס אין זאל.

וועהרענד דיעזער צייט האט מאדאם ראזיע געפלוידערט מיט הערהן ברעסאל אין זאל. דיא ארמע מוטער האט זיך געפיהלט דאפעלט גליקליך אין דעם גליק פון איהר זאהן, אלס זיא האט געהערט וויא ברעסאל ליבט איהם.

מארים האט וואלענטינען געגעבען צו פערשטעהן דורך א ווינק, דאס ער האט איהר וואס צו זאגען. זיא האט דעריבער אין א ווייליע ארום פארלאזען דעם זאל און איז אריין אין ווינטער־גארטען, וואו מארים איז איהר באלד נאכגעגאנגען.

— וואס האט איהר מיר צו זאגען? — האט זיא געפרעגט מאריםן.

— עטוואס זעהר ערנסטעס! פון היינט אן דארף דיעזע סימאנע ניט בעטרעטען אייער הויז און דארף אייער טאכטער ניט וויעדערזעהן.

— וואָרום ניט?

— וויל סימאנע געהערט צו סערוועט און אלבערט מיט אלע זייערע פריינדע. און אויסערדעם איז סימאנעס געגענוואָרט פאר איך זעהר געפעהרליך.

— פיר מיך? — האט וואלענטינע געפרעגט מיט שרעק.

— יא; ווייסט איהר ווער סימאנע איז?

— א פערלאזענע יתומה; וואָרום פרעגט איהר מיך דאס?

— וויל סימאנע איז דאס קינד פון פאול גיברייי און פון יענער פרוי, וועלכען האט אמאל געהייסען וואלענטינע דהארוויל. בעגרייפט איהר איצטער?

— מיין קינד! — האט וואלענטינע אויסגערופען און איז בלאס געוואָרן — מיינע טאכטער!

— יא, אייער טאכטער, איך האב דיא בעווייזע דאפיר, און דעריבער דארף זיא

www.libtool.com.cn

צו אייך אין הויז ניט קומען. דער קלענסטער צופאל וועלכען מען קען גאר ניט פאר־אויסזעהן, קען אמאהל אלעס אויפדעקען און דאן זייט איהר פערלארען.

— אבער וואס זאל איך טאהן, וואס זאל איך טאהן? — האט וואלענטינע גע־רופען אין פערצווייפלונג — וויא סען איך איהר פערהינדערן צו קומען אין מיין הויז, ווען מיין מאן און מיינע טאָכטער רופען זיא?

מאָרים האט איהר געוואלט געבען איין עצה וויא דאס דורכצופיהרען, אבער אין דעם אויגענבליק האבען זיך געלאזט הערען טריט, און זיי האבען שנעל אומגעביטען דעם געגענשטאנד פון זייער געשפרעך. דאס איז געקומען מאריע אנגעקליידעט און פערטיג צום אויסגעהן. נאך אין א פירטעל שטונדע האבען זיך אלע דרייא אריינגעזעצט אין פיאקער וואס האט זיי ערווארטעט און זיינען אוועקגעפאהרען.

א פאר שטונדען שפעטער האט זיך סימאנע ווידער צוזאמענגעטראָפען מיט גראף איוואן אין סערוועט'ס אַטעליער און האט איהם מיטגעטיילט וויא אזוי זיא האט אויסגעפיהרט דעם אויפטראג, און וואס זיא האט פארשטאנען פון מאריע'ס בענעהמען, און דאס דער הייראטס־קאָנטראַקט מיט מאָרים וואסייר דארף אונטערצייכענט ווערן נעכסטען דאָנערסטאג. דער גראף האט איהר הערצליך נעדאנקט, און דאן איז סימאָנע געגאנגען נאך איהר פאנסיאָן, און דער גראף צו הערן גיבריי.

דער ערשטער גאנג וואס מאדאם ראָזיע האט געמאכט אויף מאָרגען נאך דיעזען זאָנטאג, איז געווען צום פאָליציי־שעף, נאך דער פרעפעקטור; און דיא ערשטע פראגע וואס דער שעף האט איהר געשטעלט, איז געווען: „ווייסט איהט עטוואס נייעס?“

— יא, איך האב ענטדעקט דאס דער זאָגענאַנטער אבבע מערים, וועלכער איז קיין אנדערער אלס ווערדיע, וואינט אין קווארטאל סאינט־האָנאָרע. דארט מוז טאג און נאכט בעוואכט ווערען.

— האט איהר ווערדיע בעגעגענט?

— ניין, גאלובעט האט איהם געזעהן אין א טאבאק־לאדען. ליידער האט ער איהם צו שפעט דערקענט, אלס דער שורקע איז שוין געזעסען אין א וואגען און איז אוועקגעפאהרען.

— ליעבע מאדאם ראָזיע, איך גלויב, דיא שורקען זיינען קלוגער פאר אונז.

— דאס וועלען מיר זעהן — האט עמא זשובערט געענטפערט מיט א שמייכעל.

— דריי מאל האט איהר דיא שורקען געהאט כמעט אין דיא הענד, און יעדעס מאל האט איהר זיי געלאזען זיך ארויסגליטשען אויף מערקווירדיגער וויוע.

— איהר מיינט אויף אונגעשיקטע וייזע — האט עמא זשובערט געענטפערט. זיך פיהלענדיג געקריינקט דורך דיא בעמערקונג פון איהר שעף — איהר ווייסט דאס אויף דעם אָפּערן־באלל האבען מיר געפעהלט לייטע, אין פּאָרט קרעטעל האב איך שוער בעצאהלט מיט דעם לעבען, און ווערדיע איז פון גאלובעט צו שפעט דערקענט געווארען.

— וויא דיא זאכע איז — דערוויילע האט איהר זיי ניט.

— איך וועל זיי אבער האבען.

www.libtool.com.cn

— וויא זיכער איהר זאגט עס — האט דער שעף געזאגט אנקוקענדיג מאדאם ראָזיע מיט גרויסע אויגען — האט איהר וועלכע נייע שפור?

— יא, הערר שעף.

— איז זיא אויך זיכער?

— איך גלויב יא; אבער איך בעט אייך, הערר גראף, פרעגט מיך יעצט ניט מעהר אויס; אויגענבליקליך קען איך אייך קיינע בעפריעדיגענדע אנטוואָרט געבען, שיינקט מיר פאָרלויפיג אייער פערטרויען.

— גוט, איהר זאלט עס האבען.

— אויסערדעם פערלאנג איך צוויי קרעפטיגע מענער, וועלכע זאלען מיר קענען ביישטעהן מיט זייערע שטאַרקע הענד מעהר וויא מיט שכל, ווייל איך האב אין אויס־זיכט א פערהאפטונג.

— אזוי נאהענט זייט איהר צום ציעל?

— יא, הערר דירעקטאָר, אבער מעהר זאלט איהר מיך ניט פראגען. איין זאך קען איך אייך זאגען, דאס אויב איך וועל נעכסטען מיטוואָך אייך ניט האבען אויסגע־ליעפערט דיא מענער וואס מיר זוכען, דאן בין איך פארפיהרט פון אנפאנג ביז ענדע, און איך האב ניכטס פון דיא פעהיגקייטען, וועלכע מען האט מיר צוגעשריעבען.

— גיעב גאָט! איך וועל שטעלען צו אייער פערפיגונג מאסאָן און שאמפ, זייט איהר צופריעדען?

— פאָלקאָממען, איך דאנקע אייך!

— אויף וויעדערזעהען! ווינשע גליק!

עמא זשובערט האט זיך עמפפאָהלען און האט פארלאָזען דאס צימער מיט קאָרנו און גאלובעט.

— דער הערר שעף איז אונגעדולדיג — האט גאלובעט בעמערקט.

— יא, מיר שיינט ער הייבט אן אין מיר צו צווייפלען — האט עמא זשובערט געענטפערט — מיר וועלען זעהן! ביז מיטוואָך מוזען מיר בעוואכען יענע געגענד ארום טאבאק־לאַדען.

וועהרענד דיעזער צייט איז מאָריס געקומען צום קאפיטאַן וואן ברעקע, וועלכען ער האט געפונען אליין צו הויזע. „קומט היינט אבבע מעריס?“ — האט ער געפרעגט גלייך ביים אריינגעהן.

— איך ווייס ניט; גיעבט עס וואס וויכטיגעס?

— מען מוז זעהן שנעל צו בעזייטיגען סימאָנע, נאך דיא וואך. זיא קומט נאך רוע ווערנייל און בריינגט צו מאָריע נייעס פון אלבערט גיבריי; זיא קען פערניכטען מיין גאנצען פלאַן.

— איך האב זיא געססטערן געזעהן מיט דעם גראף איוואן — האט לאַטירג גע־זאגט — איך האב זיי געפאָלגט אין דער פערקליידונג פון א צעטעל־טהיילער.

— טויט און טייפעל! דארט מוז זיין א גאנצע פערשווערונג געגען אונז, מיר זיינען אימגעבען פון געפאהר! — האט מאָריס געדופען.

www.libtool.com.cn

— דיעזע געפאהר הייסט גראף איוואן! — האט לאטירג געזאגט — ער מוז בעזייטיגט ווערען גלייך מיט מאריע און סימאָנע!

— האט איהר ארויסגעפונען וואו ער וואהנט?

— יא, איך בין איהם נאכגעגאנגען און האב איהם געזעהען אריינגעהענדיג אין הויז פון אונטערזוכונגס-ריכטער גיבריי, אין רוע דע רענן.

— עס איז ביי מיר געווים דאס אין יענעם הויז ווערט געפלאנט א פערשווערונג געגען אונז. וואס קען זיין מיט אלבערט גיבריי?

— איך וויים פון גאר ניט! האט לאטירג געענטפערט.

— אונזער לאגע וועט זעהר שווער זיין, אויב סימאָנע זאל ניט בעזייטיגט ווערען נאך דיעזע וואך. דער קלענסטער פערצוג קען צושטערן אלע אונזערע פלענער. מיר מוזען זעהן דעם אבבע. ווען מיר איהם געפינען צו הויז?

— פיעלייכט.

— דאן לאמיר געהן צו איהם.

— איך בין בערייט.

פאטער און זאהן זיינען ארויסגעגאנגען. און אין א פיערטעל שטונדע זיינען זיי געווען אין דער רוע בעראנזשע, פאר דעם בעקאנטען הויז מיט צוויי אויסגאנגע. לאטירג האט געקלאפט אין טהיר פון הערין מארטין, און ווערדיע האט באלד געעפענט. ער האט פערשטאנען דאס ווען מארים קומט אויך, דאן האנדעלט זיך וואהרשיינליך וועגען עטוואס וויכטיגעס. אלס ער האט ערפאהרען דאס מארים איז אונרוהיג וועגען סימאנען, האט ער איהם געטרייסט: „זייט רוהיג, ליעבער מארים, מארגען זיינען מיר מיט איהר פערטיג!"

— וויא אזוי? מיט וואס? האט איהר שוין עטוואס אויסגעפונען?

— יא; איך האב געסטערן א גאנצען טאג געארבייטעט ביים פייער, און האב ארויסגעקראגען א פלעשעלע בלוי-זויערע גאר איינס אין דער וועלט. דא וועט איהר באלד זעהן א פראָבע דערפון.

— א פראָבע? — האט מארים אויסגערופען ערשטוינט.

— יא, קוקט זיך נאר צו — האט ווערדיע געענטפערט, און האט א פייף געטהאן צו א קליינעם הינטיל, וואס איז צוגעשפרונגען און האט איהם געלעקט דיא הענד — איהר וועט זעהן וויא שנעל מיין פלעשעלע ווירקט.

ווערדיע האט ארויסגענומען פון טאשע א כריסטאלענע פלעשיל, האט איהר געהאלטען ביים הונד אונטערן נאז און האט מיט'ן פינגער א דריק געטהאן אויף א קנעפעלע ביים העלדזיל פון פלעשיל, דער דעקיל האט איפגעשפרונגען, און דער הונד איז אומגעפאלען וויא געטראפען פון בליטץ.

— איז דאס מיר געראטהען? — האט ווערדיע געפרעגט.

— וואונדערפאָלו — האט מארים אויסגערופען.

— דיעזעס גיפט לאזט קיין צייכען ניט צוריק, דאס איז דיא הויפטזאכע — האט ווערדיע געזאגט — מען דארף זיך נור אליין היטען ווען מען עפענט דיא פלאשע.

אזו זאגענדיג האט דער פאלשער גייסטליכער איינגעפאקט דאס פלעשיל אין

www.libtool.com.cn

א שיידיל און האט עס אויסגעשטרעקט צו מאָריס׳ן; אבער מאָריס האט ניט בעוועגט מיט קיין גליעד.

— וואס? — האט ער געשריען — ווידער איך? אזוי שנעל וויא מען דארף איינשטעלען דאס לעבען וועד איך אויסגעקליעבען! פאר וואס איך און ניט איהר?

— איך בין דער אנפיהרער פון די פינף אויף דיעזען פלאטץ, און האב נור צו בעפעהלען.

— דער אנפיהרער מוז איינשטעלען זיין פּערזאן וויא דער סאָלדאט.

עס איז ענטשטאנדען איין ערנסטער ווארט-שטרייט צווישען דיא ביידע באנדי־טען, פון וועלכע יעדער האט זיך געהאלטען אן דאס זייניגע, ביז ענדליך האט זיך לאַ־טירג אריינגעמישט:

— אין טייפעלס נאמען, קריעגט זיך ניט אין דעם אויגענבליק וואו עס מוז גע־האנדעלט ווערן. לאָמיר ווארפען גורל.

— דאס הייסט אויפגעבען אונזער רעכט — האט ווערדיע פּראָטעסטירט.

— נור אזוי בין איך צופריעדען — האט מאָריס זיך אנגעהאפט.

ווערדיע האט ענדליך צוגעשטימט. אויף דריי צעטעלאך האט ער אויפגעשריבען דיא דריי נאמען און האט זיי צוזאמענגעוויקעלט אריינגעווארפען אין א הוט.

— וועמעס נאמען עס ווערט געצויגען צום ערשטען דער מוז אויספיהרען דיא טהאט — האט ווערדיע געזאגט.

— גוט — האט מאָריס צוגעשטימט.

מאָריס האט געצויגען. אויף׳ן פּאפּיער איז געשטאנען זיין אייגענער נאמען. „דער טייפעל האט ענטשיעדען פאר אייך — האט ער געזאגט — ניט מיר דאס פּלעשעל! היינט ביי נאכט געה איך נאך דעם פּאנסיאָן“.

מאָריס האט פערלאסען זיינע ביידע קאמראדען, און ווערדיע האט געזאגט צו לאַטירג: „דער יונג איז אזוי שארף, דאס איך הויב אן פאר איהם מורא צו האבען“.

— און איך בעוואונדער איהם — האט לאַטירג געענטפערט — דאס איז מיין בלוט, איך דערקען זיך אין איהם.

## 44טער קאפּיטעל.

# דאס נעסט פון א רויבפויגעל צושטערט.

דיא גאנצע אומגעגענד פון דעם טאבאק-לאדען, וואו גאלובעט האט געוואוינט, דעם פּאלשען פּריעסטער, איז בעוואכט געווארען פון געהיימע אגענטען. אויף מאדאם ראָזיע מיט איהרע צוויי בעגלייטער זיינען געוועזען ניט ווייט פון דארטען. מאדאם ראָזיע איז געווען פּערקליידעט וויא א פערקויפערין פון גרינס און האט געפיהרט א וועגעלע מיט גרינס; קאָרנו איז געזעסען אלס קוטשער אויף א וואגען אויף דער עקע פון דער נעבס־טער קווער-גאסע צום טאבאק-לאדען; גאלובעט ווידער האט ארומגעשפּאציערט צו פוס און האט געווארפען בליקען אויף דיא פארבייגעהער און אויף דיא פארבייפאהרער.

דעם גאנצען דיענסטינ׳דיגען טאג האבען זיי צוגעבראכט אזוי, אבער אהן ער־פאָלג. אונגעפעהר אום אכט אוהר אבענדס האט מאדאם ראָזיע צום הונדערטען מאָל

www.libtool.com.cn

פארבייגעפיהרט איהר װעגעלע גרינס אויף דער ענטגעגענגעזעצטער עקע װאו קאָרנו איז געשטאנען מיט'ן װאגען, און איז אין דער דונקעלהייט און אין איהר צערשטרייטהייט ארויפגעפאהרען אויף צווייא אנשטענדיג געקליידעטע הערען װעלכע זיינען אנגעקומען איהר אנטקעגען.

— ענטשולדיגט, מאדאם — האט איינער פון דיא צוויי הערן געזאגט אנריהרענדיג מיט'ן האנד דעם ראנד פון זיין הוט.

דיא צווייא מענער זיינען געגאנגען זעהר װעג, װעהרענד עמא זשובערט איז געבליעבען שטעהן, און האט זיי שיער פארשלונגען מיט דיא אויגען. דאן איז זיא שנעל צוגעלאפען צו קאָרנו װעלכער איז געזעסען אויפ'ן באָק פון װאגען און האט אויסגערופען: פייפט אהער גאלובעט, און געהט מיר נאך, מיר טאָרען יענע צוויי לייטע ניט פערליערען פון דיא אויגען.

— װער איז אונטער זיי, דער פאלשער פריעסטער, אדער לאטירג?

— איך גלויב ביידע צוזאמען!

— אלע טייפעל! דאן מוזען מיר דיא אויגען אָפען האלטען!

מאדאם ראָזיע האט זיך ניט געאיררט. נאך מאָריסעס אוועקגעהן זיינען דיא ביידע באנדיטען געגאנגען שפּייזען אין א רעסטאָראנט, האבען דארט פערבראכט א היבשע צייט ביי א גלעזעל װיין און זיינען איצטער געגאנגען צו װערדיע נאך הויז, אום נאך װאס פאָרצובערייטען צו דער רייזע נאך לאנדאָן, װאוהין זיי האבאן געװאלט פעררייזען אזוי שנעל װיא סימאָנע װעט זיין טויט, און מאָרים װעט האבען געהייראטהעט.

קאָרנו האט געלאזט הערן א פּיף, װעלכער איז בעקאנט אונטער געהיים־פּאָליציסטען און גנבים צוגלייך. אין אויגענבליק איז גאלובעט געװען לעבען איהם.

— װאס האט געטראפען, מיין אלטער?

— שטייג איין אין װאגען, מיר שיינט אז מיר האבען צוויי.

גאלובעט האט זיך אריינגעחאפּט אין װאגען און קאָרנו האט א טרייב געטאהן זיין פערד הינטער מאדאם ראָזיע, װעלכע איז געגאנגען שטופּענדיג איהר װעגעלע נור א 20 טריט הינטער דיא ביידע מענער.

װערדיע איז אויפמערקזאם געװארן אויפ'ן פייף און האט זיך אומגעקוקט. דאן האט ער זיך צוגעבויגען צו לאטירג און האט איהם איינגעראמט אין אויער: „ברידערל, מיר ברענען דיא פּאדעשװעס, מיר שיינט מען איז הינטער אונז".

לאטירג האט אויך ניט װילענדיג א דרעה געטהאן דעם קאָפּ און האט געטראָפען דעם פונקלענדען בליק פון דער גרינס־פיהרערקע.

— טייפעל און העללע! דאס איז זיא! — האט ער געהויכט און איז געװארען בלאס װיא א לייבע — װאס טהוט מען, מיר שטעלען זיך דיא האר קאפּויר!

— דא שטעהט א ליידיגער װאגען, שנעל אריין, און צו מיר נאך הויז, הייכטיגען מאל דרייען מיר זיך נאך ארויס, עס איז דונקעל.

װערדיע האט נור בעװיעזען צו זאגען דעם קוטשער: „רעפּובליק־פּלאטץ, שנעל, גוטעם טרינק־געלד!", און ביידע זיינען געװען אין װאגען.

עמא זשובערט האט א װאונק געטהאן קאָרנו צו צופאהרען שנעלער, און האט

www.libtool.com.cn

זיך אליין אויף אריינגעחאפט אין וואגען, איבערלאזענדיג איהר ווענעלע גרינס אויף הפקר.

— שנעל, קארנו, פערפאלגט זייער וואגען, דיעזעס מאל האבען מיר זיי!

עמא זשובערט איז געזעסען לעבען גאלובעט. וועהרענד קארנו האט אנגעווענדעט זיינע גאנצע קראפט און פעהיגקייט צו האלטען זיך אזוי נאהענט וויא מעגליך הינטער דעם וואגען פון דיאביידע באנדיטען. אבער דאס געדרענג פון פיאקערס און עקיפאזשען אויף דיא בולווארדס האט איהם פיעל געשטערט, אבער ער האט יענעם וואגען דאך ניט פערלארען פון דיא אויגען. עמא זשובערט האט דיא גאנצע צייט אויך געהאלטען דעם קאפ ארויסגעשטעקט פון וואגען און האט געהיט דעם וואגען מיט דיא צוויי באנדיטען. פלוצלונג האט זיא בעמערקט וויא יענער וואגען איז געבליעבען שטעהן אויפ'ן בולווארד אנטקעגען פלאס דע לא רעפובליק, און ביידע מענער האבען זיך שנעל ארויסגעחאפט פון וואגען. ווערדיע האט אריינגערוקט דעם קוטשער אין האנד א נאפאלעאן. ווערדיע פון פערשוויבען. פונאנדער. א נאל־דענע מינצע וואס ער האט וואהרשיינליך געהאלטען אנגעגרייט, און ער מיט לאטירג האבען זיך ארויפגעחאפט אויף א טרעפ וואס קומט ארויס אויפ'ן בולווארד.

— האלט! — האט עמא זשובערט אויסגערופען צו קארנו, און וויא א קאטץ איז זיא ארויסגעשפרונגען פון וואגען, און אים נעכסטען אויגענבליק איז זיא געשטאנען ביי דיא טרעפ, אויף וועלכע זיא האט נאך געזעהן ווערדיע און לאטירג, עפענענדיג דיא טהיר פון א וואוינונג.

איבערלאזענדיג קארנו און גאלובעט ביי דער טרעפע מיט דעם בעפעהל אכטונג צו געבען אז קיינער זאל ניט ארויסגעהן, האט עמא זשובערט געחאפט איין אנדער וואגען וואס איז פארבייגעפאהרען, און האט זיך געוואָרפען צום פאליציי־שעף, נאך דער פרעפעקטור. זיא האט איהם געטראפען פארלאזענדיג זיין ביורא, און האט איהם אהן אטהעם דערציילט אין קורצען וואס דא איז פארגעקומען. האסטיג איז הערביי־גערופען געווארן נאך א וואגען, און עמא זשובערט מיט'ן פאליציי־שעף, אין דער בעגלייטונג פון נאך עטליכע לייטע, האבען זיך בעגעבען צו יענעם פלאטץ וואו קארנו און גאלובעט זיינען געשטאנען וואכע.

— איז ווער ארונטער געגאנגען? — האט עמא זשובערט געפרעגט דיא ביידען.

— קיינער, מאדאם — האט גאלובעט געענטפערט.

דאן שנעל, צו דער טהיר! — האט דער פאליציי־שעף בעפאהלען.

עטליכע פאליציסטען, דארונטער אויך גאלובעט, זיינען ארויף דיא טרעפ, און האבען אנגעקלאפט אין טהיר פון ערשטען שטאק. קיינער האט פון אינווענינ ניט גע־ענטפערט. דער פאליציי־שעף אליין האט געקלאפט נאך אמאל, אבער עס האט גע־הערשט א טויטע שטילקייט אינווענינ.

— ברעכט איין דיא טהיר! — האט דער שעף בעפאהלען.

עטליכע שטארקע פאליציסטען האבען זיך איינגעשפארט אין טהיר און נאך עטליכע סעקונדען איז זיא געוועזען ווייט אפען. מיט רעוואלווערן אין דיא הענד זיינען עטליכע פאליציסטען אריין אין הויז, וועלכע האט אויסגעוויעזען צו זיין לעער.

www.libtool.com.cn

— ניט שוין־זשע זיינען זיי ווידער ענטרונען פון מיינע הענד? — האט עמא זשובערט געמורמעלט ציטערנדיג.

דער הויז־מייסטער פון דעם הויז, וועלכער האט געהאט זיין וואוינונג פון דער אנדערן זייט הויז, וואס קומט ארויס אויף דעם בולוואר די טעמפעל, האט דערהערט דעם גערויש און איז געקומען צו פליהען אהן איין אטהעם. ער איז שיער אומגעפאלען פאר שרעק אלס ער האט דערזעהן די פאליציי.

— ווער וואוינט אין דיעזער וואוינונג? — האט איהם דער פאליציי־שעף גע־פרעגט.

— א רענטיער מיט'ן נאמען מארשע — האט דער פארטיער געענטפערט — זעהר א שטילער הערר, וועלכער איז אפט אויף רייזען.

— וואס ווייסט איהר פון איהם?

— ניט פיעל, ער צאהלט פינקטליך זיינע מיעטהע.

— ווייסט איהר וואו ער איז איצטער?

— ניין. איך זעה איהם קיינמאהל ניט קומענדיג, אזוי וויא מיין וואהנונג איז פון דער אנדערן זייטע,

— האט דיעזע וואהנונג נאך א טרעפ?

— ניין די טרעפע פון דיעזער זייט איז דער איינציגער איינגאנג.

— דאן מוזען זיי דא ערגעץ וואו בעהאלטען זיין! — האט עמא זשובערט אויס־גערופען — זוכט, זוכט! טויזענד פראנקען פיר יענעם וואס וועט זיי ענטדעקען!

וויעדער האבען די לייטע אנגעהויבען דורכצוקוקען אלע ווינקעלאך אין די צימערן, האבען געקלאפט אויף די דיעלען, אויף די ווענד, פיעלייכט וועלען זיי ענט־דעקען וועלכען געהיימען פערשטעק. עמא זשובערט האט געציטערט פון צארן און אויפרעגונג. פלוצלונג האט איינער פון די לייטע געלאזט הערען איין פריידענרוף. ער האט אויסגעפונען אין וואנד פון זאל א פלאטץ וואס האט געקלונגען פוסט ווען מען האט אנגעקלאפט.

— ברעכט איין די וואנד! — האט דער שעף אויסגערופען.

האמערס און ברעכאייזענס זיינען באלד בעשאפען געווארען, און דער מעכאניזמוס וואס ווערדיג האט געהאט איינגעריכטעט ארייינצוקומען פון די אויבערשטע וואהנונג אין די אונטערשטע, איז באלד געלעגען אפען פאר די אויגען. דער הויז־מייסטער איז געשטאנען מיט איין אפענעם מויל און האט ניט געגלויבט זיינע אייגענע אויגען. די ענטדעקונג אין דעם הויז וואו ער וואהנט זייט צוואנציג יאהר, האט איהם מעהר וויא אלע אנדערע פערוועצט אין ערשטוינונג. נאך מעהר ערשטוינט איז ער געווען, אלס ער האט געזעהען וויא די אגענטען זיינען מיט דעם מעכאניזמוס ארויף אין דעם אוי־בערשטען שטאק, אין א גאנץ אנדערן טהייל פון הויז, וואו עס האט געוואהנט גאר א געוויסער מארטין

— צו שפעט! צו שפעט! — האט דער פאליציי שעף געזיפצט און האט זיך א ווארף געטהאן אויף א שטוהל מיט דעם קאפ אויף דער ברוסט.

— מוטה, הערר שעף! — האט איהם עמא זשובערט געטרייסט.

www.libtool.com.cn
— מוטה?! — האט דער שעף איבערגערעדט — וואס קענט איהר נאך יעצט האפען?

— וואס איך האב געסטערן געהאפט! איך וועל האלטען מיין פערשפרעכען.

האלבע נאכט איז פאראיבער און עס קומט מיטוואך. ווארט נור ביז אבענד מיט געזונקענעם מוטה און מיט ליידיגע הענד זיינען זיך דיא פאליציסטען צוגאנגען.

וועהרענד דיעזער צייט זיינען שוין ווערדיע און לאטירג געקומען צוריק נאך דער רוע דע סורען, וואו מארים האט זיי מיט אונגעדולד ערווארטעט, און האבען איהם דערציילט, וויא זיי האבען געשפיעלט מיט גליק, און וויא נאהענט זיי זיינען געוועזען ארייינצופאלען אין דיא הענד פון עמא זשובערט.

— אלע טייפעל! — האט מארים אויסגערופען — נאך אזא צופאל, און מיר זיינען פערלארען! פון איצטער אן וועט דער אבבע מערים מוזען זיין דא. אבער איהר מוזט ביידע שנעל פארלאזען פאריז.

— גאנץ ריכטיג! — האט ווערדיע געזאגט — אזוי שנעל וויא איהר בעפרייט אונז דיעזע נאכט פון סימאנע, און איהר הייראטהעט און מארגען פאהרען מיר אוועק מיט רוהיגע הערצער און ערווארטען אייך אין לאנדאן מיט דיא טויטענשיינע פון דיא ביידע יורש'טעס.

— דעריבער ערווארט איך אייך דא — האט מארים געענטפערט — איך בין ניט בעקאנט מיט דעם פלאן פון פאנסיאן און וויים ניט וואו סימאנעס צימער איז; איך מוז האבען אייער ביישטאנד.

— האט איהר דאס פלעשיל? — האט ווערדיע געפרעגט.

— יא.

— א געלאדענעם רעוואלווער אויף יעדען פאל?

— יא.

— דאן געהן מיר.

דיא דריי מענער זיינען ארויס אין קליינעם גארטען און האבען אויפגעזוכט דיא טהיר אין וואנד וואס האט זיי אפגעטהיילט פון גארטען פון פאנסיאן. אין פאנסיאן זיינען אלע פענסטער געווען שטאק־פינסטער, מיט דער אויסנאהמע פון איינעם, וואו עס האט זיך נאך געזעהן ליכט. ווערדיע האט אויפמערקזאם בעטראכטעט דאס פענס־טער און האט ביי זיך גערעכענט, צו וועלכען צימער דאס ליכטיגע פענסטער קען געהערען.

עס איז סימאנע'ס צימער — האט ער ענדליך געזאגט — דיא קליינע שלאפט נאך ניט, מיר מוזען אלזא ווארטען.

א האלבע שטונדע זיינען דיא מענער געשטאנען בעאבאכטענדיג דיא בעוועגונגען פון שאטען אין פענסטער, ביז ענדליך איז דאס פייער אויסגעלאשען געווארען, און דיעזעס פענסטער איז געווארען פונקט אזוי דונקעל וויא דיא אנדערע.

— איצטער מוזען מיר איהר לאזען איינשלאפען, און דאן איז עס צייט.

דיא דרייא מענער זיינען צוריק אריין אין הויז, וואו מארים האט נאך זיך פאר־

www.libtool.com.cn


געזעהן מיט א בלענד־לאנטערנע, האבען גענעבען דעם שטומען דאָמיניק אינסטרוקציאָנען וויא צו שטעהן וואכע, און האבען זיך צוריק בענעבען אין גארטען, צו דער אָפענער טהיר, וועלכע האט געפיהרט צום פּאנסיאָן.

— שליינגעלט זיך פּאָרזיכטיג דורך דיא געוועכסע ארום טהיר, און היט זיך ניט צו צוברעכען קיין צווייגען און קיינע בלעטער אראפצורייסען, ווייל דאס קען איבערלאזען א שפּור — האט ווערדיע געזאגט — מיר וועלען דיא טהיר ניט מעהר צושליעסען און ווארטען אויף אייך.

— נור מוטהיג! — האט לאַטירג געזאגט ערגרייפענדיג דעם יונגען מאַן'ס האנד ביי דער קלענסטער שטערונג זאלט איהר געבען א פּייף.

עס איז געוועזען עטוואס שרעקליכעס אין דער ערמוטהיגונג צום פערברעכען פון זאָהן צום פאטער.

דער יונגער מאן האט זיך פּאָרזיכטיג דורכגעצווינגען דורך דיא פלאנצען וואס האבען פארשטעלט דיא גארטען־טהיר פוןביידע זייטען, און איז געווען אין גארטען פון פּאנסיאָן. ער האט זיך אומגעקוקט ארום זיך, דרינגענדיג מיט זיין שארפען בליק אין דער פינסטערניס אזוי וויט וויא ער האט געקענט, אבער ער האט קיין זאך ניט געזעהן וואס זאל איהם בעאונרוהיגען. נעהענטער צום הויז איז דער באָדען געוועזען געפלאסטערט, און ער האט געמוזט געהן אויף דיא שפּיטצען פינגער, אום ניט צו מאכען קיין גערויש. ענדליך איז ער געווען ביין וואנד פון הויז און האט זיך געשלעפּט פּאזע־וואנד וויא א שאטען ביז צו דער טהיר, וועלכע ער האט שטיל אויפגעשלאָסען, און האט איין האלבע טהיר געלאזען עטוואס אָפען. ארויסציהענדיג דיא בלענד־לאנטערנע האט ער זיך געלויכטען דעם וועג אויף דיא טרעפּ, ביז ער איז געקומען אין קארידאָר פון ערשטען שטאָק. דא איז ער געבליעבען א ווילע שטעהן און האט געצייגט דיא טהירען נאך דיא צאהל פון דער פענסטער, ביז ער איז צוגעקומען צו דער טהיר וואו נאך זיין רעכנונג איז סימאָנע פריהער געזעסען ביי א ליכט. ער האט צוגעלייגט דאס אויער צום שליסעל־לאָך און האט זיך צוגעהערט מיט איינגעהאלטענעם אטהעם. עס האט זיך קיין זאך בעוועגט אינווענינ. לאנגזאם און שטיל האט ער אויף דיעזע טהיר געעפענט, און איז באלד געשטאנען אין מיטען צימער. ער האט ארויסגעצויגען א גאנץ קליינעם טהייל פון זיין בלענד־לאנטערנע, אום נור צו זעהן עטוואס אין צימער. ער האט דערזעהן סימאָנע ליעגענדיג אין איהר בעט, מיט איהרע שנעע־ווייסע ארעמס אויף איהר דעקע, דער שיינער קאָפּ איז געווען אומראהמט פון דיא רייכע האר און אויף איהרע ליפּען האט געשפּיעלט א שוואכער שמייכיל. מאָרים האט געפיהלט א שוידער דורך זיין גאנצען קערפּער, אבער דאך איז ער צוגעגאנגען צום בעט, האט זיך אראָפּגעלאזען אויף דיא קניע אויפ'ן קליינעם דיוואן פארן בעט און האט אויסגעשטעלט זיין האנד מיט דעם טויט־ברייננענדען פלעשעל צו סימאָנעס נאָז. ער האט א דריק געטהאן אויפ'ן קנעפּיל וועלכער עפענט דעם פּראָמפּפען. דער גאנצער קערפּער פון דער מיידיל האט אויפגעצוקט, וויא פון א שטארקען עלעקטרישען שלאג. דיא ארעמס האבען זיך א הויב געטהאן, דיא אויגען האבען זיך געעפענט, אבער דיא הענד זיינען

www.libtool.com.cn

אראפגעפאלן שטייף צוריק, דיא ברעמען זיינען ווידער צוזאמענגעפאלען און דער אטהעם איז געבליעבען שטיל.

— זיא איז טויט! — האט מאָרים געזאגט צו זיך, פיהלענדיג איהר הערץ.

ער האט פארשלאָסען דאס פלעשיל, דאן האט ער ארויסגעצויגען פון זיין טאשע א פאפיער א צוזאמענגעלייגט׳ס שטיק פאפיער און האט עס אריינגעלייגט אין דיא אויבערשטע שובלאדע פון א קאמאָד וואס איז דארטען געשטאנען ניט ווייט פון בעט.

— אזוי — האט ער געזאגט — דאס וועט דערציילען ווער זיא איז און איך וועל קענענען קריעגען איהר טויטענשיין, וועלכען מיר מוזען האבען.

דאס פאפיער איז געווען סימאָנע׳ס געבורטשיין און אויף איהם איז געשטאנען: „סימאָנע, דיא אנגעזעצליכע טאָכטער פון וואלענטינע דהארוויל און איין אונבעקאנטען פאטער.“

דארויף האט ער פארלאזען דאס צימער, דאס הויז און דעם גארטען אזוי פאָר־זיכטיג וויא ער איז געקומען.

ביין טהיר וואס האט אפגעטהיילט דעם גארטען פון לאטירגס גארטען, האט מאָרים אנגעטראפען ווערדיע און לאטירג ווארטענדיג.

— סימאָנע איז טויט! — האט ער אויסגערופען מיט דומפפער שטימע.

— בראוואָ! — האבען דיא באנדיטען געענטפערט.

אלע דריי זיינען אריין אין הויז.

— איצטער געה איך נאך הויזע — האט מאָרים געזאגט — איך בין מיעד און איך מוז מיך אויסשלאפען. מאָרגען מוז איך אונטערצייכנען מיין הייראטהס־קאָנטראקט. איהר מיינע פריינדע זאלט ניט ארויסגעהן פון שטוב ביז צו דעם אויגענבליק וואס איהר וועט אוועקפאהרען.

— אייער עצה איז זעהר גוט, אבער איך מוז מאָרגען געהן אויף דער פאסט אפנעהמען זעהער א נייטיגען בריעף פון לאָנדאָן.

— איך וועל איהם אָפנעהמען פאר אייך און וועל אייך איהם ברייגנען — האט מאָרים פאָרגעשלאגען — איהר טארט זיך ניט ווייזען אין פאריז, נאכדעם וויא אייערע ביידע וואהנונגען זיינען ענטדעקט פון דער פאָליציי.

— זאל זיין אזוי האט ווערדיע געענטפערט — דאן מוזט איהר וויסען וויא דעם בריעף צו פערלאנגען. דא איז דיא אדרעסע, אויף וועלכער דער בריעף דארף אנקומען.

מיט דיא ווערטער האט ער איהם איבערגעגעבען א קאָנווערט פון א בריעף, וואס ער האט שוין פריהער אמאהל געהאט ערהאלטען.

— מיר מוזען אבער דעם בריעף פון לאנדאן גלייך דא האבען — האט לאטירג צוגעזעצט.

— זייט אהן זארגען, איך וועל אייך איהם גלייך ברייגנען אהער, וויא איך וועל איהם נור קריעגען. איצטער אבער גוטע נאכט! צווישען אונז און אונזערע מיליאָנען איז נור נאך פאראנען א קליינע הינדערניס, וועלכע מיר וועלען אויך שנעל אריבערקומען, חעכסטענס אין אכט טעג.

www.libtool.com.cn

לאטירג האט בענליט דעם יונגען מאן ביז צו דער הויזטהיר, וואו זיי האבען זיך געדריקט דיא הענד און האבען זיך נאך אמאהל געוואונשען גוטע נאכט.

## 45טער קאפיטעל.

# דער אונערווארטעטער דאנערשלאג.

אם פריהמארגען נאך דיזער נאכט, איז מאדאם ראזיע געוועזען ביי זיך צו הויזע און האט זיך אנגעקליידעט שנעל, אום זיך צו בענעבען נאך דער רוע מעזליי, וואו זיא האט זיך געוואלט טרעפען מיט דיא לייטע, וועלכע דער פאליציי שעף האט פיר זיא בעשטימט. זיא איז געווען אין שרעקליכער אונרוהע. דיא ענטדעקונג וואס זיא האט דעם לעצטען אבענד געמאכט האבען געווארפען איהרע זעעלע אין צווייפעל און זיא האט זיך געפרעגט, אויב דיא שורקען וועלען זיא ניט איבערליסטען און אויב דאס שיקזאל איז ניט גענעבען איהר.

אלס זיא איז געזעסען ביים פריהשטיק האט זיא געהערט קלינגען, און מארים איז אריינגעקומען, שטראהלענדיג פאר גליק.

— דוא אזוי פריה מיין קינד? — האט זיא געפרעגט אומארמענדיג איהם — דאס מאכט מיך גאנץ פערוואונדערט.

— איך בין היינט פריה אויפגעשטאנען און האב דיר געוואלט זאגען „גוט מארגען." איך זעה דוא קלייבסט זיך אויסצוגעהן.

— יא — האט עמא זשובערט געענטפערט פערלעגען — איך האב עטוואס צו בעזארגען.

— אין אויפטראג פון דער פאליציי? האט מארים געפרעגט מיט א פארוואורף.

— וואס ווילסטו, מיין קינד? איך בין וויא א סאלדאט, איך ערהאלט מיינע בעפעהלע און איך מוז געהארכען.

— ווערסט דוא קיינמאהל ניט אויפגעבען דיזע געפעהרליכע בעשעפטיגונג?

— אין גענענטהייט, איך האף עס גאר באלד אויפצוגעבען.

מארים איז דערשראקען געווארן.

— גאר באלד? — האט ער געפרעגט — זאגסט דוא דאס נור אום מיך צו בערוהיגען, אדער איז עס ווירקליך אזוי?

— איך קען עס דיר שווערן.

— דאס הייסט אלזא אז דוא ביסט באלד ביים ציעל?

— פיעלייכט וועל איך שוין היינט אבענד האבען דורכגעפיהרט מיין אויפגאבע, וועלכע איך האב איבערנומען נור צוליעב דיין גליק.

— היינט אבענד? — האט מארים געפרעגט און איז בלייך געווארען — ווייסט דוא דאס גאנץ געוויס?

— אין פאליציי־זאכען וויים מען איבערהויפט קיין זאך ניט געוויס, אבער איך האף אז מיר וועט דיזעס מאל געראטהען.

— דוא האסט אלזא געפונען דיא שפור פון דיא פערברעכער, וועלכע דוא האסט אזוי לאנג אומזיסט געזוכט?

www.libtool.com.cn

— איך גלויב אזוי.

— און דוא דיינקסט זיי היינט צו האבען אין דיינע הענד?

— איך האף.

— ווייסט דוא וואו זיי פערשטעקען זיך? — האט ער געפרעגט מיט א ציטע־רענדער שטימע.

— אָה, ווען איך וואלט דאס וויסען וואלטען זיי שוין געווען אין די הענד פון דער גערעכטיגקייט.

— איהר האלט נאך אימער אין זוכען?

— יא, מיר זוכען — האט מאדאם ראָזיע געענטפערט אונגעדולדיג — אבער איך בעט דיך, פרעג מיך ניט מעהרער, איך דארף דיר ניט ענטפערן. זאג מיר בעסער אויב דיין יעצטיגער בעזוך האט ניט עטוואס מעהר צו בעדייטען אלס מיר צו זאגען „גוט מאָרגען“.

— איך וויל דיך עראינערן אז מארגען וועל איך אונטערצייכנען מיין הייראטס־קאָנטראקט, און דוא וועסט מיט מיר דארפען זיין ביי ברעסאָל.

— איך וויים ניט וויא מארגען וועט עס מיט מיר שטעהן און אויב איך וועל פיעל צייט האבען, אבער ביז צום צייכענען דעם קאָנטראקט וועל איך דאָרט גע־ווים זיין.

— אלזא, אויף מארגען, מוטער!

— אויף מאָרגען, מיין קינד!

ארויסגעהענדיג פון זיין מוטער'ס הויז האט דער יונגער מאן ביי זיך איבערלייגט אויב די ווערטער וואס ער האט געהערט פון זיין מוטער זיינען ווירקליך אזוי וויכטיג וויא זיי שיינען צו זיין, אדער זיא האט א טעות. נאך א לאנגען נאכדענקען איז ער אבער געקומען צו דעם שלום, דאס די פאליציי מוז דאס מאהל אויך זיין אויף א פאלשע שפור.

מאדאם ראָזיע איז געפאהרען נאך דער רוע מעזליי, וואו גאלובעט, קאָרנו און צוויי אנדערע פאליציסטען האבען זיא ערוואַרטעט. אלע פיער זיינען געקליידעט געווען וויא איינפאכע בירגער און זיינען געגאנגען פאָר־ווייז הינטער מאדאם ראָזיע צום פאָסט־ביוראָ אין רוע ענגען, וויא לייטע וואס געהען וועגען געשעפטען.

מאדאם ראָזיע האט זיך געווענדעט צום דירעקטאר פון פאסט־ביורא, האט זיך איהם געגעבען צו ערקענען און האט איהם ערקלערט, דאס פון דיעזען בריעף וועלכען זיא וויל זעהען וויא ער ווערט אויסגעליעפערט היינגט אב די ענטדעקונג פון א שרעק־ליכער מערדער־באנדע.

דער פאָסט דירעקטאר האט גערן ערפילט איהר וואונש און האט זיא געפיהרט אין די אבטהיילונג וואו פאסט־רעסטאנט בריעף ווערן אויסגעליעפערט.

— האט איהר א בריעף פון ענגלאנד, אדרעסיר I. J. K. 50? — האט דער דירעקטאר געפרעגט דעם בעאמטען וועלכער קאָנטראָלירט די פאסט־רעסטאַנט אבטהיילונג.

www.libtool.com.cn
דער בעאמטער האט גענומען א פאק בריעף, האט זיי דורכגעקוקט און האט ארויסגעשלעפט איינעם פון פאק: „א, דא איז ער!“

— גוט — האט דער דירעקטאר געזאגט — איהר וועט לאזען דיא מאדאם נעהמען פלאטץ נעבען אייך, אזוי דאס מען זאל זיא ניט קענען זעהען, זיא אבער זאל יא קענען זעהן דעם מאן וואס וועט קומען נאך דיעזען בריעף. דאס איז אמטס־זאכע!

— זעהר גוט, הערר דירעקטאר.

— אבער איידער איך נעהם דא נעבען אייך מיין פלאטץ — האט מאדאם ראזיע געזאגט — מוז איך נאך פריהער געבען מיינע לייטע וועלכע אינסטרוקציאנען.

— ביטע, מאדאם.

עמא זשובערט איז ארויס צו איהרע פיער העלפער און האט זיך געווענדעט צו זיי מיט פאלגענדער אינסטרוקציאן: „איהר גאלובעט און קארנו זאלט שטעהן ביין אריינגאנג אנטקעגען דעם פענסטערל, וואו איך וועל זיטצען פון אינוועניג. ווען איהר וועט דערהערן דריי קלעפ אויף׳ן שויב פון פענסטער, זאלט איהר וויסען, אז דיא פערזאן האט ערהאלטען דעם בריעף און איינער פון אייך זאל גלייך אריינרופען דיא צוויי לייטע וואס ווארטען דרויסען דעם גאנצען טאג אין א וואגען. איך וועל קומען הינטער דעם מאן מיט דעם בריעף און וועל אייך איהם אנווייזען.“

— זעהר גוט, מאדאם, מיר ווארטען אויף אייער סיגנאל — האט גאלובעט נעענטפערט.

— אלזא אויף אונזערע פלעטצער! — האט עמא זשובערט קאמאנדירט און איז אריין אין ביורא פון דיא פאסט־רעסטאנט בריעפע, און האט זיך געזעצט נעבען דעם בעאמטען וועלכער גיט דיא בריעפע ארויס.

עס איז אריבער איין שטונדע נאך דער אנדערן, אבער קיינער איז ניט געקומען נאכ׳ן בריעף. מאדאם ראזיע, וועלכע האט ערווארטעט לאטירג, ווערדיע אדער איינעם פון איהרע מיטפערשווארענע, איז געווארען אונרוהיגער און אויפגערעגטער מיט יעדער שטונדע.

דיא אורזאכע פון דער פערצעגערונג און אפנעהמען דעם בריעף איז געוועזען מאריס. נאכדעם וויא ער האט פארלאזען זיין מוטער איז ער געגאנגען צו א בעקאנטען יובעליער, אום צו קויפען איינינע שמוק־זאכען, וועלכע ער האט געוואלט איבערגעבען זיין כלה ביין אונטערצייכענען דעם קאנטראקט. ער האט דיא זאכען געלאזען ביי זיך צו הויז און איז אוועקגעגאנגען צו דיא ברעסאלס צוריק. ער האט געפונען מאריע, וויא אימער אין דיא לעצטע צייט, גאנץ רוהיג, אבגלייך ביי איהר אין הערצען האט עס געשטורמט פון שרעק און האפנונג. בעזאנדערס אונרוהיג איז זיא געווען דערפון וואס סימאנע לאזט פון זיך ניט הערן און האט געבעטען איהר פאטער ער זאל איהר שרייבען.

נאך מיטאג האט ער איינגעלאדען מאריע צום שפאציערען געהן, און ערשט אויף׳ן וועג האט ער זיך דערמאהנט פון דעם אויפטראג וואס דער אבבע מעריס האט איהם גינגעבען, אפצונעהמען פאר איהם דעם לאנדאנער בריעף וועלכער קומט פון ברעמאנט. ער האט געפונען איין אויסרייד צו נעהמען אבשיעד פון מאריע, צוזאגענדיג

www.libtool.com.cn

צו קומען צום אבענד־עססען ווידער. דאן ערשט איז ער געגאנגען אויף פאסט. ביי מאדאם ראָזיע זיינען אבער דערווייל שיער אויסגעגאנגען די כחות וואר טענדיג. „זיי קומען ניט — האט זיא געטראכט — פיעלייכט האבען זיי א חשד, און זיי דרעהען זיך ווידער ארום, און דאן איז אלע האָפנונג פערלאָרען!“ פינסטערע גע־דאנקען האבען זיא געקוועלט, און דער צווייפעל איז געווארען אלס שטארקער און שטארקער.

עס האט געשלאגען פינף אוהר.

— קיינער! נאך אימער קיינער!

מיט איהר אוהר אין דער האנד איז עמא זשובערט געזעסען און האט געצעהלט די מינוטען וועלכע האבען איהר אויסגעזעהען וויא שטונדען. דער בעאמטער וואס איז געזעסען נעבען איהר האט געזאגט מיט א רחמנות־קול: „די צייט ווערט אייך צו לאנג מאדאם! איך בעגרייף דאס. ווען מען ערווארטעט איינעם קען עס ניט אנדערש זיין. איך האב מורא, היינט קומט שוין קיינער ניט, און איהר וועט מוזען מאָרגען אנ־הויבען פון דאס נייע.

— ווען שליעסט איהר דאס ביורא?

— אום אכט אוהר.

— ביז דאן קען ער נאך קומען!

— מעגליך איז עס נאטירליך. זאל דער בריעף גלייך אויסגעליעפערט ווערען?

— געוויס; דער מאן דארף ניט האבען דעם קליינסטען פערדאכט. איך האב שוין דרויסען אלעס בעזאָרגט. זאל ער נור קאָמען, אנטלויפען פון אונז קען ער ניט!

די פאָליציסטין האט נאך ניט געהאט אויסגעשפראכען דאס לעצטע וואָרט, אלס א מאן איז צוגעקומען צום אָפענעם פענסטעריל, און פאָרהאלטענדיג א קאָנווערט, האט ער געפרעגט: „האט איהר פיעלייכט א פאָסט־רעסטאנט בריעף אויף דיעזע אדרעסע?“

— I. J. K. 50; יא מיין העבר, דא איז ער — האט דער בעאמטער געענטפערט און האט דעם פראגענדען איבערגעגעבען דעם בעטרעפענדען בריעף.

אלס מאדאם ראָזיע האט דערהערט די שטימע פון דעם מאן וואס איז געקו־מען נאכ'ן בריעף, איז איבער איהר געקומען וויא א שווינדעל. זיא האט זיך שנעל איינגעבויגען אום צו זעהן דאס געזיכט פון דעם מאן דורך דאס אָפענע פענסטערל, און — א קאָנוואולסיע האט זיא ערגריפען אין אלע גליעדער, פונקט וויא א בליטץ וואלט זיא געטראָפען. איהרע אויגען זיינען געוואָרן שטאַר, איהרע ליפען האבען גע־ציטערט, זיא האט געוואלט שרייען, אבער קיין לויט האט זיא געקענט ארויסברייינגען. זיא האט אנגעהויבען צו פאָכען מיט ביידע אָרעמס דורך די לופט, און איז דאן גע־פאלען וויא טויט אויף דר'ערד, צו די פיס פון דעם בעאמטען, וועלכער איז געוועזען וויא פערשטיינערט פון שרעק און איבערראשונג.

מאָרים איז זיך דערווייל ארויס אויפ'ן גאס, איז אריין אין זיין וואגען און איז אוועקגעפאהרען.

די בעאמטע אין פאָסט־ביורא וואס האבען געוואוסט אום וואס דא האנדעלט

www.libtool.com.cn

דיך, זיינען געווען נייגעריג צו זעהן די סצענע פון דער פערהאפטונג, און אלס דער מאן וואס איז געקומען נאכ'ן בריעף האט אויסגעשפראכען I. J. K. 50, האבען זיך אלע אויגען געקעהרט צו מאדאם ראזיע, אבער אנשטאט צו זעהן א סצענע פון פער־האפטען א פערברעכער, האבען זיי גאר געזעהן ווי די פרוי האט אנגעהויבען צו ציטערן, צו דרייען זיך אין קרעמפפע, און ווי זיא איז געפאלען אַ באדען.

די בעאמטע זיינען איהר געקומען שנעל צו הילפע.

— די פרוי האט קרעמפפע — האט איינער בעמערקט — מיר מוזען ארייגרופען איהרע לייטע וואס ווארטען אויף דער שטראסע.

א בריעפטרעגער האט אריינגערופען קארנו און גאלובעט.

— וואס האט דען פאסירט? — האבען זיי געפרעגט.

— דאס ווייס איך אליין נים — האט געענטפערט דער פאסט־בעאמטער, לעבען וועלכען עמא זשובערט איז געזעסען ווארטענדיג — עס איז אויסגעליעפערט גע־ווארען א בריעף מיט דער אדרעסע I. J. K. 50, און אין דעמזעלבען אויגענבליק איז מאדאם ראזיע אומגעפאלען אין קרעמפפע צו באדען.

— מיין גאט! — האט גאלובעט אויסגערופען — דער מאן איז ווידער אוועק־געגאנגען און זיא האט דאס צייכען נים געגעבען!

— די געשיכטע פאנגט ווידער פון דאס נייע אן — האט קארנו געזאגט מיט פילאזאפישער רוהע.

— מיר מוזען פאר אלעם ברייי[illegible] ראזיע צו איהר נאך הויזע — האט גאלובעט פארגעשלאגען.

ביידע אגענטען האבען די אונגליקליכע פרוי ארויסגעטראגען אונטער די ארעמס פון ביורא און האבען זיא אריינגעזעצט אין וואגען, זעצענדיג זיך אליין נעבען איהר. די אנדערע צוויי אגענטען האבען זיך געזעצט אויפ'ן באק, און באלד איז מאדאם ראזיע אנגעקומען צו זיך אהיים, צום גרעסטען שרעק פון דער געטרייער מאדליין.

נאכדעם ווי מאדליין האט איהר אונגליקליכע ווירטהין געבראכט צו בעט, האט גאלובעט געגרופען א דאקטאר, וועלכער האט ערקלערט פיר נייטיג צו עפענען איין אדער. דער וויינענדער מאדליין האט ער געזאגט, אז איהר ווירטהין וועט שנעל קומען צו זיך, זיא האט נור געמוזט האבען א גרויסען שרעק. ער האט פארשריעבען מעדיצין און האט פערזאגט מען זאל איהר נים לאזען ריידען ווען זיא וועט זיך אויפכאפען און שפעטער וועט ער קומען נאך אמאהל.

גאלובעט און קארנו זיינען געבליעבען ביי דער קראנקער, וועהרענד די אנדערע צוויי אגענטען זיינען שנעל געגאנגען נאך דער פרעפעקטור, אום צו מעלדען דאס גע־שעהענע. אלס גאלובעט איז געגאנגען בעזארגען די מעדיצין האט מאדליין געפרעגט ביי קארנו: „וואס איז אייגענטליך פארגעפאלען?"

— איך ווייס אליין נים — האט קארנו געענטפערט — איך בין דערביי נים געווען און האב נור געהערט, אז מאדאם איז אומגעפאלען, ווי געריהרט פון שלאג.

— וואו האט עס דען פאסירט?

www.libtool.com.cn

— אויף דער שטראסע — האט קאַרנו געלאָגען, טראכטענדיג ביי זיך: „ווארט א ווײלע, אלטעשקע, פון חדר זאגט מען ניט אוים.“

דאן איז גאלובעט געקומען מיט דער מעדיצין און ביידע האבען מיט גרויסע מיהע אריינגעגאסען א לעפיל דערפון דער קראַנקער אין מונד.

— בלייבט יעצט ביי מאדאם און איך וועל געהן מאכען פאר אייך צו עסען — האט מאדליין פאַרגעשלאָגען.

— א טהייערער געדאנקען, ליעבע פרוי; איהר קענט רוהיג געהן, מיר בלייבען ביידע דאַ.

מאדליין איז אוועק אין קיך, וועהרענד קאַרנו האט געזאגט צו זיין קאמראדען: „וואס האט דארט אזוינס געקענט פאסירען?“

— איך ווייס אזוי וויא דוא.

— זיא האט געמוזט בעקומען א שרעקליכען שרעק! פיעלייכט איז זיא אויפגעדרעגט געווארן אלס זיא האט דערזעהן לאטירג!

— דערווייל איז אונז לאטירג פערשוואונדען!

— און מיר האבען ניט דיא קלײנסטע האפנונג איהם ווידער צו פאנגען!

א האלבע שטונדע שפעטער האבען זיי דער קראנקער אײנגעגעבען נאך א לעפיל מעדיצין און זיינען דאן געגאנגען צום טיש אין שפייזע צימער, וואו מאדליין האט זייא סערווירט א פיינעס אבענד־עסען, וועלכעס האט זיי בעזאנדערס גוט געשמעקט נאך א טאג פון הונגערן.

וועהרענד דיעזער צייט האט מאַרים רוהיג געבראכט דעם בריעף וואס ער האט אפגענומען פון פאסט נאך דער רוע דע סורען, צו זיינע קאמראדען, ניט וויסענדיג קיין האר, פון דער שרעקליכער סצענע, פון וועלכע ער איז געווען דיא אורזאכע. ווערדיע האט האסטיג אויפגעריסען דעם בריעף און האט געלעזען פאלגענדעס:

„רייזטביידע, וואן ברעקע און מערים, נאך לאנדאן אויף פערשיעדענע וועגע, דער יונגער מאן זאל אונטערקומען שפעטער מיט דיא בעגלויביגטע טויטענשיינע. אלעס געהט גוט.“

— דיא רייזע אין מיליאָנענלאנד איז אלזא ניט וויט — האט מאַרים געלאכט, פון היינט איבער אכט טאג קענען מיר אלע זיין אין לאנדאן.

— זעהען מיר אייך מאָרגען?

— ניין, מארגענדיגער טאג געהערט מיין כלה; אבער איבערמאָרגען פריה, פאר אייער אפרייזען, וועל איך מיט אייך פריהשטיקען.

צעהן מינוט פאר זיעבען אוהר איז מאַרים ווידער געווען אין דער רוע ווערנייל, ביי ברעסאָל.

גאלובעט און קאַרנו האבען נאכ'ן עסען זיך ווידער געזעצט ביים בעט פון דער קראַנקער. זיי האבען איהר רעגעלמעסיג אײנגעגעבען מעדיצין און האבען פון איהר קיין אויג ניט אראפגענומען. מיט שרעקען האבען זיי בעמערקט דיא פערענדערונג וואס איז אין איהר פארנעקומען אין אזא קורצע ווײלע. זיא האט אויסגעזעהן גרויער און עלטער מיט צעהן יאהר.

www.libtool.com.cn

אום צען אוהר איז דער דאקטאר נאך אמאהל געקומען און האט בעקוקט דיא קראנקע.

— עס איז גוט — האט ער געזאגט — גיט איהר דיא מעדיצין ביז צו ענדע און לאזט איהר רוהען, געהט אבער פון איהר ניט אוועק. איהר זאלט זיך ניט וואונדערן און ניט שרעקען ווען זיא וועט אין דעם צושטאנד נאך בלייבען ביז מארגען, אדער זיא וועט זיך אויפהאפפען אין פיבער. דאס וועט ניט לאנג אנהאלטען און איז ניט געפעהרליך.

אלס דער דאקטאר איז אוועקגעגאנגען האבען זיך דיא ביידע פאליציסטען אזוי איינגעריכטעט, דאס זיי האבען זיך אלע צוויי שטונדען געביטען און וועהרענד איינער האט איבערוואכט דיא קראנקע האט דער אנדערער געשלאפען.

א גאנצע נאכט איז עמא זשובערט געלעגען אין א בעוואוסטלאזען צושטאנד, אבער געגען פינף אוהר מארגענס האט זיא אנגעהויבען צו זיך צו קומען. זיא האט זיך ווילד ארומגעקוקט אין צימער, און איהר בליק איז ענדליך געפאלען אויף דעם שלא־פענדען גאלובעט. זיא האט זיך, וויא עס האט אויסגעוויעזען, געפרעגט, וואס ער האט דא צו טאהן. איהרע ליפפען האבען זיך בעוועגט און זיא האט געוואלט ריידען.

אבער סילוויאן קארנו, וועלכער האט געהאט אין זינען דעם בעפעהל פון דאק־טאר, האט ארויפגעלייגט זיין פינגער אויף זיינע ליפען און האט געזאגט: „ניט ריידען מאדאם, שטרייגג פערבאטען!“

מאדאם ראזיע׳ס קאפ איז געפאלען צוריק אויפ׳ן קישען און זיא איז ווידער געבליעבען ליגען אהן בעוועגונג.

אין דעם צושטאנד האט איהר געפונען דער דאקטאר אלס ער איז אום ניין אוהר מארגענס ווידער געקומען.

קארנו האט איהם מיטגעטהיילט וויא דיא נאכט איז פאראיבער, און דער דאק־טאר איז געווען צופריעדען מיט דער לאגע פון דער קראנקער.

— עס געהט אלזא מאדאם בעסער? — האט דיא טרייע מאדליין געפרעגט.

— יא. עס שיינט געווען צו זיין א הארטע שלאג, אבער דיא קראנקע שיינט צו האבען א שטארקע נאטור און שטארקע נערווען.

ביי דיעזע ווערטער האט דער דאקאר ארויסגענומען אנאנדער פלעשיל פון זיין טאשע און האט אייניגע טראפפען דערפון איינגעפלאסען דער קראנקער אין מונד. יעצט האט זיא געעפענט דיא אויגען און האט אנגעקוקט דעם דאקטאר.

— וויא געהט עס אייך מאדאם? — האט דער דאקטאר געפרעגט — זעהט איהר מיך? קענט איהר מיך פערשטעהן?

— יא — האט דיא קראנקע געענטפערט מיט א שוואכער שטימע — איך זעה אייך און קען אייך פערשטעהן.

— פיהלט איהר שמערצען?

— דאס קען איך ניט זאגען, אבער אלע גליעדער זיינען מיר וויא צובראכען.

— און דער קאפ?

www.libtool.com.cn

— דער קאָפּ איז מיר גאנץ קלאר; פון פינף אוהר אן האב איך ניט געשלאפען, נור געטראכט.... וויא פיעל איז דיא אוהר?

— באלד צעהן.

— שוין צעהן? דאן מוז איך אויפשטעהן!

— זיא רעדט פון פיעבער — האט גאלובעט געמורמעלט.

— אויפשטעהן? האט דער ארצט אויסגערופען — דערפון איז גאר ניט צו דיינקען.

— איך מוז אויפשטעהן, איך האב וויכטיגע געשעפטען צו בעזארגען.

— ווייסט איהר דען וואס געסטערן איז געוועזען דיא אורזאכע פון אייער צופאל?

מאדאם ראָזיע האט אנגעהויבען צו ציטערן אם גאנצען קערפער:

— יא — האט זיא געזאגט — איך ווייס; מיר האט אויסגעוויעזען וויא איינער וואלט מיר איינגעשלאגען דעם מוח מיט א האמער. אלעס האט זיך אנגעהויבען צו דרייען ארום מיר און איך בין געפאלען צו באָדען.

— איהר האט איהם אלזא געזעהן? — האט גאלובעט געפרעגט.

דיא פאָליציסטין האט איהם אנגעקוקט שטאר: „וועמען מיינט איהר?"

— דעם מאן מיט דער בריעף.

עמא זשובערט האט צוזאמענגעצויגען איהרע ברויען, איהר געזיכט איז געווארען נאך בלאסער, און זיא האט ארויסגערעדט מיט א זיפץ: „איך האב איהם געזעהן!"

— האט איהר איהם דערקענט?

— יא.

— ווער איז ער דען געוועזען?

— לאטירג.

— טויזענד טייפעל! און איהר האט אונז ניט געגעבען קיין צייכען!

— איך האב אייך דאך געזאגט, אז מיר איז אין דעם אויגענבליק געוועזען פונקט וויא מען וואלט מיר איינגעשלאגען דעם קאָפּ מיט א האמער.

— דאן איז דער צופאל געקומען פון דעם אונערווארטעטען ערשיינען פון א מאן, וועלכען איהר רופט לאטירג? — האט דער דאקטאר געזאגט.

— יא, יא, אזוי איז עס! דיעזער מאן האט מיר פריהער אמאהל פיעל בייז גע-טהאן, זיין ערשיינען האט מיך ניעדערגעשמעטערט, אבער איצטער איז דאס שוין פארביי; איך בין פאָלשטענדיג געזונד און קען אויפשטעהן. לאזט מיך נור איין אויגענ-בליק אליין, דאן וועט איהר זעהן וויא איך בין אין פאָלען בעזיטץ פון מיינע קרעפטע.

— איך זאג אייך נאך אמאל מאדאם, דאס נאך דעם שטארקען שלאג וואס איהר האט אריבערגעטראגען איז פאר אייך געפעהרליך דאס בעט צו פארלאזען.

— איך פיעל אבער אן מיינע קרעפטען אז עס איז קיין געפאהר ניטא, איך וויל פרובירען.

דער דאקטאר האט איהר אנגעקוקט ערשטוינט, און איהם איז בשעת מעשה איינגעפאלען, אז ער האט דא צו טהאן מיט א משוגענע. דענגאך אבער האט ער א

www.libtool.com.cn

ווינק געטהאָן צו דיא ביידע מענער און האט מיט זיי גלייך פאַרלאָזען דאס צימער.

מאַדליין האט אויך געוואָלט פאַרלאָזען דאס צימער, אבער מאַדאם ראָזיע האט זיא צוריק גערופען צו זיך צום בעט: „מאַדליין — האט זיא געזאגט — איהר זאָלט קיין אויגענבליק אפּטרעטען פון פאָרדער־צימער און זאָלט קיינעם ניט אריינלאָזען. ווער עס זאָל מיך ניט פרעגען, זאָלט איהר ענטפערן אז איך בין אויסגעגאנגען; איך וויל קיינעם ניט זעהן, קיינעם ניט!

— אויך הערן מאָריס ניט?

— אויך איהם ניט! ווען ער קומט זאגט איהם, אז וויכטיגע געשעפטען האבען מיר פערהינדערט איהם צו ערווארטען, אבער איך וועל היינט אבענד פּינקטליך זיין אין דער רוע דע ווערנייל, ביי ברעסאָל.

— זעהר גוט, מאַדאם.

— האט איהר אלעם פערשטאַנען?

— יא, מאַדאם; זאָל איך אייך העלפען זיך אנציהען?

— ניין, איך בין גאנץ געזונד, און ברויך קיינע הילפע.

מאַדליין איז ארויסגעגאנגען.

אזוי שנעל וויא עמא זשובערט האט זיך געזעהן אליין אין צימער, איז זיא ארויס־געשטיגען פון בעט, אבער זיא האט זיך נאָך ניט געקענט האלטען אויף דיא פיס און איז געזונקען אויף א שטוהל.

— נו, נו, געריהרט זיך! — האט זיא צו זיך אליין געזאגט — איצטער איז קיין צייט ניטאָ פיר שוואכקייטען! וואס מען וויל דאס קען מען! געריהרט זיך! עס מוז געטהאָן ווערן.

בלייך וויא א טויטער מיט א פינסטערן געזיכט און מיט מורא'דיג־לייכטענדע אויגען, האט זיך דיא פּאָליציסטין אויפגעהויבען און איז לאַנגזאם צוגעגאנגען צו א שראַנק, פון וועלכען זיא האט ארויסגענומען א מאַרגענראָק פון ברוינער וואָל. אנציע־הענדיג איהם האט זיא צופעליג א בליק געטהאָן אין א גרויסען שפּיעגעל וואס איז געשטאַנען אין איהר צימער, און האט פון שרעק געמאַכט א טריט הינטערוועררטס. זיא האט זיך אליין ניט דערקענט, אזוי פערענדערט און אזוי פעראַלטערט איז געוועזען איהר געזיכט צייט געסטערן.

— יא, יא — האט זיא גערעדט צו זיך אליין — איך האב אריבערגעטראָגען דאס שרעקליכסטע וואס א מוטער קען דערלעבען. איצטער ווייס איך, אז מאָריס איז דאס געוועזען דער מאַן וואס האט יענעם אוּנגליקליכען בריעף געפאָדערט. מאָריס האט איהם ערהאַלטען. מיין זאָהן געהערט צו א רויבער־באַנדע, צו א מערדער־באַנדע, און איז פיעלייכט אליין א מערדער! וועה, א וועה!

ביי דעם געדאַנקען האט עמא זשובערט אויפגעציטערט און האט פאַרבאָרגען איהר געזיכט אין איהרע ציטערנדע הענד.

— ניין, ניין — האט זיא דאַן איבערלעגט — דאס איז משוגעת פון מיין קראַנ־קען קאָפּ, דאס איז ניט מעגליך! דאס קינד וואס האט מיך נאָך געסטערן אומאַרמט און גערופען מוטער, דאס קינד וואס ליעבט און ווערט געליעבט, און פיר וועלכען עס

www.libtool.com.cn

עפענט זיך אזא שעהנע גליקליכע צוקונפט — ער זאל זיין א מערדער! ניין, ניין! דאס איז ניט מעגליך!.... אבער ווען אלעס רעדט דאך געגען איהם! ווען אלעס קלאגט איהם אן! האב איך ניט געהערט מיט מיינע אייגענע אויערן אין פּאַרט קרעטעל, וויא דיא באַנדיטען האבען גערעדט וועגען מיך צו טויטען, און ווערדיע האט ערקלערט דאס זיי קענען דאס ניט טהאן, ווייל א געוויסע פּערזאָן שטעהט זיי אין וועג; דאס האבען זיי גערעדט פון איהם, פון מאָריס'ן, אין וועלכען לאַטירג האט דערקענט זיין זאהן און האט איהם פארפיהרט צום פערברעכען....

— אבער ניין! — האט זיא ווייטער גערעדט צו זיך אליין — אויך דעם בעווייז וועל איך ניט גלויבען! דאס איז ניט מעהר וויא א שיין! אויב מיין זאהן איז געווארען א קאמראַד פון דיא שורקען האט ער עס געטהאן אונבעוואוסט. ער וויים ניט פון דעם אונגליק אין וועלכען ער העלפט מיט. זיינע הענד זיינען ריין פון בלוט, ער קען ניט זיין קיין מערדער!.... מיין גאט, ערבאַרעם דיך איבער מיך! לאז מיר ווענינגסטענס איבער דעם צווייפעל! לאז מיך פערגעסען דיא שרעקליכע פראגען וועלכע ענטשטעהען אין מיין קאָפּ איינע נאך דער אנדערן! לאז מיך פערגעסען דאס ער האט מיך גערזוכט אויסצו־פרעגען נעכטען וואו עס האלט מיט מיין זוכען! לאז מיך פערגעסען, דאס אין דער צייט וואס איך האב דא גערעדט מיט'ן גראף וועגען טאַנשעטען־קנאָפּ האט ער געקענט זיין אין שפּייזע־צימער און הערן אונזער געשפּרעך. און ווער איז דער מאן וואס איז אין יענער פינסטערער נאכט ארויסגעגאנגען פון אָקטאַוויעס הויז? ער איז מיט איהר בעפריינדעט געווען! עס איז צו שרעקליך! אלעס איז געגען איהם! נור איך קען עס ניט גלויבען! ווען איך וועל איהם מוזען אנקלאגען, איהם מוזען אויסליעפערן אין דיא הענד פון דער גערעכטינקייט — איך, זיין מוטער!

ביי דעם שרעקליכען געדאַנק איז דיא אונגליקליכע מוטער ווידער שיער געפאַלען אין אהנמאכט, אבער זיא האט צוזאמענגענומען איהר גאנצע גייסטעס־קראַפט אום זיך צו האלטען אויף דיא פיס.

— איך מוז אנדערע בעווייזע האבען — האט זיא געטראַכט — מיינע פערנופט זאגט מיר קיין זאך ניט בעשטימט. פיעלייכט איז ער נור א ווערקצייג אין געשיקטערע הענד... ווער וויים אויב יענער האָלענדער, יענער וואַן־ברעקע....

זיא איז א ווילע געבליעבען שטעהן נאכדענקליך און א שוואכע רויטקייט האט זיך צוגאָסען איבער איהר געזיכט.

— וואַן־ברעקע! — האט זיא געזאגט — ווער איז דיעזער מאן? ווען דאס זאל זיין לאַטירג! לאַטירג, וועלכער האט אוים האס צו מיר צוגענומען פון מיר מיין זאהן און געמאכט איהם צו זיין ווערקצייג! דאן קען נאך מאָרים פיעלייכט אונשולדיג זיין! דאס מוז איך וויסען און וועל עס וויסען!

האסטיג איז מאדאם ראָזיע ארויס אין צימער, וואו דיא דריי מענער האבען געווארטעט. דער דאקטאר האט שיער אויפגעשריען פון פערוואונדערונג און דיא ביידע פּאָליציסטען האבען אויפגעשווידערט. מאדאם ראָזיע האט אויסגעזעהן פּונקט וויא זיא וואלט ערשט ארויס פון קבר. איהרע ליפּען זיינען געווען וויים, און נור איהרע אויגען האבען אונהיימליך געפונקעלט.

www.libtool.com.cn


— דא בין איך דאקטאר — האט זיא געזאגט — איך בין גאנץ געזונד.

— אבער אונגליקליכע, איהר זעצט אייער לעבען אין שפיעל.

מאדאם ראָזיע האט געציקט דיא אכסלען. „און ווען אזוי, וואס איז דען? — האט זיא געזאגט — איז דען דאס לעבען אזוי קאָסטבאר? איבריגענס פערזיכער איך אייך נאך אמאל, אז איך פיהל מיך גאנץ קרעפטיג“.

— דאס איז דיא ווירקונג פון דער מעדיצין, אבער דאס האלט ניט לאנג אן. יעדענפאלס זאלט איהר דיא מיקסטור ניט אויפהערן צו נעהמען און בלייבען רוהיג אין בעט, אויב איהר ווילט געזונד ווערען.

— איך דאנק אייך, דאקטאר; איך וועל געהאָרזאם זיין און מיך לייגען אין בעט; יעצט אבער מוז איך ריידען מיט גאלובעט אין קאָרנו.

דער דאקטאר איז אוועקגעגאנגען. מאדאם ראָזיע האט זיך צוגעלייגט אנגעקלייר־דעט אויף א סאָפאַ אין שפייזע־צימ־ר, וועהרענד מאדליין האט צוגעגרייט דעם טיש פאר דיאביידע פאָליציסטען צו פריהשטיקען, און האט זיי איבערגעלאזען מיט מאדאם ראָזיע.

— איצטער הערט מיך צו — האט זיך עמא זשובערט געווענדעט צו איהרע ביידע בעגלייטער — ווייסט איהר דאס מיר האט עטוואס שרעקליכעס פאסירט?

— מען קען דאס זעהן: מאדאם איז גאנץ פערענדערט.

— דאס איז דאס ווייניגסטע; זאגט מיר אָפען, זייט איהר מיר געטריי?

— מיר זיינען בערייט צו געהן פאר אייך דורך פייער און דורך וואסער, מאדאם האבען ביידע געענטפערט.

— אויב אזוי וועל איך היינט פערלאנגען פון אייך א דיענסט, אבער מיט דער בעדינגונג איהר זאלט מיר קיינע פראגען שטעלען, ביז איך וועל אייך אלעס אליין אויסזאגען.

— מיר זיינען בערייט צו טהאן אלעס וואס איהר פערלאנגט.

— קענט איהר אייך פערשאפען נאכט־שליסעלע און ברעך־אייזענס?

— סילוויאן האט אנגעקוקט פערוואונדערט גאלובעט און האט דאן געזאגט: „גאנץ לייכט, איך וויים א שלאָסער ביי וועמען איך קען דאס בארגען פיר צוואנציג פראנק.“

— דאן נעהמט און קריעגט עס אזוי שנעל וויא איהר קענט.

— אין צוויי שטונדען האב איך זיי דא.

דרויסען האט מען געהערט קלינגען, נאכהער ריידען און דאן איז אריינגעקומען מאדליין און האט געמעלדעט, אז מאָרים איז דאָ געוועזען: „דער הערר איז געווען אין פערדרוס, מאדאם, דאס ער קען מיט אייך ניט ריידען און ער ערוואַרטעט אייך היינט אבענדס.“

ביי דיא איינפאכע ווערטער איז מאדאם ראָזיע ערגריפען געווארן פון א טויט־שרעק. זיא איז געווארן נאך בלאסער וויא זיא איז געוועזן, האט פערשטעקט דעם קאָפּ אין קיסען און גרויסע טרעהרין האבען זיך געקייקעלט איבער איהרע וואנגען.

www.libtool.com.cn

אויף דער פערפעקטור און אין דער גאנצער פאריזער פאליציי איז דערוויילע געווען א שרעקליכע סומאטאכע און איין אויפרוהר. דיא ענטדעקונג פון דער דאפעלטער וואהנונג מיט דער געהיימער פערבינדונג האט אנגעמאכט א שרעקליכען גערודער און האט ווידער אויפגעפרישט דיא מארדגעשיכטען פון פערלאשעז און פון דער רוע עדנסטין. דער פאליציי־שעף, דער קאמיסאר און דער אונטערזוכונגס־ריכטער האבען כמעט פערבראכט דעם גאנצען מיטוואך'דיגען טאג אין אונטערזוכען דיא הייזער ארום יענעם הויז, וואו דיא וואהנונג פון ווערדיע איז ענטדעקט געווארן. אלעס איז געווען אין דער שרעקליכסטער אויפרעגונג. דיא נאמען מאשע און מארטין זיינען געלעגען אין דיא מיילער פון גאנץ פאריז.

זיינען מאשע און מארטין געווען צוויי פערזאנען אדער איינע? זיינען דאס געווען לאטירג און ווערדיע, אדער וועניגסטענס מיטגליעדער פון דער מארד־באנדע, וועלכע איז אויך שולדיג אין דעם פערברעכען פון פער־לאשעז און רוע מאנטארגע, וויא אויך אין דער ערמארדונג פון דער שעהנער אקטאוויע?

דיא צייטונגען האבען געקעהרט דיא וועלט איבער דיא פאליציי, וועלכע לאזט עס צו, דאס אין מיטען פאריז זאל א מארד־באנדע אויסארבייטען מעשים און מען זאל זיי ניט קענען פאנגען.

פאול גיברייו האט דיא גאנצע נאכט צוגעבראכט אויסערהאלב זיינער וואהנונג און דיא פאליציי־בעאמטע זיינען 48 שטונדען געווען אין טהעטיגקיים.

קיין זאך איז ענטדעקט געווארען, קיין שפור פון דיא פערברעכער איז אויסגע־פונען געווארן אין ענטמוטהיג, מיעד פון דער אומזיסטער אנשטרענגונג זיינען זיך דיא בעאמטע צוגאנגען דאנערסטאג פריה נאך זייערע וואהנונגען, אום זיך אביסעל אויס־צורוהען.

ערשט זעהר שפעט איז דער פאליציי־שעף געקומען אין זיין ביורא און זיין סעק־רעטער האט איהם מיטגעטהיילט, דאס מאסאן און גראנדשאמפ, דיא צוויי אגענטען, זיינען געווען געסטערן מיט עמא זשובערט, האבען געבראכט זייער בעריכט נאך געסטערן, אבער זיי האבען דעם פאליציי־שעף ניט געפונען. דער סעקרעטער האט איבערגעגעבען דעם שעף דעם ראפארט פון דיא ביידע אגענטען.

אלס דער שעף האט אנגעהויבען צו לעזען דעם בעריכט, האט ער מיט'ן פויסט א קלאפ געטהאן אין שרייב־טיש, דאס אלעס ארום האט געציטערט.

— ווידער דיעזעלבינע געשיכטע! — האט ער זיך געערגערט — זיא האט א שפור, זיא שטעלט איהר נעטץ און ער גליטשט זיך דורך!

ער האט געלעזען ווייטער און האט געזאגט וויא צו זיך אליין: „עס זעהט אויס וויא דאס שיקזאל וואלט זיך פערשווארען געגען אונז, צו צערשטערן אלע אונזערע פלענער. פון דער געשיכטע אין פאסט־אפיס האב איך קיין האר ניט געוואוסט; וואהרשיינליך איז עס געווען יענער אויף וועמען עמא זשובערט האט אזוי געהאפט. פיר מיטוואך אבענדס האט זיא מיר צוגעזאגט דיא פערהאפטונג פון לאטירג, אדער איינעם פון זיינע קאמעראדען. וואס האט זיא געוואלט אויף דער פאסט? וואס בעדייטעט דיא פלעצליכע אהנמאכט? זיא מוז עס מיר ערקלערן!"

www.libtool.com.cn

ער האט פארלאזען זיין ביוראָ און איז גלייך געפארען נאך דער רוע דע לא וויקטאָר, צו מאדאם ראָזיע.

אויך איהם האט מאדליין געזאגט, דאס מאדאם ראָזיע איז אויסגעגאנגען.

— טראָגט איהרער קראנקהייט? — האט דער שעף געפרעגט ערשטוינט.

— אָ, מאדאם האט געהאט א רוהיגע נאכט און איז היינט מאָרגען אויפגעשטאנען גאנץ מונטער.

— קענט איהר מיר ניט זאגען וואוהין מאדאם איז געגאנגען?

— ניין איך וויס ניט.

— איז מאדאם געווען אליין?

— ניין, צוויי הערערן זיינען געווען מיט איהר.

— ווייסט איהר וויא זיי הייסען?

— איינעם האט זיא גערופען „הערר גאלובעט."

— דאנקע! — האט דער פאָליציי־שעף געזאגט און איז אוועקגעגאנגען. פון דאנען איז ער געפאהרען גלייך נאך דער פאסט אין דער רוע ד'ענגען, טראכטענדיג ביי זיך: „דאס איז מערקווירדיג! געסטערן איז זיא געקומען אהיים א נוסס'ע און היינט איז זיא שוין וויעדער ארום מיט איהרע ביידע בעגלייטער, וועלכע פאָלגען איהר, וויא עס שיינט מעהר אלס מיר. דיא מעשה איז ניט גלאט.

אלס ער האט פון פאסט־בעאמטען ערפאהרען אלעס וואס האט זיך געסטערן דארט אין ביוראָ אפגעשפיעלט מיט עמא זשובערט אין דעם אויגענבליק ווען דער גע־היימניספאלער בריעף איז אויסגעליעפערט געווארען און דער מאן איז רוהיג אוועק מיט'ן בריעף איז ער געוואָרען אזוי ערשטוינט, דאס ער האט אין ערשטען אויגענבליק ניט געפינען קיינע ווערטער אויסצודריקען זיין ערשטוינען.

— האט ווער עס איז פון אייך געזעהן דעם מאן? — האט דער פאָליציי־שעף געפרעגט דעם פאָסט־בעאמטען.

— יא, אייניגע האבען איהם געזעהן.

— איז ער איין עלטערער מאן?

— ניין, א יונגער, שעהן — אויסזעהענדער יונגער מאן פון א יאהר פיער־פינף און־צוואנציג.

— דאס ווערט אימער וואונדערבארער — האט דער שעף געמורמעלט — דאס בענעהמען זיך פון עמא זשובערט לאזט זיך גאר ניט דערקלערן און עס זעהט אויס עהנליך צו פערראטה.

ער האט זיך געמאכט אייניגע נאטיצען און איז איועקגעפאהרען נאך דער פרעפעקטור. אלס ער האט ערפאהרען דאס מאדאם ראָזיע איז נאך ניט געווען, איז ער אוועקגעפאהרען צום פאָליציי־קאמיסאר פון איהר קווארטאל, אום צו פרעגען אויב ער האט פון איהר ניט געהערט היינט.

דערזעהענדיג דעם שעף האט זיך דער פאליציי־קאמיסאר דערפרייט.

— איצטער־ערשט האב איך געוואלט צו אייך שיקען, הערר שעף — האט ער געמעלדעט — מיר איז היינט פריה מיטגעטהיילט געווארען פון זעהר א פערדעכטיגען

www.libtool.com.cn

טויט פון א יונגער מיידיל אין א פאנסיאן אין דער רוע דע־לא־וויל־ד'עוועק, און קיינער וויס ניט ווער זיא איז און פון וואנען זיא קומט. איך האב אויך געשיקט מעלדען דעם הערן גיבריי פון דעם פארפאל, און איך דיינק אז איינע אונטערזוכונג וועט נייטיג זיין טראָטץ דעם וואס א דאקטאר בעהויפטעט אז דער טויט איז א נאטירליכער.

— מיר וועלען דיא זאכע גלייך פארנעהמען, ערשט אבער האב איך מיט אייך וואס ערנסטעס צו ריידען אין בעצוג אויף עמא זשובערט.

אין דעם אויגענבליק איז ערשיענען הערר גיבריי, און האט אויפגעפאָדערט דעם שעף און דעם קאמיסאר גלייך צו געהן מיט איהם נאך דעם פאנסיאן אין דער רוע דע־לא־וויל־ד'עוועק.

— האט איהר פיעלייכט געזעהען היינט מאדאם ראָזיע, הערר גיבריי? — האט דער פאליציי־שעף געפרעגט.

— ניין, איך האב איבערהויפט וועניג דירעקטע בעציהונגען צו איהר; וואס טהוט זיא דען, פערפאָלגט זיא וועלכע שפור?

— זיא האט געהאט א שפור, אבער איך האב ניט געוואוסט וועלכע, און דע־ריבער האט זיא אונז געקענט בעקוועמער בעטריגען.

— בעטריגען?! — האט גיבריי אויסגערופען — דאס איז אונמעגליך!

— הערט אויס און אורטהיילט אליין.

דער דירעקטאר האט אין קורצען דערציילט וואס עס איז פאָרגעקומען אויף דער פאָסט, און דאס ער האט זיא ניט געפונען צו הויז, טראָטץ דעם וואס זיא איז בלזמר'שט געוועזן שטערבענד אלס זיא איז געסטערן געקומען נאך הויז.

— וואס שליעסט איהר דערפון? — האט ער געפרעגט זיינע ביידע צוהערער וועלכע האבען אויסגעגלאצט דיא אויגען פאר פערוואונדערונג — איז דאס ניט פערראטה און בעטרוג

— דער שיין איז ווירקליך געגען איהר; וואס דענקט איהר צו טהאן?

— איך וועל איהר פון היינט אן לאזען נאכשפירען און איבערוואכען איהר יעדען טריט, און אויב עס וועט נייטיג זיין וועל איך זיא לאזען ארעטירען און פאָרדערן פון איהר רעכענשאפט, און א ערקלערונג איבער דעם פאָרפאל אויף דער פאָסט.

— פערהאפטען? — האט גיבריי געפרעגט.

— איך האב איין רעכט דערצו.

— געוויס, אבער איך וואלט אייך דאס ניט ראטהען צו טהאן. מאדאם ראָזיע קען יעדען אויגענבליק קומען און ברייגגען איהר בעריכט. איהר ווייסט בעסער וויא איך דאס פאליציי־אגענטען האבען אָפט ליעב צו האלטען פיר זיך זייערע אייגענע פלענער. און צו ריידען וועגען זיי נור נאכדעם וויא זיי זיינען מיט ערפאָלג דורכגעפיהרט. דאס קען אויך זיין דער פאל מיט מאדאם ראָזיע.

— איהר האט פיעלייכט רעכט, אבער גאר גלאט איז דא דיא זאך ניט. וואס האט געקענט זיין דער גרונד צו אזא העפטיגער ערשיטערונג ביי דעם אנבליק פון דעם יונגען מאן וואס האט אפגענומען דעם געהיימניספאָלען בריעף? זיא קען וואהרשיינליך דעם יונגען מאן און האט איהם דא ניט ערוואַרטעט, און דעריבער איז דער שלאג

www.libtool.com.cn

נעוועזן אזוי שטארק — אבער ווער איז דער יונגער מאן ? מיר זאגט דאס הארץ אז דער מאן וואס האט אפגענומען דעם בריעף מוז זיין צו איהר עטוואס מעהר אלס איין איינ־פאכער קאמראד פון דער מערדער־באנדע, זיא מוז איהם קעננען, זאנסט וואלט איהר שרעק ניט געוועזן אזוי גרויס !....

— דאס איז אלעס זעהר מעגליך — האט גיבריי געענטפערט — און איך האף אז ביז מארגען וועט זיך דיא זאכע אויפקלערן. איצט מוזען מיר זיך בעאיילען און געהן נאך דעם פאנסיאן, דען עס ווערט שפעט.

אלס דער שעף, הערר גיבריי און דער קאמיסאר זיינען געפאהרען דורך דיא רוע דע מארטיר אין דער ריכטונג צום פאנסיאן פון דער מאדאם דיבעף, זיינען זיי פאר־בייגעגאנגען דריי נוט־געקליידעטע מענער, צוויי הויך־געוואכסענע און איינער א קלייגער, מיט געמעסענע לאנגזאמע טריט. ווען עס וואלט ניט געוועזן שוין דונקעל וואלט דער פאליציי־שעף אין זיי דערקענט גאלובעט, קארנו און מאדאם ראזיע, וועלכע איז אויך געוועזן אין דער פערקליידונג פון א מאן. נור אזוי וויא עס איז שוין געוועזן אבענד, און דער וואגען איז פארבייגעפאהרען שנעל, האט ער זיי ניט דערקענט.

מאדאם ראזיע איז געוועזן בלאס וויא א לייבע און האט זיך געהאלטען פעסט אן קארנו'ס ארעם, אום ניט צו פאלען. אלע דריי האבען זיך פארנומען נאך דער רוע נאווארין, וואו זיי זיינען געבליעבען שטעהן פאר דעם הויז, אין וועלכען מארים האט געוואוינט.

— זיינען מיר אנגעקומען, מאדאם ? — האט גאלובעט געפרעגט.

— יא — האט דיא פאליציסטין געענטפערט — אין דעם הויז מוזען מיר אריינ־געהן. אויבען וואוינט אויך א דאקטאר, און ווען דער הויז־מייסטער זאל אונז פרעגען וואוהין מיר געהן, ענטפערן מיר איינפאך, צום דאקטאר שעניע.

דיא הויז־טהיר איז נאך געוועזן אפען און דער ערשטער האט זיך אריינגעהאפט גאלובעט, וועלכער איז ארויף ביז צום דריטען שטאק און איז ניט בעמערקט געווארען פון קיינעם. גליקליכער וויזע איז דער הויז־מייסטער ניט געוועזן צו הויז. און דיא אלטע פרוי איז וואהרשיינליך בעשעפטיגט געוועזן מיט'ן צובערייטען אבענד־עסען. נאך גאלו־בעט זיינען אויך ארויף קארנו מיט מאדאם ראזיע, דיא לעצטערע איז מעהר געטראגען געווארען פון קארנו אלס געגאנגען מיט איינענע קרעפטען.

— דארטען, שנעל! — האט מאדאם ראזיע געזאגט אנווייזענדיג אויף א טהיר.

גאלובעט האט ארויסגעצויגען א ברעך־שליסעל פון זיין טאשע, און דיא געשיס־ליכקייט מיט וועלכע ער האט עס געדרייט, האט בעוויעזען דאס ער איז אמאהל זעהר געאיבט געוועזן אין דער סארט ארבייט.

דיא טהיר איז באלד געוועזן אפען, און אלע דרייא זיינען אריבער דיא שוועל און האבען גאנץ שטיל פארשלאסען דיא טהיר הינטער זיך.

קארנו האט אנגעצונדען א ליכט וועלכע ער האט געבראכט מיט זיך, און אלע דריי זיינען אריין אין מאריסעס ארבייטס־צימער; דאס איז אין יענעם צימער, וואו דער לעזער האט איהם געזעהן אין אנפאנג פון דיעזער ערצעהלונג פארברענענדיג זיינע בלוט־בעפלעקטע קליידער, און איבערשרייבענדיג דיא פאפיערען וואס ער האט צוגענומען פון

www.libtool.com.cn

קוראַווױאָו'ס קברים־שטיבעל אויפ'ן פּערלאַשעז און פון דעם ערמאָרדעטען אין וואַנזע, אין רוע מאָנטאָרגוע.

אלס מאַדאַם ראָזיע איז אַריינגעטרעטען אין דיזעס צימער האט זיא זיך געמוזט אנהאַלטען אן טיש אום ניט צו פּאַלען פון העפטיגער ערשיטערונג. מיט פייכטע אויגע האט זיא געקוקט אַרום זיך, אַלעס וואס זיא האט דא געזעהן האט איהר דערמאַהנט אן איהר קינד, אן איהר געליעבטען, פערגעטערטען זאַהן. דאָרטען אויפ'ן פּולט איז געלעגען איין אָפענעס בוך און האט אַנגעצייגט דאס ער האט דאָרט געלעזען, דא אויפ'ן שרייבטיש איז געלעגען איין האַלב־בעשריעבענעס בלאַט; ניט ווייט דערפון — איין האַנדשוה וועלכער האט געצייגט דיא פאָרם פון זיין האַנד, אויף וועלכע זיא קומט איצטער זוכען פלעקען פון בלוט.

צוויי גרויסע טרעהרען האבען זיך געקייקעלט פון דיא אויגען פון דער אונגליקליכער מוטער.

— ניין, ניין, דאס איז ניט מעגליך — האט זיא געטראַכט, אלס זיא האט ווידער אנגעהויבען צו האָפען — איך וועל דא געפינען א בעוויז אז מאָרים איז ניט שולדיג, קען ניט שולדיג זיין! ער ווייס פון גאר ניט, ער איז נור געוועזען א ווערקצייג, א שפּיעל־באַל אין דיא הענד פון יענע שורקען! מאָרים איז קיין פערברעכער, דאס איז ניט מעגליך!

קאָרנו און גאַלובעט זיינען געשטאַנען, ערוואַרטענדיג איהרע בעפעהלע.

— לאָזט אַרונטער דיא פאָרהאַנגען, מען זאל ניט זעהן אז דא איז פרעמדע מענשען... אזוי!.... איצטער מוזען דורכגעזוכט ווערן אלע פּאַפּיערען, אלעס וואס האט נור א בעצוג אויף לאַטירג, ווערדיע און א געוויסען וואַן־ברעקע. אונטערזוכט אלע קאַסטענס, ברעכט אויף אלע שלעסער, זוכט אין אלע ווינקעלאך, לאָזט קיין זאך ניט פארביי.

דיא ביידע מענער האבען זיך גענומען צו דער ארבייט, וועהרענד מאַדאַם ראָזיע האט זיך געזעצט צום טיש. קאַרטען און נאָטיצען און אויסגעשריעבענע אַלטע טאַשען־ביכלעך זיינען געלעגען אין אָרדנונג אין דיא שובלאַדען פון טיש, און עמא זשובערט האט זיי אויפמערקזאַם דורכגעבלעטערט. אויסער ציפער, רעכנונגען און אונבעדייטענדע נאָטיצען האט זיא אין זיי ניט געפונען. ענדליך האט זיא גענומען אין האַנד א ביכעל געבונדען אין רויטען לעדער און האט עס געעפענט. א שטיקעל פּאַפּיער איז פון איהם אַרויסגעפאַלען, און איז געפאַלען אויף דער ערד. זיא האט עס אויפגעהויבען, און וויא זיא האט עס אויסאיינאַנדערגעפאַלטעט האט איהר אייסגעוויעזען, דאס זיא האלט א גליהענדען אייזען אין האַנד. זיא האט עס ווידער געלאָזען פאַלען, און א דומפּפער געשריי האט זיך אַרויסגעריסען פון איהר ברוסט.

— האב ערבאַרמען, מיין גאָט! האסט דוא גאר מיט מיר קיין מיטלייד ניט! —

האט זיא געיאָמערט שטיל — וואס האב איך דא געזעהן? א פּאַפּיר מיט איינשניטע פּונקט וויא יענעס וואס מען האט געפונען ביי דעם ערמאָרדעטען אין טויטענדהויז, מיט וועלכען איך האב געלייענט דעם בריעף פון לאַנדאָן. איך קען ניט מעהר צווייפלען,

www.libtool.com.cn

מיין זאָהן איז דער מיטשולדיגער פון יענע פערברעכער, דער מיטשולדיגער פון זיין פאטער!

זיא האט וויעדער אויפגעהויבען דאס פעררעטהערישע שטיק פאפיער און האט עס אויסגעשפּריים פאר זיך.

— מאָרים איין מערדער! — האט זיא ווייטער גערעדט צו זיך — דא האב איך א קלארען בעוויז. לאטירג האט מיר מיין זאהן צוגענומען, אבער וואו האט ער איהם געפונען? און וואס האט ער איהם דערקענט און וויא אזוי האט ער איהם אריינגעקראגען אין זיינע הענד? און דיעזער זאהן האט מיך אומארעמט, האט מיך גערופען זיינע געליבטע מוטער און האט ניט געציטערט מיט קיין אבר. ווערענד איך האב איהם געזאגט דאס איך זוך דעם מערדער פון פער־לאשעז און רוע ערנעסטין. וואס פאר איין אונגעהייער האב איך געבראכט אויף דער וועלט! דער זאהן פון א מערדער האט אליין אויך געמוזט ווערען מערדער.

אלע קוואלען פון איהר זעלע האבען זיך אפגעשפיגעלט אויף איהר געזיכט און דיא אונגליקליכע פרוי האט ווייטער גערעדט:

— פיעלייכט אבער ווייס מאָרים גאר ניט דיא בעדייטונג פון דעם איינגעשניטענעם פאפיער? פיעלייכט האט ער עס נור צופעליג גענומען פון קאפּיטאן וואן ברעקע?

אין דעם אויגענבליק זיינען צוגעקומען צום טיש גאלובעט און קאָרנו, ביידע מיט פולע הענד פאפיערען.

— זעהט וואס מיר האבען געפונען, מאדאם! — האט גאלובעט געזאגט — דאס האבען מיר געפונען אין דעקעל פון א קאָפער אין יענעם דונקעלן צימערל!

מיט פיעבערהאפטער האסט האט עמא זשובערט געחאפט דיא פאפּיערען און האט זיי אנגעפאנגען צו לעזען. אין אנפאנג האט זיא פאר אויפרעגונג גאר ניט בעגריפען וואס זיא לייענט, ביסלאכווייז אבער האט זיא זיך עטוואס בערוהיגט און אלעס איז איהר קלאר געווארן. דאס איז געווען דיא בריעפע וואס מאָרים האט ארויסגענומען פון קוראוויאָוו'ס גרופט און דאן אלע פאפיערען מיט ארמאַנדס צואה וואס ער האט צו־גענומען פון דעם ערמאָרדעטען אין וואגען. זיא האט אלעס געלעזען און צום ערשטען מאהל אין דער אונטערזוכונג האט זיא ערפאהרען דעם צוועק פון דער פערברעכער־באנדע.

דיא צואה פון ארמאנד דהארוויל האט איהר אלעס קלאר געמאכט. מען וויל אפּראמען פון וועג דיא יורש'טעס און דאָרום מוז מאָרים הייראטהען איינע פון זיי. איהרע האר האבען זיך אויפגעשטעלט קאפויר פאר שרעק פון דער קאלטער גרויזאמקייט פון דיא פערברעכער. און איינער פון זיי איז איהר זאהן! „אבער וויא אזוי קומט ער צו זיי?" — האט זיך דיא מוטער געפרעגט.

לייענדיג דיא פאפיערען ביז צו ענדע איז מאדאם ראָזיע געזעסען מיט איינער אונהיימליכער רוהע. אבער אונטער דיעזער מאסקע פון רוהע האט עס שרעקליך געשטורמט.

ענדליך האט זיא צוזאמענגעלייגט דיא פאפּיערען, האט זיי אדיינגעלעגט צו זיך

www.libtool.com.cn
אין טאש און איז אויפגעשטאנען. אויף איהר טויט־בלאסען געזיכט האבען נור געפינקעלט א פאָר אויגען.

— נוא, מאדאם, האבען מיר געהאט גליק? — האט גאלובעט ענדליך געפרעגט, האבען מיר וועלכע בעווייזע?

— יא — האט דיא מוטער געענטפערט מיט א דומפפער שטימע.

— ביי ועמען זיינען מיר איינענטליך, אויב מיר מעגען וויסען?

— ביי א מיטשולדיגען פון לאטירג און ווערדיע, ביי א אונגעהייער!

— ווייסט איהר איצטער וויא מיר קענען זיי אלעמען פאנגען?

— אלע איינפאנגען! — האט מאדאם ראָזיע וויערערהאלט ציטערנדיג — יא, יא, זיי מוזען געפאנגען ווערן! דאָ האב איך ערגיץ וואו געזעהן דיא אדרעסע אין דעם רויטען ביכעלע, איך גלויב איך האב זיא!

זיא האט וויעדער גענומען דאס רויטע ביכעל און האט א וויילע געבלעטערט.

— דא איז עס! — האט זיא געזאגט — ק. וו. ב. 22 רוע סורען. דאס איז קאפיטאַן וואַן ברעקע און אהין געהען מיר!.... איצטער האב איך איהם! — האט זיא געזאָגט במעט מיט ווילדער פריידע — איצטער וועל איך איהם דיא מאסקע ארונטער־רייסען און איהם זעהן אין געזיכט. קומט! אבער מאכט צורעכט אייערע וואפען!

דיא ביידע אגענטען האבען געריכטעט זייערע רעוואָלווערן און אויך מאדאם ראָזיע האט ארויסגענומען א קליינעם רעוואלווער און האט איהם צורעכטגעמאכט צום שיסען.

— נאך איינמאהל האט דיא אונגליקליכע מוטער ארומגעפיהרט איהר בליק איבערן צימער, האט פארדעקט שנעל איהרע אויגען מיט דער האנד און איז ארויס־געגאנגען. גאלובעט און קאָרנו האבען איהר געפאלגט און האבען וויעדער צוגעשלאסען דיא טהיר הינטער זיך.

קוים זיינען זיי געוועזען אויפ'ן גאס, האבען זיי זיך געזעצט אין דעם ערשטען וואַגען וואס זיי האבען בעגעגענט און זיינען שנעל געפאהרען נאך דער רוע דע סורען. נאכדעם וויא זיא האט א ווילע בעטראכט דאס איינציגע קליינע הויז פון נומער 22, האט זיא שנעל אוועקגעשיקט קאָרנו נאך דער פאָליציי־וואכע פון יענעם קווארטאל מיט דער ביטע צו שיקען שנעל לייטע און צו בעוואכען דיזעס הויז.

— אויב איהר געפינט מיך דאָ צוריק־קומענדיג ניט, דאן בין איך אינעווייניג — האט זיא געזאגט — אויף מיין צייכען מוזען דיא לייטע פון דער וואכע דרינגען אין דאס הויז.

— וואס פיר א צייכען, מאדאם?

— א שאָס פון מיין רעוואלווער.

סיליוואן קאָרנו איז אוועקגעלאפען, ווערהרענד גאלובעט האט זיך ארייגעשטעלט אין ראהם פון א טהיר אין נעבסטען הויז. מאדאם ראָזיע איז צוגעגאנגען צום קליינעם הויז און האט אנגעקלונגען.

אין טהיר האט זיך אויפגעעפענט א קליין פענסטערל, און דער שטומער דאָמיניק האט ארויסגעקוקט.

— קען איך ריידען מיט קאפיטאן וואן־ברעקע? — האט עמא זשובערט

www.libtool.com.cn

געפרעגט, פארשטעלענדיג איהר שטימע אזוי, אז עס זאל פאסע מיט איהר מענליכער קליידונג.

דער שטומער האט געשאָקעלט דעם קאפ אויף „ניין“.

— איך ווייס אבער אז אייער הערר איז צו הויז — האט מאדאם רעזיע ווייטער געזאגט גאנץ רוהיג — איך מוז איהם זעהען, אבער גלייך, דען עס איז זעהר נייטיג, איך קום פון דער רוע דע נאווארין, פון הערן מארים וואסייר.

ביי דעם נאמען האט דער שטומער האסטיג געעפענט דיא טהיר, און עמא זשו-בערט איז איינגעטרעטען. דער שטומער דיענער האט איהר דערמאָהנט, דאס דער מאַן וואס האט אפגענומען אין ראָטשילד'ס באנק דיא הונדערט טויזענד פראנק אויף דיא אנווייזונג פון גראף ווארא, איז געוועזן א שטומער. זיא איז געוועזן זיכער צו זיין אדער ביי לאטירג אדער ביי ווערדיע אין הויז.

דאָמיניק האט איהר געגעבען א צייכען צוווארטען, און אליין איז ער ארויפגע-לאָפען דיא טרעפ צו דעם צימער וואו לאטירג איז געזעסען מיט ווערדיע ביי א פארטיע שאך.

## 46טער קאפיטעל.

# דער קריטישער אויגענבליק.

א פיערטעל שטונדע נאך דעם וויא הערר גיברוי און דער פאָליציי-שעף מיט דעם פאליציי-קאמיסאר האבען אנגעטראפען עמא זשובערט מיט איהרע צוויי בעגליי-טער, געהענדיג צו מאָריסעס וואהנונג, זיינען זיי אנגעקומען צום פאנסיאָן פון מאדאם דיבעף, אין דער רוע דע לא־ווילד'עוועק.

— דיא הערען קומען געוויס וועגען דאס יונגע מיידיל וואס איז פלוצלונג גע-שטארבען? — האט זיי מאדאם דיבעף גרפרעגט.

— יא, מאדאם — האט הערר גיבריי געענטפערט — וויכטיגע אנגעלעגענהיי-טען האבען אונז פערהינדערט פריהער צו קומען. דיא אונטערזוכונג וועט ניט לאנג דויערן, און איהר וועט קיינע אונאנגעהמליכקייט האבען. פיהרט אונז געפעלינגסט אין דאס צימער פון דער פערשטאָרבענער.

דיא פאָרשטעהערין פון פאנסיאָן האט גענומען א ליכט און האט ארויפגעפיהרט דיא בעאמטע צו סימאָנעס צימער.

דאס יונגע מיידיל איז נאך אימער געלעגען אונפערענדערט; איהר צארטעס געזיכט האט נאך אימער געהאט דעם פריעדליכען אויסדרוק, און טראָטץ דער בלאס-קייט פון טויט האט זיא מעהר אויסגעזעהן וויא א שלאפענדע אלס א טויטע. אין צימער האבען געברענט צווייא ליכט, און א נאָנע (מינישקע) האט געבעטען ביין טויטען־בעט.

ווערענד הערר גיבריי האט ארומגעקוקט דיא אויסערליכע ערשיינונג פון צימער איז אויך אונטערגעקומען דער געריכטס-דאקטאר און צווייא געהיימע אגענטען. דער דאקטאר האט אונטערזוכט דיא לייכע און האט ערקלערט אז דער טויט אין דעם פאל שיינט צו זיין א נאטירליכער.

— דער טויט איז פעסטגעשטעלט — האט דער אונטערזוכונגס-ריכטער געזאגט

איצטער בלייבט אונז נור איבעריג פעסטצושטעלען אויך דיא פערזענליכקייט פון דער פערשטאָרבענער. קענט איהר אונז אין דעם בעהילפליך זיין, מאדאם?

—ליידער ניט פיעל, מיין הערר — האט דיא פארשטעהערין געענטפערט — איך ווייס נור דאס זיא איז איין אונגעזעצליך געבאָרענעס קינד, און מיר איז זיא נור בעקאנט געוועזן אונטער דעם נאמען סימאָנע. אבער זיא איז מיר עמפפאָהלען געוואָרן דורך א זעהר אנגעזעהענע בירגער פאמיליע, דורך העררן לודאָוויק ברעסאָל און זיין טאָכטער, און דורך דעם מאלער סערוועט. פיעלייכט וויסען יענע העררן עטוואס מעהר איבער דאס אונגליקליכע קינד, וועלכעס איז געוועזן איין וואהרער ענגעל פון טוגענד און גוטהערציגקייט.

— הערר סערוועט איז מיין פריינד און אויך הערר ברעסאָל איז מיר בעקאנט — האט ניברייו געזאגט — און איך וועל זעהן אויב איך קען ניט פון זיי עטוואס נעהערעס ערפאהרען איבער דיא פערשטאָרבענע. פריהער אבער דארפען מיר אויך ניט פארגעסען צו אונטערזוכען דיא זאכען פון דער פערשטאָרבענער, פיעלייכט געפינען זיך אירגענד וועלכע בריעפע אדער פאפירען וואס זאלען געבען וועלכע אויפקלערונג, און דאס וועלען מיר טהאן אין אייער געגענוואָרט, מאדאם.

דער דאָקטאָר האט געגעבען א ווינק זיינע צוויא אגענטען, און זיי האבען זיך גענומען זוכען. זיי האבען געעפענט אלע קעסטלאך, שובלאדען, האבען דורכגעזוכט אלע טאשען פון דיא קליידער, און וואו נור זיי האבען געפונען א פאָטאָגראפיע, א קארטע, א שטיקעל פאפיער, האבען זיי עס איבערגעגעבען דעם אונטערזוכונגס־ריכטער, וועלכער האט עס איינציגווייז דורכגעזעהן.

ענדליך איז איינער פון דיא אגענטען אויך צוגעקומען צום קאמאָד, און האט געעפענט דיא אויבערשטע שובלאדע. דערזעהענדיג דעם געשטעמפעלטען פאפיער וואס מאָרים האט אהין אריינגעלייגט, האט ער אויסגערופען: „איך גלויב, איך האב עטוואס וויכטיגעס!“

— וואס דען?

— א געבורטס־שיין!

ניברייו האט האסטיג גענומען דאס פאפיער און וויא ער האט אויף איהם א בליק געטהאן איז ער געוואָרן בלאס, און האט דאן מיט ציטערענדער שטימע געלעזען: „סימאָנע דהארוויל, טאָכטער פון וואלענטינע דהארוויל, און פון איין אונבעקאנטען פאטער, געבאָרען אין פאריז, אם 15טען נאָוועמבער, 1854“. ער איז געבליעבען וויא פערשטיינערט, איין אויגענבליק, דאן האט ער זיך געחאפט מיט דער האנד פאַ[illegible] שטערן, און האט געלעזען נאך אמאל: „אם 15טען נאָוועמבער, 1854, טאָכטער פון וואלענטינע דהארוויל.... מיין גאָט, וועלכע ענטדעקונג! דאן איז דיעזעס קינד....“

ער האט זיך אונטערבראכען און איז צוגעגאנגען צום בעט. מיט דעם אויסדרוק פון שמערץ און אנגסט האבען זיינע אויגען גערוהט אויף דעם אונבעוועגליכען אלבאַסטער קלאָרען געזיכט פון דער טויטער. זיין ברוסט האט זיך שטארק געהויבען און ער האט געמוזט אנווענדען זיינע גאנצע ווילענסקראפט אום ניט אויסצוברעכען אין שלוכצען.

www.libtool.com.cn

אלע ארומינע האבען איהם פערוואונדערט אנגעקוקט און האבען ניט בעגריפען, וואס דא געהט פאָר מיט איהם.

— קענט איהר דען דאס יונגע מיידעל? — האט דער פאָליציי־שעף ענדליך געפרעגט.

— איך גלויב אזוי — האט גיברייי געקרעכצט — דער נאמען און דיא צייט שטימען, מיר וויל מיין הערץ ברעכען....

— ווער איז זיא דען, ווען איך דארף פרעגען?

— דאס קינד וואס איך האב אזוי לאנג אומזיסט געזוכט.... „מיין טאָכטער!“

און גיברייי איז געזונקען אויף דיא קניע ביים טויטען־בעט און האט פארבאָרגען זיין גע־זיכט אין דיא הענד.

א ווילע האט געהערשט א טיעפע שטילקייט אין צימער, ביז ענדליך האט זיך גיברייי אויפגעהויבען און האט זיך געווענדעט צו מאדאם דיבעף: „וויא איז עס מעגליך מאדאם וואס דיא פערשטאָרבענע האט אייך ניט געזאגט איהר ריכטיגען נאמען, זיא האט דאך איהם געוואוסט, ווען זיא האט געהאט איהר געבורטס־שיין?“

— דאס האט זיא פיעלייכט געטהאן נור אוים נוטסקייט, אום איהרע עלטערן צו שוינען, אדער......

— און וויא קומט זיא צו ברעסאָל? — האט גיברייי ווייטער געפרעגט — און זיא איז געגאנגען צו מאדאם ברעסאָל, צו איהר מוטער? דא שטעקט געוויס א גע־היימניס! דא האבען מיר ניט מעהר צו טהאן מיינע הערען, מיר קענען געהן!

ווערענד אלע האבען זיך געמאכט פערטיג צו געהן האט זיך גיברייי נאך אמאל אראָפגעלאָזען אויף דיא קניע און איז אזוי געבליעבען אייניגע אויגענבליקע אין וועה־מיטהיגער אנדאכט.

דא האט פלוצלונג פאסירט עטוואס אונגעוועהנליכעס. אין דער פייערליכער שטילקייט וואס האט געהערשט אין צימער, ווערענד גיברייי האט געקניעט, האט זיך דערהערט וויא א שוואכער זיפץ פון דעם טויטען־בעט. אלע אנוועזענדע האבען זיך ענטזעצט אנגעקוקט און דיא דאמען (מאדאם דיבעף און דיא נאָנע) זיינען שיער אָהנ־מעכטיג געווארען פון שרעק. דער ערשטער איז צוגעלאָפען דער דאקטאר, ווערענד גיברייי איז אויפגעשפרונגען אין שרעקליכער אויפרעגונג.

— זיא לעבט! זיא לעבט! — האט דער דאקטאר ערקלערט נאך א קורצער אונטערזוכונג — דאס איז נור געוועזען זעהר א שווערע פאָרם פון א לעטהארגישען שלאף. שנעל מעריצין!

אלס אונערפאהרענער בעמיקער האט ווערדיע געמאכט דיא בלויזויערע אביסעל צו שוואך, און אנשטאט צו טעדטען האט עס נור פערזעצט דאס אונגליקליכע מיידיל אין א לעטארגישען טויט-עהנליכען שלאף, פון וועלכען זיא האט זיך נאך אונגעפעהר 20 שטונדען אנגעהויבען אויפצוחאפען.

אבער נאך איידער דיא אנוועזענדע זיינען געקומען צו זיך פון דעם פלעטצליכען ערשטוינען האט זיך געלאזט הערען א שוס פון א רעוואָלווער, און באלד דארויף נאך איינער, און האסטיג איז דער פאָליציי־דירעקטאר מיט דיא אגענטען ארויסגעלאָפען,

www.libtool.com.cn

אום צו זעהן פון וואנען דער שום קומט. דער קנאַל האט זיך געהערט פון דער גארטען־זייט פון פאנסיאָן, און אהין זיינען זיי געלאָפען. הינטער זיי איז אויך געקומען ניבריי, וועהרענד ביין בעט פון סימאָנע איז געבליעבען דער דאקטאר מיטביידע דאמען.

דיא ביידע שיסע זיינען אפגעפייערט געווארען אין דער וואוינונג פון קאפיטאן וואַן־ברעקע, וועלכע איז געווען אפגעטהיילט פון פאנסיאָן נור מיט דער גארטען־מויער, אונטער פאָלגענדע אומשטענדען:

אַלס דער שטומער איז ארויף צו לאַטירג און ווערדיע און האט זיי אויפגעשריע־בען אויף זיין טאפעל, וויא אימער, דאס איינער איז געקומען פון מאָרים מיט א שליחות, זיינען זיי ביידע דערשראקען געווארען, און לאַטירג האט געפרעגט: „איז ער אליין?"

דער שטומער האט צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— שנעל פיהרט איהם אריין אהער!

אבער עמא זשובערט האט ניט געווארט ביז דער שטומער וועט איהר ארויפ־רופען, דען זיא איז שוין געשטאנען אויבען אין טהיר פון צימער וואו דיא באנדיטען זיינען געזעסען. דיא מענליכע קליידונג און דאס טויט־בלאסע געזיכט האבען זיא אונ־קענטליך געמאכט פיר לאַטירג, וועלכער איז איהר געגאנגען אנטקעגען און האט גע־פרעגט: „איהר קומט פון הערין מאָרים?"

מאדאם ראָזיע איז אריין אין צימער ביז דאס ליכט פון דער לאמפּע איז אין גאנצען געפאלען אויף איהר, און האט געענטפערט מיט א שניידענדער שטימע:

— „יא, לאַטירג, איך קום דיך פרעגען וואס דוא האסט געמאכט פון מיין קינד?"

דער שרעק פון דיא ביידע באנדיטען אלס זיי האבען דיעזע שטימע דערהערט, איז ניט צו בעשרייבען. זיי זיינען אויפגעשפרונגען פונקט וויא א שלאנגין וואָלט זיי גע־ביסען און האבען מיט טויט־אנגסט אויפגעשריען: „עמא זשובערט!"

וואס מעהר זיי זיינען צוריקגעוויכען פון שרעק האט זיא זיך אימער צוגערוקט נעהענטער צו זיי און האט גערעדט ווייטער:

— לאַטירג, ענדליך געפין איך דיך ווידער נאך פיעלע יאהרען, דוא ביסט ניט פערענדערט, אימער דערזעלביגער מערדער און אהן עהרע. איך קען אלע דיינע פער־ברעכען, דיא וועלכע דוא האסט בעגאנגען און וועלכע דוא ווילסט בעגעהן. איך שפיר דיר נאך צייט יאהרען און דיין קאטראד ווערדיע צייט מאָנאטען, אבער איך האב קיינע אהנונג געהאט, דאס דער שיקזאל האט אייך אריינגעפיהרט אין האנד מיין קינד, דאס קינד פון לאַטירג, דאס קינד פון שאנדע. ערשט געסטערן האב איך עס ערפאהרען, ערשט געסטערן האב איך ערהאלטען דעם בעוויז, וויא עלענד דוא האסט מיך געמאכט! אבער איך וויל דאס נאך ניט גלויבען! דוא, לאַטירג, דוא, זיין פאטער, זאלסט מיר דאס זאגען, אויב דאס שרעקליכסטע איז אמת! ענטפער מיר, פון דיין ענטפער העננט אפּ דיין לעבען!

עמאַ זשובערט איז אנטשוויעגען געווארען, צוזאמענליינענדיג איהרע הענד אויף

www.libtool.com.cn

דער ברוסט. לאַטירג און װערדיע זײנען עטװאס געקומען צו זיך פון דעם פּלעצליכען שרעק און דער ערשטער האט ענדליך געפונען צוריק זײן שפּראַכע:

— װאס זאל איך דיר ענטפערן, װאס דו װײסט ניט אזוי גוט װיא איך? איך בין געקומען אויף דעם װעג פון פערברעכען און בין איהם ענטשלאָסען געגאַנגען ביז צו ענדע און װען איך װאלט איהם װעלען פארלאזען װאלט איך ניט געקענט. דיא גילאָ-טינע האט פערלאַנגט מײן קאָפּ, אבער מיר איז עס געלונגען ביז איצטער צו בעהאלטען דעם קאָפּ אויף מײנע פּלײצעס. דו ביסט מיר געקומען אין װעג, בין איך איבער דיר אריבערגעגאַנגען װיא איבער פיעלע אנדערע! מאָריס האט מײן בלוט אין זײנע אדערן, פריהער אדער שפּעטער האט ער געמוזט װערן א מערדער!

— דו זאגסט ליעגען! — האט עמא זשובערט געשריען װיטהענד — מאָריס האט קײנעם ניט ערמאָרדעט!

לאַטירג האט געצוקט דיא אַקסלען.

— מעהר װיא איך! — האט ער קאלט געענטפערט — ער האט ענטדעקט דורך א צופאל אונזער געהײמניס, װעלכעס דו זאגסט אז דו װײסט. ער האט בענוצט דיעזע ענטדעקונג און אום צו דערלאַנגען דיא מיליאָנען, װעלכע ער האט געזעהן גלענצען פון װײטען, האט ער זיך גענומען צום מעסער!

— דו זאגסט ליעגען! — האט דיא אונגליקליכע מוטער װיעדערהאָלט.

— אויב דו גלויבסט מיר ניט, דאן פרעג בײ דײן זאהן, װער עס האט ערמאָר-דעט װערדיע'ס דיענסטפרױ, אין קוראַװױאַװו'ס גרופּט אויפ'ן פּערלאַשעז און ער װעט דיר ענטפערן: „איך!“

— ער! — האט מאַדאַם ראָזיע געקרעכצט.

— פרעג איהם, װער האט ערמאָרדעט אין װאַגען אונזער שליח פון לאָנדאָן און ער װעט ענטפערן: „איך!“

עמא זשובערט האט זיך געחאַפּט מיט דיא הענד פאר'ן קאָפּ און האט געשטאָ-מעלט: „מײן גאָט, דאס איז אונמעגליך!“

— אונמעגליך? דאס איז נאך ניט אלעס! פרעג מאָריס'ן װער האט ארײנגע-שטאָכען דיא גאָלדענע נאָדעל אין געניק פון דער שײנער אַקטאָריסע! פרעג איהם, װער האט אויסגעזויגט דאס שטיק אײז אויף דער אָזערא אין װענסען, װען מאָריע ברעסאָל האט געװאלט געפינען איהר טויט! װער האט פאַרבאָרגען אונטער בלומען דיא שלאַנג װאס האט מאָריע ברעסאָל געביסען? און ענדליך, װער האט געטעדטעט סימאָנע מיט בלויזױערע? ער װעט דיר ענטפערן: „איך“ און אימער „איך“! אויף מײן װאָרט. דײן זאָהן איז געשיקט!

— סימאָנע טויט! — האט דיא אונגליקליכע מוטער געשריען װילד — און מאָריע ברעסאָל נעהט הײראַטהען דעם אונגעהײער! דאס איז מעהרער אלס שרעקליך! דאס איז טײפליש! און דאס אלעס האט מאָריס געטהאָן!

— יא, און מיר האבען איהם ניט פיעל געבעטען! ער האט עס אלײן אויף זיך גענומען! איך האב איהם ניט געזוכט, ער האט זיך אונז אויפגעדרענגט. איך האב איהם אפילו ניט געקאַנט, און ער װײס נאך איצטער ניט דאס איך בין זײן פאטער!

מאדאם ראָזיע האט געפיהלט דאס זיא ווערט דערשטיקט. איהר האט אויסגעוויעזען דאס זיא אטהעמט איין פייערינגע לופט און איהר קאָפּ וועט צושפּרינגען פון דער היטץ. „ער א מערדער, ער א מערדער!" האט זיא פיעל מאל וויעדערהאָלט.

— איצטער האב איך דיר אלעס געענטפערט — האט לאַטירג ווייטער גערעדט, אויב דיין זאהן איז מערדער געווארן, האט ער עס אליין געוואלט, אבער דאך קענסטו איהם און אונז רעטען!

עמאַ זשובערט האט אויפגעציטערט און די אונהיימליכע רוהע האט צוריקגעקערט צו איהר.

— אייך רעטען? אייך?! — האט זיא געשריען — דאס גלויבסט דוא אליין ניט, לאַטירג!

— אבער פערגעס ניט דאס דיין זאהן וועט טהיילען אונזער שיקזאל!

— מיין זאהן!? איהם אויסליפערן צום טויט? — האט די אונגליקליכע גערעדט וויא צו זיך אליין, ציטערענדיג אם גאנצען קערפּער.

— צו דער גילאָטינע! — האט לאַטירג בּעשטעטיגט — לאז אונז פליהען צוזאמען מיט איהם, נאך היינט ביי נאכט פארלאזען מיר פראנקרייך!

— דאס וועט קיינמאהל ניט געשעהן! — האט עמאַ זשובערט אויפגעשריען — קיינמאהל ניט!

— אויב אזוי מאדאם — האט זיך ווערדיע אריינגעמישט — וועט איהר דיעזעם הויז ניט מעהר פערלאזען לעבענדיג — (און ציהענדיג זיין רעוואלווער האט ער צוגע-זעצט): איך בין א פריעדליכער מאן מיט זאנפטע זיטען און ריהר ניט אן א פליעג אן וואנד אבער יעדערער היט זיין אייגענע הויט.

אויך מאדאם ראָזיע האט שנעל געצויגען איהר רעוואלווער און האט געציעלט אויף לאַטירג; איהר שוס האט פערפעהלט דעם ציעל, ווערענד ווערדיע האט ריכטיג געציעלט און עמאַ זשובערט איז געפאלען, געפעהרליך פערוואונדעט.

ווערדיע האט זיך צוגעבויגען צו איהר אום צו זעהן אויב זיא איז טויט, אלס פון דרויסען האבען זיך געלאזט הערן שטימען און קלעפּ אין טהיר.

— העללע און טייפעל! זיא האט די פּאָליציי הינטער זיך! — האט לאַטירג אויסגערופען — שנעל! די שליסלען פון גארטען און פון פּאנסיאָן, די איינציגע רעטטונג.

אין האסט האט ער ארויסגעחאפּט פון זיין שרייב-טיש א פּעקיל באנקנאָטען און געלד און האט געקלונגען נאך דאמיניק. אלע דריי האבען שנעל פערלאזען דאס הויז, זיינען אריין אין גארטען, האבען זיך דורכגעחאפּט דורך די פערבארגענע טהיר אין גארטען פון פּאנסיאָן און האבען זיך אויף די שפּיטצען פינגער געצויגען וויא שאטענס ביין וואנד פון הויז, אום צו געלאנגען צום אויסגאנג, נאך דער רוע דע לא וויל ד'עוועק. אבער וויא זיי זיינען שוין צוגעקומען צום אויסגאנג זיינען זיי מיט טויט-שרעק אפּגעשפּרונגען צוריק. א גרופּע מענער זיינען געשטאנען פאר זיי.

— מיר זיינען פערלארען! — האט לאַטירג געזאגט — דאס הויז איז פון אלע זייטען ארומגעשטעלט.

www.libtool.com.cn

ער האט נעהט א טעות. דאס זיינען נעווען גיברייי, דער פאליציי-שעף און דער פאליציי-קאמיסאר וואס האבען דערהערט דעם שוס, און וועלכע האבען דא די רויבער-באנדע אם ווענינסטען ערווארטעט.

— ווער איז דארט? — האט דער פאליציי-דירעקטאר געפרעגט.

— לאמיר פערקויפען אונזער לעבען טהייער! — האט ווערדיע געשריען.

א שוס איז געפאלען, א צווייטער און א דריטער, אבער פון הינטען זיינען ארויס-געבראכען זעקס לייטע פון דער וואכע, וועלכע האבען דערווייל איינגעבראכען די טהיר פון לאטירג'ס וואהנונג און האבען זיי נאכגעיאגט. אין אויגענבליק זיינען די דריי באנדיטען ענטוואפענט און געבונדען געווארן.

— ווער זיינען די קערלס? — האט דער פאליציי-קאמיסאר געפרעגט, ארייני-לייכטענדיג זיי מיט דער לאטערנע אין די געזיכטער.

— הערר קאמיסאר — האט איינער פון דער וואכע געזאגט — דארט אין הויז איז דא איינער וואס וועט אייך דאס זאגען.

אלע בעאמטע מיט די געפאנגענע זיינען אריין אין לאטירג'ס וואהנונג, וואו זיי האבען צו זייער גרעסטען שרעק און ערשטוינען געפונען עמא זשובערט טעדטליך פערוואונדעט אונטערשטיצט פון קארנו און גאלובעט, און א דאקטאר וועלכער איז אין דער איילע גערופען געווארן האט דערקלערט איהר צושטאנד האפנונגסלאז.

— מאדאם ראזיע! — האט דער פאליציי-שעף גערופען.

— יא — האט זיא געענטפערט מיט שוואכער שטימע — איך האב אייך גע-ליעפערט לאטירג און ווערדיע!.... נור אין איין טאג האב איך מיך פאררעכענט!....

— לאטירג און ווערדיע! — האבע די בעאמטע גערופען ערשטוינט — און ווער איז דער דריטער?

— א שטומער, זייער קאמראד.

— עס איז דא נאך א פיערטער! — האט לאטירג גערופען מיט ביטערן שפאט.

עמא זשובערט איז אויפגעשפרונגען, ניט אכטענדיג אויף די קויל וואס זיא האט געהאט אין קערפער: „פיהרט ארויס די באנדיטען, — האט זיא געבעטען דעם שעף איהר וועט אלעס ערפאהרען!"

אויף איין צייכען פון בעאמטען זיינען די דריי פערברעכער אפגעפיהרט געווארען.

מאדאם ראזיע האט ארויסגעצויגען פון איהר מאנטעליכען ראק א פעקיל פאפיערען און האט עס איבערגעגעבען העררן גיבריי. „לעזט עס גלייך, מיין הערר, בעזאנדערס די א צוואהו!"

דער אונטערזוכונגס-ריכטער האט האסטיג דורכגעקוקט א פאר פאפיערען, וועהרענד די אנדערע בעאמטע האבען איהם אריבער געקוקט איבער די שולטערן.

— איצטער בעגרייף איך אלעס — האט ער געזאגט — צוליעב דיעזער ירושה איז געמאכט געווארן דער פערזוך צו טעדטען סימאנע און דעריבער זאל אויך מאריע ברעסאל שטערבען! די עלענדע שורקען!

— אבער איהר האט זיי איצטער אין אייער האנד!

— אייך צו פערדאנקען, ארעמע אונגליקליכע פרוי! — האט געזאגט דער

www.libtool.com.cn

פאָליציי־שעף, פיהלענדיג געוויסענסביסע פיר דעם פערדאַכט וואס ער האט אויף איהר געוואָרפען.

— און צו פערדאנקען נאַלובעם און קאָרנו — האט עמא זשובערט צוגעזעצט.

— זיי זאלען זייער לאָהן ערהאלטען!

— איך בין נאָך מיט מיין ארבייט ניט פערטיג — האט דיא אונגליקליכע גע־זאגט מיט א שטימע קוים צו הערן — מיר מוזען געהן נאָך דער רוע ווערנייל און רעטען מאריע ברעסאָל!

— אבער מאדאם — האט דער דאקטאר זיא אונטערבראכען — איך האב נאָך ניט ארויסגענומען דיא קויל און איהר קענט זיך קוים האלטען אייניגע מינוטען אויף דיא פיס, און אייער צושטאנד איז זעהר בעדענקליך!

— דעסטאָ בעסער! איך מוז מיין ווערק ענדיגען! דיעזע הערען און סילוויאן מיט קאָרנו וועלען מיך בעגלייטען.

— דיא וואגען! — האט דער פּאָליציי־שעף בעפאָהלען.

צווייא מאן זיינען צוריק געלאזען געווארען אין הויז אלס וואכע, און דיא דרייא פערברעכער זיינען אונטער שטרענגער וואכע אפגעפיהרט געווארען אין געפענגניס. דאן האט מען מאדאם ראָזיע אריינגעטראגען אין א וואגען און אונטערשטיצט מיט קיסענס, און אזוי איז מען געפאהרען נאָך רוע ווערנייל.

47טער קאפּיטעל.

## דער לעצטער בעווייז פון מוטערליעבע.

מאָרים האט דעם גאנצען טאג פיעל צו טהאן געהאט, און איז אויך זעהר טהע־טיג געוועזען.

אלס ער האט אין דער פריה ערפאהרען פון מאדליין דאס זיין מוטער איז אויס־געגאנגען, איז ער געוועזען זעהר ערנעדליך דאריבער. „אימער דיא פאָליציי־געשיכטען!— האט ער געזאגט צו זיך — דאס מוז איין ענדע נעהמען, דען ווען ניט קען זיא מיר דאָך נאָך אמאל אויפשפיעלען א שיינעם טאנץ!"

ער האט דאן געמאכט עטליכע איינקויפע און איז געגאנגען נאָך הויזע, וואו ער האט זיך אנגעקליידעט, און איז געפאהרען צו ברעסאָל, וואו מען האט איהם ערוואר־טעט צום מיטאג־עסען.

דא איז ער פאָרגעשטעלט געווארען צו פיעלע פריינדע און פערוואנדטע וועלכע זיינען זיך צוזאמענגעקומען אום בייצרוואוינען דיא צייכנונג פון דעם קאָנטראַקט.

דיא גאנצע געזעלשאפט און בעזאָנדערס מאָרים זיינען געוועזען זעהר מונטער און ביים טיש וויא נאכהער איז זעהר פיעל געשפּאסט און געלאכט געווארן. נור דרייא פון דיא הויפּטפּערזאָנען האבען געפיהלט זעהר שלעכט צו מוטה, און דאס זיינען געוועזען מאריא, לודאָוויק און וואלענטינע ברעסאָל.

מאריע האט געהאָפט אויף דאס פערשפּרעכען פון גראף און האט ניט אויפגע־הערט צו האָפען, אבער וואס נעהענטער עס איז געקומען דיא צייט פון אונטערצייכנען דעם קאָנט־אקט, איז איהרע אנגסט געוואכסען, און זיא האט זיך קיין אָרט ניט

www.libtool.com.cn

געפונען. זיא האט געהערט דאס אלבערט ווערט געזונדער, און ער איז שוין זאגאר ארויס פון בעט, אבער ווארום לאזט ער זיך ניט זעהן און ניט הערן? דיעזער געדאנקען האט איהר ניט געלאזען רוהען.

וואלענטינע האט געפיהלט דעם ווארום פון אייפערזיכט אין איהר ברוסט און איז געוועזען גאנץ ניעדערגעשלאגען.

לודאָוויק האט זיך געזוכט צו ווייזען מונטער, אבער דאס איז איהם ניט אין גאנצען געראטהען.

אום פינף אוהר אבענדס האבען זיך אנגעהויבען צוזאמענצוקומען דיא געסט וועלכע זיינען איינגעלאדען געווארען פיר דען אבענד. דיא אונרוהע פון מאריע איז געוואכסען מיט יעדער פירטעל שטונדע. זיא האט געענטפפערט צערשטרייט אויף דיא גליק-ווינשע וועלכע דיא געסט האבען איהר געבראכט, און האט ניט אויפגעהערט צו קוקען יעדען אויגענבליק אויפ'ן טהיר. לויט דעם פערשפרעכען פון גראף איוואן מוז קומען א בעפרייער, אבער ווארום פערזאמט ער זיך אזוי? דיא צייט דריינגט אלץ מעהר און מעהר, דער נאָטאר איז שוין געקומען וועלכער דארף אויסמאכען דעם קאָנטראקט, און קיין בעפרייער איז נאך אימער ניטא.

מאָרים איז אויך געווען אין שרעקליכער אויפרעגונג. זיין מוטער, וועלכע האט פון אנשטאנדס-וועגען געזאלט זיין דיא ערשטע אונטער דיא געסט, איז נאך ניט געקומען. אונטער דיא געסט האט מען זיך שוין אפילו אנגעהויבען צו שושקען וועגען דעם, און צו קוקען אויף מאָרים'ן מיט פיעל-זאגענדע בליקען. דאס האט איהם געמאכט נערוועז. דיא גאנצע פערזאמלונג האט יעצט נור געווארט אויף זיין מוטער, מיט דעם אונטערשרייבען דעם הייראטס-קאָנטראקט.

מאריע דאגעגען האט אין הארצען געדאנקט גאט דאס מאָרים'עס מוטער איז נאך ניטאָ. „ווענינגסטענס וועט דיא אונטערצייכנונג פון קאנטראקט נאך אביסעל אָפּגעצויגען ווערן" — האט זיא געטראכט.

אלס עס האט געשלאגען עלף אוהר, האט דער דיענער אנגעמעלדעט: „העררן גראף איוואן סאמילאָוו, העררן סערוועט, העררן אלבערט גיבריי!"

דערהערענדיג דיעזע נאמען האבען מאָרים און וואלענטינע צוגלייך ארויסגעשטויסען איין אויסגעשריי פון שרעק, וועהרענד מאריע האט ניט-ווילענדיג אויפגעשריען פאר פריידע.

דערזעהענדיג אלבערט גיבריי געשטיצט אויף גראף איוואן'ס ארעם איז מאָרים צוריקגעטרעטען א פאָר טריט. וואלענטינע האט זיך אין גאנצען פערלאָרען און האט געקקט מיט שטארע אויגען ארום זיך, וועהרענד מאריע איז צוגעלאָפען צו איהם, האט איהם געדרייכט איהרע ביידע הענד, און פונקט וויא אָנגעצויגען דורך א מאגנעט זיינען זיי זיך געפאלען איינער דעם אנדערן אין דיא ארעמס.

— ענדליך, ענדליך! — האט מאריע געשריען מיט טרעהרען אין דיא אויגען און מיט ענטציקען.

דיא צושויער פון דיעזער איבערראשענדער סצענע האבען אין דעם ערשטען

www.libtool.com.cn
אויגענבליק גאר ניט געקענט בעגרייפען וואס דא קומט פאר, דען אלעס איז צוזאמענגעקומען פיעל שנעלער וויא מען קען דאס בעשרייבען.

דער ערשטער וואס איז געקומען צו זיך פון דער פלוצליכער איבערראשונג איז געוועזען מאַרים. ער איז צוגעגאנגען צו וואַלענטינע און האט איהר איינגערוימט אין אויער: „נעהמט זיך צוזאמען, זייט ניט אזוי ניעדערגעשלאַגען, בעהערשט אייך!"

לוראוויק ברעסאַל איז געשטאנען וויא צוגענאַגעלט, און האט זיך געפרעגט, אויב דאס גיעהט אלעס צו אין חלום אדער אויף'ן וואָהר. ענדליך אבער איז ער צוגעגאנגען לאנגזאם צו אלבערט און האט מיט א פאָרוואורף געזאגט: הערר גיבריי, אייער געגענ־ווארט דאָ, אם היינטיגען אבענד....

— איז זעהר נייטיג, הערר ברעסאַל — האט איהם אלבערט גיבריי איבערגע־שלאָגען — דער קאנטראקט צווישען אייער טאכטער און הערן וואסייר דארף אונטער קיינע בעדינגונגען ניט געשלאסען ווערען.

עס האט אויסגעבראָכען א ליארם אין זאל אונטער דיא געסט און א שטורם פון פּאָרווירפע און בעליידיגונגען אנטקעגען דעם בלאסען יונגען גאסט, וועלכער ערלויבט זיך אזוי פיעל.

מאָרים האט זיך געוואלט ווארפען אויף אלבערט'ן, אבער דער גראף איוואן האט איהם א חאפּ געטהאן פאַרן שולטער און האט איהם פעסט צוריקגעהאלטען.

— וואס זאל בעדייטען דיעזע קאָמעדיע? — האט מארים געשריען אין דער העכסטער וואוטה?

און מיט שרעקליכער רוהע האט דער גראף איוואן געענטפערט: „דאס בעדייטעט, דאס פריילין ברעסאַל וועט קיינמאהל ניט הייראטען דעם זאהן פון א...."

נאך איידער ער האט צייט געהאט צו ענדיגען דעם זאטץ, האט דער דיענער ביים טהיר אנגעמעלדעט: „מאדאם ראזיע, הערר פאול גיבריי!"

אלע אויגען האבען זיך געקעהרט צום טהיר און יעדערער אין זאל האט געפיהלט ניט־ווילענדיג וויא א שוידער איבערן לייב.

לאנגזאם איז הערר גיבריי אריבערגעטרעטען דיא שוועל. הינטער איהם איז אריין עמא זשובערט, געשטיצט אויף דיא ארעמס פון צוויי אנדערע בעאמטע. דיא אינגליקליכע איז געפאלען פון דיא פיס ביי יעדען טריט, און דער פּארינט פון דעם מענליכען ראָק וואס זיא האט געטראגען איז געוועזען פול מיט בלוט.

מאריע האט זיך ציטערנדיג צוגעטולעט צו אלבערט גיבריי.

וואַלענטינע איז געשטאנען נעבען מארים'ן, קלאפּענדיג א צאָהן אן א צאהן פאר שרעק, און בעטראכטענד דעם אונטערזוכונגס־ריכטער מיט דעם אויסדרוק פון ענט־זעטצען אויף איהר געזיכט.

— איז דאס א שרעקליכער טרוים? — האט זיך לוראוויק ברעסאַל געפרעגט — קען איך גאר ניט אויפוואכען?

אין מיטען זאל איז מאדאם ראזיע געבליעבען שטעהן, האט זיך ארומגעקוקט און האט דערזעהען מאָרים'ן, וועלכער איז געשטאנען פאר איהר בלייך, אבער רוהיג. דורך איין איבערמענשליכע בעוועגונג אונטער איהרע שרעקליכע שמערצען האט

www.libtool.com.cn

זיא זיך פְרייַ געמאכט פון דיא ביידע בעאמטע וואס האבען זיא אונטערגעשטיצט, און וויא דורך א וואונדער איז זיא געבליעבען שטעהן אליין.

— איך קים שפּעט, הערר ברעסאָל — האט זיא געזאגט מיט א דומפּפער שטימע — אבער איך קום צו דער רעכטער צייט, דען דער קאָנטראַקט איז נאך ניט אונטערגעשריעבען. איך האב מיין זאהן נור איין ווארט צו זאגען!

זיא האט געוואלט געהן ווייטער, אבער זיא האט זיך ניט מעהר געקענט האלטען אויף דיא פיס

מאָרים איז צוגעשפּרונגען, און האט זיא אונטערגעהאַפּט זיא זאל ניט פאלען.

האסטיג האט זיא זיך אנגעהאַפּט אן זיין ארעם און האט איהם שארף אריינ־געקוקט אין דיא אויגען. דיעזען בליק האט מאָרים ניט אויסגעהאלטען, און האט אראָפּגעלאָזען דעם קאָפּ וויא איין פערבּרעכער; ער האט פערשטאנען איהר בליק; אלעס איז ענטדעקט געווארען!

מאדאם ראָזיע האט אריינגעשטעקט דיא האנד אין דער טאשע פון איהר ראָק, האט ארויסגענומען א רעוואָלווער, און האט עס איבּערגעגעבען מאָרים'ן מיט דעם איינציגען ווארט: „נעהם!"

מאָרים האט איהם גענומען, עס האט געטהאן א קראך, און מיט א צושמעטערטער שלייף איז ער אומגעפאלען, רייסענדיג דיא מוטער מיט זיך צום באָדען.

אינמיטען פון דעם אלגעמיינעם ענטזעטצען וואס דיעזע שרעקליכע סצענע האט הערפאָרגעבּראַכט אין דעם העל־בעלייכטעטען זאל אונטער דיא פּערזאָמעלטע, ביז פּופּציג אן צאהל, האט זיך פּלוצלונג געלאָזט הערען איין מאַרך־ערשיטערנדער, שרעקליכער אויסגעשריי, און גלייך דארויף נאך א פיעל שרעקליכערעס געלעכטער.

וואלענטינע ברעסאָל האט פון זיך געלאָזט הערען דעם אויסגעשריי און דאס געלעכטער — יעצט האט זיא לייכט צוגעגליטשט זיך צו דער לייבע פון דעם יונגען מאַן, האט זיך אראָפּגעלאָזען אויף דיא קניע, האט זיך איינגעבויגען איבער איהם און האט צוגעפּרעסט איהר מונד צו דער צערשמעטערטער שלייפע, איינשמירענדיג אין בלוט איהר גאנצעס געזיכט. דאן האט זיא זיך אויפגעהויבען מיט א וואהנזיניגען שמייכעל און האט געזאגט שטיל: „ער שלאָפט! וועקט איהם ניט אויף!"

— מיין גאָט, וואס איז מיט איהר? — האט ברעסאָל געפרעגט מיט ענטזעטצען.

דער דאָקטאר דופּרען וועלכער איז געוועזן אונטער דיא געסט, איז הערפאָרגעטרעטען, און האט געענטפערט: „מיין ארעמער פריינד, זיא איז וואהנזיניג געווארען!"

www.libtool.com.cn

דאן האט ער בעטראכט מאדאם ראָזיע און האט ערקלערט: „ריעזע אונגליקליכע איז טויט!“

— איהר זאָהן איז געוועזן א מערדער! — האט דער פּאָליציי־שעף ענדליך גע־נומען דאס וואָרט — און זיא האט איהם געגעבען דעם לעצטען בעוויז פון מוטערליעבע, דערמיט וואס זיא האט איהם גערעטעט פון דער גילאָטינע (קעפּ־מאשינע).

* * *

אכט טעג שפּעטער איז וואלענטינע ברעסאל געשטאָרבען אין א איררען־הויז.

נעבן דער גראף וואראָוו האט ערפאהרען דאס לאטירג איז אריינגעפאלען אין דיא הענד פון דער גערעכטיגקייט, און דאס זיין נאמען וועט געשטעמפּעלט ווערן אלס איפּטראג־געבער פון דעם מערדער לאטירג, האט ער איינגענומען גיפט און איז געשטאָרבען.

פּיער מאָנאָטע נאך דער סצענע אין ברעסאל׳ס הויז, וועלכע מיר האבען ערשט יעצט געשילדערט, זיינען לאטירג און ווערדיע פּעראורטהיילט געווארען צום טויט, און איינינע טעג נאך דעם זיינען זייערע ביידענס קעפּ געפאלען אין קאָרב ביי דער גילאָטינע.

מישעל ברעמאָנט, דער מיטגליעד פון דיא פינף שטערן אין לאָנדאָן, וועלכער האט פון דיא פראנצעזישע צייטונגען ערפאהרען וואס אין פּאריז געהט פאָר, האט זיך געאיילט צו פערשווינדען, איבערלאזענדיג דאס גאנצע פערמעגען פון דהארוויל ניט אנגעריהרט. סימאָנע און מאריע זיינען ערקלערט געווארען פון געריכט אלס דיא גע־זעצליכע ערבינען (יורש׳טעס) פון דיעזען פערמעגען.

איין יאהר שפּעטער האט שטאטנעפינען א דאָפּעלטע האָכצייט אין הויז פון גיברייי, צווישען אלבערט גיברייי מיט מאריע ברעסאל, און צווישען גראף איוואן מיט סימאָנע גיברייי. דער גראף האט זיך אין סימאָנע פערליעבט, נאכדעם וויא ער פלעגט כמעט טעגליך בעזוכען גיברייי׳ס הויז און פלעגט זיך מיט סימאָנע אונטערהאלטען, וועלכע פאול גיברייי האט אנערקאנט אלס זיינע געזעצליכע טאָכטער.

אום אבשיעד צו נעהמען פון אלע איבריגע פּערזאָנען פון דער ערצעהלונג, בלייבט נור נאך איבער צו בעמערקען, דאס מיט א פּאפּיער וואס מאדאם ראָזיע האט גע־שריעבען דעם טאג פון איהר טויט און איבערגעלאזען ביי זיך צו הויז אויף איהר שרייב־טיש, איז איהר פערמעגען צוטהיילט געווארען אונטער מאדליין, קאָרנו און גאלובעט, נאכדעם וויא איין פירטעל איז צוטהיילט געווארן אונטער ארעמע.

www.libtool.com.cn

מאדליך האט צוריק געקעהרט אין איהר דארף פון וואנען זיא איז געקומען. את דיא ביידע אמאליגע גנבים האבען זיך צוריקגעצויגען פון דער פאליציי, האבען פריעד־ליך געלעבט פון זייערע קליינע אייננאהמען, און האבען יעדען מאנאט געטראגען קרענצע אויפ'ן קבר פון זייער וואהלטהעטערין, יענע אונגליקליכע פרוי, וואס האט געטראגען דעם ביי־נאמען „דאס אויג פון מלאך המות", און וועלכע האט זיי געמאכט פאר עהרליכע מענשען.

**ענדע.**

# ראָטהשילד.

www.libtool.com.cn

## א בעשרייבונג פון ר׳ מאיר אַנשעל ראָטהשילד אוים פראַנקפורט, וועלכער איז געווען דער פאטער פון דער איבעראַל בעוואוסטע רייכע פאַמיליע ראָטהשילד.

### פון נ. מ. שייקעוויטש.

---

כמעט יעדער איד האט געהערט, אז דיא בעריהמטע פאמיליע ראָטהשילד איז דיא רייכסטע אין דער גאַנצער וועלט, אָבער זעהר וועניג וויסען וויא אזוי זייא זיינען געקומען צו אזא אונגעהייער רייכטהום.

אין דיעזען בוך ווירד ערצעהלט אַלעס גענוי אונד פינקטליך וויא

## ר׳ מאיר אנשיל ראָטהשילד,

דער גרינדער פון דיא באַנק־הייזער ראָטהשילד, א בית־המדרש איינגעל האט זיך דורך פלייס אונד ארבייט, אונד איבערהויפט דורך עהרליכקייט זיך ארויפגעארבייט אויף א רייכע באַנק־הויז, אונד איז ענדליך געוואָרען דיא רייכסטע באַנק־געשעפט אין דער וועלט.

יעדער איד וואס אינטערעסירט זיך צו וויסען דיא געשיכטע פון זיין פאָלק, דאַרף דיעזען בוך לעזען, ווייל אויסער וואס זיא איז זעהר שפאַנענד אונד אינטע־רעסאַנט, איז זיא אויך בעלעהרענד אונד דערצעהלט אייך א שטיק אידישע גע־שיכטע וואס מיט אידען האט פאסירט צו יענער צייט.

דאס בוך ראָטהשילד איז פול מיט דיא מערקווירדיגסטע אונד איבער־ראשענדע פאסירונגען אונד ציינט אייך דעם קאמפף פון עהרליכקייט געגען פער־דאָרבענהייט, פון מאָראַל געגען אויסגעלאסענהייט אונד איז נור דורך עהרליכקייט אונד דערבייא פלייס אונד ארבייט קען מען קומען צו דעם לייטער פון הצלחה.

## פרייז 15 סענט.

צו בעקומען אין אלע בוכהאנדלונגען און צייטונגס־סטענדס, וויא אויך בייא

**HEBREW PUBLISHING CO., 50-52 Eldridge St., New York.**

### דער וועלט־בעריהמטער בוך

www.libtool.com.cn

# אנקעל טאם'ס קעבין

## פון הערריעט ביטשער סטאָו

איז יעצט איבערזעצט געוואָרען אין אידיש

## פון י. יאַפפאַ.

דיעזער בעריהמטער בוך האָט מיט פופציג יאָהר צוריק אויפגעשטורמט די גאַנצע וועלט און האָט געפיהרט צו דער אָבשאַפונג פון דער שקלאווערייַ וועלכע האָט דאַן עקסיסטירט אין אַמעריקאַ.

אין „אַנקעל טאָם'ס קעבין" ווערט גענוי און פינקטליך געשילדערט דער גאַנצער העסליכער האַנדעל וואָס עס איז אָנגעגאַנגען אין אַמעריקא מיט די שוואַרצע שקלאַ־ווען, ווי מען האָט זיי געקויפט און פערקויפט אַזוי ווי בהמות.

מען פלעגט פערקויפען אַ פאַטער פון אַ פאַמיליע, אַ מוטער פון קינדער, קינדער פון עלטערן און שוועסטער פון ברידער, מען האָט ניט געוואוסט פון קיין רחמנות, מען האָט ניט געקוקט אויף טרעהרען און מען האָט זיך ניט צוגעהערט צו קיין וויינען.

מען פלעגט אויך פערקויפען אַ מוטער צו איינעם און איהר קינד צו איין אַנ־דערן, און די שיידונג צווישען מוטער און קינד איז געווען הימעל־שרייענד.

מען פלעגט מיט זיי אַרבייטען אַזוי ווי מיט פערד און זיי שלאָגען גאָר אָהן ערבאַרמונג.

מען פלעגט זיי שמייסען ביז בלוט און נאָכדעם אויסוואַשען זייערע וואונדען מיט עסיג און זאַלץ, אַז דער בראַנד זאָל ניט צופאַלען.

יונגע שקלאַווינס פלעגען בערויבט ווערען פון זייער עהרע און געטריבען ווע־רען צו פערדיענען שאַנד־געלד.

דיעזע גרויל־טהאַטען, וועלכע זיינען דורך דיעזען בוך בעקאַנט געוואָרען, האָבען אַרויסגערופען אַ שטורם אין דער גאַנצער וועלט, און האָבען געבראַכט צו דער בירגער־קריעג און צו די אָבשאַפונג פון דער שקלאַווערייַ.

„אַנקעל טאָם'ס קעבין" איז אַרויסגעגעבען געוואָרען אין אַ פּראַכט־אויסגאַבע. אַ גרויסע צאָהל בילדער קומען אין בוך אַריין, וועלכע שטעלען פאָר די פּערזאָנען און די סצענעס, וועלכע ווערען דאָרטען געשילדערט, און דאָס מאַכט דעם בוך אויס־סערגעוועהנליך רייך און שעהן.

אַ פּראַכט־אויסגאַבע פון „אַנקעל טאָם'ס קעבין" אין אַנדערע שפּראַכען קאָסט ניט ווענינער ווי 2 דאָלאַר. אונזער פּרייז פיר אַ פּראַכט־אויסגאַבע אין אידיש איז

## בלויז $125

(פּאָרטאָ פריי).

**HEBREW PUBLISHING COMPANY,**

**50-52 Eldridge St., New York.**

www.libtool.com.cn

עס איז ערשיענען פון דרוק דער בעריהמטער ראָמאַן

# פריהלינג שטראָמען

— פון —

## א. טורגעניעוו

איבערזעצט פון לעאָן קאָברין

---

„פריהלינג שטראָמען" איז איינע פון די בעסטע ווערק וואָס דער גרויסער רוסישער שרייבער א. טורגעניעוו האט געשאַפען. אין דיעזע ווערק גיט ער אונז אַ בילד פון איין עלטערען אונפערהייראַ־טען מאַן, וועלכער בערייעט זיין אויסגעלאָסענעם און פרייליכען לע־בען אין דער יוגענד; עראינערונגען קומען איהם אין קאָפּ אזוי ווי פריהלינג־שטראָמען, זיי לאָזען איהם ניט רוהען און פערפאָלגען איהם ווי שוואַרצע שאָטענס, ער דערמאָהנט זיך ווי ער האָט אמאָל געלעבט, געליעבט און האָט געקענט פיהרען אַ גליקליכען פאַמיליען־לעבען און האָט עס אליין צושטערט און פערניכטעט צוליעב זיינע דומע און ריי־צענדע פאַנטאַזיעס. אָט דיעזע געדאַנקען דערטרינקט ער אין בערויי־שענדע געטרענקע.

„פריהלינג־שטראָמען" איז אַ מייסטערהאַפטע שילדערונג. איהר זעהט ווי אין אַ שפּיגעל אלעס וואָס די ריינע פאַנטאַזיע פון פערפאַסער האָט געוואָלט ארויסברייגען, און איהר ווערט בעגייס־טערט לעזענדיג.

„פריהלינג שטראָמען" איז געדרוקט אויף אַ שעהנעם פּאַפּיער און געפּאַסט אין אַ פּראַכטפאָלען קאָווער.

**פרייז 40 סענט**

צו בעקומען ביי אלע בוכהענדלער, ווי אויך ביי די פערלעגער

**HEBREW PUBLISHING COMPANY,**

**50-52 Eldridge St., New York.**

www.libtool.com.cn

# פאָליטישע עקאָנאָמיע

## איהר ענטשטעהונג און געשיכטע

## פון א. ש. זאַקס.

פאָליטישע עקאָנאָמיע איז די וויסענשאַפט פון דעם מענשען'ס שאַפען און ווירקען, האנדלען און וואנדלען ווען ער איז צוזאמען מיט נאָך אנדערע אין געזעלשאַפט.

פאָליטישע עקאָנאָמיע איז די לעהרע פון די געזעלשאַפטליכע ווירטהשאַפט, זי לערענט דעם מענשען ווי ער זאָל ארבייטען און ווי ער זאָל זיין ארבייט בעסער אויסנוצען.

פאָליטישע עקאָנאָמיע לערענט ווי אזוי אלע זאכען וועלכע זיינען נעטהיג צום מענשען'ס לעבען ווערען פראָדוצירט, ווי אזוי זיי ווערען פאַר־נאנדער געטהיילט און ווי אזוי זיי ווערען פערברויכט.

ווילט איהר וויסען ווי אזוי די געזעלשאַפטליכע ווירטהשאַפט פיהרט זיך יעצט ?

ווילט איהר וויסען ווי אזוי די געזעלשאַפטליכע ווירטהשאַפט האָט זיך אמאָל געפיהרט אין די אלטע צייטען ?

ווילט איהר וויסען ווי די געזעלשאַפטליכע ווירטהשאַפט דארף ווערען געפיהרט צום וואָהל און בעסטען פון דער גאנצער מענשהייט ?

ווילט איהר וויסען וואָס עס הייסט געזעלשאַפט ?

ווילט איהר וויסען וואָס עס איז דעם מענשען'ס אויפגאבע אין דער געזעלשאַפט ?

ווילט איהר וויסען ווי אזוי זיך צו מאכען ניצליך אין דער געזעלשאַפט ?

ווילט איהר וויסען וואָס עס הייסט פראָטעקשאָן און פרי טרייד ?

ווילט איהר וויסען וואָס עס הייסט קאַפּיטאליזמוס און סאָציאליזמוס ?

דאַן קויפט און לעזט „די פּאָליטישע עקאָנאָמיע” פון א. ש. זאקס, וועלכע איז יעצט ביי אונז ערשיענען אין א פּראכט־אויסגאבע און ווערט פערקויפט צו א ספּעשעל ביליגען פרייז פון

**פּרייז בלויז $1.25**

(פּאָרטא פריי).

**HEBREW PUBLISHING COMPANY,**

50-52 Eldridge St., New York.